PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

דוד איגנאטאָוו

ראָמאַנען, דערציילונגען
לעגענדען
און וואונדער מעשות

(פיר בענד)

אין צוויי איינטיילונגען

באנד איינס און צוויי:

ראָמאַנען און דערציילונגען —

אין קעסלגרוב

(א נויאָרקער ראָמאַן)

צווישן צוויי זונען

(א בוך אין פיר טייל)

באַנד דריי און פיר:

פון אונז פאַר אונז

דאָס פארבאָרגענע ליכט

וואונדער מעשות

ספּעציעלע „פרייהייט" אויסגאבע

JUN 6 1983
OF TORONTO



דוד
איגנאטאוו
אין קעסל גרוב
ראמאן

Copyright by Farlag America פינפטע אויפלאגע

ערשטע טייל:
פייער

גאַנץ פּריה.

דער גרויסער ריעז ניו יאָרק האָט זיך דורכגעוואָרפען פון שלאָף און האָט געמיינט, אַז עס איז נאָך צו פריה, און געוואָלט צוריק איינשלאָפען; האָט זיך אָבער באַלד דערהערט אַ פּייפען, און אויפטרייסלענדיג ברומען, ווי עס וואָלטען אויף די דעכער, אויף די טהורעמס ווי׳לדצורייצטע לייבען אָנגעלאָפען, — האָט דער ריעז אַ ברייטען געגעץ געטהאָן און זיך אויפגעכאַפּט.

אנטקעגען איהם אויפ׳ן מזרח האָט זיך דער מאָרגען אין רויטען געצונדען. און אַ יונגער, אַ צופריעדען־פערשייטער, האָט דער מאָרגען גענומען פּראַלען אַרויף איבער ניו יאָרק.

די גאַסען זיינען נאָך געווען אין האַלב־פערשלאָפענע שאָטענס פערזונקען. נאָר די טויזענדער דעכער און די אויבערשטע עטאַזשען, וואָס אונטער די דעכער פון די ריעזיגע, הויכע געביידען האָבען שוין מיט ליכט געשיינט און זייערע הונדערטער פענסטער האָבען זיך שוין מיט זון־פלאַם געשפּיגעלט.

פון די הויכע קוימענס האָבען זיך גענומען שפּאַרען דיקע, שוואַרצע זיילען רויך און אַ לייכט ווינטעל האָט זיי גענומען בויגען און ציהען איבער די לאַנגע הימעל־לאַנקעס, וואָס שפּרייטען זיך איבער די הויכע, לאַנגע גאַסען.

קאַפּיטעל 1.

מאַקס האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— שוין שפּעט! אויף מיין וואָרט שפּעט! און ער איז אַרויסגע־שפּרונגען פון בעט. ער האָט זיך געהיט, אַז חנ׳קע זאָל זיך ניט אויפ־כאַפּן, און נאָך ניט קיין אָנגעטהאָנענער איז ער אַריינגעלאָפן אין קיך, אָנגעצונדען דאָס גאַז־אויוועלע, אַרויפגעשטעלט די קאַפע, און נאָך דעם זיך גענומען איינוואַשען און אָנטהאָן.

און אַז ער האָט זיך אָנגעטהאָן, האָט שוין די קאַפע געזאָדען. האָט ער אויף גיך אַריינגעכאַפּט אַ גלאָז קאַפע, אַ שטיקעל ברויט, איינגעפּאַקט אין אַ צייטונג זיין מיטאָג: ברויט, סאַרדינען, עפּעל, דאָס פּעקלעכע אונטער׳ן אָרעם און איז אַריין צוריק אין שלאָף־צימער.

דאָ איז ער אַ ווײַלע צומישט געוואָרען:

חנה׳ס ווייסער פּנים און איהרע דונקעלע האָאָר, וואָס זיינען געווען צושויבערט אויפ׳ן ווייסען קישען, און איהר שעהנער ווייסער האַלז — —

און איהר האַנד, וואָס איז געלעגען איבער דער לייכטער, גרויער דעק, אַזאַ קלאָרע, אַזאַ לויטערע — — —

און די דינע וואָלקען־גרויע דעק, וואָס האָט זיך איבער איהר כשופ־דיג געקנייטשט און האָט זי אַרויסגעגעבען אַזוי לייכט און אַזוי בויגיג. — — —

און מאַקס האָט אַ קינדערישען שמייכעל געטהאָן און מיט דעם וואַרימען שמייכעל אויף די ליפּען האָט ער זיך צוגעבויגען און אַ קוש געטהאָן איהר האַנד.

האָבען זיך געעפענט איהרע אויגען און זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— חנה — — — נו?...

האָט זי נאָך אַ שמייכעל געטהאָן צופריעדען, דורכליך, פערשעהמט.

ווען מאַקס איז אַרויס פון הויז זיינען די גאַסען שוין געווען פול מיט מענשען. איז ער אַריין אין יעם געדיכטען מענשען־שטראָם, מיט

זיין פעקעל אונטער'ן אָרעם, מיט אַ קינדיש־צופריעדענעם שמייכעל אויף די ליפּען, געשטעלט זיכערע טריט און געטראַכט:

— ווער ווייס?! פיעלייכט פּאַרט אַ קינד? — מאָדנע — — — — אַזוי פיעל מענשען, וואָס ווילען ניט האָבען קיין קינדער, טהוען אַזוינע מיאוס'ע זאַכען — — — און דאַ, אַז איהר ווילט זיך אַזוי אַ קינד, און מיר טאַקע אויך, ווייל פאַר וואָס טאַקע ניט? ווי זאָגט זי: אַ אײַנגעלע מיט שוואַרצע הערעלעך — — — און נעה! אַט שוין אַ יאָהר נאָך אַ חתונה, און — גאָר ניט!

חנה האָט נאָך מאַקס אַרויסגעהן זיך געפּרוּווט ווידער איינשלאָפען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען־דעקלעך אָהן דעם חשק זיי צוריק צו עפענען, זיך גענומען לייכט ציהען און דערביי צופריעדען געפיהלט און געהערט די ווייזענע גלאַטקייט און די ליעבע, זיסע וואַרימקייט פון איהר אייגענעם שעהנעם לייב, און צו דעם האָט זיך שוין אויך צוגעמישט דאָס געפיהל — „ווי משוגע מאַקס איז דאָס פאַר איהר!" און אין אַלגעמיין איהר הערשען איבער מענער. און זי צושמייכעלט זיך — זיך כאַפּענדיג אויף איהר ליעבסטען געדאַנק: „ליעבע איז ניט קיין חלום. דאָס איז אַ פּשוט'ע, געזונטע ווירקליכקייט, אַ זיסע, ליעבע ווירקליכקייט!" — דער שמייכעל און דער געדאַנק זיינען איהר געוועהר, מיט וועלכע זי פערטהיידיגט זיך, אַליין ניט קלאָר ווייסענדיג פאַר וועמען, כאָטש כמעט אַלע מאָל זאָגט זי דאָס אין געדאַנק צו ברוך'ן. דאָס שמייכעלט זי אַזוי פון איהם, סיי ווען זי זעהט איהם, סיי ווען זי זעהט איהם ניט. און אַזוי טראָגט זיך איהר שמייכעל, פליהט און טראָגט זיך אַ גאָלדענער מיט אַ פּאַרקרימטען שנאָבעל אויף מיט שאַרפע נעגעל צו ברוך'ן און ער פערטשעפּעט מיט זיינע פליגעל'ן אויך בינעם'ען און נאָך אַנדערע „היטעל־מענשען", וואָס האָבען זיך שטענדיג געדרעהט און דרעהען זיך נאָך איצט אַרום איהר...

און זי שמייכעלט ווייטער: — „ווי גוט זי האָט דאָס זיי אַלעמען אָפּגעטהאָן — גענומען און חתונה געהאַט גאָר פאַר אַ פּשוט'ען בחור!..."

קאַפּיטעל 2.

פון גאַסען און גאַסען שטראָמען אריין די מענשען־כוואַליעס אויף דער לאַנגער בראָדוויי. דאָרטען גיסען זיי זיך צונויף אין צוויי לאַנגע שטראָמען, וואָס ציהען זיך ביי ביידע זייטען פון דער גאַס, און די מענ־שען־שטראָמען ציהען זיך אַוועק ווי טייכען און זעהען אויס ווי פאַרבינע ברענגען צו די ריעזיגע, הויכע מויערן.

און די מויערן זענען בעהאַנגען מיט שילדען און שילדען, מיט גאָל־דענע אויפשריפטען, און רייסען זיך העכער און העכער און קוקען מאָדנע יעדער איינער מיט זיינע הונדערטער פענסטער... און עס רייסט זיך אריין די רויטע מאָרגען־זון. און עס פלאַקערען אויף די טויזענדער פענסטער, און עס צינדען זיך אָן די גאָלדענע אויפשריפטען, און עס צושפּיעלען זיך שטראַהלען, רויטע, גאָלדענע.

די לופט צושטראַהלט זיך מיט גאָלד און פּורפּור.

עס שטראַהלען די הויכע ריעזען־געביידען און קוקען שטראַהלענדיג אריבער דער גאַס און דערזעהען זיך אַנטקעגען אין די פענסטער פון די אַנדערע. — — —

און עס זעהען מויערן און מויערן זייערע פּאַלירטע, מאַרמאָרנע זיילען, זייערע פערשיעדענע, פון שטיין געהאַקטע בילדער — — — עס זעהען מויערן אין מויערן זייערע גלייכע און האַלב־רונדע פאָרמען, זייערע גרויסע פענסטער, זייערע גרויסע גלעזערנע ווענד — — — זייערע צאָהל־לאָזע אויפשריפטען, וואָס ציהען זיך איבער זייער גאַנצער ברייט און לויפען ביז ארויף, ביז אָן אויבערשטען קאַרניז, צו ביז אַ הויכען טהורעם.

און די הויכע מויערען צושטראַהלען זיך נאָך שטאַרקער, זוניגער, צופּריעדענער.

און אונטען, אויף די ברייטע זייט־טראָטואַרן, כוואַליען זיך די מענשען, שפּרייטען זיך, ווי לאַנגע, ברייטע קרענץ. עס געהען: מענער ערנסטע, פער'דאגה'טע און מענער זיכערע, מיט צופריעדענע שמייכלען אויף די

ליפּן; מיידלעך בלאַסע, פּערביטערטע מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּען, און מיידלעך שטיפערישע, פּערשייטע; מיידלעך, וואָס פיהלען נאָך די נאַכ־טיגע קושען אויף די ליפּען, ציטערען און שמייכלען ליעב. און קינדער: עלטערע, איגגערע, כמעט אלע ערנסטע — — —

עס ציהען זיך לאַנגע, ברייטע קרענץ.

צווישען די קרענץ געהט אויף ברוך. און איהם דוכט זיך, אז אלע געהען, ווי אין שפּאַן, אז ערגעץ דאָרט וואו די גרויסע גאַס לאָזט זיך אראָב צום ים, שטעהט א גרויסער ריעז, העכער פון די העכסטע מויערן, געפּאַנצערט אין שטאָל און אין אייזען. דער ריעז האלט אין זיינע איי־זערנע הענד לייצעס פון אָט די טויזענדער מענשען, וואָס זיינען צוטהיילט אין צוויי לאַנגע מהנות און ער טרייבט זיי האסטיג, כמעט אלע אין איין וועג: ארויף, ארויף — — —

פון ערגעץ א גאַס פאָהר אָן א קאר פול געפּאַקט מיט מענשען. די קאר דארף דורכפאָהרען בראָדוויי. דער מאָטאָר־מאַן קלינגט און קלינגט. די מענשען אָבער האָבען קיין צייט ניט. יעדערען ווילט זיך איבערלויפען נאָך פאר דער קאר. און דער מאָטאָרמאַן קלינגט, אז עס ציטערט די לופט, ער בויגט זיך אריבער און עס דאכט זיך, אז ער טראָגט די קאר אויף זיינע פּלייצעס און ער שרייט און ער לאָזט די קאר ביסלעכווייז, אָט־אָט און ער פאָהרט עמיצען איבער — — —

ברוך שטעלט זיך אָפּ.

און מאַקס, וואָס האָט דאָ אָנגעיאָגט ברוך'ן, האָט זיך אויך אָבגע־שטעלט, און מיט זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט עטליכע אנדערע, און דער שטראָם איז אויף א ווײלע איבערגעריסען געוואָרען, אָבער ווי נאָר די קאר איז דורכגעפאָהרען, האָבען זיך באלד די אָבגעשטעלטע מענשען מיט אימפּעט ווידער א לאָז געטהאָן און זיך צוריק צונויפגעגאָסען אין איין לאַנגער כוואַליענדער מחנה.

— גוט מאָרגען, ברוך!

— גוט מאָרגען!

מאַקס שמייכעלט.

ברוך שווייגט. — פון זינט חנה האָט חתונה געהאַט מיט מאַקס׳ען, איז ברוך כמעט אין גאַנצען אנטשוויגען געוואָרען — — — באַטש שולדיג איז ער אַליין: זי האָט געוואַרט, זיך אויסגעקוקט די אויגען, פלעגט אויפציטערען פון זיינער אַ בעריהרונג, פון זיינעם אַ בליק, און ער פלעגט זיך אַלץ מאַכען ניט וויסענדיג, — — — ביז זי איז זיינער אַ שונא געוואָרען און איהר איצטיגען שמייכעל בעקומען:

„איך בין שעהן און מיר שטעהט ניט אָן, מיר פּאַסט ניט פער־שפּיעלען — — —"

און אַז ער איז אוועקגעפאָהרען, און אַז ער איז געקומען, איז שוין געוועזען שפּעט. זי האָט שוין געערדט פון „אַ אינגעלע מיט שוואַרצע הערעלעך"... און פלעגט זי דאָס מאַהלען פאַר ברוך׳ן, האָט זי דערביי געשמייכעלט, מיט אַ ציטערדיגער פרייד, אַז עס פלעגען ציטערען איהרע שעהנע אַקסעל... נאָר פון די אויגען האָט דערביי געקוקט אַ בעהאַלטענע שלאַנג... און עס געפעלט איהר, וואָס מאַקס איז אַ פּשוט׳ער, אַן איינ־פאַכער, עהרליכער מענש — — — און פון ברוך׳ס פלענער וועגען די „פרייע דערפער" לאַכט זי, שמייכעלט מיט איהר שמייכעל.

מאַקס געהט זיך נעבען ברוך׳ן, קוקט אַרויף צו איהם און שמייכעלט. קוקט איהם ברוך אָן — — —

— אַך, גוטער ברודער! — צו׳טענה׳ט זיך מאַקס. — ווען דו וואָלסט חתונה געהאַט! הערסט, אויף מיין וואָרט, — איך זאָג דאָך דיר, מען פיהלט זיך גאָר אַן אַנדערער — — —

— ?!...

— דו פערשטעהסט? — — איך מיין, וואָס האָסטו פון דעם, וואָס אַט ביסטו דאָ און אַט ביסטו ניטאָ — וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבען? פּלוצלונג הויבסטו זיך אויף און בלייבסט ניט ערגעץ... און איך וויים — — — חנה לאַכט דאָך פון דיר... און צו וואָס דאַרפסטו טאַקע אַזעלכע געדאַנקען, אַז די אידען שטאַרבען דאָ אויס, און די „דערפער" דיינע און... און איך וויים וואָס נאָך — — — די קינדער רעדען דאָ ניט קיין אידיש? איז וואָס? אדרבה! — — — איך מיין, ווען עס באַבעם דאַגה?! הערסט, ברוך! ווען דו פאָלגסט מיך און האָסט חתונה! הערסט אויף מיין וואָרט! און ווייסט? — איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען איך וועל האָבען אַ קינד, איז ווי נאָר עס וועט אונטערוואַקסען, הויב

איך אַן אַלע שבת צו לעגען טלית און תפילין — — — וואָס? דו קוקסט מיך אַן? זאָג איך דיר, אַז מיין אָנקעל איז נערעכט, ער קען אפילו כמעט ניט ראַוונען, ווייל ער אַליין איז שוין דאָ געבאָרען, אָבער אַלע שבת טהוט ער אָן זיין טלית און תפילין — — — נעהמט דעם סדור אין האַנד — ווייל ער איז נערעכט: קינדער, זאָגט ער, דאַרפען וויסען, אַז זיי בעלאַנגען צו אַ „סוירטען ניישאָן“.

— אָבער אום שבת תפילין?!

— וואָ־אָס?

— נו, נאַרישקייטען — רופט זיך אָב ברוך. — דערצעהל בעסער, וואָס הערט זיך ווענען אונזער אוטינג?

. מאַקס שפּרינגט לייכט איבער פון איין נעשפּרעך אויפ'ן צווייטען.

— וואָס, ווענען אוטינג?! — שרייט ער אויס. — עה! דאָס וועט שוין זיין איין מאָל אַן אוטינג און אויף דיר ווארט דאָך דאָרט אַ גאַנצער סורפּריז!

— ?! — — — — —

אַ שעהנע מיידעל קומט אויפ'ן אוטינג, ווייל זי וויל זיך מיט דיר בעקענען. אויף מיין וואָרט. זי הייסט בעלאַ. נאָר זי האָט שוין אָנגעזאָגט, אַז צוליעב דיר זאָל מען זי רופען ביילקע... וואָס, דו קוקסט מיך אַן? אויף מיין וואָרט. ערסט־זיך. זי לעבט מיט איינעם אַ מיסטער לעווין, אַזוי זיך, ווי די היינטיגע, אין פרייער ליעבע. דאָס הייסט, זיי וואוינען נאָך דערווייל ניט צוזאַמען, נאָר זיי בענעגענען זיך. און איך ווייס — — — האָט אָבער נעטראָפען, אַז דו האָסט ערגעץ געלעקטשורט און ביזט אָנגעפאַלען אויף די פרייע ליעבעניקעס, איז דער לעווין איהרער אַרויס זיי פערענטפערען און האָט געבראַכט אַ ראיה פון זיך אַליין און איך ווייס דאָרטען וואָס, ווי ער האָט דיר דאָרטען נעברייעט, איז, ביסטו נאָך דעם אַרויס און האָסט זיך, זאָגט מען, זיך אַזוי צוקאָכט, אַז דו האָסט פון פּלאַטפאָרם אויסגעשריען, אַז ער נעהט צום געלענער פון זיין פרוי, ווי אַ חזיר צו דער קאָרעמע. אויף מיין וואָרט, מען זאָגט, אַז אַזוי איז דאָס געווען. נו, און פערשטעהסט, — זי איז דערביי אויך געווען — — — און פון דעסטוועגען, זעהסטו, ווייל זי דוקא זיין אויפ'ן אוטינג. זי טענה'ט, אַז זי מוז דיך זעהן פון דער נאָהענט. ער האָט אויך נעזאָלט זיין אויפ'ן אוטינג. אָבער ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז

דו געהסט דאָרטען זיין, האָט ער פערוואָרפען מיט הענד און מיט פיס. נו, עס פערשטעהט זיך, אז זי וועט אָהן איהם אויך טרעפען.

— א מאָדנע מיידעל איז די ביילקע! — רעדט מאַקס ווייטער — אויף מיין וואָרט. אָט דו וועסט שוין זעהן. און, דו ווייסט, יי האָט געבעטען ביי חנה'ן, זי זאָל איהר לייהען דיינע „רעגנען מעשה'לעך". זאָגט איהר חנה, אז זי האָט זיי ניט. חנה איז עפּעס אויך אזא מאָדנע. ניט אמת? וואָס? אויף מיין וואָרט. אָט, שמעל דיר פאָר, אַ־דאָ ניט לאַנג לייען איך דיין „אונזער אונטערגאנג", פערשטעה איך עפּעס ניט וואָס דו מיינסט מיט דעם, וואָס דו ברייעסט דאָרט, אז מענשען, וואָס האָבען ניט קיין גאָט אין הארצען, זיינען ווי שפּיגלען, אין וועלכע עס שפּיגעלט גאָר ניט אָפּ. און אז אזעלכע קאַליע געוואָרענע שפּיגלען ווארפט מען ארויס און אזעלכע מענשען געהען אונטער. — פערשטעהט זיך, אז איך האָב זיך באַלד געכאַפּט, אז דאָ מוז איך עפּעס ניט פערשטעהן, ווייל איך ווייס דאָך, אז דו ביזט א פריינגעזאָנענער מענש. וואָס? — — — — נו פרעג איך ביי איהר. — זאָלסטו געווען אָנקוקען ווי זי האָט זיך דאָס צולאַכט, אז איך האָב זיך אזש דערשראָקען, אויף מיין וואָרט. און איך האָב געמוזט אוועקלעגען דאָס ביכעל און איך האָב איהר צוגעזאָגט, אז איך וועל דאָס מעהר אין האנד ניט נעהמען. און וואָס האָט זי צו לאַכען, ווייס איך טאַקע ניט. נאָך אלעמען — א מענש שרייבט דאָך, און איך ווייס? — — — נאָר דו ווייסט דאָך, אלע מאָל ווען עס קומט עפּעס אזוי אויס וועגען דיר, שמייכעלט זי עפּעס אזוי מאָדנע. — ט'א פּנים אז זי האַלט דיך גאָר פאַר א נאַר. און פון דעסטוועגען, ווייסט? — זי אליין לייענט דאָך דיינע „רעגנען מעשה'לעך". זאָלסט איהר נאָר ניט דערצעהלען, אז איך האָב דיר דאָס געזאָגט. אָבער איך האָב דאָס אליין געזעהן, אויף מיין וואָרט, דו הערסט? — — — און זאָלסט נאָך זעהן, זי האָט זיך ערגעץ בעקומען א ז א שעהן געבונדען ביכעל, און זי האַלט דאָס עפּעס מיט אזא פּאראַד, פערשלאָסען — — — קיינער זאָל דאָס, חלילה, ניט זעהן, מען זאָל דאָס חלילה ניט צו'גנב'ענען, צי איך ווייס... פּונקט ווי דאָס ביכעל וואָלט געווען ווער ווייסט וואָס. און נראָדע אָט־אָ דאָס ביכעל פערשטעה איך ניט, צוליעב וואָס דו האָסט דאָס אָנגעשריע־בען. אדרבה, זאָג דו אליין, דאָס איז דאָך עפּעס מעשה'לעך פאַר קליינע

קינדער. נו, און דו ווייסט דאָך אליין, אז די קינדער לייענען דאָ ניט קיין אידיש איז וואָס ווידער? — — —

— און ווער וועט נאָך זיין אויפ'ן אוטינג? — פרעגט ברוך.

— וואָס הייסט, ווער נאָך? עס וועלען זיין אַ סך. עס וועלען אויך זיין נחום, לאה, בינעם און ווי הייסט ער, אַט דער מיט די פלאַק־סענע האָאָר... יאָ, זאָג מיר — ס'איז טאַקע אמת, אז בינעם איז דאָס פערליעבט אין לאה'ן?... און, דו ווייסט, מען זאָגט דאָך, אז די לאה איז דאָך גאָר פערליעבט אין דיר, אז זי שטאַרבט פאַר דיינע טריט, און אז חתונה האָבען וועט זי דוקא פאַר דעם ציוניסט, פאַר נחום'ען. און דו ווייסט, איך האָב בעמערקט, אז די לאה האָט זעהר שטאַרק ליעב מיין חנה'ן. ניט אמת? — — —

אַזוי טענה'נדיג, קומען זיי אַלץ נעהנטער צום שאַפּ.

ניט ווייט פון שאַפּ הויבט מאַקס אויף זיינע אויגען און ווערט פער־ציטערט.

— ברוך, זעה נאָר! זעהסט?!

ברוך הויבט אויף זיינע אויגען און דערזעהט —

אין די פענסטער פון שאַפּ שווימען ארום רויטע פלאַמען, און ער וויל מיינען, אז דאָס איז דער אָפּשיין פון דער צופלאַמטער מאָרגען־זון — — — אָבער די פלאַמען גיבען זיך מיט אמאָל א הויב און ווערען גרעסער, שטאַרקער. אָט! — עס פּלאַצען פענסטער! — — — — די מענשען, וואָס געהען אויף דער זייט, האָבען זיך אומגעקוקט און זיך גענומען לויפען. עס איז געוואָרען אַ טומעל, און באַלד האָבען זיך צו־טראָגען שאַרפע, הילכיגע פייער־סיגנאַלען. די סיגנאַלען האָבען זיך מיט בעם אריינגעשפּאַלטען אינ'ם יונגען מאָרגען און זיך גענומען ברעכען איבער אַלעמענס קעפּ. קאַרס אויף די גאַסען זיינען פּלוצלונג געבליעבען שטעהן אין מיטען וועג — וואַגען ניט צו געהן ווייטער. פון גאַסען און גאַסען האָבען זיך אָנגעטראָגען פייער־וואָגענס מיט געפּאַנצערטע פייערלייט, מיט העק, מיט אייזענס, וואַסער־פּאָמפּען, לייטערס — — — די פערד האָבען זיך געטראָגען. צוואווילדט, שנעל, ווי זיי וואָלטען זיך רייסען פון דער איינגענער פעל אַרויס, פונקט ווי נזלנים פון ערגעץ־ווילדע וועלדער האָבען מיט א מאָל איינגעשפּאַנט זייערע ווילדסטע פערד, און זיך איבער עפּעס א סיבה פּלוצלונג אַ לאָז געטהאָן דורך די שטאָדטישע

נאַסען. און אַט זיינען זיי נעבען ברענענדען מויער, שטעלען זיך אָפּ, בעפאַלען איהם פון אַלע זייטען, קלעטערען ארויף צום פייער, צו די ברענענדינע פענסטער, האַקען, ברעכען — — — און די מענשען האָבען קיין צייט ניט, קוקען זיי זיך אום צוטראָגענע:

— פייער!

— פייער! — — — —

און זיי קירעווען זיך אָפּ פון דער גאַס און יאָגען זיך מיט אימפּעט ווייטער און נאָך שנעלער.

ברוך איז געבליעבען שטעהן ווי אַן איינגעגראָבענער מיט א דער־שאָגישען שמייכעל אויף די ליפּען:

— פייער, פייער! — — — —

און מאַקס איז געשטאַנען נעבען איהם א דערשלאָגענער:

— ברוך, ברוך!

און דער רויך האָט זיך גענומען רייסען פון די פענסטער וואָלקענ־ווייז, זיך גענומען האַסטיג רייסען ארויף. אויבען האָט זיך דער רויך צונויפגעשלאָגען אין איין שטיק און איז אויף א ווײלע געבליעבען שטעהן ווי אַן אונגעלומפּערטער גרויסער וואָלקען, זיך אויף א ווײלע אומגעקוקט פערוואונדערט און נאָכדעם זיך גענומען שפּרייטען איבער דער גאַס און גאַסען; האָט פערשטעלט די זון און זיך גענומען מאַכען זיין אייגענעם הימעל.

קאַפּיטעל 3.

ברוך איז פון פייער אוועק מאָדנע אויפגעראמט.

פון אָנפאַנג איז דאָס געווען זיין געוועהנליכער אינסטינקטיווער רייץ צו שטאַרקער בעוועגונג און צו פייער, ווייל אַלע מאָל ווען ער דערזעהט ווי פון ערגעץ טראָגט זיך אָן דער רויטער פייער־וואָגען מיט'ן רעטונגס־געוועהר, מיט די מוטהיגע, געפאַנצערטע פייער־לייט, וואָס קוקען געוואגט פאַר זיך, דערפיהלט ער מיט אַ מאָל אין זיך אַלע זיינע אָדערען, דאָס בלוט געהמט זיך דורך זיי מיט אַ מאָל האַסטיג טראָגען און שלאָגט זיך אָפּ אין האַרצען מיט אַ געזונטער, פרישער וואַרעמקייט, און מיט אַ פערכאַפּטען אָטהעם קוקט ער דערביי אויף די פערד מיט די ווילד־אויפגעשטרעקטע העלזער ווי זיי רייסען זיך, ווי זיי טראָגען דעם וואָגען מיט אַ פערצווייפעלטער שנעלקייט. זייערע פערדישע עקען — די גריוועס הויבען זיך און פלאַנטערען זיך אין דער ווייס־בלויער לופט. אַ גרויסע פּאַרע זעצט פון זייערע נאָז־לעכער, וואָס זיינען צושפּרייט ביז אין רויטען פלייש, און זייערע קרעפטיגע פערדישע לייבער ציהען זיך אויס אַלץ לענגער, ווילדער, ווייטער און עס דאַכט זיך — זיי שליידערען מיט כעס פון אונטער זיך ווייט, ווייט אוועק די ערד, די גאַס מיט אַלץ, וואָס אויף איהר און מענשען צולויפען זיך אויף רעכטס און אויף לינקס. אַלעס און אַלע בלייבען שטעהן אָנגעשטעלט און זעהען צו מיט אַ מורא'דיגער קנאה ווי פאַרביי זיי טראָגט זיך דורך די פייער־מאַכט צום פייער. און ברוך ווערט דערביי אַזוי ווי פערגליווערט, ווי פערפרוירען פון שטאַרקייט. זיינע אויגען בליצען אויף מיט איין מאָל אויף אַלע און אַלץ: — אויפ'ן לויף פון די פערד, פון וועלכען עס ציטערען אַזש די פענסטער פון די שווערע מויערען; אויף די געזונטע און שטאַרקע פייער־לייט, וואָס קוקען געוואגט פאַר זיך; אויפ'ן וואַסער־פּאָמפּ, אויף זיינע בלאַנקע מעשענע טהיילען, אויף דער גאַס און אויף די אויפגעטרייסעלטע מענשען. דאָס גאַנצע בלוט ניט זיך איהם דאַן אַ וואָרף אין קאָפּ, די הענד פרעסען זיך

דערביי אָפּט אין שטאַרקע פּויסטען. עפּעס כאַפּט זיך ביי איהם אויף אין האַרצען, עפּעס נעהמט זיך וואַרימען אויף די ליפּען. און דער פייער־וואָגען טראָגט זיך שנעל פאַרביי אויף זיינע גרויסע רויטע רעדער, וואָס שפּרינגען אַזש אונטער, און באַלד נאָך דעם שיסט אימיצער אין עק גאַס אויס, ווי פון אַ האַרמאַט, מיט נאָך אַזאַ וואָגען און מיט נאָך איינעם, און די גאַס בלייבט נאָך זיי ווי פערטויבט אויף אַ לענגערע וויילע, ביז אי־מיצער זאָגט ביי דער זייט: אָט דאָס הייסען פערד! פּונקט ווי דער טייוועל וואָלט זיך נאָך זיי יאָגען. וואָסערע פערד!? וואָסער טייוועל?

— טראַכט ברוך — דאָס איז פייער, פייער!!

און ווען ער האָט איצט דערזעהן ביים סאַמע פייער, ווי די געזונטע פייער־לייט שפּרינגען אַראָפּ פון די פייער־וועגען, שפּאַנען אויף גיך אויס די צוהיצטע, פערשווימטע פערד, מאַכען אויף שנעל פאַרטיג דאָס געוועהר און וואַרפען זיך אין פייער, און ווען ער האָט געזעהן די ריעזיגע רויטע פלאַמען געמישט מיט שטיקעגדען, שוואַרצען רויך, וואָס האָבען אַרויס־געזעצט פון דאָ און דאָרט, און דעם צוטראָגענעם געלויף פון די הונדערטער מענשען, וואָס האָבען געשריען: פייער, פייער! — האָט ער דערפיהלט, ווי אין איהם צואַוויקעלט זיך אַ רויטער פייער־קנויל, צואַוויקעלט און צושפּרייט זיך אין זיין האַרצען. ערגעץ ווערט אין איהם עפּעס ווי פון שרעק פערפרוירען, און ערגעץ נעהמט אין איהם וואָס שרייען מיט אַ העלישען ברען: פייער! פייער!

און שמייכלענדיג, האָט ער נאָכדעם בערוהיגט מאַקס׳ען:

— נאַר איינער, וואָס ביסטו אַזוי צוטומעלט? נישקשה, מאָרגען איז דאָך זונטאַג, מאָרגען איז דאָך אונזער „אוטינג“. מיר וועלען דאָס אַ לעב טהאָן אַ טאָג, אַז אַ רויך וועט אַזש געהן!

— אָבער וועה איז מיר, ברוך, ביזט פון זינען. ווייסט... וואָס הייסט?... ברוך! עפּעס אַזוי לייכט קריגט מען איצט אַ דזשאַב... דו בעטראַכט נאָר.

— עט, נארישקייטען! דו נעהסט דאָך איצט אַהיים? איז — „גוד באַי“. גיב איבער אַ גרוס. מאָרגען טרעפען מיר זיך אויפ׳ן אוטינג.

— אָבער, ברוך...

— זיי ניט קיין נאַר.

און ברוך איז אַוועק איבער דער גאַס אַ צופריעדענער. צו זיין

צופריערענהייט איז אויך באלד צוגעקומען דער געדאנק, אז חנה, וואס ווארפט אויך איהר שמייכעל צו זיין פלאן וועגען די „פרייע דערפער“, וועט זיך פיעלייכט איצט צוגיינגען אויף זיין זייט. דער שאפ איז דאך אפגעבערענט, שוין נאך דער „ביזי“, און מאקס וועט מז הסתם אזוי גיך ניט קריגען קיין ארבייט. — די שטענדיגע ניט זיכערקייט מיט מארגע־דיגען טאג און די ענגע שמוציגע גאסען — עס ארט איהר ניט, וואס די קינדער רעדען דא ניט קיין אידיש. אבער, חנה! זעהסטו דען ניט, וויפיעל איבער דעם מוז פערלארען געהן? פערשטעהסטו דען ניט, אז די זיכערסטע פעדים, וואס פערבינדען די עלטערען מיט די קינדער, די פע־דים, וואס שפינען זיך פון דור צו דור, מוזען זיך איבער דעם אפרייסען, און אז די בעסטע אייגענארטיגע מעגליכקייטען וועלען איבער דעם פער־לארען געהן. חנה, בעטראכט זיך, חנה! און היינט, אז ווען אט דאס פייער ברעכט אוים שפעטער מיט א האלבע שטונדע, וואלט דאך די געביידע שוין געווען פול מיט מענשען, און אלע וואלטען זיך מן הסתם געווים ניט געראטעוועט. צו איז דאס דען דער וועג, ווי מענשען דארפען לעבען? און אט די ביילקעס, חנה? זיי זיינען דאך אפשר גאר אויף אזוי פיעל ניט שולדיג. ס'ווילט זיך זיי ניט אפזיצען אין שאפ זייערע יאה־רען, די יונגע, צאפעלדיגע יאהרען, וואס שפרינגען אוועק און בלייבען נים. און די לעווינס ווילען ניט חתונה האבען, — צוליעב וואס? אז דאס לעבען איז ניט געזיכערט. און קיין נאט אין הארצען האט מען ניט. א פאלק, פון וועמען גאט האט ארויסגעקוקט שעהנער און לויטע־רער, ווי פון אלע אנדערע פעלקער, — און וואס געהט דא פון אונז ווע־רען? חנה, מיר דארפען געהן אהין אין דער ווייטער וועסט. די רע־גיערונג גיט דארט אוועק די ערד כמעט אומזיסט. דארטען וועלען מיר קאנען לעבען אונזער אייגען לעבען. דארטען שטארקט זיך ווידער אונ־זער בלוט, אונזערע מוסקולען. מיר באדען זיך אוים אין דער שעהנקייט און ברייטקיים פון יענע טעג, נעכט, פארנאכטען און פריהמארגען! — — — שטעל זיך פאר א פארנאכט. דו געהסט ארוים און דו זעהסט: ווי א זונען טאכטער צושפרייט אויפ'ן הימעל איבער דער ווייטער סטעפ א רעגענבויגען־פארביג בעט פאר'ן מיעדען היינט, און נאכדעם לעגט זי זיך ארויף אויף דעם רייכען געלעגער און ציהט זיך אזוי ווייבליך און ליעב. און זי איז אין גאנצען ווי געוועבט פון גאלד און פורפור, און זי

ציהט זיך וואָרעם, שמייכלענדיג, פול מיט לעבענס־זאַפטען, און זי קוקט און זי וואַרט אויפ׳ן היינט. און אָט קומט ער אָן, דער היינט, אין פאָרפאָרנעם גלאַנץ מיט א פייל־בויגען אין זיין האַנד, און עס לויפען איהם נאָך א מחנה רויטע און גאָלדענע און קופּערנע הינט. און דער היינט דערזעהט די שעהנע זונען־טאָכטער און ער ווערט צומישט, און עס פאַלט ביי איהם אַרויס פון האַנד זיין פייל און בויגען... און דאַן... און דאַן קומט אָן די נאַכט. —

— —

און יענע נאַכט, הנה! די נאַכט איבער די ווייטע סטעפּען, א הימעל וואָס איז אויף מיילען און מיילען פערזייהט מיט פינקעלדיגע קנאָספּען פון גאָלדענע טרוימען. מיילען ווייטע, ווילדע, וואָס פערליערען זיך אין נאַאיווען ערנסט פון א פערליעבטער. און ווי נט און ווי ווייט עס טראַכט זיך אין יענע נעכט! — — —

אין צו מאָרגען בעווייזט זיך ווידער די זונען־טאָכטער. זי בעווייזט זיך אויפ׳ן מזרח מיט איהר ניי־געבאָרענעם, פרישען מאָרגען. און דער מאָרגען שפּרינגט אַראָפּ פון איהרע הענד און זי קוקט איהם נאָך און שמייכעלט מיט א מוטערליכען נחת, — און ער, דער מאָרגען וואַקסט פאַר איהרע אויגען, שפּיעלט זיך אין׳ם גאָלדענעם טייכעל, און לאַכט אָן ענט־ציקטער. און אָט לאָזט ער זיך לויפען, שפּרינגט ווי די בעגייסטערונג איבער איהר גאָלדענעם סטעפּ, און אָט קאַטשעט ער זיך, ווי א וואָרעמער פערלאַנג איבער איהרע ברוסטיגע בערג, פאַלט אַריין אין צווישען־טהאָל און שפּרינגט באַלד ווידער אַרויף און ווילד ווי די ליידענשאַפט רייסט ער זיך אַריין אין דער בלויקייט און לאָזט זיך שווימען איבער דעם סטעפּען ווייטען הימעל, און שווימענדיג וואַקסט ער, דער גאָלדענער מאָר־גען, און פראַלט צווישען ערד און הימעל און ווערט אַלץ גרעסער און מוטהינער.

און נאָכדעם — דער טאָג פון געזונטער, שווערער אַרבייט. די אַרבייט פון ברייטער, שטאַרקער בעוועגונג. הנה, ניט קיין שאָפּ־אַרבייט, נאָר אַז אַרבייט, וואו דער קערפּער בעוועגט זיך געזונט און שטאַרק און מען אָטהעמט מיט פרישער, פרייער לופט. און יעדער גראָב, וואָס מען טהוט, איז וויכטיג, און יעדער שניט, וואָס מען טהוט, איז נויטיג. און

אַז דו הויבסט אויף דיינע אויגען, שלאָגען זיי זיך ניט אָפּ אין קיין ווענט, נאָר דו זעהסט פאַר זיך אַ רוים, אַ ווייטקייט, אַן אונענדליכקייט. חנה, דאָרטען קאָן מען דאָך ערשט פון דאָס ניי וואַקסען, דאָרטען קען מען דאָך אויפוואַקסען ריעזען.

און עס דאַכט זיך איהם, אַז חנה געהט נעבען איהם, הערט אויס אַלץ וואָס ער זאָגט און שמייכעלט...

— יאָ, ביזט אַפּילו גערעכט, — פיהרט ער ווייטער דאָס געשפּרעך אין זיך, ווי ער וואָלט איהר ענטפערען אויף איהר שמייכעל. — ריעזען דאַרף מען זיין נאָך איידער מען פאָהרט אַהין... ווייל עס איז ניט לייכט פאַר אַ עטאָדטישען מענשען זיך מיט אַ מאָל אין גאַנצען אַפּצורייסען פון דער שטאָדט. ביזט גערעכט. שטעל זיך פאָר, אַז אַפּילו מיט מיר האָט אַ פּאָר מאָל געטראָפען, אַז שטעהענדיג אויפ'ן פעלד ביי דער אַרבייט, האָב איך אַ הויב געטהאָן דעם קאָפּ און דערזעהן ווייט אַרויף ביים האָריזאָנט די שטאָדט ניו יאָרק... און איבער דער שטאָדט — אַ גרויסען ריעז נעפּאַנצערט אין שטאָל און אין אייזען, און אין זיינע הענט האָט דער ריעז געהאַלטען טויזענדער און טויזענדער לייצעס און האַסטיג געטריבען און געשריען: מיינע פערד, מיינע פערד! און דער טייוועל וויים איבער וואָס, נאָר מיר האָט זיך גענומען דאַכטען, אַז איך, זייענדיג אַזוי ווייט פון שטאָדט, בין דאָך אין זיינע לייצעס...

דאָס האָט מיר געטראָפען אַ פּאָר מאָל, און גראַדע דאַן, ווען די גאַנצע סטעפּ איז געווען פערשוואַומען אין אַ זוניגען, הייסען טאָג.

און חנה הערט און שמייכעלט...

— חנה, חנה!.. פאַר וואָס האָב איך דיך אַזוי משוגענערווייז ליעב? פאַר וואָס ווער איך אַזוי משוגע, ווען מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט נעבען מיר?... און וואָסערע שעהנע הענט דו האָסט עס, חנה! נאָט מיינער, וואָסערע שעהנע הענט! ס'ראַ לאַנגע, רונדע, און ווי עס שפּיעלט זיך אויף זיי די שיינענדע ווייסקייט מיט דער בליהענדער ראָזקייט. זעה נאָר וואָסערע בליהענדע רעדעלעך עס וועבען זיך איבער דיינע שעהנע רונדע הענט! און אַזוי ביזטו דאָך אין גאַנצען, אַזאַ שיינענדיג־ווייסע, אַזאַ ראָז־פּערוועבטע. מיין חנה!! מיין שעהנע חנה!... מאָרגען איז דאָך זונטאָג, מאָרגען טרעפען מיר זיך דאָך אויף אונזער אַרויספאָהר אויפ'ן באַרג. דער פּלאַץ איז זעהר אַ שעהנער, אַ מערקווירדיגער. איך

בין שוין דאָרט איינמאָל געווען — ס'איז אַ הויכער באַרג, וואָס פאַר־רייסט זיך גלייך צום הימעל און קוקט פון דאָרט אַזוי מאָדנע אויף גאָט'ס וועלט. און ס'אַרא מאָדנער זומער דער היינטיגער! ניט אמת, חנה, ס'אַרא מאָדנער? האָסט בעמערקט? צוערשט האָבען זיך גענומען ווייזען מיידלעך אין פורפור. און ווי שעהן עס קוקען אויס אַט די שמאָלע, פורפורנע קליידער מיט שווארצע אַפּגעלעגטע קעלנער, מיט שווארצע קנעפּ, קליידער פון איין לענג, כמעט גאָר אָהן פאַלדען, און ס'אַרא שעהנע נעמען זיי טראָגען: פּרינצעסען! און באַלד נאָך דעם נעהמען שפּרינגען איינס נאָכ'ן אנדערען גאָלדענע מאָרגענס, זוניגע פאַר־נאַכטען און מען נעהמט זיך קוקען פערגאַפט אויף אַט די מאָדנע פור־פורנע קליידער, ווי זיי גיבען דאָס ארוים אַלע בעוועגונגען, פרעסען ארוים אַלע מיידעלשע פאָרמען און עס זעהען זיך: קליינע מיידעלשע פיס, פרייע, ווייסע העלזער, ווייט צועפּענטע אויגען, זומערדיגע פּנים'ער, און די געלע שטרויענע היט מיט די ברייטע גרויסע פעלדער מיט בלומען און פעדערען און פויגלען... ווי שעהן דאָס איז, חנה! און שפּעטער בעוויזען זיך נייע פּרינצעסינס: ווייסע, מיט געדיכטע, שווארצע קעס־טעלעך, מיט אַפּגעלעגטע שוואַר־בלויע קעלנער און מיט אַ שורה שוואַרץ־בלויע קנעפּ אויף איין זייט. און געהען די מיידלעך, בעוועגען זיך די קליינע קעסטעלעך, שפּרינגען אום איבער די מיידעלשע לייבער, און עפּעס אַזוי שנעל, אַזוי לעבעדיג, שטיפעריש, אַז עס איז שווער אָנצוכאַפּען איין קעסטעלע אויף איין פּלאַץ, איין קעסטעלע נעבען אַ צווייטעס — אַלע טאַנצען זיי פאַר די אויגען, אַלע אויף איין מאָל! און נאָכדעם בעוויזען זיך גאָר געלע! — געלע, מיט גרויסע, פערלמוטערנע קנעפּ. און נאָכ־דעם — הימעל־בלויע, מיט ווייסע שנירעלעך, מיט ווייסע קרוזשעוועס... און איצט האָבען זיי זיך שוין אַלע אויסגעמישט: רויטע, גרויע, געלע, בלויע, און זיי געהען אום פרישע, זומערדיגע, און טראָגען זיך אום מחנות'ווייז, נערטנער, נערטנערוויז...

ברוך שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך אום און דערזעהט, ווי אין די גרויסע פענסטער פון דער הויכער, לאַנגער גאַס שפּיגלען זיך אריין אַלץ נייע און נייע נערטנער, שפּיגלען זיך אריין, טראָגען זיך דורך און באַלד בע־ווייזען זיך אַנדערע. דער „ראָש", דער געדראַנג, איז שוין אריבער. דאָך טראָגען זיך נאָך אום נערטנער, קלענערע, גרעסערע, אַלץ אַזעלכע פּאַר־

בינגע, ריהרעוודינגע. און איהם דאכט זיך, אז ניט נאָר ער, נאָר אויף די מויערען, די גאסען, קוקען דערויף ווי אויף א מאָדנעם חידוש:

— וואָס איז דאָס פאַר א זומער, גאָט? ! וואָס איז דאָס פאַר א זומער?!

ברוך האָט זיך אָבגעקירעוועט פון דער גאס און איז אריין אין די ענגע נהעטאָ־גאסען. די לופט איז געדיכט און גרוי פון דעם שטויב, וואָס איז אויפגעשלאָגען ביז'ן הימעל. און אין דעם שטויב ציהען זיך טונקעלע גאסען מיט קופעס מיסט, די מויערען זיינען הארט געשלאָסען איינער צום צווייטען און זעהען אוים ווי גרויסע, הויכע, ברודיגע קאַס־טענס, וואָס זיינען צוטהיילט אין עטליכע עטאזשען, און זיינען פער־האנגען מיט „פייער־עסקייפּס", ווי מיט אייזערנע שטייגען. אויף יעדען עטאזש איז אָנגעטשעפּעט אזא שטייג און איין שטייג מיט דער צווייטער איז פערבונדען מיט אייזערנע לייטערס, וואָס זיינען קרום צוהאנגען איבער די געביידען. עס עפענען זיך קראָמען, די סוחרים טראָגען ארוים זייערע סחורות; אויף די אויבערשטע עטאזשען עפענען זיך פענסטער, און ווייבער לעגען ארוים זייער בעטגעוואנד צום „לופטערען". „פּוש־קאַרטס"־טישלעך אויף צוויי הויכע רעדער, מיט פערשיעדענע גרינסען, פרוכט און אנדערע סחורות, צושטעלען זיך אויף ביידע זייטען פון די לאַנגע גאסען. יעדער פערקויפער נעהמט אויסשרייען זיין סחורה אין דער פערשטויבטער לופט אריין, און אז א ווייבעל נעהט ארוים איינ־קויפען, נעהמט זי שוין מיט, פאַר איין וועג אויף איהר פעקעל מיסט און לעגט איהם צו צו איינעם פון די קופעס.

ברוך שטעלט זיך אָפּ, קוקט און שמייכעלט. — — —

די קופּע, לעבען וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז נאָך גראָדע געווען א נאסע און אויסער דעם ריח, וואָס פון איהר האָט געטראָגען, האָבען זיך פון איהר נאָך ארויסגעשפּארט געלע דימשקעלעך.

א פערגעניגען, אויף מיין וואָרט! — טראכט ברוך און שמייכעלט, און קוקט אויף דער לאַנגער, שמוציגער גאס.

פון וואו ניט וואו לויפט נאָך ארוים א פערשפּעטיגטער ארבייטער אָדער א פערפּוצטע מיידעל, און ארבייטערין, און איילט זיך צו דער ארבייט. —

— לויפט, לויפט, קינדער! ס'א לעבעדיגע וועלט. לויפט און זאָל איך נאָט העלפען! — שמייכעלט זיי ברוך נאָך.

א פעדלער, וואָס איז ארויפגעפּאָהרען מיט זיין פושקארט הארט אויף דער נאסער קופּע, האלט אויסגעצויגען זיין האלז און שרייט אין איין קול:

— פרישע „טאָמייטאָס“, ווייבער! פרישע „טאָמייטאָס, ווייבער! פרישע „טאָמייטאָס“, ווייבער! פרישע „טאָמייטאָס“, ווייבער! פרישע „טאָמייטאָס“, ווייבער! — און עפּעס אלץ אין איין טאָן, און בלויז די איינגענע פאָר ווערטער. — פרישע „טאָמייטאָס“, ווייבער! פרישע „טאָ־מייטאָס“, ווייבער! — ווי אַן אווטאָמאט, ווי א פערשאָלטענער, און אפשר נאָר ווי א משוגענער! — פאַלט איין ברוך'ן. די ווייבער דרעהען זיך דוקא ארום איהם, קויפען, אָבער ער וויל אלץ ניט אויפהערען און נים ענדערען זיין געוואלד.

און ברוך דערפיהלט ווי צוצוגעהן צום אידען און ארויפלעגען זיין האנד אויפ'ן אידען'ס אקסלען:

— נו, גענוג שוין, ר' איד! ביז וואנען איז דער שיער? און ווייסט איהר, רב איד, מען קען דאָך מיינען, אז איהר זיינט נאָר ניט קיין מענש, נאָר א מין פערשאָלטענער הונט, וואָס האָט זיך פער'עקשן'ט און וויל מעהר ניט שרייען. ווי — האו, האו־האו! — — — און די גאנצע גאָס איז פול מיט שטויב, מיט שמוץ און — — — און מיט אזעלכע בייזע, פערביטערטע, פערשאָלטענע הינט — — — הינט! און אלע האווקען, בילען — — — בילען. און ברוך'ס שמייכעל אויף די ליפען צוקרימט זיך דערביי שלעכט און ניפּטיג בייז. און ער ניט א מאך מיט דער האנט, דרעהט זיך אוים און געהט אוועק.

אויף איינער פון די ווייטערע גאסען בעגעגענען איהם נחום און בינעם.

בינעם האָט איהם גלייך אנגעכאפּט:

— וואָס זאָגסטו דערויף, ברוך, ער וויל דאָך מיך אויפעסען פאר דיינע „פרייע דערפער“! און וואָס טאקע ווילסטו האָבען מיט דיינע דערפער? פאר וואָס טאקע זאָלען מיר בעסער ניט פאָהרען קיין ציון?

ברוך אָבער מאכט זיך ניט דערפון, און ווענדט זיך מיט ערנסט צו נחום'ען:

— האַלאָ, נחום! וואָס הערט זיך? ווי געהט דאָס מיט דער „איר דישער פּאָהן״?

— אונזער ציימונג בעסערט זיך, — ענטפּערט איהם נחום פער־דעכטיג און כאַפּט זיך באַלד דערויף אַרויס מיט כעס אין קול: — וואָס־ושע, איהר אַליין לייענט גאָר ניט די „אידישע פּאָהן״?

ברוך מיידט אויס זיין כעס און פרעגט מיט דעם פריהערדיגען ערנסט:

— ניין, איך מיין, ווי געהען דאָס די געשעפטען פון דער ציימונג?

— נישקשה.

— וואָס הייסט נישקשה?

—גאָר ניט, — ענטפּערט איהם נחום, און אַלץ מיט אַזאַ טאָן, זוי ער וואָלט גערעדט מיט אַ שונא.

בינעם צושמייכעלט זיך פון דעם ברוך'ן אין פּנים אַריין. ער טראַכט: דו מיינסט טאַקע אין אַן אמת'ן, אַז ער וועט דיר פערגעבען די ליעבע פון לאה'ן און דערצו נאָך די נאַרישע פּלענער פון דיינע דערפער. און באַלד כאַפּט זיך בינעם גאָר אַרויס:

— דו ווייסט, ער זאָגט דאָך, אַז דו ביזט גאָר אין גאַנצען קיין איד ניט!

ברוך קוקט אַפּילו ניט אין בינעם'ס זייט, אָבער בינעם דערפיהלט גלייך, אַז דערמיט האָט ער ברוך'ן געטראָפען אין אַ פערוואונדעטען פּלאַץ און ער רעדט ווייטער:

— און ניט נאָר דאָס. ער זאָגט, אַז דו האָסט פיינט אידען, אַז דו קאָנסט זיי ניט אָנקוקען, אַז צוליעב דעם האָסטו זיך פערקליבען ערגעץ אונטער'ן שטאָדט, און אַז די פּלענער פון דיינע דערפער זיינען אויך ביי דיר דערפאַר, ווייל דו ביזט אַ שונא ישראל, דיר וואָלט זיך פּשוט וועלען מאַכען די אידען פאַר גוים. און היינט דיין שרייבען — מיט וואָס איז דיין שרייבען אידיש?

— און וואס זאגסטו דערויף? — פרעגט ברוך בינעם'ען, ווי דאָס אַלעס געהט איהם גאָר ניט אָן.

— איך זאָג, — ענטפּערט בינעם, — אַז די מעשה מיט דיינע „פרייע דערפער״ איז פאַר דיר ניט מעהר ווי אַ מעשה. און איך וויים גלאַט ניט, וואָס מען וויל פון דיר האָבען? מיט וואָס איז זי ערגער פון דיינע „רעגען־מעשיות״?...

— און וואוהין נעהט איהר איצט? — פרעגט ברוך סתם אין דער וועלט אריין.

בינעם קוקט איהם אָן שמייכלענדיג, און נחום זאָגט:

— איך געה איצט דינגען דעם „סענטראל פּאַלאַס" פאַר אונזער באַל.

— אָבער איהר האָט דאָך נאָך ביז ווינטער גענוג צייט.

— ביז ווינטער איז שוין גאָר ניטאָ אַזוי פיעל צייט, ווי איהר מיינט... — ענטפערט אים נחום מיט סטירדעס און ווענדט זיך גלייך צו בינעם'ען:

— נו, איהר נעהט מיט?

— דו דאַרפסט מיך אפשר האָבען? — פרעגט בינעם ביי ברוך'ן.

— איך דאַרף דיך האָבען, אָבער מיר וועלען זיך דאָך מאָרגען טרעפען אויפ'ן אוטינגג.

— וואָס־זשע, מיט דיין גובערנאַטאָר האָט זיך גאָר ניט אויס־געלאָזט?

— אָט וועגען דעם ווייל איך טאַקע, אז דו זאָלסט איינרופען אַ מי־טינג פון די „פּאַרמערס" אויף נעקסטען דיענסטאָג.

— אָלרייט.

— וואָס, אָלרייט? — פרעגט איהם ברוך איבער.

— איך וועל דאָס שוין בעזאָרגען.

— איז, גוד ביי! — זאָגט ברוך זיך געזעגענענדיג.

— גוד באַי! — ענטפערט אויך נחום.

בינעם אָבער שטעלט איהם אָפּ:

— איי, נחום, דאָס איז שוין גאָר ניט שעהן פון דיר! געבעטען האָט דאָך לאה דיך געבעטען, אַז ווען דו וועסט זעהן ברוך'ן, זאָלסטו איהם זאָגען, אַז זי דאַרף איהם נויטיג זעהן?

נחום ווערט צומישט און בלאַס. עס גלאָצען זיך אוים זיינע אויגען און ער זאָגט צוטראָגען:

— זי האָט דאָך דאָס דיך אויך געבעטען... — און... איך האָב גע־מיינט, אַז דו האָסט דאָס איהם שוין געזאָגט!

— אַ גוטען טאָג, — זאָגט ברוך, און געהט אַוועק פון זיי.

— איהר זיינט אָבער אַלע מאָל אזעלכער, — זאָגט נאָכדעם נחום צו בינעם'ן, א ברוגז'ער.

— ניט כדאי זיך נעהמיין צום הארצען פון דעם.

— ניין, אָבער פאר וואָס זאָל ער מיינען, אז אַלע זיינען אין איהם פערליעבט?

— „מיינען", איז ריכטיג, — קרימט איהם בינעם איבער.

— וואָס זשע, איהר רעכענט טאקע, אז לאה האָט איהם ליעב?

— מעגסט מיר גלויבען, אז דו ביזט א נאר.

— איהם, ווייזט אוים, האלט איהר פאר א חכם.

— רעדט בעסער ניט!

— אזוי שטארק זיינט איהר אין איהם איינגעגלויבט?!

— דאָס איז א גרויסער בארג און מיר אַלע זיינען שטיקלעך שטיינער, וואָס האָבען זיך דאָ און דאָרט אָפּגעריסען פון איהם, וואלגערען זיך איצט ביי זיינע פים.

נחום גלאָצט ווידער אויך די אויגען און קוקט אָן בינעם'ען פערוואונדערט און זאָגט:

— אבי מען קלאָגט זיך, אז די צייטען פון פאנאטיזם זיינען שוין אריבער!...

קאַפּיטעל 4.

ברוך איז אַוועק צו דער ביבליאָטהעק, וואו לאה ארבייט. טראַכ־טענדיג און זעהענדיג פאַר זיך די שעהנע, ווייסע בלומען, וואָס לאה האָט איהם נעכטען געבראַכט.

אַט אַזוי טהוט שוין לאה זייט לאַנג: קלייבט זיך אויס אַ צייט, ווען זי איז זיכער, אַז ברוך איז ניטאָ אין דער־היים, קומט צו געהן צו איהם מיט פרישע בלומען, שטעלט זיי אריין אין בלומען־טאָפּ, גיסט איהם אָן מיט וואסער און נאָכדעם זעצט זי זיך אריין אין שטוהל, נימ אויס־טהוענדיג אפילו דעם הוט, און אַזוי זיצט זי זיך אַפּ אַ לענגערע צייט שטיל און אַליין, ביז זי הויבט זיך אויף און געהט אַוועק.

ווען ברוך איז אריין אין ביבליאָטעק, איז לאה אין איהר קלאָר־ווייסען קלייד, ווי אויפגעציטערטער און ווייסער געוואָרען. זי איז אָבער געווען פערנומען מיט אַ פּאָר בעזוכער און האָט זיך בעשיידען צוריק־געהאַלטען. איינע פון איהרע חבר׳טאָרינס איז איהר באַלד געקומען צו הילף און לאה איז מיט שטילע טריט ליעב צוגעגאַנגען צו ברוך׳ן:

— ווי קומט איהר עפּעס אַהער אין מיטען טאָג? — האָט זי ביי איהם געפרעגט, צופריעדען אָנגעהמענדיג זיין האַנד.

— דער שאַפּ, וואו איך ארבייט, האָט אָפּגעבר־ענט, אָדער ברענט נאָך!

— וואָס איהר רעדט! כאָטש געווען אַן אינטערעסאַנטער פייער?

— זעהר.

— איהר ווייסט צו וואָס איך האָב אייך אַהער גערופען?

— ניין.

— קומט מיט מיר ארויס אין דרויסען.

ברוך האָט לויט דעם אויסדרוק פון איהר פּנים פערשטאַנען, אַז עפּעס האָט זי איהם צו זאָגען אַזעלכעס, פון וואָס זי רעכענט, אַז ער דאַרף זעהר צופריעדען זיין.

ווען ער איז מיט איהר אַרויס אין דרויסען, איז זי מיט איהם אַריבער אויפ׳ן טראָטואר פון דער אַנטקעגענדיגער זייט גאַס און דאָרטען זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו דער ביבליאָטעק און אויסגערופען מיט אַ מיידעלשער פרייד:

— איהר זעהט אָט די געביידע?

ברוך כאַפּט אַ קוק אויף דער ברוין־גרויער שטיינערנער געביידע מיט די גרויסע, ווייסע פענסטער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ספּעציעל לאַנג און ברייט, כדי אין דער געביידע זאָל קענען אריין וואָס מעהר ליכט, אויף די ברייטע, לאַנגע טרעפּ, וואָס שפּרייטען זיך פונ׳ם טראָטואר ביז די פיער ווייסע מראַמאָרנע זיילען, וואָס שטעהען אַזוי צושטעלט פאר׳ן טיהר, ווי זיי וואָלטען איינגעלאַדען, מען זאָל קומען, מען זאָל געהן. און לאה רעדט:

— אָט שוין דריי טעג, אַז אַלע אָבענד, ווען איך געה אַהיים, געה איך אַריבער אַהער, קוק פון דאַנען אויף דער ביבליאָטעק און טראַכט: „ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מיר גיט זיך איין צו פערוואַנדלען אָט די גאַנצע געביידע אין אַ אידישער ביבליאָטעק!“

ברוך האָט פון דעם איינפאַל אַ גוטען שמייכעל געטהאָן, ווי אַ ליכ־טיגער פייער וואָלט זיך אין זיין הארצען אָנגעצונדען, זיך בעגעגענט מיט איהרע אויגען, דערזעהן, אַז די אַקסעל זיינען ביי איהר רונד, כמעט ווי ביי חנה׳ן... און דערפיהלט, ווי אַרויפצולעגען זיין האַנט אויף איהר קאָפּ.

און לאה רעדט ווייטער, און רעדענדיג ווערען איהרע אויגען אַלץ ליכטיגער:

— איהר דאַרפט פאַר מיר נאָר טהאָן איין זאַך, ברוך. אין אייערע פעראיינען אָדער ווען איהר האַלט ערגעץ אַ רעדע, דאַרפט איהר דער־מאָנען, אַז אין דער ביבליאָטעק בעקומט מען אַלע אידישע ביכער, און טאָמער טרעפען זיי ניט אַ געוויסען בוך, וועל איך עס שוין פאַר זיי קריגען, ווייל — איהר פערשטעהט — וואָס מעהר ביכער מען וועט ביי מיר פאָדערען, אַלץ מעהר וועט מען מיר ערלויבען אריינצונעהמען, און זאָלען מיר די אידישע צייטונגען אויך אין דעם אַרויסהעלפען. דאַן וועט די געביידע די הויפּט־ביבליאָטעק פאַר אידישע ביכער. נו, טהוט איהר דאָס פאַר מיר?

— זיכער, לאה, זיכער! — זאָגט ער צו איהר און נעהמט זי אָן

פאַר'ן האַנד עפּעס אַזוי גוט און ליעב, ווי ער וואָלט איהר דערמיט פערזיכערט, אַז זי איז זעהר אַ גוט מיידעל און זעהר אַ וואויל קינד. און אַזוי האַלטענדיג איהר האַנד, האָט ער זי אַריבערגעפיהרט די גאַס און אויפ'ן וועג איהר פערזיכערט, אַז איהר פּלאַן איז שעהן, און ער האָפט, אַז עס וועט איהר אויך געלינגען איהם דורכצופיהרען, און אַז עס איז זעהר שעהן פון איהר זייט, און אַז עס איז ווירקליך זעהר שעהן פון איהר זייט. און ער האָט זי אַרויפגעפיהרט אויף די טרעפּ, געעפענט פאַר איהר די טיהר און, געבענדיג איהר זיין האַנד צום געזעגענען זיך, האָט ער זי ווידער אַ מאָל אַזוי ווי פון דאָס ניי דערזעהן... מיידלעך דערקענען לייכט אַזעלכע בליקען, און אין דער מינוט ווערט אין זיי אַלעם מיט אַ מאָל גרייט אויף צו ווערען נאָך שעהנער און בעסער... און ער האָט לענגער פערהאַלטען איהר האַנד אין זיינער און צו איהר געזאָגט מיט פרייד:

— איהר ווייסט, איך פיהל איצט, ווי צו נעהמען אייך אויף די הענד און זיך אַוועקטראָגען מיט אייך איבער די גאַסען און אייך ווייזען פאַר אַלעמען: — „זעהט, ווי אַ וואויל און גוט מיידעל זעהט אויס!“

— נאָר ווער לאָזט דאָס אייך ניט?

אָבער פון אָט דער שאלה איהרער האָט זיך ברוך מיט אַ מאָל גענענדערט. עפּעס אַ מין גיפטיג פייער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ לאָז געטהאָן איבער זיין לייב. — וואָס טהוט ער?... וואָס רעדט ער?... און אָט די קליינע קינדער, וואָס געהען אַריין און אַרוים מיט ביכער, — פערשטעהט זיך, מיט ענגלישע, ווייל זיי קענען דאָך מן הסתם קיין וואָרט אידיש ניט לעזען. און זי מיינט, אַז ווען זי וועט האָבען אַ סך אידישע ביכער אין די פּאָליצעס, וועט זי דערמיט ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון אונטערגאַנג... און אין דער איינענער צייט ענטפערט ער איהר:
דער איינענער צייט ענטפערט ער איהר:

— איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיין צייט ניט. אָט איך רעכען שוין באַלד אַריינצוגעהן אין קרויזקאָפּ'ס קאָפּע. דאָרטען וועל איך געוויס טרעפען עטליכע מענשען, וואָס וועלען אייך גערן אַרויסהעלפען אין אייער אַרבייט.

— עפּעס האָט איהר זיך איצט אין איין רגע פערענדערט, ברוך!

אייער פּנים איז געוואָרען אַנדערש, אייערע אויגען אַנדערש, — זאָגט לאה, זיך אַליין אויך ענדערענדיג.

— מן הסתם איז מיר פּלוצלונג אַ שוואַרצע קאַץ איבערגעלאָפען דעם וועג, — זאָגט ער, ווי פון זיך אַליין לאַכענדיג. — אַלזאָ, אַ גוטען טאָג אייך.

— אַגוטען טאָג! איהר וועט דאָך זיין מאָרגען אויפ'ן אוטינג?

— געוויס.

ברוך איז אַוועק אַ צורייצטער: —

ווער איז דאָס דער, וואָס שפּרייט מיר אַלע מאָל אויס אַ שוואַרצע נעץ פאַר מיינע אויגען?! וועלכער טייוועל?! אָבער כאַפּט דאָס דער פייער! שאַדען קען דאָך געוויס ניט, דאָס וואָס אין דער ביבליאָטעק וועלען צו־קומען נאָך עטליכע ביכער און דאָס וואָס נאָך עטליכע מענשען וועלען זיך נעהמען צום לעזען. און ווער ווייס? — אפשר קען נאָך אַ מאָל דער צופאַל ברענגען, אז עס זאָל גוט צונוץ קומען! און אין ערנסטען פאַלל — ברענט דאָס אויפ'ן פייער! ברענט דאָס אויפ'ן פייער!

און איצטער דאַרף מען נאָך וועגען דעם אַריינגעהן אין קרויזקאָפּ'ס קאַפע! אין אָט דעם ליטעראַרישען גהינם. אָך, צום טייוועל! דאָרטען וועט ער מן הסתם טרעפען דעם שטענדיגען דעבאַטאַנט, רייכער, וואָס ניט זיין נענער קיינמאָל ניט די מעגליכקייט עטליכע גאַנצע זאַצען צו זאָגען, ווייל ביי דעם ערשטען וואָרט, וואָס מען פּרוּוועט זיך צו איהם אַרויסרעדען, וואַרפט ער זיך גלייך אַרויף און נעהמט זיך דערווייזען, אַז ער פערשטעהט שוין פון אויסוועניג, וואָס יענער וויל זאָגען און אַז דאָס דערווייזט טאַקע, אַז די אַלע שרייבער זיינען היפּאָקריטען, ליגנער, אידיאָ־טען! ווייל אַנדערש קאָן גאָר ניט זיין. אַז ניט וואָלטען זיי ניט גע־שריעבען פון קיין נעכטיגע טעג. זיי וואָלטען זיך פערנומען מיט דעם אַרבייטער'ס לעבען, ווייל נאָר דורך דעם אַרבייטער קען די מענשהייט ערלייזט ווערען.

און ברוך'ן נעהמט זיך דאַכטען, אַז ער איז שוין אין קאַפע, זיצט ביי אַ טישעל נעגענאיבער רייכער'ן. רייכער'ן דאַכט זיך, אַז ברוך שטימט מיט איהם ניט איין און ער ציהט זיך אַריבער איבער'ן טישעל, כאַפּט אָן ברוך'ן פאַר'ן אַרבעל און נעהמט איהם אונגעדולדיג ציהען, רייסען: — וואַרט! וואַרט! לאָזט רעדען! איהר ווילט מיר אויסבריינען,

אז דעם קינסטלערס הארץ איז א שפּיגעל, וואָס שפּיגעלט פון זיך ארויס אַלעס וואָס עס זעהט, א יאָ? אזוי? זעהט איך דאָך, אז איך האָב געטראָפען. פרעג איך אייך, פאר וואָס זעהט ער ניט די טויזענדער און טויזענדער ארבייטער זאָרגען? פאר וואָס שפּיגלען זיי זיך ניט אריין אין זיין שפּיגעל? הא? ענטפערט, נו? — נאָר ענטפערען לאָזט ער ניט, און א צוקאָכטער שפּרינגט ער אויף, ציהט זיך אזש אריבער איבער'ן טיש, כאפּט איהם אָן פאר די לאצען: — לאָזט, לאָזט, ווארט! איך וועל פאר אייך אליין ענטפערען: — דאָס איז דערפאר, ווייל זיי זיינען היפּאָ־קריטען, ווייל זיי שרייבען בלויז פאר עטליכע פּריווילעגירטע א י נ־צ ע ל נ ע. אפילו איבסען. וואָס מיינט איהר איז איבסען?! זאָרגט זיך נים, ווען ער וואָלט נאָר ריכטיג געקוקט, וואָלט ער ניט געדארפט נעהמען א גלה אויף ארויסצוברענגען די אידעען פון „בראנד“, צו אָן ארכיטעקטאָר פאר די אידעען פון א „מייסטער סאָלנעס“, און זאָ ווייטער. מען קען די אַלע אידעען ארויסברענגען פון די נויטען פון דעם ארבייטער, פון זיין לעבען, פון זיין שטרעבען, — קומען נאָך צו געהן אונזערע אידישע שריי־בער, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען אין פאָלק, אין רעדען אויך פון פּוסטע נארישקייטען!

ברוך'ן נעהמט זיך דאכטען, אז ער פיהלט, ווי דאָס ביינקעל וואָלט אונטער איהם געברענט. און ביי א צווייטען טישעל זיצט דער פּובלי־ציסט העלשטיין, גרייט אָנצופאלען מיט פּונקט פערקעהרטע טענות און ראיות, אז די אידישע ליטעראטור איז קיין ליטעראטור ניט, ווייל דער אידישער שרייבער ווייס, אז ער שרייבט בלויז פאר'ן פאָלק, פאר'ן אר־בייטער, און ער זעהט מיט אַלע זיינע כחות זיך צוצופאסען צו זייערע טעמפּע מוחות, צו זייער וואולגארען געשמאק, און דערצו האָט נאָך דער העלשטיין א ווייבעריש פּנים און עפּעס אזעלכע ווייבערישע ליפּען, אז עס קען פון איהם גלאַט ניט גוט ווערען. און אזוי ווייטער, און אזוי ביי אַנדערע טישעלעך. און מען רעדט און מען רויכערט און מען קנייטשט מיט די אַקסלען, און די לופט איבער זייערע קעפּ איז פול מיט רייד, מיט רויך און מיט קנייטשען — — — און צו וועלכען טייוועל האָבען זיי זיך דאָרטען אוועקגעזעצט?!

און ברוך דערפיהלט, ווי אריינצורייסען זיך אינ'ם קאָפּע מיט רוי־טער אין די הענד און זיי נעהמען שמייסען איבער די קעפּ, איבער די

פנים'ער: — ארויס! ארויס פון דאַנען! געהט צום טייוועל! טהוט עפעס אָדער לופטערט זיך כאָטש דורך א ביסעל!

און אַזוי טראַכטענדיג איז ברוך צוגעקומען צום עלעוויטער־סטאַנציע, און שוין קויפענדיג פאַר זיך א בילעט אויף צו פאָהרען אַהיים, האָט ער זיך פּלוצלונג אומגעקוקט, אַז ער איז אויף דער סטאַנציע... און ער האָט פון זיך א בייזען לאַך געטהאָן, איז אראָפּ פון אַלע טרעפּ און איז אוועק צום קאַפּע. און ווען ער איז צו צום קאַפּע, האָט ער ווידער דער־פיהלט, ווי ניט אַריינצוגעהן, ווי א וואַנד וואָלט זיך פאַר איהם אויפגע־שטעלט און לאָזט איהם ניט, און ער האָט אָנגעבויגען זיין קאָפּ עטוואָס פאַר זיך, דורכגעבראָכען די וואַנד און איז אַריין אין קאַפּע.

קאַפּיטעל 5.

ארום די פערשיעדענע טישלעך און טישען זיינען געזעסען און גע־רעדט שרייבער, רעדנער, רעדאַקטאָרען און גלאַט צייטונגס־לייט. זייער רעדעריי, צוזאַמען מיט'ן רויך פון זייערע סיגארען, און זייערע בליקען האָבען ברוך'ן אַ שלאָג געטהאָן אין פּנים. ער איז אריין טיעף אין קאָפּע. דאָס ערשטע, וואָס איהם האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען, איז געווען דער הערר קרויזקאָפּף אליין, וואָס איז געזעסען ביי איינעם פון די טישלעך און געשמייכעלט צו דער מיסס פינקעל, אַ פערעלטערט מיידעל, וואס דער־פיהלט זיך נאָך פון מאָל צו מאָל יונג און ווירדיג, און דרעהט זיך ארום צווישען ליטעראַטען מיט פּרעטענזיעס פון אַ קורטיזאַנקע. זי איז הויך געבוים, האַלט זיך עלעגאַנט, נאָר פון זינט אָן ברוך האָט מיט איהר גע־טאַנצט אויף'ן לעצטען ציוניסטישען באַל, איז ווי נאָר ער דערזעהט זי, נעהמען זיך ביי איהם קנייטשען די נאָז־פליגלען פון איבעל. און איצט נאָך דער הערר קרויזקאָפּף מיט זיין ניעדריגען שטערען מיט די שוואַר־צע ברעמען איבער די גרויע אויגען און די פּוכקע, קורצע הענד מיט די גאָלדענע רינגען אויף די פינגער, וואָס זיינען געווען צושפּרייט אויף'ן טיש און האָבען איהם צוגעגעבען דעם אויסזעהן פון עפּעס אַ מאָדנע חיה, וואָס לאַסטשעט זיך!.. ברוך האָט פון זיי גלייך אָפּגעקעהרט זיין פּנים און איז געבליבען שטעהן אויף אַ ווײַלע זוכענדיג מיט די אויגען צווישען די טישלעך.

— אָט איז ער דאָך! — האָט ברוך דערהערט הינטער זיך די שטימע פון דעם שרייבער בלומענקראַנץ. — ברוך, קומט אהער!

ברוך האָט זיך אויסגעדרעהט און דערזעהן בלומענקראַנץ'ען צוזאַ־מען מיט'ן פעטען רעדאַקטאָר בערגנער ביי אַ זייטיגען טישעל.

— קומט אריבער צו אונז! — רעדט ווייטער בלומענקראַנץ. — אָט איך רעד דאָך טאַקע איצטער פון אייך. — איהר מיינט, אַז איך בין

שוין אַן אַלטער. איהר האָט אַ טעות. איך בין פון די יונגע! איך בין אַ יונגער, איך בין מיט אייך.

ברוך האָט עפּעס פּלוצלונג און מיט אַ מאָל אַ שמייכעל געטהאָן, און אַזוי שמייכלענדיג איז ער צו צו זייער טיש.

— וואָס אנטלויפט איהר פון אונז? — זאָגט צו איהם דער רעדאַק־טאָר, דערלאַנגענדיג איהם זיין פעטע האנד.

ברוך מאַכט זיך ניט זעהענדיג זיין האנד און זאָגט שמייכלענדיג:

— ווייזט אויס, אַז איך בין ניט איבעריג פערליעבט אין אייך.

בלומענקראַנץ'ס בעוועגליכע אויגען זיינען פון דעם אַ ביסעל צו־שראָקען געוואָרען, נאָר דער רעדאַקטאָר בערגער פערליערט זיך ניט. ער נעהמט דאָס אָן פאַר אַ וויץ, און ענטפערט נאָך דערויף מיט אַ שמייכעל, און זיין האנד, וואָס ברוך האָט ניט דערזעהן, האָט ער דאָס גאָר אויסגע־שטרעקט אויף אָנצונעהמען דאָס גלאָז וואַסער... און שוין האַלטענדיג דאָס גלאָז וואַסער אין האנד, פרעגט ער ביי ברוך'ן מיט אַ גוטען שמייכעל:

— וואָס, ס'איז טאַקע אמת, אַז דער פּרעזידענט פון דער נ'ער רע־פּובליק איז געקומען זיך דורכרעדען מיט אייך וועגען אייערע „דערפּער"? און מען זאָגט, אַז ער מאַכט אייך אַ זעהר גוטען „אָפער".

— וואָס, טאַקע ספּעציעל צוליעב דעם געקומען? — פרעגט בלו־מענקראַנץ.

— שרעקט זיך ניט, — זאָגט ברוך מיט אַ לייכטען שמייכעל. — ערשטענס איז דאָס ניט קיין פּרעזידענט פון אַ רעפּובליק, נאָר אַ גובער־נאַטאָר פון איינעם פון די וועסטערן סטייטס, און געקומען איז ער ניט ספּעציעל צוליעב דעם, נאָר ער האָט גלאַט געדאַרפט קיין ניו יאָרק.

— אַז איך זאָג, צו וואָס דאַרפט איהר דאָס אין גאַנצען? — צו־שרייט זיך בלומענקראַנץ. — איהר טאָרט זיך ניט פערנעהמען מיט קיין אנדער זאַך. איהר זיינט אַ שרייבער! אַ דיכטער!...

— יאָ, אָבער וואָס האָט ער מיט אייך גערעדט? וואָס האָט איהר פון איהם ארויסגעקראָגען? — פרעגט זיך אַלץ דער רעדאַקטאָר בערגער.

— אַלעס, וואָס איך האָב פון איהם ארויסגעקראָגען איז: ער מיינט, אַז די היינטיגע אידען זיינען נאָך די גאָר אַלטע העברעער, און, עס זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, רבי רעדאַקטאָר, איך האָב פון איהם אויך

אויסגעפונען, אַז ער, דער גוי, קען גוט די ביבעל און האָט פאַר איהר מעהר דרך ארץ, ווי אַזאַ, קיין עין הרע'דיג גרויסער איד, ווי איהר.

דער לוסטיגער דאָקטאָר כּאַווקין, וואָס איז צוגעקומען און זיך אוועקגעזעצט נעבען רעדאַקטאָר, אויסרעכענענדיג, אַז ווייבאַלד ברוך זיצט אַנטקעגען איהם, וועט מן הסתם זיין פרעהליך. האָט ביי ברוך'ס „קיין עין־הרע'דיג גרויסער איד" אַ גלעט געטהאָן דעם גראָבען רעדאַקטאָר פאַר זיינע גרויסע אַקסעל ווי אָפּשטויבענדיג איהם און אַרויסגערעדט:

— קיין בייז אויג זאָל אייך ניט שאַדען.

— מיט די היינטיגע „יונגע" איז אַ מאָדנע זאַך, — רופט זיך דער רעדאַקטאָר אָפּ שמייכלענדיג... איך מיין מיט זיי צו זיין אדרבה ואדרבה און צום סוף לאָזט זיך גאָר אויס פערקעהרט. אויף מיין וואָרט, אַז ווען איך האָב דאָס געשריעבען וועגען דער ביבעל און וועגען העברעאיש האָב איך דוקא אין זינען געהאַט אונזערע „יונגע", ווייל איך ווייס דאָך, אַז זיי זיינען אַלע אידישיסטען. און וואָס האָב איך דען געזאָגט? — שרייט ער אויס כלומרשט אויפגעבראַכט. — איך האָב געזאָגט, אַז אין דער ביבעל זיינען פאַראַן שטעלען, פון וועלכע ניט נאָר אַן אונשולדיג מיידעל, נאָר אפילו אַ רוסישער קאָזאַק קען רויט ווערען. און מיט וואָס ווייטער איז דאָס די שפּראַך פון רחב הזונה היילינגער פונ'ם לשון פון אַ ערליכען אידישען אַרביימער?!

ברוך דערפיהלט אין זיך אַ גאַליגען פייער, נאָר ער שמייכעלט אַלץ, און זאָגט, ווי קוקענדיג פון אויבען־אַראָפּ:

— רב רעדאַקטאָר! איהר זיינט פּשוט אַ גראָבער יונג!

— „גראָב", נישט צו פערזינדינען! — שרייט אויס דער דאָקטאָר, אויסמעסטענדיג דעם רעדאַקטאָר מיט די אויגען.

— סעי, בלומענקראַנץ! — ווענדט זיך דער דאָקטאָר צו בלומענקראַנץ'ען, וועלכער איז געבליבען זיצען ניט קאָנענדיג זיך געבען קיין עצה, צי רעדען אָדער שווייגען. — טאָמער וואָלטען מיר נאָר אַרויפגעשטעלט אונזער רעדאַקטאָר אויפ'ן טיש און איהם אַ ביסעל אַרומגעטעסעט, וואָלט ברוך אויפגעהערט האָבען טענות צו אונז, פאַרוואָס ער איז אַזוי גראָב?

— וואָס, איהר אויך אויף מיר? — פרעגט דער רעדאַקטאָר מיט אַ געלעכטערעל, ווי עס וואָלט הייסען: „אָבער גוט אָנגעצויינען"!

— איך אויף אייך?! — רופט זיך אָפּ דער דאָקטאָר. — זאָל מיך

נאָט שומר און מציל זיין! נאָר זאָגט מיר, פאַני רעדאַקטאָר, פון וואַנען האָט איהר דאָס גענומען, אַז רחב הזונה האָט גערעדט העברעאיש? — —

דער עולם צולאַכט זיך:

— כאַ, כאַ, כאַ! טאַקע! טאַקע!

דער רעדאַקטאָר, ניט וויסענדיג צו דער עולם מיינט דאָס מיט אַן ערנסט, צו אין שפּאַס, אַז רחב הזונה האָט ניט גערעדט קיין העברעאיש, מאַכט זיך כלומרשט אַ וויץ אויף זיין אייגענעם חשבון:

— עט, איך ווייס? ביי מיר איז רעכט, אַז וויבאַלד עס איז וועגען דעם דערציילט אין חומש, האָט זי מן הסתם גערעדט העברעאיש. אָבער זאָגט מיר נאָר, ברוך, איהר אַרבייט אַלץ אין שאָפּ?

ברוך צופּעפענט ברייטער זיינע גרויסע אויגען, שמייכעלט און זאָגט:

— אָרימער מיסטער בערגער! וויפיעל זאָרג איהר טראָגט דאָס נעבאָך אויף אייערע אַקסלען! — נאָר וואָס זאָל איך טהון, איך מוז ביי אייך איצט בעטען, אַז איהר זאָלט זיך זאָרגען פאַר נאָך אַ קלייניגקייט: —

— דאָ בעט זיך אַ ביבליאָטעקאַרין, אַז מען זאָל איהר העלפען צוקריגען וואָס מעהר אידישע ביכער אין איהר ביבליאָטעק, און איהר קאָנט איהר אין דעם אַ סך אַרויסהעלפען, ווען איהר זאָלט אין אייער ציימונג דערצעהלען, אַז אין דער ביבליאָטעק געפינען זיך אַ סך אידישע ביכער און אַז דערמיט וואָס דער אידישער עולם וועט אָנהויבען פערלאַנגען פון דאָרט ביכער צום לעזען, וועט ער נאָך געבען אַ מעגליכקייט, אַז די אָבטהיילונג זאָל בעדייטענד פערגרעסערט ווערען, וואָס די אויפזעהערין אליין וואָלט דאָס זעהר וועלען.

בלומענקראַנץ איז אויפגעשפרונגען:

— אַי, אַי! דאָס מוז דאָך זיין אַ גאָלדען קינד! אויף מיין וואָרט. איך זאָג אייך, אידען, מיר ווייסען גאָר אַליין ניט, וואָסערע קינדער מיר פערמאָגען! קומט, פיהרט מיך צו איהר, ברוך! איך וויל זיך שוין מיט איהר בעקענען! איך וויל איהר דריקען די האַנד!

דער רעדאַקטאָר אָבער דערטרינקט זיין גלאָז קאַפע און זאָגט זיך אָפּ נוטמוטהיג, מיט דעם שמייכעל פון אַ קלוגען:

— איך האָב מורא, אַז די מיידעל האָט דאָס אָט די גאַנצע געשיכטע אויסגעטראַכט צוליעב דעם, אַז זי זאָל ווערען חשוב ביי שרייבער...

— וואָס הייסט?! — זאָגט בלומענקראַנץ אַ ביסעל צושראָקען.

— ווייל אז ניט, וואָס מאַכט איהר אויס, אז די נרינהאָרנס וועלען זיך אויסלערנען ענגליש ?!

— נעהמט, איהר זיינט אַ ציניקער, — כאַפּט זיך בלומענקראַנץ.

— דער אמת איז, — זאָגט ברוך צום רעדאַקטאָר עפּעס מיט אַ מאָד־נע קאַלטקייט און שאַרפקייט אין קול, — אז איך האָב זעהר שטאַרק חשק אייך אפּצוגיסען דאָס פּנים מיט אָט דעם גלאז וואַסער, נאָר איהר זיינט דאָך עפּעס אַן עלטערער מענש, און דערצו, האָף איך, אז איהר וועט פּאָרט נעבען אַ נאָטיץ וועגען דעם ענין... טו האָט מיר דערוויייל אַ גוטען טאָג.

— אָי, וואָסער אַ היציגער בחור דאָס איז ! — זאָגט דער דאָקטאָר, קוקענדיג אויף ברוך'ן מיט אויפגעשפּיצטע אוינען.

— נעהמט, ברוך, זייט ניט אזוי אין כעס. ער איז גאָר ניט אזוי שלעכט. ער האָט דאָס גלאַט געמאַכט אַ שפּאַס. אָט איהר וועט זעהן, אז ער וועט געבען דעם נאָטיץ.

— וואָס, איהר זיינט טאַקע אויף דער אמת... ע, מאַכט זיך ניט נאַ־ריש ! זעצט זיך אַוועק, מיר וועלען זיך נאָך איבערבעטען, — זאָגט בער־נער, אלץ גוטמוטהיג שמייכלענדיג.

ברוך אָבער איז גלייך אַוועק פון טישעל, אויפ'ן וועג נאָך אַ מאָל דערזעהן דעם הערר קרויזקאָפּ'ס שמייכלענדיג פּנים מיט די גאָלדענע רינ־גען אויף די פּוכקע הענד און נאָך אַ פּאָר אנדערע פּנים'ער, וואָס האָבען איהם נערוועז נאָכגעשמייכעלט, און שוין ניט ווייט פון טיהר האָט ער זיך אנגעטראָפען מיט דער עלעגאַנטער מיסס פינקעל.

זי איז איהם אנגעקומען כמעט אנטקעגען, אָנציהענדיג די ווייסע הענטשקעס אויף די הענד, וואָס זיינען איהר אליין, ווייזט אויס, זעהר געפעלען. און האָט זיך שמייכלענדיג אַ ווענד געטהון צו ברוך'ן :

— העלאָ, ברוך ! וואָס־זשע, איהר דערקאָנט שוין גאָר קיין מענשען ניט ?!

ברוך האָט איהר געענטפערט אויף איהר בעגריסונג, איהר געגעבען די האַנד, זיך ענטשולדיגט, און דערביי נעקוקט אין איהרע שמייכלענדי־גע אויגען, אויף איהרע ליידענשאַפטליכע ליפּען, אויף איהר הוט „א־לא־נאַפּאָלעאָן". — — —

באַלד אָבער האָט זיך פון אַ טישעל אַהויב געטהאָן בינעס, וועלכען

ברוך האָט גאָר ביז איצט ניט געזעהן און האָט א לאַך געטהאָן ברוך'ן גלייך אין פּנים אריין. גלייך מיט בינעם'ן האָט זיך אויך א הויב געטהאָן דער דעבאטאנט רייכער, שוין האַלטענדיג בינעם'ען פאַר'ן ארבעל און שרייענדיג: ווארט, ווארט! אָט הערט זיך נאָך איין. — בינעם'ען איז דאס, ווייזט אויס, גאָר געפעלען געווארען און ער האָט זיך נאָך מעהר צולאכט און איז זיך לאנגזאם, הינטען ארום, ארויף אויפ'ן בייג־קעל. דער אַלטער רייכער האָט שוין געהאַלטען אזוי ווייט אין זיינע טענות, אז ער האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזט בינעם'ס ארבעל און זיך גע־הויבען צו איהם מיט זיין גרויען קאָפּ, מיט'ן גרויען שפּיציגען בערדעל. בינעם איז אָבער גלייך ארויף אויפ'ן טיש. פון אַלע טישלעך האָט מען זיך מיט א מאָל א הויב געטהאָן, איינע מיט א געלעכטער, אנדערע גלאָט ניט וויסענדיג וואָס דאָ קומט פאָר... דאָ ערשט איז דער אַלטער רייכער צו־מישט געוואָרען. זיין ווייסער פּנים איז בלאָס געווארען און ער האָט זיך גלייך גענומען זידלען: משוגע'נער! און דערזעהענדיג אויך ברוך'ן, האָט ער שוין גענומען שרייען:

— משוגעים! דעקאדענטען! מען קאָן דאָך מיט אייך קיין גלייך וואָרט ניט רעדען! מען דאַרף אייך פערשפּאַרען אין משוגעים־הויז!

ברוך איז ארויס פון קאַפע, ווי מען וואָלט איהם פון דאָרטען ארויס־געוואָרפען, און דעם גאנצען וועג אהיים איז ער געפאָהרען, ווי ער וואָלט מיט זיך א שווערע וואונד געפיהרט. און ווער איז ער דאָס אין גאנצען? — קומט ער צווישען יענע מענשען, פערליערט ער זיך, ווערט נאריש און פאַלט. ניטאָ מעהר קיין רוים, קיין ווייטקייט. שפּרייטסט אויס די הענד און דו הערסט דאכט זיך, ווי די נעגעל דראפּען אין א דנאָ — כאָטש בויג זיך צו מיט'ן קאָפּ און גריזשע דעם דנאָ מיט די צייהן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר ווען ברוך איז אריבערגעטראָטען די שוועל פון'ם לאנגען, האַלב־דונקעלען קאָרידאָר פון זיין הויז, וואָס איז גלאט געפלאסטערט מיט קליינע קוואדראט־שטיינדלעך, פונקט ווי ספּעציעל געמאַכט אויף צו גליטשען זיך, האָט ער מיט א מאָל פון זיך אַלעס אראָפּגעטרייסעלט, געגעבען א צוויי,

דריי האסטיגע שפּאַן און זיך ווי אַ צופריערענער איינגעל אַ גלימש נעי־
טהאָן איבער'ן גאַנצען ליינג פון קאָרידאָר.

לאַלא — דער בעל־הבית'טעס הונד, — האָט נאָך, זייענדיג ביי זיך
אויפ'ן ערשטען שטאָק, דערקאַנט פון דעם גליטש, אַז ברוך קומט, און ער
איז מיט אַ צופריערענער איבערגעבענהייט אראָפּגעלאָפען פון אַלע טרעפּ
אנטקעגען ברוך'ן.

קאַפּיטעל 6.

אויף מאָרגען צום אוטינג האָט ברוך פּערשפּעטיגט.

און אַז ער איז צוגעקומען צום באַרג, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט ארויף און אַ שמייכעל געטהון.

— צו וואָס דאַרף ער אָט דעם וועג, וואָס דרעהט זיך און בויגט זיך אַזוי תם'עוואַטע, ביז ער קומט אַ מאָל ארויף, אַז ער קען דאָך קלעטערן גלייך ארויף.

און ער האָט זיך גענומען קלעטערן, ווי אַ קאַץ צווישען די בוימער איבער שטיינער.

אויפ'ן מיטען וועג האָט ער אָנגעטראָפען אויף אַ סטיינגע־שלאַנג. די ברוינע שלאַנג מיט די דינע געלע פּאַסיקלעך האָט זיך פלוצלונג פאַנאַנדער־געוואָרפען, זיך אַ הויב געטהאָן אריבער, האַלב אָפּבויגענדיג צו איהם איהר פלאַטשיג קעפּעל מיט די רויט־גרינע אויגלעך און האָט ארויפגע־שטעקט צו איהם איהר צוצווייגטע צונג.

— פול — פול — פול — דו שעהנע בחור'טע! — האָט ברוך צו איהר אויסגעשריען אַ צופריעדענער און אויסגעשטרעקט צו איהר זיין האנד.

האָט די „בחור'טע" זיך אַ כאַפּ געטהאָן צוריק, זיך אַ שליידער גע־מהאָן אהער, אהין. איז אריין צווישען אַ קופּע שטיינער און — ניטאָ מיך.

אַ ווײַלע איז ברוך געשטאַנען אַ פערוואונדערטער, און נאָך דעם אַ שפּיי געטהאָן.

— טפו! דו טייוועל! און אַז דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט!

און ער האָט גענומען קוקען ארויף צווישען די בוימער, איבער די שטיינער. — אָה, ער האָט נאָך אַ גאַנץ ווייטען מהלך!

און ער האָט זיך ווייטער געלאָזט קלעטערן אויף זיין פריהערדיגען שטייגער.

און אז ער איז ארויף אויפ'ן בארג, האָט ער אָבגעווישט דאָס פער־פלאַמטע פנים און גענומען קוקען א צופריעדענער, ווי ווייט אונטערען בארג שפרייט זיך די גרויסע שטאָדט. — פון ערשטען בליק זעהן זיך בלויז שטיקער ווענד, לעבער פון פענסטער, קוימענס, ווי לאַנגע זיילען, בוימער... און די גאַנצע שטאָדט זעהט אויס ווי רואינען פון אַן א מאָל געוועזענער גרויסער שטאָדט.

— צום טייוועל! — ס'ארא וועלט דאָס איז! — שרייט ער אויס, און ער דרעהט זיך אום, נעהמט זוכען מיט די אויגען און דערזעהט באלד די קאָמפּאַניע דאָרט ערגעץ ארויף, אויפ'ן גראָז צווישען די בוימער.

— און וויפיעל מיידלעך! גאָט מיינער! וואו האָבען זיי דאָס אָנגע־נומען אזוי פיעל?!

און צווישען זיי זעהט זיך אָן די שטאָלצע חנה, אין א הימעל־בלויען קלייד, וואָס פאסט אזוי שעהן צו איהר ווייסען, מילד־ווייסען פנים.

אלע לינענדיג און זיצענדיג זעהען איהם אויס, ווי א טשערעדע, ווי א שעהנע, פארבינגע טשערעדע.

— הא־הו־ו־ו! — שרייט ברוך אויס — הא־הו־הו!

— אָ, ברוך! ברוך! — שפּרינגען זיי אלע אויף און לויפען איהם אנטקעגען:

— פון וואַנען האָט איהר זיך גענומען?

— דורך וואַנען זיינט איהר ארויף?

— ברוך!

— ברוך!

— פאַר וואָס האָט איהר פערשפּעטיגט?

און ברוך'ס ענטפער אויף די אלע שאלות איז:

— ווי שעהן איהר זייט דאָס אלע. איהר און די קליידער אייערע, ווען איהר שפּרינגט אָט אזוי, אונטער דער זון אויף א הויכען בארג אנט־קעגען מיר! — עס האָט דאָך נאָך די וועלט, ביז אייך, נאָך ניט געזעהן אזעלכע זיהן און טעכטער, אזעלכע ציגען ווי איהר זייט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — צולאַכען זיך אלע אויף איין מאָל. — וואָס זאָגט ער? — ציגען! ציגען! כאַ־כאַ־כאַ!

— חנה! — שרייט אויס ברוך. — וואָס זייט איהר דאָרט געבליבען שטעהן אין שאָטען? קומט אהער! דאָ איז דאָך דאָ אזויפיעל זון, חנה!

און חנה, די שלאַנקע, אין איהר בלויער פרינצעס, מיט די ווייסע קרוזשעוועס, האָט בלויז אַ קוק געטהאָן מיט איהרע ווייטע אויגען אויף ברוך'ן און אויף דער פאַרביגער געזעלשאַפט, וואָס איז מיט איהם ווי אין זון פערטרונקען, און זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן און אויפגעהויבען איהרע שעהנע לאַנגע הענד צום בוים, וואָס איבער איהר קאָפּ און האָט זיך נאָר גענומען בּרעכען אַ צווייגעל...

ברוך איז פון דעם ווי צומישט געוואָרען, האָט צוואַוואָרפען זיינע בליקען: — דאָ און דאָרטען האָבען זיך געהויבען שטיינער, פעל־זען, העכער און ניעדריגער, און האָבען אויסגעזעהן ווי צוקנייטשטע, גרויע כוואַליעס, וואָס זיינען נאָך אַ מאָל, אַ מאָל אַנגעלאָפען אויף דעם גראָז און האָבען זיך פער'חידוש'ט, האָבען זיך פערקוקט אַרויף צום הימעל און זיינען אַזוי פערגליווערט און פערשטיינערט גע־וואָרען. די בוימער: זייערע שטאַמען, זייערע צווייגען מיט די בלעטער האָבען איהם אויסגעזעהן ווי רייכע שטיקערייען אויף דער בלויער לופט, וואָס שאָטענען אוים זייער צווייגהאַפטען געוועב אויפ'ן גרינעם גראָז. און אויף דער אַנדערער זייט קומט דעם הימעל'ס בלויקייט צו צום באָרג'ס ברעג אַזוי נאָהענט, אַז עס דאַכט זיך, ווי פון דאָרטען הויבט זיך אָן אַ וואַסער, אַ ווייט, אונענדליך־ווייט, בלוי וואַסער — — — און חנה, אַ ווייסע, אַ בלויע שטעהט זיך אויפ'ן ווייך־גרינעם גראָז אונטער דעם שאָ־טענדיגען בוים און ברעכט זיך אַ צווייגעל...

— שטעהט טאַקע בעסער דאָרטען! — שרייט ער אוים. — אַזוי איז נאָך שעהנער, חנה! — האָט חנה אויף איהם אַנגעשטעלט איהרע אויגען און איהר שמייכעל און געפרעגט:

— וואָס? איהר שרייבט איצט?!...

אַ שאָטען איז דורכגעלאָפען איבער ברוך'ס שמייכלענדיגען פנים. דער עולם האָט דאָס בעמערקט און אַלע האָבען גענומען פאַטשען:

— הורא! הורא! בראַוואָ!

— בראַוואָ, בראַוואָ! — שרייט אויך ברוך אַליין. — נאָר אויב שוין יאָ אַזוי, איז טאָ לאָמיר כאָטש עסען.

— עסען, עסען, עסען! — שרייען אוים עטליכע מיידלעך.

— אָט דאָס זעהסטו, ברוך, איז שוין דוקא אַ קלוגער פערלאַנג... —

רופט זיך אָב בינעם, און פונקען פון אַ שטעכיגען געלעכטער צינדט זיך דערביי אָן אין זיינע אויגען.

— אָי, אָי, ס׳אַרא גלענצענדע אידעע! — שרייט אויס ביילקע, אונ־טערשפרינגענדיג צו חנה׳ן, און חנה ענטפערט מיט איהר שמייכעל, האַלב קוקענדיג אויף ברוך׳ן:

— ווי פרעהליך איהר זייט דאָס היינט, ביילקע!

— ס׳הייסט... אַזאַ יאָהר אויף מיר, ווי קלוג ער איז, — זאָגט מאַקס, זיך ווענדענדיג צו אַלעמען. — און איהר ווייסט? — מיר האָבען דאָך דאָ אויך ביער.

— מאַקע! — שרייט אימיצער אויס.

— טו צובינדט די קלומקעס! — קאָמאַנדעוועט ברוך. — קומט, חברה! צוערשט ווע׳לען מיר אַריינעסען און נאָכדעם ווע׳לען מיר שוין, ווי נים איז, איבערקעהרען דעם באַרג מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ.

און אַז מען האָט זיך אויסגעזעצט עסען, האָט זיך ברוך פּלוצלונג דערמאָנט.

— איהר ווייסט, מיך האָט נאָר וואָס בעגעגענט אַ שלאַנג.

חנה האָט עפּעס אָהן אַ שום אורזאַכע אַ ציטער געטהאָן, אויפגעהויבען אויף איהם צושראָקען איהרע אויגען און איז באַלד דערויף רויט געוואָרען.

— נו׳ו?! — פרעגט אימיצער פון עולם.

— זי האָט זיך גענומען בויגען צו מיר אַזאַ ציטערדיגע, אַזאַ שטאָל־צע, אָבער ווי נאָר איך האָב צו איהר אויסגעשטרעקט מיין האַנד, האָט זי זיך מישב געווען און איז גאָר אין גאַנצען אַנטלאָפען.

— אייערע גליקען!...

— מאַקע!

— וואָס איהר רעדט?!

— ס׳אַרא מאָדנע זאַך מיט דיר, מיין פריינד, — רופט זיך אָב בינעם. — מיר דאַכט, אַז דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, ווי דאָס טרעפט מיט דיר פונקט דאַן, ווען דו שטרעקסט אויס די האַנד...

ברוך ניט בלויז אַ קוק אויף בינעם׳ען און פרעגט ביי מאַקס׳ען:

— און וואָס זאָגסטו דערויף, מאַקס?

— וואָס? — פרעגט מאַקס, נעהמענדיג זיין גלאָז ביער אין האַנד.

— דו טרינקסט דאָך ניט? חנה זאָגט, אַז דו טרינקסט ניט... לחיים, לחיים!

— הערסט אַן איינפאַל! און ווי אַז מיר ווילט זיך איצט אַ גלאָז ביער?

— וואָס, איהר טרינקט דען? — פרעגט איהם חנה, אַזוי ווי בייז און עטוואָס דערשראָקען. — — —

ברוך'ן האָט אַ רייץ געטהאָן דאָס, וואָס מאַקס וויים דורך איהר, אַז ער טרינקט ניט, און דאָס, וואָס זי מאַכט דעם אָנשטעל פון „אַ פערזאָר־געריין“, און אויפ'ן אָרט פון צו ענטפערען איהר, האָט ער אויסגעשריען:

— העי, בינעם! דערלאַנג נאָר דיין גלאָז ביער!

— גיט איהם אַ גלאָז ביער, — רופט זיך אָפּ חנה, מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט געגעבען אַן ערלויבעניס, און ווי זי וואָלט זאָגען: ווענען אָרט דאָס?...“ נאָר ווען בינעם האָט זיך גענומען דערלאַנגען זיין גלאָז ביער צו ברוך'ן, האָט זיך חנה אויף אַ ווײַלע צושמייכעלט נערוועז, און באַלד אָנגעכאַפּט בינעם'ען פאַר'ן האַנד און מיט אַ קינדערשער פער־עקשנט'קייט גענומען שרייען קינדעריש צוצויגען:

— ער טר־יי־נ־נקט נישט!

ביילקע איז אויפגעשפרונגען, אויסגעשטרעקט איהר האַנד און זיך איבערווינקענדיג מיט בינעם'ען, האָט זי געזאָגט:

— בינעם! גיט בעסער מיר דאָס גלאָז ביער!

בינעם גיט איהר איבער, און ביילקע נעהמט דאָס גלאָז ביער און טראָגט עס צו גלייך ברוך'ן:

— טרינקט, ברוך!

ברוך האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט די מיידעל און נאָכדעם האָט ער ארויפגעלעגט זיין האַנד אויף איהר קאָפּ און געזאָגט צו איהר לאַנגזאַם:

— איהר זייט אַ גוט און קלוג מיידעל, נאָר איך טרינק ניט.

ביילקע בלייבט שטעהן פאַר איהם מיט'ן גלאָז ביער אין האַנד:

— וואָס הייסט? — פרעגט זי און קוקט אויף איהם פערוואונדערט.

— איהר פערשטעהט, איך טרינק קיינמאָל ניט.

— נעהט, איהר זייט אַ שלעכטער, — זאָגט זי, אַראָפּלאָזענדיג די אויגען.

— איך — אַ שלעכטער! — וואָס פעלט אייך איין?! — זאָגט ברוך, זי כמעט אַרומנעהמענדיג.

— יאָ, איהר זייט אַ שלעכטער, אַ שלעכטער, אַ שלעכטער מענש!...

— זאָגט זי, ווי זי וואָלט מיט איהם איצט אונטערפיהרען אַן אַלטען חשבון.

— חנה! — ווענדעט זיך ברוך צו חנה'ן, און ער לאָזט ביילקע'ן ניט אַרויס פון זיינע הענד. — בין איך טאַקע אַ שלעכטער?

— כאַ־כאַ־כאַ! — שרייט אויס חנה, מיט פערוואונדערט צועפענטע אויגען. — פון ווען אָן האָט איהר זיך דאָס אויסגעלערענט אַרומצונעהמען אַ מיידעל?

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען! — שרייט אויס ברוך און ווערט רויט. חנה האָט דאָס דערזעהן מיט איהרע גרויס־צועפענטע אויגען און איז אויך גלייך רויט געוואָרען.

ברוך האָט אַרויסגעלאָזט ביילקע'ן פון זיינע הענד, און אָנגעהמענדיג בלויז איינע פון איהרע הענד, געפרעגט:

— ניט אמת, אַז חנה זעהט נאָך אויס אַ סך שעהנער, ווען זי ווערט מיט אַ מאָל אַזוי פּלוצלונג רויט?... אָה! — איהר, הייסט דאָס, זייט אויך רויט געוואָרען?! — זאָגט ער צו ביילקע'ן.

— גאָט מיינער! ס'אַרא שלעכטער מענש איהר זייט! — האָט ביילקע אויסגעשריען, אויפּפּאַטשענדיג מיט די הענד.

און בינעם איז מיט אַ מאָל אויפגעוואַקסען צווישען זיי, ווי פון אונטער דער ערד און האָט אויף זיי אַלעמען אויסגעפּלאַצט מיט אַ מורא'דיגען, פוסטען לאַכען. — — —

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט.

מאַקס האָט געוואָלט אַ פּאָר מאָל עטוואָס זאָגען, אַריינוואַרפען אַ וואָרט, נאָר ער האָט אַליין מורא געהאַט, טאָמער וועט דאָס אַרויסקומען ניט אַזוי... און חנה מענה'ט דאָך מיט איהם נאָכדעם, אַז אין אַזאַ פאַל, איז בעסער ווען מען שווייגט". און זי איז דאָך טאַקע גערעכט, ווייל וואָס ווייס ער, וואָס זיי רעדען דאָרטען? נאָר אָט דאָס, וואָס טאָמער קריגט מען ניט מאָרגען קיין „דושאָב" איז טאַקע שלעכט, און ער כאַפּט זיך אַרויס:

— אויף מיין וואָרט, ברוך... ווי מיינסטו? מיר קריגען מאָרגען אַרבייט? אַ?... — דאָ בעגעגענט ער זיך מיט חנה׳ס אויגען, און ער קען זיך אָבער שוין ניט אָפּשטעלען און ער רעדט ווייטער: — איך מיין... איך ווייס... וואָס זאָגסטו?... ס׳וועט דאָך זיין זעהר אַ מיאוס׳ע מעשה...

חנה שמייכעלט אפילו, אָבער מאַקס קען פאָרט לאַנג ניט קוקען אין איהרע אויגען, אָפּשטעלען קאָן ער זיך אָבער אַלץ ניט:

— אַ מיאוס׳ע מעשה, — רעדט ער ווייטער. — הערסט, ברוך, איך זאָג דיר — ווען אָט אַ די פלענער דיינע וואָלטען נאָר ניט געווען קיין באָבע מעשות, איז אַזאַ יאָהר אויף מיר... דאָ איז מען דאָך עפּעס אַזוי ניט זיכער... אַז דער רוח זאָל דאָס ווימען. איך מיין...

— אָט אַ פּנים, מאַקס, אַז פאַר דיר וואָלט אויך געווען בעסער ניט צו טרינקען, — רייסט איהם חנה איבער.

— איך ווייס?... אַ? וואָס האָב איך דען געזאָגט? — — — —

בינעם צולאַכט זיך ווידער...

— וואָס לאַכט איהר, בינעם?! — שרייט אוים לאה, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך ווי גאָר ניט צוגעקוקט צו דעם, וואָס דאָ קומט פאָר און אַלץ פערבראַכט מיט אַנדערע, זייטיגע...

חנה׳ס האַרץ איז מיט אַ מאָל ווי אָפּגעבריהט געוואָרען פון לאה׳ס אָננעהמען זיך.

פאַר אַלעמענס אויגען האָט מיט אַ מאָל ווי אויפגעציטערט לאה׳ס זאָנדערבאַרע ליעבע צו ברוך׳ן.

ביי נחום׳ען האָבען פון דעם אויפגעגלאַנצט די אויגען און ער האָט מיט אַ גאַליגען שמייכעל אַ זאָג געטהאָן:

— בינעם׳ען טהוט הנאה, וואס ברוך האָט צוגעקראַגען אַ נייעם אָנהענגער פאַר זיינע „פרייע דערפער".

ברוך אָבער האָט זיך מיט אַ מאָל אהויב געטהאָן און, ווי אַראָפּוואַר־פענדיג פון די אַקסלען עפּעס, וואָס מוז אַרונטערגעוואָרפען ווערען, האָט ער אויסגעשריען:

— וועל, חברה, נענוג זיך נאַריש געמאַכט! קומט, לאָמיר זיך עפּעס נעהמען טהאָן!

אַלע האָבען זיך מיט אַ מאָל דערפיהלט ווי בעפרייטע, זיינען אויפ־געשפּרונגען פון זייערע פּלעצער און זיך גענומען שפּיעלען.

מען האָט געשפּיעלט אין באָל, אין קאַץ־און־מויז און גלאַט אַזוי אַרומגעלאָפן, געקלעטערט, געשפּרונגען.

חנה האָט אין די אַלע שפּיעלען קיין אַנטהייל ניט גענומען. זי האָט זיך גלאַט אַזוי אַרומגעדרעהט צווישען עולם, ווי אַן עלטערע, קליי־נערע שוועסטער...

עס איז געוואָרען פאַרנאַכט.

דער עולם איז נאָך אַרומגעשפּרינגען און געטומעלט.

ברוך און מאקס האָבען אין אַ זייט פון אַלעמען געשפּיעלט צווישען זיך אין „סטרעיט" באָל: דער האַרטער, ווייסער באָל איז מיט אַ האַסטיגער שנעלקייט אומגעפלויגען איבער דעם לאַנגען שטח פון איינעם צום צווייטען. אויסציהענדיג ווי אַ גלייכען שנור, אַ רונדען ווייסען פּאַס, און האָט זיך הילכיג אפּגעקלאַפּט — אָט אין ברוך'ס הענט, אָט אין מאקס' הענט.

נחום, לאה און דער יונגער מאַלער — מענדעל, האָבען זיך פערקליבען ניט ווייט פון זיי און געשמועסט צווישען זיך וועגען די לעבעדיגע ביבלי־שע בילדער צום קומענדען באָל. צווישען די ביבלישע בילדער האָבען זיי אויך אַריינגערעכענט הערצעל'ס בילד: „ביים טייך". לאה האָט דערמאָנט, אַז ברוך איז לעצטען יאָהר געוועזען זייער אונצופריעדען מיט הערצעל'ס בילד. נחום איז פון דעם געוואָרען אויפגערעגט:

— מאַלע וואס ברוך זאגט!....

און מענדעל האָט זיך דערמאָנט, ווי ברוך האָט איהם מיט כעס און ביטערקייט געזידעלט: דיין סטאַטיסט האָט געטויגט אויף כפּרות. אין דער פיגור האָט געפעהלט רוים און ווייטקייט. עס איז נאָך וועניג וואָס דו, ציוניסט מיינער, האָסט איהם אוועקגעשטעלט אַ קעניגליך שטאָלצען. — שטעהענדיג אָנגעלעהנט אָן צאַם פון בריק האָבען זיינע אויגען געדראַפט קוקען אויפ'ן וואסער מיט אַזעלכע בליקען, פון וועלכע מען זאָל זעהן, אַז דער טייך לעבט און ציהט זיך לאַנג און ווייט — — — רוים און ווייטקייט האָט זיך נעמוזט פיהלען אַרום דער פיגור. זי האָט געדאַרפט מאַכען דעם איינדרוק פון אַ פּלוצלינג אָנגעפלויגענעם אָדלער, וואָס האָט זיך דאָ נאָר אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט — עס האָט זיך געדאַרפט פיהלען, אַז דאָס איז איינער פון די וואָס קומען אַראָב פּלוצלינג פון ערגעץ אַ רוים, פון ערגעץ

אַ ווייטקייט, טראָגען זיך דורך פאַרביי אונז, שפּרייטענדיג אַרום זיך רוים און ווייטקייט און מיט אַמאָל בלייבען זיי ניט, טראָגען זיך אָפּ, פליהען אַוועק ערגיץ אין רוים, אין ווייטקייט אריין".

און מענדעל האָט אַ קוק געטהאָן אין ברוך'ס זייט, מיט וואָסער אַ חשק ער וואַרפט דאָס דאָרט און כאַפּט דעם באַל, און ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, אַראָפּגעריסען פון זיך דעם הוט און איהם אַ שליידער געטהאָן צו ברוך'ן.

ברוך האָט איבערדעם פערפעהלט צו כאַפּען דעם באַל. און דער באַל איז אַראָפּגעפאַלען ווייט פון איהם און איז אַ פרייער אַוועקגעשפּרונגען איבער'ן גראָז. עטליכע מיידלעך האָבען זיך גענומען יאָגען נאָכ'ן באַל, האָבען איהם אויפגעכאַפּט און זיך מיט איהם גענומען אומוואַרפען צווישען זיך.

— אהער דעם באַל! — האָט ברוך גענומען שרייען צו די מיידלעך. און דערזעהענדיג ווי מענדיל לויפט נאָך זיין הוט, האָט ער איהם אויפגע־כאַפּט און איהם אַ שליידער געטהאָן אַרויף אויף אַ בוים. דער הוט האָט זיך אָפּגעשלאָגען אָן די צווייגען פון בוים און גענומען פאַלען צוריק, האָט זיך ברוך ווידער אַ יאָג געטהאָן נאָכ'ן הוט. מענדעל אָבער איז איהם פערלאָפען דעם וועג.

— מאַקס! מאַקס! — האָט ברוך גענומען שרייען צוהאַלטענדיג מענדלען.

דער עולם איז זיך צונויפגעלאָפען. מאַקס האָט זיך אַ לאָז געטהאָן, אויפגעכאַפּט דעם הוט און נאָך איידער מענדעל איז אנגעלאָפען צו מאַקסען, האָט זיך דער הוט שוין געטראָגען איבער אַלעמענס קעפּ און פון אַלע זייטען האָבען זיך גענומען הערען געשרייען:

— אהער! אהער! אהער!

און די הוט האָט זיך גענומען טראָגען פון אַ צווייטען צו אַ דריטען און צו אַ פיערטען און מענדעל איז אומגעלאָפען ווי אַ פער'סם'טער און זיך גע־פּרואווט אין איין וועג כאַטש ביי אימיצען אַרונטעררייסען אַ הוט, אָבער עס געהט נישט... און אַט האָט שוין ברוך ווידער דעם הוט און פער־מעסט זיך איהם ווידער אַרויפצוואַרפען אויף אַ בוים. בעפאַלען איהם די מיידלעך פון אַלע זייטען, הענגען זיך אויף איהם אָן, כלומרשט — זיי ווילען דאָס איהם ניט לאָזען, ער זאָל אַרויפוואַרפען דעם הוט,

און ער ווערט פערטרונקען אין זייערע קולות, אין זייער: ברוך! ברוך! ברוך! און אַט האָט ער ארונטערגעכאַפּט אויך ביי מאַקס'ען די הוט — דער עולם האָט שוין צוויי... מען ווארפט, מען שליידערט זיי פון איינעם צום צווייטען, און פאַלט אריין א הוט צווישען די מיידלעך, שלאָגען זיי זיך אַלע צונויף אין איין קופּע מיט א קוויטשען, מיט א לאַכען, און ווארפט זיך צווישען זיי אריין ברוך, ווערט שוין גאָר א ווילדער טומעל... און נאָכדעם קלאָגט איהם א מיידעל פאר חנה'ן, אז ער איז שוין צופיעל צולאָזט.

און חנה, זיך האַלטענדיג אין דער ראָלע פון א עלטערע און קלוגערע שוועסטער, הערט אויס, בערוהיגט, פערענטפערט, און פון איהרע ווערטער טראָגט זיך א מין צופריעדענע צושטימונג:

— גאָר ניט, גאָר ניט. דאָס איז גאָר דערפאר, וואָס ער איז אזא וואוילער, אזא שטארקער, אזא לעבעדיגער... און די מיידעל, וואָס קלאָגט, ווערט בעסער, הויבט אויף איהם אויף פון א זייט איהרע אויגען און דערזעהט זיין הוט, גיט זי מיט אמאָל א שפרונג צו איהם, רייסט ארונטער דעם הוט און לאָזט זיך לויפען. ברוך לאָזט זיך נאָך איהר, און זי לויפט מיט א געשריי, מיט א פערשייטען לאַכען, לויפט איבער'ן גראָז, דרעהט זיך ריהרעוודיג צווישען די בוימער, קוויטשעט און שפּרינגט איבער די שטיינער. און ווען ברוך יאָגט זי אָן אויפ'ן ברעג, וואו עס רייסט זיך אָפּ דער בארג, לאָזט זי ארויס אן אונערוואַרטעטען, כלומרשט פערצווייפעלטען געשריי און פאַלט אריין אין זיינע שטארקע הענד.

— אויף מיין וואָרט, אז ער איז שוין טאקע גאָר צופיעל צולאָזט, — קלאָגט זי זיך ווייטער פאר חנה'ן.

און אזוי טרעפט דאָס מיט א צווייטער, מיט א דריטער, צוויי, דריי אויף איין מאָל, און ברוך'ן געפעלט זייער קלאָגען זיך, און דאָס, וואָס זיי קלאָגען זיך גראדע פאר איהר, פאר חנה'ן.

אָט יאָגט ער זיך נאָך דער קליינער ביילקע. מיט א געלעכטער און קוויטשעריי פערלויפט זי צו חנה'ן און בעהאַלט זיך קינדעריש הינטער איהר קלייד, און אז ער לויפט אָן א פערפלאָנטער, שטעלט זיך חנה פאר איהם אַוועק א שיינענדיגע מיט א שמאָלצען, ליעבען שמייכעל און זאָגט:

— איהר וועט דאָך אונז טאקע מיט אן אמת'ען צולאָזען אַלע מיידלעך! וואָס איז דאָס היינט מיט אייך?

כאַפּט ברוך אַרום מיט זיין האַנד חנה׳ס בויגינגע טאַליע:

— חנה! קומט לאָמיר לויפען! איך און איהר, חנה!

— נאָך דאָס פּעהלט אייך!... — שרייט חנה אויס פערוואונדערט, שמייכלענדיג און לייכט בויגענדיג איהר טאַליע אריבער זיין האַנד.

— חנה, חנה, חנה! — שרייט ברוך אַרויס פּלוצלונג, דערפּיהלענדיג אַ ווילדען ריס אין הארצען, און ער פערוואַרפט פיבערהאַפּט־שנעל איינע פון איהרע הענד אַרום זיין האַלז, נעהמט אַרום איהרע קניען, גיט זי מיט אַ מאָל אַ הויב אויף און לאָזט זיך מיט איהר לויפען ווי אַ צומישטער.

זי רייסט זיך, ראַנגעלט זיך און שרייט צושראָקען.

— וואָס טהוט איהר?! וואָס איז דאָס מיט אייך?! לאָזט מיך אָפּ! לאָזט מיך אָפּ, זאָגט מען אייך! איך זאָג אייך: לאָזט אָפּ! מיין גאָט! איהר זייט פון זינען!...

•

ביילקע איז געבליבען שטעהן אַליין, ווי אַן אויסגעמאָלענע אין איהר ראָזען קלייד צווישען די טונקעלע בוימער און איהרע אויגען האָבען פער־וואונדערט און צושראָקען נאָכגעקוקט ווי ברוך טראָגט מיט זיך הנה'ן אַלץ טיעפער און ווייטער אין וואַלד.

די קאָמפּאַניע האָט זיך צושאָטען פּאָרווייז אויף פערשיעדענע פּלע־צער פון באַרג. עטליכע האָבען נאָך געטומעלט דאָרט, אַרויף, די זון האָט זיך געבאָדען ניט ווייט פון זיי אין דער בלויקייט וואָס נאָך'ן באַרג און זייערע קולות האָבען דורך דעם געקראָגען אַ בעזונדער פאַרב און קלאַנג.

די זון איז אַלץ נידעריגער געשוואומען איבער דער גרויסער בלויקייט, ביז זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גרויסען בוים וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג פון באַרג און זיך גענומען דורכקוקען דורך זיינע צוואַוואַק־סענע צווייגען. איהרע שטראַהלען האָבען זיך אין פּאַסען דורכגעשפּאַרט דורך'ן בוים און די גאָלדענע פּאַסען האָבען זיך פערטשעפּעט אָן בוים און פעלז און גענומען מיטשלעפּען דעם באַרג ערגעץ אהין ווייט אין דער בלויקייט.

ביילקע האָט פון דעם אַ ציטער און אַ שמייכעל געטהאָן:

אין ברוך'ס אַ מעשה'לע געהט דער אַלטער מכשף אַרויס פון וואַלד. עס איז פאַר־נאַכט. נאָר־וואָס נאָך אַ רעגען. די פעלדער אַרום וואַלד זענען גרין און פייכט און דער מכשף געהט אַרויס פון וואַלד גרוי און וויים. אויף די פעלדער וואָס אַנטקעגען איהם שטעהט אַ גרויס־צוואוואַק־סענער בוים און די אונטערגעהענדע זון שפּאַרט דורך דעם בוים דורך איהרע לאַנגע גאָלד־רויטע שטראַהלען און די זון זעהט אויס דעם מכשף ווי אַ גאָלדענער פויגעל, און איהרע שטראַהלען — דאָס איז דעם פויגעל'ס גאָלדענער עק, וואָס משעפּעט זיך אָן אין וואַלד און פעלד און אין איהם און שלעפּט זיי מיט זיך אין דער וועלט פון נאַכט... און דער מכשף פערשפּרייט זיינע הענט און דאַנקט און לויבט און בענשט דעם גוטען

נאָלדענעם פויגעל, פאַר וואָס ער פליהט מיט זיי איצט אין דער וועלט פון נאַכט, אין דער וועלט פון רוהה און פריעדען — — —

ניט אמת, ווי עמיצער וואָלט איצט נאָכגעמאַכט ברוך׳ס א מעשה׳לע?
— האָט ביילקע דערהערט הינטער זיך.

ביילקע האָט זיך אויסגעדרעהט און פאַר זיך דערזעהן בינעם׳ן, זיין בלאַס פּנים מיט די שמייכעלדיגע רויטע ליפּען, און זי האָט זיך מיט אַמאָל צולאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ! ס׳אַרא מאָדנער איהר זייט, בינעם. איהר וואַקסט דאָך אויס עפּעס ווי פון דער ערד.

— ענטשולדיגט, ביילקע, איך שטער אייך פיעלייכט?

— חלילה, וואָס פאַלט אייך איין — ענטפערט ביילקע.

— נו, און ווי געפעלט אייך אונזער ברוך? ניט אמת, א פייערדיגער יונג? א? — פרעגט זי בינעם.

ביילקע אָבער צולאַכט זיך עפּעס אַזוי פּלוצלינג און זאָגט:
— איהר ווייסט, וואָס איך האָב געהערט ווענגען אייך?!
— ווענגען מיר? וואָס? — פרעגט בינעם פערוואונדערט.
— אז איהר פערליעבט זיך אין אַלע מיידלאַך, וואָס פערליעבען זיך אין ברוך׳ן.
— וואָס הייסט?

— איך וויים אויך ניט, וואָס דאָס הייסט — זאָגט ביילקע, נאָך אַלץ לאַכענדיג.

בינעם קוקט אָן ביילקען. — זי איז א ראָזעווע און איהר קלייד איז א ראָזעווע, נאָר דער אָפּגעלעגטער קאָלנער און די קנעפּ, איהרע האָר און איהרע אויגען זיינען שוואַרץ — — —

— און דאָס פּאַסט אייך דוקא שעהן — זאָגט ער צו ביילקען — נאָר פון דעסטוועגען וואונדער איך זיך, פאַר וואָס אייער קלייד איז ניט קיין הימעל־בלויע.

ביילקע צולאַכט זיך:
— כאַ־כאַ־כאַ! פאַר וואָס עפּעס בלוי?
— ווייל בלוי און ווייס — ענטפערט בינעם — איהר ווייסט — דאָס דערמאָהנט אייך באַלד אָן רוים און... אין ווייטקייט — — —

— גאַט מיינער! ס׳ארא לשון איהר נוצט דאַס — טע זאָל גאַר אַפּגעהיט ווערען. — זאָגטביילקע און לאַכט פון בינעמ׳ען — און דאַס איז דאָך מן הסתם אַלץ דערפאַר, וואָס חנה׳ס פּרינצעס איז אין בלוי און ווייס? — — —

— ניין, חלילה. — זאָגט בינעם און שפּארט זיך אָן אין׳ם בוים, וואָס איז צואוואַקסען איבער איהם און איבער ביילקען. — דאָס איז גאָר איבער אַ געשפּרעך וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט מיט ברוך׳ן. — איך האָב איהם פאַרגעוואָרפען, אַז ער איז אַ קריסט און דאָס, פערשטעהט זיך, איז געווען, ווי איך וואָלט איהם אַ וואָרף געטהאָן אַ גיפטיגע שלאַנג אויפ׳ן הארצען, ווייל איהר ווייסט, אַז ער איז דאָך אַ מאָדנער מענש, ער האָט אַ מאָדנע פעהיגקייט צו פערגעסען אין זאַכען, פון וועלכע ער וויל ניט טראַכטען. נו, און מיט׳ן וואָרט „קריסט" דערמאָהנט מען איהם גלייך די פּאָגראָמען און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען. און איהר ווייסט, נאָך זיין מיינונג איז דאָך אויף דער וועלט איבערהויפּט קיין קריסטען ניטאָ, אויסער פּיעלייכט עטליכע מאַנאַכען און נאָך אַ פּאָר מענשען, וואָס מען קאָן זיי איבערצעהלען אויף די פינגער.

ביילקע רייסט איבער בינעמ׳ען:

— כ׳איז אמת, אַז זיין מאַמע איז משוגע געוואָרען נאָך׳ן פּאָגראָם?

— געוויס, זי איז דאָך נאָך ביז איצט אין משוגעים הויז. און ווען איהר זאָלט נאָך וויסען ווי שווער עס איז געווען צו גלויבען אַז אין יענעם דאָרף וועט עס זיין אַ פּאָגראָם. די פּויערים האָבען זיי דאָך אַלע אַזוי ליעב געהאַט. און ברוך׳ס זיידע איז דאָך ביי זיי געווען כמעט ווי אַ פאַטער.

— יאָ — רייסט איהם ביילקע ווידער איבער — איז וואָס־זשע האָט איהר געוואָלט דערצעהלען — — — איהר האָט דאָך געוואָלט עפּעס דערצעהלען וועגען רוים און וועגען ווייטקייט, דאַכט זיך.

— יאָ — ענטפערט בינעם — איך האָב דאָס איהם פאַרגעוואָרפען אַז ער לעבט אַזוי, פּונקט ווי זיין קעניגרייך איז ניט פון דער וועלט, און, אַז איבער דעם זאָגט ער זיך דאָס אָפּ פון לעבען און פון זאַכען, און אַז ער גלויבט נאָך מן הסתם אין תחית המתים, איז ער דאַן אויף מיר אין כעס געוואָרען און האָט מיר אַזוי געזאָגט: — „ערשטענס ביזטו אַ פערד. און צווייטענס, גלויב איך ניט אין תחית המתים, ווייל איך גלויב, אַז די וואָס קוקען אין רוים, אין דער ווייטקייט — די שטאַרבען גאָר ניט און

ווייסען ניט פון שטאַרבען, און אַלץ פון וואָס זיי טראַכטען און וואָס זיי בעגעהרען — זעהען זיי נעבען זיך, און ניט אין קיין אַנדער רייך".

משה האָט געזעהן דאָס געוואונשטע לאַנד, כאָטש ער איז פּערבליבען אין דער מדבר; משה, אָט דער איינציגער, אָט דער ריעזיגער משה, וועלכער בלייבט אין דער מדבר, ווייל ער וויל זיך ניט צושיידען מיט'ן רוים, מיט דער ווייטקייט, און ווייל די אַלע אַנדערע קלייניגקייטען וועט שוין יהושע קאָנען פערזאָרגען אָהן איהם. — — — און זיין גאָט איז מיין גאָט און זיין תורה איז מיין תורה. די תורה פון דער וועלט, די תורה פון לעבען, ווייל אויסער'ן לעבען הערען אויף אַלע אמת'ן, דו הערסט וואָס מען רעדט צו דיר? ! — די תורה וואָס בינדט צונויף די ערד מיט'ן רוים און מיט דער ווייטקייט.

פּאַרביילקען איז דער ענין שוין אביסעל צו טיעף, נאָר פון דעסטוועגען כאַפּט זיך ביי איהר ארוים:

— און אָט דערפון, ווייזט אויס, נעהמט זיך, וואָס אין זיינע מעשה'לאך, איז פאַראַנען אַזוי פיעל נאָהנטקייט און ווייטקייט.

— יאָ, יאָ: נאָהנטקייט און ווייטקייט — רופט זיך אָפּ בינעם — איהר האָט זעהר גוט בעמערקט.

— אָבער איהר ווייסט — — — ?

— וואָס? — פרעגט בינעם.

— מיר דאַכט — זאָגט ביילקע — אַז ער איז נאָר ניט אזא „היילינער" ווי איהר אַלע מיינט.

— וואָס הייסט?

— עס הייסט — זאָגט ביילקע אָפּ זיכער און פילדרייטיג.

— ניין, בעלא, איך...

— איך הייס ביילקע, ניט בעלא — רייסט איהם ביילקע איבער — און איהר ווייסט? — גיט זי זיך פּלוצלונג א כאַפּ און קוקט מיט א שמייכעל בינעם'ען גלייך אין די אויגען אריין. — אָט ווען איך קוק אויף איך, דערמאָהן איך זיך נאָר, אַז אייער ברוך האָט דאָך אויגען ווי ביי א קינד.

— איאָ אַזוי? א? — — —

באַלד אָבער ניט זיך ביילקע מיט אמאָל א ריס:

— אָבער ער איז אַ שלעכטער. ער איז אַ שלעכטער מענש — שרייט זי אויס מיט גאַל, און איהר שמייכעל פערשווינדעט. — און איהר אַליין זענט עפּעס אויך אַזאַ מאָדנער. אין די אויגען, זעה איך, לאַכט איהר פון איהם, איהר קריכט צו איהם מיט די פיס אין הארצען, און אונטער די אויגען מאַכט איהר איהם פאַר אַ גאַנצען נביא.

— וואָס, איהר זייט אויף מיר אין כעס? — פרעגט בינעם אַ צו־טומעלטער.

לאה מיט נחום׳ען זענען פערביינגעגאַנגען און ביילקע׳ס רוגז האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעבראָכען מיט אַ שמייכעל; געשמייכעלט האָט זי פון דעם, וואָס עס האָט אויסגעזעהן — לאה געהט און נחום שלעפּט זיך נאָך... און פון דעם, וואָס בינעם איז נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען ווען ער האָט דערזעהן לאה׳ן און נחום׳ען...

און ברוך איז דערווייל געלאָפען דורך די בוימער מיט חנה׳ן אויף די הענט. און ער האָט זיך מיט איהר אָפּגעשטעלט ווייט פון אַלע — ביי דעם אייזערנעם צוים, וואָס נאָך׳ן „אַדלער פעלז“.

אַ מינוט האָט ער אויף איהר געקוקט און דערביי געפיהלט די גלאַט־קייט און ווארעמקייט פון איהרע שלאַנקע פיס און ער האָט זיי גענומען פּרעסען צו זיך נאָך שטאַרקער. און זי האָט זיך אַלץ געריסען און זיך געסטאַרעט צו זיין בייז:

— אָבער לאָזט שוין אַמאָל אָפּ! לאָזט אָפּ!

אָבער ברוך האָט איהר פּלוצלונג אַ הויב געטהאָן העכער פון אייזער־נעם צוים און גענומען בייז פּאָדערען:

— גיט אַ שמייכעל! גיט אַ שמייכעל ווי אַ קינד! אַז ניט — פאַלט איהר!..

און ער אַליין איז ווי פערפרוירען געוואָרען פון שרעק, ווייל דער קלאַנג פון זיין שטימע האָט איהם אַליין געזאָגט פעסט און זיכער, אַז — — —אָט, אָט, נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע און זי פאַלט, פאַלט פון אָט דער שווינדעליכער הויך — — —

זי האָט אין זיינע הענט אַ לייכט ציטער געטהאָן און גלייך דערויף גענומען שמייכלען, געהאַרכזאַם, מיט דעם שמייכעל פון אַן אונשולדיג קינד.

— אָבער, ווי ווערט מען אַזוי צובאַלעוועט? גאָט מיינער! — האָט זי אַרויסגעזאָגט שמייכלענדיג. געוואָלט האָט זי מיט די ווערטער זיין שטרענג און פערטויבען איהר געהאַרכזאַמקייט, אָבער אַרויסגעקומען איז דאָס עפּעס אַזוי וואַרעם, אַזוי ליעב... אַז אַט — זאָל ער זי נאָך האַלטען — — —

א צופריעדענער האָט ער זי אַרונטערגעשטעלט נעבען זיך, זאָגענדיג:

— אַט אַזוי זיינט איהר מיר אַ וואוילע!

— געהט צום טייוועל! — האָט זי האַלב ערנסט אַ זאָג געטהאָן. נאָכדעם האָט זי זיך גענומען קוקען אויף איהם דורכדרינגענדיג, שטרענג:

— איך וויל ניט, אַז איהר זאָלט צוגעהן צו מיר נאָהענט! איהר הערט? !

ברוך, אָבער, האָט זי אָנגענומען פאַר'ן האַנט העכער פון עלענבויגען און אַריינגעקוקט איהר גלייך אין די אויגען, און געזאָגט:

— חנה, שמייכעלט אַט איצטער, עס וועט דאָך זיין אַזוי שעהן... שמייכע'לט איצטער — אַט, גלאַט אַזוי זיך. אַליין — — — —

און חנה האָט ניט אויסגעהאַלטען, זי האָט זיך געפיהלט ווי אַ „נע־כאַפּטע" און זי האָט גענומען שמייכלען האַלב פערשעמט, זיך אָפּגעדרעהט אויף אַ זייט און אַ ביסעל אַראָפּגעלאָזט איהר שעהנעם קאָפּ און אָפּגעזאָגט שטיל, מיט אַ קינדערשער מינע:

— געהט צום טייוועל!..

— חנה! איהר זייט דאָך נאָך אַ קינד, אַ חנקע! מיר זענען דאָך נאָך אַלע קליינע קינדער, צולאָזטע, גליקליך־נאַרישע, חנה! און וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ זומער! אַזאַ זוניגער, ווילדער? !

און וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדע געוואָרען, קליידער וואָס פערשפּיע־לען זיך פון אויבען ביז אַראָפּ? און נאָך מיט אַזעלכע גרויסע, פּערלמוטערנע קעפּ.

און פאַר וואָס איז דיין קלייד גראַדע אַ בלויע?

די פּעטליעס זענען האַלב רונדע, מיט אַ ווייסינק־זוימעל און פאַר־וואָס זענען אַט אַ די פּערלמוטענע קנעפּ און די בלויע פּעטליעס, אַזוי ריכטיג גלייך?.. און דערלויפען ביז'ן סאַמע ברעג פון קלייד?..

און פאַרוואָס איז דאָס בלויז אויף איין זייט?

און גראָדע אויף דער לינקער? און אַט דאָס מילך־ווייסע זוימעל, בויגט זיך און שלענגעלט זיך נעבען די פערלמוטענע קנעפּ און לויפט שנעל איבער דיין רונדער, לינקער ברוסט, איבער דיין שלאַנקען, לינקען פוס.

פאַר וואָס נאָר איבער דיין לינקען? .. זיינען דען ביי דיר ניטביידע ברוסטען אלץ איינס שעהן?

זיינען דען ניט ביי דיר ביידע פיס אלץ איינס שלאַנק?

און דיינע האָר זיינען צושויבערט און פאַלען אויף דיין ווייסען, ליכטינגען פּנים.

אַט נעהמען דיינע הענט פערריכטען די האָר, און דיין טאַליע ווערט נאָך רייצענדער, לענגער... אין די בלויע ארבעל איז אריינגעארבייט דאָס שעהנע ווייסע געוועב און עס שלאָגט זיך דורך די בלענדענדע לויטערקייט פון דיינע שעהנע רונדע הענט.

און איךְ בין מיט'ן קאָפּ און מיט די אַקסלען העבער און שטאַרקער פון דיר.

און אין מיר רייסט זיך איצט: פייער, חנה, פייער!

— נעה אוועק! נעה אוועק!

און ברוך כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַר די אייזענס.

און דערפיהלט ווי אַפּצורייסען אַט די אייזערנע צוים!

און חנה שטעהט און קוקט אויף איהם מיט איהרע ווייטע אויגען און שמייכעלט...

לעגט ברוך ארויף זיינס אַ האַנד אויף איהרע ווייכען, רונדען אַקסעל.

זייערע אויגען בעגעגענען זיך און חנה ציטערט אויף, לייכט שמייכלענדיג...

חנה! — — — ער נעהמט ארום איהר טאַליע, זי גיט זיך אַ בויג און פאַלט צו צו איהם. אַט איז זי נעבען איהם, אַ ווארעמע, אינגאַנצען אַן אויסגעצויגענע — — — טוליעט זיך...

— חנה! חנה!...

נאָר דאָס הארץ האָט אין איהם מיט אַמאָל אַ פערצווייפעלטען ציטער געטהאָן... די אויגען האָבען זיך ביי איהם פלוצלינג אַנגעצונדען בייז, די ליפּען האָבען גענומען שמייכלען קלוג און פון מויל האָט זיך ארויסגעריסען:

— ל י ל י ת!!

האָט חנה א שטאַרקען ציטער געטהאָן און זיך גענומען רייסען:
— לאָזט אָפּ!·

ער האָט זי אָפּגעלאָזט און אויף זיין פּנים האָט זיך געשפּיגעלט כמעט א טיוווליש לאַכען:

— אַט צוליעב דעם ווערען דאָס א ל ע פרויען געבוירען?
— ווילדער בחור! וואָס האָט זיך אייך גע'חלום'ט? ! לענט זיך צו א קאַלטען קאָמפּרעס צום קאָפּ! — — —

זי האָט זיך אויסגעדרעהט און איז אוועק.
ער האָט איהר נאָכגעקוקט...
נאַכטיג...

גראָז, בוימער, שטערען... און עס דערוויטערט זיך דאָס בלויע קלייד... אַט איז דאָס שוין ניטאָ, און אַט בעווייזט זיך דאָס ווידער אין'ם אבענד, צווישען די בוימער — — — און פון דא און דארט שווימט, פון מאָל צו מאָל, ארויס בינעם'ס קאָפּ: — צופּאטלעטע האָר, א בלאַס פּנים, רויטע ליפּען, אויסגעטשירעטע ציין, וואס לאַכען — — — לאַכען גלייך אין פּנים אריין — — —

ערגעץ נעבען א שטיין ליגט די קאָמפּאַניע א מיעדע, א מיידעל פּערציהט דאָרט דעם פּראָלעטארישען המבדיל:

ווייַ־מער אר־בייט, ווי־דער אר־בייט! ...

ווי־דער דרע־הען די מאַ־שי־נען!

די איבריגע נעהמען איהר ארויסהעלפען...

די טענער טרייסלען זיך אויף, נעהמען זיך ציטערדיג פּלעכטען, מישען זיך איבער, גיסען זיך צונויף אין א הארציג־צוזאמענגעגאָסענעם כוואַליע.

די כוואַליע נעהמט זיך שפּרייטען איבער די גראָזען און איבער שטיי־נער, איבער נאָהנטע און ווייטע בוימער, און דער כאָר צוואַקסט זיך, ווערט נאָך אַלץ גרעסער און גרעסער, דער גאַנצער בארג, דוכט זיך ברוך'ן, ווערט פול מיט אַלטע אידישע פּנים'ער, גרויע בערד, הארפען... די קלאַנגען פּערזיפּצען זיך שווערער, דריקענדער, — דאָס זינגען מיט די אונטערגע־הענגדע דורות, ציהען מיט'ן אַלטען אידישען ניגון דעם נייעם זונטאגדיגען

המבדיל... די לעצטע סטרונע... צו וועלען דען די קינדער פון אַט דעם דור אידיש קענען? צו וועלען זיי אידיש וויסען?..

ברוך דרעהט זיך אוים, קוקט אראָפּ פון בארג, ווייט, ווייט אראָפּ, עס ליגנט צוואוואָרפען די גרויסע שטאָדט, ברייט און ווייט, נאַכטיג... דעכער, דעכער... שפּיצען, טורעמס און איבער זיי ציהט זיך און שפּרייט זיך א נעדיכטער, ווייס־גרויער נעבעל. דורך דעם נעבעל שלאָגען זיך דורך טויזענדער און טויזענדער עלקטרישע פייערען און קוקען ארוים ווי שטער־רען, ווי לבנות פון א טיעפען ים.

א ווינטעל.

עס רוישען די בלעטער, און אַט דאָס פערפלוכטע, אַט דאָס פער־שאָלטענע זינגען!

איהר וועט דאָך דאָרטען באלד צוקוועטשט ווערען פון אייערע איי־גענע מענער! אייזלען, אייזלען! אייך איז איצט שווער זיך אומצוקעה־רען אין אייערע ענגע שמוציגע גאַסען און געסלאַך? א? שווער?... נאָר איהר זייט פערשאָלטען? פערשאָלטענע!

און די גאַנצע שטאָדט אונטען, קוקט ארויף מיט איהרע טויזענדער פייערען.

און אין זיין הארצען פערנעהמט זיך עפּעס מורא'דיג, שווער; און זיין האַרצען, פיהלט ער, פרעסט זיך איצט א ים, א ים פאר א שטורעם. און די גאַנצע שטאָדט איבער'ן שטאָדט זעהט אוים ווי א ים פאר'ן שטורעם.

ווייט הינטער איהם דערהערט זיך א קנאַקען. חברה האָבען, ווייזט אוים, בעשלאָסען צו בלייבען נאָך א פּאָר שעה, און האָבען צו־לענט א פייער. דורכזיכטיגע, גאָלדענע שאָטענס נעהמען שפּרינגען אין דער נאַכטיגער לופט, טאַנצען אויף די בוימער, אויף'ן גראָז.

— כא־כא־כא! פייער, פייער! — צולאכט זיך פּלוצלונג ברוך. און מיט אזא מאָדנעם געפיהל, ווי דער פייער וואָלט דאָס אין זיין אייגע־נעם האַרצען אויפגעפראהלט — פייער! פייער! — — —

*

פייער, פייער! — האָט ברוך געטראַכט קוקענדיג אויף די גאָלדע־נע שאָטענס וואָס האָבען גיזטאַנצט אַרום איהם. פּונקט ווי מיט דעם וואָלט ער אַנגערופען ביים נאָמען אַ סך זאַכען פאַר וועלכע ער האָט קיין נאָמען ניט געהאַט און איהם וואָלט זיך זעהר וועלען עס זאָל הייסען, אַז ער האָט יאָ זייער נאָמען. און ווייל דאָס זיינען דאָך אַלץ געבל בען זאַכען פאַר וועלכע ער האָט קיין נאָמען ניט געהאַט, האָבען זיי שטענדיג געאַר־בייט מיט איהם און דורך איהם, ווי ער וואָלט דערביי גאָר ניט געווען. און האָבען איהם אָפּט אויסגענוצט ווי מען נוצט צוליעב קליידער אויס אַ נאָגעל אין דער וואַנט. און ער פלעגט נאָכדעם בלייבען זיצען ווי אַן אָפּגעשמיסענער און טראַכטען פון זאַכען וואָס האָבען גאָר ניט געהאַט צו טהאָן מ״ט דעם וואָס איז געשעהן...

אַזוי איז אויך איצט ברוך געזעסען איינער אליין — — — פּלוצלונג איז אַבער נעבען איהם אויסגעוואַקסען בינעם און האָט זיך איבער איהם צולאַכט מיט אַ טרוקענעם הילצערנעם געלעכטער...

ברוך האָט איהם אָנגעקוקט און האָט געשוויגען און האָט איהם שווייגענדיג געפרעגט:

— פון וואָס לאַכסטו!...

און בינעם האָט איהם לאַכענדיג אָנגעקוקט און האָט געזאָגט:

— ווייסטו כאָטש, אַז מ״ר איז נעכטען איינגעפאַלען צו זאָגען וועגען דיר, אַז דו ביזט אַ גרויסער באַרג און מיר אַלע זיינען אָפּגעבראָכענע שטיינער, וואָס וואַלגערען זיך ביי דיינע פיס?

— וואָס מיינסטו?...

— איך מיין, אַז דו ביזט די פאַרקערפערונג פון נאַרעשקייט, אַז די ביזט די פולע מאָס נאַרעשקייט און מיר זיינען בלויז שטיקלאַך. און דערפאַר טאַקע, איז ווי נאָר דו בעווייזט זיך צווישען אונז, דערזעהן מיר ריך, און עס ווערט אַ טומעל! — ברוך, ברוך! — ווייל עפּעס אַ קליי־

נינקייט, אַזאַ מין פולער, אַזאַ גרויסער, אַזאַ צוטומעלטער און אַפּגעריסענער נאַר.

— אַבער דאָס האָבען דאָך נאָר היינט די מיידלאַך אַזוי געשריען...

— זאָגט ברוך, ווי ער וואָלט בינעמס רייד גענומען לייכט.

— כאַ־כאַ, די מיידלאַך וועלען דאָך דאָס שטענדיג טהאָן גיכער פון די מענער, וואָרום ביי זיי איז דאָך שוין די נאַרעשקייט כמעט ווי אויסגעטריקענט געוואָרען. זיי זיינען דאָך שוין אַזוי לייכט, אַז זיי וואָלטען זיך שוין פיליכט גאָר ניט געקאָנט איינהאַלטען אויף דער וועלט, ווען זיי זאָלען זיך ניט אָנהאַלטען אָן דעם ביסעל נאַרישקייט פון אונזערע בחורים, און ווען זיי דערזעהען דיך, איז דאָך שוין גאָר אַפּגערעדט. — דו האָסט דאָך ערגעץ אליין געזאָגט, אַז „אונזערע היינטיגע מיידלאַך, זיינען דריטעלדיגע, פערטעלדיגע מענשען. — און אַז נאַרעשקייט ווענט...“ נו פרעג איך דיך, ווער אדרבה קאָן נאָך זיין וואָגינער פון דיר? ! דו, וואָס דרעהסט זיך שטענדיג ארום צווישען אונז אָן אַנגעבלאָזענער, ווי דו וואָלסט ארומגעגאַנגען צווישען א נישט ווירדיגען דור, ביזט דאָך נאָך אלעמען א צוטומעלטער און בלינדער נאַר. און דיינע אלע פלענער זיינען דאָך נאָר דאָן קיכאָטישע שפעקולאציעס. מיר זיינען דאָך דאָ אלע אַפּגעריסענע פערוואָרפענע. מיר ווייסען נאָך אפשר וואָס עס איז געווען מיט אונז, אַבער מיר ווייסען ניט וואָס עס וועט זיין מיט אונז, און דאָס וואָס איז איצט, איז צו טרוקען און אָרעם, אַז מיר זאָלען דאָ עפּעס קאָנען זיהען. אַז מיר זאָלען וויסען, וואָס עס קאָן זיך דאָ צינעמען. דעריבער קאָן דאָך קיין גרויסער גלויבען ניט זיין אין זאַכען. וואָס יוערען אָנגעווענד אויף דאָ. און אָט דערפאַר טאַקע קוקען מענשען אויף דיר ווי אויף א בייז וואונדער. זיי וואונדערען זיך אויף דיין נאַרעשקייט, און דו מיינסט, אַז זיי בעוואונדערען דיך... און דו מיינסט נעווויס אויך, אַז דו דערווייזסט דאָס אַזוי מיט זיך דיין אמת, אַז נאַרעשקייט ווענט... אַבער ווי, אַז אין דער אמת׳ן איז אין דיר נאָר דאָ טעמפּקייט און נאַרעשקייט, געמישט מיט א ביסעל ביטערקייט און עקשנות, מיט וואָס דו קאָנסט זיך דאָ נאָר ארומדרעהען ווי א בער ?... איז צו וואָס דיין נאַרעשע אָנגעבלאָזענקייט ?... צו וואָס דיין נאַנצער כעס ? צו וואָס דיין אָנשטעל ?... צו דו מיינסט ניט אנדערש, אַז דערפאַר וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט א פּאָגראָם קומט דיר א קרוין אויפ׳ן קאָפּ... אַבער דו נאָר איי־

נער, האָסטו נעפּרואווט טראַכטען, אַז דיין גאַנצע אַנגעבלאָזענקייט נעמט זיך ביי דיר פון דעם, וואָס מען האָט דיר ערגעץ אַנגעשפּיגען אין פּנים אריין ?... דו ביזט זיך געקומען אהער ארומוואַשען, צום סוף דרעהסטו זיך גאָר ארום צווישען אונז ווי אַן אַנגעבלאָזענער אינדיק. און צו דיין גליק, איז דאָס לעבען ארום אונז אַזוי אָרעם, אַז מען איז צופריעדען זיך אומצוקוקען אפילו אויף איינעם וואָס געהט שטענדיג ארום אַן אָנ־גע׳ברוגז׳טער — — — איך פאַרשטעה אפילו, אַז דו אליין גלויבסט ניט אין קיין זאַך וואָס דו טהוסט, נאָר טהאָן עפּעס מוזטו, כדי ניט צו טראַכטען פון דעם וואָס דו ווילסט ניט טראַכטען... כאַפּסטו זיך אַ צו־טומעלטער אַז אין אַלץ וואָס קומט דיר צו דער האַנט. און אין בעסטען פאַל טראַכסטו זיך : — ווער ווייסט ? אפשר וועט דאָס טאַקע יאָ ברייג־גען נוצען ? אפשר וועט דאָס דיך טאַקע מאַכען פאַר אַ פיהרער און בוייער...

— אָבער וואָס האָסטו זיך מיט אַמאָל אַזוי צולאָזט ? ! רופט זיך ברוך אַן — וואָס כאַפּט דיך נאָכאַלעמען אַזוי דער רוח אוועק ! ? נו איז וואָס, אַז איך בין אַ נאַר ? עס וואָלט דאָך געוויס געוועזען פיעל טרויערי־גער ווי עס איז, ווען ביי אונז וואָלט זיך אפילו קיין איין נאַר ניט פער־וואַלגערט.

— כאַ — כאַ כאַ ! — צולאַכט זיך בינעם — דו ביזט דאָך נאָך אַלעמען — אַ גליקזעליגער נאַר ! ווי וואויל דיר איז ! איצט מעגסטו שוין הייסט דאָס מיט רעכט, ארומגעהן אַן אַנגעבלאָזענער, ווייל דו מיינסט דאָך, אַז דו ראַטעוועסט אונזער דור מיט דעם, וואָס דו ביזט זיין נאַר... און איצט מעגסטו מיר הייסט דאָס שוין מיט פולער רעכט הייסען צו־נויפרופען דעם מיטינג פון די נאַרעשע „פאַרמער" דיינע, און דאַרטען וועס־טו זיי דערצעהלען ווי אַזוי דו האָסט גערעדט מיט אַ גובערנאַטאָר. און אַז דערפאַר וואָס זיי זייען די קליינינקע נאַראָנימלאַך, און דו ביזט זייער גרויסער נאַר, דאַרפען זיי למען השם זעהן געבען נייע דאָלאַרס, ווייל מען דאַרף איצט פאַהרען אַנקוקען דאָס לאַנד... און דאָס אַלץ כדי צו מזכה זיין דעם דור אין וועלכען דו לעבסט, מיט נאַראָנים און נאַרעשקייט. —

— אַך דו נאַר, דו נאַר ! — האָט זיך ברוך אַנגערופען — אודאי פּלוידערסטו שוין איצט צופיעל. אָבער עס איז אמת, אַז מיר זיינען דאָ

קינדער פון א דור וואָס איז שטום און בלינד, און אונזער לעבען, און אונזער לאַגע דאָ, איז אזא, אז מ'ר קענען אָפט אויסקוקען קאַמיש, מיר מוזען אָפט אַנהויבען א זאַך, ניט זייענדיג זיכער צי מיר וועלען זי ענ־דיגען, און דאָך מוזען מיר דאָס טהאָן מיט עקשנות און מיט גלויבען, וואר'ם עס קאָן דאָך פאָרט זיין, אז די איצטיגע מהוואונג זאָל זיין די ריכטיגע...

— כא־כא! — שרייט אוים בינעם — דו רעדסט דאָך שוין ווידער ווי איינער, וואָס איז אראָפּגעקומען צו שטראָפען די זינדיגע וועלט!— הער אויף מיט די דאָזיגע דרשות דיינע. הער בעסער וואָס איך וועל דיר זאָגען. — נאָך מיין מיינונג, ווייסטו אזוי פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין דיר, ווי עס ווייסט א קאָכעדיגער קעסעל פאר וואָס און צוליעב וואָס ער קאָכט, כאָטש דער קעסעל ווערט דאָך הייס, און אמאָל הויבט ער או ף זיין צודעק, און לאָזט ארוים אביסעל דאמפף, ווי דו לאָזט ארוים דיינע מעשה'לאָך פאר קינדער... דו ביזט אינגאַנצען ווי א פריטשמעליעטער ווי איינער, וועמען מען האָט דערלאַנגט א שווערען קלאַפּ איבער'ן קאָפּ און ער קאָן נאָך אַליין צו זיך ניט קומען... נאָר ווען איך זאָל קאָנען. וואָלט איך דיך פאָרט אָפּגעמאָלען און וואָלט דיך בעהאַלטען, כדי מען זאָל אמאָל קאָנען זעהן דעם ווערט פון אונזער צייט, אז אזוינער ווי דו איז ביי אונז א העלד געווען. דו ביזט א צוטומעלטער און א צודרעהטער, נאָר דיר העלפט דיין גאַנצקייט. דו ביזט גאַנץ אין דיין שטענדיגען ארומגעהן ווי אויף שטאַלצען, מיט דיין שטענדיגען ארומגעהן אזוי ווי עמיצער וואָלט דיר אַנגעהאַנגען א לונג און לעבער אויפ'ן נאָז, און דו, אין דיין גרויסער נארישקייט, פיהלסט, אז דו דארפסט דאָס טראָגען מיט גרוים ווירדע. און אז דערפאר טאָרסטו אפילו קיין נארעשקייט ניט בעגעהן, ווארים דער לונג און לעבער קאָן דאָך דיר חל'לה אראָפּפאַלען פון נאָז... אָט נעם למשל דיין פערהאַלטען זיך צו פרויען. דיינע אויגען קוקען דאָך אויף זיי, ווי די אויגען פון א צורייצטער און הונגעריגער חיה, דו וואָלסט זיי דאַכט זיך מיט די ציין געגעסען. און אָט האָסטו זיך א גאַנצען טאָג ארומגעיאָגט נאָך זיי ווי א ווילדער, און זיי זיינען, ווי אַלע מאָל, גע־רייצט געוואָרען פון דיינע נארישע און הונגעריגע בליקען און האָבען זיך די גאַנצע צייט געהאַנגען אויף דיר, ביז גאָט האָט געהאָלפען און דו האָסט אויפגעכאַפּט אויף דיינע הענד חנה אליין, און האָסט זי געבראַכט

אהער, איז וואָס האָסטו דאָ געטהאָן מיט איהר ? — כאַ־כאַ־כאַ !...

ברוך האָט זיך דאָ מיט אמאָל א הויב געטהאָן און אנגעצונדענער און גענומען שרייען :

— צום טייוועל ! דו געהסט אוועק פון דאַנען ? !

בינעם אָבער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און האָט זיך צולאַכט נאָך גיפטיגער.

— געה אוועק פון דאַנען, זאָג איך דיר ! — האָט ברוך אויסגעשריען.

איז בינעם דערויף געוואָרען נאָך לאַכענדיגער און בלאַסער און האָט איהם ארויסגעשטעלט א לאַנגע צונג..

— וואָס, דו ביזט משוגע געוואָרען ! ? — האָט ברוך אויסגעשריען און איז צוגעלאָפען און געוואָלט אנכאַפּען בינעם׳ען. זיין האַנט האָט אָבער קיינעם ניט געטראָפען !...

— בינעם, בינעם ! — האָט ברוך גענומען רופען, אליין ניט פערשטענדיג וואָס ער טהוט. און גלייך דערויף האָט ער דערהערט בינעם׳ס קול :

— וואָס דו ביזט טאַקע דאָ ? ! אָ, איצט פערשטעה איך שוין פאַר וואָס פריהער האָט מיך ביילקע אלץ געצויגען אהערצו נאָך האָלץ פאַר׳ן פייער, און איצט איהר לאה !

און בינעם איז אנגעקומען פון צווישען די ביימער מיט לאה׳ן, טראָגענדיג אין די הענט אנגעקליבענע דאַרע שטיקלאך צווייגען.

— —

— און ווייסטו — האָט זיך בינעם געווענדט צו ברוכ׳ן — ביי מיר מיט לאה׳ן איז געבליבען, אז איך בין נאַר אינגאַנצען ניטאָ. איך בין דאָס נאַר אזא מין בעגריף צווישען דיר און די אנדערע, צווישען דיר און די האָלבע נאַראָנים, די פערטעל נאַראָנים, און די גאַנץ קלוגע...

ברוך האָט זיך אָפּגעקערט פון בינעמען און האָט גלייך אנגענומען לאה׳ן ביי דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלען זיין זיכער, אז זי איז דאָ. און אז בינעם האָט דאָס דערזעהן האָט ער זיך צולאַכט און האָט זיך לאַכענדיג געווענדט צו לאה׳ן און געזאָגט :

— נו, נו לאה, ניט מיר שוין איבער אייער ביסעל האָלץ און בלייבט דאָ א ווייל.. איך בין דאָך נאַר א בעגריף אזא... וועל איך דאָס נחום׳ען

ניט דערצעהלען, און וועל דאָס חנה'ן ניט דערצעהלען, און וועל דאָס זיך אליין אויך ניט דערצעהלען...

— וואָס איז מיט אייך, ברוך? — האָט זיך לאה אָנגערופען — זעהענדיג ברוך'ס שרעקליך צורייצטען פּנים.

— וואָס מיט מיר איז, לאה? וואָס מיט מיר איז! — פערלאָנגען פון אַן אדלער, נאָר קיין פליגלען זיינען ניטאָ. מאַך איך זיך אָפּט גרייט צום פליהען און פליה ניט, און דאָס ערנסטע, — איך מאַך, ווייזט אויס, אַלץ אַן אָנשטעל פון איינעם וואָס פליהט... אבער ניין ניט דאָס, לאה, ניט דאָס! עפּעס קאָכט זיך אין מיר ווי אין אַ קעסעל, און איך ווייס ניט וואָס דאָס איז, און דאָס וואָס איך טהו, האָט, דאַכט זיך, גאָר ניט צו טהאָן מיט דעם וואָס עס קומט אין מיר פאָר. ווער איז אין דעם שולדיג, לאה, ווער איז אין דעם שולדיג?

—ברוך, גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איהר?... — האָט זיך לאה אָנגערופען און איז צוגעקומען הארט צו ברוך'ן און גענומען אין דער דונקעלהייט קוקען ארויף צו זיין פּנים, צו זיינע אויגען. און ווען ברוך האָט זי דערפיהלט נעבען זיך אַ ווייסע, אַן אויסגעצויגענע, האָט זיך אַלץ אין איהם גענומען בעטען זי ארומצונעהמען, זי לאַסטשען און קושען. עס האָבען זיך שוין ביי איהם אפילו די הענט גענומען הויבען, נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אַן חנה'ן.. און אין די בוימער ארום איהם.. אַ שרעקליכער ציטער איז מיט אמאָל אַר בער זיין לייב, און די הענט האָבען זיך ביי איהם אָפּגעלאָזט. און ער איז געבליבען שטעהן פאַר לאה'ן ווי אַ ליידיגער, ווי אַ שולדיגער... נאָכדעם האָט ער אבער ווידער גענומען קוקען אויף איהר ווייסען פּנים, אויף איהר ווייס קלייד און אויף איהרע אַקסלען וואָס זיינען ביי איהר אַזוי רונד ווי ביי חנה'ן און האָט צו איהר גענומען ריידען:

וויפיעל גוטע און שטילע רוח איהר טראָגט מיט זיך לאה! ווי גוט עס איז, וואָס איהר זענט אליין אַזאַ ווייסע און קלייד זיך אַזוי אָפּט אין ווייסען, און ברייננגט מיר אַזוי אָפּט ווייסע בלומען, וואָלט נאָר אויפ־געגאַנגען אַ ליכט פאַר די אויגען, וואָלט נאָר אַלץ ניט אַזוי שוואַרץ און טעמפּ געווען, וואָלט נאָר גאָט אונז אויף דער אמת'ען געהאָלפען! —

און דערביי האָט זיך זיין שטימע געריסען און געציטערט, און זיינע אויגען האָבען וואַרעם און בלענדענדיג געקוקט אויף לאה'ן און האָבען

זי ארומגענומען און האָבען זי געקושט און האָבען זי געוואָרעמט. אַט פּונקט ווי זי וואָלט אין זיינע הענט געלעגען...

נאָכדעם האָט ברוך מיט זיין האַנט אָנגענומען די פינגער פון לאה'ס האַנט, און אַזוי האַלטענדיג זיך האַנט אַן האַנט האָט ער זיך מיט איהר געלאָזט דורך די שאָטענס צו דעם פייער.

דאָס פייער האָט געברענט און געקנאַקט און זיינע שאַרפע צונגען האָבען זיך אינאיינעם מיט'ן רויך געריסען ארויף, און אַלע וואָס זיינען געזעסען ארום דעם פייער זיינען געווען פארשפּיגעלט פון זיין ליכט, און זיי, אינאיינעם מיט די בוימער און פעלזען ארום, האָבען אויסגעזעהן ווי גייסטער, וואָס זיינען נאָר וואָס ארויסגעשפּרונגען פון פייער.

— —

ווען ביילקע האָט דערזעהן ברוך'ן און לאה'ן האָט זי קוקענדיג אויף זיי און אויפ'ן פייער אויפגעזונגען:

פלאַקער פייער, פלאַקער,
פלאַקער פרעהלאַך צו!

און חנה האָט זיך דערביי אויסגעצויגען נעבען מאַקסען און אוועק־געלייגט איהר קאָפּ אין זיין שויס. — — —

ברוך און לאה האָבען זיך אנידערגעזעצט נעבען פייער. לאה האָט זיך געזעצט אַזוי, אַז זי זאָל זיין צווישען נחומ'ען און ברוך.

ברוך איז געבליבען ווי איינער אליין, און ער איז געזעסען און גע־קוקט אויף דעם פייער ווי ער וואָלט פון איהם די אויגען נים געקאָנט אוועקנעהמען. אין קאָפּ האָבען זיך געוועבט געדאַנקען אין זאַכען פון וועלכע ער האָט ניט געוואוסט און ער האָט געטראַכט:

פייער, פייער! — דאָס איז דאָך דער נאָמען פון אַלץ וואָס האָט קיין נאָמען ניט — — — ווען עמיצער זוכט זיך, און קאָן זיך ניט געפינען, זאָל ער זיך אוועקזעצען און זיצען לאַנג ביי אַ פאַנאַנדערגע־לייגטען פייער — — ביי דעם פייער איז דאָך אַזוי פיל צושטערט און געבוים געוואָרען — — — ביי אַזאַ פייער זיינען אויף די ראַזיגע בערג. ערשט ניט לאַנג, די אינדיאַנער געזעסען. ביי אַזאַ פייער האָבען דאָך ערשט ניט לאַנג די קווייקערס זייערע היימען און טרוימען געבוים. — —

— און ווי לאנג איז דען, אז מיר זיינען ביי א פייער אין דער מדבר געגאנגען? — — —

נאָכדעם האָט ברוך ניט ווייט פון זיך דערזעהן א גרויסען שטיין, האָט ער איהם צוגערוקט צו זיך און האָט זיך אויסגעצויגען און אוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויפ'ן שטיין... בינעם האָט זיך צולאכט און חנה האָט דערפיהלט ווי א שלאנג וואָלט זי א ביס געטהאָן... און זי האָט א הויב געטהאָן איהר קאָפּ פון מאקס שוים — — — זי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטען און גענומען קוקען גלייך אויף ברוך'ן. עס איז ביי איהר אויסגעקומען, אז ער האָט אוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויפ'ן שטיין, כדי זי צו בעליידיגען. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען און האָט ניט געזאָגט, און האָט צוריק אראָפּגעלאָזט איהר קאָפּ אויף מאקס שוים. — — —

ברוך האָט אבער נאָכדעם שוין לאנג ניט געקאָנט איינהאלטען זיין קאָפּ אויפ'ן שטיין, האָט ער זיך שטיל אויפגעהויבען און אנגענומען דעם גרויסען שטיין, אויף וועלכען ער איז געלעגען און האָט איהם מיט זיינע ביידע הענט אויפגעהויבען איבער זיין קאָפּ, און איז מיט איהם צוגעגאנגען צו א דערבייאיגען פעלז, וואָס האָט זיך ארויסגעהויבען פון דער ערד ווי אן אויפגעשפּרונגענע כוואליע. און ער האָט מיט זיין גאנצען כח א שליידער געטהאָן דעם שטיין אָן דעם פעלז. דער שטיין האָט זיך א בייזען פּאטש געטהאָן אָן פעלז און איז זיך צעשפּליטערט צופלויגען, און דער ווידער־קול פון דעם קלאפּ האָט אָפּגעהילכט אין דער נאכטיגער בארגלופט א צוויי דריי מאָל. די קאָמפּאַני ארום פייער איז פון דעם צושראָקען געוואָרען ווי פון א פּלוצלינגען דונער. ביילקע האָט ארויסגעלאָזט א ווילדען קוויטש. חנה האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ. בינעם האָט לאכענדיג צויסגעשריען:

— כאַ־כאַ! ס'ארא כח אביסעל! ניט אומזיסט זאָגט ער, אז נאָרישקייט וועגט!...

ביילקע איז צוגעלאָפען צו ברוך'ן און גענומען שרייען:

— גאָט מייגער, וואָס פאר א שלעכטער מענש איהר זענט! איהר האָט דאָך מיך דערשראָקען אויף טויט!

— נו, איהר וועט נאָך לעבען בלייבען — האָט איהר ברוך געענטפערט, זי אנגעקוקט א ווייל, און גלייך ניט ווייט פון איהר דערזעהן

נאָך א שטיין, האָט ער דעם שטיין ווידער אויפגעהויבען איבער זיין קאָפּ מיטביידע הענט, און א געשריי געטהאָן:

— היט זיך!!

און דער שטיין איז מיט א נאָך גרעסערען קראך געפאלען אויפ'ן פעלז און איז זיך אין שטיקער צופלויגען.

ביילקע האָט ווידער אויסגעשריען, אבער גלייך דערויף איז מענדעל אויפגעשפרונגען א בעגייסטערטער: —

— ברוך, דו ביזט גרויס. דאָס איז א געניאלע אידעע! — און ער האָט אויך אויפגעזוכט א שטיין און האָט איהם מיט א ווילדען „האך“, צו־שלאָגען אָן דעם פעלז.

האָבען זיך נאָכדעם אלע מיט אמאָל דערפיהלט ווי ארומגעכאפּט פון א ווילדער פרייד. — די פרויען האָבען גענומען לאכען, דערפיה־לענדיג א גרויל ביי יערען געלונגענעם קלאפּ פון א שטיין אָן פעלז. און די מענער האָבען זיך אלע גענומען מעסטען זייער כח מיט שליידערען שטיינער אָן דעם פעלז. און דער שטילער בארג האָט גענומען הילכען אין דער ליכטיגער נאכט אריין מיט ווילדע ווייבערשע געלעכטערס און גע־שרייען, מיט קלאנגען און פיעלע טיעפע ווידערקלאנגען, פון דעם קראַ־בען און קנאלען און פלאצען פון שווערע שטיינער אָן זיין אלטען אויפ־געבוואליעטען גרויען פעלז.

קאַפּיטעל 7

מיערע, הוננעריגע, אבער דאָך אויפגעראַמטע, מיט א בעזונדער ברייטקייט אין זייערע הערצער, מיט א בעזונדער אָפענקייט אין דעם קלאַנג פון זייערע שטימען, האָבען זיי זיך אַלע אראָפּגעלאָזט פון דעם בארג. עס איז זיי געווען ווי זיי וואָלטען זיך נאָר וואָס אָנגעטרונקען מיט גוטען אַלטען וויין. פריי און אָהן צערעמאָניעס האָבען זיך די מיידלאָך געלאָזט ארומנעמען, עס איז געווען ווי זיי וואָלטען איצט אַלע דערפיהלט, אז נאָך אזא טאָג ווערט אַלץ גערעכט און גוט, נאָך אזא טאָג ווערט מען פארברידערט און פארשוועסטערט, און כאָטש עס וואָרעמען זיך דערביי אויך גאַנץ אַנדערע געפיהלען, מעג מען אבער. מען מעג...

דער ברייטער און נעדרעהטער וועג, וואָס האָט געפיהרט בארג אראָפּ דורך וואַלד און שטיינער, איז געווען ווייס, און האָט געבלענדט אין דעם שיין פון דער לבנה, ווי ער וואָלט געווען פארשפּרייט מיט ווייסע ליילאכער.... א פרעהליכע ליכטיגקייט האָט געבלענדט פאר די אויגען און דער וועג האָט זיך ווי אַן אויסגעהאַמערטער געשניטען דורכ'ן טונקעלען וואַלד. דער וואַלד האָט פון זיינע בוימער און בארג שפּיצען אָפּגעענטפערט זייערע אַלע רייד, זייערע געלעכטערס און זייערע קלאַנגען, ווי ער וואָלט זיי דערמיט פערזיכערט, אז ער הערט זיך צו צו זיינע שטיפער און ווייסט פון אַלץ וואָס זיי טהוען און רעדען. ער, דער וואַלד, איז ניט מויב און ניט בלינד, און ער זעהט אפילו, ווי דער שוואַרצער יאָהר, וואָס האָט זיך א גאַנצען טאָג געפּלאָנטערט צווישען זייערע פיס, איז איצט אויסגעשעפּט און מיעד און האָט הנאה פון זיין מיעדקייט...

נחום האָט זיך מיט א בעפרייטער אָפענהערציגקייט געווענדט צו מענדלען:

— דו ביזט דאָך אומגעגאַנגען אויף די פאַלעסטינער בערג. זאָג דעם אמת, זענען דאָרטען אויך פאַראַן אַזוינע ליכטיגע וועגען!?

— פאַראַן, — ענטפערט מענדעל, צוטוליענדיג פעסטער צו זיך זיין מיידעל — פאַראַן!

— און דאָרט וואו עס איז ניטאָ, קאָן מען דאָך אַזוינע ווענען מאַכען. — זאָגט ווידער נחום, אָבער דעם מאָל ווענדט ער זיך שוין ניט צו מענדלען נאָר צו לאה'ן. און לאה אין איהר ווייסען קלייד איז אין דעם לבנה־ליכט נאָך ווייסער און שעהנער, און זי איז צופריעדען און גוט צו איהם, און ער נעמט זי אָן אונטער'ן האַנט און הערט ווי דער וואַלד ענטפערט אָפּ צוריק:

קאָן מען דאָך אַזוינע ווענען מאַכען...

— —

און ברוך האָט זיך געווענדט צו חנה'ן, ווי ער וואָלט זיך פאַר איהר געקלאָגט:

— חנה, בין איך הונגעריג, אַז דער טייוועל נעמט מיך!

און חנה ענטפערט שוועסטערדיג:

— אָט זענען מיר דאָך שוין באַלד ביים ברעג, עס זעהט זיך דאָך שוין דאָס וואַסער.

— אָבער איך בין הונגעריג! — האָט איהר ברוך איבערגעשלאָגען.

— יאָ, — ענטפערט חנה — אָבער ווי נאָר מיר וועלען אַריבער־פאָהרען דאָס וואַסער, וועלען מיר אַריין אין דעם ערשטען בעסטען רעס־טאָראַנט און מיר וועלען זיך אַלע אָנעסען.

און זיינע רייד און איהר ענטפער האָבען מיט זיך געטראָגען אַזוי פיעל געטריישאַפט און נאָהענטקייט, אַז זייערע ביידענס הערצער זיינען אויפגעשפרונגען און זיי האָבען גענומען געהן איינס נעבען צווייטען ווי צוויי צאַפּעלדיגע הירשען. — — — — — — — — — — — — — — —

— —

ברוך האָט אָנגענומען חנה'ן אונטערן אָרעם, חנה האָט זיך אומגע־קוקט — — —

ברוך האָט אַ צופריעדענער געקוקט אויף איהר און אויף דער לופט, און האָט געזאָגט:

— פיהלסט איהר ניט ווי די לופט אָרום האָט גענומען שמעקען ווי מיט האָניג? — — —

— „מיט האָניג?“ — האָט חנה איבערגעפרעגט שמייכלענדיג. און

זי האָט זיך נעבען ברוך'ן אָפּגעשטעלט א ווײַלע, איהרע נאָז־פליגלען האָבען זיך גענומען שפּרייטען. זי האָט גענומען ציהען אין זיך די לופט אַזוי, אז עס האָט זיך קלאָהר אָנגעזעהן דאָס הויבען און פאַלען פון איהר ברוסט. — — —

ברוך האָט אויף איהר געקוקט מיט פרייד און געפרעגט:

— א יאָ, האָניג? !

חנה האָט זיך נאָך מעהר צושמייכעלט, און זיך אָנגערופען:

— וואָסער האָניג? ! איהר זענט פשוט הונגעריג. מען זאָל אייך לאָזען, וואָלט איהר איצט גענומען בייסען די לופט מיט די ציין. — —

און לייכט שפּילעוודיג איז דערביי פאַר ברוכ'ן אויפגעגאנגען דער געדאנק, אז דאָס וואָס א מענש האָט איינמאָל אויף דער אמת'ן געהאַט און געוואָלט האָבען, — דאָס בלייבט אויף אייביג זיינס. און עס צו־וואַקסט זיך נאָך אלץ ליעבער און ווערט נאָך אלץ רייכער און שעהנער — — — און ווי ווייט איז דען דאָס דאָרף, וואו זיי זענען ביידע אויס־געוואַקסען? — א שפּאַן פון דאַנען.

און ברוך און חנה געהען איצט איבער א ליכטיג ווייסען וועג, אויף א ווייטען פרעמדען בארג און זיי שמייכלען ביידע און שמייכלענדיג זייַ־נען זיי ביידע „אין דער היים" און זיי זענען ביידע צוויי קליינע קינ־דער, און זייערע ביידענס מאַמעס לעבען נאָך, און זייערע ביידענס מאַ־מעס זיינען נאָך יונג און שעהן. און זייערע ביידענס מאַמעס לאַכען פון זיי, פאַר וואָס זיי קריעגען זיך שטענדיג. — זי, איבער איהר שוואַרץ קעצעל, און ער, איבער זיין רויטען הונט. —

און ברוך און חנה רעדען צווישען זיך גים רעדענדיג: —

— חנקע!

— ברוך!

— זעהסט דעם גרויסען שוואַרצען אָדלער?

— אָי, סאַרא שרעקליכער! ! — שרייט אויף חנקע, זיך אָנטוליענ־דיג אָן ברוכ'ן. און זי פרעגט:

— וועמעס איז ער?

— מיינער. — ענטפערט ברוך.

— אויף וואָס דאַרפסטו איהם, אזא גרויסען און שרעקליכען ?— פרעגט חנקע זיך נאָך מעהר צוטוליענדיג צו ברוך׳ן.

— וואָס הייסט, אויף וואָס ? איך פליה דאָך אויף איהם ארום אלע נאַכט ארום רעם דאָך פון דיין הויז.

— ווי, ער לאָזט זיך דען זעצען אויף זיך ?

— אוראי לאָזט ער זיך זעצען. אָט קום וועסטו זעהן.

און ברוך נעמט און זעצט זיך מיט איהר אוועק אויפ׳ן אדלער. און דער אַדלער הויבט זיך מיט זיי אויף פון דער ערד און נעמט זיך מיט זיי טראָגען איבער דער גרויסער און ליכטיגער נאַכט. און ער טראָגט זיך מיט זיי אזוי לאַנג, ביז מאַקס קומט אָן און זאָגט :

— בין איך דאָס אביסעל הונגעריג, חנה ! איך וואָלט דאַכט זיך איצט געקאָנט אויפעסען א פערד מיט די פּאַדקאָוועס ! — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בינעם איז געגאַנגען מיט ביילקען, האָט געהאַלטען זיין האַנט ארום איהר טאַליע, און ערטערוויז, וואו דער וועג האָט זיך זעהר שאַרף נע־לאָזט באַרג אראָפּ, האָט ער זי כמעט געטראָגען אונטער די הענט.

— ביילקע, מיינט איהר ניט, אז מיר קאַטשען זיך איצט אלע ווי שטיינער באַרג אראָפּ ? — האָט ביי איהר בינעם געפרעגט לאַכענדיג.

— כא—כא ? — פאַר וואָס ווי שטיינער ! ? פאַר וואָס ניט ווי שטערען ? פאַר וואָס ניט ווי דאָס ליכט פון דער לבנה ?

— כא, כא ! — האָט בינעם אויסגעשריען — טאַקע ווי שטערען. ווי דאָס ליכט פון דער לבנה. נאָר אונזער ברוך וואָלט דערויף געווים ניט איינגעגאַנגען. וואָרים נאָך זיין מיינונג זיינען מיר דאָך אלע טרוקען ווי שטיינער. — — —

ווי, איהר גלויבט טאַקע, אז ער מיינט, וואָס ער זאָגט ?

— אויב ע ר מיינט ניט וואָס ער זאָגט, טאָ ווער דען צווישען אונז מיינט וואָס ער זאָגט ?

— נו נעהט שוין, געהט ! נאָך זיין מיינונג וואָלט מען דאָך אונז אלעמען געדאַרפט אויסטהון נאַקעט און שמייסען אין מיטען מאַרק.

— כא — כאַ ! נו איז וואָס ? —

— אָבער גאָט איז מיט אייך ! — צולאַכט זיך ביילקע — אויב מיר זיינען שטיינער וועט דאָך אונז שוין קיין שמיץ ניט העלפען.

— כא־כא־כא! — צולאכט זיך בינעם. — מיט אזוינע געדאנקען האָט איהר גאָר געלעזען זיין „אונזער אונטערגאנג“!

— ניין, ריכטיג, — זאָגט ביילקע שטיפעריש אָנעטענדיג בינעם'ס האנט ארום זיך — מיינט איהר טאקע, אז ס'איז דאָ א שכל אין דעם וואָס ער וויל אלץ דערווייזען, אז אונזער גרעסטער אומגליק בעשטעהט אין דעם, וואָס אונז פעהלט אויס נארישקייט!

— ברוך! קום נאָר אהער! — האָט בינעם גענומען שרייען לאכענדיג. — קום נאָר אהער און הער אביסעל רייד! ביילקע וויל דאָך, ווייזט אויס, זיך אויס'טענה'ן מיט דיר. — — —

ברוך איז צוגעקומען און ביילקע האָט איהם גלייך בעגעגנט מיט א צורייצטען געלעכטער אויף איהרע קליינע פולע ליפען, און זי האָט ביי איהם צורייצט געפרעגט:

— זאָגט דעם אמת, ברוך, גלויבט איהר טאקע, אז נארישקייט איז אזא טייערע סחורה?

— אודאי גלויב איך אזוי.

— וואָס, אין אמת'ן מיינט איהר? — קוקט אויף איהם ביילקע א לאכענדיגע.

— איך מיין גאנץ פשוט. איך מיין, אז א געזעלשאפט אהן נארישקייט, איז ווי א ברונען אהן וואסער, ווי א גאָלד־מינע פון וואנען מען האָט שוין ארויסגעשעפט דאָס גאנצע גאָלד. ווארים דאָס שענסטע און דאָס בעסטע אין א געזעלשאפט, ווערט אויפגעשטעלט פון דעם סכום נארישקייט וואָס די געזעלשאפט פערמאָגט. ווארים עס זיינען די נאראָנים, וואָס פליהען אין די הימלען, וואָס שאפען און בויען און קערען די וועלט. — — — די נאראָנים מיט זייערע אונשולדיגע טהואונגען זיינען דער אמת'ער שכל פון דער וועלט.

— כא־כא? ווי איהר לאכט דאָס אלץ, צי איהר מיינט דאָס טאקע ערנסט? — פרעגט ביילקע.

— ערנסט, ביילקע, ערנסט! — זאָגט ברוך האלב לאכענדיג...

— נו, און וואָס זיינען נאָך אייער מיינונג די קלוגע פון דער וועלט? — פרעגט זי.

— די קלוגע פון דער וועלט, זיינען ווי מייז וואָס בעפאלען א קע־

פעל קעז און באַלעקעז זיך און קווימשען פון פרייד, וואָרים זיי גלויבען אַז דער קעז איז טאַקע פון זייערט וועגען געמאַכט געוואָרען.

— זאָל מיך גאָט שטראָפען אויב איך ווייס וואָס איהר רעדט — זאָגט ביילקע, זיך מיט אַמאָל בעפרייענדיג פון בינעמס האַנט — אָבער ווי, זאָגט מיר, אויב מענשען זיינען פאַרט געוואָרען קלוג, קאָן מען דען זיי זאָגען, — געהט ווערט נאַריש?

— ע־ע! — זאָגט ברוך — אַט דאָ איז דאָך טאַקע די צרה. איך בין געווען אין אַ געגענט וואו דער טייך האָט קיין פיש ניט געהאַט, האָבען זיך די פאַרמערס צונויפגענומען און האָבען פון ערגעץ גע־בראַכט פעסער מיט יונגע פישלאַך און האָבען זיי אַריינגעלאָזט אין טייך, און איצט וואַקסען דאָרטען פיש. איך בין אויך, דאָ ניט לאַנג צו־ריק, געווען אין אַ בערגיגער געגענד, וואו עס איז קיין הירשען ניט גע־ווען, זיינען די דאָרטיגע פאַרמער געגאַנגען און האָבען אַנגעבראַכט יונגע הירשען אין שטייגען, און איצט שפּרינגען דאָרטען אום הירשען אויף די בערג. און אַט פונקט אַזוי, גלויב איך, דאַרף ערגעץ זיין אַ וועג ווי אַזוי אַריבער צו ברייגנען אביסעל נאַרישקייט פאַר אונזער באַדערפעניש. אויב ניט וועלען מיר דאָ אויסגעטריקענט ווערען ווי אַ פעלד אָהן רעגען און אָהן וואַסער. — — —

— ס'איז ניט אמת, — זאָגט ביילקע נאָך אַלץ לאַכענדיג און קוקענדיג פאַר זיך אויף דעם באַרג־אַראָפּיגען ליכטיגען וועג — מיר דאַרפען ניט קיין נאַרישקייט! — און ווי מיט אַמאָל דערזעהענדיג עפּעס פאַר זיך... און ווי מיט אַמאָל דערפיהלענדיג אַ געוואַלדיגע הנאה אין איהרע ביינער, האָט זי מיט אַ פיעלדייטיגען שטיפערישען קאַפּריז פאַרענדיגט:

— מיר דאַרפען קלונשאַפּט! קלונשאַפּט! קלונשאַפּט!...

ברוך איז פון דעם ווי פערפרוירען געוואָרען... און דערצו האָט זיך נאָך בינעם גלייך דערויף אַזוי פּלוצלונג צולאַכט מיט זיין הילצערנעם געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!...

און דער וואַלד האָט פון עטליכע ערטער מיט אַמאָל גענומען אָפּ־בערקלינגען:

כאַ—כאַ—כאַ! — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ברוך קוקט זיך אום אויף ביילקען: — סאַראַ מאָדנע דינגע זי איז!...
און ווי מאָדנע שפּיציק זי שטעלט דאָס איהרע קליינע פּיסלאַך אויף דעם
שאַרפען באַרג־אַראָפּיגען ווייסען וועג! — אָט פּונקט ווי זי וואָלט זיך
געקליבען צו גערן אויף די שאַרפע שפּיצען פון איהרע קליינע שיכלאַך.
אָט פּונקט ווי זי וואָלט געפּיהלט, אז מיט איהרע שאַרפע שפּיציגע שיכ־
לאַך קאָן זי רייצען און שטעכען זיין גאַרישקייט ווי מיט שפּיזען... — —

*

— אויף דער שיף, וואָס האָט זיי געפיהרט פון די „פּאַלים־היידס“ איז ברוך שוין געשטאַנען נעבען חנה'ן. זיין האַנט האָט געפיהלט די וואַרעמקייט פון איהר האַנט, און א וואַרעמקייט איז אויפגעגאַנגען אין זיינע אויגען.

דער האָדסאָן האָט ברייט און ווייט געטראָגען זיינע פערשפּיגעלטע וואַסערען. דאָס שיפעל איז געפאָהרען איבער פעלדער וואָס האָבען גע־בליצט און געפינקעלט מ׳ט זילבערנע קוויטען און ווימלענדיגע שלאַנגען.

קיין רוה צו די שלאַנגען! קיין אָפּהאַלט צו די אָהן אויפהער וואַק־סענדיגע קוויטען! און האָט זיך פון די פערשפּיגעלטע וואַסערען אויפ־געהויבען א זילבערנער וואַלד, און דעם וואַלד א שלאָס און דעם שלאָס די געפאַנגענע בת מלכה. די בת מלכה זעהט אויס ווי חנה, ווען זי איז נאָך א חנקע געווען — — — די בת מלכה קוקט ארויס צו זיי פון די קרישטאָלענע פענסטער, וואָס אי׳ן דעם הויכען זילבערנעם טורעם. און ברוך פערגעסט מיט אמאָל אין אלץ, וואָס איז געווען און געשעהן, און ער פיהלט נעבען זיך חנה'ן און זעהט דעם וואַלד, און זעהט דעם שלאָס און זעהט די בת־מלכה און עפּעס אין איהם ציטערט אויף און זאָגט:

זעה ווי קיין זאַך געהט ניט פאַרלאָרען. אלץ וואָס איז געווען, איז דאָ. אלץ וואָס איז דיינס איז צו דיר. און קיינער קאָן דאָס ניט אוועק־נעהמען פון דיינע הענט. —

און נאָכדעם שוין זיצענדיג אין דעם בעלויכטענעם רעסטאָראַן, האָט ברוך אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן פאַר זיך חנה'ן. איהרע ליפּען זיינען געווען עטוואָס צוטריקענט און אָנגעשפּאַלטען, די לופּט און די אויפרעגונג פון טאָג האָבען אוועקגעלייגט א ליכטיגע מידקייט אויף איהרע באַקען, און איהר הויט מיט די ראָזע רערעלאַך איז געוואָ־רען דיגער און דורכזיכטיגער ווי אלע מאָל — — — און לאָה וואָס

זיצט נעבען איהם זעהט אויך אויס ווי חנה — — — ווי חנה אין אַן אנדער געשטאַלט — — — און אפילו ביילקע, וואָס איז דאָך גאָר איינ־גאַנצען אַן אנדערע, זעהט עפּעס אויך אויס ווי חנה. — — — — — — — —
— —

און אַט הויבט ברוך אויף זיינע אויגען איבער די טישען פון דעם ליכטיג בעלויכטענעם רעסטאָראַן, און דערזעהט, אַז אלע פרויען וואָס זי־צען ביי די פיעלע טישען און עסען און רעדען און טרינקען און לאַכען, זענען ווי איבערגעטונענע חנה׳ס. דער גאַנצער רעסטאָראַן איז פול מיט חנה׳ס און חנקעס אין פערשיעדענע קליידער, אין פערשיעדענע געשטאַל־טען און פאַרמען און פאַרבען. — — — — — — — — — — — — — — —

צווייטע טייל:

ווינטער

קאפיטעל 8.

אייף מאָרגען נאָכ'ן „אוטינג“, האָט מען זיך געלאָזט זוכען „רישאבס“ און מען האָט זיך ארומגעזעהן, אז עס פאנגט זיך אן „גאָר די רעכטע סלעק“, א קריזיס גאָר. באנקען האָבען גענומען אנזעצען, און טעג האָבען אנגעהויבען געהן אזעלכע שווערע, פערוואלקענטע.

— וואס הערט זיך עפּעס, מאקס? — פרעגט ברוך בעגעגענדיג זיך מיט איהם.

מאקס קוקט איהם אָן א צורודערטער.

— נוטער ברודער! עס פייפט. הערסט? — עס פייפט אין אלע ווינקעלעך! הערסט, וואס מע זאגט דיר? — עס איז צרות, עס איז גרויסע צרות.... און ס'איז אזא פערדראסיגע זאך — רבונו של עולם! אויף וואס פאר א וועלט לעבען מיר? וואס הייסט דאָס, א מענש, א געזונטער, א שטארקער, וואס וויל ארבייטען, זאל פלוצלינג בלייבען אָט אזוי אָ? אָן עק מיט א סוף. און דאָס, וואָס די באנקען האָבען גענומען אנזעצען, דאָס, זאָגט מען, איז זעהר א שלעכטער סימן, און דאָ וועט דאָך שוין באלד אנקומען דער ווינטער, הערסט, אויף מיין ווארט — — — — ווען דיר וואלט זיך טאקע איינגעבען דיין פּלאן, איז אזא יאָהר אויף מיר,

נאָר אז — — — דו האסט זיך אזוי איינגע׳עקשנ׳ט, — ווילסט דוקא פיער דערפער אויף איין מאָל און אין יעדען דאַרף ניט ווענינער ווי צוויי הונדערט מענשען, און יעדער איינער זאָל דיר איינצאָהלען אזא סומע געלד. כאָטש דו ביזט אפילו גערעכט, ווייל דאן ביזטו מיט אלעם זיכערער, ווייל, אז דו האָסט, ס׳הייסט איך מיין, אז די באַנק האָט שוין אזוי פיעל געלד און אזוי פיעל מענשען, און אז זי בויט שוין אויס פיער פינף דערפער, און יעדער איינער איז זיך א בעל הבית אויף זיין אייגענער פאַרם און די באנק העלפט איהם נאָך אויס אי מיט געלד אי מיט מאשי־נען, און העלפט איהם נאָך אויס צו פערקויפען און קויפען, דאן פער־שטעהט זיך, איז מען מיט אלעם זיכערער. און דאָס, וואס דו ווילסט דוקא, אז ס׳זאָל זיין ווייט פון א גרויסער שטאדט, איז אויך מן הסתם פון זיכערקייט וועגען. איאָ? וואס? מיינסט איך פערשטעה ניט? און דערצו טאקע זוכסטו דאָך יענע ווייטע פלעצער, וואו עס זאָל זיין פלאַץ פאר נאָך און נאָך דערפער, און מיט דער צייט קאָן זיין, וואלט מען דאָך טאקע געקאָנט בילדען אן אידישען שטאאט. וואָס?—אך, ווען דאָס וואָלט זיך דיר איינגעגעבען! און איך וואונדער זיך טאקע, פאר וואס חנה — — — נו, איך ווייס — — —

מאקס ווערט אנטשוויגען און געהט א לענגערע צייט נעבען ברוך׳ן און שווייגט. נאָכדעם כאַפּט ער זיך ווידער:

— א, צו אלדע נוטע יאָהר! אז איך הויב זיך אָן דערמאַהנען: — ווער איז צו מיר גלייך? עפּעס נאר א קליינינקייט! — חתונה געהאט מיט אזא מיידעל ווי חנה. איך האָב דאָך אלע מיינע יאָהרען וועגען אַט אזא מיידעל געטראכט.... אז איך בין אריין אין דער „אָרגאַניזאציע“, האָב איך דעם ערשטען מאָל אזא מיידעל געזעהן — — — און נאָכדעם— ווי!? — — און אז איך בין אָנגעקומען אהער קיין אמעריקא — — — ווייס איך וואס — — — און אויף וואס, האָב איך נעקלעהרט, דארף מען נאָר אין גאנצען חתונה האָבען? וואס איז? מען קריגט ניט, אז מע דאַרף? און ערשט איצט, אז גאט האָט מיר געהאָלפען, — נעה, זוויס, נעה ריכט זיך, נעה ווייס, אז איך וועל זיך דארפען פרעגען: צו וואָס האָב איך דאָס געדארפט, נו יא, אדרבא, זאג, צו וואס!

ברוך ענטפערט ווי־ניט־ווי, פּרואווט זיך איהם געבען צו פערשטעהן,

ווי מיאוס עס איז געווען זיין פריהערדיג לעבען, אז א מאן מעג זיך צוזאַמענקומען מיט א פרוי בלויז, ווען ער האָט צו איהר דאָס נויטהיגע רעליגיעזע געפיהל, ווייל אז ניט, געהט ער צו דער פרוי, פונקט ווי א חזיר צו דער קארעטע — און...

דאָ אבער רייסט איהם מאקס מיט אמאָל איבער:

— גוט וואס דו האסט מיך דערמאהנט, אויף מיין ווארט. דו ווייסט, אַט א די מיידעל — ביילקע — וואס האָט דיר אויפ'ן „אוטינג" אלץ געשריען, אז דו ביזט א שלעכטער. נו, דו ווייסט דאָך, איך האָב דיר שוין דערצעהלט פון איהר. זאלסט נאָר איצט זעהן! — זי איז דאָך טאקע פערליעבט אין דיר. דו ווייסט? זי זאגט, אז דו האסט אויגען, ווי ביי א קינד. אויף מיין ווארט. און אז ווען דו וואלסט נאָר ווען, זאגט זי, וואלט זי איהר לעווינ'ען אוועקגעווארפען און וואלט געווארען דיינע א כלה מיט אלע אידישע פיטשעווקעס. — וואָס הייסט, זאגט איהר חנה, דו זאגסט דאָך, אז ער איז א שלעכטער מענש? — ווייס איך וואס, זאגט זי, איך וואלט איהם געלאזט, ער זאל מיך אויפעסען אַט אזוי — זאגט זי — וואָלט איך איהם אונטערגעטראגען מיין האנד צום מויל — נא. עס! עס מיך אויף אין גאַנצען, אין גאַנצען! און זי רעדט פון דיר טאקע נאָר ווי פון היץ.

אַט אָ די מיידעל, וואָס איז רויט געוואָרען אין מיינע הענט?! — פרעגט ברוך, זיך דערמאנענדיג — — —

— יאָ, און אָט א דאס, וואס זי איז רויט געווארען, האָט זי אויך דערמאהנט. זי ווערט גאר קיינמאָל ניט רויט, זאגט זי. — אבער וואס קריכען מיר אזעלכע נארישע געדאנקען אין קאָפּ, ברוך, ברוך! זאג אדרבא דו, וואס טהוט מען, וואס עס איז קיין ארבייט ניטא? בעטראכט נאָר, עס וועט דאך זיין אזוי שלעכט. איך ווייס.....

— ביזט נערעכט, מאקס, א דאָס, וואס דו האסט ניט קיין ארבייט איז טאקע זעהר שלעכט. אבער פיליכט, אפשר מאָרגען. מע דארף גוט זוכען.

אזוי אבער איז דאָס אוועק א וואך און צוויי, א מאָנאט, און מעהר פון א מאָנאט. נאָך דעם האָט עפּעס מאקס יא נעקראגען א „דזשאב". ער

האָט אָבער אויף איהם קוים אָפּגעארבייט א צוויי דריי וואָכען און איז וויע־דער געבליבען אָהן ארבייט. און דאָ איז שוין טאקע אָנגעקומען דער ווינטער און מאקס איז געווארען פון טאג צו טאָג אלץ מעהר נידערגעשלאָגען, אלץ מעהר פערצווייפעלט און אין הארצען האָט ביי איהם אזוי מאָדנע געקאכט, און ער האָט זיך א׳ינפאך קיין ארט ניט געקענט געפינען. באלד צבעס פלעגט ער א ווילדען שפיי טהאָן פאר זיך, ווי ער וואָלט דאָס אויף עמיצען געשפיגען מיט גאל.

קאַפּיטעל 9.

איינמאָל, פאַרנאַכט, ווען מאַקס איז געקומען פון גאַס א דערשלאָ־גענער, מיט נאָכגעלאָזטע הענט און א פּערלאָרענער זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער סאָפּקע, איז צו איהם צוגעגאַנגען חנה און געזאָגט:

— מאַקס! ווייסט — איך האָב דאָך פאַר זיך געפונען ארבייט!

— וואָ־א־אס!!

— ביי מיין ארבייט איז דאָך גאר איצט „ביזי"!

חנה!... וואס הייסט.... וואס רעדסטו?! חנה!

ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט איהר ניט געקאָנט קוקען גלייך אין פנים אריין, האָט ער זיך צוריק אראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפּקע און איז געבליעבען זיצען אזוי, ווי א פערטויבטער. די אויגען האָבען געקוקט פאַר זיך.

און ביי חנה'ן אויף די ליפּען האָט זיך איהר שמייכעל בעוויזען. —

זי האָט זיך צוגעזעצט צו איהם. אָבער דאָס מאָל האָט זי אליין ארומ־געלעגט איהרע א ווייסע, ווארעמע האַנד ארום זיין האַלז און גענומען רע־דען צו איהם ווי אן עלטערע שוועסטער:

— נאר איינער, וואס איז אז א ווייב העלפט אמאָל ארוים?

מאַקס האָט א לענגערע צייט ניט געקענט ענטפערען. נאָכדעם אבער האָט ער זיך גענומען טענה'ן, כמעט בעטען:

— וואס הייסט, א ווייב זאָל אויף מיר ארבייטען? — — — פאַר וואס? איך בין דען קראַנק? צו איך וויל דען ניט ארבייטען, צו בין איך דען חלילה געוועזען א שלעכטער, ניט קיין פלייסיגער ארבייטער? און איך וויל דאָך איצט אָננעהמען אבי־וואסער ארבייט. און דערצו אַט, אָט, פּי־לייכט נאָך מארגען, פיליכט נאָך מאָרגען... און ביי ברוך'ן וועל איך שוין מעהר קיין סענט ניט לייהען — — — הערסט, אויף מיין ווארט — חנה! אויף מיין ווארט! — מאָרגען ארום ניין א זייגער דאַרף ער דאָ

זיין אבער דאָס איז, ווייל מיר.דארפען צונעהן אין א פּלאַץ ווענען ארבייט.
באַלד אָבער האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון טהיר־גלעקעל.
חנה האָט אביסעל צושראָקען א טראכט געטהון: „ווער קאָן דאָס זיין?" און אויפ'ן ערנסטען פּאַל האָט זי זיך פערפּאַנצערט מיט איהר שמייכעל און איז אוועק עפענען די טהיר.
דער קארידאר איז שוין געווען ווי אָנגעפילט מיט דונקעלהייט, און פון זיין דונקעלהייט איז ביילקע מיט איהר ראָזעווען פּנים און מיט איהרע אין ריננען געקרויזטע שווארצע האָר, ווי ארויסגעשוואומען אינ'ם שיין פון די נאָך ליכטיגע צימערען מיט פראָסט און פרישער פייכקייט אין די אוינגען.
— האַלאָ, בעללאַ! — האָט זי חנה בעגריסט, שמייכלענדיג, און האָט זיך מיט איהר פערנומען אין א צווייטען צימער.
— האלא! חנה, וואס מאכט איהר עפּעס? אך ס'א פראסט עס נעהמט דאָס אויף נאכט, א פערגניגען!
און ביילקע נעהמט זיך פּאַנאַנדערשפּילען איהר ווינטער־ראָק און רעדט ווייטער:
— ווי עס געהט דאָס אונזערע ציוניסטען! — די גאנצע צייט האָט דאָס געהאלטען אין איין רעגענען, אז עס האָט זיך אויסגעראכט, היינ־טיגען ווינטער וועט שוין גאר נים אויפהערען צו רעגענען, און פונקט איצט, פאר זייער באַלל, האָט דאָס מיט אמאָל אנגעהויבע נעהמען פרעסט איינס נאָכ'ן אנדערען. און וואס איז עפּעס דער מעהר מיט אייער מאקס'ן ?
— נאר נים — זאגט חנה מיט א שמייכעל און נעהמט צו דעם ראק פון ביילקעס הענט.
ביילקע נעהמט אויף ארונטער דעם הוט פון קאָפּ, נעהמט ארויס א קאַם פון די האָר און בעסערט זיך מיט איהם צו די לאָקען, און זאָגט:
— איהר ווייסט, איך רעכען, אז עס וועט זיין זעהר א שעהנער באַל.
— יאָ, איך רעכען אויך אזוי — זאגט חנה און דער שמייכעל פון איהרע ליפּען פערשווינדעט נים, און אָט געהט זי גאָר נאָהענט צו צו ביילקע'ן און דער־פיהלט דערביי אין זיך א פּלוצלינגע ליידענשאפט צו ביילקע'ן— איהר נעהמט זיך דאכטען, אז נים זי, נאָר ברוך קוקט דאָס איצט אויף ביילקע.... און ביילקע זעהט אויס, ווי א יונגערע נאָר וואס

דערוואקסענע שוועסטער.... און חנה דערפיהלט, ווי צו מאכען עפעס א בעוועגונג, און זי נעהמט צוריק ארויס דעם קאם, וואס ביילקע האט נאר וואס פערשטעקט אין קאפ און שטעקט איהם איבער אין אן אנדער פלאץ, עס זאל אויסקוקען בעסער, שעהנער — — —

ביילקע טוליעט זיך צו צו חנה'ן און פרעגט:

איא, חנה, איך בין א שעהן מיידעל!

— זעהר! — ענטפערט איהר חנה.

— און איהר וועט דאך זיין אויפ'ן באלל?

—יא! — ענטפערט איהר חנה — ברוך וועט מן הסתם אויך זיין.

— טאקע! — שרייט אויס ביילקע — אי וועט דאס זיין גוט! וועט איהר זעהן, ווי מיר וועלען טאנצען! איך האב דאך אזוי ליעב טאנצען, און היינט ווען איהר זאלט נאך זעהן ווי מיר פאסט מיין סאמעטען קלייד! און וואסער א קלייד וועט איהר אנטהאן?

— מיין ליכטיג בלוי קלייד מיט'ן ווייסען גאז.

— ברוך האט טאקע זעהר ליעב בלוי?

— וואס פאלט איך איין? — זאגט חנה אלץ שמייכלענדיג — מיר פאסט בלוי, ווייל איך בין א ווייסע. און איהר ווייסט — זאגט חנה, מיט א מאל ווערענדיג גאר פרעהליך — איך שטעל זיך דאך שוין מארגען ארבייטען!

טאקע! א שאד, וואס איהר האט ניט געוואלט געהן ארבייטען אין דעם שאפ, וואו איך ארבייט. פונקט איז היינט געווארען ליידיג א פלאץ נעבען מיר און איך האב א גאנצען טאג געטראכט, אז עס וואלט געווען זעהר גוט, אויב איהר זאלט וועלען אנקומען אין אונזער שאפ און דערצו מיין איך אלץ, אז ביי אונז איז פאר אייך א סך בעסער, ווייל איהר קאנט דאך נאך דעם שאפ פון אמאל און די „פארליידי" וואלט אייך געוויס באלד פעררעכענט פאר אן „אלטער האנד" און איהר וואלט דערפאר גע־קאנט אויסמאכען מעהר ווי אין א נייעם פלאץ.

— עס דאכט זיך אייך אומזיסט אזוי אוים, ביילקע. א גוטע האנד מאכט אומעדום גוט אוים.

— איהר זייט אפשר גערעכט — זאגט ביילקע און נעהמט ארום חנה'ען פאר דער טאליע און פרעגט:

— זאָגט מיר דעם אמת, חנה, ווי מיינט איהר, ברוך וועט מיט מיר וועלען טאַנצען?

— דאָס דאַרפט איהר ביי א י ה ם פרעגען — זאָגט חנה און פרעגט גלייך מיט אַ שמייכעל:

— וואָס־זשע, איהר האָט זיך טאַקע מיט אַן אמת פערליעבט אין ברוך'ן?.....

— איך ווייס ניט, חנה, איהר הערט.... ס'איז עפּעס אזוי.... נאָר וואס?.... — און ביילקע ווערט מיט אַ מאָל ווי אפגעגאסען מיט פייער און צולאכט זיך פלוצלינג: כאַ, כאַ! עס פּלאָנטערען זיך ביי מיר די ווערטער! איאָ איך בין אַ נאַריש מיידעל?

פּלוצלינג אָבער דערהערט זיך ביי דער טהיר אַ הילצערנער געלעכטער. די פרויען ציטערען אויף, דרעהען זיך אום און דערזעהען בינעם'ען נעבען זיך.....

חנה ווערט אין כעס און ווערט רויט:

— איהר ווייסט דאָך, בינעם, אז איך האָב פיינט אָט אַ די שטיק אייערע!

— אָבער גאָט איז מיט אייך, חנה! דאַרטען זיצט מאַקס מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ און ווייס ניט, וואו ער איז איצט אין דער וועלט, און דאָ האָט איהר זיך פאַררעדט און זיך אויך, ווייזט אויס, פערגעסען, וואו איהר זייט ערגעץ אין דער וועלט — — — און קיין פייער צינדט איהר ניט אָן, מן הסתם פון שטימונג וועגען — — —

מאַקס האָט דערהערט ווי בינעם פער'מסר'ט איהם, אז ער זיצט מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ, איז ער אויך צוגעקומען צו זיי און ברוגז'לעך גענומען טענה'ען:

— ווער זיצט דאָס מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ? וואס הייסט.... וואָס.... וואס איז דאָ?... אַ יאָ, חנה, מען דאַרף שוין טאַקע אנצינדען פייער? —

— יאָ, צינדט אָן פייער, און איך וועל געהן מאַכען טיי. איהר וועט דאָך בלייבען אויף טיי, בינעם? — זאָגט חנה זיך גלייך איבערבעטענדיג מיט בינעמען.

— „שור", „שור"! — זאָגט בינעם אַ צופריעדענער און אַ לאַכענ־

דיגער פון דעם, וואָס חנה, די שעהנע שטאָלצע חנה האָט זיך אויף אַזאַ אופן געווענדעט צו איהם.

חנה איז אוועק אין קיך צוגרייטען דעם טיי. דער טאָן פון בינעם'ס „שור", „שור" האָט זי אזוי ווי דורכגעשטאָכען און איבער עפּעס א סכּת איז דאָס ביי איהר צונויפגעבונדען געוואָרען מיט'ן מאָרגענדיגען באַלל.... דער באַלל, ביילקע, לאה, ברוך, בינעם, נחום, דאָס אלעס האָט זי איצט גענומען בריהען, ווי זי וואלט אין זיך אייגגעשלונגען הייסע קוילען. זי וועט אויפ'ן באַלל ניט געהן, זי וועט ניט! און ברוך וועט אויך ניט געהן. ניין. זי וועט דאָס ביי איהם פשוט בעטען, וועט ער איהר צוליעבטהאָן. יאָ, זאל ער מאָרגען פערברייינגען ביי איהר אין הויז. יא, זי האָט דאָך איהם שוין לאנג אזא זאך ניט געבעטען. זאל ער פאר איהר דערצעהלען פון זיינע מעשיות, וואס ער טראַכט צום שרייבען. ער האָט דאָך שוין פאר איהר אזוי לאנג גאָרניט דערצעהלט. יאָ, און מאָרגען איז דאָך דער ערשטער טאָג, וואס זי שטעלט זיך ארבייטען. און דערפאר טאקע בעט זי איהם, אז ער זאל פערברייינגען דעם מארגענדיגען אבענד מיט זיי. יאָ, „ווייל מאָרגען איז דאָך דער ערשטער טאג, וואָס זי ווערט צוריק א מיידעל!"— ניט איהר מיט אמאָל א בליץ אויף אין קאפּ. און עס ווערט איהר פון דעם מיט אמאָל אי פרעהליכער, אי לייכטער. עפּעס א שווערקייט שווימט אפּ פונ'ם הארצען און זי קוקט דערויף ווי אויף א גליקליכען געדאנק: — יאָ, יא, — מאָרגען ווערט זי צוריק א מיידעל, א מיידעל! יאָ!

נאָכ'ן טהיי האָט בינעם בעגלייט ביילקע'ן אהיים. א לענגערע צייט איז בינעם געגאנגען מיט ביילקען און בייז געשווינגען.

— וואָס שוויינגט איהר בינעם? — האָט ביי איהם ביילקע געפרעגט.

בינעם שוויינגט.

— וואס, איהר זייט אין כעס אויף מיר? — האָט ביילקע ווידער געפרעגט.

— אויף אייך ניט. ניין. נאָר אויף אונזערע אידישע פרויען.

— וואָס הייסט?!

— הא, איהר ווייסט גאר ניט, וואס דאָס איז אזעלכעס!

ביילקע לאכט און זאגט:

— וואס־זשע, איך בין ביי אייך קיין פרוי נים, צו איך בין קיין אי־דישע נים?

— וואָס זאל איך אייך זאגען, מיר דאכט זיך, אז איהר קאנט נאָך ווערען א גוט מיידעל. אדער אפשר איז דאָס, ווייל מיר וואלט זיך וועלען, איהר זאלט דאָס זיין...

ביילקע צולאכט זיך. איהר געלעכטער גיסט אפּ בינעמען מיט א ציטערדיגער ווארימקייט. זיין שטימע ענדערט זיך, ווערט אביסעל ווייכער און ווארימער, ער נעהמט זי אָן אונטער דער האנד און זאגט איבער:

— איהר ווייסט, ביילקע, מיר וואלט זיך זעהר וועלען, אז איהר זאלט דאָס זיין.....

— אָבער מיט וואס זיינען ביי אייך חנה, אָדער לאמיר זאגען, לאה, שלעכט?

— איהר רעדט אזוי נאאיוו, ביילקע, זיי זיינען דאך דאָס טאקע די, וואָס בעווייזען, אז אונזערע פרויען זייגען די נידרינגסטע, וואס די וועלט פערמאגט נאָר. שטעלט אייך פאר ביי די גוים, ווען א אזא מיידעל, ווי חנה, איז פערליעבט אין אזא מאן ווי ברוך, און דערצו נאָך אזוי שטארק פערליעבט, וועט זי חתונה האָבען פאר עמיצען אנדערש? און דערצו נאָך פאר מאקסען? ניין, זי וועט פארזיצען, אדער זי וועט גאר אוועק אין מאָנאסטיר, ווייל אויב זי וואלט נעהאנדעלט אנדערש, וואלט זי אויף זיך נעקוקט, ווי אויף א גאסען־פרוי. א היינטיגע אידישע טאָכטער אָבער האָט נענוג ש כ ל. זי וועט זיך אזוי ווייט נים ב ע נ א ר ע ש ע ן. זי וועט חלילה נים פערזיצען ב י ז'ן ג ר ו י ע ן צ אָ פּ...

ביילקע צולאכט זיך:

— ווי אין כעס איהר זייט דאָס. און וואס זאגט דערויף ברוך?

— ער זאגט — ביי איהם נעהט דאך דאס שוין אריין אין „אונזער אונטערגאנג" — אונזער היינטיגע פרוי איז פערוואנדעלט געווארען אין א ז י, וואס וויל מיט איהר לייב מאכען דעם בעסטען געשעפט, בעזונ־דערס די פרוי, וואס פאהרט פון דער אלטער וועלט אהער. די בעסטע פון זיי פאָהרט דאך אהער מיט א בעהאלטענעם געדאנק, אז עס וועט זי אויפ־באפען עפעס א רייכער, א מיליאָנער, און וועט זי אריינפיהרען אין זיין

פאַלאַץ מיט דיענער און דיענסטען און דערפאַר טאַקע וועט זי איהם „ליעב האָבען“ און וועט זיך מיט איהם ליגען אין זיין גאָלדען בעט. איהר דאַרפט ענטשולדיגען, טאָמער איז דאָס געזאָגט אביסעל צו שאַרף, ווייל עס ווילט זיך דעם אומגליק פשוט אנשפייען אין פּנים אריין. און איך זאָג אייך, אז ברוך איז גערעכט, ווען ער זאָגט: „אונזערע היינטיגע טעכטער פעהלט לחלומין גאָט אין האַרצען. די צאינה וראינה, וואָס האָט געהיילינגט און געלייטערט אונזערע מאַמעס, האָט אויף זיי אויפגעהערט ווירקען, און אויב עס וועט ניט געשאַפען ווערען אַזאַ מין נייע ליטעראַטור, וואָס זאָל פאַר אונז צוריק ראַטעווען די עהרליכקייט פון אונזערע אידישע טעכטער, זיינען מיר פאַרלוירען, ווייל מענשען, וואָס זיינען ניט אנגעבינ־דען אין קיין העכערער וועלט, האַלטען אין איין פאַלען און ווערען אַלץ שמוציגער, ביז זיי ווערען אין גאַנצען בלאָטע“.

ביילקע׳ן געפעלט, וואָס בינעם כעס׳ט זיך, וואָס ער רעדט דאָס צו איהר מיט אַזאַ וויכטיגען טאָן און זי צולאַכט זיך און זאָגט:

— אָבער ווי געפעלט אייך דער מיליאָנער, וואָס חנה האָט פאַר זיך אויפגעזוכט?...

— ניין, ביילקע, ערשטענס גיבען זיך דאָך ניט אַלעמענס חלומות איין, און צווייטענס איז דאָך דאָס ביי חנה׳ן געווען אַ חשבון נאָר פון אַן אנדער סאָרט. און דערצו איז נאָך דאָס חתונה־האָבען מיט מאַקסען ביי איהר געווען ווי אַ מין צוגעטראַכטער שמייכעל, מיט וועלכען זי האָט זיך גענומען קוקען אויף ברוך׳ן און אויף אונז אַלעמען.... איהר האָט זיך צוגע־קוקט צו איהר שמייכעל? — פאַראַן אַזאַ וואַסער־חיה׳לע, וואָס האָט זעהר אַ שוואַכען רוקען, נאָר אַ נישקשה׳דיגען מויל און הערנער, און דערפאַר, אַלע מאָל, ווען דאָס קומט אין בעריהרונג מיט די אַנדערע, וועלכע זיינען שטאַרקער פאַר דעם, האַלט עס פאַר זיי שטענדיג גרייט דעם מויל און די הערנער, און דרעהט זיך די גאַנצע צייט אַזוי, אַז מען זאָל חלילה ניט דערזעהן דעם שוואַכען רוקען...

פון דעסטוועגען האָט איהר, ווייזט אויס, נאָך פאַרט ליעב חנה׳ען!
— ווילט זיך ביילקען זאָגען. אָבער זי דערזעהט, אַז זיי זיינען שוין נעבען איהר הויז — עס קאָן זיין, אַז ביי איהר זיצט איצט לעווין — דערמאַהנט זיך, און זאָגט:

— אַט דאָ וואוין איך, אויפ'ן צווייטען שטאָק, רעכטס.
בינעם קוקט זי אָן....
— גוד־ביי! — זאגט זי איהם, געבענדיג די האנד — קומט אָן דעסטוועגען אמאָל ארויף צו מיר. אפשר....
אָבער בינעם האָט שוין מעהר ניט געהערט און איז אוועק....
ווען ביילקע איז ארויף, האָט זי ביי זיך געטראָפען לעוויג'ען.

קאַפּיטעל 10.

אין דער דאָזיגער נאַכט האָבען די איינוואוינער פון ניו יאָרק, זיך לעגענדיג אויף זייערע געלעגערס, דערפיהלט, אז דער פראָסט קרעפטיגט זיך, קומט צו זיך אַלץ מעהר און מעהר, און אין־דער־פריה, ווען זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין איבער דער שטאָדט געלעגען אַ ווייסער ווינטער.

— כא־כא! ווי גוט דאָס איז, ווי גוט דאָס איז! — האָט חנה אויס־געשריען גאַנץ פריה אויפשפּרינגענדיג פון בעט און דערזעהענדיג דורכ'ן פענסטער די ווייסע שטאָדט.

— זעהסט, מאַקס, ווי שעהן עס איז צוליעב מיר געוואָרען אין דרויסען. נאָט ווייס, אז היינט געה איך צו דער אַרבייט, נעהמט ער און שפּרייט פאַר מיר אויס זיין וועלט אין ווייסען, און ווי זאָגט אונזער ברוך: זיי געבענשט מיין גאָט, זיי געבענשט!

— חנה, אפשר וואָלסטו נאָך היינט ניט געגאַנגען צו דער אַרבייט. פּילייכט — — —

— אָ, הער מיר אויף דיינע נאַרישע שטיק! — זאָגט זי כלומר'שט אונגעדולדיג און נעהמט זיך אָנטהאָן — האָסט געהערט אַביסעל, איך וויל אַרבייטען, לאָזט ער מיך ניט. וואָס מיינסטו בין איך דיר? הערסט!

— איך וויל ניט, אז דו זאָלסט מיר גאָר מעהר איבעררעדען וועגען דעם. דו פערשטעהסט, מיר ווילט זיך פּשוט צוריק ווערען אַ מיידעל. שטעל זיך פאָר, ווי גוט דאָס איז. אין גאַס און אין שאַפּ איז מען אַ מיידעל און מען לעבט ווי אַ מיידעל און מען פיהלט ווי אַ מיידעל און אין דער היים האָט מען זיך אַ מאַן. אַזאַ גוטען, אַ וואוילען. דאָס איז דאָך אַ לעבעדיגע וועלט, מאַקס, ניט אמת?

מאַקס שמייכעלט, איהר צוליעב — — —

און חנה'ן פאַלט איין: וואָס איז דאָס! עפּעס איז זי, דאַכט זיך, היינט אין גאַנצען ברוך'יש געשטימט. רעדט, דאַכט זיך, אויף זיין אופן!... אָבער זי פערטרייבט דאָס באַלד.

— הערסט, וואָס מיר איז גאָר איינגעפאַלען, מאַקס ? ווערלינג די פענ־סטער זיינען פערפרוירען, איז ווייזט אויס אין דרויסען א גוטער פראָסט, און עס וואָלט געווען א יושר, מיר זאָלען היינט גאָר אריינכאַפּען א גליטש ! (ווידער דאכט זיך איהר אויס, אז זי רעדט ווי ברוך...) און ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, דו וועסט זיך דאָך היינט זעהן מיט ברוך'ן, איז, מאַך מיט איהם, אז מיר זאָלען זיך היינט אבענד טרעפען אויפ'ן סקייטינג רינג אין פּארק. ער וואוינט דאָך ניט ווייט פון דארטען. און דו נעהם מיר ארויס מיינע „סקייטס", שאַרף זיי אָן און מאַך מיר, אז זיי זאָלען גלאַנ־צען, ווי די שפּיגלעך, ווייל, פערגעס ניט, אז איך בין דאָך היינט אויפ'ן אייז דיין מיידעל ! — וועסטו זעהן, ווי מיר וועלען דאָס היינט א לעב טהאָן !

— נו, און אויפ'ן באָלל ? ! — פרעגט מאַקס פערוואונדערט.

— עי, נאַר, ווער דאַרף דאָס האָבען דעם באָלל זייערען ? ! זאָג ברוך'ן אז איך האָב דאָס ביי איהם געבעטען, הערסט ? און דו זאָלסט מיר נאָר קיין נאַר ניט זיין.

מאַקס שמייכעלט אונטער, ווען ער בעגעגענט זיך מיט איהרע אויגען. זי אָבער זעהט די געמאכטקייט פון דעם. זי נעהמט זיך פּרואווען פערשיע־דענע אנדערע מיטלען, אָבער עס נעהט ניט... און שוין אָן אנגעטהאָנענע צום ארויסגעהן, פאַלט זי פּלוצים אויף א פּלאַן : זי נעהט ראַש צו צו איהם, כאַפּט איהם אָן פאַר די הענט און נעהמט כלומר'שט בייז פאָדערען:

— גיב א לאַך ! גיב א לאַך !

מאַקס, וואָס האָט זיך נעהאַט פון אנפאַנג דערשראָקען פון איהר פּלוצלינגען בייזען קעהר, דערהערענדיג, אז דאָס איז אין גאַנצען צוליעב א לאַך, האָט זיך טאַקע גאַנץ הארציג צולאַכט.

— העכער, העכער ! — האָט זי גענומען שרייען נערוועז, זיך דער־מאָהנענדיג, אז אויך דער איינפאַל איז ברוך'ס, ברוך'ס ! — „וואָס וויל ער פון מיר האָבען ? !" — איז איהר דורכגעפלויגען אין קאָפּ — וואָס האָט ער זיך דאָס מיט אמאָל אריינגעזעצט אין מיין פלייש און בלוט ? ! — —

און מאַקס לאַכט און לאַכט. און לאַכענדיג שרייט ער אויס, אַט דאָס איז איין אנפאַל פון א....

— מיידעל — כאַפּט זי אונטער.

— נו, גוט, זאל זיין א מיידעל, זאל זיין א מיידעל.
— נו, גיב מיר נאך א קוש פאר'ן אוועקגעהן.
— וואס הייסט? איך וויל דאך דיך בעגלייטען צום שאפ.
— ניין, איך וועל געהן אליין, ווי א מיידעל.
— וואס הייסט?... וואס.... אדרבא.... איך מיין....
— ניין, איך וועל געהן אליין.

קאַפּיטעל 11.

פאַר ברוך'ן האָט זיך דער מאָרגען אָנגעהויבן „עפּעס אַזוי מאָדנע":

די לעצטע פּאָר נעכט איז ער ווייניק געשלאָפן, און די נאַכט פאַר דעם מאָרגען האָט ער בלויז פאַרטאָג געכאַפּט אַ דרעמעל. גאַנץ פריה האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרויס אינ'ם ווייסען דרויסען און דערזעהן, ווי עס וואַרט אויף איהם אַ גרויסע גאַלדענע זון. ניט ווייט פון איהם אין פּאַרק ליגט אויפ'ן שנעע צוליגט אַ גרויסע גאַלדענע זון און וואַרט אויף איהם, ווי זי וואָלט זיינער אַ געטרייער הונט געווען. — און דאָס האַרץ פאַרגעהט זיך אַזש ביי איהם פון ליעבע און פרייד, און ער צושמייכעלט זיך ווי אַ דערוואַקסענער פון אַ קינדערישען, חוצפּה'דיגען איינפאַל: — „די זון וואַרט אויף איהם! און ווי זיינער אַ געטרייער הונט!" און דער פּאַרק, און די בערג, און די בוימער זיינען ערשט אויפ'ס ניי צוליעב איהם אויפגעוואַקסען, אַלע אין ווייסען, אַלע אין ווייסען. זיי וואַקסען נאָך, זיי צעוואַקסען זיך ערשט איצט פאַר זיינע בליקען, און אַט, וויפיעל ווייסע בערג, וויפיעל פערשנעעטע בוימער! ווי זיי שפּרייטען זיך און בויגען זיך. דער ווינט בלאָזט שטאַרק און פראָסטיג. און אויף אַ קליינעם ווייסען בער־געל ליגט זיין גרויסע גאַלדענע זון און וואַרט, און שיקט צו איהם אָראַנזש־גאָלדענע שטענגס. די גאַלדענע שטענגס ציהען זיך צו איהם ציטערדיג — צופריעדען איבער'ן צאַרט ווייסען שנעע און קושען זיינע פּיס. — זייט געבענשט דו פרישער, זוניגער, ווינטער־פריהמאָרגען! זייט געבענשט!

ער לאָזט זיך געהן צו דער סטאַנציע פון דער אויבערשטער שטאָדט־באַהן, און דער שנעע שפּיעלט אויס אונטער זיינע פּיס זיין יעדען טריט: טריט־טראַט, טריט־טראַט, טריט־טראַט! טריט־טראַט! און עס דאַכט זיך נאָך, ווי פויגעל פּישען, ווי טויבען וואָרקען, פידלען שפּיעלען. און דער ווינד נעהמט אַרום, האַלזט און גלעט, וואַשט און ווישט און קושט דאָס פּנים, די אויגען, די הענט. — זייט געבענשט! זייט געבענשט, פאַר פראָסט און ווינט, פאַר שלאָף און שנעע. —

ער איז אריין אינ׳ם עלעווייטער־באהן.

דער באהן — אַ קייט וואגאָנען אָנגעשלאָסען איינער צום צווייטען — נעהמט זיך יאָגען אין דער הויך, אויף זיין אייזערנער בריק. די זון לויפט איהם נאָך פון צווישען די בוימער פון פארק, שפרינגט איבער די בערג, פערלויפט אפּט אויפצופריהער... און עס זעהען זיך אונטער דער בריק פעלדער, הייזלעך מיט פערשנעעטע דעכער און זיין זון, זיין גרויסער גאָלדענער הונט שפרינגט איהם נאָך. זי שפרינגט און קאטשעט זיך איבער די ווייסע פעלדער, איבער די ווייסע דעכער — — — און אָט פאָהרט ער אריין אין די הויכע גאסען, וואס הויבען זיך נאָך מיט טויזענ־דער קעפּ העכער פון עלעווייטער. ער פאָהרט צווישען גאסען, וואָס וואקסען אין הימעל אריין ! — איהם נעהמט זיך דאכטען, אז ער פאהרט צווישען שמעדט, וואס הייגען אין דער לופטען — — — און די גרויסע, לאנגע בריק איז ווייס פערשנעעט, און איבער איהר ציהען זיך לאנג און ווייט זעקס ריינע, אייזערנע פאסען, וואס בלאנקען אונטער דער זון אין גאָלד און אין זילבער. זיין באהן פאהרט אויף די מיטעלסטע צוויי און מיידט אויס די אנדערע באהנען, וואס טראגען זיך אָן פון ביידע זייטען. זיין באהן לויפט, ווי זי וואלט וועלען איינרייסען די וועלט, און די ווייסע בריק, דאכט זיך, נעהמט מיט שרעק לויפען אנטקעגען און שווינדט אונטער די רעדער. ער פאהרט פון צפון אויף דרום און אין דעם איי־נגעם וועג לויפט אויך, ניט ווייט, דער שטאדטישער מזרח־טייך, וואס ווערט פערפראָרען בלויז ביי די ברעגען און אין מיטען איז ער, ווי עס וואָלט גאר קיין פראסטיגער ווינטער אויף דער וועלט ניט געווען. די זון און דער טייך פערשווינדען אַלע מאָל. און אין די עקען פון די גאסען, וואָס שניידען איבער די שטאָדט פון מזרח אויף מערב, שפרינגען זיי ווידער ארויס. די זון זוכט אויף זיין פענסטער. שפרינגט צו צו איהם און קושט איהם ליעב און דער טייך שמייכעלט דערביי ציטערדיג־פריש, ווי אַ גליקליך צופריעדענע מאַמע. און באַלד פערשווינדען זיי ווידער. זיי בלייּ־בען ערגעץ אונטען, און ביי דער נעקסטער גאס שפּרינגען זיי ווייטער ארויס און ער שמייכעלט זיי אנטקעגען : — מיין שעהנע זון, און דו, שעהנער, גאָלדענער טייך ! און פון זיינע אויגען נעהמען זיך רייסען גאָל־דענע פוינעל — אַ פּינטעל מיט די אויגען, און עס פליהען ארויס אַ פּאָר גאָלדענע פויגעל, און אָט נאָך אַ פּאָר און אָט נאָך אַ פּאָר. די וואגאנען

זיינען פול און פול מיט מענשען, און זיי אַלע זיינען נאָר־וואָס אויסגעשלאָ־פענע, און אַלע זיינען זיינע ברידער און שוועסטער, זיינע זיהן און טעכ־טער — זיי שמייכלען אַלע מיט זיין שמייכעל — און אויך פון זייערע אויגען רייסען זיך גאָלדענע פויגעל. גאָלדענע פויגעל פילען אַן די וואַגאָנען, שלאָגען זיך אָפּ און פלאַטערען אויף די פענסטער פון די מויערען, וועלכע לויפען פערביי די וואַגאָנען. גאָלדענע פויגלען פליהען אַוועק, שפּרינגען אַריין און באָדען זיך אין טייך. און ווי מאָדנע די מיידלעך האָבען זיך דאָס גענומען אָנטהאָן היינטיגען ווינטער! — ווינטער רעק מיט'ן פוטער אַרויס! פון אמת'ען אָדער נאָכגעמאַכטען פוטער. און עס זעהט אויס אַזוי קינדעריש, ווי זיי וואָלטען גענומען דער מאַמע'ס פוטער'ס זיי איבערגע־קעהרט אויף דער לינקער זייט און זיי אָנגעטהאָן אויף זיך גלאַט אַזוי, פון קאַטאַוועס וועגען.... און היטלען האָבען זיי אָנגעטהאָן אַזעלכע מאָדנע — פון סאַמעט אין פוטער האָבען זיי אויפגענעהט אַזעלכע הויכע, שפּיצינע קאַלפּאַקען. מיידלעך זאָל זיך דאָס פּלוצלינג פערגלוסטען אָנצוטהאָן קאַל־פּאַקען! — — — און אונטען איז די גאַנצע שטאָדט איבערגעפּלאַכטען מיט פאַרביגע ריהרעווודיגע מחנות. די גאַנצע שטאָדט, דאַכט זיך, געהט, די גאַנצע שטאָדט ריהרט זיך און געהט... און די מחנות זיינען מיט זון בעפלעקט. — גאָטס ברכה אויף זייערע קעפּ, גאָט'ס ברכה.

נאָר ווען ער איז אַראָפּ אין גאַס און דערזעהן, ווי די מחנות בויגען זיך אַריין אין דער ברייטער גאַס און גיסען זיך דאָרט צונויף אין צוויי, נאָך ברייטערע, אונענדליך לאַנגע מחנות, וואָס ציהען זיך אויףביידע זייטען פון דער גאַס, און די אונענדליכע ריהרעוודינקייט פון אָט די טונ־קעלע קליידער, ליכטיגע פנים'ער און אָט די היט, די קאַלפּאַקעס, און די מאָדנע רעק מיט'ן פוטער אַרויס, און צווישען די ביידע מחנות, די קאַרס, וואָס לויפען איבער דער לייגנג פון דער גאַס, אַרויף און אַראָפּ, פול געפּאַקט מיט מענשען און קלינגען, און טומלען, און רודערען; און די פוהרען: גע־זונטע, גרויסע פערד, די אָנגעלאָדענע וועגען, וואָס גליטשען זיך און קלאַפּען אין זייערע אָנגעשמירטע רעדער, און די גרויסע, שווערע רעדער, וואָס קלאַפּען אָן שטיין; און די פערפּוצטע גלעזערנע פענסטער, וואָס שפּיגלען אין זיך אַריין אי די מחנות מענשען, אי די גרויסע פערד מיט זייערע אָנגעלאָדענע וועגען, אי די „קאַרס", און צושפּיגלען אַזוי די ברייטע גאַס אויף ביידע זייטען און מאַכען זי דורך דעם נאָך גרעסער,

ברייטער, אונענדליך ברייט און לאַנג, איז ברוך געבליבען שטעהן אַ פער־
ווירטער, אין הארצען האָט גענומען בריהען אַ פייער, אַ בייז, אַ ביטער
פייער: זאל ער בענשען, צו זאל ער שעלטען?

— וועמעס ארבייט איז דאָס? גאט'ס צו דעם טייוועלס?

— און וויפיעל מענער בלאַסע, פערמאַטערטע? און וויפיעל מיידלעך
דארע, פערעלטערטע?

און ערגעץ דארט, וואו די לאַנגע גאס לאָזט זיך אראָפּ צום ים,
שטעהט דער גרויסער ריעז געפאנצערט אין שטאהל און אין אייזען, ווייט
אויסגעוואַקסען איבער אלעמענס קעפּ און האלט אין זיינע גרויסע, איי־
זערנע הענט די לייצעס פון אָט די אלע מענשען און טרייבט און שרייט:
מיינע פערד! מיינע פערד!

אונגליקליכע! אין גאָט, וואָס קאָן זיין גוט ווי אַ גאָט און בייז
ווי אַ גאָט, האָט איהר זיך שוין באלד פערגעסען. אי איהר, אי די בעלי־
בתים אייערע, איז ביי וועמען וועט איהר מאָנען אייערע אלע טענות?
— — — ביי אָט דעם ריעז פון שטאהל און אייזען? אונגליקליכע, פער־
שאָלטענע! ווער וועט לעשען אייערע פייערען? ווער וועט היילען
אייערע וואונדען?

— הי! גאָט מיינער! ווי אַ מענש פערטראַכט זיך דאָס אביסעל!
אָט דאָס הייסט אַ דיכטער! אוי, ווען איהר וואָלט נאָר ניט געווען אזא
שלעכטער — זענט איהר דאָך זעהר אַן אריגינעלער מענש, אויף מיין
ווארט.

ברוך קוקט זיך אום און דערזעהט נעבען זיך ביילקען:

— אַ גוטען מארגען, ביילקע!

— הערסט, ער האָט זיך ערשט דערמאָנט צו ענטפערען!

ברוך קוקט אויף איהר אַ שולדיגער.

— אָבער ווען איהר וואָלט נאָר ניט געווען אזא שלעכטער מענש.
ווי איהר זייט — — — איך וואָלט דאָך געפאלען צו אייערע קניע, איך
וואָלט געקושט אייערע פיס.

געזאָגט האָט זי די ווערטער מיט אַ שפּאַסיגען טאָן. און האָט גע־
מיינט, אז עס וועט אוועקגעהן פאר אַ שפּאַס, האָט זי זיך אָבער בעגעגענט
מיט זיינע אויגען און איז רויט געווארען.....

— איז מיט וואָס בין איך דאָס טאַקע אזא שלעכטער?

— פאר וואס לאזט איהר אונז ניט לעבען? וואס ווילט איהר פון אונז האָבען? וואס ווילט איהר האָבען? — — —

— איהר זייט דאָך א קלוגע מיידעל, איז פאר וואס ערגערט איהר זיך אזוי פון מיין ניט לאזען אייך „לעבען"?

ביילקע שווייגט און ברוך רעדט ווייטער:

אפשר דערפאר, ווייל איהר אליין זייט אינווענינג אין זיך ניט גאר צופריעדען?... איהר פערשטעהט, איך רעכען, אז יעדער מענש וויל זעהן זיין אייגענע געשטאלט וואס ריינער, און עס איז נויטיג פאר יעדען מענשען צו פיהלען די רגע פאר אט דעם „לעבען" אייערען און נאך דעם, כאָטש אפילו גאָר אונבעוואוסט, אז עפּעס טהוט ער א זאך, וואָס איז גרויס און לויטער.... שטעלט זיך פאר — א מענש עסט, איז דען עסען־לעבען? ניין, עסען איז א מיטעל אויף צו לעבען.

ביילקע מאכט זיך ניט וויסענדיג און פרעגט:

— וואס הייסט?

ברוך קוקט זי אָן, ווערט אביסעל בייז, כאטש ער שמייכעלט, און זאָגט:

— ווען איהר עסט, איז דען עסען לעבען? איז דען דאָס עסען דער זין פון לעבען? וואלט איהר וועלען מען זאל אויף אייך זאגען: איהר לעבט אויף דער וועלט, כדי איהר זאָלט עסען? — ניין; ווייל עסען איז בלויז א מיטעל אויף צו לעבען. און דאָס וואס איז א מיטעל טאָר ניט און קאן ניט געמאכט ווערען פאר א צוועק. און וואָס איז דער מענש, וואָס לעבט זיינע טעג אין פוסטע ליידענשאפט אָהן א שום רעליגיעזען געפיהל, אָהן א שום צוועק?

— גוואלד, וואס פאר א שלעכטער מענש איהר זייט! ווי איהר ווילט פון גאר ניט וויסען, ווי איהר ווילט זיך מיט גארניט רעכענען. זעהט איהר דען ניט, אז די אומשטענדען זיינען אזעלכע, אז מען קאן ניט.

— אז מען קאן ניט — רייסט איהר ברוך איבער — לעבט מען ווי א ריינע, אידישע טאָכטער.

— כאַ־כאַ, — צולאכט זיך ביילקע — „ווי א ריינע אידישע טאָכ־טער". איהר זייט דאָך נאָך א קינד, אויף מיין ווארט. זעהט איהר דען ניט, ווי עס זעהען אויס די פערזעסענע מוידען, וואס האָבען אפגעלעבט זייערע יאָהרען ווי ריינע אידישע טעכטער? דערשרעקט איהר זיך ניט פאר

זייערע גרויע האָר, פאר זייער צונויפגעפרעסטע ליפּען, פאר זייערע אויגען און פאר זייער פערגעלטע און פערטריקענטע לייבער?

— דאָס איז דערפאר, מיין פריינד, ווייל זיי האָבען דאָס געטהאָן אלס אן אפּקומעניש, און ניט דערפאר, ווייל עס איז שעהן, ווייל עס איז אן אידעאל, און ווייל מען קאן מיט מעהר שטאָלץ קוקען אויף דער וועלט, ווען מען איז אונשולדיג, ריין, ווי ווען מען איז פערשמירט אין זינד. און דאָס וואס איהר זאגט: אומשטענדען, יא, — די אומשטענדען דאָ אין שטאָדט זיינען זעהר שלעכטע, און דערפאר שריי איך דאָך ראטעוועט זיך, ראטעוועט זיך פון אָט דעם פייער, וואס וויל אייך פערלענדען.

— נו, פרעג איך אייך, איהר ווילט, אז איך זאל ווערען א פארמערקע, איך זאל מיט אָט די הענט זיך נעהמען גראָבען ערד? — און דערביי שטרעקט זי איהם אויס איהר הענטעל מיט די לענגליכע ראזעווע פינגער, און זי טראגט איהם די האנד גלייך צום מויל — — —

ברוך שמייכעלט:

— ווי ווייניג איהר פערשטעהט נאָך אלץ, ווי ווייניג איהר ווייסט, און ווי פערלוירען איהר זייט.

— נו, נו, זייט ניט אין כעס אויף מיר. זאגט מיר בעסער, מען מעג דאָך אייך נעהמען אונטער׳ן האנד?

— נו, נעווים מעג מען, פאר וואס דען ניט?

זי לעגט אריין איהר האנד אין זיינער, און געהט מיט איהם אזוי א ווײלע, און עס פאלט איהר איין צו פרעגען:

— איך האָב געהערט, אז איהר האָט פיינט מיידלעך וואָס פודערען זיך און וואָס קייען „טשואינג־גאם“, און אז פארפומירען האָט איהר דוקא זעהר ליעב?

— איהר פודערט זיך דען?

— זעהר זעלטען.

אין א ווײלע ארום הויבט זי אויף איהרע אויגען ארויף צו איהם.

— ס׳ארא מאָדנער מענש איהר זייט! מיין קאָפּ גרייכט דאָך אפילו ניט ביז אייערע אקסלען. און ס׳ארא מאָדנע האנד ביי אייך! זאגט מיר, פיהלט איהר מיין האנד? — — — איך מיין — — — מיין האנד איז דאָך אזא ווארעמע? — — —

— וואס מאכט איהר זיך נארעש ווי א קינד, זעהט איהר דען ניט,

אז איך געה אין א גראַבען ווינטער ראַק.... און דערצו גיט נאָר א קוק, ווי די לאַנגע גאַס מיט די מענשען לאָזט זיך דאָס דאַרטען בארג אראָפּ און ארויף. זעהט דאָס דען ניט אויס ווי צוויי פאַנטאַסטישע בוימער, וועמעס צווייגען עס גיסען זיך צונויף אין טהאָל, ציהען זיך ביז אונז און נאָך ווייטער פון אונז, וועמעס צווייגען עס ציהען זיך אויף אין אַלע גאַסען, ס'אַרא מאָדנע בוימער, ס'אַרא מאָדנע בליהונג! ס'אַרא מאָדנע שפּיעל פון פּנים'ער און קליידער. און פאַר וועמען איז אָט דאָס שפּיעל, אויב ניט פאַר'ן טייוועל? אונטער די פיס ביי זיי איז דאָך שוין לאַנג קיין שנעע ניטאָ, צו ווייסען זיי פון ווייסער צארטקייט, צו ווייסען זיי, אז אונ־טערן שטאָרט שטעהען איצט ווייסע פעלדער, ווייסע בערג מיט ווייסע פער־שנעעטע בוימער, וועלכע הויבען זייערע צווייגען צום הימעל? און וויפיעל פון זיי וועלען נאָך פּילייכט היינט פערברענט ווערען? און ווער זאָל דע־רויף אויפּפּאַסען, די בעאַמטע? אָדער יעדער איינער פון זיי ווייס דאָך, אז אויב ניט ער, וועט אן אנדערער צונעהמען דעם באַבאַר. — און ווייסט איהר ניט פאַר וואָס אזאַ מיידעל ווי איהר, וואָס איז אין „דער היים“ מן הסתם, ווי אנדערע אזעלכע מיידלעך, געווען אן איבערגעבענע רעוואָלו־ציאָנערקע, פון וועמעס אויגען עס האָט געלויכטען א הייליג פייער, פאַר וואָס איהר האָט זיך דאָס דאָ מיט אמאָל גענומען צו „לעבען“? איז דאָס אפשר ניט דערפאַר, ווייל אויך איהר האָט זיך ארומגעזעהן, אז דאָס שפּיעל איז דאָ פאַר'ן טייוועל? פאַר'ן טייוועל, וואָס איז געפּאַנצערט אין שטאָהל און אין אייזען?

— אזוי, אזוי דרעהט איהר זיך דאָס ארויס פון מיין שאלה. — שרייט ביילקע אויס. — כאַ־כאַ — און עפּעס אזוי פּלוצלונג רייסט זי ארויס איהר האַנד פון זיינער און גיט זיך א שמעל פאַר איהם:

— זאָגט מיר נאָר, וואָלט איהר ניט געהאַט קיין חשק מיך אויפצועס־עסען אין גאַנצען?! אָט איך וואָלט זיך פאַר אייך אויסגעטהאָן א נאַ־קעטע, אָט גלייך איצט, אין מיטען גאַס? — — — —

— איהר וואָלט זיך דאָך חלילה פערקיהלען, זאָגט ברוך זיך בע־הערשענדיג.

— ס'אַרא גוטער איהר זייט! און איהם נעהמענדיג צוריק אונטער'ן אָרעם זאָגט זי — ניט אמת, איך בין עפּעס אזא מאָדנע? — מען קאָן זיך נאָך פאַר מיר איבערשרעקען?

נו, געוויס! עפּעס א קליינינקייט! — זאגט ברוך סארקאסטיש, זי אויסמעסטענדיג מיט די אויגען. — אבער ווי, איהר האָט נאָך ווייט צו געהן?

— איהר ווילט שוין פון מיר פּטור ווערען? — — — —

נו, נארישקייטען! איך דארף נאָך באלד זיין ביי מאקס'ען. ער ווארט געוויס אויף מיר. איך דארף מיט איהם אין א בעשטימטער צייט צוגעהן אויף א פּלאטץ, טאָמער וועט זיך פּילייכט דארטען עפּעס מאכען.

— איהר ווייסט? חנה געהט דאָך שוין היינט צו דער ארבייט?

— יאָ? — וואוהין? טאקע אין דעם זעלבען שאפּ וואו איהר ארבייט?

— ניין, זי האָט דוקא געוואלט אזא שאפּ, וואו קיינער קען זי ניט. שאט! אָט געהט זי דאָך!

ברוך האָט דערפּיהלט, ווי אין זיין הארצען וואלט עמיצער שארף א ציה געטהאָן עטליכע אָנגעצווינגענע פעדעם — — — יא, יא, אָט לויפט זי — — —

— חנה איז טאקע כמעט ווי געלאָפען: זי האָט קיין צייט ניט. זי האָט זעהר קיין צייט ניט.

— וואָס כאפּט איהר אזוי? ס'איז נאָך פריה — זאָגט ביילקע.

— ניין, ביי אונז הויבט זיך דאָך אָן פריהער. און איהר, ברוך, זעהט זיך היינט מיט מאקס'ען, ער האָט אייך עפּעס צו דערצעהלען.

— וואָס איז?

— זעהר א וויכטיגע זאך — — —

— קאָנט איהר דאָך מיר איצט גלייך זאגען — זאגט ברוך, וועלכער דערקענט, אז די „וויכטיגקייט" איז א נעמאכטע.

— ניין, — זאגט זי בלאָס, שמייכלענדיג — איהר מוזט זיך מיט איהם אליין זעהן — און זי מיידט דערביי אוים צו קוקען אויף ביילקען — — —

— וואָס, איהר זייט ברוגז אויף ביילקען? — האָט ברוך בדעה צו מאכען שפּאָס, נאָר ער דערמאנט זיך, אז חנה וועט דאָך געוויס גלייך רויט ווערען, און ער פרעגט:

הייסט דאָס א סוד?

אָבער חנה איז גראד דערפון ערשט רעכט רויט געווארען. די ליפּען

האָבען זיך שטיל צובויגען. עס האָט געזאָלט זיין א שמייכעל — — — עס האָט זיך בעוויזען א שמאָל פאַסיקעל איבער איהרע ווייסע, נערוועז־ ווייסע צייהן. זי האָט זיך אבער קלוג א דרעה געטהאָן און אפגעזאגט:

— עי נעהט..... איך האָב קיין צייט נים. גוד־באַי!

— אוי, וואס פאַר שלעכטער מענש איהר זייט, ווי אלע ווערען דאָס לעבען אייך דוים, מען קען דאָך געבען אייך משוגע ווערען! גאָט מיינער! וואָס ווילט איהר האָבען?

ווען ברוך איז אריין אין די קלענערע אידישע גאסען, האָט ער נאָך דאָרטען געטראָפען שנעע, און אויפ׳ן שנעע — גרעסערע און קלענערע קור־ פעס מיסט און פעסלאַך מיט מיסט און אש. קינדער מיט ביכער אונטער די הענט האָבען זיך געאיילט אין „סקול“. און ערגעץ איז א אינגעלע, פון היימליבקייט ווענען, איבערגעשפרונגען איבער א קופע מיסט, און גלייך נאָך דעם, איבער נאָך איינער. און אָט האָט א הוליע געטהאָן דער ווינד און זיך גענומען צוטראגען די קופעס איבער דער גאנצער גאס. די אשעס האָ־ בען זיך גענומען טראגען אין דער לופט, איין פעסעל איז געשטאנען אזוי שלעכט, אז עס האָט זיך א דרעה געטהאן א פאַר מאל און גלייך א פאל געטהאָן, ארויסוואַרפענדיג די אשעס. דער ווינד האָט זיי אויפגעכאַפט און האָט זיי פאנאנדערגעבלאָזען איבער דער לאנגער גאס צוזאמען מיט די שטיקלעך שמוציגע פאפיר, וואס ער האָט אויסגעריסען פון די קופעס.

— און אָט דאָ וואוינען מענשען! — טראַכט ברוך מיט גאל — און אָט דאָ וואוינען מענשען, און שפייען זיך ניט איינער דעם צווייטען אין פנים אריין! כא־כא, וואו זיינען מיר דאָס? אויף וואס פאר א וועלט?

און אָט שפּאַרט א אידעל מיט א אידישער באָרד א פושקאַרט. דער ווינט רייסט זיין באָרד און די קינדער צולאכען זיך הילכיג: „לוק עט דהאט שיני, לוק עט דהאט שיני!“ — און אָט העלפט נאָך גאט, אז דער ווינד רייסט אראָפּ דעם אידענ׳ס היטעל. די קינדער צולאכען זיך נאָך הילכיגער. דער איד שטעלט אוועק דעם פושקארט און לאָזט זיך לויפען נאָך דעם היטעל. איינער א „סמארטער“ אינגעלע פערלויפט אויפצופריהער כאפּט אויף די היטעל און ווארט, און ווען דער איד קומט צו, בעהאלט דער אינגעלע די היטעל אויף הינטען און נעהמט פאר איהם טאנצען און

רייסט איהם פאר'ן באָרד און רייצט איהם און שרייט: „שיני־וויסקי, שיני־וויסקי“.

— ווארט, ווארט די לויפער, איך וועל דערצעהלען דיין מאמען, — נעהמט דער איד שרייען, ציהענדיג זיך צו דעם הימעל.

— „שאַט־אַפּ“ — שרייט אויס דער אינגעל און גיט א שליידער דאָס הימעל פון זיך. און אנדער בויטשיקעל לויפט צו. ער וויל אויך הנאה האָבען פון דער שמחה, אבער דער איד האָט שוין אין צייט אוגטערגעכאפּט די הימעל און זיך גלייך געלאזט צו זיין „פּושקארט“, שעלטענדיג אמעריקא און די אידישע „ממזרים“ און די וויסטע פרנסות...

— נישקשה, נישקשה! — שמייכעלט ברוך — דעם אינגעל'ס טאטע, קאן זיין, טהוט אָן יעדען שבת טלית און תפילין, ווייל ער וויל, אז זיין קינד זאל וויסען, אז ער בעלאנגט צו א „סוירט'ן ניישאָן“.....

קאפיטעל 13.

דעם גאנצען טאג איז ברוך געווען זעהר נערוועז, און מיט וועמען ער האָט זיך נאָך דעם בעגעגענט, האָט ער געמוזט ענטפערען א תירוץ, אז ער האָט זיך די לעצטע עטליכע נעכט ניט אויסגעשלאָפען, און ערשט פארנאכט, ווען ער איז געקומען צו זיך אהיים, האָט זיך זיין אונרוהינקייט גענומען איינשטילען. וואס נעהענטער עס איז געוואָרען צו נאכט האָט דער פראָסט גענומען ווערען אל׳ץ שטארקער און פרישער, און ווען די נאכט איז צוגעפאלען, איז ברוך שוין געווען אויף אזוי ווייט אן „אנדערער“, אז ארויסקוקענדיג פונ׳ם פענסטער, האָט ער גענומען טראכ־טען, אז די וועלט איז א לעגענדע, און אז איצטער, אין דער נאכט, איז זי א ווינטער נאכט לעגענדע. און אין קאפ האָבען זיך גענומען דרעהען גע־דאנקען און בילדער וועגען „זיידען פראָסט“ און דעם פעטער שניייער, ווי אָט דער גרויסער ריעז־פראָסט מיידט אויס, דעם בלאָסען פעטער שנייער, מיידט אויס זיינע בליקען, און דער פעטער שנייער קוקט טאקע עפעס אזוי מאָדנע, גלייכגילטיג, מיט בליקען פון ווייטע, אפענע פעלדער, און טאָמער בעגעגענט זיך מיט איהם דער שטארקער פראָסט, לאָזט ער אָפּ הענט און פיס — — — און ווי מאָדנע דער היינטיגער טאג האָט זיך אָנגעהויבען! — אויף יעדער גאס אן אנדער זון, אויף יעדער גאס א נייע זון! און אט זיינען איצט נעבען איהם אלע זונען! וויל ער — נעהמט ער זיי צונויף, נעהמט זיי צונויף אין זיינע הענט, אויף זיין ברוסט, און נעהמט מיט זיי ארויף איצט, אין דער נאכט, אויף א הויכען ווייסען בארג, און ווייזט זיך פאר די מענשען — א ריעז מיט אזוי פיעל רויטע און גאָלדענע זונען אין זיינע הענט — — —

יאָ, א שעהנער מארגען איז געווען דער היינטיגער! און וואס עס איז געווען נאָכדעם, דאס היפט ער איבער, דאָס וויל ער ניט געדענקען. און ער ניט זיך איבער צו בילדער, וואס וועבען זיך פאר איהם פון נאָהענט און פון ווייט, און פון הארצען שטייגען דערביי טענער, אזעלכע געזונטע און

ליעבע, גוטע, געטרייע און צופריעדען־פערביינקטע. עס קומט אריין דער בעל־הבית׳טעס הונד. אַבער ברוך, א פערווּי בטער, א פערזונגענער דיהרט זיך נים פון ארט. דער ווייסער הונד געהט צו, קוקט איהם אַן. שמעקט זיינע טריט איין מאל און נאָך אמאָל, און ער לעגט זיך אוועק לעבען זיינע פיס.

און נאכדעם, אז ברוך האָט זיך אנגעטהאָן, האָט געגומען זיינע גלימשערס, און איז ארויס — האָט איהם בעגעגענט א בלויע, פרישע ווינ־טער־נאכט, א ווייסע ווייט, וואָס האָט זיך געצויגען אויף מיילען און מיילען, איבער בערג און בערג און האָט אריינגעשטראהלט אין דער בלויער נאכט. — — —

און די נאכט האָט זיך געהויבען שטיל און זיכער ביז צום ווייטען הימעל און האָט זיך צו איהם געצויגען און געפרעסט, און דער הימעל האָט זיך איבער איהר געשפרייט ווי א פערשטערנטער בלויער ים.

און דער פראָסט האָט געוועלטיגט אין דער נאכטס בלויער לופט, האָט פערכאַפּט דעם אָטהעם און געמאכט פידלען דעם שנעע אונטער די פיס. און האָט געשטארקט די אדערען, האָט אנגעצויגען די מוסקולען, געקרעפ־טיגט דאָס בלוט, און געמאכט פיהלען פראסטיג, ברענענדיג.

בערג ווייסע, מיט בוימער נאקעטע, פערשנעעטע האָבען זיך געהויבען דאָ און דארט, שטילע, לעבעדיגע און האָבען זיך צופריעדען גע׳חבר׳ט מיט דער קרעפטיגער, טיעפער בלויקייט, וואס ארום זיי און וואס איבער זיי: —

— זיי געגריסט די קרעפטיגע, בלויע ווינטער־נאכט! זיי געגריסט!

און דער שטארקער ריעז, דער זיידע־פראָסט, קלאַפּט דערפאר אָפּ דעם ערשטען גרעסטען בארג אין פּלייצע:

— וואויל, וואויל, מיין קינד! — וואויל, און שפּאַנט ווייטער.

קאַפּיטעל 14.

ביילקע איז געגאַנגען אהיים פון דער ארבייט א שמייכלענדיגע, א טאַנצענדיגע. זי האָט אלץ געטראַכט, ווי זי וועט זיך אנטהאָן, ווי זי וועט זיך פערקאמען, ווי זי וועט דאס היינט אויסזעהן אויפ׳ן באַל, און זי האָט פון זיך הנאה געהאט, און איהרע אקסלען האָבען זיך פון מאָל צו מאל אויפגעהויבען, זיך צונויפגעצויגען, ווי זי וואלט זיך געפיהלט ארומגענומען פון הנאה.

זי נעהמט פאר זיך זעהן דעם באַל. די מענער, די בעקאנטע און אונ־בעקאנטע פנים׳ער.... עס פערשטעהט זיך, אז ברוך וועט דארטען אויך זיין. און גוט וואס זי האָט איהם אין דער פריה נאר ניט געזאגט וועגען באַל. ווי ער וועט דאס איבערראַשט ווערען!... און ווי, אז ער וועט דארטען ניט זיין? ער וועט שוין דארטען געווים יאָ זיין — בעשליסט זי מיט א שמייכעל אויף איהרע פולע, רויטע ליפען און מיט א צופריעדענעם גלאַנץ אין די אויגען. און הנה האָט דאָך נעכטען אויך געזאָגט, אז ער וועט זיין.

אָט דאָס איז אביסעל א מאָדנער בחור — טראַכט זי ווייטער וועגען ברוך׳ן. האסט געזעהן, א מענש זאל זיך דאס ביי איצטיגער צייט נעהמען רעדען וועגען גאָט! און טאקע גאר ווי פון טייטש־חומש ארוים! און מעשה׳לעך שרייבט ער, אז עס קומט איהם פאר זיי אויסקושען יעדען אבר! און ער איז דאָך אזא גרויסער, אזא שווערער, און פונדעסטעוועגען, ווען דו געהסט נעבען איהם, פיהלסטו, ווי איהם אָנצוכאַפּען פאר׳ן פּאָלע. דיר דאכט זיך אלע מאָל אוים, אז אָט העבט ער זיך אויף און פליהט אוועק פון דיר. איהר פנים צושמייכעלט זיך נאָך פרישער. — מען דארף דאָס איהם טאקע אזוי זאגען: „איהר ווייסט ברוך, איהר זייט דאָך עפּעס אזא מאָדנער, ווען מען געהט מיט אייך, פיהלט מען, ווי אנצוכאפּען אייך פאר׳ן פּאלע. עס דאכט זיך אלע מאל אוים, אז האָט העבט איהר זיך אויף און פליהט אוועק“. — קאָן זיין, אז בינעם איז גערעכט, טראַכט זי ווייטער,

זיך דערמאָהנענדיג, וואָס בינעם האָט איהר אַמאָל געזאָגט וועגען ברוך'ן:
אז די אלע מעשׂיות וועגען גאָט האָט דאָס ברוך בלויז פאר'ן פּשוט'ען
עולם, און פאר זיך האָט ער עפּעס א מין „רוים“, „ווייטקייט“ און „פייער,
פייער!“ — אָ, ווייסט זיי ביידען דער גוטער יאָהר!

פונדעסטעוועגען, אויגען האָבען זיי ביידע שעהנע, אי ברוך אי בינעם,
עפּעס אזעלכע קינדערשע. זיי וואָלטען זיך נאָך ביידע געמענגט שפּיעלען
אין זאמד — — — און וואָסער א פראָסט עס איז היינט! — גיט זי א
טראכט, זיך אומקעקענדיג, ווי עס פריהרט דער ווארעמער אטהעם, וואס
שפּארט זיך ארויס פון איהר נאָז, פון איהר מויל, און זי דערפיהלט זיך
נוט און ווארעם אין ווינטער־ראָק.

פאַר איהר און אונטער איהר ציהען זיך מענשען אהן אן אנהויב און
אָהן א סוף. די בעלויכטענע קארס, וואס לויפען ארויף און אראָפּ איבער
די לאנגע גאסען, זיינען ערטערווייז פערשאטען מיט שנעע. דער עלעוויי־
טאָר, זיינע בעלויכטענע וואגאנען, וואס זיינען געשלאָסען איינער אן אנ־
דערען, טראגען זיך אויף די אייזערנע בריקען, איבער אלעמענס קעפּ, ווי
גרויסע, זשיפּענדע שלאנגען, וואס זיינען פערקאוועט אין שטאָל און אין
אייזען — — — די גרויסע פערפּוצטע פענסטער זיינען פול מיט ליכט
און גיסען זייער ליכט אויף די כוואליענדע מענשען־מחנות, וואס טראגען
זיך און טראָגען זיך פארביי; און די מענשען־מחנות ווערען אָבגעגאָסען
מיט ליכט; און די מענשען־כוואליעס ווערען פערשפּינעלט און פער־
פלעקט מיט ליכט.

ביילקע שטעלט זיך אפּ נעבען איינעם פון די פערפּוצטע פענסטער.
זי שטעלט זיך אפּ און פערקוקט זיך אויף א בלוי זיידען העמד, וואס איז
שעהן פאנאנדערגעשפּרייט צווישען אנדערע שעהנע פרויענזאכען. זי
קוקט אויף דאָס בלויע העמד און דערמאָנט זיך מיט א שמייכעל אין
ברוך'ס ליעבע צו בלוי... און אָט דערזעהט זי נאָך אן אנדער, א געל־ווייס
מיט בלויע פאסען ארום ברעג, — „זי זעהט אין גאנצען אויס ווי א אידי־
שער טלית“ — פאלט איהר איין. — אָי, אויף מיין ווארט, ער וואלט דאָך
פאר איהר משוגע געווארען.

און ביילקע איז אריין אין קראָם און געקויפט דאָס העמד. און ווען זי
איז געקומען אהיים מיט דעם פערפּאַקטען העמד אונטער'ן אָרעם,

האָט זי נעהאַט אַ געפיהל, ווי זי וואלט מיט זיך מיטגעבראכט אַ טייערען אוצר.

די מיסעס האָט פאר איהר געעפענט די טהיר, גענטפערט אויף איהר גוט אבענד און זיך פערוואונדערט:

— וואָס, איהר האָט דאָ קיינעם ניט בעגעגענט?!

— ניין.

— דאָ האָט דאָך עמיצער געוואַרט אויף אייך, און ער איז נאָר וואס ארויסגעגאנגען.

ביילקע איז געבליבען שטעהן אַ פערוואונדערטע. זי האָט זיך דער־מאָנט, איהר האָט זיך געגומען דאכטען, עמיצער האָט זי בעגעגענט אויף די טרעפּ, אין האָט זיך ווי אַ שאָטען צוגעפּרעסט צו דער וואַנט, ווען זי איז פארביינעגאנגען.

ווי האָט ער אויסגעזעהן? — פרעגט ביילקע ביי דער מיסעס אַ פערוואונדערטע, כאָטש זי האָט שוין ביי זיך אין דער מינוט אפגעמאכט, אז דאָס איז געווים געוועזן בינעם.

— אזא בלאסער, מיט רויטע ליפּען, און אזוי הויך — זאגט די מי־סעס, אויפהויבענדיג איהר האַנד, אביסעל העכער פון איהר איינענעם קאָפּ — אָבער ס'איז נארניט — בערוהיגט זי די מיסעס, — ער האָט געזאגט, ער וועט דאָ באלד זיין נאָכאמאָל.

ביילקע איז אריין אין איהר צימערעל, אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם ווינטער־מאַנטעל און אנגעצונדען פייער. אויפ'ן טיש איז געלעגען אַ צעטעלע:

„איך בין דאָ ערשט געווען. איך וועל דאָ באלד ווידער זיין. איהר געהט דאָך געווים צום באָל“.

בינעם.

ביילקע האָט דאָס איבערגעלעזען און האָט זיך צולאכט.

— איהר געהט באלד עסען, בעלא? — פרעגט זי די מיסעס.

— יאָ, איך וועל נאָר נעהמען אַ וואַנע.

— איהר וועט פריהער נעהמען די וואַנע?

— יאָ.

— וואס איז, איהר געהט היינט ערגעץ?

— יאָ. היינט איז דאָך דער ציוניסטישער באָל.

— אזוי, — ציהט אוים די מיסעס מיט א שמייכעל, אפּגעהענדיג פון דער טיר.

ביילקע האָט צופּאקט און פון דאס ניי גענומען בעטראכטען איהר איינגעהאנדעלט זיידען העמד. דאָס העמד איז איהר נאָכאמאָל זעהר גע־פעלען געווארען. און איצט האָט זי אויסגעדריקט איהר צופריעדענהייט דערמיט, וואס זי האָט פערשפּרייט דאָס העמד אויפ׳ן בעט און זיך גע־נומען אויף איהם שפּריצען פּארפומען.

נאכדעם איז ביילקע אריין אין באד צימער, פון דאָס ניי אויסגעוואַ־שען די מילך־ווייסע וואנע און אָפּגעדרעהט ביידע קראנען. דאָס וואסער האָט מיט א פּאטשעריי גענומען פאלען אין דער וואנע אריין. דאָס צימער איז באלד געווארען פול מיט וואסער־געריויש, און וואס ווייט־טער איז דער געריויש געווארען אלץ שווערער און טיעפער. זי האָט זיך אויף שנעל גענומען אויסטהאָן, און נאָך איידער אין וואנע איז געווען גענוג וואסער איז זי שוין געשטאנען אין גאנצען אן אויסגעטאָנענע אינ׳ם ליכטיגען צימער. די פּארע האָט זיך אין ווייסע, ווארעמע וואלקענדליך גענומען הויבען פון דער וואנע, זיך שפּרייטען איבער׳ן צימער. און זי, א ווארעמע, א ראזעווע, מיט א שווארצען געקרויזטען קאפּ איז ארומגענומען געווארען פון ווייסע וואָלקענלעך.

א ווײלע איז זי אזוי געשטאנען, ביז זי האָט זיך מיט א שמייכעל דערמאנט, אז זי זעהט שוין מן הסתם באלד אוים, ווי איינע פון ברוך׳ס זונען־טעכטער, וועלכע בעווייזען זיך ביי איהם אויפ׳ן הימעל נאָכ׳ן רעגען, האָט זי זיך נעכאפּט און אין גאנצען פערדרעהט דעם הייסען קראן. די ווייסע פּארע האָט באלד אויפגעהערט שלאָגען. זי האָט דעוויל גענומען און מיט האָרנאדלען זיך העכער ארויף פערשטעקט איהרע געקרויזטע, שווארצע האר. און אז זי איז אריין מיט די פים אין וואסער, איז א גרויל אריבער איהר לייב, און זי איז געבליעבען שטעהן אן אויסגעצויגענע. דאָס וואסער איז געווען אביסעל צו קאלט. די קראנען זיינען שוין געווען פערדרעהט. אין באָד־צימער איז געווען ליכטיג און שטיל, נאָר אָט האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונ׳ם גלעקעל ביי דער אריינגאנג־טיר. די טיר האָט זיך געעפענט און עס האָט זיך דערהערט אי בינעם׳ס אי לעווין׳ס שטימען. האָט זי נאָך א ציטער געטהאָן און גלייך דערויף אויך א שמייכעל גע־טהאָן און זיך מיט אמאָל אראָפּגעלאזט און זיך אויסגעצויגען אין וואסער.

קאַפּיטעל 15.

נידרינגער, צווישען די בערג, אויפ'ן אייז־ראנד, גליטשען זיך שוין חברה, פריש׳ע, יונגע, וואַרפען זיך איבער מיט ווערטער, טומלען, לויפען, שוועבען איבער'ן אייז. און עס קומען נאָך אָן אלץ נייע און נייע, זעצען זיך צו אויף די בענק, וואָס אַרום ברעג, און טהוען אויף גיך אָן די שטאָלענע גליטש׳שערס, און וואַרפען זיך אויפ'ן אייז. און אז מען גליטשט זיך דורך דעם ערשטען ראנד, ווערט מיט אמאָל ווארעם — וואַרפט מען פון זיך אראָב די אויבערשטע ווינטער־קליידער און מען דערפיהלט מיט אמאָל אזוי לייכט. אזוי פערגעניגענדיג גרינג, כאטש פליה! לאזט מען זיך פליהען איבער'ן אייז, אויף די גוט געשארפטע, בלאנקע גליטשערס. מען נעהמט זיך טראָגען שנעל און שנעלער, איינע הינטער די אַנדערע, איינע פאר די אנדערע, און ווער גאר צוזאמען: איינער אן דעם צווייטען, איינער אן דעם צווייטען, אין א לאנגער, ריהרעוודיגער קייט, וועלכע טראגט זיך שנעל און האסטיג, און ווער עס גליטשט זיך האנד אין האנד אין דער ברייט, ווי א לעבעדיגער פארקאן — — — און די בלוטען צואוואַרעמען זיך אלץ פרישער, לעבעדיגער און ווארימען צופריעדען די היוט פון די קרעפטיגע, יונגע לייבער. און עס ווערען צופלאמטע באקען ליידענשאפטליך געקושט, געביסען פון דעם שטארקען פראסט און די ברוסט אטהעמט פריי, פריש, גערן, און דאָס הארץ נעהמט שלאָגען מו־טהיגער און אלץ צורייצטער, ווילדער רייצט דער ווילדער פראסט.

איז עמיצער צופריעדען, גילטשט ער זיך שטארק, איז עמיצער אויף עפּעס אין כעס, גליטשט ער זיך אויף צו־להכעיס. נאָך שטאַרקער.

אָט האָט עפּעס איבער'ן אייז לויז א קלונג געטהון. דאָס איז ביי א מיידעל, אין מיטען יאָגען זיך מיט איהר חבר'טע, ארונטערגעפאלען איין גליטשער. דאָס מיידעל פאלט, די חבר'טע פרואווט זי אונטערכאפען און ספאטיקעט זיך אליין, איין מאָל און נאָך אמאָל און לאזט דערביי א פאר מאָל ארויס א מיידלעשען קוויטש. צולאזט די הענט אין דער לופט און

קאָן קוים כאַפּען דאָס גלייכגעוויכט. לויפט באַלד אונטער א בחור, כאַפּט אונטער די צווייטע און העלפט זיך אויפהויבען דער ערשטער.

— איהר האָט זיך א קלאַפּ געטהאָן? — פרעגט דער בחור.

— ניין, ניין! — ענטפערט זי מיט א לייכטען שמייכעל, — גאר ניט.

— אז איהר גליטשט זיך אליין.... ווערטעלט ער זיך.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

צולאכען זיך די מיידלעך.

— איז עס דעריבער?!

— ס'הייסט! — — — נעווים! — מיידלעך. און אָט אין אזא נאכט, — און אויף אזא גוטען אייז — — — אליין — — — דארפען פאלען — — —

— כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

און באַלד גליטשט זיך צו נאָך אן אנדער בחור, רויט, צופלאַמט, מיט'ן ארונטערנעפאַלענעם גליטשער אין האנד און מישט זיך גלייך אריין:

— נו, וואס איז דאָ צו לאכען?! — — —

— אָט האָסטו דיר נאָך אן אנדערען!

— אויך איהר אזוי?

— נו נעווים! — ענטפערט כלומרשט ערנסט דער ניי־צוגעקומע־נער. — איהר קענט דען צושרויפען א גליטשער ווי מען דארף? איך בין זיכער, אז ביי אייך וועלען זיי אויך באַלד ארונטערפאלען — און ער גיט איבער דעם איינציגען גליטשער דעם ערשטען בחור און נעהמט זיך גלייך בעקוקען די גליטשערס פון דער צווייטער.

דער פראָסט ברענט, די מיידלעך לאכען, בעהאַלטען זייערע הענד אין די מופטעס, די בחורים ארבייטען פלייסיג. — האלט א בחור איין פוס אין האנד און שרויפט אָן דעם גליטשער, שטעהט דאָס מיידעל נאָר אויף איין פוס. גיט זי זיך א וויכנע און לאָזט ארויס א קוויטש. זי האָט מורא, זי זאָל ניט פאלען — שפּארט זי זיך אָן מיט איהר ברוסט אינ'ם בחור'ס אקסעל. און אז עס לויפט פון ערגעץ אָן א בעקאַנטער, אָדער גלאַט א כוואַט, שרייט ער אוים מיט א קנאַה'דיגען ניגון: „אָה, יו קיד!" און פליהט פארביי שנעל, שניידענדיג דאָס אייז אַלץ ווייטער און ווייטער.

באַלד וואַרפֿען זיך די צוויי נייע פּאַרלעך צווישען די גליטשערס, און עס הייסט — צוויי בלונדע בחורים האָבען זיך אויף אַ ספּאָרטישען אופן בעקאַנט מיט צוויי פרעמדע מיידלעך, וועלען אין איינעם פערברענגען אַ צופריעדענעם אבענד אויפ'ן אייז־ראַנד און וועלען זיך נאָכדעם צו־געהן און, קאָן זיין, אַז זיי וועלען זיך קיינמאָל מעהר ניט בעגעגענען, אָדער זיי וועלען אָפּמאַכען זיך צו טרעפען דאָ נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז זיי וועלען נאָכדעם נעהמען „אַרויספאָהרען" צוזאַמען. — — —

ברוך'ן איז דער פאַל זעהר געפעלען. קען זיין, אַז אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך אַמאָל חנה בעקענט מיט מאַקס'ן; זי האָט דאָך איהם דער־צעהלט, אַז זיי האָבען זיך געטראָפען אויפ'ן אייז — — — און — — — און נאָכדעם האָבען זיי זיך אויפגעהויבען און זיינען אַוועקגעפלויגען. — און פליהען — — — אָט זיינען זיי ביידע; האַלטען פאַר זיך געשלאָסען די הענד, ווי אין טאַנץ. ווי שעהן עס נעהמט זי אַרום איהר ווייסער, וואָלענער סוועטער! ווי רויט צופלאַמט זיינען איהרע ווייסע באַקען! און ס'בלישטשען מיט פרישער פייכקייט איהרע ווייטע אויגען. עטליכע טונ־קעלע האָר האָבען זיך אַרויסגעשלאָגען איבער'ן שטערען פון אונטער איהר ווייסען, פוטערנעם הוט און זיינען בעדעקט געוואָרען מיט ווייסען פראָסט.

— חנה!! און ס'אַראַ קלוגע, שלאַנקע בעוועגונגען זי מאַכט דאָס! — — גליטשער קוקען זיך אום, און לאָזען ז ך נאָכ'ן פּאָרעל: פערלויפען אויף־צו־פריהער און בלייבען אויף אַ ווײַלע הינטען; פערלויפען פון רעכטס, פערלויפען פון לינקס, און עס שווינדעלט אין די אויגען דאָס בלאַנקע שטאָל פון אונטער אַלעמענס פיס, וואָס שלייפען אַרום איהר מיט אַ מאָד־נעם גערודער דאָס יונגע, קרעפטיגע אייז, און דאָס אייז לאָזט פון מאָל־צו־מאָל אַרויס מורא'דיגע קלאַנגען, ווי עס וואָלט זיך דאָרט און דאָ אין שטיקער שפּאַלטען, אָדער פער'כשופ'טע, שטילע, ווי עס וואָלטען פּלוצלונג ערגעץ ביי אַ פידעל־שפּיעלער סטרונעס פּלאַצען. — — —

ברוך'ן טהוט דאָס הנאה, און אויך ער נעהמט אַן אַנטהייל אין דעם צולאָזטען געלויף, ווי אויך ער וואָלט צום ערשטען מאָל „דאָס מיידעל אין דעם ווייסען סוועטער" דערזעהן — — — און אָט האַלט ער שוין לעננער ניט אויס, פערלויפט פון לינקס, און הייסט זיך געבען איהר פרייע האַנד, און — מען לאָזט זיך אין דרייען.

באַלד ווערט ער קאַפּריזנע, ווי אַ צופּעסטשעט קינד: — מאַקס זאָל

געהן אויף דער זייט און ער אויף יענער, און האָט גלייך חרטה און בייט זיך אָפּ צוריק — — — און אָט פאַלט איהם איין, און אין מיטען לויף גיט ער זיך מיט א מאָל א שטעל אָפּ, אזוי אז זיי שלאָגען זיך אָלע צונויף און פאַלען.

און זיי גיבען איהם אלע נאָך, פערגיבען איהם אלעס. נאָך מעהר, — זיי בלייבען גליקליך, צופריעדען פון אלע, בעזונדער זי. — — —

— מיין גאָט, ווי צולאָזען איהר זיינט דאָס היינט! וואָס איז דאָס מיט אייך?! — זאָגט זי און לאכט צופריעדען.

— אויף מיין וואָרט, ער איז היינט פשוט משוגע! — צושרייט זיך מאקס. — האָסט געהערט אזוינס! מילא, איין מאָל א חכמה!

— נעוועער מיינד! אונזער ברוך איז אָלרייט! גערעכט — אז הוליען איז הוליען! און זי קוקט דערביי שעלמיש, קוקט דאכט זיך מיט אין גאַנ־צען איהר שלאַנקען לייב, מיט איהרע ברוסטען, מיט אין גאַנצען איהר פערצאַפּעלטער נאַקעטקיים. — — —

— נו, אלזאָ, רב ברוך, גענוג! אצינד זייט שוין א מענש — — — גוט! — — און זי דערלאַנגט איהם איין האַנד, מאַקסען די צווייטע און שטעלט ארוים אויף־צו־פריהער איהר ברוסט, בויגט אונטער א פוס און הויבט אָן:

— איינס, צוויי! איינס, צוויי! שטאַרקער!! איינס, צוויי! איינס, צוויי! און עס זעהט אוים: זי איז א ווייסער פויגעל, און זיי — איהרע צוויי שווארצע פליגעל. — — —

און עס שוועבט דער פויגעל אין דער בלויער נאכט, צווישען ווייסע בערג און שטערען און שרייט: איינס, צוויי! איינס, צוויי! ווערט ווילד אין שרייט: איינס, צוויי! איינס, צוויי! ווערט צורייצטער, ווילדער און צושרייט זיך: איינס, צוויי!! איינס, צוויי!! שטאַרקער! שטאַרקער! ס'אַרא פראַסט! או־ו־הו — הוך! — וואָס איז מיט דיר, פויגעל? ווייסער, גוטער פויגעל? און דאָס אייז אונטער די פיס הארטעוועט זיך, שטאַרקט זיך, וועט, דאכט זיך, באַלד פּלאַצען פון שטאַרקיים.

און דאָ און דאָרטען ברענען אויפ'ן אייז־רונדע רויטע פייערלעך — אויף צו דערצעהלען, אז יענע פלעצער זיינען געפעהרליך. — קוקען די פייערלעך, ווי רויטע וואונדען, פון וועלכע עס ציהען זיך בלוט־רויטע פאַ־

סען איבער'ן גרינליכען אייז — — — ברוך הויבט אָן פיהלען חנה'ס האַנד דורך די הענדשקעס. — ס'ארא האַנד! סאַרא האַנד! — — —

וואַרפט ער אָפּ פערביטערט די האַנד, דרעהט זיך אַרויס פון זיי, גליטשט זיך אָפּ אין אַ זייט צום ברעג און בלייבט דאָרט אליין... בערג און ביימער — — — ווייסע עלעקטרישע לאַמפּען, וואָס בלענדען דעם ווייסען שנעע אַרום — שווארצע שטאַמען מיט נאַקעטע צווייגען, וואָס ציהען אויס זייערע שאָטענס ברייט און לאַנג איבער'ן צוקערגלטען אייז, אונטער די פיס פון די גליטשער; אָט דאָרט לויפט וואָס אַריבער פון איין באַרג צום צווייטען, — אַ הינטעל? — — — און אַ לאַנגער בלויער שאָטען לויפט איהם נאָך איבער'ן קלאָרען שנעע... אָט איז דאָס שוין אויפ'ן צווייטען באַרג. עס פערשווינדעט. און ווידער ש'אַ. — ווידער ביימער, ווידער ווייסע בערג און בלויער רוים, און ווייטע פּיערלעך, און אַ גערויש, ווי מען וואָלט אויף שטיינערנע רעדער ברייטע און לאַנגע מעסערם שאַרפען — — — און אָט דערהערען זיך קלאַנגען פון אַ שטאָדט־זייגער: באַ־אַ־אַם; באַ־אַ־אַם — — — און עס צוקאַטשען זיך, עס צוטראָגען זיך די קלאַנגען, צושווימען זיך אין דער פראָסטיגער לופט, באָדען זיך, טוקען זיך — באַ־אַ־אַם! באַ־אַ־אַם... — און אָט לאָזען זיי זיך אַראָפּ, לעגען זיך ,אויס אויפ'ן שנעע, קיילעכדיגע, רויטע — — — און זיי קוקען צונליהט אין דער בלויער וועלט: באַ־אַ־ם! באַ־אַ־אַ־ם! — — און אָט פערגעהען זיי זיך, באַהאַלטען זיך שטיל אויס אינ'ם טיפען שנעע, נאָר די לופט געדענקט נאָך לאַנג — באַ־אַ־אַ־ם! באַ־אַ־אַ־ם — — — — !

און אין האַרצען נעהמט זיך צינדען פייער! עס ווערט איהם מיט אַ מאָל אַזוי באַנג. — כאָטש רייס אַרויס דאָס האַרץ און שליידער דאָס אין ווייסען שנעע אַריין! און זאָל אויפ'ן שנעע שטעהן דער רויטער פלעק, און זאָל ער רייצען און שרייען: פייער, פייער!.. — — — — און דער טונקעל־בלויער הימעל איז פערשאָטען מיט גאַנצע קופּעס שטערען, און זיי קוקען אַלע אַראָפּ אַזוי אָנגעשטעלט, אַז עס פיהלט זיך ווי אָט, אָט... אָט־אָט, און עס נעהמט רעגענען מיט שטערען... און דער ווייסער שנעע ווערט פעררעגענט מיט שטערען — — —

ער דערמאָהנט זיך:

— ווי האָט איהר דאָס אויפגעכאַפּט אָט דעם בחור, חנה?

— מיר האָבען זיך געטראָפען אויפ׳ן אייז.
— אזוי !...
— וואָס אזוי ?
— גאָר ניט !...

און חנה׳ן האָט א קלונג געטהאָן דער „גאָר ניט". ער געדענקט נאָך, ווי זי האָט צועפענט איהרע בלויע אויגען... און באַלד האָט זי די אויגען צועפענט ברייטער... און נאָכדעם — א קלוגער קוק פון אויבען־אראָפּ און אן ענטפער: — הו־הו !!! — — — —

פון הימעל רייסט זיך פּלוצלונג אָפּ א גרויסער שטערען און לאָזט זיך מיט אמאָל אראָפּ פאר ברוך׳ס אויגען, ווי א צורייצטע, ווייס־צו־גליהטע שלאַנג.

ברוך ציטערט אויף און דערפיהלט א ריס אין הארצען און, דאכט זיך — א ביטערקייט אין נאָז. און נאָך איידער ער קוקט זיך אום, ניט וואָס, מיט א מאָל, א שרעקליכען קלאפּ ! — — — —

— פּף — פּפּפּאף ! — עס דערהערט זיך א מורא׳דיגער גערודער, און א רעווע ווי פון א ווילד־צורייצטען לייב — — — אויף איינעם פון די ווייטערע בערג שפּרינגט מיט א מאָל ארויף א שווארצער לאָקאָמאָטיוו. א ווייסער שיין פון א רעפלעקטאָר לויפט צושראָקען פאר׳ן לאָקאָמאָטיוו, פון קוימען זעצט א ווייסער רויך מיט שטיקער דיקע, גאָלדענע פלאמען — שווארצע וואגאָנען; ליכטיגע פענסטער; פּנים׳ער טאנצען, שפּרינגען — — — עס האלט זיך איין וואגאָן אָן אנדערען, איינער אָן אנדערען אין א צוצווינגענער, לאנגער קייט, און איבער זיי פליהט און קניימשט זיך א ווייס־גרויער, מיט גאָלד־געמישטער פּאס פון קוימען׳ס האסטיג־שלאָ־גענדען רויך, און אָט ניט זיך די ראשיגע קייט מיט׳ן פּאס רויך א שליי־דער אהער, אהין — — — עס דערהערט זיך ווידער אָן אויפטרייס־לענדער רעווע און — — — עס בלייבען צווישען די נאַקעטע בוימער בלויז עטליכע ווייסע וואָלקען רויך. — און ברוך צושטייכעלט זיך פון די איבערגעבליענע וואָלקען רויך. — — —

— קאָלט. וואָס, צום טייוועל, האָב איך זיך דאָ אוועקגעשטעלט ! זיינע גליטשערס זיינען צוגעפרוירען צום אייז.

ער רייסט זיך אָפּ, לאָזט זיך צוריק אריין צווישען די גליטשערס. ער איז אויסגערוהט און וואָלט ווֶעלען לויפען, אנטלויפען פון זיך אליין;

צויאָגט ער זיך שנעל און שנעלער, און דערפיהלט באַלד יענע גוטע וואַר־רעמקייט. — ווידער בריהט דער פראָסט זיין צופּלאַמטען פּנים, ווידער אָטהעמט זיך מיט חשק און כח. און ער סטאַרעט זיך צו האַל־טען נאָר צווישען פרעמדע, קוקט אויף פרעמדע פּאָרלעך, אויף פרעמדע מיידלעך — — — באַלד אָבער נעהמט ציהען אַן אַנדער ווינט. עס ווערט לינדער, און עס נעהמען פאַלען פּוכקע, ווייסע שנייען — — —

„דאָס האָט מיין גלייכגילטיגער פעטער־שנייער זיך גענומען שפּרייטען זיין נעץ", — גיט ברוך אַ טראַכט, און עפּעס מיט אַזאַ געפיהל, ווי ער וואָלט דאָס אויסגעשריען הויך, אַז אַלע זאָלען דאָס הערען און זיי גע־וואָרענט:

„היט זיך פאַר מיין גלייכגילטיגען פעטער שנייער! דאָס איז דער פעטער שנייער!"

די גליטשערס נעהמען זיך יאָגען פלייסיגער און ווערען אַלץ מעהרער פערפּלאָנטערט אין דער ווייסער נעץ. עס ווערט שווער צו זעהן עמוואָס ווייטער פון זיך — — — לויפסט, לויפסט, און פון דער ווייסער נעץ איז זיך ניט אַרויסצורייסען! — — —

די שנייען, דאַכט זיך, בעפאַלען ברוך'ן:

„ברוך! דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט האָבען, פון וואָס דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט, וואָס מען האָט ביי דיר צוגענומען, בלייבט אויף אימער און אייביג דיינס. עס לעבט, וואַקסט און צובליהט זיך אַלץ ליעבער און שעהנער, פאַר דיר.

„זיי ווייט — זיי גלייכגילטיג".

„קורצזיכטיג, נאַריש איז די ליידענשאַפט".

„מיר שנייעלעך, מיר — דאָס געשפּין פון דיין בלאָזען, גלייכגיל־טיגען פעטער־שנייער...

ברוך'ן אָבער האָט דאָס ווידער גענומען טראָגען צו חנה'ן... און אויפ'ן וועג, זי זוכענדיג צווישען דעם געוועב פון שנעע און מענשען, דערמאָהנט ער זיך: „און ווי זי האָט דאָס היינט אין דער פריה אויסגע־מיטען, אַז ביילקע זאָל נאָר ניט וויסען, אַז היינט פאָהרען זיי זיך גלי־טשען! — — — און אָט דאָס פּאַסיקעל איבער איהרע צייהן — — —

אַך, חנה, חנה!

ער האָט זיי געטראָפען וואַרטענדיג:

— האַלאָ, ברוך! זעה נאָר, אַט איז ער דאָך, דיין פערלאָרענער.

— וואו זיינט איהר דאָס פערפאַלען געוואָרען?

— אַ צום טייוועל! ווי דער שנעע פּאַטשט אין די אויגען אריין!

— און דער הימעל איז כמעט אין גאַנצען לויטער! — — —

— ס'האָט דער ווינד, מן הסתם, ערגעץ אָפּגעריסען אַ כוואַליע שנעע און טראָגט זיך מיט איהר ארום.

— און ס'קאָן נאָך לאַנג אַזוי אָנהאַלטען?

— עס וועט באַלד אריבערפליהען. אָט, עס ווערט שוין שיטערער.

— און דאָס אייז איז דערווייל געוואָרען ווי בעשמירט מיט בוימעל!

— איך האָב בעסער ליעב, ווען דאָס אייז איז טרוקען. דאַן הערט זיך געזונטער, ווי פיס שניידען אַזוי געשמאַק דאָס אייז — זאָגט ברוך.

— און דערביי וואָלט נאָך געפּאַסט, — כאַפּט אונטער חנה, — אַז איהר זאָלט נאָכמאַכען מיט'ן צונג: הורר..., הוררר! — — —

אַזוי זיינען זיי אָפּגעשטאַנען אַ ווייַלע, און ס'האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געוואָען אַ פעלדמאַרשאַל. זיי — ברוך, מאַקס און נאָך אַ פּאָר אַנדערע בעקאַנטע, זיינען איהרע פליגעל־אַדיוטאַנטען, מיט וועלכע זי וואַרפט זיך גוטמוטהיג איבער מיט אַ וואָרט. — און זי איז אַזוי גוט, אַז זי קלינגט פאַר זיי אויך אויס, פון מאָל צו מאָל, איהר כשופ'דיגען: כאַ־כאַ־כאַ און כאַ־כאַ־כאַ! און דאָס אייז־פעלד פאַר זיי איז פול מיט בעוועגונג, מיט טומעל און געזאַנג:

שרייענדיג, רעדענדיג און זינגענדיג טראָגט מען זיך אום אין פערשיעדענאַרטיגע פיגורען.

מענשען יאָגען זיך, פאַלען און שפּרינגען באַלד וויעדער אויף, טרייסלען פון זיך אָפּ דעם ווייסען שטויב און לאָזען זיך וויעדער. — — —

און אַט דערזעהט ברוך, ווי דער לאָק האָר, וואָס האָט זיך ארויסגעשלאָגען איבער חנה'ס שטערן, איז פערשנעעט, און אַ כוואַליע בלוט שלאָגט איהם צו צום הארצען. די ליפּען רייסען זיך צו די שנעעלעך פון אָט דעם לאָך, אָדער כאַטש איהם אָננעהמען מיט דער האַנד און איהם פערלעגען אונטער'ן אויער.

— פאַר וואָס טראַמפּלען זיך ביי אייך די האָר? — פרעגט ער, זיך איינהאַלטענדיג.

— וואָס איז? איהר ווערט שוין נערוועז? — פרעגט זי און צו־שמייכעלט זיך מיט איהר שמייכעל. — — —

און אַט בויגט זי זיך צו צום ברעג, נעהמט אָן אין האַנד אַ ביסעל פרישען שנעע, פערררייבט דעם קאָפּ ארויף און נעהמט זיך שיטען דעם שנעע אין מויל אריין. און בשעת זי שיט דעם ווייסען שנעע אויפ'ן רויטען, צושפּרייטען צונג, ציהט זי זיך אַזוי קלוג, ווי זי וואָלט נעוואַקסען ארויף, איג'ם שיין פונ'ם עלעקטרישען לאַמפּ, וואָס פאַלט אויף איהר פריש־ווייסען פּנים און צייכענט אויס אַ גרויסע, שיינענדע ראָד ארום איהר און ארום זיי אַלעמען. און דערביי האַלט זי די אויגען נאָר אַ ביסעל אָפען און שמייכעלט. — — —

מאַקס לויפט צו צו איהר:

— נו, פרעג איך דיך, חנה, איצטער, אז דו ביזט אַזוי צוהיצט. נו וואָס, אדרבא, זאָג שוין דו, ברוך, וואָס? — — —

— נא דיר אויך אַ ביסעל און זיי ניט אין כעס! — רופט זי זיך אָפּ און טראָגט צו אַ האַנד מיט שנעע צו מאַקסעס מויל.

דער עולם צושמייכעלט זיך. עפּעס אַ פרעמדער בחור, וואָס שטעהט ניט ווייט פון זיי — ווייזט אויס, צוליעב חנה'ן — צולאַכט זיך גאַנץ הויך. חנה קוקט זיך אום אויף דעם פרעמדען — — —

— אָה! איהר ווילט אויך אַ ביסעל?! — פרעגט זי ביים פרעמדען, זיך דערביי אויסציהענדיג, ווי זי וואָלט נעשטאַנען ניט אויף איהרע גליי־משערס, נאָר אויף אַזעלכע מין פוינגעל־פיס. — — —

— אָה! געוויס! — זאָגט דער בחור, צוקומענדיג נעהנטער. — אָבער איך וויל ניט „אַ ביסעל“, נאָר אַ גאַנצען „לאַט“.

— מיין מאַן אָבער האָט שוין צונענומען אין גאַנצען, — זאָגט זי, אָנווייזענדיג אויף מאַקס'ען.

דער בחור „פערשטעהט“, אז דאָס וואָרט „מאַן“ איז בלויז צוליעב „שפּאַס“, און ספּאָרטיש שמייכלענדיג לויבט ער זי פאַר דעם געלונ־גענעם שפּאַס — — — און באַלד דערויף לאַדט ער זי איין:

— קומט, לאָמיר כאַפּען אַ לויף.

ברוך'ן איז דעם ספּאָרט'ס וואַגען דוקא געפעלען, נאָר ער האָט עפּעס

קיין חשק ניט, אַז די קאָמפּאַניע זאָל זיך נאָך פּערגרעסערען, דרעהט ער זיך אוים און זאָגט צו איהם שמייכלענדיג:

— סעי, קיד, מיר דאַכט, אַז דיין מאַמע זוכט דיך דאָרטען...

דער בחור קוקט זיך אַרום, אַז ער האָט ניט געטראָפען... ער ענט־פערט ברוך'ן מיט אַ שמייכעל, און שמייכלענדיג שרייט ער אוים צו חנה'ן:

— גוד־באַי! — און טראָגט זיך אָפּ.

דער עולם צולאַכט זיך. חנה ענטפערט איהם זיין „גוד־באַי" און שרייט איהם נאָך לאַכענדיג. — זי ווינשט איהם, אַז ווייטער זאָל דאָס איהם בעסער גליקען!

פאַר'ן אָוועקגעהן ווערט דער גליטש־פּלאַץ ליעבער, בעט זיך ממש ביי יעדען: — נעהם כאַפּ אריין נאָך אַ גליטש! נאָך אַ מאָל גליטש זיך דורך דעם גאַנצען ראַנד! גוט? — טהו עס נאָך אַ מאָל! — אַ? — צו דער פראָסט וועט דען נאָך לאַנג אָנהאַלטען? און ביז מען דערלעבט זיך דאָ צו אַזאַ פּראָסט — — — קום, אָט אין יענער זייט, צו די בוימער — דאָס אייז איז דאָרט אַזוי גלאַט — בלויז אַ צוויי־דריי שטאַרקע בעווע־גונגען און נאָכדעם טראָגט דאָס שוין אליין — ס'איז אַנטקעגען ווינט? נו, איז וואָס? — עס איז דאָך נאָך בעסער, העלדישער! און דערפאַר צוריק־וועגס טראָגט דאָך דאָס ווי אויף פליגלען. — — —

דאָך ווערט דער עולם שיטערער, מען מוז מאָרגען פריה אויפשטעהן, און די פים ווערען זיין שווער. און עס ווערט אַלץ לעדיגער, פוסטער און דעם ווינט ווערט פון דעם אַלץ גראַמער, היימליכער, און ער נעהמט זיך אָפּקעהרען דעם שנעע פון אייז, קעהרט ווי מיט ברייטע ווייכע בעז־זימער. עס הויבט זיך אויף אַ שטויב און טראָגט זיך מיט אַ לייכטען בייזער. — — —

און אָט האָט ערגעץ אַ פּאָליסמאַן צוגעלעגט זיין פייפעל צום מויל און אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען פייף. דער פייף האָט זיך אַ צוויי, דריי מאָל צובראָכען און איז נאָכדעם ווידער אַוועק גלייך. און באַלד האָבען אויך אַלע אַנדערע פּאָליסלייט, וואָס אויף דער וואַך אַרום אייז, גענומען פייפען. עס האָט זיך צוטראָגען אַ טומעלדיג פייפען אין דער נאַכט און האָט

זיך גענומען ציהען איבער אַלעמענס קעפּ און געשמיסען ווי מיט בייטשען:

— אהיים! אהיים א־א־אהיים!!!

דער עולם איז געוואָרען ווילד, צושראָקען און זיך גענומען מיט אימפּעט אריינכאפּען נאָך און נאָך א ראנד. האָט ברוך אָנגעכאַפּט חנה׳ן ביי די היפּטען און א קאָמאַנדעווע געטהאָן: א קיים! שנעל! האָט מאַקס זיך אָנגעכאַפּט אָן ברוך׳ן פון הינטען, אָן מאַקסען זייערער א בע־קאַנטער, אָן דעם בעקאַנטען נאָך אָן אַנדערער, און אַזוי האָט מען זיך אַלע אינאיינעם א לאָז געטהאָן אינ׳ם לעצטען, אינ׳ם שנעלסטען לויף.

קאַפּיטעל 16.

דער זאַל, וואו דער באַל איז פאַרגעקומען, איז איינער פון די גרעסטע אין ניו יאָרק. אָפט קומען דאָרטען פאָר פערשיעדענע אויסשטעלונגען, און עס קען זיין, אז איבער דעם האָט דער זאַל קיין סופים ניט און ער הויבט זיך פון די פיס ביז'ן הויכען רונד־געבויגענעם דאַך, וואָס איז געמאַכט פון מאַטען גלאָז, דורך וועלכען דער גרויסער הויכער זאַל ווערט בייטאָג אָנגעפילט מיט הימעל־ליכט.

איצט אָבער זיינען הויך איבער אַלעמענס קעפּ פערצווייגען טעפּיכער פון פערשיעדענע פאַרבען און פערשיעדענע געזעצטע קווייטען. איין טעפּיך איז אָפּגעטהיילט פון צווייטען אזוי, אז צווישען איינעם און דעם צווייטען זיינען געבליעבען ברייטע פּאַסען לעדיגער רוים, און דער לעדי־גער רוים האָט אויך אָנגענומען דאָס אויסזעהן פון א פערשפּרייטונג...

דער טאַנץ־פּלאַץ איז פערשטראַהלט מיט א שאַרף־ווייסען עלעק־טרישען ליכט. און די פּנים'ער און די פערשיעדען־פאַרביגע, עלע־גאַנטע און קלוג־גענייהטע דאַמען־קליידער, די שוואַרצע מענער־קליי־דער און זייערע כשופ'דיג־ווייסע פּריש־געפּרעסטע העמדער, זייערע גלאַנ־ציגע שיך, — און זייערע אַלעמענס שמייכלען שווימען אום אין ליכט, נעהמען אין זיך אריין און שלאָגען פון זיך אָפּ דאָס ליכט אויף פערשיע־דענע אופנים... צעהנדליגע און צעהנדליגע פּאָרלעך הויבען זיך אויף די שפּיץ פינגער, בויגען זיך און דרעהען זיך, נעהמען זיך אַרום און צו־וואַרפען זיך, שווימען און טאַנצען אין ליכט... און ביי די מראַמאָרנע ווילען, וואָס זיינען צושטעלט רונד אַרום דעם גרויסען טאַנץ־פּלאַץ, שטע־הען טויזענדער מענשען אין א בונט־פאַרביגען ראָד און קוקען אויף די צאָהלאָזע טאַנצענדע פּאָרען, אויף זייערע קליידער, אויף זייער טאַנצען, אויף זייער האַלטען זיך און אויף די הונדערטער קלאָרע אויגען, וואָס לויכ־טען ווי בלויע און שוואַרצע פינקלענדע שטערען אין דער אונענדליכער ליכטיגער ווייסקייט... און אזוי קוקען טויזענדער אידישע אויגען אויף

אידישע אויגען און ווערען פערצאַפּט, און צוּפּעפּען זיך נאָך ברייטער און צושיינען זיך נאָך העלער און ליכטיגער — — — און דער אָרקעסטער גיסט פון זיך אַלץ נייע און נייע כוואַליעס טענער אונטער די פיס, און די טאַנצענדע הויבען זיך אויף די כוואַליעס פאַר־וויז, וויענען זיך, שפּיעלען זיך און גליטשען זיך איבער זיי. און אָפּט נעהמען זיי זיך אויף זיי טאַנצען ווי אויף פייער, ווי אויף הייסע קויהלען — — — און די כוואַליעס נעהמען זיך אָן מיט פאַרפומען, מיט וואַרעמקייט פון לייבער, מיט פאַרבען פון די קליידער, מיט'ן גלאַנץ פון טויזענדער און טויזענדער בליקען און ווערען מיט אַמאָל אַזוי גרויס, אַז די טאַנצענדע ווערען פון זיי אינגאַנצען פערטרונקען. דאַן נעהמען זיך די פאַרלעך פעסטער אַרום, ווי זיי וואָלטען זיך ווועלען ראַטעווען, ווי זיי וואָלטען זיך געזעגענען... און לאָזען זיך גראַציעז אַראָפּ צו דער ערד, נאָר די כוואַליע גיט זיי אָבער מיט אַ מאָל אַ הויב אַרויף, און זיי ציהען זיך אויס, טהיילען זיך ערשטוינט פאַנאַנדער און כאַפּען זיך באַלד ווידער אָן פאַר די הענד. און הונדערטער פּאָרלעך נעהמען זיך טאַנצענדיג טראָגען איינע געגען די אַנדערע און מישען זיך און ביימען זיך און רייכען זיך פרעהליך די הענד, און אָט פלעכט זיך פון זיי אויס אַ גרויסער, בונטער ראָד — — — אַ ראָד פון שעהנע אויגען, אַ ראָד פון שעהן און רייך געקליידעטע מענער און פרויען, אַ ראָד פון שעהנע הענד, אַ ראָד פון שעהן־טאַנצענדע פיס, און דאָס טאַנצענדע ראָד ציהט זיך און דרעהט זיך ווי אַרום אַ קעסעל־גרוב. און באַלד נעהמען זיך גיסען נאָר אַנדערע טענער. דאָס ראָד ווערט גלייך צוריסען. עס ווערט אַ נערוועזער טומעל פון טענער, וועלכע נעהמען זיך ווילד דרעהען, און דרעהענדיג נעהמען זיך די טענער מיט פערשיעדענע ביינונגען און ווענדונגען אַרומיאָגען אין איילעניש, און די מענער כאַפּען אויף זייערע פּאָרען און נעהמען זיך אַלץ שנעל און שנעלער אַרומטראָגען איבער'ן זאַל, און עס ווערט אַ וויכער פון מענשען און פּנים'ער, פון קליידער און פאַרבען. און שטעהט וואו אַ בחור נעבען אַ מיידעל און שמועסט מיט איהר וועגען אַ יום טוב'דיגען צו אפילו וועגען אַ וואָכעדיגען ענין, איז ווי נאָר ער דערהערט אָט דעם צורייצטען טומעל פון טאַנץ, פערגעסט ער איהר פּלוצלונג צו ענטפערען אויף איהר שאלה, זיין האַנד ניהט זיך אַ ציה צו איהר טאַליע, איהר האַנד צו זיין אַקסעל און זיי וואַרפען זיך אַריין אין טאַנץ. און שטעהט וואו אין אַ זייט אַ

מאַן מיט אַ פרוי, קומט צו זיי אונטער דער וויכער פון טאַנץ, ווערען זיי מיט אַ מאָל אויפגעציטערטער, אינגער; עפּעס שווימט פון זיי מיט אַ מאָל אוועק און עפּעס שווימט צו זיי גלייך צו און נעהמט זיי אַרום און וואַשט זיי מיט אַ שעהמעוודיגער רויטקייט, צינדט אָן זייערע אויגען מיט אַ וואַרימען גלאַנץ, און זיי נעהמען זיך אַרום, ווי גאָר, גאָר אַ מאָל... און זיי וואַרפען זיך אַריין אין טאַנץ.

בינעם איז דעם גאַנצען אָבענד אַרומגעלאָפען פערביטערטער און נערוועזער ווי אַלע מאָל: — צו פיעל זיינען געווען די בעלנים, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָגען צו טאַנצען מיטביילקען, און כמעט יעדער ספּאָרט, וואָס האָט זי איינגעלאַדען צום טאַנץ, איז צוגעקומען מיט אַ טענה, אַז זי קומט איהם דעם טאַנץ, אַז זי האָט דאָס איהם צוגעזאָגט נאָך צוריק מיט אַ מאָנאַט אָדער צוויי, ווען ער האָט זיך מיט איהר גע־טראָפען דאָרטען און דאָרטען; און אַנדערע ווידער האָבען געמאָנט, אַז דאָס קומט זיי נאָך פון לעצטען באַל און אַז זי מוז אָפּצאָהלען איהר חוב. און ביילקע האָט מיט זיי אַלעמען פרעהליך געדעדט און פרעהליך־לאַכענדיג זיך געפּרואווט דערמאָהנען אָן זייערע טענות, און ערשט נאָכ־דעם יעדען פון זיי מיט אַ פול־דייטיגען געלעכטער אָפּגעשיקט:

— שטעלט זיך אין דער ליין!

ביילקע איז דין, כמעט קינדיש, אָבער דאָך רייצענד־שעהן געבויט, און איהר טאַנצען איז אַלע מאָל לייכט, לופטיג. און ווען דער טאַנץ־פּלאַץ ווערט צו געדיכט, קאָן זי זעהר קלוג און לייכט באַלאַנסירען, אויס־מיידען שטערונגען, פון מאָל צו מאָל זיך אַ ציה טהאָן, זיך לייכט אַרי־בערבויגען איבער דער האַנד פון איהר קאָמפּאַניאָן, אָדער זיך צוטוליען, זיך כמעט אָנקלעפּען אָן איהר קאָמפּאַניאָן...

און דערצו האָט נאָך ביילקע'ן זעהר שעהן געפּאַסט דאָס שוואַרצע, סאַמעטענע קלייד, און דאָס וואַסער פון דער וואַנע, וואָס זי האָט ניט לאַנג גענומען, האָט איהר פון מאָל צו מאָל געמאַכט פיהלען די איינגענע הויט אויפ'ן לייב, ווי די הויט וואָלט געוואָרען אַ גאָר נייע, אַ גאָר וואָס אַנגעצוינגענע. — — — און זי האָט כמעט אַליין געזעהן, ווי זי בליהט, ווי זי וואַקסט אונטער יענעמ'ס בליקען. — — —

נאָר בינעם האָט פון איהר געהאַט צרות.

ווי נאָר ער האָט זיך מיט איהר געטראָפען, נאָך ביי איהר אין צימער, האָט זי איהם ביי די ערשטע עטליכע ווערטער געפרעגט:

— ברוך וועט זיין אויפ'ן באַל?

— געוויס וועט ער זיין! — האָט ער געענטפערט.

און איצט האָט זי זיך צו איהם דעם גאַנצען אָבענד פערהאַלטען עפּעס אַזוי נערוועז — אָט איז זי נעבען איהם, און באַלד בלייבט זי ניט — — — און זוכען זיי זיך ווידער אויף, פרעגט זי איהם גלייך מיט אַ פערדעכטיגען שמייכעלע:

— נו, וואו איז דאָס אייער ברוך? — — —

פונקט ווי זי וואָלט איהם חושד געווען, אַז ער האָט זי דאָס איבער עפּעס אַ סיבה אומיסטען אָפּגענאַרט.

און קיין איין טאַנץ האָט זיך איהם נאָך ניט איינגעגעבען אויסצור־טאַנצען מיט איהר ביז צום סוף.

און ניט נאָר זי, נאָר איבעראַל, וואו נאָר בינעם האָט זיך געדרעהט, וואו נאָר ער האָט זיך געשטעלט, האָבען זיך באַלד געפונען פרעגער:

— וואו איז ברוך?!

— וואָס? ברוך איז נאָך נימאָ?

— ברוך איז נאָך ניט געקומען?!

— וואָס איז דער מעהר מיט ברוך'ן?

און די מעהרסטע פון די פרעגער זיינען אַלץ מיידלעך און פרויען, און זיי פרעגען עפּעס אַלע מיט דעם טאָן פון ביילקע'ס טענה, און בינעמ'ען האָט זיך גענומען דאַכטען, אַז ביילקע שיקט זיי דאָס אַלע אָן אויף איהם...

און אָט קומט אָן ביילקע מיט נחום'ען אונטער'ן אָרם. נחום ווענדט זיך גלייך צו בינעמ'ען מיט אַ גאַליגען געלעכטער:

— וואָס־זשע, אייער ברוך'ן שטעהט שוין גאָר איינגאַנצען ניט אָן צו ווייזען זיך צווישען אונז? צי ער האָט נאָך אפשר אינמיסטען אויף היינט אָבענד אַראַנזשירט אַ מיטינג פון זיינע „פרייע דערפער“? —

— ער האָט אויף היינט ניט קיין מיטינג, — ענטפערט בינעם, און מיט אַזאַ קלאַנג אין זיין שטימע, ווי ער וואָלט אין זיך דערשטיקען אַ געפעהרליך פייער.

— וואָס דען? — פרעגט נחום.
— אפשר האָט ער זיך אויסגעבראָכען אַ פוס, — ענטפערט בינעם האַרט און שאַרף.
און דאָ האָט מיט אַ מאָל אַ יאָג געטהאָן דער וויכער פון טאַנץ און מיט אַ מין שטילען און שווער־ברויזענדען פייער זיך גענומען דרעהען אונטער די פיס. בינעם האָט גענומען קוקען אויף ביילקע'ן. פון ווייטען אָבער האָט ער באַלד דערזעהן לעווינ'ען, מיט וועלכען ער האָט זיך גע־טראָפען ביי ביילקע'ן נאָך פאַר'ן געהן צום באַל. און ער האָט בעמערקט, אז אויך ביילקע האָט איהם דערזעהן... אבער ווי נאָר ביילקע האָט דער־זעהן לעווינען און פערשטאַנען נאָך זיין שמייכעל, אז ער געהט זי איינ־לאַדען צום טאַנץ, האָט זי זיך אַ נייג געטהאָן צו בינעם'ען... און בינעם האָט גלייך אַרומגענומען איהר דינע סאַמעטענע טאַליע, און ניט קוקענדיג מעהר ניט אין נחום'ס און ניט אין לעווין'ס זייט, איז ער טאַנ־צענדיג אַוועק מיט ביילקע'ן איבער'ן זאַל, זיך געמאַכט אַ וועג צווישען עולם און איז אריין אינ'ם פאַרבינגען קאָך פון מענשען און טענער.
ווי נאָר ביילקע און בינעם האָבען דורכגעמאַכט אַ צוויי־דריי פיגור־רען, האָבען זיך פּלוצלונג און מיט אַ מאָל אויסגעלאָשען אַלע עלעקטרישע לאָמפּען און עס איז איבער'ן גאַנצען זאַל געוואָרען שטאָק־פינסטער. די מוזיק אָבער האָט געהאַלטען די מענשען ווי פערכשופ'ט אין טאַנץ, און באַלד האָט איבער אַלעמענס קעפּ אויסגעשאָסען אַ שמאָלער, ווייסער שיין פון אַ רעפלעקטאָר. דער שיין איז געלאָזט געוואָרען פונ'ם אויבערשטען באַלקאָן און זיין שמאָלער עלעקטרישער שטראָם האָט פון אָנפאַנג דער־גרייכט די בלומיגע טעפּיכער, וואָס זיינען געהאַנגען הויך איבער אַלע־מענס קעפּ, און זיך גענומען שפּרינגען פון איין טעפּיך אויפ'ן צווייטען, און אין דער טיעפער פינסטערניש האָבען די טעפּיכער הויך איבער אַלע־מענס קעפּ מיט אַ מאָל אויפגעבליהט און אויפגעבליצט מיט זייערע רייכע, אָריענטאַלישע בלומען און פאַרבען... נאָכדעם האָט זיך דער ווייסער שיין אַראָפּגעלאָזט צווישען די הונדערטער טאַנצענדע פּאָר, וואָס האָבען אָנגעפילט דעם גרויסען טאַנץ־פּלאַץ... אָט האָט זיין שיין אַרומגענומען בלויז איין טאַנצענדיגע פּאָר, און אָט עטליכע פּאָר אויף איין מאָל. און די פּאָרען האָבען אין דער פּלוצלונגער פינסטערניש גענומען אויסזעהן ווי ליכטיגע, לייכטענדיגע... און אַזוי האָט דער שטראַהלענדער פּאַס זיך

נענומען ארומדרעהען צווישען די טענצער און זיך אויפגעזוכט אַלץ נייע און נייע פּאָרען. אַט האָט דער פּאַס דערגרייכט ביילקע'ן און בינעמ'ען און זיי האָבען זיך ביידע מיט א מאָל דערזעהן לויכטענדיגע, אויפגע־שטראהלטע, און זי האָט זיך נאָך דערביי אָפּגעבויגען פון איהם, איבער זיין האנד, איהם אָפּווענדענדיג פון א פּאָר, וואָס האָט זיך נעטראָגען אויף זיי. בינעם האָט זיך מיט אמאָל דערפיהלט לייכטער, ליכטיגער. און איהר האָט ער דערזעהן פאר זיך, אזא לאנגליך־בויגינע, אונענד־ליך שיינענדיגע, איהרע האָר, איהרע אויגען און דאָס שווארצע סאמעטענע קלייד זיינען מיט א מאָל בלענדענד און שיינענדיג שווארץ געוואָרען און האָבען אזוי שעהן ארויסגעפּעקט די בלאסער געוואָרענע ראָזקייט פון איהר פּנים, פון איהר דעקאָלטירטען האלז... און זי איז געוואָרען א דורכ־זיכטיגע... און איהרע שעהנע פיס און די שווארצע סאמעטענע שיכלעך, און די שווארצע זיידענע זאָקען האָבען געטאנצט אין ליכט... בינעם האָט פעסטער ארומגענומען איהר טאליע, זי צוגעצויגען צו זיך... דער שיין פון רעפלעקטאָר האָט מיט אמאָל גענומען בייטען זיינע פארבען, ווי עטליכע פערשיעדענע פארבינע זונען וואָלטען זיך גענומען ראנגלען צווישען זיך. די מענשען און זייערע קליידער האָבען אויך גענומען בייטען זייערע פאר־בען און האָבען גענומען אויסזעהן ווי א נעדיכטער ראַי פון טויזענדער פערשיעדען־קאָלירטע שמעטערלינגען — — — און בינעם האָט דערזעהן נעבען זיך ביילקע'ן — אַט א רויטע, אַט א בלויע, אַט איז זי א גריגע און אַט א געלע, א גאָלדענע, אַט א הייס־ראָזעווע ,און אַט מיט אמאָל ווידער דורכזיכטיג־ווייס און שטראהליג־שווארץ, און אלע מאָל אזא בויי־גיגע, א לייכטע, א לופטיגע, — און ער האָט זיך פערלאָרען, האָט זי צי־טערדיגער, פעסטער א ציה געטהאָן צו זיך און זי א קוש געטהאָן.

האָט זיך ביילקע א דרעה געטהאָן, זיך ארויסגעגליטשט פון זיינע הענד און איהם געלאָזט אין מיטען טאנץ מיט צוויי ליידיגע הענט אין דער לופט.

קאַפּיטעל 17.

אויפ'ן וועג אהיים פון גליטש האָט מען זיך גענומען וואַרפען מיט „קולקעס" שנעע.

אַט פליהט אַ ווייסער קנויל פון חנה'ס האַנד און טרעפט ברוך'ן גלייך אין פנים אריין. לאָזט זיך ברוך נאָך איהר, יאָגט זי נאָך איבער דעם ווייס־געבעטען פעלד. די שוואַרצע פּאָלעס פון זיין לאַנגען ראָק צופליהען זיך ווי פליגעל. און זי אנטלויפט, לאַכט און שרייט:

— ברוך! ברוך! מעהר ניט! אויף מיין וואָרט — ניט!

— אז ווער דאַרף דאָס אייערע תירוצים?!

— ברוך!! אָה! האַ־האַ! — שרייט זי אוים שוין אין זיינע הענד.

— אַט איצט, בחור'טע, וואַרט! — מיט איין האַנד האַלט ער זי פעסט ארומגענומען, מיט דער צווייטער נעהמט ער אָן שנעע און נעהמט איהר איינרייבען דאָס פנים. זי ווערט זיך, רייסט זיך פון איהם און טוליעט זיך און פּרעסט זיך צו איהם... איהר ליבּ, דאַכט זיך, נעהמט מיט אַ מאָל גרעסער ווערען, צואוואַקסט זיך אונטער זיינע הענד — — און זי רייסט זיך און שרייט צופריעדען, פערשייט. און מאַקס און זיינע בעקאַנטע שרייען צו פון דער ווייטענס:

— אַט אַזוי! גוט, גוט! הוראַ! הוראַ!

האָט ער זי אָפּגעלאָזט — — —

זי האָט זיך גענומען אָפּווישען דאָס פנים, פערריכטען די, האָר אויפגעהויבען איהרע אויגען און זיך בעגעגענט מיט זיינע.

— געהט צום טייוועל! — האָט זי אָפּגעזאָגט מיט אַ כלומר'שטען כעס און אראָפּגעלאָזט איהרע לאַנגע ברעמען...

— איז צו וואָס דאַרפט איהר נאָך רויט ווערען?

— געהט צום טייוועל!...

— ניין, איך מיין גאַנץ ערנסט — — — וואָס פאַר אַ פנים האָט דאָס? אַזאַ ווייסע נאַכט, און אויפ'ן בלויען הימעל וואַלגערען זיך דאָך

איצט אַזוי פיעל פרישע שטערען און אַלע קוקען — — — און דאָרטען שטעהט דאָך מאַקס אַליין, אַזאַ געזונטער, שעהנער — — — נעהמט פּלוצלונג אַ ווייסע חנה מיט לאַנגע ברעמען און ווערט זיך רויט — — — וואָס? — — —

— ברוך!...
— וואָס איז?
עס בלייבט שטיל — — —
שנעעלעך פאַלען, איינציגע, ווי צונעצעהלטע.
דאָס האַרץ איז ביטער פערקלעמט.
עס בענקט זיך.
וואוהין?
עפּעס ווילט זיך.
עפּעס ווילט זיך?
ס'ווילט זיך גאָר נים.
גאָר נים?

מאַקס און זיינע בעקאַנטע געהען אויף־צו־פריהער און שמועסען וועגען אייז, וועגען גלימש.

— אָך, איז דאָס געוועזען אַ גלימש!
— און אַזוי, כמעט אונגעריכט.
— נו, ווער וואָלט זיך דאָס געקענט ריכטען נעכטען, אַז היינט וועט פּלוצלונג ווערען אַזאַ אייז?
— אַזאַ אייז געדענק איך שוין נים פון פּאָר צוויי־יאָהרען אָן.
— אָ! דו מיינסט יענעם מאָל, ווען דער אייז האָט געפּלאַצט?
— יאָ. דו געדענקסט נאָך, ווי פּלוצלונג, מיט אַ מאָל, אין סאַמע „ראַש", אַז עס גיט ניט אַ שאָס, ווי פון אַ האַרמאַט: — טראַך!! און דאָס וואַסער גיט מיט אַ מאָל אַ פליוך אַרויס.
— און ס'אַרא געוואַלד! ס'אַרא קוויטשעריי עס איז געוואָרען! וואָס?...
— אַ געוואַלד! עפּעס אַ קלייניגקייט? איך אַליין האָב זיך דאָך אַזאַ טרייסעל געטהאָן, אַז איך האָב געמיינט, איך ווער אַ צושאָטענער.

מאַקס'ען אָבער נעהמט באַלד בוייערען אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז מאָרגען וועט חנה מן הסתם ווידער אויפשטעהן צו דער אַרבייט. און

וואָס איהר קען נאָר איינפאַלען! איצטער, אין אזא צייט, ווען דער קאָפּ איז אַזוי ז'ער'הרג'עט, פערגלוסט זיך איהר צו גליטשען, ס'איז דאָך פּשוט א בזיון פאַר לייט — — — נאָר פון דעסטוועגען, מן הסתם אז זי וויל אַזוי, מן הסתם — — — איך ווייס?

חנה און ברוך געהען הינטען און שווייגען שטום, נאָר איבער זייערע קעפּ טראָגען זיך רעיונות... טענות, וואָס טענה'ן זיך אליין:

— האָלסט נאָך אלץ פון דיין „אונזער אונטערגאַנג“?

— יא.

— און וועסט טאָקע קיינמאָל ניט חתונה האָבען?

— בעסער קוק איך דעם אונטערגאַנג גלייך אין די אויגען אריין.

— און האָסט מיך ליעב?

— חנה!

— וואָס? — — —

— ?... דיין ווייסע בלאַסקייט, און דאָס, וואָס אָפּט זיינען אזש דיינע ליפּען בלאַס. און דאָס, וואָס אָפּט קוי̇סטו ווי א געטרייע שוועס־טער, ווי א מאַמע, און אָפּט ווי א געהאָרכזאַם קינד.

און וואָס דו מאַכסט זיך נאַריש, און וואָס דו פרעגסט אזא נאַרישע שאלה. און וואָס דיינע בלויע אויגען קוקען אזוי מאָדנע ווייט, וויי־טער ווי דו אליין קענסט דאָס גאָר פע̇־שטעהן.

און דאָס וואָס דו ביזט אזוי שעלמיש קלוג.

און דיין לאַכען, וואָס קלינגט ווי גאָלדענע רינגען, וואָס קושען זיך אין דער לופטען איינער מיט'ן צווייטען. דיין לאַכען, וואָס שווימט אזוי לייכט איבער: פון כאַ־כאַ־כאַ אין כאָ־כאָ־כאָ! און וואָס דו ווערסט פּלוצ־לונג רויט און עס ציגדען זיך בלייכע רויזען אויף דיינע ווייסע באַקען.

און דאָס ציטערען פון דיינע רונדע בריסט.

און דיין שלאַנקען צאַפּעל, חנ'קע! דער צאַפּעל, וואָס האָט אזוי ליעב מיינע ברייטע אַקסעל, מיינע אומגעלומפּערטע הענט.

— איז וואָס־זשע ביזטו אוועקגעפאָהרען אויף אזוי לאַנג, און אזוי ווייט, און פון זיך גאָר ניט געלאָזט וויסען? און געקומען צוריק אזוי שפּעט? — — — איבער דיין „ערד־ארבייט“? אלץ איבער אָט די „פרייע דערפער“ דיינע? — אָ, ווי איך וואָלט דיך דערפאַר וועלען! —

— און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זיין מיין האדידזשאַ — !
— און דו, הייסט דאָס, ביזט שוין אַ געזאַלבטער מאהאמעד!
—חנה!
— און פּלוצלונג דרוקסטו אָפּ אַזעלכע ווילדע ליעדער! — דו וואָלסט דאָך פּשוט זיך אַליין אויפגעגעסען. — ס'אַרא ליידענשאַפטליך־ווילדען זיידע־פּראַסט דו האָסט דאָס אויפגעמאַהלען און גלייך מיט איהם דיין קאַלטען, גלייכגילטיגען פעטער־שנייער.
— חנה!...
— און אין ווילדסטען ברען קומט דיין פעטער שנייער און הויבט אויף זיינע גלייכגילטיגע בליקען, לאָזט דער פּראַסט אָפּ די הענד און פיס, ווי אַן אַלטער, וועמען מען כאַפּט ביי עפּעס אַ אינגעלשען נאַרישקייט.
— אַז איך האָב אָבער דאָס נאָך נאָר ניט אויפגעשריעבען! — — — איך האָב דאָס נאָך דערווייל ניט אויפגעשריעבען. — — — —
— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! — — — — — —
— חנה!! — — — — —
— „חנה, חנה! דו וועסט נאָך אַ מאָל קריצען מיט די ציינער און שרייען: חנה, חנה!
— און חנה?
— חנה האָט אַ היים, חנה האָט אַ גוטען, עהרליכען מאַן. חנה וועט שוין ביז דאַן האָבען אַ קינד, אַ אינגעלע מיט שווארצע — — — —
— און ברוך?
— וועט זיך וואַלגערען, ווי אַ היימלאָזער הונט.
— ווי אַ איד!?
— ווי אַ ברוך!
— און ווען אַמאָל אין אַן אָבענד שפּעט, וועט ער אָנקלאַפּען אין דיין טהיר, דו וועסט עפענען און דערזעהן: ברוך! — — — — — אַ מיעדער, אַן אַלטער — — — אויך דו וועסט שוין דאַן האָבען גרויע האָר. וואָס פאַר אַ פייער וועט זיך דאַן אויפכאַפּען אין דיין הארצען? — — — — ווי וועסטו מיך דאַן אָנרופען? — — — — וואָס וועסטו זאָגען? — — — וועסטו זיך דערמאָהנען אין אַ מעשה'לע פון אַ ברוך'ל מיט אַ חנ'קע, וואָס זיינען געוואַקסען אַמאָל ערגעץ ווייט, אויף יענער זייט ים, אין אַ שטאָדט, אין אַ דאָרף ביי אַ וואַלד? און ווי ס'האָט

אַמאָל ברוך׳ל אַ נעץ פערשפּרייט און האָט אַ פויגעל געכאַפּט, און איז מיט שמחה אַהיים געלאָפן, — ער וועט איהם זיין חנ׳קען ברענגען. און אַז ער איז אַהיים געקומען, און אַז חנ׳קע האָט אַ פערציטערטע גענומען בעטען: — אוי, ברוך׳ל! ברוך׳ל! לאָז מיר האַלטען דעם פויגעל! כאָטש נאָר אַ קליין ביסעלע, אַט־אזא קליין־קליין ביסעל! נו, איז כאָטש אַ גלעט טהאָן, נאָר אַ גלעט טהאָן איבער די פעדער׳עך. אוי, ברוך׳ל! ברוך׳ל — איז ברוך׳ל פּלוצלונג צוגעגאַנגען צום צועפענטען פענסטער און אַ געשריי געטהאָן: נאַ! און דערביי אַוועקגעשטעלט דעם פויגעל אויף זיין צו־עפענטער האַנד — — — דער פויגעל האָט זיך אין איין רגע, צוגעזעצט, אַ פּאַטש געטהאָן מיט די פליגעל און — — — ווען חנ׳קעם מאַמע איז אריין, האָט שוין חנה ביטער געוויינט: מאַמעניו, מאַמעניו! דער פוי־געל! ער האָט אַפּגעלאָזט דעם פויגעל, דעם פויגעל! — — —

און אין די אַלע פויגעל, וואָס איך האָב אַפּגעלאָזט און אַפּגעלאָזט צוליעב דיר, צוליעב מיר, וועסטו זיך דערמאָהנען דאַן? — — — און אין אונזערע שטענדיגע קריעגערייען וועגען מיין הונט באַקסער און דיין שוואַרצען קעצעל? און אין מיין ליעבע צו דער בת־מלכה, וועלכע דו פלעגסט קיינמאָל ניט ליידען און וועלכע האָט, דאַכט זיך, אויף אייביג אַוועקגעלעגט אַ שאַרפען ריס צווישען מיר און דיר? — — — און ווי איינמאָל האָסטו אויסגעפלאָכטען אַ קראַנץ פון בלויע פעלד־בלומען, און איידער דו האָסט איהם אַנגעטהאָן אויף מיין קאָפּ, האָסטו געפרעגט: — און דו וועסט איהם נאָכדעם ניט אַוועקשענקען דיין בת־מלכה?... מיר זיינען שוין דאַן געוועזען דערוואַקסענע קינדער. עס איז געווען „קאַניקול"־צייט. איך בין צומישט געוואָרען — — — און דו ביזט געשטאַנען פאַר מיר אַ ווייסע, אַ שיינענדע אין דיין ברוינעם גימנאַזיום־קלייד מיט׳ן בלויען קראַנץ אין דיין האַנד, ביי דיין שלאַנקען, לינקען פוס. און איך מייד אויס דיין שאלה און פרעג:

— וואָס? — דו ווילסט מיר איהם ניט אַנטהאָן?

— לאָמיר איהם בעסער ביידע צורייסען, — ענטפערסטו.

— טהו איהם אָן אויף זיך.

— ניין, — ענטפערסטו. — איך האָב איהם געפלאָכטען פאַר דיר —

חנה קאָן לענגער ניט אריבערטראָגן אָט די שטומע טענות, און זי רייסט איבער:

— וואָס איז מיט אייך, ברוך? — — —

— הא?! — — —

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי פערטיעפט? ווענען וואָס טראכט איהר עס?

ברוך אָבער ענטפערט:

— הם! איך טראכט? יאָ — — — ווי מיינט איהר א שטיינער — — — אזא פּלאַן — — — אָרגאַניזירען א פעראיין פון גליטשער, ס'הייסט ארויסרייסען עטליכע חברה פון אָט די „וועלט־פערזאָרגער", וואָס האַלטען זיך אויף אין קרויזקאָפּ'ס קאַפע: — גענוג שוין, קינדער, קומט, לופטערט זיך דורך א ביסעל!... הא?...

חנה שווייגט.

? — — —

— מערקווירדיג, ווי עס ווערען ביי אייך געבוירען די פּלענער! — רופט זיך אָפּ חנה אין א ווײַלע ארום. — עפּעס אַזוי פּלוצלונג! — — האָט איהר דען וועגען דעם געטראַכט די גאַנצע צייט? — — — און מאָרגען קאָן זיין, זאָל אייך נאָך איינפאַלען צו פערווירקליכען אָט דעם נייעם פּלאַן.

— נו, יאָ.

— אָבער, וועגען וואָס האָט איהר געטראַכט אָט די גאַנצע צייט?...

— איך רעכען, אז מיר האָבען, מן הסתם,ביידע געטראַכט וועגען סענטימענטאַלע נארישקייטען. — — —

— אָבער וועגען וואָס האָט איהר געטראַכט? — — —

— ווי נייגעריג איהר זיינט דאָס! נו, וואָס וועט שוין אייך ארויס־קומען, ווען איך אייך וועל דערצעהלען, אז געטראַכט האָב איך וועגען דעם, ווי איהר וועט זיך מאָרגען פערשלאָפען אין זיך אויפכאַפּען מיט א מאָל, ווי פון א פּלוצליכען פייער, — ווי עמיצער, א פעדרויכערטער, מיט צופּאַטעלטע האָר און מיט אויכגעשטשירעטע, געלע צייהן וואָלט זיך אנגעבוינען איבער אייער בעט מיט א פּלוצלונגען אויסגעשריי: פייער! פייער! — — — און ווי איהר וועט זיך דאָס נאָכדעם אין איילעניש נעהמען יאָגען צום שאַפּ, און ווי כאַר'ן שאַפּ נעהמט איהר שוין בעצייי־

טענס שלעפּען די שפּילקעס פון הוט, און נאָך איידער איהר וועט אריבער־טרעטען די שוועל, וועט איהר שוין האָבען אויסגעטהון איין ארבעל פון ווינטער־ראָק, דעם הוט אין די הענט — זאָל די פאָרליידע זעהן, אז איהר פיהלט זיך שולדיג. און וועט דאָס אָפּגעהן גלאַט, איהר וועט אָפּקומען בלויז מיט'ן ביסעל הארץ־קלאַפּעניש, וועט איהר זיך דאָס צוכאַפּען צום מאַשין און זיך נעהמען יאָגען, יאָגען — — —

— ברוך !! — — —

— ניט ברוך, נאָר אָט דער פערדרויבערטער, מיט די אויסגעשטשי־רעטע, געלע צייהן שטעהט פאַר די אויגען און שרייט: פייער! פייער!! — — — צום טייפעל, חנה, ווי דאָס ברענט: — פייער, פייער! ווי א קאַלטער גיפט וואַלט זיך אריינגעגאָסען אין די ביינער און צינדט זיך און ברענט: — פייער, פייער!

— דעמאָן!

זיי בלייבען שטיל — — — ברוך דערזעהט די צוויי לאַנגע שאָ־טענס, וואָס ציהען זיך פון זיי איבער'ן ווייסען שנעע — — — זיינער איז א לאַנגער, א ברייטער, און איהרער איז ווי זיינס א קינד... און עס בעוויזט זיך א שמייכעל אויף זיינע דיקע ליפּען און זיי צוציהען זיך ברייטער, און פּלוצלונג גלאַנצען אויף זיינע אויגען שווארצער, טיעפער — — — עפּעס ווארעמעס, בלוטיגעס שלאָגט זיך אָפּ אין זיין הארצען: אוי־ו! — — — צורייסען, צופליקען אויף איהר די קליידער, זאָל זי בלייבען אין גאַנצען נאַקעט! צופּאַטלען איהרע האָר, זיך איינבייסען אין איהרע ליפּען ביז בלוט, זיך איינבייסען אין איהרע בריסט, אין איהר ווארימען לייב ארויפכאַפּען זי צו זיך אויף די הענד א נאַקעטע, זי איינ־הילען אין זיין ווינטער־ראָק און בייסען, בייסען! — — —

און דער שמייכעל אויף די ברייטע ליפּען צושפּרייט זיך נאָך ברייטער — — — עס שמייכלען די ליפּען — — — און דאָס הארץ ווערט ־ערביי געגעסען פון א בלוטיגען פייער.

זי הויבט אויף די אויגען, גיט א קוק אויף איהם און זאָגט:

— מיר דאַכט... איהר וואָלט מיך איצט אויפגעגעסען? — — —

— יאָ, — ענטפערט ער מיט א בלוטיגען פייער־גליה.

האָט זי א שטאַרקען ציטער געטהאָן, און אין א ווײַלע ארום גע־שמייכעלט — — — און נאָכדעם מיט א מאָל שטאַרק רויט געוואָרען.

— ווידער רויט? — פרעגט ער. — איך זאָל גען צום טייוועל! — זאָגט דאָס! עס קומט דאָך ביי איך ארויס אזוי שעהן.

— נעהט צום טייוועל!

— ווי גוט דאָס קומט ביי איך ארויס! ווי גוט! זאָגט דאָס נאָך איינמאָל. נו?!

חנה איז שטיל און אויך ברוך איז אנטשווינגען געוואָרען.

מאקס מיט זיינע בעקאנטע זיינען געגאנגען אין פאראויס און שוין געערדט צווישען זיך וועגען דעם קומענדען „פרייז פייט": —

— געווינען וועט דער נעגער.

— אין לעבען נים!

— איך וועט.

— דער נעגער איז „סמארט" און פלינק ווי א טייוועל.

— דזשעפערים איז שטארק ווי אן „אינדזשען".

— נאָר ער בעוועגט זיך ווי א בער.

— ער האָט מיט איין קלאפּ אוועקגעלעגט א פערד.

— פינף צו איינס!.

— איך וועט.

און עס האָט געסקריפּעט דער שנעע אונטער די פיס, און ווי א פייער האָט זיך געשפּאַרט דער אָטהעם פון מויל און די גליטשערס וואָס זיינען געהאנגען אויף רימענס אין די הענד, האָבען זיך געקלאפּט איינס אָן צווייטען, ווי אויך זיי וואָלטען צווישען זיך געפיהרט א געשפּרעך.

פלוצלינג איז חנה'ן איינגעפאלען און זי האָט מיט א צו־להכעיס געפיהל זיך א ווענד געטהאָן צו ברוך'ן:

— ווי קומט דאָס, וואָס איהר זיינט היינט נים געגאנגען צום באָל?

ברוך האָט זיך אויף איהר אומגעקוקט... האָט א שמייכעל געטהאָן, און געענטפערט:

— פון רחמנות וועגען.

חנה האָט פון דעם ענטפער אויפגעציטערט... און א צושראָקענע און בעליידיגטע האָט זי אויסגעשריען:

— אויף וועמען!? — און זי האָט זיך גלייך געבאָפט און צוגעגעבען — אויף נחום'ען?

ברוך האָט א קנייטש געטהאָן מיט די אקסלען:

— חלילה, וואָס פאלט אייך איין! רחמנות איז זעהר א ביליגער פרייז, און די נחום׳ס וואָס לעגען אויף א הלום אַוועק אַזוי פיעל ענערגיע און וואָס דרעהען זיך דאָרט איצט אין זאל ארום פערארבייטע, מיט אויפ־געצווינגענע שטערענס, מיט אויפגעגלאנצטע אויגען — זיי פערדיענען געוויס ניט אזא ביליגען פרייז, כאָטש איך זעה שטענדיג אין זייערע אויפ־געגלאנצטע אויגען א בעהאלטענעם וועהטאָג, א מורא, אז די ארבייט איז פאר׳ן טייוועל. און די אלע וואָס טאנצען אויפ׳ן באָל זעהען מיר אָפט אויס ווי גייסטער פון אן אינטערגעגאַנגענעם פאָלק, וואָס זיינען איבער עפּעס א סיבה אויפגעשטאַנען אין מיטען דער נאַכט און זיך צוטאַנצט. — — —
און מיר דאכט זיך אויך, אז אין דעם לאנד וואו עס געפינען זיך שוין איצ־טער אידען וואָס טהוען אום שבת אָן טלית און תפילין, כדי מיט דעם צו דערצעהלען זייער אָבשטאַמונג, וועלען מיט דער צייט אָט די ציוניסטישע בעלער מיט ביבלישע בילדער בלייבען דער איינציגער זכר פון אידישקייט.
— אָבער אויף ועמען איז דאָס געווען אייער רחמנות? — רייסט איהם חנה איבער אונגעדולדיג.
— ווען איך האָב לעצטען יאָהר — ענטפערט ברוך — דערזעהן, ווי אין דעם לאנגען זאל וואָס געבען טאנץ־פלאַץ דרעהען זיך ארום די פערעלטערטע מיידלעך, וואָס ערשט ווען זיי קומען צו א באָל זעהען זיי זיך ארום, אז זיי זיינען שוין אויסגעשפּיעלט, איז מיר פּשוט ניט גוט געוואָרען. עס איז אויסגעקומען ניט אנדערש, כאָטש נעהם און שטעל זיך מיט זיי טאנצען פאר רחמנות!... בעזונדער אָט די עלעגאנטע מיס פינקעל. זי האָט הפנים ערשט דאָ דערפיהלט, ווי שלעכט עס איז פאר א אידישער מאָכטער צו פיהרען א לעבען נאָכ׳ן שניט פון פראנצויזישע ראָמאַנען. און די לעווינס, און אויך בלומענקראנץ, וואָס האָבען זיך צו יענער צייט נעדרעהט ארום איהר, האָבען זי דאָ מיט אמאָל אזוי שארף געגומען אויס־מיידען. און מיך האָט דער טייפעל א שטופּ געטהאָן צו איהר און איך האָב זי איינגעלאַדען צום טאנץ.... און נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג, ווי נאָר איך דערמאָן זיך אָן דעם, דערפיהל איך, ווי א מיאוס׳קייט ליעגט מיר אין גאָרגעל און וואַרגט מיך צום ברעכען. נאָט מיינער, ווי מיאוס עס איז רחמנות צו האָבען אויף מענשען! איך פלעג אין דאָרף רחמנות האָבען אויף פערד, אויף עזלען, וואָס פלעגען זיך פערמוטשען, אָדער פערמאַטערט ווערען...

— הייסט דאָס, אויף פערד, אויף עזלען, מעג מען יאָ רחמנות האָבען, און אויף מענשען ניט! — שרייט חנה אוים בייז, ווי זיך קריגענדיג מיט ברוך׳ן.

ברוך ענטפערט שארף:

— אויף פערד און עזלען מעג מען, ווייל דאָס וואָס אַ מענש הויבט זיך אויף העכער פון אַ בהמה, דורך זיין רחמנות און ליעבע צו זיי, האָט ער ווענינגסטענס ניט געזינדיגט נעגען זיין אייגענעם מין. אָבער רחמנות האָבען אויף אַ מענשען, דאָס הייסט כמעט ווי אויסצונוצען די געלעגענהייט פון יענעמס פאַלען, כדי זיך אויפצוהויבען איבער איהם.

דער ענטפער האָט נאָך מעהרער אויפגערייצט חנה׳ן: — „ער וואַרפט זי איצט צו זיינע פיס! ער איז ניט געגאַנגען אויפ׳ן באַל אוים רחמנות!... און ער וויל איהר איינרעדען אַז דאָס האָט ער געמיינט די מיט פינקעל!...“ און דער געדאַנק, אַז אוים רחמנות צו איהר איז ער דאָס ניט געגאַנגען אויפ׳ן באַל, נעהמט זי ברענען און שטיקען און זי פאַלט איהם וויעדער אריין אין די רייד, ניט טראַכטענדיג וואָס זי טהוט און צו וואָס זי דאַרף דאָס:

— כאַ, כאַ! און אָט די גאַנצע קריסטליכע וועלט, וואָס פערגעטערט רחמנות און ליעבע!?

חנה האָט דערמיט אויפגערייצט ברוך׳ס שווערסטע וואונד. ברוך אָבער ווייסט און פיהלט אין וואָס חנה איז איהם חושד, ער זעהט ווי זי ערנערט זיך פון דעם, און זיין האַרץ נעהמט זיך וואַרעמען מיט אַלץ מעהר און מעהר ליעבע צו איהר. און כאָטש ער קוקט נאָר איצט ניט אין איהר זייט, זעהט ער זי פאַר זיך אַ ווייסע, אַ ליכטיגע, וואָס ווערט אַלץ ווייסער, דורכזיכטיגער.... און אינגאַנצען זיין בלוט נעהמט זיך איצט ציהען צו איהר:

— חנה! — ווענדעט ער זיך צו איהר מיט אַ געענדערטער שטימע, אין וועלכער עס האָט שוין אָפען געציטערט זיין ליעבע צו איהר — וואָס פאַר אַ ביישפּיעל איז פאַר דיר די קריסטליכע וועלט? די קריסטליכע רעליגיאָן איז געגעבען געוואָרען פון אידען צו דער ניט־אידישער וועלט — צו מענשען, אויף וועלכע זיי האָבען געקוקט ווי אויף הינט! ווי אויף מיאום׳קייטען! פאַר אידען אָבער איז דאָס געווען אַ רעליגיאָן, וועלכע זיי

האָבען פון זיך ארויסגעשטויסען מיט'ן גאַנצען כח, וואָס זיי האָבען נאָר געהאַט אין זיך !...

נאָר ביי די לעצטע ווערטער האָט ברוך שוין דערפיהלט ווי אין איהם פערנעהמט זיך א העליש פייער, גאָל און גיפט נעהמט זיך רייסען פון הארצען, אָבער ער שטארקט זיך, און מיט זיין אויסגעארבייטער פעהיג־קייט — ניט צו טראַכטען פון זאכען, וועלכע ער וויל ניט געדענקען, האָט ער אין זיך דערשטיקט דאָס גיפטיגע פייער און איז געבליבען שטיל. פון חנה'ס בליקען האָט ער דערקאַנט, אַז זי האָט חרטה אויפ'ן גאַנצען גע־שפּרעך, און דאָס האָט איהם געהאָלפען זיך צו בערוהיגען און אויפ'ן אָרט פון צו טראַכטען וועגען פּאָגראָם און אנדערע קריסטליכע מערדערייען, האָבען זיך ביי איהם ווידער גענומען וועקען קינדערשע עראינערונגען.

חנה'ן האָט שוין ניט נאָר באַנג געטהאָן, נאָר אויך וועה געטהאָן, וואָס זי האָט אזוי פלוצלינג דערמאָנט די קריסטליכע וועלט. אין איהר אייגענעם אונגליק וואָס איז פערבונדען מיט'ן פּאָגראָם האָט זי ווי פער־געסען, נאָר איהר האָט זיך גענומען דאכטען, אז דאָרטען ארויף אויפ'ן שניי־פעלד שטעהט איצט ברוך'ס מוטער, א נאַקעטע, פערשאָטען ביז'ן האלז אין שנעע, אזוי אז עס זעהט זיך נאָר ארויס איהר פּנים און די צו־שויבערטע שווארצע האָר... פונקט ווי די גוים פון זייער דאָרף האָבען מיט איהר געטהאָן נאָכדעם ווי זיי האָבען זי פערמושטעט ביז משוגעת.

און חנה נעהמט זיך צושראָקען און שולדיג טוליען צו ברוך'ן.... און אָט דאכט זיך איהר — זי זעהט ערשט איצט ווי דער סטודענט וואסיל, ברוך'ס בעסטער חבר, פאַלט ברוך'ן צו די פיס, קושט איהם די הענד און ברוך — שטעהט פאַר איהם א גרויער, שטויסט איהם פון זיך און רעדט צו איהם מיט גאָל: „דו קומסט צו מיר ווי א קריסט און איך שפּיי דיר אין פּנים. — היינט ווען זיי דאַרפען דאָס — האָבען זיי דאָס געטהאָן; מאָרגען, ווען דו וועסט דאָס דאַרפען, וועסטו דאָס טהאָן, ווייל איהר זיינט אַלע הינט. הונט, ארויס פון מיין הויז ! !“ און ווי ברוך האָט דאָס נאָכ'ן אונגליק פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט פאָהרען אין דאָרף. און ווען מען האָט די מאַמע געבראכט אין שטאָדטישען משוגעים הויז, איז ער שוין אויך אין שטאָדט ניט געווען...

אָבער דאָס פעלד פאַר די אויגען ציהט זיך ווייט, ציהט זיך ווייס. און ברוך רייסט איבער חנה'ן :

— הנה! איהר געדענקסט נאָך ווי מיר פלעגען קאַטשען שנעע־קוילען? גרויסע קנוילען שנעע....

און ברוך מעסט דערביי מיט די אויגען דאָס ווייסע פעלד... עס שווימט ארויס דאָס דאָרף און צוזאַמען מיט׳ן דאָרף — די וועסט מיט איהרע ברייטע סטעפּען, וואָס פערשפּרייטען זיך אונטער א ווייטען אונ־ענדליך בלויען רוים... רוים און ווייטקייט, רוים....

און אַט קאַטשען זיי ביידע א הויפען שנעע, וויקלען איהם איבער׳ן ברייטען פעלד. דער הויפען ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, פערוואַנ־דעלט זיך אַט אין א רונדען קנויל און אַט אין א ווייסען קלאָץ. און זיי ארבייטען פלייסיג, ווערען פערפלאַמט. עס זעעט פון זיי א פּארע; עס שלאָגט זיך ארויס א לאָק האָר איבער איהר פּנים, עס שלאָגט זיך ארויס א שוואַרצער טיכול איבער זיין שטערען און זיי שפּארען דעם הויפען אַלץ פעסטער, איבערגעבענער. ערגעץ ווייזט זיך א וואלד, באלד און זיי זיינען מיט׳ן קנויל נעבען וואלד. און הינטער זיי בלייבט א לאַנגער, לעדינער פאַס, און דער לעדינער פאַס צושניידט דאָס ווייסע פעלד אויף צווייען. — — —

— באלד וועסטו זעהן, חנ׳קע! אַט קייקעל נאָך א ביסעל. — ניטאָ קיין זאַך אומזיסט... אַך, ווי שעהן עס פּאַסט דיר דער לאָק, און ווי שעהן עס איז דיין צופלאַמטער פּנים! — — — און ווי דו קייקעלסט דאָס אַזוי פלייסיג, מיין גוטע חנ׳קע! — קייקעלסט און פרעסט זיך דערוויילע צו מיר — — — האָסט זיך ליעב פרעסען צו מיר?... — קייקעל, קייקעל! — — —

— גענוג שוין, חנ׳קע! — שרייט ער אויס מיט א פריידיגען פייער אין הארצען.

— וואָס ווילסטו טהאָן?!

— באלד! דו וועסט זעהן. איך וועל אויפשטעלען די קלאָץ.

— וואָס ס׳טו מאַכען, א מענש?

— ניין, מיין קינד! באלד ס׳טו זעהן, אז ניטאָ איז קיין זאַך אומזיסט.

און ער נעהמט אָן די קלאָץ פון איין זייט און ווי נאָר ער שטעלט זי אויף, דערהערט זיך באלד א פּלעסק פון פליגעל, א קוויטש, און — עס פליהט ארויס מיט צופריעדען נאָכגעלאָזטע פליגלען דער פויגעל, וואָס

ער האָט א מאָל אַפּגעלאָזט — — — און נאָך איהם פּאַטשעט אַרוים א גאַנצע מחנה און ניבען זיך א הויב אויף אין דער לופטען, דרעהען אוים א פּאָר רעדער און לאָזען זיך צוריק אַראָפּ אויף ברוך׳ן. און ברוך ווערט אָפּגעשאָטען מיט פויגלען און אַלע פּיסטשען זיי און פלאַטערען און גלעטען מיט די פליגעל. מיט די צועפּענטע שנאָבעל קושען זיי זיך איינער מיט׳ן צווייטען פאר פרייד. און דער אַלטער פויגעל רופט פון קלאָץ אַלץ נייע און נייע — די יונגערע, די גאָר יונגע; און דאָס פּיסטשען און דער פליגעל־פלעסק ווערט אַלץ גרעסער, רוישיגער.

— חנה, מיין חנ׳קע, זעה נאָר! זעהר נאָר, ווי עס ווערט גאָר ניט פערלוירען. — אמאָל, אמאָל אָפּגעלאָזט א פויגעל — — — געדענקסט?

— — — און איצט זעה וויפיעל? — — — נאָ, קענסט זיי איצט אַלע גלעטען, אַלע קושען — — — און וואו איז דיין קראַנץ? — — — —

חנה, חנ׳קע!... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

ברוך ציטערט אויף — — — מאקס מיט זיינע בעקאַנטע, מיט זייערע שאָטענס נעהען אויף־צו־פריהער אויפ׳ן ווייסען שנעע און שמועסען נאָך וועגען דעם פּרייז־פּייט. —

— טפו, צו אַלדע טייוועל! — שרייט ברוך אוים. — העי, מאקס, צו וועלכען טייוועל האָסטו זיך דאָרטען פערדעדט! דו ווייסט, אַז איך בין ניט נעשלאָפען די לעצטע עטליכע נעכט, געהסטו און לאָזט מיך איבער אַליין מיט חנ׳קען.

— כא־כא־כא! — צולאַכט זיך חנה. — וואָס האָט זיך אייך נעחלום׳ט? — — — —

מאקס לויפט צו:

— ד׳וויים?... וואָס — — — איך מיין אדרבה — — — — איהר רעדט דאָך מן הסתם... — וואָס? — — — אויף מיין וואָרט.

— ביזט א נאַר! מיר קלעפען זיך די אויגען.

קאַפּיטעל 18.

בינעם האָט נאָך דעם לאַנג ארומגעזוכט ביילקע'ן אין זאַל און האָט זי שוין מעהר ניט געקענט געפינען. פאַר כעס האָבען זיך ביי איהם פון מאָל צו מאָל צוגויפגעקריצט די צייהן און דערצו האָט מען איהם נאָך איצט גענומען דייצען פון אלע זייטען מיט'ן נאָמען — ביילקע!!

נחום כאַפּט איהם אָן א צופריעדענער:

— מיר רעכענען, אז דער היינטיגער באַל זאָל אריינטראָגען א דרייטויזענד דאָלאר. איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי נויטיג ד'אָס איז פאַר אונזער צייטונג. איצט מעג מען דאָך שוין זאָגען דעם אמת: מיר האָבען מיט גרויס מאַטערניש דערצויגען ביז'ן איצטיגען באָל די „אידישע פאָהן“. און מיר טהוט טאקע זעהר באַנג, וואָס ברוך איז ניטאָ אויפ'ן באָל. נאָך אלעמען, קיין שונא איז ער דאָך ניט, און איך גלויב, עס וואָלט איהם זיכער הנאה געטהאָן, ווען ער זעהט וואָסער א שעהנעם עולם מיר האָבען צונויפגענומען. קיין איינער פון די בעלער, וואָס זיינען געווען היינטיגען יאָהר, האָט ניט געהאַט אזא גרויסען און אזא אינטעליגענטען עולם, ווי מיר. דאָס בעווייזט אייך, אז די בעסערע פון אונזער פאָלק פיהלען, אז מיר זיינען זייערע, און ביי זיי איז רעכט צוליעב אונזער באָל איבערוואַרטען אלע אנדערע בעלער. און וואו איז דאָס ערגעץ ביילקע אהינגעקומען?

לאַה, אין איהר עלעגאנטען קלייד פון דין־דאָזען זייד, פערפוצט מיט א דינעם ווייסען געוועב, איבערגעבונדען אויפקאָס, פון איין אַקסעל צו דער טאַליע מיט א ברייטען פאַס זייד פון ווייס און בלוי, אויף וועלכען עס איז מיט גאָלדענע ווערטער אויפגעשריעבען: „לעזט „די אידישע פאָהן!“, לויפט אָן צו בינעם'ען מיט בילעטען פאַר'ן בופעט אין האנד און שרייט צו איהם אויס, ווי צו א ווילד־פרעמדען:

„טשעקס פאַר דהי באר!“

בינעם קויפט ביי איהר טשעקס, און זי פרעגט:

— און וואָס איז דאָס עפּעס מיט אַ מאָל ביילקע נים געוואָרען?

— יאָ, עפּעס זעהט מען ניט ביילקע'ן! — לויפט אָן נאָך אַן אַנ־דערע, אויך מיט טשעקס אין האַנד.

די טענץ זיינען אויף אַ ווײַלע איבערגעריסען געוואָרען. אין זאַל איז געוואָרען פינסטער — אויף דער בימה האָט מען גענומען בעווייזען לעבע־דיגע בילדער:

„ירמיה אויפ'ן שטיין" און אַרום איז אומעטיג־גרוי און פאַרנאַכטיג־באַנג און ווייט — — — און דער אָרקעסטער נעהמט צוואָוועהטאַגט־שטיל און ביטער־בייז צוצווינגען שפּיעלען „אַ נ י ה ג ב ר", און דער כאָהר, וועלכען מען זעהט ניט, נעהמט שטיל מיטזינגען, און ביסלעכווייז ווערען די קולות אַלץ העכער און דריקענדער, קומען זיך צונויף און מישען זיך אויס מיט'ן אָרקעסטער, און באַלד ווערען זיי ביידע פאַרלאָרען. עס דאַכט זיך אויס, דער אָרקעסטער שפּיעלט, נאָר זיינע כלים גיבען קיין טענער ניט אַרויס... הינטען שטעהט אַ כאָהר מיט צוּעפּעגטע מיילער, נאָר זיי זינגען ניט... און אַז אָט דער גאַנצער ברייטער געמיש פון שפּיע־לען און געזאַנג, איבער וועלכען עס שווימט אום אַ טיעפער, טויזענד־יאָהריגער, האַרציגער אומעט, עטראָמט אַרויס פון דעם נביא'ס האַרצען, פון זיין נשמה, פון זיינע ביינער, פון אָט דער גרויסער טראַגישער גע־שטאַלט, וואָס זיצט איצט אויפ'ן שטיין, טיעף פערטראַכט און שווער געבוינען. און באַלד נעהמט זיך בינעמען דאַכטען: — אַרום דעם נביא ווערט אַ ראָד מיט מענשען, און אונטער דעם ראָד נאָך אַ ראָד, און אַזוי אַלץ ווייטער און ווייטער, איין ראָד אונטער דעם אַנדערען, איינס אונ־טער דעם אַנדערען, און וואָס ניעדעריגער איין ראָד איז, אַלץ גרעסער און מעהרער איז די צאָהל מענשען. ביז עס ווערט אַ גרויסער הויכע־באַרג. און אויבען אויפ'ן שפּיץ פון באַרג זיצט די גרויסע געשטאַלט פון'ם נביא. זיינע אַריינגעגראָבענע גרויסע אויגען קוקען טיעף אין זיך און ווייט, ווייט פאַר זיך, נאָר זיין גרויסער צער ניעדערט און גיסט זיך אַריין אין די הערצער און אין די אָדערען פון די דורות און דורות, וואָס רינגלען אַרום דעם באַרג, און זייער אַלעמענס בלוט נעהמט מיט געשריי און מיט ביטערניש מיטזאָגען:

איך בין דער מאַן וואָס האָט געפיהלט דעם פּיין, די רוט פון זיין צאָרען — — — !

מיך האָט ער געפיהרט און איך בין געגאַנגען איבער פינסטערניש
אָהן ליכט — — — !

מיינע וועגען האָט ער פערצאַמט מיט געבראָכענע שטיינער און מיינע
אויסוועגען — פערקרימט — — — !

אָנגעצווינגען האָט ער זיין בויגען און מיך געשטעלט פאַר אַ ציעל צו
זיין פייל — — — !

עפּעס אַ מין טיעפער בעדויערען האָט דערביי גענומען עסען
בינעם׳ס הארץ, און פונקט דאַן איז צו איהם צוגעקומען לעווין און איהם
מעשה נומער־ברודער אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַנד:

— וואו איז זי ערגעץ אהינגעקומען? — — — — —

דער נארישער, באַלעבאַטישער טאָן, מיט וועלכען לעווין האָט זיך
צו איהם געווענדעט, און דער וואָרט „זי" האָבען בינעמ׳ען נאָך מעהר
אויפגערעגט און זיין בליק האָט זיך מיט פעראַכטונג אָפּגעשטעלט אויף
די צוויי ברייטע פאַדערשטע צייהן, וואָס האָבען זיך אַרויסגעזעהן פון
צווישען לעווין׳ס ווייכע ליפען, און זיין רעכטע האַנד האָט זיך צונויפגע־
מאַכט אין אַ שטאַרקען פויסט אויף צו דערלאַנגען לעווינ׳ען אין די צייהן
אריין.

— פוי, צום טייוועל, וואָס פאַר אַ נארישען נאָז איהר האָט! —
שרייט צו איהם בינעם אויס אָן אויפגעבראַכטער.

— איך פרעג אייך אויף איהר, אויף ביילקע׳ן, — זאָגט לעווין, זיך
פערליערענדיג, און ער צועפּענט דערביי די אויגען. — וואָס איז מיט
אייך? וואָס? — — — —

— וואָס מיט מיר איז, איז ניט אייער טאַטענ׳ס עסק!

— איהר זיינט שכור?! — רופט זיך אָפּ לעווין, שטעלענדיג אַ פוס
אויף צוריק.

אַלע אַנדערען האָבען זיך אין בינעמ׳ען אָנגעצווינגען און האָבען איהם
אַ בריה געטהאָן, ווי זיי וואָלטען געוועזען פון צוגליהטען אייזען. ער האָט
דערפיהלט, ווי אָנצוכאַפּען דעם לעווינ׳ען פאַר׳ן האַלז און איהם אַ שלייי־
דער טהאָן צו דער ערד. צום גליק אָבער איז לאה פאַרביינעגאַנגען און
האָט זיך געוואָלט ווענדען מיט עפּעס צו בינעמ׳ען, נאָר דערזעהענדיג,
וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי גלייך אָנגעכאַפּט בינעמ׳ען פאַר דער האַנד:

— בינעם! וואָס איז מיט אייך? וואָס קומט דאָ פאָר?... — און

דערביי האָט זי צוגעוואָרפען א פעראכטענדען בליק אין לעווין'ס זייט.

לעווין איז געווען צופריעדען, ווען ער האָט דערזעהן עמיצען פאר־ביינגעהן, אָן וועמען ער האָט זיך געקענט אָנטשעפען און מיטגעהן.

א ווײלע איז נאָך בינעם געשטאַנען און לאה האָט איהם ניט געקענט ריהרען פון אָרט. נאָכדעם האָט ער גענומען שמייכלען און איז מיט איהר אוועק צום בופעט און אויפ'ן וועג צו איהר גערעדט:

— נו, נאָר ניט. וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? איך ווייס? ער איז א נארישער בחור. און איך האָב פיינט זיינע צייהן. נו, און איהר ווייסט דאָך, ווי מיך קאָנען אויפרעגען צוויי נארישע ברייטע לאָפּעטעס.

— אָבער ווי ווערט מען דאָס אזוי אין כעס אויף יענעם?

— וואָס פערשטעהט איהר ניט, ווי מען נעהמט און מען ווערט אין כעס? — רעדט צו איהר בינעם שמייכלענדיג.

דער בופעט איז געווען פול מיט אויפגעראמטען עולם, וועלכע זיינען געווען יום־טוב'דיג צוזעצט ארום די פולע, רונדע מראמאָרנע טישלעך.

בינעם מיט לאה'ן האָבען פאר זיך אויסגעזוכט א טישעל.

— לאנג אָבער וועל איך מיט אייך ניט קענען זיצען, — וואָרענט איהם לאה, אָנווייזענדיג איהם אויף די טשעקס, וועלכע זי האָט צו פער־קויפען.

— וועל, — ענטפערט בינעם מיט א שמייכעל. — וועל איך נאָך אָן איבעריגען מאָל זיין פון די רייכע, וואָס בענונענען זיך מיט א ביסעל. און וואָס וועט איהר הייסען בעשטעלען?

— לעמאָנאַד, — זאָגט לאה.

דער קעלנער איז צוגעקומען. בינעם האָט ביי איהם בעשטעלט פאר לאה'ן לעמאָנאַד און פאר זיך ביער.

— צו וואָס דארפט איהר איצט ביער? איהר זיינט דען איצט נאָך ווענינ אויפגערעגט? — פרעגט לאה.

— ווער וויים, אפשר נאָך ווענינ?! — שמייכעלט בינעם.

ווען דער קעלנער האָט צוגעטראגען די בעשטעלונג, האָט דאָס גלאָז ביער, ביים אָוועקשטעלען, גענעבען א מאסיווען קלאַפּ אָן דעם מראמאָר... די גלאָז איז געווען א שווערע און האָט געהאט א הענטעל, אין וועלכען עס האָבען געקענט אריין אלע פינגער פון א מענשליכער האנד. בינעם

האָט מיט זיין האַנד פעסט אָנגענומען דאָס הענטעל און דערפיהלט ווי אויפצוהויבען דאָס גלאָז און מיט א מאָל און מיט'ן גאַנצען כח מיט איהם א קלאַפּ טהאָן אין דעם גלאַטען מראַמאָרנעם טישעל, נאָר ער האָט א שמייכעל געטהאָן פון; דעם איינפאל און זיך גענומען דאָרשטיג טרינקען דאָס קאַלטע ביער. פון העפליכקייט ווענען האָט ער געוואָלט ניט אויס־טרינקען דאָס גלאָז ביער אין איין מאָל, אָבער ווען ער האָט שוין געהאַט אראָפּגעשלונגען א טהייל פון דעם ביער און דערפיהלט אַרום זיין הארצען די קאַלטע פייכטקייט, וואָס האָט מיט זיך געטראָגען קיהלקייט, ווארעמ־קייט און עפּעס א מין ברייטע גראַמקייט, האָט ער ניט אויסגעהאַלטען און אָהן אַן אָפּהאַלט אויסגעטרונקען אין גאַנצען דאָס ביער מיט איין מאָל.

און נאָכדעם האָט ער מיט א פערשולדיגטען שמייכעל גענומען קוקען אויף לאה'ן.

לאה האָט דורך א לאַנגער שטרוי געצויגען אין זיך דעם לעמאָנאַד פון איהר דינעם גלאָז, וואָס איז געשטאַנען אויף א הויכען, גלעזערנעם פינגער־פּיסעל, און כאָטש זי האָט זיך עטוואָס דערשראָקען פון דעם אופן, ווי בינעם האָט אויסגעטרונקען דאָס ביער, האָט זי זיך געמאַכט, אז זי האָט דאָס נאָר ניט בעמערקט. און אָט האָט זי נאָך אויף א ווײַלע אָניפגעהערט טרינקען, מיט דער שטרוי גענומען דרעהען די שטיקלעך אייז אין גלאָז און געפרעגט:

— און ווי געפעלט אייך: ניט ברוך, ניט חנה! פאַר וואָס זיינען זיי היינט ניט געקומען?

בינעם ענטפערט ניט, נאָר ער שמייכעלט.

לאה האָט ווידער אריינגענומען די שטרוי אין מויל.

און בינעם קוקט אויף איהר און זעהט, ווי שעהן עס ציהען זיך צונויף איהרע באַקען פון אָט דעם זויגען דעם לעמאָנאַד דורך דער שטרוי, אין אז איהר לאַנגליך פאַרמירטע מאָרדעטשקע איז עהנליך צו חנה'ס און אז איהרע אַקסלען זיינען ביי איהר אַזוי רונד און שעהן צואוואַקסען ווי ביי חנה'ן...

— און וואו איז דאָס פאַרט מיט אַמאָל ביילקע אהינגעקומען? — ווענדט זיך צו איהם ווידער לאה.

בינעמ'ען איז מיט א מאָל דורכגעפלויגען א געדאַנק אין קאָפּ, אז לאה ווייסט, וואָס אין איהם קומט איצט פאָר, נאָר זי מאַכט זיך ניט

וויסענדיג און שפּיעלט זיך מיט איהם ווי מיט אַ אינגעל... זיין אויפ־רעגונג האָט מיט אַ מאָל ווידער גענומען שטייגען, זיין פּנים איז געוואָרען פינסטערער, די אויגען שאַרפער, און ער האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן גלאָז אָן טיש, אַזוי אַז דאָס גלאָז האָט זיך שיער ניט צובראָכען. דער קעלנער איז צוגעלאָפען און בינעם האָט בעשטעהט נאָך אַ גלאָז ביער.

לאה האָט זיך אויפגעהויבען.

— איך דאַרף שוין געהן.

— וואָס איילט איהר זיך? איהר האָט ניט, וואָס מורא צו האָבען; איך וועל שוין די איצטיגע גלאָז ביער ניט אויסטרינקען פאַר איין מאָל...

— פון מיינעטוועגען! — שרייט זי אויס, אויפציהענדיג די אַקסעל.

— נאָר איהר ווייסט דאָך, — זאָגט זי, איהם אָנצייגענדיג אויף די משעקס. — אָבער אין וועל נאָך אפשר באַלד זיין צוריק.

לאה איז אַוועק. ווען מען האָט בינעמען דערלאַנגט דאָס גלאָז ביער האָט עס ווידער מיט איהר שווערען גלאַטען דנאָ אַ מאַסיווען קלאַפּ געטהאָן אָן דעם מראַמאָר, און ווידער האָט בינעם ביים אָננעהמען די גלאָז דערפּיהלט די פריהערדיגע ליידענשאַפט — צו צוקלאַפּען דאָס גלאָז אָן דעם מראַמאָר.

— וואָס בין איך דאָס, משוגע?! — גיט ער זיך אַליין אַ בייזען פרעגע, ווי ער וואָלט אויף זיך אָנשרייען פאַר די נאַרישע איינפאַלען, און ער גיט מיט פערדראָס און כעס אַ הויב דאָס גלאָז און!... — דאָס האַרץ האָט זיך אין איהם אַ קאַלטען ריס געטהאָן. ער אַליין איז מיט שרעק אויפגעשפּרונגען. מיט אַ געשריי און קוויטשעריי זיינען אויפגעשפּרונגען מענער און פרויען פון די אַרומיגע טישלעך. און באַלד האָט ער אַרום זיך דערזעהן אַ ראָד פון פערפּוצטע מענער און פרויען, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט מיט ווילד־צושראָקענע בליקען. און אָט האָט ער צווישען זיי דערזעהן ביילקע'ן, און באַלד האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט אַ טעות... און אויפ'ן נאַסען טישעל, וואָס נעבען איהם ליגען שטיקלעך גלאָז... און ער קוקט אויפ'ן עולם און שמייכעלט... און אָט זיינען באַלד אָנגעלאָפען לאה, נחום, דער מאַלער — מענדיל, אַ פּאָר קעלנער. עפּעס אַ בעקאַנטע מיידעל האָט פון זיך אַראָבגעריסען איהר זיידענעם שאַרף און מיט איהר איהם גענומען ווישען דאָס בלוט פון זיין האַנד... — — —

קאַפּיטעל 19.

ווען ברוך איז געקומען צו זיך אהיים, האָט ער דערזעהן, אז אין זיין צימער איז ליכטיג. ווער זאָל דאָס זיין?

— א! — קלעהרט ער. — געוויס פון פעראיין. און ווי שפּעט יענער זיצט און ווארט דאָס אויף מיר. עס קען געוויס זיין דער איבער־געבענער בינעם.

נאָר ווען ער האָט אויפגעעפענט די טהיר, איז איהם אנטקעגען גע־קומען ביילקע!

— גוטען אבענד, ביילקע! — שרייט ער אויס ערשטוינט, זיך בע־מיהענדיג צו זיין פרעהליך. — ווי קומט איהר אהער אזוי שפּעט?

אויפ'ן טיש שטעהען אין וואַסער פרישע בלומען, און ברוך האָט זיך שיער ניט ארויסגעכאַפּט: „און וואַסערע שעהנע בלומען איהר האָט דאָס מיט זיך געבראַכט!“ נאָר ער דערמאָנט זיך, אז עס קאָן ־דאָך זיין, אז די בלומען זיינען לאה'ס...

ביילקע, דערזעהענדיג איהם מיט די גליטשערס אין האַנד: —

— וואָס? איהר האָט זיך נאָר געגליטשט?! היינט זעהט, וואָס פאר א שלעכטער מענש איהר זייט! פאר וואָס האָט איהר מיר ניט געזאָגט, אז איהר נעהמט זיך היינט גליטשען?

— ווען איך האָב זיך מיט אייך געזעהן, האָב איך דאָס נאָך אליין ניט געוואוסט. — ווי קומט איהר אהער אזוי שפּעט?

— איך בין געווען ביי מיינער א מומע. זי וואוינט דאַ, אין יאַנ־קערס. אויפ'ן וועג צוריק, קלעהר איך: מען דאַרף זיך אריינכאַפּען צו אייך — — — און ווען וועט דאָס איינפאַלען, אז איהר וועט אויף זיך לאָזען אזוי לאנג ווארטען?!

— טאַקע, טאַקע. ווי מאָדנע דאָס איז? נעה ווייס, אז מען ווארט אויף דיר! אז עמיצער איז צו דיר געקומען?!

ברוך נעהמט זיך ארומדרעהען איבער'ן צימער נערוועז...

— זאָגט דעם אמת, זיינט איהר צופריעדען פון דעם, וואָס איך בין צו אייך געקומען?

— וואָס רעדט איהר?... וואָס הייסט!... — נעמט זיך ברוך פלאָנ־מערען — איצטער איז דאָך ווינטער... און אָט דער שניי און אָט די בערג און וועלדער, זיי שפּיעלען דאָך אויפ'ן האַרצען ווי אויף א פיעדעל —

— — ערגעץ איבער ווייסע פעלדער גיעהט זיך איצט דער העטער־שנייער אין זיין גרויסען, ווייסען טלית. ער גע־ט זיך אזוי לייכט, פערטראַכט. זיין באָרד איז ווייס און שימער, אַ‍ז ער ליכט אזוי ווייט, אזוי קאַלט און גלייכגילטיג. — — — און ערגעץ צווישען וועלדער אין א וואלד צינדען איצט ווינד־מיידלעך, בלויע פייערען, און אז עס שטאַרקען זיך די בלויע פייערען, שטאַרקט זיך דער פראָסט. און דער זיידע ברעכט ביימער און וואַרפט זיי אין פייער. ער שפּאַלט מיט זיינע הענד די שטאַרקסטע דעמבעס, שפּאַלט זיי אין שטיקער, און די ווינד־מיידלעך כאַפּען זיי אונטער און וואַרפען זיי צופּריעדען אין פייער, און צולייגען נאָך אלץ נייע און נייע פייערען. און די בלויע פייערען קנאַקען; עס קנאַקען די שטיקער, די ביימער. עס קנאַקט און הילכט דער גאַנצער שוואַרץ־ווייסער וואַלד, און דער זיידע גיעהט אוועק אין זיין ארבייט אלץ ווייטער און ווייטער. און אין טהאָל, ביי דעם אייז, בעוויזט זיך דער פיעדעל־שפּיעלער, א צורייצטער, א בלאַסער. ער שפּאַרט זיך אָן ביי דעם בוים, וואָס וואַקסט, ווי אויף אויסציפּאַלען, און נעהמט זיך שפּיעלען אויף דער דינער סטרונע, און עס ציטראָגען זיך שאַרפע, רופענדע טענער — — — און עס בעוויזט זיך פריש־שמייכלענדיג א שעהנע ווינד־מיידעל אין א העל־בלויען זיידענעם העמד, און דאָס העמד ציטערט אויף איהרע רונדע, ווייכע גליעדער, אויף די בריסט, און זי גיט א קוק אויפ'ן פיעדעל־שפּיעלער און דערקאָנט, אז ער מיינט ניט זי... — איהר פערשטעהט, ביילקע? — ער מיינט ניט זי... איז זי אָבער א גוטע און הויבט זיך אויף אויף די באָרוועסע פיס, אויף די שפּיץ פינגער ציהט זי זיך אויס און ווערט נאָך לענגער און שלאַנקער, הויבט אויף איהר שעהנעם קאָפּ, איהר נאַקעטע רעכטע האַנד, און רופט און העלפט איהם רופען. קומט אָן נאָך א מיידעל, און נאָך א מיידעל. אלע ווייסע, ציטערדיגע, שפּרינגענדיגע, אלע אין בלויע, זיידענע העמדער, אָבער זיין פיעדעל רופט שוין איצט קלאָר: — דזין דזין!!

„דזין־דזין“ הייסט דאָס מיידעל, פאַר וועלכער דער זיידע־פּראָפעסאָר האָט אָוועקגעגעבן שטאַרקע דרייצעהן וועלדער. זי איז איהם טהייער, ווי דער שוואַרץ־אַפּעל פון אויג. זי — האָט אָבער ליעב דעם בלאָסען שפּיעלער; זי האָט ליעב צו טאַנצען אונטער זיינע טענער, צו בויגען איהר קערפּער, פּונקט ווי זיי וויעגען זיך; און דערהערט זי אין מיטען טאַנצען, ווי זיין פידעל ציהט אויס — דזין־דזין! — ווערט זי אַן אויפגעציטערטע און פאַלט אין גאַנצען אריין אין זיין מאַכט.

איצט אָבער שריים זיין פידעל — דזין־דזין! די מיידלעך ווילען איהם ארויסהעלפען, — לויפען זיי אום איבער'ן אייז און שרייען און רופען: דזין־דזין! דזין־דזין! — — —

דזין־דזין אָבער קומט ניט. זי האָט היינט מורא מעהרער ווי אַלע מאָל, ווייל זי וויים, אַז דעם זיידען געהט דאָס היינטיגע נאַכט זעהר גוט, און נאָכדעם, ווי ער וועט אָנברעכען אַ סך בוימער אין אָנשפּאַלטען אַ סך האָלץ, וועט די בלויע פייערען וועלען שוין זיין צושפּרייט איבער'ן גאַנצען וואַלד און עס וועלען ארום זיי טאַנצען די ווילדע מיידלעך, וועט זיך איהם פערוועלען האָבען נעבען זיך זיין דזין־דזין, פאַר וועלכער ער האָט אָוועקגעגעבען דרייצעהן וועלדער.

דער שפּיעלער אָבער וויל פון גאָר ניט וויסען. די פידעל רופט און רופט. — גלימשען זיך די מיידלעך אהין, אהער און רופען, רופען. און אַז ־י מעגער צורייצען זיך, רייסען פין זיך די מיידלעך אראָפּ די בלויע העמדער און נעהמען זיך ארומלויפען איבער'ן אייז נאַקעטע. און אָט קלעטערען זיי ארויף אויף די דערבייאינע בוימער און שטעהען הוילע, פערציטערטע אויף די פערשנעעטע בוימער און קוקען צושראָקען אין אַלע זייטען, איבער'ן וויים־צוצווייגטען, ווייסען וואַלד, מיט די אויגען זוכען זיי און רופען: — דזין־דזין! דזין־דזין!! ברעננט דער ווינט צוטראָגען נאָך כוואַליעס און ווינט־מיידלעך, ווערען זיי אַלע פערכאַפּט פונ'ם „דזין־דזין!“ און וואַרפען פון זיך באַלד אראָפּ די ווייסע שנעעאינע שלייערס, שפּרינגען ארויס אין די בלויע, זיידענע העמדער און קוקען זיך איבער צושראָקען — — — דזין־דזין איז צווישען זיי ניטאָ! — — טאַנצען זיי אַלע פערצווייפעלט ארונטער, שלאָגען זיך אַלע צוזאַמען, פלעכטען זיך איבער, נעהמען ווילד בייסען איינע די אַנדערע און שמשירען אויף דער בלויער נאַכט מילך־ווייסע פערבלוטיגטע צייהן. און ווייסע

שפּיצינגע צייהן זיינען פערבלוטיגט פון זייערע אייגענע לייבער, און זיי נעהמען מיט זיי בייסען די לופט, ציהען אויס זייערע קעפּ און צובילען זיך ווי ביטער־פערצווייפעלטע הינט. — קען שוין די שעהנע דזין־דזין לענגער ניט אויסהאַלטען און לאָזט זיך קייקלען און שפּרינגען איבער באַרג און טהאָל, טאַנצט און שפּרינגט אַ פערצאַפּעלטע איבער בוימער און ביי־מער און בעווייזט זיך אויפ'ן אייז. — — —

און ווי נאָר זי בעווייזט זיך אויפ'ן אייז, דערהערט זיך באַלד אַ שטאַרקער, פּראַסטיגער בייזער; עס ציטערט אויף דער אַלטער וואַלד, עס שלאָגט זיך אויף אַ ווייסער שטויב, אַ צורייצטער, ווילדער שטורעם. — עס קנאַקען צווייגען, עס פּלאַצען בוימער, דאָס אייז נעהמט זיך אין שטי־קער רייסען. עס ציטערען אויף שטעדט און דערפער, עס בעווייזט זיך אין זיין ווילדען כעס דער זיידע־פּראָסט.

ברוך, וואָס איז געוואָרען אין דער צייט פון זיין דערצעהלען, אַלץ מעהרער און מעהרער נערוועז, בלייבט מיט אַ מאָל שטעהן אַ בלאַסער.

ביילקע שפּרינגט אויף:

— און וואָס איז געוואָרען? וואָס איז געוואָרען?! — — — —

— נאַרישע מיידעל. וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? — ערגעץ איבער ווייטע, ווייטע פעלדער געהט דאָך איצט צום וואַלד דער פעטער־שנעער — — — בלאַס, פערטראַכט, אין אַ גרויסען, ווייסען טלית, און שטעלט צום וואַלד־צו זיינע טריט, אַזעלכע רוהיגע, אַזעלכע גלייכגילטיגע. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

אַך, וואָסער אַ שלעכטער איהר זייט, וואָסער אַ שלעכטער איהר זייט! — שרייט זי אויס, צוגעהענדיג האַרט צו איהם.

ברוך נעהמט אָן מיט זיינע ביידע הענד איהר קאָפּ. ווי שעהן עס שמעקט איהר שעהנער, שוואַרצער קאָפּ, און וואָס פאַר אַ שעהנער איינ־פאַל עס איז צו קעמען אָט די שעהנע האָר אין צוויי כוואַליעס, און נאָכ־דעם זיי ערשט איבערבינדען פון אויבען מיט אַ שוואַרצער סטענגע. אין וואָסערע שעהנע, אידישע אויגען! קליינע פולע ליפּען, און די קליינע רונדע בריסט פּרעסען זיך אַרויס פון אונטער דעם שוואַרצען, סאַמעטענעם קלייד. ווי זי האָט זיך דאָס פערפּוצט! און וויפיעל חן עס ניט צו איהר דינער פיגור די אָנגעשפּיליעטע פרישע רויז. אויפ'ן גאַנצען שוואַרצען

קלייד — בלויז איין רויז. און די רויז איז רויט ווי בלוט, און די רויז איז רויט, ווי פייער. — — —

— קינד, ווי קען איך גאָר היינט זיין אַ שלעכטער? איהר זאָלט וויסען וואָסער אַ שעהנע זון עס האָט מיך היינט פריה בעגעגענט, און ווי דער שנעע האָט אונטער מיינע פיס געשפּיעלט, ווי עס פּיסטשען פויגעל, ווי עס וואָרקען טויבען. און ווי נאָכדעם, ווען איך בין געפאָהרען אין „עלעוויימעד“, איז אויף יעדער גאַס צו מיר ארויסגעשפּרונגען אַ נייע זון, און נאָכדעם, ווען עס איז שוין צוגעפאַלען די נאַכט, האָב איך מיט אַמאָל פאַר זיך דערזעהן די אַלע זונען. און איך האָב זיי צונויפגענומען אין מיינע הענד און האָב זיי געפּרעסט צו מיין האַרץ, און אַזוי האָב איך געוואָלט ארויפגעהן אויף אַ הויכען באַרג און זיך מיט זיי וויזען פאַר מענשען, פאַר קינדער, — זאָלען זיי הנאה האָבען, זאָלען זיי זעהן, ווי גליקליך מען קען זיין אין דער וועלט. אַך, ביילקע, וויפיעל גליק עס איז פאַראַן אויף דער וועלט. וויפיעל גליק! און וואָס זיינען דען די צרות פון יאָהרען אנטקעגען דעם אונענדליכען גליק פון איין מינוט? — אַ זעמדעל אין אַ לויטערען ים, ביילקע!

— אַך, ברוך, ברוך! איהר זייט דאָך עפּעס אַזאַ מאָרנער? — — — אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבט איהר? — — — ברוך! — — — —

— קינד, איך לעב אין דער אמת׳ער וועלט. זיי — די גאַנצע שטאָדט לעבט אין אַ פאַלשער, אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט.

— ברוך; ברוך!! ברוך!!! — שרייט זי פּלוצלונג אויס. — נעהמט מיך אויף די הענד, דריקט מיך צו צו זיך, פּרעסט מיך אריין אין זיך, לאָזט מיך בלויז איין נאַכט זיין מיט אייך. קיינער וועט זיך צו מיר מעהר ניט צוריהרען. איך וועל זיין בלויז אייערע. איך האָב זיך גע־וואַשען, גע׳טובל׳ט, מיין גאַנצער לייב שמעקט איצט. איך וויל זיין אייער כלה. איך וויל זיין אַ כשרה, אייערע, ברוך; ברוך! — — — נאָט מיינער! ווי איך פערליער זיך נעבען אייך! וואָס זיינט איהר פאַר אַ מענש? פון וואַנען האָט איהר זיך גענומען?! איך וועל דאָך לעבען אייך משוגע ווערען. איך האָב זיך דאָס היינט אָנגעטהאָן אויף צו געהן צום באַל, און אַלע זאָגען, אַז מיט מיר איז אַזוי גוט צו טאַנצען. איך בין דאָך אַזוי לייכט, אַזוי דין. איך האַלט זיך אַזוי לייכט אויף די פיס. און אַזוי פיעל האָבען דאָך נאָך געוואַרט, אַז איך זאָל מיט זיי היינט

טאַנצען, און איך האָב גאָר איבערגעלאָזט דעם באָל און בין אַוועק צו אייך און — — — צום סוף זיץ איך דאָ די גאַנצע צייט און וואַרט. און טאַמער האָב איך דערהערט טריט, בין איך דאָך אַלע מאָל אויפגע־שפּרונגען ווי אַ משוגענע... און איהר האָט זיך גאָר געגליטשט די גאַנצע צייט! — ווען איך וואָלט דאָס געוואוּסט, וואָלט איך דאָך געלאָפען אייך אויפזוכען אויפ'ן אייז. חנה איז דאָך דאָרטען אויך געווען — — — אָבער איך האָב פאַר איהר קיין מורא ניט. זי ווייס, אַז איך האָב אייך ליעב; אַז איך וואָלט געקוּשט אייערע פיס, אַז איך וואָלט זיך געלאָזען פון אייך אויפעסען; אַז איך וויל ווערען אייער כלה. און טאָמער האָב איך געזינדיגט, דאַרפט איהר מיר מוחל זיין, ווייל ווי לאַנג קען מען נאָך דאָ, אין דער גרויסער שטאָדט, זיין יונג?... ברוך! — — — דער שאָפּ זוינט דאָך אוים דעם מאַרך פון די ביינער. איהר זאָלט מיך געוועןן אָנ־קוקען, ווי שעהן איך בין געווען, נאָר־וואָס ווען איך בין אַהער געקומען צו פאָהרען — — — אַך, ברוך! ברוך!... און ווער האָט אייך געבראַכט אָט די בלומען? זאָגט: איהר האָט זיי אַליין געקויפט?...

און אָט איז זי געבליעבען שטעהן. טרעהרען האָבען זי גענומען שטיקען אין האַלז, און באַלד איז זי צונעפאַלען מיט'ן קאָפּ צו זיין ברוסט און גענומען וויינען, זיך צאַפּלענדיג אין זיינע הענד.

— ביילקע! קינד! פיהלט איהר כאָטש איצט, אַז גאָט איז מיט אייך?

— וואָס ווילט איהר מיט אייער גאָט? וואָסער גאָט?! וועלכער גאָט!! ניטאָ קיין גאָט! ניטאָ!

— דער אידישער גאָט. אָט דער גאָט, וואָס איז זיך איצט אַזוי שטאַרק נוקם אין דיר, פאַר וואָס דו ווילסט פון איהם ניט וויסען. קעהר זיך איצט אום צו איהם און ער וועט דיר מוחל זיין, ווייל ער איז דאָך דער, פאַר וועמעס פייערדיגען צאָרן עס ציטערט אויף דאָס מענשליכע הארץ. און ער איז אָבער אויך פול מיט רחמים, ביילקע. און ער פערגיט און ער היילט. מען קען זיך צו איהם אומקעהרען, ווי אַ קינד צו אַ טאַטען. ער איז אַ גוטער, ער איז אַ גרויסער און גוטער, ביילקע. קוק זיך אום און זעה, — ווי ער וואַכט, ווי מען קען זיך פון איהם ניט בעהאַלטען!

— פאַר וואָס זעה איך ניט?! פאַר וואָס ווייס איך ניט?! — מענה'ט זי דורך טרעהרען.

— צו זעהסטו דיין אייגען הארץ? און פאַר וואָס ווייסטו, אז דו האָסט א הארץ? — — — צו זעהסטו דיינע געדאַנקען? און פון וואַנען ווייסטו, אז דו האָסט א געדאַנקען? — גאָט, דאָס זיינען די בעסערע פערלאַנגען פון דיין הארצען, דאָס זיינען די ריינערע געדאַנקען פון דיין קאָפּ. הער, וואָס איך זאָג דיר. קוק זיך איין אין דעם. און אז דו וועסט זיך אין דעם איינלעבען, וועסטו דערזעהן, וועסטו דערפיהלען, אז דאָס איז בלויז דער מהייל פון גאָט אינ'ם מענשען, ווייל ער אליין איז גרויס, — „עס איז פול די גאַנצע וועלט מיט זיין כבוד", אָבער ער איז נאָך גרעסער, נאָך גרעסער פון טויזענדער און טויזענדער וועלטען צוזאַמענגענומען. עס שפּרייט זיך זיין ריינקייט און שעהנקייט איבער הימעל און שטערען, אָבער ער איז נאָך גרעסער און שעהנער פון טויזענד און טויזענדער פערשטערענטע הימלען צוזאַמענגענומען, ווייל ער איז גאָט, ווייל ער איז דער איין און איינציגער גאָט, און עס איז ניטאָ מעהר קיין גאָט אויסער איהם. און געבענשט איז דער מענש, און ווי וואויל איז איהם, ווען ער דערפיהלט אין זיך א מהייל פון אָט דעם גרויסען גאָט. און וואו איז דען דער מענש, אין וועמעס הארצען עס וואוינען שוין גאָר ניט קיין גוטע פערלאַנגען, אין וועמעס קאָפּ עס זיינען שוין גאָר ניטאָ קיין ריינע געדאַנקען. ביילקע! פערשטעה, אז דורך דעם, וואָס דאָס זינדיגע שלעפּט אראָפּ דאָס לויטערע צו זיך, ווערט דאָס ניט געלייטערט, נאָר דורך דעם, וואָס דאָס זינדיגע הויבט זיך אויף צו דער לויטערקייט, הויבט זיך אויף צו גאָט. ערגעץ אין דיר איז פאַראַן א לויטערער מאָרגענשטערען. לאָז איהם אויפגעהן, ביילקע, און זאָל ער אויפשטראַהלען אין דיר, און זאָל ער ארויסשטראַהלען פון דיינע אויגען אין זיין גאַנצער לויטערקייט. — — — ווי שעהן דאָס וועט זיין, ביילקע, ווי שעהן! א רוים, א ווייטקייט וועט זיך עפענען פאַר דיינע אויגען, און דו וועסט נעהמען קוקען גרוים און ברייט און ווייט. — — —

אַזוי האָט נאָך ברוך לאַנג גע'טענה'ט, רעדענדיג און מאָלענדיג. און דורך דער הארציגקייט פון איהרע טרעהרען און פון דער איבערגעבענער ווארעמקייט פון זיין שטימע, האָט ביילקע גענומען פיהלען אין זיך עפּעס נייעס, ווייטעס, עפּעס אזעלכעס, אנטקעגען וועלכען עס עפענט

זיך ציטערדיג אויף דאָס האַרץ, די נשמה. זי ליעגט אַ פערוויינטע, איינ־געגורעט מיט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט און פאַר די פערוויינטע אויגען שפּרייטען און ברייטען זיך פערשטערענטע הימלען — — — און עס קלינגט נאָך אין די אויערען ברוך׳ס אויסגעשריי: „טויזענדער און טויזענדער פערשטערענטע הימלען, אָבער ער איז נאָך גרעסער, ער איז נאָך שעהנער!״ — — — — פון וואַנען האָט זיך ברוך גענומען מיט זיינע טענות? — — — און וואָס וויל ער פון איהר האָבען? — — — און ווי גוט עס איז צו ליעגען איינגעגורעט אין איהם! — — — און זי פּרואווט זיך פון דעסטוועגען און פרעגט מיט אַ מין מורא און שטילקייט, ווי זי וואָלט ניט וועלען איפּרודערען די שטילקייט:

— פאַר וואָס זאָרגט איהר זיך אַליץ פאַר דער נשמה?!

און ברוך לעגט אַרויף זיין האַנד אויף איהר קאָפּ, ווי אויפ׳ן קאָפּ פון אַ קינד און נעהמט צו איהר רעדען מיט אַ גוטער, בערוהיגענדער שטימע, ווי עס רעדט אַ טאַטע צו אַ קינד, ווען ער מוז פאַר׳ן קינד אויף פערנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ מאַמע:

— ביילקע, לייב אָהן אַ שום העכערען פערלאַנג, אָהן אַ שום רעלי־גיעזען געפיהל, — דאָס איז פון וואָס דו ליידסט איצט אַזוי שטאַרק! ווען דאָס וואָלט אָבער געווען פערבונדען כאָטש נאָר מיט קינדער־האָבען, ווי ביי חנה׳ן, למשל — — — אָדער עס וואָלט גלאָט געווען ריין, און דו וואָלסט הנאה געהאַט פון דעם, וואָס דו ביזט ריין! קענסטו זיך דען פאָרשטעלען, ווי ווייט גליקליך דו וואָלסט געווען? — — — און אַז דו האָסט זיך שוין יאָ געוואַשען און גערייניגט, — איז פון וועמעס־וועגען האָסטו דאָס געטהאָן: צוליעב גאָט אָדער צוליעב דעם טייוועל?

— צוליעב דיר, צוליעב דיר! — ענטפערט זי מיט אַ מאָל. — און דו ווייסט, — זאָגט זי מיט אַ געענדערטער שטימע. — איך טראָג דאָך איצט אויף זיך אַ בלויע־זיידען העמד. דו האָסט דאָך ליעב בלוי — — אָט האָסטו דאָך איצטער אויך גערעדט פון בלויע זיידענע העמדער — — ברוך! ברוך!! — — — איך האָב זיך דאָך צוליעב דיר געוואַשען און גערייניגט, זיך אָנגעטהאָן אין סאַמעט און אין זייד, זיך געשפּריצט און געזאַלבט, און אַליץ געציטערט און געטראַכט: אָט אַזוי, אָט אַזוי דאַרף מען טהאָן, ווען מען וויל ווערען ברוך׳ס כלה.

— און מיט וואָסערע געדאַנקען דערביי? דו ווייסט גאָר ניט, ווי

דער אידישער נאָט שטראָפט אפילו פאַר שלעכטע געדאַנקען.

— וואָס הייסט?

— עס הייסט, — זאָגט ברוך, — אַז מיט ניט גוטע געדאַנקען פאַר־פאַהרט מען צום ניט גוטען. — אָט הער אַ מעשה, וואָס האָט געטראָפען שוין לאַנג צוריק: — — —

די וועלט איז געווען ווייס — עס איז געווען ווינטער.

און ערגעץ אויף אַ פעלד איז געשטאַנען אַ ווייסע קרעטשמע.

און אין דער ווייסער קרעטשמע האָט געוואוינט אַ איד מיט זיין ווייב.

און זיי האָבען געהאַט אַן איין־איינציג קינד, אַ שעהנע טאָכטער, אויף וועלכער גאָט און לייט האָבען זיי מקנא געווען.

די טאָכטער איז געווען אַ כלה און איהר חתן איז געווען אַ קאַסיר אין וואַלד.

און איינמאָל פאַרנאַכט ברענגט מען דעם חתן אַ בריוועל פון איהר, און מיט אַ ציטערדינער האַנד איז דאָרט אָנגעשריעבען — — — „די מאַמע בלייבט אין שטאָדט אויף נאַכט און דער טאַטע — — — קום!... — ער שלאָפט, אַ מיעדער נאַכ'ן מארק".

און דער חתן האָט געוואָרט, עס זאָל ווערען פינסטער, אַז ער זאָל קומען, ווען דער טאַטע וועט שוין שלאָפען, און אַז אָוועקפאָהרען זאָל ער, ווען קיין האָהן וועט נאָך ניט קרעהען...

און ווען די נאַכט איז צונעפאַלען, האָט ער אָנגעזאָטעלט זיין שוואַר־צען פערד. און אַז עס איז שוין געווען גוט פינסטער, האָט ער זיך ארויפגעכאַפט אויף איהם און זיך גענומען טראָגען דורכ'ן וואַלד.

זיין שוואַרץ פערד האָט זיך געטראָגען, האָט זיך אויסגעצויגען און געשוואומען דורכ'ן גרויסען, ווייסען וואַלד, און דער חתן האָט זיך אַלע מאָל צונעבויגען צום פערד'ס קאָפּ און איהם צופריעדען געפּאַטשט אין זיין ברייטען האַלז, ווי ער וואָלט איהם וועלען זאָגען: — באַלד רייסען מיר דורך דעם וואַלד, באַלד וועלען מיר ארויס אויף די אָפענע ווייסע פעלדער צו דער קרעטשמע, צו מיין כלה.

די צייט אָבער ציהט זיך און די נאַכט ווערט אַלץ גרעסער, טיעפער און שפּעטער — — — און אַרום איז נאָך אַלץ וואַלד און וואַלד...

נעהמט זיך דער חתן נאָך שטאַרקער יאָגען דאָס פערד. — איהם טהוט באַנג די גוטע צייט. און ער פאָהרט און פאָהרט, און קוקט זיך

און. — פאַר איהם איז נאָך אַלץ וואַלד... אַלץ וואַלד און וואַלד — — — —

אָבער אַט דערזעהט ער, ווי דאָרטען אַרויף ענדיגט זיך שוין דער וואַלד. דאָס האַרץ ציטערט אין איהם אויף פון פרייד, די אויגען ווערען איהם ליכטיגער, ער שפּאַרעט שטאַרקער אונטער זיין פערד, אָבער ווי נאָר ער קומט צו יענעם אָרט, הויבט זיך נאָר פון דאָרטען ערשט אָן גרויסער וואַלד... גרויסער וואַלד און וואַלד... אָבער ער מאַכט זיך אַ האַרץ און שמייכעלט: —

איהם דוכט זיך, אַז ער זעהט דורך די פערשנעעטע בוימער די ווייסע קרעטשמע. אַלע פענסטער זיינען פינסטער, נאָר פון איינעם קוקט אַרויס זיין ווייסע כלה — און ער שרייט צו איהר:

— באַלד קומען מיר פון וואַלד אַרויס!

און ער נעהמט זיך נאָך שטאַרקען צוואַיילען זיין פערד. — ער שטעלט זיך אַזש אויף די אייזענס פון זאָטעל:

— מיין פערד! נעשווינד!!

און דער שוואַרצער פערד נעהמט זיך טראָגען אַן אויסגעצויגענער אויף'ן ברייטען וועג צווישען די פערשנעעטע בוימער, אַזוי אַז ער ריהרט כמעט אָן די ערד מיט זיין בויך. ווערט דעם חתן אַ ביסעל היימליכער: פאַר זיינע אויגען שוועבט איהם אַרויס זיין שעהנע כלה, ווי זי שמייכעלט און ציטערט און שרייבט:

„...מאַמע בלייבט אין שטאָדט אויף נאַכט און טאַטע — קום!... — ער שלאָפט אַ מיעדער נאָכ'ן מאַרק..."

און ער דערמאָהנט זיך אָן איהר שלאַנקען, פרישען ציטער און עס שרייט פון איהם:

— קינד, באַלד ביזטו נעבען מיר! און איך דאַנק דיין טאַטען, און איך דאַנק דיין מאַמען, און, מיין פערד, איך דאַנק אויך דיר!

מיט אַמאָל אָבער ווערט דאָס פערד אונרוהיג! — עס שמעקט און ניסט... און דער וואַלד ווערט איננאַנצען פרעמד... ניט היימליך גרויס... דער חתן ציטערט אויף, אַז ער ווערט שיער ניט פערפרוירען פון שרעק, און אין קאָפּ בליצט ביי איהם אויף:

— ס'האָט מיר ווער פערפיהרט מיין פערד! קום איך ווען פון וואַלד אַרויס? — — — קום איך ווען פון וואַלד אַרויס? — — — —

און פּלוצלונג דערזעהט ער, ווי טיעף אין וואַלד צינדט ווער בלויע פייערן — פייער, פייער! — שרעק און פייער צינדט זיך אין זיין האַרצען. ווילד הילכען פעסטע, טעמפּע טריט. — ווילד טרייבט ער אום אין וואַלד זיין פערד.

און פאַר די אויגען שוועבען בלויע פייערן און עס טראָגט זיך ווילד און פרעמד דער ווייסער וואַלד.

— האַ־הו! האַ־הו! — שרייט ער אויס, און פון ערגעץ ווייט שרייט עמיץ צוריק: האַ־הו! האַ־הו! — — — און עס דאַכט זיך דעם חתן, אַז אין דעם ווידער־געשריי שפּרייט זיך איבער'ן וואַלד דער כלה'ס ציטער... — זי ציטערט, ווייל איהר טהוט אויך באַנג די גוטע צייט. און ווידער נעהמט זיך איהם דאַכטען, אַז אָט ענדיגט זיך דער וואַלד. אָט ענדיגט ער זיך דאָ, און אָט ענדיגט ער זיך דאָרטען... און אָט ענדיגט ער זיך אין עטליכע פּלעצער אויף איין מאָל. — — — אָבער וואוהין נאָר ער פאָהרט אָן, פערשווינדען די צייכענס... און דער וואַלד ווערט נאָך אַלץ גרעסער און פרעמדער, און פאַר די אויגען שפּרינגען און טאַנצען ציטערדיגע, בלויע פייערן און די טריט פון דעם איינענעם פערד הילכען משוגה'דיג, און שרעקען.

ביז מיט אַמאָל, דערזעהט ער פאַר זיך אַ וועג, וואָס פיהרט צו אַ ווייסער, אָפענער ווייטקייט, וואָס מישט זיך אוים מיט'ן בלויען הימעל, און ער פאַלט צו צום פערד, נעהמט אַרום זיין האַלז און שרייט אויס:

— מיין פערד! מיין געטרייער פערד!

גיט דאָס פערד אַ הירזשע, ציהט זיך אויס נאָך לענגער און נעהמט זיך טראָגען איבער דעם וועג, ווי אַ פייל פון בויגען — — — פּלוצלונג אָבער גיט דאָס פערד אַ שפּרונג אָפּ צוריק, שפּיצט אויף די אויערען, שפּרינגט־אויף אויף די הינטערשטע פיס מיט אַ צועפּענטען מויל, מיט אויסגעשטשירעטע געל־ווייסע צייהנער. די נאָז־לעכער האָבען זיך ווילד צושפּרייט און די אויגען בליצען גרין! — — —

— —

ביילקע ציטערט אויף און דערפיהלט, ווי אַ שפּרונג־צו־טהאָן אונ־טער'ן פערד'ס פיס. — זאָל ער זי צוטרעטען! זאָל ער זי צוטרעטען! און ברוך ענדיגט:

— און עס האָט געטראָפען, אַז די מאַמע איז שוין מעהר פון

שטאָדט ניט געקומען און דער טאַטע האָט זיך שוין מעהר פון שלאָף ניט אויפגעכאַפּט, און די טאָכטער איז שוין אויף שטענדיג ביים פענסטער פערבליבען, און דער חתן איז שוין מעהר קיין מאָל פון וואַלד ניט ארויס.

און די, וואָס פאָהרען אמאָל פאַרביי יענעם וואַלד, זאָגען, אז ביי דער נאַכט, אין אַ געוויסען שעה, דערהערען זיך מיט אמאָל פעסטע, טעמפּע טריט.

עס טרייבט ווער אום איבער'ן וואַלד ווילד זיין פערד. כאָטש מען זעהט ניט קיינעם. דאָס פערד, הערט זיך, לויפט, לויפט און שטעלט זיך אָפּ פון מאָל צו מאָל... און איבער'ן וואַלד צוטראָגט זיך דעם חתן'ס פערביינקטער געשריי:

— קום איך ווען פון וואַלד אַרויס? קום איך ווען פון וואַלד ארויס?

און דער קלאַנג פון ברוך'ס שטימע רעדט נאָך מעהר פון די ווערטער, און עס קלינגט אזוי טיעף און ווייט פערביינקט:

קום איך ווען פון וואַלד ארויס? קום איך ווען פון וואַלד ארויס? —

— —

אַ לענגערע צייט איז שטיל. ביילקע ליגט אַ פערגעסענע. פּלוצלונג אָבער דערהערען זיי איבער זיך אַ צורייצטען געלעכטער. ביילקע האָט צושראָקען אַ הויב געטהאָן איהר קאָפּ פון ברוך'ן. איהרע צושויבערטע האָר, האָבען גענומען פאַלען צו די אַקסלען, צו איהר סאַמעטען קלייד.

— בינעם! — — —

אין טהיר איז געשטאַנען בינעם אַ בלאַסער מיט אַ פערבונדענער האַנט. ער איז אויף זיין אופן אריין אין צימער ניט פרעגענדיג, ניט קלאַפּענדיג, און ווי ער האָט זיי אזוי דערזעהן, איז ער נאָך בלאַסער געוואָרען און ער האָט זיך ניט נעקאָנט איינהאַלטען און ער האָט זיך צולאַכט. און ווען די קליינע ביילקע האָט זיך אַ צושראָקענע אַ הויב געטהון, אַ צושויבערטע, מיט פערוויינטע אויגען און האָט אויסגעשריען — בינעם! איז זיין געלעכטער גאָר משוגע געוואָרען. און אזוי משוגע לאַכענדיג איז ער אראָפּ פון אַלע טרעפּ און אוועק.

ביילקע איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס.

— בינעם!

ברוך האָט זיך ניט גערוהרט פון אָרט.

*

אויף מאָרגען, אין דערפריה, ווען ברוך האָט צועפענט זיינע אויגען איז שוין אויף זייער בעט געזעסען בינעם:

כאַ־כאַ! — האָט בינעם אָנגעהויבען מיט זיין הילצערנעם געלעכ־טער — יוער ווייסט, אפשר וועט דיך דיין נאַרעשקייט פאַרט ערגעץ ברייננען. אבער ווי איז מען אַזאַ'ן עזעל? ! א יונגע, א לעבעדיגע, א צאַפּעלדיגע מיידעל קומט צו דיר און וואַרפט זיך אין דיינע הענט, נעהמסטו זיך איהר דערצעהלען באָבע מעשיות! טהוסטו דאָס טאַקע אַלץ דערפאַר כדי צו ווייזען, אַז עס האָבען זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט קיין נאַראָנים פון דער ערד? ציִ איבער עפּעס אַן אַנדער שווארצען יאַהר? אפשר רעכענסטו גאַר, אַז כדי אויפצובויען אַ פּאַר דערפער פאַר עטליכע הונדערט אידען, דאַרף מען זיך אָפּזאָגען פון ערדישען לעבען? כאַ־כאַ־כאַ! — איך וואָלט פונדעסטוועגען וועלען וויסען פאַרוואָס עס געפינען זיך פרויען וואָס דרעהען זיך אַרום דיר. וואָס צו אַלדי שווארצע יאָהר מאַכט זיי זיך אויפרעגען און רויטלען נעבען דיר? איז דאָס דער־פאַר וואָס צווישען אַלע אַנדערע אונזעריגע געפינען זיי אַפּילו קיין איין ריכטיגען עקשן ניט, ציִ דאָס זיינען פּשוט דיינע נאַרישע הונגעריגע בליקען מיט וועלכע דו קוקסט אויף זיי... דו קוקסט אויף א פרוי מיט אַזוינע בלענדענדיגע בליקען, ווי איינער וואָס קאָן די אויגען ניט אויפ־הויבען. דו הויבסט אויף דיינע אויגען אויף א פרוי, ווי אויף א צוגליה־טער זון, און אין דער איינענער צייט נעמסטו מיט איהר לערנען קו הישר פילאָזאָפיע... דו צוטומעלטער, דו אָפּגעריסענער נאַר. — עס קאָן דאָך זיין, אַז אין דיין נאַרעשקייט מיינסטו, אַז דו טראָגסט אין זיך דאָס איבער־בלייבאַכץ פון דעם אַנטרונענעם, און דו ווילסט דאָס מיט זיך מיטברייג־גען גאַנצערהייד אַהין אין די „פרייע דערפער" דיינע. —

ברוך איז נאָך נאָכדעם לאַנג געלעגען אין בעט און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען איז שוין בינעם ניט געווען.

דריטע טייל:

רעגען

קאַפּיטעל 20.

פון זינט אַן חנה האָט זיך געשטעלט ארבייטען איז זי נאָך שעהנער און שטאָלצער געוואָרען.

— עס איז טאַקע גאָר ניט שלעכט צו זיין צוריק א מיידעל, — האָט זי אַלץ גע׳טענה׳ט — יאָ. — עס איז גאָר ניט שלעכט צו זיין צוריק א מיידעל און אינטריגירען די בחורים, וואָס שיקען צו איהר ליעבעס־שמייכלען דורך די פענסטער פון די אנדערע שעפּער, וואָס שטעהען אנטקעגנען איהרען.

פלוצלונג אָבער האָט זי זיך ארומגעקוקט, אז זי שוואַנגערט! — —

פאַרנעקומען איז דאָס עפּעס אזוי מאָדנע. — זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איין מאָרגען עפּעס צו־פריה — — — מאַקס איז שוין ניט געווען, ער איז שוין אוועקגעלאָפען זוכען ארבייט נאָך די מאָרגען־צייטונגען. איז וואָס? — — — נאָר אַט דערפיהלט זי, — עס איבעלט... עס קנייטשען זיך די פלינלען פון נאָז, עס קערט די גאַל, עפּעס שפּאַרט אונטער׳ן הארצען אזוי עקעלדיג — — — אַט לאָזט דאָס אָפּ אויף א ווייל׳ע — — — פון וואָס זאָל דאָס זיין? און אַט ווידער! עס ווילט זיך ברעכען! — — — וואָס האָט זי דאָס נעכטען געגעסען?

אין שאָפּ ביי דער אַרבייט האָט זי ווידער דערפיהלט, אז עס

איבעלט, זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבען פוןביינקעל, אָבער — — —
עפּעס איז זי אַזוי מיעד, אָפּגעשוואַכט — — — און ס'ווילט זיך ניט צו־
שיידען מיט'ן ווענטיל פון ביינקעל — — — זי נעהמט קוקען ארום זיך
צושראָקען — — — באלד איז דער איבעל אריבער. די מיעדקייט נור
איז פערבליבען אין אלע גליעדער, די הענט זיינען ווי פער'חלש'ט און
ס'ווילט זיך ניט אוועקנעהמען די אקסעל פונ'ם ווענטעל — — —
און אָט פערגלוסט זיך איהר גאָר, אז דאָס ווענטעל פון ביינקעל זאָל זיך
נעהמען בויגען — — — זאָל זיך אויסציהען מיט איהר — — — זאָל
זיך דאָס ציהען, ציהען — — — און אָט הויבט איהר צונג אָן זויגען די
סליונע, נעהמט לעקען דעם גומען, אָבער דער גומען האָט עפּעס גאָר קיין
טעם ניט... עס וואָלט, זיך וועלען עפּעס... זויערס!.. וויינינגס! אָט!..
אַ? — ניט איהר מיט אמאָל אַ שלאָג אין קאָפּ — פּאָסטאַוועקעס! — —
אַזוי גאָר! אַ קינד — — — אַ קינד! — — — אַ מאָדנע קעלט גיט
זיך מיט אמאָל אַ לאָז איבער איהר גאַנצען לייב, טאַפּט איבער איהר יעדען
צאָהן אין מויל, די האָר פון קאָפּ. — אַ קינד! — — — און באלד, אין
אַ ווײַלע ארום ווערט איהר מיט אמאָל ווארעם, אַזוי ליעב, און גוט —
אַ קינד! אַ אינגעלע! עס גלאַנצען אויף גליקליכע טרערען אין די אויגען,
אַ צופריעדענע רויטקייט אויף די באַקען — — —

נאָר אָט ווערט זי בלאַס, נערוועז, אויפגערעגט: — וואָס הייסט
דאָס?!.. גראדע איצט, פּלוצלונג, אין מיטען דעריננען. און אַז די
מיידלעך וועלען זיך דערוויסען — — — און זיי מיינען דאָך נאָך אַז זי
איז אַ מיידעל. צו וואָס האָט זי דאָס געטהאָן? — — — ס'ווילט זיך
זיין אַ מיידעל? קיינער זאָל ניט וויסען, אַז מען איז ניט און מען איז?..
כאַ־כאַ!

זי נעהמט זיך קוקען אויף די מיידלעך, וואָס זיצען אויסגעזעצט
איינע נעבען די אנדערע ארום די לאַנגע טישען — — — די פענסטער
פון די ווענט האָבען זיך אויפגעשפּיעגעלט אויף די מיידעלשע קעפּ, אויף
די אַקסלען — — — אָט גיט עפּעס איין מיידעל אַ זאָג צו דער צווייטער,
און די מיידלעך צולאַכען זיך אלע הילכיג, פריילעך. פון וואָס לאַכען
זיי? — — — אָט, האָט זיך איינע אומגעקוקט, זיך בעגעגענט מיט
חנה'ס אויגען, זיך אָפּגעקעהרט און עפּעס אַ זאָג געטהון, און מען האָט
זיך נאָך שטאַרקער צולאַכט. — — —

— דאָס דאַכט זיך מיר אויס! — ס'איז גאָר ניט. דאָ לאַכען זיי זיך גלאַט אַזוי.

זי הייבט זיך אויף, געהט אריין אין טואַליעט צימער, כאַפּט אַ קוק אין שפּיעגעל: בלויע רעדער ארום די אויגען! — — זי וועט געהן אהיים. ניין, — די מיידלעך וועלען זיך אַלע אַ הויב טהון פון די פּלעצער, וועלען זי אָנקוקען, און קאָן זיין, אז זיי וועלען ווידער ארויספּלאַצען מיט געלעכטער — — — נו, איז וואָס? — — — נאַרעשקייטען. זי וועט גלאַט איצט ניט געהן אהיים.

— אַ קינדעלע, געוויס אַ אינגעלע. ס'איז דאָך אַזוי גוט. ס'וועט האָבען ע'וואַרצע הערעלעך, וועט זיין געראָטען אין — — — אין ברוך'ן! — פּאַלט איהר איין.

שאַ — זי וועט דאָס — — — גאָר אַ נאָמען געבען נאָך איהם — ברוך!

ברוך, ברוך! — ברוך!

ס'וועט נאָך זיין אַזוי:

זי'ט זאָגען — איך טראָג! מאַקס וועט ניט וויסען, וואָס פריהער — וויינען צו לאַכען. ער וועט זיך ארויסדרעהען און אוועקלויפען צו ברוך'ן, וועט ברוך אַ צוטומעלטער צושפּרייטען זיינע אויגען: — „וואָס רעדסט דו?!“ — און ער וועט זיך אַ כאַפּ טהון פאַר די האָר: — „אַזוי?! — אין ניט קיין געלד און ניט קיין ארבייט — — — וועל! מע מוז זיך געבען אַן עצה. און ברוך פערגעסט זיין אידעע וועגען „אונזער אונטער־גאַנג“, אַז „אויף וואָס דאַרפען מיר דאָ גאָר געבוירען קינדער ווען זיי וואַקסען אויס ניט אונזערע?“ און ער וועט זיך לאָזען אין גאַס — זיך געבען אַן עצה. און אָט אַזוי וועט ברוך ארומלויפען די גאַנצע צייט פון איהר שוואַנגערען און זיך זעהען געבען אַן עצה. און וועט ער זי דער־זעהען וועט ער קוקען אויף איהר אַ גוטער, ווי ער וואָלט זי וועלען איינ־שפּינען אין זיינע בליקען — — — און זי דערפיהלט שוין, ווי עס וועבט זיך אויף איהר לייב אַ העמד פון זיינע וואַרעמע בליקען — — — אַ העמד פון ברוך'ס קושענדיג צושטראַהלטע בליקען וועבט זיך איבער איהר לייב, אין וועלכען עס וואַקסט אַ קינד פון מ א ק ס ׳ ע ן גאָר — — — וואָס וועט הייסען נאָך איהם — ברוך.

ווי ער וועט דאָס פון דעם אויפציטערען: — חנה! — — —

— זיין נאָמען איז — ברוך — וועט זי זאָגען שארף — א נאָמען נאָך דיר — — —

— אָבער, חנה. ביזט דאָך פון זינען. חנה! מיר זיינען דאָך אידען.

און חנה וועט שמייכלען — ליגען אין קינפּעט, אַן אָפּגעשוואַכטע, קוקען אויף דעם הויכען שטאַרקען ברוך'ן, ווי ער שטעהט פאר איהר אַן אויפגעטרייסעלטער — און זי וועט איהם שמייכלען גלייך אין זיין צו־טראָגענעם פּנים אריין: און דאָס קינד וועט מאַקע הייסען — ברוך.

און ס'ווילט זיך איהר אַזש צובויגען זיך צום אייגענעם בויך, און איהם אליין קושען — — זי האָט דאָך אויף דעם אַזוי לאַנג געוואַרט — — אַרויפשפּרינגען אויף ברוך'ן ווי א ווילדע קאַץ, ווי א טיגער — — — —

— —

אָבער, אַט צוליעב דעם דען האָט זי דאָס די גאַנצע צייט געוואַרט?!

—— — זי האָט דאָך געוואָלט א קינד גלאַט אַזוי זיך — — — ווייל נאָך דעם — זאָגט מען — פערגעסען זיך אַלע נ א ר י ש ק י י ט ע ן — — — מען האָט ליעב דאָס קינד, האָט מען אויך ליעב דעם קינד'ס ט א ט ע — — — אָבער פאַר וואָס־זשע איז דאָס געקומען אין אַזא אונ־מענליך שלעכטער צייט. כדי געבען ברוך'ן די מעגליכקייט פאר איהר צו זאָרגען?! — — — און ווי איז, אַז נאָכדעם וועט איהם גאָר ניט אַרען, וואָס זי וועט דאָס קינד א נאָמען געבען — ברוך? — — — אַז עס וועט איהם נאָך גאָר הנאה טהון? — — — אַז ער וועט זיך מאַכען: עס טהוט איהם הנאה?.. יאָ. אויף איהם איז דאָך דאָס צו גלויבען. יאָ. דאַן ווי — — — אַז ס'איז נאָר א טיידעלע?!.. און ברוך האָט דאָך גאָר ליעב קליינע קינדער! — — — און דערצו נאָך א קינד פון „זיין" חנ'קען — — — און אַז זי וועט גאָר שטאַרבען פון קינפּעט?! — — — יאָ. שטאַרבען און איהם איבערלאָזען א נייע חנה'קע — — — שטאַר־בען? — — — וואָס הייסט? וואָס פאַר א נאַרישקייטען!

נאָר גלאַט אַזוי, וואָס דאַרף זי איצט דאָס קינד? — — — זאָל זיין שפּעטער, אַן אנדער מאָל. און אויף וואָס דאַרף מען גאָר אין גאַנצען קינדער? כדי מען זאָל זיך ניט קאָנען קיין קעהר טהון? — — — וואָס איז דען שלעכט, אַז מען איז א „טיידעל" און מע האָט א מאַן, און מע קאָן זיך פאָהרען גליטשען און צו א באָלל, און צו פּיק־ניקס און גלאַט־

אַז מע איז אַ פרייער מענש... און ווי וואָלט זי דען איצטער אויסגע־זעהן, ווען זי האָט אַ קינד?..

אַז זי האָט זיך צוריק גענומען צו אַרבייטען, האָט זי ווידער דערפיהלט די מאָדנע מיעדקייט; ס'האָט זיך ווידער פערוואָלט, אַז דאָס וועגעל פון ביינקעל זאָל זיך אויסציהען מיט איהר — — — זיך ציהען, בויגען ביז זי וועט זיך אָראָפּקאַטשען אויף דער ערד. זאָלען די מיידלעך וויסען, זאָלען זיי אַלע וויסען, און — אַז, דאכט זיך, ערשט נעכטען איז זי אַ מיידעלע, אַ חנה'קע געווען — ערגיץ דאָרט אין אַ היים, נעבען אַ מאַמע, צווישען היימישע — און אַז, ווען זי וואָלט אפילו דאָרטען ע־טאַר־בען, וואָלט דאָס ניט געווען אַזוי אין דער פרעמד — — — צווישען ווילד־פרעמדע, וואָס האָבען גאָר קיינמאָל קיין צייט ניט — — — און ברוך איז אַ ברוך'ל געווען, און פלעגט זיך מיט איהר שפּיעלען — — — היינט איז ער אַ שרייבער, דער שרייבער פון די „רעגען מעשה'לעך“.

אין דער היים איז ער געווען אַ בעוואוסטער רעוואָלוציאָנער, האָט ער שלעכט אויסגערעכענט — איז צו אַ פּאָגראָם געקומען. און איך האָב נאָך ביז דאַן געהאַט אַ טאַטען מיט אַ מאַמען. און זיין מאַמען האָט מען נאָכדעם צוגענומען אין משוגעים הויז. יאָ. און איצט וויל ער פון זיין זיידען, פון זיין טאַטען, פון זיין מאַמען גאָר ניט וויסען. ער וויל ניט. און מיך האָט ער ליעב. נאָר ער וויל ניט וויסען. ער וויל ניט. און איך האָב איהם ליעב, און איך וויל זיך אין איהם נוקם זיין, איך וויל זיך אין איהם נוקם זיין, יאָ. איך האָב חתונה געהאַט פאַר מאַקס'ען. מאַקס איז אַ פּשוט'ער, אַן עהרליכער, און ער האָט מיך ליעב. ער האָט מיך זעהר ליעב, יאָ — — — יאָ. און פאַר וואָס מעגען אינטעליגענטע מענער יאָ חתונה האָבען פאַר איינפאַכע, פּשוט'ע פרויען? פאַר וואָס מעגען זיי יאָ? פאַר וואָס האָבען זיי זיך אויף אַלעם צוגענומען דאָס רעכט?!

נאָט מיינער! אָבער וואָס, בין איך משוגע?!..

און אָט נעהמט זי זיך דערמאָנען און עס פאַלט איהר איין, אַז דאָס קינד, קאָן זיין, איז שוין אַלט דריי מאָנאַט, נאָר זי איז אַ „נאַר“ — האָט זי ניט געוואוסט — — — און צוליעב וואָס האָט זי דאָס חתונה גע־האַט? צו וואָס האָט זי דאָס נעדאַרפט? אויף צו להעכים ברוך'ן? צו אפשר, ווייל עס האָט איהר פּשוט דערעסען דער שאַפּ? — — — נעהט מען, הייסט דאָס, און מע כאַפּט אויף אַן אונשולדיגען בחור, אַ מאַקס און

מע שמייכעלט... נאָט מיינער, וואָס איז דאָס מיט מיר? — פרעגט זי און שמייכעלט — — — און אָט הויבט זי אויף דעם קאָפּ צום פענסטער, ווייטער מיט אַ פּאָר דעכער הויבט זיך אויף אַ גרויסער, שטיינערנער מויער, ביי אַ פענסטער פון איינעם פון די העכערע עטאַזשען וואַרט אויף איהר אַ בחור מיט פערליעבטע בליקען און צופריעדענע שמייכלען — — — דער בחור האָט זיך אין איהר „פערליעבט" ווי נאָר ער האָט זי דאָ דערזעהן אַרבייטען. און אָט ווייזט ער מיט די פינגער, אַז היינט, זעקס אוהר אָבענד, וועט ער וואַרטען אויף איהר ביים שאַפּ — — — איז ווען זי וויל — הייסט דאָס, קאָן זי דאָך נאָר טהון אַ נייעם שדוך! — טראַכט זי און קוקט אויף'ן בחור און שמייכעלט — — —

קאַפּיטעל 21.

די נאַכט האָט חנה ניט געקענט איינשלאָפֿן, אַלץ געטראַכט און געטראַכט — — —

פֿון מאָל צו מאָל איז פֿאַר איהר אַרויפֿגעשוואוּמען ברוך׳ס פּנים, בלאַס, פֿאַרברענט, עטוואָס מיעד, די האָר צושויבערט, די אויגען קוקען גרויס, שטאַרק. זי קוקט אויף איהם און ווערט ווי עלעקטריזירט פֿון זיינע בליקען — — — הויבט ביסלעכווייז אונטער איהר קאָפּ פֿון קושען — — אויפֿהויבענדיג לאַנגזאַם דעם קאָפּ, האָבען זיך צולאָזט איהרע לאַנגע האָר און זיך גענומען נאָכשלעפּען איבער׳ן ווייסען קישען, און זיינען איהר נאָכגעקראָכען ווי שלאַנגען, האָט זי פֿון דעם אַ ציטער געטהון און דער ציטער האָט זיך ווי אַ קאַלטער נעץ אַרומגעוועבט אַרום איהר וואַרעם לייב — — — אַ פֿערציטערטע האָט זי זיך שטיל אויפֿגעזעצט און גע־קוקט אויף ברוך׳ס געשטאַלט. דאָס געשטאַלט האָט זיך געוויעגט אין דער פֿינסטער, אויף יענער זייט בעט צופֿוסענס, נעבען שלאָפֿענדיגען מאַקסען און געקוקט אויף איהר און געקוקט — — — אָט האָט ער געקוקט אויף איהרע נאַקעטע הענט, אָט — אויף איהרע אַקסעל און אָט — אויף איהר ברוסט — — — האָט זי נאָך אַמאָל דערפֿיהלט דעם ציטער אַרום איהר לייב און אַ הויב געטהאָן די דעק אויף זיך ביז׳ן האַלז:

— וואָס קוקסטו אויף מיר?! וואָס ווייסטו? — — — — דו ווייסט גאָר ניט! דו ווייסט גאָר ניט! יאָ. איך בין עפּעס ניט געזונט. דאָס אַלץ. איך נעה מאָרגען צו אַ דאָקטאָר — — — — יאָ. און איך לאָף פֿון דיר. יאָ.

ברוך קומט צו צו איהר:

— חנה, זאָל שוין זיין גענוג. דו מיינסט טאַקע מיט אַן אמת׳ען — דו ביסט שוין אַ גרויסע? דו ביסט דאָך נאָך אַ חנה׳קע, אַ קליינע חנה׳קע. געדענקסט? אָט, ווי נאָך דאַרטען אין דער היים, און מיינע מעשה׳לעך — — — ווייסט, עס איז דאָך היינט אַ מאָדנער ווינטער...

און — מאָרגען וועט נעהן אַ רעגען. — פון׳ם ים, פון אין מיטען דעם גרויסען ים, וועט זיך אויפהויבען די גרויסע געשטאַלט אין׳ם שוואַרץ־גרויען קלייד מיט׳ן ליכטיגען פנים, און מיט ווייט־צושפּרייטע הענט וועט זי זיך רייסען אַרויף — — — טייכען וועלען רינען פון איהרע נאַסע, ברייטע אַרבעל און זי וועט זיך הויבען אַלץ העכער און העכער, צום ווייטען הימעל, און די פאַלדען פון איהר שוואַרץ־גרויען קלייד וועלען זיך האַלטען טייכען וואַסער און אַז די געשטאַלט וועט צוטראָגען איין האַנט צום פנים און וועט איהם פאַרשטעלען, וועט באַלד ווערען טונקעל... און פון דעם אַרבעל וועט זיך אַרויסגיסען אַ טייך וואַסער, וועט איהם דער ווינד אין ברעקליך צוטראָגען און די ערשטע טראָפּען וועלען זיך אָפּשלאָגען אין די פענסטער. און נאָכדעם וועט זיך די שוואַרצע געשטאַלט מיט אַמאָל פערנעהמען אַרויף אויף׳ן הימעל און אַז זי וועט שוין שוועבען איבער׳ן הימעל, וועלען מיר מיט נאָך אַנדערע קינדער, אומלויפען אין די גאַסען און שרייען און רופען, ווי נאָר אַמאָל:

גאָט, גאָט! גיעב אַ רעגען,
פ ן די קליינע קינדערס וועגען,
ניט קיין סך, ניט קיין ביסעל,
נאָר ביז אָן אַ פולע שיסעל.
גאָט, גאָט, גיעב אַ רעגען — — —

און נאָכדעם וועלען מיר אומלויפען אין די קאַליוזשעס, זיך פּאַליר־זשען, מיט די באָרוויסע פיסלעך. אַ יאָ, חנה׳קע? — — — וואָס? — דו שלאָפסט נאָך אַלץ ניט?.. ווייסטו וואָס? — קום און מיר׳ן זיך וויע־גען אויף דער „הודאַלקע“, וואָס? דו האָסט מורא? איך וואַרף צו שטאַרק? און אַז דו בעטסט זיך ביי מיר, בין איך אַ שלעכטער, און וואַרף אויף צו להכעיס נאָך שטאַרקער? איך בין אַלע מאָל אַ שלעכטער? ס׳זאָגט דיין מאַמע, איך בין אַ רוצח? איך וואַקס אַ וואַלד־גזלן? — — — אָבער איצטער, דעם מאָל, הודעסט דו זיך מיט מיר? יאָ? גוט. קריך אַרויף. האַלט זיך אָן שטאַרק, שטאַרק. אָט אַזוי־אָ. גוט. מיר הויבען אָן:

אַמאָל — איז געגאַנגען — אַ איד — אין וועג.
האָט ער געוואָלט פעררויכערען זיין ליולקע.
האָט — ער ניט געהאַט — קיין פיי—׳ער—
ז׳ער געקומען אין דער ערשטער קרעטשמע?

— ניטאָ קיין פייער.

ז'ער ער געקומען אין דער אַנדער קרעטשמע?

— ניטאָ קיין פייער.

ז'ער געקומען אין דער דריטער קרעטשמע?

— ניטאָ קיין פייער.

איז ער געקומען אין דער פערטער קרעטשמע?! —

— פייער!! פייער!!

— פּאמעלאַך, פּאמעלאַך! ברוך!

— פייער! פייער!

— אוי, אוי, ברוך! איך פאַל! — מא—א—אמ—ע! — — —

— פייער! פייער!! — —

זי האָט צופּעפּנט די אויגען — — — — — — — — — — — — —

— —

און וואָס וויל ער פון מיר האָבען?! וואָס? — — — און דאָס פענסטער מיט'ן גאַרדין האָט זיך אויפגעשפּיגעלט איבער'ן בעט. און דאָס בעט זעהט פון דעם אויס, ווי אָפּגעשאָטען מיט בלומען — ציטערט זי אויף: — מאַקס! און עס קאָן זיין, פאַלט איהר דערווייל איין, אַז מאָרגען וועט מאַקע געהן אַ רעגען! — — און דאָס הייסט דאָ — ווינ־טער! און וואָס וויל ער האָבען? וואָס וויל ער האָבען?

מאַקס וואַרפט זיך דורך.

— וואָס איז?! וואָס? דו שלאָפסט נאָך ניט?! חנה?!

— ניין, גאָר ניט — — —

— מאַקס! פלעגסט מאַקע אָפּט, זעהר אָפּט געהן אין די — — — הייזלעך? ס'האָט דיר דערעסען? — — — אַן איינגענע ווייב איז בע־סער, אַ יאָ בעסער? מאַקס! דו שלאָפסט? נאַ, נעהם מיך אַרום — — — איך האָב עפּעס מורא, אַזוי מ־ו־ר־א — — — פאַר וואָס גלעטסטו ניט מיין ברוסט? — — און זי פרעסט זיך איינגאַנצען אריין אין איהם. נעהמט אַליין אָן זיינע אַ האַנט און טראָגט זי צו צו איהר ברוסט — — — און דאָס, וואָס ביי אַ זייט שטעהט ברוך און קוקט, איז זאָל ער קו־קען. און דאָס, וואָס ברוך איז נאָך ביז איצט אַ בחור, אַ ריינער, אַן אונשולדיגער בחור, לאַכט זי פון איהם, לאַכט זי פון איהם — — — יאָ. זאָל ער קוקען — — —

קאַפּיטעל 22.

מאָרגען אין אָבענד, אַז ברוך איז אַריינגעקומען צו מאַקסען געוואָהר צו ווערען — וואָס הערט זיך, איז איהם אַנטקעגנגעקומען חנה אין איהר בלויער פּרינסעס.

— אָ, ברוך! זעהר גוט.

און ברוך האָט צו איהר אויסגערופען מיט אַ לייכטען שמייכעל:

— שלום עליכם, חנה!

און ער האָט אַריינגענומען איהר הענטיל אין זיין האַנט. און זיינע אויגען האָבען זיך צופּריעדען צושפּיעלט. — עס איז איהם געפעלען, וואָס זי איז איצט עפּעס אַזוי שוואַך — און צוגעלאָזען — — — און וואָס זי איז גראָדע איצט אין דער בלויער פּרינסעס, און וואָס זי האָט אויפ'ן אָרט פון דער דעקאָלטע, אַ ווייס הערצעל מיט אַ ווייסען, הויכען קאָלנער, און וואָס דער קאָלנער נעהמט אַזוי ווייס אַרום איהר קלאָרען האַלז, און עס זעהט זיך אַזוי שעהן איהר קלאָרער, לענגליך־פּאַרמירטער קין — — — און ווי עהן עס איז די ליכטיגע בלויקייט פון איהר קלייד, וואָס נעהמט זי אַרום אַזוי ליעב און אַזוי שלאַנק — — —

— וואָס איז דאָס מיט אייך, חנה. עפּעס זעהט איהר מיר היינט אוים צו בלאַס. איהר האָט אַפּנים שלעכט געשלאָפען? וואָס? — — —

און ער לאָזט אַלץ ניט אַרויס איהר האַנט פון זיינער און פיהלט ווי צו־צור־ציהען זי צו זיך, זי אַרומנעהמען, זי אַוועקזעצען צו זיך אויף די קניע, צובויגען איהר קאָפּ צו זיין ברוסט און גלעטען איהרע האָר:

— וואָס־זשע איז מיט אייך? זאָגט.

קוקט זי אויף איהם מיט איהרע ווייטע אויגען און בעהאַלט זיך אוים — — —

— און וואָס איז דאָס מיט אייך היינט? ! — פרעגט זי.

— וויים דאָס דער טייוועל! עפּעס פיהל איך, ווי אין הארצען מאַנצען מיר אום זונען. ס'איז דאָך נאָר־וואָס נאָך אַ רעגען.

— מיינט איהר מן הסתם, אז דער עולם דערמאָהנט זיך אין אייערע רעגנען־מעשהלעך — פאַלט איהם חנה אריין אין די רייד.

— נו, נאַרישקייטען. איהר האָט דען ניט עפּעס קלוגערס צו דער־צעהלען ?!

— יאָ ... — רעדט זי ארויס עפּעס מיט אמאָל, צושראָקען...

— און וואו איז דאָס מאַקס ?! — פרעגט שוין ברוך פערדעכ־טיגט — — —

— ער וועט ערשט זיין צוריק אין א פּאָר שטונדען...

— אזוי ?.. — איהר ווילט, דאכט זיך מיר, עפּעס זאָגען ? — — —

— איהר זיינט דאָך אַלע מאָל א גזלן. — זאָגט חנה עפּעס אזוי אָפּ־געהאקט.

— נו ?! — — — פרעגט ברוך.

— איהר פערשטעהט, איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען, איך קאָן דורך די נעכט ניט שלאָפען, בין איך געווען ביי א דאָקטאָר, האָט ער מיר נעגעבען פּילען, זיינען זיי דאָך מן הסתם ביטער, וויל איך, אז איהר זאָלט זיי מיר איינגעבען מיט גוואלד.

— ווי קינדעריש איהר זיינט נאָך, חנה׳קע.

— נו, איהר גיט מיר איין ?! יאָ ?... טרעט זי צו צו איהם...

— נו גוט, נו גוט. — ענטפערט ברוך.

— טאקע ! — אָי, ס׳ארא וואוילער גזלן איהר זיינט דאָס !

און זי דערלאַנגט איהם די פּילען, א גלאָז וואסער, און ווען ער נעהמט זיך צוגרייטען, דערשרעקט זי זיך עפּעס ווידער פּלוצלונג. —

—ברוך !!.. — שרייט זי אויס — און טרערען גלאַנצען איהר אין די אויגען.

— נו — — — חנה. איהר מאַכט זיך דאָך פּשוט נאַריש.

— ברוך, ברוך ! איך האָב עפּעס אזוי מורא, אזוי מורא — — — —

— קינד וואָס איהר זיינט. קומט אהער. זעצט זיך איצט צו מיר אויף די קניע. גוט. דעם קאָפּ בויגט צו, אָט אזוי־אָ. איצט ליגט איהר ווי א פויגעל אין נעסט, און איך נעהם אייך נאָך ארום מיט אָט דער האַנט — — —

— דערצעהלט מיר פריהער עפּעס ! — — — יאָ ? זאָל דאָס זיין פון ערגעץ ווייט, ווייט — — — ברוך ! — — —

— נו, יאָ. פון דער ווייטער וועסט...

און ווייל דאָס דערצעהלטע וועט שוין זיין ניט פון דער קינדערשער היים, האָט זי אין זיינע הענט אַ ציטער געטהון — — —

ברוך האָט דאָס דערפיהלט, נאָר ער האָט זיך ניט געמאכט וויסענדיג און דערצעהלט.

— שטעל זיך פאָר — אַ זומער־פארנאכט. נאָר־וואָס נאָך אַ רעגען. עס איז פייכט. גרוי. שטעקסט ארויס דעם קאָפּ פון פענסטער. ווילסט דערזעהן די פוסטע, ווילד־ווייטע סטעפּ, אָבער זי איז אין אַ שווער־רע גרויקייט פערשוואומען. פערטראכסטו זיך שווער — — — גאָלדענע בליצען כוואַליען פון מאָל צו מאָל דורך די פייכטע גרויקייט און נאָך זיי דערהערט זיך אַ דונערדיגער בייזער — — — און ווידער ווערט אַלעס טעמפּ, ענג. פאַר'ן פענסטער שפּרייט זיך אַ גרויסע קאַליוזשע; אין דער זייט שטעהט די רויט־געפּארבטע שטאָל. ס'וועט נאָך אפשר ווידער רעגענען — — — פלוצלונג אָבער צושרייט זיך פון שטאָל דער יונגער אייזעל און עפּעס אזוי שטאַרק, ווי ער וואָלט אין זיינע געדערעם צו־זאמען, אַ הונגערינגען לייב און אַ פערבענקטע קאַלב געטראָגען — — — און די גרויקייט נעהמט ווערען אַלץ בלייכער און בלייכער, די סטעפּ ווערט מיט אמאָל ברייטער, ווייטער און דאָרטען ווייט — אויף'ן מערב בראָלט מיט אמאָל ארויס אַ גרויסע זון! — — — און באַלד שלאָגט זיך די זון אָפּ אין פענסטער, פון ערגעץ אַ פארמער'ס הייזעל און אָט אין נאָך און אין נאָך אַ הייזעל! — — — די הייזלאַך זוכען זיך אויף. אַנדערע, וואָס שטעהן זיי ערגעץ ווייט אַנטקעגנען און צינדען אויף דאָרטען אָן זונען און דו הויבסט פאר זיך אָן זעהן זונען אין אַלע זייטען, וואוהין נאָר דו קעהרסט זיך, זעהסטו פאר זיך אַ ווייטע, ווילדע סטעפּ, איבער וועלכער עס קאַטשען זיך אום זונען, רויטע, גאָלדענע; באָדען זיך — — — אין די קאַליוזשעס, אין די פייכטע, ווילדע גראָזען אין די ווילדע פלאַנצען. און עס צורוישען זיך זומערדיג, הילכיג די אָנגערעגענטע וואַסערען און עס וואַקסען נאָך זונען און זונען, שווימען אום, טיקען זיך — — — און אָט נעהמען זיי זיך שפּרינגען — — — און עס דערהערט זיך דאָס מרי־קען פון אַ קוה, דאָס קרעהען פון אַ האָהן — — — די איינענע הינט יאָגען נאָך איינער דעם צווייטען, כאַפּען זיך, נעהמען זיך ארום, פאַלען אויף'ן פייכטען גראָז, קאַטשען זיך און בייסען זיך פאר פרייד. פאר

פרייד, חנה. פאַר פרייד האָט זיך די סטעפּ מיט אַמאָל אַזוי ווייט צו־שפּרייט און זיך פערהאַנגען מיט אַזוי פיעל זונען. פאַר פרייד שמיי־כעלסטו ווי אַ קינד און דאָס האַרץ פּראַלט אויף צו דאַנקען און צו לויבען, חנה, חנה.

און ברוך האָט דאָ פעסט אַנגעכאַפּט חנה'ן פאַר די באַקען. זי האָט זיך אַ שטאַרקען צאַפּעל געטהאָן, זיך גענומען וואָרפען, אָבער דאָס מויל איז שוין געווען איבער געוואַלד צוזעפּענט, די פּילען אינעווייניג, און ברוך האָט גענאָסען, געגאָסען — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס האָט איהר געטהאָן —! ! — האָט זי נאָכדעם אויסגע־שריען, ווי זיך וואַרגענדיג, אַראָפּשפּרינגענדיג פון זיינע הענט.

— נו, נאַרישקייטען.

— איהר האָט דאָך דער'הרג'עט אַ קינד ! !

האָט ברוך מיט אַמאָל ברייט צועעפענט זיינע אויגען, און האָט דער־זעהן, ווי חנה שטעהט פאַר איהם אַ בלאַסע אין איהר בלויען קלייד מיט'ן ווייסען קאָלנער, מיט די פערטרערהרטע און בייז־צושראָקענע בלויע אויגען, און ער האָט פערשטאַנען, אַז זי זאָגט אָן אמת — — — ! — — — — —

— — ער האָט דאָס אָבער נאָך פריהער געוואוסט, דערמאָהנט ער זיך פּלוצלונג — — — נאָך נעכטען — — — עהער נעכטען — פאַר־אַ־יאָהרען — — — —

און עס בעווייזט זיך אַ שמייכעל אויף זיינע ליפּען: — ניט אומ־זיסט, הייסט דאָס, איז מען איהם אַ פּאָר מאָל פערלאָפען די וועג מיט לעדיגען... און טאַקע אַ־דאָ נאָר פאַר'ן אַרויפגאַנג — — — און אַט אַזוי שמייכלענדיג זאָגט ער איהר אָפּ:

— איך האָב דאָס נאָך פריהער געוואוסט.

— ס'אַ ליגען. אַ ליגען ! — שרייט זי אויס און ווערט דערביי בלאַס פערציטערט, ווי אַ ווייס צוגליהטער פייער — — —

— מיין גאָט, ווי איהר זעהט איצט אויס, חנה ! ? — — —

— ליגנער ! ליגנער !

— אייער מאַמע האָט אייך דערצעהלט מעשה'לעך, וואָס זי האָט פון איהר מאַמען געהערט. מיט דעם אייגענעם ליעדעל אייך פערוויעגט. גע־הערט פון אייך זינגען דאָס, וואָס זי האָט אַליין אַלס קינד געזונגען, אָבער איהר ? — — — אויף וואָס דאַרפט איהר אַ קינד ? נאַרישע חנה, צו

וואָס? — — — בעסער קוקט דעם אונטערגאַנג גלייך אין די אויגען אריין — — —

— אונגליקליכער! ווי אייך ווילט זיך דאָס שטענדיג שפּיעלען די ראָלע פון אַ זיגער — — — האָט זי ארויסגעשמייכעלט גיפטיג, און נעדאכט האָט זיך, אז אָט־אָט ברעכט זי אויס אין א היסטערישען געוויין אָדער גאָר אין ט משוגע־ווילדען לאַכען — — —

— חנה — האָט ער זי אָנגענומען פאר א האנד העכער פון עלענ־בויגען — חנה! נענוג שוין. טרייסעלט אָפּ פון זיך די אַלע אָנשטעלען, קומט, זעצט זיך אוועק, איך דערצעהל אייך א מעשה׳לע, אויף מיין וואָרט.

און זיין שטימע קלינגט איצט פאר איהר, ווי נעכטען, ווען ער איז נעוועזען ביי איהר בעט... און ס׳פּאַלט איהר פּלוצלונג איין, אז ער איז טאקע מיט אַן אמת׳ען געוועזן... זי בעגעגענט זיך מיט זיינע אויגען און מיט שרעק דערזעהט זי אין זיינע אויגען צוויי שווארצע אָפּגרונטען, וועלכע שלינגען זיי איין...

ער נעהמט פעסטער דריקען איהר האַנט.

— חנה! נו נענוג שוין. קוק ניט אויף מיר אזוי. אָט הער.

חנה׳ן נעהמט אָבער אַלץ מעהרער און מעהרער שרעקען דער גע־דאַנק, אז ער איז טאקע נעכטען געשטאַנען ביי איהר בעט און דאָ נעהמט נאָך ברוך דערצעהלען:

אמאָל איז נעגאַנגען אַ איד אין וועג, איהר געדענקט דאָך נאָך...

יאָ?.. חנה!.. חנה! — — —

האָט חנה מיט אמאָל אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן — — — — — זי האָט פערביסען די צייהן און געוואָלט עפּעס אין זיך, מיט געוואלד, איינ־האַלטען...

ברוך איז גלייך אוועקגעלאָפען אין קיך נאָך וואסער. ווען ער איז אריין צוריק, איז שוין דאָס צימער געוועזן פול מיט היסטעריש־נאָיענדיגע שלענג און די שלענג האָבען זיך אַלע א לאָז געטהאָן צו איהם, צו דער גלאָז וואסער, צו זיין פּנים — — —

חנה׳ס קאָפּ איז געלעגען איינגעגראָבען אין קישען און די אקסעל האָבען זיך פיבערהאפט געטרייסעלט.

חנה! חנה!

קאַפּיטעל 23.

ווען מאַקס איז אָנגעקומען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מע מוז שיקען נאָך אַ דאָקטאָר, האָט חנה גענומען פּאָדערען, אַז ברוך זאָל אַוועקגעהן, ער זאָל גלייך אַוועקגעהן. זי וויל ניט ער זאָל דאָ זיין. זי וויל ניט, זי וויל ניט.

ברוך איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט נאָך געהאַט צו פאַרזאָרגען אַ מיטינג.

ביים מיטינג האָט ער זיך געהאַלטען כמעט געוועהנליך, אויסער, וואָס איין מאָל האָט ער זיך אָנגעשלאָגען אָן דער פראַגע „אידיש לעבען" און האָט מיט אַ צורייצטער ליידענשאַפט גענומען ווידערהאָלען „אידיש לעבען", וואָס איז דאָס אַזוינס אונזער אידיש לעבען! אונזער היגע אידיש לעבען. — דאָס איז דאָך אַ מיאוס'ע קאַליושע מיט ווערעם, ווערעם! ווערעם! — — — —

און נאָכדעם, ווען ער איז אַרויס אין גאַס האָט ער נעבען זיך דער־זעהן אַ יונגען מאַן. אַ לאַנגע צייט איז איהם יענער נאָכגעגאַנגען שוויי־גענדיג, און ברוך האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און געקוקט פאַר זיך אויף דער לאַנגער שוין איינגעשלאָפענער גאַס, אויף די לאָמפּען, וואָס קר־קען אין דער נאַכט, ווי גרויסע צוגליהטע אויגען פון אַ וואַהנזיניגען און אויף די פּעסלאָך און קופּעס מיסט, וואָס ליגען צוליינט און צושטעלט אויףביידע זייטען פון דער הויכער, לאַנגער גאַס. אַרום יעדע קופּע שטע־הען עטליכע פערשיעדענקאָלירטע קעץ און שאַרען און זוכען. די גאַנצע גאַס איז פול מיט מיסט און מיט קעץ. און וואָס איז דער וואונדער? — געהמט ברוך טענה'ן — אַז יעדער מויער האָט דאָך פינף און זעקס עטאַזש. יעדע עטאַזש האָט צו פיער וואָהנונגען, דאָס מאַכט אויס, אַז אין יעדען מויער וואוינען צו צוואַנציג און מעהרער משפחות. יעדע משפחה האָט זיך איהר אַש, איהר מיסט און איהר קאַץ. און אַט געהט איהר אייך איבער אַ לאַנגער, טיעפער גאַס, און האָט דאָס פערגעניגען צו

זעהן פאר זיך אזוי פיעל קעצענע אויגען: — קץ, קץ, קץ! — נעהמט ער זיך שרייען, עטליכע קעץ קוקען זיך אום און ער בוינט זיך צו צו דער ערד, מיט איין האנט, נעהמט ער מיט די פינגער מאכען, ווי ער וואָלט אין זיי עפּעס געהאַלטען און שרייט — קץ, קץ, קץ!

א סך קעץ הויבען אויף זייערע קעפּ, קוקען זיך אום, עטליכע לאָזען זיך געהן צו איהם, אָן די עטליכע שליסען זיך נאָך אָן עטליכע און ער רופט זיי אַלץ און רופט, און לאָזט ניט, קיין איינע זאָל צוקומען נאָהענט צו זיינע פינגער און זיי געהען ארום איהם און זעצען זיך צו אַלץ נידעריגער, שטילער, ציהען צו איהם די קעפּ, דרעהען די ווידלען און וואַרטען — קט!!! — גיט ברוך מיט אמאָל א געשריי אויף זיי אזוי, אז אַלע קעץ גיבען זיך צושראָקען א כאַפּ צוריק און נעהמען פריסקען, מיאַוקען. ער נעהמט זיי אָבער באַלד ווידער רופען און זיין שטימע, און זיינע בעוועגונגען זיינען אזעלכע, אז די קעץ לאָזען זיך צו איהם ווידער. אַט דערזעהט ער צווישען זיי איינע א שווארצע מיט ווייסע לאַפּקעס, גיט ער זי מיט אמאָל א כאַפּ; זי נעהמט זיך דרעהען, שרייען, די אַנדערע צולויפען זיך און ער נעהמט די קאַץ צו זיך אויף די הענט, גלעט זי, בערוהיגט זי — א, דו נאַריש קינד! וואָס האָסטו זיך דערשראָקען? פאַר מיר דאַרף מען דען זיך שרעקען? נאַריש קינד וואָס דו ביסט; און וואָסערע שעהנע, ווייסע לאַפּקעס דו האָסט! און דיין בויך איז דאָך אזא ווייסער, א ריינער און דיין ווייס נעזעל, און די ווייסע לאנגע וואָנסען, און ס'ארא שווארצע אויפגעשפּיצטע אויערען, און אָנו נאָר דיינע צייהן; אי, ס'ארא ווייסע, שפּיצינע! און דאָס פליייש ארום זיי גלאַנצט וויסליך־ראָז, און ס'ארא גלאַנציג־גרויע אויגען! גיט נאָר א קוק — זאָגט ער צו דעם מאַן, וואָס נעהט איהם אַלץ נאָך און ערשט איצט דערזעהט ברוך, אז דער מאַן איז — נחום...

נחום, אָבער, האָט אפּנים בלויז געוואַרט, אז ברוך זאָל זיך צו איהם א ווענדט טהון, און ער האָט זיך אויף איהם גלייך ארויפגעוואָרפען מיט גיפט און היץ:

— איהר זענט א בן סורר ומורה! איהר זענט נאָך פאר אונז ערגער פון ערגסטען וואָרעם! ווייל פון די אַלע, וועמען איהר האָט היינט אַנגערופען ווערעם, קאָנען מיר נאָך ערוואַרטען, אז ווען מיר וועלען זיי די אויגען עפּענען, וועלען זיי ווערען מענשען, ריעזען — אויב איהר

ווילט. אַ פֿאָלק פון ריעזען וועלען מיר ווערען, ביי אונז אין דער היים, אויף אונזער אייגען לאַנד; און אייך וועלען מיר ארויסוואַרפען דורך דער הינטערשטער טהיר, ווייל אַ פערפוילטער גליעד זייט איהר אויף אונזער לייב. ווער דאַרף אייך האָבען? ווער דאַרף אייך מיט אייערע מְשוּגע־נע „רעגען־מעשה׳לעך“, וועלכע קיינער פערשטעהט ניט? — אויסער אייך מיט נאָך אַ פּאָר משוגעים ווי איהר. פאַר וואָס שרייבט איהר ניט וועגען דעם, אין וואָס דאָס פֿאָלק נויטיגט זיך? פאַר וואָס אינטערעסירט איהר זיך ניט מיט׳ן פֿאָלק? איהר האָט דאָך אַ מאָל געברענט אַ וועלט פאַר אַ פרעמדען פֿאָלק. און איצטער, אַז יענע האָבען אייך ארויס־געשטעלט אַ פייג, האָט איהר זיך גאָר גענומען רעדען וועגען „אונזער אונטערגאַנג“ אָדער איהר נעהמט זיך פלאַמפלען וועגען אַזעלכע נאַריש־קייטען, ווי אייערע „פרייע דערפער“. פאַר וואָס ווילט זיך אייך שלעפען די אידען דוקא אין דער וועסט?! פאַר וואָס געפעלט אייך ניט פּאַלעס־טינע?! פאַר וואָס זיינט איהר אליין שוין אַזוי פיעל מאָל געפאָהרען אין דער וועסט און אפילו ניט איין מאָל אין פּאַלעסטינע?

— ווייל — ענטפערט ברוך — קיין פּאַלעסטינע רעכען איך פאָהרען ערשט דאַן, ווען מיר וועט זיך וועלען צושלאָגען דעם קאָפּ אָן אַ שטיין — — — וואָרט, וואָרט נאָך אַ ווײַלע, איך ענדיג באַלד. — און פון מיי־נע „פרייע דערפער“ דאַרפט איהר זיך ניט אָפּעסען די האַרץ, איך פער־זיכער אייך, אַז עס וועט זיך פון דעם גאָר ניט אויסלאָזען — — —

— ?!...

— כאַפּט זיך ניט, כאַפּט זיך ניט. איך בין נאָך ניט פאַרטיג.

— אָבער, רבונו של עולם! וואָס הייסט מען ארבייט אויף אַ זאַך, אין וועלכער — — —

— אָט דאָס, זעהט איהר, איז דער חלוק פון מיר ביז אייך. — איהר פערשטעהט? — איך האָב אַמאָל בעלאַנגט צו אַ פּריוואַוויליגער פייער קאָ־מאַנדע, און מיר פלעגען אָפּט אויפשטעלען אַ בנין, כדי איהם נאָכדעם אַליין אונטערצינדען. האָט איהר אַמאָל פערזוכט אַזאַ פערגניגען? אַ? — איהר קוקט מיך אָן, איהר פערשטעהט ניט, ווי דערציעהלט דאָס אַ מענש אויף זיך אַליין אַזעלכע אונגלויבליכע זאַכען? — ביי אייך, ווען איהר קוקט זיך ארום, אַז די נעביידע ברענט, צושפּענט איהר מן הסתם די אויגען ווי אַ הילפלאָז קינד: — עס ברענט, מאַמע, עס ברענט! און איהר ווייסט

ניט דעם געפיהל פון אַן אונטערצינדער, ווען אַלץ אין איהם גיסט זיך צונויף אין איין אויסגעשריי: פייער, פייער!!
נחום קוקט איהם אָן מיט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען: — — —
— אָבער, וואס פאר א מאָדנער מענש איך בין! — רעדט ברוך ווייטער. — איך האָב היינט אפגעטהאָן א זאַך, פון וועלכער איך וויל ניט טראַכטען. און דערויף בין איך אַלע מאָל א בריה. איך נעהם טראַכטען פון אַלץ און פון גאר ניט און פון וואָס איהר ווילט אַליין, אָבער ניט פון דעם, וואָס איך וויל ניט טראַכטען, און דאָס טהוט זיך שוין ביי מיר אַליין, און וויל איך ניט זיין אַליין, איז מיר נאָר געגונג דער קלענסטער קנייטש מיט'ן שטערען און איך האָב נעבען זיך ווען נאָר איך וויל. — אָט למשל איצט אייך...
!? — — —
— וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן? — איהר פערשטעהט, נחום, איהר שלאָפט דאָך גאר איצט גאנץ געשמאק אין אייער בעטעל, און אַז מיר האָט זיך פערוואָלט, זיינט... וואָס, איהר ווילט שוין פון מיר אוועקגעהן? איהר ווילט שוין פון מיר אנטלויפען? דאָס אָבער וועט זיך אייך ניט איינגעבען, ווייל איך וויל ניט. וואָס? איהר ווילט זיך איבערצייגען? איך ווילט זיך בלויז צוגעהן צו אייער בעטעל, זעהן צו ס'איז ריכטיג, צו ס'איז אמת, אַז איהר שלאָפט? נו, נארעשקייטען! ווי נאָר איהר וועט זיך א ריהר טהאָן פון ארט, וועט איהר זיך באלד אויפכאַפּען — — —
נו, און דאַן וועט איהר אָננעהמען, אַז איהר האָט גע'חלום'ט וועגען מיר. איז, וואס וועט איהר דאָ געווינען? אָט, בעסער קומט מיט מיר נאָך אביסעל, איך קאָן אייך נאָך א סך משונה'דיגע זאכען דערצעהלען.
און ווי מיר געפעלט דאָס, וואס איהר זאגט, אַז מיך וועט מען ארויסווארפען! — — — און נאָך אַזוי, דורך דער הינטערשטער טהיר! —
— — אַך, צו אַלדע טייוועל! איהר זייט דאָך נאָך אַלעמען אַן אינטערעסאַנטער מענש, אויף מיין ווארט! אַזוי נאָר פשוט — ארויס־וואַרפען!?
און מיינע מעשות, זאגט איהר, אַז דאָס פאַלק פערשטעהט ניט. און דאָס, זעהט איהר, איז דאָך טאקע זעהט ניט נוט. אמת, איך האָב גערעכענט, אַז איך גיב דאָ בלוז א צווייג, בלויז עטליכע בלעטער פון מיין וואַלד, בלויז עטליכע טראָפּען פון מיין ים, אָבער איך זאג דאָך זיך אַלע מאָל: אַז ווילסט עפּעס שרייבען, זאָלסטו ניט שרייבען, און ווילסטו עפּעס

זאָגען — זאלסטו ניט זאָגען, סיידען דו פיהלסט, אז דו מוזט, סיידען דו גלויבסט, אז מיט דיין זאָגען צו מיט דיין שרייבען, וועסטו כאטש אביסעל בעהעפטען די צוהערער מיט דיין וועלט — — — אך, צו אלדע טייוועל! ווי אלץ לאזט זיך אוים קאפויר — — —

אָבער איהר קענט דאָך מיינען, אז פון דעם טאקע, בין איך דאָס איצט אזוי צוטראגנען? ניין, איהר האָט א טעות. אָט הערט!

איהר קענט דאָך בינעמ׳ען — אָט דעם בלאָסען בינעם מיט די רויטע ליפּען. ניין, איהר קאנט איהם ניט. אָבער דאָס ארט מיך ניט. נאָר שטעלט זיך פאָר, אז דער בחור איז געווען פערליעבט אין א מיידעל, וועלכע ער האָט געדענקט — ער וועט שוין פיליכט מעהר אין לעבען ניט זעהן, נאָר ער איז געווען פערליעבט און איז געווען צופריעדען, ווייל, פלעגט ער זאָגען, ווען איך וואָלט פאָר איהר חתונה געהאַט, קען דאָך זיין, אז מיין ליעבע וואלט שוין פיליכט ביז איצט פער׳אונרייניגט געווארען, אזוי אָבער בין איך דאָך ביז איצט פערליעבט. — און ליעבע! ליעבע! — שרייט אוים בינעם — ווייסטו, וואס איז ליעבע? ווייסטו דעם טעם פון ליעבע, וואָס איז שטענדיג, וואס איז אייביג? — — — דאָס איז די ליעבע פון א מענשען וואס איז צוויי... א מענש, וואס איז ווילד פון ליידענשאפט און וואָס קעמפּט, ווי א ווילדער עקשן געגען זיין אייגענער ליידענ־שאפּט. ווייל ער וויל בלויז דאָס שעהנע, דאָס ריינע, ער וויל בלויז די ליעבע — — —

איצטער שטעלט זיך פאָר אזא מעשה; אז אין איין שעהנעם פריהמארגען פאלט אהער אראָפּ אונזער בינעם׳ס געליעבטע. בינעם איז דאן גראָדע ניט געווען, און דורך א צופאל בעקאנט זי זיך מיט א פשוט׳ן בחור, מיט נאָמען קאפּלאן. און דער קאפלאן ווערט פאר איהר פשוט משוגע. ער וואלט זי טראגען אויף די הענט, ער וואלט קושען איהר יעדען טראָט, אין כאָטש ער ווייסט אפילו, אז זי איז „א גאנצע גימנאזיסטקע" און אז ווי קומט ער צו איהר? — — — נאָר עס העלפט ניט. ער פיהלט, אז ער ווערט משוגע. און טאָמער פאָרט — — — זי איז דאָך ניט אין „יוראָפּ" — — — דאָ איז דאָך אמעריקא, דאָ זיינען דאָך אלע גלייך. אמת, ער שעהמט זיך פאר איהר און ווען זי הויבט אויף איהם אויף איהרע בלויע אויגען, מוז ער אראָפּלאָזען זיינע — — — און אָפט ווערט ער אוש רויט, נאָר וואס זאל ער טהאָן? — — — ער וועט זיך אפשר צוגע־

וואוינען. און זי איז דאָך אזא נוטע, זי איז דאָך אזא גוטע און א קלוגע — — — און זי, פערשטעהט זיך, ביינקט נאָך איהר בינעמ׳ען, קוקט זיך די אויגען אויס, פיליייכט קומט ער היינט, פיליייכט קומט ער מאָרגען, פיליייכט איז ער שוין געקומען — — — אָבער דאָך — וועלכע פרוי וועט זיך דאָס אפזאגען פון דעם פערגעניגען צו זעהן, ווי ארום איהר דרעהט זיך א מאַן, וואָס איז פאר איהר משוגע? — — — א מאַן, וואָס וואלט מיט פערגניגען לאָזען, אז זי זאל שינדען די הויט פון זיין לייב, זאל זי איהם נאָר זאגען, וועט ער אליין אַרויסשפּרינגען פון זיין הויט — — —

און אז בינעם איז געקומען און זי האָט דערזעהן, אז ס׳איז דער איינענער פערפאנצערטער בינעם וואס אמאָל — — — נאָר אז בינעם וויל זעהר ניט ליידען פאר וואָס זי „שפּיעלט" מיט קאַפּלאַנען.... האָט זי זיך דוקא גענומען נאָך מעהרער צולאזען צו קאַפּלאַנען.... און אזוי איז אוועק אלץ ווייטער און ווייטער. איז בינעם פּלוצלינג אוועקגעפאהרען — — — און אז ער איז צוריקגעקומען איז שוין געווען צו שפּעט — — —

דאָ האָט זיך בינעמ׳ען גענומען דאכטען, אז עמיצער האָט דאָס איהם אין מיסטען אונטערגעשטעלט אָט דעם קאַפּלאַן, אז קאַפּלאַן זאָל דאָס איהם ארויסשטעלען א צונג. און ער האָט מיר גענומען נאָכגעהן, ווי א שאָטען.

וואו נאָר איך דרעה זיך אויס, דערזעה איך פאר זיך א בלאס געזיכט, מיט רויטע ליפּען און פרענענדע אויגען.

— בינעם — זאג איך, — עס זיינען נאָך דאָ אזוי פיעל שעהנע, ליעבע פרויען, עס זיינען נאָך דאָ אזוי פיעל שעהנע, ליעבע פרויען!

— ניין, ברוך — ענטפערט ער — עס איז דאָ בלויז איין פרוי און אלע אַנדערע זיינען גאָר נישט. — זיי זיינען נאָר אַן אויסשטראהלונג פון איהר, זיי זיינען בלויז אויף צו דערמאהנען, אז זי איז דאָ; אז זי פערמאָגט דאָס אזוי פיעל פערשיעדענע געשטאַלטען, אזוי פיעל פערשיעדענע פארבען, אז איהר שמייכעל קאָן דאָס אויף אזוי פיעל פערשיעדענע שמייכלען צוטהיילט ווערען, אז — — — אז זי איז די איינציגע, אז זי איז די איין־און־איינציגע; אז אויף דער וועלט איז בלויז דאָ איין פרוי, איינע ,ברוך, איינע.

און ער געהט מיר ווייטער נאָך, ווי ער וואלט מיינער א שאָטען געווען.

דרעה איך זיך איינמאָל אוים צו איהם און זאָג:

— בינעם, דו ווייסט דאָך די אידעע פון א מענש, וואָס איז צוויי — — — נו, איצט שטעל זיך פאָר, אז אי דו, אי קאפלאן זיינט איהרביידע — איך.... ברוך — — — —

צועפענט בינעם אויף מיר א פאָר גרויסע, צושראָקענע אויגען און ווערט נאָך בלאסער און פרעגט:

— איז וואס מוטשעסטו מיך אזוי? ! — — — —

האָב איך אויף איהם א בייזען קוק געטהאָן, האָט ער אראפגעלאזט די אויגען און איז ניט געבליעבען.

א לאנגע צייט נאָך דעם האָב איך מיט בינעמ׳ען וועגען דעם קיינע בעזונדערע געשפּרעכען ניט געהאט, היינט אָבער קומט ער צו מיר ווידער א צוטראָגענער:

— ווייסט — זאָגט ער — איך האָב נאָר וואס דער׳הרג׳ט איהר קינד.....

— ווי אזוי? — פרעג איך צושראָקען — אונגערען? !

— ניין — זאָגט ער — איך האָב דאָס פריהער געוואוסט.

— וואס הייסט? !

— וואָס וואונדערסטו זיך — זאָגט ער מיר — דו ווייסט דען ניט. עס טרעפט זעהר אָפט, אז מען קומט צו אונז ניט איינמאָל און מען זאָגט אונז אָן: ווייס פלוני בן פלוני, אז דו וועסט טאָהן דאָס און דאָס. — הערען מיר ניט און מיר פערשטעהען ניט, אָדער מיר מאכען זיך ניט הערענדיג און ניט פערשטעהענדיג, ביז עס קומט, ווען מיר טהוען עווין אָפּ, דערמאנען מיר זיך ערשט דאן, אז מיר האָבען דאָס שוין לאנג געהערט און געזעהן און געוואוסט. — אבער — שרייט ער אוים — ס׳איז נארעש־קייטען, נארעשקייטען.

— וואָס נארעשקייטען? !

— ס׳איז היינט אזא מאָדע — זאָגט ער מיר — ס׳איז היינט אזא מאָדע. איך גלויב ניט, אז דו וועסט אפילו געפינען איין מויער אין ניו יאָרק, וואו מען זאל ניט האלטען פון אָט דער מאָדע — — —

און ער צולאכט זיך מיר גליַיך אין פּנים אַריַין, און בליַיבט ניט. — — —

און איצט שטעלט זיך פאַר, מיַין פריַינד, אַז ווען איך גייע דאָ מיט אייך איבער אָט דער לאַנגער שמוציגער גאַס, זעה איך שוין ניט נאָר גרויסע, שמוציגע שטאַלן, גרויסע אויסגעלאַסענע היַיזער, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איך זעה, ווי פון אָט די הונדערטער און הונדערטער פענ־סטער קוקען אַרויס אונשולדיג־דער'הרג'עטע קינדערלעך; אַז אָט די קעץ, וואָס זוכען דאָ אין די קופּעס מיסט, זוכען פיליַיכט שטיקלעך קינדער, און ווען ביַי אַ קאַץ נעהמט עפּעס קנאַקען אונטער די צייהן, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס קנאַקען קינדערשע ביַינדלעך. און מיט שטיינער אין די הענט ווילט זיך מיר וואַרפען אויף אָט די פענסטער, זיך אַריַינריַיסען אין זייערע וואוינונגען, בעפאַלען די מיאוס'ע זינדער אויף זייערע געלעגערס, און שפּאַלטען זייערע קעפּ: —

— פערלאַזט! פערלאַזט דעם זומפּ! ראַטעוועט זיך, איהר עקעלהאַפּ־טע, פערשאָלטענע! איהר, וואָס מאַכט אייער בעט צו דעם געלעגער פון אַ זונה, זאָלט פערשניטען ווערען!

ערגעץ אַרויף שניַידט אַ קאַר איבער די גאַס, אַ גרינע קאַר מיט וויַיסע, זילבערנע ווערטער, מיט ליכטיג־שיַינענדיגע פענסטער — די קאַר איז פול מיט עלעקטרישען שיַין און מיט מענשען — — — דער עולם איז פער־פּוצט; מען פאָהרט, וויַיזט אויס, פון טהעאַטער. פון אונטער די רעדער שפּרינגט פון מאָל צו מאָל אַרויס אַ בלויער עלעקטרישער פיַיער.

— דאַכט זיך אייך ניט אויס, מיַין פריַינד, אַז די רעדער פון אָט דער קאַר לאַכען?... אַז זיי לאַכען פון אייך מיט אייער וויַיטען פּאַלעסטינאַ. פון מיר מיט מיַינע נאָהענטע פריַיע דערפער; אַז זיי לאַכען פון אונז מיט אַלע אונזערע חלומות, אַז זיי לאַכען, לאַכען — — —

אַ וויַילע איז אונגעשטימט שטיל, און נאָכדעם פּסק'ענט ברוך:

— וועלל — — — איך רעכען, אַז עס וועט שוין זיין גענוג פאַר היַינט, אַ גוטע נאַכט, מיַין פריַינד. אַ גוטע נאַכט. און דו, קאַץ, מעגסט זיך שוין אויך אַראָבקליַיבען פון די הענט. אַ גוטע נאַכט. אַ גוטע נאַכט.

ווי נאָר ער האָט אַראָבגעלאַזט די קאַץ פון די הענט, איז זי גליַיך אוועק. נחום אָבער איז נאָך געבליעבען נעבען איהם — — —

—וואָס איז מיט אייך, מיין פריינד? — פרעגט איהם ברוך פער־וואונדערט. — אייך ווילט זיך פילייכט מיר נאָך אמאָל זאגען, אז איך בין א פערפוילטער גליעד אויפ׳ן אידיש׳ען קערפער? און אז איהר וועט מיך ארויסווארפען דורך דער הינטערשטער טהיר? דאן זאָגט דאָס אָפּ און ווערט פארטיג.

— ניין, — ענטפערט יענער מיט א פלוצלינג געענדערטער שטימע, וועלכע האָט מיט אמאָל נענומען קלינגען און ברענען מיט פייער — איך וויל אייך זאגען, אז ווען מיר וועלען בעזעצען דאָס לאנד, וועלען מיר אויסבויען א גרויסען טריאומפאלען טויער, און א יום טוב וועלען מיר דאן מאכען א נייעם, דער יום טוב פון אונזער נאציאָנאלער וויעדערגעבורט! און אין דער נאכט פון דעם יום טוב וועלען מיר ארום דעם טריאומפאלען טויער צולעגען גרויסע פייערען. אונזערע זיהן און טעכטער אויסגעפוצט אין זייערע שעהנסטע קליידער, וועלען ארויסגעהן אנטקעגען דעם טויער מיט פויקען און מיט טענץ, דאָס וועלען זיי געהן בעגעגענען די אלע אנטרינענע, פערשטויסענע און פערוואגעלטע. די אלע, וואָס מיר האָבען פאַר דער לאנגער צייט פון אונזער שווערען גלות, צוזעעט און צושפרייט צווישען פעלדער און פעלקער, צו די אלע וועלען מיר דאן רופען: קומט אריין, איהר זייט אונזערע! קומט אריין און זייט בעגריסט, און זייט געבענשט אין דעם נאָמען פון דעם איינציגען גאָט, אין נאָמען פון זיין ענערגישען, אלט־יונגען פאָלק! מיר וועלען אייך אויפנעהמען, ווי עס נעהמט אויף א טאטע זיינע קינדער אין דעם טאג פון זיין פרייד, און אין יענעם טאָג וועט איהר זיך אומקעהרען צוריק צו אייער פאלק. איהר וועט זיך אומקעהרען און איהר וועט געטרייסט ווערען; איהר אלע איינזאמע מידע, פערמאטערטע. אונזערע צולעגטע פייערען וועלען ברענען אין דער נאכט און זיי וועלען אייך צייגען דעם וועג, און איהר וועט קומען צו אונז מחנות־ווייז דורך דעם טריאומפאלען טויער, ווייל איהר זייט אונזערע. ווייל „ווי פלאמען פייער בעלאנגען צו דעם ברען־מאטע־ריאל, פון וועלכען זיי קומען ארויס אפילו דאן, ווען זיי רייסען זיך פון איהם אָפּ״, אזוי בעלאנגט איהר צו אונז. איהר זייט אונזערע! — פלאמען פון אונזער הארצען! פלאמען, וואס האָבען זיך אפגעריסען און קאָנען ניט פערלאשען ווערען און טראגען זיך ארום ווי בלאָנדזשענדע שטערען. בלאָנדזשען וועט איהר אָבער בלויז ביז דאן, ווייל אין יענעם טאָג וועלען

מיר זיך צוריק צונויפגיסען אין איין פייער. דאָס וועט זיין דער גרעסטער, דער שעהנסטער פייער, וואס הימעל און ערד האָבען ווען געזעהן. טויזענ־דער און טויזענדער דורות וועלען דאן אויפשטעהן און צוקוקען, מיט וואס פאַר א פרייד דאָס אידישע פאָלק נעהמט צוריק אויף אין זיין שוים זיינע אַנטרינענע קינדער. — — — — — — — — — — — —

— איהר זייט דאָך נאר א וואוילער בחור — רופט זיך אָפּ ברוך און וויל דערביי ארויפלעגען זיין האנד אויף נחום׳ס אקסעל, אָבער די האנד טרעפט קיינעם ניט. — — — — — — — — — —

— בינעם, בינעם! — — —

און א צואוועהטאָגטער שמייכעל בעווייזט זיך אויף ברוך׳ס ליפען.

— בינעם! — — —

קאַפּיטעל 24.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען ברוך איז געווען ביי זיך אין צימער, ווען ברוך איז אומגעגאַנגען פון איין וואַנט צו דער צווייטער, ניט ווי־סענדיג אפילו צו ער געהט, האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טהיר און ביילקע איז אריין.

— האַלאָ!

— האַלאָ!

ביילקע איז געבליעבען שטעהן אין טהיר און האָט איהם אויסגעמאָס־טען מיט אויגען פון א פריינד, פון א גוטען, איבערגעבענעם פריינד.

— איהר דאַרפט מיך אפשר האָבען? — האָט זי געפרעגט און איהר שטימע, איהרע אויגען און אין גאַנצען איהר האַלטונג זיינען פערענדער־טע.... נאָר אַן אנדער ביילקע — —

ברוך האָט זי אנגעקוקט פערוואונדערט, און א קנייטש געטהאָן מיט די אַקסעל:

— וואָס איז מיט אייך, ביילקע? ! — — —

ביילקע שווייגט. און קוקט איהם אָן ווי פריהער.

— איהר ווילט אפשר איך זאָל אייך וואָס דערצעהלען? — — —

ביילקע אבער איז נאָך אַלץ פערבליבען ביי דער טהיר און געקוקט אויף איהם געטריי און איבערגעבען. און אַט האָט זי א פריינדליכען שמייכעל געטהאָן.

— זעצט זיך, — האָט ברוך געזאָגט, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן מיט איהר.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט, ניט אראָבנעמעהנדיג פון זיך דעם אויבער־רעקעל.

ברוך האָט דאָס פון אָנפאַנג ניט בעמערקט און זיך ווידער געלאָזט שפּאַנען איבער'ן צימער. נאָר אַט האָט ער זיך אפּגעשטעלט פאַר איהר:

— וואָס איז דאָס היינט מיט אייך? פאַר וואָס האָט איהר ניט אויס־נעטהאָן דאָס רעקעל?

— נישקשה, ס'איז א לייכט רעקעל. נאָר — פערכאַפּט זי זיך באלד — אויף וואָס טאקע זיץ איך אין דעם, ווייס איך אליין ניט. און זי הויבט זיך אויף און נעהמט זיך דאָס אויסטהאָן.

פון רעקעל איז זי ארוים אין א העל־בלויען קלייד, מיט א ווייסען אָפּגעלעגטען קאָלנער. — — —

— איהר קומט איצט פון חנה'ן? — פאַלט איהם פּלוצלינג איין זי צו פרעגען. — — —

— יאָ, — ענטפערט זי קורץ.

— וואס הערט זיך דארט?

— מ'האָט זי צתענומען אין האספיטאַל.

— און וואָס?

— מען וועט איהר מוזען מאכען אן אָפּעראַציע.

— אַן אָפּעראַציע?! — — —

— יאָ.

ברוך האָט זיך ווידער גענומען שפּאַנען הין און צוריק. נאָכדעם איז ער צוגענאַנגען צו ביילקען, זי בעטראַכט. איהרע הענד, איהרע קליי־נע אקסעל, פרעסען זיך אזוי רונד ארוים פון אונטער דעם בלויען קלייד — — — אין דער אויסדרוק פון איהר פּנים און פון איהרע אויגען איז פונקט, ווי זי וואָלט איהם קומען אָנזאָגען, אז חנה איז געשטאָרבען...

ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, און גענומען קוקען פאַר זיך. אָט האָט ער דערזעהן דעם לאָמפּ און האָט זיך אָנגעשטעלט אויף איהם מיט די אויגען. פונ'ם לאָמפּ שפּאַרען זיך דורכזיכטיגע, נאַלדענע וועלען — — — — נאַלדענע וועלען פילען אָן דאָס צימער — — — זיי ויצען פערטרונקענע אין דורכזיכטיגע, נאָלדענע וועלען — — —

— איינמאָל, ביילקע, בין איך געזעסען אין א ליכטיגען זומער־טאָג, ביים ברעג פון האָדסאָן און געזעהן ווי ער קנייטשט זיך פערשיע־דיגען, ווי ער וואָלט געווען אנגעפילט מיט פערשיעדענע שטיקער וואסער, וואָס ווילען זיך ניט אויסמישען, און יעדע שטיק שפּינעלט זיך מיט דער זון אויף איהר אייגענעם שטייגער: עס שווימען אום שטיקער וואַ־סער מיט צוגעטראַהלטע האָלבע זונען, שטיקער מיט רונדע זוניגע פּאַסען,

די פאסען ווארפען זיך אום איבער'ן וואסער אין אלע זייטען, ווי צו־רייצטע גאלדענע שלאנגען. און עס שווימען אויך אום שטיקער וואסער, אין וועלכע עס נעסטען זיך צו דריי פיער זונען אויף איין מאל. און שטיקער, וואס קנייטשען זיך אין צוהאקטע קליינע וועלען און די קליינע וועלען ברעקלען די זון אויף שטיקלעך.

און אזוי האט מיר ארייננעשווינדעלט אין די אויגען א זוניגע וואַ־סער־נעץ, וואס האט זיך נעצויגען ברייט און ווייט אויף לינקס און נאך ברייטער און נאך ווייטער אויף רעכטס, און עס האט זיך געדאכט, אז דער צושטראהלטער טייך גיסט זיך ארויס ערגעץ דארט פונ'ם בלויען רוים און לאזט זיך אוועק אהין ווייט, ווייט אינ'ם בלויען רוים אריין.

און אט האב איך איבער עפעס א סבה א פינטעל געטהאן מיט די אויגען און דערזעהן, אז דער גאנצער האדסאן איז פול מיט גאלדענע קינדער — — — אזוי פיעל גאלדענע קינדער אויף איין מאל! — חידוש איך זיך און קוק, ווי זיי טוקען זיך און שפיעלען זיך. אט כאפען זיי זיך אלע אן פאר די הענטלעך פארוויז און גיבען זיך אלע א הויב ארויס אויף אריבער האלב, מיט א פערשייטען קינדערשען לאכען. און זיי שטעהן אזוי א ווײַלע — — — און אט טיקען זיי זיך אלע אונטער און נימא זיי — — — און דער האדסאן נעהמט זיך ווידער קנייטשען אויף פערשיעדענע אופנים, ווי ער וואלט געווען אנגעפילט מיט פערשיע־דענע שטיקער וואסער.

די היץ איז געווען אונערטרעגליך. די לופט — כאטש בייס זי מיט די צייהן. דער הימעל א פערשמאכטער, א בלאס־בלויער, און אויפ'ן סאמע מיטען פון הימעל איז דורכגעשלאגען א רונדער לאך, ערגעץ אין א זונען וועלכ ארייז פון וואנען עס שטראמט אהן אויפהער מיט היץ און מיט זון.

איך האב זיך פערקוקט איבער'ן האדסאן. אויפ'ן אנטקעגענדיגען בארג. דו ווייסט דאך די „פאליסייטס“, נעבען וועלכע מען דערפיהלט זיך אזוי מילביג קליין, נעבען, וועלכע מען עפענט אזוי משוגע'נדיג ברייט די אויגען, ווי מען וואלט פלוצלינג אויפגעוועקט אין מיטען א פער־לום'טען שלאף און מיט אמאל מגלה געווען עפעס אזעלכעס, וואס דו ווייסט ניט ווי דאס אנצורופען. און איך קוק. און דער בארג שטעהט מיר פאר די צועפענטע אויגען אין זיין גאנצער דריקענדער גרויס און קוקט אויף מיר אזוי געוואלדיג פון אונטער זיין גרויסען שטיינערנעם

שטערען, וואס ציהט זיך ארויף מיילען — דער שטערען פון פעלזען, וואָס מאכען א מחיצה צווישען די וועלדער פון אונטען און די וועלדער, וואס וואקסען אויבען, אויפ'ן בארג'ס קאָפּ. און דעם בארג'ס קאָפּ, מיט זיינע וועלדער, רייסט זיך אין דער וועלט'ס הימעל אריין. אָבער פּלוצלינג דערהער איך נעבען מיר:

— אלץ קליינינקייטען, אלץ נארישקייטען! דאָס איז אלץ אין מיסטען געמאכט, כדי איך זאל ניט איינפאלען צו קוקען אין רוים, אין דער ווייטקייט, כדי איהר זאלט ניט זעהן דאָס גרויסע, דאָס גרעסטע, כדי איהר זאָלט ניט זעהן דעם רוים, דעם רוים! — — —

און איך דערזעה נעבען זיך א הויכען, ברייט־פּלייציגען מאן. זיין פּנים איז ברוין־פערברענט. ענערגישע געזיכט־ציגען, א צוויי דריי שארפע קארבען אויפ'ן שטערען און צוויי ווייטע פרעמדע אויגען. — —

מיך — דאכט זיך — בעמערקט ער גאָרניט.

אין זיין רעכטער האלט ער א שטארקען שטיין, ווי ער וואלט זיך געקליעבען מיט איהם ווערפען דעם קאָפּ פלעטען. — — —

און ער קוקט, אזוי ווי ארויסרופענדיג ערגעץ איבער'ן האָדסאָן, מורמעלט וואָס מיט די ליפען און אָט הויבט ער אויף זיין רעכטע האנד און ניט האסטיג א שליידער דעם שטיין.

דער שטיין פאלט אינ'ם גאָלדענעם וואסער און עס דערהערט זיך פון דאָרט ווי א הינטישער ביל. — — — ווארפט ער אהינצו נאָך א זידעל־וואָרט און ווענדט זיך צו מיר, מיט אזא טאָן, ווי ער וואָלט מיט מיר פארטגעזעצט אן אגמיען געשפרעך:

— איהר פערשטעהט, אָט א די אלע קליינינקייטען ציהען דאָס אָפּ אונזער אויפמערקזאמקייט פון דעם רוים! עס קאָן דאך זיין, אז מיר וואָלטען זיך שוין ביז איצט צוגעוואוינט צו קוקען גלייך אינ'ם רוים, ווען ניט אָט די אלע קליינינקייטען.

קוק איך אויף איהם אזוי... און קנייטש מיט די אקסלען, ער הויבט אויף מיר אויף זיינע גרויסע, פרעמדע אויגען — — — זיי קוקען עפּעס אזוי ווילד און מאָדנע ווייט.

— וואס — פרעגט ער — איהר פערשטעהט מיך ניט? ! — האָט איהר ווען געפּרואווט צו קוקען אינ'ם בלויען רוים?

איך האָב ווידער א ציה געטהאָן מיט די אקסלען.

— איך וויים, אז נים — זאָגט ער.

איהר האָט געוויס זיך נים איינמאָל פערקוקט אויף דעם אדער יענעם וואָלקען, אויף דעם אָדער יענעם מענשען, אויף דער אדער יענער נאטור־ערשיינונג אויף אזא צו אנאדער זאך, וואס פערנעהמט פלאַץ אינ'ם רוים, פיליייכט אויף דער זון אליין זיך נים איינמאָל פערקוקט, נאָר אין דעם רוים איז אייך, ווי אלע איברינע נים אויסגענומען אריינצוקוקען. און דער־פאר טאקע איז, אז ווען עפעס זאל איצט קומען צו אייך און אייך פעסט אָנכאפען פאר'ן קאלנער, אָדער פאר דער קוטשמע פון אונטען און זאל אייך צווינגען צו קוקען אינ'ם בלויען רוים אריין, דאָס הייסט: בלויז אין דער בלויער בלויקייט אריין, וואָלט איהר דאָך געוויס פערבלענדט און צומישט געווארען, איהר וואלט זיך דאָך מן הסתם גענומען ברייה'ען מיט אלע אייערע כחות צו געפינען כאָטש עפעס א פינטעל, אבי זיך אויסצודרעהען פון צו קוקען אינ'ם רוים, ווייל צו שטארק, צו גרוים איז פאר אייך די טיעף, די ברייט, די גרוים פונ'ם רוים. און איהר זייט דאָך א קינד פון א פאָלק, וואָס איז ביי זיין געבורט ארומגעפיהרט גע־וואָרען אין דער מדבר פערציג יאָהר. פערציג יאָהר האָט זיי זייער פיהרער געלערענט צו קוקען בלויז אין רוים און אין ווייטקייט, פערציג יאָהר....

צועפען איך די אויגען און נעהם קוקען פאר זיך, אין דער בלויקייט און ווער א פערציטערטער; דער רוים איז דאָך עפעס א מין פייער, א מין נעדיכטע, פלאמיגע בלויקייט, וועלכע עסט ממש די אויגען אוים! — —

ער בעמערקט דאָס און צולאכט זיך משוגע'נערווייז: — כא־כא־כא־כא־כא־כא! קליינינקייטען, קליינינקייטען דארפט איהר. איהר מוזט האָבען א קליינינקייט, וואָס זאָל פון אייך פערשטעלען דאָס גרויסע, דאָס גרעסטע, כא־כא־כא! ווי בלינד איהר זייט דאָס, פאר'ן גרויסען, פאר דעם ווייטען.

און ער האָט זיך אזוי צורעדט גאנץ ברייט, און אלץ ברייטער און ווייטער און אלץ וועגען רוים און וועגען ווייטקייט.

איך האָב אָפטמאָל געשטויגט און אָפט געקנייטשט מיט די אקסלען, אָבער ער האָט מיך שוין נאָר נים בעמערקט. זיינע אויגען האָבען גע־קוקט קלאָהר און ווייט פאר זיך, אינ'ם רוים, אין דער בלויקייט, ווי נים איך, נאָר דער רוים וואלט דאָס נעדארפט פערנעהמען, וואס ער זאגט.

אַז ער איז שטיל געבליבען — איז די לופט שוין געװען אַ גענדערטע.

און פון איבער דעם בארג האָט גענומען װאַקסען אַ גרױסער פער־רױכערטער הימעל. בײז און פאַרביסען האָט זיך אָט דער נײער פון ערגיץ אָבגעשפּאָלטענער הימעל, גענומען שפּאַרען אױף דעם דורכזיכטיגען מאַט־בלױען הימעל און אַז ער האָט דערגרײכט די זון האָט די לופט אױפ־געציטערט, די פערשכור'טע לופט האָט זיך מיט אַמאָל אױסגעניכטערט און אַראָבגעװאָרפען פון זיך איהר פערשטראַהלטען שלײער. דער טײך האָט בעקומען אַ געװעהנליכען װאַסער־קאָליר, האָט זיך צונױפגענאָסען אין אײן שטיק און איבער זײן גאַנצען לענג און ברײט האָט אַ װינטעל גענומען בינדען און קײטלען אַלץ־אײנע, קלײנע, האַלב־רונדע װעלען.

דער בארג איז צוגעקומען נעהענטער און האָט זיך גאַנץ פּשוט אַרױסגעפּרעסט מיט זײנע װעלדער און מיט זײנע גרױע פעלזען. און האָט גענומען עפּעס אַזױ װאַקסען גלײך אין פּנים אַרײן: די בױמער האָבען זיך גענומען װיעגען און עס האָט אױסגעזעהן, אַז זײ בעװעגען זיך אין גרױסע טשערעדעס, װאָס לאָזען זיך אַראָב פון הימעל איבער'ן בארג און אײלען זיך צום װאַסער. און דער שװאַרץ־גרױער הימעל האָט זיך גענומען טראָגען אַלץ העכער און העכער. די זון האָט פערשטראַהלט מיט נאָלד זײן פערדרױכערטען ברעג. אָבער ער איז צוגע־קומען פּעסט צו דער זון און האָט זיך מיט בײזקײט אַריבערגעטראָגען איבער איהר גאָלדענעם רײף. דאַן איז מיט אַמאָל די גאַנצע לופט געװאָ־רען ערנסט־גרױ און פול מיט װינט. די בױמער געבען אונז האָבען זיך אױפגעטרײסעלט און זיך גענומען װיעגענדיג, בױגען אַלע אױף אײן זײט. די צװײגען האָבען גענומען פּאַטשען מיט די בלעטער, װי זײ װאָלטען זיך װעלען אַפּרײסען און אַװעקפליהען פון די בױמער. און דער װינט האָט אין זײ געפּרעסט און אױסגעבױגען די בלעטער מיט די לינקע, כמעט װײסע, זײטען אַרױף. מאָדנע האָט גענומען אױסזעהן דער װאַלד נעבען אונז: אַ װאַלד מיט װײסע בלעטער, װאָס װיעגט זיך און רײסט זיך. און אױפ'ן טײך האָבען גענומען אומלױפען גרעסערע, פערשױמטע װעלען, װי אין דעם האַדסאָן װאָלטען מיט אַמאָל פון ערגעץ אַנגעשװימען װילדע, װײסע פערד, מיט גרױסע, װײסע גריװעס און דער װינד רײסט

די גריוועס אין דער לופטען און וואָרפט זיי און פלאַנטערט זיי איבער׳ן טייך.

אנטקעגען דעם נייעם שוואַרץ־גרויען הימעל, וועלכער איז נאָך אלץ געוואקסען פון אריבער דעם באַרג, האָבען זיך בעוויזען נאָך וואלקענס און וואלקענס, מחנות־ווייז, אייניגע האָבען זיך געטראָגען העכער, אייניגע נידריגער. די זון איז שוין לאַנג ניט געווען, אָבער איהרע שטראַהלען האָבען זיך נאָך ארויסגעשפּאַרט פון אונטער דעם נייעם שוואַרצען הימעל אין ברייטע פּאסען און האָבען געפאַרבט די אָנגעקומענע וואָלקענס; די וואס זיינען געהאַנגען העכער זיינען דורך די שטראַהלינגע פּאסען געוואָרען דורכזיכטיג־ווייס, די אנדערע זיינען געוואָרען ווייס־ראָז, נאָר די וואלקענס, וואס זיינען געהאַנגען נידריגער, זיינען געבליבען ערענסט און פערביסען גרוי.

ניט ווייט פון אונז האָט דער ווינד אויפגעכאַפּט א בויגען צייטונגס־פּאַפּיער, און זיך דערמיט א לאָז געטהאָן אריבער די בוימער. איבער׳ן באַרג איז מיט אמאָל געוואָרען שטאַרק פינסטער. די אויבערשטע וועלדער זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען. דער באַרג האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט די וואָלקען און עס האָבען זיך פון דאָרטען גענומען טראָגען דונערדינגע קולות, ווי געשרייען פון ריעזען, צווישען וועלכע עס האָט אויסגעבראָכען א געשלעג, א שלאַכט, אויף טויט און אויף לעבען. אויפ׳ן שוואַרצען הימעל האָבען זיך באַלד בעוויזען צוריסענע, אין שטיקער צובראָכענע, פייער־פּאַסען. עס האָט זיך גענומען הערען, ווי מען שליידערט פעלזען, פעלזען שלאָגען זיך אין דער לופטען אָן מיט פעלזען, מען ברעכט וועלדער, מען רייסט דעם באַרג אין שטיקער. און אָט איז א ריעז אריינגעפאַלען אין פלען. עס איז געוואָרען א ווילדער טומעל: עס האָבען גענומען אויפ־פלאַקערען לאַנגע בליצען איינס נאָכ׳ן אנדערען. די לופט האָט זיך אָנגע־צונדען אויף מינוטען און גענומען ברענען א פערציטערטע, און דער געפאַנגענער ריעז רייסט און ראַנגעלט זיך דאָרט, ביז צולעצט לאָזט ער ארויס אזא ווילדען געשריי, פון וועלכען די שטאַרקסטע בוימער, וואס שטעהען אויפ׳ן וועג פון זיין קול נעהמען זיך ברעכען ווי שפּענער.

די כוואַליעס האָבען זיך גענומען שפּרינגען אין דער לופטען. אויף יענער זייט ווייזט מיר אויס גיסט שוין א שלאַקס רעגען; און איך דער־מאָהן זיך אין מיין שטרויענעם הוט, איך האָב איהם נאָר וואס געקויפט און

איך האָב זעהר נים קיין חשק געהאַט, אז ער זאָל צואווייקט ווערען, כאַפּ איך דעם הוט און לאָז מיך לויפען. אויפ׳ן וועג האָבען מיך אנגעיאָגט עטליכע שווערע רעגען־טראָפּען, האָב איך אראָבגעכאַפּט דעם הוט אין האַנד און זיך געלאָזט לויפען נאָך שטאַרקער. און אַזוי בין איך נאָך אין צייט אַנגעלאָפען צו מיין וואוינונג. נאָר ווען איך האָב א נעהם געטהאָן דאָס הענטיל פון מיין טהיר, האָב איך זיך צולאַכט אליין, ניט וויסענדיג פון וואָס. — — — און באַלד דערויף האָב איך זיך רויט פערשעהמט — — — ווען איך בין אריין אין צימער, האָב איך זיך געפּרואווט דערשטיקען אָט דעם מאָדנעם געפיהל. א גרויסער, שווערער רעגען האָט באַלד גענומען קלאַפּען אין די פענסטער. איך בין צוגעגאַנגען און האָב צועפענט די פענסטער. דער רעגען האָט גענומען שפּרינגען אין מיין צי־מער, מאַכענדיג נאַס אַלץ, וואס איהם איז געקומען אין וועג. איך האָב גענומען קוקען דורך די פענסטער, פילייכט זעה איך איהם, דעם מאַן פונ׳ם רוים, אָבער ניין, מיינע אויגען בעגעגענען בלויז — רעגען, ווינט און בוימער — גרינע בלעטער און נאַסע צווייגען, וואס רייסען זיך און שלאָגען זיך מיט׳ן ווינט. איך דרעה זיך אוים, און נעהם זיך געהן איבער׳ן צימער הין און צוריק, און באַלד נעהם איך נאַריש שמייכלען פון זיך אליין: זיך בעגעגענט מיט׳ן מאַן פון רוים און אנטלאָפען צוליעב א שטרויענעם הוט!

און עס שפּרינגט אין מיר מיט אמאָל אויף א צורייצטער כעס, און, ווי איך וואָלט זיך פון קייטען אבגעריסען, בין איך צוגעשפּרונגען, א כאַפּ געטהאָן מיין הוט און איהם גענומען ברעכען, גענומען בייסען און רייסען מיט די צייהן; איהם א שליידער געטהאָן אן דער ערד און איהם נאָך גע־נומען טרעטען מיט די פיס. און אין מיטען מיין כעס האָב איך ווידער גענומען שמייכלען, שמייכלען פון דעם, וואס איך פערנעהם זיך מיט אָט אזאַ קליינינקייט — — — איך האָב זיך פערשעהמט און ארויסגעוואָרפען דעם הוט דורכ׳ן פענסטער. פאַר מיינע אויגען האָט דער טונקעלער הימעל מיט אמאָל געפּלאַצט אין עטליכע שטיקער, מיט א געוואַלדיגען קראַך. בליצען האָבען גענומען שפּרינגען אויף רעכטס און אויף לינקס, בעוויזענ־דיג אויף רגע׳ם דעם טייך, דעם ריעזיגען ווייטען באַרג מיט זיינע איבער־שטע און הינטערשטע וועלדער. און נאָך דעם איז דער רעגען געוואָרען נאָך שווערער, אָבער מיר האָט דאָס אַלעס שוין אויסגעזעהן, ווי א כעס

צוזאַמען מיט אַ שמייכעל — — — דאָס איז אַלץ איבער אַ קליינינקייט!
— — — עס איז פאַראַן גרעסערעס, גרויסעס און נאָר גרויסעס.

און נאָך דעם, פאַרנאַכט, ווען עס האָט זיך געלייטערט, דער הימעל איז געווען צובראָכען אין טויזענדער שטיקער, און ניט נאָר איינער, נאָר עטליכע הימלען פון פערשיעדענע פאַרבען זיינען געהאַנגען צובראָכענע, צוריסענע איינער איבער׳ן צווייטען. איינער אונטער׳ן צווייטען. און שטיקער הימעל, גרויע, מילך־ווייסע, געלע, גאָלדענע, ראָזעווע, פיאָלעטעווע און נאָך אַנדערע זיינען אין טשערעדעס ווייט געשוואומען איבער דעם לאַנגען און ברייטען האָדסאָן. און דער האָדסאָן האָט זיך געגרויסט, זיך געטראָגען אַ צופריעדענער מיט זיינע פאַרביגע טשערעדעס און דערביי זיך אַזש געהויבען אַרויף. „ווי שעהן, ווי רייך דו ביסט דאָס איצט, מיין ליעבער, גוטער האָדסאָן — האָב איך אויסגעשריען — אָבער דו ביזט דאָס ערשט אַ קליינינקייט, עס איז פאַראַן נאָך גרעסערס, גרויסעס און נאָר גרויסעס. — איך הויב אויף מיינע אויגען און זעה — איבער מיין קאָפּ ציהט זיך אָט דער פאַנטאַסטישער הימעל אויף מיילען און מיילען, און צווישען די פערשיעדען־פאַרביגע שטיקער שלאָגט זיך דורך פון ערגעץ נאָר הויך, אַן אונענדליכע, צאַרט־שפּיעלעוודיגע בלויקייט. און איך שפּרייט מיינע הענט צום הימעל. איך שיק איהם מיין ברכה, דער־פאַר וואָס ער האָט מיר אַזוי ברייט אין ווייט מיין האַרץ פערשפּיעגעלט — — — גליקליך בין איך פון דעם געפיהל און נאָך גליקליכער בין איך דערמיט, וואָס איך ווייס דערביי, אַז דאָס איז נאָך ערשט אַ קליינינקייט, אַז עס איז נאָך פאַראַנען עפּעס, וואָס איז גרעסער, עפּעס, וואָס איז נאָר גרויס. — — —

און פון דאַן אָן בין איך געוואָרען נאָר אַן אַנדער מענש, פון זינט איך האָב צוריסען די שטרויענע הוט, האָב איך זיך אויסגעלערענט צו צורייסען מיט אַ סך קליינינקייטען און נאָך דערביי שמייכלען.

אין ביילקעס אויגען בעוויזט זיך אַ ניט־היימלעך פייערעל. — ווי שלעכט ער איז! — זיין האַרצען עסען איצט ווערעם. און ער זעהט דאָס און פיהלט דאָס, און ער שמייכעלט נאָך דערויף, עס שמייכלען זיינע ליפּען, עס שמייכלען זיינע אויגען, עס שמייכעלט זיין פּנים, ער שמיי־כעלט אין גאַנצען — גאָט מיינער, ווי שלעכט ער איז!

און זי זאָגט:

וואָס־זשע, איהר ווילט איינרעדען, אז דאָס איז ביי אייך א קלייניג־קייט, אז איהר קאנט נאָך דערביי שמייכלען. איהר שמייכעלט און מיינט, אז איהר פערשטעלט פון זיך דערמיט און זעהט ניט, ווי טיעף איהר לײַדט דערביי. ווי שווער איהר נעהמט אלץ אן, און מיט וויפיעל ביטערקייט איהר פרעסט אלץ צום הארצען. — ווי שלעכט איהר זייט דאָס צו זיך אליין! נאָט מיינער!

— נו, וואס מאכט איהר איהר זיך נאריש, ביילקע, — ענטפערט ער איהר מיט א נעלעכטער. — וואָס נאָך פאר א פערגניגען איז דען דאָ?...

ביילקע האָט פון דעם ענטפער א ציטער געטהאָן און האָט אויפגעהויבען אויף ברוך'ן א פּאָר צושראָקענע אויגען — — —

און ברוך האָט זיך שמייכלענדיג אפּגערופען צו ביילקען:

— אָ, איך האָב דאָך אייך נאָך ניט דערצעהלט, אז ביי דער נאכט, ווען איך בין געזעסען ביים ברעג פון האָדסאָן א מיעדער פון גליק און פון רייכקייט, איז דער האָדסאָן ווידער געווען זאנגעפילט מיט פערשיעדענע שטיקער וואסער און אין יעדען שטיק האָט זיך די לבנה אריינגעשפּיגעלט אויף א בעזונדער אופן. און עס זיינען איבער'ן האָדסאָן אומגעשוואומען גרויסע לבנה־פעלדער. און ביימער און גערטנער מיט בליציגע לבנה־בלומען און וואסערען מיט טאנצענדיגע לבנה־פונקען און וואסערען מיט פערשיעדענע, ריהרעוודיגע לבנה־קנייטשען. און דער אנטקעגענדיגער בארג האָט זיך קלאָהר אויסגעשפּיגעלט אינ'ם וואסער מיט זיינע פעלזען און מיט זיינע וועלדער. וויים און טיעף האָט זיך דער בארג אראָפּגעשפּיעגעלט און געוואקסען אינ'ם וואסער, נאָר זיינע אויבערשטע וועלדער האָבען ניט געקאנט דערלאנגען דעם הימעל, וואס האָט זיך נאָך ווייטער און טיעפער געשפּיעגלט אינ'ם וואסער. איך האָב דאָס אלץ צוגעזעהן, כאטש איך האָב דערויף כמעט גאָר ניט געקוקט, ווייל מיינע אויגען האָבען געקוקט אין דער ווייט און אין דער ברייט, און אלץ, וואס זיי האָבען דארט בעגעגענט האָב איך דערויף, דאכט זיך, גאר ניט גע־קוקט, נאָר אלץ האָט זיך אין מיר לייכט אריינגעשפּיגעלט, כמעט גאָר אָהן מיין וויסען. און איך האָב אלץ ברייטער און ווייטער געקוקט אין דעם רוים, אין דער ווייטקייט. אזוי האָב איך געקוקט און איך בין אלץ רייכער און רייכער געווארען מיט בילדער און מיט ווייטקייט און איך בין אזוי געזעסען ביז איך האָב א ציטער געטהאָן. — איך האָב פאר זיך

מיט אמאָל דערזעהן דעם מאן פון רוים; ער איז נעגאנגען צו מיר, און ער איז צוגעקומען, און ער האָט זיך אנגעריהרט אָן מיר, און ווען איך האָב זיך אויפגעהויבען, האָב איך דערפיהלט, אז איך בין שוין נים אליין, אז דער מאן פון רוים איז מיט מיר. אז ער איז אין מיר, אז ער קוקט ארוים פון מיר.

*

א לענגערע צייט איז שטיל. דאָס צימער איז אָנגעפּילט מיט א היימליכען, גאלדענעם שיין. ברוך און ביילקע זיצען ביידע, איינס נעבען אַנדערען און אויפ׳ן וואנט אונטער זיי שלאָגען זיך אָפּ זייערע שאָטענס.

— פאר וואס לאכט איהר פון אלעם, אזוי בייז און אזוי ביטער? — פרעגט ביילקע נאָך א לענגערען שווייגען.

— נו, נארישקייטען, ביילקע — ענטפערט ער איהר אין א גאנץ מונטערען טאָן. — איהר זייט דאָס געקומען אויף מיר רחמנות האָבען? צו איהר זייט מיר געקומען עפּעס זאגען?....

— וואָס פאר א רחמנות? — רופט זיך אָפּ ביילקע צומישט — איך בין געווען ביי חנה׳ן און דערזעהן, אז דאָס אונגליק איז אזוי גרויס און אז איהר זייט דאָרט ניטא, ווייל זי וויל ניט, אז איהר זאָל דארטען זיין, האָב איך גערעכענט, איך וועל צו אייך אראָפּפאָהרען. איך וויים? — — איך האָב געטראכט: איהר ווילט פיליייכט נעבען זיך איצט האָבען א לעבעדיגען מענשען. און איך בין דאָך שוין דאָ היינטיגען אבענד דעם צווייטען מאָל — — —ווענען וועט דאָס גאָר איינפאלען, אז איהר וועט אין אזא צייט אין זינען האָבען מיטינגס? — — —

ברוך שמייכעלט אלץ. און ביילקע דערקאנט פון זיין שמייכעל, אז איהם רעגט דער טאָן פון איהרע רייד און זי געהט מיט אמאָל איבער פון דעם געשפּרעך אויף אן אנדערען:

— שא, איך האָב זיך גאר פערגעסען. — איך האָב געהערט זאָגען, אז איהר זייט א בודהיסט. און איך האָב אייך דאָס אלץ אין זינען צו פרעגען. וואס, ס׳איז טאקע אמת?

ברוך איז צופריעדען פון דער עצה, וואס זי האָט זיך געגעבען, נאָר פון דעסטוועגען פרעגט ער:

— וואס עפּעס אין מיטען דערינען?!

ביילקע ווערט רויט; —

— וואָס איז, דאָס טאָר מען אויך ניט פרעגען ?...

— נו, נארישקייטען,ביילקע. איהר ווערט שוין אין כעס אויף מיר ?

— ניין, מיין פריינד, איך בין ניט קיין בודהיסט, ווייל איך האָב א נאָט, און ווייל מיר איז איבערהויפט דערווידער די אלע רעליגיאָנען, ביי וועלכע בעטלען און ליידיג געהען איז א טוגענד. — און ווער האָט דאָס דיר גע־זאָגט ? — פרעגט ברוך.

— בינעם — ענטפערט זי — ער ערקלעהרט דאָס מיט אייער ליעבע צו פייער און מיט דיין...

זי דערענדיגט ניט.

— ער האָט אייך, ווייזט אויס, שטארק ליעב. — זאגט ברוך.

— איך וויים — — — ? —

עס דערהערט זיך א דראפען אין טהיר.

ברוך שפרינגט אויף און עס שפרינגט מיט איהם אויך אויף זיין שאָטען. ברוך עפענט די טהיר און עס קומט אריין דעם בעל־הבית'עס ווייסער הונט.

— האלאָ, פריינד! האלאָ! — שרייט אויס ברוך בעגריסענדיג דעם הונט.

דער ריין־געוואשענער הונט שפרינגט ארויף מיט די פאדערשטע פיס צו ברוך'ן. ברוך נעהמט אָן דעם הונט'ס קאָפּ מיטביידע הענט. — וואס מאכסטו עפּעס, מיין פריינד ? א דו גוטער לאָלא ! ווי שעהן דו ביסט עס היינט. קום אהער ! — לאָמיר זיך אוועקזעצען. אָט א דא אָ.... אָט אזוי ! נא ! נעהם מיך ארום. אָט אזוי גוט. גוט. ע ! דו ווילסט מיך נאר איינבאָ־רען ? ! נו, גוט, באָרע מיך איין. הא ! כאָ־כאָ ! — — — נו, אָט, אצינדער לינען מירביידע. אָבער דו וועסט זיך שוין ביי מיר אזוי גיך ניט אויפ־הויבען. ניין. ניין. א דו פערשייטער בחור דו ! א ! — — —

און דאָס צימער איז פול מיט דורכזיכטיגע, גאלדרענע וועלען. ביילקע זיצט נאָך אויפ'ן סאפקע. דעם עלענבויגען פון איין האנד אויף דער קניה און מיט דער האנד שפארט זי אונטער דעם גוידער. איהר דינע פיגור איז אינ'ם בלויען קלייד עטוואָס שלאנגיש אויסגעבויגען, און אזוי שאָטענט זי זיך אויס אויפ'ן וואנט. אויפ'ן שאָטען זעהט זיך אויך אָן דער אפגעלייגטער קאָלנער פון איהר קלייד, און זי קוקט צו שמייכלענדיג,

ווי אויף דער ערד ליעגט ברוך א געזונטער, גרויסער, מיט א געזונטען, שטאַרקען קאָפּ האָר, און שפּיעלט זיך מיט׳ן ווייסען הונט.

און וויפיעל וועהטאָגען ער פערשטעלט דערמיט!

און וויפיעל מיידלעך וואלטען זיך געפיהלט גליקליך, ווען ער וואלט זיך מיט זיי אזוי געשפּיעלט!

אין די אויגען גלאנצען ביי איהר אויף טרעהרען, אבער זי פערליערט זיך נים. זיצט אין איהר פריהערדינער פּאָזע, קוקט אויף ברוך׳ן און אויפ׳ן הונט און שמייכעלט. איהר נעהמט זיך דאכטען, אז אין ברוך׳ן האָבען זיך איצט צושטראהלט זיינע טייכען, עס האָבען זיך צושפּיעלט זיינע הימלען. עס האָבען זיך צובליהט זיינע וועלדער, און אז אפילו זיינע בייזסטע ריעזען האָבען זיך אין איהם איצט איבערגעבעטען און זיך גענומען שפּיעלען ווי קינדער.

און אָט הויבט זיך ברוך אויף. דער הונט שפּרינגט אויך אויף און נעהמט זיך טאַנצען ארום איהם, און טאנצענדיג לאזט ער ארויס אזעלכע צופריעדענע האלבע קלאנגען. ברוך גיט א קאָמאנדעווע, שפּרינגט דער הונט ארויף אויף א ביינקעל.

— אראָפּ לאָלא, אראָפּ! — שרייט ברוך אויס. דער הונט שפּרינגט גלייך אראָפּ.

— אויפ׳ן טיש, לאָלא! אויפ׳ן טיש! —

דער הונט בלייבט שטעהן א ווײלע, קוקט זיך אום צו ברוך מיינט עס ערנסט, און באלד דערויף זעצט ער זיך צו און שפּרינגט ארויף אויפ׳ן טיש.

— גוט, גוט.— זאָגט צו איהם ברוך, און ער געהט צו צו איהם, נעהמט אָן זיינע צוויי פאָדערשטע פיס, פערלייגט זיי צו זיך אויף די אקסעל און מיט איין האנד גלעט ער א ווײלע זיין ווייסע, גלאטע פעל.

— ה מ מ ן, ה מ מ נ ן! — מינטשעט דער הונט אן אויסגעצויגע־נער.

און אָט זעצט איהם ברוך נאָר ארויף צו זיך אויף דער האנד. דער הונט זיצט אן אויסגעצויגענער, איין לאפּע האלט ער אויף ברוך׳ס אקסעל, די צווייטע נעהמט ברוך אין זיין פרייער האנד, און אזוי לאזט ער זיך נעהן מיט איהם איבער׳ן צימער און רעדט צו איהם :

— וועל, לאָלא, ווי איז דאָס דיר געגאנגען היינטיגער טאָג? א? זאג!

און דער ווייסער הונט אויף זיינע הענט, זעהט אוים א ווייסער, א נאַקעטער.....

ביילקען ווערט ניט היימליך. עס דוכט זיך איהר, אז איצט איז זי שוין גאר אין גאנצען איבעריג.... — די אויגען ווערען ביי איהר נאָך פולער מיט טרערען. זי הויבט זיך אויף, נעהמט דעם רעקעל און לאזט זיך צום טהיר. נעבען דער טהיר בלייבט זי שטעהן א ווייל, די אויגען זיינען פול מיט טרערען און אויף די ליפען און אויפ׳ן גוידער שטעהט א גוטער, נעטרייער שמייכעל. — — —

ברוך נעהט צו צו איהר, לאזט אראָפּ דעם הונט. דער הונט שטעלט זיך אוועק נעבען זיי און ווארט. — — — און אויף דער ערד ציהט זיך אוים אויף א ווייל, א גרופּע פון זייערע דריי שאָטענס — — — ברוך נעהמט קוקען מיט שטוינען אויף ביילקען, אויף איהר דינער, שלאנקער פיגור אויף דעם בלויען קלייד, אויף דעם קלאָהר־ווייסען אפּגעלייגטען קאָלנער, און אויף דעם ווייסען שניפּס, וואס הענגט פון קאָלנער אראָפּ אויפ׳ן מיטען פון דער ברוסט, אויף דעם פרייען ווייס־ברונעם האלז און די טהיילען עטוואס נידריגער פון האלז — — — און ער דערפיהלט א ווארעמקייט אין הארצען. עפּעס ווארעמעס נעהט ארום דאָס הארץ, און די אויגען גלאנצען איהם אויף. ער אליין פיהלט, ווי די אויגען האָבען איהם אויפגעגלאנצט — — — און דאָך איז פון אלע פרויען בלויז פאַראנען איינע, וועלכע ער געדענקט אפילו דאן, ווען זי איז ניטא נעבען איהם !... פליהט איהם דורך אין קאָפּ, אבער עס וואלט זיך דאָך אזוי שטארק וועלען ביילקען כאָטש נאָר ארומנעהמען, זי א קוש טהאָן, זי קושען ! — — — און ער נעהמט אריין אין זיין האנד אלע פינגער פון איהר האנד און נעהמט זיך לאנגזאם און מיט א גוטען שמייכעל טראגען די האנד צו זיין מויל. זי קוקט אויף איהם, וועהרט זיך ניט, און אזוי טראָגט ער צו די האנד צו זיינע ווארעמע ליפען, ריהרט מיט די ליפען אָן די שפּיצען פון איהרע פינגער, וואס קוקען ארוים פון זיין האנד און האלט זיי אזוי א קורצע צייט — — — די טרערען פון איהרע אויגען גיבען זיך דאן א קאטשע אריבער די ברעמען. דער שמייכעל אויף די ליפען און אויפ׳ן ניידער ווערט נאָך איבערגעבענער, ליעבער.... ברוך לאזט לויז די האנד.... זי עפענט אויף די טהיר און ווי נאָר זי פערמאכט זי אונטער זיך, גיבען זיך ביי איהר די טרערען א לאָז מיט אמאָל. ווארעמע, הייסע

טרערען נעהמען זיך שלײנגלען אין צװײ שטראָמלעך איבער איהרע באַ־קען. זי לויפט אראָפּ פון די טרעפּ. לויפענדיג נעהמען זיך די טרערען גיסען נאָך שטאַרקער און פון מויל נעהמען זיך רײסען פּערשטיקטע, האלבע קלאַנגען, זי פערקריצט מיט צײהן, און די קלאַנגען רײסען זיך נאָך צוצוי־גענער: המן! המן! — אזוי װי דער הונט — דערמאנט זי זיך....

װען זי האָט אויפגעעפענט די טהיר פון קארידאר, האָט אויף איהר א יאָג געטהאָן א נאסער, קאלטער װינט. זי האָט אויף זיך ארויפגע־שלעפּט איהר רעקעל און זיך געלאזט געהן. עס האָט, װײזט אויס, נאָר װאָס גערעגענט — דער אספאלט איז נאַס און עס שפּינעלט זיך אויף איהם אויס דער שײן פון די עלעקטרישע לאמפּען; דער פּארק, די בערג, די בוימער זעהען זיך קוים דורך דעם רעגענדיגען, גרויען נעבעל. דער װעג איז ברײט און זי געהט זיך אײנע אלײן און װײנט. און אַט שטעלט זי זיך אָפּ, דרעהט זיך אויס אויף צוריק — — — ארום איז װיסט, לעהר, נאכט און צװײ שורה'ס עלעקטרישע לאמפּען, װעלכע צי־שפּיעגלען זיך אויפ'ן ברײטען, נאסען װעג — — — עס נעהמט װידער רעגענען — — — דער רעגען האָט זיך איצט א לאז געטהאָן מיט אמאָל און פון עפּעס א גרויער, ברײטער װײט, און האָט זיך צורעגענט אזוי מאָדנע, ברײט און װײט. — — — עפּעס רעגענדיגעס האָט זי דורכגענו־מען. זי האָט דערפיהלט די האָר אויפ'ן קאָפּ, די הויט אויפ'ן לײב איז מיט א מאָל קאלט געװאָרען — האָט זי אויפגעציטערט און די טרערען האָבען זיך מיט אמאָל גענומען גיסען נאָך װארעמער, האָט זי זיך אויס־געדרעהט און זיך געלאזט געהן איהר װעג.

און מיט װיפיעל ליעבע ער האָט דאָס געהאלטען דעם הונט אויף די הענט! — דערמאנט זי זיך פּלוצלינג — — —

נוט און בײז איז דער געדאנק, און זי שטעלט זיך װידער אָפּ, און זי בלײבט שטעהן אלײן אין מיטען פון אָט דעם גרויסען רעגען....

*

ווען ברוך איז געבליבען אליין, איז ער א לאנגע צייט געשטאנען ביים טהיר, ווי ביילקע האָט איהם איבערגעלאָזט, ניט ווינסענדיג, פאר וואָס, צוליעב וואס און איבער וואס, ביז ער האָט זיך גאָר אין גאנצען פערגעסען צו ער שטעהט. — — —

דער הונט, וואס האָט זיך גענומען נאָכדעם לייגען נעבען זיינע פיס, האָט איהם דערמאהנט, אז ער שטעהט. האָט ער זיך אפגעריסען פון פלאַץ און זיך גענומען געהן איבער'ן צימער. דער הונט, וואס איז שוין געלעגען ביי דער טהיר צונויפגעדרעהט אין א ווייסען בייגעל, האָט אויפ־געהויבען זיין קאָפּ מיט די געל־ראָזע אויגען און האָט איהם גענומען נאָכ־קוקען. א לענגערע צייט האָט ער איהם ;זוי נאָכגעקוקט ביז ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז א לאנגער, אַן אויסגעצויגענער, מיט אַן עטוואָס ארונטערגעבויגענעם קאָפּ צוגעגאנגען צו ברוך'ן.

— וועל, לאָלא — ווענדט זיך ברוך צום הונט — דו מאכסט מיר איצט אביסעל צו ענג. און ער געהט צוֹ צום טהיר, עפענט זי אויף און לאָזט ארויס דעם הונט, דערביי דערהערט ער, אז אין דרויסען רעגענט. אין קארידאר איז שטאָק פינסטער און אין דרויסען רעגענט — — — און וואס איז עפּעס מיט אמאָל פינסטער אין קארידאר?.... ער האָט פערמאכט די טהיר און איז צוגעגאנגען און זיך געזעצט אויף א ביינקעל נעבען פענסטער.

אין דרויסען רעגענט — — — עס רעגענט! — — — אין א זייט פון איהם שטעהט דאָס ווייס־געבעטע בעט. אין צימער איז ליכטיג און דער שווערער דרויסען קלאפּט מיט זיינע נאסע טראָפּענס אין פענסטער.

— עס רעגענט!

פלוצלינג ציטערט ברוך אויף, — עמיצער דראפּעט די טהיר!.... ער שפּרינגט אויף א פערציטערטער. — דער רעגען דראפּעט דעם דאָך, די פענסטער און עמיצער דראפּעט די טהיר ——— — !

— טפו! צום טייוועל! — שרייט דאָס פון איהם אוים — דאָס איז דאָך לאלא, לאָלא!

עס דראפּעט אָבער ווידער — — — ביי ברוך'ן צינדען זיך אזש די אויגען אָן פון שרעק — דאָס איז נים לאָלא'ס דראפּען. — ס'איז א נאכגעמאכטער דראפּען.... — ביילקע! — דערמאהנט ער זיך און נים פון דאָס ניי א ציטער....

— אָבער וואס פאלט מיר איין! כאפּט ער זיך צוריק — מיט א נע־מאכטען שמייכעל — דאָס איז לאלא, לאָלא! און פאר וואס איז ביי מיר נאָך ביזט איצט ליכטיג?!

ער נעהט צו ראש צום לאָמפּ און פערלעשט איהם מיט אמאָל. דאָס צימער ווערט גלייך אנגעפילט מיט פינסטערניש. — — — דאָס דראפּען הערט אויף. אויף א ווייל — — —

ברוך קוקט אין דער פינסטערניש און הערט זיך איין — עפּעס שטעהט, ניין, עפּעס ליגט ביי דער טהיר. דאָס איז לאלא, דאָס איז לאלא. עס דערהערט זיך ווידער דאָס פערדעכטיגע דראפּען . . .

— לאָז שלאָפען, לאָלא! לאָז שלאָפען! — שרייט ער אוים מיט כעס צום טהיר.

דאָס דראפּען הערט אויף. נאָכדעם נעהט אוועק אלעננערע ווײלע. עפּעס נעהמט זיך דערווייטערען פון דער טהיר. עפּעס לאזט זיך אראָפּ פון די טרעפּ.

— א גוטע נאכט, מיין געטרייער פריינד! א גוטע נאכט!

*

נאַכט.

אין צימער איז שוין לאַנג פינסטער, ברוך ליגט אין בעט און אין דרויסען רעגענט — — —

— ווייסט — זאָגט ער צו חנה'ן — מיר דאַכט, אַז די גאַנצע וועלט זינקט איצט אין אַזא עקעלהאַפטען, ברודיגען זומפּ. און שלענג, עקדי־שען און אַנדערע זומפּיגע בעשעפּענישען, בעפאַלען איצט אונזערע דעכער, גריזשען אונזערע ווענט, קלאַפּען אין אונזערע פענסטער — — — הערסט, ווי זיי פּאַטשען אין פענסטער? ! — — —

ניט חנה אַ ציטער און פּרעסט זיך אויס נעבען איהם אין איהר גאַנ־צען לענג, נעהמט פּעסט אַרום זיין האַלז מיט איהרע צואוואַרעמטע הענט און בייסט זיך איין אין זיינע ליפּען ביז בלוט. ציטערט ברוך אויף, צוע־פּענט די אויגען — — — און עס ווילט זיך איהם ניט גלויבען, אַז ס'איז אַ חלום — — —

ברוך זעצט זיך אויף אויף'ן געלעגער. און אין דרויסען רעגענט. אַ רעגען גרויל גיט זיך אַ לאָז איבער זיין לייב, אַראָפּ און אַרויף, אָבער ער שמייכעלט. — — — און באַלד דערהערט ער חנה'ס קלינגענדען לאַכען. — ער קוקט זיך אום און דערזעהט זי פאַר איין מאָל אין אַלע פיער ווינק־לען פונ'ם פינסטערן צימער, אַ ווייסע, אַ שיינענדע, איהרע קלאָרע, גרויסע אויגען, איהר שעהנער קאָפּ האָר — — — — און אָט לאָזט זי זיך צו איהם, מיט אַמאָל פון אַלע פיער ווינקלען — — — נעהט און לאַכט — — — און אָט זיצט זי שוין נעבען איהם, און לאַכט, זי לאַכט דאָס פון איהם, פאַר וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער חלום'ט דאָס בלויז וועגען איהר — — —

— ווייסט, חנה — זאָגט ער צו איהר — איך בין אַזוי רייך. איך בין אַזוי רייך. איך בין אַזוי געוואַלדיג רייך ! — — — און ער צועפּענט פאַר איהר זיין האַרץ און ווייזט איהר, אַז ער פערמאָגט אַגאַנצען אוצר

מיט ציטערדיג־פינקלענדע דימענטען. און איך וויל — זאָגט ער איהר — איבערוועגען דיין געלעכטער — — —

צולאכט זיך חנה נאָך הילכיגער. און ער נעהמט ארויס פון אונטער׳ן קישען אפאר וואַנ־שאָל; אויף איין שאָל לעגט ער הויפענס מיט דימאנ־טען און אויף דער צווייטער פאלט איהר קלינגענדיג לאכען. און פוןביידע שאָלען נעהמען שפרינגען פערשיעדען־פארביגע פייער־פלעמלעך, און עס צושפיעלען זיך אזעלכע ווייכע שטראהלען. און זי שיט אלע מאָל אוים מיט א פרישען געלעכטער און ער שלעפט פון זיין צועפענטען הארץ אלץ נייע און נייע דימאנטען. אָבער די שאָלען ניבען זיך בלויז א וויגע אהין, אהער און די פלעמלאך און די שטראהלען ציהען זיך דערביי און ציטערען און שפיעגלען זיך ציטערדיג אריין אין דער געדיכטער שווארצער פינסטערניש מיט זייערע פיעלע קאָלירען. — — —

ברוך פרואווט ליינען אלץ נייע, אלץ גרעסערע הויפענס, נאָר עס העלפט ניט. פערדריסט דאָס איהם, און ער נעהמט הילפלאָז שמייכלען:

—אבי איך האָב געמיינט, אז איך בין רייך! — — —

צולאכט זיך חנה ערשט פון דאָס ניי:

— דאָס לאַך איך דאָך פון דיר — זאָגט זי — פארוואָס דו האָסט פערגעסען, אז מיין געלעכטער איז דאָך אויך דיינער, דיינער; פאר וואָס דו קאָנסט קיינמאָל ניט געדיינקען, פאר וואָס דו קאָנסט קיינמאָל ניט בענעהמען, אז איך בין דיינע. און אז אלעס, וואָס אין מיר איז דיינס. דיינס — — —

און ס׳איז נאכט און עס רעגענט. און זייערע הערצער זיינען פול און פאר זייערע אויגען וויעגען זיך צוויי פולע וואָג־שאָלען, — צוויי ליב־טיגע זונען, — צוויי ליכטיגע זונען פון טויזענדער, פלאַטערדיגע קאָלירען, פון טויזענדער פארביגע פייערלאך, און זיי קוקען אויף די זונען און ווערען פון זיי פערשטראהלט און פיהלען ווי צוויי גליקליכע קינ־דער — — —

ברוך צועפענט די אויגען. אין צימער איז פינסטער און אין דרויסען רעגענט. עס רעגענט.

עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין חנה אין איהר ליכטיג־בלויען קלייד מיט די גרויסע פערלמוטערנע קנעפ, וואָס ציהען זיך אויף דער לינקער זייט פון קלייד, פון אויבען ביז אראָפּ. און וויפיעל שלאנקער

זי זעהט דאָס אוים אין דעם בלויען קלייד מיט דער שורה ליכטיגע קנעפּ מיט די האַלב־רונדע, ווייס־בעזוימטע פעטליעס, וואָס בויגען זיך איבער איהר לינקער רונדער ברוסט, איבער דער לעגגליכער טאַליע ביז אראָפּ איבער דער שלאַנקער, לינקער פוס. און ווי גוט עס איז פון דיר, וואָס דו ביזט איצט געקומען!... חנה, מיר דאַכט, דיין קינד וויינט. חנה, דו הערסט ניט? פאַר וואָס לאָזטו דאָס וויינען? וואו וויינט דאָס? וואו האָסטו דאָס געלאָזט? דאָס געוויין וואשט זיך דאָך אין מיין בלוט, חנה. חנה! — — — — — — און עס זיינען דאָך פאַראַן אזוי פיעל אונ־שולדיגע וואָס זינדיגען — — — — — — — און וויפיעל עס זיינען נאָך דאַ אונשולדיגע, וואָס וועלען זינדיגען, בלויז דערפאַר, ווייל זיי ווייסען ניט פון גאָט, דעם גאָט פון אמת און ריינקייט. חנה! די ווייטע וועסט, און ערד ארבייט, ערד ארבייט, חנה! דאָס קאָן אונז נאָך ראַטע־ווען. דאָס קאָן אונז נאָך צוריק אומקעהרען צו גאָט, און מיין גאַנצער פּלאַן וועט דאָך באַלד פאַלען מיט א גוואַלדיגען קראַך און איך ארבייט נאָך, אז דער קראַך זאָל זיין וואָס שטאַרקער, וואָס הילכינגער — — — און דו האָסט אפּנים געמיינט, אז מע קאָן חתונה אָבען מיט מאַקסען און דאָס קינד זאָל געבוירען ווערען פון ברוך'ן. איאָ אזוי האָסטו געמיינט?.. דו האָסט געמיינט, אז דאָס קען געשעהן אזוי, דורך א נס.

חנה געהט פון טהיר צו זיין בעט, כמעט שוועבענדיג, אָבער דאָס צימער צו־ציהט זיך פאַר איהר, ווערט אַלץ לענגער און לענגער — — — און אין דער פינסטערניש פון דעם לאַנג־צוצויגענעם צימער, לויכט זיך די בלויקייט פון איהר קלייד, די קלאָרקייט פון איהר פּנים און די לויטערקייט פון איהרע גרויסע, ווייטע אויגען — — — און ווי שלאַנק און בויגיג זי איז. און ווי שעהן איהרע הענט זיינען! אָט די ווייסע הענט וואָס בליהען מיט פריש־ראָזע רעדעלאָך. — דיינע הענט שמעקען דאָך מיט אזא צאַרטער ליעבער ווארימקייט! און פאַר וואָס פאַרגעס איך אין אַלע אנדערע פרויען, ווי נאָר זיי געהען אוועק פון מיר? און פאַר וואָס געדיינק איך דיך אפילו דאַן, ווען דו ביזט ניט נעבען מיר? און פאַר וואָס איז מיר איצט אזוי שווער מיין קאָפּ? איך וואָלט דאָך איהם איצט אזוי גערן געוואָלט צושלאָגען אָן א שטיין — — — — — —

און דאָס צימער ציהט זיך נאָך אַלץ לאַנג און לענגער און חנה געהט און געהט. — — — —

חנה! דו געדיינקסט. — איך און דו — צוויי קליינע קינדער זיצען אויף דער ערד און שפּיעלען זיך מיט פאַרבינגע, הילצערנע אייער? צוויי קליינע קינדער און אַזוי פיעל פאַרבינגע אייער! כאַ־כאַ־כאַ! ווי שעהן און ווי קלוג דו פלעגסט דאָס נאָך לאַכען אַלס קינד!.. חנה. וואָס איז מיט דיר, דו וויינסט. — — — ער פערמאַכט די אויגען און נעהמט זיך אַ מיעדער וויעגען, זיצענדיג אויפ'ן בעט. אין דרויסען רעגענט. חנה קומט צו. זעצט זיך שטיל אַנידער אויף'ן בעט נעבען איהם. נעהמט אַרום מיט איהרע גוטע הענט זיין מיעדען קאָפּ בויגט איהם צו איהר ברוסט. פון איהרע אויגען גיסען זיך טרערען, דאָס זיינען טרערען פון אַ שטילער שוועסטער, פון איין גוטער מאַמע. זיין קאָפּ וואַרעמט זיך איין אין איהרע הענט אויף איהר ברוסט. נאָך דעם לאָזט זי איהם שטיל אַראָפּ אויף איהר שוים. זיינע אויגען־דעקלעך זיינען שווער און ווילען זיך מעהר ניט עפענען. שלאָפט ער איין. ער שלאָפט איין... און אָט דערפיהלט ער אויף זיין פּנים צולאָזענע האָר... ער דערפיהלט אַ גרויל איבער'ן לייב. און באַלד דאַרויף צוטראָגט זיך אַריבער זיין קאָפּ אַ משגע'נער געלעכטער. דאָס לאַכט זיין משוגע'נע מאַמע! — — — ער ליגט דאָס גאָר אין שוים פון זיין מאַמע — — —

ער שפּרינגט מיט אַמאָל אויף ווי אַן אַנגעצונדענער. — פון דעם וויל ער ניט טראַכטען. ניין, ניין!

ער געהט אַראָפּ פון בעט. ער וועט אָנציגדען דעם לאָמפּ, פייער, פייער! ער וועט אַריינרופען לאָלאַ'ן — — —

ער בלייבט אָבער שטעהן אין מיטען פון דעם פינסטער'ן צימער, ער דערמאָנט זיך: — עמיצער האָט געדראַפּעט די טהיר — — — עמי־צער האָט געדראַפּעט די טהיר!... דאָס איז ניט געוועזען לאָלאַ'ס דראַפּען. ניין, ניין.

ערשטער עפּילאָג:

דאס פֿארבלוטיגטע ײנגעלע



פאַרנאַכט

אויפ׳ן הימעל, אויף מערב, איבער א פעלד פון טורעמס און דעכער, איבער טיעפע, לאַנגע גאַסען, דורך וועלכע דער גרויסער, אין שטאָהל און אייזען געפּאַנצערטער ריעז, פיהרט זיינע מחנות פון דער ארבייט — צו־ברענען זיך פייערען, ברענען און שפּרייטען זיך איבער וואָלקען און וואָלקען. וואָלקען נאָך וואָלקען קומען אָן גרויע, מיעדע און ווערען פער־נאַפּט פון דער פייערדיגער רויטקייט, ווערען יונגער, פרישער, בלוטיגער.

קאָן ברוך ניט איינזיצען אויף זיין אָרט און ער נעהמט זיך שפּאַנען איבער׳ן צימער. ס׳איז אָבער ניט דאָס. — ———

נעהט ער ארויס.

וואוהין?

גלאַט אזוי.

אין מיטען זעהט ער זיך ארום, אַז ער איז אויף׳ן וועג צו הנה׳ן — — מאָרגע...

אין קאָפּ נעהמען זיך בלעטערען געדאַנקען, וועגען דעם ווי חנה איז דאַן קראַנק געוואָרען. ווי מע האָט געמאַכט די אָפּעראַציע. איין מאָל און נאָך אמאָל און ווי נעצויגען האָט זיך לאַנג־לאַנג ביז זי איז אריינגעפאַלען אין א געפעהרליכער, היציגער קריינק. און האָט א לאַנגע צייט געשוועבט צווישען לעבען און טויט און נאָך דעם האָט זיך די שעהנע חנה אויפגע־

הויבען פון בעט, מיט אַן אויסגעצויגען־פערמאַטערטען געל־שאָווערצען פּנים. די באַקען זיינען שוין אויף שטענדיג געבליבען איינגעפאַלען און מיט געלע פלעקען; און אַז זי האָט זיך נאָך ביז איצט אין איין דאָק־מאָרען. אָפּט הינקט זי אונטער און פאַראַן אַ סברה, אַז זי איז אין געפאַהר געליימט צו ווערען. און אַז קיין קינדער, זאָגען די דאָקטוירים, וועט זי שוין מיין ניט קאָנען האָבען. און ווי שרעקליך זי זעהט איצט אויס! — ווי אַ מכשפה... ווי שרעקליך עס שלאָגען זיך איצט אַרוים איהרע האָר און עס סטאַרטשעט אַרויס איהר נאָז, אָט דער געוועזענער שעהנער נאָז! און ווער איז אין דעם שולדיג? אפשר דער שוואַרצער אָדלער, אויף וועל־כען איך בין מיט איהר אַלס קינד אַרומגעפּלויגען דורך די בלויע נעכט, צווישען הימעל און שטערען? אָבער, צו בין איך דען שולדיג פאַר דעם, וואָס דער אָדלער איז שוואַרץ געוועזען? צו האָב איך איהם דען אויף שוואַרץ געפאַרבט? — — — אַ קינדערשע נאַרעשקייט, אַ מעשה מיט אַ בת מלכה, אַ שלאָס, אַריעז און חנה... אָט אַזוי ווערט דאָס אַ מענש געבוירען אויף דער וועלט, קומט אָן פון ערגעץ אַ וו־יטקייט, שפּאַציערט זיך דורך אויף דער וועלט, טרוימט, פּלאַנט, בויט — — — און אַזוי לעבט ער און לעבט, ביז ער טראָגט זיך אָפּ ערגעץ אַהין אין רוים, אין דער ווייטקייט אַריין. — — — — — — און צו וואָלט דען געוועזען בעסער חתונה האָבען און געבוירען קינדער, — קינדער וואָס זאָלען וואַקסען פאַר אָט דעם ריעז פון שטאָהל און אייזען? און זיי וואָלטען געוועזען ניט קיין אידען און ניט קיין גוים. זייער אייגענע שפּראַך וואָלט ביי זיי דער ריעז צוגענומען און וואָלט זיי דערפאַר געגעבען מיטלען געגען קינדער האָבען — — — און אָט דער רעדאַקטאָר בערגנער, וואָס האָט איהם ערשט נעכטען אָנגעבאָפּט מיט טענות :— „וואָס ווילט איהר נאָך אַלעמען האָבען מיט אייער מאָראַל פּרעדיגען?" „אָט דאָ ניט לאַנג צוריק איז צו מיר אין רעדאַקציע געקומען אַ יונג ווייבעל און איבער אייך געוויינט מיט ביטערע טרערען". „נאָכדעם ווי זי האָט אייך געהערט דרשנען... האָט זי, נאָך איהר מיינונג, גענומען פערשטעהן, אַז זי האָט די גאַנצע צייט געזינדיגט מיט איהר אייגענעם מאַן. איצט אָבער פיהלט זי, אַז זי קאָן ניט ווייטער.... געהן האָבען קינדער קאָן זי אָבער ניט „אַפּאָרדען", ווייל דער מאַן איז אַן אָרימער אַרבייטער" און ס'האָט מיר גענומען אַ היבש ביסעל צייט ביז איך האָב זי געבראַכט צוריק צום

שכל — — — אָבער ס'איז נאָך אַלעמען זעהר ניט פיין פון אייך, געהן צו פערפינסטערן יענעם דעם לעבען. וואָס מאַכט אייך אויס, אז מענשען האָבען הנאה..." און איבער דעם רעדאַקטאָר'ס לעצטער צינישער בעמערקונג קומען ברוך'ן באַלד אַרויף אויף'ן זינען לאה און נחום, וואָס האָבען שוין לאַנג התונה געהאַט, וואַינען צוזאַמען און האָבען קיין קינדער ניט. און ווי אוננאַטירליך לאה איז געוואָרען!.. איהר גאַנצער אויסזעהן און איהר שטענדיגער אונטערעמייכלען — — — אַזוי ווי זי איז עפּעס אַלעמען שולדיג — — — וואָסער אַ מאָדנע שטראָף עס איז אָט דער שמייכעל, וואָס בעווייזט זיך ביי פרויען נאָכדעם ווי זיי הערען זיך אויף צו פיהלען ריין, נאָכדעם ווי זיי זיינען מיט זייערע מענער צוליעב גאָרניט! — — — כאָטש קיינער דאַכט זיך האָט צו זיי קיין טענות ניט, און זיי אַליין מיינען, דאַכט זיך, אויך, אַז זיי זיינען אין גאָר ניט שולדיג, נאָר זייערע אויגען פערליערען די מעגליכקייט צו קוקען נאַטירליך פאַר זיך — עס פעהלט זיי אויס רוים — שמייכלען זיי — — — עפּעס אַ פּוסטקייט בעווייזט זיך פאַר זייערע אויגען — שמייכלען זיי — — — עפּעס וואַרגט זיי — און זיי שמייכלען — — און ווי לאַנג לאה האָט איהם שוין ניט געבראַכט קיין בלומען! — — אָבער — טראַכט ברוך ווייטער — אויב זי וועט דורך אַ צופאַל אָנהויבען שוואַנגערען, וועט זי געווים צוריק ווערען נאַטירליכער, האַרציגער, פאַר איהרע אויגען וועט זיך ווידער בעווייזען אַ רוים, אַ ווייטקייט און דאַן וועט זיך איהר אפשר ווידער פערוועלען ברייננגען ברוך'ן בלומען — — — און ביילקע איז אוועק. וואו? ווער ווייס? — — — חנה האָט ניט געקאַנט פערטראַגען ביילקעס ריינקייט, ביילקעס שעהנקייט, און ביילקע האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרטראָגען חנה'ס אייפערזוכט — — — זי איז ערגעץ אוועק און דער בלאַסער בינעם איז פון דאַן פערפאַלען געוואָרען! אַך, קינד! ווי לויטער נעלויטערט דו ביזט. און דו, חנה? דו שמייכעלסט נאָך אַלץ?.. מיין חנה, מיין גוטע, שלעכטע חנה.

און אָט איז שוין זייער הויז. ער הויבט זיך אויף אויף די טרעפּ, קלאַפּט אָן אין טהיר. חנה קומט איהם אנטקעגען:

— אָ, ברוך! אַזאַ גאַסט! אַזאַ לאַנגע צייט! וואָס איז דאָס מיט אייך געווען?!

עפּעס האָט ער דערויף געענטפערט — — — האָט אויפגעהויבען

די אוינגען, — און דערזעהן פאר זיך איהר אויסגעצווינגען־פערפלעקט פּנים מיט די צוגליהטע, גרויסע אויגען... און אז דער קנויל פון איהרע האָר איז אזוי נאכלעסיג פערדרעהט אויף א זייט... מן הסתם דיענט ניט איי־נע פון איהרע הענט — יאָ, די רעכטע האנט, דאכט זיך, הענגט טאקע ווי א געליימטע — — —

— חנה!..

האָט זי מיט אמאָל אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און זיך דערמאָהנט:

— מאַקס איז אין דרויסען, אויף'ן דאַך — — —

— חנה! — — —

האָט זי אויפגעהויבען די ברעמען און א שמייכעל געטהון. — — —

—חנה!

איז איהר שמייכעל נאָך שארפער געוואָרען, דאכט זיך, גיפטיגער. און אזוי שמייכלענדיג האָט זי זיך אויסגעדרעהט, איהם איבערגעלאָזען אין מיטען צימער און איז הינקענדיג אוועק צום פענסטער. — — —

— חנה, חנה! — האָט אין איהם אויסגעשריען — — און פאר וואָס זיינען דיינע האָר אזוי שרעקליך צושויבערט? חנה! און פאר וואָס שמייכעלסטו אזוי? פאר וואָס טהוט עס דיר אזוי פיעל הנאה, דיין שרעקליכער אויסזעהן? און פארוואָס הינקסטו? חנה! צו איז דאָס טאַ־קע אמת, אז דו ביזט אין געפאהר געליימט צו ווערען? און פארוואָס שמייכעלסטו דערביי פונקט ווי די וואלסט צובראָכען ניט זיך, נאָר עפּעס מיינע א זאך? — — —

און ער איז ארוים און ארויף צו מאַקסען.

— וואָס איך זעה! — ברוך! ברוך! ווי קומט דאָס? אזא לאַנגע צייט?! זעץ זיך. אָט איך טראָג פאר דיר ארויס א ביינקעל. אי־אי־אי אזא־א נאַסט.

ווען זיי האָבען זיך געזעצט, האָט זיך מאַקס גענומען קלאָגען:

— אַן אונגליק! אויף מיין וואָרט. מען זעהט קיין לעבעדיגען מענ־שען אין די אויגען ניט אַן! און פרעג וואָס? — האָב איך דען ווען שלעכטס געטהון? אויף'ן שטייגער, דאכט זיך, אלע מאָל געוועזען א גוטער ברודער, יעדען דער בעסטער פריינד און איך וויים? אדרבא, זאג דו אליין — פאר וואָס זאָל מען צו מיר ניט אריינקומען, פארוואָס מיידען אונז אלע אויס אזוי ווי א — איך וויים וואָס? — — — אָט למשל דו אליין,

איך וויים — — — דאכט זיך, די בעסטע, גוטע פריינד. נון. — — — נאָר נאַרניט. אזוי איז דאָס. ס'איז נאָר א פערדראָסיגע זאך. דו פערשטעהסט ? צוליעב וואס לעבט א מענש — ניט קיין פריינד, ניט קיין בעקאנטע, ניט נאָר ניט — — — גלאט אזוי אין דער וועלט אריין ? —

די ווערטער נעהמען פאלען אויף ברוך'ן ווי שווערע שטיינער, ער פּרואווט זיך פערענטפערען, גיט איהם צו פארשטעהן, אז עס דאכט זיך איהם נאָר אזוי, אז ער קוקט זיך איבערהויפּט צו פיעל צו, צו אזעלכע נארישקייטען. ס'איז דאך אמעריקא. מענשען האָבען קיין צייט ניט. — — — און וואָס איז גלאט דער קומען ? עפּעס רעדט ער דאך גלאט ווי אקינד. — — — —

און עס ציהט זיך אזוי אוועק זייער געשפּרעך. און מיט יעדען וואָרט און מיט יעדען פּינטעל פון אויג ווערט אלץ נאכטיגער, פינסטערער און די שטימען נעהמען קלינגען אלץ פער'חלומ'טער, הארציגער, און ווי מיט אַן אָנגעשפּאלטענעם אָפּקלאַנג — — — און די לופט ווערט אלץ פולער און פולער מיט פארנאכטיגע קינדער־ליעדער. דאָס האָט דער גרויסער ניו יאָרק אויסגעשאָטען זיינע יונגע קינדער אין זיינע טיעפע, שטיינערנע גאסען, צושטעלט די מיידלאך אין קלענערע און גרעסערע רעדער און זיי זינגען איהם אַמעריקאנער פאָלקס־ליעדער. טראָגען זיך די ליעדער פון פיעלע יונגע העלזער. און וואָס דונקעלער עס ווערט דער דרויסען, אלץ ערנסטער, פערבענקטער ווערען די נעזאַנגען. אלץ פולער ווערט מיט זיי די לופט. די לופט שפּינט זיך איבער מיט א נעץ פון אונשולדיגע פאָלקס־ליעדער, און ברוך'ן דאכט זיך, אז, אָט־אָט, רייסט זיך אָפּ די נעץ — — — און עס נעהמט רעגענען מיט ליעדער.

„חברה שקצים" פער'גנב'ענען זיך פון מאָל צו מאָל, רייסען זיך פּלוצלונג אריין אין א ראָד, די מיידלאך ווערען כלומר'שט צושראָקען, צולויפען זיך מיט א קוויטשעריי. עס דערהערט זיך א קריגען פון קינדער מיט קינדער. אין מאקסען ציטערט דערביי אויף עפּעס א געפיהל : — קינדער !... אָט... ווי די קינדער וואָלטען, זיך קריגענדיג, צו איהם ארויפּגעשריען : — אָט זעה, מיר זיינען קינדער. אזוי פיעל קינדער — — — און באלד ווערט די ראָד אויפ'ס ניי געשלאָסען און עס ציהען זיך וויעדער די קינדערשע געזאַנגען. און די לופט ווערט פון זיי, ווי מיט נאָלד געשפּינען.

אַם ווערט שוין גאָר טונקעל. און גאָר אַנדערש צוזינגען זיך די מייד־לאַך, די פערשייטע איינגלאַך פערלירען דעם חשק זיי צו שטערען — — —
אַ טייל נעהמען מיטזינגען, אַנדערע — האָבען פלוצלונג פון ערגעץ גע־בראַכט צו שלעפען, מיט גרויס פּאראַד, אַן אַלטע מאַטראַץ, איהם צוליינט אין מיטען גאַס, בעגאָסען מיט קעראָסין און אונטערגעצונדען עס פראַלט ארויף אַ רויטער פייער, עס שפריצען פונקען. און באַלד האָבען חברה נאָך ערגעץ אַ הילצערנעם קאַסטען בעקומען, איהם אין שטיקער צובראָכען און נאָך אַפּייער צוליינט. די פייערען שפרינגען אויף און שפיעגלען זיך אויס אין די פענסטער פון די נידעריגע עמאָזשען. קינדער זינגען און שפרינגען ארום די פייערען. — קינדער! אַזוי פיעל קינדער — — —

ברוך און מאַקס זיינען ווי פער׳כשופ׳ט, פערוויענט געוואָרען. דאַכט זיך, דער דאַך, די הויז, האָט זיך אַפּגעריסען, שווימט, שווימט מיט זיי איבער דער נאַכט, ווי איבער אַ ים, אַ שווארצען — — — און רעיונות שווערע, פערביינקטע קריכען אין קאָפּ, פרעסען דאָס הארץ.

מאַקס טענה׳ט נאָר עפּעס אַזוי... אַוטאָמאַטיש. ער טענה׳ט וועגען דעם, ווי קלוג ברוך האָט דאָס דורכגעפיהרט דעם סטרייק: — — — דאָס איז דאָך געוועזען אַזוי קלוג, אַז די „באָסעס“ קאָנען זיך ביז נאָך איצט ניט אפּחידושען. און איך ווייס.:. עפּעס גאר אַ קליינינקייט אויסצורעדען! — בעטראַכט נאָר אליין — אַזוי פיעל ארבייטער און זיי האָבען דאָך שוין די לעצטע צייט נענומען אונטערעדען, אַז דו ביזט אַן אונטערגע־קויפטער פון די „באָסעס“ אויף מיין וואָרט. און איך ווייס — — — כ׳האָט דאָך געהאַלטען ביי אייך ווי וואָס? — — — און היינט וואָס פאר אַ יוניאָן מיר האָבען דאָס איצט! ס׳איז פּשוט אַ פערגעניגען, אויף מיין וואָרט. און איך ווייס? — מען זאָגט, אַז דו ווילסט נאָר איצט אוועקפּאָהרען, דאס איז דאָך טאַקע פּשוט אַ פערדראַסינע זאַך. איך מיין אדרבה, בעדעכען נאָר אַליין — — — און וואָס איז גלאַט דער „פּאָה־רען“? אדרבה, בעטראַכט זיך אַליין. און ביז וואַנעט איז דער שיער ניט קאָנען איינזיצען אויף איין פּלאַץ? און וואָס איז דער תכלית? הערסט, ברוך, אויף מיין וואָרט — — — נאָר וואָס איז שייך? — — — איך ווייס. איך מיין, נאָר גאָר ניט, אַ? — — —

מאַקס שטימע ווערט דאַכט זיך ווי פערשטיקט.

ברוך הערט און הערט ניט. — און טראַכט — — — און אַט דער־

מאָהנט זיך בריך, אז ווען ער האָט נאָכגעקוקט חנה׳ן, ווען זי איז מיט איהר שמייכעל אוועק צום פענסטער, האָט ער דערזעהן זיין געשטאַלט אין שפּיגעל. — זיין געשטאַלט שטעהט נאָך דארט און וואַרט.... — זיין געשטאַלט איז נאָך דארט פערבליעבען, אין צימער מיט איהר — — — און ברוך ניט א שמייכעל צום געשטאַלט. דאס געשטאַלט פערשטעהט איהם און ענטפערט אָפּ מיט א שמייכעל און פערלאזט גלייך דעם שפּיגעל און געהט שמייכלענדיג צו צו חנה׳ן, ווי זי שטעהט אזוי פערטראַכט ביים פענסטער און קוקט ארויס צו דער גאַס, צו די קינדער... און דאס געשטאַלט נעהמט ארום איהר קאָפּ, בויגט איהם צו צו זיך און קושט איהם.

— חנה! חנה׳קע! וואָס טראַכטסטו אזוי פיעל? וואס מאַכסט זיך נאַריש? ביזטו דען א שלעכטע? דו ביזט דאָך א גוטע. דו ביזט דאָך מיין גוטע חנה׳קע.

חנה! אַלע מאָרגען, ווען איך שטעה אויף, אַלע נאַכט, ווען איך לייג זיך, זאָג איך צו זיך: „דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט האָבען, פון וואָס דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט, וואָס מען האָט ביי דיר צוגענומען, בלייבט אימער און אייביג דיינס. עס לעבט, וואַקסט און צובליהט זיך אַלץ ליעבער און שעהנער פאַר דיר.

ליעבע? — איז דער גרעסטער ליגען, וואָס די וועלט פערמאָגט.

ליעבע? — איז דער שעהנסטער ליגען, וואָס די וועלט פערמאָגט.

ליעבע? — איז א נאַשערייי אין א פּאַסטקע.

און דער וואס וויל די נאַשעריי, זאָל צו איהר ניט צוגעהן נאָהענט. זאָל ער בעסער פאַר וועהטאָג מיט די אייגענע ציין דאָס אייגענע האַרץ בייסען.

דער, וועמעס מאַרך איז גרעסער ווי ביי א מויז, זאָל ניט צוגעהן צו דער נאַשעריי נאָר נאָהענט.

מען דאַרף קאָנען זיין ווייט. מען דאַרף קאָנען זיין גלייכגילטיג.

חנה׳ס אויגען נעהמען דערביי שפּריצען מיט שמייכעל און גיפט. און זי שרייט אויס:

מען דאַרף קאָנען ניט מורא האָבען פאַר׳ן לעבען. מען דאַרף קאָנען ניט זיין קיין פייגלינג! מען דאַרף קאָנען ניט זיין קיין פייגלינג!

— יאָ, חנ'קע! ביזט נערעכט, מען דאַרף קאָנען ניט זיין קיין פּייגלינג. מען דאַרף קאָנען זיין אליין — — — מען דאַרף נאָר קאָנען, אָהן מורא קוקען דער אייבינקייט גלייך אין פּנים אריין. דאַן הערט מען אויף צו זיין איהר קנעכט, דאַן ווערט מען איהר גלייכען.

עס קלינגען אין פענסטער אריין קינדער־ליעדער; — וואָלסטו כאָטש איין ליעד געהערט, וועלכע דיין מאַמע האָט געהערט פון איהר מאַ־מען — — — חנה!.. און די קינדער זיינען דאָך דערפאַר ניט אננע־קניפּט אין די מאַמעס. און עפּעס וועט דאָך דערפאַר אין זייערע הער־צער בלייבען ניט צוואוואַרעמט... און וואָסערע מאַמעס וועלען אָט פון די קינדער אויסוואַקסען? — מאַמעס, וואָס קייען „טשואינג־גאָם", ווען זיי זוינען דאָס קינד, מאַמעס, וואָס קייען „טשואינג־גאָם"... און וויפיעל פון אָט די קינדער זיינען דאָס געבוירען געוואָרען דורך א צופאַל? — טאַ־טע־מאַמע האָבען ניט געוואָלט, נור עס האָט געטראָפען אן אונגליק...

הנה'ס אויגען גלאַנצען פלוצלינג אויף: — זי וועט איהם טרעפען אזוי, אז ער וועט אזש פערציטערט ווערען פון וועהטאָג! — זי וועט איהם פרעגען:

— פאַר וואָס ווילסטו ניט געדענקען דיין מאַמען?.. דיין... וואָס?

— דו ביזט א העלד? — האָסט א שטיינערנע הארץ און אן אייזערנעם ווילען ניט צו טראַכטען וועגען זאַכען, פון וועלכע דו ווילסט ניט! דו קאָנסט געהן א ר ו ם דער פאַסטקע? קאָנסט מיט די איינענע ציין דיין אייגען הארץ בייסען? כאַ־כאַ־כאַ! — מיט די איינענע ציין דאָס אייגען הארץ בייסען, כאָ־כאָ־כאָ! — — —

אָבער זי הויבט בלויז אויף אויף איהם איהרע גרויסע, צונליהטע אוי־קען, קוקט איהם אָן א ווײלע און ניט א שמייכעל.

דאָס געשטאַלט בעמערקט דאָס, פערשטעהט וואָס דאָ האָט געזאָלט קומען, אבער... — דאָס קוקט זי דאָך אזוי אויף זיינע גרויע האָר אין קאָפּ, — דאָס איז גאָר ניט. זי געדיינקט דאָך נאָך דאַן אין דער היים, ווען ער איז פלוצלונג אין איין נאַכט גרוי געוואָרען— — — יענע נאַכט... ביי איהר אין צימער, נאָך האַלב נאַכט. דאָס לעמפּעל האָט געברענט אזוי טונקעל — — — און ער האָט אהן אויפהער געשפּאַנט איבער'ן צימער א שטומער, א שטומער. זי האָט מיעד איינגעדרימעלט אין די קליידער, זיצענדיג אין שטוהל. אז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי פלוצים דער־

זעהן, עמיצער א הויכער, א גרויער שפּאַנט אום איבער'ן צימער!... ברוך! — שרייט זי אויס. געהט צו איהר צו אָט דער הויכער, אָט דער גרויער — — — זי דערקאַנט איהם — — שפּרינגט אויף פערצווייפעלט און פאַלט איהם אויפ'ן האַלז. — ברוך! ברוך! ברוך! — און ברוך שווייגט, ער מיינט: מן הסתם האָט זי ערשט אין חלום דאָס שרעקליכע אומגליק געזעהן... נאָר אָט דערזעהט ער זיך אין שפּיעגעל און ציטערט אויף, ווי די הויט אויפ'ן לייב וואָלט איהם גענומען שטיינערען... און אין א ווײלע ארום זאָגט ער פערביסען: ניש־קשה, א אידען פּאַסט אזוי — אידען דארפען געבוירען ווערען גרויע, גרויע — — —

אויסגעקראַכען זיינען אין א צייט ארום זיינע האָר און ווידער איז דער קאָפּ שוואַרץ געוואָרען. איצטער אָבער קלייבען זיך די גרויע האָר נאָר אויף אן אנדער אופן — איינציגווייז — — — אָט זי קאַן אריינ־ לייגען די האַנד אין קאָפּ און זיי איבערצעהלען. און ער קלייבט זיך אויפ'ס ניי פאָהרען אין דער וועסט. צו וויים זי דאָס? איהם פלעגען דאָרטען ליעב האָבען די פערד, די עזלען. טאָמער פלעגט אן אנדער ארבייטער פערמולירען א פערד, אן עזעל, פלעגט איהם דער בעל הבית אוועקנעהמען פון יענעם אַרבייטער און איהם איבערגעבען צו ברוך'ן אין אקער. ביי ברוך'ן פלעגט ער זיך היילען. — וואָס, דו שמייכעלסט נאָך אלץ? חנה'קע! דאָס איז דאָך שלעכט פון דיר. דו מיינסט: איך אנטלויף... גלויבסט — איך בין בעזיעגט, חנה. איך בין דאָך דער נאַר וואָס האָט זיך אָנגעבונ־ דען אן דער אייביגקייט... פון מיר געהט דאָך קיין זאַך ניט פער־ לאָרען. נו, זאָל שוין זיין גענוג. זעץ זיך אוועק. אָט אזוי. איך צולאָז דיר דיינע לאַנגע האָר. איך וועל זיי דיר פערקעמען אזוי, אז דער קנויל זאָל ליגען אויפ'ן ריכטיגען פּלאַטץ. עס זאָל זיין אזוי ווי דו האָסט ליעב. דו מיינסט, אז דו ביזט שוין מעהר ניט שעהן?... פאַר וואָס מיינסטו אזוי שלעכט? — דו געדיינקסט דאָך נאָך דאָס פאַרביגע איי, מיט וועלכען מיר האָבען זיך אמאָל געשפּיעלט? — צועפּענט מען דאָס גרויסע, רויטע איי, ליגט אין דעם א קליין איי פון אן אנדער פאַרב, צועפּענט מען דאָס אנדערע איי, ליגט אין דעם א קליין איי פון נאָך אן אנדער פאַרב, און אויך דאָס איי צועפּענט זיך! און אזוי אלץ ווייטער און ווייטער — — — און ווען עס האָט זיך אביסעל אָפּגעריבען דאָס פאַרב פונ'ם ערשטען, גרויסען איי, איז וואָס? — — — מיר האָ־

בען דאָך אבער ביידע געוואוסט, אז אין דעם לינט א גאנצער אוצר פון שעהנע, ריינע אייער — — — אייער, אייער און אייערלאַך.

און ווען כ'האָב אמאָל פּלוצלינג גענומען און פאר דיר אין די אויגען אריינגעווארפען דאָס איי אין פייער — — — ווי דו האָסט דאָס אויף מיר אנגעשטעלט א פּאָר ווילדע אויגען! האָסט זיך באלד צואווײנט און אין מיטען געוויין אוועקגעלאָפען מיך קלאָגען צו דער מאמען. אָבער איך? — פון מיר געהט דאָך קיין זאך ניט פערלוירען — איך האָב דאָך נאָך ביז איצט יענע איי און יענע חנה'קען. איך פערמאָג דאָך א גאנצע טשע־רעדע מיט חנה'ס, חנה'ס און חנה'קעס — — —

די הויכע גאסען לויפען אהער און אהין, מענשען געהען אויף און אפּ. יאָגען זיך, כאַפּען פרישע לופט און הויך איבער זיי צינדען זיך די עלעק־טרישע לאָמפּען. צינדען זיך ציטערדיג ווייסע, בלאסע, און לויפען אוועק אין גלייכע שורות אין דער נאכט, איבער די טיעפע, לאנגע גאסען. און — פלאַטערען ציטערדיג איבער די קעפּ, איבער די פּנים'ער... און איבער מויערען און דעכער צינדען זיך אָן פערשיעדענע עלעקטרישע אויפשריפ־טען און בילדער — אָט פלאַטערט אויף א גאָלדענער אָדלער, מיט ווייט צושפּרייטע פליגלען. און אָט א שטערען, וועמעס שטראהלען עס צינדען זיך און פערלעשען זיך, פערלעשען זיך און צינדען זיך ווידער אָן. און די אויפשריפטען, און די בילדער, ענדערען אָפּט זייערע קאָלירען — אָט ברענט שוין דער הויכער טורעם, וואס קוקט אריבער אלע דעכער. — דער גאנצער טהורם איז ווי פון פייער געבויט, איז ווי א זעהונג. אויף זיין העכסטען שפּיץ פלאַטערט א ווייסער פלאג: דער שיין פון א רעפלעקטאָר נעהמט דורך דאָס ווייסע געוועב און עס שטראהלט גאנץ הויך אויף דעם טונקעלען, אויף דעם שווארצען הימעל, ווינקט און רופט — — — און פלאַטערט, פלאַטערט — — — דאָ און דאָרטען אויפ'ן מיטען די גאסען ברענען קינדערשע פייערען, די קינדער מארשירען ארום זיי, פּויקען אין אן אלטער, בלעכערנער שיסעל און זינגען — — — ערגעץ האָט איין קופּע פייער אויפגעהערט צו געבען פונקען — — — פאלט א אינגעלע אויף א פלאָן: זוכט ערגעץ אויף א שטיין, קומט צו נאָהענט צום פייער, הויבט אויף דעם שווערען שטיין מיט זיינע ביידע הענטלאך איבער'ן קאָפּ. ציהט זיך אוים און שטעהט א רגע פערשפּיעגעלט מיט רויטע שיין, און ווערט

לענגער און דינער. און אַט טהוט ער האסטיג א שליידער דעם שטיין אויפ'ן פייער, און עס שפּרינגט אויף א גאנצע זייל מיט גאָלדענע פונקען! אלע איבריגע קינדער זיינען פון דעם שטארק צופריעדען, און אלע ווערען זיי מיט אמאָל אַפּגענאָסען מיט א רויטליכען, גאָלדענעם שיין, און אלע נעהמען זיי דאן אויסזעהן ווי קליינינקע רויטע מענשעלאך און זיי קלאַפּען: — הוריי! — — — און נעהמען זיך נאָכטהון דעם אינגעלע...

און חנה שטעהט אליין ביים פענסטער. קוקט צו די קינדער און זעהט — — זעהט און זעהט, אָהן אן אנהויב, אָהן א סוף — — — קינדער, קינדערלעך — — — און אַט בעווייזט זיך פאַר איהר א קליין קינדעלע, א שטיקעלדיגס — א פּערבלוטיגס — — — מיט נאָך פערמאַכטע אויגעלעך — — — קוקט זי אויף דעם — — — קוקט און שמייכעלט — — —

צווייטער עפּיזאָד:

די פּורפּורנע שיף



דאַרטען לאָזען זיך די נאַסען אראָפּ צום וואַסער. פון מאָל צו מאָל שווימט דורך א פעררי־שיף און איהרע גאָלדענע שורות פענסטער, שפּינלען זיך אויס צושווימען איבער'ן וואַסער — — — דער גאַנצער אַנטקעגענ־דינער ברעג איז פערשאָטען מיט עלעקטרישע פייערען — פייערען — לבנות. פייערען — זונען. עס ציהען זיך פון זיי ציטערדיגע, זילבערנע און גאָלדענע פּאַסען, וואַס שטראַהלען אריין אין וואַסער און שטראַהלען ארויס פון'ם וואַסער— פאַהרט פערביי א פעררי־שיף מיט איהרע גאָלדענע שורות פענסטער, שלאָגט זיך נאָך איהר אויף א רוישיגער שוים, דער שוים יאָגט זיך נאָך דער שיף מיט כעס. עס כעס'ט זיך דאָס וואַסער, פאַר וואַס די שיף צושטערט איהר די שטראַהלען, די לבנות, די זונען —

פון מאָל צו מאָל פּראַלט דאָרט אויף א רויטער גאַז־פּלאַם, דער פּלאַם שטראַלט ארום זיך אויס א גרויסען ראַנד. דער רויטער ראַנד צושפּיעלט זיך איבער א פעלד פון דעכער און מויערען, וואַס זיינען פון דער נאַכט פערשלונגען — — — די שטראַהלינע רויטקייט בענעגענט זיך מיט רויכען פון הימעל־הויכע קוימענס. די רויכען בויגען זיך, קנייטשען זיך חן'עוודיג, שפּרינגט די רויטקייט צו צו זיי, נעהמט זיי אַלע ארום, רוימט זיי עפּעס איין, צושמייכלען זיי זיך אַלע, ווערען רויט... און נעהמען זיך קנייטשען נאָך חן'עוודיגער — — — די רויטקייט ניט זיך מיט אמאָל א שפּיענעל אינ'ם וואַסער — בעוויזט זיך א פורפּורנע שיף, פורפּורנע זעגעל, א פערפלאַמטער רויך — — — די פורפּורנע שיף כאַפּט אויף ברוך'ן

און פיהרט איהם אוועק גלייך אין דער וועסט. דאַרטען האָט ער זיך זיין פאַרעם שוין לאַנג, שוין יאהרען לאַנג.

אַלע מאָל — פריהמאָרגען אדער פאַרנאַכט, ווען עס צושפּיעלען זיך די זונען אויף דעם ווייטען הימעל ראַנד און די גאַנצע סטעפּ — ווייט און רונד — זעהט אויס ווי אַ גאָלדען לאַנד, ווי אַ וואונדער לאַנד, פאָהרט ברוך דאַן אויף זיין גראָב־מאַשין צו אויף זיין שנייד־מאַשין, קלאַפּען זיך שטיקער אייזען אָן אייזען און רעדען צווישען זיך האַלב־ווילד, אַלע אויף איין מאָל — — — און אויפ׳ן גאָלדענעם פעלד שפּיעלען זיך חנה׳ס חנה׳קעס — גאַנצע טשירעדעס — — — אַז חנה איז נאָך גאָר יונג גע־ווען זיינען דאָך איהרע האָר געזען כמעט בלאָנד, זיינען אויפ׳ן פעלד אויף דאָ עטליכע בלאָנדע חנה׳קעס — — — ווי גוט עס איז אָפּצואַרבייטען דעם טאָג אויפ׳ן פעלד שווער, פיהלען דעם טעם פון געזונטע, שטאַרקע בע־וועגונג! ס׳אַראַ ברייטער, ס׳אַראַ אונבעגרענצטער גליק, צו געניסען צו־פריעדען פון אָט דער שווערער מיעדקייט! און דערצו נאָך צו זעהן פאַר זיך אַזוי פיעל חנה׳ס און חנה׳קעס, וואָס שפּיעלען זיך איבער דער ווילדער ווייט, צווישען די זונען, מיט די זונען — — — — — — — — — — — —

— —

עס קומט אָן אַ הערבסט.

ער איז שוין אַלט, אויסגעמאַטערט.

די פייכקייט עסט זיך איין אין די ביינער. און פון אַלע חנה׳ס בלייבט בלויז איינע — די לעצטע מיט׳ן פערשוואַרצטען פּנים, מיט די אויסגעטריקענטע באַקען, מיט די צוגליהטע אויגען, מיט איהר שמייכעל... און אין חלום זעהט ער אָפּט זיין איינען געשטאַלט — — — דאָס גע־שטאַלט איז נאָך יונג — — — שוואַרצע האָר, פערקאַמט אויף אַ זייט הענגען אריבער דעם הויכען, ענערגיש׳ען שטערען — — — און דורכדריג־גענד׳ע שאַרפע אויגען, זיי קוקען שאַרף פאַר זיך און טיעף אין זיך — — די האַלב־רונדע, שוואַרצע ברעמען געהען זיך פער׳עקשנ׳ט צונויף איינער צו איינע — — — הויכע ברייט־צוּוואַקסענע אַקסעל, דיקע ליפּען מיט אַ ליידענשאַפטליכען, קלוגען שמייכעל, קוים וואָס עס שפּראַצען וואָנ־סען — — —

און ווען דאָס געשטאַלט קוקט אויף איהם, ליגט ער — ברוך — אין

בעט אַן אויסגעצווינגענער, מיט ברייט צועפּענטע אויגען, און האָט זיך מורא א ריהר טהאָן.....

עס בעווייזט זיך באַלד חנה'קע, אין איהר ברוינעם גימנאַזיום־קלייד, די געשטאַלט צועפּענט פאַר איהר ברייט די הענט, נעהמט זי ארום, בעד האַלט זי אין זיך —

„זיי" שפּיעלען זיך, קושען זיך. זייערעביידענס אויגען פערציהען זיך מיט א פּייכטקייט, צושטראַהלען זיך פון גליק. אָט פלעכט זי איין איהר קלאָהר ווייס הענטעל אין זיינע שווארצע האָר. אָט כאַפּט ער זי אויף די הענד, גיט זי א הויב העכער פון זיין קאָפּ, דערזעהט זי אין בעט דעם „אַלטען" מיט די ברייט־צועפּענטע אויגען, דערשרעקט זי זיך, לאָזט ארויס א געשריי, שפּרינגט אראָפּ, רייסט זיך ארויס און אנטלויפט — — בלייבט די געשטאַלט אליין און זי דרעהט זיך צוריק אויס מיט'ן פּנים צום בעט און נעהמט זיך קוקען אויפ'ן אַלטען ברוך מיט אַזא שאַרפ־ קייט, אז עס גיט איהם א טרייסעל, און ער כאַפּט זיך אויף.

אין שטוב איז פינסטער. אין דרויסען רעגענט. מחנות ווינטען טראָגען זיך איבער דער וויסטער סטעפּ און שליידערען מיט כוואַליעס רעד גען. און צופוסענס זיצט חנה, ווי א בייזע מכשפה, קוקט אויף איהם מיט איהרע צונגליהטע אויגען און שמייכעלט — — —

— — — — — —

ווינטער.

א לויטערע נאַכט.

ברוך וואַרפט זיך דורך.

אין די פענסטער קוקט אריין א זילבערנע ווייסקייט, עס שטראַהלט אריין די שנייאיגע ווייט.

נאָר ניט ווייט פון די פענסטער שטעהט דער הימעל, א דורכזיכטיג־ בלויער, א פערשטערענטער — — —

עס דערהערען זיך קרעפטיגע, יונג־קלינגענדע שטימען, א נעלעכ־ טער — — —

באַלד עפענט זיך אויף די טיהר, עס קומען אריין זיין געשטאַלט און חנה. ביידע פאַלען אריין אין די שניי־שיך, פרישע, אַנגעפּראַסטיגטע, מיט פלאַמיגע באַקען, שטראַהלענדע אויגען:

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

— ווער איז א נאַר? — פרעגט די געשטאַלט, אראָפּנעהמענדיג פון זיך די שניי־שיף.

— דו — ענטפערט זי.

— פאַר וואָס בין איך א נאַר?

— דערפאַר וואס דו האסט זיך געיאָגט נאָך די שטערען....

— הערסט! אז דער הימעל לאָזט זיך פאַר אונז אראָפּ אזוי נאָ־הענט, אז עס דאכט זיך: נאָר נאָך אביסעל, נאָר נאָך עטליכע שפּאַן און דו ביזט שוין מיט דיין חנה׳קען צווישען הימעל און שטערען, צווישען הי־מעל און שטערען.

— און דו נעהמסט און שפּאַנסט.

— און חנה׳קע מיט מיר.

— און דער הימעל מיט די שטערען?

— טראָגט זיך פון אונז אָפּ אלץ ווייטער און ווייטער.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

— ווער איז קלוג? — פרעגט די געשטאַלט, אראָפּנעהמענדיג פון איהר די שניי־שיף.

— איך, — ענטפערט זי צופריעדען, קינדעריש.

— פאַר וואס ביזט דו נאַר?!

— דערפאַר וואס איך האָב געזאָגט: קום צוריק, וועסטו זעהן ווי דער הימעל מיט די שטערען וועט אונז נאָכשפּאַנען.

— פאַר וואס־זשע קומען זיי איצטער ניט צו צו אונז?

— ווייל, — ענטפערט זי, — ווייל זיי האָבען מורא, אז ווען זיי וועלען נעהמען נעהן, וועלען מיר ווידער אנטלויפען.

— כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

און איבערן פּאָל נעהמען זיך קאטשען אייער פון פערשיעדענע פארב און גרויס. עס שלאָגען זיך צונויף עטליכע אייער, שלאָגען זיך אלע מיט אמאָל אָן, איינע אָן די אנדערע, און עס דערהערט זיך א לאַך, און זיי קאט־שען זיך אזוי אַוועק צוזאמען, ווי זיי וואָלטען וועלען נאָכמאכען איהר גע־לעכטער — — —

און אַט כאַפּען זיי זיך אָן פאַר די הענט און נעהמען זיך דרעהען אין טאַנץ:

— טיראַרא, טיראַרא, טראַמאַרא!

— טראַמטי, טראַמטי, טראַכטאַם טאַם!

באַלד פאַלט זי צו דעם נעשטאַלט, וואַרפט אַרום איהרע לאַנגע וואַ־רעמע הענט אַרום זיין האַלז און הענגט זיך אויף איהם, טוליעט זיך צו איהם, ציהט זיך און ווערט אַלץ וואַרעמער, צוגליהטער, איהרע גרויסע אויגען זיינען פער׳שכור׳ט, האַלב אָפען, פערנעבעלט. קוקען זיי אַרויף צום נעשטאַלט, צו זיינע דיקע ליפּען, צו זיינע שאַרפע אויגען, צו זיין שטערען, צו די שוואַרץ־ברענענדע האָר.

די נעשטאַלט צערטעלט זי, גלעט זי, קושט זי, און זעהט דערביי, מיט זיינע ברייטע אַקסעל צו פערשטעלען פון איהר דעם „אַלטען“.

ברוך ציטערט אויף, ער הויבט זיך אויף אויף זיין נעלענער, צופּו־סענס זיצט חנה און שמייכעלט — — —

ער טהוט זיך אָן שטילערהייט, גנב׳עט זיך אַרוים פון הויז, אַזוי אַז „זיי“ זאָלען איהם ניט דערזעהן — זיי זאָלען זיך ניט דערשרעקען. ער נעהמט מיט זיך קעראָסין, געהט מיט איהם איבער׳ן ווייסען שניי צום שייער. נעהמט אַרוים אַ לייטער, קריכט אַרויף, בעגיסט דעם שייער פון אַלע פיער זייטען, בעזונדער זעהט ער, אַז די ראַם פון אַריינגאַנג זאָל זיין גוט בעגאָסען. ער וויל זיך שוין נעהמען אונטערצינדען, דערמאָהנט ער זיך אָבער, אַז די עזלען און דער פערד האָבען ניט נענוג שפּייז אויף מאָרגע־דיגען טאָג. לויפט ער שנעל אַוועק צום שטאַל, פערזאָרגט זיי מיט עסען. דער הונט פּלאָנטערט זיך איהם צווישען די פיס, בינדט ער איהם דאָרט אָן. ער קומט באַלד צוריק צום שייער, צינדט איהם אָן פון אַלע פיער זייטען:

אויפ׳ן טיהר פון הויז בעווייזט זיך חנה. קוקט אויף איהם און שמייכעלט:

— וואָס ביסטו אַרוים? — פרעגט ער זי.

— וואָס איז?

— איצט קאָנסטו דאָך שוין ניט אַריין צוריק.

— פאַרוואָס?

— „זיי“ האָבען פערנומען די בעט — — — —

— און דו? — פרעגט זי און שמייכעלט.

— איך נעה אין פייער.

— אין פייער?

— יא.

— נעהם מיך אויך מיט.

— דיך אויך?

— יאָ.

— קום.

ווי נאָר זיי קומען צו דער טיהר, צינדט זיך די ראם פאר זיי אָן.

— ס'ארא פייער! ס'ארא פייער, פייער, פייער! — — — — — —

— —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ניו יאָרק, 12—1907.

אויף דער זייט דרוקן מיר ווידער דעם אריגינעלן
קאפיטל זיבן, וואס איז אויסגעלאזן געווארן אין די פריערדיקע
אויסגאבן פון דעם בוך.

קאפיטעל 7.

נאך אין וויג פלעגט ער קענען אפלינען שעה'ן לאנג און קוקען אויפ'ן פייער פון לאמפ מיט א מורא'דיגען ערנסט.

ווי נאר מען פלעגט אנציגדען די לאמפ פלעגען דעם קינד'ס אויגען ווערען גרעסער, משונה'דיג־גרויס! — און מען פלעגט איהם ניט קענען אפרייסען פונ'ם פייער. און פלעגט מען אויסדרעהען דאס וויעגעל פונ'ם לאמפ, אדער פערשטעלען פון איהם דאס פייער, פלעגט ער זיך צואווייגען, און האט ער אין גרעסטען געוויין דערזעהן פייער, פלעגט ער באלד אנט־שווינען ווערען, ווי ער וואלט נאר קיינמאל ניט געוויינט, כאטש אין די אויגען, מיט וועלכע ער קוקט אויפ'ן פייער, בלישטשען נאך לאנג די טרערען.

אדער עס פלעגט א מאל טרעפען: — ער ליעגט זיך ביי דער מאמע'ס ברוסט וואויל, פיין; די מאמע גלעט מיט איהר פרייער האנד זיין קעפעל. ער האלט מיט איין האנד די ברוסט צו זיך און זוינט, נעהמט זיך די מאמע מיט איהם חן'ען:

— לאז אפ, דו ממזרוק דו! האסט מורא די מאמע וועט טראגען פערקויפען, א?! האסט מורא? א דו, דו, דו!!!

די מאמע פערגעהט זיך אזש פון פערגעניגען, לויפט צו צום טאטען:

— חיים! זעה נאר, זעה נאר ס'ארא פרעסער דיין זוהן איז שוין אויסגעוואקסען, זעה נאר, ווי ער האלט עס מיט זיין גרויסער לאפע די ברוסט און וויל זי גארניט אפלאזען! אפלאזען וויל דאס ניט! און ווי דאס קוקט א ביסעל מיט די קלוגע, קלארע אויגען! וואס קוקסטו אזוי?! א? וואָ־אָ־ם? — — — דו לאכסט נאר? — — — לאכסט פון א מאמען? פון א מאמען? דו פערשייטער בחור דו! א־א־א? וואס? רעד א ביסעל, נו שוין, נו!

און דאס קינד לאזט ארויס די ברוסט פון מויל, האלט זי אבער נאך אלץ צו מיט'ן הענטעל און לאכט צו דער גליקליכער מאמען, וואס בוינט

צו איהם איהר שעהנעם קאָפּ און רעדט צו איהם „ווי צו א גרויסען",
לאַכט אויך צום טאַטען, וועלכער איז אזש פערשטומט פון פרייד. אלע
זיינען דורכגענומען מיט א ליעבליכער ווארעמקייט, מיט א הארצינגען
פייער, נאָר אין מיטען דער גאַנצער שמחה — דערזעהט נאָר דאָס קינד
די לאָמפּ — ווערט עס מיט א מאָל ערנסט, ווי אַן אלטער, פערקוקט
זיך אויפ'ן פייער מיט אַן אויסדרוק פון איינעם, וועמען עס איז עפּעס
זעהר, זעהר קשה. — — —

און עס דאכט זיך ברוך'ן, אז ער אליין געדענקט נאָך יענע קינדער־
צייט, און אזוי קלאָר, פּונקט ווי אָט ערשט, א מינוט צוריק, איז ער א
קליין קינד געוועזן. וויל ער, איז ער דאָס נאָך איצט אויך, און האָט נאָך
זיין שעהנע, ווייסע מאמע, מיט איהר רונדען, ליעבען פּנים, מיט רויטע,
פרישע ליפּען, און גרויסע שווארצע אויגען, שווארצע ברעמען, געדיכטע,
שווארצע האָר, ווייכע הענד און אזעלכע ווייכע, ווייסע ליעבע ברוסטען.
און ער טהוט מיט אָט דער מאמען וואָס נאָר ער וויל. — וויל ער, וועקט
ער זי אויף אין מיטען דער נאכט, זי זאָל פאר איהם זינגען איהרע האר־
ציגע ליעדער, אָדער זי זאָל איהם נעהמען אין איהר ווארעם בעט אריין.
און וויל ער, מאכט ער נאָר זי זאָל זיך צוואויינען אין מיטען דער נאכט;
און זי וויינט מיט אזא ווארעמקייט, פון וועלכער שטיינער קענען צו־
געהן. און עס כאפּט זיך אויף פון שלאָף דער טאטע צושראָקען:

— וואָס פאר א געוויין?! א? וואָס? דאָס קינד איז חלילה ניט
געזונד? וויל ניט זויגען? ווארפט זיך? האָט היץ? הא? מאכט א
גאנצע נאכט מיט קיין אויג ניט צו? — — — זאָל איך לויפען נאָכ'ן
דאָקטאָר? אָדער, איך ווייס — — — אפשר גאָר אָפּשפּרעכען א גוט־
אויג? א?!

און דאָס הויז הויבט באלד אָן געהן „כאָדאָראָם". עס ווערט א
טומעל, מען קלאפּט מיט די טיהרען, עס קומט אריין אין ווייסען כאלאט
דער גוט־אויג שפּרעכער, דער גוטער, ליעבער זיידע — — — דערווייל
אָבער האָט מען שוין אָנגעצונדען די לאָמפּ. און ווי נאָר דאָס קינד
דערזעהט דאָס פייער, פערגעסט ער אין זיינע „אָנשטעלען" און אין
אלץ, וואָס עס קומט ארום איהם פאָר, ווייל זיין קעפּעל ווערט באלד
פערנומען מיט א וויכטיגען ענין, ווייל די קינדערשע אויגען זעהען איצט
פייער, פייער!

אָדער — עס פלעגט טרעפען א מאָל, אין מיטען דער נאכט ווערט א שטארקער גערודער, אלע ווארפען זיך דורך פון שלאָף, דאָס גאנצע דאָרף איז אויף! מען צועפענט ברייט די אויגען: דער הימעל פאר׳ן פענסטער ברענט, און מוזשיקעס, פערטונקען אין רויטען שיין, לויפען אום מיט העק, מיט עמערס, שלעפען פעסלעך, שפאנען פערד, לויפען אום צופאטעלטע פון הייזעל צו הייזעל און קלאפען אריין אין די פענ־סטער: — פייער! פייער! און עס כאפט זיך אויף פון שלאָף די מאמע, ווייס, צושראָקען, שפרינגט ארויס פון בעט, כאפט דאָס קינד אויף די הענד און נעהמט זיך מיט איהם ארומלויפען. —

— מיין קינד, וועה איז מיר! וועה איז מיר!

או אָט עפענט זיך א טהיר או עס בעווייזט זיך דעם זיידע׳ס גרויע באָרד:

— מען דארף זיך ניט שרעקען, — שרייט אריין דער זיידע א צו־טראָגענער. — ס׳איז ווייט פון דאנען. גאָרניט דאָ אין דאָרף, מן הסתם אין כוטאָר ערגעץ — — — לויף ניט ארום א נאקעטע. נא, כאפ אויף זיך ארויף א שאָל. חיים איז אוועקגעלאָפען רייטענדיג — — — ס׳איז גאָר ניט, מיין קינד. נא שטעל זיך אָט־אָ דאָ־אָ, ביים פענסטער. איך קום באַלד אריין. שטיל איין דאָס קינד.

און די מאמע מיט דער גרויסער שאָל אויף די אקסלען שטעלט זיך צום פענסטער, דאָס קינד קוקט ארויס פון אונטער דער שאָל, זיי קוקען ביידע ארויס דורכ׳ן פענסטער. — דאָס דאָרף נעהמט ווערען שטילער, לעווינעו — — — דער טומעל, די קולות טראָגען זיך אָפּ אלץ ווייטער, אהין צום פייער. און דאָרטען ווייט, איבער די שטרויענע דעכער, צו־טאנצען זיך די פלאמען, שפרינגען און רייסען זיך אלץ שטארקער און העכער, און דער הימעל איז רויט פון דאָרטען אָן ביז העט, העט ארויף.

און איבער׳ן דאָרף שפרינגען אום רויטע שאָטענס, טאנצען איבער די הייזלעך, אויף די דעכער, אויף די ווייסע ווענד, אויף די שווארצע פענסטער, איבער די ווענען. — — —

ערגעץ ביי א טויער שטעהט אַן אלטע גויע, קוקט צום פייער און צלמ׳ט זיך — — — בעפאלען זי די רויטע שאָטענס... בלייבט זי שטעהן א צוטומעלטע, ווערט פערגליווערט — — — מיט איין האנד ניט דער־צלמ׳ט אין דער לופטען, מיט די אויגען צושראָקען געווענדט צום פייער

— — — ציטערט פון דעם אויף ברוך׳לס מאַמע און דערפיהלט, אַז דאָס קינד אונטער׳ן שאַל איז נעבען איהר ווי פערשטיינערט געוואָרען:

— ברוך׳ל!... נאָט איז מיט דיר;! קינד מיינס! טהייערינקער ברוך׳ל! נאָט איז מיט דיר! גיב אַ קוק אויף דער מאַמען! ברוך׳ל!

אָבער זיינע אויגען קענען זיך ניט אָפּרייסען פון דעם פייער — — — עס דאַכט זיך, אַז דאָס קינד איז גאָר דאָרטען — — — אַז זיין נשמת באָדט זיך איצט אין פייער.

נאָכדעם, ווען ער איז אַ ביסעל עלטער געוואָרען, פלעגען אויף איהם פונקט אזא מאָרנעם איינדרוק מאַכען די רויטע פארנאַכטען. —

דאָס אינגעלשע האַרץ ווערט פערציטערט און די אויגען נעהמען קוקען אונרוהיג, ווי נאָר די לופט הויבט אָן ווערען טונקעלער; פון די נערטנער, פון דער ערד נעהמט זיך הויבען דער טומאַן, ווי אַ שכור׳ער, ווי אַ שווער פערוואונדעטער, הויבט זיך, וואַקעלט זיך, פאַלט צו און הויבט זיך ווידער אויף — — — און דאָרטען אויפ׳ן עק הימעל, וואָס איבער׳ן וואַלד, צוברענגען זיך גרויסע פייערען און מיט אזא שטאַרק־קייט, אַז עס איז שווער דעם אָטהעם צו כאַפּען — — —

דער טאַטע פאָרעט זיך איצט אין קלייטעל. אין שטוב איז פאַרנאַכ־טיג, טונקעל. אין קיך איז נאָך טונקעלער; פון דעם איינציגען פענסטער שפּאַרט זיך אריין אַ בלאַסליכער, ווייסער שיין, און אָט ביי דעם שיין זייעט איצט די מאַמע איבער די פרישע נאָר־וואָס אויסגעמאַלקענע מילך און צוגיסט זי אין קרינגעלעך.

— מאַמע!

— וואָס איז, מיין קינד?

— פאַר וואָס איז נאַכט?

— וואָס הייסט?...

— מאַמע, דו ווייסט ניט?

— וואָס ווייס איך ניט?

— פאַר וואָס איז נאַכט?

— נאָט איז מיט דיר, וואָס הייסט, פאַר וואָס איז נאַכט?

— זי — זי וואקסט אוים פון דער ערד?.....

— אָ — אזוי גאר. — דאָס ווילסטו וויסען? — וואס דאָס קינד טראכט זיך! ווידער מיט זיינע שאלות! האָסט דאָס נאָך ניט געפרעגט דעם זיידען?.... און דערווייל טראַכט די מאמע און דערמאהנט זיך דעם זיידענ'ס קלוגע תרוצים. און באלד ווערט דאָס ביי איהר פארטיג: —

— ווייסט דאָך, אז גאָט האָט בעשאפען די וועלט. יאָ — — — — איז ווען גאט האט בעשאפען די וועלט — — — האָט ער בעשאפען די וועל—לט.... און ער האָט געמאכט אזוי, אז די נאכט, וואס איז נעכטען געשטאָרבען, האָט איבערגעלאזט אזעלכע קליינע אייערלאך, וואס ניט אלע קאָנען זיי זעהן — — — נו — — — — אָ! — און ווען די אייערלאך ווערען אלט א טאָג, א גאנצען טאָג, העבט זיך אָן פון זיי אויספיקען א שפּאָגעל נייע פינסטערניש — — —

— א? — — — נאָט!! — ער איז א גרויסער, אזא, אזא גרויסער!....

— און א גוטער, מיין קינד, זעהר א גוטער.

און עס ציטערט דערביי אויף א ווארימקייט, פון א ווייכען, א גוטען, א הארציגען פייער; ס'נעהמט די מילך אין די קריגלעך זיך ווייך רונצעלן. עס בעוווייזען זיך שטילע, ווייסע רעדער.

יאָ, נאָט האָט בעשאפען די וועלט און ער איז א גרויסער, אזא, אזא גרויסער. —

נאָך די רויטע פארנאכטען פלעגט איהם די נאכט, די שווארצע פינ־סטערניש, זיין ווי מיט א רויטען שטויב פערשאָטען, און פערמאכט ער די אויגען, דאן ברענט די נאכט, ברענט אזוי פייערדיג רויט. די ברענענדיגע רויטקייט נעהמט ארום די ווייסע דארפישע הייזלאך, די געפלאכטענע הילצערנע פארקענס, די גערטנער, יעדער בלעטעל, יעדער גרעזעל, וואו א בוים, וואו א פוינעל־נעסט, נאָר זיי צינדען זיך פון דעם ניט אָן. דאָס פייער האָט צו זיי קיין שליטה ניט. — קאָן זיין, דאָס גאנצע דאָרף איז פיעלייכט אפגעריסען געוואָרען פון דער וועלט און איז פערוואָרפען געוואָרען ערגעץ, אין א ווייטען רויטען מדבר, וואו אפילו די לופט איז רויט — — — און קיינער ווייסט ניט פון דעם, און וואו ניט וואו שפארט זיך נאָך פון א קוימען, ווי געוועהנליך, א גרו ־ער רויך — — — דער רויך הויבט זיך פון

די קומענס לכתחילה אין גלייכע זיילען, העכער אבער פערלירען די גרויע זיילען זייער גלייכגעוויכט און הויבען זיך אָן בויגען אהין און אהער, קרויזען זיך און ווערען צוריסען אי שטיקער, און גרויע שטיקער נעהמען שוועבען דורך דער רויטער לופט, טראגען זיך צום ראָז־רויטען, ווייטען הימעל, צו די גאָלד־געלע פינקלענדע שטערען. און עס שעפט ווער וואַ־סער פון ברונען, דער באלקען בויגט זיך און סקריפעט, ווי ס'וואָלט א וויל־דע גאַנז אָדער אן אנדער ווילדער פויגעל זיך דורכפליהענדיג צושריען. און דער צווייטער עק פון באלקאן הויבט זיך אלץ העכער צום הימעל און זיין שווערער קלאָץ וויגט זיך אין דער לופט ווי א גרויסער בעווענליכער פלעק. און פון די נאָהענטע בוימער פליהען אראָפּ די געלע זומער־זשוקעס און פון זייער זשומען ווערט די דארפישע נאכטיגע לופט פולער און געהיימ־ניספול בערעדעוודיג. און קינדער טומלען, יאָגען זיך ארום, שפּיעלען נאָך אין כאפערלאך, באלד ווארפען זיי דאָס שפּיעל און נעהמען זיך יאָגען נאָך די זשוקעס. מע לויפט ארום מיט די היטלען אין די הענט, און ווי נאָר א זשוק פליהט דורך עטוואס נידעריגער, גיט מען א שפרונג אונטער, דערלאנגט א פאטש מיט דעם היטעל, און עס ווערט איבערגעריסען דער זשומען פונ'ם זשוק, דער זשוק שלאָגט זיך אָפּ אן דער ערד, נאָך איידער ער האָט צייט צונויפצולייגען זיינע פיעלע פלינלען.

שפּעטער דערהערט זיך א פערדיש הירזשען, א טופען פון פיעלע פערדישע פיס און א געזונטער פרעהליכער געשפּרעך פון יונגע מענשען. דאָס פיהרען די בעל־הבתישע שקצים זייערע פערד אויף נאכט אין פעלד. און ערשט נאָך דעם, אז זיי פאהרען שוין איבער, דערהערט זיך מיט אמאָל פון ערגעץ א שטארקער געלויף פון דריי פיער ווייסע פערד, וועלכע זיינען ביי די העלזער אנגעטשעפּעט איינער אינ'ם צווייטען. דאָס איילט אזוי שטארק א פערשפּעטיגטער שייגעץ, וועלכער וויל אניאָגען די איבע־ריגע, און די נאקעטע, פרייע פערד פאלגען צופריעדען, טראגען זיך אזוי שנעל, אז עס בלאָזען זיך אויף און אָפּ זייערע ווייסע גריוועס, זייערע עקען. אויפגעבלאָזען איז דעם שייגעץ'ס העמד, זיינע ברייטע פלודערען. זיין שטרויענער „קאפעליוש" איז אראָפּגעפלויגען אויף הינטען און שפּרינגט אונטער אויף'ן בענדעל, וואס ארום האלז, א שווארצליך־גרויער שטויב, ווי א רויך איבער א שטיקענדינגען פייער, רייסט זיך פון אונטער די ווייסע פערדישע פיס, פון אונטער די אויסגעצויגענע ווייסע לייבער און

אינ׳ם שטויב לויפט נאָך, ניט אנגעבינדען, א יונגער לאַשאַק און שרייט און שפּילט די לופט מיט זיין יונגען הארציגען הירזשען. — צו שטארק איז דער לויף פ זיינע דינע פיס. דער שייגעץ אין זיין שטארקער איי־לעניש, דרעהט אויס זיין פערפלאמטען פּנים אויף צוריק און שרייט צום לאַשאַק: קסיאַ! קסיאַ! קסיאַ!.... -- באלד וועלען מיר זיי אָניאגען, באלד! קסיאַ, קסיאַ, קסיאַ! — — — —

עטליכע הינד ווערען אויפגעטרייסעלט פון דעם שטארקען טומעל, און די אזוי אויך אויפגערודערטע לופט הויבט אָן קלינגען מיט זייער אויפגערייצטען: האוו, האוו! —

און נאָכדעם פלעגט זיך ברוך׳ל אויפטרייסלען און דערזעהן, אז ניט רויט, נאָר שווארצלעך־בלוי איז די נאכט, שווארצלעך־בלוי דער הימעל. עס שוועבען אום וואָלקען... שטערען... און א לבנה, וואָס איז אויף אריי־בער האַלב ווי צוגעדעקט מיט א „פּאָקרישקא״, און נידריגער און ברייי־טער האָט זיך אָט דער הימעל צואוויקעלט איבער די טרויערנע דעכער.— אָט דארטען שוועבט א ווייס וואלקענדיל, וועט זיך דאָס געוויס באלד פער־טשעפּען אין דעם שפּיץ פון הויכען טאָפּאָל, אָדער נאָך פריהער, — אָן דעם טויבען שטיבעל, וואס איבער מיכטאָדא׳ס דאך — — — און הייז־לאך נאָך הייזלאך, און דעכער נאָך דעכער ציהען זיך אויף יענער זייט אראָפּ אין טהאָל אריין און הויבען זיך פון דארט ווידער בארג ארויף — — — ער פערקוקט זיך אויף דעם מאָדנעם אויסביינג וואס אי־בער די דעכער, עפּעס אזוי „מאָדנע״, אָט פונקט ווי אומיסטען, צוליעב דעם געמאכט. — — —

און דארט — אויפ׳ען בארג, נאָהענט צום שטעדטיל וואוינט חנ׳קע מיט איהר מאמען. א? יאַ? — — — דארטען, וואו עס לויכט זיך נאָך אָט אין יענעם פענסטער, א — ? — — — און ער לאָזט זיך צו דעם בארג היי, וואס אין זייער הויף. — פון דארטען וועט ער בעסער זעהן.

ווי נאָר ער קומט אריין אין הויף, טאַנצט איהם אנטקעגען זייער באַקסער — א ווייסער הונט מיט ברוינע פלעקען — דרעהט מיט׳ן האָרי־גען ווידעל און ווארטשעט צופריעדען, לעקט איהם די הענט, ווארפט זיך צו דער ערד. שפּרינגט אויף איהם מיט די פאָדערשטע פיס; ווערט ברוך׳ל געריהרט פון דעם הונט׳ס חבר׳ן זיך, און נעהמט אָן זיינע פאָדער־שטע פיס און פערלעגט זיי צו זיך אויף די אקסעל. נאָכדעם נעהמט ער

ארום דעם הונט'ס קאָפּ מיט זיינע הענטלעך און טוליעט איהם צו זיך:
א, דו גוטער באָקסער! דו טייערער! האָסט זיך פערביינקט, א? און דער גרויסער הונט ציטערט אזש. אן אויסגעצויגענער אין דער לייגג אויף די הינטערשטע פיס, האלזט ער מיט די פאדערשטע דעם קליינעם ברוך'ל, ברומט אונטער און לעקט מיט'ן צונג זיין נאקען, און אויף דער ערד ליגט אויסגעצויגען זייער שאָטען — אָט ווי זיי האלזען זיך און וויעגען זיך, אזוי האלזט זיך און וויעגט זיך דער שאָטען.

און אָט לאָזט ער זיך מיט'ן הונט לויפען צום בארג היי: אנו, ווער וועט גיכער! — און אָט זיינען זיי שוין אויפ'ן בארג, פון וואנען די הייזלאך זעהען אויס שיטערער. עס זעהען זיך דורך: פלויטען, און געס־לאך און בוימער — — — אָט איז דאָס געסעל, וואס הויבט זיך בארג ארויף, אָט איז דאָס שטיבעל מיט פענסטער, וואס לויכטען נאָך.

און חנ'קע איז אין א ווייס קליידעלע — — — אָדער ניין, זאל זיין, אז זי איז אין איהר בלוי קליידעלע מיט די ווייסע שטערענדלאך — — — די האָר זיינען ביי איהר צולאָזט אויף הינטען, און אויפ'ן קאָפּ טראגט זי א שלייף פון א בלויער לענטע, בלויע, גרויסע אויגען, געדיכטע ברעמען — — — דאָס פנים'ל איז פריש, עטוואס בלאס, ווי נאָר וואס אויסגעוואַ־שען — — — דער בת־מלכה'ס שמייכעל אויף איהרע שעהנע ליפען — דער בת־מלכה'ס האָר זיינען גאָלדענע און חנ'קעס ווערען אלץ שוואר־צער... נו, איז וואָס?... א בת־מלכה דארף האָבען געלע האָר, אָבער חנ'קע דארף טאקע האָבען שווארצע.... אזוי איז נאָך שעהנער...

און חנ'קע שטעהט און ווארט — זי ווייס, אז ערגעץ שטעהט ברוך'ל אויף א הויכען בארג. און אז באלד וועט ער בעפעהלען, וועט זיך צו איהם ארפּלאזען דער ווילדער, שווארצער אָדלער מיט די בלוט־רויטע אויגען.

דער שווארצער אדלער האלט ווילד צועפענט זיין ביין־ווייסען שנאָבעל, שטעקט מיט כעס ארוים זיין שפיציג רויטען צונג, קוקט מורא'דיג מיט די רויטע אויגען; ער וויל ניט פאלגען, ער וויל ניט. אָבער אז ברוך'ל הייסט —! — — —

און ברוך'ל זעצט זיך ארויף אויף אָט דעם גרויסען שווארצען אָדלער און דער אדלער צושפּרייט זיינע גרויסע שווארצע פליגעל אין דער נאכט און טראגט איהם צו חנ'קע'ן.

און אָט אזוי איז שוין חנ'קע אויך מיט איהם, און זיי פליהען דורך

הימעל און שטערען. און ווי נאָר עס קומט צו דער האנד א שעהן שטע־רענדעל, טשעפּעט דאָס ברוך׳ל אן אָן איהרע שווארצע לאָקען, ווערען איהרע לאָקען אָנגעשנורט מיט שטערען, און זיי טראָגען זיך שיינענדיג אין דער לופטען און וויספּערען — — — און ברוך׳ל רייסט פונ׳ם הימעל די שעהנסטע שטערען און מאכט א שנור ארום איהר ווייסען האלז, בראַסלעטען אויף איהרע ווייסע הענט און אויף איהרע שיך בעפּוצט ער מיט שטערען, און חנ׳קע פּרעסט זיך צו איהם און שמייכעלט צו איהם מיט איהרע פרישע ליפּען, קוקט אויף איהם מיט איהרע בלויע אויגען.

— חנ׳קע, לאָמיר ראַטעווען, לאמיר בעפרייען די שעהנע בת־מלכה!

— וואס איז, ס׳איז איהר דען שלעכט ביים גרויסען ריעז? זאגסט דאָך, אז ער האָט זי ליעב.

— זי בייגקט אבער.

— נאָך וועמען?

— נאָך איהר טאטען, נאָך איהר מאמען.

— בייגקט איך אויך נאָך מיין מאמען, יאָ.

— ביזט דאָך א גוטע — דו ביזט דען א שלעכטע? — — —

— אז איך בייגק אָבער נאָך מיין מאמען!?

— זעה, מיר זיצען דאָךביידע אויפ׳ן גרויסען, שווארצען אדלער; זעה, ווי גרויס עס שפּרייטען זיך זיינע ברייטע, שטארקע פליגלען. ווי זיי רייסען זיך און פּאטשען: פּה! פּה! פּה! — — — און ווייסט? — זיין בויך איז דאָך ווייס, טאקע ווי א ווייסער פוך. דאָס איז ער נאָר פון אויבען אזוי מורא׳דיג שווארץ. און מיר פליהען דאָך דורך הימעל און שטערען, און דיינע האָר האָב איך בעדעקט מיט שטערען, און ארום דעם האלז — זייגען שטערען, און ארום דיינע הענד — שטערען און שטערען אויף דיינע שיך. און אָט נעהם איך דיך ארום און אָט גיב איך דיר א קוש — — — וואָס? האסט זיך דערשראקען?! — — — די שטערען וועלען ניט דערצעהלען דיין מאמען — זיי האָבען דיך ליעב, און דער הימעל רעדט ניט — — — און דעם אדלער וועל איך באשווערען. און גאָט—? ער איז דאָך א־א גוטער — — — זיי נאָר דו א גוטע און לאז מיך ראַטעווען די בת־מלכה.

— וועסט נאָכדעם זי קושען? יאָ....

— אויף מיין ווארט, אז ניט. ווי איך בין א אידיש קינד, אז דאָס

טהו איך נאר דיר. נא דיר נאָך איינעם — — — א ? נו, איצט זעהסטו שוין ? ! — — —

— אוי, ברוך'ל, ביזט א—ז—א גו—ו—טע—ע—ע—ר ! — ציהט זי אוים נעריהרט און וויקעלט ארום איהרע ווייכע, ווארעמע הענטעלעך ארום זיין האלז. און אין ברוך'לס הערצעל צאפּעלט מיט אמאָל אויף א בלויאינק־צארט פייערל. און ער נימ אזש א ציטער און פאלט שיער נים ארונטער פון בארג היי. — — — — — — — — — — — — —

אויפגעטרייסעלטער און צארטער כאפּט ער ארום דעם הונט:

אוי דו באָקסעריל ! באקסעריל ! באקסעריל !

און אין א ווײלע ארום טענה'ט ער צום הונט, אז ער מוז זעהן שלום ווערען מיט חנ'קעס קעצעל, וויל ביז'ל וואגען איז דער שיער ? ! און איהר קעצעל איז דאָך טאקע אזא שעהן, שווארץ קעצעל מיט א קלאָהר־ווייס בייכעל, ווייסע לאפּקעס, ווייס אונטער'ן העלזעל און ווייסע, שעהנע וואָנסען. און היינט היינט דעם נאָך חנ'קע אויף א רויטען באַנד אויפ'ן העלזעל. און דאָס פּאסט דאָך דעם קעצעל אזוי שעהן ! הערסט, וואס איך זאָג דיר, אז פון היינט אָן און ווייטער זאלסטו זיך מיט דעם קעצעל מעהר נים איינרייסען, אז נים ! שרייט ער אוים און טראָגט אונטער א פּעסט־געמאכטען קולאק צו באקסער'ס פּנים אזוי, אז דער הונד פערזשמורעט אזש די אויגען, ציהט אָפּ דעם קאפּ און זעצט זיך אזש צו פאר שרעק — — הערסט וואס מען רעדט צו דיר ? ! אָט אזוי, אָ, זאלסטו מיר געדענקען !

אויף דער שוועל פון טהיר, וואס פיהרט צום הויף, בעווייזט זיך חנ'קע. אין דער לינקער האנד האלט זי אונטערגעקליעבען איהר קליידעלע, ווי א גרויסע — — — און טאקע אינ'ם בלויען קליידעלע מיט די ווייסע שטערען — — — חנ'קע הויבט אויף איהר שעהנעם שטאלצען קאָפּ: הו — אזש אויף אזא הויכען בארג היי קאנסטו ארויפקריכען ! ?

— א גרויסע מציאה ! — — —

— קאָנסטו פון דאָרט זעהן אונזער שטוב.

— אויף וואס דארף איך אייער שטוב ? ! —

— נו, איז וואס ? — — —

— א גאנצע זאך ! — — —

— — — — — — — — — — — — —

— סאיז טאקע שטערען אויף דיין קליידעלע? טאקע אמת'ע שטערען?

נו, יאָ, אזוי זאגט די מאמע. וואָס איז? — — — דו האסט רען ליעב שטערען?

— הי־הי־הי! וויפיעל שטערען אין הימעל! — ענטפערט ער און פערררייסט דעם קאפּ ארויף. — — —

— וואלסט בעסער אנגעזאגט דיין באקסער, אז ער זאל מיר ניט צו־רייצען דאָס קעצעל. — יאָ!

— העסט, אז זי האָט א משוגען קעצעל, איז איהר באקסער שולדיג!

— באלד עפּעס שטעלט דאָס אן א פּאָר שווארצע אויערען, און די קעצענע אויגען, צוציהט די שטעכיגע וואנסען און הארבעט אוים דעם רוקען משוגענערוויין: און זי טהוט דעם נאָך אָן א רויט בענדעל! — — —

— עס געפעלט דיר ניט דאָס קעצעל? ! — — —

— הם, א שעהן קעצעל!

פון דעסטוועגען האָט דיין באקסער מורא פאר דעם! יאָ.

— מיין באקסער מורא! ? — — —

יא, יא, ער טאנצט ארום קעצעל, האווקעט, ווארפט זיך צו דער ערד, אָבער צוגעהן צו דעם נאָהענט האָט ער טאקע מורא. יאָ.

— דאָס איז דערפאר, וואס איך הייס איהם ניט, אבער, ווען איך זאל איהם נאָר א זאג טהאָן, הויבט ער דאָך אויף זיין לאפּע און צורייבט דיר דאָס קעצעל אויף שטיקלעך — — — — — — — — — — — —

אין א קורצע ווייַלע ארום, הויבט זי אויף איהרע אויגען צו איהם ארויף, וואו ער שטעהט דארטען אויפ'ן בארג היי, וואו עס ליגט לעבען זיינע פיס דער גרויסער הונד, און אין איהרע אויגען שטעהען טרערען —

— אוי, ס'ארא לענגטע אין דיינע האָר! טאקע א זיידענע?....

זי אבער שטעהט נאָך א ווייַלע און ענטפערט ניט. און נאָך דעם נעהט זי נאר אין גאנצען אוועק.

ברוך'ל קוקט איהר נאָך און זעהט, ווי זי נעהט זיך דאָס אוועק אזוי גדלות'דיג — זי וויל איהם שוין גאר ניט ענטפערען! — — — און ער דערפיהלט, אז עס בלאָזט א ווינטעל — — — אז דער ווינטעל נעהמט ווייך דורך זיינע האָר, גליטשט זיך דורך איבער זיין לייב, און נעהמט זיך דורכנעהן די הייעלאך פון בארג, יעדער הייעלע בעזונדער — — — דער

באַרג דערפּיהלט דאָס און ניט א ציטער. ניט אויף ברוך'ל א ציטער, און עס כאַפּט זיך אויף דער הונד אויף די פיס — וואס איז ? הא ? — — — — נעהמט איהם ברוך'ל ארום, בוינט זיך צו צו איהם, פערמאכט די אוינען און דערזעהט: ווידער רויט — — — — עס איז רויט. עס ברענט, עס איז פייער. אלעס איז פייער, פייער! און דערצו פליהט פון ערגעץ אַן א פערשפּעטינטער זשוק. דער זשוק פליהט און האלט צולאזט אלע זיינע פליגלען און זשומט. פון זיין זשומען ציהט זיך א רויטער שנור — — — אויפ'ן וועג בענגענט ער זיך מיט נאָך א זשוק און זיי זשומען אריין איי־נער דעם צווייטען עפּעס אזעלכעס, פון וואָס ברוך'ל ניט זיך צושראַקען א שטארקען צאַפּעל.... די זשוקעס צופליהען זיך באלד, דער אהין, דער אַהער, און ציהען זייערע רויטע שנורען אין פערשיעדענע זייטען: זשום, זשום, זשום...

ברוך'ל עפענט אויף א פּאָר צושראקענע אוינען — די נאכט איז קלאר, די נאכט איז בלוי. — און וואס איז מיט דיר ברוך ? ! — — — —
— — — פייער ? — — — פייער — ? — — — —

צווישען צוויי זונען

א בוך אין פיר טייל

אינהאלט:

ערשטע טייל:

פיבים ראמאן — — — — — — — — — — 3
גאט באהים און באשיץ — — — — — 79
דאס גאלדענע איננעלע — — — — — — 100
עס רעגענט — — — — — — — — — — 116

צווייטע טייל:

א ווינטער נאכט — — — — — — — — 2
ווי א בהמה — — — — — — — — — — 4
ווייסע פערד — — — — — — — — — 5
גאט ווענט געבען — — — — — — — — 6
נאכט — — — — — — — — — — — 7
די לבנה נאכט — — — — — — — — — 8
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען — — — — 11
וואו—וואו—הו — — — — — — — — — 15

פערטע טייל:

דער גבור — — — — — — — — — — 5-60

דריטע טייל:

דער אלטער וואלד — — — — — — — — 3
ביים פייער — — — — — — — — — 8
(דער באבע מלכה׳ס דערציילונגען) — — 8
א שטעטל — — — — — — — — — — 41

באצירונגען פון מאקס וועבער, י. ליכטענשטיין, א. וואלקאוויץ.

Copyright by
Farlag America

פיבים ראָמאַן

איך האָב ליעב שלאַנגען.. —

ווי שעהן עס אין זייער גלאַנציגער שטיינער־געוועב. — ווי שעהן דאָס געוועב, ווי פון פּאָלירטע שטיינער, גלאַנצט און שרעקט ביי רעם שיין פון דער זון.

און ווי שעהן זיי פלעכטען זיך איינס אינ׳ם צווייטען.

און ווי קונציג זיי קאַטשען זיך צונויף און וואַרפען זיך פאַנאַנדער: וויפיעל שעהנקייט אין זייערע רינגען, וויפיעל אונענדליכע שעהנקייט אין זייערע עלאַסטישע קנייטשען און אין דעם גראַציעזען וואַנד פון זייערע דינגע און פאַרביגע לייבער!

און ווען זיי בויגען צו מיר זייערע שלאַנגישע קעפּ, מיט די קלאָרע, קלוגע אויגען און שטעקען צו מיר אַרויס זייערע צוצווייגטע צינגער, דאַכט זיך מיר אַפּט, אַז צו מיר ציהען זיך קעפּ פון ליעבע היימישע גענז. און מיר ווילט זיך זיי גלעטען און קושען: — קינדער! ליעבע, שעהנע קינדער!

אַט אַזוי הויב איך אָן מיין דערצעהלונג — פּיבי.

I

פּיכי! — ווי אַן אויסגעטראַכטע איז זי צו מיר, ווי אַן איינגע־רעדטער שרעק, וואָס פערפאָלגט דאָך אַזוי קלאָר און קיהלט מיר אַזוי אָפּט דאָס בלוט אין די אָדערען.

און דער איצטיגער פריהלינג האָט זיך דאָך אָנגעהויבען לאַנג נאָך אונזער צוזאַמענשטוים, לאַנג נאָך יענער שרעקליכער נאַכט.

דער איצטיגער פריהלינג! — דאָס איז געווען דער ערשטער פריה־לינג־טאָג פון יאָהר. מיטאָג־צייט בין איך ארוים אין גאַס, און מיט מיינע פערוואונדערט צועפענטע אויגען דערזעהן ווי דער ערשטער פריה־לינג־טאָג האָט זיך אַ ציה געטהון איבער דער לאַנגער גאַס און גאַסען — — די פערשיעדען־קאָלירטע ברייטע און הימעל־הויכע מויערען מיט זייערע טויזענדער און טויזענדער פענסטער האָבען זיך מיט אַ מאָל אַזוי ווי העכער אַ הויב געטהון, זיך אַ ציה געטהון ארויף צום הויכען, בלאַס־בלויען הימעל, און די פאַבריק־סיגנאַלען פון נאָהענט און פון ווייט האָבען אַלע אויף איינמאָל גוט־ברודעריש ארויסגעהילכט: פריהלינג! פריה־לינג! פרי־ה־ה־לינג!

די מויערען זיינען פאַר מיינע אויגען געלאָפען הויך און העכער, און האָבען מיר אויסגעזעהן ווי ריעזיגע, פאַנטאַסטישע פּאַלאַצען.

עס האָבען זיך צועפענט זייערע ברייטע טיהרען און הונדערטער און טויזענדער מענשען האָבען זיך פון זיי גענומען ארויסשפּאַרען אויף דער גאַס און זיך גענומען ציהען און שפּרייטען ווי לאַנגע און פאַרביגע טע־פּיכען. און איך האָב געקוקט אויפ׳ן טאָג, אויף דער גאַס און אויף די פאַרביגע מענשען־מעגגעס און האָב געזעהן ווי צופריעדענע און אונצו־פריעדענע, בעקאַנטע און אונבעקאַנטע, קוקען זיך איבער און שמייכלען זיך איבער: פריהלינג! פריהלינג!

איך בין איבערגעפילט געוואָרען מיט פרייד.

איך האָב פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיך. איך האָב געפּיהלט, ווי איך וואָלט נאָר וואָס געבוירען געוואָרען, און גלייך ביי מיין געבוירען שוין געטראָפען אזא שעהנע וועלט, וואָס אָטעמט מיט פריהלינג און מיט אזוי פיעל זון און ליכט.

איך בין געגאַנגען — און מויערען און גאַסען און מענשען האָבען זיך פאַר מיינע אויגען געשפּרייט און געוועבט מיט פריהלינג, מיט ליכט און מיט זון...

איך האָב דערפּיהלט ווי אויסצושפּרייטען מיינע הענד, ארומנעהמען די גאַנצע וועלט; די גאַנצע וועלט, מיט איהרע ים'ען און טייכען, מיט איהרע פעלקער און לענדער, וואָס שווימט איצט אום א פערשטראַהלטע און שמייכעלט און גריסט און קושט זיך מיט דעם רוים און מיט דער ווייטקייט, וואָס ארום איהר.

איך האָב דערזעהן די גאַנצע וועלט און די אונענדליכקייט, איבער וועלכער זי שווימט, ווי א ליכטיגע שיף איבער א לויטערען ים.

ווען דער טאָג האָט זיך גענומען חבר'ן מיט'ן פאַרנאַכט, בין איך געקומען צו זיך אהיים. אַלץ אין מיר האָט זיך גערייצט און געריסען. מיט ליעבע און בענקען האָב איך זיך אומגעקוקט אויף מיין וועלאָסיפּעד. בין צו איהם צוגעגאַנגען, ווי צו א ליעבען פריינד, איהם אָנגענומען פאַר די הענטלעך און בין מיט איהם ארויס אין גאַס.

מיין וועלאָסיפּעד איז גוט און לייכט, און די גלייכקייט און זיכער־קייט, מיט וועלכער די לאַנגע גאַס שניידט זיך אוועק מיט איהרע הויכע מויערען, האָט מיך גענומען רייצען און רופען. — — — —

די גאַס האָט מיר אויסגעזעהן, ווי א וועג צו דער ווייטקייט, און האָט מיר אויסגעזעהן ווי עמיצער פון דער ווייטקייט וואָלט אזוי לאַנג, ברייט און שטאַרק אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס און מיט זיי דורכגעלעגט אזא לאַנגען און גלייכען וועג צו זיך. דער גלאַטער אספאַלט פון דער לאַנגער גאַס איז אָבער געווען פערזייהט מיט קינדער, מיט מענשען און כאַמעס. און איך האָב דעריבער געמוזט איינהאַלטען מיין לייכטען וועלאָסיפּעד. און איך בין געפאָהרען איינגעהאַלטען און האָב געשמייכעלט צו דער גאַס מיט איהרע פיעלע קינדער, און האָב געשמייכעלט פון זיך, פון מיינע פיס און פון מיין וועלאָסיפּעד, וואָס האָבען זיך גערייצט און

געריסען צו פאָהרען שנעלער ווי מען האָט געקאָנט פאָהרען אויף דער גאַס.
נאָר אָט בין איך ארוים אויף דעם ברייטען און פרייען „קאָנקורס".
דער „קאָנקורס" — דאָס זיינען דריי ברייטע וועגען וואָס לויפען איינס־נעבען־אנאנדער איבער א ברייטען און ווייטען שטח. — דער מיטעלסטער וועג איז פאר פערד־רייטער, און די זייטיגע צוויי זיינען געפלאסטערט פאר אויטאָמאָבילען און וועלאָסיפעדען.
דריי מאָל ברייט איז דער וועג און ציהט זיך דורך א האלב־ווילדער, ווענינ פערבויטער געגענד. און די ברייטקייט פאר די אויגען ווערט דורך דעם נאָך ברייטער און ווייטער.
דריי מאָל ברייט איז דער וועג. און דריי מאָל ברייט און ווייט אַ גרוים צוזאַמען — קסט זיך אין מיר א פערלאנג, זיך אוועקצוטראָגען מיט איין אָטעם ערגעץ ווייט, אהין אין דער ווייטקייט אריין. האָב איך זיך מיט אמאָל צונעבויגען צו מיין לייכטען וועלאָסיפעד און מיט א צר דייצטער און ווילדער ליידענשאפט גענומען מיט מיינע פיס פרעסען די פעדאלען, און איך האָב זיך אוועקגעטראָגען, אזוי אז די לופט ארום מיר האָט גענומען רוישען.
האָבען מיר אנדערע ווילאָסיפעדען־פאָהרער גענומען נאָכטהון, און מיר האָבען זיך אוועקגעטראָגען צווישען די אויטאָמאָבילען אויף דעם דריי מאָל ברייטען וועג, ווי פוינעל, און נאָך פיעל שעהנער און שמארקער פון פוינעל. און מיט אונז און פאר אונז האָבען זיך אין ברייטע און לאנגע מחנות געטראָגען די גלאנציגע אויטאָמאָבילען, ווי זיי וואָלטען זיך אונטערגעהויבען פון דער ערד, גרייט אריבערצופליהען איינער דעם צווייטען. און די לופט ארום אונז און איבער אונז האָט זיך נאָך אלץ געשפּיעלט מיט טאָג און מיט אָבענד, מיט פריהלינג און מיט ווייטקייט. און דאָרטען, ווייט ארויף, איז צווישען טאָג און אָבענד געבליבען הענגען די זון; א רויטע און ברייט־צועפּענטע האָט זי געקוקט אויף דעם גלאנ־ציגען אספאלט און אויף אונז.
דער וועג פאר אונז האָט דאָ און דאָרטען גענומען שיינען ווי א פּור־פורנער טייך. אונזערע אלעמענס פּנים'ער און אונזערע הענט זיינען פער־צוינען געוואָרען מיט א דינער, שפּילעווריגער רויטקייט. די פערשיעדענע פארבען פון אונזערע אלעמענס קליידער זיינען מיט אמאָל געוואָרען לעבע־דינער און רייכער, און אונזערע אלעמענס אויגען האָבען זיך צושיינט מיט

טאָג און מיט אָבענד, מיט פריהלינג, מיט ווייטקייט און מיט זון. און מיר אַלע, די פּאָהרער פון דעם דריי מאָל בריימען וועג, האָבען געריסען און געטראָגען אונזערע לאַנגע און פארביגע מתנות צו דער זון, צו דער גרויסער און ווייטער זון, וואָס איז געהאנגען פאר אונז.

קיין מורא, קיין פלעק פון פערגאנגענע טעג איז דאכט זיך דעם גאנצען טאָג ניט געווען אין מיר; עס איז, דאכט זיך, אין מיר גאָר קיין פּלאַץ דערפאר ניט געווען. טו ווי אזוי זשע האָב איך אין זיך מיט אמאָל דערפיהלט אָט די צושראָקענע אונרוהינקייט? אָט דעם פיבי־שרעק?...

איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס איך בין פון מיין האסטיגען יאָגען זיך מיעד געוואָרען און גענומען פּאָהרען לאַנגזאמער?

צי אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב פאר זיך מיט אמאָל דערזעהן ביים ברעג פון וועג דעם גרויסען ווייסען מאָנומענט, וואָס מען האָט אמאָל מיט שטיינער בעוואָרפען און אָבגעבראָכען דעם קאָפּ און די פינגער ביי איינער פון די שעהנע גראציעס, וואָס זיצען ארום איהם? — — —

און אפשר איז דאָס טאַקע אָט די צובראָכענע גראציע, וואָס האָט מיך אָן פיבי'ן דערמאָנט? — — —

ווער ווייסט?! ווער ווייסט?! — נאָר א סך חושים זיינען אין מיר מיט אמאָל אָפּגעטעמפּט געוואָרען, און ביסלעכווייז האָב איך גענומען ווי גליווערען פון שרעק.

איך האָב גענומען קוקען פאר זיך בייז און ביטער, ווי זיך ראנגלענדיג און טרייבענדיג פון זיך עפּעס, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר דערנעהנטערט. באַלד אָבער האָט פאר מיר אויפגעשיינט א געדאנק, אָן וועלכען איך האָב זיך אָנגעכאפּט, ווי איינער וואָס טרינקט זיך. און איך האָב גלייך אויסגעדרעהט דעם וועלאָסיפּעד און גענומען לויפען פון דער זון און פון דעם מאָנומענט. און האָב געקוקט פאר זיך איבער דעם דריי מאָל ברייטען וועג ווי א בעפרייטער. — פאר מיינע אויגען האָט זיך גענומען וועבען דאָס „טענים"־שפּיעל; די געלע טענים קוואדראטען, די ווייסע געפלאָכטענע נעצען, די לייכט געקליידעטע מענער און פרויען מיט די „רעקעטס" אין זייערע הענד, — ווי שעהן, געשיקט און לייכט זיי זיינען! אָט ציהען זיי זיך מיט'ן „רעקעט" אין האנד נאָך א באָל, וואָס פליהט רעכטס, און אָט לינקס, אָט זיך צוזעצענדיג און צובויגענדיג און אָט גאָר אויפשפרינגענדיג. אָט מאכט זיך אין דער לופט פון זייער קערפּער

אַזאַ און אַט אַן אַנדער פיגור. און יעדע פיגור מיט׳ן „רעקעט“ אין האַנד איז פול מיט פּליים און ענערגישע בעװעגונג. יאָ, איך האָב ליעב דאָס „טעניס“־שפּיעל. און איך איײל און טראָג זיך איצט אויף מיין װעלאָסיפּעד ארויף אהין צו די „טעניס“־שפּיעלער װאָס שפּרינגען דאָרט אום אויף די געלע קװאַדראַטען װאָס אוים׳ן גרינעם גראָז.

איך בין ארויף אויף א װעג, װאָס ציהט זיך אויף א געװיסער שטרעקע גלייך, און לאָזט זיך נאָכדעם לױפען מיט א זעהר שאַרפען אַראָב־באַרג. אָפּענע גראָז פּעלדער, בערג, שפּיעלער, קװאַדראַטען, בלאַנ־קע, געלע, האָבען מיט א פּלוצלונג שרעקעדינגער איילעניש זיך גענומען טראָגען גלייך אויף מיר... איך האָב זיך מיט האַסט א יאָג געטהאָן צום שאַרפען אַראָבבאַרג. מיין האַרץ און דער װעג אונטער מיר האָבען זיך מיט אַמאָל א ריס געטאָהן. אָט—און איך ברעך דעם קאָפּ! מיט אַמאָל האָט זיך נאָך דער װעלאָסיפּעד אָן עפּעס אָבגעשלאָגען, האָט א שפּרונג געטהאָן; עס האָט זיך דערהערט א קלונג, װי עפּעס װאָלט זיך אין איהם צובראָכען, און גלייך דערויף האָב איך דערהערט א צושראָקענעם פרויען־קװיטש; איך האָב אָן איהם גלייך דערקאָנט פּיבּי׳ס לעצטען פערצװייפעלטען קװיטש, און איך האָב פאַר זיך גלייך דערזעהן פּיבּי; מיט א „רעקעט“ אין איין האנט און מיט א באַל אין דער צװייטער. איהר פּנים איז געװען צוקרימט פון פערצװייפעלטען שרעק. דאָס קלייד אויף איהר איז געװען ליכטיג װייס, פּונקט װי דאָס קלייד, אין װעלכען זי איז געװען אין יענער לעצטער נאכט. — — — — — —

מיין װעלאָסיפּעד, צו װעלכען איך בין װי צוגעװאַקסען געװאָרען, האָט מיך מיט זיין שװינדלענדיגער שנעלקייט דורכגעטראָגען פאַרביי איהר, און איז מיט מיר אװעק, ניט פיהלענדיג די ערד אונטער זיך. און װען דער שאַרפער און לאַנגער באַרג־אַראָפּ האָט זיך געענדיגט, האָב איך מיט א צושראָקענעם אימפּעט זיך גענומען טראָגען אָהן אויפהער אַלץ האַס־טיגער און װייטער, װייל פּיבּיס געשטאַלט האָט נאָך אַלץ געשװעבט פאַר מיינע אויגען, און איהר פערצװייפעלטער קװיטש האָט מיר נאָך אַלץ נאָכגעהילכט.

II

פּיבי. נאָך איידער איך האָב זי געקאַנט האָט מען מיך שוין גע־שראָקען מיט איהר.

שפּאַסענדיג האָב איך זיך אַמאָל אין הויז פון דער פאַמיליע באַש אַרויסגערעדט, אַז מיר ווילט זיך אויף שטענדיג בלייבען אַליין, ווייל איך וויל אַז דער וועג פאַר מיר זאָל אויף שטענדיג בלייבען ריין און ברייט און ווייט.

די טאָכטער פון דער פאַמיליע באַש האָט מיר דערויף געענטפערט פערדראָסיג און שמייכלענדיג:

— און מיר דאַכט, אַז אָט די אַלע געדאַנקען אייערע נעהמען זיך ביי אייך פון דעם, וואָס אָט ווי גרויס איהר זיינט, זיינט איהר נאָך פאָרט אַ קינד... און זיך ווענדענדיג צום פאָטער, מיט וועלכען זי איז געווען אין חבר'שע בעציהונגען, האָט זי געזאָגט:

— דו ווייסט, פאַפאַ, וואָס מיר איז איינגעפאַלען? מען וואָלט איהם בעדאַרפט בעקאַנען מיט פּיבי'ן!...

דעם חבר'שען פאָטער איהרען איז דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט צוגעגעבען:

— גערעכט, טאָכטער! מען דאַרף איהם טאַקע זעהן בעקאַנען מיט פּיבי'ן. יאָ, זי וועט שוין פון איהם מאַכען אַ מענש!

און נאָכדעם פלעגט מיר, באַלד עפּעס, אויסקומען צו הערען:

— וואַרט, איהר וועט זיך בעקאַנען מיט פּיבי'ן!

און נאָכדעם האָט שוין געטראָפען, אַז מען האָט מיר אין דער פאַמיליע באַש אַ פּאָר מאָל פאַרגעוואָרפען פאַר וואָס איך בין ביי זיי ניט געווען יענעם און יענעם אָווענד. איך האָב דאָך צוגעזאָגט צו זיין. — און גראַד דאַן איז ביי זיי געווען פּיבי...

און איינמאָל בין איך געקומען צו די באַשי'ס און געטראָפען אַ גרויסען אויטאָמאָביל פאַר'ן אריינגאַנג, און אין הויז — אַ טיפּיש אידישע

מיידעל, מיט שעהנע עטוואָס געקרויזטע שווארצע האָר, א ווייס־בלאסער
פּנים, שווארצע ברעמען, און אויגען שעהנע, שעהן־צועפּענטע, נאָר גרויע...
איהרע מאַניערען זיינען געווען גרויסשטעדטיש־עלעגאַנטע, ענערגיש־
צולאָזענע און דאָך מינוטענווייז עטוואָס פויל און פערבענקט... געפּלוי־
דערט האָט זי ווי א לוסטיגע שול־מיידעל, און די ווערטער זיינען ארויס־
געקומען פון איהר מויל שארף, אָפּגעטאָקט און רונדיג־קליין. און צו דעם
האָט זי נאָך פון מאָל צו מאָל ארויסגעלאכט מיט א לאַנגען ריגנען־געלעכ־
טער. דער געלעכטער האָט געקלונגען זאַנפטיג־רייך און פארביג. און
איהרע גרויסע שטאָל־גרויע אויגען פלעגען זיך דערביי צועפּענען ליכטיג־
ברייט און פלעגען זיך פערציהען מיט א שטראהלינגער פייכטקייט. איהר
געלעכטער פלעגט זי נאָך אָפּט בעקרוינען מיט דעם וואָס זי פלעגט אין
מיטען לאכען צוטראָגען איינע אָדער איהרעביידע הענט צום הארצען,
און עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט מיט דעם וועלען איינהאלטען דעם
קוואל פון איהר לאַכען.

מען האָט מיך פאַרגעשטעלט פאר איהר און מען האָט מיר געזאָגט,
אז דאָס איז פּיבי.

פּיבי האָט מיר מיט א שמייכעל דערלאַנגט איהר ווייסע האנט.
נאָר איהרע גרויסע, גרויע אויגען האָבען זיך דערביי שארף און קאלט
אריינגעגעסען אין מיינע.... — קאלט און שטאָלץ־צוריקשטויסענדיג איז
געווען איהר בליק, כאָטש איהרע ליפּען האָבען צו מיר פריינדליך גע־
שמייכעלט... און איך האָב דערפיהלט ווי א קעלט איז אריבער מיין לייב.

פּיבי האָט מיט זיך אויך מיטגעבראכט דריי פריינד. מען האָט
מיך אויך פאר זיי פאָרגעשטעלט. די אלע דריי זיינען געווען קריסטען.

אין א צייט ארום, ווען איך בין ווידער געווען ביי די באש׳ס, האָבען
זיך דאָרט אלע נייגעריג נאָכגעפרעגט, ווי עס געפעלט מיר פּיבי. איך
האָב געענטפערט:

— אָ, זי לאַכט זעהר שעהן.

מיין גריננגשעצונג, וואָס איך האָב אויף אזא אופן ארויסגעצייגט צו
פּיבי׳ן, האָט אלעמען אין דער פאמיליע באש בעליידיגט... און זיי האָבען
אויף מיר גענומען קוקען מיט בליקען, פון וועלכע איך האָב זיך גענומען
פיהלען נאריש, און ווען איך בין אוועק פון זיי, האָב איך בעשלאָסען זיי
מעהר קיין מאָל ניט בעזוכען.

III

איינמאָל בין איך שפּעט ביינאַכט אַרויס פון מיין צימער און זיך אויף מיין שטייגער געלאָזט געהן איבער אַן איינגעשטילטער, לאַנגער און ווייטער גאַס. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ שוואַרצע, און די גאַס מיט איהרע עלעקטרישע לאָמפּען האָט זיך אין דער נאַכט אויסגעשיינט ווי אַ לאַנגע און ליכטיגע הייל.

איך בין איבער דער גאַס לאַנג געגאַנגען און האָב, דאַכט זיך, אָהן שום געדאַנקען געקוקט פאַר זיך אויף דער ליכטיגער שטילקייט, וואָס האָט זיך פאַר מיר געצויגען ווי אַ לאַנגע און ליכטיגע תפילה...

פּלוצלונג האָב איך פאַר זיך דערהערט אַ עֲאָס און אַ צושראָקענעם פרויען־קוויטש, און גלייך מיט דעם האָב איך פאַר זיך דערזעהן אַ שוואַרצען אויטאָמאָביל מיט צוויי ליכטיגע רונדע לאַמטערנעס, וואָס האָבען אויף מיר געקוקט מיט זייערע בלענדענדיג געלע ליכט־שטראָמען. אין אויטאָמאָביל איז האַלב אויפגעשפּרונגען געזעסען פּיבי...

אַ פאָדערשטע ראָד האָט אין אויטאָמאָביל געפּלאַצט און פּיבי האָט זיך דערשראָקען.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר ווען דער אויטאָמאָביל האָט ווי אַ פערוואונדעטע חיה זיך מיט מאַטערניש גענומען שאַרען צום טראָטואַר, האָב איך וועהמוטהיג געשמייכעלט פון אַ פאַרטיגען געדאַנק: אַז די נאַכט, די שפּעטע, שוואַרצע נאַכט, האָט אַרויפגעזעצט פּיבי'ן אויף אַ שוואַרצען אויטאָמאָביל און זי אַרויסגעשיקט מיך בעגעגענען אויף אָט דעם לאַנגען און ליכטיגען הייל. און אַז דער שאָפער איז ניט קיין מענש, נאָר אַזאַ נאַכט־גייסט, וואָס האָט שוין געוואוסט צו מאַכען אַזוי, אַז פּונקט פאַר מיר זאָל אַ ראָד פּלאַצען...

איך בין צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל. פּיבי האָט מיך אַ ווײַלע צושראָקען אָנגעקוקט מיט איהרע קאַלטע און צושראָקען־ברייט־צו־עפענטע, גרויע אויגען, נאָר באַלד האָט זי זיך פרעהליך צולאַכט, און

לאַכענדיג מיר אַנטקעגנען געטראָגען איהר האַנד און זיך אָנהאַלטענדיג מיט איהר האַנד אָן מיינער איז זי לאַכעדיג צרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ־מאָביל. דאָס לאַכט זי פון איהר שרעק, וועלכער געפעלט איהר... און פון דעם אונערוואַרטעטען מאָרגעם צופאַל, וואָס האָט אונז צוזאַמענ־געבראַכט; זי האָט דאָך געמיינט, אַז זי וועט שוין אפשר גאָר קיינמאָל מעהר ניט זעהן מיינע בדוינע ברעמען, וועלכע איך לאָז אָפּט אַזוי ביין צראָפּהענגען פון מיין שאַרפען שטערען. — ביי די באַש׳ס האָט מען איהר געזאָגט, אַז איך בין שוין דאָרט זעהר לאַנג ניט געוועזן, און אַז איך בין, יווייזט אויס, אויף זיי ברוגז. און איצט וועל איך זי דאָך געוויס בענגלייטען אַהיים. ניט אמת? זי וואַוינט דאָ ניט ווייט. און — כאָ, כאָ, כאָ — — — ביי די באַש׳ס האָט מען איהר געזאָגט, אַז איך האָב פיינד גוים, און אַז דאָס וואָס איך האָב זי דאָרט געטראָפען מיט דריי קריסטען קען פאַר מיר זיין געגוג, ניט צו האַלטען פון איהר. אָבער דאָס איז דאָך ניט גוט פון מיר, ניט טאָלעראַנט. איך דאַרף דאָך ניט פערגעסען, אַז מיר זיינען דאָך אַמעריקאַנער, פרייע אַמעריקאַנער בירגער, מיטגליעדער פון דער גרויסער און פרייער אַמעריקאַנער נאַציאָן.

פון איהר לאַכען, פון איהר האַלטען זיך און פון דעם בעלעהרענדיגען טאָן, מיט וועלכען זי האָט צו מיר גערעדט, האָב איך קלאָר פערשטאַנען, אַז די טאָכטער פון דער פאַמיליע באַש האָט איהר געוויס געזאָגט אַז איך בין אַ קינד...

פון וואַנען פאָהרט זי עס אַזוי שפּעט, האָט זי ניט געפונען פאַר נייטיג מיר צו דערצעהלען, און איך האָב געטראַכט — זאָל זיין אַז זי קומט דאָס טאַקע פון דער נאַכט.

ווי אַזוי אַ אידיש׳ע מיידעל לאָזט זיך דאָס פאָהרען אַזוי שפּעט ביינאַכט אַליין, דאָס האָב איך ביי איהר ניט געפרעגט. זי אָבער האָט ביי מיר יאָ געפרעגט, פאַר וואָס איך שפּאַציר מיר אַרום אַליין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? און זי האָט לייכט געלאַכט פון מיר:

— אָ, דאָס איז דאָך ווייל איצט וועבט איהר געוויס אייער גרויסען געדאַנק, אַז אַלץ פאַר אייך זאָל אויף שטענדיג פערבלייבען „ריין“ און „בהייט“ און „ווייט“ — — — גליקליך קינד!...

„גליקליך קינד“ — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטער. דער קלאַנג

פון איהר שטימע האָט אָבער דערביי אָפּגעהילכט אינ'ם עלעקטרישען שיין פון דער לאַנגער גאַס ווי אַ טיעפער זיפץ...

פּיבי, מיט וועלכער מען האָט מיך געשראָקען; פּיבי, וועלכע פּער־מאָגט אַזאַ קייטעלדיגען און שטראַהלענדיגען געלעכטער, האָט איצט געבען מיר אַ זיפץ געטהון — — — און דער אויסזעהן איהרער, און דער בליק פון איהרע בריימ־צועפּענטע גרויע אויגען מיט די קויהל־שוואַרצע ב־עמען האָבען זיך ביי איהר נאָכדעם גלייך געביטען אויף טיעפער און ערנסטער. איהר האַלטונג איז געוואָרען נאָך שטאָלצער, אָבער אויך אמת'ער און רוהיגער. און נאָך אַ לענגערען שווייגען און קוקען פאַר זיך, האָט זי גאָר אונערוואַרטעט גענומען רעדען כמעט ווי צו זיך, אַז אידען זיינען נאָך אַלעמען פּאָרט אינטערעסאַנטער. די גוים, דאַכט זיך איהר שטענדיג, פערמאָגען אין זיך אַזאַ מין סאָרט „ווילד־פליישׂ“, וואָס קיין ציוויליזאַציאָן און קיין רעליגיאָן וועט דאָס פון זיי ניט אויסהיילען... די אידען, אָבער, האָבען אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס איז אייביג. אפשר איז דאָס דער געפיהל פאַר אייבינקייט — — — — — — קאָנסט פון עפּעס מיט זיי רעדען, זאָגען, קוקען אין זייערע אויגען — — — איהר ווייסט, אידען זיינען דאָך אפשר דאָס אינטערעסאַנטסטע פאָלק אין דער וועלט!

מיר האָבען די ווערטער איהרע נעקלונגען מגושם'דיג. איך האָב אַ קנייטש געטהון מיט די אַקסלען:

— נאָט איז מיט אייך, פּיבי! איהר רעדט עפּעס גאָר ווי אַ „גוטע“ גויע!...

פּיבי האָט זיך אויף מיינע ווערטער אויפגעכאַפּט ווי פון פערגעסענהייט. און מיך אָנגעקוקט אַ בלאַסע... איך האָב זיך פערלאָרען, ניט וויסענדיג וואָס דאָס בעדייט, און זי האָט מיט אַ מאָל מיר גלייך און שאַרף אַ קוק געטהון אין די אויגען אריין און געזאָגט:

— אַט ווי איהר זעהט, בין איך גאָר ניט אַזאַ שלעכטע. — — —

איך האָב פון דעם אַ ציטער געטהון, ניט וויסענדיג פאַר וואָס און פאַר ווען. — — —

ביים געזעגענען זיך האָב איך פּיבי'ן צוגעזאָגט אַ מאָל ארויפקומען צו איהר. איך האָב דאָס איהר צוגעזאָגט, כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל דאָס ניט טהון.

IV

איינמאָל, ווען איך האָב זיך אויף מיין וועלאָסיפּעד ארומגעיאָגט איבער גאַסען, פּאַרקס און וועגען, האָב איך זיך אָנגעטראָגען אויף אַן אָפענעם גרינעם פעלד, וואָס האָט געבלאַנקט מיט נעלע „טענים"־קוואַדראַטען און מיט אומלויפענדיגע „טענים"־שפּיעלער. איך בין אראָב פון מיין וועלאָסיפּעד און זיך געשטעלט קוקען אויפ'ן שפּיעל. און צווישען די שפּיעלער אויף איינעם פון די דאָזיגע „טענים"־קוואַדראַטען האָב איך דערזעהן פּיבּי'ן. מיט אַ שלאַנגישער פלינקייט און בויגינקייט האָט זי נאָכגעקוקט דעם באַל און איהם געשיקט געקלאַפּט צוריק אַט פון רעכטס און אַט פון לינקס. אַט איז זי מיט קליינע פרויען־טריט און כמעט זיצענדיג געלאָפען אַנטקעגען אַ באַל וואָס איז צו איהר געפלויגען קורץ און ניעדריג, און אַט האָט זי גענומען אַן אויסגעצויגענע שפּרינגען אויף צוריק, האַלטענדיג דעם רעקעט אויפגעהויבען הויך איבערע איהר קאָפּ און איז אין דער ריכטיגער מינוט אונטערגעשפּרונגען אין דער לופטען אויף צו קלאַפּען אַ הויך און ווייט־פליהענדיגען באַל. אַט איז אָבער דער באַל צו איהר אַ פליה געטהון צו הויך און איז אין גאַנצען ארויס פון „טענים"־קוואַדראַט. זי האָט זיך אויסגעדרעהט אויף צו לויפען נאָכ'ן באַל און האָט מיך דערזעהן. זי איז גלייך צוגעקומען צו מיר אַ פער־פלאַמטע מיט'ן רעקעט אין האַנד: — עס פרעהט זי, עס פרעהט זי זעהר וואָס זי זעהט מיך. און מיך? — יאָ, מיך פרעהט דאָס אויך, מיך פרעהט דאָס טאַקע מיט אַן אמת. — — — און איך מוז איהר זאָגען, אַז זי שפּיעלט זעהר גוט טענים. — דאָס אָבער ווייסט זי אליין. נאָר זי האָט נעהערט, אַז איך בין אַ זעהר ליידענשאַפטליכער וועלאָסיפּעד־פאָה־רער, זאָגט זי, און לענגט דערביי ארויף איהר האַנד אויף מיין וועלאָסיפּעד, ווי אַ קינד אויף אַ שפּיעלכעל, און אויך ווי אַ סימן פון נאָר נאָהענטער פריינדשאַפט. אין איהר ווילט זיך זעהר אויסלערנען פאָהרען אויף אַ וועלאָ־סיפּעד; זי וואָלט זעהר וועלען דאָס קענען. נו, נעווים וועל איך איהר

ראָך פון דעם ניט אָפּזאָגען, — יאָ, געוויס ניט. אַט טאַקע נאָך היינט אָבענד. און זי צולאַכט זיך, — ווייל אַז ניט, קען איך נאָך פערגעסען און ניט קומען... און דערצו איז ביי איהר אין הויז היינט גראַד דאָ אַ פרויען־וועלאָסיפּעד, וואָס איהרע אַ פריינדין האָט ביי איהר ניט לאַנג צוריק איבערגעלאָזט.

אין אבענד בין איך אין דער בעשטימטער צייט צוגעפאָהרען צו איהר הויז אויף מיין וועלאָסיפּעד. איהר וועלאָסיפּעד איז שוין געשטאַנען אין דרויסען אָנגעשפּאַרט אָן זייט פון די טרעפּ. ווי נאָר איך בין אראָפּ פון מיין וועלאָסיפּעד־זאָטעל, איז זי גלייך אַרויס צו מיר. ביים טעניס־שפּיעל איז זי געווען אין ווייסען, און איצט איז זי געווען איבערגעטהון אין אַ טונקעל־ברוין קלייד. אַ ווארימע ליכטיגקייט האָט זיך געטראָגען פון איהר פּנים, פון איהר שמייכעל און פון די בעזונדערע צופריעדענע בויגונגען, וואָס מאַכען עלאַסטישער, אָפּגערונדערטער און שלאַנקער דעם קערפּער פון אַ פרוי דאַן ווען זי פיהלט זיך צו שטיפען ווי אַ „בייבי". זי האָט מיר געגעבען איהר שעהנע האַנד און מיך לאַכענדיג געפרעגט, צי רענק איך ניט, אַז פאַר איהר וואָלט געווען פיעל קלינגער ניט צו נעהמען איהרע ערשטע לעקציעס אויף דער גאַס?

איך האָב צוגעגעבען, אַז פאַלען איז טאַקע בעסער אויף אַ גאַס וואָס איז פרעמד... זי האָט זיך פון דעם הילכיג צולאַכט. — וואָס איך רעכען, אַז זי וועט פאַלען?!

איך האָב געקוקט אויף איהר — ווי שעהן זי איז אַ לאַכעדיגע, אין'ם טונקעל ברוינעם קלייד מיט דער ווייסער, ליכטיגער האַנד ביים האַרצען, און געזאָגט:

— און אַז מען פאַלט צוקלאַפּט מען זיך, און עס טהוט וועה...

— געהט, איהר מיינט דאָס ניט! — האָט זי געזאָגט און גענומען איהר וועלאָסיפּעד.

— אָלרייט, איהר'ט שוין זעהן! — האָב איך געסטראשעט.

מיר זיינען אַרויס אויף אַ שטילער גאַס. איך האָב אוועקגעלעגט מיין וועלאָסיפּעד אָן אַ זייט, גענומען איהרען, און זיך געשטעלט ערקלעהרען וואָס און ווי אַזוי זי זאָל טהון. אין אַז דער בעסטער מיטעל ניט צו פאַלען, איז ניט מורא האָבען פאַר'ן פאַלען, ניט אין זינען האָבען,

ניט טראכטען פון דעם. און נאכדעם האב איך זי ארויפגעזעצט אויפ'ן וועלאסיפעד און איהר אנגעזאגט:

— איך וועל די ערשטע צייט האלטען און פיהרען דעם וועלאסיפעד. זי אבער זאל זיך האלטען פריי, זאל זיך אן מיר ניט אנלעהנען.

אבער ווי נאר די רעדער פון וועלאסיפער האבען זיך גענומען דרעהען, האט זי גלייך צושראקען א געשריי געטהון און מיך ארומגעכאפט מיט איהרע הענט.

פיבי'ס הענט זיינען געווען גוט און לאנג. און איהר ברוסט, צו וועלכער מיין קאפ איז צוגעפאלען, האט מיט א וויכען און ווארימען ציטער אנגעריהרט מיין פנים און איך האב דערהערט דעם ריח פון איהר לייב.

איך האב זי אראפגעשטעלט און זיך גענומען בייזערען אויף איהר, פאר וואס זי פאלגט ניט וואס איך האב איהר אנגעזאגט. איך האב איהר נאך אמאל גענומען ערקלעהרען, ווי, און ווי אזוי, אבער וויפיעל מאל איך האב זי נאר ארויפגעזעצט אויפ'ן וועלאסיפעד, איז זי אלץ ווידער ארויפגעפאלען צו מיר אויפ'ן האלז, אדער אריינגעפאלען צו מיר אין די הענט, און דערביי האט זיך פון מאל צו מאל אנגעריהרט די הויט פון איהר פנים אן מיין פנים.

איך האב זיך גע'כעס'ט און געערגערט.

פלוצלונג אבער האט זיך פיבי מיט'ן וועלאסיפער ארויסגעריסען פו מיינע הענט, און זיך אוועקגעטראגען מיט אזא שנעלקיים, אז איך בי פערציטערט געווארען. — — —

איך האב גענומען נאכלויפען, נאכשרייען — אבער וואו?! — — —

דער וועלאסיפעד מיט פיבי'ן האט זיך געטראגען אזוי, אז איך האב גענומען גליווערען פון שרעק.

עס טרעפט אפט, אז אן אנפאנגער רייסט זיך אפ און לויפט. אזוי ווי אבער קערעווען אדער אפשטעלען זיך קאנען זיי ניט, לויפען זיי אזוי לאנג ביז זיי שלאגען זיך אן עפעס אפ און פאלען... און ווי אז זי וועט זיך אנטראגען ביז ווייט ארויף, וואו די גאס ווערט צוויי מאל איבער-געשניטען פון רעלסען?! גאט מיינער! איך האב זיך א לאז געטהון צו מיין וועלאסיפעד, זיך ארויפגעכאפט אויף איהם און זיך גענומען יאגען וואס נאר כח... מיט א מאל אבער איז מיר געווארען קאלט און הייס —

איך האָב דערהערט דעם שווערען אייזערנעם טומעל פון א שנעל־פּליהענ־דיגער קאַר, און איך האָב באַלד פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן און די העל־בעלויכטענע קאַר, וואָס האָט זיך אַ טראַג געטהון גלייך אויף איהר — — — — א ליכטיגקייט האָט ווי א בלישטשענדיגע כוואַליע מיר א שלאָג געטהון אין די אויגען אריין און נאָך דעם איז אַלץ געוואָרען שווארץ און פינסטער... — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין געקומען צו זיך, איז שוין די קאַר ניט געווען, און עס איז שוין אויך קיינער און גאָר ניט געווען... איך בין געשטאַנען אליין נעבען מיין יועלאָסיפּעד און די גאַס האָט זיך פאַר מיר געצויגען לאַנג און ווייט. א פערשטראַהלטע פון דעם ווייסען שיין פון די עלעקטרישע לאָמפּען, האָט זיך די גאַס געצויגען דורך דער נאַכט ווי א לאַנגע, ווייסע הייל... איך האָב זיך מיט מיינע אויגען איינגעגעסען אין דער לאַנגער ווייט, און האָב דאָרט פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן פאָהרענדיג אויף איהר וועלאָסיפּעד! — — — זי איז איצט געפאָהרען צו מיר, זיך אפילו ניט אָנהאַלטענדיג אָן רודער... און ווען זי איז אָנגעקומען נעהנטער און האָט מיך דערזעהן שטעהן אַזוי ווי אַן אריינגעגראָבענעם, האָט זי מיט איין האַנד אָנגעכאַפּט דעם רודער און די צווייטע צוגעטראָגען צום ברוסט, און האָט זיך הויך און הילכיג צולאַכט. — — — זי האָט געלאַכט און האָט זיך דערביי געהאַלטען אויפ'ן וועלאָסיפּעד ווי א גוט־געניטע פאָהר־רערקע. און די ליכטיגע עלעקטרישע לאָמפּען האָבען געוואָרפען דעם שאָטען פון וועלאָסיפּעד, און פון איהר, אָט אויף רעכטס, אָט אויף לינקס...

זי איז צוגעקומען ביז צו מיר און איז דיזהרעוודיג און שעהן בויגענדיג איהר קערפּער אויסגעפאָהרען א ראָד ארום מיר און איז לאַכענדיג וויעדער אוועק פון מיר — דאָס האָט זי געלאַכט פון מיר, וואָס איך האָב זיך געלאָזט איינרעדען, אַז זי קאָן ניט פאָהרען, און וואָס איך האָב זי מיט אזא נאַאיוועז ערנסט געלערנט ווי צו פאָהרען. — — —

פּיבי פלעגט שטענדיג הנאה האָבען פון איהר אייגענעם געלעכטער, און בעזונדערס גרויס איז איהר הנאה געווען, ווען זי האָט געפיהלט, אַז עס איז טאַקע רע פון וואָס צו לאַכען.

איך האָב זיך ארויפגעזעצט אויף מיין וועלאָסיפּעד און האָב זי

אָנגעיאָגט. זי האָט פאָהרענדיג אַרויסגעשטרעקט צו מיר איהר לינקע האנד. איך האָב זי אָנגענומען מיט מיין רעכטער. זי האָט געפרעגט:

— איהר פערגיט דאָך מיר?

איך האָב א דריק געטהון איהר האנד און געזאָגט:

— ס'ארא גוטע האנד איהר האָט.

ביי די באש'ס האָט מען איהר געזאָגט, אז איך בין א קינד. איז איהר דעריבער איינגעפאלען אָט דער שפאס.

און מיר זיינען אזוי אוועקגעפאָהרען, זיך האלטענדיג פאר די הענט און שמועסענדיג און זעהענדיג אונזערע שאָטענס פון רעכטס און פון לינקס און פאר זיך.—און די גאס האָט זיך פאר אונז געצויגען ציטערדיג, שטיל און ליכטיג ווייט. — און אָט נעמט פיבי רעדען און זאָגט:

— איהר זייט אַן ענערגישער און ליידענשאַפטליכער.

איך ציטער אויף — — — אין איהר האנד איז גוט און ווארעם. און זי זאָגט:

— נאָר עס איז, ווייזט אויס, אמת וואָס דער אלטער באש זאָגט וועגען אייך, אז איהר בעזיצט די ספּעציעלע אידישע פעהינקייט צו קאָנטראָלירען אייער איינענע ענערגיע און ליידענשאַפט.

איך האָב זיך דערפיהלט אונבעקוועם, האָב אָפּגעלאָזט איהר האנד און געזאָגט:

— לאָמיר פאָהרען שנעלער.

זי אָבער האָט זיך אָנגערופען לאַכענדיג:

— ניין, ריכטיג, איך מיין דאָס ערנסט, — איהר מיינט, אז איהר וועט טאקע שטענדיג זיעגען?

האָב איך זיך שוין צולאַכט און געפרעגט:

— איבער וועמען? איבער ווייבער? — — —

האָט זי א קוק געטהון אויף מיר און געזאָגט:

— יאָ.

און איך האָב געענטפערט:

— יאָ.

און אין א ווייל׳ע ארום האָט זי זיך אָנגערופען:

— ניט ווייט פון דאנען איז דער פארק! — — — —

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — איהר ווילט אין פארק?

און זי האָט געזאָגט:

— איך וויל צום פאָנטאַן, איך וויל א טרונק.

מיר זיינען אריין אין פארק. ביים ערשטען פאָנטאַן, וואָס איז אונז אנטקעגען געקומען, זיינען מיר אראָפּ פון די וועלאָסיפּעדען, זיי אָנגע־שפּארט אָן א בוים. זי האָט געטרונקען, איך אויך. נאָכדעם איז זי געבליבען שטעהן פאר מיר, מיך איבער עפּעס כמעט בייז אויסגעמאָסטען מיט די אויגען. — — — איך האָב זיך ווידער דערפּיהלט אונבעקוועם. באלד אָבער איז זי עטוואָס ווייכער געוואָרען, איז צו מיר צו און מיט א מאָל פערוואָרפען איהרע הענט ארום מיין האלז, און מיך א קוש געטהון.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונזער פאָהרען צוריק איז געווען א שווייגענדיגער. און ווען איך בין געקומען צו מיר אין צימער, האָב איך אָנגעצונדען מיין גאז־לאָמפּ, זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, געעפענט א בוך און געלייענט:

„איך בין אונטערוואָרפען אלערליי ליידענשאפטען, דער־פאר וויל זיי זיינען אלע אין מיר, נאָר איך האלט זיי ווי ווילדע חיות אין שטייגען און צוגעבונדען, נאָר איך הער פון מאָל צו מאָל זייער רעווען. איך האָב שוין אין זיך דערשטיקט ניט איין ליעבע, וואָס האָט זיך אין מיר פער־נומען: פאר וואָס? — וואָרים מיט מיין טיעפסטען בעוואוסטזיין האָב איך שטענדיג געפיהלט, אז זי איז נאָך קורצער פון מיין איינען לעבען.“

אויף מאָרגען האָב איך זיך אויפגעכאפּט און דערהערט, אז איך טראכט פון פיבי'ן. אז אין מיר שרייט עס: פיבי, פיבי, פיבי! און מיין הארץ ווארעמט זיך דערביי, און דאָס בלוט מיינס ווארעמט זיך, און מיין לייב פיהלט אויף זיך א קינדישע ווארעמקייט. איך האָב געטראכט:

פיבי איז נעכטען איבערגעפאָהרען געוואָרען פון א קאר — — —

ניין, פיבי איז נעכטען ניט איבערגעפאָהרען געוואָרען פון א קאר. עס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט? — — —

און איך האָב געלאכט:

וואָס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט? אז פיבי איז איבערגעפאָהרען גע־וואָרען, צי, אז זי איז צוריקגעקומען? — — —

יאָ, איך דארף דאָך היינט זיין ביי איהר. — — — ניין, איך וועל היינט ניט זיין ביי איהר.

איך האָב דאָס איהר אָבער צוגעזאָגט!

האָב איך איהר ניט געזאָלט צוזאָגען.

און איך האָב געטראכט:

שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך בּיינק נאָך ברייטע און שטארקע בּעווע־גונגען — — — יאָ, מיר בּיינקט זיך טאַקע נאָך ברייטע און שטאַרקע בּעוועגונגען.

און עס איז בּיי מיר געבּליבּען:

נאָך היינט דאַרף איך זיך זעהן מיט מיין בּעקאַנטען, וואָס איז אַנגעשטעלט אין דער אידישער פילאַנטראָפּישער פאַרם־געזעלשאַפט, ער זאָל מיר אָנווייזען אַ פאַרם. וואוהין איך זאָל קאָנען אָנקומען אַלס פאַרם־אַרבּייטער, ווייל מיינע בּיינער בּענקען נאָך שווערער, וואָגינער אַרבּייט.

איך בּין אַרויס פון בּעט, זיך אָנגעטהון, זיך גענומען איינוואַשען. וואַשענדיג האָב איך מיט אַ פּלוצלינגען שטוינען דערפיהלט, אַז דער קוש וואָס פּיבּי האָט מיר נעכטען געגעבּען, וואַשט זיך ניט אָפּ, נאָר וואַשט זיך אינ'ם פרישען וואַסער איגאיינעם מיט מיין פּנים, מיט די ליפּען. — — איך האָב אויפגעהויבּען די אויגען צום שפּיעגעל וואָס פאַר מיר און דערזעהן די רויטע ליפּען מיינע. די ליפּען האָבּען זיך אַ צופריער־דענעם קניימש געטהון, און די אויגען האָבּען דערויף אַ צושמייכעלטען שטראַהל געטהון. מיט אַמאָל אָבּער זיינען מיר די אויגען פינסטער געוואָרען. איך האָבּ זיך גלייך אָפּגעקעהרט פון שפּיגעל. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר בּיטער אַ וויעג געטהון, ווי עס וואָלט זיך אָן עפּעס שטעכיגעס אָנגעשלאָגען:

— מיט די איינענע ליפּען האָט זי געווים אויך געקושט אַן אַנדערען, אפשר איינעם פון יענע גוים!...

נאָט מיינער, ווי ניט גוט מיר ווערט בּיי דעם געדאַנק, אַז אַ אידישע מיידעל קען אַמאָל קושען אַ גוי!

V

מיין פריינד, אין דער אידישער פארם־געזעלשאפט, האט זיך זעהר גוט איינגעאיינעט מיט די אסימילאטארישע אידעען פון די פילאנט־ראפען פון דער געזעלשאפט. — ער האט מיך גלייך גענומען צורעדען, אז אננעהמען א שטעלע זאל איך נאר ביי א קריסטליכען פארמער, ווייל איך אלס אינטעליגענטער מענש דארף אליין פערשטעהן אז ביי א קריסט איז פיעל בעסער צו ארבייטען — — — א איד, דארף איך פערשטעהן, איז א ביסעל צו קלוג; א איד וויל מען זאל פאר איהם ארבייטען אומזיסט. און היינט ביי א קריסטליכען פארמער בין איך כאטש זיכער מיט א זונטאגדיגען רוה־טאג, און ביי א אידען וועל איך ניט האבען ניט קיין שבת און ניט קיין זונטאג. און דערצו, איז צו א קריסט, אויב איך וויל, האט ער פאר מיר שוין א גוטע שטעלע — אפילו גלייך פאהרען; אויב אבער איך וויל דורכאויס צו א אידען, וועל איך מוזעןווארטען עטליכע טעג.

איך האב בעשלאסען, אז זאל זיין א קריסט, אבי שוין פאהרען. און דערצו נאך האט מיך א רייץ געטהון א ליידענשאפט, זיך אין דעם פאל איבערגעבען אין די הענד פון אט די נייע ערלייזער אונזערע.

אויף מארגען נאך האלבען טאג בין איך שוין געווען ווייט פון ניו יארק און פון פיבי'ן, ערגעץ אויף א פארם צווישען די „ווייסע בערג“ פון דעם שטאאט ווערמאנט. נאהענט פון דעם שטילען קאנעקטיקוט־טייך, וואס האט פאר זיך געמאכט פלאץ צווישען די בערג פון ניי־העמפשייר און ווערמאנט.

VI

די ווייסע בערג! די בערג פון ווערמאָנט און ניו־העמפּשייר! נאָט מיינער! איך חלום דאָך נאָך ביז אויף היינט, אַז עמיצער, אַ ווייסער, אַ ליכטיגער, האָט זיך דאָרט אַמאָל בעוויזען, דעמאָלט ווען די ערד איז נאָך געווען רויה און וויסט און ווילד, און די וויסטע ערד איז פאַר׳כשוף׳ט געוואָרען פון זיין גרויסער און ליכטיגער ווייסקייט, האָט גענומען בליהען און וואַקסען, און מיט פרייד און מיט שרעק האָבען נאָכדעם בעגראָזטע און בעוויילדערטע טיילען און מיילען גענומען לויפען און שפּרינגען אין הויכען און קנייטשען איינס נאָכ׳ן אַנדערען, איינס אויפ׳ן אַנדערען, און גענומען קוקען אַרום זיך און זוכען. — זיי האָבען איהם, דעם ווייסען, שוין ניט געפונען, אָבער נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג שטעהען אויפ־געשפּרונגענע אַט די צעהנדליגע און הונדערטע בעגראָזטע און בעוויל־דערטע טיילען און מיילען, קוקען פאַר זיך געהאָרבעט און געקנייטשט, געשפּיצט און געבויגען, קוקען פערציטערטע פון פרייד און שרעק און מיינען נאָך אַלץ צו דערזעהן איהם, דעם ווייסען.

און ווען מען זאָל ניט אויפהויבען די אויגען, און אין וועלכער זייט מען זאָל ניט קוקען פון דעם פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך אָ׳נעלסאָן׳ס פאַרם, וואוהין איך בין אָנגעקומען אַרבייטען, זעהט מען פאַר זיך בלויז בערג, דורכאויס בערג און בערג, מיט פערשיעדענערליי פלאַכען און שפּיצען און קנייטשען.

דער מיסטער אָ׳נעלסאָן, אַ גוי, אַ בעל־גוף, מיט אַ ראָזליכען קאָליר אין די פעטע באַקען, מיט גלייכע אַראָפּגעהאַנגענע גרויע וואָנצען, וואָס זיינען ווייזט אויס נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק געווען געל, האָט מיך בעגע־געגנט זיצענדיג אויף אַ טרעפּ פון דער וועראַנדע פון זיין ווייס־געפאַרבטער הויז.

ער איז געווען אָנגעטהון מיט פּשוט׳ע שיך און הויזען מעשה פאַרמ־אַרבייטער, מיט אַ גוטער ווייסער העמד, מעשה פריץ, און מיט אַן אָבגע־

טראָגנענעם, ערטערווייז צוריסענעם שטרוי־הוט אויפ׳ן קאָפּ. ער האָט מיך בעגריסט, צוגענומען די אָנווייזונג פון דער געזעלשאַפט, מיך געפּרעגט ביי וואָס איך האָב ביז איצט געאַרבייט. און צי איך האָב שוין ווען גע־טהון פאַרם־אַרבייט, און צי איך וויים זיינע בעדינגונגען. און עס געפעלט איהם, וואָס איך, א איד, רעד אַזא גוטען ענגליש. און עס געפעלט איהם זעהר וואָס אידען האָבען זיך גענומען צו ערד־אַרבייט. און אָט די געזעל־שאַפט, וואָס וויל דערנעהנטערען „איזראַעלען" צוריק צו גאָט׳ס ערד, טהוט דערמיט א זעהר גוטע זאַך. יאָ, דאָס איז א זעהר גוטע אידעע. מיר וועט ביי איהם זיין גוט. איך דאַרף נאָר ניט זאָגען קיין ליגענס — — עס איז אַלעמאָל בעסער צו זאָגען דעם אמת — — — — טרעפט זיך עפּעס, קומט עפּעס פאָר, אַזוי צי אַזוי, זאָל איך בעסער זאָגען דעם אמת — — — אָבער דאָך מיינט ער פון דעסטוועגען, אַז אידען זיינען פעהיגע מענשען — זיי האָבען געגעבען די ביבעל — — — יאָ, שלאָפען אָבער וועל איך מוזען אין שטאַל, אויפ׳ן בוידעם — — — ווייל אין הויז איז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ. — אָבער דאָרט, אויפ׳ן בוידעם, איז נאָר ניט אַזוי שלעכט; פאַראַן דאָרט אַזא אָפּצאַמונג, וואָס זעהט אויס ווי א בעזונדער צימער, און א בעט שטעהט דאָרט. און אָט איז וויליאַמס — היר וויליאַמס! קום אהער! — האָט ער אויסגעשריען צו א פערשטויבטען אַרבייטער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון פעלד מיט די פערד געשפּאַנט אין גראַב־מאַשין — זאָל מעקס אויסשפּאַנען!

דער פערשטויבטער וויליאַמס האָט גלייך גענומען געהן צו אונז א צופריעדענער פון דעם וואָס ער האָט פערשטאַנען, אַז איך בין דאָס דער נייער אַרבייטער, אויף וועמען זיי האָבען געוואַרט. ער האָט מיך איבער־גענומען פון דעם מיסטער אָ׳נעלסאָן, און מיך געפיהרט אין שטאַל אַוועק־צולעגען מיינע זאַכען און מיר ווייזען מיין אָרט.

VII.

אויפ'ן בוידעם איז אויף אַן אָפּגעצאַמטען פּלאַץ געשטאַנען אַן אַלטע בעט מיט צופוילטע טעפּיכען. אַלס אונטערבעטעכץ, און אַן אָנגעשטאָפּטען זאַק מיט שטרוי פאַר צוקאָפּענס. די בעט איז געווען צוטריקענט און צופאַהרען. און איך און וויליאמס האָבען זיך גלייך גענומען זי איבער־בינדען מיט שטריק.

וויליאמס האָט מיר דערביי גענומען דערצעהלען, אַז ער פרעהט זיך זעהר מיט דעם וואָס איך בין געקומען — זיי זענען איצט בלויז פיער ארבייטער, און דאַרפען וואָלט מען כאָטש נאָך פיער, ווייל אויסער דעם גרויסען שטח ערד וואָס עס איז דאָ צו בעארבייטען, איז נאָך דאָ איבער פופציג קיה און נאָך אמאָל אזוי פיעל קעלבער און קעלבלעך. נאָר דער מיסטער אָ'נעלסאָן, מוז ער מיר זאָגען דעם אמת, האָט געקראָגען אזא גאָמען אין די „עמפּלאָימענט"־ביוראָס, אַז זיי ווילען מיט איהם מעהר קיין עסקים ניט האָבען, און די ארבייטער וואָס ער קריגט שוין יאָ, האַלטען זיך ניט לאַנג. אָט פון לעצטען הערבסט אָן איז ער, וויליאמס, דער איינציגער ארבייטער, וואָס איז דאָ אויסגעווען אַ גאַנצען מאָנאַט און איז נאָך פערבליבען אויף אַ צווייטען. און מען קאָן צו די ארבייטער גאָר ניט האָבען, ווייל דער מיסטער אָ'נעלסאָן איז — — —

דאָ אָבער האָט זיך וויליאמס מיט אמאָל דערשראָקען און זיך גע־נומען פערדעכטיג ארומקוקען — ער האָט דערהערט טריט... אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי מעקס, אַ יונגער, לאַבענדיגער שייגעץ, נאָך כמעט אַ סקוהל־באָי. ער איז ארויף אראָפּצואווארפען היי פון בוידעם און דערווייל געוואָלט מיך אָנקוקען.

— וואָס ווילסטו דאָ האָבען ? — האָט וויליאמס אויף איהם אויס־געשריען און אויסגעשפּיגען כמעט גלייך אויף איהם.

מעקס' שמייכעל אָבער האָט זיך פון דעם ניט געענדערט — ער איז געבליבען שטעהן מיט דער האנד אָן דעם הילצערנעם היי־גאָפּעל, וואָס

איז געווען פיעל העכער פון איהם. און שמייכלענדיג געקוקט אויף דעם צו'כעס'טען וויליאַמסען און אויף דער סקריפּענדיגער בעט וואָס מיר האָבען געבונדען און געפרעגט:

— אָט אָ דאָ וועט ער טאַקע שלאָפען? — — —

— ניט דיין עסק! געה אַוועק, דו גאָרנישט! — האָט זיך וויליאַם אַלץ גע'כעס'ט.

מעקס אָבער האָט ניט אויפגעהערט שמייכלען, און נאָך געמאַכט אַ בעוועגונג אונז אַרויסצוהעלפען אין דער אַרבייט.

וויליאַמס האָט איהם ביין אָפּגעשטופּט:

— געה, טהו דיין אַרבייט! קיינער בעט דיך דאָ נישט!

ווען מעקס איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מיר וויליאַמס געזאָגט, אַז מיסטער אַ'נעלסאָן האָט איהם נאָך נעכטען געהייסען צורעכט מאַכען דאָס בעט פאַר דעם אידען, וואָס קומט אַהער אַרבייטען. נאָר אַזוי ווי די מאַדאַם אַ'נעלסאָן איז דערביי אויך געווען, און ער, וויליאַמס, האָט בעמערקט אַז זי איז פון דעם ניט צופריעדען — ביי יעזוס! די מאַדאַם אַ'נעלסאָן איז אַ גוטע פרוי! — זי האָט זיך אַ ברוגז'ע אויפגעהויבען און אַוועקגעגאַנגען... און דערפאַר האָט ער, וויליאַמס, זיך ניט געאיילט, ווייל ער אַליין וואָלט אויך וועלען, מען זאָל פאַר מיר בעסער מאַכען אַ פּלאַץ אין הויז, ווייל ער ווייסט דאָך אַז אַן אַרבייטער קען אַמאָל פאַר אַזעלכע זאַכען ברוגז ווערען, און דעם אַרבייטער דאַרף מען איצט זעהר נויטיג. און וואָס איז דען דער אונטערשיעד — אַ איד צי אַ קריסט? — — — ביי יעזוס! אַלע מענשען זיינען גלייך — וואָס איז, די אידען גלויבען דען ניט אין גאָט?

ביי דער אַרבייט איז ביי מיר אַרויסגעפאַלען פון קעשענע די פּאָנטאַן־פּען.

וויליאַמס איז פון דער פּאָנטאַן־פּען גאָר צומישט געוואָרען. ער האָט געבעטען איך זאָל זי פאַר איהם עפענען. איך זאָל איהם ציינען, ווי זי שרייבט, איך זאָל זי איהם געבען האַלטען אין זיינע הענט. און כ'אַרא מאָדנע זאַך דאָס איז! ווי אַזוי ווערט דאָס געמאַכט וואָס זי שרייבט אָהן טינט?! און די פּען איז טאַקע אַ גאָלדענע?! טאַקע פון אמת'ע גאָלד?! וואונדערבאַר! ווען ער וואָלט געהאַט צ.אַ זאַך, וואָלט ער שוין ניט געקומען אַרבייטען אויף אַ'נעלסאָן'ס פאַרם.

אַ גיין! און צי וועל איך איהם געבען מיט דער פּען שרייבען אַ בריעף צו זיין שוועסטער? — ער איז ניט אבי ווער! — ער האָט אַ שוועסטער! און דזשאָן, מיט וועלכען איך וועל זיך באַלד בעקענען, איז אַן אַנגעלאָ־פּענער, גאָט ווייסט פון וואַנען. — זינט ער איז דאָ האָט ער נאָך קיין איין בריעף ניט ערהאַלטען, און צו קיינעם ניט געשריעבען, אַפילו אַ וואָרט ניט! ביי יעזוס, מיט אַזאַ מאַן איז דאָך געפעהרליך צו שלאָפען אין איין צימער. און די פאַנטאַן־פּען זאָל איך בעסער ניט האַלטען אַזוי אויבען־אויף... ער שווערט מיר אַפילו ביי יעזוס'ן, אַז ער מיינט חלילה ניט, אַז עמיצער פון די אַרבייטער איז דאָ אַ גנב, אָבער עס איז פאַרט בעסער אַז מען ווייזט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען.

שפּעטער אין אָבענד, ווען מיר זיינען אַלע געזעסען און געגעסען אונזער „סאַפּער“, האָב איך זיך בעקאַנט מיט דער מאַדאַם אָ'נעלסאָן.

ווען מיר האָבען שוין געהאַלטען אין ענדיגען אונזער עסען, האָט זיך געעפענט די טיהר, וואָס פיהרט אין די בעל־הבתּישע צימערען, און עס איז אַריין אַ בלאָנדע דאַמע, האַלטענדיג אויף איהר אָרעם ווייסע בעט־וועש. וויליאַמס האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און מיט אַ חניפה־דיגער פרייד זיך אָפּגערופען:

— מאַדאַם אָ'נעלסאָן, דאָס איז אונזער נייער אַרבייטער!

די מאַדאַם האָט אויף מיר אָנגעשטעלט איהרע אויגען — — — און געפרעגט מיין נאָמען, און צי איך קום טאַקע פון ניו יאָרק — און וואו האָב איך געוואוינט אין ניו יאָרק. און ווען איך האָב איהר אָנגערופען די געגענד, האָט זי פערדעכטיג מיך נאָכאַמאָל געמאַכט אָנרופען דעם נאָמען פון דער געגענד — — — און ערשט נאָכדעם מיך ווידער אַ ווײַלע אָנגעקוקט און געפרעגט אין וועלכען טהייל פון יענער געגענד איך האָב געוואוינט און צי איך האָב דאָרטען אייגענע בעקאַנטע — — — און בשעת זי האָט מיך געפרעגט אָט די אַלע שאלות, האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס איז ביי איהר ניט קיין נייגעריגקייט, נאָר אַ מין בענקען, אַז ווער ווייס ווען זי האָט דאָרטען — — — זי קומט, הייסט דאָס, אויך פון ניו יאָרק...

אַ באַזונדער ווייכקייט האָט זיך געטראָגען פון דער מאַדאַם אָ'נעל־

סאָן'ס שטימע. אַזאַ ווייכקייט הערט זיך בלויז אין די שטימען פון די פרויען וואָס וויינען אָפט אין דער שטיל.

ווען די דיענסט איז אריין אין אונזער עס־צימער, האָט איהר די מאדאם אָ'נעלסאָן איבערגעגעבען די ווייסע וועש, זי זאָל ארויפנעהן צו מיר און דערמיט איבערציהען מיין בעט — — — און פאר'ן ארויס־געהן האָט צו מיר די מאדאם געזאָגט — זי האָפט, אַז איך וועל זיך דאָ פיהלען גוט.

VIII.

א הייס־בלויער הימעל האָט זיך געשפּרייט איבער א קיהלער נאכט. איך בין געלעגען מיט'ן פּנים ארויף. ווייך און שטיל האָבען די גראָזען געגלעט מיינע הענט, מיין נאקען. דאָ און דאָרט האָט פון גראָז געגומען ארויס־צרייען: * !Whip-poor-will! Whip-poor-will! Whip-poor-will

די געשרייען זיינען געווען מעלאנכאָליש. פערטרויערט און האָבען זיך ווידערהאָלט קורץ, אונערווארטעט און קרעפטיג־קנאלענדיג: „וויפּ־פּור־וויל!" — „וויפּ־פּור־וויל!" — „וויפּ־פּור־וויל!"

איך האָב געוואוסט, אז דאָס איז דער וויפּ־פּור־וויל־פויגעל, איינער פון דעם מין נאַוטסאַקער פויגעל וואָס געפינט זיך נאָר אין די מזרח־געגענדען פון צפון־אמעריקא. דאָס זיינען פויגלען, וועמעס טאָג עס פאנגט זיך אָן א פּאָר שעה נאָך זון־אונטער־גאנג, און וועלכע מען זעהט כמעט קיינמאָל נים. מען הערט זיי בלויז. און אויף וועלכע אינ־דיאנער און ניגערס גלויבען, אז דאָס זיינען אזעלכע גלגולים, גייסטער און פאַראויסזאָגער.

איינער פון דעם סאָרט פויגלען האָט זיך פּלוצלונג פון ערגעץ א באַרג ניט ווייט פון אונז מיט אמאָל הילכיג צושריען: האַ, האַ, האַ! האַ, האַ, האַ! — — — און יעדעס מאָל אלץ העכער און שרעקעדיגער. און כאָטש איך האָב, דאכט זיך, גוט געוואוסט, אז דאָס זיינען פויגלען, פון דעסטוועגען האָב איך געטראכט, אז דאָס זיינען אזעלכע שטיק פון דעם קליינעם בלאסען און שטענדיג־לאכענדיגען מעקס. אז דאָס שפּיעלט ער זיך איצט מיט זיך אליין, שפּרינגט ארום אין גראָז, בעהאלט זיך אויס אוונטער שטרויכען און פעלזען און שרייט אין דער נאכט אריין:

!Whip-poor-will! Whip-poor-will און האַ—האַ—האַ!

אָדער נאָר: !Willie-com-go! Willie-com-go (**

---

*) שמיים, פּרעמער וויליאם! שמיים, פּרימער וויליאם!!

**) וויליאַם־קום־געה! וויליאַם־קום־געה!

וויליאַם איז פאַרביינעגאַנגען, אַ לאַנגער, אַ שוואַרצער און שטיל, ווי אַן אויפגעשפּרונגענער שאָטען.

דזשאָהן, אַ שטאַרק געבויטער דייטש, מיט אַ בלאָנדער באָרד און בלויע אויגען, איז געזעסן נעבען מיר, און מיר דערצעהלט, אַז ער איז אויך אַ ניו יאָרקער, אַז ער האָט דאָרטען צוויי געליעבטע, נאָר מען האָט איהם אַרויסגעשיקט פון ניו־יאָרק אויף פינף יאָהר — איין יאָהר איז ער אָפּגעזעסען אין שטאָדטישען געפענגניס, נאָכדעם האָט מען איהם ערשט פערבאָטען צו זיין אין ניו־יאָרק סטייט. זיי זיינען אפשר גערעכט — האָט ער צוגעגעבען — אָבער שולדיג איז אין דעם זיין פאָטער — ער איז געשטאָרבען און איהם איבערגעלאָזט זעקס און פערציג טויזענד דאָ־לאַר, און ער, דזשאָהן, איז דאַן געווען אַ יונגער באָי, אַ סטודענט פון שטאָדטישען אוניווערזיטעט, — יאָ, יאָ, איך מעג איהם גלויבען, — ער אָט דער פאַרמער, וועמען איך זעה איצט נעבען מיר, איז אַן אינטעלי־גענטער מענש, האָט געלערענט אַנאַטאָמיע, פיזיקע — און אַז אַנאַטאָמיע געדענקט ער נאָך ביז היינט. אַז אָט דער ביין פון האַנד הייסט „אולנאַ", אָט דער „ראַדיוס" און אָט זיינען די „קאַרפּוס". און ער האָט זיך גע־נומען אויסרעכענען זייערע נעמען איינס נאָכ'ן אַנדערען. ער געדענקט זיי שוין אַפילו ניט אין גאַנצען, אָבער איך קען דאָך זעהן, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מענש. נאָר איבער די געלד, וואָס ער האָט דאַן נאָכ'ן פאָטער'ס טויט אַריינגעקראָגען אין זיינע הענד, איז ער אַריינ־געפאַלען אין שלעכטער קאָמפּאַניע. אָבער ער איז שוין אויסגעוועזען אַ וועלט! „געפּייקט", „געגעמבעלט", געהאַט אַ „פּייט" מיט מעקענזי'ן, מיט מעקענזי'ן אליין! אָט איך קען דאָס זעהן פון זיין גראָבען פינגער אין זיין רעכטער האַנד — דער פינגער איז ביי איהם פון דאַן אָן צובראָכען. איך דאַרף דאָס נאָר ניט דערצעהלען וויליאַמס'ען, ווייל אַזוי האָט וויליאַמס מורא צו איהם צוצוגעהן נאָהענט, ווען אָבער וויליאַמס זאָל זיך דערוויסען אַז ער האָט נאָר אַ צובראָכענעם פינגער אין דער רעכטער האַנד, וואָלט ער מיט איהם נאָר אַנדערש גערעדט. — — —

דזשאָהן'ס רייד האָבען זיך פאַר מיר געמישט מיט'ן אָבענד אין מיט די מעלאַנכאָלישע און כעס'דינע געשרייען, און איך האָב דערביי געקוקט אין הימעל און געזעהן איבער מיר מיליאַרדען קליינע און גרויסע שטערען. די שטערען האָבען ליכטיג און שאַרף געקוקט אויף מיר און

אויף די בערג און בערג, וואָס זיינען אַזוי רייך פאַנאַנדערגעוואָרפען אונטער דעם ברייט־צושפּרייטען הימעל — — — און איך האָב דערביי נעטראַכט פון אַ סך זאַכען און אויך פון דעם, אַז פאַר דער מאַדאַם אַ׳נעלסאָן וואָלט געווען גוט צו האָבען אַ מאַמע, אָדער צו זיין אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענע טאָכטער, צו וועמען מען קאָן רעדען — — ווייסע, שטילע פּרויען — אַט ריידען זיי דאַכט זיך קלוג און שמייכלען פרעהליך, און ווי נאָר זיי פערמאַכען הינטער זיך די טיהר קאָן זיין צואווייינען זיי זיך גלייך. — — —

ביסלעכווייז בין איך צואווערבט און צומישט נעוואָרען מיט די בערג, מיט די שטערען, מיט׳ן הימעל — — — איך האָב קוים געהערט דזשאהן׳ס „גוט־נאַכט“ און נאָכדעם שוין גאָר נים געהערט. — — — פיבי קוקט אַרויס פון אַ פענסטער. איהרע שטאָל־גרויע אויגען זיינען גרויס און ברייט צועפענט און די ווייסלען פון איהרע אויגען גלאַנצען און שיינען ליכטיג ווייס — — — פיבי קוקט נים אַרויס פון אַ פענסטער, פיבי קוקט אַרויס פון הימעל — — — און איהרע שוואַרצע עטוואָס געקרייזטע האָר פאַלען אַראָפּ פון איבער איהר שעהנעם, ווייכרוגדען אָקסעל און נרייכען פון הימעל ביז צו דער ערד און גרייכען ביז מיין האַנד, ביז מיין נאַקען, ביז מיין פּנים. — — —

עמיצער פּאָרעט זיך ביי מיין זייט קעשענע — — — דאָס אייזענדעל וואָס האָט אָנגעהאַלטען מיין פאַנטאַן־פּען אין דער קעשענע האָט אַ שאַרפען „פּיטש“ געטהון און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — — — איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און האָב זיך דערשראָקען פון דעם, וואָס איך בין נים ביי זיך אין מיין היימישער בעט, נאָר אויף אַ בעגראָזטער ערד, צווישען בערג און הימעל און שטערען — — — וויליאַמס איז נעשטאַנען איבער מיר אַ צומישטער... ער וועקט דאָס מיך איך זאָל אַרויסגעהן צו זיך שלאָפען — ער וויל נים איך זאָל מיך פערקיהלען...

ערשט אַרויפקומענדיג צו זיך אויפ׳ן בוידעם, האָב איך זיך דערמאָנט צו וויליאַמס׳ן — — — האָב אַ טאַפּ געטהון מיין זייט־קעשענע און נים געפונען מיין פאַנטאַן־פּען.

איך בין שוין כמעט נעוועזן איינגעשלאָפען אין מיין סקריפּענדיגער

בעט, ווען איך האָב דערהערט עמיצענס טריט איבער'ן בוידעם — — — — די היי שאַרט זיך... איך האָב צועפּענט ברייט די אויגען, געקוקט פאַר זיך און דערזעהן אַ שוואַרצע פיגור — — — די פיגור דערנעהנטערט זיך לאַנגזאַם — — — אָט איז זי אַריבער די שוועל פון מיין אַפּצאַ מונג — — —

— ווער איז?! — האָב איך אויסגעשריען.

— דאָס בין איך, וויליאַמס; גלאַט אַזוי — — —

— וואָס איז?! — האָב איך איהם מיט כעס איבערגעשלאָגען זיין צוטומעלטקייט.

— גאָר ניט. ער וויל נאָר וויסען ווי מיר שלאָפט זיך. און איך זאָל ניט פערגעסען, אַז מאָרגען פּונקט פיער אַ זייגער וועט ער מיך אויס־וועקען צו דער אַרבייט.

— גוט; אַ גוטע נאַכט.

ווען וויליאַמס איז אַרויס בין איך אַראָפּ פון מיין געלעגער און אויפגעזוכט אַ זיכערען פּלאַץ פאַר דעם ביסעל געלד וואָס איך האָב געהאַט.

ווען איך האָב אויף מאָרגען געזאָגט וויליאַמס'ען, אַז איך האָב ניט די פען, האָט ער זיך אַזש פאַר'ן קאָפּ געכאַפּט:

— שמייטש', אַזאַ פען! אַן אמת'ע, אַ גאָלדענע! ער האָט מיך אָבער געוואָרענט, איך זאָל זי ניט האַלטען אויבען־אויף. ביי יעזוס'ען, ער מיינט ניט צו זאָגען, אַז עמיצער האָט זי ביי מיר גע'גנב'עט. אָט זענען דאָך דאָ דזשאָהן, פיליפּ, מעקס. ביי יעזוס'ען, אַז ער מיינט נאָר ניט צו וואַרפען אַזאַ פערדאַכט אויף עמיצען. איך האָב זי געוויס פערלוירען אין גראָז וואו איך בין נעכטען איינגעשלאָפען. ער אַליין וועט זי מיר העלפען זוכען, וויל עס איז ניט לייכט צו געפינען אַזאַ זאַך אין גראָז. מען קאָן אמאָל אַזאַ זאַך אָפּזוכען אַ גאַנצען זומער, און דאָס ערשט אין הערבסט געפינען — — — קאָן זיין אַז איך ווייס נאָר ניט צי איך בין נעכטען איינגעשלאָפען אויפ'ן גראָז. יאָ, איך בין נעכטען איינגעשלאָפען אין גראָז. ער געדענקט גוט דעם פּלאַץ. און ער וועט מיר איהם ציינען

און ער וועט מיר דאָרט העלפען זוכען. זיכער. וואָס הייסט, אזא גוטע זאַך, אזא טהייער שטיקעל גוטס.

און אָפּט, שוין לאנג נאָכדעם, פלעגט זיך וויליאמס פון צייט צו צייט דערמאָנען אָן מיין בען פון „אמת'ען גאָלד" און פלעגט מיך טרייסטען און צוזאָגען אַז ער וועט זי פאַר מיר זוכען.

IX

פון דער דיענסט בין איך געוואָהר געוואָרען, אז די מאדאם אָ'נעלסאָן איז, ווי איהר ווייזט זיך אויס, א פראנצויזישע און דער מיסטער אָ'נעלסאָן — אן איירישער חזיר (די דיענסט האָט זיך אזוי אויסגעדריקט, כאָטש זי אליין איז אויך געווען אן אירישע) און אז עס איז אויף דער מאדאם א רחמנות.

— א רחמנות אויף דער מאדאם? פאר וואָס? — האָב איך געפרעגט.

אָבער אויפ'ן אָרט פון צו ענטפערען, האָט די דיענסט צו מיר א מאך געטהון מיט דער האנד און געזאָגט:

— בעסער פרעג נים!

און וואָס מעהר מיר פלעגט אויסקומען צו זעהן די בלאָנדע מאדאם אָ'נעלסאָן, אלץ מעהר פלעג איך זעהן, אז א דריקענדע שווערקייט קוקט ארויס פון איהרע אויגען.

נאָר אָפט פלעגט זי מיך פרעגען צי איך בענק נים אהיים... און א בעזונדערער, האָפנונגסלאָזער ציטער פלעגט דערביי פערבענקט ארויס־קלינגען פון איהרע ווערטער. און דערביי פלעגט זי נאָך אָפט צוגעבען, אז זי מיינט אהיים, אין דעם „אלטען לאנד“, וואו איך האָב מיינע עלטערען... און ווי לאַנג האלט דאָרט אָן דער ווינטער? — — — און פרעסט זענען דאָרט גרייסע? ווייסע? און אז עס פאלט דאָרט אויס א שניי, איז דאָס אויף לאנג. אויף זעהר לאנג. — — — זי האָט וועגען דעם געלעזען.

און איינמאל, ווען צו מיר איז אָנגעקומען א בריעף פון דער „אלטער היים“, האָט מיר די מאדאם אָ'נעלסאָן איהם אריינגעטראָגען אויף א טעלער צום טיש, וואו מיר, די ארבייטער, האָבען געגעסען. און ווען איך האָב דעם בריעף געעפענט, האָט זי מיך געבעטען איך זאָל איהר איהם ווייזען — — — זי וויל זעהן ווי דער אידישער שריפט זעהט אויס...

צ

די ארבייט איז געווען אונערטרעגליך שווער. אָהן א וועלכען עס איז רוה־טאָג. — טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט מען זיך דארפען אויפ־הויבען פיער פארטאָג און ארבייטען שווער, אָהן אָפּרוה, ביז זיעבען־אכט אין אָבענד. פון שבת און זונטאָג האָט נאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין.

דער ארבייטער פיליפּ האָט זיך איין זונטאָג צובונטעוועט און ניט געוואָלט ארבייטען, ווייל ער וויל כאָטש איין זונטאָג אין צוויי וואָכען. וויליאמס איז געווען דער ערשטער וואָס האָט איהם אָפּגעגעבען גערעכט. צו מיר אָבער האָט ער געזאָגט אזוי, אז אויך מיסטער אָ׳נעלסאָן זאָל הערען:

— פיליפּ איז א הונד, א טרעמפּ. ער איז אָנגעקומען אהער א הונגעריגער. איצט האָט ער זיך אָנגעגעסען, ווייל ער שוין מעהר ניט ארבייטען.

ווען מיר זענען אַלע אריין אין עס־צימער פאר אונזער אָנבייסען, איז אָ׳נעלסאָן צו צו פיליפּ׳ען און איהם געהייסען אז ער זאָל שוין אוועק פון זיין פארם, און בעצאָהלען וועט ער איהם אויך ניט, ווייל ער איז זיין צייט ניט אייסגעוועזן, און ער זאָל זיך אויך ניט זעצען צום טיש, ווייל ער האָט עוין אָנגעזאָגט דער דיענסט, זי זאָל איהם קיין עסען ניט געבען.

פיליפּ האָט גענומען טענה׳ן, אָבער אָ׳נעלסאָן האָט זיך אויף איהם צושריען, אז ער זאָל שווייגען און זאָל גלייך אוועק פון דאַנען. אייב ניט לאָזט ער איהם ארעסטירען.

— ארעסטירען! מיך?! פאר וואָס?! — האָט פיליפּ גענומען שרייען.

— דו האָסט ביי מיר צובראָכען א דישעל, און די האָרסעס ביי מיר אָפּארבייטען א גאנצען חודש, ביז דו וועסט מיר אויסצאָהלען דעם שאָדען!

— דאָס איז אַ ליגען! ניט איך האָב צובראָכען דעם דישעל!
— ווער דען האָט?
— וויליאמס האָט!
וויליאמס איז דערויף אויפגעשפּרונגען אַן אָנגעצינדענער מיט געשרייען: „דו פּערדאמטער, דו פּערדאמטער טרעמפּ!“ און ער איז מיט זיין פויסט פערפאָהרען פיליפּ'ען גלייך אין פּנים אריין.
גענענדיגט האָט זיך מיט דעם, וואָס פיליפּ איז ארויסגעוואָרפען געוואָרען אַ פערבלוטיגטער, און איז אָהן אַ סענט געלד און אַ הונגעריגער אוועק אליין אויפ'ן שטויביגען ווייסען וועג, וואָס ציהט זיך צווישען די גרינע בערג. און דער מיסטער אָ'נעלסאָן האָט איהם נאָכגעשריען, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו ווייזען אויף וועלכען עס איז פּלאַץ פון זיין גוט! ווייל ער וועט איהם דערשיסען ווי אַ משוגע'נעם הונד!...
און צו אונז האָט זיך אָ'נעלסאָן געווענדעט:
— און איהר, „באָיעס“, דאַרפט זיך ניט זאָרגען. מאָרגען קומען מיר אָן נייע צוויי ארבייטער — איך האָב אַ בריעף ערהאַלטען. און דער פוילענצער איז מיר איצט סיי ווי סיי געווען אַן איבעריגער.
דער קליינער מעקסיל, וואָס האָט יעדען טאָג געהאַלטען אין איין ווערען אַלץ בלאַסער, האָט צופריעדען געקוקט אויף קריעג און געשלעג, און מיט פערגעניגען געשמייכעלט, פּונקט ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט פאַר איהם פאָרגעקומען ערגעץ אויף „מואווינג פּיקטשורס“ אָדער אין אַ וואָדעוויל — — — דזשאָהן האָט אויסגעקוקט צו זיין גלייכגילטיג, נאָר איך בין פון דעם פערדאַמט ערנסט געוואָרען. וויליאמס האָט זיך זיעגרייך אוועקגעזעצט צום טיש און האָט קוקענדיג צו מיר גענומען ריידען:
— ער איז דאָס ווערט! ער איז דאָס ווערט געווען, דער פּערדאמטער!...
איך האָב איהם מיט כעס איבערגעשלאָגען:
— דו האָסט ניט געהאַט קיין רעכט צו שלאָגען!
— וואָס? וואָס מיינסטו?! — — —
איך האָב ארייננגעוואָרפען וויליאמס'ען גלייך אין פּנים אריין:
— ווייל דו האָסט צובראָכען דעם דישעל, ניט פיליפּ. און מיסטער אָ'נעלסאָן ווייסט דאָס, און איז נאָך ערגער פון דיר!

וויליאמס איז צוטומעלט געוואָרען. ער האָט מיר ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, און ער האָט זיך געווענדעט צו דזשאהנען:

— היר דזשאהן! וואָס זאָגסטו נאָר צו איהם, צו דעם — — — דעם — — — סאָציאַליסט! (ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט זאָגען שיני).

דזשאהן אָבער האָט נאָר אונטערוואַרטעט אויף איהם אויפגעהויבען אַ פּאָר אָנגעצונדענע אויגען און אויסגעשריען:

— האַלט דיין פּיסק, דו „קרוק!"

וויליאמס האָט זיך דערפיהלט צוקלאַפּט. און אַ דערשראָקענער און צוטומעלטער איז ער גלייך אויפגעשפּרונגען פון בענקעל. מעקס האָט זיך צולאַכט. איבערהויפּט האָט איהם הנאה געטהון, ווען וויליאמס האָט זיך צוקוויטשעט, כמעט ווי אַ הונד, און איז אַזוי קוויטשענדיג אוועק פון עס־צימער, אונז פערקלאָגען פאר מיסטער אָ'נעלסאָן.

דער מיסטער אָ'נעלסאָן האָט אונז ווענגען דעם גאָר ניט געזאָגט; אדרבא, ער איז נאָך געוואָרען פריינדליכער.

אין אָבענד האָט ער מיך פריינדליך געפרעגט, וואָס איז מיין מיינונג ווענגען דעם ווייץ־פעלד, וואָס ער האָט דאָרט רעכטס.

איך האָב איהם שארף און בייזלעך געענטפערט:

— מיין מיינונג איז, אַז דאָרט וואַקסט ניט קיין ווייץ, נאָר שטרוי...

ער אָבער האָט ביי מיר פערטרויט געפרעגט:

— וואָס וואָלט געווען דיין עצה?

— איבעראַקערען דאָס פעלד! — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, גערעכט! — האָט ער צוגעגעבען — ווייל די שטרוי וואָס איז שוין אָנגעוואַקסען וועט זיין אַ גוטע מיסטינונג פאר דער ערד. און נאָך דעם וועט מען דאָרט קאָנען פערזייען קאַרטאָפּעל. אפשר וואָלט מען דאָס נאָך מאָרגען געטהון?

אָ'נעלסאָן האָט גוט געוואוסט, אַז מאָרגען קען מען דאָס ניט טהון, ווייל מיט די פערד זענען מיר פערנומען אויף אַ צווייטען פעלד, און אַז מען קען ניט, און אַז עס האָט קיין זין ניט אוועקצואוואַרפען יענע ארבייט אין מיטען צוליעב דעם פעלד. נאָר דער גאַנצער געשפּרעך וויינער האָט בלויז געהאַט דעם צוועק זיך ארויסצואווייזען פריינדליך און פערטרויט צו מיר. — ווייל וואָס טהוט ער אַז די מאָרגענדיגע צוויי ארבייטער קומען

ניט אָן ? — — — — אָן עהנליכען געשפּרעך האָט ער נאָכדעם גענאט מיט רזשאהנען און אפילו מיט דעם קליינעם מעקסיל !

אין אבענד, איך האָב זיך גענאט נאָר וואָס אויסגעטהאָן אויף צו געהן שלאָפען, און האָב שוין אויסגעשטרעקט מיין האנד אויף אויס־צולעשען דאָס לעמפּעל, איז צו מיר אריינגעקומען וויליאמס :

— דזשאהן מיינט, אז ער, וויליאמס, דארף פאַר איהם מורא האָבען נים אין זיין לעבען ! דזשאהן מיינט, אז אויב ער האָט זיך געשלאָגען מיט מעקענזי׳ן, דארפען שוין אַלע פאַר איהם מורא האָבען. נים אין זיין לעבען !

— וואָס ווערסטו איהם טהון ? — האָב איך געפרעגט זיך לענענדיג אין בעט.

— וואָס איך וועל טהון ? ווארט ס׳ט שוין זעהן ! איך קאָן דזשאהנען בעסער פאַר אייך אַלעמען ! איך ווייס, אז ער האָט א שלעכטען טעמפּער ! אז ער קאָן מיט א מאָל משוגע ווערען ! און דעריבער האלט איך מיט זיך שטענדיג — א זעהסט וואָס ! — און וויליאמס האָט זיך שנעל צו־געבויגען צום כאָליעווע און פון דאָרט ארויסגעכאפּט א לאנגליכען מעסער און אַן אויפגעקאָכטער גענומען שרייען : „א ! זעהסט וואָס ! זאָל ער נאָר ועלען צוגעהן צו מיר, און איך צושנייד איהם מיט׳ן מעסער : אָט אזוי ! — איבער׳ן פּנים ! איבער דער נאָז ! איבער די אויגען ! איבער׳ן האלז ! איבער׳ן בויך — איבער׳ן בויך, גאָט פערדאמט ! איבער׳ן בויך ! איך עפען איהם דעם בויך !!!" — — — — —

און וויליאמס האָט דערביי זשעסטיקולירט מיט׳ן מעסער אין האנד און דאָס פּנים איז איהם געוואָרען פול מיט ווילד־געררייצטע בלוטען. ער האָט שוין, ווייזט אויס, געוואָלט אין איין וועג אויך מיך אָנשרעקען. איך האָב איהם אָנגעקוקט און געזאָגט :

— דו ביזט נאַריש.

— וואָס מיינסטו, איך בין נאַריש ?

— א מאָן טהוט ניט אזוי.

— יא, אָבער ביי יעזוס, איך וועל זיך ניט לאָזען !...

— אָבער, דו ווערסט מיר ענטשולדיגען, וויליאמס, — האָב איך איהם איבערגעשלאָגען, — איך בין מיעד און וויל שלאָפען.

— א יא, געוויס! ס׳איז צייט. א גוטע נאכט. ער האָט נאָר געוואָלט

— אַ גוטע נאַכט.
— אַ גוטע נאַכט.
— זאָגסטו דיין תפילה פאַר'ן שלאָף, וויליאַמס?
— מיין תפילה? מיין תפילה? ס'הייסט? געוויס! — ער האָט נאָך אין זיין לעבען ניט פערפעהלט צו זאָגען זיינע תפילות.

איך האָב איהם געבעטען ער זאָל זיין אַזוי גוט און פאַר מיר אויכ־כעשען דאָס לעמפּעל. ער האָט דאָס געטהון. עס איז געוואָרען פינ־סטער. איך האָב איהם אין דער פינסטערניש נאָך אַ מאָל געוואונשען אַ גוטע נאַכט, ער זאָל געהן טהון זיין תפילה און זעהן, אַז מען דאַרף בעסער זיין אַ גוטער מענש. און געזאָגט האָב איך איהם דאָס דערפאַר, ווייל ניט ווילענדיג האָבען זיך מיר כמעט דעם גאַנצען טאָג געטראַכט פיבי'ס ווערטער: אַז אין די גוים, דאַכט זיך, איז דאָ אַזאַ מין סאָרט ווילד־פלייש, וואָס קיין רעליגיאָן וועט דאָס פון זיי ניט אויסהיילען.

איך בין געבליבען אליין און געטראַכט פון פערשיעדענע זאַכען. און פון פיבי'ן, און פון דער אידישער פאַרם־געזעלשאַפט מיט זייערע אידעען, און וואָסערע מאָדנע כחות עס זיינען אָט די אידעען וואָס בילדען זיך אַזוי מאָדנע אויס ביי מענשען! און ווער וועט זאָגען, ווער פון אונז איז גערעכט? דאָס לעבען וועט דערווייזען? און ווי, ווען דאָס לעבען וועט טאַקע דערווייזען ווי זיי ווילען? וועט דאָס דען הייסען אַז זיי זענען גערעכט? גאָט מיינער! וועט דאָס דען הייסען, אַז זיי זענען גערעכט. ווען מיר וועלען פערלוירען געהן צווישען די קריסטען, צו וועלכע מיר האָבען פערבלאָנדזשעט? — — —

מיינע געדאַנקען האָבען זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב מיט צועפּענטע אויגען שטום געקוקט פאַר זיך אין דער פינסטערניש — — — און פון די בערג, פון אונטערשטרויכען און פעלזען האָבען מיט אַ מין בייזער און געהיימניספאָלער פער'עקשנ'טקייט געשריען די וויי־פּור־וויל'ס און די האַ־האַ־האַ'ס. איינער פון זיי האָט נאָר גענומען שרייען: „הו אַר יו? הו אַר יו? הו אַר יו?“ (ווער ביזטו?) און עפּעס אַזוי איינגעגעסען, מעלאַנכאָליש און נייסטערהאַפט, אַז עס איז געוועזען שווער צו גלויבען, אַז דאָס שרייען אַזוי פויגעל. אפשר זענען דאָס נאָר אַזעלכע חיות? — און אפשר טאַקע דער קליינער, בלאַסער מעקסיל. — — —

XI

אויף מאָרגען האָט די מאַדאַם אָ׳נעלסאָן געפונען אַ געלעגנהייט מיט מיר פערפיהרען אַ שמועס. און מיך אַרויפגעפיהרט אויף דעם, אַז איך האָב געדאַרפט ענטפערען צו מיר געפעלען קריסטען.

די פראַגע האָט זי ביי מיר געפרעגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען. דאָס האָט מיך אויפגערעגט. איך האָב געזאָגט:

— קריסטען זענען אין דער צייט פון זייער תפילה שעהן.

— אין דער צייט פון זייער תפילה?! — האָט זי מיך פערוואונ־דערט איבערגעפרעגט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— ווען איהר זעהט ווי אַ קריסט פאַלט צו דער ערד און צלמ׳ט זיך, קריגט איהר ניט קיין וויעדערגעפיהל?...

— ניין! — האָב איך געענטפערט, ווערענדיג אַלץ מעהר אויפ־גערייצט פון דעם, וואָס די מאַדאַם פרעגט ביי מיר אַזעלכע שאלות און דערצו נאָך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען. — וואָס פאַר אַ סוד וויקעלט זיך דאָ פאַנאַנדער?! — וואָס וויל זי דאָ פון מיר דערגעהן? — — —

מיט אַמאָל האָט די מאַדאַם אָ׳נעלסאָן אויפגעהויבען איהרע אויגען און גענומען קוקען אין מיין פּנים, מיט אַ כמעט דערשראָקענער שאַרפ־קייט... און פּלוצלונג געפרעגט:

— ווי, למשל, ווען אייערע אַ בעקאַנטע, צי אַ שוועסטער, וואָלט חתונה געהאַט פאַר אַ קריסט?

די פראַגע האָט מיך ביטער אַ בריה געטהון אין הארצען. — איך האָב פאַר זיך גלייך דערזעהן פּיבּי׳ן, איהרע דריי קריסטליכע בעקאַנטע, און איך האָב זיך פערלוירען: — וואָס איז דאָס?!... ניט אַנדערש, אַז די בלאָנדע מאַדאַם, וואָס קוקט מיך איצט אַזוי שאַרף אָן, ווייסט אַלע מיינע סודות!... איך האָב זיך מיט כעס אַ הויב געטהון און בייז גע־ענטפערט:

— ווען מיינע א בעקאנטע וואלט געהייראט מיט א קריסט, וואלט איך זי צונויפגעדרעהט ווי א קנויל און זי א שליידער געטהון דעם קריסט, ווי א שפיי אין זיין קריסטליכען פנים אריין!

די מאדאם א'נעלסאן האט פון מיין ענטפער שיער ניט צוזאמענ־געבראכען. די אויגען זענען ביי איהר פערגליווערט געווארען. — — — יא, איך בין יענעם מאל געווען שלעכט צו איהר.. איך בין געווען זעהר שלעכט צו איהר... נאר איך האב זיך אבער ניט געקאנט העלפען. — שולדיג איז געווען מיין אויפרעגונג און מיין ניט וויסען קלאר, ווענען וואס עס איז איהר דא געגאנגען. אבער איהר פלוצלונגע פערגליווערטע שרעק, איהרע פלוצלונגע טרערען אין די אויגען — דאס קאן איך נאך ביז היינט ניט פערגעסען.

זי האט צו מיר מעהר ניט גערעדט. און א צוויי־דריי טעג האב איך זי איבערהויפט ניט געזעהן ארויסקומען פון הויז. און נאכדעם פלעגט זי מיך שטענדיג אויסמיידען...

נאר איינמאל נאכמיטאג איז צו מיר אויפ'ן פעלד געקומען צו לויפען מעקס און מיר איבערגעגעבען א בעפעהל פון דער מאדאם א'נעל־סאן, אז איך זאל געהן איינשפאנען די פערד אויף צו פאהרען צום באהן, ווייל עס איז אנגעקומען א טעלעגראמע, אז זייער טאכטער קומט מיט'ן נאכמיטאגדיגען צוג.

ווען איך בין אנגעקומען צום שטאל, האט שוין אויף מיר געווארט די מאדאם א'נעלסאן, א פרעהליכע און אן אויפגערוימטע. — זי בעט מיך, איך זאל פריהער אויספוצען דאס פערד „קיידי" — דאס פערד איז טאקע דער טאכטער'ס; דאס איז איהר רייט־פערד.

איך בין געווען צופריעדען וואס די מאדאם א'נעלסאן האט זיך מיט מיר איבערגעבעטען און רעדט צו מיר פריינדליך. און איבערהויפט פון דעם וואס זי זעהט אויס צו זיין אמת'דיג גליקליך... איך האב „קיידי'ן" אויסגעפוצט און פערשלייערט ווי א כלה. נאכדעם האב איך נאך גע־פונען צייט, און אויף שנעל אויסגעוואשען די קארעטקע און אויסגעפוצט דעם שפאן. מעקס האט מיר ארויסגעהאלפען. און ווען אלץ איז שוין געווען פארטיג צו פאהרען, האט ער פערצוינגען די פאהן פאר'ן הויז. די פאהן האט אויפגעפלאטערט ווי א פרעהליכער אנזאג און האט זיך לעבי־האפטיג גענומען בויגען און קנייטשען אין דער זוניגער טאג־לופט. —

ווי שעהן עס איז אַ גרויסע פאָהן אויף אַ הויכען פאָהן־שטעקען! און ס'אַרא גוטער איינגעל אָט דער מעקס'על איז!

פאַר'ן ארויפזועצען זיך האָב איך זיך דערמאָנט און געפרעגט ביי דער מאדאם אַ'נעלסאָן צי זי האָט אפשר ערגעץ נאָך אַ פאָהן? זי האָט מיר מיט אַ שטארקער צופריעדענהייט געענטפערט — יאָ, און איז אויף גיך אריין אין הויז און מיר פון דאָרט ארויסגעטראָגען אַ נאָך ניט געניצטע פאָהן און אויף די שעהנע וועננערשע בייטש, מיט וועלכער בלויז אַ'נעלסאָן פאָהרט אמאָל ארויס אין שטאָדט.

דאָ איז מיסטער אַ'נעלסאָן אויך ארויס, זיך אומגעקוקט, דערזעהן דעם פאראד וואָס מען מאכט דאָ און דעם פּליים מיט וועלכען איך עסק זיך און זיינע ברעמען האָבען זיך ביז אראָפּגעצויגען איבער זיינע גרוי־בלויע אויגען. זיין ראָזלעך פּנים מיט די גרויע וואָנסען האָט זיך אַ שארפען ציה געטהון ארויף. — — — —

איך האָב ניט פערשטאַנען וואָס דאָס הייסט און האָב מיט צוטר מעלמע בליקען אַ קוק געטהון אויף דער מאדאם. — — — —

זי אָבער האָט זיך מיט קונציגע בליקען און מיט אַ בעזונדער קלוגען פרויען־שמייכעל אַ ווענד געטהון צו איהם!

— אַלעקס; מען מוז צונעבען, אז ער איז אַ פיינער מאַן, — האָט זי איהם געזאָגט ווענען מיר, און צוגעגעבען: — ניט אַזוי, אַלעקס?!...

דער שמייכעל האָט איהר צוגעגעבען אַ געוויסען ווייבליכען רייץ און האָט געווירקט...

— אָ יאָ, ער איז אָלרייט! — האָט ער צוגעגעבען און אויך גענומען שמייכלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צום סטאַנציע זיינען מיר אָנגעקומען פּונקט אין צייט, און די מאָכ־מער איז געווען — פּיבי — — — — — — — פּיבי!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּיבי האָט זיך ארומגענומען מיט דער מאמע'ן, זיך דריי מאָל צו־קושט, און ווי נאָר זיי האָבען זיך פאנאנדערגענומען און זיך דערזעהן, זיינען זיי גלייך ווידער צוגעפאלען איינס צו אַנאַנדער און זיך פון דאָס ניי געקושט. און ווען פּיבי האָט דערזעהן, אז די מאַמע ווייגט, האָבען

זיך אויך ביי איהר די אויגען אויפגעגלאַנצט מיט טרעהרען און זיי האָבען זיך ווידער צוקושט.

איך בין צוגעקומען איבערנעהמען די פּעקלעך. פּיבי האָט זיך אומגעקוקט — — — אויף א רגע בלויז האָב איך געזעהן ווי פּיבי איז צוטומעלט געוואָרען און ברייטער צועפענט איהרע גרויסע, שוואַרץ־גרויע אייגען. נאָכדעם האָב איך געהערט ווי די מאַדאַם אָ'נעלסאָן האָט איהר געזאָגט, אַז איך בין זייערער אַן ארבייטער, א איד — — — און אַז דעם פלאַג האָב איך דאָס אריינגעשטעקט אין קאַרעטע פון איהרטווענען. ביי די רייד בין איך אַנגעקומען זיי העלפען זיך אריינזעצען. האָט מיר פּיבי געדאַנקט און קוקענדיג אויפ'ן פלאַג געזאָגט, אַז עס איז זעהר שעהן פון מיר. — — — —

אויפ'ן וועג אַהיים האָב איך געהערט ווי די מאַדאַם אָ'נעלסאָן האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי פּיבי'ן אויף דעם און יענעם און אויך אויף דער פאַמיליע באָש.

XII

דעם אבענד פון פּיבי׳ס קומען בין איך געלעגען אויפ׳ן גראָז. נעבען מיר איז, ווי געוועהנליך, געזעסען דער בלאָנדער דזשאהן און מיר צום צעהנטען מאָל איבערדערצעהלט פון דעם „פּייט“ מיט מעקענזי׳ן, פון זיינע געליעבטע, פון זיין רייזע קיין אויסטראליען. ער איז געפאָהרען קיין אויס־טראליען אלס מאטראָס, דאָס הייסט ניט אלס פּעוט׳ער מאטראָס, נאָר אלס לאָצמאַן. ווייל דער לאָצמאַן, מיט וועלכען מען איז ארויסגעפאָהרען, איז אויפ׳ן וועג פלוצלונג קראנק געוואָרען, און ער, דזשאהן, איז דאָך אַן אינטעליגענטער מענש, האָט איהם דער קאפּיטאַן געזאָגט: דו, דזשאהן, ביזט אַן אינטעליגענטער מענש, ווערסטו איצט פערנעהמען די שטעלע פון לאָצמאַן — נילעס. נילעס איז אויפ׳ן דריטען טאָג געשטאָרבען, און מען האָט איהם ארייגעוואָרפען אין ים. איז ער, דזשאהן, געבליבען לאָצמאַן. און דער קאפּיטאַן פלעגט איהם אלע מאָל לויבען און זאָגען: איך זעה, דזשאהן, אַז דו ביזט טאַקע אַן אינטעליגענטער מענש.

נאָר איינמאָל, — עס איז געווען נאכט, — איז מיט אמאָל געוואָרען אַזאַ שטורעם, אַז דער גאנצער ים איז אויפגעקאָכט געוואָרען און איז גלייך פערגאָסען געוואָרען ווי מיט אויפגעשלאָגענע איי־ווייסלען, טאַקע ווי מיט אמת׳ע איי־ווייסלען!... און די שיף — הייליגער מאָזעס! — זי האָט גענומען שפּרינגען אויף וואסער־בערג און אין וואסער־גריבער, ביז זי איז צובראָכען געוואָרען אין שטיקער. און וואָסער אַ שרעק! — נאָר אַזאַ אינטעליגענטער מענש ווי ער האָט דאָס געקענט אַזוי לאנג אויס־האלטען. — זיעבען טעג און זיעבען נעכט האָט ער זיך געהאלטען אויף אַן אָבגעבראָכענעם שטיק, ביז אַ שיף איז אָנגעפאָהרען און האָט איהם דערזעהן. און הייליגער גאָט! ס׳ארא שרעק עס איז! זיעבען טעג און זיעבען נעכט! — — — — —

איך בין געלעגען אויפ׳ן גראָז, געקוקט אויפ׳ן שטערנדיגען הימעל,

אויף דזשאהנ׳ען, אויף זיין בלאָנדער באָרד און אויף די בוימער פון די בעוועלדערטע בערג וואָס ארום אונז און איבער אונז.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דזשאהן׳ס אויסגעטראכטע מעשיות, פּונקט ווי ער וואָלט זיי מיר צום ערשטען מאָל דערצעהלט, פּונקט ווי היינט וואָלט נאָר ניט פאָרגעקומען. נאָר די געשרייען פון די גאָוטסאָקער פויגלען האָבען מיר געדייצט און געקיהלט די בלוט. און איך האָב געטראכט:

דאָס הייסט, — אז איך בין נערוועז; דאָס הייסט, אז פּיבי׳ס משונה׳דיגער אָנקומען אהער אין די בערג, אלס א טאָכטער פון אָ׳נעלסאָן האָט מיך נישקשה׳דיג צורודערט.

און איך האָב געטראכט: די פויגלען שרייען היינט ווי משוגעים, וואָס האָבען זיך ארויסגעריסען פון ערגעץ א דול־הויז... און דער געשריי פון דעם הא־הא־פויגעל איז ווי פון איינעם. וואָס טרינקט זיך — — — יאָ, עמיצער טרינקט זיך איצט אין דער נאכט ניט ווייט פון אונז; רייסט זיך פון מאָל צו מאָל ארויס אויף דער אויבערפלעך, כאפּט אין איילעניש דעם אָטהעם: — הא, הא, הא, הא, הא! און ווערט גלייך ווידער ארונ־טערגעזונקען. און איך האָב זיך געטרייסט: זאָל זיין, אז אָט די פער־שיעדענע געשרייען קומען נאָר פון דעם קליינעם, בלאסען מעקסעל. זאָל זיין, אז דאָס שפּיעלט ער זיך דאָס אזוי מיט זיך אליין. בעהאלט זיך אוים, און לאָזט ארויס אָט די פערשיעדענע אויסגעשרייען, אָט פון דאָ, און אָט פון דאָרט — — — — —

און איך האָב געלאכט:

די מעשה מיט פּיבי׳ן איז ניט געשטוינען און ניט געפלוינען. נאָר דאָ איז אזא געגענד — פויגלען שרייען ווי מענשען. — — —

און דזשאָהן, דזשאהן איז א נוטער. אָט זיצט ער דאָך נעבען מיר און דערצעהלט מיר אזוי גוטע זיינע מעשיות. נאָר די מאָדאם אָ׳נעלסאָן איז א סענטימענטאלע אידענע, און דער אלטער באָש מיט די גרויסע ברילען אויף דער גרויסער נאָז, איז איהרער א פריינד, וואָס גלויבט נאָך ביז היינט אין „אויסמישען זיך״, אָדער ווי ער האָט זיך פאר מיר אמאָל מיט פייער צו׳פּאָטעטעוועט: „מיר דארפען נעהן אנטקעגען אָט דעם גרויסען היילינגען גייסט, וואָס זיין קלייד זענען די פאָהנען פון א ל ע פעלקער״. און די סענטימענטאלע אידענע האָט נאָך מן הסתם א נאָמען

געגעבען איהר טאָכטער פיבי, ווייל עס איז פאראן א ליעד פון א מאָרגען־פויגעל וואָס הייסט פיבי — „איהר טאָכטער וועט דאָס דעם נייעם מאָרגען וועקען" — — — און נאָך ביז היינטיגען טאָג דאַרף אָט די אידענע בענוצען קונצינע בליקען און אזא מין תאוה־שמייכעל, ווען זי וויל אז איהר מאן זאָל זיין גוט צו איהר. און עס איז איהר שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי א איד קאָן אָהן עקעל צוזעהן ווי א גוי פאַלט אויף די קניען, קושט די ערד און צלמ'ט זיך.

אין דער איינענער צייט בין איך אָבער אויך געווען נאָר אן אנדערער, נעבען וועמען עס איז געזעסען די מאַדאַם אַ'נעלסאָן. איך בין געווען איהר פאָטער. מיינע אויגען זיינען געווען געווענדט צו איהר:

„מיין קינד! איך האָב געזאָגט דיין מאמע: — האָסט א קינד, א טאָכטער, דארפסטו איהר דערצעהלען מאמע־מעשיות, מעשיות ווי די וואָס דו האָסט פון דיין מאמא געהערט. און זי רעדט נאָר א פרעמדען לשון, לאָזט זיך דאָס אין א פרעמדער כלי ניט איבערגיסען, — קאָן דאָס חלילה ברענגען צו אן אומגליק, קאָן דאָס חלילה ברענגען צו א גרויסען אומגליק. — — — —

און איך בין געווען איהר זיידע און אפשר איהר עלטער־עלטער־זיידע. ניט ווייט פון מיר איז געלעגען מיין וואנדער־שטעקען, און פער־שטויבט איז געווען מיין קלייד. נאָר קלאָר די גרויסע האָר פון מיין באָרד און פון די גרויסע ברעמען וואָס זיינען געהאנגען אריבער מיינע אויגען. און אן אייבינער, שוואַר־פער־האַרטעוועטער וועה אינאיינעם מיט אן אייבינע ליכטיגקייט און זיכערקייט האָט ארויסגעקוקט פון מיינע אַלטע אויגען — — — און איך האָב זי געטרייסט מיט מיין זיין געבען איהר. נאָר אַליין בין איך געווען ניט געטרייסט. — — — —

רזשאהן'ס שטימע האָט גענומען קלינגען מיעד, און אָט איז ער נאָר אנטשוויגען געוואָרען, געטראכט א ווייליע. נאָכדעם האָט ער נאָר אונ־ערוואַרטעט ביי מיר מיט א געמאכטער פרעהליכקייט א פרעג געטהון:

— און מאָרגען וועסטו ערהאַלטען א בריעף? — — — — —

דאָס הארץ אין מיר האָט א ציטער געטהון. איך האָב איהם אָנ־געקוקט און געזאָגט:

— איך ווייס ניט. — קאָן זיין...

— און וויליאמס זאָגט, אז ער וועט, — האָט מיר דזשאָהן געענט־פערט מיט א שמייכעל.

— — — — — — — — — — — — — — —

אונערטרעגליך שווער און ווארעם און גוט זענען די בליקען אין דער שמייכעל פון א מענשען, וועמעס האַרץ איז פון ווערים צוגעסען.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך אָנגערופען:

— פאַר וואָס שרייבסטו ניט ערנעץ? — דערמאָן זיך אָן עמיצען. שרייב, וועט מען דיר ענטפערען.

ביי דזשאהנ׳ען האָבען די אויגען מיט א מאָל אויפגעשיינט הייסער און גלאַנציגער:

— שרייבען? וואָס, געוויס. זיכער! מאָרגען שיקט ער ארויס דריי בריעף. דריי. געוויס. איהם וועט מען ענטפערען. אָ, אָ, אָ, — וועט מען ענטפערען!

נאָר עפּעס האָט ער מיר שוין מעהר ניט געקאָנט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, האָט ער זיך אויפגעהויבען און שמייכלענדיג געזאָגט:

„א גוטע נאַכט!" — און איז אַוועק.

ווען דזשאהן איז אַוועק, האָב איך זיך דערפיהלט אליין און מיעד.

— — — — איך האָב זיך אויפגעהויבען, זיך געלאָזט געהן צום שטאָל, צו מיין געלעגער. צוקומענדיג צום טיהר, בין איך געבליבען שטעהן א ווײלע — פון שטאָל ארויס האָט זיך געהערט דאָס געוויינטע קייען פון די עטליכע פערד, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען. אין זייער צופריעדענער פאַטשען מיט די עקען און בייטען די פיס. נאָר איך האָב זיך געשראָקען:

עמיצער איז אין שטאָל. נאָך אויסער די פערד — — — פּיבי!

און איך בין אויף זיך אין כעס געוואָרען:

„וואָס פאַר א נערוועזע שטיק!"

און איך האָב א שפּאַר געטהון דעם טהויער און בין אריין, אינ־איינעם מיט א פאַס דרויסענדיגער נאַכט־ליכט, וואָס האָט זיך א לעג געטהון אויף קאָפּ פון שטאָל.

דער שטאָל־ריח האָט מיר א שלאָג געטהון אין פּנים אריין, דאָס קייען פון די פערד האָט זיך דערהערט פרישער און שאַרפער. איין

פערד האָט קייענדיג אויסגעדרעהט צו מיר זיין קאָפּ, מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען. — — —

אין שטאַל איז קיינער ניט געווען, נאָר ווען איך האָב גענומען געהן אויף די טרעפּ, וואָס פיהרען צו מיין געלעגער, האָב איך פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן — — — זי האָט זיך הילכענדיג צולאַכט, זיך אָנהאַלטענדיג מיט איין האַנד ביים האַרצען. פונקען האָבען מיר אַ פליה געטהון פון די אויגען. נאָר איך בין געגאַנגען גלייך אויף איהר — — — ווייל איך האָב געוואוסט, אַז דאָס דאַכט זיך מיר בלויז, ווייל איך האָב געוואוסט אַז אין אמת'ען איז דאָ איצט קיינער נישטאָ.

איך בין אַרויף צו זיך, זיך אויסגעטהון, זיך אַריינגעלעגט אין בעט און פערמאַכט די אויגען. — — —

די נאַכט איז ליכטיג. דער הימעל איז כמעט ווייס. די בערג הויבען זיך אין דער ווייסער נאַכטיגער ליכטיגקייט. און איך געה אין דער ליכטיגקייט איבער די בערג, האַלט מיין וואַנדער־שטעקען אויף די אַקסלען, און אַנטקעגען, פון ערגעץ, דאָרט ווייט אַרויף, בעוויזט זיך דער גרויסער הייליגער גייסט — אַ ריעז אין אַ לאַנגען מאַנטעל, געמאַכט פון אַלע פעלקער'ס פאָהנען — — — און איך געה אין דער ווייסער ליכטיגקייט אַנטקעגען דעם ריעז און קום אַלץ נעהנטער און נעהנטער. אָט בין איך שוין גאָר נאָהענט פון איהם. פּלוצלונג אָבער גיט דער ווינד אַ בלאָז איין עק פון זיין פאָהנען־קלייד, און איך דערזעה, אַז דער ריעז האָט גאָר ציגענע פיס. — — —

איך האָב אַ ציטער געטהון, זיך אַ וויעג געטהון, צועפענט ברייט מיינע אויגען — — — —

פינסטער, נאַכט, און אַ שווערער „היי און מיסט" ריח. — — —

XIII

דאָס וואָס די מאדאם אַ'נעלסאָן איז בלאָנד, דער מיסטער אַ'נעלסאָן נעל, און פיבי איז דוקא געבוירען געוואָרען א ברונעטקע, איז מיר בעזונדער געפעלען געוואָרען. און אין מיר איז דערפאר אויפגעוואקסען א בעזונדער שעהנער און ליכטיגער געפיהל פאר פיבי'ן. נאָר ווען פיבי איז צו מיר איינמאָל צוגעגאנגען, דאן ווען איך האָב געהאָדעוועט די יונגע הינטלעך (איך האָב די קליינע הינטלעך זעהר ליעב געקראָגען, געבען איינע פון די שטאָלען האָב איך פאר זיי אויפגעקלאפט א בעזונדער הייזעל, און יעדען מאָל ווען איך פלעג קומען עסען פלעג איך זעהן אַז אויך זיי זאָלען ניט בלייבען הונגעריג) — און געוואָלט מיט מיר פערפיהרען א שמועס, האָב איך גראָב געענטפערט:

— מיט אַ'נעלסאָן, איהר שטערט מיר אין דער ארבייט!

פיבי האָט זיך אויף א ווייַלע צולאכט. באלד אָבער איז זי געבליבען שטעהן, האָט אויף מיר גענומען קוקען, ווי זי וואָלט ניט געוועזען זיכער צי דאָס בין איך.

איך פון מיין זייט האָב אויף איהר געקוקט פרעמד און אָנגעבלאָזען... זי איז פון מיר גלייך אוועק, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט...

מיט עטליכע טעג שפעטער האָט זיך געמאכט, אַז איינמאָל פאר־נאכט מיר האָבען שוין געהאט אויסגעמאָלקען די קיה, זיי פערטריבען אויף נאכט אין די בערג, און מיר, די ארבייטער, זיינען שוין געגאנגען צו דער הויז זיך איינוואשען, איז צו מיר ארויסגעקומען פיבי און מיך געבעטען, איך זאָל פאר איהר אָנזאָטלען איהר פערד. איך בין איזועק אין שטאָל און זיך גענומען אָנזאָטלען איהר „קיידי". זי איז מיר נאָכ־געגאנגען און מיר גענומען ארויסהעלפען. ווען דאָס פערד איז שוין געוועזען אָנגעזאָטעלט, האָב איך דאָס גענומען פאר'ן צוים און געוואָלט ארויספיהרען פון שטאָל פון איהרט וועגען.

.. ניין, נים נויטיג, — האָט זי געזאָגט, — זי וויל זיך ארויפזעצן אויפ׳ן פערד גלייך, באַלד, דאָ אין שטאַל.

איך האָב זי גענומען אונטער׳ן האנד ארויסצוהעלפען איהר ארויף אויפ׳ן פערד.

איהר האַנט איז גוט און רונד און שעהן. — — —

ווי נאָר זי האָט זיך אויפגעהויבען מיט איין פוס אויפ׳ן אייזען פון זאָטעל, האָט זי זיך אונגערן א וויכנע געטהאָן און איז אראָפּגעפאלען צו מיר אין די הענט. — — —

איך האָב זיך ענטשולדיגט.

זי האָט געקוקט אויף מיר און געלאכט. — — —

ביים צווייטען מאָל האָט געטראָפען דאָס אייגענע, און פּיבי האָט זיך נאָך קלינגענדער און שעהנער צולאכט.

ביים דריטען מאָל איז זי מיר ווידער אריינגעפאלען אין די הענט... איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם וועלאָסיפּעד און דער קאר וואָס האָט זיך א יאָג געטהאָן אויף איהר. איך האָב זיך דערשראָקען און בין אין כעס געוואָרען און געזאָגט:

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך, מיס אָ׳נעלסאָן! איהר קענט נים פאָהרען, טו וואָס זשע האָט איהר געהייסען זאָטלען?!

זי האָט גלייך אויפגעהערט לאכען, האָט אויף מיר שטאָלץ א קוק געטהאָן, כמעט מיט פעראכטונג, און האָט זיך גלייך אליין ארויפגעכאפּט אויפ׳ן זאָטעל און איז שנעל ארויס פון שטאַל, און איז אוועק.

XIV

די בערג זיינען שעהן, די בערג זיינען רייך. אָבער מיר האָט אָנ־געהויבען ווערען ענג צווישען זיי — — — איך האָב זיך אומגעקוקט, אַז וואו נאָר איך זאָל ניט אויפהויבען מיינע אויגען שלאָגען זיי זיך אָפּ אָן בערג — — — די בערג מיט זייערע הויכע רוקענס זיינען פאַר מיר געשטאַנען ווי ווענט און האָבען פאַר מיר פערשטעלט דעם רוים, די ווייטקיים.

מיר האָט זיך געגומען דאכטען, אַז ווען איך זאָל וועלען ריכטיג אויסשפּרייטען מיינע הענט, וואָלט איך ניט קאָנען איבער די בערג. — מיינע הענט וואָלטען זיך אָפּגעשלאָגען אָן אָט די טייוועלשע בערג און בערג. מיר האָט זיך פערגלוסט ערד־ארבייט ? ! איך האָב זיך פערבענקט נאָך שווערע און שטאַרקע בעוועגונגען ! אָבער דאָס איז דאָך אויך געווען פערבונגדען מיט מיין בענקען נאָך רוים און ווייטקייט. נאָך פרייע, ווייטע און אָפענע פעלדער, וואָס זאָלען זיך שטענדיג שפּרייטען פאַר מיינע אויגען און זאָלען מיר געבען די מעגליכקייט זיך איבערצופילען מיט ווייטקייט און רוים. און דאָ בין איך נאָר אריינגעפאַלען אין אַ פאַסטקע פון בערג. און דערצו נאָך פּיבי ! — — —

נאָט מיינער ! ווי אַזוי האָט זיך געגומען פּיבי אַהער ? — — —

וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל ?

פון וואַנען האָט זי זיך געגומען ?

ווי קומט זי גאָר איבערהויפּט צו זיין אַ טאָכטער פון דער הויז ?

און וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז ?

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מענשען, וואָס נאָכדעם ווי איינער ארבייט ביי זיי אָפּ אַ צייט שווער און בּיטער, בעצאָהלט מען איהם ניט, און מען לאָזט איהם אפילו ניט אָפּעסען, און מען צושלאָגט איהם נאָך ביז בלוט, און מען ווארפט איהם ארויס ווי אַ הונט ? — — —

און וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מענש, וועלכער איז אַוועק אַ

צובלוטיגטער אויף דעם ווייסען שטויביגען וועג צווישען די בערג און האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט? — — —

עס פלעגט מיר די מאַמע דערצעהלען מעשיות פון „ניט־גוטע“ — און די בערג, די וועלדער, די פויגעל, די הויז, די מענשען, די שטאַלען און די בהמות אפילו האָבען מיר ביסלעכווייז גענומען אויסזעהן ווי די „ניט־גוטע“ פון יענע מעשיות...

און מיט געלעכטער און מיט שרעק האָב איך גענומען טראַכטען, אז איך בין אהער פערפיהרט געוואָרען — — — און אפשר טאַקע איבער פיבי׳ן, אָדער דורך פיבי׳ן — דאָס האָט פיבי פאַר מיר אזא נעץ פערשפרייט. — — — — —

איך האָב גענומען טראַכטען, אז מען דאַרף זיך זעהן ארויסרייסען פון דאַנען.

זאָל זיין צוריק קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק זיינען דאָך דאָ מיינע ליעבסטע, לאַנגע גאסען, וואָס ציהען זיך אוועק גלייך און ווייט אויף מיילען. — — —

עס איז געווען אבענד, נאַכט. די „גאָוטסאָקער“ פויגלען האָבען ווי רוחות אָדער פערשטעלטע געשריען אין דער נאַכט, פערבענקט, האָפנונגסלאָז, שאַרף און בייז. איינינגע פון זיי האָבען ווי געטריבען פון זיך מיט געשרייען: טהו אוועק! טהו, טהו, טהו אַוועק! אנדערע ווידער האָבען ווי חוזק׳דיג נאָכגעשריען: „ווילליי־קאַם־גאָ! ווילליי־קאַם־גאָ!“ ווילליי־קאַם־גאָ!“ און דער האַ־האַ־האַ־פויגעל האָט געשריען ווי א משוגענער, אָדער גאָר ווי איינער וואָס טרינקט זיך, — ווי איינער וואָס טאַכט נאָך, כלומרשט ער טרינקט זיך.

ווי אַלע מאָל, האָט זיך אויף דעם אָבענד אָפטער ווי אַלע אנדערע געשרייען געהערט דער ווי־פור־וויל געשריי. נאָר היינט האָבען די געשרייען עמיצען עקשנות׳דיג און ביטער געשמיסען. — — —

איך בין א מיעדער געלעגען אין מיין סקריפּענדיג בעט, די ווילדע פויגעלישע געשרייען האָבען מיך אויפגעהויבען און געוואָרפען הויך איבער די בערג און טהאַלען. — — —

מיין הארץ האָט זיך גענומען רייצען און וואַרעמען, און איך האָב דערהערט ווי עס דאַוועט, זאָגט און בעט: — „ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק!“

מיינע ברעמען האָבען זיך גלייך צונויפגעשלאָסען, אָבער דאכט זיך אויף וואָרעם־פערטערערטע אויגען. מיינע ליפּען זיינען ווי פון עפּעס אָנגעריהרט געוואָרען און זיך צועפּענט, און אינאיינעם מיט זיי האָבען דאכט זיך אויך צועפּענט אַלע מיינע אָדערען, אַלע מיינע ביינער און האָבען גענומען תפילה׳דיג מיטזינגען: „ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק!"

מיר איז אָבער נאָך ניט געווען בעשערט אַזוי גיך ארויסצורייסען זיך פון אַ׳נעלסאָן פאָרם.

XV.

מאָרגען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, גענומען מיי, שטעקען, און בין מיר אַרוים פון שטאָל צונויפזאַמלען די בהמות.

די וואָלקענס, וואָס האָבען זיך אויף איבער־נאַכט אַראָפּגעלאָזען אויף די בערג און זיי פערדעקט מיט זייערע געדיכטע פּאָלדען, זיינען ווי פון עמיצענס הענד געצויגען געוואָרען אַרויף.

דאָ און דאָרט האָבען זיך די וואָלקענס פאַנאַנדערגענומען און בעוויזען דעם אָדער יענעם טהייל פון די בערג, אויף וועלכע עס זיינען שוין געפאַלען די שטראַהלען פון דער יונגער זון.

איך בין געגאַנגען אויף די בערג, צווישען וואָלקענס, בוימער און זון־שיין.

איך בין אַרויף אויף דעם צווייטען גרויסען באַרג, וואָס איז בע־וואַקסען מיט וואַלד, בין אַרוים אויפ׳ן אָפענעם פעלד וואָס געפינט זיך אויפ׳ן סאַמע קאָפּ פון באַרג און האָב זיך מיט׳ן פעלד פערנומען צו יענער זייט פון וואַלד וואוהין עס פערקלייבען זיך אָפט עטליכע פון די בהמות. פּלוצלונג אָבער האָט עפּעס פאַר מיר א שפּרונג געטהאָן, און איז געבליבען שטעהן צווישען די בוימער. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט מיינענדיג אַז דאָס האָט זיך א בהמה איבער עפּעס א סיבה א יאָג געטהאָן און איז מיט א מאָל אַזוי ראַש שטעהן געבליבען. איך האָב זיך אומ־געקוקט און פאַר זיך דערזעהן ניט קיין בהמה, נאָר צוויי יונגע געלע הירשען מיט ווייסע בייכער. זיי זיינען געשטאַנען צווישען די בוימער ווי איינגעגראָבענע און געקוקט אויף מיר מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט ריינע און גרויס־צועפּענטע אויגען. — — — —

איך האָב געמאַכט א טראָט צו די הירשען, האָבען זיי זיך גלייך אָפּגעריסען און אָפּגעשפּרונגען — — — איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. האָבען זיי זיך אויך באַלד אָפּגעשטעלט און האָבען זיך ווידער אויס־געדרעהט מיט׳ן פּנים צו מיר און מיך אָנגעקוקט. — — — —

ווילדע, פרייע הירשען! עמיצער האָט געזאָגט: „אַ ווילדער הירש וואָס בלאָנדזשעט אַרום דאָ און דאָרט היט אויס די מענשליכע נשמה פון טרויער". זאָל ער זיין געבענטשט פאַר דעם שעהנעם אמת.

יונגע צאַפּעלדיגע הירשען! איינער מיט הערנער, איינער אָהן הער־נער. ביידע אַלץ איין גרויס און הויך, ביידע רויטליך־געל און ווייס־בייכיג. ביידע האָבען פּיעלייכט צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען אַזוי ניט ווייט פון זיך אַ מענשען דערזעהן. ווי אונשולדיג, ווי אויפ־ריכטיג און דאָך ווי קלוג זיי האָבען געקוקט אויף מיר, און מיך אָנגע־קוקט!

ביז די הירשען האָבען זיך געפונען אויף דעם בעוועלדערטען באַרג האָבען זיי מיך אויף אַ רגע ניט אָפּגעלאָזען פון די אויגען. ווי נאַר אָבער איך האָב זיי אַרויסגעטריבען אויף די בערג, וואָס זיינען גרין בעגראָזט און גלאַט, האָבען זיי זיך אַ יאָג געטהאָן פון מיר און גענומען פליהען אַזוי, אַז מיינע בליקען האָבען קוים געקענט נאָכלויפען נאָך די פאַסען פון זייערע לייבער. זיי האָבען זיך כמעט שווימענדיג געטראָגען איבער באַרג און טהאָל און בערג. — — —

איך האָב צונויפגעזאַמעלט די בהמות און זיי גענומען טרייבען אהיים, און דערזעהן אַז ביי איינער פון זיי איז דער אייטער צובלוטיגט, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז דאָס גאַנצע פּנים האָט זיך ביי מיר צונויפגע־קנייטשט פון מיטפיהלענדען וועה.

ווען איך האָב די בהמות געבראַכט אהיים און אָנגעוויזען אויף דער בהמה, האָט מיר וויליאַמס גלייך דערצעהלט בסוד, אַז דאָס מוז זיין די אַרבייט פון אַ היימישען. און דערביי האָט ער מיך אַליין דורכדרינגענדיג אָנגעקוקט... איך האָב אויף איהם מיט פעראַכטונג אַ קוק געטהאָן און איהם איבערגעלאָזט. ער אָבער האָט מיך נאָכדעם געכאַפּט און מיר ערקלעהרט, אַז איך בין אַ נאַר, ווייל איהם, אדרבא, וואונדערט, פאַר וואָס די אַרבייטער שניידען דאָ ניט איבער די העלזער פון די בהמות. ווייל אַזעלכען ווי אַ'נעלסאָן דאַרף מען אָנלערנען, ווייל אַז ער קריגט אַריין אַן אַרבייטער וויל ער פון איהם אַרויספּרעסען די נשמה. ווייל דער אַ'נעלסאָן איז אַ פערדאַמטער שלעכטער מענש. און צי ווייס איך, אַז אַ'נעלסאָן האָט איהם שוין צוויי מאָל געגעבען צו פערשטעהן, אַז דעם קליינעם מעקס דאַרף מען צובלוטיגען אַזוי, אַז ער זאָל אַוועק פון

פארם ? — — — ווייל זינט א׳נעלסאן האט צוגעקראגן די נייע צוויי אַרבייטער האט ער זיך ארומגעזעהן, אז דער „קיד" איז ניט ווערטה די געלד. א׳נעלסאן האט איהם געזאגט, אז ער וואלט דאס אליין געטהאן, נאר ער האט מורא, אז איהם קען מען נאך פאר אזא זאך ארעסטירען. און אזוי גלאט אפזאגען מעקסען קאן ער ניט, סיידען ער בעצאהלט איהם פאר׳ן גאנצען מאנאט, ווייל ער איז צו איהם געשיקט געווארען פון אזא געזעלשאפט.

— יא. אבער פאר וואס ביזטו דאס דער, וועמען ער האט דאס אנגעבאטען ? — האב איך ביי איהם געפרעגט.

וויליאמס גרויע, וואסערדיגע אויגען זיינען אויף א ווײלע צוטומעלט געווארען — — — באלד אבער האט ער זיך געכאפט און אויפ׳ן ארט פון ווערען אין כעס אויף מיר, האט ער גאר מיט א בעזונדער אינטימער שטילקייט אין קול געזאגט צו מיר:

— ער האט דאס געזאגט צו יעדען פון די ארבייטער, צו יעדען, — אויסער דיר, ווייל ער איז א פערדאמט שלעכטער און כיטרער מאן ! ביי יעזוס ! אזא מאן ווי דער א׳נעלסאן דארף זיין ארעסטירט, וואלט גע־דארפט זיין אין פריזאן, גאט פערדאמט ! — פאר וואס האט ער דאס אונז געזאגט ? — ער וויים אז עמיצער פון אונז וועט זיך ווערען אויס־פיינען און וועט דאס טהאן פאר איהם... יא, איך קאן איהם גוט, איך וויים וואס ער מיינט, קיינער קאן איהם ניט אזוי גוט ווי איך, וויליאמס.

איך מיט וויליאמס׳ען האבען אנגעבונדען און געגעבען עסען די בהמות אין איין שטאל. און פון דער צווייטער שטאל האבען זיך געטראגען דזשאהן׳ס צורייצטע קולות — ער מיט אן אנדער ארבייטער האבען זיך דארט געפארעט מיט די „האלבע" בהמות.

דזשאהן׳ס קולות האבען זיך פון דארט געטראגען צורייצט און בייז, פונקט ווי ער וואלט זיך דארט געקליבען צו דער׳הרג׳ענען די בהמות מיט דעם ארבייטער.

די לעצטע טעג איז אונזער בלאנדער ריעז, דזשאהן, מיט אמאל ווילד געווארען.

שולדינג אין דעם איז געוועזן דאס, וואס ער האט ניט געקראגען קיין ענטפער אויף די בריעף וואס ער האט ארויסגעשיקט. ער האט שוין זיך אליין געהאט איינגערעדט, אז ער וועט זיכער קריגען א בריעף — א, א,

וועט ער קריגען אַ בריעף! די לעצטע פּאָר טעג אָבער האָט ער שוין מעהר פאַר קיינעם נים גערערט וועגען דעם. — נאָר אַלץ פאַראיינס זיך מים אַלעמען נעקריענט און געזידעלט.

אַ בייזער האָט דזשאהן פערלאָזען זיין שטאַל און איז אריין צו אונז בעטראַכטען די צובלוטיגטע בהמה. די בהמה, זי איז געווען איינע פון די וואָס מעקס פלעגט מעלקען, איז מעקס אויף צוגעקומען און איז גע־בליבען שטעהן פאַר דער בהמה און פאַר דזשאהנען אַ בלאַסער, מיט׳ן מילך־עמער אין איין האַנד, מיט׳ן בענקעלע אין דער צווייטער און האָט נעשמייכעלט. האָט דזשאהן אויפגעהויבען זיין בייזען קאָפּ און האָט זיך צושריען:

— דו פוילער נישט! וואָס שטעהסטו דאָ און לאַכסט?!

האָט מעקס אויף איהם שמייכלענדיג אַ קוק געטהאָן און געענטפערט, אַז ער לאַכט נים...

האָט איהם דזשאהן דערפאַר גלייך דערלאַננט אין פּנים אריין. —

מעקס איז געבליבען שטעהן, נים ווייסענדיג קלאָר וואָס מיט איהם איז דאָ פאַרגעקומען. נאָר אַז האָט ער דערפיהלט בלוט אויפ׳ן פּנים, האָט ער געלאָזט פאַלען דעם עמער מיט׳ן בענקעלע, אַ שמיר געטהאָן מיט דער האַנד און דערפיהלט. אַז דאָס פּנים איז נאַס, בלוט — — — און ער האָט זיך צושריען ווי אַ וויינענדיג קינד.

וויליאַמס האָט צו מיר גלייך אַ ווינק געטהאָן מיט אָנגעצונדערנע אויגען, ווי ער וואָלט זאָגען: „אָט איז דאָס! זעהסט?!" באַלד אָבער איז וויליאַמס עפּעס ווי צומישט געוואָרען און איז אויף צוגעלאָפען צו מעקסען, איהם אָנגעכאַפּט פאַר׳ן קאָלנער און איהם מיט אַ קלאַפּ ארויס־געוואָרפען פון טהיר! — — — —

נאָכדעם האָט מיר וויליאַמס ביי יעזוסען געשוואָרען, אַז ער האָט גאָר נים געמיינט, נאָר ער קען איהם נים פערטראָגען.

דזשאָהן האָט נאָכדעם קיינעם פון אונז נים געקענט קוקען אין פּנים אריין.

מעקס איז מים אַ קווימשעדינען געוויין אַוועק צום הויז טראָגענדיג דעם פערבלוטיגטען פּנים פאַר זיך. פּיבי איז איהם ארויס אנטקעגען. עס איז נאָך געווען פריה, אָבער זי איז שוין געווען צוגעקליבען און אָנ־געטהאָן ווי אַ שטאָרטישע ליידי. זי האָט איהם אָנגענומען אונטער׳ן

האנד, איז מיט איהם צוגעגאנגען צום הויז, האט ארויסגעטראגען וואסער און איהם געהאָלפען זיך איינוואשען. ער האט דערביי דורך טרעהרען צו איהר גערערט און דערצעהלט.

מיסטער אַ׳נעלסאָן איז ארויס פון הויז, א קוק געטהאָן אויף מעקסען און אויף פיבי׳ן. — — — פיבי האט אויך א קוק געטהאָן אויף איהם — — — דאס זיינען געווען בליקען פון א טאטען מיט א טאָכטער, וואס זיינען צווישען זיך גאָר ניט היימיש, וואס זיינען זיך, ווייזט אויס, שטענ־דיג אין עפעס חושד. — — —

אַ׳נעלסאָן האט פון דער ווייטענס א פרעג געטהאָן, ווער עס האט דאס געטהאָן, נאָך א מאָל אזא מאָדנעם קוק געטהאָן אויף דער טאָכטער און איז אוועק צו די בהמות.

פיבי האט צו מיר ניט גערעדט, און מיך אויסגעמידען זינט דעם מאָל וואס זי איז ארויסגעפאָהרען רייטענדיג פון שטאל. די מאדאם אַ׳נעלסאָן פלעגט זיך אָבער ביי יעדער געלעגענהייט גאנץ פריינדליך ווענדען צו מיר. דעם פריהמאָרגען בין איך צו אָנבייסען גראָד אריין אין הויז פריהער פון די איבעריגע ארביימער, און האָב זי געטראָפען אין קיך. נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך איבערגעביטען מיט די גוט־מאָ־גענס, האט זי מיר געזאָגט:

— א שעהנער מאָרגען דער היינטיגער מאָרגען.

— יא, — האָב איך גענטפערט. — היינטיגער מאָרגען איז ווירק־ליך געווען א שעהנער, און דערצו האָבען מיך נאָך היינט בעגעגענט א פאָר יונגע געלע הירשען.

— טאקע! — האט זי אויסגעשריען.

איך האָב איהר גענומען דערצעהלען וואו און ווי אזוי.

און זי האט מיר דערפאר אויך דערצעהלט, אז אַ־דאָ ניט לאנג צוריק האט זיך א מאמע־הירש געשפּיעלט מיט א פּאָר נאָך גאָר יונגע קינדער־הירשען, ניט ווייט פון פענסטער פון איהר הויז. און אז עס איז געווען אַן אמת׳ער וואונדער צו קוקען ווי אזוי זיי האָבען זיך געשפּיעלט און געוואָרעמט געגען דער זון. און דערווייל אזוי רעדענדיג האָב איך זיך דערמאָנט, אז אין א געוויסען פלאץ אין וועלדעל, וואו א פּארקאן פון שפּיציגע דראָטען טהיילט אָפּ אַ׳נעלסאָן׳ס פּארם, זיינען מיינע הירשען

אַריבער גלייך ווי דאָרטען וואָלט גאָר קיין פּאַרקאַן ניט געווען. מיר איז דאָס געוואָרען פּערדעכטיג. ווען איך בין נעגאַנגען דעם צווייטען מאָל צונויפנעהמען די בהמות, בין איך צוגעגאַנגען צו יענעם פּלאַץ אין וועלדעל און האָב אויסגעפונען, אַז דער פּאַרקאַן איז אומגעוואָרפען — די פּלעקער, אויף וועלכע די שפּיציגע דראָטען זיינען געווען פּערצווינגען, זיינען אונטערגעפוילט געוואָרען און אומגעפאַלען און זיינען דאָ און דאָרט געבליבען אָנגעשפּארט אָן אַ בוים אָדער אָן אַ פּעלז. אין איין פּלאַץ זיינען די דראָטען געווען פּערבלוטיגט, און דער סליאַד בלוט, וואָס האָט זיך פון דאָרט געצויגען, האָט קלאָר דערצעהלט, אַז די בהמה האָט צו־ריסען דעם אייטער אָן די דראָטען. איך האָב דערוווּסט ווי ניט איז אונטערגעשפּארט דעם פּאַרקאַן, ווייל דער פּלאַץ איז געווען זעהר אַ געפעהרליכער. — עטליכע שפּאַן פון דעם פּאַרקאַן האָט זיך דער פּעל־זינער בּארג אָפּגעריסען צום טייך, און ווען אַ בהמה וואָלט פון דאָרט אראָבּפאַלען, וואָלט זי צוברָאָכען און צוריבען געוואָרען אין אַ קופּע פלייש. איך האָב עס נאָכדעם דערצעהלט אַ'נעלסאָנ'ען און האָב איהם צוגעזאָגט, אַז אין אָבענד, ווען מיר וועלען פּאַרטיג ווערען מיט דער ארבייט, וועל איך געהמען אַ האַק און וועל געהן אַהין צוריכט מאַכען דעם פּאַרקאַן.

XVI.

פאַרנאַכט. גרויסע, בלויע שטיקער נעבעל האָבען זיך גענומען הויבען פון דער גרינער ערד ווי אונטערגעטאָסענע פויגלען.

איך האָב פערלעגט א האַק אויפ'ן אַקסעל, אַנגעטהאָן מיין גרויסען שטרויענעם הוט, און זיך געלאָזט אין די בערג. אַהין צו דעם אומגעוואָר־פענעם פאַרקאַן.

ביי מיר איז געוועזן קלאָר, אַז היינטיגער אָבענד איז דער לעצטער, וואָס איך פערברענג צווישען די בערג. מאָרגען ענדיגט זיך מיין מאָנאַט, און מאָרגען פאָהר איך אַוועק פון דאַנען. און איך האָב דעריבער מיט א בעזונדער אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף די קנייטשען און פאַלדען פון די בערג, און אויף דער פאַרנאַכטיגער לופט, וואָס האָט זיך מיט א טיעפען און שווערען בענקען געצויגען פון באַרג צו באַרג, פון וואַלד צו וואַלד; און אויף די שטיקער נעבעל וואָס האָבען זיך פון אַרום און פון אונטער מיינע פיס געהויבען און צוריקגעפאַלען און זיך גלייך ווידער געהויבען, זיך געצויגען און זיך בעהעפט, איין שטיק מיט דער צווייטער און מיט דער דריטער און זיך נאָכדעם מיט מעהר כח גענומען קנייטשען און הויבען.

ווען איך בין אַרויף אויפ'ן באַרג און צושיקט מיינע בליקען צו די בערג פון נאָהענט און ווייט, האָבען זיך שוין אין דער לופט אַרומגע־טראָגען דורכזיכטיגע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך געקנייטשט ווי גרויסע און דורכזיכטיגע שטיקער זייד מיט נאָך ניט קיין דערוועבטע ברעגען — — — און דער נעבעל האָט זיך שוין ווי א רויך גענומען הויבען פון דער ערד. ווי א רויך האָט ער זיך גענומען אַרויסשפּאַרען פון די וועל־דער — — — און ניט איך בין איצט נעשטאַנען אויפ'ן באַרג מיט דער האַק אויפ'ן אַקסעל. נאָר עמיצער א גרויסער איז אויפגעגאַנגען פונ'ם רויכיגען נעבעל. געוועזן איז ער הויך און שטאַרק געבויט. לאַנג איז געווען זיין באָרד און גרוי זיינע האָר, גרויס און ווייט זיינע אויגען, און

זיכער און קלאָר זיינע בליקען. און דער נעבעל אַרום איהם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דעם זוים פון זיין קלייד, ביז צו די סאַנדאַלען פון זיינע פיס. און דער נעבעל איז אַרום איהם געבליבען שטעהן אין אַ ברייטען רינג. — — — — — — — — — — — —

און אָט בין איך שוין אין וועלדעל, האַק מיט מיין האַק גלייכע, יונגע בוימעלעך, און מיין יעדער האַק הילכט אָפּ צוריק מיט אַ פאַרנאַכטיגער טיעפקייט דריי, פיער און פינף מאָל פון דריי, פיער און פינף פערשיע־דענע פלעצער. און פון יעדען פלאַץ קומט דער ווידערקלאַנג צוריק מיט אַן אַנדער אָפּקלאַנג און דאָך מיט דעם איינענעם טאָן. אָט קלאַפּ איך שוין די פּריש אָנגעהאַקטע פלעקער צום פּאַרקאַן און הער אַלץ מיין יעדען קלאַפּ אָפּקלינגען דריי, פיער און פינף מאָל צוריק. — — — אָט בין איך שוין באַלד פאַרטיג מיט דער אַרבייט, אָבער איידער איך קלאַפּ אַריין דעם לעצטען פלאָקען, דערהער איך — עמיצער איז אַריין אין וועלדעל און האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט וייט פון מיר — — — עמיצער איז אַריין אין וועלדעל — — — אָבער איך האָב זיך ניט אויסגעדרעהט, ניט אומגעקוקט און האָב מיר ווייטער געטהאָן מיין אַרבייט.

און אָט בין איך שוין פאַרטיג געוואָרען מיט מיין אַרבייט. עס איז שוין געוואָרען פינסטער. פינסטערלעך. עס האָבען זיך שוין געהערט די ווי־פּור־וויל־געשרייען. איך האָב מיר צוריק פערלעגט די האַק אויפ'ן אַקסעל און זיך געלאָזט געהן אַהיים. אָבער ווי נאָר איך האָב געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן, האָב איך פאַר זיך גלייך דערזעהן פּיבי'ן, אין אָבענד, צווישען די בוימער אין אַ טונקעלעם קלייד, מיט לויכטענדיגע אויגען.

איך בין געבליבען שטעהן. מיר האָבען זיך אָנגעקוקט. — — —

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

— איהר האָט זיך דאָ היינט געיאָגט נאָך הירשען?

זי איז געווען בלאַס, צושראָקען. נאָר איהרע וואונדערבאַר־נרויס־צ׳עפּענטע אויגען האָבען געקוקט שאַרף און ליכטיג־שעהן. איך האָב געקוקט אויף איהר און זיך דערמאָנט — עמיצער האָט געזאָגט: „גיב זיך איבער אין פּאַרקאַ'ס הענד פּרייווילינ, און זאָל זי אַריינוועבען אין דעם פאָדעם פון דיין לעבען וואָס איהר ועט זיך וועלען".

איך בין ניט געווען צופריעדען פון דעם פּלוצלונגדינגען געדאַנק, און דאָך האָב איך אַראָפּגעלאָזט די האַק פון מיין אַקסעל און האָב צו איהר געענטפערט: „יאָ!“ און האָב זיך צוגעזעצט אויפ'ן גרויסען שטיין, וואָס איז געוואַקסען פון דער ערד צווישען די בוימער. ניט ווייט פון מיר.

פּיבי איז צוגעקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטיין נעבען מיר. — — — — — — — — — — — — —

XVII.

מיינע פערלאנגנען זיך אַרויסצורייסען פון דעם פּלאַץ איז, איבער דער בענגעניש אין וועלדעל, אָפּגעלענט געוואָרען פון טאָג צו טאָג. כמעט יעדען טאָג פלעג איך זיך נאָכדעם טרעפען מיט פיבי׳ן אויף דעם זעלבען אָרט אין וועלדעל. כאָטש איך פלעג זיך מיט אַלע מיינע כחות רייסען. כאָטש איך האָב קיינמאָל ניט פערגעסען צו רעדען מיט איהר פון „וויכטיגע ענינים“ און פון רוים און פון ווייטקייט און פון דעם, אז דער מענש בעזיצט א סך שלעכטע כחות, וואָס ווענדען אָפּ זיינע בליקען פון דעם רוים און פון דער אמת׳ער ווייטקייט. פיבי אָבער איז שטענדיג געווען קלוג און רייך אויף איינפאַלען און איך בין אַלץ מעהר און מעהר אַנגעבונדען געוואָרען אָן אונזערע בעגעגענישען און פלעג מיט א ציטער־דיגער אונרוהיגקייט ווארטען אויף זיי.

אויף דער וועלט זיינען דאָ גוים און אידען! — ניין, דאָס האָבען מיר נאָר ניט געדענקט און ניט געוואָלט געדענקען. נאָר איינמאָל האָט זי ביי מיר געפרעגט, וואָס איך האָב געהאָט צו איהר „אָרעמער מאַמע“? איהר אָרעמע מאַמע האָט איינמאָל איבער מיר געוויינט... דריי טעג האָט זי געוויינט און איז פון הויז ניט אַרוים — — — אָך יאָ, איך בין דאָן געווען שולדיג. איך ווייס דאָס אַליין, אָבער איך האָב דאָך אזוי ווייניג געוואוסט. ווער איהר מאַמע איז און וואָס זי האָט פון מיר געוואָלט האָבען מיט איהרע שאלות. — — — אָבער די וועלט איז א מעשה וואָס דערצעהלט זיך פאַר דער אייביגער אונענדליכקייט און מיר אַלע זיינען קינדער פון דער מעשה; בייזע קינדער, גוטע קינ'ער, און מיר שפּיעלען זיך אַלע אויפ׳ן ברעג פון אונענדליכקייט, אויפ׳ן ברעג פון רוים און ווייטקייט.

צי אין ליעבע איז דאָ רוים און ווייטקייט?

יאָ, געוויס.

נאָר איינאיינעם מיט דער ליעבע ווערען אָבער אויך געבאָרען פיינד־

ליבע בחות וואס טויטען בישלעכווייז אפּ דעם רוים און די ווייטקייט פון דער ליעבע.

דעריבער דאַרף מען זעהן זיין געהיט. מען דאַרף שטענדיג זיין אויף דער וואך. — — — —

ליעבע דאס איז א ברייטער און ווייטער טייך. אמאל אויך א גרויסער און שטורמדיגער ים. און מענשען מיט קליינע כחות יאָגען זיך שטענדיג צום נאָהענטסטען ברעג. מיר אָבער פיבי! פיבי! — — —

און פיבי פלעגט דערביי אויף מיר קלוג קוקען און זיך איינהערען ווי מען הערט זיך איין אין די פּלוידערייען פון א קינד וואס מען האט ליעב — — — אפּט פלעגט זי מיט מיר אויך מיטפּלוידערען

— רוים און ווייטקייט! — האָב איך אמאל אויסגעשריען און זי דערביי ארומגענומען מיט מיין לינקער האנד, און די רעכטע האָב איך אויסגעשטרעקט פאר זיך אין דער ווייטער נאכט, וואס האט זיך מיט א בעזילבערטער בלויקייט געשפּרייט איבער די בערג:

— רוים און ווייט, פיבי! קום נאָמיר פליהען! — — —

— און אז איך וועל לאנג ניט קיגנען מיטפּליהען?

— וועסטו דאנקען פאר דעם, וואס ביזט באטש א ביסעל מיט־געפלייגען.

— און די וואס קענען זיך גאָרניט אויפהויבען?

איך האָב זי פעסטער צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט:

— זאָלען זיי פאלען, זאָלען זיי בעסער פאלען!

און מיר זיינען ביידע געשטאנען אויף אן אָפּענעם בארג איינס נעבען אן אנדער. און די נאכט האט זיך פאר אונז געצויגען נאקעט, גרויס און ליכטיג ריין.

פיבי האט מיט מיר געקוקט אין דער נאכט, געטראכט א ווײלע און געפרעגט:

— און ווי אז פליהענדיג מיט דיר וועל איך פאלען, — וועסטו פליהען ווייטער?

איך האָב געענטפערט:

— עס פאלען בלויז די וואס האָבען מורא, אז זיי וועלען פאלען.

זי אָבער האט פער׳עקשנ׳ט איבערגעפרעגט:

— און אז איך וועל פאלען, וועסטו פליהער ווייטער?... יא? — —

און איך האָב געקוקט פאַר זיך אין דער טיעפער בלויקייט פון דער ווייס־בעזילבערטער נאַכט און האָב געענטפערט:

— יאָ.

זי האָט געפרעגט:

— און איך?

— און דו?

און זי האָט געענטפערט:

— איך וועל דאַנקען דערפאַר, וואָס איך בין כאָטש אַ ביסעל געפלויגען.

XVIII.

איינמאָל פארנאכט האָב איך אויף פּיבי׳ן געוואַרט און זי איז ניט געקומען. איך האָב גענומען ווערען אונגעדולדיג. די צייט האָט זיך גענומען ציהען בייז און לאַנג. איך האָב גענומען הויבען דעם קאָפּ. זיך איינגעקוקט צווישען די בוימער, זיך צוגעהערט. — ניטאָ — — — — איך האָב גענומען ווערען אַלץ אונרוהיגער, האָב זיך אָבער געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דערפאר ווען זי וועט קומען וועל איך זיך מאַכען ברוגז. און עס איז דאָך אַזוי שעהן דער קינדערשער ברוגז פון צוויי דערוואַקסענע מענשען:

— עפען אויף דיינע אויגען.

— איך וויל ניט.

— פאר וואָס ווילסטו ניט?

— ווייל איך וויל ניט.

— ווילסט ניט זעהן פּיבי׳ן?!

— איך בין ברוגז.

— פאר וואָס ביזטו ברוגז?

— פאר גאָר נים.

— וואָס הייסט פאר גאָר ניט?!

— גאָר ניט.

— מיינע אויגען ווילען דאָך אָבער אַזוי שטאַרק קוקען אין דיינע. נאַ זעה ווי שטאַרק זיי ווילען — — — איך וועל דיר דערפאר אַזוי לאַנג קוקען אין דיינע אויגען, אַזוי לאַנג — אַט וועסט זעהן.

אין דערביי האַלזט מיך פּיבי און קושט מיך און זי פרעסט זיך צו מיר און פּרואווט מיט איהרע פינגער מיר עפענען די אויגען:

— עפען אויף! עפען אויף! אַז ניט נעהם איך וויינען.

— — — אָבער שאַ, זעה נאָר, גיב נאָר אַ קוק. זעה וואָס איך וויין דיר דאָ — — — גיב מיר אַ קוש, זאָל זיין בלינדערהייד. — — —

איך ציה אויס מיינע ליפּען. מיין קוש אָבער פאַלט אויף אַ שטיין, וואָס זי האָט מיר אונטערגעטראָגען — — — זי צולאַכט זיך און איך עפן ניט ווילענדיג מיינע אויגען, כאַפּ זי אָן פאַר'ן האַנד און זאָג:

— נישקשה, נישקשה, אַ שטיין וואָס דיינע הענט האָבען געהאַלטען, מעג מען קושען, מעג מען קושען.

פּיבי לאַכט נאָכדעם לאַנג און מיינע הענד מיט איהרע לאַנגען רינגען געלעכטער. און לאַכענדיג ציטערט זי און פּלאַטערט אין מיינע הענט און איך ווער דערביי פערבלענדעט פון איהר און פון איהר געלעכ־טער.

אין דעם געלעכטער פון אַ פרוי, וואָס קאָן לאַכען, ליגט נאָך אפשר מעהר ליכט און קראַפט ווי אין די פּאָעמען פון די גרעסטע וועלט־דיכטער.

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט און זיך פערשפּיעלט מיט געדאַנקען וועגען פּיבי'ן. אָבער פּיבי איז נאָך אַלץ ניט געקומען. איך האָב זיך גענומען דערמאָנען און טראַכטען, אַז די לעצטע טעג האָט פּיבי עפּעס אויסגעזעהן פערדעכטיג. — — פערשיעדענע נאַרישע געדאַנקען האָבען מיר גענומען קריכען אין קאָפּ. מיין אונרוהיגקייט האָט גענומען וואַקסען און שטייגען, האָט מיך גענומען הויבען העכער פון מיר, האָט מיך גענומען טראָגען אין דער לופטען. — — —

נאָט מיינער! וואָס איז דאָ געשעהן! — — — איך האָב זיך אויפ־געהויבען פון שטיין, אויף וועלכען איך בין געזעסען, זיך אומגעקוקט צווישען די בוימער — אהער, אהין — מיין פריינד! פּיבי! פּיבי! פּיבי מיין חלום! מיין הירש! פּיבי!

מיט אַמאָל אָבער האָב איך אַזש אויפגעציטערט פון כעס — צום טייוועל! ווי ווייניג מען קען זיך אויסהיטען פון פרויען! וואָסערע מיט־לען זי האָט אָנגעווענדעט, און ווי שטאַרק זי האָט מיך, דעם איינגע־עקשנ'טען, פאַרט פערפּלאָנטערט! מעהר ווי דאָס, קען זיין, האָט זי גאָר ניט געוואָלט. — — — און איצט קען זיין שטעהט זי דאָ ערגעץ אונטער אַ בוים און קוקט מיט פערגעניגען צו ווי איך דרעה זיך דאָ אַרום משוגע'נערווייז.

כאַ, כאַ, כאַ! וויפיעל שעלמע. וויפיעל שלאַנגישע קלונשאַפט עס ליעגט אין יעדער פרוי. זיי לאַכען פון אונז דאַן ווען מיר זיינען פער־ליעבט, און זיי נוצען אונז אויס אויב זיי ווילט זיך דאָס, און אַזוי לאַנג

ווי זיי גלוסט זיך דאָס. און ס'אַרא עזלען מיר זיינען! ווי מיר לאָזען זיך דאָס אויסניצען, און וואָס פאַר אַן אידיאָטישע האוואַיעס מיר מאַכען נאָך דערביי: — „דעם שטיין וואָס דיינע הענד האָבען געהאַלטען מעג איך קושען!“ — ס'אַרא אידיאָט איך בין, גאָט מיינער! און וואָס — איז מיר מיט אַמאָל איינגעפאַלען, — אַז זי ווייסט עלץ וואָס איך טראַכט און זי לאַכט פּאָרט פון מיר?... כאַ, כאַ, כאַ, ס'הייסט: וואָס אַז איך בין ביי איהר ניט מעהר ווי אַ מויז, וואָס זי האָט שטיפענדיג אַריינגעוואָרפען אין אַ ניט פולער פאַס וואַסער און שפּיעלט זיך מיט מיר — איצט שווים איך אַרום אַהין, אַהער, בריה זיך אַרויסצוקריכען פון פאַס, אָבער ווי נאָר איך פּרואוו זיך אַרויסהויבען, רייס איך זיך אָפּ אַלע מאָל און פאַל אַריין נאָך טיעפער, און זי קוקט דערויף מיט פערגעניגען און לאַכט דערויף מיט איהר טייוועלשען געלעכטער...

ניט ווייט פון זיך האָב איך דערזעהן דעם געקושטען שטיין. האָב איך זיך אויפגעהויבען, בין צוגעגאַנגען און איהם מיט פעראַכטונג אַ שטאַרקען שטויס געטהאָן מיט'ן פוס. דער שטיין אָבער האָט זיך קוים אַ ריהר געטהאָן פון אָרט. האָב איך זיך אָנגעבויגען, איהם אַ כאַפּ געטהאָן און מיט כעס אַ שליידער געטהאָן אַהין צום געפעהרליכען ברעג פון באַרג. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט ווי דער שטיין פאַלט ראַש פון איין שטיין אויפ'ן צווייטען. האָט זיך ביי מיר אַ שטאַרקער ריס געטהאָן אין הארצען און אַ שוידער איז מיר אַריבער מיין לייב, פונקט ווי איך וואָלט מיט מיינע הענט עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך אַראָבגעוואָרפען פון יענעם געפעהרליכען ברעג. — — — באַלד האָב איך דערפיהלט ווי עמיצער האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האנד. איך האָב ווידער אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן, האָב זיך אויסגעדרעהט און פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן. — — —

פּיבי איז געשטאַנען נעבען מיר, מיך געהאַלטען אונטערן האנד, נאָר איך האָב זי כמעט ניט דערקאָנט. עפּעס אַ מין שטילע און ליכטיגע לויטערקייט האָט פון איהר איצט אַרויסגעקוקט — — —

— וואָס האָט געטראָפען, פּיבי?

— גאָר נים.

און איהר שטימע האָט געקלונגען ווייכער און מיט עפּעס אַ מין רעליגיעזער רוהיגקייט.

— וואָס איז מיט דיר, פיבי? — — — —

— גאָר ניט.

דער גרינער טהאָל האָט זיך אראָבגעלאָזען פונ׳ם אנטקעגענדיגען וואלד, זיך אראָבגעבויגען פון דעם וואלד׳ס בארג, זיך געקאטשעט און געצויגען ארויף ביז צו אונזערע פיס. פיבי׳ס פיס זיינען שעהן, זיינען אין קליינע סאמעטענע שיכלעך און איהר קלייד איז ליכטיג, ווייס, און איז גענעהט רייך און נאָך דער לעצטער מאָדע. און ניט זי א שטעל א פוס, ברעסט זי זיך ארויס ענערגיש, שלאנק און שעהן. און אזוי איז זי אין גאנצען. און דאָס, איינאיינעם מיט דער ווייטקייט און שטילקייט, וואָס האָט איצט אזוי רוהיג און זיכער ארויסגעקוקט פון איהר פנים, פון איהרע גרויסע פערטראכטע אויגען, האָט איהר צוגעגעבען עפּעס אזוינס וואָס האָט מיך געריי־צט.

איך האָב א טראכט געטהאָן: „איז דאָ ניט עפּעס א נייער איינפאל?"...

איך האָב זי אָנגענומען פאר׳ן האנד, האָט זי א ציטער געטהאָן, א קוק געטהון אויף מיר און איז בלאס געוואָרען.

איך האָב געפרעגט:

— האָסט אפשר היינט געפאסט, פיבי? — — — —

אויף דעם האָט זי מיר ניט געענטפערט, נאָר געקוקט אויף מיר, און נאָך פיעל ווייטער פון מיר — — —

און אז מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט האָט זי שטיל איינגעגנורעט איהר קאָפּ אין מיר — — — —

א ווייסער נעבעל האָט זיך גענומען שפּארען פון וואלד ארויס, זיך גענומען הויבען פון טהאָל ארויף.

— ווייסט — האָב איך געזאָגט — דער נעבעל איז ווייס.

— יא, — האָט זי געענטפערט.

ערגעץ, ניט ווייט פון אונז, האָט זיך צושריען דער ערשטער וויפּ־פּור־ווויל, און אָט נאָך איינער — — —

דער נעבעל פון וואלד האָט זיך גענומען צונויפגיסען מיט׳ן נעבעל פון טהאָל. דער טהאָל האָט זיך גענומען אָנפילען, אויסגלייכען. דער טהאָל איז געוואָרען פול ביז ארויף מיט׳ן ווייסען נעבעל. מען וואָלט איהם געקאָנט אריבערשווימען — — —

— ווייסט וואָס מיר האָט זיך נעכטען גע׳חלום׳ט — האָט זי זיך אָנגערופען.

— וואָס ? — האָב איך געפרעגט.

— מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט, אַז איך בין דיין יונגע ווייב. און עס איז נאכט, און איך ליעג אין בעט איינע אליין. אין צימער איז פינסטער. אינ׳ם אנדערען צימער ברענט א ליכט . דו שפּאַנסט דאָרט ארום מיט דיינע שווערע טריט הין און צוריק, ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ. און איך ליעג, אוןווארט, ציטער און ווארט. פון יעדען טראָט דיינעם גיעב איך זיך א נייעם צאפּעל. א נייע קעלט גיט זיך אלעמאָל א לאָז איבער מיין צוואווארעמטען לייב. און איך ליעג אלץ און טראכט... מיט אמאָל איז פאר מיר אלץ קלאָהר געוואָרען — — — איך בין אויפגע־שפּרונגען פון בעט, האָב אויף זיך ארויפגעוואָרפען די ווייסע דעק. האָב אויפגעעפענט די טהיר צו דיר און בין אריבערגעטראָטען די שוועל. דו אָבער האָסט מיך ניט בעמערקט, און ביזט זיך אלץ ארומגעגאנגען א צוטראָגענער פון איין וואנט צו דער צווייטער. — מיין פריינד! — האָב איך צו דיר אויסגעשריען — דיר שטערען די וועגד, דיר איז דאָ ענג. דו דארפסט האָבען דעם רוים, די ווייטקייט. דו דארפסט אז דיין אויג, דיין געדאנק זאָלען זיך קאָנען טראָגען אין דער אונענדליכער ווייטקייט אריין. פערלאָז די וועגד, עפרלאָז מיך. פערלאָז אלץ צוליעב דעם גרויסען און ווייטען. הויב זיך אויף העכער פון אונזערע איינגענע אקסלען, און טראָג זיך אוועק ווי אן אָדלער, טראָג זיך אוועק ! — — —

דו האָסט דאן אויסגעשטרעקט צו מיר דיינע הענד — צי דערפאר ווייל דו האָסט זיך געדעכענט פאר שולדיג געגען מיר, צי דיך האָט אפשר געריייצט דאָס וואָס איך בין געשטאנען פאר דיר א באָרוועסע, א צושוי־בערטע, בלויז אין א ווייסער דעק איינגעהילט. איך אָבער האָב זיך א ציה געטהאָן אויף צוריק. איך האָב ניט געוואָלט אז דו זאָלסט מיך מעהר אָנריהרען. אונטער מיר אָבער האָט זיך געעפענט אן אָבגרונד, און ווי נאָר איך האָב זיך א ציה געטהאָן אויף צוריק האָב איך גענומען פאלען אין א טיעפען, שווארצען אָבגרונד — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

געשרעדט האָט זי ווי פאר זיך, טראכטענדיג, און עס האָט זיך ניט געמערקט דער אָנפאנג פון איהר רעדען, און עס האָט זיך ניט געפיהלט

דער אויפהערען, — אַט ווי אַ ווייכער זיידענער שנור פון וועלכען מען זעהט בלויז דעם מיטען — — — און פונקט אויף דעם זעלבען אופן האָט זי אין אַ ווײלע ארום דערזאָגט:

דאָס וואָס איז געפאַלען אין דעם אָבגרונד איז דעם אָבגרונד'ס, און דאָס וואָס איז געבען דיר איז דיינס — — —

כמעט ווי אָהן אינטערעס האָב איך דאָס אַלעס צוגעהערט:

— אַט דאָס הייסט דאָס איז דער רוים, די וויטקייט! — האָב איך געגומען טראַכטען. און איך, זי, די בוימער, די בערג און אַלץ ארום איז איצט אין נעבעל פערוויקעלט — — — און מען זעהט איצט גאָר נים. און מען ווייסט איצט גאָר נים — — — אזוי איז אָפט ביי אַ שטילען אָפּגעזונדערטען מענשען אין קאָפּ ווען ער זיצט שטיל, אַליין און טראַכט דאַכט זיך פון גאָר נים, נאָר אַ סך געדאַנקען און רעגונגען רייסען זיך און וועקען זיך און קאָנען נאָך נים זאָגען וואָס זיי ווילען, און ווער זיי זיינען — — —

עמיצער קוקט איצט אויף דער פערנעבעלטער ערד, ווי אויף זיין אייגענעם טראַכטען. עמיצער האָט דאָס איצט בייז אויפגעריסען זיין איי־גענעם שאַרבען און קוקט פערשטומט אויף זיין אייגענעם טראַכטען, וואָס איז איצט טיעף און סודות'דיג פערנעבעלט. — — —

און איך, און זי, מיר האָבען זיך ערגעץ בעגעגענט, זיך אָבגעשטעלט איינער נעגען צווייטען — — — זיך באַלד גענומען ראַנגלען, זיך גענומען אָבשטויסען און קושען, ארומנעמען און זיך אָפּרייסען צום אַנטלויפען. ביז — פּלוצלינג! — וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ רוהיגע און דרימעלדיגע שטילקייט? איז דאָס דער רוים? צי אפשר איז דאָס נאָר אַזאַ מין חלום אָהן פערלאַנגען?

איך האָב דערפיהלט ווי אַ נעץ פון געדאַנקען און פערלאַנגען האָבען זיך אין מיר מיט אַמאָל שאַרף איבערגעריסען, און איך האָב אויפגעהויבען מיין האַנד און זי אַרויפגעלעגט אויף איהרע האָר. איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ בעזונדערע ליידענשאַפט צו גלעטען איהרע האָר. זי האָט פון דעם אַ ציטער געטהאָן און דערשראָקען געפרעגט:

— וואָס איז?!

און איך האָב געענטפערט:

— דיר איז קאַלט?

— קאַלט — האָט זי גענאָגט און אָפּגעזיפּצט.

איך האָב געמאַכט אַ בעוועגונג אויסצוטהון מיין ראָק און איהם אַרויפוואַרפען אויף איהר. זי אָבער האָט מיך ניט געלאָזט. זי האָט אָנגע־כאַפּט איין עק פון ראָק און זיך אין איהם איינגעדרעהט, אַזוי אַז זי האָט זיך איינגעפּרעסט אין מיר — — — —

איך האָב דערפיהלט איהר וואַרעמקייט און האָב געטראַכט: „גוט, גוט. גוט אַזוי.“.

איך האָב זיך מיט אַמאָל דערפיהלט שטאַרק און ריעזיג פעסט. און מיין האַנד האָט דאָך קינדיש געגלעט איהרע האָר, איהר פּנים — ס'אַרא גלאַטע הויט! ס'אַרא אונענדליכע וואַרעמקייט! בעליידיגונגען וואָס מען האָט מיר פון מאָל צו מאָל אין פּנים געוואָרפען, די וואונדען וואָס זיינען פון דעם אין האַרצען געוואָרען, האָבען זיך איצט גענומען וואַרעמען און היילען. שאלות וואָס האָבען מיך שטענדיג געמוטשעט, כאָטש איך האָב זיי קיינמאָל ניט געוואוסט, און ווייס נאָך ביז היינט ניט. ווי אַזוי זיי אַנצורופען, האָבען פון איהר וואַרעמקייט זיך אָבגעשיידט און זיינען אַוועק פון מיר. „מיין פריינד! מיין ליעבער פריינד!“ — האָב איך אויסגערו־פען, — דאָס לעבען איז דאָך געגעבען געוואָרען אויף צו לעבען. דאָס לעבען איז דאָך געגעבען געוואָרען אויף צו לעבען! און ס'אַרא רונדקייט! ס'אַרא עלאַסטישע רונדקייט! פרעס זיך איין שטאַרקער אין מיר. פרעס זיך איין מיין פריינד! איך האָב דאָך נאָך קיינמאָל ניט אָנגעריהרט דיינע בריסט. און זיי וואַרטען דאָך דערויף אַזוי לאַנג. אַזוי לאַנג. און ווי היים עס שלאָגט דיין אָטהעם! כאַ. כאַ, ווי נאַריש מיינע אומגעלומפּערטע הענד זיינען, און ווי קלוג דיינע בריסט, ווי קלוג! כאַ, כאַ, כאַ, ווי קלוג!

און אָט האָב איך זיך אַ בויג געטהאָן און מיר זיינען ביידע אומגעפאַ־לען אויפ'ן פייכטען גראָז. איך האָב גענומען ווערען אַלץ ווילד און ווילדער. פלוצלינג אָבער האָב איך זיך אויף אַ ווייַלע אָפּגעשטעלט.... און באַלד דערויף האָב איך אויסגעפּלאַצט אין אַ משוגה'דיג פוסטען לאַכען, ווי אַ רוח וואָלט פון מיר אַרויסגעלאַכט:

— כאַ, כאַ, הייסט דאָס, אָט וואָס! דו ביזט פשוט געפאַלען אויף אַ פּלאַן, פיליייכט, הייסט דאָס. קאָן מען פערנאַרען דעם נאַרישען בחור אויף אַזאַ אופן? — — ווי קלוג! ווי שעלמיש קלוג! כאַ, כאַ!

איך האָב זי גענומען אַרויסלאָזען פון מיינע הענד, זי אָבער האָט אין

איהר אויפרעגונג, זיך נאָך אַלץ געפּרעסט און געהאַלטען אָן מיר.

— לאָז אָפּ, דו נארישע מיידעל! עס איז דיר אויך דעם מאָל ניט געלונגען!

איך האָב זי אָפּגעוואָרפען פון זיך, זי איז געבליבען ליגענדיג שטיל, אַליין. האָט מן הסתם אַליין געשלונגען די כוואַליעס פון איהר ליידענשאַפט. דער געבעל איז געוועזען אַזוי געדיכט אַז איך האָב קוים געקענט זעהן די קאָנטורען פון איהר אויסגעצויגענעם קערפּער. און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגען לאַנג. לאַנגזאַם, שווער און לאַנג.... מיר האָט זיך געגומען דאַכטען אַז אַזוי וועט זיך עס שוין ציהען אייביג....

נור אָט האָט זיך בעוויזען די לבנה, ווי עמיצענ'ס אָן אויג וואָס האָט זיך פּלוצלינג ברייט צועפענט — — — דער געבעל איז מיט אַמאָל געוואָרען ליכטיג, ווייס און דורכזיכטיג. און אין דער פערנעבעלטער, ווייסער נאַכט האָבען זיך גענומען ווייזען בוימער, בערג, וועלדער. און דאָס גרויסע אויג האָט זיך מיט כעס און שטוינען געעפענט אַלץ גרעסער און גרעסער — — —

איך האָב דערהערט ווי זי הויבט זיך אויף פון גראָז און געהט. — זאָל זי געהן! — האָב איך געטראַכט — זאָל זי געהן! — — —

זי איז אוועק עךגעץ דאָרט ארויף, און איז שטעהן געבליבען און שטעהט — — —

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך אויפגעהויבען די אויגען, און דערזעהן אַז זי שטעהט אויפ'ן געפעהרליכען ברעג פון באַרג.

אַ שלאַנקע אויפ'ן ברעג פון באַרג אין איהר ווייסען קלייד. און אין אָט דער מיט אַמאָל אויף מיילען און מיילען ווייט און ווייס געוואָרענער נאַכט, האָט זי אויסגעזעהען ווי אַ זעהונג.

איהר פּנים איז געוועזען געווענדעט צו מיר.

אין מיר האָט זיך עפּעס מיט אַמאָל אַ שטאַרקען ריס געטהאָן. איך האָב זיך שנעל אויפגעהויבען, זי האָט דאָס פּנים בלויז אויף דעם געוואַרט, ווייל באַלד דערויף האָט זי אַרויסגעלאָזען אַ ווילדען קוויטש און זיך אַראָפּגעוואָרפען פון באַרג...

— — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געבליבען שטעהן אויף מיין אָרט, גלייך ווי איך וואָלט געוואָרען אויסגעגאָסען פון אייזען — — —

זי איז שוין ניט געווען, נאָר אינ'ם ווייסען נעבעל, איז נאָך לאַנג געשטאַנען איהר קוויטש, וואָס האָט זיך צושפּאָלטען אויף רעכטס און אויף לינקס אין צוויי שאַרפע שניידענדיגע פּאַסען — — — איך האָב געוואוּסט אַז זי פאַלט דאָס איצט פון איין שאַרפען שטיין אויפ'ן צווייטען, דער קאָפּ קאָן זיין איז נאָך צובראָכען געוואָרען אָן ערשטען שטיין. ליגען אָבער קאָן זי אויף יענעם שטיין ניט בלייבען. און די הויך איז אַ שווינ־דעלדיגע. און אויף די אָבגעבראָכענע שטיינער וואָס ליגען דאָרט ביים פוס פון בארג, וועט אראָפּפאַלען שוין ניט פּיבי, נאָר אַ מאַסע רויע פלייש. און איך האָב זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— זאָל פאַלען, דאָס וואָס קאָן זיך ניט אויפהויבען. דאָס וואָס קאָן זיך ניט אויפהויבען זאָל בעסער פאַלען, זאָל דאָס בעסער פאַלען....

— — — — — — — — — — — — — — —

XIX

אויף מארגען, ווען די זון האט זיך דורכגעשלאגען דורך די וואלקענס, וואס האבען פערטרונקען די בערג און די טהאלען און האט זיך אריינגע־שפיגעלט אינ׳ם שטילען קאנעקטיקוט טייך א רונדע, א פולע, און עס האט אויסגעזעהן ווי א גאלדען אינגעלע נעהט אום אין דעם שטילען און לאנגען וואסער, איז צו מיר געקומען פיבי — — — איך בין געזעסען אויפ׳ן שטיין. דעם קאפ אין די הענד געלעהנט און פיבי איז צו מיר געקומען און האט זיך צוגעזעצט צו מיר. איך האב ניט אויפגעהויבען דעם קאפ פון די הענד. איך האב נור געזעהן דעם זוים פון איהר קלייד, און די שווארצע שיכלעך פון איהרע פיס. אויף דער ערד פון וואלד האבען זיך צולעגט די שאטענס פון די בוימער. שאטענס און שאטענס האבען זיך צופלאכטען אין א געדיכטער דיקער נעץ איבער דעם וואלד׳ס ערד. — — איך האב זיך דערמאנט אין דעם נעכטיגען אבענד, און אין אלץ וואס ס׳האט נעכטען געטראפען. און אין איהר לעצטען קוויטש וואס האט נאך אלץ געהילכט אין מיינע אויערען, און האב געפיהלט אז דער קוויטש וועט שוין קיינמאל ניט אויפהערען. אז ער וועט מיך שטענדיג פערפאלגען. און אז דאך זיצט איצט פיבי נעבען מיר, גלייך ווי עס וואלט מיט איהר גאר ניט פארגעקומען. — איינס פון דיביידע מאל מוז דאך געווים זיין א חלום? יא. אבער וועלכער פון די ביידע מאל איז א חלום? איצט? אבער אט זיצט זי דאך נעבען מיר. אט זיצט זי דאך נעבען מיר.

מיר האט זיך געוואלט אויפהויבען דעם קאפ א קוק טהאן אויף איהר וויים בלאסען פנים, אויף די שווארצע געקרויזטע האר, אויף דער פער־טראכטער רוהיגקייט און ווייטקייט, און אפשר אויף פרעמדקייט, מיט וועלכע איהרע אויגען האבען געווים געקוקט אין דער מינוט. אבער צו וואס? אט זעה איך דאך דאס סיי ווי סיי!... און איך האב זיך דערמאנט אין איהרע נעכטיגע ווערטער:

„אין אפגרונד איז דעם אפגרונדס. און דאס וואס איז דיינס, איז

נעבען דיר"... און אַט האָב איך דערפּיהלט איהר גוטע, װאַרעמע האַנד אַרום מיין נאַקען —

עמיצער האָט געזאָגט — דיהרסטו זיך אַן אַן דעם לייב פון אַ פרוי, דיהרסטו זיך אַן אַן גאָט'ס קלייד. גאָט'ס קלייד האָט זיך אין מיר אָנגע־ריהרט, גאָט'ס קלייד. און ס'אַרא װאַרעמקייט! װי ליעב עס איז דיין װאַרעמקייט, גאָט! זיי געבענשט גאָט! זיי געבענשט! — — — — — —

אַט דאָס איז מיין גאַנצע דערצעהלונג — פּיבי.

און װאָס איז נאָכדעם געװאָרען מיט דער אונגליקליכער מאַדאַם אָ' גו'סאָן?

מיר אָבער װילט זיך שוין מעהר ניט דערצעהלען.

נאָר איין זאַך נאָך: —

אַט אין דעם ערשטען פריהלינגס טאָג פון יאָהר, װען איך האָב זיך אויף מיין װעלאָסיפּעד גענומען יאָגען פון דעם װייסען־מאָנומענט, איבער דעם דריימאָל ברייטען װעג צו די געלע טענים קוואַדראַטען און געטריבען פון שרעק האָב איך זיך פערצװייפעלט אַראָפּגעיאָגט פון יענעם שאַרפען און לאַנגען אַראָפּ־באַרג, און האָב פאַר זיך פּלוצלינג דערזעהן פּיבי'ן, און דערהערט איהר פערצװייפעלטען קװיטש, װאָס איז געװען פּונקט װי איהר לעצטער קװיטש אין יענער נאַכט. בין איך נאָכדעם לאַנג און װייט גע־פאָהרען אויף מיין װעלאָסיפּעד אָהן אַן אָפּשטעל. מיר האָט זיך אַלץ גע־דאַכט, װען איך זאָל זיך אָפּשטעלען, װעט מיך אָניאָגען פּיבי. װען איך זאָל בלויז אויסדרעהען מיין קאָפּ, װעל איך פאַר זיך דערזעהן פּיבי'ן. נאָר אַט בין איך אויף זיך אין כעס געװאָרען, בין אַראָפּ פון װעלאָסיפּעד, און זיך אַװעקגעזעצט אויף אַ שטיין אָפּרוהען — — — נאָכדעם האָב איך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זיך אומגעקוקט, און פאַר זיך קיינעם ניט געזעהן — — — איך האָב זיך אויפגעהויבען פון אָרט, גענומען דעם װעלאָסיפּעד אויף צו פאָהרען אַהיים מיט אַן אַנדער װעג. איך האָב אָבער מיט דעם אַנדערען װעג ניט געקאָנט פאָהרען. עפּעס איז געװען אין מיר, און אַרום מיר, װאָס האָט מיך ניט דערלאָזען צו פאָהרען מיט דעם אַנדע־רען װעג, און מיך געצװאונגען פאָהרען צוריק אויף דעם אייגענעם װעג. און אַט בין איך געקומען צוריק צו יענעם באַרג. איך בין אַראָפּ פון װעלאָ־סיפּעד, און זיך געלאָזט צופוס אַרויפגעהן דעם באַרג. עס איז געװען

נאכט. לבנה׳דיג און שטיל. און ווען איך בין צוגעקומען נאָהענט צום פּלאַץ, וואו איך האָב פריהער פּיבי׳ן געזעהן, האָב איך זי אויך איצט דערזעהן — — — — זי איז געשטאַנען און געוואַרט אויף מיר — — — —

— האָסט דאָך דאָ געקאָנט דער׳הרג׳עט ווערען? — האָט זי צו מיר שטיל און פערטרויט געזאָגט. ווען איך האָב זיך אויסגעגלייכט מיט איהר.

אויף איהר ברוסט איז אויף אַ קייטעל פון האַלז אַראָבגעהאַנגען אַ מאַסיווער צלם — איך האָב דאָס ביי פּיבי׳ן ביז דאַן קיינמאָל ניט געזעהן. די ברעמען פון מיין שטערען האָבען זיך אַ ציה געטהאָן צו די אויגען. זי האָט דאָס בעמערקט, ארויפגעלעגט איהר האַנד אויפ׳ן צלם און זיך צולאַכט :

— דאָס איז די מתנה וואָס איהר מאַמע האָט איהר געגעבען דאַן ווען זי איז קאָנפירמירט געוואָרען. איך האָב געקוקט אויף איהר ווייסער האַנד, וואָס זי האָט נערוועז געהאַלטען אויפ׳ן צלם, און מיר האָט זיך געדוכט אַז דער צלם בריהט איהר די פינגער — — — זי האָט דערזעהן מיינע בליקען און האָט זיך היסטעריש צולאַכט, מיט איהר לאַנגען רינגען געלעכטער. און לאַכענדיג האָט זי אויך די צווייטע האַנד צוגעטראָגען צום האַרצען — — — מיר האָט זיך שוין מעהר ניט געדאַכט אַז דאָס האַלט זי אַזוי צו דעם קוואַל פון איהר לאַכען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז זי דריקט איצט אַ גיפטיגע שלאַנג צום האַרצען. די שלאַנג בייסט און עסט איהר האַרץ, נאָר פּיבי דריקט זי נאָך פעסטער צו זיך און לאַכט — —

טרערען האָבען זיך געשטעלט אין מיינע אויגען — כאָטש איך האָב דאָך אַזוי ליעב שלאַנגען! — ווי שעהן עס איז צו קוקען אויף זייער גלאַנ־ציגען שטיינער געוועב. ווי שעהן דאָס געוועב פון זייערע לייבער שרעקט און גלאַנצט — נאָר טרערען האָבען איצט אָנגעפילט מיינע אויגען — —

און דורך פערטרערטע אויגען האָב איך געזעהן — פּיבי שווינדט פון מיר. אָט איז זי אויפ׳ן פעלד, און אָט אויפ׳ן בארג. אָט איז זי אויף דעם בארג, און אָט אויף יענעם. און אָט איז זי אי אויפ׳ן פעלד, אי אויף די בערג און האַלט איהרע הענד אויפ׳ן האַרצען, און לאַכט אָלץ אָהן אויפהער און לאַכט.

איך האָב זיך געריהרט פון אָרט, בין אַרוים אויף דעם דריימאָל בריי־טען וועג. איינער אַליין בין איך איבער אָט דעם דריימאָל ברייטען וועג געגאַנגען, און מיט דער האַנד געפיהרט דעם וועלאָסיפּעד. אַ בלויע נאַכט.

און אַ בּלוי בּעזילבּערטער הימעל. און דער וועג איז אַזוי בּרייט. און די געגענד — האַלב ווילד און ווייט. און אַלץ זעהט דאָ אויס ווי אַ מעשה. — די ווייסע פיגורען פון דעם גרויסען מאָנומענט פּרעסען זיך איצט ארויס פון דער נאַכטיגער בּלויקייט ווי אַ מעשה. און די ריעזיגע גרויסע שטאָדט וואס הויבּט זיך אָן גלייך נאָך דעם בּרייטען וועג, די שטאָדט מיט איהרע ריעזיג־הויכע און לאַנגע גאַס׳ן, מיט איהרע מויערען־גיגאַנטען, וואָס רייסען זיך ארויס איבּער דער גרויסער שטאָדט און קוקען צו דעם נאַכטיגען הימעל מיט זייערע טויזענדער ליכטיג בּעלויכטעטע פענסטער; די שטאָדט מיט איהרע פערשידענע מיליאָנען מענשען, וואָס לויפען נאָך אַרום, וואָס שלאָפען שוין, וואָס האַלטען זיך ערשט אין לייגען — איז אַ מעשה. און פאַר די אַלע מענשען וואס ווייסען דערפון ניט, — ווייס איך. און מיין יעדער טראָט וואָס איך טהו איצט — איז אַ מעשה. און די פערשפּעטיגטע אויטאָמאָבּילען, וואָס טראָגען זיך איצט אין איילעניש דורך פערבּיי מיר, שטערען מיט גאר ניט דעם איינדרוק, אז אַלץ איז אַ מעשה. אין ערגעץ איז פאראַן אַ בּערגיגע געגענד, וואו עס שפּרינגען אום הירשען, און וואו פויגעל שרייען ווי מענשען — איז דאָס אַ מעשה. אין ערגעץ פאַלט איצט אויף די קניע אַ גוי מיט׳ן נאָמען וויליאַמס און צלם׳ט זיך — איז דאָס אַ מעשה. אין ערגעץ איז פאַראַן אַ מאראַם אַ׳ נעלסאָן, וואָס ווען זי זעהט ווי איהר אייגענער מאַן פאַלט אויף די קניע צו טהאָן זיין נאַכט־תפלה, פילט זי זיך איבּער מיט אַ געפיהל פון עקעל, און טהיילט נאַכדעם מיט איהם פּאָרט איהר בּעט — איז דאָס אַ מעשה. און פּיבּי, וואָס יאָגט זיך איצט אַרום אין דער נאַכט איבּער בּאַרג און פעלד, און דריקט צום האַרצען איהר טאַטענ׳ס צלם, ווי אַ ניפּטיגע שלאַנג, ווי אַ שטעכיגען דאָרן, און לאַכט אַזוי היסטעריש און לאַכט — דאָס איז אַזאַ מעשה, אַ מעשה — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און קאָן זיין אַז ערגעץ שלעפערט דאָס איצט אַ מאַמע איין איהר קינד מיט דער געשיכטע פון אַ לאַבּענדיגער מיידעל פּיבּי, וואָס בּלאָנד־זשעט אום דורך די נעכט איינע אַליין מיט אַ וועהטאָגדיגען געלעכטער, און מיט אַ שווערען צלם אויפ׳ן האַלז.

און די מאַמע דערצעהלט: אויף די בּערג אַנטקעגען דער לאַבּעדיגער מיידעל בּעוויזט זיך אַ גרויסער ריעז. איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון

אַלע פעלקער׳ס פאָהנען. דערזעהט איהם די לאַכענדיגע מיידעל פּיבי און זי נעהמט איהם אַן פאַר אַ הייליגען און לאָזט זיך נעהן צו איהם. דער ווינד אָבער גיט אַ וועה דעם עק פון זיין מאַנטעל, און עס בעווייזען זיך אַ פּאָר טייוועלשע פיס. דערשרעקט זיך די לאַכענדיגע מיידעל פּיבי און נעמט פון שרעק לאַכען נאָך וועהטאָגדיגער. זי כאַפּט זיך מיט די הענד צום האַרצען, צום צלם, אָבער עס איז שוין ניט מעהר קיין צלם, נאָר אַ שלאַנג, אַ גיפטיגע שלאַנג. דאַן ווערט דער מיידעל׳ס געלעכטער אַזאַ, פון וועלכען עס ציטערען אַזש אויף קליינע קינדער אין די וויעגען. און די שלאַנג ווערט אַלץ גרעסער און בייזער. און די שלאַנג שלינגט זי איין.

שלאָף איין מיין קינד, מיין האַרץ, שלאָף איין — ניט שרעק זיך פאַר די בערג, פאַר דער נאַכט, פאַר דעם לאַכענדיגען מיידעל, און פאַר דעם גרויסען ריעז מיט די ציגענע פיס.

שלאָף איין מיין קינד, מיין טאָכטער, שלאָף איין — דאָס איז בלויז אַ מעשה, אַ מעשה.

נאט בעהיט און בעשיץ

אוּן ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי
נאָהענט ניט געזעהן די שטראהלען פון
גאָטס כבוד, ווי דעמאָלט, ווען איך בעט:
„גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד".
דעריבער בעט איך אַזוי אָפט און בעט:
גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד! —
— — — — — — — — — — —

ווייט ארויף איבער'ן ים האָט זיך גענוצט די זון.

איך האָב זיך נאָר וואָס געבאָדען.

נאָכ'ן באָדען האָב אַ ך מיט אפעטיט געגעסען ברויט מיט קעז און געטרונקען ביר. דערנאָך בין איך ווידער צוגעגאנגען צום ברעג.

ביי מיינע פיס איז דער ים. הונדערטער, טויזענדער מענער און פרוי־עז שווימען אום, טומלען און באָדען זיך ביי דעם גרויסען, לאנגען ברעג. זייערע נאסע, קלונ־געניהטע באָד־קליידער קלעפען זיך צו זייערע ליי־בער. פון דעם שיין פון דער אונטערגעהענדינגער זון ווערען די פארבינגע קליידער נאָך פארבינגער און גלאנצען, ווי אטלעס און זייד. איך נעם מיט די אויגען זוכען פריינד, בעקאנטע, וואָס באָדען זיך נאָך. אזוי שטעה איך א ווײַלע און פיהל: מיין לייב איז קאלט און שטארק אָנגעצויגען. מיין לייב פיהלט נאָך אויף זיך דעם טעם פון דעם געזאלצענעם וואסער. עס גיט א בלאָז א ווינטעל און מאכט מיך ווידער פיהלען, ווי איך שטעה נאָך אין וואסער, ווי איך ווער אויפגעהויבען און שווים.

מיר איז קאלט. נאָר דאָס עסען און דאָס ביר נעמען מיר שוין וואר־

מען די בלומען. אַמ דערזעה איך די מיידעל מיט'ן געדיכטען רויטען קאָפּ האָר. מיין רויטע מיידעל וואָס איך האָב ערשט געלערנט און געלערנט די קונסט פון שווימען. זי איז אַלע מאָל אַזוי גערן געגאַנגען צו מיר אויף די הענד, און דערביי אַזוי קינדעריש און הילביג געלאַכט. — ס'אַרא מאָדנע הויט־קאָליר זי האָט! — לויטער־ווייס, און דאָך עטוואָס גאָלדיג־רויט! און ווי שען עס הענגען לאַנגע ברעמען אַריבער קלאָרע בלויע אויגען!

מיר ווילט זיך אַרויסרופען די מיידעל, זי אַוועקזעצען נעבען זיך.— ווער האָט דיך געבוירען אַזאַ קלאָרע, אַ גאָלדענע! ? ווער האָט דיך געבוירען מיט אַזוינע לאַנגע ברעמען און אַזוינע בלויע אויגען ? ! פּלוצלונג דערמאָן איך זיך אָבער אָן דיר און אָן איהם... איך ציטער אויף:

— אַך, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

עס הויבען זיך אויף מיינע אויגען. דער לאַנגער ברעג, מיט זיין טונקעלן פּאַס פון טויזענדער מענער און פרויען שווימט מיט אַמאָל אַב ווייט אונטער מיר. פאַר מיינע אויגען איז דער אונענדליכער ים. איבער איהם הויבען זיך, ווי שווערע פעלזען, גרויסע, בלויע כוואַליעס, מ'ט ווייסע שנייאיגע רוקענס, מיט ווייסע שנייאיגע שפּיצען. און איבער זיי וויגט זיך די גרויסע פאַרנאַכטיגע זון. די כוואַליעס שפּרייטען זיך פאַר מיינע או גען אַלץ ווייטער און ווייטער. די זון פאַרבט זייער בלויקייט און ווייסקייט, מיט גאָלד און גאָלד. איך שפּיר: אַ וואַרימע פייכקייט פּילט מיר אָן די אויגען. איך וויים נישט — פון גליק, צי פון וועה, — קינד! אַך גאָט בעהיט דיך און בעשיץ דיך, קינד!

אַ מעשה פון איינעם, וועמען מען האָט געשענקט אַ גאָלדענע זון. ער האָט די גאָלדענע זון אַ שליידער געטאָן אָן דער ערד. די זון איז זיך אין שטיקלעך צעפלויגען. איצט געהט ער אַרום זיין גאַנצען לעבען און זוכט די זון, און קלייבט שטיקלעך זון, און וואו נאָר ער קעהרט זיך, און וואו נאָר ער ווענדט זיך, זעהט ער פאַר זיך אין שטיקלעך זיין זון, זיין גאָלדענע זון.

פרויען ווייסען נישט פון ליעבע. עס האָט א פרוי ליעב איהר געליעב־
טען נאָר, ביז זי מיינט, אז ער איז פאַר איהר דער בעסטער.

דיין מאמען — און איך האָב פערשטאַנען : — אויך דיר, האָט זיך
געוואָלט, איך זאָל זיין רייך, א ניט — כאָטש א דאָקטאָר. האָב איך גע־
שמייכעלט, און אזוי שמייכלענדיג איהם איינמאָל פאַרגעשטעלט פאַר
דיר :

— „מיינער א פריינד, וואָס האָט א רייכען טאַטען. און... — דאָ
האָב איך לענגער צעצויגען מיין שמייכעל — היינט, מאָרגען ווערט ער
דאָקטאָר.“

פון אנהויב האָסטו זיך צו איהם, ווי צו אלע אנדערע, פערהאַלטען
קלוג און אויסגערעכענט. ביז עס האָט געטראָפען, איהר האָט זיךביידע
געבאָדען אין דעם איינענעם וואַסער, וואָס ליגט איצט ביי מיינע פיס.
נאָכדעם האָט איהר געגעסען און געטרונקען אָט דאָ אין רעסטאָראַן. א
זיסע מידקייט האָט זיך גענומען שפרייטען איבער דיין לייב. די גלידער
האָבען זיך גענומען ציהען, ווי זיי וואָלטען זיך ערשט איצט פון וואַסער
געהויבען, ווי זיי וואָלטען זיך וועלען איבערצייגען, אז זיי זיינען שוין
נישט מעהר אין וואַסער. און דו האָסט מיט א שמייכעל צו איהם גע־
זאָגט :

— מיר דאכט, איך וואָלט איצט גאָר וועלען כאַפּען א דרעמעל.

— אויב איזהר ווילט — ענטפערט ער געהיט — איז דאָך איבער
אונז א האָטעל.

— א האָטעל ? ! — פרעגסטו איבער, גלייך ווי דו וואָלסט נישט
פערשטאַנען, וואָס ער זאָגט.

— יאָ — ענטפערט ער — אָט דאָ גלייך איבער אונזערע קעפּ.
איבער'ן רעסטאָראַן. אָט די טרעפּ פיהרען גלייך אריין אהין.

דו פערמאַכסט די אויגען, ווי זיי וואָלטען זיך ביי דיר אליין צו־
נויפקלעפּען... ווי דו וואָלסט נישט הערען, וואָס ער רעדט. מיט פער־
מאַכטע אויגען ניסטו א שמייכעל, ווי פון שלאָף, ווי פון א זיסען דרע־
מעל. און ער איז צו דיר צוגעגאַנגען און האָט דיך אזוי ווי שטיל אויפגע־

וועקס, דיך גענומען אונטער דיין שענער רונדער האנד. מיט'ן זעלבען שמייכעל אויף די ליפּען האסטו געעפענט די אויגען און ארויף מיט איהם אין האטעל. דארטען האסטו זיך גלייך געוואלט לעגען אין בעט.

— אינ'ם קארסעט! ? — פרעגט ער פערוואונדערט.

א ווייל האט איהר זיך איבערגעקוקט. נאכדעם האט ער זיך אָבּגעקעהרט צום פענסטער. דער פענסטער האט א ליכטינער ארויסגעקוקט אויפ'ן ים, אויף די מענשען, אויף די כוואליעס. ער האט אראבגעצויגען דעם טונקעלען פּארהאנג איבער'ן פענסטער. די לופט אין צימער איז געווארען שווארצליך־גרוי. דו ביזט אין דער טונקעלהייט געבליבען שטעהן וויט הינטער איהם. און אין א ווייל ארום האט זיך איבער'ן צימער דערהערט דער זיידענער שאָרף פון דיין קלייד. — — — — — — — — — —

— —

און ניט נאר דאָס. ער האט מיר אויף נאָך אנדערע איינצעלהייטען דערצעהלט. — ווייל ער האט זעהר ליעב צו דערצעהלען פון זיינע „גליקען“. ער האט, אמת, גלייך צונעגעבען, אז ער איז זיכער, אז מיר וועט, חלילה, ניט איינפאלען, אז די מיידעל איז איינע פון אונזערע בעקאנטע....

אָבער יעדעס מאָל, ווען איך הער פון איהם די מעשה, און נאָך מעהר, ווען איך הער פון איהם פיעל אנדערע, עהנליכע מעשיות, ציטער איך אויף און בעט:

— גאָט! גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

איך רוף דיך „קינד“. איך וויים, ווי דו דארפסט שמייכלען פון דעם ווארט. דו, אזא שטאָלצע. אָט זעה איך דיך איצט פאר זיך, ווי נאָך אין יענעם זומער — אין דיין לייכטען זיידענעם קלייד מיט די דינע ברוינע פאסען; צוויי ברייטע לאַצען פערצויגען מיט א וויים געוועב שפּרייטען זיך ביז דיינע ווייך־רונדע אקסלען און מאכען פריי דיין שענעם האלז און דאָס גריבעלע, וואָס צווישען די צוויי אביסעל ארויסגעפּרעסטע ברוסט־ביינער, וואָס נעבען דיין האלז. און דער קלוגער ענערגישער אויסדרוק פון דיינע אויגען. ארום די קניהען הענגט אויף פּעטלעס א ווייסער זיידענער שאָרף: די עקען פון שאָרף נעמען ארום די פיס און זענען צו־טויפגעבונדען אין א באנד ביי דער לינקער פוס. — עס איז דאן געווען

אזא מאָדע. און אלע שלאנקע מיידלעך זענען ארומגעגאנגען, ווי געפענ־טעטע, און זענען דורכדעם נאָך ציטערדיגער און שלאנקער געוואָרען. און דו שטעהסט פאר מיר — דיין יעדער קעהר, דיין יעדער בויג איז קלוג און אויסגערעכענט. און איך, איך רוף דיך „קינד“! און בעט: „גאָט, בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!“

דו ביזט קלוג און אויסגערעכענט. און ווייל כמעט יעדע מיידעל, בעזונדער יעדע קלוגע מיידעל, ווארט אויף א מאַן, וואָס זאָל זיך „לויַ־נען“, ווי א הונגעריגע שלאנג אויף איהר קרבן, בין איך דיך אָפּט חושד, אז דאַן, דאַן האָסטו דאָס איהם פערנארט. און ווייל איך וויים, אז אויך ער איז דיך אין דעם חושד, דעריבער ציטערט אזוי מיין הארץ און בעט: גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד! און ווייל דו האָסט נישט געוואוסט, אז דו, די שמאָלצע, וועסט בלויז רייכער מאכען דעם צעטיל פון זיינע „גליקען“, בעט איך אזוי שטארק און בעט: — גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

אָפּטמאָל, אז איך דערמאָן זיך אָן דיר, אין יענעם שענעם קלייד מיט די גרויסע לאצען, וואקסט אין מיר אוים א געפיהל, ווי איך וואָלט עפּיס מיאוס׳עס אין זיך איינגעשלונגען. דער געפיהל בלייבט אין מיר לעבען אויף א צייט, און איך מייד דיך אוים צו טרעפען חדשים און חדשים. ביז עס טרעפט, עס זאָגט צו מיר מיינער א פריינד, — ער האָט דיך וועַן בעגעגענט, — דו זעהסט אוים זעהר שלעכט, בלאָס, נערוועז, געעלטערט — — — — דאַן ווערט מיר מיט אמאָל שווער מיין הארץ, און ביס־לעכווייז, ביסלעכווייז ציטערט אין מיר אויף אינגאנצען מיין ליעבע צו דיר און צעבליהט זיך ציטערדיג־פריש און נייגעבוירען. און מיר דאכט — עס פערשפרייטען זיך מיינע הענד, און איך בעט און רוף: — קינד! גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

עמיצען מיינעם א בעקאנטען האָסטו בעגעגענט, און רעדענדיג האָסטו א פּאָר מאָל דערמאָנט מיין נאָמען. און ביידע מאָל האָסטו דער־

ביי צוגענעבען, אז דו האָסט מיך שוין אזוי לאנג, אזוי לאנג נים גע־זעהן ! —

און ווייל איך וויים, אז דו האָסט דאָס געטהאָן מיט דעם קלוגען מיין, אז יענער זאָל דאָס מיר דערצעהלען, שמייכעל איך — — — כאָטש מיר ווערט דערפון דריקענד־שווער...

און אויף מאָרגען, איך כאַפּ זיך אויף גאנץ פריה און פיהל — איך בין מאָדנע גוט אויפגעלעגט. איך פרעג : — וואָס איז מיט מיר ? ! וואָס האָט מיט מיר געטראָפען ? — אך יאָ — היינט דאַרף איך דיך טרעפען ! יאָ היינט — דערמאָן איך זיך, ווי אָן א זאך, וואָס פערשטעהט זיך פון זיך אליין — — — — כאָטש איך בין, דאכט זיך, זיכער אז איך האָב וועגען דעם גאָר קיינמאָל נישט געטראכט.

איך נעה אראָב פון בעט. איך מאַך פאַר זיך א וואַנע. וואַסער ! איך האָב אזוי ליעב וואַסער ! מיין לייב הויבט זיך און בויגט זיך, ציהט זיך און שפּיעלט זיך אינ׳ם פרישען וואַסער. דאָס וואַסער רוישט און רעדט און שוימט און זינגט און קושט מיין לייב. און אָט דרעה איך אָב ביידע קראַנען און בלייב א ווייל רוהיג און הער זיך איין ווי עס מישען זיך די שטראָמען, ווי מיין לייב ריהרען אָן, אָט א וואַרימער און אָט א קאַלטער שטראָם. מיינע אויגען זענען ברייט צועפּענט און — — — — — איך דערמאָן זיך פּלוצלונג, — איך האָב דיך ערשט געזעהן ! — — — — ערשט — מיט עטליכע מינוט צוריק. א פּאַר מינוט, איידער איך האָב זיך אויפגעהויבען פון בעט. דו ביזט געזעסען צופוסענס אויפ׳ן ברעג פון בעט־טעל און האָסט עפּיס פעריכט. דאָס איז געווען דיינס א קלייד. ווען דו האָסט דערזעהן, אז איך האַלט אָפען די אויגען, האָסטו צו מיר א נוטען, געטרייען שמייכעל געטאָן. מיט דיינע ביידע הענד האָסטו אויפגעהויבען דאָס קלייד פאַר די קורצע ארבעל — דאָס איז געווען דאָס זיידענע קלייד מיט די ברייטע לאַצען, מיט׳ן שאַרף אויף די פּעטלעס... דאָס קלייד האָט אויסגעזעהן אַלט און אָבגעקראַכען...

נאָך דער וואַנע בין איך אַוועק צו דער ארבייט.

צו דער ארבייט האָב איך פערשפּעטיגט, אבער מען האָט מיר קיינע בעמערקונגען נישט געמאַכט, און איך האָב א גאנצען פאַרמיטאָג געאַר־

בייט זעהר צופרידען און פלייסיג. ביי דער ארבייט האָב איך אלץ גע־טראכט און געשמייכעלט ווענגען דיר. צו מיטאָג בין איך אוועק צוריק צו מיין אלטען רעסטאָראן, וואו מיר פלעגען זיך אלע מאָל טרעפען. מיין קעלנערין האָט זיך מיט מיר זעהר דערפרעהט. זי האָט זיך פשוט פער־בענקט נאָך מיר. אויף איהר ווארט זאָל איך איהר גלויבען, אז זי האָט נאָך מיר געבענקט. איינמאָל האָט זי מיין קאָפּ מיט די האָר, ווי ביי א „פּ־אַנאָ־שפּיעלער“, אפילו אין חלום געזעהן. און פארוואָס בין איך אזוי לאנג נישט געווען?

איך ענטפער איהר שמייכלענדיג: — ווייל איך האָב געוואוסט, אז ווען עס וועט אוועקגעהן אזוי פיעל צייט, וועל איך דיך מיט אמאָל אויף אזוי פיצל שענער טרעפען.

— א, איהר מיינט דאָס נישט. — זאָגט זי שמייכלענדיג.

— זיכער, — איהר קוקט איצט אויס א סך, א סך שענער, ווי פריי־הער — זאָג איך.

און זי ענטפערט מיר לאַבענדיג — יאָ, ווען אייער „לידי פריינד“ וואָלט דאָס געהערט!

— איז וואָס וואָלט געווען?

— זי וואָלט געוואָרען בלאס און רויט, ווי אלעמאָל...

— איהר זעהט זי דאָ אָפט? — פרעג איך.

— ניין, נאָך אייך איז זי אהער בלויז נאָך א פּאָר טעג אריינגעקו־מען, נאָכדעם האָב איך זי שוין מעהר נישט געזעהן — און איהר ווייסט, וואָס איך האָב שוין געטראכט?

— וואָס? — פרעג איך אלץ שמייכלענדיג.

— אז איהר האָט שוין מיט איהר חתונה געהאַט.

— נאר?... — פרעג איך — און אלץ מיט אזא טאָן, ווי איך וואָלט זיך געשפּיעלט מיט איהר ווי מיט א קינד.

— נאר — ענטפערט זי, שוין ווערענדיג ערנסטער — אָט דאָ לענ־נער צוריק איז זי אהער אריינגעקומען, און זי זעהט אויס אזוי שלעכט, אז מיר האָט גענומען באנג טון פאר איהר. זי האָט זיך געזעצט ביי אן אנדער טיש און האָט די גאנצע צייט זיך אומגעקוקט אויף די אנדערע

מישען און אויפ'ן טיר — — האָב איך שוין פערשטאַנען — פערענ־דיגט מיר די קעלנערין שוין ווידער מיט א שטיפערישען, נאָר פיעלדיי־טיגען שמייכעל — אז דאָ איז צרות...

און דערווייל, אזוי רעדענדיג מיט דער קעלנערין, האָב איך איהר איבערגענעבען מיין בעשטעלונג. איך בין נישט געווען שטארק הונגעריג און האָב אלץ געקליבען נאַשערייען. א פּאָר נאשערייען האָט מיר מיין צופרידען־שמייכלענדיגע קעלנערין אונטערגעזאָגט, און מיר דערמיט בעוויזען, אז זי געדענקט נאָך גוט מיין געשמאַק. איך בין פון דעם געבלי־בען צופרידען, בעזונדערס, ווען זי האָט זיך צולעצט עפּיס אזוי פּלוצלונג און מיט פרייד דאָס געטאָן — „יאָ, היינט איז דאָך דאָ „קרעמבערי־פּודינג" !

— טאַקע ? — האָב איך אויסגעשריען א צופרידענער — נו, איז „קרעמבערי־פּודינג" אין סמעטענע און — — —

— און — כאַפּט זי אונטער — טרויבען־סאַק.

— הורא ! — פאַר דיר. — האָב איך אויסגעשריען.

און ווי נאָר די קעלנערין איז אוועק, האָב איך מיט אמאָל און איינ־גאַנצען ווידער גענומען טראַכטען פון דיר, און פון דיר. ווענען דעם, ווי דו האָסט זיך דערנידערינגט און געקומען אהער אין רעסטאַראַן מיך זוכען. דיין שטאָלץ איז מיר דאָך טייער. בעסער בויג איך מיין קאָפּ, איי־דער דו דייניעם. בעסער בויג איך מיין קאָפּ צעהן מאָל, איידער דיין שע־נער, שטאָלצער קאָפּ זאָל איינמאָל געבויגען ווערען.

דו האָסט דען נישט געוואוסט, אז אויב דו טרעפסט מיך נישט, וועט מיר די קעלנערין דערפון דערצעהלען ? צי אפשר ביזטו אומיסטען געקומען מיט דער אויסרעכענונג ? — — — ביזט אפשר פריהער עטליכע נעכט נישט געשלאָפען, זיך מוטשענדיג און טראַכטענדיג — „צי איז דאָס מעגליך, אז איך האָב דיך שוין מעהר נישט ליעב ?" און אזוי טראַכטענ־דיג און זיך מוטשענדיג, ביזטו מיט אמאָל, און נאָר ווי אָהן דיין וויסען אריינגעפאַלען אהער אין רעסטאַראַן און דערביי געטראַכט : „אפשר טרעף איך איהם פּאַרט." און איך שטעל מיר פאָר, ווי שווער דו האָסט גע־ליטען : אך, קינד ! גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד ?

איך האָב אָבגענעסען. די שוועדמוטינקייט, וואָס האָט זיך אויף מיר נעזאָלט ארויפרוקען, איז פערשוואונדען דורך די געשמאקע שפייזען און דורך די צופרידענע בעגריסונגען פון עטליכע פריינד, וואָס זענען אָנ־געקומען און האָבען זיך געזעצט ביי מיין טיש אָדער נאָהענט צו איהם. איך האָב גענומען מיין טרויבען־זאָפט און ארייננעגאָסען דעם רויטען זאָפט אין א ניט פולער גלאָז קאַלטע וואסער, וואָס מיין קעלנערין האָט מיר צו דעם צוועק דערלאַנגט, און האָב אויסגעטרונקען דעם נוטען, קאַל־טען טרונק און בין א צופרידענער ארויס אין גאַס.

אין גאַס האָט געבלאָזען א ווינט און האָט בייז געריסען די שיל־דען, וואָס זענען צעהאַנגען איבער די מויערן. איך האָב מיך דערפיהלט גוט פון דעם בייז־צערייצטען ווינט — כאַטש נעם און צעשפּרייט די הענט און לאָז זיך אריין אין זיינע שווערע כוואַליעס און גלעט זיי! — ווינט! ווייסט? — איך נעה זיך איצט בעגעגענען מיט איהר, און טרעף איך זי נישט אין גאַס, רוף איך זי אראָב דורכ'ן טעלעפאָן — וואָס וועל איך זאָגען? — היינט אויף דער נאַכט שפּיעלט מען דאָך די אָפּערע, וואָס זי האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז זי וואָלט זי וועלען הערען נאָך אמאָל. די אָפּערע, ביי וועלכער איהר רונדער אקסעל האָט זיך אזוי ווארים און ליעב געפּרעסט אָן מיינעם. איהר שענער קאָפּ האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגען אין איין זייט, און עטליכע איינציגע אָבגעשטאַנענע האָר האָבען לייכט אָנגעריהרט מיין פּנים... און דערנאָך, געהענדיג אהיים, האָט זי אלץ ווי אין פיבער גע'טענה'עט:

— הייסט דאָך דאָס, אז עס איז פּאַרט דאָ ליעבע! אמת'ע, אייבי־גע, ליעבע. און דערביי האָט זי ארייננעלעגט איהר האַנד אין מיינער און זיך אָנגעפּרעסט אָן מיר מיט דער זיכערער איבערצייגונג פון אמת, שטענדיג און אייביג... און זי האָט אלץ ווייטער גערעדט:

— אך מיין גאָט, וויפיעל ליעבע! וויפיעל ליעבע! וויפיעל אמת'ע ריינקייט און גוטס מענשען פערמאָגען נאָך! זאָל זיין, אז דאָס איז אפילו בלויז אין דער לעגענדע, אבער די לעגענדע איז דאָך אויך אונזע־רע, אונזערע — —

— ניין — ענטפער איך, דריקענדיג איהר האַנד — נישט די לע־

גענדע איז אונזערע, נאָר מיר זענען איהרע. און וויפיעל מיר ווייסען פון איהר, איז נאָך אַלץ גאָר נים אנטקעגען איהר גאַנצער גרייס. מיר מוזען זיך אויפהויבען צו איהר, הערען און פאָלגען און לעבען אין איהר נאָמען. דעמאָלט בעהעפטען מיר זיך מיט איהר. דעמאָלט ווערען מיר א טייל פון איהר לאנד. דעמאָלט ווערען מיר א טייל פון דעם גרויסען לאנד, פון דעם וואונדערבאַרען לאנד, פון דעם לאַנד פון אלע לענדער...

— אַ יאָ, ווינט ?!

זיי זאָגען, זי איז שוין מעהר נישט שען. — ווען דער טאָג איז פערוואַלקענט, הייסט דאָס, אַז די זון האָט אויפגעהערט שיינען ? — נאַ־ראָנים! און ווי צופרידען איך בין דאָס פון דעם, וואָס איך וועל זי איצט טרעפען! פונקט איצט, ווען איך בין אַזוי גוט אויפגעלעגט. און אַט! !— צוואַנציג טויזענד טייוואָלים אויף די שפּיצען פון דיינע כוואַליעס, ווינט! — שריי איך אוים צום בייזען ווינט א לאַכענדיגער, דערפאַר וואָס איך האָב דיך דערזעהן אַנקומען אנטקעגען מיר.

א ווײַלע בין איך צעמישט געוואָרען און בין שיער נישט געבליבען שטעהן אויף איין אָרט. נאָר איך האָב זיך געשטאַרקט און בין מיט א גוטען שמייכעל אויף די ליפען צוגעגאַנגען צו דיר און דיר אויסגע־שטרעקט מיין האנד:

— האַלאָ!

— האַלאָ!

ווי נאָר דו האָסט מיך געזעהן, ביזטו גלייך רויט געוואָרען, און ביז דו ביזט צוגעקומען און האָסט מיר דערלאַנגט דיין האנד, ביזטו נאָך צוויי מאָל, איינס נאָכ'ן אנדערן, רויט געוואָרען. גאָט מיינער! וואָס פון דיר איז געוואָרען!...

אָבער איך פערגעס דאָס גלייך. דו פרעגסט:

— נו, וואָס הערט זיך עפּים נייעס ?

— „נייעס“ ? — פרעג איך איבער מונטער — אויף וואָס דאַרף איך נייעס, אַז איך האָב נאָך דאָס אַלטע נישט פערגעסען ?...

— איהר האָט, הייסט עס, א גוטען זכרון ?...

— אזעלכעז, אז מען וועט איהם אפילו מיט קיין אייזענס פון קאָפּ נישט ארויסשלאָגען.

— איהר זענט, הייסט דאָס, נאריש ווי געווען.

— נאָך אביסעל נארישער — ענטפער איך.

— נו, און דאָס לעבען?

— דאָס לעבען איז, ווי א פרוי — קלוג און אויסגערעכענט. — רעד איך ארויס, און מיר ווערט מיט אמאָל קאלט אונטער'ן הארצען.

— דו ביזט בלאָס געוואָרען. און איך האָב א טראכט געטאָן: „וואָלט איך זיך בעסער דעם צונג אָבגעביסען."

איך דערזעה, דו ביזט אין דיין אלטען באָרדאָ־קלייד, דאָס קלייד אין וועלכען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל ארומגענומען. איך פּרוב זיך ראטעווען און בייט מיט אמאָל אונזער שמועס. איך פרעג:

— וואָס, ביי איך לעבט נ אָ ך דאָס קלייד?!

— וואָס איז, עס געפעלט אייך נישט? פרעגסטו א צופרידענע, נאָר מיט א טאָן, מיט וועלכען מען ווענדט זיך צו א קינד.

— אמת גערעדט — ענטפער איך — קען זיין, אז דאָס קלייד געפעלט מיר אפשר ניט אזוי שטארק. נאָר איך קניה פאר איהר היסטארישען ווערט — — — —

דו שווייגסט. און איך גיב א טראכט: גאָט מיינער, וואָס פאר א נאָר איך בין! און דער ווינט רייסט און בלאָזט, און מיר דוכט זיך, דער ווינט טראָגט אונז כמעט רייטענדיג.

— אך, צום טייוועל, ווי אלץ איז נאריש, ווי נאריש! — שריי איך אויס פערצווייפעלט.

— וואָס, די וועלט איז נאריש? — פרעגסטו, ווי דו וואָלסט מיר וועלען ארויסהעלפען אריינצוגעהן אין א בעקוועמערן געשפּרעך.

— די וועלט?! — שריי איך אויס מיט א שמייכעל, און כאָטש איך שמייכעל, דערפיהל איך דאָך, אז אין מיר ברענט שוין א ביטערער כעס, און עס נעמט פון מיר איבערגעוואָלד רעדען; — די וועלט איז שען, די וועלט איז אונענדליך שען. נאָר די מענשען! מיט זייער קלוגשאפט, מיט זייער ווערעמדיגען פערשטאנד. זיי זענען אזוי בלאָטיג, אזוי

עקעלדיג! — און בשעת איך רעד דאָס, האַלט איך דיך פעסט אונטער׳ן אָרעם, ווי איך וואָלט מורא געהאַט, אַז דער ווינט זאָל דיך נישט אַברייסען פון מיר. און איך פיהל, אַז מיין האַרץ רייסט זיך, אַז נִיט נאָר מיין מויל, נאָר אינגאַנצען מיין בלוט שרייט איצט, אַז אַט שפּרינג איך אַרויס פון זיך אַליין.

איך דערשרעק זיך און גיב מיט אַמאָל אַ שפּרונג אויף אַ פּלוצלונ־דיגען געדאַנק:

— אַך, ווי גוט עס וואָלט געווען אַ גלאַטע, גרויסע הויז מיט אַ שוואַרצען פערד, ערגיץ ביי אַ ברייטען וועג! אַ גרויסע הויז מיט ווייסע פענסטער, מיט צוויי גרויסע, גרויסע זיילען פאַר׳ן אַריינגאַנג, מיט אַ הויכען, ווייסען פאַהנען־שטעקען. און אין דעם הויז וואוין איך און מיין פערד! און דער פערד האָט מיך שטאַרק און הייס ליעב. דעם פערד׳ס שוואַרצע פעל איז דין און גלאַט, און זיינע שטאַרקע פול־בלוטיגע אָדערן פּרעסען זיך אַרויס פון אונטער דער פעל און שפּרייטען זיך און צווייגען זיך איבער זיין לייב, איבער זיינע ענערגישע דינע פיס, איבער זיין שטאַרקען ברייטען האַלז, איבער זיין שענעם קלוגען קאָפּ, ביז זיינע נערוועז־ווילדע נאָזלעכער. און פאַרנאַכט, ווען אויפ׳ן האַרצען ווערט אומעטיג און שווער, הייס איך מיין גוטען שוואַרצען דיענער מיר אָנזאָט־לען מיין פערד. און אַליין נעם איך דערווייל אַרומשפּאַנען אַ־בער מיין צי־מער, אַהין און צוריק — (ביי די לעצטע ווערטער האָב איך דערפיהלט, ווי אַ גרויל איז אַריבער דיין לייב, אָבער איך האָב נאָך פעסטער און וואַרימער געגומען פיהלען דיין האַנד אין מיינער און נאָך מעהר צערייצ־טער און ליידענשאַפטליכער גענומען דערצעהלען). — דער נעגער האַלט שוין פאַר׳ן צוים דעם אָנגעזאָטעלטען פערד נעבען די צוויי זיילען. איך, אַ פערגעסענער, שפּאַן נאָך אַרום איבער׳ן צימער, דער פערד אָבער דער־זעהט מיך דורכ׳ן פענסטער, נעמט ער הירזשען, בייסט דעם צוים, וויל נִיט איינשטעהן אויף איין אָרט. איך דערהער עס און געה אַרויס, נעם איבער דעם אומרוהיגען פערד, אַ ווייַלע האַלט איך איהם פאַר׳ן צוים און קוק אויף איהם: מיין פריינד! מיין גוטער קלוגער פריינד! (ווידער איז אַ גרויל אַריבער דיין לייב. און איך זעה — דו ווערסט בלאַסער. נאָר איך

קאָן זיך נישט אבשטעלען) — דער ווינט בלאָזט אריבער דעם פערדס גריווע, אריבער זיין קאָפּ — און עס דאכט זיך מיר, אז דעם פערד האָט מיר דער ווינט געבראכט... אויפ'ן פערדס שטערן איז פאַראַן א לענג־ליכער ווייסער פלעק, און אויך אויף זיין בויך איז פאַראַן א ווייסער פלעק. און מיר דאכט זיך אפּט — דער פערד איז ווייס, נאָר מען האָט איבער איהם אריבערגעוואָרפען א שווארצע פעל, און אז אָט וועט דער פערד אויפציטערן, א שפרונג טון און ארויספליהען פון זיין שווארצער פעל און וועט בלייבען פאַר מיר שטעהן א ווייסער, א לויטערער. אך, ווי נוט דאָס וואָלט געווען! — א גרויע הויז ביי א ברייטען וועג, ווייסע פענסטער... איך זעץ זיך ארויף אויף מיין שווארצען פערד, און פון ליע־בע צו מיר, גיט אויף איהם אזש זיין דינע פעל א ציטער. מיר פאָהרען אַב, און ווי נאָר איך גיב זיך א בויג צו זיין קאָפּ, שפּיצט ער אויף די אויערן, צעשפּרייט די נאָזלעכער, ציהט זיך אוים און גנעמט זיך טראָ־גען איבער'ן ברייטען וועג. מיר מיידען פעלדער, וועלדער, בערג! — איך פיהל, ווי מיר וואָלטען פליהען איבער'ן ווינט! זיין בויך איז אויס־געצויגען, זיין גריווע פלאַטערט מיר אין פּנים, איך וויל זיך צובויגען און קושען זיין שעהנעם אויסגעשטרעקטען האלז. מיין גוטער, קלוגער פערד! — — — — — — — — —

דיין ציטערן, דיין בלאס ווערען, און אפשר דאָס, וואָס דו האָסט א פערציטערטע גענומען שרייען העכער פון מיר! — „אבער גענוג שוין, גענוג! — איך הער, איך זעה, ווי איהר לויפט אויפ'ן פערד! צי דאָס איז נאָך קאַרג פאַר אייך? !..“

איך האָב ארויסגעלאָזט דיין האַנד פון מיינער און האָב זיך אבגע־שטעלט...

גאָט מיינער! וואָס האָב איך געוואָלט פון דיר? דו ליידסט דען ווייניג? און פאַרוואָס האָט דיך איבערהויפּט אזוי שטאַרק געאַרט און אויפגערעגט די מעשה מיט'ן פערד? צי איז דאָס מעגליך, אז דו ביזט געוואָרען אייפערזיכטיג? אך, קינד! גאָט בעהים און בעשיץ דיך, קינד! פאַר'ן אוועקגעהן האָסטו ביי מיר געפרעגט מיט א כלומרשט־שפּאַ־

סיגען טאָן, ווי דו וואָלסט זיך געזעגנט מיט מיר איבערבעטען, ווייזען, אז דו ביזט אויף מיר ניט ברוגז:

— פארוואס דערצעהלט איהר מיר נישט עפּיס פון אייערע בעַ־קאנטע? וואס מאכען זיי דארט אלע? איך האָב זיי דאָך שוין אזוי לאַנג נישט געזעהן.

— וועמען מיינט איהר? — פרעג איך.

— איך וויים, — זאָגסטו מיר אלץ אין דעמזעלבען טאָן און נעמסט מיר רעכענען דעם, יענעם, און צווישען זיי דערמאָנסטו אויך זיין נאָמען — — —

— אָ, דער רוח האָט נאָך קיינעם פון זיי נישט געכאפּט — האָב איך דיר געענטפערט גלייכגילטיג. אבער גאָט מיינער! פארוואס האָסטו אויך זיין נאָמען דערמאָנט? פארוואס האָסטו אויך זיין נאָמען דער־מאָנט...

דעם גאנצען נאָכמיטאָג בין איך געווען זעהר נערוועז. און נער־וועזערהייד, האָב איך געארבייט פאר דריי, און אין דער ארבייט זיך איינגאנצען פערגעסען. איך האָב געטראכט:

איך טראָג זיך אויף מיין געשווינדען, שווארצען פערד. אָט בין איך אריין אין א געדיכטען וואלד. איך וויים, אז דו האָסט זיך פערבלאָנדזשעט אין א געדיכטען וואלד. אין מיטען פון דעם גיכסטען לויף הויבט זיך א מאָל אויף מיין פערד אויף די הינטערשטע פיס, שפּרינגט מיט מיר אריבער טיעפע גראָבענס און לויפט מיט מיר אלץ געשווינדער און וויי־טער, ביז — אָט זעגען מיר ארויף אויף א ברייטען פרייען וועג. און אָט געהסטו ארוים אויפ'ן וועג. געהסט און ווילסט, איך זאָל דיך אָניאָגען, אבער מיין פערד לויפט און קען דיך ניט אָניאָגען. מיין פערד רייכט זיך פון דער הויט. אָט, אָט — און איך בין שוין נעבען דיר. באלד אבער ווערסטו ווידער אויף אזוי ווייט פון מיר, ווי פריהער. איך וואָלט זאָגען, דו אנטלויפסט — אבער לויפען קענסטו נישט, אפילו ווען דו וואָלסט וועלען. ווייל דער ווייסער זיידענער שארף איז ארומגענומען נאָך עטוואס נידעריגער פון דיינע קניהען. און דערצו זעה איך — דו שטעלסט זיך נאָך פון מאָל צו מאָל אומיסטען אָב. אבער ווי נור איך קום, ווערסטו

ווידער ווײַט פון מיר. קינד, אַך, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד! איך פיהל, אז אין מיין פערד שלאָגט שוין די לעצטע מאָס כח. די אויגען ביי איהם און אויך ביי מיר גיסען זיך אָן מיט בלוט. — — — — — — — — — —
— —

אין וואלד איז נאכט. עס שיינט איבער איהם די לבנה, א פולע, א רונדע. איהר זילבער שפּינט זיך אין דער לופט אויפ'ן ברייטען וועג, וואָס צווישען די בוימער, איבער וועלכען מיר פאָהרען. דער פערד איז נאָס און מיעד און ניסט פון מאָל צו מאָל. און גאָט! ווי שען עס פּאַסט דיר אָט דאָס זיידען קלייד! ווי רייך עס שפרייטען זיך אָט די צוויי גרויסע, מיט ווייסען געוועב פערצווייגענע לאצען! ווי גוט און ווי וואַרים עס פיהלט זיך פון אונטער'ן גלאטען זייד דיין רונדע ווייכע האנד און דיין שמאָלצער פרייער האלז! ווי שען דו ביזט איצטער ביים שיין פון דער לבנה!... צי זעהט אונז איצטער ווער? — גאָט! צי פערגינט ער שווערע זינד? — קינד, די שווערסטע זינד זענען די, וואָס מען קאָן זיך אליין נישט פערגעבען. זיי זיך אליין, קינד, מוחל דיין זינד און דאָן ווערסטו ריין געלייטערט, און דו ביזט מעהר פאַר קיינעם ניט זינדיג. זעה נאָר, אָט קומען מיר דאָך שוין פון וואלד ארויס! אָט איז דאָך שוין אונזער גלאטע, גרויע הויז. זעהסט, ווי הויך און שען עס פלאטערט די גרויסע פאָהן אויף אונזער ווייסען פאָהן־שטעקען? איך האָב פאַר'ן אַבפאָהרען אנגעזאָגט, מען זאָל פערציהען די פאָהן. איך האָב געוואוסט, אז היינט קום איך צוריק מיט דיר — עמיצער האָט זיך איבער מיר לעצטע נאכט געבוינען, אין איין האנד האָט ער געהאלטען זאלץ און ברויט, אין דער צווייטער א קלאָרע ווייסע גאנז, און האָט געזאָגט: — גאָט בע־היט און בעשיץ דיך, קינד!

איך האָב געטראכט:

ווי שרעקליך דו זעהסט איצטער אויס! און איך האָב נאָך היינט אין דערפריה זיך געבאָדען, זיך פאַרפומירט. איך באַד זיך דאָך אלע מאָל בלויז אין אָווענד. פאַרוואָס האָב איך דאָס פלוצלונג היינט געטאָן אין דערפריה? כדי איך זאָל דיך בעסער קענען רייצען מיט מיין פרישקייט, מיט מיין מונטערקייט? „ווי בייז, ווי שלעכט איך בין!" שריי איך אויס

מיט כעס. און פיהל ווי זיך איינצובייסען אין מיין איינען לייב. און פיהל, אז מיינע אויגען ווערען פול מיט טרערען — — — און פארוואס האָב איך זי נישט געבעטען אויף היינט אין אַפּערע? — אך, ווייס מיך דער שווארצער יאהר! און פארוואס האט זי דערמאַנט זיין נאָמען? איז דאס געוועז א צופאל? — „א צופאל! — ביי איהר א צופאל!" — שריים עס אין מיר אויס מיט גאל, און עס נעמט מיר ווערען פראָסטינ־קאַלט. איך נעהם טראכטען פערשיידענע וועגען, ווי, און פארוואס דיר האָט זיך געלוינט צו דערמאַנען זיין נאָמען. און פּלוצלונג שטעל איך זיך מיט שרעק אָב אויף דעם געדאנק:

„ווי, אז זי זוכט דאס נאָר צו ווערען ווידער נאָהענט מיט מיר, ווארים דורכדעם וועט צו איהר ווערען נעהענטער דער קרייז פון מיינע בעקאַנ־טע, און דאן וועט זי, מעגליך, אויך איהם טרעפען? ! — — — כא, כא! אזוי נאָר! איז דאס מעגליך, אז דיך לאָקט די זינד? צי דו האָסט דערביי אפשר אנדערע מיאוס'ע, ווערעמדינגע אויסרעכענונגען?" — — — —

איך האָב געטראכט:

„זינד! מיט וואָס בין איך אזוי זיכער, אז זי האָט געזינדיגט? אפשר האָב איך זיך דאָס די גאנצע מעשה בלויז איינגערעדט? ! דאָס אַלץ איז דאָך בלויז געבוים אויף מיין אָנשטויסען זיך! קיינער האָט דאָך דאָס מיר אויף קלאָר נישט געזאָגט! אפשר שרייב איך דאָס איהר אומזיסט צו א מעשה. וואָס ער האָט מיר דערצעהלט? און ער קאָן דאָך איבערהויפּט דערצעהלען א ליגען. ער האָט דאָך מיר שוין א פּאָר מאָל איבערגעביטען די איינענע געשיכטע: אָט איז דאס פארגעקומען ביימאָג און ביים ברעג ים, און אָט — נאָר שפּעט ביינאכט, נאָכ'ן טעאטער און אין שטאָדט. פארוואָס האָב איך זיך אריינגענומען אָט דעם נארישען געדאנק אין קאָפּ? פארוואָס וויל איך ניט טראכטען, אז אפשר האָט זי איהם ליעב?" — „ליעב!" שרייט עס אין מיר אויס מיט א ביטערן געלעכטער. — ז י האָט א י ה ם ליעב? ! און אפשר? ווער ווייס? ווער קאָן דאָס וויסען די וועגען פון א פרוי? און פארוואָס דאכט זיך מיר אויס, אז מען קאָן זיך אין איהם נישט פערליעבען? און וואָס איז דען ביי א פרוי ליעבע? אמאָל ווילט זיך א פרוי ווערען די ווייב פון דעם, וואָס זי האָט ליעב.

און אמאָל ווילט זיך איהר פערליעבען אין זיך דעם אָדער יענעם צוליעב א געוויסער אויסרעכענונג. און בפרט נאָך אזא מיידעל, וואָס פערמאָגט א ניכטערן פערשטאַנד. ווי זי. א מיידעל, ביי וועלכער בלויז א סענטי־מענטאַלע אָפּערע רופט ארויס געדאַנקען, אז אפשר איז פאַרט דאָ ליעבע? — איז פאַרוואָס זאָל זי זיך פערבינדען מיט אזא נאַר, ווי איך ? ! פאַר־וואָס טאקע ניט בעסער ווערען די ווייב פון א קלוגען, צי כאָטש פון א מאַן א דאָקטאָר ? — — — אבער זי איז דאָך אזא שטאָלצע, און זי ווייס דאָך געוויס, וואָס מען דערצעהלט זיך אָן פון זיינע „טרעפונגען!“ — אָבער וועלכער מאַן איז ריין ? און וועלכע פרוי איז דאָס אויף אזוי פיעל שטאָלץ ? — — —

און ביידערנאַכט אין מיין צימער. איך דרעה זיך ארום ארויף און אראָב, און טראַכט : — צי וויים איך יאָ, צי וויים איך ניט ?

איך דערמאָן זיך : מיר זענען געזעסען א קאָמפּאַניע פון עטליכע פריינד, עס איז נעקומען צו רייד, און איך האָב זיך אָבגערופען : עס זענען פאַרהאַן מענער געזונטע, ניט קיין מיאוס'ע, נאָר עפּיס אזעלכע וויכע, פרויען קאָנען זיך אין זיי קיינמאָל ניט פערליעבען. נאָר עס זענען פאַר־האַן גענוג פרויען, וואָס ווילען זינדיגען, זיי בענוצען זיך מיט אָט די מע־נער. און די וויכע יונגע לייטלעך געהען נאָכדעם ארום מיט'ן געדאַנק, אָז זיי האָבען „ערפאָלג“ ביי פרויען. ע ר איז אויך דערביי געזעסען. און דו — ווען איך האָב דאָס נע׳אָגט, האָב איך זיך גאָר אָן דיר פערגע־סען — נאָר פּלוצלונג דערהער איך דיין נערוועזען, כמעט היסטערישען לאַכען, איין האַנד האָלסטו אויפ'ן ברוסט עטוואָס העכער פון קאָרסעט און בוינסט זיך אזש אויף די זייטען פון לאַכען. איך קוק דיך אָן. דו ווערסט בלאַס און רויט און כאַפּסט אָן מיין האַנד און שרייסט :

— אויסנעצייכענט ! אויסגעצייכענט ! — — — — איך האָב זיך דערשראָקען. קינד ! דו ביזט דאָך אלע מאָל אזוי קלוג, און דאָ פּלוצלונג —

אך, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד !

איך האָב דיר א שאַרפען דריק געטהאָן ביים האַנד. דו האָסט א ציי־טער געטאָן, און אָבגעריסען דיין לאַכען אין מיטען. איך האָב געוואָלט פערגלעטען, און פרעג זיך, וועגדענדיג צו דיר מיט א שפּאַסיג־פרעהליכען געלעכטער :

— אינטערעסאנט! — וואס איז אייער מיינונג וועגן פרויען?!
— וואס? איהר אינטערוויואירט?!
— יאַ.
— אַ, ווען פרויען וואלטען הערען מיין מיינונג וועגן זיי, וואל־טען זיי מיך געלינטשט. — זאגסטו אב.
— נו, און פון זיך? — פרעגט ער ביי דיר.
— פון דאַ זענענדיגע רעדט מען נישט — מישט זיך עמיצער אריין.
— וואס איז, איהר מיינט, איך בין קיין פרוי נישט? — איך בין אַ פרוי, — זאגסטו אב מיט אַ טאַן, ווי דו וואלסט אונז אלעמען פערזי־בערט און געוואָרענט.
— קומט דאך אויס — זאג איך — אז אייער מיינונג וועגן פרויען איז נים פיעל בעסער פון מיינער?
— בעסער געווים נישט—ענטפערסטו, נישט קוקענדיג אויף מיר.
און די אלע ווערטער דייגע ווערען בעגלייט מיט אַ קלוגען חנ'עור־דיגען פרויען־שמייכעל. דו זעהסט מיר אוים, ווי אַ יוננע שטאלצע קי־נ־גין, וואס זיצט אויף איהר טראָן און קיניגט, און געוועלטיגט, און משפט.
דאס אלץ איז געווען נאך אין יענעם זומער. און געווען איז דאס שוין דעמאָלט, ווען דו פלעגסט מעהר שוין קיינמאָל נים וועלען מיטפאָהרען באַ־דען זיך ביים ברעג פון ים. פאַרוואס ביזטו פער'עקשנ'ט? פאַרוואס ווילסטו אהין נים פאָהרען מעהר? — — — אַט, האב איך זיך דאַרטען נים לאַנג צוריק געבאָדען. איך האב זיך דאַרטען באַדענדיג בעקאַנט מיט אַ שענער גאָלדענער מיידעל. איך האב נאָכ'ן באַדען געשמאַק געגעסען און גע־טרונקען. און נאָכדעם בין איך ווידער צו צום ברעג. מיין גאָלדען מיידעל האט זיך נאך געבאָדען. איך זעה, זי שטעלט זיך אב. זי דרעהט ארום איהר גאָלדענעם קאפ — זי זוכט מיך. „קום אהער, מיין ליעבע מייד־על! ווער האט דאס דיך געבוירען אזא קלאָרע, אַ גאָלדענע?" נאָר פלוצלונג דערמאָן איך זיך אָן דיר, און דער ברעג מיט דער מיידעל, מיט זיינע טויזענדער אנדערע פרויען און מענער, שווימט מיט אמאָל אוועק

ווייט אונטער מיר. פאַר מיינע אויגען איז דער ים. אויף מיילען און מיי־לען קאַטשען זיך לאַנגע גרויסע כוואַליעס, וואָס שפּריצען מיט שניי און מיט זון. דאָ און דאָרטען פליהען אום ווייסע ים־פויגלען, זעצען זיך אויף די כוואַליעס, פּאַטשען אויף און פליהען ווייטער. איך בין אינגאַנצען זוי פערפרוירען. נאָר וואָרים זענען מיינע אויגען, וואָרים איז מיין האַרץ, און איך ציטער און בעט פאַר דיר, קינד. — אַך, גאָט בעהיט און בעשיץ דיך, קינד!

ס'איז איצטער שפּעט ביינאַכט. איך שטעל מיר פאָר:

עס עפענט זיך שטיל די טיר פון דיין חדר. עס קומט אריין דיין מאַמע מיט א ליכט אין האַנד. זעהן, צי ס'שלאָפט כאָטש היינט איהר קינד. דו האָלסט צונעמאַכט דיינע אויגען — עס זאָל די מאַמע מיינען, אז דו שלאָפסט. זי בויגט זיך איבער דיר: אַך, גאָט! זעה, וואָס זיי האָבען געמאַכט פון מיין קינד! זי דערמאָנט מיין נאָמען, אפשר אויך זיינעם, און שעלט אונז מיט ווייסטע פינסטערע יאָהרען. דו ציטערסט אויף, עפענסט דיינע אויגען! — אַך, מאַמע! מאַמע!

— קינד! — גאָט איז מיט דיר! א ך האָב געמיינט, דו שלאָפסט... איך וועל מעהר נישט שעלטען... איך וויין נישט, ניין! שלאָף איין, מיין קינד. דו דאַרפסט דאָך מאָרגען פריה אויפשטעהן! אַך קינד! גאָט בע־היט און בעשיץ דיך, קינד!

עס איז שפּעט ביינאַכט. אויף מיין טיש שטעהט אויף א קופּערנעם פּיעדעסטאַל אן אומבעצוימטער ווילדער פערד פון קופּער — א מתנה פון א פריינד.

עס זעהט אויס — עס איז געוועזן פאַרנאַכט, ארויף איבער דער ווילדער סטעפּ, ביים ברעג, וואָס גרעניצט זיך מיט'ן הימעל, האָט זיך אין איהר גאַנצער גרויס צעשפּיעלט א גרויסע זון. א שאַרפער בענקען האָט דאַן גענומען רייצען די הייסע בלוטען פון דעם ווילדען, שטאַרקען פערד. ער האָט אויפגעשטעלט די אויערן, ווי עפּים האַרכענדיג, ער האָט אויס־געגלאָצט זיינע אויגען, ווי עפּים זעהענדיג. ער האָט אויסגעצויגען זיין

לענגליכען, רונדען קערפּער, האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז, צעעפענט דאָס מויל און האָט זיך פון טיפען וועה הילכיג־הויך צעשריען. נאָכדעם האָבען זיינע שטאַרקע פיס גענומען בייז און מיט כעס רייסען און שלייּדערן די ערד פון אונטער זיך, און אַט איז ער ווידער געבליבען שטעהן. ביין א הויב געטאָן דעם קאָפּ און גענומען קוקען ווייט פאַר זיך: באַלד רייסט ער זיך מיט פעררדראָס אָב און לאָזט זיך א צערייצטער לויפען איבער דער וויסטער ווייט. ווי ער וואָלט וועלען זיך אָברייסען און אריּבערשווימען די ערד און אריינפליהען מיט אַמאָל ערגיץ ווייט אהין אין דער בלויקייט. א מינוט, א רגע, איידער ער רייסט זיך אָב, האָט איהם עמיצער ווי א לעבעדיגען אין קופער געגאָסען.

עס איז שפּעט ביינאַכט. דאָס ליכט דערברענט. איך קוק זיך אום. דעם פערדס שאָטען איז אין א פאַרגרעסערטער גרויס ארויפגעשוואומען אויפ'ן וואַנט, וואָס אַנטקעגען מיר. א ווײַלע קוק איך דערויף, דערנאָך גיב איך א שמייכעל, הויב זיך אויף און פערלעש דאָס ליכט. דער שיין פון דער לבנה שפּאַרט זיך אריין דורכ'ן פענסטער, אין מיין צימער, שפּינעלט מיר אוים אויפ'ן וואַנט דעם בלומען־טאָפּ מיט די שוין לאַנג פערדאַרטע בלוּ־מען. א ווײַלע קוק איך אויף די אויסגעשאָטענע בלומען — ווי שאַרף זיי זעהען זיך אָן אויפ'ן וואַנט! ווי זיי וואָלטען אויף איהר געוואַקסען. באַלד קעהר איך זיך אָב און געה צו צום פענסטער. דאָס פענסטער קוקט ארויס אויף טויזענדער און טויזענדער טורעמס און דעכער, וואָס שימערן אין בלויקייט און לבנה־שיין.

איך וואָלט וועמען איצט דערצעהלען א מעשה פון איינעם, וואָס האָט געהאַט א גאָלדענע זון — ווי ער האָט זיין זון צו דער ערד געשליידערט, זי אין שטיקער צעבראָכען, איצט געהט ער ארום זיין גאַנצען לעבען און קלייבט, ווי א בעטלער, שטיקלעך זון, — שטיקלעך זון — — — — נאָר ניין. — זילבער־ווייסע שטראַהלען, שטראַהלען פון דער אייביגער מעשה, וואָס שפּרייט זיך הויך און ווייט, אין דער בלויקייט, וואָס איבער אַלע־מען, הענגען אין א רינג הויך איבער מיין קאָפּ. איך זיץ ביים פענס־טער. דו קומסט אריין און זעצסט זיך שטיל און איבערגעגעבען געבען

מיר. לענסט ארו־ף דיין האנד אויף מיין אקסעל, שפּארסט אויך צו דיין קאָפּ. שטיל. דער רינג איבער מיין קאָפּ ווערט גרעסער, ווערט גענוג פאר אונז ביידען. שלאָף איין, מיין קינד. שלאָף איין. זיי רוהיג. — גאָט בע־הים און בעשיץ דיך, קינד.

דאָס גאָלדענע אינגעלע

(אַ קאַפּיטעל פון: „אַמאָל איז געווען אַ נאַר").

זיין האַרץ האָט זיך אַזוי נאַריש און ווילד נעראַנגעלט, און פון מאָל־צו־מאָל פלעגט ער אין זיך דערהערען משוגענע אויסרופען אַז ער פלעגט אויפציטערען פון כעס.

פלוצלונג פלעגט ער אין זיך דערפיהלען אַ בעוועגונג ווי עפּעס וואָס איז הונגעריג און ווילד־צורייצט וואָלט אין איהם מיט אַמאָל אויפגעשפּרונגען און זיך צושר־גען אַזוי מורא'דיג, אַז עס דאַכט זיך אָט־אָט, און עס פּלאַצען איהם די אָדערען אין האַלז:

— איך בין דאָך אַזוי טייוועליש יונג און איהר לייב איז דאָך אַזוי ווי אַ ליכט פאַר די אויגען, אַזוי ווי אַ ליכט פאַר די אויגען!

און אָט דערזעהט ער זיך מיט איהר אין אַ ליכטיג־בעלויכטענעם צימער. אַ האַלב אָפענע טיהר פיהרט אין אַ צווייטען, אַ טונקעלען...

זי איז אין איהר לייכט־נעקעסטעלטען קלייד, וואָס מאַכט זי אַזוי כשופ'דיג־יונג און אַזוי שלאַנגיש־גראַציעז.

זיי ווייסען ביידע, אַז געקומען זענען זיי אַהער צו פערברייננען אַ נאַכט, אַ משוגענע, אַ ווילדע.

דאָס ווייס אפילו די הויט אויף זייערע לייבער...

נאָר איידער זיי שפּאַנען אַריבער אינ'ם טונקעלען צימער כאַפּט ער אָן מיט זיינע ביידע הענט איהר שעהנעם קאָפּ. אָן אויפרעגענדע וואַרעם־קייט פילט מיט אַמאָל אָן זיינע אויגען און נעהמט פון זיי אַרויסשטראַה־לען מיט אַ פייכטען גלאַנץ:

רחל, רחל! צו ווייסטו וואָס מיר געהען דאָ טהאָן? צו ווייסטו

אז עפעם ריינס און אונשולדיגס, עפעם אזוינס, איבער וואָס מיר האָבען אזוי קינדעריש געציטערט, וואָס מיר האָבען אזוי פיעל יאָהרען לאנג גע־היט, וועט זיך איצט מיט אמאָל אָפּרייסען פון אונז און וועט אוועק־פליהען!? רחל, רחל!...

און פּלוצלונג. א ווילדער ריס, א ווילדער כאַפּ, ווי אין איהם וואָלט א ווילדער ליוב, א ווילדער טיגער אויפגעשטאַנען...

און ווי ווארעם, און ווי דין עס איז די הויט פון איהר לייב!

— מיין פריינד! מיין ווארעמער, מיין צארטער פריינד!

„מיין קלאָהרער, מיין ווייסער, מיין לויטערער פריינד!

„מיין רחל! רחל!!

און מיט וויפיעל ליעבע עס דרינגט אריין אין אלע זיינע אָדערען דאָס ווארימע ציהען זיך פון איהר באַזיידיגטען לייב...

„מיין שעהנער, מיין ריינער, מיין ליכטיגער פריינד!

קלוגע מענשען זאָגען, אז דאָס זענען נארישע ליידען. אז די צייט און דאָס לעבען צורייבען אזעלכע זאכען אין שטויב.

„קלוגע מענשען"! ווי גוט זיי ווייסען דאָס פון אלץ, און ווי וואויל עס איז זיי ווייל זיי ווייסען. ער אבער ווייסט, אז ער איז א נאַר. און אז ווען אפילו צייט און לעבען זאָלען דאָס אין שטויב צורייבען, וועט ער זיך געוויס אינ׳ם שטויב באָדען, וועט ער זי געוויס זיך פונ׳ם שטויב פון דאָס ניי בעשאַפען, און ווידער וועט זי פאר איהם שטעהן א ריינע, א שעהנע, און ווידער וועט זיך זיין בלוט אזוי אויפקאָכען. און אויפציטערען וועט דאָס האַרץ און רופען: מיין רחל! רחל!! מיין פריינד! מיין ווארעמער, מיין ווייסער, מיין שטאָלצער פריינד!

און ווי האָט דען אנדערש געקאָנט זיין?

זי איז דאָך ניט קיין פשוט׳ע מיידעל, וואָס קאָן זיך פערליעבען גע־זונט און שטארק, זי איז דאָך א מיידעל וואָס ווייסט אז דאָס לעבען איז ניט קיין מעשה... אמת, די ביכער און דער עולם צווישען וועלכען זי האָט זיך געדרעהט, האָבען זי געמאַכט אביסעל אונבעהאָלפען, וואַקלענדיג,

איהר האָט זיך געגומען וועלען עס זאָל זיין אַזוי און ניט אַזוי... און פאַר וואָס טאַקע ניט אַזוי?... פאַר וואָס אָבער יאָ אַזוי?...

ליעבע, פערשטעהט זיך, איז זעהר אַ גוטע זאַך, און זיינע פייער־דינע בליקען, און זיינע הייסע קושען, און זיינע ליידענשאַפטליכע אַרומ־נעהמונגען, דאָס איז דאָך טאַקע אַזוי געזונט און גוט. ער פערמאָגט דאָך אין זיך אַזוי פיעל ליעבע. נעבען איהם ציטערט זי דאָך טאַקע אַזוי אַפּט אויף און ווערט אַזוי אַפּט רויט... און דערצו טאַקע — פאַרט אַ"אַ בחור!... אָבער ווער ווייס צי פון איהם ווערט נאָך עפּעס ווערען?... ווער קען ווי־סען?... אפשר יאָ, און אפשר ניט. און טאָמער טאַקע ניט?... און דאָ מאַכט זיך איהר אַזאַ פאַסענדער מענש... און פונקט דאַן פאַלט איהם נאָך נאָר איין אויפצוגעבען דעם אוניווערסיטעט!...

ווי דערשראָקען און ווי בלאַס זי איז דאָס פונדעסטוועגען געוואָרען ווען זי האָט דערהערט, אַז ער האָט טאַקע פערלאָזען דעם אוניווערסי־טעט.

אָבער שמעון!... וואָס הייסט!? — פרעגט זי איהם איבער ווי אַן אונטערגעשאָסענע.

ער ענטפערט ניט. קוקט זי בלויז אָן מיט אַ פערשטייכעלטען ערענסט. זי זעהט דאָס שלעכט און רעדט זיך ווייטער, ווערענדיג אַלץ בלאַסער, אויפגערעגטער.

— וואָס הייסט איהר פערלאָזט אַ־צט דעם אוניווערסיטעט!?... עס איז דאָך שוין אייער לעצטער טערמין, איהר האָט דאָך סך הכל בלויז נאָך עטליכע וואָכען... ווי פאַלט דאָס אייך נאָר איין?... פּטר'ן אַן אַר־בייט פון יאָהרען מיט איין — — —

און פּלוצלונג בלייבט זי שטעהן, קוקט איהם אָן... און ווערט מיט אַמאָל רויט... און אָט שפּרינגט זי אויף:

— כאַ־כאַ! אייך, אַפּנים, דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז דאָס לעבען איז אַ מעשה... און דערביי האָט זיך איהר פּינור אַזוי שלאַנגיש אַ ציה־געטהאָן, ווי זי וואָלט אינגאַנצען געווען פון שלאַנגען־רינגען.

ער בענעגענט זיך מיט איהרע בליקען און זאָגט שמייכלענדיג:

— נעהמט ניט פאַר אומגוט מיין שמייכעל, דאָס איז איבער אַ פּוס־

מער נארישקייט :—א קלוגער האָט מיר אמאָל געזאָגט אז ניין־און־ניינציג פּראָצענט פון אונזערע היינטיגע מיידלעך קענען ווערען ווייבער פון, כמעט, יעדען מאן, — נו, שמייכעלט זיך מיר...

זי האָט אויפגעציטערט און איז באלד דערויף, שמייכלענדיג, ווידער רויט געוואָרען, זיך נאָך שלאנגישער און שטאָלצער א בויגינגען ציה געטהאָן, איהם אָנגעקוקט א ווייילע און שמייכלענדיג, שטאָלץ פערלאָזט דאָס צימער.

נאָך דעם האָט ער א לאנגע צייט געלאכט פון זיך אליין :

אָט האָסטו דיר, דו נארישער בחור ! אזוי פיעל יאהרען געוואָרט און געביינקט, געציטערט און געהאָפט און געגלויבט, אז דאָס איז די געשטאָלט, אז דאָס איז דער חלום פון דיין יוגענד, און איצט איז פון דיין איין ריהר אלץ צושאָטען געוואָרען. ניטאָ... גאָר ניט... כאָ־כאָ ! און וואָס איז מיט דיר, דו נארעש הארץ ?... עס איז דאָך שוין מעהר גאָר ניטאָ ! ?

דאָס הארץ אבער האָט זיך צעוואָרעמט מיט עפּעס א מין פּארביסענער, צוגליהטער ביטערקייט, און די ביטערקייט האָט גענומען שטראָמען אין אלע אָדערען.

— ס'אָרא נארעש הארץ, ס'אָרא נארעש הארץ !

און אזוי האָבען גענומען געהן טעג נאָך טעג.

עס טרעפט — ער איז, דאכט זיך ,פערנומען מיט דער אָדער יענער ארבייט, צו מיט דעם אָדער יענעם מענשען, פּלוצלונג אבער דערפיהלט ער — דאָס הארץ ברענט, ווי עס וואָלט געווען אָנגעפילהט מיט צוגליהטע קויהלען און אָט ווערט דאָס מיט אמאָל פערפרווירען און נעהמט אזוי שטעכעדיג פרעסען, ווי עס וואָלט א שארפע שטיק אייז געווען... אָדער עס צונעהט און ווערט גאָר איינגאנצען צושוואומען. א לייננערע צייט איז גאָר ניטאָ קיין הארץ... און אָט זוכט זיך דאָס ווידער אָפּ... ער וואָלט ארויסגענומען דאָס הארץ און וואָלט דאָס אוועקגעגעבען דער קאַץ, די קאַץ וואָלט דאָס געפרעסען און ער וואָלט דערביי געשמייכעלט :

— זאָל זי דיך פרעסען, זאָל זי דיך פרעסען !

און אלס צונויף צו די טעג, האָבען גענומען נעהן בייזע שלאָפלאָזע נעכט!

נאכט נאָך נאכט ליעגט ער דורך אין בעט מיט פערמאכטע אויגען, ווי א פער'חלום'טער, א פערוועבטער אין עפּעס א גערידכטער גאָלדענער נעץ, די נעץ וועבט זיך ארוים, ווי א גאָלדענער שפּינוועב, פון די ווענט, פון דער סטעליע און דערגרייכט ביז איהם. און ער ליגט געדאנקענלאָז, ווילענלאָז. זיינע געדאנקען און זיין ווילען האָבען זיך פערפלאָנטערט אין דער גערידכטער גאָלדענער נעץ. און ער קאן אפילו מיט קיין האנט נים קיין ריהר טהאָן, און קאָן אפילו קיין אויג נים עפענען... און די נעץ צוגליהט זיך נאָך אזוי, אז עס טריקענט דאָס בלוט, עס טריקענט זיך דער מארך אין די ביינער.

און אזוי נאכט נאָך נאכט.

און עס טרעפט, אז ווען ער קומט אין אבענד אה״ים און דערזעהט די בעט דערשרעקט ער זיך פאר איהר... און ער לויפט א צורייצטער ארויס אין גאס.

— אָבער וואוהין?

— און פאר וואָס?

— און צו וועמען?

— כא־כא!

און די גאס איז ברייט און לאנג און איז פול פערפלעקט מיט מענשען...

און פאר וואָס האָט ער ביים ארויסגעהן אזא שטארקען קלאפּ געטהאָן מיט דער טיהר?...

מיט אמאָל אָבער האָט זיך אין איהם אלעס געענדערט!

ער א״ז רוהיג און נעלייטערט געוואָרען.

גראד דעמאָלט, ווען ער האָט שוין פערשטאַנען אז אלעס איז שוין פערלאָרען, איז זי ווי דורך א כשוף צו איהם געקומען, איז זי ווי דורך א כשוף מיט איין מאָל און פאר אלע מאָל זיינע געוואָרען...

אט נעהמט ער צו צום שפּיגעל, קוקט אין איהם אריין און דערזעהט אין שפּיגעל איהרע אויגען!

— נאַט מיינער! — דאָס זענען דאָך טאקע רחל'ס אויגען. לענגליכע קלאָהרע ווייסלען, פון וועלכע עס פּרעסען זיך שאַרף אַרויס צוויי שפּי־לעוודיגע, טונקעל־ברוינע ווינשעל, מיט טיפע שוואַרצע אַפּלען!...

און ער קוקט אויף די אויגען, קוקט און וואונדערט זיך — ווי שטאַרק איהרע אויגען קוקען דאָס אַרויס פון זיינע...

און ער דערזעהט און דערפיהלט זי אין זיך, זי קוקט דאָס איצט אַרויס פון איהם..

און ביי דער נאַכט אויף זיין געלעגער, ער שלאָפט נאָך ניט. פּלוצ־לונג נים זיך אין איהם עפּעס מיט אַמאָל אַ שלאַנקען, אַ ווילדען ריס. דאָס האָט זי זיך אין איהם אַזאַ ציה געטהאָן, ער איז דאָס בלויז אַ מין געוועב אין וועלכען זי האָט זיך אריינגעוועבט און אָט האָט זי זיך איינ־געוואַרעמט אין איהר געוועב און זיך מיט אַמאָל אַ ציה געטהאָן, ווי איהר וואָלט זיך וועלען גרעסער ווערען, ווי איהר וואָלט זיך וועלען בע־סער דערפיהלען דאָס געוועב אַרום זיך.

נאָר איין מאָל אין אָוונד, אויפ'ן פּייער פון דער לאָמפּ זיינען שוין אַ סך שעה'ן פערברענט געוואָרען. קוקט ער זיך אום — — — — — און דערפיהלט אויף זיך בלויז, זיין אייגען ליב, זיינע אייגענע ביינער — ער איז מיעד, צובראָכען. יאָ דאָס איז דערפאַר וואָס ער איז מיעד, צו־בראָכען.

ער הויבט זיך אויף, גיט אַ קנייטש מיט די אַקסלען:

— איך בין קראַנק? צי דער טייוועל ווייסט וואָס מיט מיר איז!?

ער פערלעשט די לאָמפּ און לאָזט זיך צום בעט „אָהן איהר"...

ווי נאָר ער לייגט זיך אריין אין בעט און מאַכט צו די אויגען, בע־ווייזט זיך פאַר איהם אַ קליין, שמייכלענדיג אינגעלע — — — — — —

אַרום איז פּינסטער, נאָר דאָס אינגעלע פּרעסט זיך אַרויס פון דער פינסטערגיש קלאָהר און לויטער און שמייכעלט און רייסט מיט איין הענטעל דעם עק פון אַ קלאָהר ווייסען ליילאַך, וואָס עס האָט פון קאַפּריז און פון חן וועגען אריינגענומען אין מויל אריין, און דאָס צווייטע הענ־טעל טראָגט עס צו זיינע ליפּען און קוקט דערביי צו איהם אַזוי קינ־

דערש־קלונג און שמייכעלט מיט אזוי פיעל גליק, אז ער ווערט גלייך פערנומען און נעהמט באלד שמייכלען מיט׳ן אינגעל׳ס ליעבען גליקליכען שמייכעל.

אזוי שמייכעלט ער לאנג, ניט צועפענענדיג די אויגען און אין זיין שמייכעל פערנעהמט דאָס אינגעלע און ווערט באלד ווידער געבוירען:

— אינגעלע, אינגעלע! ווער איז דיין טאַטע? און ווער איז דיין מאמע?

און דאָס אינגעלע לאכט אלץ, און שטיפט — אַט פערשווינדט דאָס און אַט קומט דאָס באלד ווידער ארויס פון דער פינסטערנים זיך אלץ שפיעלענדיג מיט איהם און מיט׳ן כישופ׳דיגען ווייסען ליילאך — — —

און ער שמייכעלט און שמייכעלט צום קינד און זיין הארץ ציטערט אלע מאָל אויף און פרעגט:

— אינגעלע, אינגעלע! ווער איז דיין טאַטע? און ווער איז דיין מאמע? — — —

און אזוי שלאָפט ער איין שמייכלענדיג.

און גאנץ פריה, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, איז, ווי נאָר ער עפֿנט אויף די אויגען דערזעהט ער. — רחל געהט צו איהם.

ער צושמייכעלט זיך איהר אנטקעגען און זי האלט קלוג און שטאָלץ איין איהר שמייכעל — — —

עפּעס איז זי נאָר אי שעהנער, אי ליעבער געוואָרען.

זי איז אין איהר לייכט־געקעסטעלטען קלייד. און איהרע יונגענדליכע, מיידעלשע פאָרמען פרעסען זיך ארויס כישופ׳דיגער, רונדער און שלאנ־קער. און עפּעס אזא נעזונד־צארטע מאָרגען־פרישקייט טראָגט זי מיט זיך, ווי זי וואָלט זיך דאָס ביז איצט אין טהוי געבאָדען — — — — — און דער שמייכעל, וועלכען זי פּרואווט זיך איינהאלטען קוקט ארויס פון איהרע שעהנע אויגען, גליטשט זיך אזוי קלוג ארויס פון איהר יעדער בעוועגונג, פון יעדען פאַלד, פון יעדען קעסטעל פון איהר געפּאַסטען קלייד.

צי דאַרף ער נאָר פרעגען אויב זי קען ליעב האָבען? און צי זי האָט

איהם ליעב? אז ער זעהט דאָך, ווי אַט געהט זי צו איהם און מיט אזוי פיעל געזונטער, פרישער ליעבע.

— מיין פריינד! מיין ליעבער, מיין ליכטיגער פריינד! הערסט? — און עס נעהמט זיך פלאָנטערען:

ערגעץ צוויעשן טייכען ביי א טייך האָבען געוואוינט א טאַטע מיט א מאמע און זיי האָבען געהאַט איין איינציג קינד — א קליין אינגעלע.

איין מאָל איז דאָס אינגעלע צוגעגאנגען צום טייך און דערזעהן ווי אינ'ם וואסער שפּאציערט זיך אום א גאָלדען אינגעלע.

— אינגעלע, אינגעלע! האָט ער אויסגעשריען און מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך זיך א לאָז געטהאָן צו דעם גאָלדען אינגעלע.

גוטע מענשען האָבען דערזעהען, ווי דאָס קינד איז אריינגעפאלען אין וואסער, האָבען זיי דאָס ארויסגעראטעוועט און געבראכט צוריק צו זיין טאַטען צו זיין מאמען.

דאָס קינד איז עטליכע טעג געלעגען קראנק און נאָך דעם, ווען ער איז צוריק געזונט געוואָרען, האָט דאָס איהם ווידער גענומען ציהען צום טייך: — ער וויל צום גאָלדען אינגעלע — — —

טאַטע־מאמע האָבען א קוק געטהאָן, אז ס'איז שלעכט, האָבען זיי זיך דערשראָקען און האָבען פארלאָזט די שטאָדט מיט די טייכען און האָבען זיך בעזעצט אין א שטאָדט וואו עס איז ניטאָ קיין טייכען.

און דאָס קינד איז דאָרט געוואקסען מיט א שטענדיג בייגקען נאָכ'ן גאָלדענעם אינגעלע.

ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער פערלאָזען טאַטע־מאמע און זיך געלאָזט אויף דער וועלט זוכען דאָס גאָלדען אינגעלע.

לאַנג האָט ער געוואנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד, געזוכט און געזוכט און אלץ ניט געקאָנט געפינען דאָס גאָלדען אינגעלע.

איין מאָל בעגעגענט ער א קלוגען אלטען.

— קלוגער אלטער! אמאָל, איך בין נאָך געווען א קינד, בין איך צוגעגאנגען צום ברעג פון א טייך, די זון האָט זיך נאָר וואָס אויפגעהויבען איבער'ן וואסער און איך האָב דערזעהן ווי אין'ם וואסער געהט

אום א גאָלדען אינגעלע, איך האָב זיך געלאָזט צו דעם. אבער מען האָט מיך געכאַפּט אויפ'ן מיטען. און פון דאַן אָן זוך איך און זוך און קאָן ניט געפינען דאָס גאָלדענע אינגעלע — קלוגער אלטער! קאָנסטו מיר זאָגען, ווי איך קאָן ווידער זעהן דאָס גאָלדען אינגעלע?

דער קלוגער אלטער האָט אויפגעהויבען זיינע לאַנגע גרויע ברעמען און בעטראַכט דעם מאָדנעם יונגען מאַן, מיט די ביסטרע שווארצע אויגען — — — — —

— קינד איינס — זאָגט דער אלטער — וואָס האָסטו זיך איינגערעדט?! — דו ביזט דאָך שוין א דערוואַקסענער מענש, ווייסטו דען ניט אַז אזוינע זאַכען, זיינען בלויז איינגערעדטע, אויסגעטראַכטע?

— קלוגער אלטער! דו הערסט דאָך אַז דאָס איז ניט איינגערעדט, ניט אויסגעטראַכט, דו הערסט דאָך, אַז איך האָב דאָס א ל י י ן ג ע ז ע ה ן, איך שווער דיר, איך שווער אַז איך האָב דאָס אליין געזעהן!

דאַ האָט דער אלטער פון דאָס ניי אויפגעצויגען די לאַנגע, גרויע ברעמען פון איבער זיינע אויגען און זיך לאַנג און גוט איינגעקוקט אין דעם יונגען מאַן — — — — — און נאָך דעם זאָגט ער צו איהם:

— וואויל מיין קינד! — איך האָב פאַר דיר א גוטע עצה. — דו ביזט נאָך יונג און שטאַרק און די וועלט איז ברייט און גרויס, לאָז זיך אריין אין איהר, ווער רייך, זאמעל אָן א סך גאָלד און זילבער, דיאמאַנטען און טייערע שטיינער. נאָך דעם ווערסטו זיך ווענדען צו א גוטען גאָלדגיסער, וועט ער דיר פון דיינע אוצרות מאַכען דאָס גאָלדענע אינגעלע.

האָט ער געפאָלגט דעם אלטען, און האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דער ברייטער, גרויסער וועלט און זיך גענומען פלייסיג ארבייטען, האַנדלען, וואַנדלען.

אזוי זיינען אוועק יאָהרען, און יאָהרען נאָך יאָהרען, ביז ער האָט מיט שווערער מיה אָנגעזאַמעלט גרויסע רייכע אוצרות.

נאָך דעם האָט ער זיך אויסגעזוכט עבען דעם בעסטען גאָלד־שמיד פון דער וועלט און יענער האָט פאַר איהם געמאַכט א וואונדערליך שעהן בילד פון טייערע בלויע שטיינער. אין מיטען פון דעם בילד האָט זיך

ארויסגעפּרעסט א כישוף׳דיג שיינענדיגע זון, געמאכט פון די שעהנסטע דיאמאנטען, וואס די וועלט פערמאגט. און אונטען און אין מיטען זיי־נען די שטראהלען פון דער זון זיך עפּעס אזוי מאָדנע צונויפגעקומען און זיך איבערגעפלאָנטערט מיט קווייטען פון צופלאָסענעם גאָלד און זיל־בער און מיט קווייטען פון פערשיעדענע פארביגע, טייערע שטיינער, אז עס האָט אויסגעזעהען ווי פון צווישען די פאָלירטע בלויע שטיינער, שפּארט זיך ארויס א גליקליך שיינענדיג אינגעלע.

לאנג האָט ער געוואָרט ביז דאָס אינגעלע וועט פארטיג ווערען.

און ווען עס איז פארטיג געוואָרען האָט מען דאָס אָהן זיין וויסען נעבראכט אין דעם צוגעגרייטען צימער.

אין ציי־ער איז געווען לייידג און האלב טונקעל.

און פון דער דונקעלהייט האָט זיך דאָס בלויע בילד, מיט׳ן דיא־מאנטענעם איננעלע ארויסגעפּרעסט ווי פון אונטער א פערכישופ׳טען שלייער.

און אָט האָט מען איהם דערלאנגט דעם שליסעל און מען האָט איהם אנגעזאָגט, אז עס איז שוין פארטיג, אז דאָס גאָלדענע אינגעלע, וואַרט שוין אויף איהם אין יענעם צימער.

מיט א ציטערדיגער האנט האָט ער גענומען דעם שליסעל און מיט א שטארק קלאַפּענדיג הארץ האָט ער זיך געלאָזט צום צימער, און ווען ער האָט אריינגעליינט דעם שליסעל אין שלאָס פון טיהר, האָט איהם אין הארצען גענומען שלאָגען ווי מיט שווערע האמערס. — אָט־אָט! און ער וועט זעהן דאָס גאָלדען אינגעלע. אלעס אין איהם איז מיט אמאָל אי ליעבער, אי פרישער געוואָרען. — ווייל עפּעס א קליינ׳גקייט! — נאָך אזוי פיעל יאָהרען פון שווערען בייגקען, פון מיה און פון פיין — — — טרערען האָבען אויפגעגלאנצט אין זיינע אויגען, די הענט האָבען זיך איהם גענומען נאָך ציטערדיגער טרייסלען.

אבער אז ער האָט געעפענט די טיהר, איז ווי נאָר ער האָט אריבער־געשפּאנט די שוועל און דערזעהן דאָס בילד, איז ער ווי פערשטיינערט געוואָרען — — — !

א לענגערע צייט איז ער אזוי געשטאַנען א פערשטיינערטער און מיט ווילדע, צושראָקענע בליקען געשטאַכען דאָס פרעמדע אינגעלע וואָס האָט זיך צו איהם ארויסגעפרעסט פון דער דונקעלהייט. נאָך דעם האָט ער א שרעקליכען שמייכעל געטהאַן — — — און אזוי שמייכלענדיג איז ער צוגעגאַנגען צום בילד און האָט אויפגעהויבען זיין האנד און מיט זיין פויסט דערלאַנגט אזא בייזען קלאַפּ אינ׳ם אינגעלע, אז דאָס גאנצע בילד איז אין שטיקלעך צופלויגען. — — — — — — — — — — — — —

לאנג האָט ער נאָך דעם געוואַנדערט איינער אליין, א פערביטערטער, ביז איין מאָל האָט ער צווישען ווייטע וועגען, ביי א וועג דערזעהן א בלינדען בעטלער.

איז א הם איינגעפאלען זיך ווענדען צו אַט דעם בלינדען.

האָט איהם דער בלינדער בעטלער אויסגעהערט און האָט צו איהם געזאָגט:

זיי וויסען, אז די וועלט איז פול מיט וויסטע טעג און שווארצע נעכט, האָט נאָט דערפאר געגעבען די זון מיט איהר גאָלד און די לבנה מיט איהר זילבער.

און מענשען ווילען ווייט ניט געהן, בעגעגענט זיי דער קלוגער אלטער. ער איז קלוג און ער מיינט יעדענס טובה, און ער האָט אויך דיין טובה געמיינט.

אויף דער וועלט זיינען אבער פאראנען זאכען, וואָס קלוגע און זעהענדיגע ווייסען נים, און קינדער און בלינדע ווייסען יאָ...

און נאָכדעם האָט דער בעטלער איהם געזאָגט, אז ער זאָל געהען צו דעם טייך וואָס אין יענעם און יענעם לאנד. — דאָס איז דאָס לאנד פון אלע לענדער. די וואסער צוגיסט זיך און צושפרייט זיך פון דארט איבער דער גאנצער וועלט, דאָרטען זאָל ער געהן ביים ברעג אזוי לאנג און אזוי ווייט ביז ער וועט קומען צו א פּלאַץ וואו פון שאָף ווערען לייבען און פון לייבען ווידער שאָף.

דאָרטען זאָל ער אויפזוכען יענעם און יענעם שטיין.

נעבען שטיין וועט איהם שוין געגעבען ווערען דער ריכטיגער סימן.

און נאָך דעם, איז ווי נאָר די זון וועט אויפגעהן אין איין עק הי־מעל, וואָס איבער׳ן וואַסער, זאָל ער אַרויפקריכען אויפ׳ן שטיין און זאָל זיך אײַנעסען מיט זײַנע אויגען אין דער זון און ער זאָל פון איהר ניט אַראָפנעהמען די אויגען ביז פאַר נאַכט.

און ערשט דאַן ווען די זון וועט זיך אין דיר אויף אַזוי מיעל און אַזוי שטאַרק אַרײַנשפּיעגלען, וועסטו פאַר זיך דערזעהן דײַן גאָלדען אינגעלע.

— געדיינק אבער, מײַן פרײַנד—זאָגט צו איהם ווידער דער בלינדער— געדיינק אַז דער וועג איז זעהר און זעהר א שווערער. א סך ווערען גלייך מיעד און קערען זיך אום, א סך געהען און געהען ביז זיי הערען אויף צו גלויבען אַז מען קאָן גאָר אַהין ווען קומען — — — גיעבען זיי א מאַך מיט דער האַנט און לאָזען זיך צוריק, און געדיינק אויך, אַז צו קוקען אין דער זון איז שווער, איז זעהר, זעהר שווער.

אבער דער זוכער פון גאָלדען אינגעלע ענטפערט:

— האָב ניט קיין מורא, דו גוטער בלינדער! און פאַר דײַן קלוגער עצה זײַ געבענשט, זײַ מיר טויזענד מאָל געבענשט! גיעב מיר דײַן האַנד, און גיעב מיר דײַן ברכה.

וואָרעם האָט איהם דער בלינדער זײַן האַנד געגעבען און איהם וואָ־רעם געבענשט, און איהם נאָך עטליכע טריט בעגלייט, ביז זיי זײַנען צוגעקומען צו א פּלאַץ וואו די וועגען שיידען זיך, האָבען זיי זיך געזעגענט און האָבען זיך צושיידט.

לאַנג האָט ער נאָך דעם געוואַנדערט ביז ער האָט אויפגעזוכט דאָס לאַנד; לאַנג איז ער נאָך דעם געגאַנגען ביי דעם ברעג פון דעם אונ־ענדליך גרויסען וואַסער — טאָג איין, טאָג אויס.

א סך ווייסע שיפען האָט ער געזעהען דורכשווימען איבער׳ן וואַסער אַרויף און אַראָב און דאָס וואַסער איז אַזוי גרויס, אַז די גרעסטע שיפען זעהען קוים אויס די גרויס ווי גענז — — — —

און דער ברעג האָט זיך פאַר איהם אַלץ געצויגען ווילד און וו״סט, אָהן א אָנהויב, אָהן א סוף.

ב ז איינמאָל איז ער צוגעקומען צו א פּלאַץ, וואו דערנער און שפּי־

צינע שטיינער האָבען גענומען בייז שטעכען זיינע הענד און פיס. און שלעכטע צווייגען האָבען גענומען שטעכען און רייסען זיין פּנים, זיין לייב.

ער אָבער האָט ניט אויפגעהערט צו גען אלץ ווייטער און ווייטער.

און ווען ער האָט פאַר זיך געפונען א ליידיגען פּלאַץ, איז שוין גע־ווען נאכט.

די לבנה איז שוין לאנג אומגעשוואומען א־בער'ן וואסער, א יונגע, א ציטערדיג־פרישע.

ער האָט זיך צוגעזעצט און א מיעדער גענומען קוקען פאַר זיך אי־בער'ן ברייטען, ווייטען וואסער, אויף דער לבנה, וואָס האָט פּונקט אנט־קעגען איהם ארויסגעקוקט פונ'ם וואסער.

אין א ווייל ארום האָבען זיך ביי איהם צוגעמאכט די אויגען.

אָבער מיט פערמאכטע אויגען זעהט ער נאָך אלץ די לבנה, דאָס וואסער — — — די לבנה נעהמט ווערען גרעסער און גרעסער — — און אָט בעווייזען זיך איבער איהר צוויי שטראַהלענדיגע הערנער... און עס ווערט פון דער לבנה א הויכע, א שטאַרקע געשטאַלט. — — — — — —

די צוויי צושטראַהלטע הערנער שפּאַרען זיך ארויס פון דער גע־שטאַלטס שטערען.

די געשטאַלט איז אין גאנצען פון לבנה־זילבער און א שטיל פערשטערענטער הימעל איז זיין קלייד. און א הויכער שטעקען איז אין זיין האַנד.

א גרויס און ברייט צואוואקסענע באָרד, און עפּעס אזעלכע צוויי ווילד־צואוואקסענע ברעמען, וואָס כאַטש זיי זיינען גרויס, פערדעקען זיי דאָך ניט די אויגען.

און די אויגען קוקען ארויס אזוי מורא'דיג גרויס און אזוי אונענד־ליך ווייט.

דאָס וואסער איז קלאָהר און די ריעזיגע לבנה־געשטאַלט מיט די צושטראַהלטע הערנער, זעהט זיך ארויס לויטער און שטאַרק.

וויט אינ'ם וואסער אונטער די כמעט באָרוועסע פיס פון דער גע־שטאַלט שפּרייט זיך א ווייס פעלד.

אויפ׳ן ווייסען פעלד, פאשען זיך ווייסע שאף.

און אט פאלט דער בליק פון דער געשטאלט אויף די שאף און ווי דורך א כישוף ווערט פון זיי ווייסע לייבען — — — און אנדער בליק און פון די לייבען ווערען צוריק שאף...

און דער זוכער פון גאלדענעם אינגעלע האט פערשטאנען אז דאס זעהט ער דעם ריכטיגען סימן... און ווי נאר ער האט געעפענט די אויגען האט ער פאר זיך טאקע גלייך דערזעהן דעם שטיין.

טרערען פון פרייד און גליק האבען זיך אין זיינע אויגען געוויזען.

און גאנץ פריה, ווי נאר די זון איז אויפגעגאנגען איבער׳ן ווייטען וואסער, איז ער ארויף אויף דעם פער׳כשופ׳טען שטיין און מיט א וויל־דער ליידענשאפט זיך איינגעגעסען אין איהר מיט זיינע בליקען.

די זון האט זיך צוגליהט, זיך צוברענט אלץ פלאמיגער און הייסער. ער אבער האט אין איהר אלץ געקוקט און געקוקט...

און אזוי דעם גאנצען טאג, ביז פארנאכט, ביז — — — ביז די אויגען זיינען איהם אויסגערונען — — —

ער איז בלינד געווארען.

נאך אזוי פיעל יאהרען פון מיה, פון האפען און שטרעבען צו זעהען דאס גאלדענע אינגעלע, האט ער נאר אינגאנצען פערלארען די מעגליכ־קייט צו זעהן. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אבער לאנג האט זיין פערצווייפלונג ניט אנגעהאלטען, ווייל א מינוט, א רגע נאך דעם ווי ער איז בלינד געווארען, האט ער דערזעהן ווי אינ׳ם וואסער געהט צו איהם דאס גאלדענע אינגעלע, זיין גאלדען אינגעלע! — עס געהט צו איהם! דאס וואסער — זעהט ער — קנייטשט זיך עטוואס א־בער׳ן אינגעלס גאלד־געלאקטען קאפ, און איבער׳ן וואסער בלייבט נאך איהם א לאנגער פאס פון ווייכע, גאלדענע רינגען. — — —

בלינדער! אז דו ביזט בלינד, צי איז דאס אמת, אז דו זעהסט דאס גאלדענע אינגעלע? — — — — — —

אבער, צי דארף מען איהם נאר פרעגען אזא שאלה? — אז אט זעהט ער דאך פארט דאס גאלדענע אינגעלע, אט געהט דאס אינ׳ם וואַ־סער, אט קומט דאס צום ברעג...

און דאָס אינגעלע איז טאַקע געקומען צום ברעג און איז אַרויף אויף דער טרוקעניש און זיך גענומען קלעטערן אויף שטיין, און איז אַרויף צו איהם.

— אינגעלע! מיין גאָלדען אינגעלע!

יאָהרען פליהען.

יאָהרען שפּרינגען ווי פערשייטע קינדער.

רחל איז א גוטע, איבערגעגעבענע פרוי צו איהר מאַן. נאָר ווען ניט ווען דערמאָנט זי זיך ווי אין א מעשה, אז אמאָל איז געווען א נאַר, א בחור וואָס האָט זיך אין איהר פערליעבט.

זוי שעהן דער נאַר האָט דאָס געקאָנט ליעבען! — — — — — —

ער האָט זי בעהאַנגען מיט אַלע גוטע מעלות נאָר וועלכע ער האָט שטענדיג געביינקט.

און טאַקע נאָר אַנדערש האָט זי דעמאָלט אויסגעזעהן.. באַלד אָבער צולאַכט זי זיך:

— כא, כא! סאַרא נאַר ער איז געווען. — דאָס לעבען איז דאָך ניט קיין מעשה, דאָס לעבען איז ניט קיין מעשה!

עס טרעפט אויך, אז שמעון'ס בליקען צושפּאַלטען איהר דעם שלאָף אין מיטען דער נאַכט.

אמאָל נעהמט זי איבער דעם פון שלאָף שמייכלען, און אמאָל כאַפּט זי זיך איבער דעם אויף פון שלאָף א צושראָקענע — — — — — —

דאַן ליגט זי אזוי א לענגערע ווייל און קוקט פאַר זיך אין דער פינס־טערניש מיט צושראָקענע אויגען. נאָר באַלד כאַפּט זי זיך... און נעהמט לאַכען:

— וואָסערע נאַרישע געדאַנקען א'הר קריכען דאָס אין קאָפּ. און אויב איהר מאַן איז נעבען איהר, נעהמט זי זיך שמייכלענדיג פּרעסען צו איהם — — —

אמאָל פאַלט איהר אויף איין אויפצוזוכען איהר לייכט געקעס־מעלט קלייד, דאָס קלייד אויף וועמעס קעסטעלעך שמעון'ס בליקען פלע־גען זיך אזוי רייך צושפּיעלען. —

זי טהוט אָן דאָס קלייד און געהט צו צום שפּיגעל מיט דעם חשק צו דערקאָנען אין זיך נאָך י ע נ ע רחל — — — באַלד אָבער צושמייכעלט זי זיך אויף פון דעם נאַרעשען איינפאַל.

צוויי רחל'ס — טראַכט זי, — עס זיינען געוואָרען צוויי רחל'ס. און איינע פון זיי שטעהט איצט ביים שפּיגעל און שמייכעלט...

— רבונו של עולם! צ י א י ז ד ע ן ד אַ ס ל ע ב ע ן אַ מ ע ש ה?...

פאַרנאַכט.

שמעון'ס האָרץ איז ברייט און אָפען. —

גרויסע ברוינליך־גרויע, ווייטע פעלדער שפּרייטען זיך פון הימעל צו הימעל.

ער זיצט אויף אַן אָפּגעבראָכענעם שטיין.

און כאָטש ער האַלט זיין קאָפּ און זיינע אויגען עטוואָס אַראָפּגעלאָזען צו זיינע קניען, זעהט ער פאַר זיך דאָך די גאַנצע ברייט און ווייט. און די זון וואָס קאָטשעט זיך דאָרט אַראָפּ צום ברעג.

שטילע פאַנראַכטיגע קלאַנגען ווינען זיך איבער דער ווייטקייט. דרעמלען איין און וועקען זיך — — — — —

מידע קלאַנגען. קלאַנגען פון אונענדליכער גוטסקייט, פון אונענדליכער נאָהענטקייט און ווייטקייט.

און ערגעץ אַרויף, אויפ'ן ברעג פון הימעל בעווייזט זיך דער בלינדער מיט זיין גאָלדען אינגעלע.

— אינגעלע, אינגעלע! ווער איז דיין טאַטע? און ווער איז דיין מאַמע? — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס רעגענט

(אַ מעשה און נאָך אַ מעשה).

— וואָס איז מיט אייך, בינעם?

בינעם שווייגט.

— צו וועלכען טייוועל! און אז עס רעגענט אין דרויסען, דאַרף מען שוין זיין אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט?

— נאַרישקייטען!

— וואָס נאַרישקייט? — פּרוּאווט זיך קאַפּלאַן אַלץ אַריינצוציהען בינעמען אין א געשפּרעך. —

שוין באַלד צוויי טעג, אז בינעם, מיט וועלכען ער אַרבייט ביי איין טיש, שטעהט אַלץ אַן אַנגעבּרוּגז'טער. און דערצו האָט זיך דער הערבסט טאַקע שוין אַריינגעגעסען אין די ביינער. — כאַפּסט א קוק דורכ'ן פענס־טער — רעגנען אָדער ניט רעגנען, נאָר עפּעס אַזוי, א גרויער, שווערער דרויסען הענגט נערוועז איבער דעכער, דעכער און דעכער. און דאָס איז די וועלט! פוי, צום טייפעל! בינעם!!

— נו!?

— נאָמיר עפּעס זינגען!

— גוט; הויבּט אָן.

— אַבער איהר רעדט דאָך ווי א נעכטינער, פונקט ווי איהר וואָלט אין גאַנצען געווען אַן אויסגעלײדיגטער — — — אויף מיין וואָרט.

— איז וואָס ווילט איהר האָבען? — הויבּט שוין בינעם אויף זיין קאָפּ מיט א נעצוואָונגענעם שמייכעל אויף די ליפּען.

— נו, אדרבה, דערצעהלט, וועגען וואָס טראַכט איהר, — מאָהנט קאַפּלאַן, — איהר טראַכט דאָך עפּעס. ס'איז אינטערעסאַנט, אויף מיין וואָרט. איהר דערמאָנט זיך דאָך מן הסתם אָן עפּעס; אַז ס'איז אַזוי אין

דרויסען, און מען שווייגט, איז מן הסתם דערמאָנט מען זיך אָן עפּעס.
— וואָס איז מיט איך, מיין פריינד? איהר האָט זיך דערמאָנט אָן עפּעס און ווילט דאָס דערצעהלען, איז וואָס מוטשעט איהר זיך? דער־צעהלט, איכ'ל הערען.
— ניין! ווייסט איהר אָבער וואָס? פריהער דערצעהלט איהר עפּעס, דערנאָך — איך. נו? גוט?
— וואָס מאַכט איהר זיך נאַריש. אַט זייט איהר דאָך ערשט געוועזן א קלוגער: אז ס'איז אזוי אין דרויסען, דערמאָנט מען זיך... ווער עס דערמאָנט זיך אָן דער היים, ווער — אין אנדערע זאכען און ווער — גלאַט אזוי אָן אינטערעסאַנטע נאַרישקייט... אַט האָב איך א בעקאַנטען. האָט ער מיר איינמאָל דערצעהלט, אז אין אזוינע טעג דערמאָנט זיך איהם זיין געליעבטע. זי קומט צו איהם, און זי שטעהט לעבען איהם. קוקט אויף איהם, און איז ביי זיך עפּעס אזוי שטאָלץ דערמיט, וואָס זי איז זיינע. און זי קוקט און זי שמייכעלט א גליקליכע. זי געהט צו צו איהם, טוליעט זיך איין אין איהם און שמייכעלט. און וויל זי — ברוגז'ט זי זיך כלומרשט אָן אויף איהם... און עפּעס מיט אזא שטאָלץ. זי איז שטאָלץ, ווייל זי ווייסט ער האָט זי ליעב. און ווייל זי פיהלט, אז זי איז זיינע, אין גאַנצען זיינע, מיט איהר גאַנצען לייב, מיט איהר גאַנצער נשמה... שעהן איז ווען עס דאַכט זיך איהם, אז זי זינגט מיט איהם, דאַן צוזינגט ער זיך אזוי שיינענדיג, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געוועזן זיינע... אזוי ווי ער וואָלט וועלען מיט איינגעהאַלטענע טענער שטיל אויפוועקען די גאַנצע וועלט, זי אָנפילען מיט זון... און אזוי קען ער אָבזינגען א גאַנ־צען טאָג און א נאַכט. כאָטש אין דרויסען איבער די פענסטער און דעכער שמייסט דער ווינד מיט רעגען. און אַמאָל רייסט ער זיך פּלוצלונג אָב אין מיטען זינגען און צושמייכעלט זיך ווי א קינד. דאָס — זאָגט ער — האָט זי איהם פּלוצלונג ארויפגעלייגט איהר האַנד אויף זיינע ליפּען: זי וויל ניט ער זאָל זינגען, זי וויל — ער זאָל שמייכלען — — — —
און ווען מיין פריינד דערצעהלט דאָס, זעהט ער עפּעס אויס אזוי מאָדנע גליקליך; עס בעווייזען זיך איהם אזש טרעהרען אין די אויגען און זיין שטימע נעמט נערוועז קלינגען.

דאַ בלייבט בינעם אליין אויף שטעהן אויף א ווײַלע, ווײַל ער דער־פיהלט, אז א ווארעמקייט האָט איהם אויפגעגלאנצט אין די אויגען... און זיין קול איז מיט אמאָל ווארעמער און ווייכער געוואָרען, און ער וואלט דאך ניט וועלען, אז קאפּלאן זאָל זיך אַנשמויסען אז דאָס דער־צעהלט ער טאקע וועגען זיך אליין... באלד בערוהיגט ער זיך אביסעל און דערצעהלט ווייטער:

און טאָמער פערשווינדט זי פון איהם, בעווייזט זיך באלד פאר זיינע אויגען א גרויסע גאָלדענע זון... א מאָדנער בחור! — אין דרויסען רע־גענט און רעגענט, אלץ איז נאַס, דורכגענעצט. די פייכטקייט, דוכט זיך, פרעסט די הויט פון לייב, די האָר פון קאָפּ, און פאר זיינע אויגען שטעהט — א גרויסע גאָלדענע זון. און דאָס רייצט איהם אזוי אויף, אז ער פיהלט ווי צו קריצען מיט די צייהן... ער וואלט וועלען כאפּען אָט די זון אין זיינע הענד, זי שליידערען אויף דער ערד, זי אין שמיקער צורייסען...

. . . . און אמאָל נעמט זיך איהם אויסווייזען, אז זי ווארט אויף איהם... אז אָט געהט ער איבער די פעררעגענטע גאסען. דער רעגען נעהמט איהם דורך, און אלץ איז אזוי גרוי און שווער, און ער געהט און געהט. עס ווערט איהם היים; — און אָט, דאכט זיך, עפענט זיך פאר איהם זיין טונקע־לער צימער און זי שפּרינגט איהם אנטקעגען. זי איז א לויטערע, א ווייסע אין איהר גלאטען ווייסען קלייד, וואָס נעמט זי ארום אזוי ציטעריג, ווייס, אזוי בויניג און שלאנק... און עפּעס ציטעריג־ווייסעס פלאטערט ווארעם אויף אין זיין הארצען. די אויגען גלאנצען איהם אויף און פער־ציהען זיך מיט א גל־קליכער פייכטקייט; און זיינע ליפּען צושמייכלען זיך פרישער און ריינער און א שיין פון ליעבע און פרייד צוגיסט זיך אויף זיין פנים און זי צושמייכעלט זיך צופרידען, ווייל זי האָט נאך פריהער געוואוסט, אז ער וועט אזוי ערשטוינט ווערען, ווען ער וועט זי פלוצלונג, אין אזא רעגענדיגען טאָג, טרעפען ביי זיך אין צימער. און פאר זיינע אויגען קריגט דער רעגען מיט אמאָל א פרישקייט און א זילבערנע ווייסקייט. און ער איז שוין ניט אין ניו יאָרק, נאָר אין א זילבערנער

שטאָדט, וואו אַלץ איז פון זילבער. און דער זילבערנער רעגען גיסט אויף ז לבערנע הייזער און אויף זילבערנע גאַסען און מאַכט זיי בלויז לייכטער און פרישער... און זי שטרעקט צו איהם אויס איהרע הענד און ער נעמט זי ארום און קושט איהר האַנד, און ער קושט איהר אַקסעל, און ער קושט איהר ווייס קלייד — — —

און איבערהויפּט האָב איך אייך גאָר פערגעסען צו דערצעהלען, אַז ער איז עפּעס גאָר א מאָדנער בחור: ער איז א נזיר... און איהר פערשטעהט? — — — ער זאָגט, אַז אַלץ צו וואָס א מענש ריהרט זיך צו, מוז זיין ריין און שען... און זיין געליעבטע קען זיין — וועט ער שוין גאָר קיינמאָל אין לעבען נישט זעהן. און ווי משוגע ער איז דאָס אין איהר פערליעבט... און ווי שעהן עס איז צו זעהן, ווען ער רעדט וועגען איהר, עס ווילט זיך איהם בשעת מעשה ווארעם דריקען די האַנד. איהר פערשטעהט? — פּאַרט א מענש מיט אַזוי פיעל ליעבע.

— —

— —

— הערט זשע, אַז ווי באַלד אַזוי, וועל איך אייך אויך דערצעהלען א מעשה, — רופט זיך קאַפּלאַן צו א צופרידענער. — און דאָס האָט טאַקע מיט מיר אַליין געטראָפען. ס'איז געווען א יום־טוב'דיגער טאָג. איך כאַפּ זיך אויף גאַנץ פריה און דערמאָן זיך, אַז היינט ארבייט מען נ ט. היינט דאַרף מען, הייסט דאָס, נישט געהן אין שאָפּ. און אין דרוי־סען איז כמארנע: — עס רעגענט עפּים אַזא רעגענדעל וואָס נעמט ־ורוך אַלע ביינער. דרעה איך זיך מיר איבער אויפ'ן געלעגער אַזוי, אַהין, אהער און מאַך ביי זיך אָב, אַז מען דאַרף אויפשטעהן.

נו, פערשטעהט זיך, אַז אויפשטעהן איז אויפשטעהן. האָב איך זיך איינגעוואַשען, זיך אָנגעטהאָן און נאָכדעם גאַנץ געשמאַק אָבגעגעסען, אָבגעטרונקען און האָב מיר פאַרויכערט א יום־טוב'דיגען סיגאַר און בין מיר ארויס אין גאַס.

דער „פּלאַץ" וואוהין איך בין געגאַנגען, איז נאָך פאַר מיר געווען ניי.

ביים טיר האָט מיך בעגעגענט די מאַדאַם מיט א שמייכעל: אַזוי

פריה !... — אַלל־רייט ! געהם אריין ! — זאָגט זי מיר, — אין פראַנט רום. איך וועל אייך באלד אריינשיקען די מיידלעך.

בין איך מיר אריין אין זאַל, זיך אוועקגעזעצט אויף א ווייך געבעד־טער סאָפע און ווארט. אין א ווײַלע ארום בעוויזט זיך אויפ׳ן שוועל א מויד — נאר־וואָס פון בעט ארויס. זי איז מיר ניט געפעלען געוואָ־רען, האָב איך או ף איהר א געשריי געטהאָן : „גאָ אַוועי, גאָ אַוועי !“

האָט זי זיך באלד אומגעדרעהט און איז אוועק.

נאָך דעם נעהען אוועק א מינוט פינף, צעהן און מעהרער... עס קומט קיינער ניט. ווער איך אין כעס, גיב מיט דער האַנד א קלאַפ אין טיש. לויפט אריין די מאַדאַם אביסעל צושראָקען : וואָס איז ? —

— וואַט, צום טײַוועל, זיינען דאָס אייער־ע מיידלאַך ?

— וואָס, איהר זענט נאָך ביז איצט אליין ? — קיידי ! — שרייט זי אויס. עס בעווייזט זיך אין מיר א געזונטע נעגערין. — סעי, קיידי, — ווענדט זיך צו איהר די מאַדאַם, — פיהר ארויף דעם דזשענטעלמען צו די קינדער. און צו מיר דרעהט זי ז׳ך אויס מיט א שמייכעלע : — איהר פערשטעהט, מיין הערר, איהר זענט געקומען אביסעל צו פריה ; זיי שלאָפען נאָך. אבער עס מאַכט ניט. איהר וועט זיך דאָרט או פּוועַ־קען וועלכע ניט איז.

מיר זיינען ארויף אויפ׳ן ערשטען שטאָק. די נעגערין, מיט א צר־שמירטען שמייכעל אוי־ף די גראָבע ליפען, עפענט פאר מיר אויף די טיהר פון ערשטען צימער. אין בעטעל איז געלעגען א מויד איינגעווי־קעלט אין א רויטער דעק. די האַלב־נאַקעטע מויד האָט זיך אויפגעב־כאַפּט, א דרעה געטהאָן צו אונז דעם צושויבערטען קאָפּ צושראָקען, ווי מען וואָלט זי אָבגעגאָסען מיט קאַלט וואַסער :

— וואָס איז ! ?

— דאָ האָסטו א גאַסט, — זאָגט צו איהר די נעגערין, און צו מיר ניט זי א שמייכעל : — א גוט מיידעל !

— ניין, זי געפעלט מיר ניט ! — זאָג איך אָב קורץ, קום !

און באלד בין איך געשטאַנען מיט דער נעגערין ביי א צווייטען צימעריל, ביי א דריטען, ביי א פיערטען : ס׳עפּעס אלץ אזוינע מוידען ווי די בערען.

— וואָס איז דאָס פאַר א סחורה ? — זאָג איך.

שטעלט זיך די נעגערין אָב פאַר מיר, מעסט מיך אָב מיט איהרע גרויסע ווייסלען פון אויבען ביז אראָפּ, און זי פערקאַטשעט אזוי איהרע שווארצע ליפּען, אז עס טשירען זיך אויס איהרע רויטע יאַסלעס מ ט איהרע ווייסע צייהן און זי גיט א גנב׳ישען שמייכעל: אָלל־רייט, קום!

בין איך מיט איהר ארויס פון׳ם קאָרידאָר, האָט זי זיך מיט מיר אויפגעהויבען איין שטאָק העכער און נאָכדעם ערשט נאָך א שטאָק. אויפ׳ן וועג שטעלט זי זיך אָב, קוקט ארויף צו מיר און שמייכעלט אלץ גנב׳יש. איך, פערשטעהט זיך, שטוים זיך באַלד אָן, אז זי מיינט עט־ליכע סענט און איך זאָג צו איהר:

— וועלל, וועלל, קיידי! עס וועט שוין זיין אָל־רייט. קום!

מיר זיינען ארויף אויפ׳ן אויבערשטען עטאַזש. זי איז מיט מיר אריין, האָט מיך צוגעפיהרט צו א טיהר און זי נור אביסעל אָן עפען גע־טהאָן.

א יונגע, שלאַנקע מיידעל, כמעט א קינד, איז געשלאָפען אין בעט און אזוי איינגענורעט ווי ביי דער מאַמען אין דער היים.

א צופרידענער האָב איך אוועקגעגעבען דער נעגערין א זילבערנע מטבע, האָט זי, פערשטעהט זיך, זיך באַלד אָבגעטראָגען, און איך בין מיר אריין אין צימער און האָב זיך גלייך אוועקגעזעצט אויף דער מיי־דעל׳ס בעטעל.

דאָס מיידעל האָט באַלד צועפענט איהרע אויגען א צושראָקענע:

— וואָס איז דאָס ! ? וואָס איז ! ?

— גאָר נישט, גאָר נישט, — זאָג איך צושמייכעלט און קוק דערביי מיט פערגעניגען אין איהרע גרויסע צושראָקענע אויגען אריין.

— ווער האָט דיך אהער ארויפגעשיקט ? !

— וואָס נעהט דאָס דיך אָן ? ! — ענטפער איך.

— ווי איז עפּעס אין דרויסען ? !... — און זי פרעגט עפּעס אלץ מיט אזא טאָן, ווי זי וואָלט נישט וויסען אויף וואָס פאַר א וועלט זי איז.

— עס רעגענט. — ענטפער איך.

— עס רעגענט ? ! — שרייט זי אויס אונגעריכט און שפּרינגט מיר

מיט אמאָל ארוים פון בעט, כאַפּט זיך ארויף אויף א בענקעל, וואָס איז אין מיטען צימער, און אזוי שטעהענדיג אן אויסגעצויגענע אין איין העמד, האָט זי גענומען לאנג קוקען אין דרויסען אויפ׳ן רעגען.

— עס רעגענט!

און דער רעגען האָט מיט אמאָל גענומען שמייסען אין פענסטער ווי מיט בייטשען.

און איין ארבעל פון איהר העמד האָט זיך אראָבגערוקט פון איהר נאַקעטען אקסעל... און זי קוקט אלץ אויפ׳ן רעגען — — — —

— עס רעגענט! — זאָגט זי, — עס רעגענט! —

— —

— נו, גוטער ברודער, איז דאָס געוועזן א מיידעל! איהר הערט? כאַטש איהר האָלט דאָך שוין נאָר נים פון די זאַכען. אבער איך שווער אייך, ווען איהר וואָלט געזוען זעהן די מיידעל אין דער מינוט, ווי זי האָט דאָס מיט אזוינע מאָדנע אויגען געקוקט אין דרויסען: „עס רעגענט!“ — וואָלט א הר משוגע געוואָרען. אזא פיגור! אזא מיידעל! און אין אזא מינוט —

איהר פערשטעהט, איך בין דאָך נים קיין „גרינער“, אבער נאָך ביז איצט, בעזונדערס, ווען עס קומט אין אזוינע רעגענדיגע טעג, שטעהט זי פאַר מיר א לעבעדיגע, אין איין העמד, אויפ׳ן בענקעל, וואָס אין מיטען צימער, אן אויסגעצויגענע צום פענסטער, צום רעגען:

— עס רעגענט! עס רעגענט!

און ס׳ארא קלאָרקייט! און ס׳ארא אויגען! און ווי מאָדנע זיי קוקען דאָס ארוים: עס רעגענט! דער טייוועל זאָל דאָס נעהמען! עס רעגענט!

און עס נעהמט מיך אזוי מאָדנע דורך — צו אל־די־טייוועל! — אָט פונקט ווי איהר דערצעהלט פון אייער פריינד — — — —

הערט בינעם פלוצלונג אויף צו ארבייטען, צועפענט ווילד זיינע גרויסע אויגען און אז קאפּלאָן בעגעגענט זיך מיט בינעם׳ס אויגען ווערט ער צומישט: ווי מאָדנע בינעם׳ס אויגען קוקען!...

— עס רעגענט! עס רעגענט! — — — — — — — — — — — — — —

— —

צווייטע טהייל:

פון דער נאכט.

ווינטער.
אַ לויטערע נאַכט.
איך וואַרף זיך דורך פון שלאָף.

אין די פענסטער קוקט אַריין אַ זילבערנע ווייסקייט, עס שטראַלט אַריין די שנייאיגע ווייט.

גאָר נים ווייט פון פענסטער שטייט דער הימל. אַ דורכזיכטיג־בלויער, אַ פאַרשטערענטער — — —

עס דערהערן זיך קרעפטיגע, יונג־קלינגענדיגע שטימען, אַ געלעכ־טער — — —

עס עפענט זיך אויף די טיר, עס קומען אַריין מיין געשטאַלט און זי. ביידע פאַלען אַריין אין די שניי־שיך, פרישע, אָנגעפראָסטיגטע, מיט פלאַמיגע באַקען און שטראַלענדיגע אויגען:

— כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ!

— ווער איז אַ נאַר? פרעגט מיין געשטאַלט, אַראָפּנעמענדיג פון זיך די שניי־שיך.

— דו — ענטפערט זי.

— פאַר וואָס בין איך אַ נאַר? — פרעגט מיין געשטאַלט.

— דערפאַר וואָס דו האָסט זיך געיאָגט נאָך די שטערן...

— הערסט! אַז דער הימעל לאָזט זיך פאַר אונז אַראָפּ אַזוי נאָהענט, אַז עס דאַכט זיך: נאָר נאָך אַביסעל, נאָר נאָך עטליכע שפּאַן און דו ביזט שוין צווישען הימעל און שטערן, צווישען הימעל און שטע־רען.

— און דו נעמסט און שפּאַנסט.

— און דו אינאיינעם מיט מיר.

— און דער הימעל מיט די שטערען?
— טראַגט זיך פון אונז אַפּ אַלץ ווייטער און ווייטער.
— כאַ־כאַ־כאַ!
— כאַ־כאַ־כאַ!
— ווער איז קלוג? — פרעגט מיין געשטאַלט, אַראָפּנעמענדיג די שניי־שיך פון איר.
— איך, — ענטפערט זי צופרידען, קינדעריש.
— פאַרוואָס עפּעס דו נאַר?!
— דערפאַר — ענטפערט זי — וואָס איך האָב געזאָגט: קום צו־ריק, וועסטו זעהן ווי דער הימעל מיט די שטערען וועלען אונז נאָכ־שפּאַנען.
— פאַרוואָס־זשע קומען זיי איצטער ניט צו צו אונז?
— ווייל, — ענטפערט זי, — ווייל זיי האָבען מורא, אַז ווען זיי וועלען נעמען געהן, וועלען מיר ווידער אַנטלויפען.
— כאַ־כאַ־כאַ!
— כאַ־כאַ־כאַ!

2

עס צורעוועט זיך אַמאָל אַ בהמה אין מיטען פון אַ שטילער נאַכט,
— זוי גרוים און שטאַרק עס הילכט דרעמאַלט איהר געשריי !...
און אין מינוטען ווען מיינע אויגען קוקען ווי פון אונטער אַ געדיכ־
טען שלייער —
עפעס ווילט זיך וויסען, נאָר איך וויים ניט וואָס —
עפעס ווילט זיך זאָגען נאָר איך וויים ניט ווי אַזוי. —
ווי גערען וואָלט איך דרעמאַלט צועפענט מיין מויל און וואָלט גערע־
וועט, ווי עס רעוועט אַ בהמה אין מיטען פון אַ שטילער נאַכט.

3.

ס׳איז נאכט.
דאָס צימער מיינס איז פינסטער,
דער דרויסען איז גרויס.
און האָט א הימעל.
און האָט א לבנה.
ביינק איך דען נאָך וואָס ?...
א ווייסער שטראַהל קומט צו. —
די בלויע נאכט קלאַפּט אָן צו מיר אין פענסטער,
און עמיצער א נאָהענטער פון דער ווייטען רופט :
— קעניג, דו האָסט אזוי פיעל ווייסע פערד !
איך בויג מיין קאָפּ ארונטער שווער
און הער :
— קעניג, דו האָסט אזוי פיעל ווייסע פערד !
— — — — — — — — — — — — — — — — —
יאָ, איך האָב אזוי פיעל ווייסע פערד.
און דער דרויסען איז גרויס,
און האָט א הימעל,
און האָט א לבנה.

4.

איך זעה פאר זיך אן איינזאמען בעארבייטען א פעלד.
קומט איהם ווער אנטקעגען און גריסט:
— זאל גאָט געבען!
עס דאנקט דער איינזאמער, הויבט אויף דעם קאָפּ און דאנקט.
מיין איינזאמער, מיין ליעבער פריינד! דו ארבייטסט און עס קוקען
דיינע אויגען באנג: —
„וועט גאָט געבען?...“
מיין איינזאמער, מיין ליעבער פריינד! עס טוט וועה דאָס הארץ
אי מיר, אי דיר:
„וועט גאָט געבען?...“
מיין איינזאמער, מיין ליעבער פריינד! הער! איך זאָג דאָס איצט
אי מיר, אי דיר: —
„גאָט וועט געבען. גאָט וועט געבען.“

5.

נאכט, מיין נאכט! ווי גערען וואָלט איך מיין הארץ איבער ד׳ין שטילער גרויס צושפרייט!

אַט איז פאר מיר דער וועלט׳ס א ריעזען שטאָט מיט איהרע לאַנגע און ברייטע גאסען, מיט איהרע מיליאָנען פייערען, מיט איהרע אָהנ־צעהליגע רעלסען און מיט טראמוואיען און באהנען, וואָס לויפען איבער זיי מיט ליכט און ראש. — שטערט דאָס דען דיין שטילקייט? גרייכט דאָס צו דיין גרויס?

און ווען פון אלע שטעט פון דער וועלט וואָלט בלויז איין שטאָט געוואָרען און די ריעזיגע מויערען וואָלטען דורכדעם געוואָרען אויף אַזוי פיעל העכער און גרעסער, און די גאסען אויף אזוי פיעל ברייטער און לייגנער, און די טראמוואיען און אהנען אויף אזוי פיעל מעהרער, וואָלט דאָס דען דערגרייכט דיין גרויס? — וואָלט דאָס דען געשמערט דיין שטילע טיעפקייט?

נאכט, מיין נאכט! ווי גערען וואָלט איך מיין הארץ איבער דיין שטילער גרויס צושפרייט!

די לבנה נאכט סאנאטא

פיני'ן.

ערגעץ אין דער גרויסער נאכט שטעהט א הייזעל מיט צוגעמאכטע לאדען.

אין דעם הייזעל איז פינסטער.

דער אנגע'ברוגז'טער איינוואוינער פון דעם הייזעל דרעהט זיך ארום א פערלאזטער.

ווי לאנג איז שוין אז ער האט זיך ניט געוואשען? אז ער האט זיינע האר ניט געקעמט?

און פאר וואס איז ער ניט הויך געוואקסען? און פאר וואס איז זיין פנים ניט שעהן?

פלעקען פון דעם דרויסענדיגען לבנה־ליכט פאלען דורך די לאדען־שפאלטען אין דעם טונקעלן הייזעל. דער מענש זעהט דאס און ווייסט ניט וואס צו טהאן... בלייבט ער שטעהן און קוקט א ווײלע אויף די לבנה פלעקען און אויף דער פינסטערקייט, אין טראכט ניט וויסענדיג וואס... נאכדעם געהט ער צו און נעהמט שטיל און איינגעהאלטען אגריה־רען די קלאווישען:

שטילע, ליכטיגע לבנה פלעקען פון דעם גרויסען און זארגלאזען דרויסען וועקען איצט סטרונעס אין א פערלאזטען הייזעל.

דאס הייזעל, די סטרונעס און דער מענש ענטפערען דערויף פער־בייגקט און וועהטאגדיג.

נעהמען זיך די זארגלאזע לבנה־פלעקען וויעגען און שפיעלען מיט דעם וועהטאגדיגען בייגקען.

ווערט דער מענש אויפגערייצט. און וואָס ווייטער — אַלץ מעהר און מעהר. נאָר ער ענטפערט פּאַרט איינגעהאַלטען. און אַלע מאָל — אַזוי ווי פון אָנהויב.

פּלוצלינג דערעסט דעם מענשען דער צודרינגליכער דרויסען. ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, רײַסט איבער מיט'ן דרויסען און נעהמט זיך שפּיעלען זעלבסטשטענדיג:

אַט איז דאָס אַ זייטינער, אַ לייכט־שפּרינגענדיגער טאַנץ, און אַט רײַסט זיך פון די סטרונעס מיט אַמאָל אַרויס אַ ווילד צורייצטער פּלאָנ־טער. —

דער מענש וויל פערטויבען און פערטרייבען פון זיך אַט די גרויסע דרויסענדיגע וועלט. —

די טענער נעהמען זיך פּאָר אַ קורצער ווײַלע הויבען אַלץ העכער און צורייצטער, ווי זיי וואָלטען פון זיך מיט בייטשען עפּעס ווילד און בייז געטריבען.

דער דרויסען איז אָבער שטאַרק און גרויס. עפּענען זיך פּאָר איהם ווי דורך אַ כשוף אויף די צוגעמאַכטע לאָדען — — — —

רײַסען זיך טענער אָב אין מיטען פון זייער ווילדקייט.
און אין אַ ווײַל אַרום.
גיבען זיי זיך אונטער.
און נעהמען זינגען די גרויסקייט פון דער גרויסער נאַכט.
און דעם מענשענ'ס בײַנקען שאַטענט זיך אַריין אין דער ליכטינער גרויס און ווערט דורכדעם דורכזיכטיג.

און די ליכטיגקייט ווערט פון דעם אַזאַ, אַז מען קאָן זי כמעט אָנ־נעהמען מיט די הענט און פּרעסען צום האַרצען.

און ערגעץ זיינען פעלדער פול בעדעקט מיט ליכט.
און ערגעץ יאָגען וועלף זיך נאָך אַ ווילדער ציעג.
און ערגעץ יאָגען פערד זיך געטריבען פון גענייטע הענט.
און ערגעץ שווימט אַ יונגער פישער צו זיין פישערין אויף נאַכט.

און אַז צופלוידערען זיך אַהן אַפּהאלט געליעבטע ערגעץ אין א פּארק.

און ווער איז אַט דער שווארצער בעטלער?... וואָס טהוט ער אוים'ן בארג?...

און וואס ווײנט אזוי א מאמע ביי איהר שטארבענדיגען קינד?..

און ווי שעהן עס שפּיעלט זיך וואו א קעצעל מיט א קנויל פּאַפּיר!..

און אַט איז א בית עולם. טויטע זיינען טויט. —

צו וואָסזשע אַט די שטעגלאך אין מיטען פון דער נאכט?...

און דארטען אַט די וועלף.

נאָך יאגען זיי די ציעג. — — —

און לויפען ווילדע וועלף דען שנעלער.

זוי ביי א מענשען זיין גאָנענדיגע הארץ? — — —

און ווי געניט עס יאָגט דאָרט ווער אלץ

די שנעלע פערד אויף דעם ברייטען וועג! — — —

און ווי רייך עס קלינגען אין דער נאכט אָפּ

די גלעקער פון דעם האסטיגען געשפּאַן! — — —

ווער האָט אזוי פיעל כח אַט די פערד געשענקט?

און ווער האָט אַט דעם טרייבער געשטארקט אזוי די הענט? — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קינדערלאך מיט בלינדע אויגען

מאני לייב'ן.

קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלינדע פון געבוירען.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלוי איז זייער הימעל.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען אין א נאכט א בלויער.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.
נאכט אויף נאכט.
קינדערלאך אויף שטערענדיגע פעלדער.
קינדערלאך אויף טורעמדיגע דעכער.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.

ס'איז געווען א מאל א קעניג, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען.

ס'איז געווען אמאל א קעניג מיט א רויטער בארד און שטערענדיגע אויגען.

האט די לבנה, וואס איהר קינדערלאך זוכט מיט בלינדע אויגען, געשענקט דעם קעניג פיעלע ווייסע פערד און א קעניגען מיט שעהנע באקען און ליכטיג גרויסע אויגען.

די קעניגען מיט די שעהנע באקען און ליכטיג גרויסע אויגען האט געהאט א פליהענדיגע שווארצע שלאנג.

האט צו דער חתונה די קעניגען פערפוצט איהר שלאנג מיט קליינ־נגעדיגע זילבער רינגען און איז אויף איהר געפלויגען דורך דער נאכט. וואוהין די לבנה האט געהייסען.

געפאלגט האט אויף דער קעניג די לבנה אין דער נאכט:

ער האָט געשפּאַנט זיינע ליעבע ווייסע פערד און איז ארויס דער קעניגען אנטקעגען.

פערטריבען האָט מיט דער צייט די קעניגין דער קעניג, קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען.

האָט די קעניגין פערנומען דעם קעניג׳ס ווייסע פערד און איהם האָט זי איהר בייזע שלאַנג געלאָזען.

האָט זיך דורך די ווייסע נעכט די שלאַנג מיט די זילבערדיגע רינגען, געהאַלטען פאַר דעם קעניג׳ס פענסטער.

אָפט פלעגט די שלאַנג זיך אויפהויבען אין דער הויך און פליהען ווי זי וואָלט אויף זיך די קעניגען געטראָגען.

און די זילבערדיגע רינגען פלעגען קלינגען אין דערנאַכט, ווי דער קעניגין׳ס געלעכטער.

האָט איין מאָל, קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען, דעם קעניג זיך גע׳חלומ׳ט די שלאַנג האָט איהם געביסען.

פערפאַנצערט און מיט דער שווערד אין האַנט, איז ארויס דער קעניג פון זיין פּאַלאַץ און האָט די שלאַנג געשטאָכען.

האָבען די גרינע אויגען פון דער שטאַרבענדיגער שלאַנג ארויסגע־בליצט צום קעניג און האָבען איהם געשאָלטען.

און פון דאַן אָן... אַך, קינדערלאַך איהר קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען !...

קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען, זוכען די לבנה.
קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען, ווער האָט זיי געבוירען ?
קינדערלאַך אויף טייכען.
קינדערלאַך אויף וועלדער.
קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען.

— איז געווען אמאָל א קעניג, קינדערלאַך מיט בלינדע אויגען ? !

— ס׳איז געווען אמאָל א קעניג, מיט א רויטער באָרד און שטערנ־רינע אוינען!

— האָט געהאט דער קעניג פערד, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען?!

— יא, דער קעניג האָט געהאט פיעלע ווייסע פערד!

— איז געווען א מאָל א קעניגין, קינדערלאך מיט בלינדע אוינען?

— יא, ס׳איז געווען אמאָל א קעניגין מיט שעהנע באקען און ליכ־טיג גרויסע אוינען!

— האָט די קעניגין געהאט א שלאנג, קינדערלאך מיט בלינדע אוי־גען?!

— יא, די קעניגין האָט געהאט א שווארצע שלאנג מיט קלינגענדיגע זילבער ריגנען!

— ווער האָט געבראכט די קעניגין צום קעניג, קינדערלאך מיט בלינדע אויגען?!

— די לבנה מיט איהר שיין און די שלאנג די שווארצע!

— ווער האָט געבראכט דער קעניגין דעם קעניג, קינעדרלאך מיט בלינדע אויגען?!

— די לבנה מיט איהר שיין און די פערד די ווייסע!

און, קינדערלאך מיט בלינדע אוינען, איצט קאָן דער קעניג פאר זיך נים מעהר קיין רוהע געפינען.

נאכט נאך נאכט יאָגט זיך אום דער קעניג אויף זיין פערד.

די לבנה שפרייט א רינג ווייט ארום דעם קעניג.

עס לויפט דער קעניג, דער רינג לויפט מיט איהם און וויל דעם קע־ניג נים בעפרייען.

שווארץ געוואָרען איז שוין לאנג די שווערד און דער פאנצער פון דעם קעניג.

גרוי געוואָרען איז זיין רויטע באָרד פון יאָהרען און פון שטויב.

נאָר דעם קעניג׳ס שטערענדיגע אויגען זיינען אין דער נאכט פאָרט צועפענט ברייט און גרויס...

איהר אָבער קינדערלאך, אך קינדערלאך מיט בלינדע אויגען!...

קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלינדע פון געבוירען.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען, בלוי איז זייער הימעל.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען אין א נאכט א בלויער.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.
נאכט און נאכט.
קינדערלאך אויף דעכער.
קינדערלאך אויף פעלזען.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען זוכען די לבנה.
קינדערלאך מיט בלינדע אויגען קומען מיר צו חלום.

וואַר־וואַ־הו דער שטורעם־שפּיעלער

דאָס איז די מעשה וועגן קי־קר־קי — דעם פויגעל, וועגן דער טענ־צערין — דזין־דזין, וועגן דעם ליכטיגען פעטער שנייער, וועגן דעם ווילדען וואַרוואַ־הו, וועגן דעם שטאַרקען קריק־קריק פראָסט, וועגן דעם יעגער — פּיף־פּאַף־פּאַף און וועגן דעם בעטלער צאַך־האַך־אַך.

— ווער איז קי־קו־קי?

— דאָס איז דער פויגעל פון דעם רייכען וואַ־לאַ־לאַ — דעם זומער. אמאָל, ווען דער רייכער וואַ־לאַ־לאַ — דער זומער — האָט זיך דעם ערשטען מאָל דערפיהלט מיעד, האָט ער זיך פערקליבען אויף די בערג. פון דאָרטען האָט ער געוואָרפען זיינע לעצטע בליקען צו דער ערד און האָט זיך זעגענדיג אנגערופען:

— ערד! איך מוז געהן. איך בין מיעד. עס וואַרט אויף מיר א בעט פון גאָלדענע און רויטע בלעטער. איך לאָז דיר איבער מיין זון — מיין גאָל־ענעם פויגעל — קי־קו־קי. ער וועט דיר אויך אויף ווייטער ברענגען פאר יעדען טאָג א נייעם מאָרגען, און יעדען אווענד וועט זיך אויך אויף ווייטער זיין גרויסער, גאָלדענער עק אַנטשעפּען אַז דיר און וועט דיך מיטשלעפּען אין דער וועלט פון נאַכט, אין דער וועלט פון רוה און פריע־רען.

— ווער איז די טענצערין — דזין־דזין?

— זי איז די איין־און־איינציגע טאָכטער פון דעם ליכטיגען פעטער־שנייער.

— ווער איז דער פעטער שנייער?

— ער איז דער שפּרייטער פון די ווייסע ווינטער־נעצעו. ער איז א ליכטינגער, ער איז א שטילער און א גוטער.

— ווער איז דער ווילדער וואו־וואַ־הו?

— ער איז דער שטורעם־שפּיעלער. ער איז א לאנגער און א דינער. ער האט א פּיערעל און א סמיק. שפּיעלט ער — נעהמען ווינטען בלאזען, נעהמען בוימער רעדען. און ווערט ערגעץ ביי טאטע־מאמע פערשוואונדען זייער טאכטער, איז דאס די ארבייט פון וואו־וואַ־הו. דאס האט ער זיך ווי א שוואַרצער ציגיינער פער׳גנב׳עט אונטער דער מיידעל׳ס פענסטער מיט זיין פּיעדעל און זיין סמיק, און ווי נאר די מיידעל האט דערהערט זיין שפּיעלען, האט זי שוין געמוזט פערלאזען איהר היים און זיך לאזען פיהרען פון איהם אין איינעם פון זיינע דרייצעהן וועלדער. און ברענגט וואו־וואַ־הו א נייע מיידעל אין איינעם פון זיינע דרייצעהן וועלדער, ווערט א שטורעם. עס שרייען אויף אלע מיידלעך, וואס ער האט אין די וועלדער. זיי לויפען זיך צונויף פון אלע עקען און פון אלע טיעפעניששען, און ער ווערט ווילד פון פרייד און שפּיעלט אויף אזוי, אז זיי נעהמען אלע טאנצען און שפּרינגען איבער בוימער און איבער צווייגען, און זיי שטעלען זיך פון מאל צו מאל ארום דער מיידעל און זינגען איהר:

שענע מיידעל, הער זיך צו —
וואו־וואַ־הו!
טאטע מאמע לאז צו רוה,
וואו־וואַ־הו!
ווערסט א שוועסטער, ווערסט א קינד,
וואו־וואַ־הו!
פון דעם גרויסען שטורעם ווינד —
וואו־וואַ־הו!

און אזוי ביז זיי ציהען פון איהר אראפּ טאטע־מאמע׳ס קליידער, ביז זיי ווארפען אויף איהר ארויף א פער׳כשופ׳טע העמד, וואס טראגט מיט זיך ווינט און שטורעם. נאכדעם נעהמען זיי זי אריין צווישען זיך

און טאַנצען מיט איהר אזוי לאַנג, ביז זי פערגעסט פון וואַנען זי קומט און וואו זי איז געבוירען, ביז זי ווערט שוין א ווינד־מיידעל אויף אייביג.

יאָ, אַט אזוי טהוט וואָר־וואָ־הו מיט שעהנע מיידלעך, ווייל ער האָט זיי ליעב, ווייל ער האָט ליעב, אז זיי זאָלען איהם העלפען טרייבען ווינ־טען אויף דער וועלט, אז זיי זאָלען איהם העלפען צינדען פייערען אין די נעכט.

מעהר אבער פון אלע שעהנע מיידלעך פון דער גאַרער וועלט האָט וואָר־וואָ־הו ליעב דעם פעטער שנייער'ס ציטערדיגע טאָכטער, די איין־און־איינציגע — דזין־דזין. נאכט אויף נאכט פלעגט וואָר־וואָ־הו קומען און שפּיעלען פאַר איהר. דזין־דזין וואָלט מיט איהם געגאַנגען וואוהין נאָר זיין הארץ וואָלט געגלוסט, נאָר וואָר־וואָ־הו האָט געוואוסט, אז דאָס וואָלט זעהר וועה געטהאָן דעם ליכטיגען פעטער שנייער, אז דער גוטער פעטער שנייער וואָלט נאָכדעם געבליבען איינער אליין אויף דער וועלט, פלעגט ער דערפאַר אוועקגעהן פון דעם הייזעל אהן דער שעהנער דזין־דזין. יזאָס ער האָט ליעב געהאַט מיט אלע ביינער פון זיין לייב.

— ווער איז קריק־קריק פראָסט?

— ער איז דער הערשער פון דעם ווינטער.

עס איז געווען, ווען דער ליכטיגער פעטער שנייער האָט צום ערש־טען מאָל איבערגעדעקט מיט זיינע ווייסע געצען די גרויסע גרויע וועלט און די צושטערטע גימער פון דעם רייכען וואַ־לאַ־לאַ, האָט ער אויף די וועגען דערזעהן א קליין און הילפלאָז קינד. דאָס איז געווען קריק־קריק־פראָסט. דער גוטער פעטער שנייער האָט דאָס קינד אנגענומען ביים הענטעל און געפרעגט:

— ווער ביזטו, קינד?

קריק־קריק־פראָסט האָט נאָך אבער ריידען ניט געקענט. האָט איהם דער פעטער שנייער גענומען אויף זיינע הענט און געבראַכט צו זיך אין הויז. האָט איהם געגעבען ברויט און זאַלץ און פאָטער־ליעבע, איז ער פון דעם געוואַקסען, ביז ער איז גרויס און שטאַרק געוואָרען, ביז זיין אָטהעם האָט גענומען אָפּשטעלען טייכען, בעהערשען דערפער און פעלדער און שטעדט, ביז ער האָט פאַר זיך פערנומען אלע וועלדער און אלע ווינד־

מיידלעך פון דעם שטורעם־שפּיעלער וואָו־וואָ־הו, ביז ער האָט געגומען טראַכטען ווי אוועקצוגעהמען ביי דעם גוטען פעטער שנייער זיין איינציגע טאָכטער — דזין־דזין...

וועך איז פּיף־פּאַף־פּאַף?

ער איז דער יעגער מיט'ן גרויסען ביקס איבער די אקסעל און מיט דעם שטאַרקען פלינקען פערד. זיין פערד איז גרויס און לאַנג און איז אויבען ווייס ווי שניי און אונטען שוואַרץ ווי נאַכט. בייטאָג האָט יעגער פּיף־פּאַף־פּאַף זיך ליעב צו יאָגען מיט זיין פערד און מ׳ט זיין ביקס נאָך די בערען אין די וועלדער, און ביינאַכט האָט ער ליעב צו היטען די ווינד־מיידלאָך, ווי זיי טראָגען זיך ארום אין דער לופטען, ווי זיין קלייבען צונויף שטיקער האַלץ און צינדען זיי אָן מיט דעם שיין פון זייערע בלויע אויגען... מעהר אבער פון אלע אנדערע מיידלאָך האָט פּיף־פּאַף־פּאַף ליעב צו היטען די טענצעריין דזין־דזין...

יאָ, ניט נאָר וואָו־וואָ־הו, ניט נאָר קריק־קריק פּראָסט, נאָר אויך יעגער פּיף־פּאַף־פּאַף האָט זעהר ליעב דעם פעטער שנייער'ס טאָכטער, די מיידעל דזין־דזין. אפילו די האָר פון זיין קאָפּ, אפילו די נעגעל פון זיינע פיס האָבען ליעב די שטיפעריין דזין־דזין. דזין־דזין אבער האָט נאָר ליעב דעם שטורעם־שפּיעלער וואָו־וואָ־הו. פלעגט דערפאַר אָפט יעגער פּיף־פּאַף־פּאַף פאַר כעס אוועקשליידערען זיין גרויסען ביקס און אוועקטרייבען זיין פלינקען פערד און פלעגט זיך נעהמען שלאָגען מיט זיין קאָפּ אָן די בוימער פון די וועלדער, און פלעגט פאַר כעס טראַכטען, אז ער וועט זי נאָר א׳נגאַנצען איבערגעבען אין די הענד פון דעם בייזען קריק־קריק פּראָסט.

און איינמאָל, ווען די שעהנע דזין־דזין האָט איהם אלץ ניט געוואָלט ליעב האָבען, און זי האָט זיך נאָך אויסגעלאַכט פון איהם און פון זיינע גרינע אויגען, איז ער גלייך אוועק צו קריק־קריק פּראָסט און האָט איהם געזאָגט:

— איך ווייס ווי אזוי דו קאָנסט אריינקריגען די קליינע דזין־דזין אין דיינע וועלדער.

— ווי אזוי ? — האָט נעפרעגט דער שטאַרקער קריק־קריק פּראָסט און האָט זיך אויפגעהויבען...

ביי יענער פּיף־פּאַף־פּאַף האָבען זיך אַנגעצונדען זיינע גרינע אויגען און ער האָט געזאָגט :

דו גיב אַוועק דעם ציגיינער וואָו־וואָ־הו עטליכע פון די וועלדער, וואָס דו האָסט ביי איהם פערנומען. זי האָט איהם ליעב און ער וועט זי ברענגען צו דיר, ווייל ער דאַרף די וועלדער, ווייל ער האָט ניט וואוהין צו פערפיהרען די מיידלאַך, וואָס ער פערנאַרט.

קריק־קריק פּראָסט האָט ליעב געהאַט יעדען בוים פון די וועלדער. און וויפיעל ער האָט געהאַט, איז איהם אַלץ קאַרג געווען. פאַר דער קליינער דזין־דזין אָבער האָט ער אָפּגעצעהלט שטאַרקע דרייצעהן וועלדער, ווייל קריק־קריק פּראָסט האָט געוואוסט, אַז אַליין וועט ער די שעהנע דזין־דזין קיינמאָל ניט קענען אַוועקנעהמען פון איהר טאַטען, דעם פּעטער שנייער, ווייל דער פּעטער שנייער האָט איהם אַליין אויף זיינע הענט געטראָגען, ווייל דער פּעטער שנייער האָט איהם געגעבען ברויט און זאַלץ און פּאַטער־ליעבע...

און ווען וואָו־וואָ־הו האָט פאַר זיך דערזעהן דרייצעהן שטאַרקע וועלדער, האָט ער ניט אויסגעהאַלטען. ער איז אַוועק און האָט זיך בעהאַלטען אונטער אַ בוים ניט ווייט פון דעם פּעטער שנייער׳ס הייזעל און האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּיעלט, אַז דער דאַך איז אַרונטערגעריסען געוואָרען, אַז די פענסטער זיינען אַרויסגעפאַלען, ביז דזין־דזין האָט פערלאָזען דעם טאַטען און זיין הויז, ביז זי איז איבערגעגעבען געוואָרען צו קריק־קריק פּראָסט, ביז מען האָט איהם אָפּגעצעהלט די דרייצעהן וועלדער.

און דעם פּעטער שנייער׳ס הייזעל איז פון דעמאָלט אַן פערבליבען אָהן פענסטער און אָהן אַ דאַך. און אַ שטילער, אַ ליכטיגער און אַ פערטראַכטער זיצט ער דאָרט איינער אַליין און שפּינט די ווייסע שניי־נעצעס דורך טאָג און דורך נאַכט און לאָזט זיי אויפ׳ן ווינד, ווען עס קומט די צייט.

און ווען עס בעפאַלט וואָו־וואָ־הו׳ן אַ בענקען נאָך דער קליינער

דזין־דזין, וואָס מען האָט ביי איהם אויסגענאַרט, גנב'עט ער זיך אַריין אין קריק־קריק'ס וועלדער מיט זיין פידעל און זיין סמיק. און ווען קריק־קריק פראָסט ווערט פון דעם אַזוי אויפגערייצט, אז ער איז גרייט אומצוברייינגען די וועלט אין זיין כעס, דעמאָלט פערלאָזט דער ליכטיגער פעטער שנייער זיין צוברעכען הייזעל. א שטילער, א בלאסער און א לויטערער געהט ער ארוים אויף דער וועלט. זיינע גרויסע און ליכטיגע אויגען קוקען אַזוי, אַז יעדער בייזער און שולדיגער, וואָס בעגעגענט זיך מיט זיי, לאָזט אַפּ הענט און פיס... מעג דאָס זיין א הונט, וואָס האָט נים קיין היים און האָט ניט קיין חבר, אַן אומגליקליכער הונט, וואָס זעצט זיך צו אין א קאַלטער ווינטער־נאַכט ערגעץ אין עק פון א דאָרף און נעהמט זיך פאַנאַנדערבילען זיין שווערען וועה אין דער קאַלטער נאַכט; מעג דאָס זיין א הונגעריגער וואָלף, ווען די שאַרפע קעלט נעהמט טרייסלען די דאַרעביינער, און ער לויפט מיט ווילד אַנגעצונדע־נע אויגען פון זיין וואַלד ארוים; מעג דאָס זיין אפילו דער שטאַרקער קריק־קריק פראָסט, ווען ער וויל אין זיין בייזען כעס אומברייינגען די וועלט. — בעוווייזט זיך נאָר אויפ'ן ברעג פון דער ערד די שטילע גע־שטאַלט פון דעם ליכטיגען פעטער שנייער, מיט די ווייסע נעצען, מיט די גרויסע און ליכטיגע אויגען, וואָס האָבען איצט אויף דער וועלט נאַרנים, פאַלט אַפּ זייער כעס און זייער בייזער. און בעגעגענען זיי זיך מיט זיינע בליקען, לאָזען זיי אַפּ הענט און פיס און ווערען שטיל און גוט און פרום.

— און ווער איז בעטלער אַך־האַך־אַך?

— ער איז גרוי ווי די ערד נאָך זומער. ער האָט א שטעקען מיט א טאָרבע און א פּעקעל מיט מעשה'לעך פאַר יונג און אַלט, מיט מעשה'לעך פאַר קינדער.

אמאָל אין א גרויסען ווייסען ווינטער האָט געטראָפען, אז בעטלער אַך־האַך־אַך איז זיך געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף און איז פערגאַנגען אין א וואַלד אויף נאַכט.

אַך־האַך־אַך איז געוועזען מיעד פון וועג, האָט ער ביי זיך אַפּגע־

מאכט: וואוהין וועל איך גיין אין דער נאכט דורך אזא גרויסען פרעמ־דען וואלד? איך וועל פאר מיר בעסער דא ערגעץ אויפזוכען א זיכערען פלאץ, וועל זיך צושפּארען אויף מיין טארבע און וועל דא איבער זיין די נאכט.

און ווען אך־האך־אך האט זיך געלאזט גיין זוכען א זיכערען פלאץ פאר זיך, האט זיך פאר איהם מיט אמאל בעוויזען אן אפענער טהאל אין וואלד. אין דעם טהאל איז געשטאנען א פערפרוירענער טייך און אויפ'ן מיטען טייך איז געשטאנען א צובויגענער בוים.

דער בוים איז געשטאנען ווי אויף אומצופאלען...

און ווען אך־האך־אך האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו דעם בוים, האט ער דערזעהן, ווי פון דעם בוים הויבט זיך אויף א דינער מענש. דער מענש האט געהאט הויכע פיס און שרעקליך לאנגע און דארע הענט און ער איז צוגעקומען צו אך־האך־אך און האט געפרעגט:

— ווער ביזטו?

האט איהם אך־האך־אך געענטפערט:

— איך בין א בעטלער.

האט דער מענש איהם ווייטער געפרעגט:

— בעטלער, קומסטו אהער פון ווייט?

— יא, איך קום אהער פון ווייטע וועגען, — האט אך־האך־אך גע־ענטפערט.

— האסטו וואו בעגעגענט דעם פעטער שנייער? — האט זיך דער מענש געפרעגט.

— ניין, — האט אך־האך־אך געענטפערט, — נים געזעהן און נים געהערט.

— ווייסטו, בעטלער, אז היינט איז א יום־טוב אין דעם וואלד?— האט דער מענש געזאגט.

— א יום־טוב?! — האט אך־האך־אך געפרעגט. — פאר וואס און פאר ווען?..

איז דער דינער מענש געווארען נאך דינער און לאנגער און האט געזאגט:

— עס איז א יום־טוב, ווייל איך שפּיעל באַלד אויף און ברענג אראָפּ א שטורעם אין דעם וואַלד.

בלייבט אַך־האַך־אַך אזוי צושראָקען שטעהן, קניימשט זיין שמערען, טאַפּט זיין שטעקען, ווייסט ניט וואָס דאָס זאָל באַטייטען און ער פרעגט:

— וואָס הייסט, דו ברייננסט אראָפּ א שטורעם אין דער נאַכט אהער אין וואַלד ?!...

שפּריים דער דינער מענש פאַנאַנדער זיינע שרעקליך לאַנגע און דינע הענט, וואַקסט מיט אמאָל אין איינער פון זיי אויס א פּיערדעל און אין דער אנדערער א סמיק, די האָר הויבען זיך איהם אויף אין דער לופ־טען און ער זאָגט :

— איך בין וואָר־וואָ־הו — דער שטורעם־שפּיעלער.

האָט אַך־האַך־אַך צועפּענט מויל און אויערען, נעגומען מיט שרעק קוקען אויף דעם שטורעם־שפּיעלער וואָר־וואָ־הו, און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

און איידער וואָס ווען, איז דער גאַנצער וואַלד ווי דורך א כישוף פערשפּרייט געוואָרען מיט פאַנאַנדערגעלעגטע בלויע פייערען און אזוינע מאָדנע מיידלאַך מיט אזוינע צינדערנדיגע בלויע אויגען האָבען זיך ארומ־געדרעהט ארום די פייערען, מיידלאַך, וואָס האָבען זיך אַלע מאָל אויפגע־הויבען אין דער לופט ווי שטיקער ווינד.

— און וואָס איז דאָס ?! — האָט אַך־האַך־אַך געפרעגט, זיך אָנ־האַלטענדיג אָן זיין שטעקען און אָן זיין טאָרבע...

וואונדערט זיך וואָר־וואָ־הו און פרעגט :

— וואָס, בעטלער, דו האָסט דאָס נאָך גאָר קיינמאָל ניט געזעהן ?!

— ניין, — ענטפערט אַך־האַך־אַך. — ניט געזעהן און ניט גע־הערט.

— מיט מיין שפּיעלען האָב איך, בעטלער, פערפיהרט אין די וועל־דער די שעהנסטע מיידלאַך פון דער וועלט און האָב זיי דאָ געמאַכט פאַר ווינד־מיידלאַך. איז נאָכדעם געקומען קריק־קריק פראָסט און האָט פער־נומען די וועלדער מיט די מיידלאַך. קריק־קריק פראָסט איז גרוי ווי א זיידע, און זיינע וועלדער זיינען איצט גרויס ווי די וועלט. און זיינען

פול מיט מיינע ווינט־מיידלאך, און קומט אַן די נאכט נעהמען זיך מיינע מיידלאך מיט זייערע בלויע אוינגן צינדען אַט די פייערען אין די וועלדער, און ווען עס שטארקען זיך די פייערען, שטארקט זיך דער פראסט, ווערט דער זיידע פון דעם צופריעדען און לאָזט זיך געהן איבער די וועלדער. ער ברעכט בוימער און ווארפט זיי אין פייער, ער שפּאַלט מיט זיינע הענט אין שטיקער די שטארקסטע דעמבעס, און מיינע מיידלאך האָבען ליעב פייער, כאַפּען זיי מ׳ט פרייד אונטער די שטיקער און ווארפען זיי אין פייער און צולעגען נאָך אַלץ נייע און נייע פייערען און די פייערען קנאקען זיך פאנאנדער. — אַט, הערסט ווי זיי קנאקען ? !

ווען וואָר־וואָ־הו איז שטיל געוואָרען, האָט אַך־האַך־אַך זיך אומגעקוקט אויף דעם וואַלד, וואָס איז מיט אמאָל געוואָרען גרויס ווי די וועלט... אוי׳ף די שפּרינגענדיגע און פליהענדיגע ווינד־מיידלאך, אויף די בלויע פייערען, וואָס האָבען אזוי מורא׳דיג געקנאַקט אין דער נאכט, אז א גרויל איז אריבער זיין לייב, און ער האָט ווי פאר זיך אָפּגעזאָגט :

— אַך־האַך־אַך ! וועט, הייסט דאָס, באַלד ווערען א ברענענדיגער פראָסט ?

— א פראָסט און א שטורעם, — האָט וואָר־וואָ־הו צוגעלעגט.

— און נאָך א שטורעם אויך ? ! אַך־האַך־האַך !

— יאָ, — האָט וואָר־וואָ־הו געענטפערט. — ווייל איך וועל באַלד אויפרייצען דעם אַלטען קריק־קריק פראָסט און זיין נארישען דיענער, יענער פיף־פאַף־פאַף. די ווינט־מיידלאך וועלען זיך באַלד נעהמען יאָגען און טראָגען איבער פעלדער, איבער וועלדער, איבער שטעדט און איבער דערפער. און דו, בעטלער ! —

קוק אהין
און קוק אהער !
איינס !
צוויי !
און שטעה !

און ווי נאָר וואָר־וואָ־הו האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז אַך־האַך־אַך מיט

איהם שוין געשטאַנען אויף א בערגעל ביי אן אויסגעהיילטען בוים, און ביי דעם בוים האט צו איהם וואַר־וואַ־הו אזוי געזאגט:

— בעטלער! — אביסעל וועט דיר אט דער בוים פון מיין שטורעם־שפּיעל בעשיצען, און נאכדעם וועט אפשר דער פעטער שנייער קומען אין צייט, וועט זיין שניי דיך איינדעקען.

— צך־האך־צך! — האט דער בעטלער אפּגעזיפצט און איז אריינגעקראכען אין דעם אויסגעהיילטען בוים, וואס אויפ'ן בערגעל. פון דאָרט האט ער געקענט זעהן אלץ וואס קומט פאר אין וואלד און איבער'ן וואלד.

און וואַר־וואַ־הו האט גלייך פאנאנדערגענומען זיינע לאנגע, דאַרע הענט, ווי צוויי שפּיצינגע פלינלען. אין איין האנד איז געווען זיין סמיק. אין דער אנדערער זיין פיעדעל, און ער איז מיט איין מאך א פליה געטהאן צום אייז, צו דעם צוקנייטשטען דארען בוים, וואס שטעהט ווי אויף אומצופאלען.

און ווי נאר וואַר־וואַ־הו האט זיך אראפּגעלאזט נעבען בוים, האט ער גלייך ארויפגעלעגט זיין סמיק אויף די סטרונעס און די פיעדעל האט גענומען רופען.

האט א ווינט־מיידעל דערהערט — מען רופט, איז זי ארויס פון דעם וואלד צום אייז, זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אז דאס איז דער ציגיינער וואַר־וואַ־הו, דער שטורעם־שפּיעלער.

וואַר־וואַ־הו האט אבער אלץ ניט אויפגעהערט צו רופען מיט זיין פיעדעל.

האט די מיידעל פערשטאנען, אז מען מיינט ניט זי, האט זי אויפגעהויבען איהר קאפּ און איהר האנט און איהם געהאָלפען רופען. איז אנגעקומען נאך און נאך א מיידעל. וואַר־וואַ־הו אבער האט מיט אמאל גענומען שפּיעלען, אזוי, אז זיין פיערעל האט פון מאל צו מאל גענומען קלאָר און שארף רופען:

דזין־דזין!

דזין־דזין!

דזין־דזין־דזין!—

האבען די אנגעלאפענע מיידלעך גענומען לויפען אין אלע זייטען און האבען אינאיינעם מיט דעם פיידעל געזוכט און גערופען:

דזין־דזין!
דזין־דזין!
דזין־דזין־דזין!...

און אך־האך־אך איז זיך געלעגען אין דעם אויסגעהוילטען בוים און געטראכט:

וואס איז דאס פאר א דזין־דזין?

האט איהם דער אויסגעהוילטער בוים געענטפערט:

„דזין־דזין איז די מיידעל, פאר וועלכער קריק־קריק פראסט האט אפגעצעהלט שטארקע דרייצעהן וועלדער.

„זי איז דעם זיידען טהייער ווי דער שווארצאפּעל פון אויג.

„זי האט אבער ליעב דעם שפּיעלער וואר־וואַ־הו.

„זי האט ליעב צו טאנצען אונטער זיין פיידעל און זיין סמיק.

„און ווען די פיידעל רופט אין מיטען פון איהר טאנצען אויס:

דזין־דזין! שפּרינגט זי אויף אין דער לופטען פון פרייד.“

טראכט פאר זיך אך־האך־אך:

פאר וואס זשע קומט זי ניט, אז זי האט איהם אזוי ליעב?

נעהמט דער בוים ווייטער רעדען און זאגט:

„דזין־דזין האט היינט מורא מעהר ווי אלע מאל.

„זי ווייסט, אז פיף־פאף־פאף מיט די גרינע אויגען ליעגט ערגעץ אין א לאך ניט ווייט פון איהר און ווארט אפ איהר יעדער טראט.

„זי ווייסט אויך, אז דעם זיידען — קריק־קריק פראסט, געהט דאס היינטיגע נאכט זעהר גוט.

און נאכדעם,

ווען ער וועט אנברעכען א סך בוימער,

ווען ער וועט אנשפּאלטען א סך האלץ,

ווען די בלויע פייערען וועלען שוין זיין צושפּרייט איבער אלע וועלדער,

וועט ארום די פייערען וועלען אלע ווינט־מיידלאך טאנצען אין פרעהליכע רעדער,

וועט זיך דעם ויידען פערוועלען האבען נעבען זיך זיין דזין־דזין, פאר וועלכער ער האט אפגעצאהלט די דרייצעהן וועלדער."

פערנעהמט אך־האך־אך די רייד פון דעם בוים און זעהט, אז וואר־ווא־הו וויל פון גארניט וויסען, זיין פידעל רופט אלץ אויף רופט, און די מיידלעך גליטשען זיך איבער'ן אייז אהין און אהער און שרייען אויס און הילכען אפ. און ווארוואדהו'ס לאנגע הענט צורייצען זיך אלץ מעהר און מעהר, צורייצען זיך אויך די טענער און די מיידלאך און נעהמען זיך ארומטראגען כעס'דיג און ווילד. און אט האבען זיך די מיידלאך גאר גענומען בארוועס קלעטערען אויף די פערשנייטע בוימער. פון דארטען האבען זיי פערציטערטע און צושראקענע גענומען קוקען און זוכען איבער דעם ווייסען און ווייט צוצווייגטען ווילדען וואלד, און זיי האבען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער גענומען שרייען און רופען:

דזין־דזין!

דזין־דזין!

דזין־דזין־דזין!

האבען זיך אויף זייערע געשרייען אנגעטראגען נייע כוואליעס און כוואליעס ווינט־מיידלאך און זיי זיינען אלע פערכאפט געווארען פון דעם דזין־דזין געשריי, און האבען פון זיך ארונטערגעווארפען זייערע ווייסע שניי־שלייערס און זיינען ארויסגעשפרונגען אין זייערע בלויע ווינט־העמדער, און האבען זיך אומגעקוקט צושראקענע, און האבען מיט שרעק דערזעהן, אז דזין־דזין איז צווישען זיי ניטא. זיינען זיי דערפאר אלע מיט איין מאל אראפגעשפרונגען פון די בוימער מיט אנגעבראכענע צווייגען אין די הענט, און האבען זיך מיט די שפיציגע צווייגען גענומען שמייסען איי־נע די אנדערע. און אט האבען זיי גאר אויסגעשטשירעט זייערע ווייסע שפיציגע ציינער און האבען זיך גענומען בייסען מיט אזא בייזקייט, אז אך־האך־אך האט פון דעם דערפיהלט א שרעקליכען גרויל אין זיינע קאל־טע ביינער. און אט האבען ביי די ווינט־מיידלאך מיט אמאל אויפגע־גלאנצט זייערע אויגען מיט א בייזען פייער און זיי האבען מיט זייערע

אויסגעשטשירעטע צייהן זיך גענומען בייסען די לופט, ווי זיי וואָלטען פון איהר שטיקער רייסען. און נאָכדעם האָבען די מיידלאַך נאָר אויפגע־הויבען זייערע קעפּ און האָבען זיך פאַנאַנדערגעבילען ווי הינט...

איז אַך־האַך־אַך פון דעם שיער אָהן אָטהעם געבליבען. עס האָבען איהם גענומען פריהרען די האָר אויפ'ן קאָפּ. האָט שוין די שעהנע דזין־דזין לענגער ניט געקענט אויסהאַלטען און איז מיט אַמאָל פון ערגעץ אויפגעשפּרונגען און האָט זיך גענומען לייכט קייקלען און שפּרינגען אי־בער בארג און טהאָל...

האָבען ביי דעם יענער פּיף־פּאַף־פּאַף זיך אָנגעצונדען זיינע גרינע אויגען און ער האָט זיך גלייך ארויפגעכאַפּט אויף זיין גרויסען לאַנגען פערד, וואָס איז אויבען ווייס ווי שניי און אונטען שוואַרץ ווי נאַכט, און ער האָט זיך גענומען יאָגען נאָך איהר פון טהאָל צו טהאָל, פון בארג צו בארג, פון וואַלד צו וואַלד. דאָס פערד האָט זיך געטראָגען שנעלער פון א ווינד אין פעלד, שנעלער ווי א פייל פון בויגען. און ווען דער יע־נער מיט די אָנגעצונדענע גרינע אויגען האָט דערזעהן, אז ער קען זי פּאָרט ניט אָניאָגען, האָט ער גענומען שיסען פון זיין גרויסען ביקס:

— פּיף־פּאַף־פּאַף! — האָט גענומען קנאַלען איבער'ן וואַלד ביין און שוער — פּיף־פּאַף־פּאַף!!!...

זיינען נאָך יעדען שאָס פון אַלע זייטען אויפגעשפּרונגען הונדער־טער און הונדערטער ווינט־מיידלאַך און האָבען זיך הוזשענדיג און קווי־טשענדיג גענומען נאָכפליהען נאָך פּיף־פּאַף־פּאַף און נאָך זיין פערד.

דזין־דזין אָבער האָט זיך געקאַטשעט און איז געשפּרונגען איבער די טהאָלען און בערג שנעלער פון פּיף־פּאַף־פּאַף און פון זיין פערד. זי האָט געטאַנצט און איז געשפּרונגען איבער דעכער, איבער שניי און אי־בער בוימער און האָט זיך בעוויעזען אויפ'ן אייז. — — —

און ווי נאָר דזין־דזין האָט זיך בעוויעזען אויפ'ן אייז, האָט זיך דערהערט קריק־קריק פּראָסט'ס ווילדסטער בייזער. עס האָט אויפגעצי־טערט דער גרויסער אַלטער וואַלד. עס האָט זיך אויפגעשלאָגען א געדיכ־טער ווייסער שטויב. עס האָבען גענומען קנאַקען צווייגען און פּלאַצען בוימער. דאָס אייז האָט זיך גענומען אין שטיקער רייסען, עס האָבען אויפגעציטערט שטערט און דערפער. — — —

און דער אויסגעהווילטער בוים האט דעם אָרימען אַך־האַך־אַך לענגער נים געקענט בעשיצען, און אַך־האַך־אַך איז ארויסגעפאלען צו דער ערד ווי א שטיין.

ערגעץ אוים'ן עק פון דער ערד האט זיך אבער באלד בעוויעזען די בלייכע געשטאלט פון דעם ליכטיגען פעטער שנייער. וואס האט אויף דער וועלט גאר נים, נאר אזוינע ווייסען געצען און אזוינע קלארע אויגען, וואס יערער בייזער און שולדיגער ווערט פאר זיי אפּהענדיג...

דער ערשטער, וואס האט דערזעהן דעם פעטער שנייער אין יענער נאכט, איז געווען א הונגעריגער וואלף, וואס האט זיך פאנאנדערגעוואָיעט ביים ברעג פון וואלד. און ווי נאר דאס ערשטע שנייעלע האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער נאז פון דעם צרייצטען קריק־קריק פראסט, האט זיין כח גענומען שווינדען, און ווען עס האבען פאר איהם אויפגעשיינט דעם פעטער שנייער'ס וואונדערבארע אויגען, האט ער מיט אמאל אפּגעלאזט הענט און פים.

א געדריכטער שניי האט גענומען איינדעקען און בערוהיגען דעם אלטען וואלד.

און דער שניי האט אויף דערפרישט אַך־האַך־אַך'ס דערפרוירענע גליערער.

און דער שניי האט אויך אפּגעמינטערט אַך־האַך־אַך'ס פער'חלש'טע הארץ.

נאכדעם האט גלייך גענומען ברעכען אויף טאג, און אין וואלד איז אריין די זון — דער גרויסער גאלדענער פויגעל — קי־קו־קי, וואס דער רייכער ווא־לא־לא האט נאך פאר זיין ערשטען אוועקגעהן געשענקט דער ערד.

— קי־קו־קי, דו אלטער וואלד! — האט די זון אויסגעשריען — אט האב איך דיר געבראכט א נייעם מארגען!

האבען די בוימער פון דעם פערשנייטען אלטען וואלד אויפגעשיינט ווי לאבענדיגע קינדער. און האבען זיך גענומען בארען אין דעם גאלדענעם מארגען.

דריטע טהייל:

דער גבור.

און יפתח פון גלעד איז געווען אַ
גרויסער גבור, און ער איז געווען
דער זוהן פון אַ זונה.
(שופטים. י״א.)

א.

וועלט איין, וועלט אוים.

און אמאָל איז געווען א גבור.

און דער גבור האָט געוואוינט מיט זיין טאָכטער אין זיין ווייס געצעלט אויף א הויכען בארג,

און אויפ'ן שפּיץ פון דעם בארג איז געווען א הויכער פעלז.

און אויפ'ן הויכען פעלז איז געשטאַנען א פיערעקיגער טורעם, וואָס איז געווען ארומגעשטעלט מיט בלאַנקע שווערדען און שפּיזען.

און אויפ'ן שפּיץ פון פיערעקיגען טורעם האָבען זיך צושפּרייט דריי גאָלדענע פיילבויגען, פון וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך א טורעם, א רונדער, א שפּיציגער.

און דער רונדער שפּיצינער טורעם האָט זיך פערשניטען מיט זיינע שאַרפע שפּיזען און מיט זיין הויכען שפּיץ גלייך אין הימעל אריין.

און אויף דעם הויכען שפּיץ פון דעם אויבערשטען טורעם איז געשטאַנען א ווייסע טויב מיט א גרינעם בלאַט אין מויל.

די טויב האָט דער גבור געהייסען ארויפשטעלען אויף זיין טורעם נאָך דעם, ווי ער מיט זיינע פרייע מחנות האָבען אָנגעוואָרפען א שרעק אויף די אַלע ארומיגע ווילדע שבטים, עס זאָל הייסען:

„פריעדען הערשט אין לאַנד“.

עס זאָל הייסען:

„ער גלויבט אין דעם גערעכטען גאָט — יהוה, — אין דעם גאָט,

וואָס האָט געשוואָרען צו זיינע עלטערען, מעהר ניט צו ברענגען קיין מכ:ל אויף דער וועלט. —

„און מיט דעם שווערט דער גבור צו די אנדערע שבטים, מעהר ניט אַנצופאַלען אויף זיי."

און רוה און פריעדען האָט געהערשט אין דער גאַנצער בערגינגער געגענד, וואָס אַרום דעם באַרג.

רוהיג און פריעדליך פלעגט זיך טראָגען אין דער טיעפער בערגינגער נאַכט דאָס געזאַנג פון די פאַסטוכער:

עס איז דאָ אַ גערעכטער גאָט
אין הימעל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער גאָט
אין הימעל.
עס איז פאַראַן אַ גרויסער מאַן —
אונזער גבור.
עס איז פון אַלע גרעסער, שטאַרקער —
אונזער גבור.
ער האָט ליעב זיין פאָלק, ווי זיין טאָכטער —
זיין שושנה.
ער האָט ליעב זיין פאָלק, ווי זיין טאָכטער —
זיין שושנה —
זיין שושנה — — — —

און דאָס געזאַנג פלעגט זיך איבערוועבען מיט'ן שפיעלען אויפ'ן פייפעל, מיט'ן קלאַפּען אין בלעך, מיט'ן טאַנצען און אַרומנעמען זיך פון די חברים מיט די חבר'טעס און מיט'ן זיידענעם גערויש פון די לאַנגע טייכען, וואָס האָבען צופריעדען געטראָגען זייערע בלויע וואַסערען איבער דעם רייכען פעטען לאַנד.

און אַרום די צולייגטע פייערן פלעגען זיך צונויפקומען די קריעגער און פלעגען זיך פריעדליך דערצעהלען וועגען זייער גבור.

און זיי פלעגען זיך דערצעהלען פון יענער צייט ווען זייער גבור איז נאָך געוועזען צווישען די בערג פון גלעד.

און ער איז געווען דער ליעבסטער זוהן פון דעם הערשער און שופטי גלעד.

און ער איז פון דאָרטען פערטריבען געוואָרען.

און פונקט דאַן, ווען ער איז געקומען פון אַ זיגרייכער מלחמה.

און דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק און זיינע ברידער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם עלטסטען ברודער, וואָס האָט זיך גענומען רופען „אבי בעל“ האָבען גע׳טענה׳ט:

„ער איז ניט פון דעם הערשער׳ס ערשטער ווייב.

„און מיר ווילען ניט, אַז אַ זוהן פון אַ פרעמדער זאָל אויף אונז קעניגען!“

„ער איז דער זוהן פון אַ פרעמדער! פון אַ זונה! — האָבען זיי געשריען מיט זייערע העלזער אין אַלע גאַסען.

און שטיל, ביי זיך אין הארצען, האָבען זיי גערעכנט:

„ער איז דער, וואָס לאַכט און שימפּפט פון דער עשתורת, פונ׳ם בעל און פונ׳ם מולך, די גוטע געטער, וואָס מיר נעמען איבער פון די שטאַרקע עמונים.

„און ער רופט אונז נאַראָנים.

„און ער רופט אונז זינדער.

„און ער נעמט אין זיינע מחנות ניט אַריין קיינעם פון אונז, וואָס גלויבט אין די געטער.“

*

און עס ווערט דערצעהלט:

„און עס איז געווען אין מיטען דער נאַכט.

„און זיין געוועהר־טרעגער, דער גוטער רמלית, האָט איהם פּלוצלינג אויפגעוועקט:

„גבור, שטעה אויף!

„דאָס פערד איז שוין געזאַטעלט!

„לויף שנעלער פונ׳ם ווינד!

„לויף! און זאָלען דיר די גרענעצען פון גלעד אַנטקעגען שפּרינגען!

„און זאָלען זיי בלייבען ווייט הינטער דיר.
„לויף! און זאָל דיין פּנים ניט קוקען אויף הינטען.
„דיינע גיטער זיינען אין פייער!
„דיינע ווייבער געשענדט אין מיטען מאַרק!
„דיינע קינדער געטוידט!
„דאָס פאָלק איז צורייצט.
„עס האָט פערגעסען אינ׳ם גוטס, וואָס דו האָסט פאַר איהם געטהאָן.
„לויף, לויף!
„איך וועל דיך שפּעטער אָניאָגען.“

*

די בלויע נאַכט האָט זיך דאַן צושפּיעלט מיט׳ן שיין פון די שטערען און פון דער פולער לבנה.

און דער גבור איז געלאָפען אין דער נאַכט אויף זיין שנעלען רויטען פערד.

און ער האָט זיך מיט זיין שווערד דורכגעריסען דורך די מחנות קריעגער, וואָס האָבען איהם געזוכט און וואָס זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען.

און ער איז אויף זיין פערד איבערגעשוואומען דעם, מיט לבנות פערשפּיעגעלטען, טייך ארנון.

און מען האָט איהם נאָכגעיאָגט.

און ער איז ווייטער געלאָפען.

און ער איז געלאָפען אזוי לאַנג און אזוי שטאַרק ביז דאָס פערד איז אונטער איהם געפאַלען.

און עס איז געווען, ווען דאָס פערד איז אונטער איהם געפאַלען, האָט זיך אויף איינעם פון די בערג צו איהם בעוויזען אברם — דער גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד.

אין איין האַנד האָט דער גרייז געהאַלטען א הויכען שטעקען.

און מיט דער צווייטער — פאַר׳ן צוים — א גרויסען, שווארצען פערד.

און דער גרייז האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

„דאָס פערד איז צו דיר.
„און דו זאָלסט שטענדיג גערענקען אין דעם אמת'ן גאָט.
„ער איז דיין בעשיצער.
„און ער וועט דיר העלפען.
„און דו וועסט נאָך ווערען דער שטארקסטער צווישען די אידען.
„און דו זאָלסט זיי ניט גערענקען דאָס שלעכטס!" —

*

לאַנג האָט דער גבור געוואַנעלט אַליין צווישען די בערג.

און דער גבור האָט געליטען הונגער און קעלט, ביז רמליהו איז צו איהם געקומען מיט א מחנה קריעגער.

און רמליהו האָט איהם אויך מיטגעבראכט זיין קינד, זיין שושנה, דאָס איינציג איבערגעבליבענע פון זיין הויזגעזינד. —

און נאָך דעם האָבען זיך ארום דעם גבור צונויפגעקליבען אַלץ נייע און נייע קריעגער.

אזעלכע, וואָס האָבען שוין ניט איינמאָל געזיגט אונטער זיין פיהרערשאפט.

און אזעלכע, וואָס זיינען ביז דאַן אומגעגאנגען פוסט און לעדיג און אז זיי האָבען דערהערט פון דעם גבור'ס גרויסקייט האָבען זיי זיך פערטראכט וועגען דעם גערעכטען גאָט יהוה. און זיי האָבען זיך פאר שווערד און בויגען גענומען און זיי האָבען זיך אָן איהם אָנגעשלאָסען און זיינען מוטהיגע קריעגער געוואָרען.

און עס ווערט אויך דערצעהלט, ווי זיי האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די ווילדע שבטים.

און פון די גבורות, וואָס דער גבור האָט דערביי ארויסגעוויזען.

און נאָכדעם האָבען זיי בעזעצט און בעפעסטיגט דאָס לאַנד.

און אויף דעם פּלאַץ, וואו דער גבור האָט זיך בעגעגענט מיט'ן גרויסען גרייז און פון איהם געקראָגען זיין שווארצען שלאכט-פערד, שטעהט איצט דער בלאנקער טורעם מיט דער ווייסער טויב אויפ'ן שפּיץ.

... אזוי פלעגט זיך זינגען און דערצעהלען אין דער טיעפער נאכט.

און דער הימעל פלענט זיך דערביי שפּריימען הויך און ווייט אַריבער דער וועלט, ביז אַריבער די ווייטסטע בערג, ביז אַריבער דער גרויסער, ווייטער סטעפּ, וואָס איז לינקס צו דער מדבר.

און דער הימעל איז אין יענעם לאַנד בלויער ווי אויף דער גאַנצער וועלט. און די לופט איז דאָרט ווי דער הימעל בלוי, און איז ריין און דורכזיכטיג־דין.

מען קען אין דער נאַכט צעהלען די בוימער פון די וועלדער, וואָס אויף די נאָהענטע און ווייטע בערג.

... און די שטערען זיינען דאָרט גרעסער ווי אויף דער גאַנצער וועלט, און זייער שיין פלענט זיך שפּינען, ווי אַ דורכזיכטיג־ווייסע דעק, איבער די טשערעדעס שאָף און רינדער, וואָס זיינען געווען צואוואָרפען אויף מיילען און מיילען, צווישען די בערג און אין די טהאָלען.

און פלענט טרעפען — אויף איינעם פון די גאָר ווייטע בערג פליהט אַרויס פון וואַלד אויף זיין פלינקען פערד אַן עמוני, זיך נאָכיאָגענדיג נאָך אַ הירש, צו נאָך אַן אינד און די קריגענער דערזעהען אין דער דורכזיכ־טיגער בלויקייט ווי חוצפה׳דיג שנעל דער עמוני יאָגט זיך דאָרט אויפ׳ן באַרג, אַרויף נעבען די שטערען, ווי ער דערגרייכט דאָרט די חיה, ווי ער כאַפּט זי מיט זיין שפּיז — און זיי קוקען זיך אום און זיי שמייכלען זיך איבער מיט אָנגעצונדענע אויגען...

און זיי דרעהען אוים זייערע קעפּ צו זייערע פערד, וואָס פיטערען זיך ניט ווייט פון זיי.

עס נעמט זיי אָן אַ ווילדער חשק אַרויפצושפּרינגען אויף די פערד, און ניט ווילענדיג פלענען זיי הויבען זייערע אויגען הויך אין דער נאַכט אַרויף צום שפּיץ באַרג, צום בלאַנקען טורעם, צו דער ווייסער טויב —

און דער טויב׳ס קעפּעל איז אויסגעצויגען, די פליגלען זיינען פאַר־נאַנדערגעלאָזען.

עס דאַכט זיך, די ווייסע טויב איז גאָר וואָס אָנגעפלויגען און וויל זיך דאָס ערשט אַראָבלאָזען אויפ׳ן שפּיץ, אָדער אַז זי לאָזט דאָס ערשט פאַרנאַנדער איהרע פליגלען אויף אָוועקצופליהען. — — — — —

ב.

און רוה און פריעדען האָט געהערשט צווישען די קריעגער.

נאָר ניט רוהיג איז געווען דער גבור אליין. עפּעס ווי גרעסער און ווי ווילדער זיינען געוואָרען זיינע גרויסע, שווארצע אויגען.

און די לאנגע, געקרויזטע פּאסען פון דעם גבור׳ס באָרד האָבען גענו־מען אויסזעהן ווי שווארצע שלאנגען — וואָס האָבען זיך בייז איינגעביסען אין זיין ברוינעם פּנים.

און אָפּטמאָל, פּאר נאכט, ווען די זון פלעגט אָנצינדען זיין הויכען, שטאָלצען טורעם, מיט די טויזענדער שווערדען און שפּיזען, פלעגט זיך אין זיין הארצען מיט אמאָל אָנצינדען איינגאנצען דער כעס און די ליעבע צו זיין פאָלק, וואָס האָט איהם פון זיך פערטריבען.

און א בענקען פלעגט דאַן איהם שווער ארומנעמען.

און עס פלעגען זיך שטייף אָנציהען די אָדערן פון זיין ריזיגען לייב.

און איהם פלעגט זיך פערגלוסטען צו ראנגלען זיך מיט עפּעס וואָס איז ווילד און מעכטיג.

און ער פלעגט זיך דאַן הייסען דערלאַנגען זיין שלאַכט־פערד.

און ווי נאָר מען פלעגט צו איהם צופיהרען דאָס גרויסע שווארצע פערד, פלעגט ער דאָס מיט כעס א נעם טהאָן פאר׳ן צוים.

און דאָס פערד פלעגט צושראָקען אויפשפּרינגען אויף די הינטערשטע פיס, ריזיג, צורייצט און ווילד.

און דעם גבור פלעגט זיך פערוועלען דאָס ארומנעמען מיט זיינע שטארקע הענד און זיך מיט דעם אראָבוואָרפען טיעף, פון בארג.

און דאָס פערד. שטעהענדיג מיט׳ן קאָפּ אין דער לופטען, נעמט זיך ווילד רייסען, אָט דאכט זיך שפּרינגט עס ארויף אויפ׳ן גבור, נאָר דעם גבור׳ס האנד איז זיכער און שטאַרק.

און נאָך איידער דאָס פערד בערוהיגט זיך, כאַפּט זיך דער גבור אויף איהם ארויף.

און דאָס פערד טראָגט זיך מיט איהם אוועק איבער דעם ברייטען, ווייסען וועג, וואָס זעהט אויס ווי א ווייסע בריק, וואָס בויגט זיך איבער בארג און טהאָל.

און דאָס פערד פליהט און טראָגט זיך, אזוי ווי אונטער איהם וואָלט די ערד געברענט.

און די לופט צורייסט זיך שארף פאר'ן פערד און פאר'ן גבור'ס בראָנז־ברוינעם פנים.

און די לופט צורייסט די געקרויזטע פאסען פונ'ם גבור'ס צוואוואק־סענער, שווארצער באָרד.

און עטליכע פאסען פערפליהען אריבער זיין הויכען אקסעל.

און עטליכע פאסען פערפליהען ארונטער זיין שטארקער האנד.

און די לופט רייסט זיך אלץ שטארקער, רוישט אלץ הילכינער איז דעם גבור'ס אויערען.

און דער גערויש דערמאָנט איהם אָן דעם גערויש פון די וואסערען, וואָס פאלען פון די היימישע בערג.

און דער גבור ווערט נאָך צורייצטער.

און זיינע צובליצטע אויגען צוברענען זיך נאָך טיעפער.

און נאָך מיט מעהר כעס שפּארט דער גבור אונטער דאָס פערד.

און דער גבור גיט זיך מיט זיין גרויסען קערפּער א בויג צום פערד'ס קאָפּ.

און אויפ'ן פערד גיט אזש די פעל א ציטער.

און דאָס פערד ציהט זיך אויס נאָך לענגער.

און דאָס פערד נעמט זיך טראָגען אזוי, אז די ערד שפּרינגט איהם אנטקעגען.

*

אויף איינעם פון די ווייטע בערג שטעלט דער גבור אָב זיין פערד.
און דאָס צוהיצטע פערד איז באַדעקט מיט אַ געדיכטען ווייסען שוים, און עס זעצט פון דעם אַ גרויסע פּאַרע.
און אין טהאָל איז שוין טונקעל.
און די פּאַרע פאַרבט זיך מיט גאָלד און מיט רויט פון דער זון'ס שטראַלען, וואָס האַלטען זיך נאָך אויף די שפּיצען פון די בערג.
און דער גבור און זיין פערד זעהען זיך פון דער הויך ווי אין אַ גאָלדענעם, אין אַ רויטען וואָלקען.
פון דאָרט זעהט דער גבור זיין ווייטע היים, די שפּיצען פון גלעד, די בערג, אויף וועלכע ער איז אויסגעוואַקסען.
און ער דערזעהט זיך דאָרט אַ קינד און אַ אינגעל, אַ יונג און אַ דער־וואַקסענער.
און אָט לויפט ער דאָרט אויף זיין רויטען פערד, וואָס דער טאַטע האָט איהם געשענקט.
און ער שפּרינגט מיט איהם פון איין באַרג אויפ'ן צווייטען.
און עס דאַכט זיך איהם, איין באַרג בויגט זיך צום צווייטען, און ער שפּרינגט מיט זיין רויטען פערד פון איין שפּיץ אויפ'ן אַנדערען.
און נאָכדעם — די מלחמות. — —
ווי פאַר יעדער מלחמה פלעגט איהם דער טאַטע בענשען און אָנזאָגען:
„געדענק, מיין קינד, דו געהסט מלחמה האַלטען אין דעם נאָמען פון דעם גערעכטען גאָט, פאַר דיין פאָלק און פאַר דיין לאַנד.“
און נאָך די מלחמות „פאַר'ן פאָלק“, „פאַר'ן לאַנד“ האָט מען בע־וואָרפען מיט שטיינער, מיט געשרייען: „בן זונה! בן זונה!“
און אָט שווימען פאַר איהם אַרויס די וויינגערטנער פון זיין ברודער אבי־בעל...
און דער גרעסטער פון די וויינגערטנער איז פערשפּרייט און פער־האַנגען מיט טייערע טעפּיכען און מיט פעל פון הירשען, און מיט פעל פון טיגערען, און פון לייבען און פון לעמפּערטען.
און די פעל קוקען ווי לעבעדיגע.

און עס איז אין מיטען פון דער סעודה פון ווײַן.
און דער ברודער אבי־בעל שטעהט אויף.
און ער איז גרויס און שטאַרק, ווי אַלע פון דעם טאַטענ׳ס קינדער.
און ער נעמט מיט פייער ריידען.
און מיט תאוה און מיט שכרות קלינגט זיין קול.
און מיט תאוה און מיט שכרות גלאַנצען זיינע אויגען.
און זיין ריידען איז זינגֶ.
און ער רעדט און ער רייצט דאָס פאָלק צו זינד.
דאָס פאָלק, וואָס זינקט און זינקט אין זינד.
און ער מאָהלט פאַר זיי די עשתורת, די מוטער פון דעם גאָט מולך, וואָס זי האָט געבוירען צו בעל.
„און יעדען מאָל ווען דער מולך דאַרף ווידער געבוירען ווערען בע־ווייזט זיך די נאַקעטע, ווי פון זון געוועבטע עשתורת.
„און ווי נאָר עס קומט דער אבענד נעמט זי שוועבען איבער די צויי־טיגע פעלדער, וועלדער און ווייגגערטנער.
„און נאָך איהר לויפען נאָך איהרע טענצערינס.
„און זייערע צאַפּעלדיגע לייבער זיינען פול מיט גלוט און פלאַם.
„און אויך זיי זיינען אָנגעטהאָן בלויז אין זייער אייגענער שעהנקייט.
„און זייער שעהנקייט גליהט און ברענט.
„און זייערע האָר זיינען נאַכט.
„און זייערע אויגען זיינען ליכטיגע שטערען.
„און דער, וועמעס קאָפּ עס האָט ווען גענעכטיגט צווישען זייערע ציטערדיגע בריסטען,
„און דער, וועמעס האַלז עס איז ווען געווען ארומגענומען פון זייע־רע רונדע, ווארימע הענד.
„און דער, וועמעס לייב עס האָט ווען געפיהלט די ווארימקייט פון זייערע פלאַטערנדע לייבער,
„און דער, וואָס איז ווען געקושט געוואָרען פון זייערע הייסע ליפּען,
„ — — דער וועט דאָס שוין קיינמאָל אין לעבען ניט פערגעסען.
„און שטענדיג און אייביג וועט ער דאָס געדענקען.

„און שטענדיג און אייביג וועט זיך איהם נאָך דעם אויסדאַכטען — ער ווערט פון דער שעהנער טענצערין אַרומגענומען.

„און ער ווערט פון איהר געהאַלזט,

„און ער ווערט פון איהר געקושט.

„און זיין קאָפּ וויעגט זיך צווישען איהרע שעהנע ברוסטען,

„און דער אָטהעם פון איהר שעהנעם מויל און פון איהר נאָז וועט אויף איהם שטענדיג פאַלען ווי אַ זיסער טהוי, וואָס קושט און ווארימט און שמעקט מיט די ריחות פון לבנון, פון שניר און פון חרמון.

„און אפילו אַ מינוט פאַר'ן טויט וועט ער דאָס ניט פערגעסען.

„און אפילו ווען זיין לייב זאָל אין שטיקער צושניטען ווערען, וועט נאָך לאַנג יעדער שטיק פלייש בעזונדער געדענקען, וועט נאָך לאַנג יעדע שטיק בעזונדער געקושט ווערען פון דעם געפיהל, וואָס האָט דורכגענומען זיין לייב, ווען ער איז געווען מיט דער טענצערין, מיט דער טענצערין פון די טענצערינס פון דער געטליכער עשתורת.

„און די געטליכע עשתורת קומט אָן אין איינעם פון די שעהנסטע וויינגערטנער.

„און זי מיט איהרע טענצערינס נעמען בעטען אַ בעט פאַר דעם נאָט בעל.

„און דאָס בעט ווערט געבעט פון הויפענס און הויפענס בלומען.

„און די טענצערינס נעמען זיך טאַנצען ארום בעט די שעהנע היי־לינע טענץ.

„און די עשתורת לעגט זיך אַרויף אויף דעם רייכען בעט פון בלומען.

„און די טענצערינס צוטאַנצען זיך פאַר איהר. און יעדער גליעד פון זייערע זוניגע לייבער וויעגט זיך, און ציהט זיך, און בויגט זיך.

„און די עשתורת נעמט זיך וואַרים און ליעב ציהען אויף די שעהנע בלומען פון איהר שעהנעם בעט.

„און אייננאַנצען איהר לייב איז געוועבט פון רויזען און גאָלד.

„און זי איז פערבענקט.

„און זי שמייכעלט.

„און זי ציהט זיך שטיל און לאַנג.

„און זי איז פול מיט לעבענס זאַפט.

„און זי קוקט און זי וואַרט אויפ'ן בעל.

„און זי וויל איהם בעצויבערען.

„און זי וויל ארומנעמען ווערען פון איהם.

„און זי וויל זיך פרעסען צו איהם.

„און זי וויל זיין געפאַנגען פון זיינע אָרימס — איהרע ברוסטען זאָלען זיך ווארימען און נעסטען אויף זיין ברוסט.

„און דער גרויסער בעל איז איצט מיט זיינע דיענער און מיט זיינע הינד אויף יאַגד.

„און ער דערפיהלט מיט א מאָל דעם ריח פון איהר לייב.

„און ער לאָזט זיך צו איהר.

„און אויפ'ן וועג בעגעגענען שוין איהם די טענצערינס.

„און זיי טאַנצען פאַר איהם.

„און דער בעל מיידט זיי אויס.

„און זיי לויפען איהם נאָך און קושען מיט הייסער ליעבע די טריט פון זיינע פיס.

„און דער בעל קומט צו דער בעלת, דער עשתרות.

„און די בעלת, די עשתרות, דערהערט איהם.

„און פון שרעק און פון פרייד נעמט זידען און ציטערען די הייסע בלוט אין איהרע אָדערען.

„און די דינע און דורכזיכטיגע הויט אויף איהר שעהנעם און שלאַנקען לייב ווערט נאָך דינער און דורכזיכטיגער.

„און ווען זי דערזעהט איהם, גיט זי זיך צושראָקען אויף האַלב א הויב אויף איהר בלומען בעט.

„און די טענצערינס מאַכען טאַנצענדיג פאַר איהם א וועג.

„און א סך פערוואָרפען טאַנצענדיג זייערע גרויסע שוואַרצע האָר, — ער זאָל איבער זיי טרעטען מיט זיינע בּאַרוויסע פיס.

„און א סך פערוואָרפען זיך טאַנצענדיג איבער'ן וועג און זיי ציהען

זיך און בויגען זיך, אַז זיין פוס זאָל טרעטען איבער זייערע ברוסטען.
„און דער בעל דערזעהט פאַר זיך די עשתורת.
„און ער שליידערט אַוועק פון זיך זיין פייל און בויגען.
„און ער רייסט פון זיך אראָפּ זיין פורפורן קלייד.
„און ער בעטרעט איהר בעט.
„און דאַן וואַרפט זיך יעדע טענצערין אין די אָרימס פון איינעם פון זיינע דיענער.
„און דאַן בעדעקען זיך מיט בליהונג די שטרויכען און די בוימער.
„און די פעלדער און די וועלדער, וואָס זיינען נאָהענט, און די פעלדער און די וועלדער וואָס זיינען ווייט, פערשפּרייטען זיך מיט בלי־הונג און בליהונג.
„און עס בליהט און עס צובליהט זיך די גאַנצע וועלט.“

*

און דער גבור מיט זיין פערד עטעהט אויפ׳ן בארג, וואָס איז ווייט פון זיין היים, וואָס איז ווייט פון יענעם וויינגאָרטען, נאָר ער פערגעסט זיך אָן דעם, און ער געדענקט דאָס ניט.
און ער מיינט — ער איז איצט דאָרטען.
און ער הערט ערשט איצט דעם ברודער׳ס רייד, וואָס קאָכען דאָס בלוט און רייצען צו זינד.
און ער זיצט דאָרט ביי דער סעודה פון וויין.
און זיין כעס וואַקסט און וואַקסט.
און ער האַלט נאָך אַלץ איין זיין צאָרן און שווייגט און שווייגט.
און אָט שפּרינגען אויפ׳ן ברודער׳ס בעפעהל אריין רעדער און רע־דער פון נאַקעטע טענצערינס.
און צווישען זיי איינע וואָס טראָגט די קרוין פון עשתורת.
און זיי נעמען נאָכמאַכען אַלץ, פון וואָס אביבעל האָט גערעדט־
און דאָס פערזאַמעלטע פאָלק ווערט ווילד.
און א סך פון זיי פאַלען צו דער ערד פון אויפרעגונג, און נעמען אָהן צו אָבהאַלט זיך וואַרפען און לאַכען.

או זיי לאַכען ביז עס שלאָגט זיך זיי אַרויס אַ שוים אויף די מיילער.
און אביבעל אַליין קרוינט זיך פאַר בעל.
און אָט דערגרייכט ער די עשתורת.
און די טענצערינס מיט די איבעריגע פערזאַמעלטע פרויען מישען זיך דאַן אויס מיט די איבעריגע בעטרונקענע און צוריי צטע מענער.
און מען וואַרפט זיך אויף דער ערד.
און ווי אַ בייזער דונער פונ׳ם אמת׳ען נאָט רייסט זיך דאַן מיט אַ מאָל אַרויס אַ געשריי פונ׳ם גבור׳ס הארץ:
„נאַראָנים!! זינדער!!"
און קיינער גלויבט ניט, אַז עמיצער אויף דער ערד קאָן אַזוי הויך און בייז שרייען.
און מיט שרעק הויבען זיי אויף זייערע בעזויפענע קעפּ.
און זיי דערזעהען איהם איבער זיך.
און ער האַלט איינע פון זיינע גרעסטע שווערדען איבער זייערע קעפּ.
און אָט נימט ער אַ פּאַטש מיט׳ן ברייט פון זיין גרויסען שווערד אויפ׳ן טיש, וואָס נעבען איהם.
און דער שווערד צוברעכט זיך און צופליהט אין שטיקער.
און ער שרייט מיט זיין הויכען קול:
„אַזוי וועט איהר צובראָכען ווערען!
„וועה צו אייך, איהר נאַרישע זינדער!
„ווי די ווערים און בייזע פליגען עסען דורך די בלעטער, פער־דאַרבען די צווייגען, אַזוי וועט איהר דורכגענעסען און פערדאָרבען ווע־רען פון אייער תאוות.
„ווי דער היישעריק שניידט אונטער די תבואה, וואָס האַלט ערשט אין אָנהויב וואַקסען, אַזוי וועט איהר פערשניטען ווערען דורך די פרעמ־דע געטער.
„איהר קריכט אין אַ זומפּ, וואָס וועט אייך איינשלינגען, ווי זי וועט איינשלינגען די עמונים, די פּלישתים און די אַלע אַנדערע פעל־

קער, וואָס ווי זיינען אינאיינעם מיט זייערע געטער ניט מעהר ווי די וואָג וואָס זיי וועגען.

„איהר, וואָס זייט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט אַלס קינ־דער פון אברם, אַלס קינדער פון דעם גאָט פון אברם, איהר ליעגט איצט אויף דער ערד ווי חזרים.

„פפוי! פפוי אויף אייך, חזרים!"

און אזוי שפּייענדיג אויף רעכטס און אויף לינקס, לאָזט זיך דער גבור געהן פון וויינגאָרטען און נאָך איהם זיינע געטרייע יונגען.

און אַ סך פונ'ם עולם כאַפּען זיך פאַר די שווערדען.

און אַ סך בעגלייטען איהם מיט געלעכטערס.

און אַ סך וואַרפען נאָך שטיינער.

און די לופט נעמט הילכען מיט געשרייען: „בן זונה! בן זונה!"

און אזוי שרייען זיי נאָך נאָך דעם, וואָס קעמפּפט זייערע שלאַכטען.

און אזוי בעגלייטען זיי אַרוים זייער גבור, וואָס האָט זיי ערשט נעכטען געבראַכט אַ נייעם זיעג.

*

און דער גבור ציטערט אויף.

און דער גבור קוקט זיך אום — — —

און ער דערזעהט זיך אויף זיין פערד — — —

און ווייט, ווייט פון איהם זעהען זיך די שפּיצען פון זיין היים, וואו עס וואוינען די זינדער, וואָס זינקען אַלץ מעהרער און מעהרער אין זינד.

און עס קריצען זיך צונויף זיינע ציינער.

און ער שפּאַרט ווידער אונטער זיין פערד.

און ער וואָלט וועלען מיט איין מאָל אַריבערשפּרינגען צו יענע בערג.

און זיי דאַרטען אויסרייסען מיט די וואָרצלען.

און זיי צושיטען אויף די קעפּ פון די זינדיגע איינוואוינער און זיי אינגאַנצען פארלענדען!

נאָר די נאַכט נעמט זיך בלויען.

און עס צינדען זיך אָן די שטערען, די גרויסע, ווייסע ליכטער.

און דער גבור דרעהט זיך אוים און דערזעהט ווי הויך, אין דעם טיעפען בלויען הימעל, פינקעלט זיין שפיצינער טורעם.

זיין טורעם פינקעלט הויך און ווייט איבער די בערג.

און איבער'ן טורעם די ווייסע טויב, וואָס זאָגט צו רוה און פריעדען.

„די ווייסע טויב — — —

„די ווייסע טויב“ — — — —

ג.

און צוריק פאָהרט שוין דער גבור שטילער.

און ער גריסט זיך מיט די קריעגער, מיט די פּאַסטוכער.

און די פערד, וואָס פיטערן זיך אויף די פרייע פעלדער, הויבען אויף זייערע קעפּ און גלאָצען אויס אין דער נאַכט זייערע גרויסע אויגען און זיי דערקאָנען — דאָס איז דער גבור און זיין פערד.

און די פערד שפּיצען אויף זייערע אויערען און צושפּרייטען די נאָזלעכער און ציהען אויס זייערע העלזער און צוהירזשען זיך הויך און שטאַרק.

און דעם גבור'ס פערד ענטפערט זיי אָפּ צופריעדען און שטאָלץ.

*

און ווען דער גבור פאָהרט אָן צו זיין געצעלט קומט איהם אנט־קעגען זיין טאָכטער.

און זי נעמט מיט איהר שעהנער האַנד אָן דעם פערד'ס צוים. און ביז דער גבור קריכט אראָפּ, גלעט זי דעם פערד'ס קאָפּ און האַלז.

און עס קומט דער יונג און נעמט אוועק דאָס פערד.

און די טאָכטער שטויבט ארום דעם גבור און העלפט זיך איהם ארומוואשען.

און נאָכדעם זעצט זי זיך ביי זיינע פיס. און זי דערצעהלט דעם גבו־ר פון די מעשיות, וואָס זי הערט זיך אָן פון איהרע חבר'טעס, וואָס זיי הערען פון די קריעגער און פון די פּאַסטוכער, מעשיות וועגען דעם, ווי די וועלט האָט אויסגעזעהן איידער יהוה האָט זי בעשאַפען און נאָכ־דעם ווי ער האָט זי בעשאַפען, און וועגען די פרעמדע געטער, צו וועלכע

די מענשען פון גלעזער האָבען גענומען דיענען, און ווענען דער שטראָף, וואָס וואַרט אויף זיי דערפאַר.

און אָפט דערצעהלט זי איהם וועגען די קריעגער, וועגען דעם ווי זיי האָבען איהם ליעב.

און זי דערצעהלט איהם, אַז ברכיה, רמליהו׳ס זוהן, קומט אַ מאָל צו זייער געצעלט און שפּיעלט פאַר איהר אויפ׳ן פייפעל.

און אַז ער שפּיעלט זעהר שעהן.

און אַז ער האָט געבראַכט ים שיסעלאַך.

און ער האָט איהר אויך צוגעזאָגט צו ברענגען לבנה שטיינער.

און אַז זי דערצעהלט וועגען ברכיה׳ן, צופלאַמען זיך איהרע באַקען.

און איהרע אויגען זיינען ווי דעם גבור׳ס — גרויסע, שוואַרצע — ציטערן זיי אויף און קוקען צושראָקען.

און אָפט דאַנקט זי דעם גבור פאַרוואָס ער האָט געלאָזט ברכיה׳ן צו שענקען איהר דעם הירש, וואָס ער האָט פאַר איהר געכאַפּט.

און זי דערצעהלט, אַז אַלע וואָס זעהען דעם הירש, ריהמען און לויבען ברכיהו׳ן ווי ער האָט דאָס געקאָנט אויפזוכען און כאַפּען לע־בעדיג אַזאַ שעהנעם און וואוקסיגען הירש.

און צו דער טאַטע האָט ווען געזעהן, ווי שעהן דער הירש איז, ווען ער בלייבט מיט אַ מאָל שטעהן און קוקט? — — —

און ער קוקט ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

און ער שטעהט אַזוי צן אויסגעצויגענער.

און דער קאָפּ איז ביי איהם אַ קלוגער, אַ קליינער.

און זיינע הערנער זיינען צווייגהאַפט און ווי בוימער יונגע, צו־וואַקסענע.

און זיין נעלע וואָל איז גלאַט און גלאַנצט ווי זייד.

און די פיס נעבען די נעלע צושפּאָלטענע קלאָהען זיינען ווייס ווי מילך.

און ווען דער הירש קוקט אויף איהר, דאַכט זיך איהר אוים — ער קען ריידען, און וויל איהר עפּעס זאָגען...

און אַז דער הירש האָט זיך שוין אין גאַנצען צו איהר צוגעוואוינט.

און אַז זי טהוט איהם שוין אַליין אָן די צוים און זי זעצט זיך אויף איהם.

און דאָס, וואָס ברכיהו האָט איין האָרן בעדעקט מיט זילבער, איז אַזוי שעהן!

און ביידע הערנער זיינען ביי איהם אַלץ איינס בריים און צו־פּלאָנטערט.

און עס זעהט אוים — איינער איז ביי איהם אויסגעוואַקסען אַ צוצווייגטער, אַ זילבערנער, און דער צווייטער — אַ צוצווייגטער, אַזוי...

און זי וועט נאָך זיין רוקען פערשפּרייטען מיט אַ בלויען טעפּיך.

און די ברעגען פון דעם טעפּיך וועלען זיין בעדעקט מיט ים שיסע־לאַך און מיט טהייערע שטיינער.

און עס וועט זיין ערב אַ מלחמה, וועט זי... — עס וועט זיין אַזוי שעהן! — זי וועט לויפען אויף דעם הירש צו די קריעגער און וועט שרייען: — „קריעגער! פאַר'ן גאָט און פאַר זיין פאָלק! פאַר'ן...

און זי דערשרעקט זיך דערפאַר וואָס זי האָט ווידער געזאָלט דער־מאָנען דעם נאָמען — גאָט.

און זי בלייבט שטעהן.

און נאָר אַנדערש צועפּענען זיך מיט אַ מאָל איהרע אויגען.

און אַ הייליגער ציטער לויפט דורך איהר יונגען לייב.

און עס שווימט פאַר איהר אַרוים אַ וועלט — אַ הייליגע, אַ גרויסע.

און אין דער וועלט, דער הייליגער, דער גרויסער, איז זי שוין ניט מעהר קיין קינד, וואָס רעדט פון נאַרישקייטען.

און אין דער וועלט, דער הייליגער, דער גרויסער, איז זי גאָר קיינ־מאָל אַזאַ קינד ניט געוועזן.

און זי שווייגט אַ ווייל.

און זי דערמאָנט זיך אין'ם הייליגען ליעד, וואָס איהרע חבר'טעס זינגען מיט איהר אָפט ביים קוואַל:

„געדענק, ישראל!
„גאט, דער גאט פון אברהם
„דער גאט פון הימעל
„איז דיין גאט."

און זי רייסט איבער איהר שווייגען.
און זי נעמט דערצעהלען וועגען איהרע זעהונגען.
און זי דערצעהלט:

„היינט פארנאכט, ווען דער גבור איז אוועקגעפאהרען, איז זי מיט איהרע חבר'טעס אנגעקומען פונ'ם קוואל מיט קריג וואסער אויף די אקסלען.

„און זיי זיינען שטעהן געבליבען צווישען די פאלמען.

„און זיי האבען איהם נאכגעקוקט.

„און עס איז געווען, ווען זיי האבען איהם לאנג נאכגעקוקט, האט זיך פאר איהר בעוויעזען א ווייסער וואלקען.

„און דער ווייסער וואלקען איז פאר איהר שטעהן געבליבען צווישען די בוימער.

„און אין דעם וואלקען האט זיך פאר איהר בעוויעזען דער הויכער גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער בארד, מיט'ן הויכען שטעקען אין האנד.

„און דער הויכער גרייז איז צוגעקומען ביז צו איהר און איז ניט געווארען". — — —

*

און דער גבור שווייגט אלץ שטיל און הערט.
און די טאכטער רעדט און דערצעהלט.

און די טאכטער רעדט נאך אלץ — און רעדט. און זי ווייסט, דער פאטער וועט גארניט זאגען, ווייל שווער איז איהם אויפ'ן הארצען און ביטער, קוקט זי אין זיינע אויגען און זי לאכט פאר איהם און זי זינגט פאר איהם, און זי ריהרט מיט איהרע הענד אלעמאל אן זיין בארד

און איהר דוכט זיך, אַז די האָר פון באָרד ווערען אַלץ שטייפער און שטייפער.

און זי ווייסט, אַז דאָס הייסט, אַז דעם גבור ווערט יעדען טאָג אַלץ שווערער און שווערער.

און צום סוף גורעט זי איין איהר קאָפּ אין זיינע קניע.

און דער גבור לעגט אַרויף זיין האַנד אויף איהרע געדיכטע, שוואַר־צע האָר און זי שלאָפט איין.

און נאָכדעם הויבט דער גבור אויף זיין יונגע טאָכטער אויף זיינע הענד און ער טוליעט זי לייכט צו צו זיין פערביטערט הארץ און ער טראָגט זי אַוועק אויף איהר געלעגער.

און אַזוי טאָג איין, טאָג אויס.

ד.

און איינמאָל, ווען דער פערביטערטער גבור איז געקומען צוריק פון זיין פערנאכטינגען וועג, ווי זיין שטייגער, א צורייצטער, א פער־ביטערטער, איז איהם, שפרינגענדיג און טאנצענדיג, אנטקעגען געלאָ־פען זיין טאָכטער און איהם אָנגעזאָגט:

„פאָטער! פאָטער! די זקנים פון גלעד זיינען צו דיר געקומען!“

דעם גבור'ס שטארקע הארץ האָט א צושראָקענעם און ווארימען ציטער געטהאָן.

און באלד האָט ער פאר זיך דערזעהן רמליהו'ן און זיין זוהן ברכיה פיהרענדיג זייערע פערד פאר די צוימען. — —

זיי האָבען דאָס געוואָלט איהם לויפען אָנזאָגען...

*

און דער גבור האָט זיך געטראָפען מיט די זקנים פון גלעד ביי דער טיר פון זיין געצעלט.

און די זקנים האָבען צו איהם אזוי געזאָגט:

„גבור, עס לאָזען דיך געריסען די בערג פון גלעד, דיין וויעג, דיין היים!...

די בערג און דאָס לאנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דיין פאָטער, וואו עס האָט דיך געבוירען דיין מוטער.

„און איצט זאָלסטו וויסען, אז דאָס לאנד, דאָס הויז פון דיין פאָ־טער, וואָס האָט דיך אזוי היים געליעבט; דאָס לאנד, וואו דו האָסט זיך אלס קינד געשפיעלט, דאָס לאנד, אויף וועמעס בערג דו האָסט זיך געלערענט רייטען און שיסען פון בויגען — איז ארומגערינגעלט גע־וואָרען פון די בני עמון.

„און די בני עמון זיינען שטארק.
„און זייערע מחנות זיינען גרוים.
„און זיי ווילען אונז פערטרייבען פונ'ם לאנד.
„און דו ביזט דער שטארקסטער צווישען אונז,
„און דו ראפסט אונז העלפען פון זייערע הענד".

*

און דער גבור האט געענטפערט די זקנים פון גלעד, און ליעבע און כעס האבען זיך געראנגעלט אין זיין שטארקען קול. און ער האט געזאגט:

„איהר האט דאך מיך פיינט.

„און איהר האט דאך מיך פערווארפען מיט שטיינער און מיט שלעכטע ווערטער.

„און איהר האט דאך מיך פערטריבען פון דעם הויז פון מיין פאטער.

„און פאר וואס זייט איהר געקומען צו מיר ווען אייך איז ענג?"

*

און די זקנים פון גלעד האבען איהם געענטפערט:

„גבור! וויסען זאלסטו וויסען — מיר האבען אויך געזינדיגט נעגען גאט, מיר האבען שווער געזינדיגט!

„און איצטער האבען מיר זיך געלייטערט און מיר האבען זיך גע־רייניגט,

„און מיר האבען פון זיך אבגעטהאן די פרעמדע געטער.

„און מיר האבען זיך צוריק אומגעקעהרט צו גאט, צום גאט פון אונזערע עלטערן; צום גאט אין וועמעס נאמען דו פלעגסט אונז שטראפען.

„און דיינע גערעכטע ווערטער האבען צו אונז גענומען קלינגען פון די שפיצען פון די בערג.

„און זיי זיינען אריין אין אונזערע אויערן.
„און זיי זיינען אריין אין אונזערע הערצער.
„און מיר האָבען זיך דערמאָנט אָן דעם אמת'ן גבור פון גאָט, אונזער גאָט.
„און מיר זיינען געקומען צו דיר.
„שטעה אויף און העלף דיין פאָלק!
„און עס וועט זיין אין דעם טאָג, וואָס גאָט וועט דיר געבען די בני עמון אין דיינע הענד, וועלען מיר ווידער וויסען, אז מיר זיינען זיין פאָלק און אז ער איז אונזער גאָט.
„און מיר וועלען דיך מאַכען פאר א האר און א הערשער איבער אונז.
„און דו וועסט זיין אונזער שופט."

*

און עס איז געוועזן, ווען זיי האָבען אזוי גערעדט, האָט זיך דער כעס פון דעם גבור גענומען אויסוועבען, שווינדען און אָבשווימען אַלץ וויימער און וויימער.
און זייערע שטימען האָבען דעם גבור געקלונגען מיט היים.
און זייערע אויגען, און זייערע גרויע בערד, און די גרויע האָר פון זייערע קעפּ. און די קנייטשען פון זייערע פנים'ער און די פערשטויבטע פאַלדען פון זייערע קליידער — האָבען אויף איהם געקוקט מיט היים.
און ניט ווייט פון די זקנים זיינען געשטאַנען די קעמלען, וואָס האָבען זיי צו איהם געבראַכט.
און די קעמלען קומען פון דער היים.
און די קעמלען קוקען מיט היים, מיט היים.
און דער גבור האָט ניט אויסגעהאַלטען.
און ער האָט דערפיהלט ווי יעדער ביין אין איהם רעדט: היים, היים!
און דער גבור האָט נאָך מעהר ניט אויסגעהאַלטען.
און ער האָט פון זיי אָבגעקעהרט זיין פנים.

ח.

און נאָך אין דער זעלבער נאכט האָט דער גבור געלאָזען בלאָזען אין שופר פון אַלע בערג.

און דער קול פון די שופרות האָט אראָבגענידערט אויף די קעפּ פון די קריעגער, און זיי האָבען זיך אַלע אויפגעכאפּט צושראָקען און האָבען זיך א נעם געטהאָן פאר'ן געוועהר און זיך געלאָזט צו די פערד.

און די בלויע נאכט איז באלד געוואָרען פול מיט טומעל.

אין די בלויע נאכט האָט זיך באלד גענומען שפּאלטען און רייסען אין שטיקער פון דעם צוטומעלטען הירזשען פון הונדערטער און טויזענדער פערד.

און באלד האָט זיך בעוויעזען שושנה אין ווייסען אויף איהר פערד־פוצטען הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן.

און איהרע גרויסע אויגען האָבען געשטראהלט פון פרייד.

און ווען זי איז געקומען צו די קריעגער איז זי אויפגעשפרונגען אויפ'ן הירש און, שטעהענדיג, איהם גענומען איילען.

און זי האָט ווי א קינד און ווי א דערוואקסענע געשריען צו די קריעגער.

און זי האָט געשריען און האָט גערופען:

„קריעגער! פאר'ן גאָט און פאר זיין פאָלק! פאר'ן גאָט און פאר זיין לאנד!

און עס האָט אויסגעזעהן — זי איז ניט אויפ'ן הירש, נאָר אויף פלינלען פון גליק — — — — — —

און איהרע ענטבלויזטע הענד, און איהרע פיס, און איהר האלז און איהר פנים, זיינען ווי געשניצט פון עלעפאנט ביין. —

און זי איז צאפּלענדיג, ווי דער הירש.

און בויגיג ווי אַ יונגע פּאַלמע.

און איהרע געקרויזטע האָר הענגען ווי אַ שוואַרצער וואַלד אויף אונטען, איבער׳ן ווייסען טוך, אין וועלכען זי איז איינגעוויקעלט.

און זי וואַרפט מיט די שעהנע הענד און שרייט ווי אַ בעפרייטער אָדלער:

„קריעגער, פאַר גאָט און פאַר זיין פאָלק!"

*

און נאָכדעם זיינען אַנגעלאָפען אויף זייערע פערד רמליהו, ברכיה און די אַנדערע עלטסטע, און זיי האָבען פערנאַנדערגעטראָגען דעם גבור׳ס בעפעהלען.

און די קריעגער האָבען זיך פערנאַנדערגעשטעלט אין מחנות, און זיי האָבען פערנאַנדערגעוויקעלט זייערע פאָהנען, און זיי זיינען אַרויס און האָבען זיך אויסגעשטעלט אין דער סטעפּ און זיינען שטעהן גע־בליבען.

און נאָך דעם איז אָנגעקומען דער גבור, און זיך גענומען צעהלען די מחנות.

ער איז געפאָהרען אויף זיין שעהנעם פערד צווישען די קריעגער, און ער האָט געקוקט אויף די טויזענדער שאַרפע אויגען, וואָס בליש־טשען פון זייערע בלאַנקע ווייסלען.

און ער איז געווען געקליידט אין ווייסען און איבערגעבונדען מיט אַ בלויען גאַרטעל.

און ביידע שווערדען זיינען געווען אויף זיין דיך.

און אַ גרויסער מעסער האָט געבלאַנקט פון זיין גאַרטעל.

און אויף זיין לינקער האַנד, מיט וועלכער ער האָט געהאַלטען די צוים פון זיין פערד, איז — פון שעהנקייטס וועגען — געווען איבער־געוואָרפען אַ גרויסער טוך פון בלויען וואָל.

און די רעכטע האַנד האָט ער געהאַלטען ביי דעם הענטעל פון זיין רעכטען שווערד.

און די דיקע פּאַסען פון זיין גרויסער שוואַרצער באָרד האָבען זיך שלאַנגיש געדרעהט און גליקליך געפינקעלט אויף זיין ווייס קלייד.

...און זיינע אויגען האָבען געלויכטען ווי נאָך קיינמאָל נים.

און דער אונענדליך בלויער הימעל האָט זיך צושפרייט מיט זיין טיעפער בלויקייט, און מיט זיינע שטוינענדיג גרויסע שטערען איבער דער ווייטער סטעפּ.

און די סטעפּ איז געווען אין גאַנצען בעדעקט מיט טהוי.

און די סטעפּ האָט אויסגעזעהן ווי אַ פּערלדיגער ים.

און די מחנות קריעגער מיט זייערע שפּיזען און מיט זייערע תּלאַ־טערדיגע פאָהנען האָבען אויסגעזעהן ווי פער׳כשופ׳טע אינזלען.

און דער גבור איז אַ שטאָלצער אַרומגעשוואומען אויף זיין פערד צווישען די אינזלען. און האָט זיי געגריסט און האָט זיי געצעהלט און האָט אויף זיי געקוקט, ווי אַ צופריעדענער גליקליכער פאָטער: —

יעדער קריעגער איז אויף זיין פערד.

און יעדער קריעגער איז אין בלוי.

און אַ מעסער שטעקט אין זיין ווייסען גאַרטעל.

און אַ לאַנגער שפּיז — אין זיין האַנד.

און אַ פיילבויגען און אַ שטיינוואַרפער — אויף הינטען פון זיינע אַקסלען.

און זייערע געקרויזטע בערד זיינען שוואַרץ.

און זייערע שטאַרקע פּנים׳ער זיינען ברוין.

און זייערע אויגען גלאַנצען מוטהיג און שאַרף. — — —

און ווען זיי זיינען אַלע געווען צונויפגעשטעלט אין צוויי לאַנגע ברייטע מחנות, איז דער גרויסער גבור אויף זיין פערד דורכגעלאָפען די גאַנצע לענג צווישען די ביידע מחנות.

און די עלטסטע זיינען נאָכגעלאָפען נאָך איהם און האָבען זיך צושטעלט ביי די זייטען.

און דער גבור האָט דערגרייכט די צוויי ווינקלען פון די ביידע מחנות, וואָס האָבען זיך געצויגען אויף רעכטס און אויף לינקס ביז ווייט אין דער בלויקייט.

און די פאָהנען האָבען געפלאַטערט, און די שפּיזען האָבען געפינ־קעלט און געשטאָכען אינ׳ם שיין פון דער בלויער נאַכט.

און דער גבור האָט אומגעדרעהט זיין פערד און איז געבליבען שטעהן אין די צוויי ווינקלען פון די מחנות, מיט'ן פנים צו די קריעגער.

און ער איז פאר זיי שטעהן געבליבען א שטארקער, א ליכטיגער!

א געטליכער שיין האָט גערוהט אויף זיין פנים, אויף זיין באָרד און אויף די פאלדען פון זיין ווייסען קלייד. —

און זיינע אויגען האָבען זיך צושיינט נאָך שעהנער, נאָך ליכטיגער.

און ווען ער האָט זיך א הויב געטהאָן אויף די אייזענס פון זיין זאָטעל, האָבען אלע מיט אמאָל דערזעהן: —

ער וואקסט אלץ העכער און ווערט אלץ גרעסער. — — —

און דער גבור האָט געלאָזט אויסרופען:

„קריעגער! די פון אייך, וואָס ווילען אומקעהרען די זיצער פון גלעד צוריק צו דעם גערעכטען גאָט, די זאָלען געהן מלחמה האלטען פאר זיי מיט די בני עמון!“

און אלע, ווי איין מענש, זיינען אויפגעשפרונגען אויף זייערע פערד, און פון אלעמענס הערצער האָט זיך א ריס געטהאָן:

„מיר הערען אונזער גבור און פאָלגען!“

און די געשרייען האָבען זיך אויפגעהויבען איבער זייערע קעפּ און איבער זייערע שפּיזען.

און די געשרייען האָבען א פליה געטהאָן ווי פויגעל.

און זיי האָבען ארייגגעהילכט ווייט און הויך אין דער נאַכט.

און באלד האָבען זיי זיך אויפ'ן גבור'ס צייכען צוריק ארייגגע־זעצט אין די זאָטלען.

און ווען דער גבור האָט אומגעדרעהט זיין פערד מיט'ן פנים אין דער נאכט אריין, האָבען זיך אלע מיט איין מאָל אבגעריסען און האָבען זיך געלאָזט נאָך איהם.

און דער גרויסער גבור האָט זיך אוועקגעטראָגען אין דער בלויער נאכט אויף זיין שווארצען פערד. און נאָך איהם זיינע מחנות — אין צוויי בלויע טייכען.

און די כוואליעס פון די טייכען — די שפּיזען — האָבען געבלאנקט

און געפינקעלט, זיך געוויעגט און געטראָגען פון ערגעץ ווייט, פון דער בלויקייט פון די שטערן — — —

און הינטער די מחנות זייגען געגאַנגען די טשערעדעס, און די אָנגעלאָדענע קעמלען און די ווייבער און די קינדער.

און פלוצלונג האָבען אַ סך פון די פרויען דערזעהן: שושנה׳ס הירש מיט׳ן זילבערנעם האָרן לויפט אַ פרייער!

און דער הירש טראָגט זיך אַזוי שנעל, אַז מען זעהט זיינע פיס ניט אָן, אַז מען זעהט בלויז די ברייט צואוואַקסענע הערנער און דעם אויסגעצויגענעם פּאַס פון זיין לייב.

און ער לויפט אין איין אָטהעם צו די בערג.

און זיי זיינען געוואָהר געוואָרען — „דער הירש האָט זיך אַרויס־געריסען פון שושנה׳ס הענד".

און זיי האָבען מיט שרעק געטהון די הענד אויף זייערע הערצער — זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

ז.

און דער גבור איז אָנגעקומען מיט זיינע מחנות ביז גלעד און האָט געטראָפען, אַז גלעד איז שוין פערנומען פון די בני עמון.

און צו זיינע אויערען זיינען נאָך געקומען די ווערטער:

„די בני עמון ווילען אויך איינגעמען יהודה, בנימין און אפרים."

און דער גבור האָט אויפגעציטערט פון וועהטאָג און פון כעס.

און ווען ער איז אַרויף אויף די שפּיצען, וואָס רינגלען אַרום גלעד און דערזעהן ווי גרוים און שווער עס זיינען די מחנות פון די בני עמון, וואָס שפּרייטען זיך איבער גלעד ביז צום ברעג ירדן, איז זיין וועהטאָג נאָך גרעסער געוואָרען און ער האָט געשיקט שלוחים צו די איבעריגע שבטים, זיי זאָלען איהם קומען צו הילף, ווייל גרוים און שווער זיינען די מחנות פון די בני עמון.

און אויך צו דעם מלך פון די בני עמון האָט ער געשיקט שלוחים, זיי זאָלען צו איהם ריידען אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און פון גאָט.

און עס איז געווען אויף דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה, זיינען די שלוחים געקומען צוריק און האָבען איהם געבראַכט:

די אַנדערע שבטים זאָגען: „מיר ווילען ניט מלחמה האַלטען אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ בן זונה!"

דער ענטפער האָט איהם אַ בריה געטהאָן אין די אויערען.

און באַלד זיינען געקומען די אַנדערע שלוחים און געבראַכט:

דער מלך פון די בני עמון רעדט: „זאָל זיך אייער גבור אָבציהען פון דאַנען, אויב ער וויל ניט, אַז מיר זאָלען מיסטיגען די פעלדער מיט אייער בלוט און מיט אייערע ביינער".

*

דער גבור איז ווי פערשטיינערט געוואָרען פון כעס און פון צאָרן.

און זיינע אויגען האָבען זיך צועפעט נאָך גרעסער פון גרוים און אזוי זיינען זיי אויף א ווײַלע פערגליווערט געוואָרען.

באלד אָבער האָט א הייסע כוואַליע בלוט א וואָרים געטהאָן דעם גבור'ס הארץ און זיינע שרעקליכע גרויסע אויגען האָבען מיט א מאָל גענומען בליצען מיט כעס און שרעק.

און פאר דעם גבור'ס אויגען האָט אין דער מינוט דורכגעשוועבט דער הויכער גרייז.

און אין דעם גבור'ס מח האָט מיט א מאָל אויפגעבליצט דער געדאנק וועגען נאָט, דעם אמת'ען, דעם גערעכטען.

און דער גבור האָט דערפיהלט, ווי דאָס בלוט אין איהם צורייצט זיך אַלץ צאָרנדיגער, אַלץ בייזער.

„ער געהט מלחמה האלטען זייער מלחמה און איז נאָך אַלץ א בן זונה! — א בן זונה!?"

און דער ענטפער, אז מען וויל איהם ניט קומען צו הילף, ווייל ער איז א בן זונה צוזאמען מיט דעם ענטפער פונ'ם מלך פון די בני עמון, האָט איהם גענומען רייצען און שטעכען ווי מיט נאָדלען.

און דער גבור האָט בעפעהלען מען זאָל איהם דערלאנגען זיין פערד.

און די לופט האָט זיך פון דעם בעפעהל אויפגעטרייסעלט, ווי פון א פלוצלונגער, שווערער וואונד.

און צו די שלוחים האָט ער אויסגעשריען:

„זאָל גאָט משפט'ען צווישען מיר און צווישען זיי!" — —

און ער איז האסטיג ארויף אויף זיין פערד.

און די קריעגער האָבען זיך גלייך אָנגעצונדען מיט כעס פון זייער צורייצטער גבור.

און די מחנות, וואָס זיינען פון איהם געווען פארגרייט אויף אָנצר־פאנגען די מלחמה, האָבען זיך גלייך אָבגעריסען פון זייערע ערטער.

און די גאנצע ערד איז געווען פערשיינט מיט זון, און די גאנצע ערד האָט גלייך גענומען פראכען און שווימען אונטער זייערע פיס, אונ־

טער די פיס פון זיינע בלויע מחנות, וואָס האָבען זיך מיט א געפּעהר־ליכען אימפּעט געטראָגען נאָך זייער ווייסען גבור.

און פון אנטקעגען האָבען זיך באַלד בעוויזען די רויטע מחנות פון דעם מלך פון די בני עמון, שווערע, גרויסע — — —

האָט זיך דער גבור גענומען טראָגען זיינע מחנות נאָך שנעלער און האָט זיי מיט אינגאַנצען זיין צורייצטען כעס א וואָרף געטהאָן אויפ'ן רויטען שונא.

„זאָלען זייערע פערד זיך הויבען אויפ'ן שונא'ס קעפּ, זאָלען זייערע שווערדען זיך אָנטרינקען אינ'ם שונא'ס בלוט. מיט זיינע קרי־גער איז דער שטאַרקער גאָט. מיט זיינע קריעגער איז יהוה".

און זיינע מחנות זיינען ארויפגעפאַלען אויפ'ן שונא שרייענדיג: יהוה, יהוה!!!

און דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד האָט באַלד גענומען אויסזעהן ווי א ווילד־צוטראָגענער, פאַרבינער ים.

מחנות האָבען זיך געוואָרפען אויף מחנות און האָבען זיך צונויפּ־געשלאָגען מיט א בייז־ווילדען רעש. און ווי א פינקלענדינער שוים אונטער דעם שיין פון דער זון, האָבען איבער זייערע קעפּ געשפּריצט און געבליצט די טויזענדער שווערדען און שפּיזען.

און די גאַנצע ערד האָט זיך גענומען הויבען און וואַרפען מיט פערד און מיט מענשען און מיט קולות.

און אין אַלע זייטען האָבען זיך באַלד גענומען וואַלגערען טויטע, צוטראָטענע און פערוואונדעטע.

און אין אַלע זייטען האָבען באַלד גענומען ארומלויפען צושראָ־קענע פערד, וואָס האָבען אין שלאַכט פערלאָרען זייערע קריעגער.

און די פערד האָבען זיך ארומגעטראָגען מיט פלאַטערדיגע גריוועס, מיט אויסגעצווינגענע עקען, און האָבען פון מאָל צום מאָל געריסען די זוניגע לופט מיט זייערע קולות.

און דער גבור האָט זיך ארומגעטראָגען צווישען זיינע מחנות, וואָס זיינען געשטאַנען אין שלאַכט און ער האָט מיט זיין שטאַרקען קול גערייצט און געשריען:

„אויף די קעפּ פון די גענצענדריענער! אויף זייערע קעפּ!"

און די קריענער, דערהערענדיג דעם קול פון זייער גבור, פלעגען אין זיך דערפיהלען א נייעם שטראָם כעס און כח.

און ווען דער שונא האָט זיך גענומען שטארקען, האָט דער גבור מיט אַמאָל אַנטערגעשפּאָרט זיין צוהיצטען פערד און איז אריבער צו זיין חיל, וואָס האָט אויף איהם געוואַרט הינטער די בערג, און ער האָט פון דאָרטען גענומען טראָגען און יאָגען נייע מחנות.

און די מחנות זיינען געלאָפען אויף פערשיעדענע וועגען.

און די מחנות זיינען ארויף אויף דעם שונא פון פערשיעדענע ערטער.

יעדע מחנה איז בעשטאַנען פון טויזענד, און יעדע מחנה האָט טויזענד מאָל טויזענד ליעב געהאַט איהר גבור.

און זיי האָבען געוואוסט, אז זייער גבור איז שווער בעליידיגט געוואָרען.

טויזענדער פיילבויגענס האָבען געשפּריצט און גערעגענט אָנ־טקענען זיי מיט פיילען, אָבער זיי האָבען זיך ניט גענומען פאַר די פייל־בויגענס, נאָר מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזען האָבען זיי זיך געטראָ־גען גלייך אויפ׳ן שונא, און האָבען זיך אין איהם אריינגעשטאָכען בייז און ווילד. —

זיי ווילען נקמה, זיי ווילען נקמה פאַר זייער בעליידיגטען גבור!

און דער שונא איז צוטומעלט געוואָרען פון די פּלוצלונגע אָנפאַ־לען פון אזוי פיעל פערשיעדענע זייטען.

און דער גבור האָט געוואוסט, אז קליין זיינען זיינע מחנות אנט־קעגען דעם שונא׳ס, נאָר אז שטארק איז דער אידישער גאָט, דער גאָט יהוה, דער הערשער איבער אַלע חילות.

און ער האָט זיך בעוויזען אויף איינעם פון די בערג.

און ער האָט זיך א שטעל געטהאָן אויף די אייזענס פון זיין זאָטעל.

און ער האָט ארויסגעכאַפּט זיין גרויסען שאַרפען שווערד, און ער האָט איהם אויסגעשטרעקט צום הימעל.

און די זון, וואָס האָט פערשיינט דאָס גאַנצע טומעלדיגע שלאַכט־פעלד, און די גרינגע בערג פון נאָהענט און ווייט, וואָס האָבען אויסגע־זעהן ווי אַנגעשוואָלענע, האָבען איהם אַרויסגעפּרעסט און אַרויסגע־הויבען און האָבען נאָך ווייסער געמאַכט זיין ווייסען מאַנטעל און נאָך בלויער — זיין ברייטען, ליכטיג־בלויען גאַרטעל, און נאָך שוואַרצער — זיין ווילדען, שוואַרצען פערד.

און די בני עמון האָבען דערזעהן אויפ'ן שפּיץ פון'ם באַרג דעם גרויסען ווייסען מאַן, און זיי האָבען דערזעהן זיין גרויסע באָרד, וואָס האָט בייז געפלאַטערט אין דער בלויער לופט מיט איהרע געקרויז־טע שוואַרצע פּאַסען.

און זיי האָבען דערזעהן דאָס גרויסע צואָווילדעטע פערד, וואָס אונ־טער איהם.

און זיי האָבען דערזעהן זיין שטאַרקע האַנד מיט'ן גרויסען אויס־געשטרעקטען שווערד אין איהר.

און זיי האָבען דערזעהן — זיין ברייטע שווערד גרייכט די זון. — זיין גרויסע שווערד שפּאַלט די זון אויף צווייען! — — —

און זיי האָט זיך גענומען דאַכטען אַז דאָס איז דער אידישער גאָט, וואָס האַלט מלחמה מיט זייער גאָט מולך — מיט'ן גאָט פון דער זון, און אַז אָט רייסט אָט דער געפעהרליכער גרויסער גאָט פון ישראל, אַראָפּ די זון און שליידערט זי אויף זייערע קעפּ! — — —

און דער גבור האָט אויפגעהויבען זיין גרויסען, ברוינעם שטערען מיט די פינקעלדיגע שוואַרצע ברעמען, און ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו גאָט, און ער האָט אין זיין הארצען אַ נדר געטהאָן, און האָט אַזוי געזאָגט:

„יהוה, דו ווייסט, אַז די מלחמה וואָס איך פיהר איצט, איז פאַר דיר און דיין פאָלק.

„איך, דיין קנעכט, פאַרגיעב זיי דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבען מיר געטהאָן.

„פאַרגיעב זיי אויך דו!

„פאַרגיעב דיין פאָלק ישראל.

„און עס וועט זיין, ווען דו וועסט געבען די בני עמון אין מיינע הענד, איז דאָס ערשטע, וואָס וועט אַרויסגעהן פון די טירען פון מיין הויז ביי מיין קומען צוריק פון דער מלחמה, וועט געהערען צו דיר און איך וועל עס דיר ברענגען פאַר אַ קרבן.

און ווי נאָר דער גבור האָט געענדיגט זיין נדר, האָט זיך דאָס האַרץ אין איהם אַ שטאַרקען ריס געטהאָן פון אַ שרעק, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען. — — —

אָבער באַלד האָט דער גבור דערזעהן, ווי דער צוטומעלטער שונא האָט זיך מיט זיין גאַנצער שווערקייט גענומען בויגען צו דער מצפה.

און דער גבור האָט אין דעם דערזעהן אַ פינגער פון גאָט.

און ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ לאָז געטהאָן מיט זיין פערד.

און ער האָט זיך האַסטיג און מיט אַ ווילדען געשריי גענומען טראָ־גען איבער באַרג און טהאָל.

און אַ געדיכטער, ווייסער שטויב, האָט זיך אויפגעשלאָגען און איז איהם וואָלקענווייז נאָכגעשפרונגען איבער באַרג און טהאָל.

און זיינע מחנות, וואָס זיינען געלעגען בעהאַלטען אין פערשיע־דענע פלעצער זיינען אויף זיין געשריי מיט אַ מאָל אויפגעשפרונגען און זיינען איהם נאָכגעלאָפען.

און וועלדער שטויב האָבען זיך נאָך זיי אויפגעשלאָגען און גע־גומען אויסגלייכען באַרג און טהאָל.

און דער גבור איז מיט זיי אַרויף אויף דער מצפה. און פון דאָר־טען איז ער מיט זיינע מחנות, מיט זיינע פערד, מיט זיינע רייטוועגען און מיט דעם שאַרף פון זיינע שווערדען אַראָפּ, ווי אויף די פליגלען פונ׳ם ווינד, אויף די קעפּ פון די בני עמון.

און דעם גבור׳ס פערד זיינען געשפרונגען איבער מענשען. און דעם גבור׳ס פערד זיינען געשפרונגען איבער פערד. און זיינע שווער־דען האָבען געבליצט און געשטאָכען און געיאָגט און געטריבען.

און די בני עמון האָבען דערזעהן צווישען זיך דעם גרויסען גבור.

און זיי האָבען דערזעהן — ער איז מיט זיין פערד און מיט זיינע

אקסלען העכער און גרעסער פון אלעמען, און ער ווערט נאָך אלץ גרעסער און גרעסער! — — — — — —

און זיי האָט גענומען שרעקען זיין אויסזעהן.

און זיי האָט גענומען שרעקען זיין פערד.

און זיי האָט גענומען שרעקען זיין באָרד און זיינע אויגען.

און זיי האָבען גענומען אין שרעק לויפען פון זיין שטארקען פנים און פון דעם שארף פון זיין שווערד.

פון זיין געשריי זיינען א סך פערטויבט געוואָרען.

און א סך זיינען געפאלען צו דער ערד.

פון זיין געשריי האָט גענומען גליווערען דאָס בלוט אין די אָדערן פון דעם שונא׳ס ווייטע מחנות.

און פערד האָבען זיך אויסגעדרעהט און זיינען אנטלאָפען ווי משוגענע.

און די בני עמון האָבען אלע אין איין קול גענומען שרייען:

„דאָס איז דער אידישער גאָט צבאות! דער גאָט פון ישראל!

און זיי האָבען אין ווילדער איילעניש גענומען לויפען פון זיין צאָרן.

און די מחנות פון דעם שונא זיינען צומי־שט געוואָרען.

און די מחנות פון דעם שונא זיינען אַנגעלאָפען איינע אויף די אנדערע.

און דער גבור האָט אלץ געפּרעסט און געיאָגט.

און ער האָט זיי פערטריעבען פון גלעד.

און ער האָט זיי פערטריבען צום ירדן.

און אריבער דעם ירדן.

און ער האָט זיי געשלאָגען און נאָכגעיאָגט אין זייער לאַנד.

ביז ער האָט איינגענומען צוואנציג פון זייערע שטעדט.

ביז זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען צו די קינדער פון ישראל.

ז.

און עס איז געווען, ווען דער גבור מיט זיינע זיעגרייכע מחנות האָט זיך אומגעקעהרט בשלום פון דער מלחמה מיט די בני עמון, איז דאָס ערשטע, וואָס איז איהם אַרויס אַנטקעגען פון די טירען פון זיין הויז, געווען זיין איינציג קינד, זיין טאָכטער.

און זי איז אַרויס אַנטקעגען איהם מיט געזאַנג און מיט טענץ.

און עס איז געווען, ווען דער גבור האָט דאָס דערזעהן, איז ער פערשטיינערט געוואָרען פון שרעק.

און דער שרעק האָט איהם דערמאָהנט אָן דעם שרעק, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען אויפ'ן שפּיץ פונ'ם באַרג, און אין דעם ריס, וואָס זיין האַרץ האָט זיך געטהאָן באַלד נאָך דעם ווי ער האָט געגעבען זיין נדר. — — — — —

און דער גבור האָט אויפגעציטערט און זיינע אויגען האָבען גע־נומען קוקען אין אַלע זייטען: — טאָמער אַ שאָף, אַ רינד, אפשר ער־געץ דער הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן — — —

אָבער אומזיסט!

און דעם גבור'ס פּנים איז מיט אַ מאָל געוואָרען שוואַרץ.

און ער איז אַראָפּ פון זיין פערד.

און ער האָט אויף זיך צוריסען די קליידער.

*

און ווען דער גבור האָט דערצעהלט פון זיין נדר, האָט זיך אַ בייזער שרעק, ווי אַ ווינד, דורכגעטראָגען צווישען זיינע מחנות, איבער די לייבער פון אַלע זיינע קריעגער און זיי זיינען אַראָפּ פון זייערע פערד.

און זיי האָבען אויף זיך צוריסען די קליידער.

און זיי האָבען אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין.

ווייל אַלע האָבען זעהר ליעב געהאַט שושנה'ן, און ווייל אַלע האָבען געוואוסט — זי איז דעם גבור'ס איינציג קינד.

און ווי זיי האָבען אַלע אַזוי געוויינט, האָט זיך איבער זייערע קעפּ בעוויזען אַ ווייסער מלאך.

און דער ווייסער מלאך האָט שטיל דורכגעשוועבט איבער די ווייגענדיגע מחנות —

און ער איז געקומען ביז צו שושנה'ן.

און ער האָט מיט זיין פליגעל ווייך אָנגעריהרט איהרע ליפּען.

און שושנה האָט אויפגעהויבען איהר געקרויזטען קאָפּ.

און איהרע פייכטע אויגען האָבען געגלאַנצט.

און איהרע שעהנע ליפּען האָבען גליקליך געשמייכעלט.

און אינ'ם ווייסען טוך, וואָס האָט ארומגענומען איהר יונגען קערפּער, האָט זי זיך בעוויזען אויפ'ן טאַטענס שווארצען פערד.

און זי האָט פאַנאַנדערגעשפּריים איהרע הענד.

און אין איין האַנד האָט זי נאָך געהאַלטען איהר גאָלדען בלעך, אויף וועלכען זי האָט זיך צוגעקלאַפּט צום טאַנץ.

און אין דעם בלעך האָט זיך אריינגעשפּיגעלט די גאָלדענע זון.

און עס האָט אויסגעזעהן — זי האַלט די זון אין איהרע הענט.

און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען האָט זי אויסגעשריען:

„קריעגער, פאַר'ן גאָט און פאַר זיין פאָלק! פאַר'ן גאָט און פאַר זיין לאַנד!“

און טויזענדער און טויזענדער פערוויינטע אויגען האָבען זיך אויפגעהויבען צו איהר, צו שושנה'ן, צו דער טאָכטער, צו דעם הארץ פון זייער גבור, וואָס איז פאַר זיי געשטאַנען אַן אויסגעצויגענע מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענד — — — —

און זיי האָט זיך גענומען דאכטען — אַט הויבט זי זיך אויף און פליהט — און פליהט אוועק פון זיי.

און פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער רעווען: — דאָס איז ביי ברכיהו'ן פלוצלונג אויפגעשפּרונגען זיין פערד אויף די הינטער־שטע פיס און עס האָט זיך אויסגעריסען פון זיינע הענד און עס איז אַוועק אין פרייען פעלד אריין.

און אַלע האָבען פון דעם אויפגעציטערט.

און אויך זי — שושנה — האָט פון דעם אויפגעציטערט.

און זי האָט אויף אַ ווײַלע געווענדט איהרע אויגען צום פערד, וואָס האָט זיך דאָרט גענומען טראָגען אין פעלד, ווי אַ געשטאָכענער...

ח.

און שושנה האט זיך געווענדעט צום גבור:

„פאטער, טהו מיט מיר, ווי ריין מויל האט גערעדט, נאר גיב מיר צוויי חדשים אויף צו בעוויינען מיין מיידעלשאפט“.

און דער גבור האט געגעבען זיין טאכטער צוויי חדשים צייט צו בעוויינען איהר מיידעלשאפט.

און זי איז אוועק אין די בערג. זי און מיט איהר איהרע חבר'טעס, וואס זיינען איהר נאכגעגאנגען און האבען בעוויינט איהר יוגענד.

איהרע חבר'טעס האבען געוויינט און זי איז פאר זיי געגאנגען א פערטראכטע, א שטאלצע און האט געשוויגען.

און איהרע אויגען האבען געקוקט פון די שפיצען פון די בערג אויף די בערג און אויף דער ווייטקייט וואס אריבער די בערג...

און די חבר'טעס פלעגען וויינען הינטער איהר, און זי אליין פלעגט זיי נאך אפט טרייסטען:

„זי איז נאטס און זי געהט צו נאט, און זי וועט זיי דארטען אלע־מען געדענקען. — — —

*

.... און אין אבענד פלעגט זי זיך באדען אין טהוי — — —

און די חבר'טעס, וואס פלעגען ארומוויישען איהר לייב, פלעגען צו איהר וויינענדיג זאגען:

„דו ביזט ווי א טאכטער פון טהוי און דו ביזט נאך ריינער פון טהוי.“

...און אין דער פריה פלעגט זי זיך באדען אין די שטראהלען פון דער זון. —

איהר בלוט פלעגט נעמען שפילען און מאכען רויז איהר לייב. —

און עס פלעגען זיך אָנציהען איהרע יונגע ברוסטען. —

און זי פלעגט דאַן ניינען איהר קאָפּ צום קוואַל. —

און זי פלעגט אַהין קוקען לאַנג אויף זיך און אויפ'ן הימעל, וואָס שפּיגעלט זיך ווייט הינטער איהר — — —

און דער שווארצער וואלד פון איהרע גערקרויזטע האָר פלעגט זיך דאַן צושיטען איבער איהר נאַקען. —

און זי פלעגט דערפיהלען, אַז די האָר האָבען זיך אָנגעוואָרימט אָן דער זון, און זיי ריהרען ווארים אָן איהר לייב.

און זי פלעגט זיי שטיל אָננעמען מיט איהרע הענד און פלעגט נאָך אַ מאָל דערפיהלען זייער וואַרימקייט. — —

און זי פלעגט זיי קינדעריש טוליען צו איהרע פערציטערטע ברוסטען.

און זי פלעגט זיי אָננעמען און זיך ארומוויקלען מיט זיי דעם האַלז.

און די חבר'טעם פלעגען קוקען אויף איהר צובליהטען לייב, אויף איהר ראָז צובליהטען פּנים מיט די ליכטיגע גרויסע אויגען, וואָס איז ארומגעהאַלזט מיט די געדיכטע שווארצע האָר — און פלעגען איהר זאָגען ווײַנענדיג:

דו ביזט ווי אַ טאָכטער פון דער זון און דו ביזט נאָך פיעל שעהנער פון דער זון.

און זי פלעגט זיך אײַנהילען אין איהר ווייסען טוך, און זי פלעגט זיך הייסען ברענגען ווייסע טויבען.

און זי פלעגט זיי קוקען אין די אויגעלעך.

און זי פלעגט גלעטען מיט די ווארימע פעדערלאך פון זייערע רונדע קעפּעלאך — איהרע פולע רויטע ליפּען און די דינגע הויט פון איהרע באַקען — — —

און זי פלעגט זיי לעגען אין איהר שויס.

און די טויבען פלעגען נעמען וואַרקען צו איהר.

און זי פלעגט נעמען ליעב פלוידערען צו זיי, ווי אַ קינד און ווי אַ מאַמע — — — —

און נאָכדעם פלעגט זי זיי אָבלאָזען.

און די טויבען פלעגען אויפפּאטשען מיט די ווייסע פליגלען און פלעגען אוועקפליהען.

און שושנה פלעגט זיך אויפהויבען און זיי נאָכקוקען מיט איהרע ברייט צועפענטע אויגען, ווי זיי פליהען אוועק ווייט, ווייט...

און איינמאָל, ווען זי האָט אזוי נאָכגעקוקט די טויבען, איז צו איהר צוגעקומען איהר שוין לאנג געשטאָרבענע מאמע. — — —

און שושנה האָט נאָר קיינמאָל ניט געדענקט איהר מאמען.

און דער מאמע׳ס פּנים איז געווען פערדעקט מיט א געדיכטען שלייער. —

...נאָר שושנה האָט געוואוסט אז דאָס איז די מאמע.

...און די מאמע האָט איהר געקושט די ליפּען.

... און די מאמע האָט איהר געקושט דעם שטערען.

און די מאמע האָט איהר אריינגענומען אין איהר שלייער.

און די מאמע האָט זיך איבערגעבויגען איבער איהר און האָט זיך צוּוויינט. — — — —

*

און ניט איינמאָל, ווען ווייט אין דער בלויקייט פלעגען זיך נעמען טוקען און שווינדען די פּינטלען פון די ווייסע טויבען, האָט שושנה פאר זיך דערזעהן דעם הויכען גרייז מיט דער גרויסער זילבערנער באָרד, ווי ער נעהמט אום איבער דער בלויער לופט א באָרוועסער, מיט זיין גרויסען שטעקען אין האנד. — — —

און ער קומט צו איהר.

און ער שטעלט זיך אוועק פאר איהר.

און ער שטעהט אזוי לאנג, לאנג.

און ער קוקט אויף איהר, ביז ער ווערט ניט.

און איינמאָל, ווען שושנה האָט אזוי נאָכגעקוקט די ווייסע טויבען, האָט זיך פאר איהר צועפענט דער הימעל. — —

און דער צועפענטער הימעל איז צוגעקומען צו איהר נאָר נאָהענט.

און זי האָט דאָרט דערזעהן:

א ווייסער וועג וואָס איז אויסגעבעט פון ווייסע וואָלקען.

און פוןביידע זייטען שטעהען ווייסע מלאכים.
און אַרויף אויפ'ן וועג זיצט גאָט אויף זיין שטוהל. — —
און ער איז איינגעהילט אין אַ גרויסען וואָלקען
און פון ביידע זייטען פונאיהם שטעהען צוויי ליכטיגע מלאכים.
און אויף הינטען פון זיין שטוהל איז פוסט און וויסט — — — —
און דער גרויסער גרייז מיט'ן הויכען שטעקען געהט איבער'ן וועג, אויפ'ן וועג צו איהם. — — —

*

און איהרע חבר'טעס שטעהען הינטער איהר, קוקען אויף איהר און וויינען. — — — —

ט.

ברכיה איז ערנעץ אוועק און איז ניט געבליבען.

און דעם גבור פלעגט מען אַלע פאַרנאַכט זעהן ווילד לויפענדיג אויף זיין גרויסען שלאַכט־פערד איבער די דערפער און פעלדער פון גלער. —

און די איינוואוינער פלעגען אויפציטערען און איהם נאַכקוקען און נאַכזיפצען.

אַמ פלעגט מען איהם זעהן אויף איין בארג און אַמ — אויף א צוויי־טען. —

און מען האָט געזעהן — ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

און ער שפרינגט איבער די שפיצען פון די בערג; קוקט און זוכט זיין טאָכטער.

און דערזעהט ער זי, קומט ער קיינמאָל ניט צו צום פּלאַץ, וואו זי געפינט זיך. — — —

און אַזוי טאָג איין, טאָג אויס.

און איינמאָל, ווען דער גבור איז געקומען צוריק פון זיין פאַרנאַכ־טיגען וועג, האָט איהם ביי זיין טיר בעגעגענט זיין טאָכטער. —

דאָס האָבען זיך שוין געענדיגט איהרע צוויי חדשים, און זי איז געקומען צוריק. —

דעם גבור׳ס הארץ האָט זיך נאָך שווערער פערקלעמט.

און ווען שושנה האָט אָנגענומען דאָס פערד פאַר׳ן צוים, האָט דאָס פערד געגומען הירזשען צו איהר און ציהען צו איהר דעם קאָפּ און דעם האַלז מיט ליעבשאַפט און בענקען, ווי דאָס פערד וואָלט געפיהלט, אז עס זעהט זי צום לעצטען מאָל.

און שושנה האָט געהאַלטען דאָס פערד פאַר׳ן צוים און געקוקט אויף

דעם און דאָס גענלעט לענגער ווי אַלע מאָל. און נאָכדעם האָט זי גע־נומען ארומשטויבען דעם גבור.

און דעם גבור'ס פּנים איז געווען פינסטער.

און ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט האָט זי ארייננעלעגט איהר קאָפּ אין זיין שויס.

און דער גבור האָט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף איהר קאָפּ.

און זי איז אזוי לאנג געלעגען און איז גיט איינגעשלאָפען.

און נאָכדעם האָט זי ווי פון שלאָף געפרעגט:

— אַ יאָ, טאטע, ברכיה איז געווען אַ גוטער?

און דער הירש מיט'ן זילבערנעם האָרן האָט זיך אזוי פלוצלונג ארויס־געריסען פון די הענד און איז אנטלאָפען — — —

און איצט בלאָנדזשעט ער דאָרט אַרום אויף יענע בערג, איינער איינער אליין — אַ הירש מיט אַ זילבערנעם האָרן.

און, אַ יאָ — פון דאנען וואָלט ער אזוי ווי אַ מענש געבענקט אהין, אהיים? — — —

און פאר וואָס, טאטע, האָבען זיך בעוויזען ביי דיר גרויע האָר אין באָרד? אַ, טאטע? אזוי פיעל גרויע האָר! — — — —

און צו געדענקט ער נאָך איהר מאמע. זי איז געווען אַ הויכע, איאָ?

ו.

און אויף מאָרגען איז אויף איינעם פון די בערג געווען פאַרטיג דער מזבח פון האָלץ.

און עס איז געווען גרייט דאָס פייער.

און שושנה איז אַליין ארויף און האָט זיך אַוועקגעלעגט אויפ'ן מזבח.

און ווען מען האָט אונטערגעלעגט דאָס פייער איז א ציטער אריבער די לייבער פונ'ם גאַנצען פאָלק וואָס האָט זיך פערזאַמעלט אויפ'ן בארג.

און ווען דאָס פייער האָט דערגרייכט דאָס האָלץ, האָט שושנה מיט א מאָל אויף זיך דערפיהלט גאָט'ס גייסט און זי איז אויפגעשפּרונגען.

און דאָס פייער האָט שוין דערגרייכט איהרע באָרוויסע פיס און דעם זוים פון איהר קלייד.

און זי האָט פערגאַנדערגעשפּרייט איהרע הענד, ווי אויף צו בענשען.

און זי האָט אויסגעשריען אויף א הויכען קול:

„געדענק ישראל! גאָט, דער גאָט פון אברם, דער גאָט פון הימעל, איז דיין גאָט!"

און די פלאַמען האָבען זיך מיט א מאָל א הויב געטהאָן ארויף איבער איהר ווייסען קלייד.

און עס האָבען זיך אָנגעכאַפּט און א פלאַקער געטהאָן איהרע צו־לאָזטע האָר.

און איבער איהר קאָפּ האָבען זיך צועפּענט די טירען פון הימעל.

און עס זיינען ארויסגעפלויגען פייער מלאכים.

און ווי דאָס פאָלק האָט דאָס דערזעהן, איז דאָס געפאַלען אויפ'ן פּנים, און עס האָט זיך געבוקט.

און דער גבור איז די גאַנצע צייט געשטאַנען א פערשטיינערטער.

און ווען דאָס פאָלק איז געפאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד און האָט

זיך געבוקט, איז דער גבור געבליבען איינער איבער אַלעמען.
און ער האָט אין זיך דערשטיקט אַלע זיינע וועהטאָגען.
און ער האָט אויפגעהויבען און פערשפּרייט זיינע הענד צום צועפענ־טען הימעל און האָט אויסגעשריען:
„זיי געבענשט און געלויבט פון אייביג ביז אייביג!"

און באַלד נאָך דעם האָט דער גבור דערהערט הינטער זיך אַ צורייצ־טען געשריי:
„בן זונה!! ווען דו וואָלסט ניט געווען קיין בן זונה וואָלט גאָט ביי דיר ניט געווען צוגענומען דיין איינציג קינד!"
דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפגעציטערט פון דעם פּלוצלונגען אויס־געשריי.
און דער הימעל האָט זיך באַלד פערשלאָסען.
און דעם גבור'ס פּנים איז מיט אַ מאָל געוואָרען שוואַרץ ווי קויל.
און ווען ער האָט זיך אומגעדרעהט האָט ער הינטער זיך דערזעהן ברכיה'ן.
און ווען ברכיה האָט זיך בעגעגענט מיט'ן גבור'ס פּנים, איז ער משוגע געוואָרען פון שרעק.
און רמליהו האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד פון זיין שייד און האָט זיך מיט איהר געלאָזט צו זיין זוהן, אָבער דער גבור האָט איהם אָבגעהאַלטען.
און ברכיה האָט זיך צולאַכט מיט אַ משוגענעם געלעכטער.
און ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערד און איז אַוועק.
און באַלד האָט זיך נאָך אין פאָלק דערהערט אביבעל'ס שטימע:
„יהוה האָט ביי אברם'ען ניט צוגענומען זיין קינד, ביים בן זונה האָט ער עס צוגענומען, ווייל ער איז אַ בן זונה! און ווייל ער איז ניט ווערטה צו זיין דער האַר און דער הערשער צווישען אונז!"
און דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיט אַ מאָל גענומען מורמלען — — — —
און פון דעם געמורמעל האָט ביים גבור גענומען גליווערען דאָס בלוט הינטער'ן האַרצען.

און דאָן זיינען נאָך אריבער די ברידער פון דעם שבט, וואָס אויף יענעם זייט ירדן און זיינען אַנגעפאַלען מיט געשרייען און מיט שטיינער:

„בן זונה! פאַר וואָס ביזטו געגאַנגען מלחמה האַלטען מיט די בני עמון אָהן אונז?"

און דער גבור האָט זיי געענטפערט:

„איך האָב דאָך אייך גערופען און איהר האָט דאָך מיך געלאָזען אַליין אין מיין נויט.

און זיי האָבען ווייטער געשריען:

„בן זונה! בן זונה! מיר ווילען ניט, אַז אַ בן זונה זאָל געוועלטיגען איבער אונז.

„דיין הויז זאָל אויף דיר פערברענט ווערען אין פייער! אין פייער!...

*

און עס איז געווען ווען דעם גבור'ס קריעגער האָבען דערהערט, ווי מען רעדט שלעכטס אויף זייער גבור, זיינען זיי אַנגעפאַלען —

און אין יענעם טאָג איז פון דעם שבט אויסגע'הרג'עט געוואָרען צוויי און פערציג טויזענד מאַן.

און אין דער שלאַכט איז פון דער האַנד פון אביבעל געפאַלען דעם גבור'ס איינציגער פריינד — זיין גוטער רמליהו.

יא.

און דאַן איז דער גבור געבליבען אַליין.

און צו זיינע אויערען איז נאָך געקומען דאָס געשריי פון פאָלק: דו ביזט אַ פערשאָלטענער! דו ביזט אַ בן זונה! ווען דו וואָלסט ניט גע־ווען קיין בן זונה, וואָלט גאָט ביי דיר ניט געווען צוגענומען דיין טאָכ־טער, דיין איינציג קינד. בן זונה! בן זונה!

„דו גלויבסט אַליין ניט אין יהוה׳ן — דו האָסט צו איהם מקריב געווען אַ מענשען.

„און אַז דו וואָלסט ניט געווען קיין בן זונה, וואָלט דאָס ניט גע־קומען צו קיין ברידער מלחמה.

„דאָס בלוט פון די ברידער וועט פאַלען אויף דיין קאָפּ.

„און ווער ווייס, וואָס נאָך פאַר אַ אומגליקען עס וואַרטען אויפ׳ן פאָלק איבער דיר, ווייל דו ביזט אַ בן זונה! אַ בן זונה!“

און שרעקליך איז דאַן געווען צו זעהן דעם גבור אין די פאַרנאַכטען.

זיין באָרד איז ווידער הארט געוואָרען און זיך צוטהיילט אין בעזונ־דערע פאַסען, וואָס פלעגען ווי בייזע שלאַנגען צוואַווארפען פלאַטערן אויף זיין גרויסער ברוסט, אויף זיינע הויכע, ברייטע אַקסלען.

און זיינע אויגען פלעגען בליצען פון כעס:

„און ער וועט זיך אָוועקטראָגען צו די העכסטע בערג.

„און פון זיין כעס וועלען שטיינער דאָרט צוריבען ווערען אין שטויב.

„און די שטאַרקסטע פעלזען וועט ער רייסען און וועט זיי מיט זיינע הענד שליידערען אַרויף צום הימעל, צו איהם! — — — — — —

„און זאָלען זיי פאַלען צוריק אויף די קעפּ פון זיין פאָלק!

„צוליעב וועמען האָב איך נעקעמפּפט אויפ׳ן שלאַכט פעלד?!

„צוליעב וועמען און פאַר וועמען האָב איך מקריב געווען מיין איינ־ציג קינד ?!

„מיט וואָס קען ביי דיר און ביי דיין פאָלק אַ זינדיגער מענש זיך אויסקויפען פון זינד ?!

„זינד, אין וועלכע ער איז גאָר ניט שולדיג !

„און צו האָב איך דיך ניט געדיענט מיט מיין גאַנצען הארצען ?"

און די טענות פלעגען איהם קאָכען און זידען אין הארצען.

און פאַר זיינע אויגען פלעגט נאָך אויפשטעהן דאָס בילד פון די צוויי און פערציג טויזענד גע'הרג'עטע און געקוילעטע ברידער.

און דער גבור פלעגט זיך טרייסלען פון שרעק — און ער פלעגט זיך ארויפכאַפּען אויף זיין פערד.

און דאָס פערד פלעגט שוין דערקאַנען, אַז דער גבור איז צורייצט, און עס פלעגט זיך נעמען טראָגען איבער גלעד.

און די לופט פלעגט זיך רייסען און שרייען דעם גבור אין די אויערען.

און איהם פלעגט זיך דאכטען, אַז די צוויי און פערציג טויזענד ברידער, מיט איבערגעשניטענע העלזער, מיט צוקרימטע מיילער, מיט צוהאַקטע קעפּ און פערבלוטיגטע פנים'ער יאָגען איהם נאָך אין דער לופט מיט זייער בלוט.

און דער גבור פלעגט נעמען טרייבען דאָס פערד אַלץ צורייצטער, אַלץ ווילדער. —

„ער וועט ארויף אויף איינעם פון די העכסטע בערג —

„און אַזוי ווי זיין פנים רייסט איצט די לופט, אַזוי וועט ער מיט זיי־נע הענד צורייסען די הימלען און וועט אהין אריינשרייען :

„ווער איז שולדיג פאַר דאָס ברידער בלוט ?!

„אויף וועמעס קאָפּ זאָל פאַלען זייער בלוט ?"

און ער וועט צונויפנעמען דאָס בלוט פון די צוויי און פערציג טויזענד און וועט דאָס אַ וואַרף טהאָן צו איהם. —

און זאָל דער ווייסער וואָלקען אין וועלכען ער איז איינגעוויקעלט, רויט ווערען.

זאָל ער רויט ווערען אין די אויגען פון אַלע מלאכים !

*

זאָל ער רויט ווערען אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט!

נאָר ווען דער גבור פלעגט ארויף אויף איינעם פון די גאָר ווייטע בערג פלעגט זיך פאַר איהם אויפשפּיגלען זיין גוט לאַנד, דאָס לאַנד פון בלאַנקען טורעם מיט דער ווייסער טויב —

און דער גבור פלעגט בלייבען שטעהן און לאַנג קוקען אַהין אין יענעם לאַנד.

און א שווער בענקען פלעגט נעמען קוועלען דעם גבור'ס הארץ.

און זיינע צורייצטע בליקען פלעגען זיך אָבשטעלען אויף דער ווייסער טויב.

ווי קלאָהר זי איז, ווי ווייס זי איז —

און אָט דאַכט זיך, רייסט זי זיך אָב און לאָזט זיך פליהען צו איהם...

די ווייסע טויב — די ווייסע טויב —

און דעם טורעם האָט ער אויפגעשטעלט נאָך דעם געשטאַלט פון פייער, וואָס נאָט האָט איהם בעוויזען אין חלום.

ווי שעהן, און וויפיעל ליעבע און שטאַרקייט עס איז געווען אין דער געטליכער האַנד, וואָס האָט פאַר איהם געהאַלטען דעם טורעם פון פייער הויך אין הימעל — — —

און וויפיעל חסד יהוה האָט מיט איהם געטהאָן ווען ער האָט אין איהם געגלויבט מיט אמת און ריינקייט.

און איצטער האָט יהה פון איהם אָבגעטהאָן זיין חסד.

ווייל ער, דער גבור פון יהוה, האָט זיך ניט אין גאַנצען פערטרויט אויף יהוה'ס שטאַרקער האַנד.

ווייל ער, דער גרויסער גבור פון יהוה, איז מיט אַמאָל צושראָקען געוואָרען און אין דער מינוט פון שרעק האָט ער מיט זיין זינדיג מויל ארויסגעבראַכט א זינדיגען נדר.... און דערמיט ווידער געגעבען אבי־בעל'ן א וועג צום פאָלק, צום פאָלק וואָס וויל זיינע זינדיגע סעודות, די זינדיגע ימים טובים פון די פרעמדע געטער —

און דער גבור פלעגט נאָך אזוי לאַנג שטעהן און קוקען אַהין און טראַכטען און איבערלעבען —

און עס פלעגט זיך איהם נעמען דאַכטען, אַז ער זעהט נאָך איצטער ווי זיין טאַכטער שפּרינגט איהם אַנטקעגען און שרייט צו איהם אַ פער־ציטערטע פון ליעבע און פרייד:

„פּאָטער, פּאָטער! די זקנים פון גלעזער זיינען צו דיר געקומען."

און דעם גבור׳ס האַרץ פלעגט זיך דערביי אָפּט אויפהויבען מיט כעס און ביטערקייט.

ער וואָלט זיי וועלען בייז און וויסט שעלטען! —

אָבער פאַר זיינע אויגען גליהט דער טורעם און עס פלאַטערט די ווייסע טויב.

... און עס עפענען זיך זיינע ליפּען און זאָגען:

„גאָט, זיי זיינען אַ דור אַ פערקרימטער און אַ פערדרייטער!

„זיי זיינען ניט מעהר ווי די וואָג וואָס זייערע פיס טראָגען. און זיי קענען זיך ניט אויפהויבען צו דיר.

„און איך בין דאָך נאָך דיינע געזעצען — דער זוהן פון אַ זונה.

„און איך בין געשטרויכעלט געוואָרען.

און די זינד פון מיין מוטער פאַלען אויף מיין קאָפּ און אויף מיין האַלז ווי שווערע מיהלשטיינער און לאָזען מיך ניט אויפהויבען זיך אין די אויגען פון׳ם פאָלק. און לאָזען מיך ניט אויפהויבען דאָס פאָלק צו דיר.

און דו אין דיין גרויסען דערבאַרימען, געדענק זיי ניט דאָס שלעכטס.

„איך — דיין קנעכט — בין זיי מוחל.

„און וואָלט איך געהאַט נאָך אַ קינד, וואָלט איך דאָס ניט פערמידען פון צו מקריב זיין צו דיר פאַר זייערע זינד. — אויב דאָס וואָלט נאָר דיין ווילען געוועזן.

„ווייל איך ווייס, אַז דו ביזט גרויס.

„ווייל איך ווייס, אַז זייערע קינדער און קינדס קינדער וועלען דער־צעהלען פון דיין גרויסקייט צווישען די פעלקער."

יב.

לאנג אבער האט דעם גבור'ס הארץ ניט געקענט אויסהאלטען.

און איינמאל, עס איז געווען אין דער צייט פון רעגען —

און עס איז געווען נאכט —

און דער חושך איז געווען אנגעפילט מיט רעגען און מיט דונערען און מיט בליצען —

און פון יעדען בליץ איז מיט אמאל ליכטיג געווארען אויף די בערג און אין די טהאלען —

האט מען ביי דעם שיין פון די בליצען דערזעהן דעם גרויסען גבור אויף איינעם פון די בערג.

און ער איז געשטאנען אן אויסגעצווינגענער, א גרויער.

און די הענד האט ער געהאלטען ארויף צום הימעל און האט הויך און בייז געשריען.

ביז עס האט זיך דערהערט א דונער, פון וועלכען דאס גאנצע לאנד האט אויפגעציטערט.

און דאן האט זיך מיט אמאל ווייט צושפאלטען דער פערוואלקענטער הימעל —

און דער צושפאלטענער פאס האט זיך פערצויגען ביז איבער א האלבען הימעל. —

און דער ברייט צושפאלטענער פאס איז צוגעקומען ביז צום פלאץ וואו דער גבור איז געשטאנען. —

און פאר דעם גבור'ס אויגען האט א בליץ נעטהאן א ליכטיגע ווייסקייט.

אזא ווייסקייט האט נאך ביז דאן קיין בן אדם אפילו אין חלום ניט געזעהן.

... און די ווייסקייט האט ביי דעם גבור ארויסגעקושט די נשמה...

*

און אַזוי איז געווען, וועלט איין, וועלט אויס:
אַמאָל איז געווען אַ גבור.
און דער גבור איז פערשוואונדען.
און די נאַכט, ווען ער איז פערשוואונדען איז געווען פול מיט דענער און מיט בליצען.
און אויפ'ן אַנדערן טאָג אין דער פריה האָט זיך געפונען לייטערען.
און עס איז געווען, ווען עס האָט זיך געפונען לייטערען האָט מען צווישען די וואָלקען, אויף איינעם פון די בערג, דערזעהן זיין שווארצען פערד.
און ניט ווייט פונ'ם פערד האָט זיך געזעהן דער הויכער גרייז, האַל־טענדיג זיינע הענד אָן דעם הויכען שטעקען.
און אין אבענד — די זון האָט זיך אַ גרויסע, אַ רויטע געזעצט צווי־שען די וואָלקען פון די אנטקעגענדיגע בערג — האָט מען דערזעהן שושנה'ן, דעם גבור'ס טאָכטער, דעם גבור'ס הארץ אויפ'ן מזבח, צווישען די רויטע וואָלקען.
און מען האָט דערזעהן — זי איז מיט אַמאָל ארויפגעשפרונגען אויפ'ן ברענענדיגען מזבח.
און זי האָט זיך אויסגעצויגען.
און זי האָט פאַרנאַנדערגעשפרייט איהרע הענד.
און מען האָט דערהערט: זי שרייט פון דאָרט אויס מיט איהרע לעצטע כחות:
„געדענק ישראל! גאָט, דער גאָט פון אברם, דער גאָט פון הימעל איז דיין גאָט."

צווייטע טייל:

די פארגאנגענע זון

דער אלטער וואלד

ווילדע וואלד־קלאנגען. —

אין אוועגד, ווען די זעגער און העקער פערלאזען דעם וואלד, ווערען די ווילדע וואלד־קלאנגען בייזער, גרויזאמער און טיעפער.

און ווען די רויטע אווענד־זון פערקלייבט זיך אין דעם גרויסען אלטען וואלד אריין, פערוואנדלען זיך די קלאנגען אין בלוטיגע געשרייען.

— ווער שרייט דאס אזוי שווער און בייז?

— דאס שרייט דער אלטער וואלד!

אויף אן אויסגעהאקטען שטיק, אין מיטען פון דעם גרויסען וואלד, שטעהט א הילצערנע קאנטאר. אויף א קלאץ, ניט ווייט פון קאנטאר, זיצט דער אלטער וואלד־סוחר, רב מרדכי און טראכט פאר זיך. — ער הערט די ווילדע וואלד־קולות. — עס קנאקט, עס הילכט און קנאלט, אבער ער מאכט זיך ניט וויסענדיג, — זאל זיין אז מען האקט נאך אין דער נאהענטער דעליאנקע און דאס הילכט אזוי אפ אין דעם פארנאכטיגען וואלד, צו פוהרען פאהרען איצט ערגעץ מיט דער „אביעזדקע“, וואס אין מיטען וואלד, קנאקען דאס אזוי די פערדארטע צווייגען אונטער זייערע רעדער...

וואלקענס, בלוטיג רויטע, צינדען זיך אן איבער'ן אויסגעהאקטען שטיק: פער'כישופ'ט־רויט ברענען די פענסטער פון קאנטאר. עס זעצט פון זיי די רויטקייט אזוי שטארק, אז עס איז גאר אונמעגליך אין זיי אריינצוקוקען. און דארטען, צווישען די בוימער, וואס צום דארף אין טהאל, שלאגען אויף ליכטיג־רויטע פלאמען. מען וואלט געקאנט מיינען, אז דאס גאנצע דארף אין טהאל האט זיך אנגעצונדען. מען הערט אפילו

דאָס אויסברעכעָן פון צושראָקענע געשרייען — נאָר רב מרדכי'ן ריהרט דאָס ניט. ער זיצט זיך אַלץ פערטראַכט. מיעף. אַליין. איהם לאָזט אַלץ ניט צורוהה די מעשה מיט'ן נייעם בית־המדרש: אָבגעברענט געוואָרען דער אַלטער... אזוי לאַנג געשטאַנען לעדיג דער פּלאַץ, — פערוואַקסען גע־וואָרען מיט דערנער. ביז גאָט האָט געהאָלפען, מען האָט זיך געשטעלט בויען... אַליין געשענקט פאַר דריי הונדערטער געהילץ!... פון די בעסטע! מען זאָל חלילה ניט נאַרען. און היינט נאָך א חוץ: צוויי קנאַקעדיגע פינף־און־צוואַנציגער. און נאָך מיט וואָס פאַר א וואַרעמקייט! מיט וואָס פאַר א פרייד! און צום סוף לאָזט זיך אויס: עס וואַקסט אויף עפּעס גאָר ניט דאָס... א פרעמדע זאַך — רחמנא לצלן! — — —

גאָט זאָל גאָר ניט שטראָפען פאַר'ן רעיון, — אבער דער אַלטער איז דאָך געווען אזא שווערער, אַן ערענסטער... און דאָס?!... אויסגע־וואַקסען עפּעס אזא יונגער „צוציק“, א ווייסער, מיט א בלעכענעם הי־מעל, אָהן א ברעקעל דרך ארץ...

„מע! — ס'הייסט, נייע יאָהרען, נייע בתי־מדרשים!“ טראַכט אַלץ רב מרדכי פאַר זיך און פיהלט דערביי ווי עס בריהט איהם אין הארצען. עס ברענט דאָרט א פייער, וואָס, דאַכט זיך, ימים וואָלטען ניט געקאָנט אויסלעשען.

א ווינטעל ציהט. דאָס ווינטעל ריהרט שטיל אָן רב מרדכי'ס גרויע האָר. פאַר רב מרדכי'ן ליגט א נאָר וואָס אויסגעהאַקטער בוים. דער בוים ליגט אויסגעצווינען ווי א לעבעדיגער... ער שפּאַרט זיך אָן אויף זיינע דיקע, נאָך ניט אונטערגעהאַקטע צווייגען, ווי אויף לעבעדיגע הענט... א פּאָר פערשפּעטיגטע פויגעלעך שפּרינגען אום און טיסטשען איבער די אויבערשטע צווייגען. די בלעטער פליסטערען און וויעגען זיך שטיל... רב מרדכי פערקוקט זיך אויפ'ן בוים, מעסט איהם אוים מיט'ן אויג: פון אונטען וועט מען דאַרפען אָפּשניידען אַן אַנדערהאַלבען אַרשינאַווע קלאָץ; נאָכדעם א דריי אַרשין, פון וועלכע מען וועט קאָנען א ר ו י ס־כ א פּ ע ן צוויי פּלאַסטען און א דריי ר י י נ ע ווערשקאָווע ברע־טער. העכער, וועט מען אפשר קאָנען א ר ו י ס צ י ה ע ן א „ברוסאָק“ פון א צוויי־און־א־האַלב אַרשין און דאָס איבריגע — צוהאַקען אין קלאָפּ־

טער... און ארום שטעהט נאָך א וואַלד אויף יאָהרען און יאָהרען... און... די מעשה מיט'ן בית־המדרש געהט פאָרט ניט ארויס פון קאָפּ. — — — —

די פעניעס פון די אַבגעזעגטע בוימער זיצען אין דער ערד אזוי מאַדנע און קוקען מיט זייערע ווייסע קעפּ אזוי, ווי לעבעדיגע, וואָס אַט וועלען זיי זיך אַלע אויף איין מאָל א הויב טהאָן און אויפשפּרינגען, און אַלע אין ווייסע טליתים!...

דאָ און דאָרטען זיינען אַנגעוואָרפען קלעצער, שפּענער און זעגעכטס. און דאָרט ארו־ף זיצט אויף א קלאָץ אברהם דער משרת, רב מרדכי'ס רעכטע האנד און קאָכט וועטשערע. — האַלט א מעסער אין האנד, שיילט קאַרטאָפּעלס און וואַרפט זיי אין וואַסער, און איבער'ן פייער, אויף דריי צוזאַמענגעשטעלטע צווייגען הענגט דאָס אייזערנע קאַך־טעפּעל; ס'וויגטעל ציהט אַב אַן א זייט דעם בלוי־גרויען רויך; אביסעל ווייטער, נעהמט זיך דער רוי־ך שפּרייטען ברייטער, צושפּרייטער און דינער, ציהט זיך ארויף אויפ'ן געהילץ, אויף די נאָהנטע בוימער און בלייבט אויף זיי הענגען ווי א דינער זייד. — נעבען אברהם שטעהט א פולער עמער מיט פרישען וואַסער, ליעגט א קופּע אַנגעקליבענע שפּענער.

אין אברהם'ס שוואַרצער באָרד, ווייזען זיך שוין ווייסע האָר — קלערט רב מרדכי... — נעכטען האָט אברהם אונטערגעשאָרען זיינע וואָנסען, זעהען זיך ביי איהם אַצינד ארויס א פּאָר נאַקעטע בלאַסע ליפּען — — —

עס דערהערט זיך דאָס אַנקומען פון א פוהר... די פוהר בעוויזט זיך גלייך אויפ'ן וועג צום קאָנטאָר. רב מרדכי הויבט זי־ך אויף אַנטקעגען דער פוהר און פרעגט, נאָך אַלץ אין רעיונות פערזונקען.

„צוליעב וואָס אזוי שפּעט, איוואַן?"

איוואַן שטעלט אב די פערדלעך, קריכט ארויס פון וואָגען מיט דער לאַנגער בייטש אין האנד און ווענדט זיך צו רב מרדכי'ן, ווי צום איינציגען מענשען איוף דער וועלט, וועמען מען מעג גלויבען:

— אַט זאָל ער, מאַרדקאָ, זעהן.

ער, איוואַן, האָט זיך נעכטען, אויף דעם יאַריד געביטען מיט'ן פערד און קאָן זיך נאָך ביז איצט קיין טאָלק ניט דערשלאָגען: — האָט

ער זיך אַבגענאַרט, צי ניט? און ער וויל וויסען דעם אמת, דעם אמת'ן אמת.

רב מרדכי געהט צו, בעטראַכט דאָס פערדעל, וואָס שטעהט זיך וואויל־יונגעריש, מיט דער פערשייטקייט פון א נייעם. — דאָס פערדעל האָט נאָך גאַנץ שטאַרקע פיס, ניט קיין אַלטע צייהן אין מויל, איז ריה־רעוודיג. — רב מרדכי טרעפט, אַז איוואַן האָט געדאַרפט צוצאַהלען צעהן רובעל. איוואַן ענטפערט, אַז נאָר אַכט.

„הייסט דאָס — בעשליסט רב מרדכי, צו איוואַנ'ס פרייד — אַז דו האָסט זיך ניט אַבגענאַרט.“

אברהם קומט אויך צו. אויך זיין מיינונג איז, אַז איוואַן האָט זיך ניט אַבגענאַרט, און דערצו טאַקע אויסגעביטען אַן אַלטען אויף א יונגען...

„אַן אַלטען אויף א יונגען!“ — הערט רב מרדכי... — און ער הערט ווי דער געשפּרעך טראָגט זיך שאַרף און טיעף אין דעם וואַלדיגען אָוועגד אריין, און לאָזט זיך הערען צוריק פון צווישען די בוימער, אַזוי ווי עטליכע לצים וואַלטען זיך דאָרט בעהאַלטען און ביי זיך אַבגעמאַכט אויף צו־להכעיס איבערצוקרימען יעדען וואָרט... און רב מרדכי נעהמט מיט אַמאָל קוקען אויפ'ן פערדיל ווי אויף עפּעס אַן אונטערגעשיקטע זאַך...

און ווי נאָר איוואַן פאָהרט אַוועק, בלייבט רב מרדכי שטעהן אין מיטען אויסגעהאַקטען שטיק וואַלד. עפּעס שלאָגט זיך מיט אַמאָל אָפּ אין הארצען, עפּעס צינדט זיך פּלוצלונג אָן פּאָר זיינע אויגען, און ער נעהמט מיט איין האַנד אָן זיין וויסע באָרד, פערלענגט די אנדערע אין גאַרטעל און דערמאָנט זיך:

„עס האָט געברענט דער אַלטער בית המדרש!

„מען זעהט, עס ברענט א ב י ת ה מ ד ר ש!...

„נו?!

„און ווען דער היינטיגער —

„חלילה...

„די שעה זאָל גאָר נים זיין! — — — —
„וואָלט עס אויך אויסגעקוקט, ווי עס ברענט אַ בית המדרש?!“ —
— —

ווילדע וואַלד־קלאַנגען. —

אין אָוונט, ווען די זעגער און די העקער פֿערלאָזען דעם וואַלד, ווערען די ווילדע וואַלד־קלאַנגען בייזער, גרויזאַמער און טיעפּער.

און ווען די רויטע אָוונט־זון פֿערקלייבט זיך אין דעם גרויסען וואַלד אריין, פֿערוואַנדלען זיך די קלאַנגען אין בלוטיגע געשרייען.

— ווער איז דאָס, וואָס שרייט אַזוי שווער און בייז?

— דאָס איז דער גרויסער אַלטער וואַלד!

ביים פייער

1.

ח ל ד.

קאלט אין דרויסען. אין שטוב איז האלב־טונקעל. עס ברענט א לעמפעל. עס טאנצען רויטליך־גרויע שאטענס אויף די ווענט. עס ברענט אין רובע. דאס פייער איז נאך יונג און נעהמט מיט פרישען ברען ארום איטליך שייטעל האלץ, דאס האלץ צופלאקערט זיך און קנאקט פערשיידט. אויפ׳ן קלעצעלע נעגען רובע זיצט די באבע מלכה. דער רויטער אפשיין פון דעם פלאטערדינגען פייער פאלט אויף דער אנטקעגענדינגער וואנט און אויף דער באבעס טיעף־געקנייטשטען פנים. ארום דער באבע זיצען קינדער: ניט ווייט ארויף ליגט די אלטע גרויע קאץ. — ווי ליעב און היימיש דא איז אלץ! — געבענשט זיי היים! געבענשט זיי פייער! עס איז דער דרויסען אזוי קאלט, ווערט דער דמיון ביי דעם פייער שפי־נען, וועבען מעשות זיך.

— —

שעהן איז מיין יענקעל געוועזן! שעהן אז ממש נאט און לייט האבען מיר מקנא געוועזן!

די שווינער זאל אייך זיין צו לעננערע יאהר — געוועזן א חכמה א אידינע — פלעגט דערצעהלען, אז ווען זי איז געגאנגען אין מקוה מיט איהם, האט זיך גראד געטראפען, אז די לאנדעס, וואס האבען דעמאלט געהאט וואלד נים ווייט פון אונז, האבען אראפגעבראכט זייער יונגע שנור צום ערשטען מאל אין מקוה.

דאס איז געווען א ווייבעל — בלוט און מילך! אינגאנצען זיבעצען־אכצעהן יאהר אלט. און ווי נאר די טיקערען האט איהר, ווי דער שטיי־נער איז, דורכגעקוקט די נעגעל, און זי האט זיך אויפגעשטעלט, זענען די שווינגער, און די אלע אנדערע ווייבלאך, וואס זענען דערביי געשטא־נען, פשוט פערגאפט געווארען פון איהר שענקייט. עפעס א מין כשוף האט זיך פון איהר שעמעוודיגען לייב געגאסען! און ווען זי האט אויפ־געהויבען איהרע שעהנע הענט צו פאריכטען די האר, וואס האבען זיך ארויסגעשפארט פון אונטער איהר טשיפעק, זענען זיי אלע גאר נשתומם געווארען!...

די שווינגער פלעגט מיר דערביי ליעב־האבען זאגען:

— איך זאג דיר מיין קינד, — דאס איז עפעס געווען ווי א כשוף! עפעס האט זיך דערביי אין אונז אויפגעכאפט, און מיר האבען אלע מיט אמאל אזא שיין געטהאן, — אט ווי א פרישער זומער פריהמארגען אויף א יונג בוימעל למשל. און שטילערהייד פלעגט זי מיר צולייגען: — און ווי איך האב דאס יענעם אוועגד דעם שוועהר, זאל לעבען, ליעב בעקו־מען — א גוואלד!...

כאטש אין דער אמת׳ן האט זי אלע מאל דעם שוועהר, עליו השלום, זעהר ליעב געהאט. נאר ווען זי פלעגט רעדען פון יענעם אוועגד, האט מען ממש געזעהן אז אויף דער אידינע רוהט די שכינה. — און איך קאן שווערען, פלעגט זי אלע מאל אויספיהרען, אז דיין יענקעל איז אינגאנצען י ע נ ע מיט די ביינער...

דאס ערשטע מאל האבען מיר זיך דערזעהן איז שמחת תורה.

איך האב ניט געוואוסט פון גאר ניט... ס׳הייסט, כ׳האב שוין יא געוואוסט אז מען רעדט מיר חיים משה׳ס זוהן, נאר ווען רחל, מיינע א חבר׳טע, וואס האט ניט לאנג חתונה געהאט און טאקע זיינע א שטיקעל קרובה געווען, — האט מיר געזאגט: „מיר׳ן היינט געהן אין גרויסען בית המדרש צו הקפות" — האב איך פון גאר ניט געוואוסט...

און אפשר?!...

כ׳ווייס!...

נאָר גאָר ניט! — זי זאָגט: אין גרויסען בית המדרש, טו זאָל זיין אין גרויסען!

איך האָב זיך אָנגעטהאָן, פּערפּוצט ווי עס דארף צו זיין, פערקאמט אויף מיין שטיינער די האָר. און א קאָפּ האָר האָב איך געהאט — א וואלד! געדיכט, און שווארץ ווי פּעך. און זיי פלעגען זיך אזוי גוט אײַן קיהל פיהלען צווישען מיינע פינגער, אז נאָך אײצט מיין איך, אז ווען ניט צוליעב יענקלען, וואלט איך בעסער מרוצה געווען גאָר אין גאנצען ניט חתונה האָבען, איידער זיך לאָזען אָפּשניידען אזוינע האָר. איך פלעג נאָך מאכען אזוי, אז א גאנצע פּאסמע זאָל מיר אראָפּפאַלען איבער'ן שטערען. און טאַמער פלעגט דער טאטע צי די מאמע זאָגען: ס'איז צו פערשיים, ס'פּאסט ניט אזוי פאר א בעל־הביתיש מיידעל, — פלעג איך טענה'ן:

— רבונו של עולם! וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען?! וואָס ביִן איך שולדיג אז ס'איז ביי מיר אזוינע האָר?...

מאָל דיר, דאָס פּנים איז דאָך ביי מיר אזוי אויך געווען פריש און לויטער, פול מיט בלוט; מיט שווארצע ברענענדיגע אויגען און היינט די שווארצע סאמעטקע אויפ'ן ווייסען האלז!... נאָר פון דעסטוועגען, פלעג איך וועלען אז ס'זאָל נאָך אריבער פאלען א פּאסמע האָר. גלאָט אזוי זיך. — ס'זאָל קיצלען, ס'זאָל ציטערען... און דוקא אויף דער רעכטער באַק.

נאָר מילא, וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג ברייען. — איך האָב זיך מיר פערפּוצט אויף מיין שטיינער און מיר זענען אוועק.

שמחת תורה איז דאָך אין די בתי מדרשים געוועהנטלאָך „פּראָש־טשענא"... די ווייבער געהען אראָפּ צו די מענער און שטעלען זיך אוים ביי דער ווייבערשטער וואַנט ביז ארויף. און אויף די הענגלייכטער ברע־נען דאָך אלע בליצלאָמפּען אזוי לעבעדיג, אז ס'איז א מחיה! — ס'בליצט אויף די פנים'ער, אויף זייערע בערד, אויף די שווארצע אטלע־סענע קאַפּאָטעס און דער גאַנצער עולם פיהלט זיך דאָך עפּעס אזוי פריי, ווי נאָר ניט אין בית המדרש... און אויף די יונגע לייט, איז דאָך

דעמאָלט א חיות צו קוקען: זיי זענען דאָך דעמאָלט אַלע אַזוי גוט אויפגע־לייגט און שיינען, אַז כאָטש נעם שפּיגעל זיך אין זיי. און דער בעלעמער איז דאָך פול מיט קליינע אינגעלעך, ווי מיט ביהנען: און זיי זענען דאָך אַלע אַזוי ווי נאָר וואָס געוואַשענע, און אין זייערע יום־טוב'דיגע גאַר־ניטערלאַך, מיט פאָהנען, מיט די אָנגעצונדענע ליכט און די רויטע עפּעל... און היינט איז דאָך דער בית המדרש אליין טאַקע א ציערונג גע־ווען! עפּעס גאָר א קליינינקייט אויסצורעדען — דער אַלטער בית המדרש!...

משה דער שמש פּלעגט דאָס אויפרופען פון דעם עולם צו הקפות!...

נו־נו!...

אַט נאָך איצט שטעהט ער מיר ווי לעבעדיג פאַר די אויגען, ווי ער גיט אַרויס די לעצטע תורה. צולאָזט די הענט און שרייט אויס:

— הלך!..

און אַלע אינגעלאַך כאַפּען אונטער:

— ה־ה־ל־ך! !... — — — — — — — — —

— —

און ווען עס שטילט זיך איין זייער געשריי דערהערט זיך דעם רב'ס קול — איהם פּלעגט מען דאָס מכבד זיין מיט פיהרען די ערשטע הקפה — און ער איז דאָך געווען אַזאַ גרויסער, א הויכער — געהט ער זיך אויף פריהער, איינגעוויקעלט אינ'ם גרויסען טלית מיט דער ברייטער זילבער־נער עטרה, טראָגט אויף זיין האַנד די שעהנסטע תורה, מיט'ן כתר, מיט'ן יד, און אין דער צווייטער האַלט ער דעם צועפּענטען מחזור, ווי ער וואָלט חלילה אויף אויסווייניג ניט געקאַנט... און די אויגען זיינע שיי־נען, אַז כאָטש וועלטען אויסצופאַהרען, און זינגען זינגט ער מיט אַזאַ כתיקות, אַז עס צוגעהט זיך אין א יעדען אבר — און נאָך איהם געהען איינס נאָכ'ן אַנדערען די איבעריגע אידען מיט די תורות. — דער עולם — די קינדער, די מיידלאַך, די ווייבלאַך וואַרפען זיך צו זיי. מ'קושט ביי זיי די תורות, מ'ווינשט זיי, זיי זאָלען דערלעבען איבער א יאָהר און זיי, ווי דער שטיינער, ענטפערען:

— „גם אתם“!

און ווען ס׳ענדיגט זיך די הקפה נעמט מען זיך טאַנצען „פרעה־לאכם“. פון אָנפאַנג געלאַסען, נאָכדעם שטאַרקער, גרעסער, היציגער.

— —

ווען ס׳דערהערט זיך ווידער דעם שמש׳ס קול, איז מען דאָך אַלע ווי בע־רוישט און ס׳קול טראָגט זיך דאָך ווי פון דעם צועפּענטען ארון קודש, איז ווער עס דערהערט זיין נאָמען ניט מן הסתם א ציטער. וואָרום איך געדיינק, אז ווען ער האָט אויסגערופען :

— „החתן יעקב בר. חיים משה תן כבוד לתורה“ !

האָב איך אַזש א ציטער געטהאָן...

און ווען די איינגעלאָך האָבען צו יענער הקפה א געשריי געטהאָן :

— הלך !

געדיינק איך נאָך ווי איצט, אז ס׳האָט מיר א שטאַרקען ריס גע־מהאָן אין הארצען, און די אויערען זענען מיר איינגאַנצען פערטויבט גע־וואָרען... פאַר די אויגען האָט זיך מיר מיט אמאָל אלץ א מיש געטהאָן און צונויפגענאָסען אין איין שטיק... אומגעקוקט האָב איך זיך ערשט, ווען רחל האָט שוין ביי איהם געקושט די תורה און איהם געוואונשען :

— זאָלסט דערלעבען איבער־א־יאָהר מיט דיין טאַטע־מאַמע, מיט דיינע שוועסטער און ברידער און מיט א שעהנער כלה...

דאָ האָט מיר ערשט א רעכטען טיאַבקע געטהאָן אין הארצען... איך האָב דערפיהלט אז איך ווער רויט, ניט נאָר אויפ׳ן פּנים, נור איבער׳ן גאַנצען לייב. און רחל גיט מיר נאָך דערביי א שטורך :

— מלכה ! כאַפּ א קוש ! גיכער ! —

איך זאָל כלומרשט ניט פערשפּעטיגען...

איך האָב זיך נעשטאַרקט, האָב מיט די פינגער פון מיין רעכטער האַנט א גלעט געטהאָן די תורה, א קוש געטהאָן די פינגער און דערוויילט נעכאַפּט א קוק איהם גלייך אין פּנים אריין. — ס׳האָט געשיינט ווי די זון ! — האָב איך א זאָג געטהאָן :

— דערלעבט איבער־א־יאָהר ! — און דוקא נאָך אַזוי... מיט א שמייכעל...

האט ער אויף מיר אויפגעהויבען זיינע גרויסע אויגען און א זאג געטהאן:

— דערלעבט אויך איבער־א־יאהר!

און ווי נאר ער האט דאס ארויסגערעדט, האט די פאכמע האר וואס אויף מיין פנים, א שטארקען ציטער געטהאן און איך האב דערפיהלט א גרויל איבער'ן לייב... אבער גאר א ן א נ ד ע ר מ'ין גרויל!...

דער גרויל האט שוין מיך נאכדעם א לאנגע צייט ניט אפגעלאזען. כמעט ביז איך האב פאר איהר גיט חתונה געהאט.

און ווייטער?...

מיר דאכט זיך, אז נאך א לאנגע צייט נאך דער חתונה.

אט אזוי פלעגט דאס מיר פלוצלינג א הילך טהאן אין די אויערען יענער „הלך!" און א קיצעל טהאן אויפ'ן באק און דער גרויל פלעגט זיך א יאג טהאן אונטער דער הויט פון מיין גאנצען לייב.

און אויף רחל'ן בין איך נאכדעם אין כעס געווארען, טאקע נאר ווי זי וואלט מיר די קאפאטע אפגעקוילעט: — שטייטש, למאי האט זי מיך א שטורך געטהאן? וואס איז דאס פאר א וועג זיך שטירכען? וואס בין איך דאס א ליימענער גולם, צי וואס?! האסטו געזעהן אביסעל אן איינפאל פון א מענשען! און ווי טהוט מען אזא זאך, גלייך, יענעם אין די אויגען?... ווי איז דאס געהערט געווארען?! און אזוי האט זי זיך דעם גאנצען וועג פון בית המדרש אהיים פון מיר גאר ניט געקאנט אויס־בארען.

און טאמער מיינט איהר, — איך האב גלאט אזוי גערעדט? ניין, טאקע מיט הארץ, און מיט בלוט, און מיט טרערען אין די אויגען...

און אז איך בין געקומען אהיים, בין איך גערען געוועזען אז מ'האט מיך נעלאזט צורוה. און ווי נאר מ'האט אפגעגעסען, בין איך גלייך אוועק צו זיך, האב זיך גלייך ארייננעווארפען אין בעט אריין און בין טאקע גלייך אנטשלאפען געווארען.

און פארטאג, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט און דערזעהן, אז ס'איז נאך בלוי אין די פענסטער און בין ווייעדער אנדרעמעלט געווא־רען, האט זיך מיר גע'חלום'ט, אז איך געה ארויס פון אונזער געסעל

אויפ'ן מארק פּלאַץ, און ס'איז נאָך אזוי פריה, אז מען זעהט נאָך אפילו
קיינעם ניט טרייבען די בהמות אין טשערעדע. דער פרישער זומער־מאַר־
גען האָט זיך, ווייזט אויס, נאָר וואָס גענומען אויפהויבען פון שלאָף. די
איינציגע שטרויען וואָס זיינען געלעגען צושפּרייט איבער'ן מארק פּלאַץ,
האָבען געשיינט ווי גאָלדענע. און איך האָב מיר געקוקט דעם מאָרגען גלייך
אין פּנים אריין און בין מיר אזוי צוגעקומען ביז אונזער קלייט.

און ווי נאָר איך לייג אריין דעם שליסעל אין שלאָס, בלייב איך
שטעהן א פערוואונדערטע: אונטער'ן דאך איבער דער טהיר פון אונ־
זער קלייט איז שטענדיג געווען א נעסט פון שוועלבעלאך און אין דער
צייט דארפען זיי שוין זיין אויף. — און דאָ ניטאָ קיין נעסט, ניטאָ קיין
שוואַלבען!... פונדעסטוועגען נעהם איך אראָפּ דעם שלאָס, און ווי נאָר
איך עפען די טהיר — ערשט איך ווער בענעגענט מיט א פּישטשען פון
אלע זייטען. און איך דערזעה אז אלע פּאָליצעס זענען פול מיט זייערע
נעסטען און ווי נאָר די פויגעלאך האָבען מיך דערזעהן, אזוי זיינען זיי
אלע ארויס פון זייערע נעסטען און האָבען זיך אויסגעשטעלט אויפ'ן
דיל און אויף די טישען... — געפעהלט דאָס מיר און איך גיב זיך א
שמייכעל און שטעל אריבער א פוס איבער'ן שוועל. נו, נו! — מעהר
האָב איך ניט געדארפט...

ווי נאָר איך האָב אריבער געשפּאַנט די שוועל, אז די פייגעלאך ני־
בען זיך ניט אלע מיט אמאָל א הויב פון אונטער מיינע פיס ביז איבער
מיין קאָפּ, מיט א קוויטשעריי און פּאַטשעריי:

— הלך!!!... — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין שיער ניט פערטויבט געוואָרען! איך בין געבליבען ניט
טויט, ניט לעבעדיג! און האָב גלייך דערפיהלט די פּאַסטע האָר אויף
מיין פּנים, און אָט דעם מאָדנעם גרויל איבער מיין לייב... און האָב זיך
אויפגעכאַפּט ווי פון א געשמאַקען קוש אויף מיינע ליפּען..

מיט מיינע צועפענטע אויגען האָב איך גלייך דערזעהן, אז איך ליג
אין בעט און אָבגעדעקטע און נעבען מיר שטעהט די מאַמע מיט א גוט
איינגעבריהטע גלאָז מילך אין האַנט און קוקט אויף מיר אזוי גרלות־

דיג: — איך בין דאָך די בת יחידה און דערצו נאָך די מיזינקע געווען!...
— נומ מארנען דיר טאָכטער מיינע! — זאָגט זי מיר מיט איהר גרלות'דיגען שמייכעל. — נעם טאָכטער, טרינק אוים דאָס גלעזעל מילך! א גלאָז מילך, אז דער קיסר וואָלט זיך מיט איהר מחיה געוועז!...
איך אבער ריהר זיך ניט פון ארט, האלט מיינעביידע הענט צו־נויפגעלייגט אונטער מיין צוואווארעמטער באק און ליג אזוי א צוואוא־רעמטע און קוק אויף דער מאמע מיט גרוים צועפענטע אויגען, ווי איך וואָלט עפּעס ניט פערשטעהען...
וואָס א שטיינער האָב איך ניט פערשטאַנען, ווייס איך נאָך עד היום ניט, נאָר איך געדיינק, אז איך האָב איין מיטען דערינען דערפיהלט, אז איך בין עפּעס גאָר ניט איך, נאָר אז אנדערע און איך האָב דערפיהלט, אז איך ווער מיט אמאָל אזוי גרינג, ווי א פעדער, נאָר א קליין שטיינדעלע זיצט מיר אויפ'ן הארצען. דאָס שטיינדעל צוואווארעמט זיך, הויבט זיך אן שמעלצען. שמעלצט זיך און צוגעהט, ווי צוואווארעמטער וואקס, און דאָס הארץ ווערט מיר פון דעם אזוי מאָדנע ווארעם און ווייך, און גיט זיך מיט אמאָל א צאפּעל, און איך דערפיהל ווידער יענעם גרויל... און טרערען שטעלען זיך מיר אין די אויגען. און נאָך עפּעס אזוינע ווארימע ליעבע טרערען, אז דאָס הארץ פאלט מיר שיער ניט ארוים!...
און אז די מאמע דערזעהט טרערען אין די אויגען, דערשרעקט זי זיך:
אַי, וואָס איז דיר קינד מיינס!?
איך אבער, ענטפער ניט.
מיר רעדט זיך ניט.
און דערפאר טאקע ניבען זיך ביי מיר די טרערען מיט אמאָל, אויף צו להכעים א נאָס, ווי פון עמער ארוים...
נו, מילא, וואָס זאָל איך אייך דאָ פיעל דערצעהלען, — באלד איז אריינגעקומען דער טאטע, ס'איז אריינגעלאָפען די שכנה, מ'האָט זיך גענומען מיר אָפּשפּרעכען א גוט־אויג; און ערשט שפּעטער האָבען זיך די ווייבער ארומגעזעהן, אז מע דארף מיך לאָזען אין בעט אויף א פּאָר טעג.

און נאַכדעם, קינדער, ביז איך טאקע געוואָרען גאַר אַן אנדער מענש. עפּעס זיינען מיר די אויגען מיט אמאָל ליכטיגער געוואָרען!

און איך האָב אנגעהויבען קוקען אויף אַלץ אזוי ליכטיג, אז איך האָב זיך אליין ניט דערקאָנט.

און היינט, צום ביישפּיעל אזא נארישקייט: איך האָב ליעב געקראַגען די פּאוט׳ינע וואָס איז דעמאָלט גראד אזוי ווי אינמיסטען ארומגעפלויגען אין דרויסען!

און וואָס א שטיינער איז דאָ ליעב צו האָבען? נאָר געה פרעג קשיות!

איך פלעג זיך נים פוילען, אין מיטען העלען טאָג ארויסצוגעהן אין דרויסען, געהן כלומר׳שט צו דער מאמע אין קלייט אריין, און אויפ׳ן וועג קוקען ווי עס שליינגעלען זיך די ווייסע פעדעם אונטער דער זון...

און טאָמער פלעג איך דערזעהן איינע פון זיי נידעריג, פלעג איך שוין געהן אזוי, אז זי זאָל זיך אין מיר אַנטשעפּען.

כ׳זאָל זיין געוועזען קענען קושען, וואָלט איך זיי געקושט!...

א נים פלעג איך גאָר צועפּענען דאָס פענסטער וואָס איז ארויסגעגאַנגען צום וואלד צו, זיך אוועקשטעלען קוקען אויף די ווייסע פעדעם און דערווייל זיך שוין פערקוקען צום וואלד. און איך פלעג אזוי קאָנען אָפּשטעהן ביז אין דער נאַכט אריין.

— און א שטיינער, וואָס האָב איך אין וואלד? גאָר נים!

און פונדעסטוועגען פלעג איך אזוי קענען אוועקשטעהן ביז איך דערהער שוין דאַווענען מנחה, צי, טאָמער שבת — ביז איך דערהער שוין דער מאמע זאָגען — גאָט פון אברהם, ביז עס בעווייזען זיך שוין שטערען אין הימעל, ביז ס׳צינדט זיך שוין אַן פייער אין די פינסטערע פענסטער...

היינט פלעג איך עפּעס גלאַט ווי משוגע ווערען!

וואָס איך פלעג דאָס נים דערארבייטען?! קלעטערען אויף טיש און ביינק, שפּרינגען, טאַנצען, איבערקעהרען וועלטען!

אינמיטען דערינען פלעג איך קאָנען ארומכאַפּען רחל׳ען זי קושען, האַלזען, אָבער אזוי ווי איך וואָלט זי וועלען איינשלינגען!

און ווי איך פלעג זיך דאָס פרעסען צו איהר! און אז זי פלעגט זיך

אנריהרען אַן מיר, פלעג איך זיך עפעס אזא צאפּעל טהאָן ווי די הויט אויפ'ן לייב וואָלט מיר מיט אמאָל צוקליין געוואָרען..

אניט פלעג איך גאָר קענען נעהמען און זיך אוועקזעצען ביים שפּיע־געל, קוקען אהין און טראכטען... און איך פלעג זיך אזוי פארקלעהרען ב ז איך פלעג מיט אמאָל רויט ווערען ווי א צוויק, ווי איך וואָלט חלילה ווער ווייסט וואס אפגעטהאָן...

און נאָך איידער איך האָב זיך מן הסתם צייט אומקוקען, אז דער רעגען גיט זיך דאס מיט אמאָל א ריים אַפּ אויף אונזער דאך, ווי פון א קיים.

— הלך! הלך! !

און איך גיב זיך פון דעם מיט אמאָל אזא צאפּעל, אז דער שפּיגעל פאלט מיר שיער ניט פון האנט ארויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, יאָ, קינדער!
דאס זיינען געווען יאָהרען!
יונגע יאָהרען! פייערדיגע יאָהרען!

2.

נ אַ ק ע ט.

קאַלט אין דרױסן. אין שטוב איז דונקעל. דאָס לעמפּעל ברענט. אין רױבע פּלאַקערט. עס ליגען שאָטענס אױף די װענט. װעמען זוכט מען אום אױף װענטן? װער װעט טרעפן װאָס ער זוכט?... דאָס פײַער שלינגט דאָס האָלץ פון רױבע און רערט, װי ס'װאָלט װאָס פרעהליכדיגס דערצײלט. — װיפיעל צונגען עס האָט דײַן פײַער — מיט אַזױ פיעל פערלאַנגען ברענט דײַן האַרץ. װײַסער שנײ און שװאַרצע בױמער. ערגעץ נעהמט אַ מענש פון װאַלד אַרױס. — װײַטער פרײַנד! דאָ איז אַ הײם, דאָ ברענט אַ פײַער. און דער דמיון בײַם פײַער טהוט שפּינען, װעבן מעשיות זיך.

— —

נאָר װאָס נאָך מײַן חתונה. ס'איז געװען פרײַטאָג, ערב ראש חודש. אײדער די מאַמע איז אװעק געגאַנגען אין מאַרק אַרײַן האָט זי מיר איבערגעלאָזען עטליכע קאָפּיקעס פאַר נדבות.

דאַרף זיך אָבער טרעפען, אַז מײַן יענקעל נימט זיך אַ פּאָרע בײַ דער גלעזער־שאַפּע און עס פאַלט פון דאָרט אַרױס די גרױסע שיסעל און צר ברעכט זיך אױף שטיק־שטיקלאַך!

װײַל איך דאַך מן הסתם זעהר נימט, אַז מען זאָל זיך דערפון דער־װיסען.

כאַפּ איך זיך אױף גיך אַרױס צו זעלדע דער מעמערין. זוך בײַ איהר

אויף אקוראט אאז שיסעל. ברייננ זי צוטראָגנען, שטעל זי אריין אין שאפע און מאך א שוויינ.

טאַמער איז געקומען אן אָרימאַן נאָך א נדבה?

— ניטאָ אייך וואָס צו געבען!

ניטאָ, און פאַרטיג!

יענקעל איז זיך אומגעגאַנגען הין און צוריק א צוטראַגענער. — פּאַרט, מען איז אן איידעם אויף קעסט, פרעמדע מענשען, וואָס ט'מען זאָגען?...

און איך שוויינ, זאָג איהם ניט א וואָרט.

עס געהט זיך אזוי אוועק דער טאָג. ס'ווערט פאַרנאַכט. אין שטוב איז שוין אויפגעראַמט. אלץ שוין פאַרטיג צו שבת. איך אליין בין שוין אויך שבת'דיג אנגעטהאָן אין מיין זיידענעם קלייד מיט די ווייסע שפּי־צען און שיין טאַקע נאָר ווי א יונגע בת מלכה!

אויפ'ן טיש איז שוין פערשפּרייט דער שניי ווייסער סערוועט, שטעהען שוין אנגעגרייט די שעהנע זילבערנע לייכטער, דער דיל איז בע־שאָטען מיט געלען זאַמד; באַלד וועט פערזיגעלען דער סאַמאָוואַר, באַלד וועלען שוין קומען פון מארק אלע שטוב מענשען; איך צושטעל אויפ'ן טיש די טיי־גלעזער דורך די פענסטער קוקט שוין אריין דער שבת, און יענקעל זינגט ביי זיך אין חדר זיין שיר השירים, זינגט אזוי, אז עס רייסט דאָס הארץ, אז עס צוגעהט זיך אין א יעדען אבר און איך האָב זיך נאָך צייט צו פערקוקען אויף פוסטע זאַכען, למשל:

אויף די גלעזער וואָס שטעהען אויפ'ן טיש. ווי ס'שפּיגלען זיך אריין אין יעדען גלאָז א פענסטער מיט דער ראַם, מיט אלע טאַפּליעס. דערנאָך פערקוק איך זיך ערשט אויף די לייכטער: יעדער לייכטער איז ממש אָפּגעשאָטען מיט קלייניקע ווייסע פענסטערלאַך.

און נאָר דאָס? —

איך האָב זיך אפילו גענומען צייט צו פערקוקען אויפ'ן סאַמאָ־וואַר. וואָס האָט געפּאַרעט אין ווינקעל און האָט אויף זיך געהאַט צוויי גרויסע אויסגעשפּיגעלטע פענסטער...

און אפילו אויף דעם, ווי דער איינציגער פענסטער פון דער זייר־

טיגער וואנט האָט זיך אויף קאָם אויסגעצויגען איבער׳ן דיל, איבער דעם פרישען געלען זאמד.

און ערשט נאָכדעם גערה איך מיר נאָך צו צום שפיגעל און רערוועה דאָרט צוויי־דריי פענסטער אויף איין מאָל און מיין שעהן געשטאלט צווישען די פענסטער, פונקט ווי זיי וואָלטען מיך ארייגענומען, ווי זיי וואָלטען מיך גענומען אונטער די הענט. — ווער איך פון דעם אזוי צו־פריערען, אז איך גיב זיך אזש אליין א גלעט איבער׳ן פנים, גיב זיך א כאָפּ ביי די אָרעמס... ווער א פערציטערטע און טראָג פּלוצלינג נאָר צו מיינע אייגענע הענט צום מויל און נעהם זיך אליין קושען די שפּיץ פינ־גער, די נעגעל...

איהר פערטשעהט?

יונגע יאָהרען.

נאָרעשע יאָהרען!

און איך בין דאָך נאָך דעמאָלט נאָר א יונג צינעל געוועזן. — האָב פון נאָר ניט געוואָלט וויסען, האָב בלויז ליעב געהאט ז י ך א ו ן ז י ך...

ביי מיר איז נאָך ערשט רעכט געוועזן צונעהן אוז זיך אוועקשטעלען ביים פענסטער א פערפּוצטע.

— און פרעגט, וואָס?

— נאָר נים.

— גלאַט אזוי זיך. —

— זאָל דער דרויסען אויף מיר א קוק טהאָן.

נאָר אָט האָט ער שוין אָפּגעזונגען זיין שיר השירים און איז שטיל געבליבען. — און האָט באלד זיך ווידער גענומען שפּאַנען היין און צוריק.

נו, קאָן איך זיך שוין מעהר ניט איינהאלטען, נעם איך און פער־וואָרף דאָס אויסגעהעפּטע סערוועט אויף מיין האנט, עפען אויף די טהיר פון זיין חדר — כלומרשט, איך גערה דאָס פערשפּרייטען זיין טישעל לכבוד שבת, און ווי נאָר איך טרעט אריבער די שוועל, בלייב איך אזוי שטעהן מיט׳ן סערוועט אויפ׳ן האנט און זאָג:

— ע־ע יענקעל! ווייסט? איך האָב געקויפט א נייע שיסעל... פונקט אזוינע... די מאמע וועט ניט דערקענען, וועט פון גאָר ניט ווי־סען...

גיט ער אזוי א קוק אויף מיר און ווערט רויט...

ווער איך אויך רויט...

און טאָמער מיינט איהר, איך האָב איהם דערצעהלט, אז איך האָב די שיסעל געקויפט פון דעם נדבה געלד?

חלילה!

נאָר גאָר ניט.

גלאט אזוי איז ער זיך רויט געוואָרען, און איך בין מיר רויט גע־וואָרען.

און דאכט זיך גאָר ניט.

וואויל, פיין. —

העלפט אבער גאָט, אז דער טאטע ברענגט מיט זיך פון דאווענען אן אורח אויף שבת, און דאָס מאָל גראד אן אייניקעל.

נו, איז וואָס?...

אבער ווי נאָר איך האָב איהם דערזעהן האָב איך דערפיהלט, אז דאָ איז עפעס ניט מיט אלעמען... ס'איז עפעס ניט גלאט אזוי דיר אן אורח אויף שבת; דוקא אזא קליינינקער, אזא דארינקער, אבער עפעס זיינע נענג, זיין גוט־אידישער שטריימעל, זיינע שרעקליך צולאָזטע באָרד און פאות!...

היינט זיין שלום עליכם!

דער טאטע, עליו השלום, מיט מיינע צוויי ברידער און מיין יענקעל, זאָל אייך אלעמען זיין צו לייכגערע יאָהר, פלעגען דאָך א שטיינער אָפ־זאָגען א שלום עליכם, אז ס'פלעגט קלינגען אין א יעדען ווינקעלע. ביי איהם אבער איז דאָס אויסגעקומען גאָר אן אנדער שלום עליכם! ביי יע־דען בויג זיינעם, מעג איך שווערען, אז מ'האָט ממש געזעהן ווי ער בוקט זיך פאר מחנות ווייסע מלאכים.

און היינט זיין קידוש!

זיין כל מקדש! —

א הייליגקייט, טאקע גאָר נים פון אונזער וועלט.

היינט זיין קול, ווען ער האָט זיך ביים טיש צו דרש'ענט! — עפּעס אזוי ווייך... שטיל... און מיט אזא מורא'דיגער אימה, אז א קעלט איז אלעמאל דורכגעלאָפען איבער'ן לייב...

און די בענש־ליכט האָבען דערביי עפּעס אזוי מאָדנע געברענט פון די לייכטער ארוים, און האָבען דאַכט זיך גאָר נים ווי אלע שבת נאכט, געפינטעלט אויף די אנגעהויבענע חלות, אויף די שריים און אויף די פנים'ער...

ארום טיש זיינען אלע געזעסען שאַ שטיל:

דער טאַטע אויבען־אַן האָט זיך איינגעהערט און ווי זיין טבע, מיט דער האַנט זיין שענע באָרד געקאַמט און מיין יענקעל האָט זיך אויף זיין שטייגער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף זיינע הענט. די ברידער זיינען גלאָט געזעסען מיט אָפענע מיילער און געשלונגען יעדען וואָרט. און די מאַמע האָט פערשאַרט דאָס זיידענע טיכעל אויף די אויערען...

און טאַמער מיינט איהר?

איך האָב אפילו א וואָרט נים פערשטאַנען!

נאָר ער האָט אין זיך געהאָט אזא מין כח, אז ס'איז גאָר נים אי־בערצודערצעהלען. —

אָט ווי נאָר ער האָט א זאָג געטהאָן, „הימעל“, האָט איהר פאַר זיך טאקע גלייך דעם הימעל דערזעהן. „אין הימעל“, און איהר זענט מיט איהם גלייך אין הימעל געווען.

איך זאָג דאָך אייך מיר זיינען אלע געזעסען טאקע נאָר ווי צוגע־קאַוועטע.

און ער האָט אלץ גערעדט וועגען צדקה ומעשים טובים, און גע־בראכט רעיות פון זיינע הייליגע אבות, אז דאָס זענען ק ל י י ד ע ר וואָס א מענש דאַרף זיך אנגרייטען פאַר יענער וועלט...

און נאָך עפּעס אזוינס...

כ'וויים?..

למשל, אז אויב מען גיט נים דעם אָרימאַן, איז גאָר גלייך ווי מע

נעמט ביי איהם צו... ווייל דאָס וואָס מ׳דאַרף געבען דעם אָרימאַן, איז טאקע דעם אָרימאַנ׳ס...

און אז דער פּסוק זאָגט:

וועה צו די וואָס פּוצען זיך בלויז פאַר דער וועלט!

יאָ, — הײנט אז א מענש מוז אפילו אויף דער וועלט האָבען אַן וואָס זיך אַנצושפּארען...

דאָס האָט ער אויך פון ערגיץ אויסגעטייטשט, און זיך דערביי אזש אונטערגעהויבען פון אָרט.

און אזוי איז מען זיך אַוועקגעזעסען ביז די ליכט האָבען גענומען אויסגעהן.

מילא וואָס זאָל איך אייך דאָ מאריך זיין — מען האָט זיך געלײנט שלאָפען און ווי נאָר איך האָב צוגעמאַכט די אויגען, ערשט איך זעה:
— מען רופט מיין יענקלען אויף צו מפטיר! — מען האָט איהם טאקע גע־זאָלט דעם שבת אויפרופען. — נו, ווייס איך שוין, אז דאָ וועלען זיך דאָס באלד די ווייבער נעהמען בענשען מיט איהם, און זיך חנפ׳נען צו דער מאַמען... אבער ווי אין חלום, דאכט זיך מיר גאָר אינמיטענדערינען אויס, אז איך בין נאָך א מיידעל און האָב מיר הייסט דאָס צוריק מיין שעהנעם קאָפּ האָר, און אַט איז גאָר די גאנצע מעשה אין הימעל און ס׳איז אזוי בלוי, — א גוואַלד!... בלוי אונטער מיר, און אַרום מיר און איבער מיר... און אלע מאָל קומען פון ערגעץ אַן טשערעדעס גאָלדענע שטערען, קומען פון דער בלויקייט, בליצען אויף ווי זיי וואָלטען זיך אומ־געקוקט ווי זיי זיינען ערגעץ אין דער בלויקייט, און גהען זיך צוריק אַוועק אין דער בלויקייט... אונטער זיי געהט נאָך א שטראַהל ווי א זילבערנער קאַנטשיק, און די שטערען פאָלגען — געהען וואוהין ער טרייבט...

ווען די שטערען זיינען שוין אלע דורכגעגאנגען און ס׳איז ווידער געבליבען נאָר די בלויקייט אליין, נעם איך זיך אַרומזעהען. — ערשט! — פון אויבען איבער מיר ווערט לויטערער און די בלויקייט זעצט זיך פאַמעליך אראָפּ; אָדער ס׳איז עפּעס גאָר אויסגעקומען, ווי איך קריך ביסלעכווייז אַרויס פון א געדיכטער בלויקייט אויף א לויטערער ברייט־

טער וועלט... און ס'עפּעס אַזוי ווייט און לויטער. און די בלויקייט זעצט זיך אראָפּ אַלץ נידעריגער. אָט א־ז זי שוין אונטער מיינע פיס. איך שטעה אויף איהר, און איך בין אין איין העמד, און גראד נאָך אין דער פּער־שיימער העמד וואָס איך האָב מיר מיט רחל'ס הילף אויפגענעהט צו מיין חתונה אזוי, אז די מאמע זאָל ניט וויסען... און מיינע האָר זיינען לויז. און קרויזען זיך איבער מיר נעדיכט און חנ'עוודיג. און אליין פיהל איך עפּעס אַזאַ גרויסע גוטסקייט, נאָר די וועלט ארומצוגעהמען! און איך קוק ערגיץ, אהין ווייט אין דער וועלט אריין און מיינע אויגען צועפּענען זיך מיר אַלץ גרעסער און מיר ווערט אַלץ ליכטיגער. און די בלויקייט איז ווי א פוכיגער סאמעט און שפּרייט זיך פון אונטער מיינע פיס ביז אין עק וועלט אריין.

און אָט דערזעה איך, אז דאָרט ארויף ביים עק וועלט, וואָס נעבען הימעל, נעמען זיך ווייזען ווייסע וואָלקענס...

איינס נאָכ'ן אנדערען שווימען זיי אַן ווי ווייסע הויפענס שניי.

און ווען זיי קלייבען זיך צונויף א היבשע צאָהל, קריכט אויף די זון ארויס.

אַזאַ שעהנע זון.

קוקט אזוי צופריעדען אויף די וואָלקענס, אויף דער בלויקייט, אויף דער וועלט און אויף מיר, אז ממש איך פערגעה זיך אַזש! און ווען איך קוק זיך א־ן איהר אַזוי איין, דערזעה איך, אז ס'איז נאָר א שיינענדיג פּנים, באַברימט מיט א שוואַרץ בערדעל, שוואַרצע ברעמען און... און אז דאָס איז נאָר מיין יענקעל! און אַז פאַר איהם ליעגט די ספר תורה— איינגאַנצען פון גינגאָלד! און די אַלע וואָלקענס וואָס ארום איהם, דאָס זענען גאָר א גאַנצע עדה אידען, איינגעוויקעלט אין אַזוינע ווייסע טלתים. נאָר די פּנים'ער זיינען ווי פון שעהנעם גאָלד, און די ברעמען און די בערד זיינען עטוואָס טונקעלער...

צווישען די אידען האָב איך אויך דערזעהן דעם רב...

זיין קאָפּ און זיינע אַקסלען זיינען געוועזן גרעסער און העכער פון אַלעמענס...

אליין איז ער געוועזן ווי פון פייער.

די עטרה פון זיין טלית — פלאם פייער. און ער האלט זיך אזוי מיט ביידע הענט אן דער עטרה און הערט זיך איין. און אלע איבעריגע אידען הערען זיך אויך איין...

אינמיטענדערינגען דערפיהל איך אבער, אז איך שטעה גאר ניט!— ס'הייסט, אז מיינע פיס שפארען זיך אן גאר ניט אן.. און איך זעה זיך ...ם אז... אז איך בין שוין לחלוטין נאקעט... וועה איז מיר! א צרה מיר! א דונער האט מיך געטראפען! וואס הייסט נאקעט?! און ... ט צולאזטע האר. און פאר אזא עדה אידען!!

איך דערפיהל, אז איך האב ז ך איינגאנצען אנגעצונדען. ס'ברענט אויף מיר די הויט! נאר געה טהו עפעס, — איך וואלט וועלען פאלען... אפילו אין דער ערד אריין, אבי זיי זאלען מיך ניט דערזעהן; נאר קאן מען, קינדער, פאלען, אז מען שטעהט ניט?.. אז מען שפארט זיך אן גאר ניט אן?!

און אט בין איך שוין גאר נאהענט פון זיי...

דער ערשטער, ניט דער רב צושראקען א הויב זיינע גרויסע ברעמען, גיט אויף מיר א ווילדען קוק... און נאך איהם די אלע איבעריגע— ווערען נשתומם... און באלד בעווייזט זיך צווישען זיי דאס אייניקעל, און די שיסעל וואס איך האב נעקו פט פאר דעם נדבה נעלט איז אין זיינע הענט, און ער לאזט זיך גלייך צום רב!... אלעמען איז פון דעם פינסטער געווארען אין די אויגען, און זיי האבען זיך גענומען קוקען אט אויף מיר, אט אויף יענקלען... און יענקעל הויבט אפילו די אויגען ניט אויף, נאר ס'פנים ברענט איהם ווי א העליש פייער, ווי פייערדיגע ווערים וואלטען זיך אונטער זיין הויט געווארפען...

און איך, א נאקעטע, האב געהאלטען איין פום אויסגעצווינגען, ווי כ'וואלט זיך מיט די שפיץ פינגער וועלען אן עפעס אנשפארען, די צווייטע האלט איך גאר אונטערגעבויגען. מיט איין האנט וויים איך ניט וואס פריהער צו טהאן. און מיט דער אנדערער ציה איך זיך צו איהם, גראבעל מ ט איהר פאר זיינע אויגען און שריי אין ווילדען שרעק:

— יענקעל! יענקעל!!!

אבער, ווי? וואס?

ניט מיין האַנט האָט איהם געקענט דערלאַנגען, ניט ער האָט גע־קאָנט אויפהויבען די אויגען פאַר חרפּה.

— —

דאָס פּייער האָט ארומגענומען דאָס האָלץ מיט זיין גאַנצען כּח, און הילכט און רעדט, ווי ס'וואָלט וואָס פרעהליכעס דערצעהלט, נאַר ניט פרעהליך איז איצט די באָבע. זי בלייבט שטעהן, וואַרט א ווײַלע און ווענדט זיך נאָכדעם צו אונז מיט א געבראָכען קול, ווי אין יעדען וואָרט וואָלט זיך א טרעהר געצאַפּעלט, ווי זי וואָלט זיך ביי אונז אי בעטען, אי אונז וואָרנען:

— אוי, קינדער, קינדער! ווי שלעכט עס איז צו זיין נאַקעט, ניט האָבען זיך אַז וואָס אָנצושפּאַרען!

ג־טא דערמאָלט פון קיינעם קיין הילף!
ווייקסט אפילו פאַלען און קאָנסט ניט.

3.

די שרפה.

קאַלט אין דרויסען. אין שטוב איז טונקעל. עס ברענט א לעמפעל. עס ברענט אין רובע. דאָס פייער שלינגט די לעצטע שטיקער און עס איז נאָך אַלץ ניט זאט. די שאָטענס שוועבען אויף די ווענט, ווי זיי וואָל־טען וועלען וואס פערהוילען.. דער פראָסט לייגט ווייסע קווייטען אויף די פענסטער, ווי ער וואָלט וועלען וואס ענטפּלעקען... און ארום זיצען שוועסטער, ברידער... און דאָרט ארויף ליגט די אַלטע גרויע קאַץ — היים מיין היים! דו האָסט אזוי פיעל בעקאנטע און אונבעקאנטע ווענען! און האָסט א באָבע מיט א פערטראַכטען און טיעף געקנייטשטען פנים, און האָסט א רובע, און האָסט א פייער און מיין דמיון ביי דיין פייער טהוט שפּינען וועבען מעשיות זיך.

זומער לעב אין שטעדטעל.

אין מיטען טאָג ווערט דאָ ביי אונז דער הימעל אזוי נידעריג צו דער ערד, אז עס דאַכט זיך: גיב זיך נאַר אביסעל א הויב און דו דערלאַנגסט איהם מיט די איינענע הענט...

אָדער:

שטעל זיך אוועק אין מיטען מארק, מאַך צו די אויגען וועסטו שוין אנשלאָפען ווערען מיט׳ן קאָפ אין הימעל.

אין יענע יאָהרען איז דאַך נאָך אבער אויפ׳ן שוהל־בארג געשטאַנען

די אלטע שוהל מ״מ׳ן הויכע דאך, און אויפ׳ן שפיץ דאך איז דאך געווען דער נעסט פון די בושליעס. איז ווי נאר די בושליעס פלעגען זיך א הויב טהאן פון זייער נעסט, און זיך א לאז טהאן אין דער הויך, ווי צוויי ווייסע מלאכים, פלעגט מען דעמאלט דערזעהן, אז דער הימעל איז נים נידעריג, נאר הו ך, אזוי הויך, אז ס׳א שרעק נאר צו טראכטען !...

איך בין שוין דעמאלט געווען אין נייגטען חודש.

און ווען איך פלעג דערזעהן ווי די בושליעס הויבען זיך מיט זייערע צושפרייטע פליגלען אויף אזוי שרעקליך הויך, פלעגט אין מ״ר אזש די בלוט פערשטארבען ווערען. איך פלעג אויפהערען פיהלען דאס קינד אונטער׳ן הארצען. און ווען יענקעל פלעגט נאכדעם אריינקומען, פלעגט ער מרעפען ווי איך שטעה ביים פענסטער און וויין.

— וואס פלעג איך וויינען?

— אלץ די מעשה מיט דער שיסעל!

דאס הארץ פלעגט מיר זאגען, אז קיין גוטס וועט שוין פון דעם נים ארויסקומען; אז גאט וועט אזא׳ן עבירה נים פערשווייגען. אוי קינ־דער, קינדער, ווי דאס הארץ האט מיר דאס אלץ פריהער געזאגט!...

יאנקעל אבער האט שוין דעמאלט א ז ו י נ ע ב י כ ל ע ך גע־לייענט. — פלעגט ער לאכען פון מיר און פלעגט מיך פערשווערען, דאס קיינעם נים דערצעהלען.

און פון אריינגעהן צום רב, אדער נאר פאהרען צום רבי׳ן נאך א תשובה, האט דאך שוין נאר קיין רייד נים געקאנט זיין.

און — פאר׳ן מויל זאל דאס נאר נים געבראכט ווערען! — ער פלעגט מיר נאך נעהמען דערווייזען מיט ראיות, אז זיי ווייסען פון גאר נים...

גאט זאל דאס איהם נאר נים רעכענען!

איך פלעג זיך שרעקען צוהערען פון איהם אזוינע רייד. און ווען איך פלעג זיך אפקעהרען פון איהם און דערזעהן ווי די בושליעס פליהען שוין צוריק, פלעגט מיר גלייך איינפאלען, אז זיי זיינען דאס איצט געווען אין הימעל און האבען דארט פון אלץ אפדערצעהלט. — פלעג איך זיך ווידער־צואוויינען:

יענקעל, דו זינדיגסט! יענקעל, יענקעל!

ער אָבער פלעגט ווישען די טרערען פון מיינע אויגען און פלעגט אַלץ לאַכען פון מיר, פלעגט קוקען אין מיינע אויגען, פלעגט זיך נעהמען שפּיעגלען אין זיי אַזוי לאַנג ביז איך פלעג פאַרגעסען אַז איך וויין און פלעג אויך נעמען לאַכען.

עה, קינדער, קינדער!

נו, נאָכדעם האָט פונדעסטוועגען גאָט געהאָלפען און איך בין בשלום איבערגעקומען.

אמת, מיט גרויס מאַטערניש. מיט אַזוינע וועהען, אַז מען האָט מיך געקאָטנ'ט הערען אויף דער צעהנטער גאַס. מיינע קולות, זאָגט מען, זיינען געגאַנגען עד לב שמים.

אין מיטען דער נאַכט אָבער האָט זיך גאָט פאַרט דערבאַרעמט. —

לכתחילה, האָב איך געמיינט אַז איך בין געשטאָרבען, נאָר ווען איך האָב צועפענט די אויגען, האָב איך גלייך דערזעהן די באָבע, דאָס קינד, די מאַמע, יענקלען, אַ פּאָר שכנות און די סטעליע איבער מיין קאָפּ און דעם שיר המעלות איבער'ן טהיר.. האָב איך באַלד צוריק צוגעמאַכט די אויגען און בין אַנשלאָפען געוואָרען.

נו, און נאָכדעם האָט מיר גאָט געהאָלפען, ווי ער העלפט אַלע איר־דישע טעכטער: דאָס קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבען פייגעל, נאָך זיינער אַ באָבע, וואָס איז גראָד יענעם יאָהר געשטאָרבען.

און פייגעלע איז געוועזען שטיל און גוט, ווי אַ מלאכ'על.

און ווי נאָר זי איז געבוירען געוואָרען האָט זי שוין געהאַט אַ פול קעפּעלע מיט שוואַרצע הערעלעך.

און אַז געזען האָט זי געהאַט אַזוינע גרויסע און ליכטיגע, אַז מען פלעגט זיך נאָר ניט קענען אָפּוואונדערען פון זיי.

און ווי קליין זי איז געווען, פלעג איך זי שוין מעסטען מיט די אויגען און זי זעהן פאַר זיך אַן אויסגעוואַקסענע, — הויך און גדלות'דיג ווי אַ בת מלכה..

און יענקעל פלעגט זיך שמעלצען פון פרייד און זאָגען:

„אוראי — וועט זי זיין א בת מלכה! — איהר מאמע איז דאָך מלכה!...

און איך נארישע מאמע, פלעג דערביי ווערען גרעבער ווי לענגער. און פלעג זי אלץ זעהן פאר זיך אן אויפגעוואקסענע ווי זי געהט, ווי זי שטעהט, ווי מענשען קוקען איהר נאָך... און טאקע נאָר דער קיסר איז צו מיר גלייך געווען!

די שיסעל איז אבער געשטאַנען צווישען די איבעריגע כלים אין דער גלעזער שאפע און פלעגט מיר דערמאָנען, אז איך בין א זינדיגע מאמע, פלעג איך ציטערען איבער מיין פויגעלע און קיין נעכט ניט שלאָפען... און האָב זי ניט איינמאָל אויסגעמאָסטען, ניט איינמאָל אכצעהן מטבעות פאר אָרעמע לייט צוטהיילט.

— —

דאָס אומגליק אבער איז געשטאַנען אונטער'ן טהיר און ווען עס האָט געדאַרפט אריין האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. —

א פּאָר וואָכען נאָך מיין אויפשטעהן פון קינדבעט האָט אין שטעד־טיל, ניט היינטגעדאכט, אויסגעבראכען די גרויסע שרפה.

אנגעהויבען האָט זיך די שרפה טאקע פון דעם נעסט אויפ'ן שוהל־דאָך.

איהר פערשטעהט.

טאָמער איז נאָך געווען קארג זינד אין שטעדטעל, האָט זיך מישב געווען דעם שמש'ס זוהנדעל און איז ארויפגעקראָכען אויפ'ן שוהל דאָך, האָט ארויסגענומען פון דעם נעסט א בושעל איי און אהין אריינגעלעגט א געגזען איי.

נו, איז ווי נאָר עס איז געקומען די צייט און די עופעלעך האָבען זיך אויסגעפּיקעט און דער ע ר האָט דערזעהן אז איינס פון זיי איז א געגזעלע, האָט ער דאָס גלייך ארויסגעשליידערט פון זיין נעסט. נאָכ־דעם, זאָגט מען, האָט ער דאָס צוריק אונטערגעכאפּט און האָט זיך מיט דעם אוועקגעטראָגען צו די נעסטען פון די אנדערע בושליעס, און אזוי איז ער מיט דעם א גאנצען טאָג ארומגעפליגען פון איין נעסט צום צווייטען. און אויף מאָרגען האָבען צו אונזער שטעדטעל געגומען פליהען

בושליעס פון אַלע עקען וועלט! עס איז פון זײ אזש פינסטער געוואָרען אין די גאַסען. זײ האָבען כמעט פערשטעלט דעם גאַנצען הימעל. און דער הימעל האָט זיך דעם טאָג אויפגעהויבען ליכטיגער און העכער און אין װעלכער זײט פון שטעדטעל מען האָט ניט אויפגעהויבען דעם קאָפּ האָט מען אַלץ געזעהען טשערעדעס מיט בושליעס, וואָס האָבען זיך ארומגעט־ראָגען אין שרעקליכע רעדער, און מען האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס דער סוף וועט זײן.

נאָכדעם האָבען זײ זיך אַלע אראָפּגעלאָזט אויפ'ן „שלעסעל", אויף דער וואַסערדינגער „כוואַסע" וואָס צום וואַלד צו. א פּאָר פון זײ זײנען גלײך אוועקגעפלויגען צום שוהל־דאַך, און האָבען מיט זיך מיטגענומען די זינדיגע מאמע.. און ווי נאָר זי איז געבראַכט געוואָרען צו דער כוואַסע, האָבען זיך די אַלע אנדערע ארומגעשטעלט ארום איהר, ווי זײ וואָלטען זי וועלען פריהער גוט בעטראַכטען. נאָכדעם זײנען זײ אויף איהר אָנגע־פאַלען פון אַלע זײטען און אין איין כהרף עין איז זי צופּליקט געוואָרען אין שטיקער.

שפּעטער זײנען זײ זיך אַלע פאַנאַנדערגעפלויגען צו זײערע נעס־טען און צום שוהל דאַך האָט זיך שוין נאָר אומגעקעהרט אײנער פון די צוויי בושליעס.

נו, האָט זיך נאָכדעם אָנגעהויבען א סדרה!

ערשטענס איז טאַקע געווען א גאַנץ רחמנות צו קוקען, ווי אַזוי דער בושעל ניאַנטשעט זיך אַליין מיט די קלײנע.

היינט האָט מען טאַקע גלײך נאָך דער מעשה גענומען פיהלען, אז די זאַך וועט אַזוי גלאַט ניט אָפּגעהן.

מען האָט גענומען מורא האָבען, אז דער בושעל זאָל חלילה ניט אונטערצינדען די שוהל.

מען האָט זיך טאַקע גלײך דערמאָנט, אַז פאַר־א־יאָהרען האָבען בושליעס אונטערגעצונדען א הויז אין קאַראַבאַטשין, און א האַלב דאָרף איז נאָכדעם אוועק מיט'ן פײער. און צוריק מיט א פּאָר יאָהר האָט אַזא זאַך געטראָפען אין אן אנדער דאָרף...

כו, וואָס איז דאָ א סך צו קלערן. — דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געגומען אומגעהן ווי אויף רעדלאַך. —

מענשען פלעגען ארומגעהן, אָדער שטעהן אין זייערע קראָמען, פלעגען דאכט זיך, ווי דער סדר איז, האַנדלען, רעדען, נאָר אין מיטען דרינען זיך דערמאָנען און מיט שרעק א הויב טהאָן דעם קאָפּ צום שוהל־דאַך.

און וויפיעל מיינט איהר פלעגען זיך צוליעב דעם אויפכאַפּען פון שלאָף און כמעט נאַקעט ארויסלויפען פון די בעטען אין מיטען דער נאַכט !?...

און די שוהל איז דאָך ברוך השם, געשטאַנען אַזוי, אז מען האָט זי געקאָנט זעהן איבער׳ן גאַנצען שטאָדט, סיי ביי טאָג, סיי ביינאַכט.

אַבער וואָס האָט דאָס געקאָנט העלפען ?!

אז עס איז געוועזן באַשערט, האָט אין איין שעהנעם אויפדערנאַכט מיט אמאָל דאָס פייער א שלאָג געטהאָן פון דעם נעסט ארויס, דער בושעל מיט די קינדער האָבען זיך א הויב געטהאָן איבער׳ן פייער און האָבען זיך בעלויכטענע אוועקגעלאָזט פליהען איבער׳ן שטעדטעל... און דאָס פייער נאָך זיי... און איידער מען האָט זיך נאָר צייט געהאַט אומצוקוקען האָט דאָס שטעדטעל שוין געברענט פון אַלע זייטען !...

און א פייער איז דאָס געוועזן ! נאָט אין הימעל ! מען זאָל נאָר צו אַזוינס ניט געפּרואווט ווערען ! — עס איז איוסגעקומען, אז וואוהין דו זאָלסט ניט לויפען, לויפסטו אַלץ אין פייער אריין !...

און אַנגעצונדענע סנאָפּעס שטרוי און האָלאָוועשקעס און גאַנצע באַלקענס, האָבען זיך פון אַלע זייטען געהויבען צום הימעל, ווי ניט־גוטע וואָלטען זיי געטראָגען...

און מיין יענקעל ?!...

ער איז דאָך נאָר ניט אויסגערעדט זאָל זיין, געוועזן א גאַנצער אפּיקורס, פון דעסטוועגען, ווי נאָר אַבער ער האָט דערהערט אז די שוהל, ניט היינט געדאַכט, ברענט, איז ער געוועזן פון די ערשטע וואָס זיינען געקומען צולויפען ראַטעווען די ספר תורות...

נאָר מיר זיינען דאָך פאַרט געוועזן זינדיגע מענשען...

איך ווייס ?...

ווער ווייסט ! ?...

אפשר האָט דאָס געדאַרפט זיין אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד.

מן הסתם האָט דאָך גאָט אַזוי געוואָלט.

...מע דערצעהלט, אַז ער איז ארויסגעלאָפען פון דער שוהל מיט א ספר תורה אין האַנט, איז ער געווען אַזוי צוטראָגען, אַז ער האָט אפילו ניט געפיהלט ווי די קליידער ברענען אויף איהם... אידען האָבען ביי איהם צוגענומען די תורה און עמיצער האָט איהם אָפּגעגאָסען מיט אַן עמער וואַסער. האָט ער געקראָגען א פערקיהלונג.

און נאָכדעם איז ער אריינגעפאַלען אין א היציגער קריינק און האָט זיך שוין פון בעט ניט אויפגעהויבען. — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָכדעם ?...

יאָ, יאָ קינדער...

עס זיינען נאָך קיין שלשים ניט אריבער. איך בין נאָך אַלץ געווען ווי אין עולם התוהו. — האָב נאָך אַלץ פאַר זיך געזעהען יענקלען אויס־געצוּיגען, ווי א יונגער בוים.

און זיינע רייד, ווען ער האָט מיך פאַר'ן טויט דערזעהן נעבען זיך א וויינענדיגע, האָבען נאָך אַלץ געקלונגען אין מיינע אויערען:

— מלכה — האָט ער זיך ביי מיר אַלץ געבעטען — הער מיך אויס, מלכה ! הערסט מלכה ! ? — איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט חלילה מיינען, אַז דו ביזט אין דעם שולדיג. — און נאָך, און נאָך...

פאַר איהם איז די שיסעל געווען א טויטע זאַך, צו מיר אבער האָט זי ארויסגעקוקט פון דער גלעזערנער שאַפע ווי א לעבעדיגע... זי האָט געהאַט אין זיך אַזאַ כח, אַז אפילו ווען איך בין געווען אין דריטען חדר, פלעגט זי צו מיר דורך אַלע ווענט דורכקוקען.. ער אבער האָט מיר אַלץ געוואָלט איינרעדען אַז ס'איז ניט איבערדעם, און ער בעשווערט מיך מיט פייגעלען...

ווער ווייסט ! — אפשר האָט ער דאָס אין אַזאַ שעה ארויסגערעדט.

איך זאָג דאָך אייך — עס זיינען נאָך ניט אריבער קיין שלשים. און די גאנצע צייט האָב איך גאָר מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט.

פלוצלינג אבער איז אויף מיר אַנגעפאַלען א שלאָף.

האָב איך גענומען און צוגעלייגט פיינעלען צום ברוסט און בין גלייך אנטשלאָפן געוואָרען ווי א נע׳הרג׳עטע...

אין מיטען שלאָף האָט זיך מיר גענומען דאכטען, אז דאָס קינד וויינט. איך אבער בין אזוי מיעד אז איך קאָן מיט קיין אבר ניט ריהרען..

דאָס קינד אבער הערט ניט אויף. עס וויינט שרייט און מאָנט גאָר אהן אן אָפּהאַלט! ווייל איך זיך שוין אויפהויבען, בין איך אבער, עפּעס ווי א נעבונדענע. „און ס׳איז גאָר ניטאָ ווער ס׳זאָל אויף אונז רחמנות האָבען" — טראכט איך מיר..

אין מיטען דערינען אָבער עפענט זיך די טהיר און יענקעל קומט אריין אין די תכריכים אזוי ווי גאָר וואָס פון קבר ארויס!...

און ווי נאָר ער איז אריין אזוי איז ער גלייך צו צום בעט, אויפגע־הויבען דאָס קינד צו זיך און גענומען מיט דעם ארומגעהן איבער׳ן חדר הין און צוריק, האָט דאָס געוויגט אין זיינע הענט און דעם שטיל צוגע־זונגען:

הא־הא, פויגעלע! הא־הא, פייגעלע!...

לכתחילה האָב איך זיך עפּעס גאָר ניט געשראָקען פאר דעם.

אדרבה, ביי מיר איז נאָך אויסגעקומען, אז ס׳איז גאָר גוט אזוי.—

ער איז דאָך מיר שטענדיג געווען אזא געטרייער! און איצט, אז דאָס קינד שרייט און איך קען מיר ניט העלפען, איז ער טאקע צוליעב דעם געקומען פון קבר... און אפשר גאָר ניט פון קבר. — ווייל מ׳זאָגט דאָך, אז ביז איבער שלשים. האלט זיך נאָך דעם מת נשמה אויף אין הויז...

און ער איז זיך אלץ אומגעגאנגען מיט׳ן קינד און צוגעזונגען:

הא־הא, פויגעל!

מיט אמאָל איז אבער דאָס קינד שטיל געוואָרען און ער איז מיט דעם געבליבען שטעהן אין מיטען ווי אן אָפּגעגאָסענער... נאָכדעם זעה איך, ער בייגט אן זיין קאָפּ צום קינד און צוּאוויינט זיך...

פרעג איך: — יענקעל! וואָס ווײנסטו? יענקעל!... און איך קאָן קוים איינהאַלטען מיינע אייגענע טרערען.

ער אבער ענטפערט מיר ניט, און לאָזט זיך א וויינענדיגער צום טהיר מיט'ן קינד אין די הענט...

דאָ ערשט האָב איך מיט אמאָל דערפיהלט מיין גאנצען אומגליק, און האָב מיט אלע מיינע כוחות גענומען שרייען:

— יענקעל!... וואו נעהמסטו דאָס קינד!!?... גיעב מיר צוריק דאָס קינד! יענקעל! געוואַלד! געוואַלד!!

און איך האָב זיך מיט שרעק א הויב געטהאָן פון בעט, און האָב זיך אויפגעכאפּט, ניט טויט, ניט לעבעדיג...

דאָס קינד אבער, קינדער?... ווע מיינע יאָהרען!...

דאָס קינד איז געלעגען אונטער מיין ברוסט א פערשטיקטעס. עס איז שוין געווען פערגליווערט ווי א שטיק אייז.

4.

די תשובה.

קאלט אין דרויסען. אין שטוב איז פינסטער. דאס לעמפעל ברענט ווי אן אויג וואס איז צועפענט רויט... עס ברענט און פינטעלט און וויענט אום די שאטענס אויף די ווענט... עס איז געווען איין רובע פייער. איצט ליגט שוין דארטען נאר א הויפען צונויפגעשארטע קויהלען. די הייסע קויהלען דעקען זיך ביסלאכווייז איין מיט א פוכיג ווייסען אש און נעמען אויסזעהן ווי א געקרויזטע ווייסע שאף, וואס האט זיך צו־נויפגעדרעהט אין רובע און דרעמעלט דארטען איין. דא און דארט שלא־גען זיך נאך אויף רויטע פונקען. — מיעדע שאף! דו ליעגסט אויף פייער!... און מיין דמיון ביי דעם פייער טהוט שפינען, וועבען מעשיות זיך — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נו, נאכדעם, קינדער, איז געבליבען, אז איך מוז פאהרען צום רבי'ן נאך א תשובה.

דאס הארץ איז געווען גענוג אנגעוועהטאגט. און אז טאטע־מאמע זאגען פאהרען — פאהרען מיר.

און יעדען מאל, וואס איך דערמאן זיך אז מ'וועט מיך ברייננען פאר'ן רבי'ן, נעהמען מיר אזש פריהרען די האר אויפ'ן קאפ.

און אז מיר זיינען שוין אהין אנגעקומען האב איך ממש גענומען פיהלען ווי דאס געזונט פאלט מיר אוועק, ווי איך בלייב אהן א נשמה.

העלפט אבער גאָט, אז דעם ערשטען טאָג לאָזט מען אונז צו א י ה ם ניט צו.

בלייבען מיר דאָרט אויף נאכט און מיר חלומ'ט זיך דאָרט אזא מעשה:

מיין זיידע אברהם וואָלף, עליו השלום, קומט אריין צו מיר אין חדר, זעצט זיך אוועק ביי מיין בעט, שפּאַרט זיך אזוי אָן מיטביידע הענט אָן זיין שטעקען, קוקט אויף מיר אזוי מיט זיינע אלטע אויגען, ווי ער וואָלט אויף מיר רחמנות געהאט און זאָגט מיר:

„טאָכטער מיינע, ביזט א זינדיגע אשה!

„האָסט מיט דיין אייגענער ברוסט דיין אייגען קינד דערשטיקט.

„דאָס איז דאָך כמעט, ווי דו וואָלסט מיט דיינע אייגענע הענט זיך אליין דעם האלז איבערשניידען...

„נעהם מיין טאָכטער די שיסעל, וואָס דו האָסט געקויפט פאַר'ן נדבה געלד, געה מיט איהר אוועק צו די זאמד־גריבער וואָס אונטער'ן שטאָדט און גראָב אין איהר אָן א שיסעל פרישע זאמד לכבוד שבת.

„און זאָל זיך מיין קינד, גאָט אויף דיר מרחם זיין, און זאָל ער דיר דערלייכטערען דיין הארץ."

און טאָמער מיינט איהר! — איך האָב דאָך איהם גאָר קיינמאָל אין לעבען ניט געזעהן, גאָר פונדעסטוועגען בין איך געווען זיכער אז דאָס איז ער...

און ווי נאָר ער האָט צו מיר אזוי גערעדט, אזוי בין איך שוין אין מיטען נאכט געשטאַנען ביי די זאמד־גריבער און געגראָבען זאמד אין דער שיסעל.

און א פינסטערניש איז געווען — זיך נאָר די אויגען ארויסצו־נעהמען!

און איך האָב מיר אזוי אין דער פינסטערניש אָנגעפילט די שיסעל און האָב זיך געלאָזט א היים...

געה איך אזוי און געה און געה... ערשט איך זעה זיך ארום: איך בין גאָר ניט ווייט פון הייליגען אָרט!...

שטעל איך זיך אָפּ און וויל טראכטען:

— וואָס הייסט דאָס ? !

אָבער ווי נאָר איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך דאָס פּעלד גלייך גענומען טראָגן צו מיר...

און איידער־וואָס ? ווען ? — בין איך שוין געווען אויף יענער זייט פּאַרקאַן.

און כאָטש עס איז געווען שטאַרק פינסטער, פונדעסטוועגן האָבן זיך די קברים קלאָר אָנגעזעהן ווי זיי וואָלטן פון זיך אַזאַ מין ליכ־טיקייט געשפּריים.

נאָכדעם האָט זיך די ערד עפּעס אַזוי ווי אַ וויעג געטהאָן און די קברים האָבן זיך גענומען עפענען.

און די מתים האָבן זיך אַזוי אין מיטן דער נאַכט גענומען אַרויס־הויבן פון זייערע גריבער...

איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן, נאָר איך בין אָבער פאַרט געשטאַנען מ מ דער שיסעל זאַמד אין די הענט און האָב געקוקט צו זיי...

און אַט האָבן די מתים מיך דערזעהן, ווי איך שטעה אַזוי ביים פּאַרקאַן מיט דער אָנגעפּילטער שיסעל און זיי האָבן זיך גענומען לאָזן צו מיר איינס נאָכ׳ן אַנדערן אין לאַנגע שורות...

יעדער איינער איז צוגעקומען צו מיר, האָט אַריינגעשטעקט דעם גראָבען פינגער פון זיין לינקער האַנט אין דער שיסעל זאַמד און איז אַוועק.

צוערשט זיינען געגאַנגען די מענער, נאָכדעם די פרויען ; פריהער די אַלטע, נאָכדעם די יונגע און אינגערע.

צום סוף האָבן גענומען געהן אַזוינע פיצלאַך, אַז איך האָב מיך אַוש געמוזט צוועצען...

נאָכדעם איז געוואָרען גאָר שטיל.

מ׳האָט מעהר קיינעם ניט געהערט און ניט געזעהן...

נאָר דאָרט וויים אַרויף צווישען די קברים האָט זיך בעוויזען אַ יונגע פרוי...

זי איז געגאַנגען אַזוי שעהן און גדלות׳דיג, ווי זי וואָלט געטראָגען

אַ קרוין אויף איהר קאָפּ.

איהרע האָר און איהרע אויגען זיינען געווען שעהן און שוואַרץ ווי קויהל.

און צוויי גרויסע ליכט האָבען געברענט אויף איהר קאָפּ...

און אַזוי ווי זי איז געגאַנגען, אַזוי איז אויך געגאַנגען איהר קול און דער שיין פון איהרע ליכט...

זי האָט געוויינט, צי געזונגען — ווייס איך נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג נים.

נאָר די צוויי ברענענדיגע ליכט, וואָס אויף איהר קאָפּ, האָבען גענומען ברענען אַלץ העלער און ליכטיגער.

זייער שיין האָט זיך גענומען שפּרייטען איבער די קברים און איבער דער פינסטערניש.

און מיט אַמאָל איז פון זיי געוואָרען אַזוי ליכטיג, אַז מען האָט געקאָנט זעהן פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער.

און זי איז אַלץ אַזוי שעהן און גדלות'דיג געגאַנגען מיט די ליכט און מיט איהר קול און איז צוגעקומען צו מיר, און האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן מיט איהרע גרויסע און ליכטיגע אויגען...

און ווען זי האָט אַריינגעשטעקט איהר פינגער פון דער לינקער האַנט אין דער שיסעל זאַמד האָב איך אַ שרעקליכען ציטער געטהאָן און האָב זיך אויפגעכאַפּט — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רבי האָט אָנכדעם געזאָגט, אַז דאָס האָב איך, מן הסתם, אַזוי מיין פיינעלען אין חלום געזעהען.

און אַז, ווער ווייסט! —

אפשר וואָלטען פון איהר אַרויסגעוואַקסען אַזוינע צוויי זיהן, וואָס וואָלטען מיט זייער חכמה פערשיינט די וועלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָכדעם האָט דער רבי געזאָגט, אַז כבוד שבת איז אודאי אַ זעהר גרויסע זאַך, און אַז איך זאָל טאַקע אַלע פרייטאָג געהן מיט דער שיסעל אָנגראָבען זאַמד לכבוד שבת.

האב איך דאס אודאי אזוי געטהאן.

עס האט גענוגט זיין א שניי ארער א רעגען, האט דאס גאנצע שטערטעל מיך געזעהן איטליכען פרייטאג געהן מיט רער שיסעל אויס'ן פעלד, צו די זאמר גריבער...

יונגע ווייבלאך פלענען מיר, מיט שרעק, נאכקוקען פון די פענסטער..

און ווער האט רען אויף מיר נים געשאקעלט מיט'ן קאפ ? !...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קאלט אין דרויסען. אין שטוב איז טונקעל. דאס לעמפעל ברענט און היט און וויעגט די שאטענס אויף די ווענט. עס ציטערען די שאטענס, ווי א בלאט פון ווינד און ווי א הארץ פון ווערטאג און פון פרייד. — ווער וועט אייך הערצער בערוהיגען ? ווער וועט היילען אייערע וואונדען ? ווער וועט לעשען אייערע פייערען ? אט זעהט, — דער באבעס לעבען האט זיך אויסגעלאזט מיט דעם, וואס איינמאל איז זי געגאנגען גראבען זאמד לכבוד שבת, האט זיך די ערד אפגעריסען און האט זי פערשאטען. מען האט נאכדעם די באבע געפונען טויט, און נעבען איהר די שיסעל. מיט שרעק האט זיך דאס שטערטיל דערוואוסט פון דער באבעס טויט... און פאר אייך, — אט אין דער באבעס שיסעל. פארגעהלט איז זי פון אלטקייט. די פארצעליי־הויט איז אנגעפלאצט מיט טויזענדער־ליי צייכענס, וואס לויפען אום ווי דינע און דירעווודינע אדערען. — דאס האבען אזוי צייט און יאהרען אויסגעשפיענען אויף דער שיסעל דער באבע מלכה'ס לעבען. קוקען אייערע אויגען לאנג אויף דעם כשופ'דיגען שריפט, פילט זיך פאר אייך די שיסעל אן מיט א וואונדערבארען פייער. הערען קאן דאס פייער. עס קאן אויך רעדען פיעל. עס קאן אויך זאגען:

— קינד, דעם מענשענס לעבען ברענט און לעשט זיך ווי א פייער און פון דמיון ביי דעם פייער שפינען, וועמען מעשיות זיך.

פון גאָטס וואונדער

(שטריכען)

זומער.
נאָך האלבען טאָג.
גיין, ארום פארנאכט.
און עס רעגענט אין דרויסען.
עפּעס וויינט פון הימעל מיט שווערע ביטערע טרעהרען.

עס שטעהען די הייזלעך צוטומעלט. — קוקען מיט די שטאר־פער־גלייזטע פענסטער, קוקען פאר זיך... און עס נעצט זיי אויף דורך־און־דורך...

ווייט אנטקעגען זיי, אויפ׳ן גרויסען, מיט קאליעזשעס פערשפּריי־טען פּלאַץ, ליגט אויסגעצויגען דער שוין לאנג פער׳יתום׳טער בראנפען־פאַדוואל. א גרויסער ערדענער דאַך, ס׳וואקסען דערנער, דערנער... ס׳קו־קען צוויי שווארצע הילצערנע טהירען. קוקען ווי ס׳בלייזלען זיך די קאַ־ליעזשעס; בלייזלאַך נאָך בלייזלאַך קומען און פערשווינדען: — אַלץ זכרונות פון אמאָל.

גאנץ בעזונדער שטעהט זיך די עלעגאנטע אפּטייק מיט איהרע יונגענדליך־ווייסע ווענד. אונטער איהר גרינעם בלעכערנעם דאַך, מיט דעם גרויסען צוויי־קעפּיגען גרויען אָדלער, מיט די ברייט צושפּרייטע פליע־געל. — רייסט זיך ארויף!

וויינענדיגער צורעגענט זיך דער רעגען.
ס׳ווערט געדיכטער די דונקעלקייט.

די יונגע אקאציע בוימער, וואָס ארום דעם אפּטייק, ווערען שטאַרק אנגע׳ברוגז׳ט.

ליידיג שטעהט דער פאַרעגנעטער מארק. נור אַט לויפט אַן אַ „יאַזדע“, אין איהר אַ בעיאַהרטער מוזשיק מיט אַ גראבען זאַק אויפ׳ן קאָפּ, איינגעהארבעט. וואַרפט נעאיילט מיט די לייצעס. דאָס דאַרע דורכנעווייקטע פערדעל שפּרינגט אונטער אויף אַלע פיער. באַלד איז ער נעבען קלייסטער.

ערגעץ ברעכט אַ בליץ, ס׳קנאַלט אַ דונער. — לאָזט אַ דורכלויפענ־דיג מיידעל ארויס אַ פערצאַפּעלטען, ווילדען קוויטש. — רייסט זיך אויס איין עק פון איהר שאַל און פליהט נאָך איהרען אַן אַקסעל. — ניט זי נאָך און נאָך אַ קוויטש און פאַלט אריין אין שטוב ניט טויט, ניט לעבעדיג.

„פּעטער און פּאַוועל,“ וואָס זיינען באַרוועס און אין זייער גאַנצער־גרויס אַבגעמאַלט אויף די גרויסע קלייסטער־טהירען, גיבען זיך אַ טריי־סעל. — האַ ?!

דער מוזשיק צלם׳ט זיך אויף ניך און פערשווינדט.

בלייבט ווידער דער מארק ליידיג — קיין לעבעדיג בעשעפענים, אויסער „פּעטער און פּאַוועל“ און די שמאַרק־אויפגערעגטע קלויסטער־בוימער...

עס לייטערט זיך.

אַט שוין נאָכ׳ן רעגען.

לויטער, פריש, אויסגעבאָדען. — — —

ראַש צולויפען זיך די וואַסערען, מאַכען דעם זומערדיגען נערוויש נאָך זומערד־גער. פון די הייזלעך איז די מרה־שחורה שוין לאַנג פער־שוואונדען. ס׳עפענען זיך פענסטער, טהירען, ס׳לויפען ארויס באָרוויסע קינדער און נעמען ארומטאַנצען אין די קאַליעזשעס. און מיט נחת קוקען ארויס מאַמעס פון די פענסטער...

איבער׳ן שטעדטעל בעווייזט זיך דער פאַרבינער רעגענבויגען... מענשען, קינדער, יונג און אַלט, טראָגען זיך ארום מיט רעגענבויגענדיגע הערצער, מיט רעגענבויגענדיגע בליקען. אַלץ קוקט אויף אַלץ פיעל־פאַרביג, ניי־געבאָרען.

איין עק פון רעגענבויגנען פערלירט זיך אויפ׳ן שטעדטעל׳ס הימעל אין מיטען... דער צווייטער — פאַלט אריין אין דעם פריץ׳ס ווייסען שלאָס, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אינ׳ם ריין געוואשענעם וואסער פון שטעדטעל׳ס טייך...

נחת־פול פערגעהט זיך דער טייך. פערקאַטשעט זיך ביז פון יענער זייט וואלד, וואָס קוקט צופרידען אויף די ווייבע, ווייטע לאַנקעס...

ערגעץ אין מיטען פעלד זעהט דער טייך אויס, ווי דער מוטער ערד׳ס אן ענטבלויזטער ברוסט... האָט זיך די זון פערגעסען וואו זי איז אין דער וועלט, גלייך — ביז נאכט וואָלט נאָך געוועזן ווער־ווייסט וויפ על. דאַרט זי זיך, שפּיעלט און שפּיגעלט זיך אין דעם ברוסטינ־צארטען וואסער, זויגט דורשטיג מיט איהרע לאַנגע שטראַהלען.

און ס׳דאכט זיך: איבער דער גאנצער גרינגער ערד איז איצט אויסגעשפרייט א פאַרבינגער ווייכער שמייכעל פון א גוטער מאמע, וואָס גיט איהר קינד זויגען נאָך דעם, ווי דאָס האָט זיך שטאַרק אָנגעוויינט; די מאמע פיהלט זיך אביסעל שולדיג און טענה׳ט מיט איהר גוטען שמייכעל: „אבער דאַרף מען אזוי וויינען? אזוי שרייען? אזוי געוואַלדעווען? א? דו נאשער, דו!“ און דאָס קינד, אפילו נאָך א פערטרעהרטס, שיינט מיט א גאָלדענעם אָבגלאַנץ. ס׳הייסט: — אבער אויסגעפיהרט!...

עטליכע ווילדע גענז הויבען זיך אויף פון דער בלאָטע, וואָס ביים טייך, נעבען וואלד. פאטשען דורך די פייכטע לופט, שלעפּען מ ט זיי־ ער גענזענעם געשריי נאָך זיך, און פערשווינדען.

„קו־קו, קו־קו!“, לאָזט הערען איהר געהיימניספולען רוף די קי־ קושקע. עס ענטפערט איהר אָב דער ווידערקול פון טיעפען וואלד: „קו־ קו, קו־קו!“ — —

א מעשה ווענען דער מאמען מיט דער שעהנער טאָכטער:

דער אַלטער מכשף, מיט דער ווייסער באָרד און רויטען קלייד, האָט זיי פערנארט צו זיך אין וואלד אריין.

האַלט זיי דאָרט געפאנגען ווייט איינע פון דער אנדערער. הויבט זיך אָן זעצען די זון; פארבענקט זיך די מאמע נאָך איהר

שעהנער טאַכטער; ווערט זי פַארוואנדעלט אין א ווילדען פויגעל און נעהמט שרייען: „קו־קו! קו־קו!“

די שעהנע טאַכטער באַדט זיך אין בשמים'דיגען טייכעל, וואס אין גאַר טיעפען וואלד. דערקענט זי דער מאמעס קול. שפּרינגט זי שנעל ארויף אויפ'ן שטיין, וואס אין מיטען טייכעל. ציהט אויס איהר וואונ־דערשעהנעם האלז און וויל אַנהויבען שרייען: מאמע! מאמע! אבער פון איהר מויל נעהט ארויס בלויז א פארבענקטער: קו־קו! קו־קו! איהר לייב איז אויסגעצויגען און איז ווי פון שטראהלען געוועבט; עס הענגען און פ איהר, ווי פערעל, די פרישע טראָפּען וואסער. איז, ווי זי שפּיגעלט זיך אזוי לעבעדיג פריש אין דעם וואסער אריין און שרייט פערבייגקט: קו־קו! ווערט דער גאַנצער ארומיגער וואלד פערטראַגען צום עק הימעל אויף מערב... ווערט דאַס טייכעל פערוואנדעלט אין א גאָלדענעם וואַ־סער־פאל... ס'צינדט זיך אָן דער וואלד ארום... ס'ברענט! א העלישער פייער. דער שטיין ווערט רויט. — א מאסע צוגליהטע אייזען. שפּרינגט זי פון איהם צושראָקען אין וואסער אריין. נעמט שווימען, אבער אין אלע זייטען — פייער!... פייער!... ס'פלאקערט דער וואלד מיט א נעוואלדיגער מאכט. קנאַלענדיג, ברעכען זיך די רויטע ריעזינע פלאמען אין דעם הימעל אריין, צינדען אונטער די וואָלקענס פון נאָהענט און ווייט... די מאַכטער ווארפט זיך אין אלע זייטען... פערפּלאָנטערט זיך פון מאָל צו מאָל אין איהרע גע־דיכטע, לאנגע האָהר... א פערמאטערטע טונקט זי זיך אלע מאָל אונטער אינ'ם גאָלדענעם וואסער און קומט באלד ווידער ארויס, ענטפערט אויף דער מאמע'ס קו־קו!... ביז צו לעצט, בעווייזט זיך פאר איהר דער אלטער מכשף אין רויטען, מיט א רו טער דעק. לאָזט זי זיך אין איהר איינ־וויקלען... און... — א גוטע נאכט!

„קו־קו!“ — דערהערט זיך פון וואלד צום לעצטען מאָל. דער ענטפער ווערט פערגליווערט אין מיטען...

די נאכט מאכט זיך אריין אין שטעדטיל, די זשאַבעס קוואקען איהר אנטקעגען. דאס קוואקען פילט אָן, „מאכט טראָגענדיג“ די פייכטע לופט...

פון די אָפענע בית־המדרש־פענסטער שפּאַרט זיך אַרויס אַ ווארעם מערב־דאַוונען און וועבט זיך האַרציג אין דעם שטעדטעל'ס נאַכט אַריין...

*

נאָך האַלבע נאַכט.

אונטער דעם אָפענעם פערפינסטעלטען הימעל וויעגט זיך דאָס שטעדטעל אין שלומער...

וואו־ניט־וואו בעוויזט זיך אַ פערשפעטיגטער פוס־געהער. די טריט שלאָגען זיך אָפּ רעגעלמעסיג, גלייך, און עס דאַכט זיך — מען הערט, ווי עס קלאַפּט דער נאַכט'ס דופק: אַה־אַה־אַה־אַה — — — — !

אויפ'ן בערגעל האָבען די בהמות שוין לאַנג פערנומען זייער נאַכט־לאַגער: ליגען אויסגעלייגט אויף „אַלע פיער," האַלטען וואַכעדיג אויפ־געהויבען די קעפּ — זיינען מעלה־גרה. עס הערט זיך אַ קייען... זייערע אַלעמענס קעפּ, אַלעמענס אויגען זיינען טיעף פערזונקען... זייערע אַלע־מענס אויגען, זיינען גלייך צועפענט... און אָט צעוויקעלט זיך אַ שווע־רער זיפץ. — איינע פון זיי, אַ ראָבע מיט אַ ווייסען פּנים, שוואַרץ אַרום די אויגען, גרויהע צודרעהטע הערנער, נעהמט זיך אויפשטעלען. עס הערט זיך דאָס קנאַקען פון איהרע קנעכלען... אָט שטעהט זי שוין פעסט אויף איהרע פיס, ציהט זיך אויס אין איהר גאַנצער לענג. ס'פּאַ־לען צונויף די ראָבע זייטען, ס'דרעהט זיך אויס דער עק. אָט צועפענט זי דאָס ווייסע מויל, צושפּרייט די נאָזלעכער און שרייט: אויס: המאַא־אַ ! הממאַ־אַ־אַה ! המ־אַ־הא ! — — — —

דאָס שטעדטעל גיט זיך אַ דרייפּאַכען וויעג.

די פערפינסטעלטע נאַכט הילכט אָב דאָס געשריי פון דריי פער־שידענע פלעצער: פון ערגעץ טיעף, ווייט און נאָהענט...

חלומות ווערען דורך דעם אָבגעריסען. חלומות ווערען דורך דעם נעבאָרען... קינדער ציטערען אויף אין די וויעגען, קינדער הערען פלוצלינג אויף צו זויגען, לאָזען פלוצלינג אַרויס דער מאַמע'ס ברוסט פון מויל.

און אויף דער אַלטער, פערוואָרפענער גרעבליע, אויף די טרעפּ פון דער וואַסער־מיהל, זיצט די שוואַרץ־חנ'עוודיגע רייזעל, אויף איהרע רונדע

אקסלען ווארעמט זיך א גרויסער שאַל. און אַנגעטוליעט אַן איהר שאַל זיצט דער שעהנער יאָסעל. — — —

און דאָס פערשטערענטע טייכעל, זיך אבשלאָגענדיג אַן די שוואַר־צע ברעגען פון דער גרעבליע, פליסטערט שטיל: גאָט'ס וואונדער... גאָט'ס וואונדער...

דוד איגנאטאוו

ראמאנען, דערציילונגען לעגענדען און וואונדער מעשות

(פיר בענד)

אין צוויי איינטיילונגען

באנד איינס און צוויי:

ראמאנען און דערציילונגען —

אין קעסעלגרוב

(א נויארקער ראמאן)

צווישען צווי זונען

(א בוך אין פיר טייל)

באנד דריי און פיר:

פון אונז פאר אונז

דאס פארבארגענע ליכט

וואונדער מעשות

Copyright by
Farlag America

פון אונז פאַר אונז

באַנד דריי

דאס פאַרבאָרגענע ליכט



לעזענדיג די מעשיות פון רב נחמן
ברעסלאווער איז צו מיר געקומען דער
געדאנק פון דעם דאזיגען בוך.

דעם געדעכעניש פון מיין פאָטער און מיין מוטער, און פון די אַלע נאָהענטע און ווייטע אויף וועמען מיר זאָגען — געשטאָרבען, כאָטש זיי בלייבען אויף אייביג לעבען אין דעם אמת'ען ליכט פון דער וועלט, אין דער טעשה פון דער וועלט.

א.

ווי מיר נוצען האַלץ כדי אַ פייער צו דערהאַלטען, אזוי נוצען מיר אונזער לעבען כדי צו דערהאַלטען דאַס ליכט פון דער וועלט. — דאַס ליכט פון דער וועלט, איז די מעשה פון דער וועלט. — דעריי־בער הערט די דאָזיגע מעשה, די מעשה פון איינעם, וואָס איז גע־בראַכט געוואָרען צו דעם ליכט פון דער וועלט.

די מעשה הויבט זיך אָן מיט אַ מלך. —

וואָרים עס איז אַמאָל געווען אויף דער וועלט זעהר אַ חשוב'ער מלך.

דער מלך איז אַרויסגעקומען פון מלכות בית דוד.

און דער דאָזיגער מלך האָט זעהר ליעב געהאַט זיין פאָלק און ער האָט מיט זיי דערפאַר געלערענט די וועגען פון ד ע ר וועלט, און ער האָט געגלויבט, אַז די וועגען פון ד ע ר וועלט אויף וועלכע דער מענש טרעט, זענען די איינציגע וועגען וואָס דער מענש דאַרף וויסען.

איז אָבער ביי דעם מלך אויפגעוואַקסען אַ זוהן וואָס האָט זיך דערטראַכט, אַז די וועלט אויף וועלכער דער מענש טרעט איז ניט דער עיקר וועלט, נאָר אַז ערגיץ אין די הימלען איז פאַראַן אַזאַ וועלט וואָס איז דער עיקר, וואָרים יענע וועלט איז אייביג, איז פול מיט גרויסקייט און מיט וואונדער. און ד י וועלט איז קורץ און אָרעם, איז הויל און נאַקעט.

און דער בן מלך האָט דערפאַר גענומען טראַכטען, אַז ער איז אַ זעהר גרויסער חכם, און ער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט נאָך אַזוינע חכמים, און האָט זיך גענומען מישען אין דער פיהרונג פון דער מלוכה, און האָט גענומען זאָגען דעות, ניט נאָר אין זיין נאָמען, נאָר אויך אין דעם נאָמען פון זיין פאָטער, דעם מלך.

און ווען דער פאָטער האָט דאָס דערזעהן, איז ער געגאַנגען און האָט געמאַכט אַ גרויסען מאָהלצייט.

און אַז דער מלך האָט געמאַכט אַ מאָהלצייט, איז דאָך אודאי געווען זעהר פרעהלאַך, וואָרים עס זענען זיך צונויפגעפאָהרען מענ־שען פון אַלע עקען וועלט, און עס זענען אָנגעקומען אַלע גרויסע לייט פון לאַנד, און אַלע הארען פון דער מלוכה. און אַלע האָבען זיך אודאי זעהר שטאַרק געפרעהט מיט דעם וואָס זיי האָבען דער־לעבט און האָבען זוכה געווען צו זיין אויף דעם מלך'ס גרויסען מאָהלצייט.

אין מיטען דער שמחה האָט זיך אָבער דער מלך אויפגעהויבען און האָט זיך געווענדט צו זיין זוהן און האָט צו איהם אַזוי גע־זאָגט:

— „מיין זוהן! זעה, איך גיב דיר איבער דאָס קעניגרייך!... נאָר ווייס — איך בין אַ שטערנזעהער. קוק מיך אָן און הער, וואָס עס וועט מיט דיר טרעפען צום סוף פון די טעג.“

און כאָטש דער מלך האָט געזאָגט: „קוק מיך אָן און הער“, פון דעסטוועגען האָט ער מעהר קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. נאָר דעם מלך'ס אויגען האָבען געקוקט אויף דעם זוהן אַזוי, אַז אַלע האָבען פאַרשטאַנען וואָס דער מלך האָט געזאָגט, כאָטש זיי וואָלטען דאָס ניט געקאָנט איבערלייגען אין ווערטער. דער בן מלך איז אָבער געווען זעהר יונג, האָט ער דאָס ניט דערזעהן און ניט פאַרשטאַנען...

און דער בן מלך האָט נאָכדעם אָפּגענומען די מלוכה זעהר

שארף, און ער האָט זיך געמאַכט נייע הארען און ריטער, און ער האָט נאָך מעהר אָנגעהויבען פארשטעהן, אז ער איז א גרויסער חכם, און ער האָט נאָך מעהר ליעב געקראָגען זיין חכמה, און האָט צו־זיך צוגעצויגען די גרעסטע חכמים פון דער וועלט. און אזוי, ביז ער האָט זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו דער דאָזיגער חכמה.

פון מאָל צו מאָל האָט אָבער דער בן מלך געגומען פיהלען, אז ער ווערט דורך זיין חכמה ניט דערהויבען, נאָר ער גליטשט זיך נאָך ארונטער... פלעגט איהם פון דעם נעהמען נאָגען דאָס הארץ...

דעם עולם איבער וועלכען דער בן מלך האָט געקיניגט, און איבער וועלכען ער האָט געהאַלטען אין פערשפרייטען זיינע גרויסע חכמות, האָט דאָס ניט געשאַדט, וואָרים עס איז געלעגען א גרויסע טיעפקייט אין די חכמות פון דעם נייעם מלך און פון זיינע חכמים, האָט זיי דעריבער דער עולם ניט גוט פארשטאַנען און האָט גע־מיינט, אז אַלץ איז ווי עס דארף צו זיין, און האָט זיך געלעבט גוט און פרום.

דער נייער מלך אַליין, האָט אָבער וואָס ווייטער אַלץ מעהר געגומען פיהלען אז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט מיט די גרויסע חכמות זיינע, אָבער ווי נאָר ער פלעגט מיט'ן שכל נעמען פאָרשען וואָס דאָס איז אזוינס, פלעגט ער ווידער אריינפאַלען אין דער דאָזיגער חכמה, און פאר א צייט פלעגט זיך איהם ווידער נעמען דאכטען, אז ער איז גרויס און דערהויבען, ביז עס פלעגט אויף איהם ווידער קומען אָט דאָס שרעקליכע נאָגען פון הארצען, און ער פלעגט זיך ווידער דערפיהלען דערנידעריגט און געפאַלען.

און דאָס נאָגענדיגע הארץ פלעגט נעמען פרעגען ווי א לעבע־דיגער מענש:

— „שטייטש!? פאר וואָס?! פאר ווען?! וואָס האָסטו צו מיר?...“

און דער יונגער מלך פלעגט דעמאָלט נעמען קוקען ארום זיך...
זוכען און ניט וויסען וואָס...

צום סוף האָט זיך דער בן מלך גענומען ווענדען צו זיין פאָ־טער — דעם אַלטען מלך.

דער מלך אָבער האָט איהם אויסגעהערט און גאָר ניט גע־ענטפערט.

נאָר ווען דער מלך האָט דערזעהן, אז דער זוהן הערט ניט אויף צו קומען, האָט ער זיך צו איהם געווענדעט און אזוי געזאָגט:

— יונגלינג! דאָס וואָס דו זוכסט אין אזוינע מינוטען איז ניט פארשריבען אין דיינע קלוגע ביכער. א בוים וואָס רעדט נאָר ווען עס בלאָזט אויף איהם דער ווינד, קאָן דיר אמאָל ווענען דעם דערצעהלען פיעל מעהר ווי דיינע ביכער און דיינע אַלע קלוגע לייט; א גאנצער וואלד — נאָך מעהרער.

דער בן מלך האָט זיך דערפיהלט פארשעהמט פון דעם פאָ־טער'ס רייד און פון דעם פאָטער'ס שטאָלץ, פונדעסטוועגען האָט ער געפאָלגט. און נאָכדעם, ווען עס פלעגען אויף איהם אנקומען די מינוטען פאַר וועלכע ער האָט ניט געהאַט קיין באשייד, פלעגט ער זיך שוין מעהר ניט ווענדען צו זיין פאָטער, דעם מלך, נאָר ער פלעגט הייסען זאָטלען זיין פערד און פלעגט זיך לאָזען צו א וואלד. און פלעגט זיך ווענדען צו יעדען רוישענדיגען בוים:

— בוים! בוים! קאָנסטו מיר זאָגען פאַר וואָס מיין שכל האָט ניט קיין טרייסט פאַר מיין הארץ? זעה, מיין קאָפּ איז פול מיט חכמה און מיין הארץ איז וויסט. זעה, איך בין דער קעניג, דער חכם און דער לעהרער פון א גרויסען פאָלק, נאָר ניט פון מיין אייגען הארץ...

דער בוים פלעגט ענטפערען מיט זיין רוישען, נאָר דער יונגער מלך פלעגט הערען און ניט וויסען וואָס...

דער בעטלער און דער בן מלך

ב.

און איינמאָל האָט געטראָפּען, אז דער בן מלך איז זיך אומ־געפאָהרען אין וואלד און זיך איינגעהערט אין דעם רוישען פון די בוימער, ווי ער וואָלט פון זיי וועלען ארויסבאקומען א טרייסט און א פארשטענדיגונג אויף דעם, פאר וואס דער שכל פון די קלוגע פארפיהרט. און כאָטש די בוימער האָבען גערעדט און געזאָגט זעהר פיעל, האָט ער דאָס פאָרט ניט געקאָנט איבערלייגען אין גע־דאנקען און אין ווערטער, אזוי, אז ער זאָל ביי זיך זיין ז י כ ע ר אין דעם וואָס זיי זאָגען. — דערמאָלט האָט זיך זיין פערד פּלוצ־לונג א ציה געטון אָן א זייט, איז אָפּגעלאָפען א שטיק וועג, און איז ערגעץ מיט אמאָל שטעהן געבליבען...

און ווען דער יונגער מלך האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט האָט ער פאר זיך דערזעהן א פארביי־געהענדיגען בעטלער.

— בעטלער, בעטלער, ווער ביסטו? — האָט דער יונגער מלך אויסגעשריען.

דער בעטלער איז געבליבען שטעהן, האָט אויפגעהויבען די גרויסע ברעמען פון איבער זיינע אויגען. האָט גוט באטראכט דעם רייטער און דאָס פערד, און האָט געענטפערט שטרענג:

— דו זעהסט נים? ! — איך בין א בעטלער!

דער יונגער מלך האָט זיך פארוואונדערט פון דעם וואָס דער בעטלער רעדט צו איהם אזוי שטרענג, איז ער אראָפּ פון זיין פערד, איז צו צום בעטלער און געפרעגט:

— בעטלער! זעהסטו מיט וועמען דו רעדסט?!

— אוודאי זעה איך, — האָט דער בעטלער געענטפערט.

— ווער בין איך? — האָט דער יונגער מלך זיך נאָכגעפרעגט פאַרשענדיג.

איז דער בעטלער געוואָרען בייז און האָט געענטפערט:

— דו ביזט אַ פאַרשאַרצטער יונגלינג, וואָס גאַרטעלט זיך אונטער ניט נאָך זיין מאָס, און געהט ניט נאָך זיין פוס!...

דאָ האָט דער יונגער מלך פון דאָס ניי באַטראַכט דעם מאָדנעם בעטלער, זיין שטעקען, זיין מאָרבע און די גרויסע, גרויע ברעמען, וואָס זענען געדיכט געהאָנגען אַריבער זיינע אויגען, און האָט מיט אַ שמייכלענדיגען כעס אויסגעשריען:

— דער וואַלד דאָ איז געדיכט און ווילד, אָבער נאָך געדיכטער און ווילדער העננען דיר, ווייזט אויס, די ברעמען איבער דיינע אויגען, צי אפשר ביזטו גאָר אינגאַנצען בלינד!? — זעהסטו דען ניט אז פאַר דיר שטעהט איצט דער מלך?!

— דער מלך!!? — האָט דער בעטלער אויסגעשריען — כאַ־כאַ־כאַ! אַ וועלט איז דאָס דאָ־ט ביי אייך איצט געוואָרען!... יעדער איינער וואָס קנייטשט דעם שטערען מיינט, ער איז אַ חכם, און ווער עס פוצט זיך אוים אין קעניגליכע קליידער, מיינט — ער איז אַ קעניג...

— העי, דו, בעטלער! זאָג מיר, ווער ביזטו און וואָס טה׳סטו אין דעם וואַלד?! — האָט דער יונגער מלך אויסגעשריען אַ פאַר־ווירטער.

— צו שווער, אַ יונגער יונגלינג, וועט זיין פאַר דיר צו וויסען ווער איך בין. נאָר ווייל איך זעה — דו בלאָנדזשעסט, כאָטש דו מיינסט, דו ביזט אַ חכם, און ווייל דו האָסט מיך געטראָפען איצט אין וואַלד, און ווייל איך זעה — דיינע אויגען זענען הונגעריג און דיין הארץ איז שווער, טאָ וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה

אפשר וועסטו פון דער מעשה עפּעס וויסען און לערנען... עפּען דיינע אויערען און דיין הארץ און הער:

ערגעץ איז פאַראַן אַ לאַנד, דאָס לאַנד איז אַזוי גרויס, אַז עס נעמט אין זיך אַריין אַלע לענדער פון דער וועלט, און די גרונ־ט.ן פון דעם לאַנד זענען דער עיקר און דער תוך פון אַלע לענדער. אין דעם לאַנד איז פאַראַן אַ שטאָט, איז די שטאָט אויפגעשטעלט אַזוי, אַז זי נעמט אין זיך אַריין אַלע שטעט פון דעם לאַנד. אין דער שטאָט איז פאַראַן אַ הויז, איז דאָס הויז אַזוי געבויט, אַז עס נעמט אין זיך אַריין אַלע הייזער פון דער שטאָט. אין דעם הויז איז פאַראַן אַ מענש, איז דער מענש אַזאַ גרויסער און וואונדער־באַרער, אַז ער נעמט אין זיך אַריין אַלע מענשען פון דער שטאָט. איבער דעם דאָזיגען גרויסען און וואונדערבאַרען לאַנד, הערשט אַ מלך, האָט ער אין זיך די גבורה פון אַלע גבורים אין דער וועלט און דאָס קעניגליכע פון אַלע קעניגען פון דער וועלט. וואָרים ער איז דאָך דער מלך פון דעם לאַנד פון אַלע לענדער — — — דערפאַר זיצט ער אָבער שטענדיג אונטער פאָרהאַנגען און וויל גאָר פאַר קיינעם זיין פּנים ניט ווייזען.

איינמאָל אָבער האָט געטראָפען, אַז ערגעץ איז געווען אַ קיסר. דער קיסר האָט ביי זיך געהאַט די פּאָרטרעטען פון אַלע הערשער אין דער וועלט, נאָר דעם פּאָרטרעט פון דעם מלך וואָס הערשט איבער דעם לאַנד וואָס איז דער עיקר און דער תוך פון אַלע לענ־דער האָט ער ביי זיך ניט געהאַט. האָט דאָס דעם קיסר אודאי פאַרדראָסען און עס האָט איהם זעהר באַנג געטון.

האָט זיך דער קיסר איינמאָל געזוענדט צו דעם קלוגסטען פון זיינע ראַטגעבער, און האָט צו איהם געזאָגט:

— זעה, איך האָב ביי מיר די פּאָרטרעטען פון אַלע הערשער אין דער וועלט, נאָר דאָס בילד פון דעם מלך האָב איך ניט. וואָרים דו ווייסט דאָך — ער ווייזט גאָר קיינמאָל ניט זיין פּנים. דו

אָבער ביזט דאָך אַ גרויסער חכם, לאָז זיך אַוועק אין יענעם לאַנד, אפשר וועט זיך דיר דורך דיין חכמה איינגעבן צו זעהן זיין פנים, וועסטו פאַר מיר איהם אָפּמאָלען, אָדער דו וועסט מיר כאָטש דער־צעהלען ווי ער זעהט אויס!

האָט דער חכם זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין, און האָט ביי זיך געטראַכט: — איך וועל שוין געוויס יאָ ברייננגען דאָס בילד פון דעם מלך פאַר דעם קיסר, וואָרים איך בין דאָך אַ חכם!

און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: — אַזוי ווי דאָס לאַנד וואו עס הערשט דער מלך איז דאָך דער עיקר און דער תוך פון אַלע לענדער, און אַזוי ווי קאָמפּאָוועס גילט דאָך אין אַלע לענדער, וועט דאָך דאָס געוויס אויך דאָרט גילטען.

איז ער געקומען אַהין אין יענעם לאַנד און האָט זיך אויף קאָ־מאָוועס פאַרשטעלט פאַר אַ סוחר און האָט אויף קאָמפּאָוועס גע־נומען האַנדלען, און האָט זיך אינטמיסטען געלאָזט אָפּנאַרען, כדי ער זאָל זיך נאָכדעם קאָנען לאַדען מיט די וואָס האָבען איהם אָפּ־גענאַרט, כדי ער זאָל זיך קאָנען לאַדען אַזוי לאַנג ביז ער וועט ברייננגען זיין לאַדעניש צו די פאַרהאַנגען פון מלך.

די מענשען פון דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענ־דער, האָבען דאָך אָבער ביי זיך דעם קאָמפּאָוועס פון גאָר דער וועלט. האָבען זיי דאָך גלייך דערקאָנט ווער דער חכם איז און וואָס ער וויל. האָבען זיי גאָר מיט איהם גענומען טרייבען קאָמפּאָוועס, און האָבען איהם פון קאָמפּאָוועס וועגען געלאָזט טון וואָס ער וויל. און זיי האָבען איהם געלאָזט זיך אָפּנאַרען, און זיי האָבען איהם געלאָזט זיך לאַדען, און זיי האָבען איהם געלאָזט געבען כאבאר. און זיי האָבען איהם געלאָזט ברייננגען זיין לאַדעניש ביז די פאַרהאַנ־גען פון דעם מלך.

און אַז דער חכם איז געקומען צו די פאַרהאַנגען פון דעם מלך, האָט ער דאָך געמיינט, אַז דאָס איז געשעהן דערפאַר, וואָס ער

איז א גרויסער חכם, האָט ער אויפגעהויבען זיין קול אין דער הויך און האָט גענומען שרייען צו דעם מלך:

„איבער וועמען קעניגסטו, גרויסער קעניג!?

„דאָס איז דאָך א לאַנד איננאנצען פול מיט ליגען.

„פון אָנהויב ביז'ן אויסלאָז איז אין דעם ניטאָ קיין אמת.

„דיינע סוחרים, דיינע געריכט־הייזער, דיינע גאַסען זענען פול מיט שווינדעל, רויב און בעטרוג!"

און דער חכם האָט זיך מיט זעהר קלוגע רייד גענומען אויס־דערצעהלען פון גאָר דער פאַלשקייט אין דעם לאַנד.

ווי נאָר דער מלך האָט דאָס דערהערט, האָט ער צוגענויגט זיין אויער צום פאַרהאַנג, כדי ער זאָל בעסער פאַרנעמען די דאָזיגע רייד. וואָרים עס איז ביי דעם מלך געווען א גרויס וואונדער, אז עס זאָל זיך געפינען א מענש וואָס ווייסט פון אזוי פיעל פאַלשקייט אין זיין לאַנד.

און ווען דער חכם האָט דערזעהן, אז מיט זיינע חכמה'דיגע רייד האָט ער געמאכט דעם מלך צונייגען דעם אויער צום פאַר־האַנג איז ער געוואָרען נאָך דרייסטער און האָט אויסגערופען:

— מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז אויך דו, גרויסער מלך, ביזט אזוי ווי זיי, אז אויך דו האָסט ליעב ליגען ווי דאָס גאַנצע לאַנד דיינס, אָבער ניין! — פון דעם וואָס דו האַלטסט זיך ווייט פון זיי, פון דעם וואָס דו פאַרהוילסט דיין פנים פון זיי, קאָן מען זעהן אז דו קאָנסט זיי ניט פאַרטראָגען, וואָרים דו האַלטסט קיינעם פון זיי ניט פאַר ווירדיג צו זעהן דיין אָנגעזיכט.

האָט זיך אָבער דער גרויסער און ליכטיגער מלך פּלוצלונג אויפגעהויבען און האָט א וואָרף געטון דעם בלויען פאַרהאַנג פון פאַר זיך און האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין ליכטיגקייט — — — —

און דאָס האָט דער חכם געוואָלט, אָבער די ליכטיג־קייט פון דעם אמת'ן מלך איז אזאַ, אז אַלע זענען גלייך אגידער־

געפאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד, נאָר ניט דער חכם. — וואָרים ער האָט דאָך דעם גאַנצען שפּיעל געמאַכט כּדי צו זעהן דעם מלך.

דאָס מויל אָבער וואָס האָט נאָך געוואָלט ריידען איז גלייך אָהן לשון געבליבען, און די הענט וואָס האָבען געוואָלט טאַלען, זענען אָפּגענומען געוואָרען.

און ווען דער חכם איז געקומען צוריק צו זיין קיסר, וואָס האָט איהם געשיקט נאָכ׳ן בילד פון דעם מלך, האָט ער שוין נאָר געקאָנט הערען ווי דער קיסר פרעגט ביי איהם אַלץ און פרעגט:

„ווי זעהט אויס דער מלך ? !

„ווי זעהט אויס דער מלך ! ?...

— —

ביי די לעצטע ווערטער איז דער בעטלער וואָס האָט דער־צעהלט די דאָזיגע מעשה ניט געוואָרען. און ווען דער יונגער מלך האָט זיך אומגעקוקט האָט ער דערזעהן אויפ׳ן אָרט פון דעם בעט־לער אַ גרויסען אַלטען בוים...

— „וואָס איז דאָ געשעהן ?...

— „וואָס האָט דאָ פון מיר געוואָלט אָט דער אַלטער בעט־לער ?“...

און דער יונגער מלך האָט גענומען קוקען אויף זיינע קליידער און אויף זיך, און האָט געפרעגט:

— זעה איך אויס ווי אַ מלך ? ווי אַן אמת׳ער מלך ?...

און ווען ער האָט זיך נאָכדעם געזעצט אויף זיין פערד און גענומען פאָהרען אַהיים האָט זיך איהם געדאַכט — ער הערט ווי עמיצער אַ בייזער לאַכט פון איהם און פון זיין חכמה, ווי עמיצענס בייזע, לאַכעדיגע קולות טראָגען זיך נאָך איהם איבער׳ן וואַלד און פרעגען אָהן אויפהער:

„ווי זעהט אויס דער מלך ?...

„ווי זעהט אויס דער מלך ! ?...

.3

לאנג האָט דער יונגער מלך זיך ניט געקאָנט בארוחיגען, — וואָס איז דאָס פאַר א בעטלער וואָס ער האָט אָנגעטראָפען אין דעם גרויסען וואלד?... וואָס איז דאָס פאַר א מעשה, וואָס ער האָט איהם דערצעהלט? ווער איז דאָס אָט דער ליכטיגער מלך פון וועלכען ער האָט גערעדט, און וואָס איז דאָס פאַר א חכם וואָס ער האָט אזוי בייז אויסגעלאַכט... וואָס תאָט ער מיר מיט דעם געוואָלט זאָגען?...

און דער יונגער מלך האָט זיך נאָכדעם גענומען ארומטראָגען אויף זיין פערד איבער'ן גרויסען וואלד טאָג איין טאָג אויס, און מיט אומרוה געקוקט אין אַלע זייטען, ביז איינמאָל איז איהם דער בעטלער אנטקעגען געקומען...

— יונגלינג! — האָט דער בעטלער צו איהם אויסגעשריען — וואָס טרייסעלסטו אזוי שטארק די שטילקייט פון דעם וואלד?! האָסטו דען ניט קיין וואך ארום דיין הויז? צי עס פעהלט דען זייד אויף דיין צוקאָפּענס קושען?

— ניין, בעטלער — האָט געענטפערט דער יונגער מלך — עס שטעהט א גרויסע וואך ארום מיין הויז, און מיינע קישענס זיי־נען באצויגען מיט דעם בעסטען זייד. נאָר ווער איז דאָס אָט דער מלך פון וועלכען דו האָסט מיר דערצעהלט?... און פארוואָס האָסטו מיר געזאָגט, אז איך גארטעל זיך אונטער ניט נאָך מיין מאָס און

אַז איך געה ניט נאָך מיין פּוס ?... ווייסטו דען ניט אַז איך בין דער געקרוינטער בן מלך, דער זוהן פון דעם גרויסען מלך פון דעם לאַנד, דער זוהן וואָס האָט געקראָגען דאָס קעניגרייך פון דעם פּאָ־טערס הענט ?

— יאָ, איך ווייס, ווער דו ביזט. און איך קאָן אויך דעם אַל־טען מלך פון דעם לאַנד, און ער קאָן מיך אויך... אָבער צי דו ביזט זיין זוהן, דאָס ווייס איך ניט. וואָרים ווי קאָן דען אַ בן מלך זיך אָנטהון אין דער קרוין פון מלך פאַר דעם מלך אין די אויי־גען ?... וועלכער זוהן זעצט זיך דאָס אויף זיין פאָטערס אָרט, ווען דער פאָטער לעבט ?... הער אוים, דו יונגלינג, און ווייס — דיין קאָפּ איז פול ניט מיט שכל — נאָר מיט נייציגע ווערעם. נאָר ווייל איך זעה — דיינע אוינען זענען הונגעריג און דיין הארץ איז שווער, און ווייל איך זעה דו בלאָנדזשעסט ווי איינער וואָס זוכט אַ וועג — וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה. אפשר וועסטו פון איהר עפּעס וויסען און לערנען צו פאַרשטעהן... עפען דיינע אוי־ערען און דיין הארץ און הער:

אין דעם לאַנד וואָס איז דער עיקר און דער תוך פון אַלע לענ־דער אין דער וועלט האָט געטראָפען אַז די מלכה און די דינסט זענען געגאַנגען צו קינד אין איין צייט. די מלכה האָט געבוירען אַ זוהן צום מלך, און די דינסט האָט געבוירען אַ זוהן צו איהר מאַן, מיט וועלכען זי האָט געוואוינט אין דעם מלך׳ס פּאַלאַץ. איז גע־גאַנגען די באָבע און האָט אָפּגעטהון אַזאַ זאַך: זי האָט גענומען דאָס קינד פון דעם מלך און האָט אַנידערגעלייגט נעבען דער דינסט און דאָס קינד פון דער דינסט האָט זי אַוועקגעלייגט נעבען דער מלכה.

און אַזוי האָבען זיך די קינדער גענומען וואַקסען. — דער אמת׳ער בן מלך איז זיך געוואַקסען אַלס קינד פון דער דינסט, און דאָס קינד פון דער דינסט איז געוואַקסען אַלס דער בן מלך. ביידע

קינדער האָבען געלערענט אינאיינעם און האָבען זיך גע'חבר'ט א צייט. אָבער די באָבע, וואָס האָט זיי פארביטען האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט איינהאַלטען, איז זי געגאַנגען און האָט אויסגעזאָגט דעם סוד פאַר אַ מענשען. דער מענש האָט אזא גרויסען סוד ניט געקאָנט האַלטען ביי זיך אַליין, האָט ער איהם שטילערהייט דער־צעהלט זיינעם אַ חבר. און דעם מענשענס חבר האָט אויך גע־האַט אַ חבר, האָט אַזוי איין חבר דערצעהלט דעם צווייטען, ביז כ'ען האָט שטילערהייט גענומען שמוסען, אַז דער בן מלך איז ניט דער אמת'ער נאָר אַ פאַלשער, אַ פאַרביטענער.

און איינער פון די, וואָס האָט זיך געוואָלט איינקויפען ביים בן מלך, האָט זיך צו איהם געווענדעט אין דער שטיל, אַזוי צו זאָ־גען: „באשר, מען זאָגט אויף דיר, אַז דו ביזט אַ פאַרביטענער... עס דאַרף דיר ניט אָנשטעהן אַזא זאַך. און דערצו דאַרפסטו וויסען, אַז טאָמער מאַכט זיך חלילה אַמאָל אַ בונט קעגען דיין קעניגרייך, קאָן ער ווערען געפעהרליך דורך דעם, וואָס זיי וועלען זאָגען אַז ניט דו ביזט דער אמת'ער בן מלך, נאָר אַן אַנדערער“...

איז דער פאַלשער בן מלך פון דעם געוואָרען זעהר אומרוהיג, און ער האָט זיך גענומען טון אַזעלכע זאַכען צו דער דינסט און דעם דינער, אַז זיי האָבען געמוזט אַנטלויפען פון דעם פּאַלאַץ.

און, אַז זיי זענען אַוועק האָבען זיי דאָך מיט זיך אויך מיט־גענומען דעם אמת'ען בן מלך.

און כדי זיך נאָך מעהר באַוואָרענען, איז דער פאַלשער בן מלך געגאַנגען און האָט באַצייטענס איבערגענומען דאָס קעניגרייך.

און דאָס איז איהם ניט זעהר שווער אָנגעקומען. —

וואָרים דער מלך איז דאָך איבער זיין גרויסער ליכטיגקייט שטענדיג געזעסען אונטער די פאַרהאַנגען.

און ווען דער פאַלשער בן מלך איז אַרויס און האָט געזאָגט:

— זעהט, מיין פאָטער, דער ליכטיגער מלך האָט מיך גע־

שיקט צו אייך און האָט מיר געזאָגט: „גײה נעם איבער דאָס קעניגרייך, װאָרים איך אַליין קאָן די פֿאַרהאַנגען ניט פֿאַרלאָזען. און די מענשען דאַרפֿען איצט האָבען אַ האַר און אַ הערשער, װאָס זײ זאָלען קענען אָנקוקען און זעהן, װען ניט װעלען זײ נאָר אינגאַנצען אַפּגעקניפּט װערען פֿון די פֿאָרהאַנגען און פֿון דער הערשאַפֿט פֿון זײן פֿאָטער, דעם מלך", — האָבען אַ סך מענשען געגלױבט זײנע רייד, און זײ האָבען ניט געדיינקט אָן דעם, אַז װי באַלד עמיצער שטעלט זיך צװישען זײ און די פֿאָרהאַנגען פֿון דעם ליכטיגען מלך, װעלען דאָך דורך דעם די פֿאָרהאַנגען מיט דעם מלך ממילא װערען װייטער און פֿרעמדער...

און אַזױ האָט זיך דערװייל דער פֿאַלשער בן מלך ביסלעכװייז איבערגענומען די מלוכה.

די גאַנצע צייט האָט ער אַפּילו אַלץ גערעדט אין נאָמען פֿון זײן פֿאָטער, — דעם ליכטיגען מלך, װאָס זיצט אונטער די געדיכטע פֿאָרהאַנגען, אָבער געפֿיהרט האָט ער די מלוכה אַזױ, אַז מען האָט נאָר איהם געדענקט און אין דעם פֿאָטער האָט מען כמעט אינגאַנצען פֿאַרגעסען...

און אַז דער מלך האָט דאָס דערזעהן, האָט ער גענומען און האָט אינגאַנצען פֿאַרלאָזען דאָס לאַנד...

דעמאָלט ערשט האָט זיך דער פֿאַלשער בן מלך צופֿיהרט די הענט. און ער האָט גוט געדיינקט אָן דעם דינער מיט דעם דינסט, װאָס זענען געװען זײנע אמת'ע טאַטע מאַמע, און אָן דעם אמת'ען בן מלך, װאָס זײ האָבען ביי זיך אױפֿגעצױגען, און ער האָט גענומען מאַכען אַזױ, אַז זײ זײנען געװאָרען ניט זיכער מיט'ן לעבען.

האָט דאָס דעם דינער — זײן פֿאָטער — זעהר פֿאַרדראָסען, איז ער געגאַנגען און האָט צו זיך צוגערופֿען דעם אמת'ען בן מלך, און האָט צו איהם אַזױ געזאָגט:

— זאָלסט וויסען זיין, אַז מיר איז אויף דיר אַ גרויס רחמנות, ווייל עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז ניט דער וואָס קעניגט איצט איז דער אמת'ער בן מלך, נאָר אַז דו ביזט דאָס... און דערפאַר טוט ער אַזוי פיעל שלעכטס אין אונז, ווייל ער זוכט דיך אומצובריינגען. נאַ דיר געלט און אַנטלויף פון דאַנען. — ביזטו מיין זוהן, וועט מיר נאָך אפשר נאָט העלפען און איך וועל דיך נאָך זעהן איידער איך וועל שטאַרבען, ביזטו דער אמת'ער בן מלך, וועט דיר נאָך אפשר נאָט העלפען און דו וועסט איבערנעמען דאָס קעניגרייך.

און אַז דער זוהן האָט דערזעהן, אַז ער קאָן דאָ טאַקע לייננער ניט פאַרבלייבען, האָט ער זיך געזעגנט און איז אַוועק.

נאָכדעם געהן זיך אַוועק אַ סך יאָהרען.

דער פאַלשער בן מלך הערשט אין קעניגט, און דער אמת'ער בן מלך וואָגעלט אום אָהן אויפהער איינער אליין איבער גאָר דער וועלט...

פון מאָל צו מאָל בלייבט דער אמת'ער בן מלך שטעהן קעגען גרויסען הימעל און פרעגט :

„בין איך דער בן מלך, צי בין איך דאָס ניט ?...

„בין איך ניט דער בן מלך, קומט דאָך מיר אודאי ניט צו זיין פאַרוואָגעלט. בין איך יאָ דער בן מלך, קומט דאָך מיר אודאי אויך אודאי ניט צו זיין פאַרוואָגעלט“.

און איינמאָל, ווען דער אמת'ער בן מלך שטעהט אַזוי און קוקט צום הימעל, קומט פון ערגעץ אַ פאַסטוך מיט אַ טשערעדע שאָף און זאָגט צו איהם :

— העלף מיר פאַרטרייבען מיינע שאָף !

פרעגט ביי איהם דער בן מלך :

— פאַר וואָס דאַרפסטו איך זאָל דיר העלפען ? אָט האָסטו דאָך ביז איצט געטריבען אליין ?

ענטפערט איהם דער פאַסטוך :

— זעהסט דאָך דאָרט ארויף דעם גרויסען וואַלד? דורך אזא וואַלד ווי דער דאָזיגער איז גוט צו האָבען אַן ארויסהעלפער.

האָט ביי זיך דער בן מלך אָפּגעמאַכט, אַז מען דאַרף איהם טאַקי ארויסהעלפען, ווייל דער וואַלד זעהט טאַקע אויס צו זיין אַ גרויסער און פאַרפּלאָנטעטער. כאָטש ער האָט זיך געוואונדערט אויף דעם וואָס דער וואַלד איז דאָ פריהער ניט געווען, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער וואַלד איז דאָ ערשט אויסגעוואַקסען ווען דער פאַסטוך האָט אויפגעהויבען זיין האַנט...

ווי נאָר אָבער זיי זיינען אריין אין וואַלד האָבען זיך עטליכע שאָף אָפּגעטהיילט פון דער מטשערעדע און האָבען גענומען גערן אַן אַ זייט, האָט דער בן מלך זיי גענומען נאָכלויפען. ער לויפט און די שאָף לויפען פאַר איהם, און שנעלער פון איהם, האָט ער גענומען לויפען נאָך שנעלער, האָבען די שאָף גענומען לויפען ווי ווילדע, און אַזוי ביז די שאָף האָבען איהם פאַרפיהרט טיעף אין וואַלד, און אַזוי ווייט פון דעם פאַסטוך אַז ער האָט שוין נאָר צו־ריק דעם וועג ניט געקענט געפינען.

און דערווייל איז געוואָרען נאַכט און פינסטער, איז ער ארויף אויף אַ בוים און זיך דאָרט געלייגט אויף די צווייגען.

— —

און מיט דעם פאַלשען בן מלך וואָס האָט געקיניגט איבער זיין פאָטער'ס רייך, האָט גראָד געטראָפען אזא מעשה:

איינמאָל איז ער מיט זיינע האַרען ארויסגעפאָהרען אויף אַ שפּאַציר. די פערד זיינען געווען זעהר גוטע, צוהיצטע, און זיי האָבען זיי פאַרטראָגען זעהר ווייט. מיט אַ מאָל האָבען זיי פאַר זיך דערזעהן אַ זעהר גרויסען וואַלד און ניט ווייט פון וואַלד אַ טייך. איז ביי זיי געבליבען אראָפּצוגעהן פון די פערד און זיי לאָזען אָנטרינקען און זיך אַליין אויך אָפּרוהען. ווי נאָר אָבער דער פאַל־שער בן מלך האָט צוגעפיהרט זיין פערד צום טייך און האָט אין

דעם גרויסען וואסער דערזעהן די אָפשפּיגלונג פון דעם גרויסען וואלד, אינאיינעם מיט דעם ליכטיגען הימעל און מיט דער שיי־נענדיגער זון, האָט ער זיך גלייך דערמאָנט אָן דעם גרויסען מלך... האָט ער אַ ציטער געטון און ארויסגעלאָזט דעם פערד'ס צוים פון האנט. האָט זיך דאָס פערד אָפּגעטהיילט פון איהם און גענר מען געהן אין וואלד אריין. האָט ער גענומען נאָכגעהן דעם פערד. דאָס פערד אָבער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און איז ווייטער גע־גאנגען. האָט ער דאָס גענומען רופען, האָט דאָס פערד אויסגע־דרעהט דעם קאָפּ, איהם אָנגעקוקט ווי עס וואָלט איהם עפּעס וועי־לען זאָגען, און איז אוועק נאָך טיפער אין וואלד... און אזוי האָט דאָס פערד פארפיהרט דעם פאלשען בן מלך טיף און טיפער אין דעם וואלד, ביז ער האָט שוין צוריק ניט געקאָנט דעם וועג געפינען. און ווען ער האָט גענומען רופען האָט שוין קיינער זיין רוף ניט געהערט. און אז די נאכט איז צוגעפאלען האָבען זיך פון אלע זייטען גענומען הערען געשרייען פון ווילדע חיות, האָט ער זיך דערשראָקען און גענומען קריכען אויף א בוים.

ווי נאָר אָבער ער איז ארויף הויך אויפ'ן בוים האָט ער דער־זעהן אז עמיצער קוקט אויף איהם פון די צווייגען ארויס...

— ווער ביזטו! ? — האָט דער פאלשער בן מלך אויסגע־שריען מיט שרעק...

— א מענש! — האָט איהם יענער געענטפערט, און נאָכ־דעם צוריק געפרעגט:

— און ווער ביזטו?

— איך בין... — האָט זיך דער פאלשער בן מלך אָנגערופען

— איך בין... א מענש... א פארבלאָנדזשעטער... מיין פערד האָט זיך פון מיר אָפּגעטהיילט, האָב איך דעם גענומען נאָכגעהן, איך האָב דאָס געוואָלט כאַפּען און בין אזוי פארפיהרט געוואָרען... און איצט ווייס איך ניט וואו איך בין ערגעץ אין דער וועלט.

זאָגט צו איהם יענער:

— און מיך האָט עמיצער מיטגענומען טרייבען שאָף דורכ'ן וואַלד, האָבען זיך עטליכע פון זיי אָפּגעטהיילט און האָבען אויך מיך אַזוי פאַרפיהרט אין דעם וואַלד.

און אַזוי זיינען זיי זיך ביידע איבערגעזעסען אויפ'ן בוים די גאַנצע נאַכט, ביז סע האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט אַ פּלוצ־לינגער געלעכטער...

דער געלעכטער איז געוועזן אַזאַ שרעקליכער אַז דער גאַנצער וואַלד האָט אויפגעציטערט...

און נאָך דעם געלעכטער איז גלייך געוואָרען גרויסער טאָג.

אין דער ליכטיג האָבען זיי זיך אָנגעקוקט און האָבען זיך דער־קאָנט...

ביי דעם פאַלשען בן מלך האָבען זיך אַזש אויפגעשטעלט די האָר פון שרעק.

און דער אמת'ער בן מלך האָט זיך דערפרעהט.

באַלד אָבער האָט זיך דערהערט דאָס הירזשען פון דעם פערד און דאָס מעקען פון די שאָף. האָט זיך דער פאַלשער בן מלך גע־לאָזט צו זיין פערד, כדי ער זאָל איהם כאַפּען און וואָס ניכער אַנט־לויפען פון דעם וואַלד, און דער אמת'ער בן מלך האָט זיך געלאָזט נאָך די שאָף וואָס דער פאַסטוך האָט איהם פאַרטרויט.

ווי נאָר אָבער דער אמת'ער בן מלך האָט זיך גענומען יאָגען נאָך זיינע שאָף איז איהם אַנטקעגען געקומען אַ זעהר גרויסער מענש. דער מענש האָט איהם אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— וואָס טהוסטו?...

האָט ער איהם געענטפערט:

— איך יאָג זיך נאָך מיינע שאָף.

זאָגט דער מענש צו איהם:

— לאָז צורוה די שאָף, ווייל דאָס זענען גאָר קיין שאָף ניט.

דאָס זענען זינד אַזוינע. און ווער ווייסט וואוהין זיי קאָנען דיך נאָך פאַרפיהרען. קום בעסער מיט מיר, אויב דו ווילסט ערגעץ קומען...

ווי נאָר דער בן מלך האָט דערהערט אַזוינע רייד, איז ער גע־בליבען שטעהן און זיך איינגעקוקט אין דעם מענשען. ערשט ער דערזעהט, אַז דער מענש איז אַזוי שרעקליך הויך און גרויס, אַז ער וואָלט געקאָנט צועפּענען דאָס מויל און איהם איינשלינגען...

האָט דער בן מלך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גאָר קיין מענש ניט, און אַז עס איז דעריבער בעסער צו טון וואָס ער וויל, און ער איז איהם נאָכגעגאַנגען.

ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג האָבען זיי באַגע־געגנט דעם פאַלשען בן מלך. און אַז דער פאַלשער בן מלך האָט דערזעהן דעם אמת'ן בן מלך אינאיינעם מיט אַזאַ שרעקליך גרויי־סען מענשען, האָט ער זיך נאָך מעהר דערשראָקען און האָט אודאי געוואָלט אַנטלויפען. נאָר ער האָט ניט געקאָנט, ווייל אַזאַ כח איז שוין געלעגען אין אָט דעם גרויסען מענשען, אַז ווען מען האָט איהם דערזעהן האָט מען נאָר געקאָנט געהן צו איהם, אָבער ניט פון איהם...

זענען זיי מיט איהם אַזוי געגאַנגען וואוהין ער האָט זיי גע־פיהרט, ביז זיי האָבען פאַר זיך דערזעהן אַז ער פיהרט זיי צו אַן אָרט, וואָס איז פול מיט עקדישען און שלאַנגען. האָט זיך דער פאַלשער בן מלך זעהר דערשראָקען און האָט געזאָגט צום אמת'ען בן מלך:

— באַשר, ער זעהט אפשר גאָר ניט וואו ער פיהרט אונז, לאָ־מיר איהם פרעגען.

האָבען זיי ביי איהם געפרעגט, ווי אַזוי וועלען זיי דאָס קאָנען דורכגעהן דורך אַזוי פיעל בייזע שלאַנגען און עקדישען?

און ווי נאָר זיי האָבען איהם דאָס געפרעגט, אַזוי האָט ער

אויסגעשטרעקט זיין שרעקליך גרויסע האַנט אַרויף אין דער הויך און געזאָגט:

— הלמאי, ווי אַזוי וועט איהר קאָנען אריינגעהן אַהין אין מיין שטוב?

האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע אויגען און האָבען דערזעהן אַ גרויסע שטוב וואָס איז געהאַנגען אין דער לופטען...

און דער אמת׳ער בן מלך, אַז ער האָט דאָס דערזעהן, איז דאָס איהם געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך דערפרעהט, און דער פאַלשער בן מלך, אַז ער האָט דאָס דערזעהן, איז דאָס איהם ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך דערשראָקען.

און דער מענש האָט זיי דורכגעפיהרט דורך די שלאַנגען און עקדישען, און ער האָט זיי אריינגעבראַכט אין זיין הויז, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופטען, און ער האָט זיי דאָרט איבערגעלאָזט און איז אַוועק אין וואַלד אריין.

אין אָוונד איז דער מענש צוריקגעקומען פון וואַלד און ער האָט זיי געגעבען עסען און טרינקען, און האָט זיי געהייסען געהן שלאָפען. און אַז ער האָט זיי געהייסען, האָבען זיי אודאי געמוזט פאָלגען, נאָר דער פאַלשער בן מלך האָט די גאַנצע נאַכט ניט גע־קאָנט שלאָפען. און פאַרטאָג האָבען זיי מיט אַמאָל ווידער דער־הערט דאָס גרויסע געלעכטער... דאָס געלעכטער האָט געמאַכט ציי־טערען אַלע בוימער פון דעם וואַלד. און דאָס געלעכטער האָט דעם פאַלשען בן מלך אַנגעשראָקען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז אַ דערשראָקענער אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער און גענומען אָנ־רעדען דעם אמת׳ען בן מלך, אַז זיי זאָלען פרעגען ביי דעם מענ־שען וואָס דאָס איז פאַר אַ געלעכטער.

האָבען זיי ביי איהם געפרעגט.

האָט ער זיי געענטפערט:

דאָס לאַכט אַזוי דער טאָג אויף די נאַכט. וואָרים די נאַכט

פרענט שמענדיג ביי דעם טאָג, — פאַר וואָס, אַלע מאָל ווען דו קומסט, מוז איך אַנטלויפען ווי אַ גנב'טע? און דער טאָג לאָזט דערויף אַרויס אַ גרויס געלעכטער און עס ווערט טאָג.

דעם אמת'ען בן מלך איז דער ענטפער שטאַרק געפעלען געווען און ער האָט זיך געפרעהט, און דעם פאַלשען בן מלך איז דער ענטפער ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך געשראָקען...

נאָכדעם איז דער מענש ווידער אוועקגעגאַנגען אין וואַלד און איז ערשט געקומען אין אָווענד. און ווי ער איז געקומען און האָט געעפענט די טיר, אַזוי איז אויפגעגאַנגען די לבנה... און ווי נאָר די לבנה איז אויפגעגאַנגען, אַזוי האָבען זיך פון אַלע זייטען וואַלד מיט אַמאָל דערהערט שרעקליך ווילדע געשרייען פון אַלערליי חיות און פויגלען. די קולות זענען געווען אַזוינע שרעקליכע אַז סע האָט זיך געגומען דאַכטען, ניט אַנדערש, עס איז געקומען אַ סוף צו דער וועלט...

ווען אָבער זייער ערשטער שרעק איז פאַרביי און זיי האָבען גענומען צוגויגען זייערע אויערען, האָבען זיי דערהערט, אַז דאָס זענען גאָר קולות פון אַ גרויס געזאַנג, אַז די אַלע ווילדע חיות און פויגלען זינגען דאָס גאָר אַזאַ וואונדערבאַרען ניגון, אַז וואָס מעהר מען הערט זיך אין איהם איין, אַלץ מעהר דערפיהלט מען דעם גרויסען תענוג און דעם גרויסען וואונדער פון דער וועלט. וואָרים דאָס איז געווען אַ זעהר וואונדערליכער ניגון, וואָס זינט די וועלט שטעהט האָט נאָך קיינער אַזאַ ניגון ניט געהערט, און קיינער האָט נאָך אַזאַ תענוג ניט געהאַט, וואָרים אַלע תענוגים פון דער וועלט זענען נאָר ניט אַנטקעגען דעם גרויסען תענוג און אַנטקעגען די גרויסע וואונדער וואָס אַנטפלעקען זיך פאַר די, וואָס הערען דעם דאָזיגען ניגון.

דער אמת'ער בן מלך איז פון דעם ניגון געוואָרען אַלץ שעה־

נער און ליכטיגער און דער פאַלשער בן מלך איז פון דעם ניגון נע־
וואָרען מרה שחורה׳דיג און שווארץ ווי קויל...

נאָכדעם, ווען דאָס געזאַנג האָט זיך איינגעשטילט האָבען זיי
געפרעגט ביי דעם מענשען:

— וואָס איז דאָס פאַר א געזאַנג?

האָט ער זיי געענטפערט, אַז די זון האָט געגעבען דער לבנה
א מתנה א זעהר שעהן און ליכטיג קלייד, וואָרים די זון האָט ליעב
די לבנה... און די חיות און די פויגלען פון וואַלד האָבען דאָך אויך
ליעב די לבנה, וואָרים זי טוט זיי אָפט גרויסע טובות און אונטער
איהר ערשאַפט פיהלען זיי זיך שטענדיג בעסער און זיכערער,
האָבען זיי ביי זיך אָפגעמאַכט צו זינגען א גאַנץ נייעם ניגון
לכבוד דעם שעהנעם קלייד וואָס די לבנה האָט פון דער זון געקראָ־
גען, און אַלע מאָל ווען די לבנה פוצט זיך אויס אין דעם קלייד
זינגען זיי זיך דאָס אַזוי פאַנאַנדער...

האָבען זיי זיך זעהר פאַרוואונדערט פון אַזאַ זאַך און זיי
האָבען געזאָגט, אַז זיי וואָלטען אודאי געוואָלט נאָכאַמאָל הערען
אָט דעם דאָזיגען ניגון.

האָט זיי דער מענש געענטפערט:

אודאי קאָנט איהר נאָכאַמאָל הערען דעם דאָזיגען ניגון. וואָ־
רים איך האָב ביי מיר אַזאַ כלי, וואָס ווען מען לייגט זי צו צו א
חיה וואָס איז אַן אמת׳ע חיה פון איהר מין, דערהערט זיך גלייך
אָט דער ניגון.

האָבען זיי זיך געוואונדערט:

— וואָס הייסט א חיה, וואָס איז אַן אמת׳ע חיה פון איהר
מין? — איז דען ניט יעדע חיה אַן אמת׳ע חיה?...

האָט ער זיי געענטפערט:

— אודאי ניט; אָט קומט ארויס, וועל איך אייך ווייזען אַז
ניט.

און ער האָט זיי אַרויסגעפיהרט אין דרויסען, און זיי האָבען ווידער דערזעהן אז דאָס הויז הייגנט אין דער לופטען, נאָר ער איז געגאַנגען איבער דער לופט און זיי זענען איהם נאָכגעגאַנגען. — דעם אמת'ען בן מלך איז דאָס אַלץ זעהר געפעלען געוואָרען און ער איז איהם נאָכגעגאַנגען מיט אַ פרעהליך געמיט. און דעם פאַלשען בן מלך איז דאָס ניט געפעלען געוואָרען און ער איז איהם נאָכגע־גאַנגען מיט אַ צובראָכען געמיט און מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ...

און דער מענש האָט זיי אַראָפּגעפיהרט צו זיינע שטאַלען און האָט גענומען די כלי און האָט זי צוגעלייגט צו אַ שאָף, צו אַ רינד, צו אַ פערד. און צו וואָס פאַר אַ חיה ער האָט נאָר צוגעלייגט די כלי, אַזוי האָט זיך באַלד דערהערט דער וואונדערבאַרער ניגון, וואָרים זיי זענען אַלע געוועזען אמת'ע חיות פון זייער מין, נאָכדעם אָבער איז ער מיט זיי אַרויס אין וואַלד און האָט צונויפגערופען די שאָף נאָך וועלכע, דער פאַרטריבענער בן מלך האָט זיך גע־יאָגט און האָט צו יעדער פון זיי צוגעלייגט די כלי, אָבער דער ניגון האָט זיך ניט געלאָזט הערען, און דער מענש האָט אויך צו־גערופען דאָס פערד וואָס האָט פאַרפיהרט דעם פאַלשען בן מלך און האָט צו דעם צוגעלייגט די כלי. איז די כלי אַלץ געבליבען שטום.

— איצט זעהט איהר — האָט זיך דער מענש צו זיי אָנגע־רופען, אז די שאָף זענען ניט קיין אמת'ע שאָף און אז דאָס פערד איז ניט קיין אמת פערד, נאָר דאָס זענען נאָר אַנדערע מינים זאַ־כען וואָס האָבען זיך פאַרשטעלט אין אַ פערד און אין שאָף, כדי אייך צו פאַרפיהרען...

— און איצט — האָט זיך דער מענש צו זיי אָנגערופען אויף אַ הויך קול — זייט גרייט און הערט!... זייט וויסען, אז עס איז געקומען די צייט, איהר זאָלט וויסען ווער פון אייך עס איז דער אמת'ער בן מלך...

ווי נאָר דער פאַלשער בן מלך האָט דאָס דערהערט, איז ער גלייך געוואָרען א פארציטערטער.

דער אמת׳ער בן מלך אָבער האָט זיך ניט געשראָקען, וואָרים ער האָט ביי זיך געטראַכט:

— בין איך ניט דער בן מלך, טאָ, פארוואָס זאָל איך מיינען אז איך בין דאָס יאָ? בין איך יאָ דער בן מלך, טאָ פאר וואָס זאָל איך דאָס מאַכע ניט וויסען?

און דער מענש האָט גענומען און האָט פריהער געגעבען די כלי צום פאַלשען בן מלך.

האָט ער זי אָנגענומען מיטביידע הענט און האָט זי געהאַל־טען און געהאַלטען אזוי לאַנג ביז די הענט האָבען איהם גענומען ציטערען פאר שרעק. די כלי אָבער איז געבליבען שטום...

איז דער מענש געגאַנגען און האָט ביי איהם צוגענומען די כלי און האָט זי איבערגעגעבען צום פארטריבענעם בן מלך, און ווי נאָר יענער האָט זיך צו איהר צוגעריהרט, אזוי האָט זיך גלייך אי־בער׳ן וואַלד דערהערט דער גרויסער און וואונדערבארער ניגון און די לבנה האָט זיך א שעהנע און אן אויסגעפּוצטע אויפגעהויבען הויך איבער׳ן וואַלד און איבער׳ן בן מלך, און די ליכטיגקייט ארום דעם בן מלך איז דערביי געוואָרען אזוי, אז דער פאַלשער בן מלך האָט דאָרט ניט געקאָנט איינשטעהן, און ער האָט זיך גענומען רו־קען צו די שטאַלען, און ער האָט זיך גענומען באַהאַלטען אין די שאָטענס ווי א גנב. — — — — — — — — — — — — — — —

דער בעטלער וואָס האָט דאָס אַלץ דערצעהלט איז דאָ געבלי־בען שטעהן, און ווען דער יונגער מלך האָט אויפגעהויבען זיין אראָפּ־געלאָזטען קאָפּ, איז דער בעטלער שוין ניט געוועזן... און כאָטש דער בעטלער איז שוין ניט געוועזן פון דעסטוועגען איז דער פאר־ווירטער יונגער מלך אויפגעשפּרונגען פון דעם שטיין אויף וועלכען ער איז די גאַנצע צייט געזעסען און האָט אויסגעשריען:

— בייזער בעטלער! פאַר וואָס האָסטו מיך געלאָזט אין מי־טען?! פאַר וואָס האָסטו מיר ניט דערצעהלט די מעשה ביז'ן סוף?...

דער וואַלד האָט זיך צולאַכט, און פאַר די אויגען פון דעם יונגען מלך איז אויפגעוואַקסען אַ גרויסער שטיין און אויפ'ן שטיין איז געווען געשריבען:

„עס איז די גאַנצע וועלט אַ מעשה וואָס האָט זיך נאָך אינ־גאַנצען ניט דערצעהלט".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לאַנג איז נאָכדעם דער יונגער מלך אַרומגעריטען איבער דעם וואַלד און ווען ער איז שוין צום סוף געשטאַנען ביים ברעג פון וואַלד האָט ער זיך אויסגעדרעהט צוריק און אויסגעשריען:

— ניין, איך פאָהר ניט צוריק! איך מוז פריהער וויסען ווער עס קיניגט איצט אין יענעם לאַנד, אין דעם לאַנד פון אַלע לענדער. — קיניגט שוין איצט אין יענעם לאַנד דער אמת'ער בן מלך?!

און ווי נאָר ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, אַזוי האָט עמיצער גלייך לעבען איהם, ווי ער וואָלט מיט איהם אינאיינעם אויפ'ן פערד געזעסען, אויסגעשריען בייז:

— ניין, ניט דער בן מלך, נאָר דער מלך! ער אליין וועט קומען צוריק! ער אליין וועט משפט'ען זיין לאַנד!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווי עס טראָגט זיך אַן אָפּגעריסענע בלאַט אויף די פליגלען פון ווינט, אַזוי האָט זיך פון שרעק דער יונגער קעניג גענומען טראָגען אויף זיין פערד דורך וואַלד און פעלד און לאַנד און איז געקומען צו זיין פאָטער, דעם מלך:

— פאָטער, פאָטער! — האָט ער גענומען שרייען און זיך קלאָגען — וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטען, פאָטער? ווער איז

דאָס דער בעטלער, וואָס זאָגט — ער קאָן דיך? און וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַלד? און וואָס זענען דאָס פאַר מעשות? וואָס איז זייער באַשייד? זעה, איך האָב דורך דיר געלערענט פיעל חכמה. איצט לערען איך די חכמה מיט די מענשען פון דעם לאַנד, און מיין נאָמען און אויך אין דיינעם. איך האָב ליעב חכמה, און בין גערעכענט פאַר אַ חכם, צום סוף מאַכט אַ בעטלער מיך צום נאַר. וואָס זאָל דאָס באַדייטען פאָטער? און האָסטו דען מיר ניט גע־זאָגט פאַר אַלעמען אין די אויגען אויף דעם גרויסען מאָהלצייט:
— זעה, איך גיב דיר איבער דאָס קעניגרייך? טאָ ווער איז אָט דער ליכטיגער מלך פון וועלכען ער רעדט, און ווער איז אָט דער פאַלשער בן מלך?....

דער אַלטער מלך האָט אויף די אַלע פראַגען ניט געענטפערט. ער האָט נאָר אָנגעקוקט דעם צוטומעלטען יונגלינג און האָט פון איהם אָפּגעקערט זיין פנים.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ד.

און ווידער האָט דער יונגער קעניג באַגעגענט דעם בעטלער אין דעם וואַלד.

— בעטלער — האָט געפרעגט דער יונגער קעניג — זאָג מיר ווער ביזטו?

— ניט פרעג דאָס, יונגלינג — האָט דער בעטלער געענטפערט.

— ניט פרעג, ווייל צו שווער וועט דאָס זיין פאַר דיר צו וויסען.

— און וואָס זענען דאָס פאַר מעשות וואָס דו דערצעהלסט?

— דאָס זענען מעשות, וואָס וויקלען זיך אַרום דעם ליכט פון דער וועלט. — האָט דער בעטלער געענטפערט.

— בעטלער! — האָט דער יונגער קעניג אויסגעשריען — דו האַלטסט זיך אויף אין דער טונקעלהייט פון געדיכטען וואַלד, דו קוקסט ניט אָן די וועלט, טאָ ווי קאָנסטו רעדען פון דעם ליכט פון דער וועלט?

דער בעטלער האָט ביזן אויפגעהויבען זיינע גרויסע ברעמען און געזאָגט:

— איך ר ע ד ניט פון דעם ליכט פון דער וועלט, איך ד ע ר צ ע ה ל.

— און פאַר וואָס מוז דען דאָס ליכט פון דער וועלט דער־צעהלט ווערען? — פרעגט דער יונגער מלך אַ צוטומעלטער.

— ווייל דאָס ליכט פון דער וועלט, איז די מעשה פון דער וועלט...

— בעטלער, בעטלער! — האָט דער יונגער מלך אויסגע־שריען מיט אַ ציטערדיק האַרץ — און וואָס איז מיט דער חכמה, וואָס איך האָב פאַר ביכער און פאַר קלוגע לייט געבראַכט? — —

דערויף האָט איהם דער בעטלער געענטפערט און געזאָגט:

— איך האָב אַמאָל געזעהן עמיצען אַריינלויפען צווישען זו־בענדיגע מענשען מיט פאַרמאַכטע הענט און פרעגען, „וואָס האָלט איך אין מיינע הענט!?“ די מענשען האָבען גענומען טראַכטען, אַז ער האָלט געוויס וואָס זיי זוכען, האָבען זיי איהם גענומען נאָכ־לויפען און פרעגען: „ווייז וואָס דו האָלטסט, ווייז!“... און נאָכדעם ווען זיי זענען איהם לאַנג נאָכגעלאָפען, האָט ער צועפענט זיינע הענט, און זיי האָבען דערזעהן, אַז אין זיי איז גאָר ניט געווען...

— דו ביזט אַ שלעכטער און אַ בייזער! — האָט אויסגעשריען דער יונגער מלך.

— איך בין ניט קיין שלעכטער און ניט קיין בייזער. איך טראָג דאָס ליכט פון דער וועלט! — האָט אויסגערופען דער בעט־לער מיט אַזאַ קול, אַז דער יונגער מלך האָט אויפגעציטערט מיט זיין גאַנצען לייב.

— און וואָס וועט מיט מיר געשעהן ווען דו ברייננסט מיך צו דעם ליכט? — האָט נאָכדעם געפרעגט דער יונגער מלך.

— מענשען וואָס קומען צו דעם ליכט ווערען, אָדער פאַר־ברענט, אָדער געלייטערט.

— בעטלער! — האָט זיך דער יונגער מלך אָנגערופען — דו ביזט היימליך און אונהיימליך ווי אָט דער גרויסער ווילדער וואַלד. — פאַר וואָס האָסטו מיר פאַרגעוואָרפען, אַז איך בין ניט מיין פאָטער'ס זוהן? מיט וואָס בין איך דען שולדיג, ווען דער פאָטער האָט מיך געשיקט צו משפט'ן דאָס פאָלק, ווען דער פאָטער האָט מיר אַליין געזאָגט: „זעה, איך גיב דיר איבער דאָס קעניג־רייך“?

— ווען דו וואָלסט ניט געווען שולדיג, וואָלטען דיך מיינע מעשות ניט געשראָקען...

— דיינע מעשות שרעקען מיך ניט, דו בייזער בעטלער! — האָט מיט צאָרען אויסגעשריען דער יונגער מלך. — איך וויל נאָר וויסען פאַר וואָס וואָרפסטו מיר פאָר אַזוינע זאַכען? זאַכען וואָס קיינער קאָן ניט דערוויייזען! ווער קאָן דען נאָך דיינע רייד וויסען צי איך בין דער אמת'ער בן מלך, צי איך בין דער מלך, צי האָב איך געמענט איבערנעמען דאָס קעניגרייך פון די הענט פון מיין פאָטער?...

— די מעשה קאָן דאָס וויסען. — האָט איהם דער בעטלער געענטפערט.

— וואָס איז אַזוינס די מעשה?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט: — די מעשה, דאָס איז דאָס ליכט פון דער וועלט.

— און דער מלך פון וועלכען דו האָסט מיר דערצעהלט, איז דער מלך פון דער מעשה און ניט דער מלך פון דער וועלט?

— דער מלך פון דער מעשה — האָט דער בעטלער געענט־פערט — איז דער אמת'ער מלך פון דער וועלט.

— „דער אמת'ער מלך פון דער וועלט" — האָט דער בן מלך נאָכגערעדט, ווי ניט הערענדיג וואָס ער זאָגט. און נאָכדעם האָט ער ווי אויפגעוואכט און זיך פון דאָס ניי געווענדט צום בעט־לער:

— בעטלער, קאָנסטו מיר אפשר דערצעהלען נאָך אַ מעשה פון דעם דאָזיגען מלך?

— אז דו ביזט שוין דאָ, וועל איך דיך געווים מיט ליידינגען ניט אָפלאָזען פון מיר, וואָרים איך זעה דאָך — דיינע אוינגע־זענען הונגעריג און דיין האַרץ איז שווער — האָט איהם דער בעט־

לער געענטפערט. — אָט עפען דיינע אויערען און דיין האַרץ און הער:

דער ליכטיגער מלך פון דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער, האָט געהאַט אַ טאָכטער. די טאָכטער האָט ער אודאי זעהר ליעב געהאַט. איינמאָל אָבער האָט געטראָפען, אַז די טאָכ־טער האָט איהם אַריינגעבראַכט אין גרויס כעס, האָט זיך ביי דעם מלך אַרויסגעכאַפּט:

— דו זאָלסט פאַרכאַפּט ווערען!

ניט מעהר ווי דאָס.

אין אווענד איז זיך די טאָכטער אוועק אין איהר חדר אַריין און אין דער פריה האָט מען שוין ניט געוואוסט וואו זי איז אַהינ־געקומען.

האָט זיך דער מלך די זאַך זעהר שטאַרק צום האַרצען גענומען. און ווען זיינע האַרען זענען איהם געקומען טרייסטען האָט ער זיך גאַר טרייסטען ניט געלאָזט.

איינער פון דעם מלך׳ס האַרען — איז אודאי געווען דער גרויסער גבור. דער גרויסער גבור איז טאַקע אויך געווען דער שני למלך און ער האָט אודאי זעהר ליעב געהאַט זיין האַר, דעם ליכ־טיגען מלך. האָט ער זיך דאַריבער געווענדט צום מלך און אַזוי גע־זאָגט:

— גרויסער האַר! צו גרויס איז דיין צער אַז איך זאָל איהם קאָנען צוזעהן און בלייבען שטיל. לאָז מיך געהן זוכען דיין טאָכ־טער, דיין טרייסט. איך וועל זי זוכען ביז איך וועל זי געפינען. אָהן איהר וועל איך פאַר דיר מיין פנים ניט ווייזען.

און דער שני למלך, דער גבור, האָט זיך אוועקגעלאָזט זוכען די בת מלכה.

אַ לאַנגע צייט איז ער געגאַנגען אויף פאַרשיעדענע וועגען און שטעגען, וואָס האָבען זיך געצויגען איבער וויסטע פעלדער און

פוסטע וועלדער, ביז איינמאָל איז ער געקומען צו אַ וועג וואָס האָט געפיהרט דורך שטיינערדיגע בערג און וואַסערדיגע טהאָלען. האָט ער זיך געלאָזט מיט דעם וועג און איז געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז ער האָט פאַר זיך דערזעהן אַ גרויסען פּאַלאַץ.

פאַר דעם פּאַלאַץ זענען געשטאַנען זעהר גרויסע און שרעקליכע חילות. אָבער זיי האָבען איהם גאָר ניט געטון. — האָט ער זיך געלאָזט צו זיי און איז דורך זיי דורכגעגאַנגען ביז די טויערען פון דעם פּאַלאַץ.

האָט איהם אויך דאָרט קיינער ניט אָפּגעשטעלט.

איז ער אַריינגעגאַנגען אינוועניג, און דערזעהן, אַז ס'איז זעהר אַ רייכער פּאַלאַץ, און אַז די טישען שטעהען געגרייט מיט עסענוואַרג און מיט וויין. איז דאָס איהם זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך פריהער פון אַלץ אָוועקגעזעצט און אָפּגעגעסען...

און ערשט נאָכדעם, ווען ער האָט זיך אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען ביז צו זאַט, האָט ער זיך געלאָזט איבער'ן פּאַלאַץ און האָט זיך גענומען זוכען און קוקען און אַזוי לאַנג ביז מיט אַ מאָל האָט זיך פאַר איהם אויפגעעפענט אַ טיהר און ער איז אַריין אין אַ זעהר גרויסען זאַל...

דער זאַל איז געווען אָנגעפילט מיט זעהר פיעל חילות און מיט הארען און ראַט־הארען און אינמיטען דעם זאַל איז געשטאַנען אַ גרויסע גאָלדענע שטול און אויף דער שטול איז געזעסען אַ מלך מיט אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ, און פון דער קרוין האָבען אַרויסגעקוקט צוויי שפּיציגע הערנער.

און נאָך איידער דער גבור האָט צייט געהאַט זיך אומקוקען צו די הערנער זענען אַ בעפּוצונג פון דער קרוין, צי זיי וואַקסען פון דעם מלך'ס קאָפּ אַרויס, האָט ער דערהערט ווי דער מלך באַפעהלט מען זאָל אַריינברייננגען די מלכה.

און ווי נאָר דער מלך האָט אַרויסגעגעבען זיין באַפעהל, אַזוי

האָבען גלייך די קאַפּעליעס און די חילות זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּיעלען און זינגען, לכבוד דעם אָנקומען פון דער מלכה.

און ווען די מלכה איז אריינגעקומען האָט מען פאַר איהר געמאַכט אַ גרויסע וואַרע.

און אַז דער גבור האָט דאָס דערזעהן האָט ער זיך גענומען שטופּען, כדי ער זאָל קאָנען זעהן די מלכה צוליעב וועלכער מען מאַכט דאָס אַזאַ פּאַראַד. ווי נאָר אָבער ער האָט דערזעהן די מלכה איז ער געבליבען שטעהן ניט טויט, ניט לעבעדיג, ווייל ער האָט דערזעהן אַז די מלכה איז דאָס נאָר די בת מלכה, וואָס ער זוכט אַרום שוין אַזוי פיעל יאָהרען...

די בת מלכה האָט איהם אויך דערקאָנט, און זי איז צוגע־גאַנגען צו איהם און געפרעגט:

— קאָנסט מיך?

— אודאי — האָט איהר דער גבור געענטפערט — דו ביזט דאָך אונזער בת מלכה, די טאָכטער פון אונזער ליכטיגען מלך. אונזער מלך און דאָס גאַנצע קעניגרייך בייינקען דאָך נאָך דיר שוין אַזוי פיעל יאָהרען... קום מיט מיר אַהיים. מיין האַנט איז שטאַרק, און מיין שווערד איז שאַרף, און דער דינער מיט מיין פערד וואַרטען אויף אונז אין דרויסען פון דעם שלאָס.

ענטפערט איהם די בת מלכה:

— ניין, גבור. ניט מיט אַזאַ שטאַרקייט קאָנסטו מיך באַ־פרייען פון דעם אָרט... פאַר וואָס האָסטו דיך גלייך ביי דיין אָנ־קומען אַהער געכאַפּט צום עסען און טרינקען?... אַצינד געה אַוועק פון דאַנען, קלייב דיר ערגעץ אויס אַן אָרט און זיץ דאָרט אָפּ אַ גאַנצען יאָהר־צייט און דעם גאַנצען יאָהר זאָלסטו ניט אויפ־הערען צו בענקען און האָפען מיך אַרויסצונעהמען פון זייערע הענט, און דעם לעצטען טאָג פון יאָהר זאָלסטו פאַסטען און ניט שלאָפען.

איז דער גבור אַוועק געגאַנגען און האָט געטון ווי זי האָט

געהייסען. — אַ גאַנצען יאָהר האָט ער ניט אויפגעהערט צו בייני־קען און גלוסטען זי ארויסצונעהמען און אין דעם לעצטען טאָג פון יאָהר האָט ער געפאסט און איז ניט געשלאָפען, און נאָכדעם האָט ער מיט זיך מיטגענומען זיין דינער און זיין פערד און האָט זיך געלאָזט צום שלאָס צו באפרייען די געפאנגענע בת מלכה. ווי נאָר אָבער ער איז אזוי געגאנגען, האָט ער אויף זיין וועג מיט אַ מאָל דערזעהן אַ בוים מיט זעהר שעהנע עפּעל. די עפּעל זענען גע־ווען אזוינע שעהנע, אַז ער האָט זיך פארגעסען אין אַלץ און האָט אָפּגעריסען איינעם פון זיי און האָט זיך אין איהם איינגעביסען מיט די ציין. און ווי נאָר ער האָט זיך איינגעביסען מיט די ציין אין עפּעל, איז ער גלייך אַנידערגעפאַלען און איז איינגעשלאָפען מיט'ן עפּעל אין מויל.

אַז דער דינער האָט דאָס דערזעהן האָט ער איהם גענומען וועק־קען:

— שטעה אויף, מיין האר! שטעה אויף!

און דאָס פערד וואס איז געווען געגרייט אויף צו פיהרען די בת מלכה, האָט גענומען הירזשען הויך און שטארק.

אָבער קיין זאַך האָט דעם גבור ניט געקאָנט אויפוועקען.

און אזוי איז דער גבור אָפּגעשלאָפען אַ סך יאָהרען, און ערשט ווען דער עפּעל איז איהם אַרויסגעפאַלען פון מויל האָט ער זיך אויפגעכאפּט, ווייל דער הונגער האָט איהם אויפגעוועקט. און ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעריבען די אויגען, אזוי האָט ער זיך גלייך דערמאָנט אָן דער בת מלכה, האָט ער זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען און געפרעגט ביי זיין דינער:

— וואו בין איך ערגעץ אין דער וועלט?

האָט דער דינער דערצעהלט דעם גבור די גאַנצע מעשה און ער האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז שוין זעהר פיעל יאָהרען ווי דו שלאָפסט, און אַז איך האָב דיך זעהר שטארק געוועקט און איך

האָב דיך ניט געקאָנט דערוועקען, און אז איך און דאָס פערד דערנעהערען זיך די גאַנצע צייט פון די עפּעל וואָס וואַקסען אויף דעם בוים.

האָט זיך דער גבור אודאי זעהר געוואונדערט און געפרעגט:

— און אייך האָבען די עפּעל גאָר ניט געשאַדט?

— ניין — האָט איהם דער דינער געענטפערט — אונז האָט דאָס זעהר וואויל באַקומען...

האָט זיך דער גבור די זאַך זעהר שטאַרק צום האַרצען גענו־מען, און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז געקומען צו דער בת מלכה האָט ער זי געטראָפען אין גרוים צער, וואָרים זי האָט זעהר שטאַרק געבענקט נאָך איהר טאַטען דעם מלך. און זי האָט איהם פאַרגעוואָרפען און געזאָגט:

— איבער איין טאָג האָסטו מיך אַנגעוואָרען!

און זי האָט צו איהם ווייטער געזאָגט:

איך זעה שוין, אז ניט עסען איז פאר דיר זעהר א שווערע זאַך. דעריבער געה איצט ווידער אוועק און קלויב דיר ערגעץ אויס אַן אָרט און זאָלסט דאָרט ווידער אָפּזיצען א יאָהר צייט, און אין דעם לעצטען טאָג זאָלסטו שוין יאָ מעגען עסען, אָבער שלאָפען זאָלסטו ניט טאָרען דעם גאַנצען מעת לעת, און זעה אז דו זאָלסט אויך קיין וויין ניט טרינקען, כדי דו זאָלסט ניט שלאָפען.

איז דער גבור אוועק און האָט אזוי געטון און אין דעם לעצ־טען מעת לעת פונ׳ם יאָהר האָט ער מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט און האָט קיין וויין ניט געטרונקען און האָט זיך אוועקגעלאָזט באַ־פרייען די בת מלכה.

ווי אָבער דער גבור איז אזוי געגאַנגען, האָט ער דערזעהן ביי דער זייט פון וועג א קוואַל און דער אויסזעהן פון דעם קוואַל איז געווען רויט און זיין גערוך איז געווען ווי פון וויין.

רופט זיך דער גבור אָן צום דינער און זאָגט:

— זעה נאָר ס'ארא קוואַל! זײן וואַסער איז רויט און זײן גערוך איז פון װײן. קום, וועלען מיר זיך אָנטרינקען.

זענען זײ געגאַנגען און האָבען פאַרזוכט פון דעם קוואַל. דער דינער האָט זיך אָנגעטרונקען און עס האָט איהם ניט געשאַדט. אָבער דער גבור, ווי נאָר ער האָט פאַרזוכט פון דעם קוואַל, אַזוי איז ער גלײך אַנידערגעפאַלען און איז אַנטשלאָפען געוואָרען אויף עטליכע יאָהר.

אײנמאָל זענען יענעם אָרט פאַרבײגעגאַנגען אַ סך חילות און נאָך די חילות זענען נאָכגעקומען אַ סך געשפאַנען מיט קאַרעטען און רײטוועגען. אין אײנעם פון די געשפאַנען איז געזעסען די בת מלכה. און זי האָט גלײך דערקאַנט דעם שלאָפענדיגען גבור. און זי האָט געהײסען מען זאָל זיך אָפּשטעלען. און זי איז אַרויס פון דער קאַרעטע און איז צו צום גבור, וואָס איז דער שני למלך פון איהר פאָטער, און האָט זיך לעבען איהם אַוועקגעזעצט און האָט איהם גענומען וועקען. זי האָט איהם אָבער ניט געקאָנט דער־וועקען, האָט זי זיך זעהר ביטער פאַנאַנדערגעוויינט איבער איהם:

— באַשר ס'איז שוין אַזוי פיעל יאָהרען אַז דו מאַטערסט זיך מיך אַרויסצונעמען פון זײערע הענט און פּונקט אין דעם טאָג וואָס דו קאָנסט מיך אַרויסנעמען האָלטסטו ניט אויס. עס איז אַ גרויס רחמנות אויף מיר און אויף דיר. און דער צער פון מײן פאָטער, דעם מלך, איז דאָך געוויס אויך זעהר גרויס.

נאָכדעם האָט זי אַראָפּגענומען דעם זײדענעם שלײער פון איהר קאָפּ, און האָט אויף איהם געשריעבען מיט איהרע טרערען און געשריעבען און אַוועקגעלײגט דעם שלײער לעבען גבור און איז צוריק אַוועק און זיך אַרײנגעזעצט אין דער קאַרעטע און איז אַוועק מיט די חילות, וואָס האָבען געוואַרט אויף איהר.

און ווי נאָר זי איז אַוועק, אַזוי האָט זיך דער גבור אויפגע־

כאפט. און ווי ער האָט זיך אויפגעכאפט אזוי האָט ער זיך גלייך דערמאנט אָן דער בת מלכה.

פרעגט ער ביי זיין דינער:

— וואו בין איך ערגעץ אין דער וועלט?!

דערציילט איהם דער דינער די גאנצע מעשה, און ער דער־צעהלט איהם אויך פון די חילות, וואָס זענען דאָ נאָר וואָס פאר־ביינעגאנגען, און פון דער בת מלכה וואס איז דאָ ערשט געזעסען נעבען איהם און געוויינט, און פון דעם זיידענעם שלייער אויף וועלכען די בת מלכה האָט געשריבען מיט טרערען און דאָ איבער־געלאָזט.

האָט דער גבור זיך גלייך אומגעקוקט און דערזעהן דעם שלייער, האָט ער איהם אויפגעהויבען אנטקעגען דער זון, און דערזעהן, אז אויף איהם שטעהט אויסגעשריבען אינגאנצען דאָס וויינען און קלאָגען פון דער בת מלכה און צום סוף איז פון די טרערען גע־ווען אויסגעשריעבען, אז איצט איז זי שוין ניט אין דעם פאלאץ, אז ער זאָל זיך איצט אוועקלאָזען זוכען א גאָלדענעם בארג מיט א פערלענעם שלאָס, דאָרט וועט ער זי געפינען.

האָט דער שני למלך גענומען טראכטען:

— וואוהין געהט מען איצט?

און ער האָט באשלאָסען:

— מען דארף ווידער געהן אין אזוינע ערטער וואו קיין מענ־שען געהען ניט, וואָרים צווישען מענשען וואָלט זיך א גאָלדענער בארג און א פערלענער שלאָס ניט געקאָנט איינהאַלטען...

און דער גבור האָט איבערגעלאָזט דעם דינער און זיין פערד, און ער האָט זיך איינער אליין אוועקגעלאָזט איבער די מדבריות פון דער וועלט, און ער איז אזוי געגאנגען א סך יאָהרען, און יאָה־רען נאָך יאָהרען, ביז ער האָט איינמאָל אין מיטען העלען טאָג אנ־געטראָפען א מאָדנע ווילדען מענשען, דער מענש איז געווען אזוי

גרוים אַז דער גבור האָט קענען איהם אויסגעזעהן ווי אַ קליין מענ־שעלע, און אויף דעם מענשענס קאָפּ זענען ניט געוואַקסען קיין האָר, נאָר וואָרצלען, און פון די וואָרצלען — אַ בוים מיט שווערע צווייגען.

און דער דאָזיגער ווילדער מענש איז צוגעקומען צום גבור און געפרעגט:

— ווער ביזטו?

האָט דער גבור איהם געענטפערט:

— איך בין אַ מענש.

האָט זיך אָבער יענער פאַרוואונדערט און געזאָגט:

— איך בין שוין דאָ אַזוינע לאַנגע יאָהרען און האָב נאָך קיין מאָל ניט געזעהן אַ מענש!... ווי אַזוי קומסטו אַהער?

דערצעהלט איהם דער גבור אַז ער זוכט די פאַרוואָגעלטע טאָכ־טער פון דעם גרויסען מלך, און אַז ער ווייסט, אַז זי געפינט זיך איצט ערגעץ אין אַ פּערלענעם שלאָס וואָס אויף אַ גילדערנעם באַרג.

זאָגט צו איהם דער גרויסער מענש:

— אַזאַ שלאָס איז געווים אין ערגעץ ניטאָ, מען האָט דיך גע־ווים אָפּגענאַרט.

זאָגט איהם דער גבור:

— ניין, מען האָט מיך געווים ניט אָפּגענאַרט. אַזאַ שלאָס איז געווים יאָ דאָ. ער מוז ערגעץ זיין.

זאָגט צו איהם דער ווילדער מענש:

— נאָך מיין מיינונג איז דאָס אַ נאַרישקייט, נאָר אַז דו שפּאַרסט זיך אַזוי איין, וועל איך פאַר דיר צונויפרופען אַלע חיות פון דער וועלט און וועל ביי זיי פרעגען טאָמער האָבען זיי ער־געץ געזעהן אַזאַ שלאָס. און אויב זיי ווייסען וועלען זיי זאָגען, ווארים איך בין זייער האַר און הערשער.

און ווי נאָר דער ווילדער מענש האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אַזוי האָט

ער זיך גלייך גענומען שרייען צו אַלע עקען פון דער וועלט, און אויף זיינע געשרייען האָבן פון אַלע זייטן גענומען לויפן מילי מיליאָנען חיות. און די חיות האָבן זיך אויסגעשטעלט ארום דעם ווילדען מענשען־בוים, און ער האָט ביי זיי געפרעגט:

— האָט איהר ערגעץ געזעהן אַ גילדערנעם בארג מיט אַ פֿאַר־לענעם שלאָס ? !

האָבן זיי אַלע געענטפערט:

ניין ! מיר האָבן אין ערגעץ אזא בארג נים באַגעגנט און אזא שלאָס נים געזעהן.

האָט זיך דער מענש מיט'ן בוים אויפ'ן קאָפּ אָנגערופען צום גבור:

— נו, איצט זעהסטו שוין, אז מען האָט דיר איינגערעדט אַ נארישקייט ? פאָלג מיך און קעהר זיך אום צוריק, ווייל עס איז גאָר אזא זאך אויף דער וועלט ניטאָ.

האָט איהם אָבער דער גבור געענטפערט און געזאָגט:

— איך הער, אז דו זאָגסט — ס'איז ניטאָ, און אז די אַלע חיות זאָגען — עס איז ניטאָ, אָבער איך ווייס אז עס איז יאָ דאָ, אז עס מוז ערגעץ זיין.

און אז דער מענש מיט'ן בוים אויפ'ן קאָפּ האָט דערזעהן, אז דער גבור שפּארט זיך אזוי שטארק, האָט ער צום גבור אזוי גע־זאָגט:

— איך, זעהסטו, בין דער ממונה איבער אַלע חיות, האָב איך זיי געפרעגט און זיי ווייסען נים. איך האָב אָבער דאָ אין דער מדבר אַ ברודער און ער איז דער ממונה איבער אַלע פויגלען און זיי פליהען דאָך הויך, קאָנען זיי געוויס זעהן ווייטער. אפשר האָבן זיי וואו געזעהן אזא זאך. געה פרעג ביי איהם.

איז דער גבור אוועקגעגאַנגען ווייטער אין דער מדבר, און ער איז געגאַנגען אזוי לאַנג ביז ער האָט ווידער באַגעגנט אַ זעהר גרוי־

סען מענשען פון וועמעס קאָפּ עס איז ניט געוואַקסען קיין האָר, נאָר אַ גרויסער בוים מיט שווערע צווייגען. און דער דאָזיגער גרויסער מענש מיט'ן בוים אויפ'ן קאָפּ, האָט ביי איהם אויך געפרעגט ווי דער ערשטער, און האָט איהם אויך געראָטען ער זאָל בעסער געהן צוריק, ווייל אַזוינס ווי ער זוכט איז נעווים ניט צו געפינען. האָט זיך אָבער דער גבור גע'עקשנ'ט און געזאָגט:

— עס איז געווים יאָ דאָ, עס מוז ערגעץ זיין.

איז דער מענש געגאַנגען און האָט צונויפגערופען אַלע פויגלען פון גאָר דער וועלט, און האָט ביי זיי געפרעגט:

— האָט איהר ערגעץ באַגעגענט אַ גאָלדענעם באַרג מיט אַ פערלענעם שלאָס?!

האָבען זיי אַלע אויפגעפּאַטשט מיט די פליגלען און האָבען גע־ענטפערט.

— ניין, מיר האָבען אין ערגעץ אַזאַ באַרג ניט באַגעגענט און אַזאַ שלאָס ניט געזעהן!...

האָט דער ממונה פון די פויגלען זיך אָנגערופען צום גבור:

— נו, איצט זעהסטו שוין, אַז אַזאַ זאַך איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

האָט דער גבור אָבער זיך אַלץ ניט געוואָלט אונטערגעבען און ער האָט געענטפערט און געזאָגט:

— עס איז געווים יאָ דאָ, עס מוז ערגעץ זיין!

האָט זיך דער ממונה פון די פויגלען אָנגערופען צום גבור:

— אויב דו עקשנ'סט זיך יאָ אַזוי שטאַרק, טאָ געה טיפער אין דער מדבר, דאָרט געפינט זיך מיין ברודער. ער איז דער ממונה איבער די ווינטען און זיי קעהרען דאָך אוים די גאַנצע וועלט, וועלען זיי דיר זאָגען אויף זיכער.

האָט זיך דער גבור אוועקגעלאָזט נאָך טיעפער אין דער מדבר אריין. און ער איז געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז ער האָט ווידער אָנגע־

טראָפּען אַ זעהר גרויסען מענשען מיט אַ גרויסען בוים און שווערע צווייגען אויף זיין קאָפּ. און דער דאָזיגער מענש האָט אויך געזאָגט צום גבור אַז אַזאַ זאַך איז געווים אין ערגעץ ניטאָ. נאָר פונדעסט־וועגען, ווען דער גבור האָט זיך לאַנג געַקשנ'ט איז דער מענש מיט'ן בוים אויפ'ן קאָפּ געגאַנגען און האָט צונויפגערופען אַלע ווינטען און האָט ביי זיי געפרעגט:

— האָט איהר ערגעץ געזעהן אַ גילדערנעם בארג מיט אַ פאַר־לענעם שלאָס?

האָבען זיך די ווינטען אַ הויב געטון אין דער לופט און האָבען אַלע געענטפערט:

— ניין! מיר האָבען אין ערגעץ אַזאַ בארג ניט באַגעגענט, און אַזאַ שלאָס ניט געזעהן!

האָט זיך דער ממונה פון די ווינטען אָנגערופען צום גבור:

— נו, איצט זעהסטו שוין אַז מען האָט דיר איינגערעדט אַ נאַרישקייט.

האָט דער גבור אָנגעהויבען זעהר שטארק קלאָגען און האָט גע־זאָגט:

— איהר אַלע ווייסט ניט. איך אָבער ווייס אַז אַזאַ זאַך איז יאָ דאָ; עס מוז ערגעץ זיין.

און ווי נאָר דער גבור האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אַזוי האָט דער ממונה דערזעהן ווי איינער אַ פארשפעטיגטער ווינט טראָגט זיך פון ווייט מיט גרוים איילעניש. און דער ווינט איז אָנגעקומען און האָט זיך אַ דערשראָקענער אוועקגעשטעלט פאַר דעם ממונה. האָט דער בוים מיט די שווערע צווייגען וואָס אויף דעם קאָפּ פון דעם ממונה זיך גענומען זעהר שטארק רוישען און בייזערען אויף דעם פארשפעטיגטען ווינט. און דער ממונה האָט מיט כעס אויסגע־שריען:

— פאַר וואָס האָסטו זיך פארשפעטיגט מיט דיין קומען?!

האָט זיך דער ווינט געקניעט און געבוקט פאַר דעם ממונה און האָט געענטפערט:

— פאַרגיב מיר, גרויסער הערשער! איך האָב זיך פאַרזאַמט, וואָרים איך האָב געדאַרפט אָפּטראָגען אַ בת מלכה צו אַ פּערלענעם שלאָס וואָס אויף אַ גילדערנעם באַרג.

אַז דער גבור האָט דערהערט אַזוינע רייד, האָט ער זיך אודאי זעהר שטאַרק דערפרעהט און דעם ממונה איז דאָס אודאי אויך געפעלען געוואָרען און ער האָט געפרעגט ביי דעם ווינט:

— ווער באַוואַכט דאָרט דעם גאָלדערנעם באַרג מיט'ן פּערלענעם שלאָס?

האָט זיך דער ווינט אויסגעגלייכט און געענטפערט:

— דעם שלאָס באַוואַכט אַ קעניג מיט זעהר גרויסע חילות.

האָט זיך נאָכדעם דער ממונה אָפּגעקעהרט פון דעם ווינט און האָט זיך געווענדט צום גבור, דעם שני למלך, און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

— אַזוי ווי עס איז דאָך שוין אַזוי פיעל יאָהרען, וואָס דו מיהסט זיך צו באַפרייען די בת מלכה, וואָלט דאָך אודאי געוועזן אַ יושר אַז דו זאָלסט זיך שוין אַזוי פיעל ניט דאַרפען מיהען. טאָ נאַ, נעם דיר מיט אָט די דאָזיגע כלי, וויקעל זי איין אין דער בת מלכה'ס שלייער, ווייל דאָס איז אַ זעהר טייערע כלי. ווען דו וועסט דאַרפען קאָנסטו זי אַ קעהר טון אַזוי און אַזוי, וועלען אַלע וואָס שטעהען דיר אין וועג פאַרוואַנדעלט ווערען אין חיות. נאָכדעם קאָנסטו די כלי אויפהויבען אין דער הויך און אַ שטויס טון מיט'ן פוס, וועט זיך אויפהויבען אַ זעהר גרויסער שטויב און רויך און איינער וועט ניט זעהן דעם צווייטען. און טאָמער וועסטו אַליין אויך ניט קאָנען זעהן און וועסט אַליין אויף פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ חיה, זאָלסטו זיך ניט שרעקען, ווייל אויב נאָר די כלי איז מיט דיר וועסטו אַלץ איבערקומען. דו וועסט זיך נאָר דאַרפען

אויסדרעהען און לויפען מיט'ן פנים צום מזרח, וואו עס געפינט זיך די מלוכה פון דיין מלך... און ווי נאָר דו וועסט מיט דער כלי אָנ־קומען צו דער שוועל פון דיין מלך'ס הויז אזוי וועסטו שוין דאָרט טרעפען די בת מלכה וואָס דו זוכסט אזוי לאנג און דו וועסט צוריק ווערען שני למלך, געדיינק אָבער אז דו מוזט שטענדיג האַלטען דיינע אויגען געווענדט צו מזרח...

נאָך די דאָזיגע רייד האָט דער ממונה דערלאַנגט דעם גבור די וואונדערבארע כלי און האָט זיך געזעגענט מיט'ן גבור און האָט באפוילען דעם ווינט, אז ער זאָל איהם גלייך ברייננען אהין צום גאָלדענעם בארג און פערלענעם שלאָס.

האָט דער ווינד גלייך ארומגענומען דעם גבור און האָט איהם אויפגעהויבען און האָט איהם גענומען טראָגען איבער לענדער, און פעלדער, און וועלדער, און טייכען און ער האָט איהם געבראַכט ביז צו דעם גאָלדענעם בארג מיט'ן פערלענעם שלאָס.

אז די חילות האָבען דערזעהן דעם גבור האָבען זיי זיך אַלע אויסגעשטעלט אויפ'ן בארג און האָבען איהם ניט אריינגעלאָזען. האָט דער גבור דערזעהן אז ס'איז שלעכט האָט ער גלייך גענומען די טייערע כלי וואס ער האָט געהאַלטען איינגעוויקעלט אין דער בת מלכה'ס שלייער, און ווי נאָר ער האָט די כלי געגעבען א דרעה אזוי און אזוי, זענען די אַלע חילות מיט א מאָל פארוואנדעלט גע־וואָרען אין קווימשערינגע חזרים און דער מלך זייערער איז פאַר־וואנדעלט געוואָרען אין א שרייענדיגען פאַנדול. און פון דער בת מלכה איז געוואָרען א ווייסע שאָף. מיט אמאָל אָבער האָט דער גבור דערזעהן ווי דער שרייענדיגער פאַנדול האָט פון כעס גענו־מען וואַרפען מיט פייער פון זיין בייזען מויל און ער האָט זיך מיט זיין גאַנצען כעס געלאָזט צו דער ווייסער שאָף — צו דער בת מלכה... האָט דער גבור געכאַפט און האָט אויף ניך אויפגעהויבען די איינגעוויקעלטע כלי און געגעבען א שמויס מיט'ן פוס, איז

גלייך געוואָרען אזא גרויסער שטויב און רויך אז קיינער האָט דעם צווייטען ניט געזעהן. און דער שווארצער פאנדול און די אַלע אנ־דערע הזרים האָבען פון שרעק גענומען לויפען אין אַלע זייטען און האָבען זיך פאנאנדערגעקוויטשעט מיט אזוינע שרעקליכע קולות, ווי די וועלט וואָלט חרוב געוואָרען...

און דער גבור אַליין איז אויך פאַרוואנדעלט געוואָרען. ער איז געוואָרען אַ הירש. און די טייערע כלי, וואס ער האָט איינגעווי־קעלט אין דער בת מלכה'ס שלייער איז געלעגען אויף זיינע גרוים צוצווייגטע הערנער. נאָר ער האָט זיך ניט געשראָקען. ער האָט זיך גלייך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו מזרח און האָט זיך גע־לאָזט לויפען. ווייל ער האָט געוואוסט, אז ווי נאָר ער וועט אָנקו־מען מיט דער כלי צו דער שוועל פון דעם מלך וועט ער שוין דאָרט טרעפען די בת מלכה און ער וועט צוריק ווערען דער גרויסער גבור — דער שני למלך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער בעטלער איז דאָ געבליבען שטיל און איז ניט געוואָרען...
דער יונגער מלך האָט אויך איצט צוגעהערט די מעשה מיט אַן אראָפגעלאָזטען קאָפּ, ווייל עס איז איהם אַלע מאָל געווען שווער צו קוקען אין דעם בעטלער'ס פנים ווען ער האָט דערצעהלט... נאָר ווען דער יונגער מלך האָט דערהערט אז דער בעטלער איז שטיל גע־וואָרען און דערצעהלט ניט מעהר וואָס עס איז געוואָרען פון דער בת מלכה און פון דעם גבור — דעם שני למלך, — האָט ער אויפ־געהויבען זיין קאָפּ... אָבער דער בעטלער איז שוין אין ערגעץ ניט געווען... אין וואלד איז שוין געווען נאכט און פינסטער און אין דער פינסטערניש זענען אָנגעפלויגען פייערדיגע פליגען און האָבען זיך אויסגעשטעלט אין ברענענדיגע ווערטער און ער האָט מיט אַ ציטערדיגען שרעק געלייענט:

„עס איז די גאנצע וועלט א מעשה וואס האט זיך נאך אינ־גאנצען ניט דערצעהלט"...

טרויעריג און שווער איז פון דעם געווארען אויפ'ן הארצען פון דעם יונגען מלך. ווי א מיעדער האט ער זיך ארויפגעהויבען אויף זיין קעניגליכען פערד. דאס פערד האט פאר איהם גע־שטרעקט, אין דעם נאכטיגען וואלד אריין, דעם שטאלץ געבויגענעם האלז און דעם שעהנעם קאפ. דאס פערד האט געהויבען זיינע פערערשטע פיס, ווי זיך ציטערענדיג מיט יעדען טראט. און דער יונגער קעניג האט געקוקט פאר זיך און געטראכט:

— די נאכט און דער וואלד זענען שווארץ, און אויך איך פיהל זיך שווארץ. נאר ליכטיג איז דאס ווייסע פערד וואס טראגט מיך דורך דער נאכט און וואלד... און ווער ווייסט, אפשר איז אויך דאס א מעשה, א מעשה וואס האט זיך נאך אין גאנצען ניט דער־צעהלט...

און נאך האט ער געטראכט: — ער וועט קומען צום פאטער, דעם אלטען מלך און וועט זאגען:

— פאטער! זעה עס איז מיר שווער מיין קאפ, און מיינע געדאנקען זענען מיר שווארץ פון שרעק. זעה דער בעטלער האט מיר שוין היינט דערצעהלט א מעשה פון א בת מלכה. איך האב דאך געווים קיינמאל ניט געהאט קיין שוועסטער? צי אפשר האס־טו יא געהאט א טאכטער און מיר האסטו פון דעם קיינמאל ניט גע־זאגט? איך, וואס האב אזוי קלאהר געזעהן און דערוויזען פאר מענ־שען די וועגען פון דער און יענער וועלט. איך, דער קעניג, דער חכם און דער לעהרער, מוז הערען ווי עמיצער שרייט מיר נאך: „דיין קאפ איז פול ניט מיט שכל, נאר מיט גייציגע ווערעם". און הערען מוז איך דאס פון אזוינס, וועמען איך קאן גאר ניט טון. פאטער! זאג, וויפיעל מעשות האסטו פון אט דעם בעטלער גע־הערט און וויפיעל וועל איך נאך פון איהם מוזען הערען? האט

און דער גבור האָט דערזעהן די בת מלכה און האָט זי דערקאַנט.

ער זיך אויף פאַרטאָסטען אויף ארונטערצורייסען די קרוין פון זיין קאָפּ?... אַ פאָטער, פאָטער!

אַט אַזוי האָט אַלץ געטראַכט דער יונגער מלך פאָהרענדיג אויף זיין ווייסען פערד דורך דער שווארצער נאַכט אין וואלד און פאַר זיינע אויגען זענען געפלויגען די פייערדיגע פליגען וואָס האָבען זיך אַלע מאָל צונויפגעשטעלט אין ברענענדיגע ווערטער: „עס איז די גאַנצע וועלט אַ מעשה וואָס האָט זיך נאָך איינגאַנצען ניט דערצעהלט."

און ווען דער יונגער מלך איז געקומען צום פּאַלאַץ פון זיין פאָטער — דעם אַלטען מלך, האָט ער געטראָפען אַז דער פּאַלאַץ איז פאַרלאָזען. דער אַלטער מלך איז פון דאָרט אַוועק שוין לאַנג, און קיינער ווייסט ניט וואו ער איז...

דער יונגער מלך האָט דערפיהלט אַ קאַלטען שרעק אין זיינע ביינער.

— וואָס איז דאָ געשעהן!? וואו איז דער מלך? וואו איז דער אַלטער מלך?! —

ח.

כאָטש דער יונגער מלך האָט קיינעם ניט אויסגעזאָגט, אַז דער פּאַלאַץ פון זיין פאָטער — דעם מלך איז פּוסט — אַז דער אַל־טער מלך איז פארשוואונדען און ער ווייסט ניט וואו, דאָך האָט זיך איהם געגומען דאַכטען, אַז אַלע קוקען אויף איהם, ווי זיי וואָלטען פרעגען:

„וואו איז דער מלך ?...

„וואו איז דער אַלטער מלך ? !"...

„אַ שרעק האָט זיך אריינגעזעצט אין זיינע בליצענדיגע אויגען און האָט זיי צועפּענט ברייט, און האָט זיך אין זיי געגראָבען טיעף, און האָט געלייגט קנייטשען אויף זיין יונגען שטערן.

ער האָט ביי זיך אַלץ געפרעגט:

פאר וואָס איז דאָס געשעהן אַזוי, אַז מיין פאָטער איז צו מיר מיט אמאָל געווארען ניט גוט, און הארט און בייז ?...

וואָס וועל איך זאָגען די מענשען, ווען זיי וועלען געוואָר ווערען, אַז דער פאָטער האָט פארלאָזט דאָס לאַנד ?...

און ער האָט געטראַכט:

דער פאָטער האָט מיט זיי בלויז געלערענט די וועגען פון דער וועלט, איך האָב מיט זיי געגומען לערנען די וועגען פון יע־נער וועלט און האָב דערביי אַזוי אָפט געברויכט דעם פאָטער'ס נאָמען... זיי האָבען געגלויבט אַז דאָס איז אויך זיין ווילען. איצט

אָבער אז זיי וועלען געוואָר ווערען אז דער פאָטער איז שוין מעהר ניטאָ אין זיין פּאַלאַץ, אז ער איז שוין אפשר גאָר מעהר אינ־גאַנצען אין לאַנד ניטאָ, וואָס וועלען זיי דעמאָלט זאָגען?... וואס וועלען זיי דעמאָלט טראַכטען פון מיר און פון דער גאַנצער חכמת וואס איך האָב פאר זיי געבוים מיט דעם אימפּעט פון מיינע יונ־גע און בלוטינגע יאָהרען?... וואס פאר אַ בראָך געהט דאָ קומען!
— און ווי וועל איך זיך אהינטון אין דעם טאָג פון מיין בראָך?
און ווען ער האָט נאָך אַזוינע פיעלע טעג און וואָכען אָנגע־טראָפען דעם בעטלער אין דעם וואלד, האָט דער בעטלער איהם אָנ־געקוקט און געזאָגט צו איהם:
— צו וואס זיך ערגערען פון דעם וואָס דו מיינסט אז עס קומט אויף דיר עפּעס אַזוינס, וואָס דו וואָלסט ניט וועלען עס זאָל קומען? עס איז ניט שעהן און ניט קלוג. וואָס וואָלסטו גע־זאָגט צו איינעם וואָס ווארפט זיך אריין אין דער טיעפעניש פון ים אוים שרעק פאר דעם וואָס זיין לעבען איז אין געפאהר? און ווילסטו, קום מיט מיר ארויף אויף יענעם בארג, דער וואלד איז דאָרט ניט אַזוי געדיכט, דאָרטען איז לייכטער און ליכטיגער. דאָרט וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה פון אַ קיסר וואס האָט זיך געשראָקען. וואָרים איך זעה דאָך — דיינע אויגען זענען הונגעריג און דיין הארץ איז שווער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ערגעץ אין אַ לאַנד איז אַמאָל געווען אַ קיסר, דער קיסר האָט ניט ליעב געהאַט די וואָס דאַוונען אין טלית און תפלין. האָט ער ארויסגעגעבען אַ באַפעהל, אז די אידען פון זיין לאַנד זאָלען זיך אָדער שמד'ען אָדער עס זאָל ביי זיי אַוועקגענומען ווערען זייער האָב און גוטס און זיי זאָלען ארויסגעטריבען ווערען פון זיין לאַנד נאַקעטער־הייט. האָבען טאַקע אַ סך פון דעם דאָזיגען פאָלק מקריב געווען זייער האָב און גוטס און האָבען פאַרלאָזט דאָס לאַנד, אבי צו קענען

האַלטען זייער אידישקייט אָפען פאַר גאָט און פאַר לײט. עס האָ־
בען זיך אָבער אויך געפונען אַזוינע וועמען זייער האָב און גוטס
איז זיי מייער געווען, זיינען זיי געגאַנגען און האָבען זיך כלומר׳שט
גע׳שמד׳ט, נאָר בעהאַלטענערהייט פלעגען זיי פאָרט דאַווענען אין
טלית און תפלין און אָפּהיטען אידישקייט.

אין אַ צייט אַרום איז דער קיסר געשטאָרבען און זיין זוהן
האָט איבערגענומען די מלוכה.

דער זוהן איז געווען זעהר אַ שטרענגער, האָט ער אַריינ־
געבראַכט אין כעס זיינע הויפהאַרען. האָבען זיי זיך צונויפ־
גענומען און האָבען ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי דאַרפען נאָר
איננאַנצען קיין קיסר ניט האָבען און דעריבער איז רעכט, אַז
זיי זאָלען דער׳הרג׳ענען דעם קיסר מיט איננאַנצען זיין הויזגעזינד.

איינער פון דעם קיסר׳ס הויפהאַרען איז געווען אַ בעהאַל־
טענער איד. און אַז ער האָט דערהערט די דאָזיגע מעשה האָט ער
ביי זיך גענומען טראַכטען אַזוי:

— איך בין דאָך ניט אַוועק מיט מיינע איבעריגע ברידער,
ווייל איך האָב זיך דערבאַרעמט איבער מיין האָב און גוטס. היינט
אַז זיי וועלען הרג׳ענען דעם קיסר, וועט דאָך אין לאַנד, חלילה, ווע־
רען אַ בהלה, און איינער וועט, חלילה, איינשלינגען דעם צווייטען,
טאָ וואָס וועט נאָכדעם ווערען פון מיין האָב און גוטס? — איז ער
דעריבער געגאַנגען און דערצעהלט דעם קיסר פון דעם בונט.

האָט דער קיסר אַרום זיך געשטעלט אַ באַהאַלטענע וואַך אין
דער נאַכט, און ווען יענע זיינען איהם געקומען הרג׳ענען, זיינען
זיי גלייך געכאַפּט געוואָרען.

נאָכדעם האָט דער קיסר צו זיך גערופען דעם האַר, וואָס איז
געווען אַ באַהאַלטענער איד און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

אַזוי ווי דורך דיר איז דאָך געראַטעוועט געוואָרען מיין לעבען
און מיין קעניגרייך, בין איך אודאי גרייט דיך צו בעלוינען מיט

וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט, אפילו ביז א האלב פון מיין קעניגרייך.
זאָג מיר דעריבער, וואָס איז דיין פערלאנג?

רופט זיך צו איהם אָן דער האר:

— זיי וויסען, מיין קעניג, אז איך בין א באהאלטענער איד
און דער שטארקסטער פארלאנג פון מיין הארצען איז, אז דו זאָלסט
מיר ערלויבען צו דאווענען אין טלית און תפלין פאר אלעמען אין
די אויגען.

דער קיסר האָט אודאי ניט געטראכט אז דער האר וועט פון
איהם פארלאנגען אזא זאך, ווייל ער אליין האָט אויך ניט ליעב
געהאט די טלית־און־תפלין־דאווונער, נאָר ער האָט דאך שוין גע־
געבען זיין ווארט צו טון אלץ וואָס דער האר וועט בעטען, האָט
ער שוין דעריבער געמוזט טון ווי ער האָט געזאָגט:

אין א צייט ארום איז אויך דער קיסר געשטאָרבען און זיינער
א זוהן איז ארויף אויפ'ן טראָן. דער זוהן איז געווען א שטרענגער;
האָט ער ארויסגעגעבען א סך בייזע באפעהלען, און ער האָט אויך
געדענקט אָן דעם האר דעם אידען, און ער האָט איהם גערופען צו
זיך און האָט איהם באפויהלען, אז ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון זיין
אידישקייט און זאָל אויפהערען דאווונען אין טלית און תפלין, ווייל ער
האָט דאָס פיינט.

דער זוהן אָבער, וואָס איז געוואָרען דער נייער קיסר, איז גע־
ווען א גרויסער חכם און אזוי ווי ער האָט דאך געוואוסט, אז מען
האָט זיין פאָטער געוואָלט אומברייינגען פאר זיין שטרענגקייט, איז
ער דערפאר געגאנגען און האָט צונויפגערופען אלע שטערנזעהער
פון זיין לאנד און האָט זיי באפוילען אז זיי זאָלען נאכקוקען און
זיי זאָלען איהם לאָזען וויסען, פון וואָס פאר א זאך קאָן ער און זיין
נאָכנעבורט פארשניטען ווערען, כדי ער זאָל וויסען פון וואָס זיך
צו היטען.

האָבען די שטערנזעהער נאָכגעקוקט און האָבען איהם גע־

זאַנגט, אַז ער דאַרף זיך זעהן היטען פאַר אַן אָקס און פאַר אַ שאָף, ווייטער זעהען זיי ניט קיין שום זאַך דורך וועלכער ער אָדער זיין נאָכגעבורט קענען פאַרשניטען ווערען און ער דאַרף דאַריבער פאַר קיין אַנדער זאַך קיין מורא ניט האָבען.

האָט דער קיסר דאָס געהייסען פאַרשרייבען אין די ביכער און ער האָט גלייך דאַרויף אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל דורכזעהן דאָס גאַנצע לאַנד און עס זאָל נאָכדעם ניט איבערגעבליבען קיין איין שאָף אָדער אָקס אין די גרעניצען פון זיין לאַנד.

האָט מען דעם באַפעהל גלייך אויסגעפיהרט.

אָבער גראָד אין דער נאַכט ווען מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז דער באַפעהל איז פּינקטליך אויסגעפיהרט געוואָרען, האָט זיך איהם גע'חלום'ט אַ זעהר מאָדנער חלום. — ער האָט פאַר זיך געזעהן דעם אויסגעשטערענטען הימעל און אַלע צוועלף מזלות האָבען מיט זייערע שיינענדיגע שטערען אַראָפּגעקוקט צו איהם. אין דאָס איהם געפעלען געוואָרען. נאָכדעם האָבען די מזלות גענומען איינציגווייז פאַרלאָזען דעם הימעל און נאָר צוויי זיינען געבליבען שטעהן. דאָס זיינען געוועזען דער אָקס און די שאָף — די מזלות פון ניסן און אייר... און זיי האָבען צו איהם אַראָפּגעקוקט פון דעם ליכטיגען הימעל און האָבען געלאַכט... ווען דער קיסר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער אָבער גאָר פאַרגעסען אָן דעם חלום.

און ער האָט זיך גענומען מיט נאָך אַ שטאַרקערער האַנד גע־וועלטיגען, וואָרים ער האָט דאָך שוין פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. און ווייל ער האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט געהאַט, האָט ער גאָר גענומען טראַכטען ווי אַזוי צו באַהערשען די גאַנצע וועלט.

און ער איז געפאַלען אויף אַזאַ שכל: אַזוי ווי אין הימעל זיי־נען פאַראַנען זיבען שטערען וואָס געהען אַרום די זיבען טעג פון דער וואָך, און אַזוי ווי די ערד איז איינגעטיילט אין זיבען טיי־

לען, און יעדער טייל האָט אין זיך אַן אַנדער סאָרט מעטאַל, און יעדער פון די זיבען שטערען שיינט אַראָפּ אויף איינעם פון די טיילען פון דער ערד, וואָרים יעדער מעטאַל האָט אין זיך אַ סגולה אויף צוציהען דאָס ליכט פון אַן אַנדער שטערען, איז ער דערפאַר געגאַנגען און האָט צונויפגענומען די אַלע זיבען מעטאַלען פון די אַלע זיבען וועלט טיילען און האָט פון זיי אויסגעגאָסען אַ זעהר גרויסע מענשליכע געשטאַלט; דער קאָפּ פון דער געשטאַלט איז געוועזען פון גאָלד, די אַקסעל — פון זילבער, די הענט — פון קופּער, און אַזוי זיינען אויך אַלע אַנדערע טיילען פון דער געשטאַלטס קערפּער געוועזען געמאַכט פון אַן אַנדער מעטאַל פון די זיבען מעטאַלען וואָס אויף די זיבען וועלט טיילען. נאָכדעם האָט ער געהייסען דעם אויסגעגאָסענעם מענשען אַרויפשטעלען אויף אַ זעהר הויכען באַרג. האָבען די אַלע זיבענערליי מעטאַלען, פון וועלכע דער מענש איז געוועזען צונויפגעשטעלט, צו זיך צוגעצויגען דאָס ליכט פון די אַלע זיבען שטערען. און דער גרויסער נאַקעטער מענש האָט גענומען כשופ'ען די וועלט מיט דעם ליכט פון די אַלע זיבען שטערען און מיט די גרויסע סגולות וואָס איז געוועזען אין דעם שיין פון זייער ליכט...

האָבען זיך די מענשען פון אַלע זיבען וועלט טיילען געלאָזט צו דעם לאַנד פון דעם דאָזיגען קיסר און האָבען זיך גענומען בוקען צו דעם געגאָסענעם מענשען ווי צו אַ גאָט. און זיי האָבען ביי זיך אַלע אָפּגעמאַכט, אַז דער קיסר איז דער קליגסטער הערשער אין דער וועלט, און זיי האָבען זיך אַלע איהם איבערגעגעבען.

און נאָכדעם ווי דער קיסר האָט דערזעהן, אַז ער האָט באַהערשט די וועלט, האָט ער טאַקע גענומען שטאַרק גלויבען אין זיין חכמה און אין זיין גבורה.

נאָר דער אָקס און די שאָף, וואָס זיינען די מזלות פון ניסן און אייר פלעגען איהם אָפּט קומען צו חלום, און זיי פלעגען אַראָפּ־

קוסען צו איהם פון דעם אויסגעשטערענטען הימעל און זיי פלע־
גען לאַכען פון איהם...

האט ער זיך מיט אמאָל געגומען זעהר שטארק שרעקען פאַר
דעם חלום און איינמאָל האָט ער זיך איבער דעם אויפגעכאַפּט פון
שלאָף אין מיטען דער נאַכט און זיך געהייסען ברייננגען דעם ספר
הזכרונות אוו האט אין זיי גענומען זוכען, ביז ער האָט דאָרט גע־
פונען אריינגעשריבען אז איבער אַן אָקס און אַ שאָף וועט ער
אומקומען אינאיינעם מיט זיין נאַכגעבורט. איז אויף איהם אָנ־
געפאלען נאָך אַ גרעסערער שרעק און ער האָט די מעשה גלייך
דערצעהלט דער קיסערין און זיינע קינדער. האָבען זיי זיך אלע
זעהר שטארק דערשראָקען. און זיי האָבען געשיקט נאָך די וואָס
קאָנען באשיידען אַ חלום. האָבען די באשיידער נאַכגעקלעהרט די
זאך און יעדער פון זיי האָט ארויסגעגעבען זיין באשייד, ווי ער
האָט געקאָנט. דאָס האָט אָבער אלץ ניט געלינדערט דעם שרעק
פון דעם קיסר און פון זיין משפחה.

האָט זיך נאָכדעם אויפגעהויבען איינער פון די באשיידער, און
האָט אויפגעהויבען זיין משל, און האָט אזוי געזאָגט:

— קעניג! שרעק טרייבט קיינמאָל ניט אוועק דאָס, וואָס
עס דארף קומען. עס ברענגט דאָס נאָך נעהנטער. נאָר אויב דו
קאָנסט זיך פאָרט פון דעם שרעק ניט באפרייען, איז פאַר דיר
פאראַן נאָר איין עצה. — אזוי ווי די זון האָט דריי הונדערט און
פינף און זעכציג טענג, און אזוי ווי אויף דער וועלט איז פאראַן
אַן אָרט, וואוהין די אַלע דריי הונדערט און פינף און זעכציג טענג
שיינען אריין אויף איין מאָל און ברייננגען מיט זיך מיט דעם שיין
פון דער זון דריי הונדערט און פינף און זעכציג מאָל, און אזוי
ווי אונטער דעם וואונדערבארען שיין פון יענעם אָרט וואקסט אזא
מין אייזערנע רוט, וואָס ווער עס ריהרט זיך אָן אין איהר ווייסט
מעהר פון קיין שרעק ניט זיין גאַנצען לעבען, איז דעריבער, אויב

דו וועסט קאָנען קומען אהין צו יענעם אָרט און זיך אָנריהרען אָן דער רוט, וועט אויך דיין שרעק פארשוואונדען.

זיינען דעם קיסר די רייד פון דעם ראָזינען באשיידער זעהר געפעלען געוואָרען, האָט ער פארנומען זיינע קינדער און זיין גאנצע משפחה און האָט זיך מיט זיי אוועקגעלאָזט אהין צום פלאַץ וואוהין עס שיינען אריין אלע דריי הונדערט און פינפאונזעכציג גענג פון דער זון, וואו עס וואקסט די אייזערנע רוט. און דעם קלוגען באשיידער האָבען זיי אודאי אויך מיטגענומען, ער זאָל זיי ווייזען דעם וועג.

זיינען זיי אזוי אלע אינאיינעם געגאנגען, ביז זיי זיינען אין א פארנאכט געקומען צו אַן אָרט, וואו די וועגען שיידען זיך, און אויף יענעם אָרט שטעהט א זעהר גרויכער מענש — דאָס איז דער ממונה איבער דער רוט, און ער האָט צו זאָגען אויף וואָס פאר א וועג איינער זאָל געהן צו דער רוט. וואָרים צו דער רוט פיהרען דריי וועגען: איין וועג איז א שטילער און גלייכער, און איינער איז פול מיט גריבער, און איינער פיהרט דורך א שרעקליכען פייער.

און ווי נאָר דער ממונה האָט זיי דערזעהן האָט ער זיי מיט זיין שרעקליך גרויסער האנט שטרענג אָנגעוויזען דעם וועג, וואָס פיהרט דורך דעם פייער. האָט זיך דער קלוגער זעהער אָנגערופען צום קיסר: זאָלסט וויסען, אז אויף דעם וועג ברענט אזא שרעקליכער פייער, וואָס נאָך פיער מייל ווייט פון דעם, ווערט מען שוין פארברענט.

האָט זיך דער קיסר אודאי דערשראָקען פאר די רייד פון דעם באשיידער, אָבער דער שרעק פאר דער שאָף מיט'ן אָקס וואָס זענען איהם דעם גאנצען וועג נאָכגעגאנגען און געלאָכט, איז געוועזען נאָך גרעסער... און ווען דער קיסר האָט דאָ ווידער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל, האָט ער פאר זיך ווידער דערזעהן די שאָף מיט'ן אָקס, זיי זענען פונקט אין דער מינוט ארויס אויפ'ן הימעל און

האָבען זיך צוועקגעשטעלט אַנטקעגען איהם און זיין משפּחה און האָבען פון זיי געלאַכט... דעמאָלט איז דעם קיסר'ס שרעק געוואָרען אַזאַ, אַז ער האָט ניט געקאָנט איינשטעהן, און ער האָט איבערגע־לאָזט דעם קלוגען באשיידער און זיך געלאָזט צו דער אייזערנער רוט אויף דעם איינציגען וועג וואָס דער ממונה האָט איהם אָנגעווי־זען — אויפ'ן וועג פון פייער... און ווי נאָר דער קיסר איז מיט זיין הויזגעזינד אָנגעקומען פיער מייל פון דעם פייער, אַזוי זיינען זיי אַלע גלייך פאַרברענט געוואָרען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צוריק איז נאָר געקומען דער קלוגער באשיידער.

און ווען ער האָט דערצעהלט פאַר די הארען פון לאַנד, וואָס עס האָט געטראָפען מיט'ן קיסר און מיט דעם גאַנצען קיסר'ס נאָכ־געבורט, דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבען דער האר — דער באַהאַל־טענער איד. ער איז שוין געווען גרוי און אַלט, אָבער כעס האָט ער אין זיך נאָך געהאַט גענוג, און ער האָט אויסגערופען:

— איצט וועל איך אייך געבען דעם באשייד פאַר וואָס דער קיסר און זיין נאָכגעבורט זענען אומגעקומען דורך אַ שאָף און אַן אָקס — וואָרים דעם אידענס טלית איז געמאַכט פון דער וואָל פון שאָף, און די רצועות — פון דעם לעדער וואָס קומט פון אָקס. און ווייל דער קיסר און זיין פאָטער און זיין פאָטער'ס פאָטער האָבען אונז ניט געלאָזט צו דיענען גאָט ווי מיר ווילען, זענען גע־קומען די שאָף און דער אָקס און זיי האָבען געקריענט אונזער קריעג, און זיי האָבען פאַרנאַרעשט דעם גרויסען חכם פון דעם גלאַנציגען אַפּנאָט, און זיי האָבען איהם פאַרפיהרט און האָבען איהם ביינעקו־מען אינאיינעם מיט זיין פאַלשען נאָכגעבורט!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער יונגער מלך, וואָס האָט אויסגעהערט די מעשה, איז נאָכ־דעם נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ,

ווייל ער האָט געוואוסט אז ווי נאָר ער וועט אויפהויבן דעם קאָפּ, וועט דער בעטלער שוין ניט זיין, איז צו וואָס נאָר אויפהויבן דעם קאָפּ, בעסער זיצען אזוי און טראכטען: — סאָראַ מאָדנער קיסר, ווי קלוג ער האָט געפיהרט זיין קעניגרייך! מיט וויפיעל שטאַרקייט ער האָט דאָס צונויפגעשטעלט אַ מענשען פון זיבענערליי מעטאַלען און איהם אויפגעהויבן אויף אַ הויכען באַרג! ווי וואונדערבאַר דער מענש האָט פון דער הויך געגומען כשוף'ן און פינקלען מיט זיינע זיבענערליי מעטאַלען, וואָס האָבען צו זיך צוגעצויגען דעם וויטען שיין פון די זיבען שעהנע שטערען! צום סוף האָט די גאַנצע חכמה, די גאַנצע שטאַרקייט ניט געקאָנט העלפען דעם קיסר צו פאַרשטעהן, אז „שרעק טרייבט קיינמאָל ניט אַוועק דאָס וואָס דאַרף קומען. — עס ברענגט דאָס נאָך נעהענטער"... און אזוי געהט דאָס פון וועלט צו וועלט...

נאָכדעם האָט דער יונגער מלך אויפגעהויבען זיין קאָפּ אויפ'ן באַרג. לעבען איהם איז קיינער ניט געווען, אויסער זיין קעניגליכע ווייס פערד.

דער אָוונט איז געווען אַ שטילער און אַ בלויער.

און אַ בלויער נעבעל האָט זיך פערצויגען איבער'ן אונענדליך גרויסען וואַלד, וואָס האָט זיך געשפרייט פון אַלע זייטען אַרום דעם באַרג, און עס האָט אויסגעזעהען אז דער וואַלד וואַקסט פון אַ בלויען ים אַרויס...

דאָס אַלץ איז גוט און שעהן, — האָט זיך געטראַכט דער יונגער מלך, נאָר פאַר וואָס זענען איצט אין הימעל דאָ אזוי פיעל שטערען?...

און פאַר וואָס קוקען זיי אַלע אויף מיר אַזוי אָנגעשטעלט?
וואָס ווילען זיי פון מיר?!
וואָס בין איך זיי שולדיג?
און איהם האָט זיך געגומען דאַכטען, אַז דער באַרג הויבט איהם אַליין העכער און העכער צו די שטערען...
און כדי צו אַנטלויפען פון די אָנגעשטעלטע גרויסע שטערען, צו וועלכע דער באַרג האָט איהם געהויבען אָהן אויפהער, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין ליכטיג־ווייסען פערד, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם געדיכטען גרויסען וואַלד.
דער וואַלד איז גרויס און געדיכט, די נאַכט אין איהם איז שטיל און שוואַרץ, נאָר וואו ניט וואו שלאָגט זיך דורך אַ שטערען, וואָס דערצעהלט, אַז די נאַכט איז שוואַרץ, אָבער ניט בלינד, די נאַכט קוקט מיט שטערענדיגע אויגען...

ו.

ווי אזוי פֿאַרט האָט דאָס אַלץ געטראָפֿן? ! — האָט דער יונגער מלך ביי זיך אַלע מאָל גענומען פֿרעגן פֿון דאָס ניי.

מיט וואָס האָב איך זיך פֿאַרט פֿאַרשולדיגט?

וואו איז דען די זינד?

איך האָב גענומען לערנען מיט מענשען די חכמה פֿון יענער וועלט, איך האָב אָנגענומען, אַז איך מעג דאָס טון אויך אין דעם נאָמען פֿון מיין פֿאָטער. און נאָכדעם ווי דער פֿאָטער האָט מיר איבערגעגעבן דאָס קעניגרייך, האָב איך דאָך נאָך אויך געהאַלטען אין רעדען צום פֿאָלק ניט נור אין מיין נאָמען. טאָ פֿאַרוואָס האָט מיך איצט אַזוי פּלוצלונג דער פֿאָטער פֿאַרלאָזען?

גאָט אין הימעל!

און איצט בין איך איבערגעענטפֿערט געוואָרען אין די הענד פֿון דעם בעטלער!..

און וואָס איז דער שכל פֿון „דער מעשה פֿון דער וועלט" ווע־נען וועלכער ער רעדט? —

איהרע ווענען זענען דאָך קרומע, ליגנערישע.

זי קומט דאָך אונטער צו מיר ווי אַ גנב.

זי האָט דאָך שוין ביי מיר באַלד אָוועקגנב'ענט דעם גלויבען, אַז איך בין דער זוהן פֿון מיין פֿאָטער.

זי האָט דאָך שוין מיר באַלד איינגערעדט, אַז איך האָב אוועק־גע׳גנב׳עט די קרוין פון מיין פאָטער׳ס קאָפּ...

וואָס איז דאָס פאַר אַ נעץ, אָט די מעשה פון דער וועלט, וואָס דער בעטלער שפּרייט דאָ פאַר מיר פאַנאַנדער?...

און ווער קאָן דען אין דעם שיין פון אזא לעהרע זיין זיכער מיט דער קרוין אויפ׳ן קאָפּ, צי אפילו מיט׳ן העמד אויפ׳ן לייב?

גאָט אין הימעל! און וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרע־מערישער און בייזער איד פאַר וועלכען עס האָבען מלחמה געהאַל־טען די שטערען פון הימעל? און ווי, אַז דער בעטלער איז דאָס אפשר אליין יענער בייזער איד געווען!?...

גרויסער גאָט, וואָס זענען דען דאָס איצט אינגאַנצען די אידען פאַר אַ פאָלק?!..

און ווען דער צורייצטער יונגער מלך האָט אָנגעטראָפען דעם בעטלער, האָט ער איהם אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— בעטלער, אידען זענען דאָך היינט צושפּרייט איבער אלע לענדער פון דער וועלט...

— נו, איז וואָס? — האָט דער בעטלער געפרעגט.

— עס האָט דאָך יעדעס לאַנד אַן אנדער פּנים, — האָט דער יונגער מלך אויסגעשריען מיט פאָרוואורף.

— יונגער יונגלינג! — האָט זיך אָנגערופען דער בעטלער. — יעדעס לאַנד האָט איהר איינענעם פּנים און אויף דעם פּנים וואָס זי קריעגט פון איהר אָפּשפּיגלען זיך אין דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אלע לענדער.

דער יונגער מלך איז געבליבען שטעהן ניט וויסענדיג פאַר וואָס, נאָכדעם האָט אין איהם דאָס הארץ אַ ציטער געטון און ער האָט מיט אַ מאָל געפרעגט:

„בעטלער, וואו געפינט זיך ערגעץ דאָס לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אלע לענדער?

— דאָס לאַנד איז דאָ — האָט איהם דער בעטלער געענט־פערט. — עס איז צווישען מיר און דיר.

— איך מיין, אויף וועלכער וועלט געפינט זיך דאָס דאָזיגע לאַנד? — האָט געזאָגט דער יונגער מלך.

דער בעטלער איז געבליבען שטיל און ניט געענטפערט.

— דאָס לאַנד איז דאָך געווים ערגעץ אין הימעל? — האָט דער יונגער מלך זיך אַלץ נאָכגעפרעגט.

— ניין, — האָט דער בעטלער געענטפערט, — ניט אין הי־מעל. אין הימעל זענען ק י י ן לענדער ניט פאַראַנען. אין הימעל זענען דאָ שטערען.

און איבער די שטערען? — האָט געפרעגט דער יונגער מלך מיט אַ שטאַרק־קלאַפענדיג הארץ...

און איבער די שטערען איז פוסט און וויסט. — האָט איהם דער בעטלער געענטפערט בייז און 'שאַרף.

— בעטלער — האָט דער יונגער מלך אויסגעשריען און איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. —וואָס רעדסטו בעטלער? ! — בעטלער !...

אָבער דער בעטלער איז שוין דאָ ניט געווען, נאָר אַ גרויסער, גרויער פעלז איז געשטאַנען אויף זיין אָרט. דער פעלז איז גע־שטאַנען הארט און שווער און האָט זיך שארף געהויבען צום וואלד, צום הימעל און איז געוואַקסען ווי אויף אומצופאַלען אויפ'ן מלך...

אַ פאַרוווירטער האָט זיך דער מלך צוריק אַוועקגעזעצט. און ווען ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען האָט ער ווידער דערפיהלט אַז דער בעטלער איז דאָ, אַז ער זיצט נעבען איהם.

— בעטלער, — האָט זיך דער יונגער מלך גענומען אַזוי ווי בעטען: — האָסטו דען מיר ניט געזאָגט, אַז דו דערצעהלסט מיר פון דעם ליכט פון דער וועלט?

— יאָ, — האָט דער בעטלער געענטפערט.

— נו וואָס זשע איז דאָס אַזוינס דאָס ליכט פון דער וועלט ?..

— דאָס ליכט פון דער וועלט איז די מעשה פון דער וועלט.— האָט דער בעטלער געענטפערט.

— נו, און די מעשה פון דער וועלט קאָן דען ניט גרייכען ביז׳ן הימעל ?

— אודאי קאָן זי גרייכען ביז׳ן הימעל, ביז די שטערען, ביז דער פוסטקייט אַריבער די שטערען ; אָבער פריהער פון אַלץ איז זי דאָ, צווישען מיר און דיר, צווישען דיר און די אַנדערע מענשען.

— און וואוהין געהט אַוועק דער מענש ווען ער שטאַרבט ? — געהט דען דער מענש אינגאַנצען פאַרלוירען און מיר קענען איהם שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן ? די ערד דעקט איהם צו און קיין הימעל איז ניטאָ ?... — האָט דער יונגער מלך ווי געזעטט פאַר זיך.

דער מענש געהט ניט פאַרלוירען, — האָט איהם דערויף דער בעטלער געענטפערט. — דער מענש געהט איבער אין דער מעשה פון דער וועלט, און דאָרט קאָנען מיר איהם באַגעגענען און זעהן...

— הייסט דאָך דאָס, אַז די לעבעדיגע און די טויטע געהן אום אין איין וועלט — אין דער מעשה פון דער וועלט !

— יאָ, — האָט דער בעטלער געענטפערט — די לעבעדיגע און די טויטע...

— און די לעבעדיגע באַגעגענען זיך מיט די טויטע דאָ אויף דער וועלט ? — האָט דער יונגער מלך איבערגעפרעגט.

— יאָ, אויף דער וועלט.

— ווי אַזוי ?

— אַט דערמאָן זיך אין דיינעם אַ פריינד, אָדער אַ באַקאַנ־טען, וואָס איז געשטאָרבען, און זעה צי דו האָסט איהם ניט באַ־געגענט אַ סך מאָל אויף דער וועלט ?... ניט מעהר — דו ביזט נאָך ניט אינגאַנצען מעשה און זיי זיינען שוין לויטער מעשה. —

רעדיבער איז דיר ניט איינגעפאלען צו רעדען מיט זיי מיט אַן אָפען מויל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

בעטלער, און די וואָס האָבען ניט ווער עס זאָל זיך אָן זיי דערמאָנען, ווער עס זאָל זיי געדיינקען ?!... וואוהין קומען זיי אהין ? — האָט געפרעגט דער יונגער מלך.

— איך האָב דיר ניט געזאָגט אַז נאָר דיינע נאָהענטע און באַקאַנטע געהען איבער אין דער מעשה פון דער וועלט. איך האָב זיי דיר נאָר געבראַכט אַלס עדות. ווייל דאָס וואָס מיר ווייסען פון אונזערע נאָהענטע און באַקאַנטע, זאָגט עדות פאַר די ווייטע און אונבאַקאַנטע, אַז אויך זיי געהען ניט פאַרלוירען, אַז אויך זיי בלייבען לעבען ערגעץ אין דער מעשה פון דער וועלט...

— אַלע בלייבען ביי דיר לעבען — האָט זיך אָבגערופען דער יונגער מלך. — און ווער קאָן דען אויף אַזאַ אופן צעהלען די יאָהרען פון אַ מענשען ?

— קיינער קאָן ניט צעהלען, — האָט דער בעטלער געענט־פערט.

דער יונגער מלך איז דאָ געבליבען שטיל. ער האָט געטראַכט, און האָט געטראַכט, און נאָכדעם האָט ער זיך געווענדעט צום בעטלער און האָט געזאָגט:

— בעטלער! און ווען איך וואָלט ביי דיר געפרעגט: — ווי אַלט ביזטו ?...

— ווען דו וואָלסט געפרעגט ? צי דו פרעגסט ?...

— איך פרעג! — האָט געענטפערט דער יונגער מלך.

— געדיינק — האָט זיך אָנגערופען דער בעטלער. — איך האָב דיך געוואָרענט און געזאָגט: „צו שווער, אַ יונגער יונגלינג, וועט זיין פאַר דיר צו וויסען ווער איך בין". איצט אָבער נאָהענט־טערט זיך דיין אָנהויב און דיין סוף. און ווייל איך זעה — דיינע

אויגען זיינען הונגעריג און דיין האַרץ איז שווער, און ווייל איך זעה — דו בלאָנדזשעסט ווי איינער וואָס זוכט אַ וועג — טאַ הער. זיבען מאָל וועל איך זיך פאַר דיר לאָזען דערקאָנען. זעקס מאָל וועסטו מיך זעהען און הערען און פאַרשטעהן, נאָר ניט איננאַנצען. דעם זיבעטען מאָל וועסטו מיך דערזעהן, דערהערען און איננאַנצען פאַרשטעהן, נאָר ניט קענען פאַרטראָגען... און איצטער פאַרנעם און הער: דו פרעגסט ווי אַלט איך בין, זיי וויסען, אַז איך בין זעהר אַלט. און בין נאָך גאָר יונג און איך האָב נאָך גאָר ניט אָנגעהויבען צו לעבען... און דערויף וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה:

אַ מאָל זיינען מענשען געפאָהרען אויפ'ן ים. האָט זיך אָנ־געטראָגען אַ גרויסער שטורעם, האָבען זייערע שיפען ניט געקאָנט אויסהאַלטען און זיינען צובראָכען געוואָרען. און דער שטורעם האָט אויפגעכאַפּט די מענשען און האָט זיי פאַרטראָגען ערגעץ אין אַ הויכען טורעם. פון דעם טורעם האָבען זיי ניט געקאָנט אַרויס. ווייל ער איז געשטאַנען אין מיטען פון דעם גרויסען ים. און קיין לייטערס האָבען די מענשען ניט געהאַט און קיין שיפען האָבען זיי אויך ניט געהאַט.

איז ביי די מענשען געבליבען. אַז זיי זאָלען זיך נעמען דער־צעהלען אַלטע מעשות. דאָס הייסט — יעדער זאָל דערצעהלען דאָס עלטסטע וואָס ער געדיינקט, דאָס ערשטע וואָס ער ווייס, זינט עס האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען זיין זכרון...

האָט מען זיך פריהער געווענדעט צום עלטסטען זקן, ער זאָל דערצעהלען דאָס ערשטע פון זיין זכרון. האָט ער זיך אָנגערופען:

— קינדער, מיין זכרון נעהט זעהר ווייט צוריק. ווייל איך געדיינק נאָך זעהר גוט די מינוט ווען מען האָט אָפּגעשניטען דאָס עפּעלע פון דעם צוויינ...

זענען אַלע געבליבען ערשטוינט און האָבען זיך געוואונדערט

אויף דער ראָזינער מעשה פון דעם גאָר אַלטען. און די חכמים וואָס זענען דאָרטען געוועזן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז באמת אַ זעהר אַלטע מעשה...

האָט מען זיך נאָכדעם געווענדט צו אַ צווייטען זקן.

דער צווייטער זקן איז געוועזן איננער פון דעם ערשטען און ער האָט זיך אָנגערופען:

— און איך, קינדער, געדיינק נאָך אפילו ווי דאָס ליכט האָט געברענט אויף דעם עפּעל און האָט איהם צייטיג געמאַכט...

האָבן זיך אַלע ווידער פאַרוואונדערט, און האָבן זיך נאָכדעם געווענדט צו אַ דריטען זקן.

דער דריטער זקן איז געוועזן נאָך אינגער פון דעם צווייטען. האָט ער זיך אָנגערופען:

— יאָ, דאָס זענען אודאי זעהר אַלטע מעשות, אָבער איך געדיינק נאָך אפילו ווי דער עפּעל האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו וואַקסען...

האָבן זיך אַלע ווידער פאַרוואונדערט. און כאָטש ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס אַלץ באַדייט, האָבן זיי אָבער אַלע געוואוסט, אַז יעדער יונגערער דערצעהלט אַ מעשה וואָס איז עלטער...

האָבן זיי זיך נאָכדעם געווענדט צו אַ פערטען זקן, וואָס איז געוועזן נאָך יונגער. האָט ער זיך אָנגערופען און געזאָגט:

— און איך, קינדער, געדיינק אפילו ווי מען האָט געפיהרט דאָס קערענדעל צו פלאַנצען דעם עפּעל־בוים...

האָט זיך אַ פינפטער, וואָס איז געוועזן נאָך יונגער, אָנגערופען:

— און איך געדיינק נאָך אפילו ד י, אין וועמעס קאָפּ עס איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק וועגען קערענדעל... איך געדיינק נאָך אפילו די מינוט ווען דער געדאַנק וועגען קערענדעל איז געבוירען געוואָרען.

האָט זיך דער זעקסטער זקן, וואָס איז געווען נאָך אינגער, אָנגערופען:

— און איך געדיינק נאָך אפילו די צייט ווען דער טעם איז אריין אין דער פלאַנצונג.

האָט זיך אַ זיבעטער אָנגערופען:

— און איך געדיינק נאָך אפילו די צייט ווען דער ריח איז אריין אין דער פלאַנצונג.

האָט זיך אַן אַכטער אָנגערופען:

— און איך געדיינק נאָך אפילו די צייט איידער דאָס פּנים איז אַרויף אויף דער פלאַנצונג.

דער נײַנטער פון די דערצעהלער בין איך געווען. און איך בין געווען נאָך גאַר אַ קינד. און איך האָב זיך צו זיי אָנגערופען און האָב געזאָגט:

און איך ווייס און געדיינק די אַלע מעשׂות וואָס איהר אַלע ווייסט און געדיינקט, און איך ווייס און געדיינק אויך גאָר ניט...

און ווי נאָר איך האָב דאָס אויסגערעדט אַזוי האָט זיך מיט אַ מאָל פון ווייט דערהערט דאָס שלאָגען פון צוויי שטאַרקע פליגלען און באלד איז צום טורעם אָנגעפלויגען דער גרויסער אָדלער. און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין די פענסטער און האָט אויסגעשריען:

„מאַכט זיך גרייט.

„אוצרות וואַרטען אויף אייך.

„קעהרט זיך אום צו אייערע שיפען — דאָס זענען אייערע לייבער.

„זיי זענען צושטערט געוואָרען פון דעם גרויסען שטורעם. זעהט, זיי וועלען צוריק אויפגעבויט ווערען פון אייערט וועגען. און איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, אוצרות וואַרטען פאַר אייך, אוצרות וואַרטען, אַז איהר זאָלט געהן און זיך באַנוצען מיט זיי. וואָרים

נאָר אייך קענען די אוצרות פאַרטרויט ווערען, וואָרים אייערע געד־ראַנקען זענען סלאָהר, ווייל אייער זכרון לויפט אַזוי ווייט..."

און דער אַדלער האָט אונז באַפוילען און געזאָגט:

— שטעלט זיך איצט אוים איינס אונטערן אַנדערען, וואָרים דער עלטסטער פון אייך זאָל זיין דער ערשטער וואָס איך וועל ארויסלאָזען פון דעם טורעם.

און דער גרויסער אַדלער האָט מיך ארויסגעלאָזט דעם ערשטען, וואָרים ער האָט געזאָגט:

— דער פון אייך, וואָס האָט דערצעהלט, אַז ער געדיינקט ווען מען האָט אָפּגעשניטען דעם עפּעל פון צווייג, האָט דאָך דער־צעהלט, אַז זיין זכרון גערט אויף אַזוי ווייט צוריק, אַז ער געדיינקט אַפילו די מינוט ווען ער איז נאָר וואָס געבוירען געוואָרען, די מינוט, ווען מען האָט נאָר וואָס אָפּגעשניטען זיין נאָפּעל פון זיין מוטער'ס בויך. און דער אַנדערער וואָס האָט געזאָגט, אַז ער געדיינקט, ווי דאָס ליכט האָט געברענט אויף דעם עפּעל'ס קאָפּ, האָט דערצעהלט, אַז ער געדיינקט אַפילו וואָס מיט איהם האָט זיך געטהון אין דער מוטער'ס בויך, ווייל די גמרא זאָגט, אַז דעמאָלט ברענט אַ ליכט אויפ'ן קינד'ס קאָפּ — דאָס ליכט פון תורה. און דער וואָס האָט דערצעהלט, אַז ער געדיינקט נאָך ווי דער עפּעל האָט ערשט אָנגע־הויבען צו ווערען אַ פרי, האָט דערצעהלט, אַז ער געדיינקט נאָך די צייט ווען זיין קערפּער האָט ערשט אָנגעהויבען צו ווערען. און אַזוי האָט אודאי דערצעהלט אַ נאָך עלטערע מעשה דער, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער געדיינקט נאָך אַפילו ווי מען האָט געפיהרט דאָס קערענדעל צו פלאַנצען. און דער, וואָס האָט דערצעהלט, אַז ער געדיינקט נאָך די מינוט ווען דער געדאַנק וועגען קערענדעל איז געבוירען געוואָרען, דער האָט דערצעהלט אַ נאָך עלטערע מעשה. און די וואָס האָבען געערדט פון דעם טעם — דאָס איז דאָס לייב, און פון דעם ריח — דאָס איז דער גייסט. און פון דעם אָנזעהן —

דאָס איז די נשמה. — זיי האָבען דערצעהלט נאָך עלטערע מעשות. דער אָבער פון אייך, וואָס האָט דערצעהלט, אז ער געדיינקט אלץ וואָס איהר האָט דערצעהלט און ער געדיינקט גאָר נים, דער איז דער עלטסטער און דער ערשטער; דער האָט דערצעהלט די עלטסטע מעשה אין דער וועלט, דער האָט דערצעהלט, אז ער געדיינקט נאָך די צייט איידער עס איז עפּעס געווען... און די צייט איז די עלטסטע אין דער וועלט און זי איז אויך די יונגסטע, אזוי יונג ווי א זאַך, וואָס דאַרף נאָך ערשט אָנהויבען צו לעבען.

נאָכדעם האָט אונז דער גרויסער אָדלער געבענשט און האָט פאַר אונז געעפענט דעם וועג צו אונזערע שיפען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין בויען. און צו מיר האָט ער זיך געווענדט און גע־זאָגט:

— דו ביזט דאָך דער נייגטער און דער ערשטער, דו ביזט דאָך דער סוף און דער אָנהויב. קום מיט מיר, וועל איך דיך אויף מיינע פליגלען טראָגען. וואָרים דו ביזט מיר נאָהענט און איינען, וואָרים דו ביזט אזוי ווי איך, ווייל דו ביזט אזוי אלט און אזוי יונג, ווי איינער וואָס האָט נאָך גאָר ניט אָנגעהויבען צו לעבען...

און דער גרויסער אָדלער האָט מיך גענומען אויף זיינע גרויסע פליגלען און האָט מיך געטראָגען זעהר לאַנג און וויים. און ער האָט מיר געוויזען אזוינע זאכען, אז אלץ וואָס איך זעה אין דיין וועלט איז נים ווערט קיין אויגענבליק. און דערפאַר געה איך אָפט אָרום צווישען מענשען מיט געשלאָסענע אויגען. און מענשען מיי־נען אז איך בין בלינד, און מענשען זאָגען: — זעה, אָט געהט דער בלינדער בעטלער!...

ביי די ווערטער: — „זעה, אָט געהט דער בלינדער בעטלער״ — האָט דער יונגער מלך אויפגעהויבען זיינע אויגען ווי אויף א באַפעהל... דער בעטלער איז שוין נים געווען, נאָר עמיצער מיט פאַרמאַכטע אויגען איז בלינדערהייט פאַרביינעגאַנגען פאַר דעם

יונגען מלך, און דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט דער מלך דערזעהן און דערפיהלט דעם כח פון אַזאַ בלינדקייט. דאָס איז געווען אַ בלינדקייט וואָס האָט געשמיסען ווי מיט ריטער, ווי מיט בייטשען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —



.7

נאָכדעם האָט דער יונגער מלך געוואַרט מיט א קלאַפּענדיגען האַרץ, צו הערען וואָס נאָך האָט איהם דער בעטלער צו דערצעהלען. ווי אזוי נאָך וועט ער זיך פאר איהם אנטפּלעקען ? ער, וואָס האָט שוין אויסגעזאָגט, אז ער איז דער ערשטער און דער לעצטער, אז ער איז דער אָנהויב און סוף ? !

און וואָס האָט איהם געמאַכט צו קומען אויף מיין וועג ?

קומט ער דען צו יעדען איינעם ?

אפשר קומט ער צו יעדען, אפשר באגלייט ער יעדען מענשען אויף זיין וועג, נאָר ניט יעדער מענש קאָן איהם זעהן קלאָהר. און ניט יעדער קאָן איהם הערען ? . . .

און ווי אזוי איז דאָס געשעהן, אז איך האָב איהם יאָ דערזעהן און דערהערט ?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אזוינע מינוטען האָט איהם אָנגעטראָפען דער בעטלער און האָט צו איהם געזאָגט :

— זיי וויסען אז אויף דער וועלט איז פאראנען א טויבער בעטלער, וואָס איז ניט טויב. נאָר אזוי ווי ער קען ניט פארטראָגען די געשרייען פון דער וועלט, פארשטעלט ער זיין געהער פון זיי.

ווארים נאָר די געשרייען פון דער וועלט זענען דאָך חסרונות אזוינע. דורכאויס חסרונות. איטליכער שרייט ווייל ער האָט

עפּעס א חסרון, ווייל עפּעס נעהט איהם אָפּ, ווייל עפּעס פעהלט איהם.

און אפילו די געשרייען וואָס קומען פון די שמחות פון דער וועלט זענען דאָך ניט מעהר ווי געשרייען פון מענשען, וואָס האָבען נעקראַנגען וואָס זיי האָט געפעהלט...

קאָן דערפאַר דער בעטלער די געשרייען ניט פאַרטראָגען, ווייל דאָס זענען דאָך אַלץ געשרייען פון מענשען וואָס לעבען א בייז לעבען.

א מאָל אָבער ווערען די געשרייען אין א געוויסען אָרט אזוי שטאַרק. אז ער מוז דערהערען. דעמאָלט מאַכט ער אויף זיינע אויערען און ער דערהערט און ער קומט און ער העלפט...

האָט געטראָפען, אז ערגעץ אין א לאַנד האָבען מענשען אריינ־געקראָגען זעהר פיל עשירות און זיי האָבען גענומען לעבען אין גרויס וואוילטאָג, און זיי האָבען א נאָמען געגעבען זייער לאַנד — דאָס לאַנד פון וואוילטאָג. און זיי האָבען זיך גענומען האַלטען פאַר גרויסע חכמים, און זיי האָבען גענומען גלויבען, אז זיי לעבען א גוט לעבען, און אז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי ווייסען דעם סוד פון גוט־לעבען... און זייערע זאַטע און צופריעדענע געשרייען זענען מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ העכער און גרעסער ביז דער טויבער בעטלער האָט געמוזט צועפענען זיינע אויערען און דער־הערען.

און ערגעץ איז געווען אַן אַנדער לאַנד, וואו עס איז יאָ באוואוסט געווען דער סוד פון גוט־לעבען, נאָר די מענשען האָבען ניט גע־וואוסט ווי איהם אָפּצוהיטען, האָבען זיי איהם ניט אָפּגעהיט, און האָבען איהם פאַרלוירען. זענען זיי דורך דעם זעהר שטאַרק פאַר־אומגליקט געוואָרען. און זייער אומגליק איז אַלע מאָל געוואָרען אַלץ גרעסער און שרעקליכער ביז דער טויבער בעטלער האָט אויף זייערע געשרייען געמוזט דערהערען.

האָט זיך דער בעטלער אוועקגעלאָזט צו די צוויי לענדער און ער איז פריהער אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון וואוילטאָג.

און אז ער איז אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון וואוילטאָג און האָט דערזעהן, אז ניט נאָר באַריהמען זיי זיך מיט זייער מויל, אז זיי ווייסען דעם סוד פון גוט לעבען, נאָר אויך מיט זייער געהן און שטעהן, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופען:

— זעהט, איך האָב ניט אייער רייכקייט. איך בין א בעטלער און איך לעב נאָר אויף ברויט און וואסער, פון דעסטוועגען זאָג איך אייך, אז איך ווייס יאָ דעם סוד פון גוט לעבען און איהר ווייסט ניט.

זענען די מענשען פון דעם לאַנד פון וואוילטאָג אויף איהם אָנגעפאלען, ווער מיט געשרייען און ווער מיט געלעכטער.

האָט זיך דער בעטלער צו זיי אָנגערופען:

— אויב איהר גלויבט טאקע, אז איהר ווייסט באמת דעם וועג צו גוט לעבען, דאַרפט איהר איהם דאָך אויך קענען דערוויזען פאַר אנדערע.

האָבען זיי איהם געענטפערט, אז אוראי קאָנען זיי דאָס דער־וויזען פאַר אנדערע. די אנדערע דאַרפען נאָר האָבען עשירות.

האָט דער בעטלער צו זיי געזאָגט:

— א ווי באלד אזוי, טאָ קומט מיט מיר, ווייל איך געה איצט אין א לאַנד וואָס איז ניט ווייט פון אייך. די מענשען פון יענעם לאַנד זענען איצט זעהר שטארק פאַראומגליקט געוואָרען, אָבער ניט דורך דעם וואָס זיי האָבען פאַרלוירען זייער רייכקייט, נאָר דורך דעם וואָס זיי האָבען פאַרלוירען דעם וועג צו גוט לעבען. קומט מיט מיר אהין צו יענע מענשען און דערווייזט זיי ווי אזוי זיי קענען צוריק אויפזוכען דעם וועג צו גוט לעבען.

און דער בעטלער האָט צו זיי נאָך געזאָגט:

— איך זאָג אייך, קומט מיט מיר אהין צו יענעם פאַראומגליק־

טען לאַנד, וואָרים אויב איהר וועט דאָס ניט טון, וועט מיט דער צייט זייער אומגליק אויך ווערען אייער אומגליק, וואָרים זייער לאַנד איז דאָך ניט שטארק ווייט פון אייערען און זייער אומגליק קאָן דעריבער צו אייך קומען אפילו אויף די פליגלען פון ווינט.

און אז די מענשען פון דעם לאַנד פון וואוילטאָג האָבען דער־הערט אזוינע רייד האָבען זיי צועפענט מויל און אויערען.

און דער בעטלער האָט צו זיי ווייטער גערעדט און געזאָגט:

— זייט וויסען, אז דאָס גאַנצע גליק פון יענעם לאַנד איז גע־קומען פון דעם וואָס דער אמת'ער סוד פון גליק האָט זיך דאָרט געהאט אויסגעשפרייט אין אזא וואונדערבארען גאָרטען. דער גאָר־טען האָט געבליהט און האָט פון זיך ארויסגעגעבען פירות, וואָס האָבען געהאט אלערליי טעמים און אלערליי ריחות וואָס האָבען גע־גלעט און געקוויקט דעם גומען. און אויך קווייטען פון אלערליי געשטאַלטען און פארבען, אז עס איז געוועזען וואויל דעם אויג וואָס האָט זיי געזעהן.

און אַ זעהר געטרייער גערטנער איז געוועזען איבער דעם גאָר־טען און ער האָט דעם גאָרטען זעהר אָפּגעהיט, וואָרים ער האָט געוואוסט, אז דאָס גאַנצע גליק פון דעם לאַנד שפּראָצט דאָך ארויס פון דעם דאָזיגען גאָרטען.

איז אָבער אויף דעם לאַנד אָנגעקומען אַ אומדערבארעמדיגער קיסר. און ווי נאָר דער קיסר האָט זיך דערנעהענטערט צו די טויערען פון דעם לאַנד, אזוי איז דער גערטנער פארפאַלען געוואָ־רען... און אז דער גאָרטען האָט פארלוירען זיין געטרייען גערט־נער, האָט ער גענומען דארבען. די מענשען וואָלטען אָבער נאָך לאַנג געקענט לעבען אַ גוט לעבען פון דעם אָפּפאַל און פון דער ווידערוואַקסונג, וואָס געהט אין אַ גאָרטען אויף פון זיך אליין. איז אָבער דער אומדערבארעמדיגער קיסר דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד און האָט דאָרט איבערגעלאָזט דריי כתות פון זיינע קנעכט, און האָט

זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען טון וואָס ער וועט זיי הייסען. האָבען זיי אַזוי געטון. און דורך די דאָזיגע טואונגען איז געשעהן, אַז די מענשען פון יענעם גליקליכען לאַנד האָבען אינגאַנצען פאַר־לוירען דעם וועג צו גוט לעבען.

האָבען זיך אויפגעהויבען אַ סך מענשען פון דעם לאַנד פון וואוילטאָג און האָבען זיך געלאָזט מיט'ן בעטלער צו יענעם לאַנד. ווי נאָר אָבער זיי האָבען זיך גענומען דערנעהענטערען צו דער אומ־גליקליכער מדינה, האָט ביי זיי אָנגעהויבען קאַליע ווערען דער טעם און דער ריח און די ראיה. און זיי האָבען גאָר ניט געקאָנט נעמען אין מויל אריין, ווייל פון אַלע זייערע מאכלים האָט צו זיי גענומען טראָגען אַ שלעכטער ריח. אַ ריח פון וועלכען עס האָט גענומען טערען די גאַל.

האָבען זיי גענומען שרייען צום טויבען בעטלער, האָט ער צו זיי געזאָגט:

איצט זעהט, אַז איהר זענט נאָך אַזוי ווייט פון יענעם אומ־גליקליכען לאַנד, האָט אייך שוין דערגרייכט זייער שלעכטס און איהר קאָנט זיך שוין ניט העלפען. הייגט ווי אַזוי וועט איהר גאָר קאָנען קומען אהין ? און אויב איהר קאָנט זיך ניט העלפען, טאָ ווי אַזוי וועט איהר זיי קאָנען העלפען ? . . .

און דער בעטלער האָט זיי נאָכדעם געגעבען פון זיין ברויט און וואסער, האָבען זיי געגעסען און האָבען זיך מחיה געווען, וואָרים אין זיין ברויט און וואסער האָבען זיי דערפיהלט אַלע טעמים און ריחות, און עס איז ביי זיי פאַריכט געוואָרען אַלץ וואָס איז ביי זיי פריהער קאַליע געוואָרען.

נאָכדעם האָט זיי דער בעטלער מיטגענומען אהין אין יענעם לאַנד. האָבען זיי דערזעהן, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט וועה און שרעק, ווייל אַלע מענשען פון דעם לאַנד לייד־ען פון אַ

שרעקליכער פינסטערניש אין די אויגען און פון אַ שלעכטען טעם, און פון שלעכטען ריח.

און די מענשען פון דעם לאַנד פון וואוילטאָג האָבען דערזעהן, אַז זיי קאָנען ניט העלפען די מענשען פון דעם פאַראומגליקטען לאַנד, אַז זיי קאָנען פאַר זיי ניט דערווייזען דעם וועג צו גוט לעבען.

דער בעטלער אָבער האָט גלייך ביי זיין אריינגאַנג דערזעהן, אַז איינע פון די דריי כתות וואָס דער אומדערבאַרעמדיגער קיסר האָט דאָרט איבערגעלאָזט, האָבען אויף אַן אומדערבאַרעמדיגען אופן געהאַלטען אין פאַרשפּרייטען די מאָדע פון חנופה און שקר און שוחד. — און דאָס איז דאָך אַלץ איין זאַך, וואָרים חנופה איז דאָך אויך אַזאַ שקר ווי שוחד. און דאָס פאַרבלענדט דאָך. עס מאַכט בלינד, אויף דעם איז דאָך טאַקע געזאָגט געוואָרען „השוחד יעור". האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אַז פון דעם קומט דאָס אָט די שרעקליכע פינסטערניש אין זייערע אויגען... און די צווייטע פון די דריי כתות, האָט אויף אַן אומדערבאַרעמדיגען אופן פאַנאַנדערגעשפּרייט איבערן לאַנד די נעץ פון זנות און די מענשען פון דעם לאַנד זענען דורך דעם אַזוי טיף געזונקען אין זנות ביז עס איז ביי זיי קאַליע געוואָרען דער חוש הריח. און די דריטע כתה האָט אויף אַן אומדערבאַרעמדיגען אופן אריינגעבראַכט די מאָדע פון ניבול פה, און די מיילער זענען איבער דעם ביי די מענשען געוואָרען אַזוי מיאוס, אַז דער טעם איז ביי זיי קאַליע געוואָרען און אין אַלץ וואָס זיי האָבען גענומען אין מויל אריין האָבען זיי געפיהלט דעם טעם פון נבלה...

און אַז דער בעטלער האָט דאָס דערקלעהרט פאַר די פאַרביטערטע מענשען פון דעם פאַראומגליקטען לאַנד, האָבען זיי גלייך אויפגעזוכט די אַלע קנעכט פון אומדערבאַרעמדיגען קיסר און האָבען זיי פאַרטריבען פון זייער לאַנד. און ווי נאָר זיי האָבען אַזוי געטון, אַזוי איז גלייך געוואָרען אַ רעש;

וועה צו דעם וואָס האָט זיך פארפלאָנטערט און קאָן זיינע נעצען ניט צעריסען.

— דער גערטנער קומט! דער גערטנער קומט!

און דער גערטנער איז טאַקע געקומען. ער האָט זיך אָפּגע־זוכט און ער האָט זיך צוריק גענומען פילנעווען דעם גאָרטען, און דער גאָרטען האָט צוריק גענומען ארויסגעבען זיינע וואונדערבארע פירות, און זיינע שעהנע קווייטען, וואָס עס איז וואויל דעם אויג וואָס טוט זיי זעהן.

און די מענשען פון דעם לאַנד פון וואוילטאָג האָבען דאָס אַלץ געזעהן, און זיי האָבען פארשטאַנען, אַז דער וועג צו גוט לע־בען איז אַ גרויסער און וויכטיגער סוד, און אַז זיי האָבען פון דעם סוד ניט געוואוסט, נאָר דער בעטלער, וואָרים דער סוד פון גוט לעבען איז אין דעם בעטלער, איז אין מיר... וואָרים איך בין דאָס דער טויבער בעטלער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווי נאָר דער בעטלער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז ער ניט געוואָרען. און דער יונגער כּלך איז געבליבען איינער אליין אין דעם גרויסען וואלד, אָהן עמיצען וועמען ער זאָל קענען עפּעס פרע־גען, אָדער זאָגען. און ער האָט דערהערט דאָס קלאָגען פון זיין איינען הארץ:

„וועה צו דעם וואָס האָט זיך פארפּלאָנטערט און קאָן זיינע נעצען ניט צורייסען.

„וועה צו דעם רייכען און קלוגען, צו וועמען דער בעטלער קאָן זאָגען: דו ביזט ניט רייך און ניט קלוג.

„וועה צו די, וואָס זייער נארעשער שכל איז געגליכען צו די מענשען פון דעם לאַנד פון וואוילטאָג אין זייערע הערצער — צו די מענשען פון דעם פאראימגליקטען לאַנד.

„וועה צו די, וואָס שרייען, אַז זיי ווייסען דעם סוד פון לעבען און דאָס ווערט געהערט פון זייערע אויערען אָבער ניט פון זייערע הערצער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

11.

און ווען דער יונגער מלך האָט ווידער אָנגעטראָפֿען דעם בעטלער, האָט ער ביי איהם געפרעגט:

— בעטלער, איז דען מעגליך, אז דאָס הארץ און דער שכל פון איין מענשען זאָלען זיין ווי צוויי באזונדערע לענדער?...

— יאָ, א סך אונמעגליכע זאכען זענען מעגליך — האָט איהם דער בעטלער געענטפערט.

— און ווי ווייט איז דיין אייגענער שכל פון דיין אייגען הארץ? — האָט איהם דער יונגער מלך דרייסט געפרעגט.

— ווי א געטרייער גערטנער פון זיין גאָרטען — האָט איהם דער בעטלער געענטפערט...

און ווען איך האָב מיר אויסגעקליבען דאָס הימלישע רייך האָב איך דאָס דען ניט געטון ווי א געטרייער גערטנער?

יונגלינג, — דיין הארץ איז אודאי א לעבעדיגער גאָרטען, און דיין שכל האָט אודאי געארבייט שעהן און פלייסיג. אָבער איך האָב ניט נאָר דיך געזעהן, — איך האָב אויך געזעהן א מאַמע וואָס האָט איהר שרייענדיגען קינד ניט געקאָנט געבען איהר אייגענע ברוסט צום זויגען, האָט זי איינגעוויקעלט א שטיקעל צוקער אין א שמאטקע און דאָס דעם הונגעריגען קינד אנשטאָט איהר ברוסט געגעבען...

דער יונגער מלך האָט דערביי אויפגעציטערט און געזאָגט:

און דיין לעהרע איז ווי א מאמע וואָס דאַרף דעם הונגעריגען קינד ניט לייגען קיין צוקער אין מויל ? !

יאָ, מיין לעהרע קאָן צו יעדער צייט זעטיגען מיט איהר אייגענער ברוסט, מיט איהר אייגענער מילך, ווייל מיין לעהרע — דאָס איז די ערד, דאָס איז די וועלט, דאָס איז דאָס ליכט פון דער וועלט, דאָס איז די מעשה פון דער וועלט, דאָס איז דאָס לאַנד פון אַלע לענדער.

— בעטלער ! — האָט דער יונגער מלך אויסגעשריען, — מיין האַרץ רעגט זיך און ציטערט צו שטאַרק ביי דיינע רייד...

— אַך דו יונגער יונגלינג ! — האָט זיך דער בעטלער אָנגערופען. — ווייס אַז אַלץ וואָס האָט א שייכות צו דער מעשה פון דער וועלט האָט א האַרץ און די גאַנצע וועלט האָט אויך א האַרץ. וואָס ציטערט שטאַרק און רעגט זיך... נאָר דאָס האַרץ פון דער וועלט איז א געשטאַלט פאַר זיך, מיט א פנים און מיט הענט און מיט פיס. נישט מעהר — דער נאָגעל פון דעם פוס פון דעם האַרץ פון דער וועלט איז האַרציגער איידער אַן אַנדערענס האַרץ...

און אין דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער איז פאַראַן א באַרג, און אויף דעם באַרג איז פאַראַן א שטיין און פון דעם שטיין שלאָגט א קוואַל. — דאָס איז דער קוואַל פון דער וועלט.

און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטעהט אויף איין עק וועלט, און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטעהט אויף דעם אַנדערען עק וועלט. און דאָס האַרץ פון דער וועלט קוקט אַריבער צום קוואַל פון דער וועלט און דער קוואַל פון דער וועלט קוקט אַריבער צום האַרץ פון דער וועלט.

דאָס האַרץ בייגקט און גלוסט, אַז עס זאָל קומען צום קוואַל און עס שרייט פון גרויס בייגקען. און דער קוואַל שרייט אויך, וואָרים ער גלוסט צו דעם האַרץ.

און דאָס הארץ ווערט נאָך דערביי געפּייניגט פון צוויי פּיי־
נען:

איין פּיין איז די זון, וואָס יאָגט און ברענט דאָס הארץ דער־
פאַר, וואָס עס וויל קומען צו דעם קוואַל...

און דער אַנדערער גרויסער פּיין איז דאָס שטענדיגע בייַנקען
און דאָס שטענדיגע גלוסטען...

נ.ב.ר אז דאָס הארץ באַראַרף זיך אביסעל אָפּרוהען, קומט א
גרויסער פויגעל און שפּרייט איבער דעם הארץ פאַנאַנדער זיינע
פליגלען און פאַרשטעלט פון דעם די זון. דעמאָלט רוהט זיך דאָס
הארץ אביסעל אָפּ פון דער היץ פון דער זון, אָבער פון בייַנקען און
גלוסטען האָט דאָס הארץ פון דער וועלט אפילו דעמאָלט אויך
קיין רוה ניט, ווארים עס הערט אפילו דעמאָלט אויך ניט אויף צו
קוקען צו דעם קוואַל פון דער וועלט.

דאָס הארץ פון דער וועלט רייסט און ציהט זיך צו דעם
קוואַל פון אייביג אָן. אָבער אזוי לאַנג ווי דאָס הארץ שטעהט פון
דערווייטענס פון דעם בארג זעהט דאָס דעם קוואַל וואָס שלאָגט פון
דעם שטיין, וואָס אויף דעם שפּיץ בארג. ווי נאָר אָבער דאָס הארץ
פון דער וועלט הויבט זיך אָן דערנעהענטערען צום בארג, הערט דאָס
אויף צו קאָנען זעהן דעם שפּיץ פון דעם בארג. און אז עס קאָן
מעהר ניט זעהן דעם שפּיץ פון דעם בארג, קאָן דאָך דאָס שוין
ממילא אויך מעהר ניט זעהן דעם קוואַל פון דער וועלט, וואָס שלאָגט
פון דעם שטיין, וואָס געפינט זיך אויפ'ן סאמע שפּיץ פון דעם בארג.

און אז דאָס הארץ פון דער וועלט זאָל אויפהערען זעהן דעם
קוואַל פון דער וועלט, וואָלט דאָס חלילה אויסגעגאַנגען.

און ווען דאָס הארץ פון דער וועלט זאָל חלילה אויסגעהן,
וואָלט דורך דעם די גאַנצע וועלט חרוב געוואָרען.

ווארים דאָס הארץ איז דאָך דאָס חיות פון א יעדער זאַך אין
דער וועלט.

און דער קוואַל פון דער וועלט האָט גאָר קיין שום צייט ניט. ער לויפט אָהן אָן אָפּהאַלט. ער געפינט זיך ערגעץ אין דעם לאַנד, וואָס איז כולל אַלע לענדער, נאָר ער האָט פאַר זיך ניט קיין טאָג און קיין צייט אין דער וועלט, ווארים ער איז גאָר העכער פון דער צייט פון דער וועלט. ער שטעהט איבער דער צייט.

און כדי דער קוואַל פון דער וועלט זאָל פאָרט האָבען א וועלכע ניט איז צייט אויף צו שטעהן אנטקעגען דעם הארץ פון דער וועלט, איז פאַראַן א מאַן אויף דער וועלט, וואָס זיינע שלוחים געהען אוים די וועלט פון עק צו עק און נעמען צונויף די טואונגען פון די מענשען און ברייגגען זיי צו איהם, און ער מאַכט פון זיי אַלע מאָל א נייעם טאָג. און שענקט אַוועק דעם טאָג צום הארץ פון דער וועלט, און דאָס הארץ פון דער וועלט שענקט דעם טאָג צום קוואַל. און דאָס איז די איינציגע צייט וואָס דער קוואַל פאַרמאָגט.

— —

די טואונגען פון די מענשען פון וועלכע מען קאָן מאַכען צייט פאַר דעם קוואַל פון דער וועלט — קומען ניט פון גאָלד און זילבער, ניט פון שטאָל און אייזען, ניט פון ביקסען און הארמאַטען, נאָר פון די מענשליכע חסדים. ווארים נאָר די מענשליכע חסדים מאַכען דעם עיקר צייט אין דער וועלט, און זיי זיינען אויך די איינציגע מענשליכע טואונגען וואָס קאָנען גרייכען זעהר הויך.

און ווען צו דעם מאַן וואָס מאַכט די צייט פון דער וועלט, ווערען געבראַכט אַלע טואונגען פון דער וועלט, קלייבט ער דעריבער נאָר אוים די חסדים פון דער וועלט, און די אַלע אַנדערע מענשליכע טואונגען לאָזט ער איבער ווי הויפענס מיסט.

און דער מאַן וואָס מאַכט די צייט פון דער וועלט, איז דער אמת'ער בעל חסד פון דער וועלט, ווארים ער זאָרגט זיך דאָך שטענדיג פאַר דעם הארץ פון דער וועלט.

און ווען דעם אמת׳ען בעל חחסד וואָלטען חלילה אויסגעפעהלט חסדים אויף צו מאכען א נייעם טאָג פאַר יעדען מאָרגען, וואָלט דאָך דער קוואַל פון דער וועלט אָפּגעריסען געוואָרען פון דעם הארץ פון דער וועלט.

איז דערפאַר אַלע מאָל ווען דער טאָג הויבט אָן געהן צו זיין סוף, הויבען זיך דאָס הארץ פון דער וועלט און דער קוואַל פון דער וועלט אָן זעגענען איינס מיט׳ן צווייטען מיט גרוים ליבשאַפט און בייגקשאַפט.

און זיי הויבען אָן זאָגען אַזוינע חידות און געזאַנגען, וואָס פילען אָן די וועלט מיט זייער ציטער און מיט זייער אַנגסט. ווייל זיי זענען קיינמאָל ניט זיכער מיט׳ן מאָרגענדיגען טאָג און זייער ליעבע איז דאָך אַזוי גרוים.

און ווי נאָר דער בעל חסד דערהערט אַז דער טאָג הויבט שוין טאקע אָן קומען צו זיין סוף, קומט ער צוגעהן און שענקט דעם הארץ א נייעם טאָג וואָס איז געמאַכט פון לויטער חסדים און דאָס הארץ שענקט דעם דאָזיגען טאָג גלייך אַוועק צום קוואַל און אַזוי הויבט זיך ביי זיי ווידער אָן א נייער טאָג, מיט א ניי לעבען, מיט א נייער פרייד און מיט נייע חידות און געזאַנגען.

און עס זענען דאָך פאַראַן אַלערליי טעג אויף דער וועלט. — עס זענען פאַראַן וואָכעדיגע טעג און שבת׳דיגע. ראש־חודש׳דיגע טעג און יום טוב׳דיגע, — איז ווערליג די טעג, אַזוינע געזאַנגען זינגען זיי. און אַזוי פילען זיי אָן די וועלט...

און איך בין דאָס דער, צו וועמען עס ווערען געבראַכט די אַלע מענשליכע טואונגען פון וועלכע איך קלייב אויס די חסדים און מאַך פון זיי די צייט, און מאַך פון זיי די טעג פאַר דעם הארץ און דעם קוואַל פון דער וועלט, ווייל איך בין דאָס דער אמת׳ער בעל חסד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען דער יונגער מלך האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן, אז קיינער איז שוין נעבען איהם ניטאָ, האָט ער זיך אויפגעהויבען אויף זיין קעניגליכען ווייסען פערד.

דאָס פערד האָט גענומען טראָגען איהם מיט זיינע געדאנקען דורכ'ן גרויסען אלטען וואלד ווי ס'טראָגט אָן אָרלער זיינע קינדער.

און דער יונגער מלך האָט געטראכט:

— ווי עס טראָגט מיין קעניגליכער ווייסער פערד מיך דורך נאכט און וואלד, אזוי טראָגט דאָס לעבען מיך איצט דורך א וועלט וואָס איז פול מיט סודות און מיט וואונדער...

אזוי טראָגט געוויס דאָס לעבען יעדען לעבעדיגען מענשען. נאָר ניט יעדער מענש ווייסט דאָס און פארשטעהט.

ניט יעדערער וואָס האָט אויגען זעהט.

ווי ברייט און גרויס עס האָט פאַר מיינע אויגען גענומען ווערען אָט די וועלט!

און פאַר דער הימלישער וועלט וועט שוין באלד אין מיר קיין פלאץ ניט בלייבען.

און דאָס איז אלץ אָט איבער דעם בעטלער.

ווי א שפין האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף מיר.

ווי א שפין האָט ער מיך איינגעוועבט אין זיין נעץ.

ווי א שפין האָט ער שוין פון מיר באלד אויסגעזויגען אלע מיינע יונגע בלוטיגע חלומות וועגען הימעל.

און פאַר וואָס קומט קיינער ניט פון דאָרטען צו קריעגען זיך מיין קריעג?...

און אפשר געשעהט דאָס מיט מיר אלץ אזוי ווייל עס דערגעהענטערען זיך שוין די לעצטע טעג איצט פון מיין לעבען?

די לעצטע טעג!

און וואָס וועט נאָכדעם זיין?

נאָכדעם, נאָך דעם לעצטען טאָג?...

און דער יונגער מלך שמייכעלט זיך בייז און שטיל פאנאנדער און ער זאָגט:

און ווען דער בעטלער, דער בעל חסד, וועט דערזעהן, אז מיין לעצטער כאָג קומט שוין צו זיין סוף, וועט ער קומען און וועט מיר ברייננגען א נייעם טאָג, א נייעם לעבען?!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —


שפילען און זינגען

ט.

און ווען דער יונגער מלך האָט ווידער אָנגעטראָפען דעם בעטלער האָט ער זיך צו איהם געווענדט און געזאָגט:

— בעטלער, פון אייביג אָן ביינקט דאָך דער מענש צים הימעל

— ניט פון אייביג — האָט איהם דער בעטלער געענטפערט, — נאָר פון זינט עס איז געקומען די לעהרע, וואָס איז געגליכען צו דער פרוי וואָס האָט ניט קיין אייגענע מילך אין איהרע בריסט. איינער וואָס קוקט שטענדיג ארויף איז געגליכען צו א בלינדען. ער קאָן לייכט געשטרויכעלט ווערען און פאַלען. א מענש דאַרף פריי-הער פון אַלץ קוקען פאַר זיך. אין דער ווייט און אין דער ברייט.

— בעטלער, — האָט זיך ווידער אָנגערופען דער יונגער מלך, — דער מענש ביינקט דאָך אָבער נאָך רוה און פריעדען, און דאָס הימלישע רייך ברייננגט דאָך פריעדען אויף דער ערד.

— הער אויס, די יונגלינג, — האָט איהם דער בעטלער דערויף געענטפערט: איך האָב א מאָל באגעגענט א בלאסען מאַן. אין איין האנט האָט ער געהאלטען א ווייסע טויב און אין דער צווייטער א פארבלוטיגטע שווערד. ער האָט ביי מיר געפרעגט: זעה. שוין טויזענדיגע יאָהרען ווי איך טראָג מיט זיך די טויב פון פריעדען. פאר וואָס זשע איז די בלוטענדיגע שווערד ווי צוגעוואקסען צו מיין האנט?... און איך האָב איהם געענטפערט: ווייל דיין פריעדען קומט פון א צוגעטראכטען לאנד, און ניט פון דעם לאנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער.

ביי די לעצטע ווערטער האָט דער יונגער מלך דערפיהלט יוי אויפצושרייען פון כעס און וועה, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט הארט און בייז אראָפּגעלאָזען זיינע בליקען צו דער ערד און איז פאר לאנג געוועזען שטיל. נאָכדעם האָט ער ווידער געעפענט זיין מויל און געזאָגט:

— ווי עס בייגקט דער מיעדער וואנדערער נאָך א דאך איבער זיין קאָפּ, אזוי בייגקט די נשמה פון דעם מענשען נאָכ'ן הימעל. דער הימעל איז דער דאך פון דער וועלט.

דערויף האָט איהם דער בעטלער געענטפערט און געזאָגט:

— פאראַן וואנדערער וואָס בייגקען ניט נאָך קיין דאך איבער זייערע קעפּ, נאָר נאָך עפּעס אנדערש... און וואָס איז דען א בייג־קען וואָס האָט א ברעג? — פון אזא בייגקען ווערט מען גיך צו־פריעדען, זאט און נארעש... — דאָס איז א וואסער אין וועלכען עס קאָנען קיין גרויסע פיש ניט וואקסען...

אָט, הער:

אמאָל בין איך געקומען אין דעם לאנד פון שפּיעלען און זינ־גען. און דער קלענסטער שפּיעלער און זינגער פון יענעם לאנד איז דאָך גרעסער פון דעם גרעסטען שפּיעלער אָדער זינגער אין ערגעץ אין אנדער לאנד. און די גרעסטע פון זיי האָבען דאָך שוין צו זיך געוויס קיין גלייכען ניט. נאָר אזוי ווי אָבער זיי האָבען גע־נומען טראַכטען, אז זיי האָבען שוין דערגרונטעוועט דעם סוף פון דער חכמה פון שפּיעלען און זינגען, האָט דעריבער זייער חכמה שוין ניט געקאָנט שטייגען. און אז א חכמה שטייגט ניט — פאַלט זי... און אז איך בין אהין אָנגעקומען און האָב דערזעהן, אז זיי האַלטען זיך זעהר גרויס מיט זייער בריה'שקייט אין הלכות שפּיעלען און זינגען, האָב איך זיך צו זיי אָנגערופען און האָב צו זיי געזאָגט:

אמת, איהר זענט טאַקע גרויסע בריות אין דער חכמה פון שפּיעלען און זינגען, און די חכמה אַליין איז אודאי זעהר א גרויסע

און א טיעפע, אָבער איהר דארפט זיך ניט אזוי שטארק איבער־נעמען. איהר טאָרט ניט מיינען אז איהר האָט שוין דערגרונטעט־וועט די חכמה ביז'ן סוף, ווייל מיט דעם שאַדט איהר אייער אייגע־נער גרויסקייט. א מענש דארף שטענדיג געדיינקען אז עס זענען נאָר ניטאָ קיין גרענעצען צו דער מענשליכער גרויסקייט. און דער גרעסטער פון אייך מעג וויסען, אז אויב עס איז נאָך ביז איצט ניטאָ קיין גרעסערער פון איהם קאָן דאָך אזוינער מאָרגען געבוירען ווערען, און אויב ער ווייסט דאָס ניט, איז ער ניט קיין גרויסער און ניט קיין חכם.

און אז איך האָב דערזעהן, אז די דאָזיגע רייד מיינע העלפען זיי ניט, ווייל זיי זענען זעהר שטארק איינגעגלויבט אין זייער גרויס־קייט, האָב איך זיך צו זיי אָנגערופען און האָב צו זיי געזאָגט:

אינגאַנצען אייער חכמה קומט פון דעם ביינקען, וואָס שפּרייט זיך איבער דער וועלט. קאָנט איהר דאָך דערפאר געוויס ניט זיין גרעסער פון דעם ביינקען און אפילו ניט אזוי גרויס ווי דאָס ביינקען פון דער וועלט, ווי א פיש קאָן ניט זיין גרעסער פון דעם וואסער אין וועלכען זי איז געבוירען און ווי א פויגעל קאָן ניט זיין גרעסער פון דעם הימעל איבער וועלכען ער פליהט. אָבער אזוי ווי טרויער קומט דאָך אויך ארויס פון דעם ביינקען, וואָלט איהר דאָך מיט אייער זינגען און שפּיעלען זיך געדארפט קענען פארגלייכען מיט'ן טרויער!

האָבען זיי זיך צו מיר אָנגערופען און האָבען געזאָגט, אז ניט נאָר קאָנען זיי זיך פארגלייכען מיט'ן טרויער, נאָר זיי קאָנען איהם אויך בייקומען.

האָב איך זיך צו זיי אָנגערופען:

אויב אזוי, טאָ קומט און העלפט די צוויי מדינות פון טרויער. וואָרים אויף דער וועלט זענען פאראן צוויי מדינות, וואָס כאָטש זיי זענען טויזענדער מיילען ווייט איינע פון דער אנדערער, איז ווי

נאָר עס קומט די נאַכט, אַזוי ברעכט אין יעדער פון די צוויי מדינות מיט אַ מאָל אויס אַ זעהר גרויס געוויין און קיינער קאָן דאָרט ניט צוריקהאַלטען זיין געוויין. — עס וויינען זיך דאָרט אָהן אָפּהאַלט פאַנאַנדער מענער און פרויען און קינדער און אפילו די ערד און די שטיינער נעהמען דאָרטען וויינען און עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיי קאָנען העלפען.

האָבען זיי זיך אָנגערופען צו מיר און האָבען געזאָגט:

אויב דו וועסט אונז ברייננגען אַהינצו, וועלען מיר זיי געוויס העלפען.

האָב איך זיי מיט־גענומען מיט זיך. אָבער ווי נאָר איך האָב זיי געבראַכט נאָהענט צו יענע צוויי מדינות, און ווי נאָר דער אָווענד איז צוגעפאַלען, אַזוי האָט זיך דערהערט דאָס גרויסע גע־וויין און די גרויסע חכמים פון דעם לאַנד פון שפיעלען און זינגען, וואָס האָבען אַזוי שטאַרק געגלויבט אין זייערע כוחות, האָבען זיך בשום אופן ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען נאָר אַליין אויס־געבראָכען אין אַ ביטער געוויין.

פרעג איך ביי זיי:

— מאָ וואָס וויינט איהר?!...

האָבען זיי זיך דערפיהלט ווי הילפלאָזע קינדער און זיי האָבען צו מיר גענומען רעדען און געזאָגט:

מיר וויינען איבער דעם גרויסען טרויער וואָס האָט גענומען שווימען צו אונז. עס זעהט אויס, אַז מיר וועלען דאָס ניט קאָנען דערטראָגען...

נאָר ווען איך האָב זיי דערמאָנט אָן זייערע גרויסע כוחות, און אין דעם, אַז זיי האָבען זיך דאָך אונטערגענומען צו העלפען די דאָזיגע צוויי לענדער, האָבען זיי זיך גענומען צו ראַנגלען און בריה׳ן און זיי זענען מיט מיר אָפּגעגאַנגען נאָך אַ ביסעל, ביז זיי זענען מיט אַ מאָל געבליבען שטעהן און האָבען וויינענדיג אויסגע־שריען:

— ניין, מיר קאָנען מיט דיר ווייטער ניט געהן. אונזערע כוחות זענען ניט שטארק גענוג אויף צו פארטראָגען א טרויער וואָס איז אזוי גרויס ווי דער דאָזיגער. זאָג אונז כאָטש, אויב דו ווייסט, פון וואָס נעמט זיך אָט דאָס גרויסע קלאָגען ?
האָב איך צו זיי געזאָגט :
— אוראי ווייס איך פון וואנען עס נעמט זיך אָט דאָס גרויסע קלאָגען. ווארים אין דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענ־דער זענען פאראנען צוויי פייגעל. איינער איז אַן ער און דער אַנ־דערער — א זי. און די פויגעל זענען נאָר איינאיינציגע פאָר אויף דער גאנצער וועלט. האָט געטראָפען, אז די ז י איז פארפאלען געוואָרען, האָט זיך דער ע ר זי געלאָזט זוכען, האָבען זיי זיך אזוי לאנג ארומגעזוכט ביז זיי זענען נאָך ווייטער פארטראָגען גע־וואָרען איינס פון דאָס אנדערע, און אזוי לאַנג ביז זיי האָבען דער־זעהן אז זיי וועלען זיך שוין קיינמאָל ניט געפינען... זענען זיי געבליבען שטעהן און האָבען זיך געמאכט נעסטען נעבען צוויי פארשיעדענע מדינות. די צוויי מדינות זענען אודאי זעהר ווייט איינס פון ס'אנדערע, נאָר וועדליק די קולות פון די דאָזיגע פייגעל, און וועדליק זייער גרויסען בייגקען זעהט דאָס אויס ניט ווייט. און אז עס קומט די נאכט, אזוי הויבען דיביידע פייגעל אויף זייער קול און נעמען קלאָגען. ער קלאָגט אויף איהר ווייל ער ווייסט ניט וואוהין זי איז אהינגעקומען און וואָס מיט איהר איז געוואָרען ; און זי קלאָגט, ווייל זי בייגקט נאָך איהם און ווייל עס איז איהר שווער צו זיין אָהן איהם. און ווי זיי זינגען זיך אזוי פאנאנדער, אזוי נעמט זיך איבער דער וועלט שפרייטען א גרויסער אומעט און א גרויסער בייגקען און אין די צוויי מדינות וואָס זענען נעבען זייערע נעסטען, ווערט דער אומעט אזוי גרויס, אז אַלע, סיי יונג און סיי אַלט וויינען זיך פאנאנדער מיט אזוינע ביטערע קולות, אז כאָטש איהר זענט נאָך זעהר ווייט פון יענע מדינות האָט דאָס אייך שוין

אַזוי שטאַרק געטראָפּען. און ביי טאָג קאָן מען דאָרט די שמחה נים אויסשטעהן. וואָרים ביי טאָג קומען זיך דאָרט צונויף די פויגלען צו איהם און צו איהר און זיי טרייסטען זיי און רערען זיי אוים דאָס הארץ און די צוויי פויגעל הויבען אָן גלויבען אַז זיי וועלען זיך נאָך ווידער אויפזוכען. הויבען זיי אָן זינגען מיט גרוים פריידד און מים גרוים האָפען, נים מעהר די פריידד איז נים אַזוי טיף און הערט זיך נים אַזוי ווייט ווי דער אומעט...

און ווען די מענשען פון דעם לאַנד פון שפּיעלען און זינגען האָבען אויסגעהערט די דאָזיגע מעשה, האָבען זיי בּיי מיר געפרעגט און האָבען געזאָגט:

— מיר זעהען שוין איין אַז אונזערע כוחות זענען קאַרג כּדי זיי צו העלפען, אָבער צי איז דען פאַר זיי גאָר קיין הילף און קיין העלפער נים פאַראַנען?

האָב איך צו זיי געזאָגט:

— עס איז פאַר זיי אודאי יאָ דאָ אַ הילף און אַ העלפער, ווייל אַלע וואָס האָפען אויף הילף מוזען דאָך אַ מאָל געהאָלפען ווערען.

האָבען זיי ביי מיר געפרעגט:

— וואָס איז די הילף און ווער איז דער העלפער?

האָב איך זיך צו זיי אָנגערופען און האָב זיי געזאָגט:

די הילף איז טאַקע אין אייער חכמה, נאָר דער העלפער בין איך... וואָרים איך קאָן נאָכמאַכען אַלע קולות פון דער וועלט און איך קאָן אויך וואַרפען קולות אַזוי הויך און אַזוי ווייט ווי איך וויל. און איך קאָן אויך מאַכען, אַז דאָ ווי איך שטעה זאָל מען מיין קול נים הערען, נאָר דאָרט ווייט אַהין, וואו איך וואַרף דאָס קול, זאָל מען דאָס יאָ הערען. דעריבער קאָן איך וואַרפען זיין קול צו איהר און איהר קול צו איהם. און איך וועל זיי צונויפיהרען ווען עס וועט קומען די צייט.

האָבען זיי זיך צו מיר געווענדט און האָבען געזאָגט:

— ווי אַזוי קאָנען מיר דיר דאָס גלויבען? דו זעהסט דאָך אויס ווי אַ בעטלער און האָסט ניט מעהר ווי אַ שטעקען אין דער האַנט און אַ טאָרבע אויף דיינע אַקסלען.

האָב איך גענומען און האָב זיי פאַרפיהרט אין אַ גרויסען וואַלד, און זיי האָבען דערהערט, ווי ניט ווייט פון זיי עפענט עמיצער אויף אַ טיר און פאַרמאַכט זי אַזוי, אַז עס דערהערט זיך דער קלאַפּ פון דער קליאַמקע, און ער שטעלט זיך נאָכדעם אַוועק און צילט זיך און שיסט אויס פון זיין ביקס. און דער שאָס טרעפט ערגעץ זעהר ווייט, און ער שיקט גלייך נאָכדעם זיין שנעלען הונט, ער זאָל אויפהויבען דאָס געשאָסענע. און זיי האָבען אפילו געהערט ווי דער הונט לויפט און ווי ער גנאָרזגיט איבער דעם שניי... אָבער אין דער אמת'ן איז נאָר קיין וואַלד ניט געווען, און עס איז קיין שניי ניט געווען, און עס איז קיין הייזעל ניט געווען, און עס איז ניט געווען קיין הונט און ניט קיין יעגער, נאָר דאָס האָב איך פאַר זיי אַלץ געמאַכט דורך דער חכמה פון שפּיעלען און זינגען, וואָרים די חכמה איז צו מיר און זי איז מיינע.

מעהר האָט דער בעטלער ניט דערצעהלט, און איז ניט געוואָרען.

און דער יונגער מלך האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן, אַז ער איז אין דעם ווילדען וואַלד אַליין. און ער האָט דערפיהלט ווי אַ שווערער ביינקען איז אָנגעפאַלען אויף איהם און האָט גענומען רייסען זיין אָנגעוועהטאָגדיגע האַרץ. און ער האָט געפרעגט:

— ווער זאָל טרייסטען אין אַזוינע מינוטען?...

די הימלישע וועלט?

און ווי אַז זי האָט נאָר קיין מאָל אויף דער אמת'ן ניט געטרייסט?

זיך ווענדען צו די חכמים, וואָס רינגלען דיך אַרום?

און ווי, אַז די חכמים האָבען מיך שוין לאַנג אויפגעהערט צו פאַרשטעהן?...

און דיין אייגענער פאָטער האָט דיך פאַרלאָזען, האָט דיר אי־בערגעלאָזט זיין פוסטע הויז, וואָס קוקט אויף דיר מיט שווארצע פענסטער דורך די נעכט...

וואָלט זיך כאָטש דאָ אין דעם וואַלד איצט ערגעץ אויפגע־זוכט א פאסטוך, וואָס זאָל איפשפיעלען אויף זיין פייפעל!

צי וואָלט כאָטש אויפגעשריען א הונגעריגער לייב.

און ווען דער יונגער מלך האָט זיך נאָכדעם אויפגעזעצט אויף זיין קעניגליכען ווייסען פערד, איז איהם פּלוצלינג איינגעפאלען:

און ווי, אז אָט דער וואַלד, מיט אלץ וואָס קומט אין איהם דאָ פאָר מיט מיר, איז נאָר א ליעד אזא, איז נאָר דעם בעטלער׳ס חכמה פון שפּיעלען און זינגען ?!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס פאָלק האָט שוין דעם אַלטען מלך כמעט ווי ניט גע־דיינקט. און ווען עמיצער זאָל אפילו געוועזן ארויס און זאָגען:

— זעהט, דער אַלטער מלך איז שוין מעהר ניטאָ מיט אונז. דער אַלטער מלך האָט שוין לאַנג זיין לאַנד פאַרלאָזען! —

וואָלטען דארויף אַ סך מן הסתם מיט פרייז געענטפערט:

— אבי עס לעבט דעם מלך'ס זוהן, אבי עס לעבט דער יונגער מלך!

ווייל די חכמים וואָס דער יונגער מלך האָט צוגעצויגען צו זיך אין אָנהויב פון זיין קעניגען, האָבען געהאַלטען אין איין שפּריי־טען און ברייטען דעם נאָמען פון דעם יונגען מלך אינאיינעם מיט זיין לעהרע.

און כאָטש דער יונגער מלך האָט דאָס אַלץ געוואוסט און גע־זעהן, און האָט זיך דעריבער ניט געהאַט צו שרעקען פאַר דעם, וואָס עס וועט זיין נאָכדעם ווען דאָס פאָלק וועט זיך דערוויסען, אַז דער אַלטער מלך איז שוין מעהר ניטאָ אין לאַנד, פונדעסטוועגען איז זיין שרעק געוואַקסען. און ווען עמיצער פון זיינע חכמים פלעגט פאַר איהם אין די אויגען נעמען רעדען פון איהם און פון דער לעהרע און פלעגט דערביי, פון געוואוינהייט וועגען, דערמאָנען מיט כבוד דעם פאָטער, פלעגט דער יונגער מלך דערביי אויפציטערען פון שרעק. איהם פלעגט זיך דאַכטען, ווי ער זעהט יענעם אונטערטראָגען דעם פאָטער'ס קאָפּ אויף אַ גאָלדענער טאַץ...

און דער יונגער מלך האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: ער וועט דאָס פרעגן ביי דעם בעטלער, דער בעטלער מוז פון דעם זיכער וויסן. זאָל ער איהם זאָגען, וואו איז אהינגעקומען זיין פאָטער — דער מלך?

נאָר ווען ער האָט באגעגענט דעם בעטלער, האָט ער זיך פּלוצ־לינג דערשראָקען. ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען און איז גע־בליבען שטיל פאַר לאַנג. נאָכדעם האָט ער גערעפּענט דאָס מויל און האָט גענומען רעדען. ער האָט נאָך אַלץ געמיינט, אז ער וועט נאָך פאָרט פרעגען וואָס ער וויל, נאָר ארויסגעקומען איז נאָר אָט וואָס:

— בעטלער, — האָט ער געפרעגט ציטערענדיג מיט אַלע אברים, — דו געדיינקסט פון דעם מלך?... דו געדיינקסט, דו האָסט מיר אַ מאָל דערצעהלט פון דעם ליכטיגען מלך... פון זיין זוהן... און פון זיין טאָכטער, זי איז פאַרלאָרען געוואָרען... עמיצער איז זי געגאַנגען זוכען, ער האָט זי געפונען. זי איז געווען געפאַנגען, זי איז אַנטלאָפען?... וואָס איז פון איהר געוואָרען? אָ, בעטלער?..

דער בעטלער האָט איהם אָנגעקוקט, האָט דערזעהן אַלץ וואָס עס קומט פאַר אין דעם יונגען מלך... נאָר ער האָט דאָס אַלץ פאַר־ביי געלאָזען, און האָט זיך אָנגערופען און געזאָגט:

— יונגלינג, ווען מיר צייכענען אַ קרייז, קומען מיר ביים סוף פון קרייז צו זיין אָנהויב. דו האָלטסט איצט פון שליסען דיין קרייז...

— בעטלער! — האָט אויסגעשריען דער יונגער מלך נים ווייסענדיג קלאָהר פאַר וואָס און צוליעב וואָס.

— איצט הער! — האָט זיך דער בעטלער אָנגערופען:

— אמאָל זענען געזעסען עטליכע בעטלער און יעדער איינער פון זיי האָט זיך געריהמט מיט דעם כח וואָס ער האָט אין זיינע הענט. איינער האָט זיך באריהמט, אַז ער האָט אַזאַ גבורה אין די הענט,

אַז ווען ער שיסט אויס אַ פייל קאָן ער זי צוריקציהען. איך בין אויך געווען צווישען זיי. — האָב איך ביי איהם געפרעגט:

— ווען קאָנסטו צוריקציהען די פייל? — אפילו נאָכדעם ווי זי האָט שוין יענעם געטראָפען? און וואָסער פייל קאָנסטו צוריקציהען? וואָרים עס זענען דאָך פאַראַנען צעהנערליי פיילען. און היינט, אַז מען וויל יענעם זיכער מזיק'ען, קאָן מען דאָך די פייל נאָך פריהער באַשמירען מיט סם. און עס זענען דאָך פאַראַן צעהנערליי סם'ען, און יעדער פון די סם'ען איז דאָך נאָך אַ סך געפעהרליכער פון דער פייל.

האָט מיר דערויף יענער געענטפערט:

— יאָ, איך קאָן צוריקציהען אַ פייל אפילו נאָכדעם ווי זי האָט שוין יענעם געטראָפען, און אפילו ווען זי איז באַשמירט מיט אַזאַ און אַזאַ סם.

און ער האָט מיר אָנגערופען דעם נאָמען פון אַיין סם.

האָב איך זיך צו איהם אָנגערופען און האָב צו איהם געזאָגט:

— אויב אַזוי קאָנסטו דאָך מעהר ניט צוריקהאַלטען נאָר איינערליי פיילען, און ווי באַלד אַזוי קאָנסטו ניט היילען די בת מלכה פון דעם ליכטיגען מלך. וואָס ליגט איצט אַ פאַר'חלוש'טע אין דעם וואָסערדיגען שלאָס...

האָט זיך אַן אַנדערער אָנגערופען.

— און איך האָב אין מיינע הענט אַזאַ כח, אַז ביי וועמען איך נעהם — גיב איך...

האָב איך זיך אָנגערופען:

— הייסט דאָך דאָס, אַז דיין כח איז אַ כח של צדקה, טאָ זאָג מיר וואָסער אַ סאָרט צדקה גיסטו?

האָט ער זיך אָנגערופען:

— מעשר.

האָב איך צו איהם געזאָגט:

— אַ וויבאַלד אַזוי, קאָנסטו אויך דו ניט היילען די קראַנקע בת מלכה, וואָס אין דעם וואַסערדינגען שלאָס, ווייל דו ווייסט נאָר קאָנען אַריין אין איינעם פון די צעהן וואַסערדינגע מויערן, וואָס רינגלען אַרום דעם וואַסערדינגען שלאָס.

האָט זיך אַן אַנדערער אָנגערופען און געזאָגט:

— איך האָב אין מיינע הענט אַזאַ כח, אַז איך קאָן מיט זיי אָפּשטעלען אַ שטורעמווינד, און קאָן מיט זיי ווידער אָפּבלאָזען דעם שטורעמווינד און קאָן מאַכען אַז דער ווינד זאָל בלאָזען מיט אַ מאָס, ווי עס בעדאַרף צו זיין.

האָב איך ביי איהם געפרעגט:

— וואָסער אַ ווינד קאָנסטו אָנכאַפּען מיט דיינע הענט? וואָרים עס זענען דאָך פאַראַנען צעהנערליי ווינטען.

האָט ער מיר געענטפערט און געזאָגט:

— אַזאַ און אַזאַ ווינד קאָן איך אָנכאַפּען מיט מיינע הענט.

האָב איך זיך צו איהם אָנגערופען:

אַ ווי באַלד אַזוי, קאָנסט אויך דו ניט היילען די בת מלכה, וואָס אין דעם וואַסערדינגען שלאָס, וואָרים דו קאָנסט נאָר איין ניגון. און עס זענען דאָך אָבער פאַראַנען צעהנערליי שטורעמווינטען און איטליכער שטורעמווינד האָט דאָך זיין באַזונדערען ניגון. און אויף צו היילען די בת מלכה דאַרף מען קאָנען אַלע צעהנערליי נגונים, וואָרים איהר רפואה קאָן נאָר קומען דורך נגינה, און זי איז אַזוי שטאַרק קראַנק, אַז מען מוז צו איהר האָבען דעם כח פון אַלע נגונים.

האָבען זיי ביי מיר געפרעגט:

— און וואָס קאָנסטו?

האָב איך צו זיי געענטפערט:

— איך קאָן אַלץ וואָס איהר קאָנט און אויך אַלע ניין חלקים פון איטליכער זאַך וואָס פעהלען יעדען פון אייך אוים.

האָבען זיי ביי מיר געפרעגט:

— און וועֶר איז דאָס די דאָזיגע בת מלכה? ווי אַזוי האָט דאָס געטראָפען אַז זי איז אַזוי שטאַרק קראַנק געוואָרען?

האָב איך זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה וועגען דער בת מלכה און אַלץ וואָס עס האָט טיט איהר און מיט דעם גבור — דעם שני למלך געטראָפען, ביז זי איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ווייסער שאָף — און דער גבור — אין אַ הירש. דער הירש אָבער האָט די גאַנצע צייט געדאַרפט האַלטען זיינע אויגען געווענדט צו מזרח און ער האָט דאָס ניט געטון. האָט זיך דערפאַר געשטאַרקט דער אַנדערער צד — און די חזרים זענען צוריק פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין אַ גרויס חיל און דער שוואַרצער פאַנדול איז צוריק געוואָרען קיסר, און די בת מלכה איז צוריק אַריינגעפאַלען אין זיינע הענט. איין מאָל האָט זיך דעם פאַנדול, וואָס איז צוריק געוואָרען קיסר, גע׳חלום׳ט, אַז די בת מלכה האָט איהם גע׳הרג׳עט. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און האָט צו זיך געשיקט רופען זיינע באַשיידער; האָבען זיי איהם געזאָגט, אַז אַלץ וואָס ער האָט געזעהן אין חלום קאָן טאַקע מקוים ווערען.

אַז דער קיסר האָט דערהערט אַזוינע רייד האָט ער זיך נאָך מעהר דערשראָקען און ער האָט זיך גאָר קיין עצה ניט געקאָנט גע־בען וואָס ער זאָל טון מיט דער בת מלכה.

זאָל ער זי אַוועקשיקען — טוט זי איהם באַנג; זאָל ער זי לאָזען — האָט ער דאָך מורא פאַר׳ן חלום.

און דערווייל, ווי דער קיסר האָט זיך אַזוי געשלאָגען אין דער דעה, איז מען געקומען און מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז די בת מלכה איז אַנטלאָפען.

איז דער קיסר גלייך אַריין אין אַ זעהר גרויסען כעס און האָט בייז באַפוילען, אַז מען זאָל זי לויפען זוכען.

זענען זיינע דיענער געלאָפען און האָבען זי געזוכט און זיי האָבען זי געפונען ארום דעם גרויסען וואסערדינען שלאָס.

וואָרים אין דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אלע לענדער, איז פאַראַן א גרויסער וואסערדינער שלאָס. און ארום דעם שלאָס זענען אויפגעשטעלט צעהן גרויסע וואסערדינע מויערן. און די ערד פון דעם שלאָס איז אויך פון וואסער, און אויך דער גאָרטען און די ביימער און די פרוכט זענען פון לויטער וואסער. און די שעהנ־קייט פון דעם שלאָס איז נאָר ניט אפצודערצעהלען. און אויסער זיין איינענער שעהנקייט שפיגלען זיך נאָך די וואסערדינע טורעמס מיט אלערליי פארבען. און די ווענט און די מויערען זענען אזוי קלאָר, אז מען קאָן דורך זיי דורכקוקען און זעהן אלץ וואָס עס טוט זיך אינעווייניג. אָבער אריינגעהן אין איהם קאָן מען ניט, ווייל מען ווערט דערטרונקען.

און אז דער קיסר האָט דערהערט, אז די בת מלכה איז ארום דעם שלאָס, האָט ער צונויפגענומען זיין חיל און איז אוועק זי כאפען.

ווי נאָר אָבער די בת מלכה האָט איהם דערזעהן פון ווייטען האָט זי זיך געלאָזט לויפען אין שלאָס אריין, ווייל זי האָט ביי זיך אפגעמאכט, אז עס איז בעסער דערטרונקען צו ווערען איידער צוריק אריינצופאלען אין זיינע הענט.

און אז דער קיסר האָט דערזעהן ווי זי לויפט אויף צו דער־טרונקען ווערען, האָט ער ביי זיך אפגעמאכט: אויב שוין יאָ אזוי, טאָ זאָל מען זי בעסער שיסען אויף זיין באפעהל.

האָט ער גלייך געהייסען זיינע לייט, האָבען זיי אין איהר גע־שאָסען.

און זיי האָבען איהר געטראָפען מיט אלע צעהנערליי פיילען וואָס זענען באשמירט מיט אלע צעהנערליי סמ'ען.

די בת מלכה איז אָבער מיט די אַלע צעהנערליי פאַר'סמ'טע פיילען אַליין געלאָפען צו דעם וואַסערדיגען שלאָס.

און זי איז דורכגעלאָפען די צעהן טויערען פון די צעהן וואַסערדיגע מויערען.

און זי איז דורך דעם וואַסערדיגען גאָרטען, דורך זיינע וואַסערדיגע כטעזשקעס צווישען וואַסערדיגע קווייטען און בוימער.

און זי איז דורך די וואַסערדיגע טירען פון דעם גרויסען וואַסערדיגען פּאַלאַץ.

און זי איז אריין אינעווייניג.

און זי איז אַנידערגעפאַלען.

און זי איז געבליבען חלשות.

און דער קיסר מיט זיין חיל זענען איהר נאָכגעלאָפען, זענען זיי דערטרונקען געוואָרען.

און עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל קאָנען היילען די בת מלכה, מוז איך דאָס אליין טון. וואָרים איך קאָן דורך די וואַסערדיגע מויערען, וואָס ארום דעם גרויסען וואַסערדיגען שלאָס, ווייל איך האָב אין מיינע הענט דעם כח פון אַלע צעהן צדקות, און איך האָב אין מיינע הענט אויך דעם כח מיט וועלכען מען קאָן ארויסציהען אַלע צעהנערליי קוילען, און אויך דעם כח מיט וועלכען מען קען היילען אַלע צעהנערליי סמ'ען, ווייל איך קאָן מיט מיינע הענט באַהערשען אַלע צעהנערליי שטורעמס. דעריבער קאָן איך פאַר איהר שפּיעלען אַלע צעהנערליי נגונים, דאריבער בין איך דער רופא פון דער בת מלכה, וואָס געפינט זיך אין דעם גרויסען וואַסערדיגען שלאָס, וואָס אין דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער בעטלער האָט געענדיגט און איז ווי אַלע מאָל ניט געוואָרען, און ווען דער יונגער מלך האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען, האָט ער דערזעהן, אַז ס'איז העריבסט און פאַרנאַכט אין דעם וואַלד.

א גרויסע גאָלדענע זון האָט געברענט צווישן די ביימער און די צווייגען. די זון איז געווען פארנאכטיג און סוף־יאָהריג גרויס און האָט געצונדען דעם הימעל און דעם וואלד מיט גאָלד און מיט ברע־נענדיגע געשטאַלטען. דער יונגער מלך האָט זיך אומגעקוקט צו דעם אָרט וואו דער בעטלער איז געשטאַנען און האָט דאָרט דער־זעהן א שטיין מיט'ן אויפשריפט:

— זעה, עס איז די וועלט א מעשה, א מעשה וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצען ניט דערצעהלט...

ער האָט געקוקט אויף דעם שטיין און געטראַכט, אז עס איז הערבסט, אז עס געהענטערען זיך שוין, ווייזט אויס, זיינע לעצטע טעג, און אז דער בעטלער מיט זיינע מעשות, מיט זיין לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער, עסט אויף דעם גאַנצען הימעל, עסט אויף זיין ביז איצטיגע חכמה און זיין לעהרע, אויף וועלכער ער האָט אוועקגעגעבען אַזוי פיעל בלוט און יאָהרען... און פאר וואָס האָב איך ביי דעם בעטלער ניט געקאָנט פרעגען, צי ער ווייסט ניט, וואו עס איז אהינגעקומען מיין פאָטער?... ער מוז דאָך געוויס וויסען וואו ער איז!...

און ווען דער יונגער מלך האָט זיך אויפגעזעצט און גענומען לויפען פון דעם וואלד אויף זיין קעניגליכען ווייסען פערד, האָט ער דערזעהן, אז אויך די זון לויפט מיט, זי קאַטשעט זיך איבער'ן וואלד, ווי עמיצער וואָלט זיך מיט איהר געשפּיעלט. און עמיצער, א ברענענדיגער, האָט מיט א גאָלדענער האנט געשריעבען אין דער לופט:

— זעה: — עס איז די וועלט א מעשה, א מעשה וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצען ניט דערצעהלט.

און ווען דער יונגער מלך איז ארויס פון וואלד, האָט ער גע־טראָפען זיינע חכמים. — זיי זענען די לעצטע צייט געוואָרען פאַר־

דערכטיגט אויף זייער לעהרער, דעם יונגען מלך, און האָבען איהם גענומען פאַרשען...

— זיי נעגריסט אונזער מלך און לעהרער! — האָבען זיי אויסגעשריען מיט געמאכטער פרייד. — זעה, מיר זענען ארויס צו זוכען אין פעלד און מיר האָבען אַנגעטראָפען אונזער מלך, אונזער קרוין, אונזער הערשער און אונזער לעהרער!

און זיי האָבען געפרעגט:

— ווי קומט דאָס, וואָס אונזער ליכט און אונזער פייער זאָל זיך לאָזען אַליין אין אזא געדיכטען וואלד?

ער האָט זיי אָנגעקוקט, ווי זיי זענען געזעסען אויף זייערע פערד באַשילדטע און באַפּאַנצערטע. ער האָט פארשטאנען, אז זיי זענען ניט גלאט אזוי ארויס צו שוועבען אין פעלד... פאַר א מינוט איז איהם איינגעפאַלען — ער וועט זיי זאָגען:

— הערט אויס, מיינע חכמים און קלוגע לייט! ניט דער הימעל הערשט איבער דער וועלט, נאָר דאָס לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער. לעבט ניט מעהר אין דעם הימעל'ס נאָמען, נאָר אין דעם נאָמען פון דעם דאָזיגען לאַנד!

נאָר ווען ער האָט באטראכט זייערע מיט גלויבען פארשטיי־נערטע פּנים'ער, זייער מיט גלויבען פארגלייזטע אויגען, איז איהם אריבער א גרויל איבער זיין לייב. נאָכדעם האָט ער זיך אויס־געגלייכט מיט זיי און האָט ביי זיי געפרעגט:

— וואָס איז דער אונטערשיעד פון איינעם וואָס טרינקט זיך, ביז איינעם וואָס איז שוין דערטרונקען?

דער קלוגסטער פון זיי האָט איהם דערויף געענטפערט און געזאָגט:

— דער וואָס טרינקט זיך, וויל נאָך לעבען, און ער שרייט נאָך הילף. און דער דערטרונקענער איז שוין טויט און איז שוין שטיל.

און ער האָט זיי דערויף געענטפערט:
— איך זעה אייך אָן און טראכט:
עס איז א לעהרע ווי א וואסער. איך טרינק זיך און איהר זענט שוין דערטרונקענע...

יא.

פינף מאָל האָט זיך שוין דער בעטלער אנטפּלעקט פאַר דעם יונגען מלך און איצט האָט דער יונגער מלך אַרומגעזוכט דעם בעט־לער ער זאָל זיך פאַר איהם ענטפּלעקען דעם זעקסטען מאָל. און ווען ער האָט איהם געטראָפען האָט ער זיך צו איהם געווענדעט און געזאָגט:

— זעה, שוין פינף מאָל האָסטו זיך געלאָזט צו מיר דער־קאָנען, און וואָס מעהר דו אנטפּלעקסט זיך אַלץ ווענינער ווייס איך ווער דו ביזט. ווער ביזטו? ביזטו דער ערשטער און דער לעצ־טער, אויף וועלכען מענשען זאָגען זעה, אַט געהט דער בלינדער בעטלער? ביזטו דער טויבער בעטלער וואָס איז ניט טויב, וואָס האַלט אין זיך דעם סוד פון גוט לעבען? ביזטו דאָס דער בעל חסד, וואָס מאַכט די צייט פאַר דעם הארץ און דעם פּוּואַל פון דער וועלט? ביזטו דער, צו וועמען עס געהער די חכמה פון שפּיעלען און זינגען? אָדער דו ביזט דער רופא, וואָס היילט די קראַנקע בת מלכה וואָס אין דעם וואַסערדיגען שלאָס, וואָס אין דעם לאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער?

דאַרויף האָט איהם דער בעטלער געענטפערט און געזאָגט:

— וויסען זאָלסטו, יונגלינג, — איך בין נאָך מעהר פון אַלץ, וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט. וואָרים איך בין אין דער וועלט „דאָס ווינציגע וואָס טראָגט זעהר פיעל". און אַט הער אַ מעשה:

— אַמאָל זענען אויף אַן אָרט געזעסען אַ סך חכמים און

האָבען זיך אַלע באַריהמט מיט דעם, אַז זיי פאַרמאָגען אין זיך דאָס ווינציגע וואָס טראָגט זעהר פיעל. — איינער האָט זיך גע־ריהמט, — זיין קאָפּ איז דאָס ווינציגע וואָס טראָגט זעהר פיעל, וואָרים ער איז אַ הערשער פון אַ לאַנד און ער טראָגט אויף זיין קאָפּ טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער מענשען מיט אַלע זייע־רע באַדירפעןנישען, מיט אַלע זייערע פיהרונגען, מיט אַלע זייערע נעננ. איז דאָך דערפון נעדרונגען, אַז זיין קאָפּ איז דאָס ווינציגע וואָס טראָגט אויף זיך זעהר פיעל.

האָט זיך אַן אַנדערער אָנגערופען, אַז ער האָט אַ שטיקעל מדינה, וואָס ניט אַרויס זעהר אַ סך פירות, אַזוי פיעל, אַז דערנאָך ווען מען באַרעכענט די פירות וואָס דאָס לאַנד גיט אַרויס זעהט מען אַז די מדינה האָט גאָר ניט אַזוי פיעל אָרט וויפיעל די פירות באַ־דאַרפען פאַרנעהמען. — איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז זיין מדינה האָט אין זיך דאָס ווינציגע וואָס טראָגט זעהר פיעל.

האָט זיך אַ דריטער אָנגערופען און האָט דערצעהלט, — ער האָט אַזאַ וואוילען גאָרטען און אַז עס קומט דער זומער פאַהרען זיך אין דעם גאָרטען צונויף זעהר פיעל מענשען און זיי פאַרברייג־גען אין איהם און שפּאַצירען דאָרט אַרום, אָבער אין דער אמת׳ן איז אין דעם גאָרטען גאָר ניטאָ אַזוי פיעל אָרט פאַר אַזוי פיעל מענשען. און דאָס וואָס ער נעמט אין זיך פאַרט אַריין אַזוי פיעל מענשען און גיט זיי נאָך די מעגליכקייט אַרומצוגעהן און אַרום־שפּאַצירען, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל זיין גאָרטען פאַרמאָגט אין זיך דעם וואונדער פון דאָס ווינציגע, וואָס קאָן אין זיך אַריינ־נעמען זעהר פיעל.

האָט אַ פערטער זיך אָנגערופען און האָט געזאָגט:

באַשר, ער איז אַ שרייבער ביי אַ גרויסען מלך און צו דעם מלך קומען דאָך זעהר אַ סך מענשען, אַ טהייל קומען מיט לויבונ־גען און אַ טהייל מיט פאַרלאַנגען און דער מלך קאָן דאָך דאָס אַלץ

נעווים ניט אויסהערען. נעמט ער צונויף אַלע זייערע רייד אין עטליכע ווערטער און ער מאַכט אַזוי, אַז אין די עטליכע ווערטער זאָלען אַריינקומען אַלע לויבונגען און אַלע פאַרלאַנגען פון אַלע מענ־שען, וואָס קומען צו דעם גרויסען מלך, וואָרים אין די ווערטער וואָס ער באַנוצט איז דאָ דער כח פון דאָס ווינציגע וואָס טראָגט מיט זיך זעהר פיעל.

אַ פינפטער האָט געזאָגט, אַז אין זיין שווייגען איז דאָ דאָס ווינציגע וואָס טראָגט אויף זיך זעהר פיעל, וואָרים ער האָט אויף זיך זעהר פיעל באַרעדער, וואָס רעדען אויף איהם זעהר פיעל שלעכ־טעס. און ווי פיעל זיי זאָלען אויף איהם ניט רעדען, און וואָס זיי זאָלען וועגען איהם ניט זאָגען, ענטפערט ער דאַרויף אַלץ אָפּ מיט שווייגען. דעריבער איז זיין שווייגען דאָס ווינציגע וואָס טראָגט זעהר פיעל.

און אַ זעקסטער האָט זיך אָנגערופען און געזאָגט:

— איך בין דאָס ווינציגע וואָס האַלט אויף זעהר פיעל, וואָרים עס איז אויף דער וועלט פאַראַן אַ בעטלער, אַ סגי נהור, און דער בעטלער, דער סגי נהור איז זעהר אַ גרויסער און איך בין זעהר אַ קליינער, און כאָטש איך בין אַזוי קליין, בין איך פאָרט דער וואָס פיהרט אַרום דעם גרויסען סגי נהור. הייסט דאָס אַז איך בין דאָס קליינע וואָס האַלט אויף זעהר פיעל.

האָט מען פון איהם געלאַכט.

איז אָבער צווישען זיי געווען אויך אַ זיבעטער. דאָס איז גע־ווען אַ בעטלער מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופען און האָט צו זיי געזאָגט:

— איהר זאָלט פון איהם ניט לאַכען. — עס איז אמת, אַז יעדער פון אייך פאַרמאָגט האָס ווינציגע וואָס נעמט אויף אין זיך זעהר פיעל. אָבער דער לעצטער פון אייך, וואָס האָט געזאָגט אַז ער האָט אין זיך דאָס קליינע וואָס קאָן טראָגען זעהר פיעל, דערפאַר

וואָס ער פיהרט אום דעם גרויסען סני נהור, איז נאָך אפילו גרעסער פון אייך אַלע, וואָרים ער האָט אייך דערמיט געזאָגט, אַז ער פיהרט די לבנה אויף דעם וועג איבער וועלכען זי געהט. און די לבנה ווערט דאָך אָנגערופען סני נהור ווייל זי שיינט דאָך ניט פון איהר איינען ליכט, און דער גלגל פון דער לבנה איז דאָך זעהר גרויס און ער איז דאָך אנטקעגען דעם גלגל זעהר קליין. און הייסט אַז ער קאָן אויסהאַלטען דעם גלגל און ארומפיהרען די לבנה איבער איהם, איז דאָס בלויז דערפאַר וואָס ער איז דאָס ווינציגע וואָס קאָן טראָ־גען זעהר פיעל. — איך אָבער בין נאָך גרעסער פון אייך אַלע, וואָרים דאָס ווינציגע פון אייך וואָס טראָגט דאָס וואָס איז פיעל, איז דאָך ביי אייך פאָרט עפּעס אַן אָרט. איך אָבער טראָג נאָך מעהר פון אייך אַלע אינאיינעם, און דאָס ווינציגע אין מיר איז שוין כמעט גאָר קיין אָרט ניט...

און דער בעטלער מיט'ן האָרב אויף די פּלייצעס האָט צו זיי ווייטער גערעדט און געזאָגט:

— ווייסט איהר פון דעם וואונדערבאַרען בוים, וואָס געפינט זיך אין דעם לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער?

האָבען זיי ביי איהם געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ בוים?

האָט ער צו זיי געזאָגט:

איהר ווייסט דאָך געוויס, אַז איטליכע חיה זוכט אויף דעם שאָטען, וואָס נאָר אין איהם האָט זי ליעב צו רוהען, און אַז אַזוי זוכט אויך איטליכער פויגעל אויף זיין צווייג, יואָס גראָד אויף איהם וויל ער רוהען?

האָבען זיי איהם אַלע געענטפערט:

— יאָ, אודאי ווייסען מיר דאָס.

האָט ער צו זיי ווייטער געזאָגט:

אין דעם לאַנד אָבער, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער, גע־פינט זיך אַזאַ גרויסער און וואונדערבאַרער בוים, וואָס אין זיין שאָ־

טען רוהען אין פריעדען אַלע חיות פון דער וועלט, און אויף זייערע צווייגען פרעהען זיך אַלע פויגלען פון דער וועלט...

האָבען זיי זיך פאַרוואונדערט, און געזאָגט:

— ווי גרויס עס מוז זיין דער שמחה וואָס אזא בוים מוז פאַר־נעהמען, ווי גוט עס מוזען זיין זיינע שאָטענס, ווי שעהן און רייך די צווייגען, און ווי וואויל עס דאַרף זיין דעם אויג וואָס האָט ווען דעם בוים געזעהן!...

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— הויבט אויף אייערע אויגען און זעהט!

האָבען זיי אַזוי געטון, און זיי האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און זיי האָבען דערזעהן אַ שרעקליך גרויסען און שעהנעם בוים. און דער בוים האָט פון זיך געוואָרפען אַזוינע ווייכע און וואונדערבאַרע שאָטענס, און אין די שאָטענס האָבען גערוהט אַלע מינים חיות פון דער וועלט, און אויף זייערע געדיכטע און ווייט צו־וואַקסענע צווייגען האָבען זיך אויפגעהאַלטען אַלע מינים פויגלען פון דער וועלט. און אַלע זענען געווען צופריעדען און רוהיג און האָבען איינער דעם צווייטען קיין בייז ניט געטון. און דער צו־צווייגטער בוים מיט זיינע וואונדערבאַרע שאָטענס, מיט די אַלע פויגלען אויף איהם און מיט די אַלע חיות אַרום איהם, האָבען פאַר־נומען זעהר פיל ליכטיגע מיילען.

און אַז זיי האָבען דאָס אַלץ דערזעהן, האָבען זיי זיך אודאי זעהר שטאַרק געוואונדערט, און זיי האָבען געשטוינט, און האָבען געפרעגט:

— וואָס איז דער סוד פון דעם בוים, און פאַר וואָס איז דאָס צוא גרויס פאַרגעניגען צו קוקען אויף איהם?...

האָט ער זיי געענטפערט און געזאָגט:

— אָט דערפאַר איז אַזא גרויס פאַרגעניגען צו קוקען אויף דעם בוים, און דערפאַר קאָנען אַלערליי חיות רוהען אין זיין שאָטען,

און אַלע פוינלען זיצען אויף זיינע צווייגען, ווייל דער דאָזיגער וואונדערבארער בוים וואַקסט פון דריי וואונדערבארע וואָרצלען. — איין וואָרצעל — איז גלויבען; דער צווייטער איז — פאַרכטיגקייט און דער דריטער וואָרצעל איז — באשיידענקייט. און דער גוף פון דעם בוים איז אמת. און פון אמת וואקסען זיינע צווייגען...

און אז זיי האָבען דערהערט די דאָזיגע רייד איז זיי דער בוים נאָך מעהר געפעלען געוואָרען, און זיי האָבען זיך געלאָזט צום בוים. זענען זיי אזוי געגאנגען און געגאנגען, ביז מיט אַ מאָל האָבען זיי זיך אומגעקוקט און האָבען דערזעהן, אז זיי קאָנען צו דעם בוים נאָר ניט צוקומען, וואָרים זיי האָבען דערזעהן, אז דער בוים וואַקסט נאָר ניט אויף קיין אָרט... האָבען זיי זיך אומגעקוקט אויף דעם האָרבאַטען בעטלער און זיי האָבען מיט שטוינונג ערשט איצט דער־זעהן, — אז דער בעטלער האָט שוין נאָר מעהר קיין האָרב ניט אויף זיינע פּלייצעס. האָבען זיי ביי איהם געפרעגט:

— וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטען?

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— איהר זאָלט וויסען, אז דער האָרב און דער דאָזיגער וואונ־דערבארער בוים מיט אַלע זיינע חיות און אַלע זיינע פויגלען — זענען איינס. און דערפאַר זעהט דאָס אייך אויס, אז דער בוים וואקסט ניט אויף קיין אָרט. איך האָב דאָס דעם דאָזיגען גרויסען בוים מיט אַלץ וואָס ארום איהם און אויף איהם געבראַכט צו אייך פון דעם לאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער.

האָבען זיי זיך אודאי נאָך מעהר געוואונדערט אויף דער דאָ־זינער זאַך, און זיי האָבען צו איהם געזאָגט, אז זיי וואָלטען אודאי זעהר וועלען קומען צום בוים.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— איהר קאָנט צו דעם בוים ניט קומען, ווייל איהר זעהט דאָך, אז דער בוים האָט גאָר קיין אָרט ניט, ער שטעהט העכער פון

אָרט... און דאָס ווינציגע אין אייך וואָס נעהמט אין זיך אריין פיעל, איז דאָך פאָרט עפּעס אַן אָרט. איך אָבער קאָן אייך אהין יאָ ברייננגען, ווייל כאָטש איך טראָג מיט זיך נאָך פיעל מעהר ווי דאָס וואָס איך ווייז אייך, דאָך איז דאָס ווינציגע אין מיר וואָס באַהערשט דאָס אַלץ שוין כמעט גאָר קיין אָרט נים. עס איז שוין דער שפּיץ פון אָרט, וואָס פון דאָרט העכער קאָן שוין גאָר ניט געמאָלט זיין.

און איך האָב נאָכדעם גענומען און האָב זיי געבראַכט צום בוים און איך האָב זיי געבראַכט אויפ'ן בוים און אונטער'ן בוים. ווארים איך בין דאָס דעמאָלט יענער בעטלער געווען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער בעטלער איז געבליבען שטיל און איז ניט געוואָרען. און דער יונגער מלך האָט זיך דערפיהלט ארומגענומען מיט דער שטריי־נער בייזקייט פון א גוטען טאַמען.

„איך בין א ניט געהאָרכזאַמער זוהן" — האָט ער געטראַכט — „און ער איז בייז און גוט און האָט אזוי פיעל געדולד"...

און ער האָט געטראַכט:

— ווי טיף און ווי איינפאַך עס זענען זיינע וועגען, און ווי גרוים און שעהן עס איז די מעשה פון דער וועלט מיט איהר לאַנד וואָס נעמט אין זיך אריין אַלע לענדער!...

און ווען ער איז ארוים פון וואַלד, האָט ער ווידער אָנגע־טראָפען זיינע חכמים. זיי האָבען איהם באַגריסט מיט פריינד־ליכע ווערטער. נאָר מיט פאַרזאָרגטע און פאַרשעמענדיגע בליקען...

ער האָט זיך אויסגעגליכט מיט זיי. זיי האָבען דערזעהן, אז ער שיינט מיט אַן אויסערגעוועהנליכען ליכט און ער האָט ווידער דערזעהן, אז זייערע פּנים'ער זענען פאַרשטיינערט און זייערע אויגען זענען פאַרגלייסט ווי ביי דערטרונקענע...

ער האָט פון זיי אָפּגעקערט זיין פּנים.

ווייט אַרויף אויפ׳ן ברעג פעלד האָט ער דערזעהן די זון. זי איז געלעגן צווישען די גראָזען און האָט געברענט ווי אַ פּאַנאַנדער־געלייגטער פייער... און כאָטש דער יונגער מלך האָט געוואוסט, אַז זיי זענען שוין דערטרונקענע, אַז פאַר זיי איז שוין אוממעגליך איהם צו הערען און פאַרשטעהן, וואָרים זייערע אויערען זענען שוין טויב, פון דעסטוועגען האָט ער פּלוצלינג אָפּגעשטעלט זיין פערד און דערפּיהלענדיג אויף זיך דעם שיין פון דער ברענענדיגער זון האָט ער פאַטערליך אויפגעהויבען זיין האַנט און האָט צו זיי גע־זאָגט:

— פאַרנעהמט, אויב איהר קאָנט נאָך הערען און פאַרשטעהן! און ווייסט! — ביי דעם פייער וואָס ברענט דאָרט איצט אויף דעם ברעג פון דער ערד זאָג איך צו אייך — געדיינקט! — אַזוי ווי מיר נוצען האָלץ כדי אַ פייער צו דערהאַלטען, אַזוי נוצען מיר אונ־זער לעבען כדי צו דערהאַלטען דאָס ליכט פון דער וועלט. דאָס ליכט פון דער וועלט — איז די מעשה פון דער וועלט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די חכמים האָבען אויפגעציטערט... און זיי האָבען זיך צו־רימנעצייגעט, אוים שרעק פאַר זיינע רייד און פאַר׳ן שיין פון זיין פנים.

יב.

כאָטש דער יונגער מלך האָט געוואוסט, אז עס געהענטערט זיך זיין סוף, פון דעסטוועגען האָט ער פאָרט געגלויבט, אז ער וועט נאָך בלייבען לעבען.

כאָטש ער האָט געהערט פון דעם בעטלער די מעשה מיט'ן פאַלשען בן מלך, פון דעסטוועגען האָט ער געהאָפט און געגלויבט, אז ער איז פאָרט דער אמת'ער בן מלך, אז דאָס קעניגרייך איז באמת זיינס, וואָרים דער פאָטער האָט דאָס איהם איבערגעגעבען פאר די אויגען פון אזוי פיעל מענשען. און דערפאר איז ער איצט דער מלך, און וועט בלייבען דער מלך אויפ'ן אָרט פון זיין פאָטער.

און כאָטש ער האָט נאָך געגלויבט, אז ער איז דער אמת'ער בן מלך און דער אמת'ער מלך, און אז עס וועט נאָך זיכער געשעהן א וואונדער, און ער וועט בלייבען לעבען, פון דעסטוועגען, ווען ער האָט אָנגעטראָפען דעם בעטלער צווישען די נאַקעטע בוימער פון דעם סוף־יאָהריגען וואלד, האָט ער זיך צו איהם געווענדט מיט אן אראָפגעלאָזטען קאָפּ און האָט געפרעגט:

— בעטלער, וואָס איז טויט?...

דער בעטלער האָט איהם דערויף געענטפערט:

— טויט, דאָס איז די מינוט ווען דער מענש געהט איבער צו דעם גרויסען ליכט פון דער וועלט.

— פאר וואָס זשע וויל דער מענש ניט שטארבען? פאר

וואָס ראַנגעלט זיך אַזוי דער מענש מיט'ן טויט ? — האָט געפרעגט דער יונגער מלך מיט אַ פאַרקלעמטען און ציטערדיגען האַרץ.

— דאָס ראַנגעלט זיך אַזוי דאָס שטויביגע אין דעם מענשען, וואָס קאָן זיך צום ליכט ניט דערהויבען. ווארים איידער דער מענש דערזעהט דאָס גרויסע ליכט פון טויט, טראָגט ער דאָך מיט זיך אויף דאָס שטויביגע אָרום איבער דער מעשה פון דער וועלט...

— טאָ פאַר וואָס זשע וויינען מענשען אַזוי ביטער איבער אַ טויטען ? — האָט דער יונגער מלך ווייטער געפרעגט.

— יאָ, מענשען וויינען ביטער איבער אַ טויטען — האָט זיך דער בעטלער אָנגערופען. — זיי וויינען ביטער און עס איז פאַר זיי שווער צו פאַרשטעהן, אַז זיי וויינען ניט אויף דעם אומגליק פון דעם טויטען. זיי וויינען אויף זיך. דאָס וויינט אין זיי דאָס קליינע, וואָס דערפיהלט און דערזעהט ווי אָט האָט איינער פון צווישען זיי זוכה געווען צו דערזעהן דאָס גאַנצע גרויסע ליכט, אָט האָט זיך איינער פאַר זייערע איינענע אויגען אויפגעהויבען העכער פון צייט און אָרט און זיי זענען דאָ איבערגעבליבען אָרטיגע, צייטיגע, מיט אַזוי פיעל נישטיגקייט אויף זייערע אַקסלען. דער וואָס איז געשטאָרבען ווערט פאַר זייערע אויגען אַ העלער, אַ ליכטיגער און זיי שטעהען פאַר איהם שוואַרצע, פינסטערע, און זיי שרייען און קלאָגען פון זייער פינסטערניש, און זיי ווייסען אפילו ניט, אַז דאָס קלאָגען זיי אַזוי אויף זיך אליין... און אין דער מינוט ווען אין זיי ציטערט אויף דאָס געפיהל אַז ניט דעם טויטען באַקלאָגען זיי, אַז דער טויטער האָט מיט זייער קלאָגען ניט צו טון, אין דער מינוט ווען זיי דערפיהלען, אַז עפּעס אַנדערש איז די סיבה פון זייער קלאָגען, נאָר זיי ווייסען נאָך אַלץ ניט וואָס.. דעמאָלט ווערט זייער טרויער קוויטשענדיג און גרילצענדיג. ווייל ער ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַן אָפּענעם ליגען.

דער יונגער מלך האָט מיט שרעק געהערט די ראָזיגע ווערטער

און נאָכדעם האָט ער מיט שרעק געפרעגט:

— וואָלט דען געווען רעכט מען זאָל לערנען די מענשען, אַז זיי זאָלען שטאַרבען צוליעב דער מעשה פון דער וועלט, צוליעב דעם ליכט פון דער וועלט? !

— ניין, אַ יונגער יונגלינג! — האָט אויסגעשריען דער בעטלער, — זאָלען דיר מעהר אַזוינע רייד אין מויל ניט קומען! וואָרים, ווי מיר וואָלטען פאַרמידען די ערד פון צו געבען פרוכט, ווען מיר וואָלטען זי פאַרדאַרבען, אַזוי וואָלט דאָך פאַרמידען געוואָרען די מעשה פון דער וועלט — דאָס ליכט פון דער וועלט, ווען די מענשען זאָלען שטאַרבען. און וויס, — די איינציגע אמת'ע טרייסט פון די מענשען וואָס לעבען אין לייד און אין פרייד — איז דאָס, וואָס זיי לעבען כדי פון זיי זאָל וואַקסען און געדייען די מעשה פון דער וועלט, דאָס ליכט פון דער וועלט, דאָס גרויסע ליכט...

— דאָס גרויסע ליכט, דאָס גרויסע ליכט! — האָט איבער־געזאָגט דער יונגער מלך ווי אַ פאַרווירטער. און נאָכדעם האָט ער געפרעגט:

— און וואָס איז דער נאָהענסטער וועג, דורך וועלכען דער מענש קאָן זיך באַהעפטען מיט דעם אמת'ן און גרויסען ליכט?

— תפילה, איז דער נאָהענטסטער וועג, — האָט איהם דערויף דער בעטלער געענטפערט.

— ווי אַזוי דאַרף די תפילה געטון ווערען? — האָט זיך געפרעגט דער יונגער מלך.

— אויף דעם, — האָט זיך דער בעטלער אָנגערופען, — וועל איך דיר דערצעהלען דיין לעצטע מעשה...

דאָס הארץ פון דעם יונגען מלך האָט דאָ אויפגעציטערט מיט אַ צאַפּעלדיגען שרעק און איז פאַר אַ צייט געבליבען שטיל. אַזוי דאַרף נעווים אויפציטערען אַ יונגער האַז וואָס דערפיהלט זיך פלוצ־לינג אין די נענעל פון אַ גרויסען אָדלער. נאָכדעם אָבער איז פאַר

איהם ווידער אויפגעשוואומען די האַפנונג, אַז אין דער לעצטער מינוט וועט נאָך געוויס אַ וואונדער געשעהן... און דאָס האָט איהם געשטאַרקט. און דער בעטלער האָט שוין דערווייל אָנגעהויבען צו רעדען. ער האָט דערצעהלט:

— זיי וויסען, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ שטומער בעטלער וואָס איז ניט שטום, נאָר ער רעדט בעסער ניט, וואָרים ער האָט אויסגעפונען, אַז זאַכען וואָס מען וויל זעהר שטאַרק זאָגען, ווערען ניט געהערט, ווי מען וואָלט וועלען אַז זיי זאָלען געהערט ווערען און דערפאַר קומט אויס, אַז וואָס מעהרער מען רעדט און מען זאָגט אַלץ שווערער ווערט אויפ'ן האַרצען, וואָרים מען דערפיהלט ווי די ווערטער רייסען זיך אומזיסט און אומנישט אָפּ פון זייער וואָרצעל, און פליהען ווי ווילדע פייגעל אַוועק ערגעץ אין דער גלאַטער וועלט אריין, אַזוי אַז מען קאָן זיי שוין אפילו צוריק ניט כאַפּען. און דערצו ווייסט ער, אַז ווען מענשען וואָלטען זיך אויסגעלערנט מעהרער שווייגען, אַז ווען זיי וואָלטען זיך אויסגעלערענט ניט צו רעדען אַזוי פיעל: וואָלטען זיי בעסער געהערט, און אייגעמס רייד וואָלטען ניט געווען ווי אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן מיסט. —אָין צט דער דאָזיגער שטומער בעטלער, וואָס איז ניט שטום, איז דאָס דער בעל תפילה פון דער וועלט. וואָרים תפילה קאָן דאָך אַ מענש טון ניט נאָר מיט'ן מויל נאָר אויך מיט'ן האַרצען. און אויב אפילו מיט'ן מויל, איז דאָך אָבער תפילה אַ זאַך וואָס מען טוט פריהער פון אַלץ פאַר זיך אליין. דעריבער טרעפט פאָרט, אַז דער שטומער בעטלער באַווייזט זיך אַמאָל ערגעץ אין אַן אָרט און נעמט צו די מענשען ריידען וועגען די גרויסע כחות וואָס ליגען אין תפילה באַהאַלטען, אַז אָהן תפילה איז דאָס מענשליכע לעבען ווי אַ פויגעל אָהן פליגלען. און ווייל זיינע רייד קומען ביי איהם דערמאָלט ארויס, ווי אַ גרויסע און ליכטיגע תפילה, — שטעלט ער זיך שוין אפילו ניט אָפּ, אויב מען הערט איהם ניט. וואָרים תפילה טוט מען

דאָך פריהער פון אַלץ דערפאַר, ווייל אין דעם אייגען האַרץ איז פאַראַן אַזאַ פאַרלאַנג אַזוי צו טון. און אַזוי ווי אַלץ וואָס דער בעל תפילה טוט איז דאָך תפילה, און אַזוי ווי ער איז דאָך דער אמת'ער בעל תפילה, האָט ער דעריבער אַזאַ קול און אַזוינע ווערטער, אַז אין אַלץ וואָס ער טוט און זאָגט פיהלט זיך דער גרויסער כח פון תפילה. זוכען זיך דערפאַר דעמאָלט אויף אַזוינע מענשען אין ווען זיינע ווערטער דרינגען אַריין אין האַרצען און זיי העפטען זיך אָן אָן איהם.

דעמאָלט נעמט זיי דער בעל תפילה מיט מיט זיך ערגעץ אין אַ וויטען אָרט, דאָרטען עסען זיי פרוכט פון זיינע בוימער און טרינקען וואַסער פון זיין טייך, און אויף קליידער קוקט מען דאָרט ניט, — ווי איינער געהט, געהט ער, — און דאָרטען לערענט ער מיט זיי די סודות פון תפילה, וואָרים יעדע תפילה דאַרף ברייגנען ליכט. „עס זענען אָבער דאָ תפילות וואָס קומען אַרויס אַזוי, אַז זיי שיינען מיט זייער אייגען ליכט, ווי עס שיינען דימענטען און בריליאַנטען, און ווידער זענען דאָ תפילות וואָס זענען נאָר ווי פענסטער, זיי שיינען ניט מיט זייער אייגען ליכט, אָבער זיי לאָזען דורך זיך דורך דאָס ליכט". און אַזוי ווידער זענען נאָך פאַראַנען פיעלע אַנדערע סאָרטען תפילות.

און נאָכדעם ווי דער בעל תפילה אַנטפּלעקט פאַר זיי די אַלע סודות פון תפילה, שיקט ער זיי אַוועק פון זיך אין פאַרשיעדענע לענדער, זיי זאָלען דאָרטען טון וואָס עס איז זיי באַשערט צו טון. און ביים געזעגענען זיך, זאָגט ער זיינע תלמידים שטענדיג אָן:

— געדיינקט, אַז תפילה קאָן זיין ניט נאָר אין ווערטער און אין נעזאַנג, נאָר אויך אין שווייגען און אין טואונגען. אַ מענש קאָן אפילו האַלץ האַקען און עס זאָל זיין ווי ער וואָלט תפילה געטון. געהט דעריבער איבער די לענדער פון דער וועלט און וועקט און לערנט די מענשען דעם סוד פון תפילה. געהט אום שטומער־

הייט, ביז עס וועט קומען אייער צייט פון רעדען, אָבער אויך אייער שטומען זאָל זיין ווי א תפילה. און באַגעגענט איהר א מענשען ביי זיין ארבייט צי ביי זיין חכמה, מאכט איהם צו פאַרשטעהן, אז די וועלט וועט טאקע אויסגעלייזט ווערען דורך ארבייט און דורך חכמה, אָבער נאָר דורך ארבייט און דורך חכמה, וואָס ווערט געטון ווי א תפילה.

און נאָכדעם ווי דער בעל תפילה לאָזט אָפּ זיינע תלמידים, לאָזט ער זיך ווידער אוועק אויף דער וועלט אלס א שטומער בעטלער, ביז ער זוכט פאר זיך דאָ און דאָרט אויף נייע מענשען. דעמאָלט נעמט ער רעדען.

עס טרעפט אָפט, אז דער בעטלער פארשטעלט זיך: אָט איז ער א בעטלער, און אָט איז ער א סוחר; אָט — א בעל עגלה און אָט — נאָר עפּעס אַן אנדערער, אַלץ ווי עס קומט איהם אויס.. וואָרים אזוי איז לייכטער אויסצוגעפינען די השגות פון יעדען מענשען. וואָרים עס טרעפט דאָך, אז אַן אָרעמאַן זאָל נאָר דאַרפען האָבען גאָלד און זילבער, כדי דערהויבען צו ווערען צו תפילה, און אַן עושר ווידער, טרעפט אמאָל אזוי, אז ערשט דעמאָלט קען ער דערהויבען ווערען צו תפילה ווען ער זאָל זיך אָנטהאָן אין אָפּגעריסענע קליידער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל איז דער בעל תפילה געוואָר געוואָרען, אז ערגעץ אויף דער וועלט האָט זיך אויפגעפונען א זעהר ווילדע מדינה. דאָס איז די מדינה פון עשירות. און ווייל די מענשען זענען דאָרטען זעהר רייך, זענען זייערע מוחות געוואָרען אזוי ווילד, אז זיי האָבען גענומען שאצען די ווערט פון איטליכען מענשען לויט זיין געלד. און זיי זענען שוין אזוי וויט אוועק אין זייער ווילדקייט, אז ביי זיי איז שוין געוועזען אויסגערעדט, אז דער וואָס פארמאָגט אזוי פיעל און אזוי פיעל צעהנער טויזענדער, באַלאַנגט צו אזא און אזא פּאָהן,

און דער וואָס פּאַרמאָגט הונדערטער טויזענדער באַלאַנגט צו אַן אַנדער פּאָהן, און אַזוי אַלץ לויט דער צאָהל טויזענדער וואָס איי־נער פּאַרמאָגט. און אויב איינער פּאַרמאָגט גאָר אַ סך טויזענדער, איז ער אַ מלך, און אויב איינער פּאַרמאָגט נאָך מעהר טויזענדער, איז ער אַ מלך איבער אַלע מלכים, און אויב איינער פּאַרמאָגט מילי־אָנען איז ער אַ גאָט. און דער וואָס פּאַרמאָגט גאָר אַ סך מיליאָ־נען איז ער אַ גאָט איבער אַלע געטער.

און אַזוי ווידער צוריק: אויב איינער פּאַרמאָגט גאָר אַ ביסעל געלט, איז ער גלאַט אַ מענש, און אויב איינער פּאַרמאָגט נאָך ווע־ניגער געלט איז ער שוין אפילו קיין מענש נים, נאָר אַ חיה, אָדער אַן עוף. און דערפאַר האָבען זיי ביי זיך מענשען, וואָס זיי רופען — לייבען, פערד, גענז און אַנדערע נעמען פון חיות און עופות. דער־פאַר אָבער איז ביי זיי אַ פערד, וואָס איז אויסגעפּוצט אין אַ געשפּאַן פון גאָלד און זילבער אַ מלאך און מען דאַרף איהם אָפּגעבען כבוד פון אַ מלאך. און אַ הונט וואָס טראָגט אַ רייכען צוים אויפ'ן מויל, איז ביי זיי אַ שטערען, און אַזוי האָבען זיי ביי זיך געהאַט אַלערליי מלאכים און אַלערליי שטערען און מזלות. און יעדער גאָט האָט ביי זיי געדאַרפט אַרומפאָהרען אויף מלאכים און פאַר איהם און נאָך איהם האָבען געמוזט נאָכלויפען שטערען און מזלות...

און זיי האָבען ביי זיך אַזוינע היטער, וואָס גיבען אָב־טונג, אַז טאָמער פאַרלירט עמיצער פון די מלאכים אָדער פון די געטער פון זיין רייכקייט, זאָל ער ווערען אויס מלך, אָדער אויס גאָט, אָדער ער זאָל גאָר אַרויסגעוואָרפען ווערען פון דער פּאָהן, צו וועלכער ער איז געוועזן פאַרעכענט.

און זיי האָבען אויך אַזוינע מענשען, וואָס גלויבען אין די גע־טער און זענען זיך מקריב צו זיי...

און זיי האָבען אויך אַזוינע מענשען, וואָס זענען נים קיין גלויבינע.

און די ניט גלויבינע מענשען ווערען רוצחים און גזלנים, און זיי גזלנ'ען אזוי לאַנג ביז זיי ווערען רייך און ווערען געטער און הייסען זיך נאָכדעם ברייננגען קרבנות פון די מענשען וואָס ווערען געראופען חיות אָדער עופות...

און ווען דער בעל תפילה האָט דערהערט פון דער דאָזיגער ווילדער מדינה, האָט ער אַ שווערען קרעכץ געטאָן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אהין, כדי צו העלפען יענע ווילדע מענשען.

און אַז ער איז אָנגעקומען אהין אין דעם לאַנד פון עשירות, איז ער פריהער אריין צו איינעם פון די מענשען וואָס איז דאָרטען פאַרעכענט פאַר אַ חיה, און ער האָט מיט איהם אָנגעהויבען צו רעדען, אַז אַ מענש דאַרף וויכען וועגען דעם וואָס איז וויכטיגער פון אַלץ אין דער וועלט. האָט איהם דערויף יענער גלייך געענטפערט, אַז ער ווייסט זעהר גוט וואָס עס איז דאָס וויכטיגסטע אין דער וועלט. דאָס וויכטיגסטע אין דער וועלט איז געלט. אַ מענש דאַרף זעהן צו האָבען זעהר אַ סך געלט און דאַרף שטענדיג זעהן צו האָבען אַלץ מעהר און מעהר, וואָרים דורך געלט קען מען אפילו ווערען אַ גאָט און אָהן געלט איז מען אַ חיה.

האָט דער בעל תפילה זיך אידאי גענומען איהם דערווייזען, אַז דאָס וויכטיגסטע אין לעבען איז תפילה. און אַז דער וואָס טוט תפילה און ווייסט דעם ריכטיגען וועג פון תפילה, איז גאָר אַ פיעל בעסערער און רייכערער מענש פון דעם וואָס האָט געלט.

האָט זיך דער מענש פון איהם אויסגעלאַכט און האָט שוין מעהר ניט געוואָלט הערען וואָס ער רעדט.

האָט זיך דער בעל תפילה גענומען ווענדען צו די אַנדערע מענשען פון דעם לאַנד עשירות.

האָבען איהם אויך יענע ניט געהערט און ניט געוואָלט הערען.

— מיר האָבען ניט קיין צייט פאַר אַזוינע רייד, — האָבען זיי איהם אַלע געענטפערט.

— ווי שיקט זיך אז מענשען זאָלען ניט האָבען קיין צייט צו הערען דאָס, וואָס איז דאָס וויכטיגסטע פאַר זיי אין זייער לעבען ?...

האָבען זיי דערויף שנעל געענטפערט, אז דאָס וויכטיגסטע אין לעבען איז געלט, און אז דערפאַר טאַקע האָבען זיי קיין צייט ניט, ווייל זיי איילען זיך אריינצוקריגען וואָס מעהרער געלט.

האָט זיך דער בעל תפילה גענומען די זאַך זעהר שטאַרק צום הארצען, און ער האָט אָפּגעזיפצט און אָפּגעוואַרט א ווייל, און האָט זיך צו זיי נאָכדעם באַוויזען א גאַנץ אַנדערער, און האָט זיך נאָכ־דעם אויף א גאַנץ אַנדער אופן גענומען רעדען צו זיי וועגען תפילה.

און אז די מענשען פון דעם לאַנד פון עשירות האָבען זיך אומגעקוקט, אז זיי האָבען דאָ צו טון מיט איינעם וועמען מען קען ניט אָפּשטופּען אַזוי לייכט, וואָרים ער האָט אין זיך אַזא מין כח, וואָס אז ער שטעלט עמיצען אָפּ, מוז ער בלייבען שטעהן און הערען, איז זיי פון דעם געוואָרען זעהר שלעכט, האָבען זיי גענומען און האָבען איהם איינגעשפּאַרט אין תפיסה.

דערווייל אָבער האָט זיך מיט א מאָל געלאָזט הערען, אז אויף דער וועלט איז אויפגעקומען א גרויסער גבור, וואָס האָט ארום זיך צונויפגענומען זעהר פיעל גבורים, און ער געהט מיט זיי אום איבער דער וועלט און נעמט איין מדינה נאָך מדינה, און אז ער געהט איצט מיט זיין וועג צו דעם לאַנד פון עשירות.

און דער גבור איז געווען אַזא, וואָס פאַר איהם איז נעגאַנגען זיין שם.

און זיין שם איז געווען, אז ער איז ניט א גבור ווי די גבורים וואָס פאַר איהם, וואָרים ער זוכט ניט קיין זאַק רויב און ער האָט פיינט געלד און גאָלד און זילבער. נאָר ער וויל, אז די מדינות זאָלען זיך איהם אונטערגעבען צוליעב א זעהר וויכטיגען ענין, וועגען וואָס ניט אַלע פאַרשטעהען... און די מדינות וואָס גיבען זיך איהם אונטער, טוט ער ניט קיין שלעכטס. נאָר די מדינות וואָס גיבען זיך איהם

ניט אונטער, לאָזט ער צוועק אונטער דעם שאַרף פון זיין שווערד. און אַז די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון עשירות האָבען דערהערט די דאָזיגע זאַך, איז אויף זיי אודאי אָנגעפאַלען אַ זעהר גרויסער שרעק. זיי וואָלטען אונטערגעשטאַנען זיך אונטערצוגעבען צום גבור, אָבער דאָס וואָס זיי האָבען זיך דערוואוסט אַז ער האָלט ניט פון געלט איז ביי זיי געווען ערגער פון אַלץ, ווייל דאָס האָט דאָך געהייסען, אַז ער האַלט ניט פון זייער אמונה. און פאַר דעם זענען זיי געווען גרייט זיך מקריב צו זיין, ווייל זיי האָבען זיך געטראַכט: וואָס איז דען דער גאַנצער לעבען און די גאַנצע וועלט, אויב ניט דאָס געלט און דאָס גאָלד און דאָס זילבער? !

דערווייל איז אָבער דער גבור מיט זיינע חילות געקומען אַלץ נעהענטער צו זייער לאַנד. און ווי דעם גבור'ס שטיינער איז געווען, האָט ער געשיקט צו דעם לאַנד עטליכע פון זיינע גבורים, אַז זיי זאָלען פריהער אויפאָדערען די איינוואוינער פון דעם דאָזיגען לאַנד — זיי זאָלען זיך אונטערגעבען.

און ווי נאָר דער בעל תפילה האָט דערהערט פון דער דאָזיגער זאַך, איז פון איהם גלייך ווי אַ שלייער אַראָפגעפאַלען. ער האָט מיט אַ מאָל אין זיך דערפיהלט אַ גאָר נייעם און גרויסען כח, און ער האָט זיך געהייסען אַרויספיהרען פון געפענגעניש, ווייל ער האָט עפּעס אַזוינס צו זאָגען צו די באַוואוינער פון דעם דאָזיגען לאַנד, וואָס קאָן זיי העלפען אין זייער איצטיגען אומגליק.

האָט מען איהם אַרויסגעפיהרט אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ, און עס האָבען זיך אַרום איהם פאַרזאַמעלט אַ סך מענשען צו הערען וואָס עס זענען די ווערטער, וואָס ער האָט זיי איצטער צו זאָגען.

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— הערט אויס איהר צושראָקענע באַוואוינער פון דעם דאָזיגען לאַנד פון רייכקייט. הערט אויס די מעשה וואָס איך האָב אייך צו דערצעהלען; הערט אויס די מעשה וואָס האָט געדרימעלט אין מיר,

ווי עס דרימלען פרוכטבארע וואָרצלען אין דער ווינטערדיגער ערד; הערט אויס די מעשה וואָס איז אין מיר אויפגעשפּרונגען ווי א לייב, וואָס וויל זי . שטייג צוברעכען, וואָרים ווי עס דערפיהלט די ערד איהר פרוכטבארקייט מיט די ווינטען פון אָנהויב זומער, ווי די ערד נעהמט זיך שפּרייטען מיט גרינס נאָך די ערשטע זומער רעגענס, ווי די לופט ווערט פול מיט פרישע ריחות און מיט געשרייען פון די נייע אָנגעקומענע זומער פויגעל, אזוי האָט מיט א מאָל גענומען פיהלען מיין הארץ, ווען איך האָב דערהערט וועגען דעם אָנקומען פון דעם גרויסען גבור, וואָרים ער זעהט אויס צו זיין דער גבור, דער שני למלך פון דעם מלך פון דעם לאַנד פון אלע לענדער.

וואָרים אמאָל איז אויף דער וועלט געוועזען א לאַנד, וואָס האָט אין זיך כולל געוועזען אלע לענדער. און אין דעם לאַנד איז געוועזען א גרויסער און ליכטיגער מלך, וואָס פלעגט זיך שטענדיג אויס־האַלטען אונטער פאַרהאַנגען, וואָרים זיין ליכטיגקייט איז אזא, אז קיינער איז נים געוועזען שטארק גענוג דאָס צו זעהן.

אָבער ווען די מענשען איבער וועלכע עס האָט געהערשט דער מלך פון דעם לאַנד פון אלע לענדער האָבען גענומען זינדיגען, איז דער מלך פאַראומגליקט געוואָרען...

דער ערשטער אומגליק פון דעם ליכטיגען מלך איז געוועזען, אז זיין איינציגער זוהן, דער שענער בן מלך, איז פאַרביטען געוואָרען אין דעם טאָג פון זיין געבורט. און אַן אַנדערער האָט גענומען וואַק־סען אויף זיין אָרט...

דער צווייטער אומגליק האָט געטראָפען גלייך נאָכ'ן ערשטען, וואָרים דער מלך האָט זיך פאַרטריבען זיין טאָכטער, די שענע בת מלכה, אין א בייזער שעה, און האָט זיך נאָכדעם נים געקאָנט טרייסטען.

האָט דעם מלך'ס שני למלך, דער גבור, נים געקאָנט צוזעהן דעם מלך'ס צער, האָט ער זיך אויסגערופען — ער וועט געהן אויס־

וכען די בת מלכה איז ער דערווייל אוועק און איז נאָך ביז איצט ניט געקומען...

און דער שני למלך איז געווען אַזאַ גרויסער גבור, אַז זיין גבורה האָט צו זיך נאָר קיין גלייכען ניט געהאַט.

די גרויסע גבורה איז געקומען צום גבור דורכדעם, וואָס ער איז אליין געווען אַן אמת'ער גבור, וואָרים עס איז אַלעמאָל געווען תפילה אין זיין גבורה, האָט איהם דערפאַר דער מלך ליעב געקראָגען און האָט איהם געוויזען דעם וועג צום קוואַל פון גבורה. איז דער שני למלך דורכדעם געוואָרען דער גרעסטער גבור אין דער וועלט. וואָרים ער האָט געקראָגען אַזאַ כח, אַז ווי נאָר ער הויבט אויף דעם שווערד אין זיין האַנד, אַזוי צולויפען זיך אַלע עלטסטע פון דעם שונא'ס חיל, און דאָס חיל ווערט צוטומעלט. און נים ער אַ מאַך מיט איין שאַרף פון זיין שווערד קריגען די חיילות די דאַר; און ניט ער אַ מאַך מיט'ן צווייטען שאַרף פון זיין שווערד נעמען די חיילות פאַלען ווי פליגען אין אָנהויב ווינטער.

און אַזוי האָט אויך דער מלך געהאַט אַ מליץ. און דער מליץ אליין איז אויך געווען אַ גרויסער מליץ, וואָרים עס איז געווען תפילה אין זיינע שענע רייד, האָט איהם דערפאַר דער מלך אָנגעוויזען דעם וועג וואָס פיהרט צום קוואַל פון שעהנקייט. און זיינע רייד האָבען גענומען טריפען ווי אַ באַפרוכטענדער רע־גען און זיינע רייד האָבען גענומען פליסען ווי אמת'ער ווייַן.

און אַזוי האָט דער מלך אויך געהאַט אַ גרויסען חכם, וואָס איז אליין אויך געווען אַ חכם, און אַזוי ווי עס איז געווען תפילה אין זיין חכמה, האָט איהם דערפאַר דער מלך ליעב געקראָגען און האָט איהם אויסדערוועהלט און האָט איהם אָנגעוויזען דעם קוואַל פון חכמה און דער חכם איז דורכדעם געוואָרען דער גרעסטער חכם אין דער וועלט.

און אַזוי האָט דער מלך אויך געהאַט אַ האַר, וואָס האָט אין

זיך געהאַט זעהר פיעל פון דעם גרויסען כח פון ליעבע, זיין ליעבע איז געוועזען ווי א גרויסע און ליכטיגע תפילה, און זי איז געווען אנגעקניפט אין דעם מלך׳ס הויז ווי די זון אין דעם באַטאָגינען הימעל און האָט געפינקעלט ווי די שטערען און די לבנה אין דעם הימעל פון א נאכט וואָס איז ליכטיג. דער דאָזיגער האַר איז דאָס געוועזען דעם מלכ׳ס אוהב נאמן און דער מלך האָט איהם אויך זעהר ליעב געהאַט, און ער האָט איהם דערפאַר אָנגעוויזען דעם וועג, וואָס פיהרט צו דעם קוואַל פון ליעבע, און זיין ליעבע איז דורכדעם געוואָרען אזוי גרויס, אז עס קאָן גאָר צו איהר קיין גלייכען ניט געמאָלט זיין.

און אזוי האָט אויך מיר דער מלך אָנגעוויזען דעם וועג, וואָס פיהרט צו תפילה, וואָרים ער האָט צו מיר געזאָגט, אז אָהן תפילה האָט קיין זאך קיין האפט ניט, אז וואָס מעהר תפילה עס איז דאָ אין א זאך אַלץ גרעסער איז איהר טואונג, אַלץ ווייטער איז איהר גאַנג.

דערווייל אָבער האָט זיך אונטערגערוקט דער גרויסער אומגליק, וואָרים אונזער גבור איז ניט געווען, און אז עס איז געקומען די צייט, אז יעדער איינער פון אונז האָט באַראַרפט געהן אין זיין אָרט צו באַנייען זיין כח, איז ווי מיר האָבען זיך צושייד און יעדער פון אונז איז אַוועק אויף זיין וועג, אזוי האָט אויף דער וועלט אויסגעבראָכען א גרויסער שטורעם... און דער שטורעמווינד האָט איבערגעמישט גאָר די וועלט, און ער האָט געמאַכט פון ים טרוקעניש און פון טרוקעניש — ים. און ער איז אריין אין דעם הויז פון מלך, און ער האָט צושטערט דאָס גאַנצע הויז... און אין מיטען דעם שטורעם האָט די מלכה דערהערט דאָס שרייען פון איהרע פארלאָרענע קינדער, און עס איז איהר צוריק אריין די מילך אין ברוסט און זי האָט זיך געלאָזט לויפען נאָך די געשרייען און זי איז ערגעץ פאַר־

פאַלען געוואָרען. און אזוי איז ערגעץ אויך דער מלך אוועק און מען ווייסט ניט וואו...

און אזוי זענען מיר אַלע צושפּרייט געוואָרען און מיר האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע ניט געקאָנט געפינען, כאָטש מיר האָבען זיך זעהר לאַנג אַרומגעזוכט.

זגאָרים אויף דער וועלט איז נאָך דער איבערקערעניש געקומען אַ שרעקליכע פאַרבלענדעניש.

וואָרים, אַז איך בין שוין אפילו געקומען צו אַן אָרט, וואו איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהן דעם מלך'ס קרוין און איך האָב גע־וואוסט, אַז דאָ מוז ערגעץ זיין דער מלך, האָב איך אָבער דעם מלך פאַרט ניט געקאָנט זעהן, און געפינען.

און אזוי בין איך ווייטער געגאַנגען, ביז איך בין געקומען צו אַ פּלאַץ איבער וועלכען עס האָבען זיך געשפּרייט טייכען מילך און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די טייכען קומען געוויס פון דער מלכה'ס מילך, וואָרים מיר האָבען אַלע געוואוסט, אַז זינט זי איז געוואָר געוואָרען, אַז דער בן מלך איז אַ פאַרביטענער, — אַז זי האָט אויס־געזויגען ניט דעם אמת'ען בן מלך, פלעגט איהר פון מאָל צו מאָל צוריק קומען די מילך. און די מילך פלעגט נעהמען שפּאַרען צו דער ברוסט און פלעגט נעהמען רינען אין טייכען... און כאָטש איך בין איצט פאַרביינעגאַנגען די דאָזיגע טייכען, פון דעסטוועגען האָב איך די מלכה אַליין ניט געקאָנט זעהן און געפינען.

און אזוי בין איך אויך פאַרביינעגאַנגען אַן אָרט, וואו איך האָב דערזעהן און דערקאָנט די גאָלדענע האָר פון דעם אמת'ען בן מלך, אָבער דעם בן מלך אַליין האָב איך ניט געקאָנט זעהן און געפינען.

און איך בין אויך צוגעקומען צו אַ ים פון בלוט און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער ים איז דאָס געוויס געוואָרען פון דער בת מלכה'ס בלוטיגע טרערען, אַז זי זיצט דאָ ערגעץ ניט ווייט און

ווייגט אויף איהר גרויסען אומגליק, וואס נאך אזוי פיעל לאנגע יאהרען פון בייגקען און האפען, אז אט אט וועט זי אויפגעזוכט ווערען, און באפרייט ווערען, און געבראכט ווערען צוריק אין דעם הויז פון איהר פאטער, איז נאר דאס גאנצע הויז צושטערט גע־ווארען. און כאטש איך האב געזעהן דעם ים פון איהרע בלוטיגע טרערען, און האב גוט געוואוסט, אז איך בין ערגעץ ניט ווייט פון איהר, פונדעסטוועגען האב איך זי אליין ניט געקאנט זעהן און געפונען.

און אזוי בין איך אויך פארביינעגאנגען א ים פון וויין און האב געוואוסט, אז דאס איז געווים פון די רייד פון דעם מליץ, אז דאס מוז ער דא ערגעץ זיין און ריידען אזוי פיעל טרייסט ווערטער פאר עמיצען פון דעם מלך׳ס הויז, פון דעסטוועגען האב איך איהם אליין ניט געקאנט זעהן און געפינען.

און אזוי בין איך אלץ ווייטער געגאנגען ביז איך האב דער־זעהן אן אויסגעשטרעקטע האנט און איך האב דערקאנט, אז דאס איז די האנט פון אונזער חכם, און איך האב דערזעהן ווי אין די סנייטשען און אין די צייכענס פון דער האנט זענען געווען אויס־געקריצט אלע וועגען פון דער וועלט, אבער איך בין געגאנגען און געגאנגען און דעם חכם אליין האב איך ניט געקאנט זעהן און גע־פינען.

און אזוי בין איך אויך פארביינעגאנגען א בארג, אויף וועלכען עס זענען געשטאנען די גילדערנע טישען מיט די אוצרות פון דעם מלך, אבער דעם ממונה איבער די אוצרות האב איך פארט ניט גע־קאנט זעהן און געפונען.

און איך בין אויך פארביינעגאנגען אן ארט, וואו איך האב גע־זעהן ליגען דעם בויגען פון אונזער גבור, אבער דעם גבור אליין האב איך אויך ניט געקאנט זעהן און געפינען.

און אזוי ביז אויף הייגטיגען טאג.

מיט דער צייט האָט יעדער פון אונז זיך נאָר אָפּגעוואוינט צו טראַכטען פון דעם גרויסען אומגליק, ביז מיר האָבען כמעט אינ־גאַנצען פאַרגעסען ווער מיר זענען און פון וואַנען מיר שטאַמען.

און קיינער פון אונז קאָן שוין נאָר מעהר ניט געהן צו דעם אָרט וואו ער קאָן באַנייען זיין כח, ווייל די וועלט איז דאָך שוין געוואָרען אַן איבערגעקעהרטע און מען דאַרף שוין איצט האָבען נאָר אַנדערע וועגען...

אָבער דאָס ביסעל כח, וואָס איז ביי איטליכען פון אונז גע־בליבען פון לאַנג, איז נאָך אויך זעהר גרויס.

און דעריבער, ווי נאָר איך האָב דערהערט פון דעם אָנקומען פון דעם גרויסען גבור, ווי נאָר איך האָב דערהערט פון זיינע וועגען און פון זיינע טואונגען, אַזוי האָט פאַר מיר גלייך אויפגעשיינט די גאַנצע מעשה, אַזוי האָב איך גלייך אויפגעציטערט מיט אַ גרויס ציטערניש, ווייל אַ גרויס ליכט איז מיט אַ מאָל אויפגעגאַנגען פאַר מיינע אויגען, ווייל איך האָב דערפיהלט, אַז עס קומט די צייט ווען עס נעמט זיך צוריק אויפבויען דאָס הויז פון דעם מלך, עס נעמט זיך צוריק אויפשטעלען דאָס לאַנד וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער, עס נעמען זיך אויפזוכען דעם מלך׳ס הויזגעזינד.

— —

איז די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון עשירות די מעשה פון דעם בעל תפילה זעהר געפעלען געוואָרען, אָבער דאָס ערשטע פון וואָס זיי האָבען געגומען טראַכטען נאָך דער דאָזיגער מעשה איז געווען, אַז זיי דאַרפען זיך איצט אַלע לאָזען זוכען דעם בערג, וואו עס שטעהען די גילדערנע טישען מיט די אוצרות פון דעם מלך, ווייל, זיי האָבען זיך געזאָגט, אַז די אוצרות פון אַזא מלך דאַרפען דאָך געווים ווערט זיין זעהר פיעל געלט!...

און אַז דער בעל תפילה האָט דאָס דערהערט, האָט ער צו זיי אויסגעשריען:

וועה צו אייך און וועה צו אייער נאַרישען שכל! ווי טיעף איהר זענט פאַרזינקען אין אייער תאוה צו געלט, אז אפילו ווען מען דערצעהלט אייך פון דעם גרויסען און ליכטיגען מלך האָט איהר נאָר אין זינען זיינע גאָלדענע טישען... איהר זענט דאָך גלייך צו גנבים, וואָס מען פיהרט צו באוואונדערען די שעהנקייט פון דעם מלך'ס הויז, און זיי האָבען נאָר אין זינען צו קוקען אויף זאכען וואָס מען קאָן לייגען אין קעשענע.

און אז די מענשען האָבען דערהערט אזוינע רייד, זענען זיי אָנגעפאַלען אויף דעם בעל תפילה און האָבען איהם נאָר געוואָלט הרג'ענען.

זענען אָבער דערביי אויך געווען די שלוחים וואָס דער גבור האָט געשיקט אין לאַנד כדי צו וואָרענען די איינוואוינער, אז זיי זאָלען זיך בעסער אונטערגעבען, האָבען זיי זיך איינגעשטעלט פאַר דעם בעל תפילה. און איינער פון זיי האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט צו זיי אזוי געזאָגט:

דער בעל תפילה האָט אייך דאָ דערצעהלט, וואָס עס איז געווען איידער אויף דער וועלט איז געקומען דער גרויסער שטורעם. און איך וועל אייך דערצעהלען, וואָס עס איז געווען אויף דער וועלט נאָך דעם גרויסען שטורעם. וואָרים מיר האָבען אזוינע ביכער וואו עס איז פאַרשריבען, ווי אזוי די וועלט האָט זיך אָנגעהויבען איינ־טהיילען נאָך דעם גרויסען שטורעם.

וואָרים נאָכ'ן גרויסען שטורעם, ווען עס האָבען זיך צונויפ־געזאַמעלט אלע מענשען פון דער וועלט און זיי האָבען גענומען טראַכטען, אז זיי דאַרפען האָבען א מלך, האָבען זיי זיך פאַנאַנדער־געטהיילט אין זייערע דעות.

פון אָנהייב האָבען זיי אלע געהאַט איין דעה, וואָרים זיי האָבען אלע געזאָגט, אז מען דאַרף האָבען א מלך, און אז דער מלך דאַרף זיין אזא, וואָס פאַרשטעהט דעם תכלית פון דער וועלט. נאָר

ווען זיי האָבען גענומען צווישען זיך קלאָהר ווערען אין וואָס עס באשטעהט דער תכלית פון דער וועלט, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז עס זענען דאָ זעהר אַ סך דעות. און איבער די דאָזיגע דעות זענען די מענשען צוטיילט געוואָרען אין אַ סך כתות.

אַ טהייל מענשען האָבען געזאָגט, אז דער תכלית פון דעם מענשענ'ס לעבען אויף דער וועלט איז כבוד, וואָרים יעדער מענש זוכט דאָך צו קריגען כבוד, און קיין מענש קאָן ניט פארליידען, אז מען זאָגט עפּעס קעגען זיין כבוד... און אפילו נאָך עמיצענס טויט זוכען מענשען אויך אָפּצונעבען כבוד. איז דאָך דערפון גערדרינגען, אַז כבוד איז דער עיקר תכלית. און די דאָזיגע מענשען וואָס האָבען געהאַט אַזאַ דעה האָבען זיך אויסגעטהיילט פון די אנדערע מענשען, און זיי האָבען פון זיך געמאַכט אַזאַ כתה, און זיי זענען אוועק צו זוכען פאַר זיך אַ מלך. זענען זיי אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז זיי האָבען באַגעגענט אַן אַלטען בעטלער, אַ ציגיינער מיט זעהר פיעל ציגיינערס. דער אַלטער בעטלער איז שוין געווען שטום און בלינד און קרום, נאָר די עטליכע הונדערט ציגיינער וואָס זענען געגאַנגען מיט איהם, זענען אָבער אַלע געווען זיינע קינדער און קינדס־קינדער. האָבען זיי דערפאַר אַלע געפאָלגט זיינע באַפעהלען. און זיי האָבען איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד. און איהם איז דאָס נאָך אַלץ קאַרג געווען, און ער האָט נאָך אַלץ פאַר־איינס געוואָלט מעהר און מעהר כבוד, און האָט זיך אַלץ געהאַלטען אין איין כעס'ען, און האָט אַלע מאָל פארלאַנגט, אז דער זאָל איהם טראָגען, דער — ברייננען, דער — דערלאַנגען... און אַז די כתה וואָס האָט געגלויבט, אַז דער עיקר תכלית פון דער וועלט איז כבוד, האָט דאָס דערזעהן ווי פיעל כבוד דער בעטלער האָט און ווי שטאַרק ער יאָגט זיך נאָך אַלץ מעהר און מעהר כבוד, האָבען זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער איז דאָס דער ריכטיגער מלך פון כבוד, און זיי האָבען איהם דערפאַר אויפגענומען פאַר אַ מלך איבער זיך. און זיי האָבען פאַר זיך אויפגעזוכט אַ

לאַנד, און זיי האָבען זיך דאָרט באַזעצט און באַפעסטיגט מיט זייער מלך.

און אַנדער כתה ווידער האָט געזאָגט, אַז דער תכלית פון דער וועלט איז ניט כבוד, נאָר פאַרלענדונג. וואָרים מיר זעהן דאָך אַז אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער וועלט, סיי אין גראָז, סיי אין פרוכטען, סיי אין חיות סיי אין מענשען, ווערט צום סוף פאַרלענדט... האָבען זיי זיך אויך אָפגעטיילט פון די אַנדערע מענשען און זענען אַוועק זוכען אַ מלך פאַר זייער כתה. ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען האָבען זיי מיט אַ מאָל דערהערט אַ גרויס געשריי. האָבען זיי געפרעגט:
— וואָס איז דאָס פאַר אַ געשריי? האָט מען זיי געענטפערט און געזאָגט, אַז דאָס האָט איינער נאָר וואָס געקוילעט זיין אייגענעם פאָטער און זיין אייגענע מוטער, און זיין ווייב, און זיינע קינדער. און אַז די מענשען פון דער כתה האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי זיך אָנגערופען און האָבען געזאָגט:

— יעדער רוצח דינט דאָך דעם אמת'ען תכלית פון דער וועלט, ווייל ער דינט דאָך דעם תכלית פון פאַרלענדונג, אָבער דער דאָזיגער איז דאָך אודאי זעהר אַ גרויסער רוצח. און מען קאָן זיך שוין גאָר קיין גרעסערען רוצח פון איהם ניט פאָרשטעלען.

און זיי זענען געגאַנגען און האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיך, און זיי האָבען פאַר זיך אויפגעזוכט אַ לאַנד, וואָס זאָל זיך פּאַסען פאַר זיי. און זיי האָבען זיך דאָרט באַזעצט און באַפעס־טיגט מיט זייער מלך.

נאָך אַנדערע האָבען זיך אויסגעטיילט אין אַ בעזונדער כתה דערפאַר וואָס זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז אַ שעהנע פרוי ברייננט צום עיקר תכלית פון דער וועלט, און זיי זענען דעריבער געגאַנגען און האָבען פאַר זיך אויפגעזוכט אַ זעהר שעהנע זונה און האָבען זי גע־מאַכט מלך איבער זיך.

און אַנדער כתה האָט געזאָגט, אַז דער חלוק צווישען מענשען

און בהמה איז דאָך אין דעם, וואָס א מענש קאָן ריידען און א בהמה קאָן נים. איז דאָך דערפון געדרונגען, אז דער עיקר תכלית פון דעם מענשען איז דאָס ריידען. זענען זיי געגאַנגען און האָבען פאַר זיך געזוכט א מלך, ביז זיי האָבען באַגעגענט א פאַרווירטען מענשען, וואָס האָט אַלץ געהאַלטען אין איין ריידען צו זיך אַליין, און דערצו האָט ער נאָך גערעדט אויף פאַרשיעדענע לשונות. איז ער זיי זעהר געפעלען געוואָרען. וואָרים וואָס מעהר לשונות איינער רעדט, אַלץ מעהר שייד ער זיך דאָך אָפּ פון א בהמה, און דערצו האָט ער דאָך נאָך זייער פערשטאַנד זעהר שטאַרק ליעב צו ריידען, וואָרים ער רעדט דאָך אפילו צו זיך אַליין. האָבען זיי איהם דערפאַר אויפגענו־מען פאַר א מלך איבער זיך און האָבען זיך מיט איהם באַזעצט און באַפעסטיגט אין א לאַנד.

איין כתה ווידער איז געווען אזא, וואָס האָט געדרונגען, אז דער תכלית פון דער וועלט איז פרייד, וואָרים ווען א מענש ווערט געבוירען איז א פרייד, ווען א מענש האָט א חתונה, איז א פרייד, און ווען מען נעמט אָפּ א מדינה, איז א פרייד. איז דאָך דערפון גע־דרונגען, אז פרייד איז די גרעסטע זאַך אין דער וועלט. דעריבער דאַר־פען זיי פאַר א מלך איינעם וואָס איז שטענדיג פרעהלאַך. האָבען זיי אָנגעטראָפען א גוי, וואָס איז געווען אָנגעטון אין א צוריסע־נער העמד און אין צוריסענע לייווענטענע פּלידערען, נאָר ער האָט אין איין האַנד געטראָגען א פלאַש בראָנפען, און האָט געטאַנצט און איז געווען זעהר פרעהלאַך, און נאָך איהם זענען נאָכגעגאַנגען א סך גוים און ער האָט זיי אַלע געמאַכט פרעהלאַך מיט זיינע שטיק, וואָרים ער איז געווען שיכור. האָט די כתה ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער איז דער ריכטיגער מענש, וואָרים כאָטש ער איז אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען איז ער אַליין פרעהלאַך און מאַכט נאָך אַנדערע פרעהלאַך. און ער איז זעהר געפעלען געוואָרען אין זייערע אויגען. און זיי האָבען איהם געקרוינט פאַר א מלך איבער זיך און זיי האָ־

בען אויפגעזוכט אַן אָרט וואו עס וואַקסען אַ סך ווייַנטרויבען. און זיי האָבען זיך דאָרט באַזעצט און באַפעסטיגט מיט זייער מלך.

אנדערע ווידער האָבען געזאָגט, אַז דער תכלית פון דער וועלט איז חכמה. האָבען זיי פאַר זיך אויפגעזוכט אַ גרויסען חכם און האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיך.

און נאָכדעם האָט דעם גבור'ס שליח, וואָס האָט זיי דאָס אַלץ דערצעהלט, זיך אָנגערופען:

עס זענען אודאי געווען נאָך פיעלע אנדערע כתות. וואָרים אַט זעהן מיר דאָך, אַז איהר זענט אַ כתה וואָס גלויבט, אַז געלט איז דער עיקר תכלית פון דער וועלט. אָבער די אנדערע כתות זענען אין אונזערע ביכער נאָך ניט פאַרשריעבען. די לעצטע כיתה וואָס איז אין אונזערע ביכער פאַרשריעבען, איז די כיתה פון די גרויסגלידערדיגע. און די גרויסגלידערדיגע זענען מיר אליין, ווייל מיר האָבען געזאָגט, אַז דער עיקר תכלית פון דעם מענשענס לעבען איז צו גרויסען די גלידער, כדי מען זאָל פאַרנעמען וואָס מעדר אָרט אין דער וועלט. און דעריבער איז עסען און טרינקען אויך אַ טייל פון דעם תכלית פון דער וועלט, ווייל דורך עסען און טרינקען גרויסען זיך די גלידער. און מיר האָבען זיך אויפגעזוכט אזוינעם וואָס עסט אַ סך און האָט גרויסע גלידער, וואָרים אזוינער האָט דאָך מעהר חלק אין דער וועלט פון אַלע אנדערע. און מיר האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיך.

איינמאָל אָבער ווען מיר, די גרויסגלידערדיגע, האָבען מיט זיך מיטגענומען אַ סך עסען און טרינקען און האָבען זיך געלאָזט איבער דער וועלט אינאיינעם מיט אונזער מלך, און מיר האָבען אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף דער גאַנצער וועלט מיט אונזער גרויסקייט, איז אונז אַנטקעגען געקומען אונזער איצטיגער גבור. און כאָטש די גאַנצע וועלט האָט זיך געשראָקען פאַר אונז, האָט ער זיך פאַר אונז ניט געשראָקען, און ער האָט אונז אָפּגעשטעלט אויף אין מיטען וועג.

און ער האָט אונז צוטהיילט, אהין און אהער. און ער איז אריין צווישען אונזערע וואָגענס מיט עסען. און ער האָט אויפגעגעסען און אויסגעטרונקען אלץ וואָס מיר האָבען מיט זיך געפיהרט פאַר דער גאַנצער מחנה... איז דאָס פאַר אונז געווען א גרויס וואונדער, זענען מיר פאַר איהם אלע גלייך אנידערגעפאַלען און מיר האָבען זיך געבוקט צו איהם און מיר האָבען איהם געמאַכט פאַר מלך איבער אונז. און ער פיהרט דאָס אונז איצט אום איבער דער וועלט. און ער נעמט איין לענדער און ער זוכט ניט קיין גאָלד און זילבער, ווייל ער האָט דאָס פיינט, און ער נעמט ניט קיין אנדער זאַך רויב. נאָר ער טוט דאָס צוליעב עפּעס אַן אנדער זאַך און אין וואָס די זאַך באַשטעהט זאָגט ער אונז נים. נאָר מיר מוזען געהן מיט איהם און מיר מוזען איהם פאָלגען. און וועה וועט זיין צו אייך ווען איהר וועט זיך ניט אָפּזאָגען פון אייער נארישען שכל. און טויזענד מאָל וועה וועט זיין צו אייך, אויב איהר וועט זיך אנטקעגנען שטעלען. וואָרים דעמאָלט וועט ער איבער אייך אויפ־הויבען זיין גרויסען, שאַרפען שווערד, וואָס האָט אין זיך די דריי מדות, פון וועלכער דער בעל תפילה האָט אייך דאָ דערצעהלט, און ער וועט אייך אָפּווישען פון דעם פנים פון דער ערד.

האָבען זיך די מענשען פון דעם לאַנד פון עשירות זעהר שטאַרק דערשראָקען פאַר די רייד פון דעם שליח און זיי האָבען גענומען בעטען דעם בעל תפילה, אז ער זאָל פאַר זיי געהן מיט די שלוחים צום גבור, און זאָל ביי איהם בעטען פאַר זיי, אז ער זאָל זיי אָפּ־ווארטען א געוויסע צייט, ביז זיי וועלען זיך איבערלייגען און איהם געבען ענטפער.

איז דער בעל תפילה מיט די שלוחים אוועק צום גבור.

און ווי דער בעל תפילה איז אזוי נעגאַנגען אויפ'ן וועג מיט די שלוחים פון דעם גבור, האָבען זיי אָנגעטראָפען א גרויסע כיתה וואָס האָט געגלויבט, אז דער עיקר תכלית איז תפילה. די

דאָזיגע כיתה האָט שוין ביי זיך געהאַט א מלך, א בעל תפילה, נאָר ווען זיי האָבען דערזעהן דעם אמת'ען בעל תפילה, וואָס ניט נאָר זיין דאַוונען, נאָר אַלע זיינע טואונגען זיינען געוועזן תפילה. האָבען זיי אינאיינעם מיט זייער מלך איינגעזעהן, אז ער פּאַסט זיך בעסער צו זיין מלך איבער זיי, און זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר זייער מלך.

האָט דער בעל תפילה אין דעם נאָכאַמאָל געזעהן א סימן, אז עס קומט די צייט ווען עס הויבט זיך צוריק אָן אויפשטעלען די גרויסקייט פון דעם אמת'ען מלך, די גרויסקייט פון דעם לאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער...

און ווען דער בעל תפילה איז געקומען צום גבור און זיי האָבען זיך דערקאָנט, איז די שמחה אודאי געוועזן זעהר גרויס. און דער גבור האָט דערצעהלט דעם בעל תפילה אַלץ וואָס מיט איהם האָט געטראָפען און ווי אזוי, נאָכדעם ווי ער איז געלאָפען ווי א הירש מיט דער כלי אויף זיינע צוצווייגטע הערנער, האָט ער פּלוצלינג פאַר־געסען צו האַלטען זיינע אויגען צו מזרח געווענדט. און ווי נאָר ער האָט אַוועקגענומען זיינע אויגען פון מזרח, אזוי האָט מיט א מאָל אויסגעבראָכען דער גרויסער שטורעם און עס האָט איהם גענומען טראָגען אין דער לופטען, ביז ער איז געוואָרען אזוי ווי ער איז, און האָט גענומען פאַלען אַראָפּ. און האָט מיט זיינע אייגענע אייגען געזעהן ווי די טייער־ע כלי, וואָס איז געווען איינגעוויקעלט אין דער בת מלכה שלייער, איז ווייטער געפלויגען אין דער לופטען און איז ערגעץ פארשוואונדען געוואָרען...

און די לייט פון דעם לאַנד פון עשירות, וואָס האָבען זיך אָפּ־געבעטען ביי דעם גבור אויף א באַשטימטער צייט, האָבען זיך צו־נויפגענומען און האָבען גענומען טראַכטען וואָס צו טון. און עס איז ביי זיי געבליבען, — אזוי ווי ערגעץ ווייט פון זיי איז פאַראַן נאָך א לאַנד וואָס גלויבט אויך אז דער עיקר תכלית פון דער וועלט

איז געלט, נאָר יענע זענען דאָרט שוין אַזוי רייך, אַז זיי זענען שוין אַלע געטער, און די פערד אויף וועלכע זיי פאָהרען זענען אַלע לויטער מלאכים, וועלען זיי דעריבער געהן צו יענעם לאַנד וואָס איז פול מיט מלאכים און מיט געטער און וועלען ביי זיי בעטען, אַז זיי זאָלען זיי העלפען פון די הענט פון דעם גבור, וואָס איז געגען זייער־אמונה.

האָבען זיי פון זיך אויסגעקליבען שלוחים און האָבען זיי גע־שיקט צו יענעם לאַנד.

ווי אָבער די שלוחים זענען געווען אויפ'ן מיטען וועג, האָבען זיי אָנגעטראָפען אַ זעהר הויכען מענשען. דער מענש האָט געטראָ־גען אַזאַ מין מאָרגענס הוט, און אַזאַ מין הויכען שטעקען. און דער הוט מיט דעם שטעקען זענען געווען באַזעצט מיט די טייערסטע דימאַנטען אין דער וועלט, און מיט אַזעלכע אַנדערע טייערע שטיי־נער, וואָס ווען מען זאָל צונויפנעמען דאָס גאַנצע רייכטום פון זייע־רע געטער מיט דעם רייכקייט פון די געטער וואָס געפינען זיך אין דעם לאַנד וואוהין זיי געהן נאָך הילף, וועט דאָס רייכקייט פון דעם הוט מיט דעם שטעקען אַריבערוועגען זייערע אַלעמענס רייכקייט.

און אַז די שלוחים פון דעם לאַנד פון עשירות האָבען דאָס דערזעהן, זענען זיי גלייך געפאַלען אויף זייערע פנים'ער פאַר דעם דאָזיגען גרויסען מענשען, וואָרים נאָך זייער נאַרעשען שכל איז דאָך אויסגעקומען, אַז דער דאָזיגער גרויסער מאַן מיט דעם מאָר־גענס הוט און הויכען שטעקען מוז אודאי זיין דער גאָט איבער אַלע געטער פון אַלע לענדער.

און דער דאָזיגער גרויסער מאַן מיט'ן הויכען שטעקען איז דאָס געווען דער ממונה איבער די אוצרות פון דעם גרויסען מלך.

און אַז דער ממונה האָט דערזעהן, אַז זיי חדוש'ען זיך אַזוי שטאַרק איבער דער רייכקייט פון זיין הוט און פון זיין שטעקען

האָט ער זיי גענומען און האָט זיי אָוועקגעפיהרט צו דעם באַרג וואו עס זענען געשטאַנען די גאָלדענע טישען מיט דעם מלך'ס אוצרות.

און אַז די לייט פון דעם לאַנד פון עשירות האָבען דערזעהן די דאָזיגע אוצרות צו וועלכע עס קאָן גאָר אויף דער וועלט קיין גלייכען ניט זיין, האָבען זיי זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען גענומען שטרעקען זייערע הענט צו די טישען... ווי נאָר אָבער זיי האָבען געוואָלט אָנגעהמען אַ זאַך אויף צו באַהאַלטען אין זייערע קליידער האָט זיי דער גאָלדענער טיש אָפגעוואָרפען פון זיך אויף עטליכע מיילען....

זענען זיי ווידער געפאַלען דעם ממונה צו די פיס און זיי האָבען איהם גענומען בעטען ער זאָל געהן מיט זיי אין זייער לאַנד און זאָל הערשען און געוועלטיגען איבער זיי, וואָרים זיי דאַרפען איצט האָבען אַזאַ גרויסען גאָט איבער זיך. וואָרים אַ זעהר שרעקליכער גבור איז געקומען אויף זייער לאַנד און זיי האָבען ניט ווער עס זאָל זיי ראַטעווען פון זיינע הענט.

האָט דער ממונה ביי זיי גענומען פרעגען ווער עס איז דער דאָזיגער שרעקליכער גבור? — האָבען זיי איהם דערצעהלט אַלץ וואָס זיי האָבען געהערט וועגען גבור פון דעם בעל תפילה. און אַז דער ממונה האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ווייזט אוים געקומען די צייט ווען עס הויבט זיך ווידער אָן צונויפשטעלען דאָס לאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער, עס הויבט זיך אָן אויפבויען דאָס צושטערטע הויז פון דעם מלך.

און ער האָט זיך אָנגערופען צו די שלוחים פון דעם לאַנד פון עשירות און האָט צו זיי געזאָגט:

— יאָ, איך וועל געהן מיט אייך און איך וועל אייך זעהן העלפען אין אייער נויט.

און ער איז געגאַנגען מיט זיי און ער האָט זיך געלאָזט זאָלבען פון זיי צו זיין אַ הערשער איבער זייער לאַנד.

ווי נאָר אָבער דער ממונה האָט דערזעהן, ווי זיי כאַפּען די מענשען, וואָס זיי רופען אָן חיות און עופות און ווילען זיי מקריב זיין צו איהם, האָט ער זיי באַפוילען דאָס ניט צו טון. ניט איצט און ניט קיינמאָל.

זענען דערויף די מענשען פון דעם לאַנד פון עשירות געבלי־בען שטעהן און האָבען זיך געוואונדערט און האָבען געשטויגט... און ווען ער האָט מיט זיי שפּעטער געגומען רעדען, אז געלט איז ניט דער עיקר תכלית פון דער וועלט, זענען זיי גאָר מבולבל געוואָרען — און זיי האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו טון מיט זיך... וואָרים פאַר דער צייט האָבען די רייד פון דעם בעל תפילה גענומען ווי פון זיך אַליין קלינגען אין זייערע אויערען, און זיי אַליין האָבען ניט גע־וואוסט ווי אזוי דאָס איז געשעהן...

אָבער געגען דעם בעל תפילה'ס רייד האָבען זיי נאָך געקאָנט זאָגען אז ער רעדט דערפאַר אזוי קעגען רייכקייט, וואָרים ער אַליין איז געווים קיינמאָל רייך ניט געוועזן. און דערפאַר ווייסט ער גאָר ניט דעם אמת'ען טעם פון רייכקייט. איצט אָבער האָבען זיי גע־זעהן און געהערט דעם גאָט איבער אַלע געטער צו זאָגען די אייגענע רייד. און ער ווייסט דאָך געווים דעם אמת'ען טעם פון רייכקייט...

און דער ממונה האָט צו זיי ווייטער געזאָגט:

— זעהט, מיט דער רייכקייט וואָס איך האָב אין מיין רשות קאָן מען דאָך אייך אַלע אויסקויפען, אייך און אייער לאַנד און נאָך אזוינע רייכע לייט און אזוינע רייכע לענדער ווי אייערע. מען קאָן אָבער מיט מיין רייכקייט און מיט אייער אַלעמענס רייכקייט צו־זאַמענגענומען ניט אָפּקויפען די גבורה פון איין אמת'ען גבור. — איז דאָך דערפון געדרונגען, אז דער עיקר תכלית פון דער וועלט איז ניט אין רייכקייט, נאָר אין עפּעס אזוינס וואָס מען קאָן גאָר פאַר קיין געלד ניט קויפען...

האָבען זיי זיך אַלץ מעהר און מעהר גענומען שרעקען פאַר זייי־

נע רייד. העלפען אָבער האָבען זיי זיך ניט געקאָנט, ווייל אין גאַנ־צען זייער כח איז דאָך געווען אין זייער רייכקייט, און ער איז דאָך געווען פיעל מאָל מעהר רייכער פון זיי אַלע...

און אַז עס האָט זיך גענומען אויסלאָזען די צייט, וואָס דער גבור האָט זיי געגעבען, האָט זיי דער ממונה באַפוילען, אַז זיי זאָ־לען זיך ניט שרעקען, וואָרים ער וועט זיך ביי דעם גבור אָפּבעטען פאַר נאָך אַ שטיק צייט, און דערווייל זאָלען זיי זיך אַלע מאַכען גרייט, וואָרים ער וועט זיי אַלע נאָכדעם נעהמען מיט זיך און וועט זיי פיהרען צו דעם פּלאַץ, פון וואַנען עס קומט די אמת'ע שטאַר־קייט אויף דער וועלט. דעמאָלט וועלען זיי אויך ווערען שטאַרק און וועלען קאָנען ביישטעהן קעגען דעם גבור.

איז דאָס זיי זעהר געפעלען געוואָרען, און זיי האָבען זיך גע־נומען גרייטען אין וועג.

און אַז דער ממונה איז געקומען צו דעם גבור, האָבען זיי זיך גלייך דערקאָנט און זיי האָבען גלייך געשיקט נאָך דעם בעל תפילה און עס איז ביי זיי געווען אַ זעהר גרויסע פרייד, וואָרים זיי האָבען דאָך גענומען נאָך מעהר גלויבען, אַז עס נעמט זיך צוריק אויפבויען דעם מלך'ס הויז, אַז עס נעמט זיך צוריק אויפשטעלען דאָס לאַנד פון אַלע לענדער. נאָכדעם האָבען זיי גענומען רעדען וועגען די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון עשירות, איבער וועלכע דער ממונה האָט איצט געקעניגט. האָט זיך דער גבור אָנגערופען און גע־זאָגט, אַז ער האָט אַ מאָל אליין געהערט פון דעם מלך, אַז די תאוה פון געלט איז די שרעקליכסטע תאוה אין דער וועלט.

האָט זיך דער בעל תפילה אָנגערופען, אַז ער האָט אויך אַזוי געהערט.

האָט זיך דער ממונה אָנגערופען, אַז ער האָט אויך אַזוי גע־הערט, נאָר אַזוי ווי ער ווייסט, אַז אין די אוצרות פון דעם מלך האָט זיך אויפגעהאַלטען אַזאַ מין כלי, אין וועלכער עס איז געלעגען

באַהאַלטען אַ גרויסער ניגון, וואָס דער דאָזיגער ניגון קאָן אויסהיילען די מענשען פון די שרעקליכסטע תאוות. ווי נאָר אָבער דער אמת'ער בן מלך איז דערוויטערט געוואָרען פון דעם מלך'ס הויז, איז די כלי פאַרפאַלען געוואָרען. דאַרפען מיר דעריבער איצט געהן זוכען די דאָזיגע כלי, און דער מלך האָט מיר נאָך געזאָגט, אַז ווען די כלי וועט געפונען ווערען, וועט אויך אויסגעפונען ווערען, ווער עס איז דער אמת'ער בן מלך, וואָרים איהם איז דאָס געגעבען געוואָרען צו זיין דער שפּיעלער פון דעם גרויסען ניגון...

האָט דער גבור זיך גענומען פרעגען, ווי אַזוי די דאָזיגע כלי האָט אויסגעזעהן און ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען די איינענע כלי וואָס האָט איהם געהאָלפען ביי דעם פערלענעם שלאָס, וואָס אויף דעם גאָלדענעם באַרג...

האָבען זיי זיך די זאַך גוט איבערגעטראַכט און עס איז ביי זיי געבליבען, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען זוכען די דאָזיגע כלי. וואָרים זיי האָבען זיך געטראַכט אין זייערע הערצער, אַז איצט איז די צייט פון זוכען און געפינען, איצט איז די צייט ווען עס נעמט זיך אויפ־בויען דאָס הויז פון דעם מלך, איצט איז די צייט ווען עס געהט אויפגעשטעלט ווערען דאָס לאַנד פון אַלע לענדער.

און דער בעל תפילה און דער גבור האָבען זיך פאַרשטעלט כדי די לייט פון דעם לאַנד פון עשירות זאָלען זיי ניט דערקענען און זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דעם ממונה'ס מחנות, כדי זיי זאָלען אינאיינעם קאָנען זוכען און געפינען.

זענען זיי לאַנג געגאַנגען ביז זיי זענען געקומען צו אַ לאַנד, אין וועלכען עס איז געוועזן אַ גרויסע פרייד. האָבען זיי געפרעגט ביי די איינוואוינער פון דעם לאַנד:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פרייד ביי אייך?

האָבען זיי די איינוואוינער געענטפערט און געזאָגט:

אַז די איינוואוינער פון דעם דאָזיגען לאַנד באַלאַנגען צו דער

כתה, וואָס האָט זיך נאָכ׳ן גרויסען וועלט־שטורעם גענומען האַל־טען מיט דער דעה, אַז חכמה איז דער אמת׳ער תכלית פון דער וועלט, און זיי האָבען פאַר זיך דעמאָלט אויסגעקליבען אַ גרויסען חכם פאַר אַ מלך. איצט אָבער האָט זיך מיט אַ מאָל אין אונזער לאַנד באַוויזען אַזאַ גרויסער חכם, וואָס זינגט די וועלט שטעהט איז נאָך גאָר אַזאַ חכם ניט געווען. און ער האָט אונז דערוויזען מיט גרויס קלוגשאַפט, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ מעשה, און אַז מיר אַלע ווערען געבוירען צוליעב דער מעשה פון דער וועלט און אַז קיינער פון אונז ווערט ניט פאַרלוירען, וואָרים מיר געהען איבער אין דער מעשה פון דער וועלט אויף שטענדיג און אייביג. און ער האָט אונז דערוויזען, ווי גרויס און שעהן עס איז די מעשה פון דער וועלט און מיט ווי פיעל שענער זי קאָן נאָך ווערען, ווען מענשען וועלען זי ריכטיג פאַרשטעהן. און אַזוי קלוג זענען די רייד פון דעם חכם, אַז אונזער פריהערדיגער מלך האָט איהם אליין איבער־געגעבען דאָס קעניגרייך. און מיר האָבען איהם איצט געקרוינט פאַר אַ מלך איבער אונז, און איבער דעם איז דאָס איצט אונזער פרייד אַזוי גרויס.

און ווי נאָר זיי האָבען דערהערט די דאָזיגע רייד, אַזוי האָט זיך דער בעל תפילה גלייך אָנגערופען:

דאָס מוז אודאי זיין דער חכם פון אונזער מלך!

און אַזוי איז טאַקע געווען.

און אַז זיי האָבען זיך דערזעהן און האָבען זיך דערקאָנט, איז די שמחה געוואָרען נאָך גרעסער.

נאָך דער שמחה האָט דער חכם ביי זיי געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק, וואָס איהר פיהרט מיט זיך?

האָבען זיי איהם געענטפערט, אַז דאָס זענען די לייט פון דעם לאַנד פון עשירות, און זיי האָבען איהם דערצעהלט אויף ווי ווייט יענע זענען שוין פאַרקראָכען אין זייער תאוות.

און אַז דער חכם האָט דאָס דערהערט, האָט זיך זיין פּנים זעהר פאַרוואָלקענט און ער האָט זיך אָנגערופען און האָט געזאָגט, אַז אויך ער האָט געהערט פון דעם מלך, אַז די תאוה פון געלט איז די ערגסטע און שרעקליכסטע אין דער וועלט. און אַז די איינציגע זאַך וואָס קאָן זיי אויסהיילען פון דער תאוה, איז דער גרויסער ניגון וואָס ליגט אין דער פאַרפאַלענער כלי, וואָס וועט זיך ערשט אויפ־זוכען אינאיינעם מיט'ן אמת'ן בן מלך.

און דער חכם האָט זיך אויך אָנגעשלאָסען אין זיי, און איז מיט זיי געגאַנגען, וואָרים אויך ער האָט גענומען גלויבען, אַז איצט איז די צייט פון זוכען און געפינען.

זענען זיי אַזוי אינאיינעם געגאַנגען און זיי זענען אָנגעקומען אין אַ ניט באַקאַנטען לאַנד. און זיי האָבען געזעהן, אַז די מענשען פרעהען זיך. האָבען זיי געפרעגט ביי די מענשען, וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד? און וואָס איז דאָס פאַר אַ פרייד?

האָט מען זיי געענטפערט און געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס לאַנד פון די, וואָס האָבען נאָכ'ן גרויסען שטורעם זיך אָפּגעשיידט פון אַנדערע מענשען, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אַז דער עיקר תכלית פון דער וועלט איז דאָס ריידען, וואָרים דאָס שיידט דאָך אָפּ דעם מענשען פון דער חיה, דאַריבער האָבען זיי זיך אויסגעקליבען פאַר אַ מלך איינעם, וואָס האָט געקאָנט אַ סך לשונות און האָט ליעב געהאַט אַ סך ריידען. איצט אָבער האָבען זיי אויפגעזוכט איינעם וואָס רעדט אַזוי, אַז ס'קאָן גאָר צו איהם קיין גלייכען ניט זיין און זיין יעדעס וואָרט איז ווי וויין. האָבען זיי איהם געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיך. און דאָס איז זייער שמחה.

האָט זיך דער בעל תפילה אָנגערופען, אַז דאָס קען אודאי זיין דער מליץ פון דעם מלך.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. און זיי האָבען זיך דערקאָנט און זיי האָבען זיך געפרעהט. און דער מליץ האָט זיי דערצעהלט,

ווי אזוי ער לאָזט נאָך די איינוואוינער פון דעם לאַנד צו געהן אין זייערע נאַרעשע וועגען און ווי אזוי ער פיהרט זיי פאָרט ביסלעכווייז ארויף אויף דעם אמת'ען וועג. און ער האָט זיי אויך דערצעהלט, ווי אזוי ער איז די גאַנצע צייט פון דעם גרויסען שטורעם געווען לעבען מלך'ס נאמן, און האָט איהם געזוכט צו טרייסטען, כאָטש יענער האָט זיך גאָר טרייסטען ניט געלאָזט.

נאָכדעם איז ביי זיי געבליבען, אז אויך דער מליץ מיט זיין פאָלק זאָל מיט זיי מיטגעהן, ווייל וואָס ווייטער איז ביי דעם בעל תפילה אַלץ שטאַרקער געוואָרען דער גלויבען, אז זיי געהען איצט אַלע אויף צום מלך, צו דעם לאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער. און אַלע אַנדערע האָבען זעהר שטאַרק געגלויבט אין דעם בעל תפילה און אין זיין גלויבען.

און ווי זיי זענען אזוי ווייטער געגאַנגען, זענען זיי אָנגעקומען צו דער כתה וואָס האָט געגלויבט, אז שכור'ען און פרעהליך זיין איז דער עיקר תכלית פון דער וועלט. און א מאָל איז ביי זיי רעכט געווען אויפצונעמען א שכור'ען גוי פאַר א מלך. איצט אָבער איז צו זיי אָנגעקומען א זעהר גרויסער מענש און דער מענש איז געגאַנגען אין מיטען פון א ים מיט וויין. ער איז געגאַנגען און דער גאַנצער ים מיט וויין איז איהם נאָכגעגאַנגען. האָבען זיי זיך געטראַכט, אז קיין גרעסערער שיכור פון איהם קאָן שוין אודאי גאָר ניט געמאָלט זיין. האָבען זיי דעריבער אראָפּגעוואָרפען זייער פריהערדיגען מלך און האָבען איהם געמאַכט פאַר א מלך איבער זיך.

אָבער דער גרויסער מענש, וואָס איז געגאַנגען אין מיטען פון א ים מיט וויין, איז ניט געווען קיין שכור, נאָר דאָס איז געווען דעם מלך'ס אוהב נאמן, און דער וויין ארום איהם, דאָס זענען געווען די טרייכט ווערטער פון דעם מלך'ס מליץ, וואָס האָבען ארום איהם געשטראָמט און האָבען איהם געקרעפטיגט. און ווי נאָר די מענשען האָבען גענומען דערצעהלען, אז ער לערענט מיט זיי, אז וויין איז

אודאי גוט, וואָרים ווייַן דערפרעהט דעם מענשענ'ס הארץ, און ווען דעם מענשענ'ס הארץ איז פרעהליך קאָן עס זיך גרינג דער־הויבען צו אמת'ער ליעבע, וואָרים דער עיקר פון פרייד איז דאָס וואָס דער מענש האָט דערמאָלט א סך ליעבע פאַר זיך און פאַר אנ־דערערע, אָבער פרייד קאָן א מענש געפינען ניט נאָר אין ווייַן נאָר אויך אין אַנדערע זאַכען, וואָרים א מאָל קאָנען אַפילו רייד זייַן אזוי גוט און שטארק ווי ווייַן... — אזוי האָט דער בעל תפילה גלייך פארשטאַנען וועד זייער איצטיגער מלך איז. און זיי האָבען זיך באַגעגענט און זיי האָבען זיך דערקאָנט און עס איז געווען א גרויסע פרייד.

נאָכדעם זענען זיי ווייטער געגאַנגען און זיי זענען אָנגעקומען צו דער כתה וואָס גלויבט, אז א שעהנע פרוי ברייגנט צום תכלית פון דער וועלט. און ביז איצט האָבען זיי געהאַט א זונה פאַר א מלכה. און די זונה איז טאַקע געווען זעהר א שעהנע. איצט אָבער האָבען זיי אויפגעזוכט אזאַ שעהנע פרוי, וואָס צו איהר קאָן גאָר קיין גלייכען ניט געמאָלט זייַן. וואָרים זי זעהט אויס ווי איינע וואָס איז לכתחילה געבוירען געוואָרען צו זייַן א מלכה. זי טרינקט מיט זיך דאָס ליכט פון דער זון, דעם חן פון דער לבנה און דעם צויבער פון פארשטערנטע הימלען... און זיי האָבען זי געפונען זיך באַדענדיג אין א טייך פון מילך... און זי לערנט זיי, אז אודאי זענען זיי גערעכט, אודאי איז שעהנקייט דער תכלית פון דער וועלט, אָבער שעהנקייט דאַרף ניט זייַן זינדיג און טאָר ניט ברייגנען צו זינד.

און דער בעל תפילה האָט פארשטאַנען, אז דאָס איז געווים די מלכה.

און אזוי איז דאָס טאַקע געווען.

און זיי האָבען זיך באַגעגענט און זיי האָבען זיך געפרעהט אָהן א שיעור.

נאָכדעם האָבען זיי זיך צונויפגענומען אַלע אינאיינעם און זיי זענען ווייטער געגאַנגען זוכען. זענען זיי אַזוי געגאַנגען, ביז זיי זענען געקומען צו אַ לאַנד, ווען זיי האָבען דערזעהן, אַז אַלע מענשען פון דעם לאַנד האַלטען זיך אין איין וואַשען און רייניגען. האָבען זיי געפרעגט ביי די מענשען פון דעם לאַנד:

ווער זענט איהר, און וואָס איז די סיבה פון דעם, וואָס איהר וואַשט זיך איצט און רייניגט זיך אַזוי שטאַרק?

האָבען יענע זיי געענטפערט, אַז זיי באַלאַנגען צו דער כתה, וואָס האָט נאָכ׳ן גרויסען וועלט שטורעם זיך אָפגעטהיילט פון אַלע אַנדערע מענשען איבער דעם, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אַז דער עיקר תכלית פון דער וועלט איז פאַרניכטונג. און זיי האָבען זיך דערפאַר גענומען פאַר אַ מלך איינעם, וואָס איז געווען אַ גרויסער רוצח. איצט אָבער האָבען זיי געפונען אַ יונג־פרוי, וואָס איז געזעסען אין אַ ים פון בלוט, האָבען זיי זיך געטראַכט, אַז קיין גרעסערער רוצח פון איהר קאָן דאָך שוין נאָר ניט געמאָלט זיין, האָבען מיר דער׳הרג׳עט אונזער מלך און מיר האָבען זיך געווענדט צו איהר, אַז זי זאָל קומען און הערשען און געוועלטיגען איבער אונז. האָט זי אונז געפרעגט ווער מיר זענען. האָבען מיר איהר געזאָגט. האָט זי אונז באַטראַכט און נאָכדעם האָט זי זיך אַ הויב געטון איבערן בלוטיגען ים און האָט צו אונז געקומען ריידען און האָט אַזוי געזאָגט:

— זעהט, איך זיץ אין אַ ים פון בלוט און דאָך בין איך ווייס ווי שניי!...

און מיר האָבען דערזעהן איהר ליכטיגע שעהנקייט און איהר ווייסקייט, און מיר האָבען אונזערע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, וואָרים אַזאַ שענקייט און אַזאַ ווייסקייט האָט נאָר קיינער קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געזעהן. און נאָכדעם האָט זי צו אונז ווייטער געזאָגט:

— זעהט, איהר האָט מיך געפונען אין א ים פון בלוט. אָבער איך גלויב ניט אין פאַרניכטונג, וואָרים איך ווייס, אז מענשען זע־נען ניט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט צוליעב פאַרניכטונג, נאָר צוליעב אייביגען לעבען. דעריבער זעהט, איהר זענט די גע־פעהרליכסטע כתה אין דערר וועלט. און איך זאָג אייך: — וואַרפט אוועק אייער געוועהר פון פאַרדאַרבונג און וואַשט אייערע הענט פון בלוט און רייניגט זיך פון אייערע שלעכטע ווערק. ווען ניט הוי איך אויף אָט דעם גאַנצען בלוטיגען ים מיינעם און גיס איהם או־ אויף אייערע קעפּ!

און דערביי האָט זיך דער בלוטינער ים אויפגעהויבען אין דער הויך, און זי, די גרויסע הימלישע טאָכטער, האָט גענומען ארומ־ נעהן איבער זיינע כוואַליעס. און איהר קלאָהרע ווייסקייט און איהר ליכטיגע שענקייט האָבען גענומען שיינען אזוי, אז מיר זענען אַלע ווי איינער געפאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד און האָבען זיך געבוקט. און איצט פאַלגען מיר אויס איהר באַפעהל און מיר וואַ־ שען זיך און רייניגען זיך.

און אז דער בעל תפילה האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויס־ גערופען, אז דאָס איז דעם מלך'ס טאָכטער, דאָס איז די טאָכטער פון אונזער מלך!

און אזוי איז דאָס טאַקע געווען. און זיי האָבען זיך דערקאַנט און זיי האָבען זיך געפרעהט אָהן א שיער.

נאָכדעם זענען זיי אַלע אינאיינעם ווייטער געגאַנגען, און זיי זענען אָנגעקומען צו א כתה, וואָס האָט געגלויבט ,אז שפּיעלען און זינגען איז דער עיקר תכלית פון דער וועלט. און די מענשען האָ־ בען זיי דערצעהלט, אז ביז איצט האָבען זיי געהאַט איבער זיך פאַר מלך איינעם, וואָס האָט געקענט שפּיעלען און זינגען בעסער פון זיי אַלע, איצט אָבער האָבען זיי אויפגעזוכט איינעם וואָס האָט אזא כלי אויף וועלכער ער שפּיעלט אויף אזא ליער, וואָס פילט אָן זייער

לאַנד מיט געזאַנג, פון איין עק ביז'ן אַנדערען. און וויפיעל מאָל מען זאָל דאָס ליעד ניט הערען, אַלץ נייע סודות אַנטפּלעקט מען אין דעם, אַלץ מעהר דערזעהט מען, אַז עס איז גאָר קיין גרענעץ און קיין ברעג צו דער גרויסקייט פון דעם ליעד ניט פאַראַנען, אַלץ מעהר לערענט דאָס דעם מענשען צו זיין גרויס און גוט און שטאַרק.

האָבען אַלע וואָס האָבען געהערט די ראָזיגע רייד זיך זעהר שטאַרק פאַרוואונדערט, און זיי האָבען געבעטען, אַז מען זאָל זיי ערלויבען צו זעהן דעם ראָזינען גרויסען מלך. און ווי נאָר מען האָט זיי אַריינגעפיהרט צו איהם, אַזוי האָבען זיי זיך גלייך דער־קאָנט, וואָרים דאָס איז געווען דער אמת'ער בן מלך. און דער ממונה האָט גלייך דערקאָנט די פאַרפאַלענע כלי און זייער שמחה איז אודאי געוואָרען זעהר גרויס. און נאָכדעם האָבען זיי זיך אַלע דערצעהלט וואָס מיט זיי האָט געטראָפען און דער אמת'ער בן מלך האָט זיי דערצעהלט ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפען מיט'ן פאַלשען בן מלך, און ווי אַזוי ער האָט נעקראָגען די ראָזיגע כלי, וואָס זינגט אויס דאָס ליעד וואָס אַלע חיות און פויגלען האָבען געמאַכט לכבוד דעם נייעם קלייד, וואָס די לבנה האָט געקראָגען פון דער זון, וואָס האָט זי ליעב. און ווי אַזוי דער פאַלשער בן מלך איז דערביי אַנט־לאָפען ווי אַ גנב, וואָרים אַלץ וואָס איז פאַלש קאָן קיין תקומה ניט האָבען ווען ער זינגט אויף דאָס ראָזיגע ליעד. האָט זיך דער־בעל תפילה אָנגערופען און האָט נעזאָגט צו דעם בן מלך:

— זיי וויסען אַז איך בין געוואָרען דער מלך פון די איינ־וואוינער פון דעם לאַנד פון עשירות און זייער תאוה איז דאָך די שרעקליכסטע תאוה אין דער וועלט, און פון דיין פאָטער, אונזער גרויסען און ליכטיגען מלך, האָב איך געהערט, אַז נאָר דער ניגון פון דעם ראָזינען ליעד קאָן זיי אויסהיילען פון זייער שרעקליכער תאוה.

האָט דער בן מלך גענומען די וואונדערבאַרע כלי אין זיינע

הענט. און ווי נאָר ער האָט דאָס געטון, אזוי האָט זיך גלייך דערהערט דאָס גרויסע געזאַנג, וואָס איז פול מיט רייכקייט און אמת׳ער לייטערונג. און ווי נאָר די כוואַליעס פון דעם געזאַנג האָבען דערגרייכט דאָס אָרט, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען די מחנות פון דעם לאַנד פון עשירות, האָבען אַלע פון די דאָזיגע מחנות דערפיהלט אַ זעהר שרעקליכען געשמאַנק פון צווישען זיך און זיי האָבען ניט געוואוסט וואוהין זיך אהינצוטון פאַר שאַנד. האָבען זיי גענומען שרייען צו זייער מלך, דעם ממונה. איז ער צו זיי געקומען מיט דעם בעל תפילה און מיט דעם גבור, און זיי האָבען זיך אין דרייען אריינגעוואָרפען צווישען די מחנות און האָבען צו זיי גענומען רופען און שרייען:

— טוט פון זיך אָפּ דאָס גאָלד און זילבער און נאָר דאָס געלט, וואָס איהר האָט מיט זיך. וואָרים אנטקעגען די טענער פון דעם אמת־גרויסען ליעד, ווערט איהר פון אייער גאָלד און זילבער ניט רייך, נאָר אָרעם, אומווירדיג און שטינקענדיג!

האָבען זיי זיך זעהר שטאַרק פאַרשעמט און האָבען פון זיך אין איילעניש אָפּגעטון דאָס גאָלד און זילבער און זיי האָבען זיך נאָר געוואָלט באַגראָבען אין דער ערד פאַר שאַנד. אָבער די טע־נער פון דעם ליעד זענען אַלץ נעהנטער און גרעסער געקומען צו זיי און האָט זיי געוואַשען און גערייניגט ביז זיי זענען געוואָרען ריין, ביז זיי האָבען אין זיך גענומען פיהלען אַ גאַנץ אַנדער רייכ־קייט, אַ רייכקייט, וואָס איז געווען פיעל גרעסער און שענער פון זייער פריהערדיגער רייכקייט פון גאָלד, אַ רייכקייט וואָס האָט ארויסגעשיינט פון זייערע ליכטיגע אויגען, אַ רייכקייט. וואָס מען קאָן פאַר קיין געלט ניט קויפען.

נאָכדעם האָבען זיך אַלע ביתות מיט זייערע נייע מלכים צו־נויפגענומען. און אַזוי ווי די טייכען ציהען זיך צום ים, אזוי האָ־בען זיי זיך אַלע גענומען ציהען איבער דער וועלט צו זוכען דעם

גרויסען און ליכטיגען מלך, דעם מלך וואָס איז דער הערשער איי־בער זייערע איצטיגע מלכים.

לאַנג זענען זיי אַזוי געגאַנגען, ביז איינמאָל האָבען זיי אָנ־געטראָפען די כתה, וואָס האָט געגלויבט, אַז כבוד איז דער עיקר תכלית פון דער וועלט. האָבען זיי געפרעגט ביי די היטער פון דעם לאַנד:

— ווער איז אייער מלך?

האָבען זיי יענע דערצעהלט, אַז אַזוי ווי זיי גלויבען אין כבוד, האָבען זיי ביז איצט איבער זיך געהאַט אַ מלך, איינעם אַן אַלטען ציגיינער, וואָס האָט זעהר שטאַרק מקפיד געווען אויף זיין כבוד. איצט אָבער האָט געטראָפען, אַז איינמאָל האָבען זיי ביי דעם אויפ־גאַנג פון דער זון דערזעהן אין מיטען פעלד אַ זעהר גרויסען, און ווירדיגען גרייז מיט אַ גאָלדענער קרוין אויף זיין קאָפּ. און ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען. האָבען זיי איהם ווידער דערזעהן זיצען אין מיטען פעלד מיט דער קרוין אויפ׳ן קאָפּ. איז דער דאָזיגער גרויסער גרייז זיי זעהר געפעלען געוואָרען. וואָרים זיי האָבען דאָך דאָ גלייך דערזעהן, אַז דער גרויסער גרייז מוז זיין דער אמת׳ער בעל כבוד, וואָרים ער טראָגט זיין רייכע און פינקעלדיגע קרוין אויפ׳ן קאָפּ, אפילו זיצענדיג אין מיטען פעלד. זענען זיי געגאַנגען און האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ מלך איבער זיך, און ער איז איצט זייער מלך.

און ווי נאָר דער בעל תפילה האָט דאָס דערהערט, אַזוי האָט ער מיט אַ מאָל אין זיך דערפיהלט די אַנטפּלעקונג פון זיינע אמאָ־ליגע גרויסע כוחות, און ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ קעהר געטון צו אַלע מחנות און האָט אויסגעשריען: ד ע ר מ ל ך!

און דער אויסגעשריי איז געפאַלען ווי אַ בליץ און ווי אַ דונער צווישען די מחנות און האָט געמאַכט ציטערען יונג און אַלט. און

גלייך דערויף האָבען זיך פאַר זיי צועפענט די טויערען פון דעם לאַנד פון כבוד און דער מלך האָט זיך באַוויזען.

די ליכטיגקייט פון דעם מלך איז געווען אַזאַ, אַז קיינער האָט ניט געקאָנט איינשטעהן און אַלע זענען געפאַלען אויף זייערע פּנים׳ער.

— —

ביי די לעצטע ווערטער איז דער בעטלער געבליבען שטיל.

דער יונגער מלך האָט אויפגעציטערט... ער האָט דערפיהלט, אַז דער בעטלער איז דאָס מאָל ניט פאַרשוואונדען... ער האָט מיט שרעק אויפגעהויבען זיין קאָפּ און זעה! — דאָס איז גאָר ניט דער בעטלער, נאָר זיין פאָטער, דער אַלטער מלך!...

— —

דער יונגער מלך איז אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס און מיט פאַרצווייפלונג גענומען שרייען:

— פאָטער, פאָטער!...

אָבער זעה! — דאָס איז שוין גאָר ניט זיין פאָטער, נאָר דער אמת׳ער מלך!! דער ליכטיגער מלך, דער מלך פון דעם לאַנד, וואָס איז אין זיך כולל אַלע לענדער. און זיין ליכטיגקייט איז אַזאַ, אַז מען קאָן אין דעם ניט איינשטעהן...

און דער יונגער מלך האָט זיך גענומען לויפען פון דעם ליכט פון דעם גרויסען מלך און האָט זיך ווי אַ גנב גענומען באַהאַלטען אין די שאָטענס פון דעם נאַקעטען וואַלד.

דעם מלך׳ס ליכטיגקייט האָט איהם אָבער, אינאיינעם מיט דעם מלך׳ס דונערענדען קול, נאָכגעיאָגט איבער דעם גרויסען סוף־יאָהרי־גען וואַלד. דאָס ליכט האָט געשמיסען ווי מיט פייערדיגע ריטער און דאָס קול האָט געשאַלט:

— איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט געשיקט איבערצונעמען מיין טראָן!

איך בין נ ע ו ו ע ן דער מלך! איך ב י ן דער מלך! און איך ו ו ע ל בלייבן דער מלך ביז אייביג! און קיינער קומט ניט נאָך מיר!

דאָס קעניגרייך איז צו מיר, און עס איז מיינס, און קיינער קאָן ניט פאַרנעמען מיין אָרט!

איך בין אין איטליכען און איטליכער איז אין מיר, און קיי־נער קאָן ניט אַנטרינען פון מיין האַנט!

איך בין אין דעם געוויין פון א קינד און אין דעם רעווען פון א לייב; און פלאַנצסטו א גאָרטען בין איך אין גאָרטען, און באַ־אַרבייטסטו דיין פעלד בין איך אין פעלד, און צינדסטו א פייער בין איך אין פייער!

איך בין מיט דער בהמה, מיט דער פליג און מיט דעם וואָרעם. איך בין מיט אַלץ וואָס מעהר און ווידמעט זיך אויף דער ערד!

איך בין דער דונער און דער בליץ. איך בין די ערד און דער הימעל. און וואָלט וואו געוועזן דער הימלישער גאָט צו וועלכען דו און דיינע קלוגע לייט האָבען זיך דערטראַכט, וואָלט איך איהם געקאָנט גענעמען און וואַרפען ווי א פגר צו דיינע פיס!

איך בין מיט אַלץ וואָס איז דאָ, וואָס וועט זיין, און מיט אַלץ וואָס וועט קומען אין דורות אָרום!

מיין לאַנד איז דאָס לאַנד פאַר אַלע לענדער, מיין שטאָט איז די שטאָט פאַר אַלע שטעט. מיין הויז — דאָס הויז פאַר אַלע הייזער. מיין מענש — דער מענש פאַר אַלע מענשען. מיין אָטעם— דער אָטעם פאַר אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט אין דער וועלט!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער יונגער מלך איז אַלץ געלאָפען און האָט זיך געראַנ־געלט מיט דעם ליכט און מיט דעם קול פון דעם גרויסען מלך, ווי א ווילדע חיה מיט איהר יעגער, ב׳ איז געפאַלען און האָט זיך גענומען מיט די נעגעל די ערד רייסען און האָט זיך גענומען וואַר־

פען ווי א פיש אין זיין נעץ, ביז ער איז דערשלאָגען געוואָרען ווי א הונט, ביז ער איז פאַרברענט געוואָרען אויף קויל.

— —

נאָכדעם, איז דער ליכטיגער מלך צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו עס איז געלעגען דאָס אש פון דעם יונגען מלך, וואָס האָט זיך אזוי פיעל געמוטשעט, וואָס האָט אזוי פיעל געליטען פאר זיין איינגעל־שער גייציגקייט.

און דער ליכטיגער מלך האָט דערפאַר אָנגעריהרט די נאַקעטע ביימער וואָס ארום דעם אש, און די ביימער האָבען זיך פאַנאַנדער־געבליהט... און זייערע בליהטען האָבען גענומען פאַלען אויפ׳ן אש און האָבען דאָס איינגערעקט.

נאָכדעם האָט דער ליכטיגער מלך אָנגעריהרט די בליהטען וואָס אויף דעם אש, זענען זיך די בליהטען פאַנאַנדער געפאַלען און פון דעם אש ארויס האָט זיך אויפגעהויבען דער יונגער מלך. און א יונגער, א שענער און א ליכטיגער האָט ער זיך דערזעהן נעבען גרויסען ליכטיגען מלך און ער איז מיט איהם געבליבען שטעהן אונטער די צובליהטע ביימער, ווי אונטער א חופה...

— —

און ווען דער יונגער מלך איז נאָכדעם א ניי־געבוירענער ארויס פון וואַלד, האָבען איהם ווידער באַגעגענט זיינע חכמים, וואָס האָבען די לעצטע צייט געפאָרשט זיינע טריט.

און זיי האָבען איהם באַגריסט. נאָר ער האָט זיי ניט גע־ענטפערט מיט ווערטער...

און זיי האָבען דערזעהן, אז ער שיינט פונקט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט צו זיי ביי דעם שיין פון דער אונטערגעהענדער זון אויסגערופען:

פאַרנעהמט אייך איהר קאָנט נאָך הערען און פאַרשטעהן און ווייסט: — ווי מיר נוצען האַלץ כדי א פייער צו דערהאַלטען, אזוי

גוצען מיר אונזער לעבען כדי צו דערהאַלטען דאָס ליכט פון דער וועלט ! דאָס ליכט פון דער וועלט, איז די מעשה פון דער וועלט !...

אָבער זיי האָבען שוין ניט געקאָנט פאַרנעהמען, זיי האָבען שוין ניט געקאָנט הערען.

און ווען זיי האָבען דערזעהן ווי זייער מלך דער חכם און לעהרער האָט זיך פאַר זייערע אויגען אויפגעהויבען אַ ליכטיגער און איז אַוועק אין דער לופט, האָבען זיי פאַרשטאַנען אַז זיי זעהען אַ גרוי־סען וואונדער. און זיי זענען געקומען און האָבען דערצעהלט דעם פאָלק פון דעם, וואָס זייערע אויגען האָבען געזעהן. אָבער זיי האָ־בען ניט געוואוסט וואָס זיי האָבען געזעהן און דאָס וואָס זיי האָבען דערצעהלט איז געווען ליגען...

Copyright by Farlag America

אין לכנה לאור

איך נעם אַ הויפֿען שמות און פֿון
מיין טַטעס פּליהם זיך דער שטויב
פֿאַנאַנדער, עס פֿאַלט אַוועק דאָס
מיטט, עס בלייבען בלויז די קער־
נער. איך קלייב אָפּ עטליכע פֿון
זיי, פֿלאַנץ זיי איבער, וואַרים זיי
מיט מיינע בליקען, ביז זיי גיבען
שפּראָצונג, ביז זיי נעמען זיך
צייטיגען און גיבען פֿרוכט.

א.

אין דער שטאָט פּראַג איז אמאָל געווען א גרויסער רב. דער רב איז געווען א גרויסער צדיק, און ווען ער פלעגט מחדש זיין די לבנה, פלעגען זיינע אויגען לייכטען מיט א גרויסער לויטערקייט, און זיין הויכער שטערען און זיין זילבערנע באָרד פלעגען פינקלען אין דער נאכט מיט אזא כשוף־ליכט, וואָס מען האָט געקאָנט זעהן אויף מיילען, ווייל ער איז געווען א גרויסער צדיק און א גרויסער בעל מופת.

איינער פון די פראגער אידען, וואָס האָט זעהר שטארק ליב געהאט צו זיין אינאיינעם מיט'ן רב ביי קידוש לבנה, איז געווען בערעל פראגער — א דארער איד, א סוחר, וואָס פלעגט אויספאָרן וועלטען.

איינמאָל האָט געטראָפען, אז בערעל איז אוועק ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אויף אזוי לאנג, אז מען האָט געמיינט, אז ער איז ערגעץ פארפאלען געוואָרען, צי חלילה דערטרונקען געוואָרען. נאָר ווען דער רב איז זיך אמאָל געשטאנען אין אן אָנהויב־חודש'־דינער לבנה נאכט אין מיטען מארק און האָט אינאיינעם מיט א גרויסער עדה אידען מחדש געווען די לבנה, האָבען אלע מיטאמאָל אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן — א מענש פליהט איבער'ן הימעל !...

דאָס איז פונקט געווען ביי די „שלום עליכם'ס“.

האָט דער רב אויפגעהויבען זיין ליכטיגען פנים און אויסגעשריען צום פליהענדיגען מענשען:

— שלום עליכם!

האָט דאָס דעם מענשען גלייך גענומען ציהען אראָפּ, און ער איז אראָפּגעפאלען כמעט צום רב אין די הענט אריין. און אלע האָבען מיט שרעק דערזעהן, אז דאָס איז בערעל פּראנער, דער דארער איד, דער סוחר.

ב.

בערעל פּראַגער איז זיך געהאט געבאָרען איבער'ן ים מיט סחורה, וואָס ער האָט איינגעהאנדעלט אין ווייטע לענדער.

איין אויפדערנאכט איז ער אזוי געשטאנען אויף דער שיף און געקוקט, ווי די פולע לבנה הויבט זיך אויף פון דעם מיטען ים, — ווי דער גאנצער ים נעמט אלץ ווערען העלער און ליכטיגער, אזוי ווי מיליאָנען אויגען וואָלטען זיך אין אים פאנאנדערגעעפענט.— און אזוי, או אלע וואסערען פון דעם ים האָבען אויפגעשיינט מיט אזא גרויסען און ליכטיגען כח, ווי זיי וואָלטען מיטאמאָל אלע אינאיינעם גענומען זינגען שירה צו גאָט, צו דער נאכט און צום הימעל.

פאלט דערביי בערלען איין:

— אָט ערשט איצט קאָן מען פארשטעהן די שעהנקייט פון אונזער רב ביי קידוש לבנה!... ווייל עס איז דאָך, ווי דאָס גאנצע איצטיגע ליכט פון דעם אויפגעשיינטען ים וואָלט אין זיין פּנים געלעגען...

און דערביי האָט זיך בערלען זעהר שטארק גענומען בענקען נאָכ'ן רב און נאָך זיין שטאָט פּראג.

האָט ער זיך גענומען פרייסטען דערמיט, וואָס ער וועט, מיט גאָטס הילף, אינגיכען קומען אהיים, און צו דעם נייעם קידוש לבנה וועט ער שוין איה"ש זיין אינאיינעם מיט די אנדערע פּראגער אידען לעבען דעם רב זייערען.

האָט זיך אָבער אינמיטען דערינען ווייט ארויף, צווישען

הימעל און וואסער באוויזען א וואָלקען, און נאָך דעם וואָלקען נאָך איינער און נאָך איינער, ביז די לבנה איז פארשטעלט געוואָרען, ביז דער הימעל און די נאכט זענען געוואָרען פינסטער און שווארץ, ביז דער ים איז מיטאמאָל געוואָרען ווילד און וויסט און בייז, ווי מען וואָלט אים פלוצלונג אלע זיינע ליכטיגע אויגען אויסגעשטאָכען. און ער האָט זיך צערייצט מיט אזא העלישען כעס, אז ער האָט גענומען אויפשלאָגען זיינע כוואליעס אין טויזענטער איי־לענדיגע חילות, אין טויזענטער מחנות ווילד צעשראָקענע פערד מיט שוימיגע ווייסע גריוועס. און די ווייסע וואסער חילות און וואסער פערד זענען מיט גרויס צאָרען געשפרונגען איינע אויף די אנדערע און עס איז פון זיי מיט אמאָל געוואָרען שרעקליך שרייענדיגע בערג, וואָס האָבען זיך גענומען הויבען ווי ריזיגע גלעזערנע פאלאצען און זענען גלייך צעבראָכען געוואָרען אין וויי־סען שטויב.

און אזוי האָט זיך דער ים מיטאמאָל גענומען ווילד טראָגען פון איין עק הימעל ביז'ן צווייטען. און די שיף האָט ווי א שפּענ־דיל גענומען פליהען און שפרינגען איבער די רוקענס פון די וואַ־סער מחנות. און אזוי פון איין וואסער מחנה צו דער צווייטער, ביז זי איז צעטרייסעלט און צעבראָכען געוואָרען אין שטיקער, און אלע מענשען, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ'ן שיף, זענען אריינ־געפאלען אין ים אריין.

בערעל פראגער האָט אָבער די גאנצע צייט אלץ ניט אויפ־געהערט צו טראכטען, אז אים וואָלט זיך זעהר וועלען כאָטש נאָך איין מאָל שטעהן מיט'ן רב ביי קידוש לבנה. הנָט אים דערפאר נאָט געהאָלפען, און ער האָט זיך אָנגעכאפּט אָן א ברעט. אָן דעם ברעט האָט זיך אָנגעכאפּט נאָך איינער. דאָס איז געווען א גרוי־סער, גראָבער טערק. האָט דער שטורעם זיי אזוי לאנג געטראָגען איבער דעם פארשווימטען ים, ביז ער האָט זיי ארויסגעוואָרפען אויף א וויסטע.

ג.

לינען זיך אזוי צוויי נאסע מענשען אויף דער וויסלע — דער גרויסער, גראָבער טערק און דער קליינער, דארער בערעל.

בערעל טראכט:

— נו. וואָס וועט זיין?...

און דער טערק טראכט גאָרנים.

זאָגט בערעל צום טערק:

— א יאָ, מיר האָבען א גרויסען נאָט?

זאָגט דער טערק א צעשראָקענער:

— א?... וואָס?...

זאָגט בערעל:

— וואָס הייסט „א? וואָס?" — זעהסט דאָך. אָט האָט ער אונז געשענקט דאָס לעבען.

זאָגט דער טערק א צעשראָקענער.

— נו, וואָס וועט איצטער זיין?...

— ענטפערט בערעל:

— וואָס הייסט „וואָס וועט איצטער זיין?" — קום, וועלען מיר זוכען!

געהען זיי אזויביידע ארום א טאָג און א נאכט, און נאָך א טאָג, און נאָך א נאכט, און זיי זענען שוין ביידע גוט הונגעריג און מיד, און זיי קאָנען זיך נאָך אַלץ ניט דערשלאָגען צו א מענש־ליכען ישוב.

ערשט אויפ'ן דריטען פארנאכט הויבען זיי מיטאמאָל אויף

זייערע אוינען און דערזעהען פון דער ווייטען, אז אין איין זייט פון דער ווילדער וויספע זעצט זיך די גרויסע זון, אין דער צווייטער זייט וויספע הויבט זיך אויף די גרויסע לבנה, און אין מיטען, צווישען דער אויפגעהענדער לבנה און דער אונטערגעהענדער זון, שטעהט א פאסטוך מיט א טשערעדע שאף. — —

דערפרעהען זיי זיך ביידע און לאזען זיך גלייך אנטקעגען דעם פאסטוך מיט דער טשערעדע.

ווי נאר אבער זיי קומען אן נאהענט, דערזעהען זיי, אז דער פאסטוך איז א זעהר הויכער מענש. און אז ער האט נאר איין אויג, און דאס אויג שטעהט ביי איהם אויפ'ן סאמע מיטען שטערען...

האבען זיי זיך פאר אים דערשראקען, ווייל זיי האבען דאך גלייך דערזעהן, אז דאס איז א ווילדער ריז, א רוצח.

און זיי האבען אוראי געוואלט אנטלויפען.

לאזט זיי שוין אבער דער ריז ניט אנטלויפען, נאר ער נעמט זיי אריין צווישען זיינע שאף און האלט זיי דארט ביז עס ווערט נאכט.

און אז עס איז געווארען נאכט, האט דער ריז גענומען פארטרייבען זיינע שאף, האט ער זיי אויך פארטריבען אינאיינעם מיט די שאף אין א גרויסען הויף מיט א הויכען פארקאן און האט הינטער זיך פארשלאסען דעם טויער...

טראכט בערעל:

— נו, וואס וועט איצטער זיין?..

און דער טערק טראכט גארנים.

און דער ריז מיט'ן איינציגען אויג אין מיטען שטערען נעמט זיך ביי דעם שיין פון דער לבנה פאנאנדערלעגען א גרויס פייער.

און ווען דאס פייער ברענט זיך פאנאנדער, נעמט דער ריז זיין שפיז אין האנט און געהט צו צו בערלען און גיט אים א טאפ.

— זעהט ער, אז בערעל איז דאר, הויט און ביין, לאָזט ער אים אָפּ און געהט צו צום מערק און גיט אים א טאָפּ. — זעהט ער, אז דער מערק איז פעט און רויט — שטעכט ער אים אריין דעם שפּיז אין בויך און לעגט אים אויפ׳ן פייער בראָטען.

און דער ריז האָט דעם מערק אָפּגעבראָטען, און האָט אים אויפגעגעסען און האָט פארטרונקען מיט א פאס וויין, און האָט זיך געלעגט שלאָפען.

ד.

און אז בערעל האָט דערזעהן, אַז פון דעם טערק זיינען שוין אפילו די ביינער ניט געבליבען, איז אויף אים אַנגעפאַלען א גרויסער שרעק.

זיצט ער אזוי צווישען די שאָף און טראַכט:

— סטייטש, איך האָב דאָך אין דער היים א ווייב מיט קינדער, וואָס וועט פון זיי איצטער ווערען! ?... און דערצו ווילט זיך מיר דאָך אזוי שטארק כאָטש נאָך אייגמאָל זעהן אונזער הייליגען רב ביי קידוש לבנה...

און ווי נאָר בערעל טראַכט אזוי, קומט אים אין קאָפּ אזא רעיון:

— אזוי ווי דער ריז האָט זיך אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען מיט אזוי פיעל וויין, שלאָפט ער דאָך איצט געשמאַק, איז צו וואָס זאָל איך, בערעל פראגער, איצט זיצען צווישען די שאָף, ווי א באָק, און וואַרטען, ביז ער וועט זיך אויפכאַפּען און וועט מיך אויך אָפּבראָטען ? !...

און בערעל האָט זיך מיטאמאָל אויפגעהויבען פון צווישען די שאָף און איז צוגעגאַנגען און האָט אָנגענומען דעם ריז׳ס שפּיז און האָט אים אריינגעלעגט אין דעם ברענענדיגען פייער.

און ווען די שפּיז איז געוואָרען שטארק רויט, האָט ער זי ארויסגענומען פון דעם פייער. די שפּיז האָט געברענט אין זיינע הענט, ווי אַן אָנגעצונדענע. און ער האָט דערביי אויפגעהויבען זיינע אויגען צו דער לבנה און אזוי געזאָגט:

— גאָטעניו, איך בין בערעל פּראַגער. איך האָב דאָך אזוי פיעל מאָל מחדש געווען דיין לבנה אינאיינעם מיט אונזער היי־לינגען רב, און איך וויל זי אויך ווייטער מחדש זיין. העלף מיר נאָר איצט פון די הענט פון דעם ריז, דעם רוצח מיט'ן איין אויג אין שטערען, וואָס האָט ליב צו עסען געבראָטענע מענשען!

און ווי נאָר בערעל האָט דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך גלייך דערפיהלט זעהר שטאַרק, און ער האָט אָנגענומען די שפּיז און האָט איר צעגליהטען שפּיז אריינגעשטאָכען אין דעם ריז'ס אויג.

האָט זיך דער ריז אויפגעכאַפּט מיט א גרויס געשריי און זיך גענומען ארומלויפען איבער'ן הויף צו כאַפּען בערלען.

בערעל אָבער האָט זיך באהאלטען צווישען די שאָף. און דער ריז איז דאָך שוין געווען בלינד, האָט ער אים ניט געקאָנט זעהן.

ווען דער ריז האָט דערפיהלט, אז ס'איז שלעכט, איז ער געפאַלען אויף א המצאה, — ער איז צוגעגאנגען און האָט געעפענט דעם טויער און גענומען ארויסלאָזען די שאָף.

די שאָף האָט דער בלינדער רוצח ארויסגעלאָזען איינציגווייז, און אליין איז ער די גאנצע צייט געשטאַנען לעבען טויער און גע־טאַפּט מיט זיינע גרויסע הענט אין דער לופט איבער די שאָף, כדי טאָמער קומט אינאיינעם מיט די שאָף אויך אָן בערעל, זאָל ער אים קאָנען כאַפּען און דערוואַרגען.

דערזעהט בערעל, אז ס'איז שלעכט. הויבט ער אויף זיינע הענט צום הימעל:

— סטייטש, גאָט, דו האָסט מיר געהאָלפען ביז איצט, טאָ העלף־זשע מיר אויך ווייטער!

און ווי נאָר בערעל האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אזוי איז אים גלייך געקומען אין קאָפּ אזא רעיון:

— די שאָף זענען דאָך זעהר גרויסע, און זיי זענען באוואקיסען מיט לאַנגע האָר!...

און בערעל נעמט און לעגט זיך ארונטער אונטער דעם בויך פון א גרויסער שאָף און האלט זיך אָן אָן אירע לאַנגע האָר, און ער נעמט מיט זיך מיט די ריזען שפּיז און א ברויט צום עסען.

געהט די שאָף און טראָגט אים ארויס פון טויער אינאיינעם מיט'ן ברויט און מיט'ן שפּיז.

און אז בערעל פראגער איז ארויס פון טויער, האָט ער זיך אויפגעכאפּט אויף די פיס און האָט גענומען לויפען, וואוהין נאָר די אויגען האָבען געטראָגען.

ה.

אָבער ווי נאָר בערעל איז אַזוי געלאָפען פון דעם ריז, מיט'ן שפּיז אין איין האַנט און מיט'ן ברויט אונטער דער אַנדער האַנט, האָט ער דערזעהן פון דער ווייטען, ווי עס לויפט א קלאָר ווייסע שאָף, און נאָך איר יאָגט זיך נאָך א ווילדער פּאַנדול.

דער פּאַנדול האָט געהאַט א קאָפּ פון א חזיר און הערנער פון אַן אָקס. און א פייער האָט געזעצט פון זיין ווילדען מויל און פון זיינע ווילדע נאָזלעכער.

דער פּאַנדול איז שוואַרץ און פינסטער, און די שאָף איז ווייס, אַזוי ווייס, אַז אַזא ווייסקייט האָט מען נאָך נאָר אויף דער וועלט ניט געזעהן. און דער פּאַנדול וויל ניט אַנדערש, ווי פאַרצוקען די קלאָר־ווייסע שאָף...

איז בערעל געבליבען שטעהן און גענומען קוקען צו דער שאָף מיט שרעק, — ווייל אָט, אָט — און דער פּאַנדול וועט אָניאָגען די שאָף.

ווי נאָר אָבער בערעל פּראָנער האָט אַזוי גענומען קוקען צו דער שאָף, האָט די שאָף אים דערזעהן...

און אַז די שאָף האָט אים דערזעהן, האָט זי גלייך גענומען לויפען צו אים, און דער בייזער פּאַנדול נאָך איר.

זעהט בערעל, אַז ס'איז שלעכט, ווייל דער פּאַנדול וועט קומען אהער, וועט ער מן הסתם צערייסען אי די שאָף, אי אים. נאָר ער מאַכט ביי זיך אָפּ:

— מילא, וואָס עס וועט זיין, וועט זיין! איך האָב דאָך ביי

זיך אין האנט א שפּיז און אין הימעל א גאָט. און אויף דער ווייר־סער שאָף איז דאָך טאקע א גרויס רחמנות.

און ווי נאָר בערעל פּראגער טראכט אזוי, איז די שאָף שוין ניט ווייט פון אים. און איידער וואָס־ווען, האָט די שאָף גענומען לויפען אין א ראָד ארום בערלען. און ווי נאָר די שאָף האָט פאר־ענדיגט איר ראָד, אזוי איז ארום בערלען געוואָרען א גרויסער שיי־נענדיגער רינג. דעמאָלט איז די ווייסע שאָף גלייך ארייגעלאָפען אין רינג און האָט זיך אוועקגעלייגט לעבען בערלען...

אז דער שווארצער פאנדול האָט דאָס דערזעהן, איז זיין כעס געוואָרען אזוי גרויס, אז די שטיקער פייער פון זיין מויל און פון זיינע נאָזלעכער האָבען גענומען שלאָגען אין גרויסע פלאמען. ווי נאָר אָבער די פלאמען זענען אָנגעקומען צום ווייסען רינג, וואָס ארום בערלען און דער שאָף, האָבען זיי אויפגעהערט צו ברענען...

און דער שווארצער פאנדול איז געקומען ביז צום ווייסען רינג און האָט גענומען ארומלויפען ארום דעם רינג א בייזער און שרייענדיגער. ער האָט געקריצט מיט די ציין און געריסען די ערד אונטער זיך. דעם רינג אָבער האָט ער ניט געקאָנט אריבער...

און אז דער פאנדול האָט דערזעהן, אז ס'איז שלעכט, האָט ער זיך א צערייצטער אוועקגעשטעלט לעבען רינג אנטקעגען בערעל פּראגער און גענומען בייז רעדען און שרייען, אז בערעל זאָל אים ארויסגעבען די ווייסע שאָף, ווייל שוין זעהר פיעל יאָרען, ווי ער יאָגט זיך נאָך דער ווייסער שאָף און קאָן זי ניט כאפּען; היינטיגע נאכט וואָלט ער זי געוויס געכאפּט, ווען ניט ער, — בערעל פּראגער.

זאָגט צו אים בערעל:

— בייזער פאנדול! דיין שרייען איז אומזיסט. איך וועל דיר די שאָף ניט געבען, ווייל איך זעה דאָך שוין איצט באשיינ־פערליך, אז מיר איז באשערט צו באשיצען די שאָף; און דו,

בייזע חיה, זעהסט דאָך שוין אליין, אז די שאָף באשיצט אויך מיך, ווייל איבער דעם רינג, וואָס זי האָט געמאַכט ארום מיר, קאָנסטו אויך צו מיר ניט צוקומען.

נעמט דער פאַנדול נאָך העכער שרייען און נאָך בייזער רייסען די ערד אונטער זיך. און ער טשירעט אויס זיינע שרעקליך־גרויסע ציין, און ער זאָגט:

אויב דו גיבסט מיר ניט ארויס די שאָף, וועל איך דאָ בלייבען שטעהן לעבען רינג אזוי לאַנג, ביז דו וועסט שטאַרבען.

זאָגט בערעל צום פאַנדול:

— זיי וויסען, אז איך הייס בערעל פּראַנגער. און איך שרעק זיך נאָר פאַר גאָט אין הימעל. און דו, בייזער פאַנדול, געה בעסער אוועק פון דאַנען און לאָז די שאָף צורוה, ווייל אויב ניט, איז זעהסטו אָט די שפּיז. דאָס איז די שפּיז פון דעם גרויסען ריז, וואָס האָט געהאַט בלויז איין אויג אין קאָפּ, און איך האָב אים דאָס איינציגע אויג זיינס מיט אָט דער שפּיז אויסגעשטאָכען. איצט, זעהסטו, איז די שפּיז אין מיינע הענט.

ווי נאָר דער פאַנדול האָט דערהערט אזוינע רייד און דערזעהן די שפּיז, האָט ער זיך גלייך דערשראָקען און זיך גענומען בעטען:

— איך בין הונגעריג, איך בין הונגעריג!

זאָגט בערעל צום פאַנדול:

— אויב דו ביזט הונגעריג, טאָ נאַ דיר א שטיק פון מיין ברויט.

ענטפערט דער פאַנדול:

— ניין, ניין! מיין הונגער איז ניט פאַר קיין אנדער זאַך, נאָר פאַר דער ווייסער שאָף!...

זאָגט בערעל פּראַנגער:

— א, וויבאַלד אזוי, — טאָ נאַ!!

און ער נימט צו אים א וואָרף די גרויסע שפּיז.

איז דער ווילדער פּאַנדול גלייך אויפגעשפּרונגען אין דער לופטען פאר שרעק און האָט זיך גענומען לויפען אין דער נאכט, וואוהין די אויגען האָבען אים געטראָגען.

אָבער וואוהין דער פּאַנדול האָט געלאָפען, איז אים די שפּיז אלץ נאָכגעפלויגען... און אזוי לאנג און אזוי וועיט ווי בערעל פּראַגער'ס אויגען האָבען געקאָנט קוקען אין דער נאכט, האָבען זיי אלץ געזעהן, ווי דער פּאַנדול לויפט אום א ווילדער פון שרעק, און די שפּיז לויפט אלץ נאָך אים...

ווען בערעל פּראַגער האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט, איז די ווייסע שאָף שוין געווען ווייט פון אים.

ז.

האָט בערעל פראגער נאָכדעם געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט אים געהאָלפען ראטעווען די ווייסע שאָף, און האָט זיך געלאָזט געהן.

און אזוי איז ער נאָכדעם געגאנגען א נאכט און א טאָג, ביז אויף מאָרגען פארנאכט, ווען עס איז אים אויסגעגאנגען דאָס לעצטע שטיקעל ברויט, האָט ער פאר זיך דערזעהן א גרויסען פאלאץ.

געהט בערעל צו צום פאלאץ, גיט א קלאַפּ אין טיר און טויער, עפענען זיי זיך אויף. געהט ער אריין אינעווייניג און דערזעהט, אז ס'איז זעהר א רייכער פאלאץ, פול מיט רייכע כלים, וואָס זיי־נען געמאכט פון גאָלד און זילבער. אָבער קיין לעבעדיגער מענש איז אין פאלאץ ניטאָ...

טראכט ביי זיך בערעל:

— וואָס הייסט? פאר וואָס איז דאָ קיינער ניטאָ?

און ער טראכט:

דאָס איז געווען א נעכט פון גזלנים, וואָס קומען זיך אהער צונויף אין מיטען נאכט און באהאלטען דאָ זייערע אוצרות. דער־פאר איז דאָ איצט קיינער ניטאָ.

און ער טראכט:

זאָל איך בלייבען דאָ, קאָנען זיי מיך נאָך הרג'נען. זאָל איך ווייטער לויפען, וויים איך ניט, וואוהין. און אויב זיי טרעפען מיך אָן אין מיטען פעלד, הרג'ענען זיי מיך דאָך סיי־ווי־סיי, און

מיר בין איך אויך; וואָלט דאָך געווען בעסער, איך זאָל זיך דאָ אויסבאהאלטען ביז איבערנאכט, און אויף מאָרגען, ווען קיינער וועט דאָ ווידער נים זיין, וועל איך מיר געהן ווייטער.

און ווי ער טראכט אזוי, דערזעהט ער פאר זיך אַן אויווען. נעמט ער און קריכט ארונטער אונטער'ן אויווען און פּארמאכט דאָס טירעל אזוי, אז ער זאָל קאָנען זעהן, וואָס עס וועט דאָ פּאַר־קומען ביי דער נאכט.

איז ווי בערעל פראנער ליגט זיך אזוי אונטער'ן אויווען און קוקט ארוים אויפ'ן רייכען פּאלאַץ, דערזעהט ער, ווי פאר'ן פענ־סטער נעהט אויף די לבנה. און ווי נאָר די לבנה איז אויפגעגאַנ־גען, אזוי האָט זיך מיטאמאָל דערהערט דאָס קומען פון גרויסע חיילות און דאָס שפּילען פון גרויסע מוזיק קאַפּעליעס. און גלייך נאָכדעם האָבען די חיילות גענומען אָנפילען די נאכט מיט הילכיגע געשרייען:

דער מלך קוממ אהער!
דער מלך קוממ אהער!
עס לעבט דער מלך!
דער מלך לעבט!

האָבען זיך די מוזיק קאפּעליעס דערויף צעשפּילט נאָך פרעה־ליכער און זענען צוגעקומען נאָר נאָהענט צום פּאלאַץ...

פאלט דערביי אויף בערלען אָן אזא שרעק, אז ער קאָן אין זיך קוים איינהאלטען די נשמה.

און דערווייל צינדען זיך אין פּאלאַץ מיטאמאָל אָן א סך ליכט. און אלע זילבערנע און גאָלדענע כלים שיינען זיך זעהר שטארק פאנאנדער. און עס צעעפענען זיך די טירען, און עס קוממ אריין דער מלך, און עס קומען אריין זעהר פיעל הארען. און די הארען זעצען ארויף דעם מלך מיט גרוים כבוד אויף א גרויסען גאָלדענעם שטול, און דער מלך זאָגט:

— ווער עס האָט עפּעס א קלאָג אָדער א משפט, זאָל צוקומען פאר מיר, דען איך וועל אלעמען ענטפערען!

זענען א סך מענשען צוגעקומען און האָבען זיך פאר אים גע־קלאָגט און האָבען זיך פאר אים געלאָדען. און ער האָט זיי אלע־מען זעהר גוט געענטפערט. און עס איז זיי אלעמען זעהר וואויל געפעלען, און זיי האָבען זעהר שטארק געליבט און געריממט דעם מלך.

און אזוי האָט זיך דאָס געצויגען ביז האלבער נאכט.

ווי נאָר אָבער עס איז געקומען צו האלבע נאכט, אזוי האָט זיך גלייך דערהערט דאָס קרעהען פון א האָן.

און ווי נאָר דער האָן האָט א קרעה געטאָן, זענען לעבען מלך מיטאמאָל, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואקסען צוויי גרויסע גבורים. און די גבורים האָבען גלייך אָנגעכאפּט דעם מלך און אים צעריסען אין שטיקער...

און אין פּאלאץ איז נאָכדעם קיינער ניט געבליבען. גלייך ווי עס וואָלט דאָרטען נאָר פון פריהער קיינער ניט געוועזן. און די ליכט זענען מיטאמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען. נאָר דער שיין פון דער לבנה און פון די זילבערנע און גאָלדענע כלים איז איבער דעם פּאלאץ פארבליבען.

טראכט זיך ביי זיך בערעל פּראגער:

— וואָס זאָל דאָס אלץ באטייטען?...

און ער מאכט ביי זיך אָפּ, אז ס'איז כדאי אויף א טשיקאַ־וועס צו פארבלייבען דאָ נאָך אויף א נאכט און זעהן, וואָס אדרבה וועט דאָ פּאָרקומען אין דער אנדערער נאכט?

און ער טראכט:

— ממה נפשך! — האָט מיר שוין יאָ גאָט באשערט צו זעהן

וואונדער — טאָ לאָמיך זעהן. און ווייטער, איז דאָך נאָט א מאטע. אפשר וויל דאָס מאַקע נאָט, איך זאָל דאָס אלץ זעהן, כדי איך זאָל דאָס נאָכדעם קאָנען דערצעהלען פאר׳ן רב און פאר אלע אידען פון אונזער שטאָט.

ג.

און אז עס איז געקומען די צווייטע נאכט, איז ווי נאָר די לבנה האָט זיך באוויזען פאר די פענסטער פון דעם פּאלאַץ, אזוי האָט זיך גלייך ווידער דערהערט דאָס אָנקומען פון גרויסע חיילות און דאָס שפּילען פון גרויסע מוזיק קאפּעליעס. און ווידער האָבען זיך אָנגעצונדען א סך ליכט אין דעם פּאלאַץ און מען האָט אריינ־געפירט דעם מלך מיט גרויס כבוד, און ער האָט זיך געזעצט אויף זיין שטול און האָט געענטפערט אלעמענס בקשות. ווי נאָר אָבער עס איז געקומען צו האלבער נאכט, אזוי האָט זיך גלייך דערהערט דאָס קרעהען פון א האָן, און צוויי גרויסע גבורים זענען גלייך צו־געלאָפען און האָבען אָנגעכאפּט דעם מלך און האָבען אים צעריסען אויף שטיקער.

טראַכט ביי זיך בערעל פּראַגער:

— טע־טע־טע! אויב שוין יאָ אזוי, אויב אזוי לאנג ווי ער איז מלך, הערט ער אויס אלעמענס בקשות, און מען פּאָלגט אויס זיינע באפעלען, איז צו וואָס זאָל איך דאָ ליגען אונטער'ן אויווען? א־מער וועל איך דאָ בעסער אָפּווארטען נאָך א טאָג ביז אויף דער נאכט, און ווי נאָר דער מלך וועט דאָ זיין, און מענשען וועלען צו אים נעמען געהן מיט בקשות, וועל איך צו אים אויך צוגעהן און וועל אים דערצעהלען אלץ, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען. — אז איך בין דאָ א פּארבלאָנדזשעטער, אז איך האָב שוין עטליכע טעג נים געגעסען, און אז איך האָב אין דער היים א ווייב מיט קינדער, און אז אויב איך זאָל נאָך קאָגען קומען אהיים ביז מאָרגען, וואָלט

איך נאָך אפשר זוכה געווען צו שטעהן אינאיינעם מיט אונזער רב ביי קידוש לבנה. — און אז דער מלך וועט אויסהערען מיין גאנצע קלאָג, קאָן דאָך זיין, אז ער וועט שאפען, מען זאָל מיך אָפּפירען אהיים.

— עס קאָן דאָך אָבער אויך זיין, אז ער זאָל מיך גאָר הייסען הרג'ענען — זאָגט בערעל צו זיך אליין.

באלד אָבער ענטפערט ער זיך און זאָגט:

— א איד טאָר אזוי ניט טראכטען; ווייל אויב א אידען איז באשערט צו לעבען, וועט אים גאָט העלפען, און ער וועט לעבען בלייבען, און אויב ניט, — וועל איך דאָך שוין דאָ באלד שטארבען פון הונגער...

און בערעל האָט טאקע אזוי געטאָן. ער האָט אָפּגעווארט, ביז עס איז ווידער געוואָרען נאכט, און ווי נאָר דער מלך איז אָנגעקומען און האָט זיך געזעצט אויף זיין שטול, און דער עולם האָט גענומען צו אים געהן מיט בקשות, אזוי איז בערעל פּראגער ארויסגעקראָכען פון אונטער'ן אויווען, איז צוגעגאנגען און איז געפאלען דעם מלך צו די פיס און האָט אים אויסדערצעהלט זיין גאנצע קלאָג.

און ווי נאָר דער מלך האָט אויסגעהערט אליץ, וואָס מיט בערלען האָט געטראָפען, אזוי האָט ער גלייך געזאָגט:

— דיין פארלאנג זאָל דערפילט ווערען!

און דער מלך האָט גלייך געשאפען צו איינעם און געזאָגט:

— פיר אָפּ דעם מענשען צו זיין שטאָט!

האָט דער, וועמען דער מלך האָט געשאפען, גלייך גענומען בערלען פאר דער האנט, אים ארויסגעפירט פון פאלאץ און גענומען געהן מיט אים, ווי א ווינט וואָלט זיי געטראָגען.

ח.

איופּ'ן וועג איז בערעל פּראַנער איינגעפאַלען:

— סטייטש! וואָס פאַר א פּנים האָט דאָס? — איך האָב געזעהן אַזוי פיעל וואונדער, צום סוף ווייס איך דאָך ניט וואָס, ווער און ווען...

רופט ער זיך אָן צו דעם, וואָס פירט אים:

— אדוני! זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז דאָס פאַר א מעשה מיט דעם מלך, וואָס אלע נאַכט קומט ער און קעניגט, און איטליכער גיט אים אָפּ גרויס כבוד, און דערנאָך צערייסט מען אים.

זאָגט צו אים דער פירער:

— זיי וויסען, אַז דאָס איז דער רוצח, נירון. שוין א סך יאָרען, אַז ער איז טויט, און ווען ער האָט געלעבט, האָט ער זעהר פיעל מענשען אויף שטיקער צעריסען, און ער איז אויך געווען א גרויסער צורר היהודים און האָט נאָר געוואָלט אָפּנעמען די גאַנצע וועלט און ווערען א מלך איבער איר. דערפאַר באַשאַפט מען אים איצט יעדע נאַכט און מען קרוינט אים פאַר א מלך, און ווי נאָר עס קומט דעם האָנ'ס אויסגעשריי פון האַלבער נאַכט, צערייסט מען אים אויף שטיקער. דאָס איז די שטראָף, וואָס גאָט האָט אים געגעבען, ווייל גאָט באַצאָלט מדה כנגד מדה.

„און ווייטער דאַרפסטו, בערעל, וויסען, אַז דו ביזט איצט אין לבנה לאַנד. מען האָט דיך אַהערצו געבראַכט דערפאַר וואָס דיין קידוש לבנה איז שוין אַהער זעהר פיעל מאָל אַרויפ־

געגאַנגען, אינאיינעם מיט דעם ליכט פון דיין הייליגען רב, און ווייל מען האָט געראַרפט האָבען עמיצען, וואָס זאָל ארויס־רייסען די שפּיז פון דעם גרויסען ריז. וואָרים נאָר דורך איר האָט מען אין יענער נאַכט געקענט ראַטעווען די ווייסע שאָף פון דעם בייזען פּאַנדול.

„און דו מוזט וויסען, אז דאָס איז ניט גלאַט אַזוי א ווייסע שאָף. נאָר דאָס איז א שאָף וואָס איז אין גלות זינט דאָס אידישע פאָלק איז אין גלות.

„און די שפּיז, וואָס דו האָסט געוואָרפען דעם פּאַנדול, פליהט אים נאָך אַלץ נאָך.

„און זי וועט אים נאָך אַזוי נאָכפליהען ביז אין דעם סוף פון די טעג.

„און ווען דער שפּיז וועט טרעפען דעם פּאַנדול אין קאָפּ אַריין, וועלען דעמאָלט אַלע מענשען אויפגעריכט ווערען.“

און אַזוי האָט דער פירער די גאַנצע צייט גערעדט צו בערעל פראַגער און איז מיט אים אַלץ געגאַנגען, ווי דער ווינט וואָלט זיי געטראָגען.

מיטאַמאָל אָבער האָט זיך דער פירער אָפּגעשטעלט און אויס־גערופען:

— הויב אויף דיינע אויגען בערעל:

הויבט בערעל אויף זיינע אויגען און דערזעהט, אז ער איז שוין אין פּראַג.

און איידער וואָס־ווען זאָגט דער פירער צו אים:

— זיי וויסען, אז איך קאָן שוין מיט דיר ווייטער ניט געהן. און איידער איך ווער ניט לעבען דיר, האָב איך דיר נאָך צו זאָגען איין זאך:

— גערענק, דו ביזט אזוי פיעל נסיונות אויסגעשטאנען, שטעה אוים נאָך איין נסיון: —

— זיי וויסען, אז כאָטש דו זעהסט שוין פאר זיך דיין שטאָט פראג, ביזטו פונדעסטוועגען נאָך אלץ אין לבנה־לאנד, און אויב דו ווילסט באמת קומען אהיים, טאָרסטו ניט מפסיק זיין, פון איצט ביז דו טרעטסט אריבער די שוועל פון דיין הויז. ווארים טאָמער רעדסטו אוים א ווארט מיט עמיצען, איידער דו ביזט אריין צו זיך אין הויז, וועט זיין שלעכט מיט דיר, — ווארים דו וועסט רעדען נאָך איידער דו ביזט ארוים פון לבנה לאנד.

און ווי נאר דער פירער האָט דאָס אפגעזאָגט, איז ער ניט געבליבען.

ט.

און בערעל פראגער איז זיך געגאנגען אליין אהיים איבער ד פראגער גאסען און האָט גוט אין זינען געהאַט, אז ער זאָל מיט קיינעם קיין וואָרט ניט ריידען, ביז ער וועט אריינגעהן צו זיך אין הויז.

ווי נאָר אָבער בערעל קומט פאר זיין טיר, דערזעהט ער זיין ווייב ארויסקומען פון הויז — דערפרעהט ער זיך זעהר, און ער פארגעסט זיך אָן אַלץ און פרעגט:

— וואָס מאכסטו, מיין ווייב?!...

און ווי נאָר ער האָט דאָס ארויסגעזאָגט, אזוי האָט עס אים גלייך א הויב געטאָן אין דער לופטען זיבען מייל הויך, און עס האָט אים גענומען טראָגען איבער'ן הימעל אזוי שטארק, אז ער איז שיער צעשאָטען געוואָרען.

איז אָבער גראָד דעמאָלט דער פראגער רב ארויסגעגאנגען מיט א גרויסער עדה אידען און האָט זיך מיט זיי אוועקגעשטעלט אין מיטען מארק מחדש זיין די לבנה. און זיינע אייגען האָבען זיך פאנאנדערגעלויכטען, און זיין הויכער שטערען און זיין זילבערנע באָרד האָבען פון זיך ארויסגענעבען דעם וואונדערבאַרען שיין, וואָס מען האָט געקאָנט זעהן אויף מיילען. און ווי נאָר עס איז געקומען צו „שלום עליכם, עליכם שלום", האָט דער רב אויפגעהויבען זיין וואונדערבאַר שיינענדיגען פנים און האָט אויסגעשריען:

— שלום עליכם!

אזוי האָט עס בערלען גלייך גענומען ציהען אראָפּ.
און ער איז אראָפּגעפאלען לעבען רב געזונט און פריש.
און ער איז געבליבען שטעהן אויף זיינע פיס, און האָט גע־
ענטפערט:
— עליכם שלום!

[illegible]
[illegible]
[illegible]

— [illegible]


אין דעם לאנד
פון ריינקייט

א.

דער פראגער רב האָט זעהר שטארק געהאַלטען פון טבילה און ער פלעגט זאָגען:

—וואָס מער איינער טובל'ט זיך, וואָס מער איינער וואַשט און רייניגט זיין לייב, אַלץ ריינער און ליכטיגער ווערט זיין נשמה.

און נאָך פלעגט ער זאָגען:

— אַן אומרייינער מענש איז שווער און אַ ריינער מענש איז לייכט, אַזוי לייכט, אַז ער קאָן כמעט געהן איבער דער לופט.

און אַלע פאַרטאָג, ווען דער מאָרגענשטערען איז אַן איין און איינציגער געשטאַנען איבער דעם פראגער הימעל פלעגט דער פראַגער רב ליב האָבען זיך טובל'ען אינאיינעם מיט עטליכע פון זיינע נאָהענטע חסידים אין די בלויע וואַסערען פון דעם זעהר ברייטען פראַגער טייך.

און נאָך דער טבילה האָט זעהר אָפט געטראָפען, אַז דער רב פלעגט ארויסנעמען זיין טאַשענטיכעל, דאָס פאַרשפרייטען אויפ'ן וואַסער און זיך אַרויפשטעלען אויף דעם, און אַזוי אַוועק־פאָרען איבער'ן טייך, ביז ער פלעגט פאַרשווינדען פון אויג, און נאָכדעם קומען צוריק אַ לייכטער און אַ ליכטיגער און דאָס טיכעל אונטער אים האָט זיך אפילו ניט איינגענעצט און ניט איינ־געבוינען.

איינמאָל האָט געטראָפען, אַז ווען דער פראַגער רב האָט נאָך זיין טבילה פאַרשפרייט זיין טיכעל און זיך אַזוי אַוועקגעלאָזט פאָרען איבער די וואַסערען פון דעם גרויסען טייך, האָבען די

חסידים מיטאמאָל דערזעהן, ווי פון זעהר ווייט ארויף נעמען זיך אנטקעגען רב אויפשלאָגען גרויסע וואסערהויפענס, און באַלד האָבען זיי דערזעהן, אז די וואסערהויפענס ווערען דאָס געוואָרפען פון א חיה, צי א פיש אזא, וואָס טראָגט זיך מיט גרויס אימפעט גלייך אנטקעגען פּראגער רב. דער רב אָבער איז מיטאמאָל געוואָרען אזא ליכטיגער, אז דאָס וואסער ארום אים האָט גענומען שיינען אויף מיילען, און ער האָט גלייך אויפגעהויבען זיין שטעקען אנטקעגען דער שרעקליכער באַשעפעניש. און אז די באַשעפעניש האָט דאָס דערזעהן, האָט זי א שפּרונג געטאָן אין דער לופטען און גענומען לויפען אויף צוריק, דערביי איז אָבער עמיצ'ער אראָפּגעפאלען פון איר רוקען, איז דער רב אויף זיין טיכעל צוגעפאָרען צו דעם עמיצען און אים דערלאנגט זיין שטעקען. איז יענער גלייך ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן שטעקען, זיך נאָכדעם אנגעכאפּט אָן דעם רב'ס גארטעל. און ווען זיי זענען אזוי אינאיינעם אָנגעקומען צוריק צום ברעג, האָבען אלע מיט שרעק דערזעהן, אז דער עמיצער, איז דאָס בערעל פּראגער, דער דארער איד, דער סוחר, וואָס פלעגט אויספאָרען וועלטען.

ב.

בערעל פראגער איז זיך געהאט געפאָרען נאָך סחורה אין ווייטע לענדער. און ער איז זיך אזוי געפאָרען, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַן איינפאָר־הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן ברעג פון א זעהר שרעקליכער מדבר. ווי נאָר אָבער ער איז צוגעקומען צום הויז קוקט ער זיך אום און דערזעהט זעהר פיעל מענשען מיט וועגען און פערד, מיט קעמלען און אייזלען, און די מענשען האָבען מיט זיך פיעל געווער און זענען אלע באוואפענט פון קאָפּ ביז די פיס. דערשרעקט זיך בערעל און טראכט:

— מן הסתם זענען דאָס גזלנים!

ער שטארקט זיך אָבער און באגריסט זיי, ווי עס פאסט פאר א אידען א סוחר און פרעגט:

פון וואנען קומט איר, פריינד, און וואוהין ציהען אייערע טריט?

ענטפערען זיי אים:

— מיר זענען אלע סוחרים פון פארשידענע לענדער און מיר ציהען קיין אפריקא נאָך סחורה.

וואונדערט זיך בערעל:

— אויב סוחרים פון פארשידענע לענדער איז פארוואָס האָבען זיי זיך גראָד אלע צונויפגעקליבען דאָ אויף דעם אָרט, און פארוואָס זענען זיי אלע אזוי שטארק באוואפענט?

דערקלערען זיי אים, אז דאָס דאָזיגע הויז איז פון שטענדיג אָן דאָס אָרט וואו עס קומען זיך צונויף די סוחרים, וואָס דארפען

איבערקרייצען די מדבר און זיי ווארטען דאָ אָפּ ביז עס זאמעלט זיך צונויף א גרויסע מחנה, דעמאָלט באוואפענען זיי זיך און לאָזען זיך אינאיינעם. וואָרים ווער וואָלט זיך דען אנדערש אונטער־געשטעלט דורכצוקרייצען אָט די שרעקליכע וויסטעניש וואו עס האלטען זיך אויף שלעכטע חיות און שרעקליכע רויבער באנדעס ? !

געפעלט בערלען זייער ענטפער און ער מאכט ביי זיך אָפּ, אז דאָס איז מן הסתם א גאָט זאך, וואָרים ער האָט זיך דאָך טאקע געקליבען צו פאָרען קיין אפריקא. און ער געהט און באהעפט זיך אָן דער מחנה און באוואפענט זיך ווי איינער פון זיי, און לאָזט זיך מיט זיי אין וועג אריין, אין וועג קיין אפריקע, איבער דער שרעק־ליך גרויסער און וויסטער מדבר, וואָס ציהט זיך און שפרייט זיך אויף גאנצע הונדערט טעג גאנג.

ג.

ווי נאָר אָבער די גרויסע מחנה סוחרים איז אָפּגעגאנגען אין דער מדבר ביי א פופציג טעג, זענען זיי פּלוצלונג באַפאלען געוואָרען פון א באַנדע רויבער.

די סוחרים זענען דאָך אָבער געווען באוואפענט, האָבען זיי דערפאר אָנגעריכט א מלחמה געגען די שרעקליכע רויבער און זיי האָבען מיט זיי מלחמה געהאַלטען א גאנצען טאָג ביז שפּעט אין אָוונט. און אז עס איז געקומען אין אָווענט האָבען זיך די סוחרים געשטארקט איבער די רויבער. און אז די רויבער האָבען דערזעהן, אז סאיז שלעכט האָבען זיי גענומען שליידערען שווערע שטיינער צו די אָנגעלאָדענע קעמלען און צו די עזלען און די פערד וואָרים זיי האָבען געוואוסט, אז דאָרטען מוזען זיך געפינען די לאָגלען מיט וואסער, וואָס די סוחרים פיהרען מיט זיך מיט אויף דעם לאַנגען וועג פון דער טרוקענער און זאמדינער מדבר, און אז אויב זיי וועלען צעברעכען די לאָגלען וועלען זיך די סוחרים מוזען אונטערגעבען אָדער שטארבען פון דאָרשט.

ווען אָבער אויף דעם שטילען הימעל, וואָס איז געהאנגען איבער די טרוקענע זאמדען פון דעם ווילדען מדבר, האָט זיך באוויזען דער גרויסער מאָרגענשטערען, האָבען די גזלנים גלייך אויסגעדרעהט זייערע ווילדע פערד און זענען אנטרונען געוואָרען.

האָבען נאָכדעם די סוחרים אוראי געשיקט תפילות און האָבען געדאנקט און געלויבט, יעדערער צו זיין נאָמ, דערפאר וואָס זיי זענען נצול געוואָרען פון אזא רויבער־באנדע. אָבער ווי נאָר

זיי האָבען זיך גענומען קלייבען צוריק אין וועג אריין, האָבען זיי מיט שרעק דערזעהן, אַז זעהר פיעל לאַגלען זענען צו־בראָכען און אַז זיי זענען געבליבען מיט זעהר ווייניג וואסער.

איז אויף זיי אָנגעפאַלען אַ גרויסער שרעק:

— כטייטש, זיי האָבען דאָך נאָך צו געהן פופציג טעג איבער די הייסע זאַמדען פון דער ווילדער מדבר, הייסט ווי אַזוי וועלען זיי אויסקומען אָהן וואסער?!

האָט זיך דער עלטסטער פון די סוחרים אָנגערופען:

— הערט מיך צו, מיינע פריינד, מיט דעם וואַסער, וואָס איז נאָך פארבליבען אין די איבערגעבליבענע לאָגלען קאָנען מיר נאָך אפשר בשלום אָנקומען אין דעם לאַנד אפריקע, אויב קיינער פון אונז זאָל ניט נוצען דאָס וואסער אויף צו וואשען אָדער קאָכען, און יעדער פון אונז זאָל נאָר באַקומען אַ קליינע מאָס אויף צום טרינקען יעדען טאָג.

זענען די דאָזיגע רייד זעהר געפעלען געוואָרען די אַלע אַנ־דערע סוחרים, און זיי האָבען געזאָגט:

דו האָסט רעכט, אונזער האר און אונזער עלטסטער. און דאָס וואסער זאָל מאַקע זיין אונטער דיינע הענט און ווער עס וועט נעמען וואסער אָהן דיין באַפעל זאָל געטויט ווערען.

ווי נאָר אָבער בערעל פּראגער האָט דערהערט אַזעלכע רייד איז ער גלייך צוגעטראָטען צום עלטסטען און אַזוי געזאָגט:

— גנעדיגער האר, דיין עצה איז אודאי קלוג און וואויל גע־פעלען, אָבער איך בין אַ איד, און אַ איד טאָר ניט דערמאָנען גאָט'ס נאָמען, און טאָר ניט עסען קיין מאָלצייט, איידער ער וואשט זיינע הענט. דעריבער בעט איך דיך, מיר אַרויסגעבען מיט איין מאָס וואסער מער כדי איך זאָל קאָנען וואשען מיינע הענט פאַר'ן גאָט בעטען און פאַר'ן עסען. און וויפיל דו וועסט פאַר־לאַנגען וועל איך דיר פאַר דעם צאָלען.

האָט זיך דער האר צו אים אָנגערופען, אויב דו גיסט מיר אוועק דיין גאנץ פארמעגען וועל איך דיר ארויסגעבען אן איבּרינע מאָס וואסער יעדען טאָג אויף צו וואשען דיינע הענט פאר דיין עסען און פאר דיין גאָט בעטען.

טראכט ביי זיך בערעל פראגער:

— מיין גאנץ פארמעגען באשטעהט פון א מיליאָן דוקאטען, דאָס איז אפילו א זעהר גרוים פארמעגען, אָבער וואָס איז דאָס אנטקעגען דער מצוה פון נטילת ידים! ווער פארמאָגט דאָס גאָר אזויפיל געלט, אז ער זאָל דאָס קאָנען פארגלייכען מיט אזא מצוה ?...

און בערלען ווערט פון דעם מיטאמאָל זעהר גוט אויפ'ן הארצען און ער פאקט איין איינגאנצען זיין געלט און ער ברענגט דאָס צום עלטסטען און זאָגט צו אים מיט גרוים פרייד:

— דאָ האָסטו איינגאנצען מיין פארמעגען, א מיליאָן דוקאטען, איך גיב דאָס דיר אוועק פאר דער איבעריגער מאָס וואסער, וואָס דו פארשפרעכסט מיר צו געבען יעדען טאָג אויף צו וואשען מיינע הענט.

האָבען זיך די אלע אנדערע סוחרים אודאי זעהר שטארק פארוואונדערט איבער דער דאָזיגער זאך, וואָרים, כאָטש זיי זענען אלע געווען פון אנדערע גלויבענס, האָבען זיי אָבער פאָרט פארשטאנען, אז ווען איינער גיט מיט פרייד אוועק זיין גאנצען פארמעגען כדי נאָכצוקומען זיין געבאָט, מוז ער אודאי זיין זעהר אן ערליכער און גאָטספאָרכטיגער מענש.; פונדעסטוועגען האָבען זיי אָבער פאָרט געהאט גרוים פארדראָס פאר דעם וואסער. און זיי האָבען זיך אָנגערופען:

— מיר האָבען דאָך אָבער פאָרט וועניג וואסער!

האָט זיך דער עלטסטער צו זיי אָנגערופען און געזאָגט:

גלויבט מיר, קינדער מיינע, אז מיר אליין טוט אויך באנג

פאַר'ן וואַסער. איך האָב זיך אָבער נאָר אַזוי ארויסגערעדט כדי אים צו פּריוון. איצט אָבער קאָן איך שוין מיין וואָרט ניט בייטען, ווארים מיין וואָרט איז דאָך דאָס וואָרט פון אייער עלטסטען. עס איז זיין גליק. ער זאָל יעדען טאָג קריגען אַן איבעריגע מאָס וואַסער אויף צו וואשען זיינע הענט, וואָס איז אים פאַרגעשריבען פון זיין גלויבען, און זיין פארמעגען זאָל דערפאר פאנאנדערגעטיילט ווערען צווישען אייך. יעדער פון אייך זאָל קריגען א גלייכען חלק.

און דער עלטסטער האָט גלייך פאנאנדערגעטיילט דעם מיליאָן דוקאטען צווישען דער מחנה כדי צו שטילען זייער כעס.

בערעל אָבער האָט וועגען זיין געלט גאָרניט געטראכט, און האָט זיך דעם גאנצען איבעריגען וועג פון דער שרעקליך גרויסער מדבר געפיהלט גוט און פרעהליך. און יעדעס מאָל, וואָס ער פלעגט וואשען זיינע הענט מיט דער מאָס וואסער פלעגט זיין פנים אויפשיינען פון פרייד, ווי א ליכטיג פייער.

און די אנדערע סוחרים פלעגען דערביי קוקען אויף זיין ליכטיג אויפגעשיינטען פנים און פלעגען שטוינען.

און איינמאָל האָבען זיך די סוחרים צו אים אָנגערופען און אזוי געזאָגט:

— מיר זעהען דאָך איין, אז דו ביזט א גרויסער און גאָטספאָרכטיגער מענש, איז דאָך ניט רעכט פון אונז, מיר זאָלען פון דיר דערפאר אוועקנעמען דיין פארמעגען. נעם דיר דעריבער צוריק דיין געלט מיט וועלכען דו האָסט זיך געלאָזט אין אזוינע ווייטע לענדער נאָך סחורה. האנדעל מיט דעם און זאָל דיר דיין גאָט העלפען. און וואסער צו וואשען דיינע הענט נאָך דיין געבאָט, וועלען מיר דיר סיי ווי געבען.

בערעל אָבער האָט געענטפערט:

ניין, מיינע פריינד, איך בין א איד א סוחר, און די

וואָס איך האָב ביי אייך איינגעהאַנדעלט פאַר מיינע דוקאַטען איז אַזאַ סחורה, אַז איך האָב אויף איר קיין חרטה ניט, און איך וועל ביי אייך דערפאַר דאָס געלט צוריק ניט נעמען.

זאָגען זיי אים:

— אָבער וואָס וועסטו פּאַרט טאָן אָהן געלט אין אַזאַ ווייטען און פרעמדען לאַנד?

זאָגט צו זיי בערעל פּראַגער:

— זאָרגט זיך ניט, מיינע פריינד. מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט. און אויב ער וועט וועלען, וועט נאָך בערעל פּראַגער צוריק רייך ווערען. און אפשר וויל דאָס טאַקע גאָט, אַז בערעל פּראַגער זאָל שוין מער קיינמאָל רייך ניט זיין. דאַרף איך דאָך אודאי זיין צופרידען, וואָס ער האָט דאָס געמאַכט אויף אַזאַ אופן. וואָרים ער האָט דאָך געקאָנט מאַכען, אַז איך זאָל אייך ניט טרעפען, און אַז די גזלנים זאָלען מיך אליין איבערפאַלען, און זאָלען ביי מיר צונעמען דאָס געלט, און זאָלען מיך נאָך דערהרג'ענען אויך, צום סוף האָט ער גאָר געמאַכט אַזוי, אַז פאַר מיין געלט האָב איך איינגעהאַנדעלט אַזאַ שעהנע מצוה.

איז זיי אַלעמען זעהר געפעלען געוואָרען זיינע רייד און זיי האָבען צו אים אויסגערופען:

— בערעל פּראַגער, דו ביזט אין דער אמת אַ זעהר גרויסער און גאָטספאָרכטיגער מענש, און דו ביזט דערפאַר אויסדערוועהלט געוואָרען פאַר זעהר גרויסע זאַכען!

און ווי נאָר זיי האָבען דאָס אָפּגעזאָגט אַזוי זענען זיי ניט געוואָרען...

און ווען בערעל פּראַגער האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט האָט ער דערזעהן לעבען זיך אַן אַלטען מאַן מיט אַ זעהר ליכטיגען פּנים און דער ליכטיגער אַלטער האָט אין איין האַנט געהאַלטען אַ פולען

קרוג און אין דער אנדערער אַן אָנגעפילט פלעשעל. און ער האָט אים פריהער דערלאַנגט דעם קרוג און געזאָגט:

נא, דאָ האָסטו דיר דיין געלט און א בינטעל מיט אזא שלאָפ־געטראַנק. אויב דו מישט דאָס שלאָפגעטראַנק אוים מיט וויין און וואסער וועלען די, וואָס טרינקען דאָס נאָכדעם זיך נאָר קאָנען האלטען אויף די פים ביז דער האָן וועט קרעהען, און אויפכאַפּען וועלען זיי זיך קאָנען ערשט דעמאָלט ווען דו וועסט דאָס אויף זיי גוזר זיין.

נאָכדעם האָט אים דער גרייז אויך איבערגעגעבען דאָס פלע־שעל און געזאָגט:

דאָ אין דעם פלעשעל איז פאַראַן אזא שוואַרצע זאַלבּ, אויב נאָר א טראָפּען פון דעם זאַפט וועט פאַלען אויף דעם רוקען פון א בייזער חיה, וועט זיך פון דעם אָנצינדען א בראַנד אין אירע ביינער, און זי וועט נעמען ברענען ביז זי וועט פארלענדט ווערען.

און ווי נאָר בערעל פראַנער האָט צוגענומען דעם קרוג פון זיינע הענט אזוי האָט דער ליכטיגער גרייז בלויז נאָך איין פינקעל געטאָן און איז ניט געוואָרען.

ד.

איז בערעל פּראַנער נאָכדעם געבליבען איינער אליין אין מיטען פון דער גרויסער מדבר. ער האָט זיך גענומען אומקוקען און האָט אין אלע זייטען געזעהן בלויז נאַכט און זאַמד און שטערען אָהן א שיעור.

שטעהט זיך אַזוי בערעל און טראַכט:

— וואָס טוט מען איצט?

נאָר אָט דערזעהט ער מיטאַמאָל א גרויסען וואלד ערגיץ דאָרט ווייט ארויף, פּונקט אין יענער זייט וואוהין דער ליכטיגער גרייז האָט אוועקגעפינקעלט. נעמט בערעל פּראַנער רעדען צו זיך אין זיין הארצען:

מילא, דאָס וואָס עס איז מיט מיר דאָ פּאָרגעקומען האָט דאָך מן הסתם מיט מיר געדאַרפט פּאָרקומען. און איצט איז מיר ווייזט אויס באַשערט צו געהן אין דעם וואלד אריין, וואָרים אז נים קומט דאָך מיר אויס צו געהן צוריק אין דער מדבר, וואָס איז וויסט און פּוסט. און א וואלד איז דאָך פּאָרט א וואלד. מען קאָן דאָרט אפשר געפינען וואסערקוואלען און אפשר אויך פּרוכטבוי־מער, וועל איך מיר דאָרט דערוויייל קאָנען דאָס לעבען דערהאלטען ביז איך וועל אפשר אַזוי מיט׳ן וואלד צו א מענשליכען ישוב קומען.

און ער לאָזט זיך אַזוי מיט א געשטאַרקטען הארץ איז דעם שרעקליכען וואלד אריין. און אַזוי איז ער זיך אָפּגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג אין דעם גרויסען טיפען וואלד מיט א פרעהליך געמיט,

כאַטש קיין עסען און קיין טרינקען האָט ער אין ערגעץ ניט געפונען.

און ווען עס איז געוואָרען פאַרנאַכט האָט ער פאַר זיך מיט אַמאָל דערזעהן אַ זעהר וואונדערבאַרען בוים, דער בוים איז געווען צווייאונזיבעציג איילען די גרעב, און זיינע צווייגען — צו צוועלף איילען, און אַזוי אויך זיינע וואָרצלען, וואָס האָבען זיך אַזש אַרויסגעהויבען פון דער ערד אויף אַ סך איילען. און לעבען איינעם פון די גרויסע וואָרצלען דערזעהט בערעל אַ זעהר גרויסען שטיין, דער שטיין איז זעהר דיק, און איז צען איילען די הויך און צען איילען די ברייט. פאַרוואונדערט זיך בערעל זעהר אויף דעם בוים און אויף דעם שטיין, און ער מאַכט ביי זיך אַפּ, אַז דאָ מוז עפּעס זיין. עפּעס זעהט עס ניט אויס צו זיין גלאַט אַזוי אַ בוים און גלאַט אַזוי אַ שטיין.

און בערעל איז זיך מישב און קריכט אַרויף אויף אַ צווייג וואָס איבער'ן שטיין, זעצט זיך דאָרט אַוועק און קוקט און וואַרט.

און ווי נאָר עס איז געוואָרען נאַכט און פינסטער אין דעם וואַלד, האָט בערעל מיטאַמאָל דערהערט דאָס אָנקומען פון רייטער אויף פערד און דאָס קלאַפּען פון שווערדען. און אין עטליכע מינוט אַרום דערזעהט ער ווי פון צווישען די נעדריגטע ביימער קומען אַרויס אַ גרויסע באַנדע רויבער, אַלע באַשילדט און באַפּאַנצערט און אַלע זיינען גרויס און שטאַרק ווי ריזען און אַט האָט איינער פון זיי אָנגעצונדען אַ גרויסען לאַמטערען און דער לאַמטערען האָט פון זיך אַרויסגעגעבען אַזאַ שיין, אַז עס איז אַרום זיי שטאַרק ליכטיק געוואָרען, און ביי דעם שיין האָט בערעל פאַר'נגער מיט שרעק דערזעהן, אַז די אַלע רייטער זיינען גרוי ווי מייז!.. און באַלד איז פאַר זיי אַרויסגעפאָרען איינער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין גאָלדענע קליידער און מיט אַ גאָלדענער קרוין אויף זיין קאָפּ. די קרוין איז געווען באַזעצט מיט אַזוינע טייערע שטיינער,

וואָס האָבען געפינקעלט אין דער נאכט, ווי שטערען. האָט בערעל פּראַגער גלייך פארשטאנען, אז דאָס איז געווים זייער קעניג און איז זיך אזוי געלעגען מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטעם צווישען די נעדריכטע צווייגען פון דעם גרויסען בוים און האָט געזעהן ווי דער דאָזיגער קעניג זייערער איז צוגעפאָרען צו דעם גרויסען שטיין, וואָס איז געלעגען לעבען וואָרצעל, און האָט אָנגערופען דעם שטיין ביים נאָמען און געזאָגט צו אים „מאך זיך אויף!“

האָט זיך דער שטיין גלייך אויפגעמאכט, ווי א גרויסער טויער, און דער גרויער קעניג איז אויף זיין פערד דער ערשטער אריינגעפאָרען אין דער גרויסער עפענונג, און די איבעריגע גרויע רייטער זענען פאָרוויַיז נאָכגעפאָרען נאָך אים, ביז זיי זענען אַלע ארי נגעפאָרען אינעווייניג.

און בערעל פּראַגער האָט זיך דערווייל גוט איינגעהערט דעם נאָמען פון דעם שטיין אזוי אז ער זאָל אים ניט פארגעסען. און ער האָט זיי נאָכגעקוקט און האָט זיי איבערגעצעהלט, כדי טאָמער מאכט זיך עפּעס זאָל ער, בערעל פּראַגער, וויסען וואָס ווער און ווען. און ער האָט געזעהן, אז זיי זענען געווען טויזענט מאן שטארק, און אז זייערע אַלעמענס פּנים'ער זענען געווען גרוי. נאָר איינער איז צווישען זיי געווען א ווייסער, א יונגער און א ליכטיגער... און ווי נאָר די לעצטע פּאָר פון זיי איז אריין, אזוי האָט זיך דער שטיין גלייך צוריק צוגעמאכט.

טראכט ביי זיך בערעל פּראַגער:

— אז גאָט נעמט א אידען און פארוואַרפט אים אין אזא ווילדען וואַלד, און ברייננט אים צו אזא בוים, און ווייזט אים אזוינע זאכען, איז דאך מן הסתם ניט אומזיסט.

און ער מאכט ביי זיך אָפּ איבערנעכטיגען אויף דעם בוים און זעהן, וואָס וועט דאָ מאָרגען זיין, וואָרים ווער ווייס צוליב וואָס פאַר א שליחות ער איז אַהער געבראַכט געוואָרען.

ח.

און אויף מאָרגען אין דער פריה, איז ווי נאָר דער מאָרגען האָט גענומען וועקען די בוימער, ווי נאָר דער ערשטער שיין האָט זיך גענומען ליינען אויף די בלעטער פון די צווייגען, אזוי האָט בעריעל געעפענט זיינע אויגען און דערזעהן, אז דער שטיין האָט זיך ווידער געעפענט און דער קעניג פאָרט פון דאָרט ארויס און נאָך אים פאָרען פאָרוויז די אלע איבעריגע. האָט זיי בערעל ווי־דער געצעהלט און האָט געזעהן, אז איינער פון זיי פעהלט און אז דער איינער איז דער יונגער, דער ווייסער...

דער שטיין האָט זיך צוריק פארמאכט און די גרויע רייטער האָבען זיך אויף זייערע שנעלע פערד אוועקגעלאָזט אין דעם טיפען וואלד. איז זיך בערעל פראַגער געבליבען איינער אליין אויפ'ן בוים.

לינט ער זיך אזוי און טראַכט:

— דער וואָס לעבט אייביג האָט דאָך מיך געוויס אהערצו ניט געבראַכט צוליב דעם, אז איך זאָל זיך אוועקלייגען אויפ'ן בוים און ליגען. און וואָס איז גלאַט דער תכלית פון ליגען? וואָס בין איך דאָס א שטיין, א שטיק זאַלץ חלילה! און דערצו וועל איך דאָרט אפשר געפינען אביסעל וואסער, וועל איך זיך וואשען, וועל איך נאָכדעם קאָנען דאַוונען און עסען און בענשען.

און בערעל קריכט אראָפּ פון דעם בוים און געהט צו צום שטיין און רופט אים אָן ביים נאָמען און זאָגט צו אים:

— מאַך דיך אויף!

האָט זיך דער שטיין גלייך אויפגעעפענט, און בערעל האָט פאר זיך דערזעהן א גרויסע און ליכטיגע הייל.

מאכט בערעל עטליכע טריט אין דער הייל אריין און שטעלט זיך אָפּ און קוקט זיך אום אין אלע זייטען און דערזעהט פאר זיך א גרויסען טייך און שעהנע פאלאצען ביי די ברעגען, מיט גערט־נער, מיט בלומען, מיט פרוכטבוימער און מיט אלערליי שמעקענ־דיגע געוויקסען, וואָס זייער ריח איז א זעהר גרויסער תענוג.

פריהער פון אלץ איז בערעל פראגער צוגעגאנגען צום טייך און זיך געוואשען, וואָרים ווי קאָן א איד זאָגען א אידיש וואָרט איידער ער האָט זיך געוואשען, און ווי ער וואשט זיך אזוי פאר־שמעקט אים דער אָטעם פון דעם פרישען וואסער, דאָס וואסער רופט ממש מען זאָל זיך אין דעם טובל זיין.

נעמט בערעל טראַכטען:

— איצט קאָן דאָך זיין איז פונקט די מינוט ווען דער פראַ־גער רב טובל'ט זיך אין דעם פראגער טייך און די וואסערען פון דעם טייך שיינען זיך דורכדעם דאָרט אזוי פאנאנדער, ווי זיי וואָלטען געווען פארשפרייט מיט פינקלענדיגע שטערען.

און בערעל דערפיהלט אין זיך א זעהר שטארק בייגקאָן נאָך דער שטאָט פראג און נאָך דעם גרויסען און ליכטיגען פראגער צדיק, דעם בעל מופת, און ער מאכט ביי זיך אָפּ: — אָט ער וועט זיך אויסטאָן און וועט אריין און זיך אָפּ'טובל'ען אין דעם דאָזיגען וואסער — אלע טייכען לויפען דאָך אין ים אריין, וועט זיך אפשר דאָס וואַסער פון דעם טייך פינקט ערגעץ אָנטרעפען מיט די וואַ־סערען פון דעם פראגער טייך.

אָבער ווי נאָר בערעל פראגער וויל זיך שוין נעמען צוגרייטען צו דער טבילה, שלאָגט זיך אין דעם וואסער מיטאמאָל אָפּ די אָפּ־שפּיגלונג פון דער זון.

פארוואונדערט זיך בערעל:

— ווי קומט אין א הייל א זון?

און ער כאַפּט זיך, אז די זון איז גאָר פון רימענג‧ען אזוינע.

— דאָס איז מן הסתם אַלץ געמאַכט מיט כשוף, טראַכט ער, און ער בלייבט פאַר א רגע שטעהן א דערשראָקענער, און לאָזט זיך נאָכדעם גלייך צום ארויסגאַנג פון הייל.

דערהערט בערעל אָבער באַלד א זעהר שווערען זיפץ פון א מענשען און בלייבט שטעהן:

— א מענש זיפצט, און אזוי שווער! ווער קאָן דאָס זיין?

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך, אז דאָס איז מן הסתם דער ווייסער מענש, וואָס די גרויע רוצחים האָבען אהערצו געכטען געבראַכט.

— אז וויבאַלד אזוי — טראַכט בערעל — הייסט דאָך דאָס, אז א מענש איז דאָ געפאַנגען. און ווער ווייס, וואָס עס קאָן דאָ מיט אים געשעהן. און אפשר האָבען מיך דאָס טאַקע מיינע טריט אהערצו געבראַכט, כדי איך זאָל אים ראַטעווען פון זייערע הענט?

און בערעל לאָזט זיך נאָכ'ן קול, און ער קומט צו צו א פּלאַץ עפענט ער אויף די טיר און נעמט זיך געהן איבער די חדרים ביז ער קומט אריין אין א חדר און דערזעהט פאַר זיך דעם שעהנעם ווייסען מענשען געשלאָסען אין קייטען.

פרעגט ביי אים בערעל:

— ווער ביזטו און ווי קומסטו אהער?

— דערשרעקט זיך יענער און הויבט אָן:

— וואָס מאַכסטו זיך כלומר'שט דו ווייסט ניט ווער איך בין און וואָס איך טו דאָ!? דו ביזט דאָך מיך געקומען הרג'נען, טאָ הרג'ע און פּטור.

קוקט אים בערעל אודאי אָן מיט א שמייכעל, און זאָגט:

— טע־טע־טע! מיין שעהנער יונגערמאַן, דו מוזט דאָך שיין אודאי זיין זעהר שטאַרק אָנגעשראָקען, אז איך, בערעל בראַנער, זאָל דיר אויסקוקען ווי א גזלן, ווי א רוצח פון וואַלד. שרעק זיך ניט מיין פריינד, איך טראָג מיט זיך בלויז א קרוג מיט וואַסער

אויף צו וואשען זיך איידער איך נעם זיך גאָט בעטען, אוף צו וואשען זיך איידער איך נעם עסען, אויף צו וואשען זיך איידער איך נעם נאָכ׳ן עסען גאָט לויבען. ווארים איך בין א איד, און דארף זיך האלטען ריין פון גאָט׳ס וועגען.

— א איד! ? — רופט זיך יענער אָן, — אויב אזוי זאָלסטו וויסען, אז איך בין דער בן מלך פון דעם לאנד פון ריינקייט און די אידען זענען ביי אונז זעהר גרויסע מיוחסים, אָבער מיר וועט שוין מער קיינמאָל ניט באשערט זיין זיך אומצוקערען אין מיין ליב לאנד, אין דעם לאנד פון ריינקייט, ווארים די גרויע רויבער וועלען מיר נאָך היינט אָוועקנעמען אויסשניידען מיין הארץ.

— עה, נארישקייטען — זאָגט בערעל. — וואָס הייסט זיי וועלען דיר אויסשניידען דיין הארץ! ? און וואו איז גאָט? ! — און בערעל איז דאָ מיטאמאָל אריין אין אזא גרויסען כעס אויף די רוצחים, וואָס האָבען חשק אויסצושניידען ביי א מענשען דאָס הארץ, אז ער האָט זיך גאָר פארגעסען, אז ער איז ניט מער ווי א דארער איד, א סוחר. ער האָט אוועקגעשטעלט דעם קרוג און האָט זיך מיט זיינע הענט א וואָרף געטאָן צו די קייטען, אין וועלכע דער שעהנער בן מלך איז געווען איינגעשמידט. — און דער כעס האָט בערעל פראגער געמאכט שטארק ווי א ריז און די קייטען זענען זיך צעפאלען אונטער זיינע הענט און דער בן מלך איז פאר אים געבליבען שטעהן א באפרייטער.

דעמאָלט האָט ערשט בערעל פראגער דערזעהן דעם בן מלך אין זיין גאנצער שעהנקייט און האָט זיך ערשט אויף דער אמת׳ן פארוואונדערט, ווארים אזא שעהנעם יונגען מענשען האָט ער נאָך אין זיין לעבענסטאָג ניט געזעהן.

נעמט בערעל און לייגט זיך נאָכדעם אריין די האנט אין באָרד, קוקט אויפ׳ן שעהנעם בן מלך און טראכט פאר זיך און טראכט און רופט זיך צו אים נאָכדעם אָן אזוי:

— הער מיך אויס, מיין פריינד, מיר דארפען דאָ קיין צייט נים פארלירען, איך זעה איצט באשיינפערלעך אז גאָט האָט מיך אהער געבראכט כדי איך זאָל דיך אויסלייזען פון זייערע הענט. איז דערפאַר מיין עצה אזא — דו נעם אַ שטיק פּאפּיר און שרייב אויף אים גלייך אויף אזוי:

איר גרויע, מיאוס'ע מערדער זאָלט זיך קיינמאָל נים קאָנען בארימען, אז איר האָט דער'הרג'עט דעם שעהנעם בן מלך פון דעם לאַנד פון ריינקיים. דאריבער געה איך און הענג מיר אויף אַ שווערען שטיין אויפ'ן האלז און ווארף זיך מיט גרויס פרייד אריין אין דעם טיפען וואסער. איך וועל מיך בעסער אליין דער־מרינקען איידער לאָזען אז אייערע רויבערישע הענט זאָלען מיך דער'הרג'ענען.

האָט דער בן מלך געלויבט בערלען און האָט געטאָן ווי ער האָט אים געהייסען.

און בערעל האָט נאָכדעם גענומען און אריינגעוואָרפען דעם בן מלכ'ס קייטען אין טייך אריין, און דעם בן מלכ'ס הוט האָט ער אוועקגעלייגט לעבען וואסער, און דאָס פּאפּיר האָט ער איבער־געלאָזט אויפ'ן טיש פאר'ן מלך פון די רויבער. און נאָכדעם האָ־בען זיי מיט זיך מיטגענומען אן אנדער היטעל פאר דעם בן מלך און אַ סך גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער און האָבען מיט זיך מיטגענומען ברויט און וואסער און זיי זענען ארויס פון דער הייל און זענען אוועק.

ז.

אַז בערעל פּראַגער און דער שעהנער בן מלך זענען שוין געוועזען ווייט פון דער הייל האָבען זיי אודאי געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיי אַרויסגעהאָלפען ביז איצט, און זיי האָבען זיך געוואַשען און געזעצט עסען.

ביים עסען רופט זיך בערעל אָן צום בן מלך:

— אָט איצטער ערשט דערצעהל מיר טאַקע אויף אַן אמת'ן ווער דו ביזט און ווי אַזוי דו קומסט אַריינצופאַלען אין די הענט פון די דאָזיגע גרויע רויבער.

רופט זיך דער בן מלך אָן:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך בין דער בן מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט.

— וואָסזשע — זאָגט בערעל — עס איז טאַקע מיט אַן אמת'ן פאַראַן אַזא לאַנד, וואָס הייסט דאָס לאַנד פון ריינקייט?

— געוויס. — רופט זיך אָן דער בן מלך.

— אַזוי! — רופט זיך בערעל אָן א פאַרוואונדערטער — מוז דאָך דאָס מן הסתם אודאי זיין א זעהר וואונדערליך לאַנד. עפּעס א קליינינקייט, א לאַנד, וואָס הייסט דאָס לאַנד פון ריינקייט! און דאָס געפינט זיך מן הסתם ערגעץ דאָ, ניט ווייט פון דער מדבר. אָט די מדבר איז דאָ א פּנים פול מיט סודות און מיט וואונדער. נו, נו, מן הסתם איז דאָך מיר אַזוי באַשערט, אַז ניט ווי רען קום איך צו די דאָזיגע אַלע זאַכען. נו, נו מילא, אַז גאָט וויל

אזוי, טאַ זאָל זיין אזוי, וואָס קאָן זיך א מענש העלפען. נאָר אדרבה, דערצעהל מיר טאקע פּאָרט, ווי אזוי דו ביזט ארייגנגע־פאלען אין זייערע הענט.

דערצעהלט אים דער שעהנער בן מלך, אז זייער לאנד, דאָס לאנד פון ריינקייט, געפינט זיך טאקע לעבען דער מדבר, ניט ווייט פון אָט דעם גרויסען שווארצען וואלד. האָט זיך איינמאָל געמאכט, אז פון דעם וואלד האָט זיך מיטאמאָל גענומען הערען א זעהר מיאוס קול פון עפּעס א חיה. און אזוי ווי דאָס לאנד פון ריינקייט קאָן אפילו קיין מיאוס קול ניט פארטראָגען האָט דעריבער זיין פאָטער, דער מלך ארויסגעשיקט א גרויסע מחנה גבורים, זיי זאָלען זיך אוועקלאָזען איבער דעם וואלד זוכען די שרעקליכע חיה, וואָס שיקט אירע מיאוס'ע קולות אין אונזער לאנד אריין פּונקט ווי זי וואָלט זיך מיט אונז רייצען. זענען די גבורים אוועק און זענען צוריק ניט געקומען, האָט זיך דאָס לאנד אודאי דערשראָקען, וואָרים די גבורים, וואָס מען האָט ארויסגעשיקט זענען געווען פון די שטארקסטע אין לאנד, און דער אָנפירער איז געווען איינער א זעהר גרויסער העלד, וואָס מיין פאָטער און דאָס גאנצע לאנד האָט זיך אויף אים זעהר שטארק אָנגעלעהנט. האָט מען גלייך ארויס־געשיקט נאָך א גרויסע מחנה פון געקליבענע גבורים, אָבער פון דער ראָזינגער מחנה האָבען זיך בלויז צוריקגעקערט צוויי, וואָס האָבען דערצעהלט, אז די גאנצע מחנה איז באפאלען געוואָרען פון א שרעקליכער באנדע גרויע רויבער. די רויבער האָבען אלע איבעריגע אויסגעהרג'עט און נאָר זיי צוויי האָבען זיך געראטעוועט. האָבען מיר אָפּגעוואַרט א שטיק צייט, און האָבען ווידער צונויפגעשטעלט א מחנה, נאָך א גרעסערע פון פריהער, אָבער אויך די מחנה איז צעשלאָגען געוואָרען, און נאָך יעדער פאר־לאָרענער שלאכט האָבען מיר דערזעהן, אז דער שווארצער וואלד וואקסט אלץ נעהענטער און נעהענטער צו אונזער לאנד פון ריינ־

קיים. האָב איך זיך אָנגערופען צו מיין פאָטער און האָב צו אים געזאָגט:

— זעהסט דאָך, פאָטער, אז אונזער לאַנד איז אין א שרעק־ליכער סכנה, לאָז מיך געהן מיט א מחנה אנטקעגען דעם שרעק־ליכען פיינד, אפשר וועז איך וועל זיין צווישען דער מחנה וועלען זיי זיך שלאָגען בעסער און מיר וועלען זיך שטארקען איבער זיי און מיר וועלען זיי פארטרייבען פון דעם לאַנד.

האָט מיין פאָטער מיך אודאי ניט געוואָלט לאָזען, נאָר ווען איך האָב זעהר שטארק געבעטען, האָט ער זיך ניט געקאָנט העלפען און האָט מיר נאָכגעגעבען. די בייזע רויבער זענען אָבער גלייך געוואָר געוואָרען פון אונזער קומען, און זיי האָבען געגען אונז אָנגעריכט א שרעקליכע מלחמה. נאָר א פּאָר הונדערט פון זיי זיינען ארויסגעקומען אנטקעגען אונז, און ווען מיר האָבען זיי גענומען נאָכיאָגען, זיינען מיר אריינגעפאַלען אין א שרעקליכער פאַסטקע, וואָס זיי האָבען פאר אונז פארגרייט. אַלע מיינע קריגער האָבען גענומען פאַלען פונ׳ם שארף פון זייער שווערד, נאָר איך איינער בין געבליבען לעבען, וואָרים איך האָב באַצייטענס דער־זעהן די געפאר און אַן אויסגעהאקטער בוים האָט מיך באשיצט. זיי האָבען מיך אָבער אויפגעזוכט און געפאנגען א לעבעדיגע, און געבראַכט צוריק אין הייל. דאָרטען האָבען זיי מיר געזאָגט, אַזוי ווי זיי זעהן דאָך אָן מיר, אז איך בין א בן מלך, און אַזוי ווי זיי האָבען אויף היינט גענוג לעבעדיגע הערצער, וועלען זיי מיך דערפאר לאָזען לעבען ביז מאָרגען. מאָרגען, אָבער, וועלען זיי מיך הרג׳נען, וואָרים זיי וועלען דארפען א לעבעדיג הארץ פאר זייער גאָט.

ווי נאָר בערעל פראַגער האָט דערהערט די דאָזיגע רייד, איז ער אודאי ווידער געוואָרען אויסער זיך פאר כעס.

— סטייטש, דאָס וואָס זיי זיינען גזלנים איז זיי נאָך קאַרג,

דינען זיי נאָך צו עפּעס אזא מין גאָט, צו וועלכען מען דאַרף מקריב זיין לעבעדיגע הערצער. גרויסער גאָט! וואו איז דען אזוינס געהערט געוואָרען? אזוינע דאַרף מען דאָך טאַקע גלייך אויס־ראָטען מיט׳ן וואָרצעל.

— אַוודאי דאַרף מען, — האָט זיך דער בן מלך אָנגערופען.

בלייבט בערעל אזוי שטעהן אינמיטען עסען, נעמט מיט זיין האַנט אַן זיין באָרד, קוקט א ווײַלע אויפ׳ן שעהנעם בן מלך און טראַכט:

איך האָב געמיינט, אז גאָט האָט מיך געבראַכט ביז אהערצו נאָר כדי צו ראַטעווען דעם שעהנעם בן מלך פון דעם לאַגער פון רייניקייט. אָבער וויבאַלד דאָס זענען נאָר אזוינע שרעקליכע באַ־שעפעניששען, וואָס דאַרפען מענשליכע הערצער פאַר קרבנות, ווייל דאָך מן הסתם דער אויבערשטער פון מיר פיעל מעהר, וואָרים אויב ניט וואָלט ער דאָך מיך איצט ניט געלאָזט וויסען פון אָט דער שרעקליכער זאַך.

און בערעל פראַגער קוקט אַלץ אזוי אויפ׳ן שעהנעם בן מלך און טראַכט אַלץ און טראַכט, ביז מיטאמאָל דערפיהלט ער א מיד־קייט אין די גלידער, דאָס דאַרע פּנים ווערט אים נאָך דאַרער, די אויגען וואָלטען זיך אים וועלען צומאַכען... און ער דערזעהט פּלוצלונג, אז אויפ׳ן אָרט פון דעם שעהנעם בן מלך זיצט נאָר דער פּראַגער רב...

רבי, רבי! — וויל בערעל זאָגען, אָבער ווי נאָר ער צעעפענט דאָס מויל קומט ער מיט אמאָל צו זיך, און דערזעהט, אז ניט דער פּראַגער רב זיצט פאַר אים, נאָר דער שעהנער בן מלך.

אָבער דאָס וואָס בערעל האָט פאַר זיך דערזעהן דעם פּראַגער רב בלויז פאַר א מינוט, האָט בערלען צוגעגעבען זעהר א סך כח, און ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און האָט זיך אָנגערופען צום בן מלך:

— מיין טייערער בן מלך. זיי וויסען, אז מיר מוזען זיך איצט איילען צו דיין לאנד, ווארים עס איז פּשוט א שאָד די צייט. וואָרים דו דארפסט וויסען, אז איך בין א איד פון פּראג, און איך הייס בערעל פּראגער, און אין פּראג האָבען מיר א זעהר גרויסען רב, דאָס איז דער גור אריה, דער בעל מופת. און איך האָב אים אָט ערשט געזעהן פאר מיינע אויגען. און אז איך האָב אים געזעהן — הייסט דאָס — אז אַלץ וועט מיט גאָט'ס הילף זיין ווי עס דארף צו זיין. און א פּלאַן האָט מיר טאקע נאָר וואָס גאָט צוגעשיקט זעהר א גוטען. איך דארף נאָר האָבען נאָך עטליכע מענשען מיט אונז און גאָט וועט העלפען.

און ווי נאָר דער בן מלך האָט דערהערט אַנרופען דעם נאָמען פּראָג און דעם נאָמען פון דעם פּראָגער רב דעם בעל מופת — האָט ער זיך גלייך דערפיהלט ריינער און ליכטיגער, ווארים דאָס ליכטיגקייט פון דעם פּראָגער רב איז געווען א טייל פון זיין איינענער לויטערקייט און פון דער לויטערקייט פון דעם לאנד פון ריינקייט.

האָט זיך דער בן מלך אויפגעהויבען און האָט זיך געלאָזט געהן מיט בערעל פּראגער צו דעם לאנד פון ריינקייט אזוי שנעל, אז זיי האָבען קוים אָנגערירט די ערד מיט די פיס. און אויף מאָרגען, ווען די זון איז אויפגעגאנגען זענען זיי אָנגעקומען צו די טויערען פון דעם לאנד פון ריינקייט.

ז.

בערעל פראנגער איז דאָך שוין געהאט אויסגעפאָרען א וועלט און האָט שוין אויף זיין לעבען געזעהן גענוג וואונדער און לענדער, אָבער אזא לאנד ווי דאָס לאנד פון ריינקייט האָט ער נאָך אין זיין לעבענסטאָג נים געזעהן. די גאסען און די שטעט זענען אלע גע־ווען געפלאסטערט פון עלפאנטביין, און זענען געווען פארשפרייט מיט סאמעט און זייד, די הייזער זענען אלע געווען פון גלאָז און די פאלאצען פון קרישטאָל, און פון דעם שיין פון דער זון האָבען זיי אלע געפינקעלט מיט מיליאָנען ליכטער, און די מענשען זענען אלע געווען געקליידט אין ווייסען. און זיי זענען אלע געגאנגען מיט לייכטע טריט און ליכטיגע אויגען אויף די גאסען, וואָס פיהרען צו די טויערען פון דעם לאנד, ווארים זיי זענען אלע געוואָר גע־וואָרען, אז עס קומט צוריק דער שעהנער בן מלך וועמען זיי האָבען אלע ליב. און אזוי איז בערעל פראנגער און דער בן מלך באגע־גענט געוואָרען מיט גרוים פרייד פון דעם גאנצען פאָלק און פון דעם מלך.

דער מלך האָט אודאי געוואָלט מאכען א גרייסע סעודה פון בערעל׳ס כבוד וועגען, בערעל אָבער האָט זיך אָנגערופען, אז ער קאָן דאָ גאָר קיין צייט ניט פארלירען. נאָר אז ער וויל מען זאָל אים גלייך צושטעלען הונדערט שטארקע מענשען, יעדער מענש זאָל מיט זיך טראָגען צעהן שטארקע שטריק, און מען זאָל אים אויך מיטגעבען עטליכע פעסער שטארקען וויין. ווארים ער מוז גלייך געהן צוריק אין וואלד צו די גזלנים.

זאָגט צו אים דער מלך און די איבעריגע פאַרזאַמעלטע:

— סטייטש, ווי שטעלסטו זיך גאָר אונטער צו טאָן אַזאַ זאַך. דו ווייסט דאָך, אַז אַזוי פיל גרויסע מחנות האָבען זיי נים געקאָנט בייקומען.

האָט זיך אָבער בערעל אָנגערופען און האָט צו זיי געזאָגט:

— זייט וויסען, אַז איך בין בערעל פּראַגער, און אַז אויב אייערע מחנות וואָלטען געווען באַזיגט די דאָזיגע גרויע רויבער, וואָלט דאָך מיך מן הסתם גאָט און דער פּראַגער רב ניט נעד־דאַרפט שיקען אַהער צו אייך. און אויב איך בין שוין יאָ אַהער גע־בראַכט געוואָרען, איז דאָס דאָך מן הסתם צוליב דעם, אַז איך זאָל זיי בייקומען. איילט זיך דעריבער און שטעלט מיר גלייך צו וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך, ווארים די צייט איז קורץ.

— עה! — האָבען זיך אַלע אָנגערופען אין איין קול — דו ביזט דאָס אַ איד פון פּראַג, פון דעם אָרט וואו עס געפינט זיך דער פּראַגער רב, וועמעס ליכטיגקייט און שעהנקייט עס שיינט אַזוי אָפּט אַריבער צו אונז אין דעם לאַנד פון ריינקייט און העלפט אונז אַזוי אָפט צו בויען אַלץ נייע קרישטאָלענע פּאַלאַצען און ליכטיגע הייזער און ציכטיגע גאַסען. קוק זיך אום און זעה, זיין ליכט פינקעלט דאָך אויף אַלע קרישטאָלענע שפּיצען פון אונזערע טורעמס און דעכער. און אַז וויבאַלד אַזוי איז דאָך ניט אַנדערש נאָר טאַקע אַז גאָט אַליין האָט דיך אַהער געבראַכט! און מיר וועלען דיך אודאי הערען און פאָלגען און טאָן דיין פאַרלאַנג.

פּראַג, פון זיינע ערימע ווייב און קינדער, און וואָלט אים ניט געוויזען אַזויפיעל וואונדער אומזיסט און אומנישט, בלויז כדי ער זאָל נע׳הרג׳עט ווערען אין אָט אָ דער הייל און קיינער זאָל נאָר נאָכדעם אפילו ניט וויסען וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. ניין, דאָס קאָן ניט זיין. איך בין א איד און א איד מוז זיך זעהן און עצה געבען אין פּניה פון דעם גרעסטען אומגליק. און דער אויבערשטער וועט שוין מן הסתם העלפען, אויב ניט פון מיינעט וועגען איז צוליב דעם בן מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט וועגען. מען דאַרף זיך שטאַרקען.

און בערלען פאַלט גלייך אריין אין קאָפּ א מאָדנער פּלאַן:

ער וועט זיך פאַרשטעלען פאַר א מאַרשאַליק!

און ער נעמט און קערט גלייך איבער זיין היטעל מיט דער לינקער זייט ארויף, און ווען די גרויע רויבער זענען צוגעלאָפען צו אים און אים געכאַפּט אונטער די הענט, האָט ער געלאַכט, און ווען זיי האָבען אים געבראַכט פאַר׳ן קעניג און דער קעניג האָט אים גענומען פרעגען:

— ווער ביזטו?

האָט ער מיט זיין האַנט אָנגעוויזען אויף דעם איבערגעקערטען היטעל און געזאָגט:

— איך בין א מאַרשאַליק.

— און ווי אַזוי קומסטו אהער? — פרעגט דער קעניג.

ענטפערט ער:

— אז איך בין א מאַרשאַליק, קאָן איך דאָך מאַכען זעהר א סך קונצען.

— און וואָסערע נאָך קונצען קאָנסטו וויזען? — פרעגט דער גרויער קעניג.

— איך קאָן דיר וויזען א קונץ און לעבעדיג מאַכען דעם שעהנעם בן מלך, וואָס איז ביי אייך דערטרונקען געוואָרען.

ווי נאָר דער גרויער מלך און די אנדערע גרויע רויבער האָבען דערהערט אזעלכע רייד, האָבען זיי זיך אודאי שטארק פארוואונ־דערט, און דער מלך פרעגט:

— ווי קומסטו גאָר אינגאנצען וויסען פון דעם שעהנעם בן מלך?

— לאָזט זיך בערעל פאנאנדער און גיט א טרייסעל מיט זיין איבערגעקערטען היטעל פונקט ווי דאָס וואָלט געווען א מיצעל מיט גלעקלעך, און ער ענטפערט און זאָגט:

— וואָס הייסט ווי איך וויים? איך בין דאָך א מאַר־שאליק!

רופט זיך צו אים אָן דער בייזער גרויער מלך:

— אויב דו ביזט יאָ אזא גרויסער מארשאליק, וועל איך דיר הייסען אראָפּהאקען דעם קאָפּ און ערשט נאָכדעם וועל איך זעהן וואָסערע קונצען דו קאָנסט מאכען.

און דער מלך האָט גלייך באפוילען איינעם פון זיינע לייט אים אראָפּצוהאקען דעם קאָפּ.

ווי נאָר אָבער יענער האָט ארויסגעצויגען זיין שווערד און אים אויפגעהויבען אין דער לופטען, אזוי איז גלייך אריינגעקומען דער שעהנער בן מלך און האָט מיט זיין שווערד ארויסגעקלאפּט די שווערד פון דער האנט פון דעם רויבער.

און אז די איבעריגע גרויע רויבער האָבען מיטאמאָל צווישען זיך דערזעהן דעם שעהנעם בן מלך וועמען זיי האָבען גערעכענט פאר א דערטרונקענעם איז זיי באפאלען א גרויסער שרעק און זיי האָבען זיך אלע א הויב געטאָן פון זייערע ערטער און האָבען זיך געכאפּט פאר זייערע שווערדען. האָט זיך אָבער פּלוצלונג פון ערגעץ דערהערט דאָס קרעהען פון א האָן און אין דער מינוט האָט אויף זיי מיטאמאָל גענומען ווירקען דער ווייך און דער שטארקער

שלאָפענעמראַנק און זיי האָבען אלע גענומען פאלען איינער אויף איינעם, ווי אונטערגעבראָכענע.

האָט דאָ ערשט בערעל פראַנגער איינגעזעהן, אז ער איז אריינ־געקומען אין דער הייל פאר דער צייט, און ער האָט פארשטאַנען אין וואָסער א סכנה ער האָט דורכדעם אריינגעבראַכט זיך און דעם שעהנעם בן מלך, און ער האָט געדאַנקט און געלויבט גאָט פון גאַנצען הארצען פאר דעם וואָס ער האָט אים געגעבען צוריק דאָס לעבען און דאָס לעבען פון דעם בן מלך פון דעם לאַנד פון ריינקיים. און ער מיט דעם בן מלך האָבען זיך זעהר געפרעהט, און זיי האָבען נאָכדעם אראָפּגערופען זייערע לייט, וואָס זענען געלעגען באהאַלטען אויפ׳ן גרויסען בוים, און זיי האָבען זיך גע־נומען בינדען די גרויע גזלנים.

ט.

יעדער פון די מענשען פון דעם לאַנד פון ריינקייט האָט גע־בונדען צו צען פון די ווילדע גרויע רויבער, און ווען אַלע זענען שוין געווען געבונדען, האָבען זיי זיך גענומען איבערקוקען די גיטער פון די רויבער, און זיי האָבען געפונען פיעל גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער און פיעל געווער, און שאָף און רינדער, און פיעל שטאַלען מיט פערד און מיט זעהר אַ סך וועגענער. האָבען זיי גענומען און האָבען איינגעשפּאַנט די פערד אין די וועגענער און האָבען זיי אָנגעפּאַקט מיט אַלץ וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט און האָבען אויף אים אַרויפגעלייגט די געבונדענע רויבער, וואָס האָבען נאָך אַלץ ניט אויפגעוואַכט פון זייער שווערען שלאָף, און זיי האָבען אויך פאַרנומען די שאָף און די רינדער, און האָבען זיך אַזוי אַרויסגעלאָזט פון דער הייל אין אַ גרויסער שווערער מחנה און זיי זענען אַזוי בשלום דורך דעם וואַלד און זענען אָנגעקומען צו דעם לאַנד פון ריינקייט.

ווי נאָר אָבער זיי זענען אָנגעקומען אין די טויערען פון דעם לאַנד פון ריינקייט קוקען זיי זיך פּיטאמאָל אַלע אום, אַז די שרעק־ליכע גרויע רויבער זענען נאָרניט גרוי, נאָר וויים!...

און די איינוואוינער פון דעם לאַנד קוקען זיך איין און שטוי־נען. סטיימש! דאָס זענען דאָך נאָר קיין רויבער ניט, נאָר זייערע אייגענע מענשען! מענשען פון דעם לאַנד פון ריינקייט! און דאָס איז דאָך נאָר די ערשטע כיתה גבורים, וואָס זיי האָבען אַרויס־געשיקט געגען דער שרעקליכער חיה... און אַז זיי האָבען דאָס

אַלץ דערזעהן האָבען זיי אודאי ניט געוואוסט, וואָס דאָס זאָל באַטייטען.

און אַז בערעל פּראַגער האָט דאָס דערזעהן און דער־הערט, האָט ער געהייסען אַז מען זאָל זיי פאַנאַנדערבינדען און מען זאָל זיך נאָכדעם ארומשטעלען ארום זיי. האָבען זיי אים געפאָלגט און האָבען אַזוי געטאָן. און ווען דאָס גאַנצע פאָלק פון דעם לאַנד פון ריינקייט איז שוין געשטאַנען ארום די פאַנאַנדער־געבונדענע גבורים, וואָס זענען נאָך אַלץ געשלאָפען ווי גע'הרג'עטע איז בערעל אריין אינמיטען פון דער שלאָפענדיגער מחנה און האָט אויף אַ הויך קול אויסגעשריען:

— איך, בערעל פּראַגער, פון דער שטאָט פּראַג, וועמען עס איז באַשערט צו שטעהן אויף דעם אָרט וואו ער שטעהט, בין אויף אייך גוזר צו פאַרלאָזען אייער שלאָף.

האָבען גלייך אַלע שלאָפענדיגע גבורים גענומען רייבען זייערע אויגען און הויבען די קעפּ. און ווען זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט און האָבען זיך אומגעקוקט וואו זיי זענען אין דער וועלט האָבען זיי אויך זיך אַלע גענומען רייסען די קליידער פאַר שאַנדע און פאַלען אויף זייערע פּנים'ער און זיי האָבען אויפגעהויבען זייער קול אין אַ גרויס געוויין.

און ווען די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון ריינקייט האָבען זיך ביי זיי נאָכדעם גענומען פאַנאַנדערפרעגען וועגען דעם, וואָס מיט זיי האָט געטראָפען, האָט דער עלטסטער פון דער וויינענדי־גער מחנה דערצעהלט.

אַז עס איז געווען ווען זיי זיינען לכתחלה אריין אין דעם טיפען וואַלד צו זוכען די חיה וואָס שרייט מיט אַזאַ מיאוס קול איז אויף זיי אָנגעקומען אַזאַ מין שרעקליך גרויסע גרויע מויז. די מויז איז געווען גרעסער פון אַלע חיות וואָס זיי האָבען ווען אין וואַלד באַגעגענט, און שנעלער פון אַלע חיות נאָך וועלכע זיי

האָבען זיך ווען נאָכגעיאָגט. קיין קויל האָט זי ניט גענומען און קיין שטיינער האָבען זי ניט געטראָפען. און די דאָזיגע מויז האָט גענומען מיט איר שרעקליכער שנעלקייט לויפען ארום אונזער מחנה און שרייען מיט איר שרעקליכען קול. דאָס בלוט האָט פון דעם גענומען גליווערען אין אונזערע אָדערען. און ווען זי איז אזוי ארום אונז עטליכע מאָל ארומגעלאָפען האָבען מיר זיך מיט אמאָל אומגעקוקט און דערזעהן, אַז מיר זיינען אַלע געוואָרען גרוי ווי מייז... נאָכדעם האָט זי זיך אוועקגעשטעלט קעגען אונז אויף די אונטערשטע פיס און האָט גענומען קוקען אויף אונז אזוי, אַז מיר האָבען זיך אַלע זענומען שטעלען פאַר איר אויף די קניע. און ווען זי האָט זיך נאָכדעם אויסגעדרעהט און גענומען געהן האָבען מיר איר אַלע געמוזט נאָכגעהן. און זי האָט אונז פאַרפירט אין איר פאַר׳כשופ׳טער הייל. און זי האָט אויף מיר אָנגעטאָן א פינקלענדיגע קרוין און מיך געמאַכט פאַר איר מלך. און זי איז געוואָרען אונזער גאָט און מיר פלעגען פאַר איר אַלע טאָג מוזען קניען און נאָכדעם ארויסגעהן אויף מלחמות כדי מיר זאָלען איר קאָנען ברייגגען געגנג פרישע מענשליכע הערצער צום עסען.

און ווי נאָר בערעל פּראַגער האָט דערהערט די דאָזיגע לעצטע ווערטער האָט ער זיך לענגער ניט געקאָנט איינהאַלטען און אויס־געשריען:

— אָבער וואו געפינט זיך איצטער די דאָזיגע שרעקליכע חיה? וואו האַלט זי זיך אויף?

— מיר האָבען איר אָנגעטאָן גאָלדענע רינגען אויפ׳ן האַלז און אויף די פיס און מיר האָבען זי פאַרשפּאַרט א׳ן א זילבערנער שטייג, כדי זי זאָל פון אונז ניט אנטלויפען, — האָט זיך אָנגע־רופען דער עלטסטער.

זאָגט אָבער בערעל פּראַגער:

— היתכן, מיר האָבען דאָך דורכגענישטערט די גאַנצע הייל,

און מיר האָבען נאָר פּזא שטייג נייט באַנעגענט און אזא חיה ניט געזעהן.

זאָגט צו אים דער עלטסטער:

— איך וואָלט דיר געגאַנגען ווייזען די דאָזיגע שטייג מיט דער חיה, האָב איך אָבער מורא, אַז איך וועל חלילה צוריק גרוי ווערען ווי א מויז און וועל נאָך נאָכדעם חלילה ווידער מוזען פּאַלגען, וואָס זי וועט מיר הייסען.

רופט זיך אָן בערעל פּראַגער:

וואָס איז שייך מורא האָבען! ווען נאָט וואָלט חלילה ניט וועלען, אַז אַלץ זאָל זיך אויסלאָזען צו גוטען, וואָלט ער דאָך מיך ניט געבראַכט ביז אַהערצו און וואָלט מיך ניט געמאַכט צו זעהן אַלץ, וואָס איך האָב געזעהן און צו טאָן אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן.

איז דערפאַר נאָכדעם געבליבען, אַז דער עלטסטער און בע־רעל און דער מלך פון דעם לאַנד פון ריינקייט און נאָך עטליכע נעקליבענע מענשען זאָלען זיך אויפזעצען אויף זייערע פערד און זאָלען געהן צוריק צו דער פאַר'כישופ'מער הייל. ווייל זיי האָבען אַלע שטאַרק געגומען גלויבען אין בערלען, דערפאַר וואָס ער קומט פון דער שטאָט פּראָג, וואו עס וואוינט דער גרויסער צדיק, דער פּראַגער רבי, דער בעל מופת, מיט וועמעס טבילה זיי פלעגען זיך אַלע בענשען און לויבען און גרויסען, און וועמעס ליכטיגע באַלאַצען פלעגען אַזויפיעל כבוד און ליכטיגקייט ברייננע צו די גאַסען פון זייער לאַנד.

און אז בערעל פראגער איז מיט זיינע באגלייטער צוריק גע־קומען אין דער פאר׳כישוף׳טער הייל, האט דער עלטסטער זיי געפירט ביז צו א געוויסען ארט און פון דארט איז ער מיט זיי נאכדעם אפגעגאנגען דריי מאל רעכטס און דריי מאל לינקס און איין מאל גלייך. און ווי נאר זיי האבען אזוי געטאן, האבען זיי פאר זיך גלייך דערזעהן א זילבערנע שטייג מיט דער שרעקליך גרויסער מויז מיט גאלדענע רינגען. ארום דער ווילדער מויז זיינען געלעגען א סך ניט דערגעסענע מענשליכע הערצער.

און אז די ראזינע שרעקליכע מויז האט זיי דערזעהן, האט זי גלייך דערפיהלט, אז דא איז עפעס ניט מיט אלעמען און זי האט גענומען ווילד שפרינגען אויף אירע אונטערשטע פיס און צעעפענען בייז איר גרויען מויל, גרייט אלעמען אויפצועסען. בערעל פראגער איז אבער גלייך צוגעגאנגען צו דער שטייג און האט זיך אנגערופען:

— דו מיאוס׳ע באשעפעניש ! דו האסט זיך אונטערגענומען צו פארדארבען דאס ליכטיגע לאנד פון ריינקייט, איצט אבער וועסטו פארדארבען ווערען, ווארים אויב ניט, איז צוליב וואס דען בין איך פארפירט געווארען ביז אהערצו ?

און בערעל פראגער האט זיך דערמאנט אן זיין פלעשעל מיט דעם שארצען זאפט, וואס ער האט מיט זיך גענומען אין קעשענע, און כדי צו זיין זיכער, אז ער וועט דאס ארויפגיסען דער מויז אויפ׳ן רוקען, איז ער ארויפגעקראכען אויף דעם דאך פון דער

שטיינ און געגומען שפּריצען אויף דער חיה פון דעם פּלעשעל. האָט די כויז מיט אַמאָל דערפיהלט, ווי פלאַמען וואָלטען זי אַרומ־גענומען און זי האָט זיך אַזאַ וואָרף געטאָן, אַז די שטיינ איז זיך גלייך אויף שטיקער צעפאַלען. בערעל פּראַגער איז אַראָפּגעפאַלען גלייך אויף דער חיה. לאַנג טראַכטען האָט דאָ בערעל אודאי קיין צייט ניט געהאַט, האָט ער זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם גאָלדענעם רינג, וואָס אויף איר האַלז. די חיה אָבער האָט זיך אָן אַלץ פאַר־געבען און זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צום טייך, כדי צו לעשען די שרעקליכע פלאַמען, וואָס זי האָט אויף זיך געגומען פיהלען אַלץ ווילדער אין בייזער. דאָס וואַסער פון טייך האָט זיך אַרויפגעע־שלאַגען אין דער ליפטען און איז אַריבער די ברעגען, און די מויז האָט זיך אַזוי מיט אַ שוידערליכען אימפּעט גענומען טראָגען איבער'ן טייך, און פון דעם טייך אין אַן אַנדערען, און פון דעם אַנדערען אין נאָך אַן אַנדערען, ביז זי איז אַזוי אין איר ווילדען געלויף אַריין אין ים און איז אַזוי אַלץ ווייטער און ווייטער גע־לאָפען, געטריבען פון דעם ווילדען בראַנד אין אירע ביינער. און בערעל פּראַגער איז זיך אַזוי אַלץ געלעגען אויף איר רוקען און זיך מיט אַלע זיינע כחות אָנגעהאַלטען מיט זיינע ביידע הענט אָן דעם גאָלדענעם רינג וואָס אַרום איר האַלז.

אַ טאָג און אַ נאַכט האָט זיך אַזוי בערעל פּראַגער אַרומ־געטראָגען איבער'ן ים צווישען די שרעקליכע וואַסערהויפענס, וואָס די מויז פון דעם פאַר'כישופ'טען הייל האָט אויפגעשלאַגען אין איר ווילדען פאַרלאַנג צו לעשען דאָס פייער, וואָס זי האָט אין זיך געפיהלט.

בערעל פּראַגער'ס הענט האָבען שוין גענומען ווערען שוואַך־אַט, אַט און ער וועט חלילה נאָכלאָזען און אַריינפאַלען אין די טיפענישען פון ים. האָט אָבער גראָד דעמאָלט דער פּראַגער רב פאַרשפּרייט זיין טיכעל און זיך אויף דעם געלאָזט פאָרען איבער'ן

פּראַגער טייך. האָט דאָס דעם ימ׳ס שטראָם גענומען ציהען קיין פּראַג. און אַז די שרעקליכע באַשעפעניש איז מיט בערלען אויף איר רוקען אַריין אין די וואַסערען פון פּראַגער טייך, האָט דער פּראַגער רב אויפגעשיינט אין זיין גאַנצער ליכטיקייט, דאָס וואַסער און די לופט האָט זיך גענומען שפּיגלען מיט זיין ליכטיגקייט אויף מיילען, און ער האָט אַזוי אַ ליכטיגער אויפגעהויבען זיין שטעקען און זיך געלאָזט אַנטקעגען דער חיה, און ווי נאָר זי האָט דאָס דערזעהן האָט זי געגעבען אַ שרעקליך ווילדען שפּרונג אויף צוריק, האָבען בערעל׳ס אָפּגעשוואַכטע הענט נאָכגעגעבען, און ער איז אַראָפּגעפאַלען אין וואַסער אַריין. האָט אים אָבער דער רבי גלייך דערלאַנגט זיין שטעקען, האָט ער זיך אָן אים אָנגעכאַפּט און האָט זיך אויף אים אַרויפגעשטעלט. און האָט זיך נאָכדעם אָנגענומען אָן רב׳ס גאַרטעל, און אַזוי זיינען זיי אינאיינעם אָנגעקומען צוריק קיין פּראַג.

די מלכה שבת

קום מיט פרידן מלכה שבת

קוס סיפ פרידען קרוין פון האר,

א.

דער פּראַגער רב, דער בעל מופת, האָט אוראַי זעהר שטאַרק געהאַלטען פון שבת. וואָרים שבת, פלעגט ער זאָגען, איז די כלה פון דער וועלט. און דערפאַר דאַרף זיך די גאַנצע וועלט אויס־פּוצען לכבוד שבת, ווי א חתן פאַר זיין כלה.

און ער פלעגט זאָגען:

— באַשאַפען האָט גאָט שבת צום סוף פון זיין אַרבייט. אין די געדאַנקען אָבער, איז שבת געוועזען דאָס סאַמע ערשטע פון זיין טראַכטען.

און אַז עס פלעגט קומען צום פרייטאָג־צו־נאַכטיגען דאַוונען, האָט דער פּראַגער רב געשיינט אַזוי, אַז קיינער האָט איהם ניט גע־קאָנט קוקען גלייך אין זיין פּנים אריין. און ווען עס פלעגט קומען צו די ווערטער:

„קום מיין פריינד אַנטקעגען דער כלה
„קום אויפנעמען די כלה שבת, די מלכה"

פלעגט זיין ליכטיגקייט ווערען אַזוי, אַז די איבעריגע אידען פלעגען זיך קוים קענען איינהאַלטען אין שול.

און צו די ווערטער:

פאַרלאָז דיין געפאַנגשאַפט מלכה שבת,
„קום מיט פריידען קרוין האַר,
„קום מיט יובעל און מיט פרייד,
„קום צווישען דיינע אויסדערוועהלטע.
„קום כלה,

„קום!
פלענט ער אַפט ארוים פון שול און בלייבען שטעהן אויף די הויכע טרעפּ, און מיט אים די גאַנצע עדה, און ער פלעגט אזוי ווענדען זיין ליכטיג פּנים צום הימעל, קוקען אהין, ווי ער וואָלט גערופען עמיצען, וואָס קומט, וואָס האלט אין קומען...

דער גאַנצער עולם פלעגט דערפיהלען, אז אין דער מינוט אנט־פּלעקען זיך גרויסע סודות אויף דער וועלט. דער סוד פון שבת, דער סוד פון ליכט, דער סוד, וואָס גיסט צונייף אלץ מיט דעם סוד פון אלע סודות.

איינמאָל אָבער האָט געטראָפען, אז ווען דער רב האָט אזוי ארויסגעפירט זיין גאַנצע עדה אויף די טרעפּ, כדי צו באַגעגנען די ליכטיגע מלכה שבת, האָבען אלע מיטאמאָל דערזעהן א גרויסען, רויטען שטערען אומלויפען איבער'ן הימעל. דער רויטער שטערען איז געווען שטאַרק אָנגעהעפט אָן אן אנדער שטערען, א ווייסען און בליצ׳נען. דאָס בליצען פון דעם ווייסען שטערען איז געווען אזא, אז דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען פון גרוים ליכטיגקייט און די ערד האָט אויפגעשיינט, ווי א גן עדן.

מיטאמאָל אָבער, האָט זיך פון ערגיץ אויפ׳ן הימעל פּלוצלונג אָנגעטראָגען א שרעקליך גרויסער פיש. און ווי נאָר דאָס איז געשעהן, אזוי האָט דער רב גלייך אויסגעשריען:

„פּארלאָז דיין געפאנגענשאפט מלכה שבת,
„קום מיט פרידען קרוין פון האר.
„קום מיט יובעל און מיט פרייד.
„קום צווישען דיינע אויסדערוועהלטע.
„קום כלה,
„קום!

און מיט אים די גאַנצע עדה אידען.

האָט זיך פונקט דעמאָלט דער גרויסער פיש אָנגעשלאָגען אָן

דעם רויטען שטערען, האט דער רויטער שטערען גלייך ארויסגעלאזט דעם ליכטיגען שטערען, וואס ער האט געהאלטען אנגעהעפט אן זיך. און דער פיש מיט די ביידע שטערען האבען אלע אינאיינעם גע־נומען פאלען און זענען פארשוואונדען.

ב.

אין דעם גרויסען טיפען ים געפינט זיך א זעהר גרויסער פיש. דער פיש איז דער היטער פון שבת.

און אלע פרייטאג פארנאכט קומט דער פיש צו אן אפענעם ברעג. צעעפענט זיין גרוים מויל, און לאזט פון זיך ארויס די ליכטיגע מלכה שבת. —

די מלכה קומט ארויס אויפ'ן ברעג מיט דער פינקלענדיגער קרוין אויף איר קאפ, קוקט זיך א ליכטיגע אום אין אלע זייטען, און נאכדעם נעמט זי מיט א שטילער פרייד אראפ איר קרוין פון קאפ, הויבט זי אויף אין דער לופטען מיט אירע שעהנע הענט און זאגט:

— וועלט! איך שענק דיר די קרוין פון שבת אויף א טאג!

ווערט די קרוין גלייך צעפלויגען אין מיליאנען פלעמלעך. און יעדע אידישע טאכטער, וואס צינדט דעמאלט אן אירע ליכט לכבוד שבת, קריגט א פלעמעל פון דער קרוין פאר יעדען ליכט.

און די מלכה שבת לאזט זיך דערנאך אוועק איבער די אידישע הייזער און שוהלען און זעהט צו מיט א שטילער און ליכטיגער פרייד, ווי אין יעדען ליכט, לויכט זיך א פלעמעל פון איר קרוין.

און שבת צונאכט, איז ווי נאר עס באווייזט זיך דער ערשטער שטערען אין הימעל, אזוי קומט די מלכה שבת צוריק צום ברעג מיט דער ליכטיגער קרוין אויף איר קאפ. —

זי קומט אן מיט לאנגזאמע טריט און מיט א גרויסען און שווערען בענקען אין איר הארצען. —

באלד קומט אָן דער גרויסער פיש און צעעפענט זיין גרויס מויל.

בלייבט זי פאר אים שטעהן א פארבענקטע און פרעגט:

— פיש, ווען וועט שוין קומען דער טאָג פון שטענדיגען שבת ? !

דער פיש אָבער רעדט נים. ער גיט נאָר א צעעפען זיין גרויס מויל נאָך גרעסער, אזוי, אז זיינע ווייסע ציין ליגען שוין, ווי א ביינערדיגע שוועל פאר אירע פיס — קאָן זי זיך שוין ניט העלפען, געהט זי אריין אין אים, און ער לאָזט זיך מיט איר גלייך אוועק אין די טיפענישען פון ים.

אינוועייניג, אין דעם פיש, איז איר היים. אינעווייניג, אין דעם פיש איז ליכטיג, ווי אין א ליכטיגען פאלאץ. און דורך די אויגען פון דעם פיש קאָן זי ארויסקוקען, ווי דורך צוויי גרויסע און ליכטיגע פענסטער. און זי קאָן דורך זיי זעהן דעם הימעל און די שטערען. די זון און די לבנה, און אלע פארשידענע באשעפענישען, וואָס מערען און ווידמענען זיך אין דער טיפעניש פון ים. און אלע פעלזען פון קיזעלשטיין, און אלע וואונדערבארע בערג פון פערל־שטיין, און די ווילדע וועלדער פון רויטע קאָראלען און די פיעלע פאלאצען פון דימענטען און בריליאנטען, פון בלויע סאפירען, פון רויטע רובינען, שווארצע אגאטען און פון א סך אנדערע טייערע שטיינער, וואָס געפינען זיך אויף דעם גרונט פון ים. און אלץ שיינט אויף מיט זיין גרעסטען שיין און גלאנץ, ווי נאָר עס שווימט פארביי זיי דורך דער פיש מיט דער מלכה שבת: — אלע ווילען די מלכה שבת זאָל אויף זיי קוקען און זאָל זיי זעהן. און די מלכה שבת קוקט אויף זיי און זעהט זיי. און הערט אָבער אלץ ניט אויף צו בענקען — זי בענקט די גאנצע וואָך פאר דעם פרייטאָג־צו־נאכט. פאר דעם שבת.

ג.

אלע שטערען פון הימעל האָבען זעהר ליב די מלכה שבת. און פון גרויס ליבשאַפט שיינען זיי אפילו אין מיטען דער וואָך שבת'דיג. זיי שיקען איר שטענדיג נאָך זייערע ליכטיגע גייסטער אויף דער ערד און אין וואסער. זיי ברענגען איר שטענדיג גרוסען, און נעמען פון איר אלץ נייע פרייד און נייע ליכט פאר זיך, פאר'ן הימעל און פאר דער וועלט; זיי טרייכטען זי שטענדיג אין איר נעפאַנגענשאַפט און פרעהען זיך מיט איר אין איר פרייד.

איין שטערען נאָר איז פאַראַן אין הימעל, וואָס זיין גייסט נעהט נאָך דער מלכה שבת, ווי א בייזער מלאך. דאָס איז דער גייסט פון דעם רויטען שטערען שבתאי. וואָרים שבתאי איז א בייזער שטערען און פארגינט ניט דאָס, וואָס אויך די אנדערע שטערען קענען קוקען אויף דער שעהנער מלכה שבת, און דאָס, וואָס די שעהנע מלכה שבת האָט ליב די מענשען און די ערד. ער האָט געוואָלט אוועקנעמען די שעהנע מלכה שבת פון דעם פיש. פון די שטערען און דער ערד.

און ס'טרעפט, אז אין שבתאי'ן צעברענט זיך אָפט זיין ווילדע ליבע צו דער מלכה שבת אזוי שטארק, אז ער קאָן גאָר אינגאנצען ניט פארטראָגען פאר וואָס די אנדערע שטערען קוקען אויך אויף איר מיט זייערע צעשטראַלטע בליקען, דעמאָלט לאָזט זיך זיין גייסט אראָפּ און נעמט אזוי שטארק פאטשען מיט זיינע גרויסע פליגלען, אז ער טרייבט צונויף די וואָלקענס איבער דעם ים, און איבער דער ערד. איבער די וואָלקענס קאָן ער אליין שוין אָבער

אויף ניט זעהן די מלכה שבת. ווערט פון דעם זיין כעס נאָך שטארקער, נעמט ער מיט זיינע פלינלען נאָך בייזער פּאַטשען און שטויסען די וואָלקענס, ביז עס נעמט רעגענען און דונערען און בליצען.

און נאָכדעם, אז שבתאי כעס'ט זיך שוין אָן וויפיעל ער קאָן, ווילט זיך אים דאָך ערשט דעמאָלט זעהן די מלכה שבת, מוז ער אליין צוריק פאנאנדערטרייבען די וואָלקענס.

דער פיש, דער היטער פון שבת, ווייסט אז שבתאי'ס ליבע איז א זינדיגע, זעהט ער דערפאר שטענדיג, אז איידער ער לאָזט ארויס די מלכה שבת מיט איר פינקעלדיגער קרוין, זאָל שבתאי'ס גייסט זיין אין וואסער. און דערפאר, איז, ווי נאָר דער גייסט — שבתאי לאָזט זיך אראָפּ אין וואסער מאכט שוין דער פיש אזא מין רינג ארום אים, אז ער מוז פארבלייבען אין ים א געפאנגענער ביז איבער שבת.

שבתאי האלט זיך דערפאר אָפּ פון פליהען צום ים אזוי לאנג, ווי ער קאָן נאָר. זעהר לאנג קאָן ער זיך אָבער ניט אָפּהאלטען. און טאָמער עקשנ'ט ער זיך אמאָל פאָרט איין, איז ווי נאָר עס קומט נאָהענט צום שבת און דער פיש זעהט, אז שבתאי זיצט נאָך אלץ אין הימעל אויף די צוויי ליכטיגע רעדער פון זיין שטערען, גיט דער פיש דעמאָלט א הויב זיין קאָפּ צום הימעל, אזוי, אז אלע שטערען דערזעהען מיטאמאָל די מלכה שבת מיט איר גאנצער ליכ־טיגקייט. א סך שטערען נעמען דעמאָלט איינס נאָכ'ן אנדערען פאלען אין דעם גרויסען ים אריין. קאָן שוין שבתאי לענגער ניט פארבלייבען אין הימעל, און ער נעמט מיט א ווילדען רוישען פאלען גלייך אין וואסער אריין. מאכט דער פיש ארום אים אויף גיך דעם נויטיגען רינג און שרעקט זיך שוין נאָכדעם ניט ארויס־צולאָזען די מלכה שבת אין דער ריכטיגער צייט.

ד.

יעדעס מאָל, ווען דער פּיש דאַרף אַרויסלאָזען די מלכה שבת, שטעלט ער זיך אַוועק מיט'ן פּנים צום לאַנד פון שבת, און מיט'ן עק צום לאַנד פון וואָך.

ווארום ערגעץ אויף די ברעגען פון דעם ים געפינען זיך אַזוינע צוויי לענדער: —

איין לאַנד איז גרויס און שווער און גרוי, און עס הייסט דאָס לאַנד פון וואָך. און דאָס אַנדערע לאַנד איז לייכט און שעהן און ליכטיג און עס הייסט דאָס לאַנד פון שבת.

די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון וואָך, זענען גרויסע ריזען מיט שרעקליך, ווילדע מיילער. — די ציין פון זייערע מיילער זע־נען אַזוינע גרויסע און ווילדע, אז די ליפּען קאָנען זיי ניט פאַר־דעקען, און די ריזען געהען דערפאַר שטענדיג אַרום מיט אָפּגע־דעקטע מיילער. די מענשען פון דעם לאַנד פון שבת זענען שעה־נע, שטילע און ליכטיגע.

די ווילדע ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך פלעגען דינען צום ים און צום שטערען שבתאי, און זיי פלעגען לעבען פון מלחמות, פון עסען איינער דעם צווייטען לעבעדיגערהייט. און די מענשען פון דעם לאַנד פון שבת האַלטען ערליך דעם שבת, און דינען אים מיט ליכט בענשען, מיט פרייד, מיט געזאַנג און מיט טענץ.

האָט איינמאָל זיך געטראָפען, אז אין דעם לאַנד פון שבת איז אויפגעקומען א מלך, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

איז דאָס אודאי געווען א גרויסער בזיון פאַר דער קעניגין,

און א גרויסער וועהטאָג פאר דעם מלך און פאר דעם גאנצען לאנד.

און אז עס פלעגט קומען פרייטאָג־צו־נאכט, פלעגט די קעניגין פון דעם לאנד פון שבת ביים ליכט בענשען אודאי אויסגיסען איר בימער הארץ, און מיט איר אינאיינעם פלעגען אלע טעכטער פון דעם לאנד שטעהן פאר זייערע בענשלייכטער אין יעדען הויז, און אין יעדען פּאלאץ און פלעגען איר העלפען בעטען.

אין די מלכה שבת פלעגט גלייך דערהערען זייערע תפילות, זייער וועהטאָג און זייער פּיין. וואָרים דער פיש פלעגט זי דאָך שטענדיג ארויסלאָזען מימ'ן פּנים צום לאנד פון שבת.

און איינמאָל, ווען די מלכה שבת איז איין שבת־פארנאכט נעגאנגען מיט איר קרוין אויפ'ן קאָפּ און מיט איר שבת־ליכט צוריק צום ים א פארבענקטע און מיט לאנגזאמע טריט, איז זי, ווי איר שטייגער איז, פארבייגעגאנגען יעדעס אידישע הויז, און איז אָנגעקומען אין דעם לאנד פון שבת פונקט דעמאָלט, ווען אלע טעכטער פון דעם לאנד זענען געזעסען אין זייערע הייזער און אין זייערע פּאלאצען, און האָבען מיט א געבראָכען געמיט געזאָגט דאָס פארנאכטיגע שבת־געבעט:

„גאָט פון אברהם, פון יצחק פון יעקב.

„באהיט דיין ליב פאָלק אין דיינעם לויב.

„דער ליכטיגער שבת געהט אוועק.

„היט אונז אויס פון דער גרויכער וואָך.

„היט אינז און אונזערע מענער און אונזערע קינדער.

און ווי נאָר עס איז געקומען צו די ווערטער „און אונזערע קינדער", אזוי האָט דאָס גאנצע לאנד ארויסגעלאָזט א זעהר שווער־רען זיפץ, וואָרים אלע האָבען זיך דערביי דערמאָנט אָן זייער קעניגין.

די קעניגין איז גראָד דעמאָלט איינע אליין אומגעגאנגען אין

איר נאָרטען, וואָס האָט זיך נעצווינגען ביז'ן סאַמע ים. און ווי זי קומט אַזוי צום ים, דערזעהט זי עפּעס מיטאמאָל אַ זעהר גרויסע ליכטינקייט. פאַרוואונדערט זי זיך אודאי אויף דעם. אָבער זי טראַכט זיך, אַז דאָס איז דאָך מן הסתם דערפאַר, וואָס אָט דאַרפען זעצט זיך דאָך איצט די זון איבער'ן וואסער... און זי לעגט זיך אַזוי ארויף איר קעניגליכע האַנט אויף די אויגען און נעמט מיט אַ פאַרבענקט געמיט זאָגען:

„גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב.
„באַהיט דיין פאָלק אין דיינעם לויב.
„דער ליכטיגער שבת נעהט אוועק.
„היט אונז אויס פון דער גרויער וואָך.
„היט אונז און אונזערע מענער און... אונזערע קינדער."

און די קעניגין האָט די לעצטע ווערטער ארויסגעזאָגט אַזוי, אַז זי איז נאָכדעם אויף לאַנג געבליבען שטעהן, ווי אַ פאַרשטאַרבענע. זי איז ווי פאַרגליווערט געוואָרען פון איר גרויסען בענקען.

און אַז די מלכה שבת איז אָנגעקומען און האָט דערזעהן ווי די פאַרגליווערטע קעניגין שטעהט נאָך אַלץ מיט דער האַנט אויף די אויגען, האָט זי זיך פאַר איר אָפּגעשטעלט, האָט זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע און נאָכדעם האָט זי מיטאמאָל אויפגעהויבען אירע הענט און האָט פון זיך מיטאמאָל אראָפּגענומען די פינקעלדיגע קרוין פון קאָפּ און האָט זיך אָנגערופען:

— קרוין פון שבת, דו אליין וועסט איצט מוזען געהן צום פיש — דעם היטער פון שבת. איך וועל איצט בלייבען דאָ. איך וועל ווערען אַ קינד ביי דער קעניגין פון דעם לאַנד פון שבת!

האָט זיך די קרוין אַ הויב געטאָן, און גענומען איינע אליין פליהען צום וואסער, און איז אריין אין דעם פיש'ס צעעפענטען מויל.

און אַז דער פיש האָט דערזעהן, אַז נאָר די קרוין פון שבת

איז געקומען צוריק, אָהן דער נשמה, אָהן דער מלכה שבת, האָט ער מיט זיין עק אזא פּאטש געטאָן דעם ים, אז די וואסערען האָבען זיך אויפגעהויבען מיט אזא ווילדען רעש, און האָבען גענומען שפּרינגען אין דער לופטען, און האָבען זיך גענומען ברעכען און פאלען אין טויזענטער שטיקער, און דער גאנצער ים איז פון דעם גלייך פארגאָסען געוואָרען מיט א בייז־ווייסען שוים.

און די מלכה שבת איז נאָכדעם גלייך צוגעגאנגען און האָט זיך אָנגעהעפט אָן דער קעניגין פון לאנד פון שבת. האָט פון דעם די קעניגין גלייך דערפיהלט א גרויסע פרייד אויף זיך.

און ווען די קעניגין האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט, האָט זי לעבען זיך קיינעם ניט געזעהן, אָבער די גרויסע פרייד איז פּאָרט געוועזען מיט איר. האָט זי די פּלוצלינגדיגע פרייד מיטגעבראכט מיט זיך אין דעם מלכ׳ס פּאלאץ. און פון דעם פּאלאץ האָט די פרייד מיטאמאָל גענומען שפּאנען אויף אלע וועגען און שטעגען פון דעם לאנד, און די פרייד האָט גענומען קלאפּען אין יעדען פענסטער, אין יעדען טיר און טויער.

און ווען די טעכטער פון יענעם לאנד, פלעגען נאָכדעם שבת פארנאכט זאָגען זייער „גאָט פון אברהם“, פלעגען זיי שוין די ווערטער „און אונזערע קינדער“ מער ניט זאָגען מיט א שווערען זיפץ, נאָר מיט א גרויסער און ליכטיגער פרייד. וואָרים אלע האָבען מיטאמאָל דערפיהלט די גרויסע פרייד, וואָס איז שוין געקומען און וואָס וועט אין גיכען נעמען שיינען אין זייער לאנד.

און טאקע גאָר אין גיכען, איז מען אין דעם לאנד פון שבת געוואָר געוואָרען, אז די קעניגין האָט געבאָרען א טאָכטער צום מלך. די טאָכטער איז געבאָרען געוואָרען פּונקט פרייטאָג־צו־נאכט, צו ליכט בענשען, און מען האָט איר א נאָמען געגעבען — שבת.

און מען איז געוואָר געוואָרען, אז א זעהר גרוים ליכט געהט

ארויס פון דער טאָכטער, אַז וואָהין מען זאָל זי ניט ברענגען, אפילו אין א פינסטערן צימער, ווערט דאָרט ליכטיג, און אַז איר ליכטיגקייט איז אַזאַ, אַז עס האָט גאָר צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער וועלט. אַז אפילו ניט די זון, ניט די לבנה און ניט די שטערן קאָנען זיך גלייכען צו איר שעהנקייט און אין ליכטיגקייט, און ווען מען האָט איינמאָל אין אָן אָוונט, די טאָכטער אַרויסגענומען אויפ'ן באַלקאָן, אַזוי ווי נאָר די שטערן האָבען זי דערזעהן, אַזוי האָבען זיי גלייך גענומען פאַלען פון הימעל אין פיעל טויזענטער.

און דער פיש, דער היטער פון שבת, פלעגט דערווייל אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט קומען צו א ברעג און נאָר אַרויסלאָזען די קרוין פון שבת אויף דער וועלט, און אַלע שבת פאַרנאַכט פלעגט ער ווידער קומען צום ברעג, און זעהן, ווי נאָר די קרוין אַליין קומט צוריק צו זיין מויל. און פאַר כעס פלעגט דער פיש נאָכדעם אַלץ אויפשלאָגען די וואַסערען פון ים מיט זיין עק און די וואַסערען פלעגען פאַרשוימטע נעמען שפּרינגען ביז'ן הימעל.

און די טאָכטער, די פּרינצעסין שבת, איז זיך דערווייל געוואַקסען און איז געוואָרען שעהנער און ליכטיגער מיט יעדען טאָג. און די לייב איז געגאַנגען נאָך איר, ווי א טייך, און האָט זיך געהויבען איבער איר, ווי א ליכטיגער זייל.

ח.

שבתאי איז געלעגען אין וואסער א געפאנגענער ווען די מלכה שבת האט זיך איבערגעגעבען צו דער קעניגין פון דעם לאנד שבת אבער אלע אנדערע שטערען פון הימעל האבען גלייך געזעהן, וואס די מלכה שבת האט געטאן, און האבען געוואוסט וואו זי געפינט זיך, האבען זיי ביסלעכווייז גענומען בייטען זייערע ערטער. זיי האבען גענומען פארלאזען דעם ים און האבען גענומען שטילער און ליכטיגערהייט ציהען צום לאנד פון שבת.

דער רויטער שטערען שבתאי אבער, האט זיין ארט אזוי גיך ניט געביטען. איינער אליין, פלעגט מען אים אין די נעכט זעהן הענגען איבער'ן ים, און א בייזער און א רויטער, פלעגט ער קוקען און שרעקען, ווי א ווילדער גזלן. — אים האט זיך אלץ געדאכט, אז דער פיש, דער היטער פון שבת האט מן הסתם באהאלטען די ליכטיגע מלכה, ערגיץ טיף אין די אפגרונטען פון ים, כדי ער, שבתאי, זאל זי ניט זעהן און ניט וויסען וואו זי איז. זיין גייסט פלעגט אלע נאכט אראפשיסען פון הימעל אין די טיפענישען פון ים. ער פלעגט זי דארטען ארומזוכען צווישען די פעלזען פון קי־זעלשטיין און פערלשטיין, צווישען די געדיכטע קארעלען וועלדער און אין די פילע פאלאצען פון דימענטען און בריליאנטען פון בלויע סאפירען און רויטע רובינען און שווארצע אגאטען, און צווישען די פאלאצען פון א סך אנדערע טייערע שטיינער, וואס געפינען זיך אין דער טיפעניש פון ים. און ערשט נאכדעם, ווי ער האט אויסגעמאסטען דעם ים אין דער לענג און אין דער ברייט, האט ער גענומען ציהען אהין, וואוהין אלע שטערען ציהען.

אַלע שטערען, וואָס האָבען געצויגען צום לאַנד פון שבת, זע־נען אהין אריין לייכטע און ליכטיגע. מיט דער צייט האָבען זיך דאָרט אָנגעקליבען אַזוי פיעל שטערען, אז די איינוואוינער פון דעם לאַנד פלעגען אין די נעכט כמעט ארומגעהן צווישען הימעל און שטערען. דער שטערען שבתאי האָט אָבער נאָר געקענט קו־מען ביז צום לאַנד פון שבת. אין דעם לאַנד אליין האָט ער ניט געקאָנט אריינקומען. וואָרים זיין פּנים איז געווען רויט, ווי דאָס פּנים פון א גזלן...

דעמאָלט איז דער בייזער שבתאי געפאַלען אויף א פּלאַן: ער איז אוועק, און זיך אויעקגעשטעלט איבער דעם לאַנד פון וואָך, כדי מיט זיין רויטען שיין אין זיי נאָך מער רייצען זייער ווילדען חשק נאָך מלחמה. און זיין גייסט פלעגט זיך אָפט פארשטעלען פאר א קרומען בעטלער מיט א שרעקליך לאַנגער און ווייכער באָרד, און ער פלעגט צו זיי אָפט קומען א הינקענדיגער און פלעגט זיי דערצעהלען שיינענדיגע מעשׂיות וועגען די שטערען אין הימעל און זייערע מזלות. וועגען די גרויסע פיש אין ים און די דימענטען און בריליאַנטען, וואָס זיי טראָגען אין זייערע געדערים. פאראנען, פלעגט ער זיי דערצעהלען, גרויסע פיש, וואָס האָבען אין זיך איינגעשלונגען אזוי פיעל דימענטען און בריליאַנטען, אז זיי זענען אינגאנצען געוואָרען דימענטענע און בריליאַנטענע, און איצט שווימען זיי ארום אין דער טיפעניש פון ים און וואַרפען פון זיך א ליכט אויף מיילען. ווען מען זאָל אזא פיש כאַפּען און ברענגען אהער, וואָלט דאָ נאָר קיינמאָל נאכט ניט געוואָרען. און ווען עמיצער פון אייך זאָל אויפעסען אזא פיש, וואָלט ער אליין גע־וואָרען אזא ליכטיגער, אזא פיש קאָן אָבער קיינער פון אייך ניט אויפעסען. וואָרים כאָטש איר זענט דייך די גרויסע ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך, זענען אָבער די פיש נאָך פיעל גרעסער פון אייך. און כאָטש אייערע שטאַרקע ציין זענען גרעסער און שאַר־

פער פון אלע שארפציינינגע, וואָס לעבען אויף דער ערד, זענען די ציין פון די פיש נאָך פיעל שרעקליכער, נאָך פיעל גרעסער און שארפער.

פאראן אָבער אין ים מיידלעך, וואָס האלטען זיך אויף אין אזוינע טונקעלע פאלאצען אויפ'ן גרונט פון ים. די דאָזיגע מיידלעך זענען נאָך פיעל טויזענטער מאָל ליכטיגער פון דעם ליכטיגסטען פיש, זייער שיין פילט אָן די טונקעלע פאלאצען און קומט ארויס פון די פענסטער, ווי א כשוף, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט איבער'ן גאנצען ים. אזא מיידעל וואָלט יעדער איינער פון אייך געקענט בייקומען. זי ליבען. זי אפילו איינשלינגען לעבעדיגערהייט, און נאָכדעם ווערען שיינענדיג און ליכטיג ווי א נאָס. אזא מיידעל פארלאָזט אָבער זעלטען דעם אָפּגרונט פון ים, און קומט זי שוין ווען יאָ ארויס, איז דאָס נאָר אין דער צייט פון א דונער, כדי זיך דורכטראָגען איבער דער וועלט, ווי א ליכטיגער בליץ.

אָט אזוי פלעגט ער זיי אלץ דערצעהלען אזוינע מעשיות, מיט וועלכע ער פלעגט רייצען זייער דאָרשט נאָך צירונג און פּרוּוען. און צינדען זייער בלוט פאר געשלעג און מלחמות.

אודאי האָט שבתאי ניט איינמאָל געוואָלט אויסרופען צו זיי:

— הויבט אויף אייערע פערדישע אויגען, איר גרויסע און לאנגציינינגע נארען, און זעהט דאָס גרויסע ליכט, וואָס געהט אויף אָט דאָרט אין יענעם ווייטען לאנד פון שבת! דאָס איז דאָס ליכט פון דער מלכה שבת, וואָס איז די ליכטיגסטע טאָכטער אויף דער גאנצער וועלט! אלע שטערען פון הימעל זענען אין איר פארליבט. געהט ברענגט זי אהער פאר מיר, וואָרים איך בין דאָך שבתאי דער נאָט פון קריג, אייער גאָט!

א שטערען טאָר אָבער די סודות פון שטערען פאר קיינעם ניט דערצעהלען, פלעגט ער דערפאר אן איינגעהאלטענער אלץ

מוזען זיצען באר זיי א פארשטעלטער און זיי רייצען מיט זיין שרעקליך, גרויסער, ווייסער באָרד, און מיט זיינע שרעקליך, גרויסע, רויטע אויגען, און פלעגט פאר זיי אלץ ציגדען מעשה'לעך און מעשה'לעך, צחן א שיער, ביז די לאנגציינגע ווילדע ריזען זענען געוואָרען אומרוהיג, און האָבען גענומען שלינגען אין זיך יעדען גלאנציגען שטיין, וואָס איז זיי געקומען אין הענט, און האָבען גענומען פארצערען יעדע לעבעדיגע זאך, וואָס איז געווען ווייס און ליכטיג, ביז זיי האָבען מיט זייערע בעדרשע אויגען גענומען קוקען אין אלע זייטען, און האָבען מיטאמאָל אליין דערזעהן דאָס גרויסע ליכט, וואָס געהט אויף פון דעם לאנד פון שבת.

דעמאָלט האָט שוין שבתאי מער ניט געגידערט צו די ווילדע ריזען, ווי א קרומער בעטלער מיט א ווייסער באָרד, נייר א רויטער און א זיכערער האָט ער זיך אויפגעהויבען איבער זייער הימעל און איז געבליבען שטעהן און געוואַרט.

ז.

און אז די ווילדע ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך האָבען אָנגעהויבען זעהן, אז א גרויסע ליכטיגקייט הויבט זיך פון מאָל צו מאָל אויף פון דעם לאַנד, וואָס שטעהט אנטקעגען זיי אויף יענער זייט ים, האָבען זיי גענומען טראַכטען, אז אין יענעם לאַנד מוז זיך געווים געפינען אזא מין טייערער שטיין, און צוליב אזא שטיין, זענען זיי אודאי געוועזן גרייט צו געהן אויף מלחמה.

האָבען זיי דערפאַר אוועקגעשיקט מענשען אין יענעם לאַנד פון שבת, אז מען זאָל זיי פון דאָרט געבען דעם שטיין, וואָס ווארפט פון זיך אזא ליכטיגקייט. וואָרים אויב ניט וועלען זיי אָנריכטען א מלחמה.

זענען די שלוחים פון דעם לאַנד פון וואָך געפאָרען און זענען געקומען צוריק און האָבען דערצעהלט, אז דאָס ליכט, וואָס געהט אויף אין יענעם לאַנד איז ניט פון קיין דימענטען און בריליאַנטען, און ניט פון קיין אַנדערען טייערען שטיין, נאָר פון א טאָכטער, וואָס איז געבוירען צום מלך פון יענעם לאַנד.

און אז דער מלך פון די ווילדע ריזען, פון דעם לאַנד פון וואָך האָט דערהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער זיך אָנגערופען, אז אויב אזא זאך קאָן יאָ געפּאָלט זיין, אויב אויף דער ערד געפינט זיך יאָ אזא ליכטיגע בת מלכה, דארף מען זי אודאי זעהן גלייך ברענגען אהער און חתונה מאכען פאר איינעם פון זיינע צוועלף זיהן.

און דער ווילדער מלך פון דעם לאַנד פון וואָך האָט גלייך גע־

נומען און האָט אוועקגעשיקט א מתנה פון זיינע ריזען מיט א
בריף צו דעם מלך פון דעם לאנד פון שבת. אין זיין בריף איז גע־
וועזן געשריבען:

„פון דעם פירסטליכען מלך פון דעם לאנד פון די גרויסע,
לאנגציינערדיגע ריזען, צו דעם לאנד, וואו עס געהט אויף א גרויס
ליכט!

„זיי וויסען דו קעניג פון דער ליכטיגער טאָכטער, אז איך
האָב צוועלף זיהן. זענען זיי זעהר גרויסע און שטארקע העלדען.
זייערע ציין שטעקען ארויס פון זייערע מיילער לענגער, ווי די ציין
פון די אלע אנדערע גרויסע ריזען פון מיין לאנד. און זיי קאָנען
מיט זיי דורכבייסען דעם רוקען פון א לעבעדיגען חזיר, פון א לע־
בעדיגען בער, און פון א העלפאנט. — זאָל זיך דיין שעהנע טאָכ־
טער אויסקלייבען איינעם פון זיי, און זאָל זי מיט אים קניהען פאר
אונזערע געטער — דעם ים און דעם שטערן שבתאי, און זאָל זי
ווערען זיין ווייב, אויב דו ווילסט מיר זאָלען לעבען אין פרידען.
אויב ניט, וועל איך אויף דיר אָנריכטען א מלחמה, און איך וועל
אויף דיר קומען מיט מיינע לאנג־ציינערדיגע ריזען, און זיי וועלען
באפאלען דיין לאנד, ווי די בייזע היישעריקען, און וועלען דאָס
פארוויסטען, און דיינע אלע מענשען, פון קליין ביז גרויס וועל איך
טויטשלאָגען.“

און אז די איינוואוינער פון דעם לאנד פון שבת האָבען ביי
זיך דערזעהן די דאָזיגע פינסטערע געסט און האָבען דערהערט
זייערע רייד, ··· אויף זיי אודאי אָנגעפאלען א גרויסע שרעק,
וואָרים זיי האָבען גוט געוואוסט, ווי שרעקליך און ווי שטארק עס
זענען די ריזען מיט די אָפענע מיילער פון דעם לאנד פון וואַך.
זיי האָבען געוואוסט, אז אין א מלחמה וועלען זיי פון זיי אויפ־
געגעסען ווערען לעבעדיגערהייט, און דעמאָלט וועט דאָך חלילה
פארשווינדען דאָס גאנצע שבת לאנד פון דער ערד. זאָגען ווידער,

אז די בת מלכה זאָל געהן מיט זיי, האָבען זיי אויך נים געקאָנט, וואָרים ערשטענס איז אן עבירה דאָס גרויסע ליכט, וואָס זי וועט מיט זיך מיטנעמען, און צווייטענס, ווי דערלאָזט מען דאָס, אז די ליכטיגע פרינצעסין שבת זאָל חתונה האָבען מיט א ווילדען און פינסטערען ריז?

און ווער וויים, וואָס ער וועט טאָן מיט איר?

וואָרים עס איז געוועזען באוואוסט, אז די דאָזיגע ווילדע ריזען קריגען זייערע ווייבער נאָך דער חתונה אָפט אזוי שטארק ליב, אז זיי עסען זיי אויף לעבעדיגערהייט.

און אז די בת־מלכה־שבת איז געוואָר געוואָרען פון דעם דאָזינען גרויסען אומגליק, האָט זי מיט איר ליכטיגען שכל גלייך פארשטאנען, וואָס עס קאָן דאָ קומען אויפ׳ן לאנד, און זי האָט באַטראכט און באשלאָסען, וואָס זי האָט צו טאָן.

און עס איז געוועזען, ווען די לייט פון דעם לאנד פון שבת זענען זיך צונויפגעקומען אין דעם גאָלדענעם זאל פון איר פאָטער דעם מלך, כדי אינאיינעם זיך דורכרעדען וועגען דעם גרויסען אומגליק, וואָס וויל אויף זיי קומען. דעמאָלט, איז אין מיטען זייערע אלע־מענס פארזאָרגטע רייד אריינגעקומען די ליכטיגע בת מלכה און האָט זיך צו זיי אָנגערופען אויף א הויך קול:

— זייט רוהיג! זאָרגט נים. ווארפט אוועק אייער שרעק, וואָרים איך בין צופרידען צו געהן מיט די ריזען און זיך דאָרט אויסקלייבען איינעם פון זייער מלכ׳ס צוועלף זיהן פאר א חתן.

זענען אלע לייט גלייך שטיל געוואָרען. א גרויס רחמנות האָט זיי אָנגענומען פאר דער ליכטיגער בת מלכה. זיי האָבען אלע פארשטאנען, וואָס זי געהט דאָ טאָן פאר זיי. האָבען זיי זיך פאר־שעמט און שטילערהייט פארלאָזט דעם זאל.

און דער מלך מיט דער מלכה זענען מיט איר נאָכדעם גע־

בליבען אליין. דער מלך האָט זי לאַנג אָנגעקוקט אָהן ווערטער, און די קעניגין איז איר געפאלען אויפ'ן האַלז און גענומען קלאָגען.

די טאָכטער אָבער האָט זיי געטרייסט און האָט געזאָגט, אז מן הסתם דארף דאָך אַזוי זיין. מן הסתם איז דאָך אזוי באַשערט. און אז דאָס לאנד פון שבת איז דאָך זיכער ווערט מען זאָל זיך פאַר דעם מקריב זיין, און וואָס איז דען דער ווערט פון איין איינציגער טאָכטער קעגען דעם ווערט פון אזא ליכטיג לאנד, ווי דאָס לאַנד פון שבת?!

אזוי האָט די טאָכטער צו זיי אלץ גערעדט, וואָרים ווי נאָר זי איז געוואָרען די טאָכטער פון דער קעניגין פון דעם לאנד, האָט זי גלייך פארגעסען ווער זי איז, און זי האָט שוין מער ניט גע־רענקט און ניט געוואוסט, אז זי איז דאָס די מלכּה שבת, און זי האָט ניט פארשטאַנען, אז דאָס שפּרייט פאר איר אזוי קלוג דער זינדיגער שטערען שבתאי זיין בייזע נעץ.

ז.

און ווען די מלכה שבת איז געבראכט געוואָרען אין דעם לאנד פון יואָך איז זי געווען איינגעדעקט אין זעהר פיעל שלייערען. אָבער זי האָט געמאכט שיינען אלע שלייערען. יעדער קנייטש און יעדער פאלד איז געוואָרען א נעסט פון איר גרויסען און שטילען ליכט. און די שלייערען האָבען גערייצט מיט זייער שטילען צויבער, וואָס האָט זיך געשפּרייט און געהויבען אויף ווייטע מיילען.

שבתאי אָבער איז געבליבען שטעהן אין הימעל. געקוקט אויף איר א זיכערער און געוואַרט.

ער האָט אויך א רוהיגער צוגעקוקט, ווי דער מלך פון די ריזען האָט איר אָפּגעדעקט די אויגען, און איר געוויזען זיינע צוועלף זיהן, זי זאָל זיך אויסקלייבען איינעם פון זיי.

די מלכה שבת האָט אויפגעהויבען איר שעהנע און ליכטיגע האנט און אָנגעוויזען אויף איינעם פון זיי. וואָרים איר איז געווען אלץ איינס, ווער פון זיי עס זאָל ניט זיין. וואָרים זי האָט ביי זיך סיי ווי געהאט אָפּגעמאכט ארייגפאלען אין ים ביז דעם טאָג פון דער חתונה.

ווי נאָר אָבער דער אויסגעקליבענער ריז האָט גענומען פירען זיין כלה, די מלכה שבת, אז זי זאָל מיט אים קניען פאר זייערע געטער — דעם ים און דעם שטערן שבתאי, און ווי נאָר שבתאי האָט דערזעהן מיט וועלכע אויגען די מלכה שבת קוקט צום ים... אזוי האָט ער מיטאמאָל אינגאנצען פארלוירען זיין רוהיגקייט און זיכערקייט און עס האָט זיך באלד דערהערט א שרעקליכער גערו־

דער, ווי דער הימעל וואָלט זיך גענומען ברעכען אין טויזענטער שטיקער. ווי די ערד וואָלט גענומען פּלאַצען אונטער אַלעמענס פיס, און פון דער ווייטען האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזען א שרעקליך, גרויסע געשטאַלט, מיט ווילד־רויטע האָר, מיט א זעהר לאַנגער, רויטער באָרד. די באָרד איז געווען אַזוי לאַנג, אז זי איז אַזש אריינגעפאַלען דער געשטאַלט צווישען די פיס און איז נאָך ארויסגעהאַנגען אויף הינטען, ווי א פייערדיגער עק...

דאָס איז געווען שבתאי: און ער איז אזוי געפלוינען אויף דעם פייערדיגען עק, אויף די ווילדע האָר פון זיין גרויסען קאָפּ. און אויף די האָר, וואָס זענען געוואַקסען פון צווישען זיינע פּאַכוועס.

דער כח פון זיין פליהען איז געווען אזא, אז אַלעס ארום האָט גענומען רוישען מיט גרויס ציטערניש, און ער איז געקומען מיט דעם קול פון א שרעקליכען דונער. און אַלע ריזען, וואָס זענען געשטאַנען אויף זיין וועג, זענען גלייך אומגעפאַלען. און ער איז אַריבער איבער זייערע טויטע קערפּערס, און ער איז צוגעקומען ביז צו דער ליכטיגער מלכה שבת און ער האָט זי אויסגעכאַפּט, און ער האָט זיך מיט איר אויפגעהויבען צום הימעל און איז מיט איר אַוועק אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי א דונער און א בליץ.

ווי נאָר אָבער שבתאי האָט זיך מיט דער מלכה שבת אָנגעטראָגען אויפ׳ן מיטען הימעל, האָט זיך פון ים מיטאַמאָל א הויב געטאָן דער גרויסער פיש, און האָט זיך מיט זיין גאַנצען כח אָנגעשלאָגען אָן שבתאי׳ן.

שבתאי וואָלט אפשר אויסגעהאַלטען דעם קלאַפּ פון דעם פיש און וואָלט ווייטער געפלוינען, איז אָבער דער פּראַגער רב בונקע דעמאָלט ארויס אויף די טרעפּ פון זיין שוהל, און האָט מיט זיין גאַנצער עדה און מיט זיין גאַנצער ליכטיגקייט גענומען שרייען צום הימעל:

„פאַרלאָז דיין געפאַנגשאפט, מלכה שבת,
„קום מיט פרידען קרוין פון האר,
„קום מיט יובעל און מיט פרייד,
„קום צווישען דיינע אויסדערוועהלטע,
„קום כלה,
„קום!

האַט פון דעם געזאַנג און פון דער ליכטיגקייט שבתאי מיטאמאָל אַפגענומען העגט און פיס. און ער האַט ארויסגעלאָזט די מלכה שבת פון זיינע הענט, און ער האַט, ווי א געבונדענער גענומען פאלען אין ים אריין, אינאיינעם מיט דער מלכה און מיט'ן פיש.


דער קריג פון דעם
לאנד פון וואך מיט
דעם לאנד פון שבת

א.

דער פראַגער רב, דער בעל מופת, איז דאָך אויך געווען דער ראש פון דער פראַגער ישיבה. פלעגט ער ביים לערנען מיט די תלמידים זיינע שטענדיג האַלטען א קאַנטשיק אויפ'ן טיש. זיינע תלמידים האָט ער מיט'ן קאַנטשיק חלילה קיינמאָל ניט געשמי־כען, אָבער אָהן דעם קאַנטשיק פלעגט ער מיט די תלמידים ניט קאָנען לערנען. און אפילו ווען ער פלעגט לערנען תורה פאַר זיך אליין, פלעגט ער אויך ליב האָבען זעהן דעם קאַנטשיק פאַר זיינע אויגען.

איינמאָל אָבער האָט געטראָפען, אז ווען בערעל פּראַגער, דער דאַרער איד, דער סוחר, וואָס פלעגט אויספּאָרען וועלטען, איז אריינגעקומען זיך געזעגענען מיט'ן רב פאַר זיין אָפּפאָרען אין ווייטע לענדער, און האָט געבעטען דעם רב פאַר א שמירה, האָט דער רב גענומען דעם קאַנטשיק אָהן וועלכען ער האָט זיך כמעט ניט געקאָנט באַגעהן, און האָט אים איבערגעגעבען צו בערלען און געזאָגט:

— נאַ, נעם אים מיט. און זאָל דיר גאָט שטאַרקען דיינע הענט.

האָבען זיך אודאי אַלע ארומיגע זעהר שטאַרק פאַרוואונ־דערט, ווארים זיי האָבען זיך געטראַכט, אז מן הסתם איז דאָך דאָ עפּעס ניט גלאַט. בערעל אליין האָט זיך אודאי אויך זעהר שטאַרק דערשראָקען. ווי נאָר אָבער ער האָט גענומען דעם קאַנ־

טשיק אין די הענט, אזוי האָט ער זיך מיט אמאָל דערפיהלט שטארק און זיכער און ער האָט זיך געזעגענט מיט אלעמען און איז זיך אוועק אויף זיין רייזע.

ב.

טרעפט זיך נאכדעם, אז בערעל פראגער איז זיך אזוי איינ־איינעם מיט נאך אנדערע סוחרים געפארען איבער די גרויסע ים'ען, זענען זיי מיט אמאל אנגעקומען צו אן ארט, וואו די שיף האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט פון זיך אליין און מען האט זי ניט געקאנט רירען פון ארט. האבען זיך די מאטראזען גענומען צו די רודערס מיט מער כח, מיט אלע זייערע כחות, אבער עס האט נאר ניט געהאלפען. די שיף איז געבליבען שטעהן ווי אן אריינגעגליווערטע.

פרעגען אודאי די סוחרים ביים קאפיטאן:

— וואס הייסט דאס? וואס זאל דאס באטייטען? און וואס ער טראכט צו טאן?

רופט זיך דער קאפיטאן צו זיי אן:

— איר זאלט וויסען, ליבע ברידער, אז מיר זענען דא, ווייזט אויס, אריינגעפארען אין איינעם פון די געפערליכסטע ים ערטער, דאס איז ווייזט אויס איינער פון די ערטער וואו דער ווינט שטעלט זיך פלוצלינג אפ, און דאס וואסער ווערט שווער און קריגט אזא מין כח, אז עס האלט איין די שיף ווי אין אייזערנע צוואנגען. מיין פאטער איז אויך געווען א שיפס־קאפיטאן, האט זיך מיט אים געטראפען אז ער איז אמאל מיט זיין שיף אנגע־קומען אויף אזא ארט אין ים און ער איז דעמאלט אזוי אפגע־שטאנען אויף איין ארט גאנצע דריי חדשים. די גאנצע שפייז האט זיך ביי אים דעמאלט אויסגעלאזט, און פון גרויס

הונגער האָבען זיי געמוזט נעמען עסען מענשענפלייש. מען פלעגט יעדען טאָג ווארפען א גורל, און אויף וועמען דער גורל איז געפאלען, דעם האָט מען פאנאנדערגעטיילט צווישען די לייט. און ביז עס איז אָנגעקומען דער ווינט און מען האָט זיך געקאָנט רירען פון אָרט, זענען שוין ווייניג מענשען געבליבען.

האָבען זיך אודאי אלע זער שטארק דערשראָקען און האָבען גענומען פרעגען:

— וואָס וועט זיין? און וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? — האָט זיך דער קאפיטאן צו זיי אָנגערופען:

— פריהער פון אלץ ברייננט אריבער צו מיר איננאנצען די שפייזען וואָס געפינען זיך מיט אייך.

האָבען אלע אזוי געטאָן.

האָט דער קאפּיטאן נאָכדעם גענומען און ביי זיך פארשלאָסען נאָר דאָס עסענוווארג און האָט זיך צו זיי אָנגערופען:

— איצט זאָלט איר וויסען, אז יעדער פון אונז וועט קריגען שפייז די גרויס ווי צוויי איילבירטען פאר א טאָג, וואָרים צו לאנד איז נאָך ווייט, און ווער וויים ווי לאנג עס וועט אונז נאָך דאָ אויסקומען צו שטעהן אָהן ווינט. מיר דארפען זעהן וואָס לייננער די נשמה צו דערהאלטען, און אויב מיר וועלען טאָן ווי איך לעג אייך פאָר, וועט אונז דאָס ביסעל שפייז קאָנען קלעקען אויף גאנצע דרייסיג טעג.

האָבען זיי אודאי אלע פארשטאנען, אז אזוי וועט עס מאקע מוזען זיין. בערעל בראנער אָבער האָט זיך גלייך געכאפּט:

— סטיימש! און וואָס וועט זיין שבת!?

און ער איז גלייך צוגענאנגען צום קאפּיטאן און האָט זיך צו אים אָנגערופען:

— הער קאפּיטאן! דו האָסט אודאי גערעדט זעהר קלוג, איך בין אָבער א איד, און נאָך מיין געבאָט, מוז איך אויף שבת

האָבען שפּייז ניט ווייניגער ווי דריי איילבירטען די גרויס, כדי איך זאָל קאָנען פּראַווען דריי סעודות, ביי וועלכע איך דאַרף זינגען אַזוינע זמירות אויף צו הערליכען דעם שבת.

אויפ'ן שיף אָבער זענען געווען נאָך עטליכע אידען, זענען זיי גלייך אָנגעפאַלען אויף בערלען מיט א געשריי:

— מיר זענען אויך אַזוינע לייטישע אידען ווי דו, אָבער אין אַזא אומגליק ווי דער דאָזיגער קאָן מען זיך ניט העלפען!

פאַרדריסט בערעל פּראַגער זעהר שטאַרק זייערע רייד און ער רופט זיך צו זיי אָן און זאָגט:

— וואָסערע אידען זענט איר, אז איר פאַרזיכערט זיך ניט אויף דעם וואָס לעבט אייביג!? איר זענט נאַרען, וואָרים איר פאַרגעסט, אז א מענש קאָן פון דעם אויבערשטען געהאָל־פען ווערען אין איין אויגענבליק. ווער שמועסט נאָך אז מיר האָבען איצט שפּייז אויף דרייסיג טעג. און אויב אפילו מיר זאָלען אַלע נעמען אויף שבת פאַר דריי סעודות, וועט דאָך נאָך אַלץ זיין גענוג פאַר גאַנצע זעקס און צוואַנציג טעג. און א ווינט וואָס זאָל אונז ברענגען צו א שטאָדט, קאָן דאָך נאָך אפילו מאָרגען אָדער איבערמאָרגען קומען, וואָרים מיר האָבען דאָך א גרויסען פּאָטער אין הימעל, און ווען ער וועט זעהן אז מען פאַרלאָזט זיך טאַקע אויף אים מיט'ן גאַנצען האַרצען, וועט ער דאָך מוזען העלפען.

פרעגען זיי ביי אים מיט א בייזען געלעכטער:

— און וואָס וועסטו טאָן ווען עס וועט נעמען מער פון דרייסיג טעג? וועסטו דעמאָלט זינגען דיינע זמירות ביי מענשענפלייש?

רופט זיך צו זיי בערעל אָן:

— אויב איר זענט אידען, וואָס קענט רעדען אַזוינע רייד, איז דאָך אויף אייך אודאי א גרויס רחמנות. און עס איז דאָך

גוט אז עס זאָל זיך צווישען אייך כאָטש געפינען איינער וואָס פארלאָזט זיך באמת אויף דעם באשעפער פון דער וועלט, און איז אים גרייט צו דינען מיט פרייד און מיט נעזאנג אפילו אין דעם פנים פון טויט.

און אז דער קאפיטאן דערהערט די דאָזיגע רייד, רופט ער זיך אָן צו בערעל פראנער:

— אויב דו פארטרויסט זיך יאָ אזוי שטארק אויף דיין גאָט, טאָ זאָג מיר וויפיעל ביסטו גרייט צו צאָלען פאר דעם, אז איך זאָל דיר אויף שבת געבען נאָך א צאָל שפייז די גרויס ווי אן איילבירט?

רופט זיך בערעל פראנער אָן:

— אפילו מיין גאנצען פארמעגען.

זאָגט צו אים דער שיפסקאפּיטאַן:

— דיין געלט איז דאָ פאר אונז נאָרניט ווערט, פון דיין לייב אָבער קאָנען מיר דאָ פאָרט מאכען עטליכע געריכטען, וועל איך דיר דעריבער געבען אויף שבת די שפייז וואָס דו פארלאנגסט, אויב דו מאכסט מיט מיר אָפּ, אז טאָמער וועלען מיר נאָכ'ן דרייסינגסטען טאָג ניט אָנקומען צו קיין באַזאוינט אָרט, זאָלסטו זיין דער ערשטער זיך צו לאָזען אומברענגען אהן א גורל.

האָט זיך בערעל פראנער אָנגערופען אז ער איז אודאי גרייט אויף דעם אָפּמאך, און האָט נאָך מיט גרויס פרייד אויס־געשריען:

— אָפּצוהיטען שבת, ווי עס איז מיר פאָרגעשריבען, איז ביי מיר ווערט מער פון מיין לעבען. זאָל דער אויבערשטער מיט מיר טאָן וואָס ער וויל, און אויב מיר איז באשערט אומצוקומען איז דאָך דאָס נאָר דערפאר וואָס דער אויבערשטער האָט מיך מזכה געווען צו מקיים זיין מצוה מיט מסירת נפש.

און בערעל פראגער האט זיך אזש גענומען אויפ'ן שיף טאנצען פון פרייד.

טאנץ, טאנץ — האבען אים די אנדערע שיפסלייט גע־זאגט — אין א מאנאט ארום וועסטו טאנצען אין טאפ.

בערעל פראגער אבער רופט זיך צו זיי אן:

— נארא‍נים וואס איר זענט! אויב עס איז זיין היילינער ווילען, וועל איך טאקע אפילו אין טאפ אויך טאנצען.

און אזוי האט זיך בערעל פראגער אלץ געזינגען און גע־טאנצט איבערהויפט ווען עס איז געקומען שבת, איז צו זיין פרייד גאר קיין גרענעץ נים געווען, און ער האט גארנים געוואלט טראכטען אז די צייט גערהט דערווייל און קיין ווינט קומט נים. די אנדערע מענשען אבער זענען מיט יעדען טאג געווארען אלץ טרויעריגער, האבען אלץ געזיפצט און געקרעכצט און גע־האפט אויפ'ן טויט.

און אז עס איז שוין געקומען דער דרייסיגסטער טאג איז דער שיפסקאפיטאן צוגעקומען צו בערעל פראגער און זאגט:

— נו, וואס זאגסטו איצט. דו גרויסער בעל בטחון!? עס איז דאך שוין היינט דער דרייסיגסטער טאג און מיר שטעהען נאך אלץ אויף איין ארט. אפילו ווען דער ווינט זאל נאך היינט קומען דארף דאך נאך אלץ נעמען היבשע עטליכע טעג ביז מיר קומען צו א ברעג. און דאס לעצטע ביסעל שפייז וועט פון אונז היינט פארצערט ווערען. דו העך בעסער אויף צו טאנצען און צו זינגען דיינע תפילות, זעהסטו דען נים דעם טויט פאר דיינע אויגען? דו דארפסט זיך דאך באלד גרייט מאכען צו דער סעודה, ווי דו האסט מיט מיר אפגעמאכט.

בערעל פראגער אבער ענטפערט אים:

— ערשטענס, בין איך א איד, זעה איך דערפאר שטענדיג

נאָט פאר די אויגען, און דאָרט וואו עס איז דאָ גאָט, איז ניטאָ קיין טויט... און צווייטענס, געהער דאָך נאָך דער היינטיגער טאָג צו מיר, ביז מאָרגען, וואָרים מיר האָבען דאָך אָפּגעמאַכט ביז נ אָ ך דרייסיג טעג, און אַווי באַלד אַזוי, איז צו וואָס הער קאַפּיטאַן זאָלט איר זיך האַלטען ווי א שלימעזאַלניק? אָט קומט, לאָמיר בעסער ארייַנכאַפּען א טענצעל אינאיינעם.

און בערעל פראַנער כאַפּט דעם קאַפּיטאַן אָן פאר די הענט און שרייט צו אים אויס מיט פרייד:

— טאַנץ, טאַנץ! דו שטאַרבסט נאָך ניט. עס איז דאָ א גרויסער באַשעפער איבער אונז און ער קאָן דיר נאָך העלפען, כאָטש דו מיינסט אז עס איז שוין גאָר ניטאָ קיין הילף פאר דיר.

דער קאַפּיטאַן אָבער האָט זיך שוין קוים געהאַלטען אויף די פיס, וואָרים ער און די אַלע אַנדערע שיפסלייט זענען שוין געווען זעהר אָפּגעצערט אי פון דעם, וואָס זיי האָבען שוין דרייסיג טעג ניט געגעסען צו זאַט און נאָך מער פון זייער שטענדיגער זאָרג און שרעק.

און אז עס איז געקומען דער פריהמאָרגען פון דעם איין־און־דרייסיגסטען טאָג, איז דער קאַפּיטאַן צוגעקומען צו בערלען, א הונגעריגער און זאָגט צו אים מיט שפּאָט:

— נו, גרויסער בעל בטחון און גאָט גלויבער, וועסטו נאָך היינט אויך טאַנצען?

— פאַרוואָס ניט? — אויב גאָט וועט נאָר וועלען, וועל איך היינט אויך טאַנצען. וואָרים גאָט׳ס הילף קאָן קומען אין איין אויגענבליק און די, וואָס גלויבען אין אים דאַרפען ניט זאָרגען, אפילו ווען דאָס מעסער ליגט שוין אויפ׳ן האלז און מען הויבט שוין אָן שניידען, זאָל מען נאָך אַלץ ניט פאַרלירען די האָפנונג און דעם גלויבען אין דעם, וואָס לעבט אייביג. און

אַצינד, מיין ליבער שיפּסקאַפּיטאַן, גיב מיר נאָך צייט אויף צו דאַוונען און נאָכדעם וועסטו שוין מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט.

האָט דער קאַפּיטאַן אים געגעבען אַזויפיל און אַזויפיל צייט, איז בערעל געגאַנגען און האָט זיך פריהער פון אַלץ טובל געווען אין ים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּראַגער חסיד, און נאָכדעם האָט ער אָנגעטאָן זיין טלית און תפלין און האָט זיך אַוועקגע־שטעלט אין אַ ווינקעל פון שיף אויסצוגיסען זיינע תפילות צום לעצטען מאָל פאַר דעם גאָט, וואָס האָט באַשאַפען דעם הימעל און די ערד און דעם ים.

ווי נאָר אָבער בערעל פּראַגער איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן דאַוונען און גענומען אויסטאָן דעם טלית און די תפלין און דער קוכער איז שוין צו אים צוגעקומען מיט'ן גרויסען מעסער, אַזוי האָט זיך פון ערגעץ גלייך אָפּגעריסען אַ שרעקליכער שטורעמווינט, דער שטורעם האָט גענומען וואַרפען מיט די וואַסערען פון ים און מיט דער שיף, און ער האָט פון אונטער דעם קוכערס האַנט אויפגעכאַפּט בערלען, האָט אים אַ הויב גע־טאָן אין דער לופטען, אים אַ טראָג געטאָן ווייט פון דער שיף און אַריינגעוואָרפען אין וואַסער.

ג.

ווי נאָר אָבער בערעל איז אריינגעפאלען אין וואסער אזוי איז גלייך צוגעקומען א גרויסער פיש, האָט צעעפענט זיין מויל און אים איינגעשלונגען.

אין דער ערשטער מינוט האָט בערעל געטראכט: — נו, אַן עק, א סוף. מן הסתם איז אזוי באשערט.

אַי דעם רב'ס קאַנטשיק? איז אפשר דאַרף מען דאָס דעם קאַנטשיק ברענגען אויף יענער וועלט און מיר איז דאָס באשערט צו זיין דער וואָס דאַרף דאָס טאָן...

מיטאַמאָל אָבער נעמט בערעל פראגער פיהלען, אַז כאָטש ער איז איינגעשלונגען געוואָרען פון א פיש פון דעסטוועגען האלט ער נאָר אין קומען צו זיך, אָט פונקט ווי עס וואָלט מיט אים גאָר קיין בייז ניט געטראָפען. די אויגען ביי אים זענען אפילו נאָך געשלאָסען און ער ווייסט ניט צי זאָל ער זיי עפענען צי ניין, אָבער ער טראַכט:

נאָט'ס וואונדער זענען פאָרט זעהר גרויס. אָט האָט ער מיך געראטעוועט פון מעסער און איבערגעענטפערט צום שטורעם און מיך געראטעוועט פון שטורעם און איבערגעענטפערט צום וואסער און פון וואסער צום פיש און אויב מיר איז נאָך באשערט צו זעהן אונזער רב און מיין ווייב און קינדער, וועט ער דאָך מיך געוויס פון דעם פיש'ס געדערים אויך ראטעווען.

און בערעל נעמט זיך אזוי רירען מיט די גלידער און דער־פיהלט אַז ארום אים איז גראָס.

טראַכט ער ביי זיך:

פאַר וואָס טאַקע ניט פּריוווען צעעפענען די אויגען?

און ער נעמט זיך אָן מיט כח און גיט טאַקע אַן עפען די אויגען. און צו זיין גרויס וואונדער דערזעהט ער, אַז אין דעם פּיש איז גרויס און גראַם און ליכטיג ווי אין א ליכטיגען פּאַלאַץ. זעצט ער זיך אויף, קוקט זיך אום אין אַלע זייטען און שרייט אויס:

— ווי גרויס עס זענען דיינע וואונדער, גאָט! ווער קאָן דען פון זיי גענוג אָנדערצעהלען?!

ד.

און ווי בערעל פּראַגער נעמט זיך אַזוי אַרומקוקען אין דעם פּיש, אַזוי דערזעהט ער ניט ווייט פון זיך אַ טאָכטער, אַ ליכטיגע אָבער אַזאַ ליכטיגע, אַז די וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזעהן. טראַכט ער זיך:

— און ווי קומט זי אַהער?

און ער טראַכט:

מן הסתם נעבעך אויך געפּאַרען איבער'ן ים און אַראָפּגע־וואָרפען געוואָרען פון דעם גרויסען שטורעם ווינט.

און בערעל פּראַגער דערזעהט טאַקע, אַז זי ליגט אַ פאַר־חלוש'טע, הויבט זיך בערעל אויף און געהט צו צו איר און נעמט זי מונטערען. און ווי נאָר ער דערמונטערט זי, און זי עפּענט פאַנאַנדער אירע אויגען, אַזוי איז די ליכטיגקייט אין פּיש געוואָרען אַזאַ, אַז בערעל פּראַגער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט.

פרעגט ער ביי איר:

— ווער ביזטו, און וואָס איז דאָס פאַר אַ ליכטינקייט וואָס קומט אַרויס פון דיר, איך האָב דאָך נאָך פון אַזאַ זאַך אין מיין לעבענסטאָג ניט געהערט און ניט געזעהן.

ענטפערט זי אים מיט אַן אָפּגעשוואַכט קול:

— זאָלסט וויסען זיין, אַז איך בין די בת מלכה פון דעם לאַנד פון שבת. און די ליכטינקייט וואָס קומט אַרויס פון מיר איז אַ נס, וואָס איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי זיך דאָס צו דער־קלערען.

— אזוי, אזוי! — טראכט ביי זיך בערעל פּראַגער. — די בת מלכה פון דעם לאַנד פון שבת! עפּעס נאָר א קליינינקייט אויסצורערען! און ער רופט זיך אָן:

— הייסט דאָס, אז עס איז אויף דער וועלט פאראַן אזא לאַנד, וואָס הייסט דאָס לאַנד פון שבת?!

זאָגט זי אים, אז אודאי איז פאראן אזא לאַנד, וואָס הייסט דאָס לאַנד פון שבת, ווארים עס איז דאָך אויך דאָ א לאַנד, וואָס הייסט דאָס לאַנד פון וואָך.

— אזוי גאָר! — רופט זיך בערעל אָן א פארוואונדערטער.

— יאָ, יאָ, — זאָגט זי און זיפצט אָפּ.

פרעגט ביי איר בערעל פּראַגער:

— איז וואָס זשע זיפצסטו אזוי?

זאָגט זי:

— ווי אזוי זאָל איך ניט זיפצען, אז איך בין נעגען מיין ווילען געוואָרען די כלה פון איינעם פון די ווילדע ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך.

זאָגט בערעל:

— וואָס הייסט. ווי געשיקט זיך דאָס, אז די בת מלכה פון דעם לאַנד פון שבת זאָל געצוואונגען זיין צו ווערען די כלה פון א ווילדען ריז פון דעם לאַנד פון וואָך?

ענטפערט אים די בת מלכה:

— וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, אז זיי זענען געווען גרייט אומצוברייננען דאָס גאנצע לאַנד פון שבת, אויב איך וועל ניט נאָכקומען זייער פארלאַנג. און דאָס לאַנד פון שבת איז דאָך אזא שעהן און וואונדערליך לאַנד. האָב איך איינגעשטימט און בין געקומען צו זיי און האָב מיר אויסגעקליבען איינעם פון זיי, און האָב ביי מיר אָפּגעמאכט, אז ביז דעם טאָג פון דער חתונה וועל איך זיך אריינוואַרפען אין ים, אזוי אז זיי זאָלען ניט וויסען, או

איך האָב דאָס געטאָן, כּדי זיי זאָלן זיך נאָכדעם ניט וועלן נוקם זיין אָן דעם לאַנד פון שבת. ווי נאָר אָבער מיין חתן, דער שרעקליך ווילדער ריז האָט מיך גענומען פירן צום ים, אַז איך זאָל דאָרט מיט אים זאָגן אונזער ערשטע חתן־כלה תפילה פאַר זייערע געטער, — דעם ים און דעם שטערן שבתאי, — און איך האָב נאָר אַ טראַכט געטאָן אַריינצוואַרפן זיך אין ים, אַזוי האָט זיך פון ערגעץ באַלד אָנגעטראָגן אַ ווילדער גייסט, און האָט מיך אויפגעכאַפּט און האָט זיך גענומען טראָגן מיט מיר אין אַלע זייטן פון הימעל. ווען אָבער ער איז מיט מיר אָנגעפלויגן איבער'ן ים, אַזוי האָט זיך פון דעם ים אַרויס מיט אַמאָל אַ הויבנעמאָן אַ שרעקליך גרויסער פיש, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג צווישן גייסט מיט'ן ריזיגן פיש. און וואָס איז נאָכדעם געוואָרן, און ווי אַזוי איך קום אַהער, ווייס איך ניט.

זאָגט צו איר בערל פּראָגער:

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט, ווי די קומסט אַהער? דו ביזט געווען אַריינגעפאַלן אין ים אַריין, נאָר אַזוי ווי דיר איז נאָך באַשערט צו לעבן, איז געקומען דער פיש און האָט דיך איינגעשלונגען, ווי ער האָט מיך איינגעשלונגען.

זאָגט די מלכה שבת:

— וואָס הייסט אַ פיש? מיר זענען דאָך איצט אין אַ פּאַלאַץ.

זאָגט צו איר בערל:

— דאָס זעהט דאָ נאָר אַזוי אויס ווי אין אַ פּאַלאַץ, וואָרים מן הסתם וויל דאָך אַזוי גאָט. און אפשר איז דאָס טאַקע אַ פּאַלאַץ, אפשר האָט גאָט געמאַכט אַזוי, אַז דער פיש האָט אין זיך אַמאָל איינגעשלונגען אַ גאַנצן פּאַלאַץ און איז געהאַלטען אָנגעגרייט פון אונזערטוועגן. ווער קאָן וויסן די וועגן פון דעם וואָס לעבט אייביג.

קוקט זיך די בת מלכה אום און דערזעהט, אז בערעל פּראַ־נער איז גערעכט, וואָרים די צוויי גרויסע אויגען פון דעם פיש האָבען ארויסגעקוקט ווי צוויי ליכטיגע פענסטער און זי האָט דורך זיי דערזעהן דאָס וואסער און די פיעלערליי וואונדערבארע פיש און חיות וואָס ווידמענען זיך אין די טיפענישען פון ים. זענען זיי נאָכדעם ביידע צוגעגאנגען צו די פענסטער, צו די אוי־גען פון דעם פיש, און האָבען געקוקט אויף די גרויסע וואונדער פון דעם באשעפער פון דער וועלט. דער בת מלכה האָט דאָס אלין גענומען פאַרקומען זעהר באקאנט און נאָהענט — זי האָט זיך אָבער אַלץ ניט געקאָנט דערמאָנען, ווען און וואו זי האָט דאָס אלץ געזעהן... פונדערסטוועגען האָט זי זיך אָנגערופען:

— איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט בלייבען דאָ אויף שטענדיג.

זאָגט צו איר בערעל פּראגער:

— פארוואָס זאָלסטו גאָר אזוי זאָגען? גאָטס וועלט איז אומעטום שעהן, און פאר'ן מענשען איז געגעבען געוואָרען די ערד און פאר'ן פיש איז געגעבען געוואָרען דאָס וואסער. ניט מער צו דעם וואסער איז דער מענש ניט צוגעוועהנט, זעהט אונז דאָ אַלץ אוים ווי א וואונדער, אָבער די ערד איז אודאי אויך פול מיט וואונדער, נאָר מיר האָבען זיך שוין צו זיי אזוי צוגעוועהנט, אז זיי זעהען אונז שוין מער ניט אוים ווי וואונדער.

זאָגט צו אים די בת מלכה:

— דו ביזט אודאי גערעכט, אודאי איז די ערד פול מיט וואונדער. יעדער מענש איז דאָך א לעבעדיגער וואונדער, און אזוי אויך אַלץ וואָס דאָס אויג קאָן זעהן איז א וואונדער. איך האָב גאָר מורא, טאָמער ווער איך חלילה ווידער געבראַכט צו מיין חתן דעם ווילדען ריז פון דעם לאנד פון וואַף. אָדער טאָמער ווער איך ווידער אויסגעכאַפּט פון דעם בייזען רויטען גייסט.

זאָגט צו איר בערעל:

— פאר דעם דארפסטו זיך גאָר ניט שרעקען, ווארים דו מוזט וויסען, אז איך בין בערעל פּראַגער, און כאָטש ווי דו קוקסט מיך אָן בין איך בלויז א דארער איד, א סוחר, פונדעסטוועגען בין איך שוין אויסגעפאָרען וועלטען, און האָב שוין מלחמה געהאלטען מיט א סך בייזע גייסטער און מיט א שרעקלייכען ריז. און איך האָב זיי בייגעקומען. ווארים נאָט איז מיין טאטע און דער פּראַגער רב, דער גור אריה, איז מיין רבי. און אז נאָט האָט מיט מיר געטאָן אזויפיעל חסדים און האָט מיר געוויזען אזויפיעל נסים, און האָט מיך געבראכט ביז אהערצו, און האָט מיר געוויזען דיין ליכטיג געשטאלט, איז דאָך מן הסתם ניט אומזיסט. מן הסתם וועט נאָך גאָט פירען אזוי, אז דו וועסט געראטעוועט ווערען פון אלע שטרויכלונגען און איך וועל נאָך בשלום קומען צוריק אהיים קיין פּראג צו מיין ווייב און קינדער און וועל נאָך קאָנען דערצעהלען פאר אונזער ליכטיגען רב און פאר אלע פּראַגער אידען פון אלץ וואָס גאָט האָט מיט מיר געטראָפען, און פון דעם גרויסען ליכט וואָס טוט אויפגעהן פון דיר.

זאָגט צו אים די מלכה שבת:

— דו רעדסט אוודאי ווי א מענש דארף רעדען, וואָס אָבער קאָנען מיר טאָן אנטקעגען אזוינע שרעקליך גרויסע ריזען, וואָס האָבען אזוינע שרעקליך גרויסע מיילער, און אזוינע ווילדע ציין, מיט וועלכע זיי קאָנען דורכבייסען דעם רוקען פון אן עלפאנט. אָדער קעגען אזא שרעקליכען רויטען גייסט, וואָס ווען ער טראָגט זיך אָן, ווערט די לופט פול מיט שרעקליכע דונערען, וואָס אפילו די דאָזיגע שטארקע און גרויסע ריזען פון דעם שרעקליכען לאנד פון וואָך פאלצן פון זיין אָטעם אויף אונטער זיינע פיס, און ער טרעט איבער זייערע פגרים, ווי איבער טויטע הײַל־

וען? עס קאָן דאָך זיין, אז ער איז דאָס אפשר זייער גאָט, דער שטערען שבתאי, וואָס איז רויט.

זאָגט צו איר בערעל:

— א מענש וואָס גלויבט אין דעם, וואָס לעבט אייביג דאַרף זיך פאר קיינעם ניט פאָרכטען. ווען משה רבנו האָט ארויסגעפירט די אידען פון מצרים. האָט אים פרעה אויך געשראָקען מיט'ן שטערען שבתאי, און עס איז פאראן א סברה, אז דער שטערען שבתאי האָט טאקע פארפירט די אידען אין דער מדבר, האָט פאר זיי אָנגעשטעלט א סך שטרויכלונגען, און האָט זיי דאָרט אָפּגעהאלטען גאנצע פערציג יאָר, אָבער משה און די אידען האָבען זיך ניט אָפּגעשראָקען און זענען אים בייגעקומען. און דערצו נאָך מוזטו וויסען, אז איידער איך האָב פארלאָזט פּראָג האָט מיר דער פּראַגער רב מיטגעגעבען זיין קאנטשיק, און דער קאנטשיק האָט דאָך אזויפיעל מאָל געהערט דעם פּראַגער רב לער־נען תורה, אליין און מיט זיינע תלמידים. אלע וויסען, אז דער פּראַגער רב האָט דעם קאנטשיק אויף זיינע תלמידים קיינמאָל ניט באנוצט. ער פלעגט אים נאָר האלטען פאר אן עדות. און היינט, אז ער האָט מיר דעם דאָזיגען עדות געגעבען פאר א שמירה און מיר דערביי פאר אלעמען אין די אוינען געזאָגט:

— „נא, נעם אים מיט. און זאָל דיר נוּצ'ן שטארקען דיינע הענט". — איז דאָך דאָס מן הסתם ניט געוועזען אומזיסט.

און אז די מלכה שבת האָט דאָס דערהערט האָט זי זיך זעהר שטארק דערפרעהט און האָט געזאָגט, אז זי וואָלט אודאי זעהר שטארק וועלען זעהן דעם דאָזיגען קאנטשיק.

נעמט בערעל ארויס דעם קאנטשיק, וואָס ער האָט די גאנצע צייט געטראָגען מיט זיך, אָבער ווי נאָר ער האָט אים ארויסגע־נומען, דערזעהען זיי, אז די רימענדלעך פון קאנטשיק זענען נאָר קיין רימענדלעך ניט, נאָר אזוינע גרויסע און שארפע שטראַלען,

וואָס ציהען זיך און שפּרייטען זיך, וואָס ווערען גרויס און לאַנג אָהן א שיעור.

און אַז די מלכּה שבת האָט דערזעהן דעם דאָזיגען קאַנטשיק האָט זי זיך דערפיהלט זיכערער און ליכטיגער, און זי האָט מיט אַמאָל דערזעהן, אַז בערעל פּראַגער וואָס שטעהט איצט פאַר איר מיט דעם דאָזיגען קאַנטשיק אין זיין האַנט, איז שוין ניט מער א דאָרער איד, א סוחר, נאָר א איד וואָס איז גרויס און שטאַרק ווי א ריז. און בערעל וואָס האָט דאָ מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן דעם נס מיט'ן קאַנטשיק, האָט אין דעם אודאי דער־זעהן א גוטען סמן, און ער האָט זיך צו איר אָנגערופען:

— נו, איצט זעהסטו דאָך טאַקע אַז דיין זאָרג איז אומזיסט און אומנישט. דו וועסט נאָך מיט דער הילף פון דעם וואָס לעבט אייביג, אָנקומען צוריק צו דיין פאָטער דעם מלך און איך — צו מיין ווייב און קינדער.

און אַזוי זענען זיי זיך אָפּגעזעגנט אין דעם פיש ביז עס איז געקומען פרייטאג־צו־נאַכט.

און ווען עס איז געקומען פרייטאג־צו־נאַכט, איז ווי זיי זענען אַזוי געשטאַנען און געקוקט דורך דעם פיש'ס אויגען אויף די גרויסע וואונדער פון דעם ים, האָבען זיי מיט אַמאָל דערזעהן, אַז דער פיש דער־נעהענטערט זיך מיט זיי צו א ברעג. און אָט איז ער מיט זיי צוגעקומען צום סאַמע זוים און האָט צעעפענט זיין גרויס מויל אַזוי, אַז די אונטערשטע ציין זענען פאַר זיי געבליבען ליגען אויפ'ן זאַמד ווי א ביינערנע שוועל. האָבען זיי זיך אויפגעהויבען און זענען אַרויס אויף דער טריקעניש פאַרוואונדערטע. און ווי זיי קוקען זיך אַזוי פאַרוואונדערטע אום, אַזוי דערזעהען זיי, אינ־איינעם מיט זיי קומט פון דעם פיש אויך אַרויס א פינקעלדיגע קרוין, און ווי זיי נעמען זיך אַזוי קוקען אויף דער וואונדערליכער

קרוין, ווערט זי פאַר זייערע אויגען צעפלויגען אין מיליאַנען פלעמלעך, און די מיליאַנען פלעמלעך שיינען אויף און פליהען זיך לויכטענדיג פאַנאַנדער אין דעה פאַרנאַכט.

איז דאָס דער בת מלכה אודאי פאַרגעקומען זעהר באַקאַנט, נאָר זי האָט זיך פאָרט ניט געקאָנט דערמאָנען ווען און וואו זי האָט אַזוינס געזעהן...

בערלען איז דאָס אודאי געווען אומבאַקאַנט. אָבער ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אז דאָס איז געווים א גרויסער און וואונדערליכער סוד און מען וועט דאָס דארפען געדענקען און ניט פאַרגעסען צו דערצעהלען פאַר דעם פּראַגער רב און פאַר אַלע פּראַגער אידען, כדי זיי זאָלען וויסען, אז אויף דער וועלט געפינט זיך אַזאַ און אַזאַ קרוין, אז ער, בערעל אליין, האָט זי מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן ארויסקומען פון דעם וואונדער־ליכען פיש'ס מויל אין דער איטענער מינוט ווען ער איז פון אים ארויסגעקומען א לעבעדיגער אינאיינעם מיט דער ליכטיגער בת מלכה.

ח.

לאָזען זיי זיך נאָכדעם אזוי ביידע געהן איבער די גרויסע און ווייטע זאמדען וואָס שפרייטען זיך פאר זיי אָהן א סוף און אָהן א ברעג און די בת מלכה ווערט אלץ העלער און ליכטיגער, וואָס נעהענטער עס קומט צו אָוועגט.

און בערעל קוקט אין אַלע זייטען און טראכט:

— וואָס וועט זיין? — מען דארף זיך דאָך באלד נעמען מקבל שבת זיין, איז וואו און ווען קאָן מען דאָס טאָן!?

ווי נאָר אָבער עס האָט א בליסטשע געטאָן דער ערשטער שטערען, אזוי האָבען זיי פאר זיך גלייך דערזעהן א זעהר וואונ־דערליכען פּאַלאַץ.

טראכט ביי זיך בערעל: א פּאַלאַץ אין אזא ווילדער זאמדי־גער מדבר! ווער ווייסט ווער עס האָלט זיך אין אים אויף?! אָבער עס איז דאָך שוין די לעצטע מינוט פון קבלת שבת, מוז מען זיך אודאי פארלאָזען אויף גאָטס בארחם.

קומען זיי אזוי צו צום פּאַלאַץ און געהען אריין אין ערשטען זאַל, דערזעהען זיי אז דאָס איז א זעהר שעהנער קעניגליכער פּאַלאַץ, נאָר דער פּאַלאַץ זעהט אויס צו זיין איינגאַנצען לעדיג, וואָרים מען זעהט קיינעם ניט און מען הערט ניט. טראכט ביי זיך בערעל, אז דאָס איז אפילו ניט אזוי גוט, אָבער ער מאכט ביי זיך אפּ, אז איידער וואס־ווען, דארף מען אריינכאפּען א דאַווענען. און ווי נאָר ער טראכט דאָס אזוי, דערזעהען זיי פאר זיך אן אָנגעצונ־

דענע מנורה. איז די מלכה שבת גלייך צוגעגאנגען צו איר און פארלייגט אירע שעהנע הענט אויף איר ליכטיגען פנים און זיך גענומען בענטשען ליכט. האָבען זיך באַלד פון אַלע זייטען איבער דעם גאַנצען זאַל גענומען פון זיך אליין צינדען ליכט, לייכטער, הענגלייכטער, לאָמפּען און בליצלאָמפּען, און א זעהר גרויס ליכט האָט זיך פון אַלץ גענומען שפּרייטען איבער דעם וואונדערבארען זאַל.

און אז בערעל פּראגער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער אודאי ניט געוואוסט וואָס דאָס באַטייט, אָבער ער נעמט פּונ־דעסטוועגען און שטעלט זיך גלייך אוועק דאַווענען. דאַווענט לכבוד שבת מיט גרויס פרייד, ווי עס פּאַסט פאַר א פּראַגער חסיד.

צו שמונה עשרה האָט ער זיך אודאי אוועקגעשטעלט מיט'ן פּנים צום וואַנט, און האָט געוואָלט שטיל און מיט כונה אָפּזאָגען די אכצען תפילות, ווי איינער וואָס פיהלט, אז ער איז פארוואָר־פען און פארוואָגעלט און ווייסט אליין ניט וואו ער געפינט זיך און וואו זיין געביין וועט אהינקומען און ער וויל דערפאר אין דער שטיל אויסגיסען זיין הארץ פאר דעם וואָס לעבט אייביג. אָבער בערעל'ס קול האָט ווי פון זיך אליין זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און גענומען זינגען די תפילות מיט זעהר א גרויס געזאַנג, און יעדעס מאָל ווען עס איז געקומען צו די ווערטער „געבענשט ביזטו גאָט" האָט ער דערהערט אן ענטפער פון אַלע זייטען: געבענשט איז ער, געלויבט איז זיין נאָמען, אָמן". דאָס האָט די מלכה שבת אזוי צוגעהערט זיין שמונה עשרה און האָט בלויז שטיל געענטפערט, אָבער עס איז ארויסגעקומען ווי א גרויסע און ליכ־טיגע, טויזענדיגע עדה אידען איז מיט בערלען, הערט צו זיין דאַווענען און ענטפערט אָפּ מיט גרויס פרייד.

נאָכדעם געהט ער מיט דער מלכה שבת אריין אין א צווייטען

זאָל, דערזעהען זיי אַז די ווענט פון זאַל זענען פון לויטער גע־שלאָגענעם זילבער, און אַזוי אויך די שטולען, דער טיש און די ביינק און אַ אפילו דער דיל איז פון זילבער, און אַלץ גיט פון זיך אַרויס אַ זעהר שעהן און וואונדערליך ליכט. אויפ׳ן דיל זענען געלעגען פאַרשפּרייטונגען פון ווייכען אַטלאַס מיט וואונדערליכע שטריקערייען, האָבען די דאָזיגע ווייסע פאַרשפּרייטונגען פון זיך אויך אַרויסגעגעבען אַ זעהר וואונדערליך ליכט. און ווען די מלכה שבת איז אַריין מיט איר ליכט אין דעם דאָזיגען ליכטיגען זאַל, האָט די גאַנצע ליכטיגקייט פון דעם זילבערנעם זאַל און פון די ווייסע פאַרשפּרייטונגען זוי אויפגעפלאַטערט פון גרויס פרייד. האָט זיך בערעל פּראַגער אומגעקוקט אין אַלע זייטען, האָט דער־זעהן, אַז דאָ געשעהען וואונדער, אַז דער זאַל וואַקסט זיך פאַ־נאַנדער פון גרויס פרייד און ליכט, און גענומען פיהלען ווי מלאכים פילען אָן די לופט. האָט ער זיך גענומען געהן איבער די אַטלאַסענע פאַרשפּרייטונגען און זינגען זיין:

„שלום עליכם אייך, מלאכים וואָס באַדינען, מלאכים פון דעם אויבערשטען, מלאכים פון דעם מלך וואָס איז מלך איבער אַלע מלאכים, דעם הייליגען, געבענשט און געלויבט איז זיין נאָמען.

„זאָל אייער קומען זיין פון פרייד ווענען, זייט מלאכים פון פרידען, מלאכים פון דעם אויבערשטען, מלאכים פון דעם מלך פאַר אַלע מלאכים, געבענשט און געלויבט איז זיין נאָמען.

„בענשט מיך מיט פרידען, מלאכים פון פרידען, מלאכים פון אויבערשטען, מלאכים פון דעם מלך פאַר אַלע מלאכים, געבענשט און געלויבט איז זיין נאָמען.

און ווען בערעל פּראַגער האָט זיך ווי דער שטיינער איז, גע־זונגען זיין שלום עליכם צו דריי מאָל יעדען פּסוק, האָט ער דער־הערט, אַז די אויפגעפלאַטערטע ליכטיגקייט פון דעם גרויסען זאַל אינאיינעם מיט דער גרויסער ליכטיגקייט פון דער ליכטיגער

מלכה שבת גיסען זיך צונויף אין איין גרויס געזאנג, וואָס דארף זיך איצט געוויס הערען איבער דער גאנצער וועלט. און ער איז געווען זיכער, אז דער פּראַגער רב הערט אים איצט און זעהט אים. דער פּראַגער רב זינגט דאָס מן הסתם דאָרט איצט זיין שלום עליכם און דערפון איז געוויס אָט די גאנצע ליכטיגקייט דאָ. וואָרים דאָרטען אין פּראַג וואָלטען די מענשען אזא ליכטיגקייט ניט געקאָנט אריבערטראָגען. מוז זיך דאָס ערגעץ געפונען אן אָרט אין דער מדבר און מיר איז דאָס איצט באשערט צו זיין אויף דעם אָרט...

3.

נאָך די שלום עליכם׳ס איז זיך בערעל פראַגער אינאיינעם מיט דער מלכה שבת אריין אין אן אנדער זאַל. אָבער ווי נאָר בע־רעל איז אריבער די שוועל האָט ער גלייך געמוזט פעסט צומאַכען זיינע אויגען און בלייבען שטעהן אויף איין אָרט, וואָרים כאָטש בערעל פראַגער איז דאָך שוין געוועזען געוועהנט צו גרויסע ליכ־טיגקייטען, איז אָבער די ליכטיגקייט פון דער זאַל פון אָנהויב גע־וועזען צו שטאַרק פאַר זיינע אויגען. נאָכדעם האָט ער ביסלעכווייז גענומען צעעפענען די אויגען און ער האָט דערזעהן, אז דער גאַנ־צער זאַל איז פון גיננאָלד, און אז די ליכטיגקייט וואָס קומט ארויס פון די גאָלדענע ווענט, פון דער הויכער גאָלדענער סטעליע און פון דעם גאָלדענעם דיל איז ווי די ליכטיגקייט פון א סך גאָלדענע זונען.

אין מיטען פון דעם גרויסען גאָלדענעם זאַל איז אויף א גרויסען טעפּיך פון ווייסען אטלאס געשטאַנען א גאָלדענער טיש. פאַר׳ן טיש איז אויף א שטול פון טייערע שטיינער געזעסען א גרויסער גרייז־גרויער מאַן, זיין פּנים האָט געלויכטען ווי די זון אויף דעם מיטען הימעל און די טייערע שטיינער פון זיין שטול האָבען געלויכטען ווי פינקלענדיגע שטערען. דער גרייז האָט זיך גלייך אויפגעהויבען פון זיין שטול און איז זיי אנטקעגען גע־גאַנגען, און האָט זיי געזאָגט:

— שלום צו אייך.

און האָט זיך זיי געהייסען זעצען אויף די גאָלדענע שטולען,

וואָס זענען געשטאַנען פאַר דעם טיש, און האָט יעדען פון זיי דערלאַנגט אַ בעכער ווייַן.

טראַכט זיך בערעל פּראַגער:

— מילא, מילא! מן הסתם דאַרף דאָס אַזוי זיין, מן הסתם איז דאָך אַזוי באַשערט, מן הסתם איז דאָך אַלץ צום גוטען, מן הסתם איז דאָך אַזוי דער ווילען פון דעם וואָס לעבט אייביג, און קידוש דאַרף אַ איד מאַכען לכבוד שבת, בפרט נאָך אַז גאָט שיקט דיר צו וויין אין אַזאַ שעהנעם גאָלדענעם בעכער!

און בערעל האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען דעם בעכער אין האַנט און גענומען מאַכען קידוש מיט אַ ציטערדיגען הארץ און מיט אַ קלינגענדיגען קול. אַלץ אַרום אים האָט געשיינט און גע־זונגען, און ווען ער האָט אַרויסגעזונגען גאָט'ס נאָמען, האָבען דער גרייז און די מלכה שבת קלינגענדיג געענטפערט:

„געבענשט איז ער, און געלויבט איז זיין נאָמען, אמן“.

נאָכדעם האָט דער ליכטיגער גרייז זיי געלאָזט זיך וואַשען, און האָט פאַר זיי אַליין געגרייט דעם גאָלדענעם טיש, און האָט פאַר זיי דערלאַנגט שבת'דיגע שפּייזען און וואונדערשעהנע כלים פון טייערע איידעל־שטיינער, וואָס זייער ווערט איז גאָר ניט אָפּצושאַצען. און דער גרייז זאָגט צו זיי:

— עסט און טרינקט און לעהנט זיך אונטער אייער הארץ, וואָרים עס איז דאָך שוין אַזויפיעל און אַזויפיעל טעג, אַז איר האָט ניט געגעסען און ניט געטרונקען. איר וועט ביי מיר דאָ שבת האַלטען.

האָבען זיי געגעסען און געטרונקען און האָבען דערקוויקט זייערע הערצער, און האָבען ניט געוואַגט צו פרעגען דעם גרייז, ווער ער איז און וואָס ער איז.

נאָכ'ן עסען האָבען זיי געבענשט און נאָכ'ן בענשען האָט זיי דער גרייז אַריינגעפירט אין גאַנץ אַנדערע חדרים. די חדרים

זענען געווען אָנגעפילט מיט אַזוינע געווירצען, וואָס האָבען פון זיך ארויסגעגעבען אזוינע ריחות, וואָס מאַכען א מענשען פיהלען גוט און לייכט, פונקט ווי מען וואָלט אויף זיך גאָר קיין וואָג ניט געהאַט, ווי מען וואָלט זיך געקאָנט אויפהויבען און שוועבען אין דער לופטען.

און דער גרייז האָט זיך צו זיי אָנגערופען:

— דאָ זענען אייערע בעטען, איר האָט דאָך שוין אזוי לאנג ניט גערוהט, לייגט זיך שלאָפען, רוהט זיך אוים, און זאָל דאָס אייך וואויל באקומען.

האָבען זיי זיך געלייגט און זענען אייינגעשלאָפען אין א זעהר זיסען שלאָף.

.I

אויף מאָרגען, ווי נאָר עס האָט גענומען ברעכען אויף טאָג, איז דער ליכטיגער גרייז געקומען צו בערעל'ס בעט און אים אויפ־געוועקט און געזאָגט:

—שטעה אויף, עס איז שוין צייט צו געהן אין מקוה לכבוד שבת.

האָט זיך בערעל פראַגער אויפגעהויבען, האָט זיך אָנגעטאָן און איז נאָכגעגאַנגען דעם ליכטיגען גרייז, און דער גרייז האָט אים געבראַכט צו א נייעם פּאַלאַץ, געמאַכט פון לויטער בורשטין. אינוועייניג, אין מיטען פון דעם פּאַלאַץ, איז געווען א גרויסע מקוה, געפלאַסטערט פון טייערען אַלאַבאַסטער. די מקוה איז געווען אָנגעפילט מיט אזא קלאָרען לויטערען וואסער, וואָס דאָס אויג האָט נאָך אזא קלאָרקייט און לויטערקייט ניט געזעהן. דאָס וואַסער האָט פון זיך געאָטעמט מיט א דערקוויקענדיגער ריינקייט און פרישקייט. און ווען בערעל האָט זיך אין דעם וואסער טובל געווען, האָט ער גלייך דערפיהלט אז ער ווערט גאָר אנאנדער מענש. אז ער הויבט אָן פיהלען א טעם געגען וועלכע אלע פארגע־ניגענס פון דער וועלט זענען גאָרניט ווערט, און ער האָט גאָר אינגאנצען געגומען פארגעסען אָן דער וועלט, ער האָט גענומען פיהלען דעם תענוג פון גן עדן.

דערנאָך האָט דער גרייז אויך געזאָגט, אז די פרינצעסין שבת זאָל זיך געהן טובל זיין לכבוד שבת אין דער ווייבערשער מקוה, וואָס איז געווען אין אנאנדער זייט פון דעם בורשטינענעם פּאַ־

לאַץ. איז זי נענאַנגען און האָט אַזוי געטאָן, און ווען זי האָט דאָס געטאָן, האָט זיך דער קלאָרער בורשטינענער פּאַלאַץ אָנגע־פילט מיט אַזא גרויס ליכטיגקייט, אַז ער האָט גענומען שיינען פאַר מיילען און מיילען און האָט גענומען פאַר מיילען און מיילען ארויסגעבען די שעהנקייט פון דער ליכטיגער מלכה שבת. און די מלכה שבת האָט אין די וואַסערען פון דער מקוה זיך מיט אַמאָל דערמאָנט ווער זי איז מיט אַן אמת'ען און אָן אַלץ וואָס איז מיט איר פּאָרגעקומען. און ווען זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי איז עס טאַקע די מלכה שבת אליין, זענען די קלאָרע וואַסערען פון דער מקוה פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין לויטערע שטראַלען און זי איז געוואָרען נאָך שטראַלינער און ליכטינער.

און אַזוי איז אויף דער וועלט נאָך אַ לאַנגער צייט, גע־קומען אַן אמת ליכטינער שבת־טאָג.

נאָכדעם האָט זיי דער ליכטיגער גרייז גענעבען נייע קליי־דער, וואָס האָבען געשיינט ווי די זון און ווען זיי האָבען אויף זיך אָנגעצויגען די דאָזיגע קליידער זענען זיי געוואָרען לייכט, ליכטיג און ריין ווי מלאכים. האָט זיי דער גרייז נאָכדעם אריינגעפירט אין דער ערשטער שבת סאַליע. דאָס איז געווען אַ זאַל געמאַכט פון לויטער דימענטען און בריליאַנטען און אַנ־דערע טייערע שטיינער. יעדער שטיין האָט געשיינט ווי אַ ליכטיגע זון. די באַלקענס זענען געווען פון פאַרבינע אָפּאַלען און דער דיל איז געווען פון ליכטינע פּערעל און אין מיטען פון דער סאַליע זענען געשטאַנען פיר גרויסע דימענטענע זיי־לען און אויף יעדען זייל איז געווען אַ קרוין פון אַ טייערען שטיין, און די זיילען און זייערע קרוינען האָבען פון זיך ארויס־געגעבען אַ שיין וואָס די זון וואָלט אַנטקעגען זיי שוואַרץ געווען, און צווישען די דאָזינע זיילען איז געשטאַנען אַ שטול וואָס איז אין גאַנצען געווען אויסגעהאַקט פון איין ברי־

און איר ליכטיקייט האט דורכגעבראכן דעם ברוסט־ווייסן האלדז

ליאַנט און האָט געבליצט מיט אַלע פאַרבען פון רעגענבויגען, און
זיבען שטול איז געשטאַנען א שעהן פוסביינקעלע, אויך פון איין
בריליאַנט. און דער גרייז האָט אָנגעוויזען דער מלכה שבת זיך
צו זעצען אויף דעם שטול.

האָט זי אזוי געטאָן, און איר ליכטיגע שעהנקייט האָט
טויזענטער מאָל אריבערגעוואויגען און אריבערגעשיינט אַלץ
וואָס איז געווען אין דעם זאַל. עס האָט אויסגעזעהן אז די
שבת־סאַליע האָט זיך ערשט איצט אָנגעפילט מיט ליכט.

נאָכדעם האָט דער גרייז אריינגעפירט בערעל פראַנער איז
דער צווייטער שבת־סאַליע — דאָס איז געווען א גרויסער בית
המדרש, וואו די ווענט זענען געמאַכט פון זונינע בריליאַנטען,
די באַלקענס פון בלויע סאַפירען און דער דיל פון גרינעם
סמאַראַגד. דער ארון קודש איז געווען געשניצט און גע־
שניטען פון איין גרויסען הימעל בלויען סאַפיר, און א פרוכת,
אויף וועלכען עס זענען פון טייערע שטיינער געווען אויסגע־
וועבט לעמפערטען, הירשען, און טויבען וואָס שיינען ווי ליכ־
טיגע זונען. און אזוי איז אויך פון איין גרויסען סאַפיר געווען
א זעהר שעהן געשניצטער עמוד און אויף אים איז געשטאַנען
א גרויסע בריליאַנטענע מנורה וואָס האָט געשיינט ווי די זון.
און אין מיטען פון דעם גאָלדענעם בית המדרש זענען געשטאַ־
נען פיר און צוואַנציג פייערדיגע לייבען, יעדער געמאַכט פון אן
אנדער מין טייערען שטיין. די פיר און צוואַנציג לייבען זענען
געווען אויסגעשטעלט אין פיר שורות, צו זעקס אין א שורה.
יעדע שורה איז געשטאַנען מיט די פנים׳ער אנטקעגען איינער
פון די פיר זוניגע ווענט, זיי זענען געשטאַנען אויפגעשפרונגענע,
מיט די פאָדערשטע פיס אין דער לופטען און יעדע פאָר
לייבען האָט מיט די אויפגעהויבענע פיס געהאַלטען אן אָדלער.
זענען געווען צוועלף אָדלערס, אויף יעדער זייט צו דריי, און יעד־

דער אָדלער איז געווען פון אַן אנדער טייערען שטיין, און יעדער אָדלער האָט געהאַלטען זיינע גרויסע פליגלען פאַרשפּרייט הויך איבער זיין קאָפּ. און אויף די שפּיצען פון זייערע פליגלען איז געלעגען אַ שעהן געשניצטער דימענטענער טאָוועל, און דאָס איז געווען דער באַלעמער, און אויף דעם באַלעמער איז ערשט געשטאַנען דער שלחן פון אַ וואונדערליכען ווייסען שטיין, און איבער אים איז געהאַנגען אַ סאַפּירענער הענגלייכטער מיט טויזענטער דימענטענע רערען וואָס האָבען געבליסטשעט און גע־פונקעלט מיט אַלערליי פאַרבען. און צווישען יעדע זעקס לייבען זענען געווען זעקס טרעפּ פון זעקס טייערע שטיינער וואָס האָ־בען געפירט צום באַלעמער, ארויף און אראָפּ.

און ווי נאָר דער גרייז האָט אהער אריינגעפירט בערעל פּראַגער, אַזוי האָבען זיך אהער באַלד פאַרזאַמעלט אַ סך מענשען, די פּנים׳ער פון די מענשען האָבען זיך שטערענדיג געלויכטען. און דער אַלטער גרייז האָט זיך געשטעלט פאַר׳ן עמוד און גענומען דאַוונען מיט אַ זעהר גרויס און זיס קול, די זיסקייט פון דעם קול איז געווען אַזאַ אַז אַלץ האָט גענומען מיטזינגען; אַלע מענשען, אַלע לייכטער, אַלע לייבען און אַלע אָדלער פון דעם באַלעמער און דער עמוד און דער ארון הקודש מיט די תורות מיט דעם פּרוכת מיט זיינע לעמפּערטען און הירשען מיט זיינע שפּאַרבערס און טויבען, אַלץ האָט מיטגעזונגען און האָט געהויי־בען בערעל פּראַגערס נשמה אַלץ העכער און העכער.

און די מלכה שבת איז זיך אַלץ געזעסען אויף איר ברילִיאַנ־טענעם שטול צווישען די פיר דימענטענע זיילען, וואָס אין דער ערשטער שבת סאַליע און האָט דאָס אַלץ געהערט און האָט זיך פון דעם געפיהלט אַלץ געלייטערטער און שעהנער.

און אַז עס איז געקומען צום לייענען, איז ווי נאָר מען האָט געעפענט דעם ארון אויף ארויסצונעמען די תורה, אַזוי האָבען

זיך פון דאָרט גענומען שפּרייטען אַזוינע ליכטיגע נעצען, און יעדער איינער וואָס איז אויפגערופען געוואָרען צו דער תורה, איז צו אים גלייך צוגעקומען איינע פון די נעצען און האָט אים איינגעהילט אין איר ליכטיגען געוועב און האָט אים אויפגע־הויבען אויף דעם באַלעמער און האָט אים געבראַכט פאַר דער צעעפענטער ליכטיגער תורה.

דער וואָס האָט געלייענט די תורה האָט אויסגעזעהן צו זיין אין גאַנצען פון פייער און ער איז געווען איינגעהילט אין אַ פייערדיגען וואָלקען, און זיין קול האָט געהילכט און געקלונגען ווי דאָס קול פון אַ דונער נאָך אַ זומעריגען רעגען, און די, וואָס ער האָט אויפגערופען צו דער תורה זענען געווען אברהם, יצחק ויעקב, משה און אהרן. דעם זעקסטען האָט דער בעל קורא אויפ־גערופען:

— זאָל אויפגעהן בערעל פּראַגער פון דער שטאָט פּראַג, דער אמת'ער היטער פון דעם הייליגען שבת.

בערעל פּראַגער איז דאָ גלייך איינגעוועבט געוואָרען אין שטראַלענדיגע נעצען. שטראַלענדיגע נעצען האָבען זיך אינאיי־נעם מיט ווייסע פלאַטערדיגע טויבען גענומען שפּרייטען אונ־טער זיינע פיס און אַ גרויסע שטראַלענדיגע נעץ האָט זיך אויפ־געהויבען און פאַנאַנדערגעוויקעלט ווי אַ חופה איבער זיין קאָפּ. משה מיט אהרנ'ען זענען אין זייערע ליכטיגע נעצען צוגעקומען און האָבען אים גענומען אונטער די הענט און האָבען זיך אויפגע־הויבען מיט אים, און ווען זיי האָבען אים געבראַכט אויפן באַלעמער האָבען די לייבען און די אָדלערס פון דעם באַלעמער אויפגעשריען פון גרויסער און ציטערדיגער פרייד. די אבות און אַ סך אַנדערע ליכטיגע צדיקים האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און ווי נאָר ער האָט גענומען מאַכען די ברכה, אַזוי האָבען זיך גלייך פאַנאַנדערגעעפענט די גרויסע טירען, וואָס האָבען

געפירט אין דער ערשטער שבת־סאַליע און עס האָט פון דאָרט אויפגעשיינט די ליכטיגע מלכה שבת. זי איז געשטאַנען צווישען אַ סך ליכטיגע פרויען אונטער אַ ליכטיגער חופה מיט דער וואונדערבאַרער שבת־קרוין אויף איר קאָפּ. און מיט איר גאַנצער גרויסער ליבע, וואָס זי האָט פאַר דער וועלט, האָט זי געקוקט אין בית המדרש אריין צום באַלעמער, וואו בערעל פראַגער איז געשטאַנען אַ ליכטיגער צווישען אַזוי פיל ליכטיגע צדיקים און גע־מאַכט די ברכה אויף דער תורה איבער דעם אָרט וואו עס שטעהט געשריבען:

„געדיינק דעם טאָג פון שבת כדי דו זאָלסט איהם הייליגען און ערליך האַלטען".

ח.

נאָכ'ן דאַווענען האָבען זיך אַלע פאַרקליבען אין דעם גאָל־דענעם זאַל מיט די ווייסע אַטלאַסענע פאַרשפּרייטונגען און האָבען זיך אַלע אויסגעזעצט ארום געגרייטע טישען און האָבען פאַרבראַכט אין געזאַנגען און אין ריידען וועגען די סודות פון דער תורה, וועגען דער ליטערקייט פון שבת און וועגען דער מלכה וואָס איז ריין און ליטער ווי די שכינה פון הימעל.

די מלכה שבת איז מיט די פרויען געווען אין צווייטען זאַל, אָבער זיי האָבען זי דאָך אַלע געפיהלט צווישען זיך, און עס איז זיי פון דעם געווען גוט און ליכטיג אין די אויגען.

צום בענטשען האָט מען בערלען מכבד געווען צו זיין דער אָנבענטשער פון דעם בענטשען. ער האָט פאַרגעזאָגט און אַלע האָבען געענטפערט. און נאָכ'ן בענטשען זענען מיט אַמאָל אַלע פאַרשוואונדען און בערעל פּראַגער איז געבליבען איינער אַליין זיצען אין זיין דימענטענעם שטול. עס איז אויף אים באַלד אָנגעפאַלען אַ שלאָף, אָבער איידער ער האָט צוגעמאַכט זיינע אויגען האָט זיך געעפענט די טיר פון דעם צווייטען זאַל. אויסער דער מלכה שבת איז שוין דאָרטען קיינער ניט געווען. אָבער די מלכה שבת איז מיט איר גאַנצען חן און ליטערקייט געזעסען אויף איר דימענטענעם שטול גלייך אַנט־קעגען בערעל פּראַגער און האָט געשיינט פאַר אים מיט גליק און פרייד. און מיט איר גרויסער ליבע פאַר דער וועלט און פאַר די מענשען. האָט בערעל געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט

געקוקט אויף דער שכינה פון הימעל ביז זיינע אויגען זענען אים מיד געוואָרען און ער האָט זיי צוגעמאַכט.

און נאָכדעם, ווען בערעל פּראַגער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימעל, האָט דער ליכטיגער גרייז אים ארויסגעפירט שפּאַצירען אין דעם גרויסען לוסט־גאָרטען, אין וועלכען עס זענען געוואַקסען בוימער מיט אַלערליי פּירות פון דער וועלט, און בייטען מיט אַלערליי געווירצען און מיט אַלערליי שעהנע קווייטען און אַנדערע שמעקענדיגע געוויקסען און גראָזען, וואָס האָבען אָנגעפילט די לופט מיט זייערע גוטע ריחות. און פויגלען פון אַלערליי קאָלירען און פאַרבען זענען געשטאַנען אויף די בוימער און האָבען אויף אַלערליי ארטען געזונגען פון דער גרויסקייט פון שבת און פון דער מלכה. און אַט האָט זיך אויך די מלכה שבת באַוויזען — אויך זי איז ארויסגעגאַנגען שפּאַצירען אין דעם לוסט־גאָרטען, און אַלע בוימער און אַלע גראָזען און אַלע פּירות און אַלע בלומען האָבען גענומען זינגען אינאיינעם מיט די פויגלען וועגען איר חן און וועגען איר שעהנקייט.

אין מיטען פון דעם לוסט־גאָרטען האָט זיך געפונען אַ גרויסער טייך, האָט דאָס וואַסער פון דאָרטען גענומען ארויסשיינען מיט דער אָפּשפּיגלונג פון דער מלכה, איז פון דעם געוואָרען אַזאַ ליכט איבער׳ן גאַנצען גאָרטען אַז די בוימער זענען אַזש געוואָרען שטראַליג און דורכזיכטיג.

ארום דעם טייך זענען געשטאַנען אַלערליי חיות פון דער וועלט, האָבען זיי זיך אַלע פאַנאַנדערגעזונגען מיט געזאַנגען און לויב לידער פאַר בערעל פּראַגער און פאַר דער מלכה שבת, וואָס איז אים איצט אַנטקעגען געקומען.

צו מנחה זענען אין דעם לוסט־גאָרטען אָנגעקומען די אייגענע ליכטיגע מענשען, מיט וועלכע בערעל פּראַגער האָט בייטאָג געדאַוונט און נאָכדעם פאַרבראַכט ביי די געגרייטע

מישען. אין דער פאַרנאַכטיגער טונקעלקייט פון דעם לוסט־גאַרטען האָבען זיך קלאָרער אנגעזעהן זייער שטערענדיגע ליכ־טיגקייט און זיי האָבען אינאיינעם מיט בערעל פּראַגער געדאַווענט מנחה, און נאָכדעם האָבען זיי אַלע אינאיינעם געפּראַוועט שלוש סעודות און האָבען דערביי ענטפּלעקט פאַר בערלען גרויסע סודות פון דער תורה און פון שבת און האָבען גערעדט וועגען דעם גרויסען אָנגעגרייטען טאָג, וועגען דעם טאָג פון שטענדיגען שבת . . .

ט.

אַז עס איז געקומען צו הבדלה, זענען זיי אַלע ניט געבליבען. בערעל פּראַגער האָט געגומען פּיהלען, אַז עפּעס רייסט זיך ביי אים אָפּ. ער האָט גענומען פּיהלען אַז ער ווערט ערדישער, וואָכעדיגער, אים האָט גענומען ווערען שווער אויפ'ן הארצען.

וואָס קומט דאָ מיט אים פאָר?

וואו געפינט ער זיך?

באַלד אָבער האָט ער פאַר זיך דערזעהן דעם ליכטיגען גרייז... ער איז געשטאַנען פאַר אים מיט דער לבנה אין איין האַנט און מיט אַ שטערען אין דער צווייטער האַנט...

— נאַ, בערעל פּראַגער, מאַך הבדלה. — האָט זיך אָנגעגערופען דער ליכטיגער גרייז.

און בערעל פּראַגער האָט דערזעהן אַז די לבנה, דאָס איז גאָר אַזאַ ליכטיגער בעכער פול מיט וויין, און אַז דער שטערען, דאָס איז גאָר די הבדלה־ליכט...

און אַז בערעל פּראַגער איז פאַרטיג געוואָרען מיט הבדלה איז די לבנה צוריק געוואָרען אַ לבנה און דער שטערען — צוריק אַ שטערען און דער ליכטיגער גרייז האָט זיי אויפגעהויבען און אָנגעקוקט, האָבען זיך די לבנה מיט'ן שטערן אויפגעהויבען און זענען אַוועק צום הימעל...

און ווען בערעל פּראַגער האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט, האָט ער דערזעהן אַז עס איז שוין מער ניטאָ קיין שלאָס און

קיין פּאַלאַץ, אַז ער מיט דער בת מלכה, מיט דעם ליכטיגען גרייז שטעהען איינע אַליין אין מיטען פון דער וויסטער מדבר...

— אדוני! — האָט בערעל געוואָלט פרעגען — אדוני, זאָג מיר וואָס האָב איך דאָ אַלץ געזעהן, און וואו איז דאָס אַלץ אהינגעקומען, וואָס איז דער צייכען און וואָס איז דער באַשייד פון דעם אַלעמען? ווען וועל איך קומען אהיים קיין פּראָג, און וואָס בלייבט מיר איצטער צו טאָן?

דער ליכטיגער גרייז האָט אים אָבער ניט געלאָזט רעדען, ער האָט אים נאָר דערלאַנגט עטליכע ליכטיגע שטיינדלאַך און האָט צו אים געזאָגט:

— זעה, איך גיב דיר דאָ אַזוינע צוועלף שטערען־שטיינ־דלאַך. ווען דו וועסט זיין אין אַ נויט, געה אַרויס אונטער׳ן שטאָט, נעם אַ שטיינדעל פון איין האַנט אין דער צווייטער און זאָג.

„שטיינדעל - שטערען, שטיינדעל - שטערען, שטיינדעל - שטערען, גיב מיר הילף“.

וועט דאָס זיין אַ ווייס שטיינדעל, וועלען דיר די מזלות פון הימעל צושיקען אַ ווייס פערד, וועט דאָס זיין אַ שוואַרץ שטיינדעל וועלען דיר די מזלות פון הימעל צושיקען אַ שוואַרץ פערד, און אַזוי וועלען זיי דיר לויט דער פאַרב פון דעם שטיינ־דעל צושיקען אַזאַ פערד, און דערצו האָסטו דאָך נאָך מיט זיך דעם רבי׳נס קאַנטשיק.

געדענק אָבער, אַז איידער דו וועסט אַפּלאָזען דאָס לעצטע פערד, זאָלסטו פריהער צופירען די מלכה שבת צום ברעג פון ים, און וואָס עס זאָל דאַרטען ניט פאַרקומען זאָלסטו בלייבען שטיל און קיין וואָרט ניט רעדען. און אַז דו וועסט אַזוי טאָן, וועט דאָס פערד דיך נאָכדעם ברייננגען צו דיין היים.

און אַז די מלכה שבת האָט דערהערט די ווערטער פון דעם גרייז, ווענען דעם ברעג פון ים, האָט זי אודאי גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַטייט, וואָרים זינט זי האָט זיך אינדערפריה גע־טובל'ט אין דעם ברושטינענעם פּאַלאַץ האָט זי דאָך שוין קלאָר געוואוסט ווער זי איז און וואוהין זי דאַרף זיך אומקערען.

און דער ליכטיגער גרייז האָט נאָכדעם באַלד אַ הויב גע־טאָן זיין האַנט כמעט ביז'ן הימעל און האָט זיך ווידער אָנגע־רופען צו בערעל פראַגער:

— איצטער זעה אָט דעם ליכטיגען שטערען וואָס הייננט איבער דער מדבר אָנטקעגען אונז. לאָז זיך מיט דער בת מלכה נאָך יענעם שטערען, ער וועט אייך פירען און וועט אייך ברייננגען אין דעם לאַנד פון שבת נאָך איידער דער פיש, דער היטער פון שבת, וועט באַפרייען דעם גייסט פון דעם שטערען שבתאי, וואָרים ביז איבער מלוה מלכה וועט ער זיך נאָך קאָנען ראַנגלען מיט אים.

און נאָך די דאָזיגע רייד איז דער ליכטיגער גרייז גלייך פאַרשוואונדען.

האָט זיך בערעל פראַגער אומגעקוקט אין אַלע זייטען און האָט דערזעהן אַז איבער דער גאַנצער מדבר איז מער קיינער נימאָ, נאָר ער און די בת מלכה. די ליכטינקייט פון דער בת מלכה האָט זיך גענומען שפּרייטען איבער דער מדבר אין גרויסע פינקעל־דיגע רייפען און בערעל פראַגער האָט גענומען טראַכטען, אַז אודאי דאַרף זיך אַ איד פאַרלאָזען אויף גאָט'ס באַראָט און דאַרף נאָר קיין קשיות ניט פרעגען, און ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט דער ליכטיגער בת מלכה נאָך דעם ליכטיגען שטערען, אויף וועלכען דער גרייז האָט זיי אָנגעוויזען.

און אַזוי זענען זיי געגאַנגען און אַלע שטערען זענען זיי נאָכגעגאַנגען, ביז זיי זענען אינאיינעם אָנגעקומען צו דעם לאַנד פון שבת.

און אַז דאָס ליכט פון דער מלכּה שבת האָט דערגרייכט די טויערען פון דעם לאַנד שבת, האָבען מיט אַמאָל אַלע פענסטער, אַלע טורעמס און אַלע דעכער פון דעם לאַנד זיך אָנגעצונדען מיט אַ גרויסען און פריידיגען ליכט. די איינוואוינער פון דעם לאַנד זענען אַלע גלייך אַרויס פון זייערע טירען און ליכטיגע, זיך באַדענדיג אין ליכט, האָבען זיי מיט זייערע פאַנאַנדערגע־שיינטע ליכטיגע אויגען גענומען קוקען אין אַלע זייטען:

— וואָס זאָל דאָס באַטייטען דאָס דאָזיגע ליכט ? ! וואָס זאָל באַטייטען דאָס דאָזיגע ליכט ? !

און די היטער פון דעם לאַנד פון שבת האָבען גלייך גע־נומען אָפּשרייען פון די טויערען:

— אַ גרויס פייער געהט אויף פון דער מדבר און זיין ליכט איז ווי דאָס ליכט פון דער פּרינצעסין שבת.

האָבען זיי זיך אַלע גענומען אין ליכטיגע שורות ציהען צו די טויערען פון זייער לאַנד און זיי זיינען אַרויס און האָבען באַגעגענט זייער פּרינצעסין שבת.

און עס איז געווען, ווען זיי האָבען דערזעהן אַז די פּרינצעסין שבת איז ניט אַליין, נאָר אַז נאָך עמיצער קומט מיט איר, האָבען זיי פון אָנהויב ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען.

— ווי קומט אָט אַ דער קליינער, דאַרער מענשעל צו געהן אין איינעם מיט זייער פּרינצעסין שבת ?

ווי נאָר אָבער בערעל פראַגנער איז אַריבער די פינקעלדינגע טויערען פון דעם לאַנד שבת, איז ער גלייך פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין אַ מלך, האָבען אַלע גלייך פאַרשטאַנען אַז ער איז געוויס אַ איד, און זיי האָבען אים גענומען אָפּגעבען כבוד ווי אַ מלך. און דער מלך פון דעם לאַנד שבת האָט זיך צו אים גע־ווענדעט ווי צו אַ ברודער:

— פון וואַנען קומסטו ברודער און וואָס איז דיין נאָמען?

האָט בערעל פראַגנער זיך אודאי אָנגערופען צום מלך:

— איך הייס בערעל און קום פון פראַג און מען רופט מיך טאַקע בערעל פראַגנער.

און ווי נאָר דער מלך און די אַלע ארומיגע האָבען דער־הערט דעם נאָמען פראַג, איז זייער פרייד געוואָרען נאָך גרע־סער, און זיי האָבען זיך אָנגערופען:

— געבענטשט זאָלסטו זיין ביי דיין קומען און געבענטשט זאָל זיין אייער רב, דער רב פון פראַג, דער פראַגער רב, דער גור אריה. זאָל ער לאַנג לעבען און זאָל זיין כבוד דערגרויסט און דערהויבט ווערען פון אייביג ביז אייביג. וואָסערע שעהנע און וואונדערליכע נשמות עס ווערען דאָ ביי אונז געבוירען פון זיינע שבת'דיגע זמירות, פון זיין שבת אויפנעמען, פון זיין שבת־דאַווענען און פון זיינע שבת'דיגע געזאַנגען.

און זיי האָבען נאָכדעם מיט אַ גרויסער וואַרע גענומען פי־רען בערלען און די פרינצעסין שבת צום פּאַלאַץ פון דעם מלך מיט דער מלכה.

ווי נאָר אָבער בערעל פראַגנער איז אַריין אין דעם פּאַלאַץ פון דעם מלך און האָט דערזעהן זיין אייגען געשטאַלט אין די שפּינעלדיגע ווענט פון דעם פּאַלאַץ, איז ער נשתומם געוואָרען:

— סטייטש! איך בערעל פראַגנער זעה דאָך שוין נאָר ניט אויס ווי בערעל פראַגנער! וואו בין איך דאָס אַריינגעקומען?

און ווער איז דאָס דער שעהנער מלך וואָס קוקט אויפ׳ן אָרט פון מיר אַרויס פון די שפּיגלען ? !

אָבער דער מלך פון דעם לאַנד פון שבת האָט זיך צו אים אָנגערופען און געזאָגט :

— וואונדער זיך ניט ברודער, דו דאַרפסט וויסען, עס איז אַ געזעץ פון תמיד, אַז ווען אַ איד טרעט אַריבער די טויערען פון דעם לאַנד פון שבת, ווערט ער פאַרוואַנדעלט אין אַ מלך.

האָט בערעל גלייך פאַרשטאַנען אַז עס איז טאַקע אַזוי און ער האָט אין זיך מיטאַמאָל דערפיהלט אַ גאַנץ אַנדערע נשמה, און האָט זיך אויפגעהערט וואונדערען אויף זיין געשטאַלט.

יא.

דערווייל האָט זיך פון ים אַרויס אַרויסגעהויבען דער בייזער גייסט פון דעם רויטען שטערען שבתאי. אַ בייזער און אַ רויטער האָט ער זיך אויפגעהויבען הויך איבער דער וועלט און ווי נאָר ער האָט דערזעהן דאָס גרויסע און פריידיגע ליכט וואָס האָט פון דעם לאַנד פון שבת אַרויסגעפּראַלט אין דער נאַכט אַריין, האָט ער שוין גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט.

איז ער אַוועק און האָט מיט זיין פייערדיגער רויטקייט גע־נומען צינדען די אויגען און ברענען די הערצער פון די ווילדע ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך:

— מען האָט אייך באַשווינדעלט, מען האָט אייך באַ־שווינדעלט! זעהט דאָס ליכט דאָרט אין יענעם לאַנד. זעהט, די פּרינצעסין שבת איז דאָך צוריק אין דעם לאַנד פון שבת!

און אַז דער מלך פון די ריזען האָט זיך אומגעקוקט און האָט פון דאָס ניי דערזעהן דאָס גרויסע ליכט וואָס הויבט זיך ווידער אויף פון דעם לאַנד פון שבת, איז ער אַריין אין זעהר אַ גרויסען גרימצאָרן און האָט גלייך אָנגעשריבען אַ בריף צו דעם מלך פון דעם לאַנד פון שבת און האָט צו אים אין דעם בריף אַזוי געזאָגט:

„וויסען, זאָלסטו וויסען, אַז עס וועט דיר זיין וועה און ווינד אויב דו וועסט מיר ניט גלייך צוריקשיקען דיין טאָכטער, וואָס איז איצט די כלה פון מיין זוהן, — כדי זי זאָל ווערען די־

ווייב פון דעם גרויסען, העלדישען ריז מיט די שטאַרקע לאַנגע ציין. מיט וועלכע ער קאָן איבערבייסען דעם רוקען פון א לעבעדיגען חזיר. עס וועט דיר זיין זעהר ביטער, וואָרים איך וועל אויף דיר אָנשיקען מיין זוהן דעם חתן מיט פינף מאָל הונדערט טויזענט שטאַרקע ריזען און זיי וועלען פאַרוויסטען דיין לאַנד און זיי וועלען אייך דאָרט אַלע אויסראָטען פון דער וועלט און עס וועט פון אייך ניט איבערבלייבען קיין אַנטרינענער און אַנט־לאָפענער. די אַלע שטעט פון דיין לאַנד וועט ער נאָכדעם פאַר־ברענען און עס וועט נאָכדעם אויף דעם אָרט פון דיין לאַנד זיין וויסטע ערד און הימעל, און עס וועט גאָרניט דערקאָנט ווערען, אַז אויף דעם אָרט איז אַמאָל א לאַנד געווען, וואָרים דו האָסט גע־וואָגט צו שפּעטען פון אונז, די לאַנגציינע ריזען, וואָרים דו האָסט אונז געשיקט דיין ליכטיגע טאָכטער נאָר כדי זיך צו רייצען מיט אונז. און ווי נאָר זי איז געוואָרען די כלה פון מיין זוהן, אַזוי האָסטו זי דורך א כשוף גלייך אוועקגעכאַפּט פון אונז".

און אַז דער נלך און די הארען און אַלע איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי זיך אודאי זעהר שטאַרק דערשראָקען און זיי האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין דעם קעניגליכען הויף און האָבען דערשראָקענע גענומען פרעגען:

— וואָס וועט זיין?

וואָס זאָל מען איצט טאָן?

דאָ האָט בערעל פּראַגער ערשט ריכטיג דערזעהן און דער־פיהלט צוליב וואָס ער איז דאָס אהער געבראַכט געוואָרען, צוליב וואָס דער גרויסער צדיק, דער פּראַגער רב, האָט אים דעם קאַנטשיק געגעבען, צוליב וואָס דער ליכטיגער גרייז פון דעם שבת פּאַלאַץ האָט אים די צוועלף שטערען־שטיינדלעך געגעבען. אודאי האָט ער געפיהלט, אַז דאָס איז א זאַך וואָס איז ניט פאַר זיינע כוחות, און דערצו האָט ער זיך נאָך געפיהלט אָפּגעשוואַכט פון

אַלע זיינע וואַנדערונגען. אָבער אַ איד איז דאָך פאָרט אַ איד, און אַז דער פּראַגער רב האָט געשיקט, און אַז דער וואָס לעבט אייביג וויל, מוז דאָך אַ איד פּאָלגען. אַ ניט, צוליב וואָס דען לעבט אַ איד אויף דער וועלט ! ? און דערצו נאָך ווען ער האָט דערזעהן די ווילדע לאַנגציינינגע ריזען מיט זייערע גרויס צעעפּענטע מיילער. איז ער גלאַט אַריין אין אַזאַ גרויסען כעס, אַז ער האָט שוין גאָר טראַכטען ניט געקאָנט, און ער איז אָן אַנגעצונדענער צונעלאָפען צו זיי :

— סטיטש, ווי וואָגען דאָס גאָר אַזוינע מיאוסע באַשע־פּענישען ווי איר אַריבער טרעטען די גרעניצען פון דעם לאַנד פון שבת און דערצו נאָך רעדען אַזוינע חוצפה'דיגע רייד ?

האָבען זיך די לאַנגציינינגע ריזען צו אים אַנגערופען מיט שפּאָט :

— מיר האָבען דאָס געטאָן און וועלען צו אייך טאָן אַזויפיעל און נאָך מער, דערפאַר וואָס מיר זענען ריזען און איר זענט מילבען אַנטקעגען אונז.

— אָבער איר גרויסע ווילדע חיות וואָס איר זייט, עס איז דאָך פאַראַן אַ גרויסער גאָט אין הימעל. און די גבורה איז דאָך אין גאַנצען זיינע, און ער קאָן דאָך דערנידעריגען גרויסע און אויפהויבען געפאַלענע.

לאַכען זיי פון אים ווידער, און זאָגען :

— אָבער אַ פליג קאָן זיך סיי ווי ניט באַרימען אַז זי וועט אַריינפליהען אין אַ לייבענגרוב און וועט דאָרט איינשלינגען אַ לייב. און אין הימעל — זאָגען זיי, איז טאַקע פאַראַן אַ גרויסער גאָט און זיין נאָמען איז שבתאי.

חמורים, וואָס איר זענט, האָט בערעל אויסגעשריען מיט גרויס כעס. אויב עס איז נאָר אַזוי באַשערט, קאָן אַ פליג אַ לייב דערשלאָגען, כאָטש איינשלינגען קאָן זי אים ניט. און ווער וואָלט

דען געוואָלט איינשלינגען אַזוינע מיאוסקייטען ווי איר זענט. און אייער גאָט איז קעגען אונזער גאָט ווי אַ בייזער הונט וואָס קאָן ניט בילען.

דאָ זענען די ריזען אַריין אין כעס, און פאַנאַנדערגעעפענט זייערע גרויסע פילצייניגע מיילער, גרייט איינצושלינגען, בערלען מיט איין שלונג.

האָבען זיך די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת אודאי זעהר שטאַרק דערשראָקען און האָבען זיך גענומען בעטען ביי בערלען:

— בערעל פראַגער פון דער שטאָט פראַג, דו קעניג פאַר־וואַנדעלטער, חבר אונזערער, פריינד און ברודער, דערבאַרעם זיך! אודאי זעהן מיר, אַז דו האָסט אַן אמת אידיש האַרץ און קאָנסט דערפאַר קיין עולות ניט פאַרטראָגען. אָבער דו זעהסט דאָך אַז יעדער פון זיי איז די גרויס ווי אַ מויער, און מען דאַרף דערפאַר זעהן מיט גוטע רייד, וואָרים וואָס קלעקען מיר קעגען זיי....

בערעל אָבער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט באַרוהיגען. ניין, ניין — האָט ער גע׳טענה׳ט — ניט די גרויסע אין קערפער גע־ווינען אין קריג, גרויס איז נאָר דער וואָס לעבט אייביג און די מלחמה איז זיינע, דער קריג איז צו אים און צו די, וואָס פאַרלאָזען זיך אויף אים. און צוליב דעם טאָקע האָט דאָס מיר ווייזט אויס דער פראַגער רב זיין קאָנטשיק מיטגעגעבען. זיינע ליכטיגע אויגען זעהן דורך די וועלט פון עק צו עק, און ער האָט מן הסתם אַלץ געזעהען און געוואוסט. און ער האָט דאָס מיך געוויס געפירט מיט זיינע ליכטיגע בליקען און האָט מיך נעבראַכט ביז צו אייך, כדי עס זאָל ערליך געהאַלטען ווערען אייער לאַנד, דאָס ליכטיגע לאַנד פון דעם ליכטיגען שבת.

און בערעל פראַגער האָט אַרויסגענומען דעם קאָנטשיק און מיט אים גענומען שמייסען די ריזען מיט די ווילד צעעפענטע

מיילער. פון יעדען שמייץ האָט געגומען פליהען אויף די ריזען שאַר־פע מעכערס, שפּיזען און שטיקער פייער. די ריזען האָבען דערשראָ־קענע גענומען שפּרינגען אויף זייערע ערטער און שרייען מיט באַנומענע קולות:

— איר זענט בייזע פלינען, מיר וועלען פון אייך איצט אוועקגעהן, כדי קומען נאָכדעם צוריק און זיך נוקם זיין אן אייך מיט ביטערקייט. אונזער אָטעם וועט אייך פאַרלענדען, אונזערע ציין וועלען אייך פרעסען און אונזערע נאָזלעכער וועלען זיך אָנ־שכור'ן מיט דעם ריח פון אייער בלוט.

און נאָכדעם האָבען זיי זיך אויסגעדרעהט און גענומען לויּ־פען און בערעל פראַגער האָט זיך נאָכגעיאָגט און נאָכגעשריען:

לויפט, ווייל אייערע פּגרים טאָרען ניט בלייבען אין די גרענעצען פון דעם לאַנד.

יב.

האָבען זיך די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת אודאי זעהר שטאַרק געפרעהט אויף דעם וואָס דער פּראַגער רב האָט פאַרבאַהאַלטען אַזויפיל כחות אין דעם קאַנטשיק און וואָס ער האָט דעם דאָזיגען קאַנטשיק איבערגעגעבען אין די הענט פון בערעל פּראַגער, ווארים זיי האָבען דאָך געזעהן באַשיינפּערליך, אַז בערעל פּראַגער איז אַ מענטש וואָס איז לכתחילה ווי צוגעגרייט געוואָרען פאַר אַזאַ זאַך. און די פּרינצעסין שבת איז דערביי די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים פענסטער, און ווען זי האָט געזעהן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז צו איר פרייד גאָר קיין גרענעץ ניט געווען.

בערעל פּראַגער האָט זיך אָבער גלייך נאָכדעם דערפיהלט מיד און שוואַך, ווארים עס איז גאָר ניט געווען קיין קליינינגקייט צו האַלטען אין האַנט דעם רבי'נס קאַנטשיק, בשעת עס האָבען זיך אין אים צעשפּילט די גרויסע כחות וואָס דער פּראַגער רב האָט דאָרטען באַהאַלטען. האָבען די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת מיט אַמאָל גענומען פיהלען אַ שרעק אויפגעהן צווישען זיי. זיי האָבען גענומען טראַכטען:

— בערעל איז זיך אודאי גרייט מוסר נפש צו זיין ווי אַ אמת'ער איד, און דער קאַנטשיק האָט אין זיך אודאי אַ וואונ־דערבאַרען כח, אָבער וואָס קאָן דאָס אַלץ קלעקען קעגען פינף הונ־דערט טויזענט ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך, וואָס קלייבען זיך צו קומען אויף אונזער לאַנד?

און בערעל פראַגער האָט זיך צו זיי אָנגערופען מיט א גע־שטאַרקט קול:

— שרעקט זיך נים, שבת איז צו גאָט, און אייער לאַנד איז מן הסתם זיינס, און ער וועט געוויס קריגען אייער קריג.

און אליין איז בערעל ארויס פון די טויערען פון דער שטאָט און האָט זיך געווענדעט צו גאָט און געזאָגט:

— אוראי ווייסטו, גאָטעניו, אז איך בין א שוואַכער און זינדיגער מענש, איך בין אויסגעמאַטערט, און עס וואָלט זיך מיר איצט נאָר וועלען זיין אין דער היים לעבען מיין ווייב און קינדער, אָדער לעבען דעם ליכטיגען פראַגער רב, דעם בעל מופת, צי גלאַט אַזוי זעהן פאַר זיך די היימישע פראַגער גאַסען. נאָר א מענש איז דאָך אין דיינע הענט און דאַרף טאָן דיין ווילען, בפרט נאָך ווען דער מענש זעהט אליין, אז דאָס אומגערעכטע וויל פאַרדאַרבען דאָס גערעכטע. דאַריבער, העלף מיר, גאָט, ווי דו האָסט מיר געהאָלפען צו פאַרטרייבען דעם פאַנדול פון דער ווייסער שאָף, ווי דו האָסט מיר געהאָלפען צו פאַרטרייבען די מיאוס'קייט פון דער לאַנד פון ריינקייט.

און בערעל פראַגער האָט דערביי אַרויסגענומען איינס פון די צוועלף שטיינדלעך, וואָס דער ליכטיגער גרייז האָט אים מיטגע־געבען. דאָס שטיינדעל האָט ווייס און פינקעלדיג געשיינט, און בערעל פראַגער האָט דאָס איבערגעלעגט פון איין האַנט אין דער צווייטער און האָט געזאָגט:

— שטיינדעל־שטערען, שטיינדעל־שטערען, שטיינדעל־שטע־רען, גיב מיר הילף!

איז ווי נאָר ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אַזוי האָט זיך אויף דעם הימעל גלייך אויסגעשטרעקט די גרויסע ליכטיגע שאָף, דער מזל פון דעם חודש אייר, און די שטערענדיגע ווייסע שאָף האָט צעעפענט איר מויל, און פון דאָרט איז גלייך אַרויסגעפלויגען

אַ ליכטיג ווייס פערד, דאָס אויסזעהן פון דעם פערד איז געווען בייז און ווילד, פון אונטער זיינע פיס האָבען בליצען געשלאָגען, אָבער זיין ווייסקייט איז געווען קלאָר און וואונדער־ליך. און פאַר בערעל פראַגנער איז דאָס געבליבען שטעהן, ווי עס וואָלט צו אים געזאָגט:

— איך בין גרייט דיך צו דינען.

און אויף דעם פערד איז געלעגען אַנגעגרייט אַ ווייסער זיל־בערנער פּאַנצער און אַ שפּיז און אַ שווערד און אַ פּאָר זילבערנע שטיוועל און אַ זילבערנער הוט. דער זילבערנער פּאַנצער האָט גע־שיינט ווי די לבנה און די שפּיז און די שווערד האָבען געגלאַנצט ווי אַ בליץ.

קוקט דאַרויף אַזוי בערעל פראַגנער און טראַכט:

— מן הסתם איז דאָך דאָס אַזוי באַשערט, מן הסתם דאַרף דאָך אַזוי זיין, מן הסתם איז דאָך דאָס אַלץ פאַר מיר אַזוי אָנגע־גרייט געוואָרען פון דעם וואָס לעבט אייביג.

און ער נעמט און טוט אויף זיך אָן די אַלע זאַכען. און ווי נאָר ער האָט דאָס געטאָן, אַזוי האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט אַ גרויסען אָטעם פון גבורה אין אַלע זיינע ביינער. דאָס פערד האָט גלייך געקניהט פאַר אים, און ווען ער האָט זיך אויף דעם אַרויפגעזעצט, און גענומען דעם צוים אין די הענט אריין, אַזוי האָט זיך דאָס אויפגעהויבען און גענומען שפּרינגען מיט אים פיר מאָן די הויך און פון אונטער די טריט פון דעם פערד האָט אַ פייער געשאָסען. און בערעל פראַגער איז אַזוי אַריינגעריטען צוריק אין דער קעניגליכער שטאָט פון דעם לאַנר שבת, און די איינוואוינער פון דער שטאָט האָבען זיך פון אָנהויב דערשראָקען, וואָרים זיי האָבען אים ניט דערקאָנט, ווייל זיינע קליידער האָבען געשיינט מיט דעם גלאַנץ פון דער לבנה, און זיין פּנים האָט גע־

פלאַמט ווי אַ ברענענדיג פייער. און אַזאַ שרעקליך פערד האָבען זיי נאָך אין זייער לעבען נים געזעהן.

און ערשט ווען בערעל פּראַגער איז מיט זיין וואונדערליכען פערד איבערגעשפּרונגען די הויכע מויער, וואָס ארום דעם מלכ׳ס פּאַלאַץ און האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז אַראָפּ פון זיין פערד און איז פאַר זיי שטעהן געבליבען, האָבען זיי אין זיין ברענענדי־גען פּנים דערקענט זייער גאַכט, דעם מלך בערעל פּראַגער פון דער שטאָט פּראַג. און זיי האָבען זיך אוראי זעהר דערפרעהט.

און די כחות אין בערלען האָבען דערווייל אַזוי שטאַרק גע־שלאָגען, אַז ער האָט גאָר נים געקאָנט איינשטעהן רוהיג; איז אין הויף שוין פון יאָרען און יאָרען געלעגען אַ גרויסער מיר־מעלשטיין, וואָס קיין מענש האָט אים גאָר פון אָרט נים געקאָנט רירען, איז ער צוגעגאַנגען און האָט מיט איין קלאַפּ פון זיין האַנט צעריבען דעם שטיין אויף שטויב.

האָבען זיי זיך אַלע זעהר שטאַרק פאַרוואונדערט אויף זיין גרויסען כח און זיי האָבען זיך געפרעהט און האָבען געזאָגט:

— איצט זעהן מיר באַשיינפּערליך, אַז מיר קאָנען מיט דיר אַרויסגעהן מלחמה האַלטען אויף די ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך, וואָרים מיר האָבען אין דיר אַ אָנלעהן און אַ העלפער.

און דער מלך פאַלט אים אויפ׳ן האַלז און קושט אים, און די קעניגין שטעהט פאַר אים, דאַנקט אים מיט טרערען אין די אויי־גען, וואָס זי איז איצט זיכער, אַז ער וועט פאַר איר ראַטעווען איר איינציגע טאָכטער, די פּרינצעסין, די מלכה שבת. און די מלכה שבת קוקט אויף אים מיט איר גרויסען ליכטיגען ליכט. און זיי זעהן: ער זעהט גאָרנים אויס ווי אַ מענש, נאָר ווי אַ פייער־דיגער מלאך פון הימעל.

און נאָכדעם האָבען זיי זיך אַלע צונויפגענומען ארום בער־לען און זענען מיט אים אַרויס באַגעגענען די ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך.

און ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען זעקס טעג גאַנג איבער דער גרויסער מדבר, האָבען זיי פון ווייטענס דערזעהן דאָס אָנקומען פון די שווערע מחנות ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך מיט זייערע גרויסע רייטוועגען און מיט שווערדען, וואָס זענען אַזוי שרעקליך לאַנג און ברייט, אַז אַ ריז קאָן מיט איין מאָך פון אַזאַ שווערד אָפּהאַקען אָהן אַ שיער קעפּ און דער בן מלך, דער התן פון דער מלכה שבת, איז געריטען פאַר זיי אויף אַ שרעקליך גרויסען און בייזען העלפאַנט, מיט זיין שרעקליך גרויסער שווערד אין זיין האַנט.

און אַז בערעל פּראַגער האָט דערזעהן די דאָזיגע שרעקליכע מחנה וואָס איז געגאַנגען אַנטקעגען אים ווי אַן אייזערנע וואַנט, האָט ער זיך גענומען שרעקען פאַר זיין חיל, די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת, און ער האָט ביי זיך געטראַכט :

— בעסער וועל איך פריהער איינשטעלען זיך אַליין און עס וועט זיין, טאָמער געשעהט מיט מיר אַן אומגליק, וועלען כאָטש די ליכטיגע איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת האָבען צייט צו אַנטלויפען.

האָט ער דערפאַר געהייסען, אַז די מחנות פון דעם לאַנד פון

שבת זאָלען זיך אָפּשטעלען און וואַרטען פאַר אים. און אַליין האָט ער אין איין האַנט אַנגענומען דעם צוים פון זיין וואונדערליך פערד און אין דער צווייטער — דעם רבי'נס קאַנטשיק און האָט זיך אַ טראָג געטאָן און איז אַריינגעשפּרונגען גלייך צווישען די שרעקליכע מחנות פון די ווילדע ריזען. האָבען אים די ריזען גלייך אַרומגערינגעלט און האָבען מיט שרעק גענומען קוקען אויף בערעל פּראַגער'ס פּנים, וואָס האָט געברענט ווי פייער, אויף זיין שיינענדינען פּאַנצער און אויף דעם שרעקליכען פערד, אונטער וועלכען די ערד האָט גענומען שלאָגען מיט פלאַמען.

און אַז בערעל האָט דערזעהן זייער שרעק, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז נאָך האַלט מלחמה פאַר אים. און ער האָט מיט'ן קאַנטשיק גענומען שמייסען גלייך אויף זיי. דער קאַנטשיק האָט גענומען וואַרפען שטראַלען, וואָס האָבען געשניטען די ריזען אין שטיקער, און דאָס פערד רייסט זיך אָפּ פון אָרט און גיט מ ט אים אַ שפּרינג אויף אַ מייל, און אַלע ריזען, וואָס געפינען זיך אויף דער מייל פאַלען אַוועק טויט, נאָך אַ שפּרונג אויף אַ מייל, און נאָכאַמאָל אַזויפיל טויטע.

און אַז דער גרויסער ריז, דער חתן, האָט דאָס דערזעהן, האָט ער מיט זיין שרעקליכען העלפאַנט און מיט זיין שרעקליכען שווערד זיך גענומען לאָזען אַנטקעגן בערלען, האָט זיך בערעל'ס פערד אַ הויב געטאָן און זיך פאַרביי־געטראָגען פאַרביי אים. און בערעל האָט אים דערביי מיט זיין קאַנטשיק דערלאַנגט אַזאַ שמיץ, אַז דער חתן מיט זיין העלפאַנט זענען גלייך געוואָרען אַ בארג אַש.

דעמאָלט האָט די גאַנצע ריזען מחנה דערזעהן, אַז זי איז פאַרלאָרען און זיי האָבען גענומען רעווען ווי ווילדע אָקסען און האָבען גענומען לויפען אין אַלע זייטען. אָבער זיי זענען פון דעם קאַנשטיק געשלאָגען געוואָרען אויף זייערע טריט, און זיי האָבען גענומען פאַלען ווי אונטערגעשניטענע זאַנגען אין פעלד.

האָבען זיך די איינוואוינער פון דעם לאַנד שבת צוריק אומגעקערט צו זייער לאַנד מיט גרויס פרייד, מיט געזאַנג און מיט טענץ. און בערעל פּראַגער האָבען זיי אודאי אָפּגעגעבען גרויס כבוד.

און ווען אַלע זענען שוין אריין אין לאַנד פון שבת, איז בערעל פּראַגער געבליבען איינער אַליין שטעהן אונטער'ן שטאָט, האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען און גענומען טראַכטען:

— צוליב וואָס דאַרף איך, בערעל פּראַגער, דען איצט האָבען דאָס פערד, דעם פּאַנצער, די שווערד און דעם שפּיז, כדי מענשען צו שרעקען? וואָס בין איך דאָס אַ בער פון וואַלד, צי וואָס?...

און בערעל איז אַראָפּ פון פערד און האָט אויסגעטאָן דעם זילבערנעם פּאַנצער און דעם זילבערנעם הוט און די זילבערנע שטיוועל און ער האָט פון זיך אַראָפּגענומען די בליציגע שפּיז און די שווערד און האָט דאָס אַלץ צוריק צונויפגעלעגט אויף דעם פערד און האָט זיך אָנגערופען:

— דאָס אַלץ איז דאָך ניט מיינס, דאָס אַלץ האָט מען דאָך מיר מן הסתם געליגען, נאָר כדי דורכצופירען נאָמ'ס ווילען. און דער ווילען איז דאָך שוין געשעהן. זאָל זיך דאָס דעריבער אַלץ אומקערען וואוהין עס באַדאַרף.

האָט זיך דאָס פערד גלייך אָפּגעריסען, האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק, ווי אַן אָדלער און ווי אַ פייל פון בויגען.

און בערעל פּראַגער האָט זיך נאָכדעם דערפיהלט שוואַך, מיד און אויסגעמאַטערט, וואָרים צו גרויס זענען געווען די כחות וואָס האָבען ביז איצט געשטורעמט אין זיין דאַרען קערפּער. און ער האָט דערפיהלט, אַז ער איז שוין אַלט, און ער האָט אין דער שטיל אָפּגעזיפצט:

— עך, עך, ווי לאַנג נאָך האָט דאָס אַזאַ מענש ווי איך נאָך איינגאַנצען צו לעבען אויף דער וועלט ?... נאָך אַ דאַנק דעם, וואָס לעבט אייביג, וואָס בארלאָזט דיך ניט, וואָס גיט דיר די מעגליכ־קייט נאָך עפּעס צו טאָן פון זיינעט וועגען וואָרים זיין געטאָר איז גרויס און צו זיין גוטסקייט איז נאָר קיין גרענעץ ניטאָ.

יד.

אויף מאָרגען, אָבער, איז אָנגעקומען אַ בריף פון דעם ברודער פון דעם געפאַלענעם ריז פון דעם לאַנד פון וואָך און יענער האָט אים געשריבען:

„דו ביזט אַ כישוף׳מאַכער, דו קאָנסט זיך דערפאַר ניט באַ־רימען, אַז דו האָבט דאָס מיט דיין שטאַרקייט דער׳הרג׳עט מיין ברודער, דעם חתן פון דער מלכה שבת, מיט זיין גאַנצען חיל, וואָרים דו האָסט דאָך דאָס געטאָן מיט כישוף. זאָלסט אָבער וויסען, אַז איך בין נאָך אַ גרעסערער כשוף׳מאַכער פון דיר. און אַזוי ווי נאָך אונזערע געזעצען מוז נאָך דעם טוי׳ט פון אַן עלטערען ברודער, אַ חתן, זיין כלה ווערען די כלה פון דעם אינגערען ברודער, געהערט דעריבער אייער ליכטיגע פּרינצעסין צו מיר, און זי איז מיינע אפילו אויב איך וויל זי אויפעסען מיט איין בים. און איך געה און קום איצט אויף דיר מיט אַ גאַנצען מיליאָן ריזען און איך וועל זיך נוקם זיין אָן דיר פאַר דעם בלוט פון מיין ברודער און פאַר דעם בלוט פון זיין גאַנצען חיל, וואָס דו האָסט פאַרגאָסען“.

איז ווי נאָר בערעל האָט דערהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער נאָר איינגאַנצען פאַרגעסען אָן זיינע יאָרען און אין זיין מידקייט און ער איז אריין אין אַ גרויסען גרימצאָרן און ער האָט אים גלייך געענטפערט:

„דו עקעלהאַפטע בריאה פון דעם לאַנד פון וואָך! ביזט אַ נאַר און אַ ליגנער. איך בין ניט קיין כישוף־מאַכער וואָרים איך

בין אַ איד און עס שטעהט בפירוש געשריבען „כי לא נחש ביעקב“. עס זענען ניטאָ קיין כישוף׳מאַכער צווישען די קינדער פון יעקב. און מיט מיין כח האָב איך דאָס טאַקע סיי ווי סיי ניט געטאָן, נאָר מיט דעם כח פון דעם אידישען גאָט. ער איז גוט צו די, וואָס פאַרלאָזען זיך אויף אים, און ער וועט אונז מן הסתם אויך אויף ווייטער ניט פאַרלאָזען, וואָרים אַז ער וויל שיקט ער די שטע־רען פון הימעל מלחמה האַלטען פאַר זיין פאָלק. און דו, ווילדער ריז, זאָלסט זיך ניט דערוועגען צו קומען צו אונזער לאַנד מיט דיינע מיאוס׳ע חילות, וואָרים איך וועל דיך קומען באַגעגענען זעקס טעג ווייט פון אונזער לאַנד און וועל דיך מיט גאָט׳ס הילף באַצווינגען און פאַרדאַרבען דיך מיט דיינע חילות, ווי איך האָב באַצוואונגען און פאַרדאַרבען דיין ברודער און זיינע חילות“.

און בערעל פּראַגער איז טאַקע גלייך אַרויס אונטערן שטאָט און האָט אַרויסגענומען איינעם פון זיינע שטערען־שטיינדלעך און האָט דאָס איבערגעלייגט פון איין האַנט אין דער צווייטער און האָט דערביי געזאָגט:

— שטיינדעל־שטערען, שטיינדעל־שטערען, שטיינדעל־שטע־רען, גיב מיר הילף!

האָט זיך אויפ׳ן הימעל גלייך אויסגעשטערענט דער ראַק — דער מזל פון דעם חודש חשון און האָט פאַנאַנדערגעעפּענט זיין שטערענדיגען מויל, איז פון דאָרט גלייך אַרויסגעפלויגען אַ שרעקליך ווילדער רויטער פערד, און האָט זיך ווי אַ בליץ און ווי אַ פלוצלינגער שטורעם גענומען טראָגען אויף מיילען און מיילען, און אַ רויטער און אַ בייזער און אַ ווילדער איז ער געקומען און איז געבליבען שטעהן פאַר בערלען, ווי ער וואָלט געזאָגט :

— איך בין גרייט דיך צו דינען.

און אויף דעם רויטען פערד איז געלעגען אַ פּאַנצער און אַ הויכער הוט און אַ פּאָר שטיוועל און אַ שווערד און אַ שפּיז אינ־

גאַנצען פון רויטען גאָלד און באַזעצט און באַצירט מיט פינקלענ־דיגע דימענטען און בריליאַנטען און מיט אַ סך אַנדערע טייערע שטיינער, וואָס לויכטען ווי די ליכטיגע זון. און ווי נאָר בערעל האָט דאָס אַלץ אויף זיך אָנגעטאָן, האָט ער אין זיך ווידער דער־פיהלט גרויס כח, נאָך פיל גרעסער ווי דאָס ערשטע מאָל. און ער איז אַרויף אויף דעם רויטען פערד, האָט דאָס פערד זיך מיט אים מיט איין מאָל אויפגעהויבען אין דער לופטען, נאָך פיעל העכער ווי דאָס ערשטע מאָל, און ווען ער איז אַזוי אַריין אין שטאָט, האָבען אַלע איינוואוינער געקומען ציטערען פאַר שרעק, כאָטש זיי האָבען געוואוסט, אַז דאָס איז בערעל פּראַגער. וואָרים זיין פערד און זיין פייערדיג פּנים זיינען געווען נאָך שרעקליכער ווי דאָס ערשטע מאָל.

און בערעל פּראַגער האָט מיט זיך ווידער געקומען די חילות פון דעם לאַנד שבת און איז מיט זיי אַזוי אַפּגעגאַנגען פינף טעג און אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט ער באַגעגענט שרעקליך גרויסע חילות פון די ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך, מיט זייערע גרויסע שווערדען. זיי זיינען אַלע געריטען אויף שרעקליכע עלעפאַנטען. און דער בן מלך פון דעם לאַנד פון וואָך איז געפאָרען אין פאָראויס, זיין עלעפאַנט איז געווען אַ פאַר'כשופ'טער. און ווי נאָר דער בן מלך האָט פון ווייטענס דערזעהן בערלען אויף זיין שרעקליכען פערד, אַזוי האָט ער דורך כישוף געמאַכט, אַז דער עלעפאַנט האָט זיך אַ הויב געטאָן זעהר הויך, און דער בן מלך האָט זיך אַזוי מיט אַן אויסגעשטרעקטען שווערד אין האַנט געלאָזט גלייך צו בערעל פּראַגער'ס קאָפּ.

אַ גרויסער געשריי פון שרעק האָט זיך אַרויסגעריסען פון די מחנות פון דעם לאַנד פון שבת, בערעל פּראַגער'ס פערד האָט שוין אָבער אַליין דערזעהן די געפאַר. פייערדיגע זיילען האָבען גלייך אַ שלאָג געטאָן פון אונטער דעם פערד'ס פיס און דאָס פערד

האָט זיך אַ פּלוצלינגען הויב געטאָן אין דער הויך און האָט זיך פאַרביינענטראָגען דעם ווילדען ריז מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער ריז און זיין עלעפאַנט האָבען זיך איבערגעדרעהט אין מיטען דער לופט ווי אַ דונער וואָלט זיי געטראָפען, און זיי זיינען ביידע אַראָפּגע־פאַלען אויף דער ערד און זיינען דער'הרג'עט געוואָרען.

נאָכדעם איז בערעל פּראַגער מיט זיין פערד און מיט'ן קאַנ־טשיק אין האַנט אַריין אין די צושראָקענע חילות פון די ווילדע ריזען און ער האָט זיי געשלאָגען אויף זייערע טריט און זיי האָ־בען גענומען רעווען ווי ווילדע אָקסען און האָבען גענומען פאַלען פון אונטער זיין האַנט, ווי עס פאַלען די אונטערגעשניטענע זאַנגען אין פעלד.

האָבען זיך די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת נאָכדעם ווידער צוריקגעקערט צו זייער לאַנד מיט פרייד און מיט טענץ. און בערעל פּראַגער איז געגאַנגען מיט זיי און פאַר זיי, אויף זיין וואונדערליכען רויטען פערד, און זיין פאַנצער פון רויטען גאָלד האָט זיך געלויכטען ווי די זון און זיין פנים — ווי אַ ליכטיג פייער.

און ווען אַלע זיינען שוין אַריין אין דער קעניגליכער שטאָט פון דעם לאַנד שבת האָט זיך בערעל פּראַגער ווידער איינער אַליין אָפּגעשטעלט אונטערן שטאָט און גענומען טראַכטען :

צו וואָס דאַרף איך האָבען אַזאַ שרעקליכען פערד און אַזאַ פאַנצער און אַזאַ שפּיז און אַזאַ שווערד ? כדי צו שרעקען מענ־שען אין נאָס ? איך, בערעל פּראַגער, זאָל דאָס זיין ווי אַ בער פון וואַלד ? !

און ער איז אַראָפּ און האָט פון זיך אַראָפּגענומען די אַלע זאַכען און האָט זיי צוריק צונויפגעלייגט אויפ'ן פערד. האָט זיך דאָס פערד גלייך אַ הויב געטאָן, אַ ריס געטאָן די ערד פון אונטער

זיך און אין איין אוינגענבליק איז דאָס ערגעץ א פליה געטאָן און איז נעלם געוואָרען.

און בערעל פּראַגער האָט זיך באַלד נאָכדעם דערפיהלט נאָך פיעל שוואכער, ווי דאָס ערשטע מאָל, די ליפּען זענען אים געוואָרען ווי פאַרברענט און די ביינער — ווי איינגעטריקענטע פון דעם גרויסען שטראָם כח, וואָס זיי האָבען אויף זיך ביז איצט גע־טראָגען. ער האָט זיך קוים געקענט האַלטען אויף די פיס.

א שרעק האָט ארומגעכאַפּט בערלען:

— רבונו של עולם, רבונו של עולם, וועסטו מיך כאָטש נאָך ברייגנען אהיים צו מיין ווייב און קינדער ? !

טו.

אויף מאָרגען, אָבער, ווען עס איז אָנגעקומען אַ בריף פון דעם אינגערען בן מלך פון דעם לאַנד פון וואָך, אַז די מלכה שבת געהער איצט צו אים און אַז ער וועט איצט מיט נאָך שטאַרקערע הילות געהן אויף דעם לאַנד פון שבת, האָט בערעל פראַגער ווידער פאַרגעסען, אַז ער איז שוואַך און מיד, און ער איז ווידער ארויס אונטערן שטאָט און געוואָרפען אַ שטערען־שטיינדעל, און עס האָט זיך ווידער באַוויזען אַ מזל אויף דעם הימעל און האָט פון זיך ארויסגעלאָזט אַ פערד מיט אַ פאַנצער און מיט אַ שפיז און מיט אַ שווערד, און ווידער האָט זיך בערעל באַשילדט און באַפאַנצערט און האָט זיך דערפיהלט שטאַרקער פון דעם שטאַרקסטען ריז אין דער וועלט און ער איז ארויס און האָט ווידער באַגעגענט די ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך אויף דעם זעקסטען טאָג, און האָט זיי מיט גרויס כח געשלאָגען אויף זייערע טריט און זיי זענען געפאַלען אונטער די פיס פון זיין פערד און אונטער די שמיץ פון זיין קאַנטשיק, ווי עס פאַלען די זאַנגען אין פעלד אונטער די ענגט פון דעם שניטער. און נאָך דער שלאַכט, נאָכדעם ווען ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס פערד האָט ער זיך אודאי דערפיהלט נאָך שוואַכער.

און אַזוי האָט בערעל פראַגער פאַרבראַכט אין דעם לאַנד פון שבת עלף וואָכען, און האָט פאַר זיי געוואונען עלף מלחמות און האָט אָפּגעווישט פון דעם פּנים פון דער ערד עלף שרעקליכע ריזען

חילות מיט זייערע אנפירער, די גרויסע ריזען, די זיהן פון דעם ריזען מלך פון דעם לאנד פון וואך.

און דער בייזער גייסט פון דעם רויטען שטערען שבתאי, וואס האט אלץ געררייצט און געטריבען די איינוואוינער פון דעם לאנד פון וואך מלחמה צו האלטען מיט דעם לאנד פון שבת צוליב דער מלכה שבת, האט דאס אלץ צוגעזעהן און איז נאך יעדער פאר־לארענער שלאכט ארייין אין נאך א גרעסערן צארן און פלעגט מיט נאך מער ביטערקייט רייצען דאס אויפגעקאכטע בלוט פון דיווילדע ריזען. ווארים כאטש שבתאי האט שוין קלאר געזעהן ווי אזוי די שטערען פון הימעל העלפען בערעל פראגער צו ראטע־ווען זייער געליבטע מלכה שבת, האט ער אבער אויך געוואוסט אז א מענשען קינד קאן ניט איבערטראגען דעם שרעקליכען כח פון א שטערען און ער האט דאריבער ביי איטלאכער שלאכט געווארט אז דער דארער איד, דער סוחר פון שטאט פראג, וואס זיין נאמען איז בערעל פראגער, וועט נאכדעם אליין פאלען א טויטער. און ווען שבתאי פלעגט פאר יעדער נייער שלאכט ווידער דערזעהן דעם דארען בערעל פראגער א פארפאנצערטען, א בליציגען, זיך טראגען אנטקעגען זיינע מחנות פון דעם לאנד פון וואך, פלעגט ער ניט וויסען ווי אזוי דאס האט געקאנט פארקומען און ער פלעגט פאר כעס נעמען קריצען מיט די ציין אזוי שטארק אז בליצען פלעגען נעמען פלאצען פון זיין מויל:

— פון וואנען נעמט אט דער דארער איד די כחות צו פארען רייטענדיג אויף א שטערען און נאכדעם לעבען בלייבען?

און ווען עס איז געקומען פאר דער צוועלפטער שלאכט האט שבתאי זיך פארשטעלט פאר א בעטלער און האט זיך אליין אראפ־געלאזט צו די ריזען פון דעם לאנד פון וואך, ווארים ער האט דער־פיהלט, אז די צוועלפטע שלאכט איז די וויכטיגסטע, ווארים אויב אין דער צוועלפטער שלאכט זאל דער׳הרג׳עט ווערען דער צוועלפ־

טער זוהן פון דעם קעניג פון דעם לאַנד פון וואַך, וואָס איז איצט לוית'ן געזעץ דער חתן פון דער מלכה שבת, וועט דאַך שוין אי־בער גערישען ווערען אַלץ וואָס בינדט די מלכה שבת אַן אַן דעם לאַנד פון וואַך. און זי קאָן זיך דאַך חלילה נאָכדעם צוריק אומ־קערען צו דעם פיש, דעם היטער פון שבת.

און צו בערעל פּראַגער איז נאָכדעם אָנגעקומען אַ בריף פון דעם צוועלפטען בן מלך פון די ריזען פון דעם לאַנד פון וואַך אַזוי צו זאָגען:

דו גרויסער כשוף'מאַכער און אַפּשפּרעכער, זאָלסט ניט מיינען, אַז איך האָב מורא פאַר דיין צויבערקונסט. עס איז אמת, אַז מיינע ברידער זענען אויך זעהר קלוג געווען אין דער צויבערקונסט אָבער זיי האָבען געמאַכט אַ טעות אין חשבון, זיי זענען מיט דיר נעגאַנגען מלחמה האַלטען אויף דעם זעקסטען טאָג, און אַזוי זיי דעם טאָג האָבט געווים פאַר'חשופ'ט איז דערפאַר דיין מזל גע־ווען אַזוי גרויס. איך אָבער וועל צו דיר קומען אויף דעם צוויי־טען טאָג האָבטע געווים פאַר'כשופ'ט איז דערפאַר דיין מזל גע־פאַטער, דער גרויסער און מעכטיגער קעניג פון דעם לאַנד פון וואַך, און אויך אונזער גאָט, דער גרויסער שבתאי, און מיר וועלען אייך אַלע צעטרעטען, ווי קליינע ווערים, און מיר וועלען זיך אַן אייך נוקם זיין פאַר דעם בלוט פון מיינע ברידער, די עלף גרויסע ריזען, און פאַר דעם בלוט פון זייערע גרויסע חילות, און די פּרינ־צעסין שבת, וואָס איז איצט מיין כלה, וועל איך ברייננען מיט זיך צוריק אין אונזער גרויסען לאַנד פון וואַך, און זי וועט דאָרט פאַר די אויגען פון דעם גאַנצען פאָלק ווערען מיין ווייב און מיין מאַלצייט.

בערעל פּראַגער איז שוין דעמאָלט געווען שוואַך, כמעט ווי אַ קליין קינד, דאָס איינציגע וואָס האָט אים נאָך געגעבען כח צו האַלטען זיך אויף די פיס ווי עס פאַסט פאַר אַ מלך, איז געווען דער

קאַנטשיק, וואָס איז אַזויפיל יאָרען געוועזן אַן עדות פון דעם פּראַ־גער רב׳ס לערנען תורה אַליין און מיט זיינע תלמידים. און ווען בערעל פּראַגער האָט איבערגעליינט דעם בריף פון דעם לעצטען ווילדען בן מלך, איז ער פונדעסטוועגען ווידער אריין אין גרויס כעס, און ער האָט באַפוילען צו זאָגען דעם לעצטען ווילדען בן מלך:

דו ביזט אַ ליגנער ווען דו זאָגסט, אַז איך בין אַ כשוף׳מאַכער און אַן אַפּשפּרעכער. ניטאָ קיין כשוף אין יעקב׳ן, נאָר אַ שטערען טרעט אויף פון יעקב׳ן און די מזלות פון הימעל קריגען זיין קריג. און איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר און פאַר דיין פאָטער א:ן פאַר דיין גאָט האָב איך אויך קיין מורא ניט, וואָרים וואָס קאָן מיר טאָן דיין שטומער הונט, וואָס קאָן ניט בילען ? זעה, איך וועל אויף דיר קומען אין דיין געצייכענטען טאָג אהן כשוף, נאָר מיט דעם נאָמען פון דעם לעבעדיגען גאָט, וואָס האָט באַשאַפען די גאַנצע וועלט, און דעם טאָג פון שבת, כדי אים צו הייליגען און ערליך האַלטען. און איך וועל דיך שלאָגען אויף דיינע טריט, ווי איך האָב געשלאָגען דיינע ברידער מיט זייערע חיולות.

און בערעל פּראַגער איז נאָכדעם ארויס אונטערן שטאָט. האָט ארויסגענומען דאָס לעצטע שטיינדעל, דאָס איז געוועזן אַ שוואַרץ פינקלענדיג שטערען שטיינדעל. און ווי נאָר ער האָט דאָס איבער־געליינט פון איין האַנט אין דער צווייטער און האָט געזאָגט :

שטיינדעל־שטערען, שטיינדעל־שטערען, שטיינדעל־שטערען!, גיב מיר הילף !

אַזוי האָט זיך אויפ׳ן הימעל גלייך אויסגעשטערענט דער עקדיש. דער מזל פון דעם חודש תמוז, און ווי נאָר דער עקדיש האָט צעעפענט זיין מויל. אַזוי איז פון דאָרט גלייך ארויסגעשפרונגען אַ שרעקליך שוואַרץ פערד. און דאָס פערד האָט זיך ווי אַ ביי־זער וויכער אַ יאָג געטאָן איבער דער לופט, אויפשלאָגענדיג שוואַר־צע בליצען און שוואַרצע זיילען רויך. און אַזוי איז דאָס פערד אַלץ

נעפּלוינען בייז און ווילד ביז עס איז געקומען צו בערעל פּראַגער און האָט זיך פאַר אים אָוועקגעשטעלט ווי אַן אריינגעגראָבענס, ווי עס וואָלט צו אים געזאָגט :

זעה, איך בין גרייט דיך צו דינען.

און אויף דעם פערד איז געלעגען און געפינקעלט אַ שוואַרצער פּאַנצער, און שוואַרצע שטיוועל, און אַ שוואַרצער הוט, און אַ שוואַרצע שפּיז, און אַ שוואַרצע שווערד.

און ווען בערעל פּראַגער האָט זיך אין דעם אָנגעטאָן, האָט ער זיך דערפיהלט נאָך פיעל שטאַרקער און מעכטיגער, ווי אַלע פריהערדיגע מאָל, אַלץ אויף אים איז געווען פינקלענדיג שוואַרץ, נאָר זיין פּנים איז געווען צעגליהט און האָט זיך געלויכטען ווי די זון. דאָס שרעקליכע שוואַרצע פערד האָט מיט גרויס דרך ארץ געקניהט פאַר אים און ווען ער האָט זיך אויף דעם ארויפגעזעצט און גענומען דעם קאַנטשיק אין זיין האַנט האָט זיך דאָס אויפגעהויבען און גענומען פליהען מיט אים נאָך פיל העכער פון אַלע פריהערדיגע פערד. און ווען ער איז מיט דעם פערד אריבער־געשפּרונגען די מויער פון דער קעניגליכער שטאָט פון דעם לאַנד פון שבת, און די איינוואוינער האָבען אים דערזעהן צווישען זיך אַזאַ שוואַרצען מיט אַזאַ ברענענדיגען פּנים, וואָס לויכט ווי די זון און אויף אַזאַ שרעקליך שוואַרצען פערד איז אויף זיי אָנגעפאַלען אַ פּחד פאַר זיין שוואַרצקייט און פאַר זיין ליכטיגקייט און פאַר דעם שרעקליך שוואַרצען פערד. וואָרים כאָטש זיי זענען שוין געווען געוועהנט צו זעהן אים אַלע מאָל אַן אַנדערען האָבען זיי זיך אים אַזוינעם אָבער קיינמאָל נאָרניט געקאָנט פאָרשטעלען. פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך אַלע גלייך צונויפגענומען אַרום אים און זענען מיט אים אַרויס באַגעגענען די ווילדע ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך.

און דער ריז, דער בן מלך, און זיין פאָטער דער קעניג האָבען

זיך פאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי גרויסע מחנות כדי זיי זאָלען קאָנען אָנפאַלען אויף בערעל פּראַגער מיט זיינע מחנות פון צוויי פאַרשידענע זייטען, און זיי זיינען אַלע געווען שטאַרק געפּאַנצערט און זענען געריטען אויף שרעקליכע עלפאַנטען. און שבתאי פאַר־שטעלט אַלס אַ בעטלער איז אויך געווען צווישען זיי, און פאַר זייערע מחנות זענען אין דער לופטען הין און צוריק אַנגעפלויגען שרעקליך גרויסע שאַרפע שפּיזען און שווערדען. דאָס איז אַלץ געמאַכט געוואָרען דורך אַזאַ כשוף, אַזוי אַז עס איז גאָר ניט מעגליך געווען צוצוקומען נאָהענט צו זיי און מען זאָל ניט צעשניטען ווע־רען אין שטיקער.

ווי נאָר אָבער בערעל פּראַגער׳ס שרעקליך שוואַרצער פערד האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופטען און בערעל האָט אַ שמיץ געטאָן מיט׳ן קאַנטשיק, אַזוי זענען די שווערדען און די שפּיזען גלייך אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און זיי זענען צעבראָכען געוואָ־רען ווי שערבלעך. און דאָס פערד איז אריין צווישען די מחנות און גענומען ארומשפּרינגען אויף מיילען ארויסלאָזענדיג גיפטיגע שוואַרצע בליצען פון אונטער זיינע פיס און אַ גיפטיגען רויך פון זיינע שרעקליך צעעפענטע נאָזלעכער.

און בערעל פּראַגער איז דערביי געזעסען אין זיין שוואַרצען פּאַנצער אויף דעם שוואַרצען פערד, און זיין צעגליהט פּנים, וואָס האָט זיך געלויכטען ווי אַ ליכטיג פייער האָט געאָטעמט מיט כח און גבורה און זיין שטאַרקע האַנט האָט געשמיסען מיט׳ן קאַנטשיק אי־בער זייערע קעפּ טויט און פאַרדאַרבונג. און איבער יעדער מייל וואָס ער איז אַזוי אריבערגעשפּרונגען מיט זיין שוואַרצען פערד זענען זיך די ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך פאַנאַנדערגעפאַלען איבער דער מדבר, ווי זאַנגען אונטער די הענט פון אַ שניטער. און דער ריז, דער בן מלך, האָט זיך דורך כשוף אויפגעהויבען אין דער לופטען און האָט זיך מיט זיין אויסגעשטרעקטען שווערד געלאָזט גלייך

צו בערלען, אָבער די שאַרפע פיילען, וואָס האָבען זיך אינאיינעם מיט שרעקליכע פלאַמען געטראָגען פון בערלע׳ס קאַנטשיק, האָבען זיך גלייך אריינגעגעבען אין זיין לייב און ער איז אַ פאַרבלוטיג־טער אראָפּגעפאַלען צו דער ערד שרייענדיג ווילד פון ביטערע שמערצען.

און אַז דער פאַרשטעלטער בעטלער, דער גייסט פון דעם שטערען שבתאי האָט דאָס דערזעהן, האָט ער מיט גרויס כעס גע־נומען טרייבען דעם פאָטער, דעם קעניג פון דעם לאַנד פון וואַד, ער זאָל מיט זיינע אָפּגעטיילטע מחנות ארויס פון זיין באַהאַל־טעניש און זאָל אָנפאַלען אויף בערלען פון אונטען. האָט זיך דער פאָטער מיט זיינע מחנות אויפגעהויבען אויף זייערע פאַר׳כשופ׳טע עלעפאַנטען, אַניאָגען אָבער בערעל פּראַגער מיט זיין פערד האָבען זיי ניט געקאָנט. און ווען בערעל פּראַגער איז אינגאַנצען פאַרטיג געוואָרען מיט די מחנות פון דעם צוועלפטען זון, וואָס איז איצט אַ שטאַרבענדינער געלעגען אין אַ טייך בלוט, האָט ער זיך ערשט אויסגעדרעהט אַנטקעגען דעם פאָטער, וואָס האָט זיך מיט זיינע ריזיגע מחנות געטראָגען צו אים אויף די פאַר׳כשופ׳טע עלעפאַנטען, וואָס האָבען פון זייערע לאַנגע נעזער געשאָסען מיט פייער און מיט קוילען.

איז בערעל מיט זיין פערד גלייך אַ שפּרונג געטאָן צו זיי, און ווי נאָר זיי האָבען פאַר זיך דערזעהן דאָס שרעקליך שוואַרצע פערד מיט דעם רייטער, וואָס איז שרעקליך שוואַרץ און שרעקליך ליכטיג איז אויף זיי אָנגעקומען אַ גרויס צעטומלעניש און פון די שמיץ פון דעם קאַנטשיק און פון דעם פערד׳ס אָטעם, האָבען זיי גענומען פאַלען צו דער ערד, וואָס האָט געברענט פון דעם פערד׳ס שוואַרצע און גיפטיגע בליצען, ווי אַ ים פון שוואַרצען פייער.

דער מלך אַליין האָט זיך נאָך געהאַלטען אין דער לופטען לייגנער פון די אַנדערע ריזען אָבער פון בערעל׳ס שמיץ איז אים

פריהער אַראָפּ די גרויסע קרוין פון זיין גרויסען קאָפּ, נאָכדעם איז אים אַרויסגעשלאָגען געוואָרען די גרויסע שווערד פון האַנט. נאָכדעם האָט ער געכאַפּט אַזאַ שמיץ, אַז ער האָט זיך אַנגעצונדען און איז אַראָפּגעפאַלען און איז אינאיינעם מיט זיין עלעפאַנט פאַרברענט געוואָרען אויף קויל.

און אַז שבתאי האָט דאָס דערזעהן האָט ער פאַר כעס גע־נומען קריצען מיט די ציין אַזוי שטאַרק, אַז וויסטע בליצען האָבען גענומען פליהען פון זיין מויל אַרויס, און דאָ גראָד זענען נאָך די קעניגין און די פּרינצעסין פון דעם לאַנד שבת, אַרויס פון די גרע־ניצען פון זייער לאַנד שבת כדי בעסער אַנצוקוקען די גרויסע מלחמה, וואָס קומט פאָר בלויז איין טאָג גאַנג פון זייער לאַנד. און ווי נאָר שבתאי האָט זי דערזעהן, אַזוי האָבען זיך די פאַר־שטעלטע בעטלערישע קליידער אויף אים אַנגעצונדען און זענען פאַרברענט געוואָרען. און ער האָט זיך גלייך מיט דונערס און בלי־צען אויפגעהויבען אין דער לופטען.

— שבתאי, שבתאי ! — האָבען אויסגעשריען די איבערגע־בליבענע מחנות ריזען — העלף אונז, שבתאי, מיט דיינע דונערען, מיט דיינע בליצען, ווען ניט געהען מיר פאַרלוירען !

די פּרינצעסין, די מלכה שבת האָט גלייך דערקאַנט דעם קלאַנג פון דעם דונערען און בליצען, און האָט זיך גענומען לויפען צוריק צו די גרענעצען פון דעם לאַנד שבת.

און אַז בערעל פּראַגער האָט דערזעהן די שרעקליכע רויטע געשטאַלט זיך טראָגען מיט אַזאַ ווילדען רעש, האָט ער גלייך פאַר־שטאַנען, אַז דאָס מוז געווים זיין דער שרעקליכער גייסט פון דעם שטערען שבתאי און ער האָט מיט זיין גאַנצען האַרצען גענומען שרייען צום הימעל

— גרויסער גאָט ! איז דאָס מעגליך, אַז נאָך אַזויפיל הילף

וואָס דו האָסט מיר געגעבען זאָל ערשט דאָס גרויסע אומגליק געשעהן ? גיב כחות, גאָט ! העלף ! העלף !

איז דאָס שווארצע פערד מיט איהם א שפּרונג געטאָן עטליכע מייל די הויך און זיך אָנגעטראָגען גלייך אנטקעגען שבתאי'ן פּונקט אין דער מינוט, ווען ער האָט שוין געוואָלט אראָפּנידערען און אויפכאַפּען די ליכטיגע מלכה שבת. שבתאי איז דאָ געבליבען הענגען אין דער לופטען און גענומען ווארפען בייזע רויטע פלאַמען און בליצען פון זיינע קריצענדיגע צייןָ, ווארים ער האָט דערזעהן, אז בערעל פּראַגער האָט א שרעקליכען קאַנטשיק אין זיין האַנט, און אז דאָס פערד אויף וועלכען ער רייט איז פון דעם עקדיש, דער מזל פון דעם הודש — — — דער קאַנטשיק קאָן אים אונטערשניידען די באָרד, זיינע האָר, זיינע כחות צו פליהען, און דאָס פערד קומט פון דעם עקדיש, און עס האָט אין זיך דערפאַר געגוג גיפט אים איינגאַנצען צו פארניכטען.

שבתאי האָט, ווארפענדיג זיינע רויטע בליצען, זיך געפּרואווט א הויב טאָן אביסעל העכער, כדי ער זאָל זיך קאָנען לייכטער אויסדרייהען און אנטלויפען, האָט דאָס פערד דאָס גלייך דער־פיהלט און זיך א הויב געטאָן נאָך העכער פון אים. שבתאי האָט זיך גענומען בליצשנעל ווארפען אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט דאָס פערד זיך א טראָג געטאָן נאָך אים און האָט זיך מיט די אונטערשטע פיס אָנגעשלאָגען אָן דעם מינדסטען פינגער פון שבתאי'ס פוס. איז שבתאי גלייך אראָפּגעפאַלען צו דער ערד און איז א פלאַמיג רויטער און א הינקעדיגער אַוועקגעשפּרונגען איבער דער מדבר, אהין צו די בערג, וואו די זון זעצט זיך. און אונטער־אים זיינען ווי א ברענעדיגער רויטער וואלד נאָכגעפלויגען זיינע פלאַמענדיג רויטע האָר און האָבען געברענט די אומגעפאַלענע ריזען.

דאַ איז דאָס שוואַרצע פערד מיט אים אַ שפרונג געטאָן
עטליכע מייל די הייך און זיך אָנגעטראָגען גלייך אַנקעגען שבתאין

און בערעל פּראַגער איז נאָכדעם אַראָפּ און האָט זיך איינ־איינעם מיט די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון שבת נאָכגעיאָגט נאָך די איבערגעבליבענע ריזען פון דעם לאַנד פון וואָך און ער האָט זיי געיאָגט און געשלאָגען ביז ער האָט זיי צוריק פאַרטריבען אין זייער לאַנד, ביז ער האָט זיי באַצווינגען, אַז זיי זאָלען לערנען און פּאָלגען די געזעצען פון דעם לאַנד פון שבת, אַז זיי זאָלען גלויבען אין דעם גאָט וואָס האָט באַשאַפען דעם שבת, כדי אים צו היילינגען און הערליך האַלטען.

טז.

האבען זיך נאכדעם די איינוואוינער פון דעם לאנד פון שבת אינאיינעם מיט בערעל פראגער, צוריק אומגעקערט צו דעם לאנד פון שבת, און זיי האבען בערלען אפגעגעבען גרוים כבוד, און האבען פאר אים געזונגען געזאנגען און תפילות און לויב לידער.

און ווען זיי זענען שוין אריינגעקומען אין דעם לאנד פון שבת, האט בערעל פראגער זיך דערמאנט, אז ער האט א באפעהל צוצופיהרען די פרינצעסין שבת צום ברעג פון ים איידער ער לאזט אפ זיין לעצטען פערד. האט ער דאס געלאזט וויסען דעם מלך, און דער מלך האט דאס געלאזט וויסען דער קעניגין, און ווען די קעניגין האט דאס געלאזט וויסען דער פרינצעסין, האט די פרינצעסין שבת מיט א זעהר טרויעריגען געמיט צוגעגעבען, אז זי ווייסט אויך פון דעם באפעהל און אז מען מוז אים פאלגען... האט דאס דער מלך געלאזט וויסען דעם גאנצען פאלק און דאס פאלק האט זיך צונויפגענומען און איז ארוים אינאיינעם מיט זייער מלך און מיט דער מלכה, צו פירען די פרינצעסין שבת צום ברעג פון ים, און בערעל פראגער איז געפארען פאר זיי אין זיין וואונדערליכען פאנצער, אויף זיין וואונדערליכען פערד מיט דעם פראגער רב'ס קאנטשיק, וואס האט געשיינט און געפינקעלט אין זיין האנט.

ווי נאר זיי זענען ארוים פון די גרענעצען פון דעם לאנד שבת, אזוי האט זיך גלייך איבער דער מדבר באוויזען דער רויטער

שבתאי. הינקענדיג און שפּרינגענדיג האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל אויפגעהויבען איבערן הימעל גרייט אראָפּצופּליהען און אויפּכאַפּען די פּרינצעסין שבת. בערעל פּראַגער און דאָס פערד זענען אָבער געוועזן אויף דער וואך און שבתאי האָט זיך אַלע מאָל גע־מוזט אראָפּלאָזען אויף דער ערד מיט ליידיגע הענט און קריצענ־דיגע ציינער.

און אזוי, ביז זיי זענען צוגעקומען צום ברעג פון ים.

ווי נאָר אָבער זיי זענען צוגעקומען צום ברעג פון ים, אזוי האָט זיך פון וואסער מיט אמאָל אהויבגעטאָן אַ שרעקליך גרויסע־פיש און האָט צעעפענט זיין גרוים מויל אזוי, אז זיינע אונ־טערשטע ציין זענען געבליבען ליגען אויפ׳ן ברעג און זיינע אויי־בערשטע האָבען פאַרדעקט אַ שטיק הימעל. אַ וואונדערליך פינק־לענדיגע קרוין איז ארוים פון דעם פיש׳ס מויל. אַ גרויסער טייל פון דער מדבר, פון דעם ים און פון דעם הימעל איבער זיי איז באלויכטען געוואָרען פון דעם גרויסען ליכט וואָס די קרוין האָט פון זיך ארויסגעגעבען. און די קרוין איז צוגעקומען ביז צו דער ליכטיגער פּרינצעסין שבת און האָט זיך אוועקגעזעצט אויף איר קאָפּ. דעמאָלט האָט זיך דאָס ליכט פון דער פּרינצעסין און פון דער קרוין גענומען שיינען נאָך ליכטיגער און העלער.

איז דאָס אודאי אַלעמען זעהר געפעלען געוואָרען. נאָר איידער זיי האָבען זיך צייט געהאַט אומקוקען, דערזעהן זיי די פּרינצעסין שבת שטעהט פאַר׳ן פיש און בעט מיט אַ זעהר גרוים עלענד אין איר קול:

— פיש, ווען וועט שוין קומען דער טאָג פון שטענדיגען שבת ? !

עס איז געוואָרען שטיל. דער פיש האָט אויף דעם גאָר ניט געענטפערט. ער האָט נור אַ צעעפען געטאָן זיין מויל נאָך גרעסער, אזוי אז זיינע אונטערשטע ציין זענען שוין געלעגען ווי אַ ביינערנע

שוועל אונטער אירע פיס. און די פּרינצעסין שבת האָט נאָכאַמאָל מיט גרויס בײנקעניש אין קול איבערגעפרעגט:

— פיש, ווען וועט שוין קומען דער טאָג פון שטענדיגען שבת?

האָבען דאָס אוודאי אַלע צוגעקוקט מיט שרעק און מיט שטוינען און מיט שטאַרק קלאַפּענדיגע הערצער. און אײדער זײ האָבען צײט געהאַט קומען צו זיך איז שוין דער פיש מיט דער פּרינצעסין געווען אין מיטען ים.

א גרויס עלענד האָט זיך גענומען שפּרײטען איבער די מחנות פון דעם לאַנד פון שבת. שטיל און שטום זענען זײ אײנאײ־נעם מיט זײער מלך און מלכה געשטאַנען און געקוקט צום ים, וואוהין עס איז פאַרשוואונדען דער פיש מיט דער פּרינצעסין שבת.

בערעל פראַנער האָט זיך דערפילט ווי א שולדיגער, און מיט א שווער געמיט און א געבראָכען האַרץ האָט ער א ווײלע אויך געקוקט אויפן ים, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען אז דאָס איז דער אײגענער פיש, וואָס האָט זײ פריהער געהאַט אײנגעשלונגען. כאָטש ער האָט געוואוסט, אז אינווײניג אין דעם פיש איז ווי אין א ליכטיגען פּאַלאַץ, כאָטש עס איז אים אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָ־רען צו זעהן נאָכאַמאָל אָט די וואונדערליכע קרוין וואָס איז ארויס פון דעם פיש און האָט זיך אַזוי שעהן אָנגעטאָן אויף דעם קאָפּ פון דער פּרינצעסין שבת. אָבער פאַרוואָס האָט דער פיש פּונקט איצט נעדאַרפט אוועקנעמען די פּרינצעסין שבת פון דעם לאַנד שבת? צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט פירען אָט די אַלע שרעקליכע מלחמות, אויב די מלכה שבת זאָל ערשט נאָכדעם אוועקגענומען ווערען? און פאַרוואָס איז דאָס נאָך אויף מיר אויסגעפאַלען צו זײן דער, וואָס האָט אַלײן געהאָלפען אוועקנעמען זײער ליכטיגע טאָכטער, שבת? בין איך דען ניט געבראַכט געוואָרען צו זײ כדי

זי צו ראַטעווען? און צום סוף, נאָך אַלע ציטערנישען און שרעקען... צוליב וואָס איז דאָס אַלץ געווען?

באַלד אָבער האָט זיך בערעל פּראַגער געכאַפּט, אַז אַ איד טאָר קיין קשיות ניט פרעגען. וואָרים, אַז עס איז אַזוי געשעהן, האָרף דאָך מן הסתם אַזוי זיין. מן הסתם וויל דאָך אַזוי דער, וואָס לעבט אייביג און דערצו ווייסט ער דאָך אַז אינווייניג אין דעם פיש איז אַלץ אַזוי גוט און שעהן. אָבער עס איז פאָרט געווען אַ גרויס רחמנות צו קוקען אויף דעם עלענדען מלך און דער מלכה און אויף די אַלע מחנות פון דעם לאַנד פון שבת, וואָס האָבען אַלע ווי איינער, ווי פאַר׳יתום׳טע געקוקט צום ים מיט זייערע פאַרביינקטע אויגען. האָט דאָס בערלען זעהר שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצען, און כאָטש ער האָט דאַכט זיך גוט געוואוסט, אַז ער טאָר שוין איצט מער קיין וואָרט ניט רעדען, האָט ער זיך אָבער ניט געקאָנט איינהאַלטען. ער האָט זיך פלוצלינג ווי פאַרגעסען אין אַלץ און האָט זיך געווענדעט צום אומגליקליכען מלך כדי צו טרייסטען אים, כדי אים צו דערצעהלען וועד דער פיש איז. אָבער ווי נאָר ער האָט אַ עפענעגעטאָן דאָס מויל און נאָר אַרויסגערעדט:

— טייערער מלך, דער פיש...

אַזוי האָט זיך דאָס פערד אונטער אים פלוצלינג אַ ווילדען הויבגעטאָן אין דער לופטען און האָט זיך מיט אים, ווי אַ שרעקליכער שטורעם, גענומען טראָגען איבער פעלדער און וועלדער, איבער ים׳ען און טייכען, און האָט זיך נאָכדעם מיט אים ערגעץ אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווילד פרעמדען לאַנד, ערגעץ לעבען אַ פּאַלאַץ, מיט פערעלמוטערנע טורעמס, וואָס איז געשטאַנען לעבען אַ פרעמדער קעניגליכער שטאָט.

בערעל איז אין הוילע שרעק געזעסען אויפ׳ן פערד און מיט זיינע צעשראָקענע אויגען געזעהן, אַז די שטאָט איז ניט פּראַג.

— עס איז ניט פּראַג, עס איז ניט פּראַג! — האָט בערעל

מיט גרויס ביטערניש געגומען רעדען. — פערד, צי שטערען ! דערבאַרים זיך. ביז וואַנען נאָך וועל איך זיך אַזוי אַרומוואַגלען צווישען פרעמדע לענדער ? איך בייגק אַהיים, איך בין מיד, איך בין קראַנק. און אין דער היים האָב איך אַ ווייב און האָב קינדער. און איך האָב זיי שוין אַזוי לאַנג ניט געזעהן !

דאָס פערד אָבער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

טראַכט ביי זיך בערעל פּראַגער :

אודאי איז מיר איצט וועה און ווינד. נאָר וואָס קאָן איך זיך איצט העלפען. איך מוז זיך פאַרלאָזען אויף גאָט'ס באַראַט. וואָס דען קאָן אַ זינדיגער מענש טאָן ? מן הסתם איז דאָך מיר באַשערט אַזוי, מן הסתם דאַרף דאָך אַזוי זיין. און דער וואָס לעבט אייביג וועט דאָך מיך מן הסתם פאַרט ניט פאַרלאָזען. און זיצען אַזוי אויפ'ן פערד ווי אַ ליימענער גולם איז דאָך אודאי קיין תכלית ניט.

און בערעל פּראַגער האָט שווער אָפּגעזיפצט און איז אַראָפּ פון פערד און האָט זיך אויסגעטאָן דעם פינקעלנדיגען פּאַנצער און דעם הוט און די שטיוועל און די שווערד און די שפּיז, וואָ־רים צוליב וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ ? ער וועט דאָך דערמיט ניט אַרומגעהן שרעקען מענשען אין די גאַסען. ער איז דאָך חלילה ניט קיין בער פון וואַלד. און ווי נאָר ער האָט דאָס אַלץ צוריק צונויפ־געלייגט אויפ'ן פערד, אַזוי האָט זיך דאָס שוואַרצע פייערדיגע פערד גלייך אויפגעהויבען און האָט זיך אין ווילדער איילעניש אַוועקגעטאָן אַרום בערלען און אַרום דעם פּאַלאַץ וואָס האָט זיך געפונען פאַר דער שטאָט, ניט ווייט פון בערלען, און דאָס פערד האָט נאָך זיך נאָכדעם איבערגעלאָזט אַ גרויסען שטערענרינג און איז אַוועק ווי אַ ווילדער וויכער.

טראַכט זיך בערעל :

— ווי באַלד אַזוי, איז דאָך ניט מער ווי רעכט אַז איך זאָל זיך לאָזען צו דעם דאָזיגען פּאַלאַץ.

ווי נאָר אָבער בערעל וויל זיך רירען פון אָרט, דערפילט ער מיט אַמאָל אַז ער האָט שוין אין זיך נאָר קיין כחות ניט. און ווי נאָר ער האָט אַ הויבגעטאָן אַ פוס, אַזוי איז ער גלייך אומגע־פאַלען צו דער ערד אַ פאַר׳חלש׳טער.

האָבען אָבער די דינער פון דעם פּאַלאַץ דערזעהן, אַז עפּעס אַ רייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון זייער פּאַלאַץ און אַז דאָס פערד האָט זיך נאָכדעם זעהר ווילד אַהויבגעטאָן אַליין און איז אַוועק אַהן דעם רייטער, זיינען זיי צוגעקומען צו דעם אָרט און האָ־בען דערזעהן דעם פאַר׳חלוש׳טען בערעל פּראַגער. האָבען זיי אים אויפגעהויבען און האָבען אים געבראַכט צו זיך אין פּאַלאַץ אריין און האָבען אים אָפּגעמינטערט.

ווי נאָר אָבער בערעל פּראַגער איז געקומען צו זיך, ערשט ער הערט זיי רעדען עפּעס אַ לשון וואָס ער הויבט ניט אָן צו פאַר־שטעהן. נעמט ער רעדען צו זיי, ערשט זיי קוקען אים אָן מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך גאָרניט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ לשון וואָס מענשען רעדען. נעמט ער צו זיי רעדען:

— פּראַג, פּראַג. ווייסט איר ווי ווייט עס איז פון אייך די קעניגליכע שטאָט פּראַג?

אָבער זיי קוקען אים אָן און גלויבען נאָר זייערע אויערען ניט, אַז אַ מענש איז דאָס, וואָס רעדט אַזוי.

און אַז בערעל פּראַגער האָט דערזעהן וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער גענומען טראַכטען:

— גאָטעניו, גאָטעניו, וואָס וועט פון מיר איצט ווערען? וועל איך כאָטש נאָך זוכה זיין צו זעהן אונזער הייליגען צדיק, דעם פּראַגער רב, וועל איך כאָטש נאָך קאָנען זעהן מיין ווייב און קינ־דער איידער איך שטאַרב? האָב רחמנות גאָט, דערבאַרים זיך,

ברענגג מיך צוריק צו מיין שטאָט פּראַג, זאָלען כאָטש מענשען ווי־סען וואו מיין געביין איז אהינגעקומען !

און אזוי איז ער ווידער איינגעשלאָפען און מען האָט אים נאָר מער ניט געקאָנט אויפוועקען. האָבען זיך די רינער דער־שראָקען און האָבען באשלאָסען, אז איידער וואָס ווען זאָל מען אים דערוויייל אוועקטראָגען אין א זייטיגען פינסטערען צימער און זיי האָבען אזוי געטאָן.

ר״ז.

איז זיך אַזוי בערעל פּראַגער געלעגען אין דעם אָפּגעליינטען צימער און איז זיך אַזוי אַלץ געשלאָפען און געשלאָפען.

און ווען עס איז געקומען פרייטאָג צו נאַכטס איז בערלען גע־קומען צו חלום דער ליכטיגער גרייז, וואָס האָט אים געגעבען די צוועלף שטערען שטיינדלעך.

— אדוני,—האָט זיך בערעל פון שלאָף גלייך גענומען פרעגען, — דו ביזט דאָך דער האר פון יענע וואונדערליכע פּאַלאַצען וואו איך האָב שבת געהאַלטען אינאיינעם מיט דער מלכה שבת, וואָס זע־נען דאָס געוועזען פאַר וואונדערליכע פּאַלאַצען און גערטנער און טיי־כען, וואָס זענען גלייך נאָך הבדלה פארשוואונדען? און פאַרוואָס האָ־סטו מיר געהייסען ארויסברייננגען צום ברעג פון ים די פּרינצעסין שבת, כדי דער פיש זאָל זי איינשלינגען, און איך זאָל אַליין צו־זעהן דעם גרויסען צער פון אירע עלטערען און פון די אַלע איינ־וואוינער פון דעם לאַנד, וואָס האָבען זי אַזוי ליב ?

דאָ האָט זיך דער גרייז אָנגערופען :

— אָבער איך האָב דיך געוואָרענט, אַז דו זאָלסט דערביי ניט אַרויסרעדען קיין וואָרט, אויב דו ווילסט קומען אהיים בשלום.

— אָבער איך בין דאָך, אדוני, ניט קיין שטיין, איך בין אַ איד ! איז ווי אַזוי האָב איך געקאָנט צוזעהן אַזאַ גרויסען צער און זיך איינהאַלטען פון צו טרייסטען ?

— דו האָסט דאָס אָבער ניט געדאַרפט טאָן, טאַקע דערפאַר

כדי זייער צער און בייַנקען זאל זיין זעהר גרויס, ווארים דאס וועט פיעל העלפען צו דערנעהענטערען דעם טאג פון שטענדיגען שבת, ווארים דו מוזט וויסען, אז די פרינצעסין שבת איז ניט גלאט אזוי א פרינצעסין. נאר דאס איז גאר געווען די אמת'ע מלכה שבת אליין. די גאנצע וועלט האט זי ליב און בייַנקט נאך איר, און זי האט ליב און בייַנקט נאך דער גאנצער וועלט. נאר אזוי ווי דער טאג פון שטענדיגען שבת איז נאך ניט געקומען, דארף דערווייל די מלכה שבת מיט איר ליכטיגער שבת־קרוין קומען אויף דער וועלט נאר אין ערב שבת, און מוז צוריק אוועקגעהן צום פיש דעם היטער פון שבת, ווי נאר דער שבת נעהמט אוועק, כדי זי זאל ניט גע־שטרויכעלט ווערען. האט אבער די מלכה שבת פארבראכען געגען דעם געבאט און האט זיך דערבארימט אויף דער קעניגין פון דעם לאנד שבת, וואס האט קיין קינדער ניט געהאט. און זי האט זיך אנגעהעפט אן איר און איז צו איר געווארען א טאכטער. און דורכ־דעם איז די געפאר פאר איר און פאר דעם שבת פון דער וועלט געווארען זעהר גרויס. עס האט געהאלטען דערבייַ, אז שבת און דאס לאנד פון שבת זאל חלילה אומגעבראכט ווערען פון דער וועלט. און ווען ניט דער פראגער רב, הער ווייסט וואס פאר א פנים די וועלט וואלט שוין איצט געהאט. ווארים ער, דער פראג־גער רב, זעהט מיט זייַנע ליכטיגע אויגען אלץ וואס קומט פאר אויף דעם הימעל און אויף דער ערד און אין אלע שטערען־וועלטען און ווען ער האט דערזעהן ווי שבתאי האט אויסגעכאפט די מלכה שבת האט ער דורך דעם כח פון זייַן תפלה:

„פארלאז דייַן געפאנגענשאפט מלכה שבת,
„קום מיט פרידען קרוין פון האר,
„קום צו דייַנע אויסערוועהלטע.
„קום כלה,
„קום!

נעהאלפען דעם פיש, דעם היטער פון שבת, צו שלאגען שבתאי'ן אין דער לופטען. און ווען די מלכה שבת איז אריינגעפאלען אין ים אריין האט ער זי גלייך ארייננענומען צו זיך. האלטען אבער האט ער זי ניט געקאנט, ווארים ערשטענס, האט די מלכה שבת גאר איננאנצען פארגעסען ווער זי איז, זינט זי איז געווארען די טאכטער פון דער קעניגין פון דעם לאנד פון שבת, און צווייטענס, איז זי דאך שוין דעמאלט געווען די כלה פון דעם ריז פון דעם לאנד פון וואך. און די נשמה פון שבת איז שוין כמעט געווען פארלארען פאר דער וועלט, נאר די קרוין אליין פלעגט ארויסקומען אויף דער וועלט. אבער וואס איז די קרוין אהן א נשמה ?

האט מען אודאי געדארפט האבען א מענשען אויף וועמען מען קאן זיך פארלאזען.

האט דער פראגער רב געזאגט, אז ער האט אזא מענשען. — דאס איז טאקע — האט ער געזאגט — בערעל פראגער פון מיין איינענער שטאט פראג.

האט מען אים געזאגט :

— און ווי אזוי וועט ער קאנען מלחמה האלטען מיט די ריזען פון דעם לאנד פון וואך ?

האט ער געענטפערט :

— זאלען אים די שטערען פון הימעל העלפען, זיי האבען דאך אלע ליב די מלכה שבת און קרינען פון איר ליכטיגקייט.

האט מען אים געזאגט :

— דו ווייסט דאך אבער, אז ווען א מענש וועט דורך זיך לאזען דורכשטראמען דעם כח פון א שטערן וועט ער דאס ניט קאנען אויסהאלטען און וועט נאך דער ערשטער שלאכט פאלען ווי א דורכגעברענטער. און עס וועט דאך זיין נויטיג צוועלף שלאכטען !

האט דער פראגער רב, דער גור אריה, דערויף געענטפערט :

— נישקשה, איך וועל אים מיטגעבען מיין קאנטשיק.

איז מען דערויף איינגעגאַנגען, און מען האָט דיך געשטעלט אויף אַ פּרוּוו, און מען האָט איינגעזעהן, אַז דו ביזט טאַקע דער ריכטיגער מענש. און וואויל איז דיר און גרויס איז דיין חלק, וואָס איז פאַר דיר אָנגעגרייט געוואָרען. וואָרים דו מוזט וויסען, אַז פון יעדער מענשליכער טואונג ווערט עפּעס געשאַפען אין די אויבער־שטע וועלטען. טוט אַ מענש אַ גוטע טואונג שאַפט ער פאַר זיך אין די אויבערשטע וועלטען שעהנע בוימער, הייזער, גערטנער, פּאַלאַ־צען און אַנדערע שעהנע זאַכען. טוט דער מענש אַ שלעכטע טואונג שאַפט ער פאַר זיך בלויז דערנער, שפּיציגע שטיינער, שטעכיגע צווייגען, שלאַנגען און עקדישען. און אַזוי פאַרנעמט זיך דער גוטער און דער שלעכטער זיין אָרט אין די אויבערשטע וועלטען. און וויסען דאַרפסטו, אַז יעדע גוטע טואונג ווערט נאָך איינגעטיילט אין אַ סך טיילען. דער ערשטער טייל איז דער געדאַנק פון דער גוטער טואונג. דער צווייטער טייל, איז דער חשק פאַר דער גוטער טו־אונג. און נאָכדעם קומט די גרייטקייט צו טאָן די גוטע טואונג. און נאָכדעם דאָס טאָן די גוטע טואונג, די פרייד פון דער גוטער טואונג, דאָס ליידען פאַר דער גוטער טואונג, און נאָכדעם קומט דאָס איינ־שטעלען דאָס לעבען פאַר דער גוטער טואונג, דאָס ווילען איינ־שטעלען דאָס לעבען פאַר דער גוטער טואונג, און טאַקע דאָס אויפ־דער׳אמת׳דיגע איינשטעלען פון דעם לעבען. און אַזוי ווי דו ביזט שוין ניט איינמאָל, צוליב גוטע טואונגען דורכגעגאַנגען אַלע טיילען אויף וועלכע אַ גוטע טואונג לאָזט זיך איינטיילען, און אַזוי ווי דו האָסט זיך מיט גרויס פרייד און מיט דעם גאַנצען הארצען געלאָזט מקריב זיין צוליב דער מצוה שבת, האָבטו פאַר זיך מיט דעם אויפ־געשטעלט זעהר רייכע און וואונדערליכע פּאַלאַצען, און גערטנער, און בוימער אַלערליי און פייגלען און וואַסערען און טייכען.

— אדוני — נעמט זיך בערעל אין שלאָף בעטען — אדוני. איך פיהל, אַז די כחות גערען מיר אויס און דו רעדסט צו מיר

אַזוינע זיסע רייד, זענען דאָס טאַקע שוין איצט די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען ? זאָג, אדוני, וועל איך נאָך אַמאָל קומען אַהיים קיין פראַג, צו מיין ווייב און קינדער ? וועל איך נאָך אַמאָל קע־נען זעהן מיט מיינע אויגען דעם פראַגער רב, דעם גור אריה ?

האָט זיך דער ליכטיגער גרייז צו אים אָנגערופען :

— שטאַרק זיך, בערעל פראַגער. דו דאַרפסט וויסען, אַז ווען דאָס שוואַרצע פערד האָט זיך מיט דיר אין דער אומגליקליכער מינוט אַזאַ שרעקליכען הויב געטאָן, און מיט דיר גענומען פליהען איבער טויזענטער מיילען און מיילען ביזטו געווען אין גרויס גע־פאַר פאַרברענט צו ווערען, האָט אָבער דער פראַגער רב, מיט זיין גרויסען כח, באַצוימט דאָס שרעקליכע פערד און האָט דאָס גע־צוואונגען זיך אַראָפצולאָזען לעבען אָט דעם פּאַלאַץ, איצט ועסטו דאָ נאָך מוזען שלאָפען ביז דרייסיג טעג. און ווען עס וועט קומען צום סוף פון דעם דרייסיגסטען טאָג וועט צו דיר קומען דער פראַגער רב און וועט דיך אויפוועקען. און כאָטש דער פּאַלאַץ איז אין אַ שרעקליך ווייטען לאַנד, אַזוי ווייט, אַז קיינער האָט אין דער גאַנצער מדינה פראַג ביז איצט אפילו דעם נאָמען פון דעם לאַנד ניט געהערט, איז פונדעסטוועגען, ווי נאָר דער פראַגער רב וועט דיך אַריבערפירען דעם שטערענרינג וואָס אַרום דעם פּאַלאַץ, וועסטו שוין זיין אין פראַג.

און דער ליכטיגער גרייז איז נאָכדעם גלייך פאַרשוואונדען.

יח.

דערווייל האָט זיך אָבער אין פּראָג פאַרלאָפען אַזאַ מעשה:
דער פּראָגער מלך האָט דאָך זעהר ליב געהאַט אידען. און מער פון אַלע האָט ער אוראי ליב געהאַט דעם רב פון שטאָט — דעם ג אריה. און טאָמער פלעגט דער מלך דאַרפען טאָן אַ וויכטיגע זאַך, פלעגט ער זיך פריהער ליבהאָבען דורכרעדען וועגען דעם מיט'ן פּראָגער רב און הערען זיין עצה.
האָט אָבער דער מלך ביי זיך געהאַט אַ מיניסטער, וואָס האָט זעהר ניט פאַרגינען דעם פּראָגער רב, פאַרוואָס ער איז אַזוי חשוב ביי דעם מלך אין די אויגען. פלעגט דער מיניסטער דערפאַר פון מאָל צו מאָל לאָזען פאַלען שלעכטע רייד פאַר דעם מלך וועגען דעם אידישען רב.
דער מלך, אָבער, האָט גוט געוואוסט, אַז די דאָזיגע שלעכטע רייד קומען פון דעם מיניסטער'ס מויל דערפאַר, וואָס ער איז אַ ניט פאַרגינער, פלעגט ער דערפאַר אַלע מאָל אָפּהאַקען די דאָזיגע רייד אין מיטען, און פלעגט נאָכדעם צו זיך שיקען רופען דעם פּראָגער רב און פלעגט אים אָנטאָן נאָך מער כבוד ווי פריהער. וואָרים דער מלך האָט גוט געוואוסט, אַז דער פּראָגער רב איז אַ גרויסער צדיק און אַ גרויסער חכם, און אַז אַלע זיינע ווענען זענען גערעכטע און רעכטפאַרטיג.
און אַז דער בייזער מיניסטער האָט דערזעהן וואָס ער טוט אויף מיט זיינע שלעכטע רייד, איז ער געפאַלען אויף אַנאַנדער

פּלאַן. ער האָט זיך געווענדעט צום מלך און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— גרויסער מלך! פאַרוואָס אַלע דיינע געטרייע הארען פאַרבעטען דיך אַמאָל צו זיך אויף אַ באַל, און דער פּראַגער רב — דיין געטרייער יועץ — פאַרבעט דיך קיינמאָל ניט צו זיך אויף קיין באַל? מיר זענען דאָך אַלע דיינע הויפהארען, טאָ פאַרוואָס זאָל ער ניט זיין גלייך ווי מיר, פאַרוואָס זאָל ער אונז פאַר־שעמען?

און דער מיניסטער האָט דערביי געטראַכט ביי זיך אין הארצען:

— דער פּראַגער רב איז דאָך אַ גרויסער אָרימאַן, און ער וואוינט ערגעץ אין אַ קליין צובראָכען הייזעל און ער פאַרמאָגט דאָך געוויס ניט צו מאַכען אַ באַל ווי עס פּאַסט פאַר'ן מלך און פאַר זיינע הארען. וועט דאָס ניט געפעלען ווערען אין די אויגען פון דעם מלך. ווארים ער וועט דערזעהן, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ פּשוט'ען אָרעמען אידען, מיט וועמען עס איז אַ בזיון צו ווייזען זיך פאַר מענשען אין די אויגען.

און אַז דער פּראַגער רב, דער גור אריה, איז נאָכדעם געקו־מען צום מלך, האָט זיך דער מלך צו אים געווענדט און האָט צו אים געזאָגט:

— מיין ליבער פריינד: דו ווייסט דאָך, אַז דו ביזט איינער פון מיינע הויפהארען, און אַז איך האָב דיך ליב. און עס איז אָנ־גענומען, אַז יעדער פון מיינע הארען מאַכט אַ באַל אין זיין צייט, און לאַדט אונז אַלע איין צו זיך אין זיין פּאַלאַץ. טאָ פאַרוואָס זאָלסטו פאַרמינדערען פון צו טאָן ווי אַלע פון זיי?!

אַז דער פּראַגער רב האָט דערהערט אַזוינע רייד, האָט ער זיך אָנגערופען צום מלך און האָט צו אים געזאָגט:

— דו האָסט רעכט, גרויסער מלך. אודאי דאַרף איך דיך און

דיינע הויפּהארען איינלאַדען אויף אַ באַל אין מיין צייט. און עס וועט פאַר מיר אויך זיין אַ גרויסער כבוד ווען דו וועסט קומען מיט דיינע הארען צו דעם באַל וואָס איך וועל צוגרייטען פאַר דיר. גיב מיר נאָר איין חודש צייט און איך זאָג ד'ר צו אַ גרויסען און שעהנעם באַל מיט אַזוינע פאַרגניגענס, אַז קיין האר אין דער וועלט האָט נאָך פאַר דיר קיינמאָל אַזאַ באַל ניט געמאַכט.

האָט זיך דער מלך אודאי דערפרעהט און האָט גע־זאָגט:

— אודאי ווינש איך, אַז דו זאָלסט מאַכען אַ שעהנעם באַל, כדי דו זאָלסט ניט פאַרשעמט ווערען פאַר די אויגען פון מיינע הויפּהארען, כדי בייזע אויגען זאָלען אין דיר קיין נקמה ניט האָבען.

און דער גוטער פּראָגער מלך האָט נאָכדעם געלאָזט וויסען דעם בייזען מיניסטער, אַז דער גור אריה האָט געזאָגט, אַז ער וועט אין אַ מאָנאַט אַרום מאַכען פאַר אים, און פאַר אַלע הארען פון זיין קעניגרייך, אַ גרויסאַרטיגען באַל.

האָט זיך דער מיניסטער אָנגערופען, און האָט בייז געזאָגט:

— ווי פאַרמאָגט ער דען צו מאַכען אַ באַל, וואָס זאָל פּאַסען פאַר דיין כבוד וועגען און פאַר דעם כבוד פון דיינע הארען, אַז ער איז אַן אָרימער אידישער רב, וואָס וואוינט אין אַ צעבראָכען הייזעל ?! ...

דער מלך אָבער האָט זיך אָנגערופען און האָט געזאָגט צום מיניסטער:

— און איך גלויב, אַז ער וועט פאַרט מאַכען אַ רייכען און שעהנעם באַל פאַר אונז, ווארים דער פּראָגער רב איז אַן ערלי־כער מענש און ער זאָגט קיין מאָל קיין ליגען ניט.

דער מיניסטער האָט זיך געטראַכט:

און אַז אַפילו עס זאָל שוין זיין אמת, אַז דער אידישער רב איז ניט קיין ליגנער, וועט דאָס אים דען העלפען ?! אַז ער

פארמאָגט דאָך פאָרט ניט צו מאַכען אַ באַל, וואָס זאָל זיך פּאַסען פאַר אַ מלך.

און נאָכדעם האָט דער מיניסטער אונטערגעשיקט זיינעם אַ מענשען ער זאָל פאָרשען דעם פּראַגער רב, און זעהן ווי אַזוי ער גרייט זיך צו צום באַל.

איז דער מענש געגאַנגען, און איז געקומען צוריק אַ פאַרוואונ־דערטער, און האָט געזאָגט צום מיניסטער:

— מיין האר! איך האָב געפאָרשט דעם אידישען רב שוין עטליכע טעג, און זעה, — ער זיצט גאָר און לערנט טאָג ווי נאַכט זיין תורה — אליין אָדער מיט זיינע תלמידים. און אָן דעם באַל האָט ער, ווייזט אויס, גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען.

האָט זיך דער מיניסטער אודאי זעהר געפרעהט פון די דאָזיגע רייד און האָט ווידער געשיקט דעם מענשען, ער זאָל ווידער פאָרשען.

איז דער מענש ווידער געגאַנגען און איז געקומען, און האָט ווידער געבראַכט צוריק, אַז דער פּראַגער רב האָט גאָר, ווייזט אויס, פאַרגעסען, אַז עס זענען שוין געקומען די לעצטע טעג פאַר'ן באַל. ווארים ער טוט ניט קיין אנדער זאַך, אויסער, וואָס ער לערענט תורה אליין, אָדער מיט זיינע תלמידים.

איז דאָס דעם מיניסטער זעהר וואויל געפעלען און ער האָט זיך זעהר געפרעהט. און ווען עס איז געקומען די לעצטע שעה, האָט ער זיך געפעדערט און איז געקומען צום מלך דער ערשטער, כדי זיינע אויגען זאָלען זיין פון די ערשטע, וואָס וועלען זעהן, וואָס עס וועט פאַרקומען ווען דער מלך וועט זיך דערוויסען, אַז דער פּראַגער רב האָט זיך גאָר אין דער גאַנצער מעשה פאַרגעסען...

ווי נאָר אָבער עס איז געקומען די ריכטיגע צייט פון דער סעודה און אַלע הארען זענען שוין געווען פאַרזאַמעלט אין דעם מלכ'ס פּאַלאַץ, אַזוי איז אָנגעקומען דער פּראַגער רב און האָט זיי

אַלעמען זעהר שעהן געבעטען, אז זיי זאָלען מיט אים מיטגעהן, וואָרים אלץ איז שוין גרייט פאַר דעם גרויסען קעניגליכען באַל.

האָט דער בייזער מיניסטער ניט אויסגעהאלטען און האָט זיך אנגערופען:

— וואוהין וועסטו אונז פירען ? ! וואו וועסטו... אָבער דער שונא האָט ניט געקאָנט דערענדיגען זיינע רייד, וואָרים ער האָט זיך דערשראָקען פאַר דער מלכ׳ס בליקען און פאַר דעם פראַגער רב׳ס ליכטיגען פנים.

געהן זיי נאָכדעם אַלע מיט דעם גור אריה און ער פירט זיי איבערן שטאָט און אַרוים פון שטאָט, צום טייך.

וואונדערען זיי זיך אודאי אַלע און קניימשען מיט די אַקסלען:

— פאַר וואָס צום טייך ?

— ווייל די לופט איז דאָרטען פריי ?

און דער בייזער מיניסטער זאָגט אין דער שטיל :

— דער איד וויל אפשר מיר זאָלען זיך דאָרט אוועקזעצען שלינגען די לעבעדיגע פיש פון טייך ? !

און די לופט איז זיך דערווייל געוואָרען פול מיט אַוועגט און דער הימעל האָט זיך דערווייל באַדעקט מיט מחנות שטערען.

מיטאמאָל אָבער ניט זיי אַלעמען עפּעס ווי אַ מינע פאַר די אויגען.

קוקען זיי זיך אום — דערזעהען זיי — ווייט אַרויף אויף די לאַנקעס, וואָס פאַר דעם פראַגער טייך, באַווייזט זיך מיטאמאָל אַ צינדרענדיגע ליכטיגקייט...

— וואָס זאָל דאָס זיין ? !

— איז דאָס מיטאמאָל אַזוי אַ שטערען געפאַלען צו דער ערד ? ...

די ליכטיגקייט האָט אָבער גענומען ווערען אַלץ גרעסער און

ליכטיגער, ביז מיטאַמאָל דערזעהען זיי, אַז דאָס איז גאָר אַ גרויסער און רייכער פּאַלאַץ מיט גאָלדענע טויערען, מיט פּערלמוטערנע טורעמס און אַלבאַסטערנע ווענט...

האָבען זיי זיך אודאי אַלע זעהר שטאַרק פאַרוואונדערט:

— סטייטש, וואו קומט דאָס אַהער אין מיטענדעריגען אַ פּאַ־לאַץ? און נאָך אַזאַ רייכער און ליכטיגער!

דער פּראַגער רב אָבער געהט, און דער מלך מיט איהם, — געהען די איבעריגע הארען נאָך. און ער פירט זיי אריין אינע־ווייניג, און זיי דערזעהען אַז עס איז טאַקע אַ ריכטיגער פּאַלאַץ, מיט שוועלען פון געשלאָגענעם קופּער, מיט דילען פון געגאָסענעם זילבער, מיט ווענט פון עלפּאַנטביין, מיט זעהר וואונדערליכע שני־צערייען אויף זיי. און די טישען זענען געגרייט מיט וואונדערבאַרע כלים, וואָס זענען געשניצט און געגאָסען פון גאָלד און זילבער, פון דימענטען און פון אַנדערע טייערע שטיינער. און אַ סך אויסגע־פּוצטע דינער שטעהען גרייט צו דינען יעדען נאָך זיין פאַרלאַנג און באַגער.

קוקען זיי אַלע און גלויבען זייערע אויגען ניט. ווארים זיי ווייסען, אַז אַזאַ מין רייכקייט און שעהנקייט, און אַזויפיל דינער. און אַזאַ פּאַלאַץ קאָן נאָר אַ גרויסער מלך דערוויזען.

און ווען זיי האָבען זיך געזעצט צום טיש און זייערע בליקען זענען געפאַלען אויף די גאָפּעל, מעסערס און לעפעל, האָבען זיי דערזעהען, אַז דאָס איז די אַרבייט פון גרויסע מייסטער און זיי האָבען זיך דערויף שטאַרק געוואונדערט, אָבער מער פון אַלץ זענען זיי פאַרוואונדערט געוואָרען פון דעם זאַלצ־מעסטעל, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם מלך. דאָס זאַלצמעסטעל איז אינגאַנצען געווען פון איין גרויסען דימענט, און עס איז געשטאַנען פאַר'ן מלך און האָט געברענט מיט אַלערליי שטראַלענ־

דיגע פאַרבען. און די אַרבייט אויף דעם איז געווען אַזאַ, אַז כאַמש וועלטען אויסצופאַרען !

און דער מלך האָט גענומען דאָס שטראַלענדיגע זאַלצמעסטעל אין די הענט, כדי בעסער צו באַטראַכטען די גרויסע קונסט, וואָס דער שלייפער האָט אויף דעם אַרויסגעוויזען. און נאָכדעם האָט ער דאָס געוויזען צו זיינע הארען. האָבען זיי דאָס אַלע באַ־טראַכט און האָבען געשטוינט פון דער רייכקייט פון דעם דימענט און פון דער גרויסער הכמה, וואָס דער שלייפער האָט אין דעם אַריינגעלייגט. און דער בייזער מיניסטער האָט זיך אָנגערופען :

— ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען אַזאַ כלי געפינט זיך אין די אוצרות פון אונזער מלך. דאָס איז דאָך אַליין אַן אוצר.

האָט זיך אָבער דער פּראַגער רב גלייך אויפגעהויבען און געזאָגט :

— איך בעט אייך זעהר, עסט און טרינקט און לאָזט זיך וואוילגעהן. איר קאָנט זיך באַנוצען מיט אַלץ וואָס איר זעהט דאָ, נעמען אָבער פון דאַנען קאָנט איר ניט קיין זאַך...

נאָכדעם האָט מען זיי דערלאַנגט די בעסטע מאכלים, און פון די טייערסטע וויינען. האָבען זיי געגעסען און געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגעהן וויפיל זייער הארץ האָט געגלוסט.

נאָך דער סעודה האָט זיי דער פּראַגער רב אַרויסגעפירט אין גאָרטען, האָבען זיי זיך ווידער געחרוש'ט ! — וואָרים דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרער גאָרטען, איבער וועלכען עס האָבען זיך געשניטען אַ סך וועגען און וועגלאַך צווישען וואונדערליכע בוימער און בלומען, וואָס זענען געווען פון אַזוינע געשטאַלטען און פאַרבען, וואָס קיינער פון זיי האָט נאָך אַזוינע אין זיין לעבענס־טאָג ניט געזעהן, און פאַרשידענערליי טייכלאַך האָבען זיך געשלענ־געלט אין דעם גאָרטען. די טייכלעך זענען געווען געפּלאַסטערט מיט קאָרע'ען און פּערלשטיינער. און אין די טייכלעך זענען

אומגעשוואומען אַזוינע וואונדערבאַרע פיש, און אויף די בוימע־ נען געוואַקסען אַזוינע מינים פּרוכטען, וואָס זענען גאַרניט גע־ מאַכט אין דער גאַנצער פּראַגער מדינה, און ניט אין קיינער פון די גאַנצע מדינות. דאָס אַלץ איז געקומען פון אַזאַ לאַנד, וואו קיי־ נער פון די היגע מענשען האָט נאָך ביז איצט זיין פוס ניט גע־ טראָטען.

און אַזוי האָט דער מלך מיט זיינע הארען פאַרבראַכט דעם גאַנצען אָוונט פון דעם באַל אין גרויס פאַרגעניגען, און זיי האָבען זיך די גאַנצע צייט געפיהלט ווי אויף אַ גרויסען קעניגליכען באַל.

נאָכדעם אָבער ווי זיי האָבען זיך געזעגענט מיט דעם פּראַגער רב, האָט געטראָפען אַזאַ מעשה:

אַלע האָבען זיך געזעגענט און זענען אַרויס פון דער טיר און זענען אַוועקגעגאַנגען. ווען אָבער דער בייזער מיניסטער האָט זיך געזעגענט און האָט געוואָלט אַרויסגעהן, האָט ער ניט גע־ קאָנט. ווי נאָר ער איז געקומען צו דער טיר, האָט דאָס אים אַזוי ווי געוואָרפען צוריק... און ער איז נאָכדעם געבליבען שטעהן פון דערווייטענס און האָט זיך ניט געקאָנט רירען פון אָרט.

אַז די מיניסטאָרען האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי גענומען טראַכטען, אַז דאָס רעכענט זיך מן הסתם דער פּראַגער רב אַזוי אָפּ מיט אים, דערפאַר וואָס ער איז זיינער אַ שונא, האָבען זיי דאָס געמאָלדען צום מלך. האָט זיך דער מלך געוועגט צום פּראַ־ גער רב, אַז ער זאָל אים מוחל זיין. האָט דער פּראַגער רב זיך אָנגערופען צום מלך:

— אדוני מלך! איך בין דאָ גאַרניט שולדיג. מן הסתם האָט ער אין זיינע קליידער באַהאַלטען אַ כלי וואָס באַלאַנגט צום פּאַלאַץ, און איך האָב דאָך פריהער געוואָרענט און געזאָגט: „עסט, טרינקט און לאָזט זיך וואוילגעהן, אָבער נעמען פון דאַנען קאָנט איר ניט קיין זאַך".

האָט זיך דער בייזער מיניסטער אודאי געמוזט מודה זיין,

אַז ער האָט ניט געקאָנט ווידערשטעהן זיין גלוסטיגקייט צו דעם שעהנעם זאַלצמעסטעל. און ער האָט דאָס מיט גרוים חרפה גע־מוזט ארויסנעמען פון זיינע קליידער און איבערגעבען צום פּראַ־גער רב. און ווי נאָר דער בייזער מיניסטער האָט אַוועקגעגעבען דאָס שעהנע זאַלצמעסטעל, אַזוי האָט ער שוין געקאָנט ארויס פון דער טיר. איז ער ארויס און אנטלאָפען.

און אַז דער קעניג האָט ווידער דערזעהן דאָס שעהנע זאַלצ־מעסטעל, האָט ער עס ווידער גענומען אין זיינע הענט און האָט דאָס ווידער גענומען באַטראַכטען, ווארים עס איז דאָך געווען אַזאַ גרויסער אַנטיק. דערביי אָבער איז דעם מלך איינגעפאַלען, אַז ווען ער וואָלט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך די דאָזיגע כלי, וואָלט ער דורכדעם געקאָנט געוואָר ווערען אַלץ וועגען דעם דאָזיגען פּאַלאַץ... האָט ער זיך אָנגערופען צום פּראַגער רב:

— אפשר איז געמאָלט, אַז דו זאָלסט דאָס מיר פאַרקויפען? איך וועל דיר פאַר דעם געבען וויפיל דו ווילסט.

האָט זיך דער פּראַגער רב אָנגערופען צום מלך:

— אדוני מלך, איך קאָן דאָס דיר ניט פאַרקויפען, ווארים עס איז ניט מיינס. איך האָב דאָס אנטליהען. דו קאָנסט דאָס אָבער נעמען, ביז מען וועט דאָס מאָנען.

האָט זיך דער מלך זעהר געפרעהט מיט דעם, וואָס ער וועט דערווייל ביי זיך קאָנען האָבען די דאָזיגע וואונדערבאַרע כלי, ווארים וואָס מער ער האָט אויף איר געקוקט, אַלץ מער האָט ער געזעהן, אַז דאָס זאַלצמעסטעל איז די ארבייט פון אַ זעהר גרויסען מייסטער, און אַלץ מער האָט ער געפיהלט אַז דורך דעם וועט ער אויסגעפינען דעם סוד פון דעם פּאַלאַץ.

האָט דער מלך מיטגענומען דאָס זאַלצמעסטעל מיט זיך, האָט זיך זעהר שיין געזעגנט מיט'ן פּראַגער רב. און האָט אינ־אַינעם מיט אַלע זיינע הארען פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ.

יט.

און ווי נאָר דער פּראַגער רב איז געבליבען אַליין אַזוי איז ער גלייך אוועק דורכן פּאַלאַץ, און ער איז צוגעקומען צו איינעם פון די אָפּגעלייִדיגטע חדרים און האָט דאָרט אויפגעעפענט די טיר און האָט זיך אָנגערופען:

— שטעה אויף בערעל פּראַגער. עס איז שוין דער סוף פון די דרייסיג טעג...

האָט דער פאַרשלאָפענער און פאַר'חלוש'טער בערעל פּראַגער גלייך געעפענט זיינע אויגען און מיט פאַרטריקענטע ליפען גע־נומען צעשראָקען רעדען:

— רבי, רבי, רבי!!

און ער האָט זיך געפּרואווט אויפהויבען און ניט געקאָנט.

איז דער רב צו אים צוגעגאַנגען און אים אָנגענומען ביי דער האַנט, האָט בערעל זיך גענומען פיהלען שטאַרקער און האָט זיך אויפגעהויבען.

האָט דער רב צו אים נאָכדעם געזאָגט:

— לייג אריין דיין האַנט אין מיין גאַרטעל.

האָט בערעל אַזוי געטאָן.

האָט דער פּראַגער רב גענומען געהן און בערעל פּראַגער האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן זיין גאַרטעל און איז אים נאָכגעגאַנגען. און ווען זיי זענען אַזוי ארויס פון דעם פּאַלאַץ האָט בערעל דערזעהן, אַז דער שטערענרינג, וואָס דאָס שוואַרצע פערד האָט איבערגע־

לאַזט, הענגט נאָך ביז איצט אַרום דעם פּאַלאַץ. און ווי נאָר דער פּראַגער רב האָט אַריבערגעפירט דעם אָפּגעשוואַכטען בערלען אויף דער אַנדערער זייט פון דעם שטערענרינג, אַזוי האָט בערעל פּראַגער כּאַר זיך גלייך דערזעהן די שטאָט פּראַג.

דאָס הארץ האָט זיך גענומען פּלאַטערדיג וואַרעמען אין בערלען:

רבי, דאָס איז דאָך פּראַג! מיר זענען דאָך נאָר טאַקע לעבען פּראַג. רבי, רבי!

— לאָז ניט אָפּ דעם גאַרטעל, בערעל. לאָז ניט אָפּ. — האָט דער רב אים מיטאַמאָל גענומען וואָרענען.

האָט בערעל מיט דער האַנט פעסטער אָנגענומען דעם גאַרטעל און האָט גלייך דערוויף דערפיהלט, אַז עפּעס האָט זיך מיטאַמאָל זעהר ראַש אויפגעהויבען און ער קוקט זיך אום און דערזעהט, אַז דער גאַנצער פּאַלאַץ מיט דעם שטערענרינג האָט זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען און האָט זיך גענומען פליהען און טראָגען און שווינדען הויך און ווייט.

— רבי, דער פּאַלאַץ, רבי! — האָט בערעל כמעט ווי אויס־געשריען. דער פּראַגער רב האָט אים דערויף גאַרניט געענטפערט, ער איז זיך געגאַנגען און בערעל האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן זיין גאַרטעל און איז אים נאָכגעגאַנגען.

ווען זיי זענען צוגעקומען צו די טויערען פון פּראַג האָט שוין גענומען ברעכען אויף טאָג. האָט זיך דער פּראַגער רב אויס־געדרעהט צום ברעג הימעל, וואָס האָט זיך גענומען רויטלען איבער די פעלדער און האָט מיט זיין שטעקען אַ ווייז געטאָן אָן אַ זייט און געזאָגט:

— זע נאָר, בערעל, קוק זיך איין. דו דערקאָנסט?

און ווי נאָר בערעל הויבט אויף זיינע אויגען אַזוי דערזעהט ער, — דער גאַנצער הימעל דערנעהענטערט זיך צו זיי, און דער

גאַנצער שבת־שלאָס, מיט אַלע זיינע וואונדערליכע פּאַלאַצען, מיט אַלע זיינע גערטנער און בוימער און טייכען מיט אַלע זיינע קוויי־טען, מיט אַלע זיינע פינקלענדיגע טורעמס און זיילען און שפּיצען שטעהט פאַר אים אין דעם ליכטיגען, נאָר וואָס אויפגעהענדיגען מאָרגענליכט.

— רבי — האָט זיך בערעל אַנגערופען א פאַרוואונדערטער — רבי, איך קוק, איך זעה, איך דערקאָן. דאָס איז דאָך דער וואונ־דערליכער שבת־שלאָס.

און גלייך דערויף האָט זיך לעבען איין זייט פון דעם שבת־שלאָס, דאָרט וואו דער הימעל איז נאָך געלעגען אין נאַכט, באַוויזען א לבנה־שלאָס מיט לבנה־פּאַלאַצען און לבנה־גערטנער, און צו דער צווייטער זייט פון דעם שבת־שלאָס זענען אויפגעשטאַנען קריסטאַלענע פּאַלאַצען פון דעם לאַנד פון ריינקייט, און זיי האָבען שטיל געשימערירט און געגליהט אין דער נאַכט און אין דעם מאָר־גען אינאיינעם מיט די ליכטיגע שבת פּאַלאַצען און האָבען אזוי ווי גערופען און געצויגען בערלען צו זיך, און האָבען אים באַרוהיגט, און האָבען געמאַכט גרינגער זיין געמיט און ליכטיגער זיין אויג.

— זיי וויסען — האָט זיך דער פּראַגער רב אָנגערופען צו בערעל פּראַגער — אַז דער סם וואָס דאָס שוואַרצע פערד פון דעם עקדיש, דעם מזל פון חודש, האָט אַריינגעלאָזט אין דעם מיגדסטען פינגער פון דעם גייסט פון דעם שטערען שבתאי, וועט אים עסען און ברענען ביז אין דעם סוף פו די טעג, און ווען ער וועט איינגאַנ־צען פאַר׳סמ׳ט ווערען, וועט אויף דער וועלט דעמאָלט קומען דער טאָג פון שטענדיגען שבת. און דאָס אַלץ וואָס דו זעהסט איצט פאַר דיינע אויגען איז דיינס. דו, בערעל פּראַגער, מיט דיין ריינעם אידישען הארץ, מיט דיין ריינעם אידישען גלויבען, מיט דיינע אידישע טואונגען האָסטו דאָס פאַר זיך אַליין אַלץ אויפגעבויט. און דאָס וועט פאַרבלייבען דיינס פון אייביג ביז אייביג, און אַלץ

וואָס דו האָסט געזעהן אינעווייניג אין דעם שבת־שלאָס איז אָנ־געגרייט פאַר דיר. אפילו דער ליכטיגער גרייז. ער איז דיין די־נער. און נאָך אַ סך גרויסע און ליכטיגע וואונדער זענען פאַר דיר אָנגעגרייט אין די לבנה־פּאַלאַצען און די פּאַ־לאַצען פון ריינקייט, וואָס וואַרטען אויף דיר. זיי גרייט, בערעל.

און בערעל האָט דערפיהלט, אַז ער ווערט אַלץ לייכטער און ליכטיגער און ער האָט זיך אָנגערופען:

— איך בין גרייט רבי, איך בין גרייט.

— איידער דער טאָג וועט פאַרגעהן וועסטו שוין זיין דאָר־טען, בערעל.

— איך בין גרייט רבי, איך בין גרייט. — האָט בערעל פּראַ־גער געענטפערט ניט אָראָפּנעמענדיג די אויגען פון די פּאַלאַצען.

און בערעל פּראַגער איז נאָכדעם געקומען אַהיים און האָט צונויפגערופען זיין ווייב און זיינע קינדער, און האָט זיך מיט זיי געזעגענט, און האָט זיי געבענשט, און דער פּראַגער רב איז נאָכדעם געקומען מיט אַן עדה אידען און האָט מיט אים אָפּגעזאָגט ודוי. און האָט ביי אים נאָכדעם צוגענומען פון די הענט דעם קאַנטשיק. האָט זיך בערעל נאָכדעם גלייך אויסגעצויגען אין בעט. און ווען דער אָוועגט איז געקומען איז ער שוין געווען צווישען זיינע פּאַלאַ־צען און ער איז שוין געווען איינגעזאַמעלט מיט זיין פאָלק.

כ.

און אין עטליכע וואכען שפעטער האבען די גאזעטען צו־טראגען איבער דער גאנצער וועלט, אז א מלך פון אזא און אזא א לאנד האט צוגעגרייט א גרויסען באל פאר מלכים פון אנדערע לענדער. פלוצלינג אבער האט געטראפען, אז פונקט אין דעם טאג פון דעם באל איז דער פאלאץ מיט'ן הויף, מיט די קנעכט און מיט אלץ וואס איז געווען פארגרייט פאר דעם גרויסען באל פארפאלען געווארען און מען ווייסט נאך ביז איצט ניט וואו ער איז געווען. אין עטליכע טעג ארום איז דער פאלאץ מיט'ן טייערען גארטען, מיט די קנעכט מיט די כלים צוריק געקומען. נאר אהן די שפייזען און געטראנקען און אהן איינעם א ווילד פרעמדען, וואס איז אפגעלעגען אין אן אפגעלייגטען צימער פון דעם פאלאץ דרייסיג טעג אין הינערפלעם. די דינער דערצעהלען, אז דער דאזיגער ווילד פרעמדער מענש האט זיך פונקט דרייסיג טעג פאר דעם באל פון ערגעץ פלוצלינג אנגעטראגען אויף א צווי־בערליך פערד. דאס צויבערליכע פערד איז מיט אמאל ניט ווייט פון דעם פאלאץ געווארען ווילד און האט פון זיך אראפגעווארפען דעם רייטער און האט זיך נאכדעם ווי א בליץ א טראג געטאן ארום דעם פאלאץ און איז פארשוואונדען, איבערלאזענדיג נאך זיך א פינקלענדיגען רינג ארום דעם פאלאץ. די דינער האבען דעם פרעמ־דען רייטער ארייננגעבראכט אין פאלאץ. און האבען אים גענומען מינטערען. ווען זיי האבען אים דערמינטערט, האט ער גענומען רע־

רען א זעהר ניט פארשטענדליכען לשון און איז נאכדעם גלייך אריינגעפאלען אין א הינערפלעט און איז שוין נאכדעם אזוי אפגע־שלאפען די גאנצע צייט. און איצט ווען דער פאלאץ איז צוריקגע־קומען איז שוין דארט מער דער פרעמדער ניט געווען און אויך דער פינקלענדיגער רינג איז פארשוואונדען. נאר קיין זאך טוט דעם מלך פון יענעם און יענעם לאנד ניט אזוי באנג ווי דאס, וואס א זאלצמעססטעל, געשניטען פון איין דימענט, איז פארפאלען געווא־רען. ווארים די סמנים און די קווייטען אויף דעם זאלצמעססטעל זענען פארטראכט געווארען מיט גרויס חכמה, און דער וואס האט דאס געשליפען איז דער גרעסטער מייסטער אין דער וועלט. און דאס זאלצמעססטעל איז דעריבער אזא טייערע כלי, וואס קאן גאר אין דער וועלט ניט געמאלט זיין.

און אז די דאזיגע נייעס איז אנגעקומען צום פראגער מלך, האט ער דאס גלייך געלאזט וויסען דעם פראגער רב.

האט אים דער פראגער רב דערקלערט, אז דער פרעמדער, דאס איז געווען בערעל פראגער, א איד א תמים, וואס איז געווען אויף א זעהר וויכטיגע שליחות, און עס האט מיט אים א גרויס אומגליק געטראפען, פונקט אין דער מינוט וואס דו, גרויסער מלך, האסט צו מיר גענומען רעדען וועגען באל. האב איך שוין פאר איין וועג אי א פאלאץ פאר'ן באל אויפגעזוכט, אי דעם אידען געראטעוועט. און דאס זאלצמעססטעל דארפסטו, גרויסער מלך, אודאי אפשיקען צוריק.

האט דער מלך אזוי געטאן, און ער האט אינאיינעם מיט דער זאלצמעססטעל אויך מיטגעשיקט א בריף צו יענעם מלך. און אין דעם בריף האט ער אים געשריבען די גאנ־צע מעשה, ווי אזוי זיין בעל יועץ, דער גרויסער חכם, דער פראגער רב, דער גור אריה, וואס איז א איד און א גרויסער צדיק, האט דאס איבערגעטראגען דעם גאנצען פאלאץ צוליב דעם באל, וואס ער האט צוגעזאגט צו מאכען פאר אים און פאר זיינע הויפהארען.

און ווי אזוי ער האט שוין אינאיינעם געראטעוועט א פראגער אידען, וואס איז געווען אויף א גרוים שליחות. און ווי אזוי ער האט זיי טאקע געזאגט ביי דעם באל, אז מען זאל פון דעם פאלאץ ניט נעמען קיין שום כלי, ווארים עס איז ניט זיינס. ער האט דאס אנטליהען און ער דארף דאס צוריק אומקערען. נאר אזוי ווי איך, דער מלך פון פראג, האב פארט געוואלט וויסען, ווער איז דאס דער, וואס פארמאגט אזא רייכען און שעהנעם פאלאץ, האב איך אומיסטען פאר זיך אנטליהען דעם גרויסען אנטיק, דאס וואונדערבארע זאלצמעסטעל, ווארים איך בין געווען זיכער, אז דער וואס האט איינמאל געהאט אזא טייערע כלי וועט זי נאכדעם זיכער ארומזוכען איבער דער גאנצער וועלט, ביז ער וועט זי געפינען. און איצטער, אז איך וויים שוין ווער דאס איז, שיק איך דיר צוריק דיין וואונדערבאר זאלצמעסטעל. — אודאי מוזטו דארט האבען א זעהר גרויסען מייסטער אין דיין לאנד, אז ער האט פאר דיר געקאנט אויסשניידען אזא וואונדערליכע כלי ווי די דאזיגע, אבער נאך פיעל גרעסער זענען די וואונדער וואס מיין בעל יועץ, דער איד, דער גור אריה, וואס איז דער רב פון מיין קעניג שטאט פראג, קאן באווייזען.

און דער פראגער רב איז נאכדעם ביי דעם מלך פון פראג געווארען נאך פיעל חשוב'ער, ווי פריהער.

JUN 6 1983
CITY OF TORONTO